STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09612

ESEYEN UN PROFILN

Baruch Tsukerman

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ברוך צוקערמאַן

*

עסייען און פּראָפילן

פאַרלאַג
י.ל. פּרץ
ישראל

תשכ״ח — 1967

אַלע מיינע מיטאַרבעטער אין סוכנות אין ניו־יאָרק —
פאַר זייער הילף אין מיין עליה קיין ישראל.

ד ע ר מ ח ב ר

עסייען און פּראָפילן

ברוך צוקערמאַן

BARUCH ZUCKERMAN
ESSAYS and PROFILES

ברוך צוקערמאַן / עסייען און פּראָפילן

©

פאַרלאַג י.ל. פּרץ, תל־אביב, אלנבי 31

I.L. Peretz Publishing House
31, Allenby St., Tel-Aviv

✶

דפוס לינור־טור, רח׳ יסוד המעלה 39, תל־אביב

עסייען

אַריינפיר צו דער אָפּטיילונג „עסייען"

א. דאָס דאָזיקע בוך שטעלט מיט זיך פאָר אַ גאַנצע באַזונדערע אַרבעט, וואָס באַשטייט פון עסייען און שילדערונגען פון איבער 40 פּערזענלעכקייטן. גלייכצייטיק איז דאָס דאָזיקע בוך אויך אַ המשך צו מיינע פריערדיקע 4 ביכער: צום בוך „אויפן וועג", וואָס איז דערשינען אין 1956 און צו די 3 בענד „זכרונות", וואָס דער ערשטער באַנד איז דערשינען אין 1962, דער צווייטער אין 1963 און דער דריטער אין 1966. אויך דאָס ערשטע בוך „אויפן וועג" קען באַטראַכט ווערן ווי אַ זכרונות־בוך. ער באַשטייט פון עסייען, וועלכע איך האָב געהאַלטן פאַר וויכטיק גענוג אַריינצונעמען זיי אין אַ בוך און אויך פון פּערזענלעכע איבערלעבונגען. אין אים ווערט, צום ביישפּיל, דערציילט וועגן איינער פון מיינע שאַרפסטע און ווייטיקדיקסטע איבערלעבונגען. איך האָב אין זינען די פּינסקער שחיטה פון 1919, וועגן וועלכער איך דערצייל אין דעם ספּעציעלן קאַפּיטל „40 יאָר דזשאָינט".
אויך דאָס נייע בוך וואָס איך גיב איצטער איבער דעם לייענער, איז כמעט פון דער זעלביקער קאַטעגאָריע. עס באַשטייט פון עטלעכע עסייען, וואָס זיינען פאַרצייכנט אינעם „אינהאַלט", און בעיקר באַשרייבונגען פון יידישע פּערזענלעכקייטן, וועלכע איך האָב באַגעגנט אין מיין לעבן און בין פון זיי באַאיינפלוסט געוואָרן.

צו אָט די 5 ביכער האַלט איך עס פאַר מיין חוב צו זיך אַליין, צו דערמאָנען אויך דעם גאָר גרויסן אין קוואַנטיטעט בוך „פּיפּלס רעליף אין אַמעריקע", וואָס איך האָב אָנגעשריבן און אָפּגעדרוקט אין יאָר 1924. איך האַלט אָט דעם ספר וויכטיק ניט נאָר צוליב זיין קוואַנטיטעט. איך האַלט אים אויך וויכטיק לויט זיין קוואַליטעט, ווייל אין אים ווערט דורך דאָקומענטן פאַרצייכנט איינע פון די וויכטיקסטע פּרשיות פון צפון־אַמעריקאַנער יידנטום, די פּרשה, ווען דאָס צפון־אַמעריקאַנער יידנטום איז צום ערשטן מאָל אַרויפגעטראָטן אויף דער יידישער וועלט־בינע, ווי איינער פון די שטאַרקסטע כוחות פון יידישן פאָלק אין דעם לעצטן איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט. ליידער איז דאָס דאָזיקע בוך אַ יקר המציאות. איך ווייס נאָר פון צוויי עקזעמפּלאַרן, וועלכע געפינען זיך ביי מיר. אַלע פּרוּוון אַרויסצוגעבן אַ נייע אויפלאַגע פון אָט דעם בוך זיינען מיר ניט געלונגען.

ב. איך בין געשטאַנען פאַר דער דילעמע צי זאָל איך אין אָט דעם נייעם בוך אַריינגעבן אַלץ, וואָס איך האָב געשריבן אין די לעצטע יאָרן וועגן צוויי ענינים, וועלכע האָבן מיך אַזוי שטאַרק פאַראינטערעסירט — ערשטנס, וועגן די פּרוּוון צו פאַראייניקן די סאָציאַליסטיש־ציוניסטישע פּאַרטייען אין מדינת ישראל; צווייטנס, וועגן דעם „אויפרייס" אין מפא"י אין די לעצטע 5 יאָר. וואָלט איך ביידע אַריינגעגעבן אין דעם פאָרליגנדיקן בוך, וואָלט שוין קיין פּלאַץ ניט געווען פאַר דער אָפּטיילונג „פּראָפילן". איך האָב באַשלאָסן צו געבן דעם פאָרצוג די „פּראָפילן". די סיבה איז אַ פּשוטע: סיי די פאַראייניקונג־פּרוּוון, סיי דער „אויפרייס" אין מפא"י

זיינען נאָך ווייט ניט קיין פאַרענדיקטע פּאַסירונגען. ביי מיין גאַנצן פּאָזיטיוון אָפּשאַצן דעם „מערך‟, זע איך נאָך אין אים ניט אַפילו די קלאָרע קאָנטורן פון פאַראייניקונג. איצטער, אָנהויב 1967, קען קיינער ניט פאָרויסזאָגן, ווי זיין ווייטערדיקע אַנטוויקלונג וועט זיך געשטאַלטן. וואָס איז שייך דעם „אויפרייס‟, גיסט זיך נאָך זיין לאַווע מיטן קאָכעדיקסטן ברען און האַלט נאָך אַלץ אין צוטראָגן דעם גיפט פון שפּאַלטונג און צעטיילונג. ווער קען וויסן, צי מיר וועט נאָך באַשערט זיין צו זען דעם סוף פון אָט די געשעענישן. מוז איך דעריבער אַלץ, וואָס איך האָב געשריבן וועגן דעם, איבערלאָזן אין מיין אַרכיוו. אפשר וועט זיך אַ מאָל געפינען עמעצער, וואָס וועט עס באַטראַכטן פאַר וויכטיק זיי צו פאַרעפנטלעכן. אויב אַזאַ וועט זיך געפינען, גיב איך אים, אָדער איר, אין פאָרויס, מיין האַרציקן יישר־כוח. דער זעלביקער יישר־כוח גייט אויך צו יענער פערזאָן — אויב אַזאַ וועט זיך ווען עס איז געפינען — וואָס וועט אַרויסגעבן אַ נייע אויפלאַגע פון בוך „פּיפּלס־רעליף‟, אָדער — וואָס עס וואָלט געווען נאָך וויכטיקער! — אים איבערזעצן אין עברית.

וואָס איך האָב יאָ אַריינגעגעבן אין אָט דעם בוך, איז פאַרצייכנט אין די „אינהאַלטן‟ סיי צום ערשטן טייל סיי צום צווייטן טייל.

ג. ענדיקנדיק צוגרייטן דאָס נייע בוך דערמאָן איך זיך ווידער אָן דער פראַגע, וואָס חבר ד״ר חיים זשיטלאָווסקי זכרונו לברכה האָט געפרעגט וועגן מיר אין יאָר 1910 (וואָס איך האָב ציטירט אין מיין אַריינפיר צום ערשטן באַנד זכרונות, זייטן 13 און 14): צי שטעלט ניט מיין עקסטרעמער ציוניזם אין געפאַר מיינע נאַציאָנאַלע אַרבעטן אין גלות? איך רעכן, אַז דעם ענטפער צו דער פראַגע וועט אַמבעסטן געגעבן ווערן, ווען איך וועל לאָזן ריידן אַ צייט־עדות פון אַלע אַרבעטן פון אונדזער באַוועגונג במשך די לעצטע איבער 60 יאָר — איך האָב אין זינען דעם דעקאַן פון יידישן זשורנאַליזם אין צפון־אַמעריקע, דעם חבר ד״ר שמואל מאַרגאָשעס יחיה. ער האָט די ציטאַטע, מיט וועלכע איך ענדיק מיין אַריינפיר, געשריבן צו די שלושים פון דער פּטירה פון אונדזער חבר מאיר בראַון זכרונו לברכה. אין אָט די געציילטע שורות ליגט, נאָך מיין מיינונג, אַ וויכטיקער תמצית פון דער אַרבעט פון אונדזער באַוועגונג, איינשליסנדיק אויך מיין טייל אין איר. אין איר ווערן אויך אונטערגעשטראָכן אונדזערע נאַציאָנאַלע אַרבעטן אין גלות. ד״ר שמואל מאַרגאָשעס שרייבט („קעמפער‟ 3־טן דעצעמבער 1965):

„דער יידישער קיבוץ אין אַמעריקע, דערפילנדיק דעם אימפּולס פון דער גרויסער יידישער מאַסן־איינוואַנדערונג פון מזרח־אייראָפּע, איז געווען אַ שלאַכטפעלד פאַר גרויסע אידעען. פון איין זייט האָט זיך געפירט די מלחמה פון יידן קעגן די „יאַהודים‟ און, פון אַנדערער זייט, פון יידישע יידן קעגן יידישע קאָסמאָפּאָליטן. אין אַוואַנגאַרד איז געשטאַנען אַ הייפל אַריבערגעקומענע ציוניסטן־סאָציאַליסטן, וואָס האָבן געפירט די מלחמה אויף ביידע פראָנטן — אי קעגן די „יאַהודימשע‟ מאַגנאַטן, אי קעגן די פּראָלעטאַרישע קאָסמאָפּאָליטן.

„איך געדענק ווען ס׳איז געגרינדעט געוואָרן די פּועלי־ציון פּאַרטיי אין אַמעריקע. איך בין דאַן געווען דער סעקרעטאַר פון גאַליצישן צווייג פון

פּועלי־ציון אין ניו־יאָרק. מאיר בראָון איז געווען אין דער נאַציאָנאַלער פּירערשאַפט. ער האָט געהערט צו דער שיינענדיקער פּלעיאַדע, וועלכער עס איז באַשערט געווען צו מאַכן יידישע געשיכטע אין אַמעריקע.

„לצים אין די ליטעראַרישע קאַפּעען פּלעגן זיך וויצלען, אַז די פּועלי־ציון־פּאַרטיי אין אַמעריקע דערמאָנט אָן אַ ריזיקן גענעראַל־שטאַב, אָבער אָן אַן אַרמיי. כ׳ווייס ניט וועגן דער אַרמיי. מסתמא זיינען שטיקער באַטאַליאָנען געווען צעוואָרפן ערגעץ איבער די שטעט און שטעטלעך פון דעם ריזיקן אַמעריקאַנער קאָנטינענט, אָבער דער גענעראַל־שטאַב האָט זיכער אַנטהאַלטן אין זיך די גרעסטע נעמען אויף דער יידישער גאַס. אַ קליינינקייט: נחמן סירקין, חיים זשיטלאָווסקי, יהואש, יצחק אייזיק הורוויטש, ברוך צוקערמאַן, דוד פּינסקי, יוסף שלאָסבערג, גרשון אַוורונין און שפּעטער — חיים גרינבערג.

„ווו נאָר אַ יידישע בויט, אַ יידישער פּראָבלעם, אַ יידישע מאַסן־פּאָדערונג — האָבן זיי צוגלייגט אַ האַנט. די רעדער און אפשר דער וואָגן פון יידישן לעבן אין אַמעריקע, האָבן פּאַרמאָגט אַנדערע — די מענטשן פון די גרעסערע אָרגאַניזאַציעס. אָבער דער מ אָ ט אָ ר, דעם באַוועג־אַפּאַראַט, האָבן מיט זיך פּאַרגעשטעלט די מענטשן פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג.

„מיט דער צייט האָבן זיי מיטגעצויגן מיט זיך די יידישע מאַסן פון אַמעריקע. זיי האָבן געשאַפן דעם אַמעריקאַנער יידישן קאָנגרעס, צוזאַמען מיט דער יידישער דעלעגאַציע צו דער ווערסאַלער שלום־קאָנפערענץ, וואָס האָט אַרויסגערוקט די פּאָדערונג פּאַר מינדערהייטס־רעכט פאַר יידן אין די לענדער פון מזרח־אייראָפּע. זיי האָבן געבויט די ערשטע מאָדערנע יידישע שולן אין אַמעריקע, די אַזוי־גערופענע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן. זיי האָבן געגרינדעט דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פּאַרבאַנד, דעם ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן אָרדן. זיי האָבן געהאָלפן גרינדן די געווערקשאַפטן, ווי אַ העלפנדיקער אָרעם פון דער הסתדרות אין אָרץ־ישראל. זיי האָבן משפיע געווען אויף דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע אין דער ריכטונג פון אהבת ישראל און ארץ־ישראל. זיי זיינען געווען טעטיק אין די היסטאָרישע אַנטי־היטלער־דעמאָנסטראַציעס אין אַמעריקע און אין דער אָרגאַניזירן אַרבעט פון אַנטי־נאַצישן באָיקאָט אין די פּאַראייניקטע שטאַטן. זיי זיינען געשטאַנען אין פּאָדערגרונט פון דער באַוועגונג פאַר דער אַמעריקאַנער יידישער קאָנפערענץ, וואָס האָט אַרויסגערוקט די פּאָדערונג פאַר אַ יידישער מדינה אין נאָמען פון גאַנצן אַמעריקאַנער יידנטום. זיי האָבן צוגעשטעלט די ערשטע אַמעריקאַנער חלוצים צו די קיבוצים, וואָס האָבן געלייגט דעם יסוד פאַר אַ זעלבשטענדיקער מדינת ישראל״.

נאָך דער עטאַבּילירונג פון דער מדינה

גלייך נאָך דעם ווי די מדינה איז פּראָקלאַמירט געוואָרן, האָט די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג אין צפון־אַמעריקע אָנגעהויבן אירע צוגרייטונגען זיך צוצופּאַסן צו דער געשאַפענער לאַגע, וועלכע האָט זיכער געעפנט אַ נייע עפּאָכע אין דער יידישער געשיכטע. דער פּראָצעס פון צופּאַסונג האָט זיך געצויגן עטלעכע יאָר. ער האָט זיך אַפילו נאָך איצטער, ווען איך שרייב אָט די שורות, אָנהויב 1967, אויך ניט פאַרענדיקט. אָבער די וויכטיקסטע צוגרייטונגען זיינען געמאַכט געוואָרן אין די ערשטע דריי יאָר.

מיין פּערזענלעכער ביישטייער צו אָט די צוגרייטונגען האָט זיך אויסגעדריקט, קודם כל, אין אַ ריי פאַרעפנטלעכטע אַרבעטן. די וויכטיקסטע פון זיי זיינען:

א. אַן אַרטיקל „חמישה באייר תש״ח", וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „קעמפער" פון 21סטן מאַי 1948, גלייך נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון דער מדינה. די דאָזיקע אַרבעט איז אויך אַריין אינעם לעצטן קאַפּיטל פון דריטן באַנד „זכרונות".

ב. אַ לענגערער איבערבליק וועגן אַ באַוועגונג־קאָנפערענץ, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אָנהייב יוני 1948 און איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „קעמפער" פון 18טן יוני 1948. מיט אָט דעם איבערבליק עפן איך טאַקע דעם איצטיקן נייעם בוך.

ג. די דערעפענונגס־רעדע ביים נאַציאָנאַלן כינוס פאַרן אַרבעטנדיקן ישראל, וואָס אונדזער באַוועגונג האָט צוזאַמענגערופן, און וואָס איז פאָרגעקומען דעם 20סטן יוני 1949, אַ יאָר נאָך הקמת המדינה. ביי יענעם כינוס זיינען געווען פאַרזאַמלט די העכסטע אינטעליגענץ פון אַמעריקאַנער יידנטום. געפּלאַנט האָבן מיר, אַז דער דאָזיקער כינוס זאָל בלייבן אַ פּערמאַנענטע קערפּערשאַפט, וואָס זאָל זיין פריי צו טראַכטן, פריי צו ריידן און פריי אויסצודריקן וואָס ער וויל און ווי ער וויל, סיי וועגן מדינת ישראל, סיי וועגן עם ישראל בתפוצות, און סיי וועגן זיך אַליין, וועגן זיין אייגענער ווייטערדיקער עקזיסטענץ און וועגן די אויפגאַבן וואָס ער דאַרף זיך שטעלן. ליידער האָט ניט דער כינוס אַליין, ניט אונדזער באַוועגונג, פאַרמאַגט די מיטלען וואָס זאָלן האָבן דערמעגלעכט זיין פּערמאַנענטער עקזיסטענץ. זיין עקזעקוטיווע איז זיך עטלעכע מאָל צוזאַמענגעקומען, באַהאַנדלט פאַרשיידענע פראַגן; אָבער סוף סוף האָט ער געמוזט אָפּשטעלן זיין אַרבעט. מיין דערעפענונגס־רעדע ביי יענעם כינוס איז פאַרעפנטלעכט אין מיין בוך „אויפן וועג" (ניו־יאָרק 1956) זייט 225 און ווייטער.

ד. „דאָס פּראָבלעם ישראל בעמים אין דער נייער תקופה" — פאַרעפנטלעכט אינעם זשורנאַל „צוקונפט" פון יאַנואַר 1950, אַריינגענומען אויך אין בוך „אויפן וועג", זייט 235 און ווייטער.

ה. ציוניזם אין דער נייער תקופה, פאַרעפנטלעכט אינעם פאַריזער זשורנאַל „קיום", 1950 און אויך אינעם בוך „אויפן וועג", זייט 255 און ווייטער.

ו. „גלות און ישראל אין דער איצטיקער תקופה", פאַרעפנטלעכט אין „קעמ־פער" אין דעצעמבער 1955 און אויך אַריינגעגעבן אינעם בוך „אויפן וועג", פון זייט 272 און ווייטער.

אינעם לענגערן איבערבליק וועגן דער באַוועגונג־קאָנפערענץ, וואָס איז דער־שינען, ווי אויבן פאַרציכנט, אין „קעמפער" פון 18טן יוני 1948, האָב איך געשריבן:

לאַנגזאַם הייבט אָן אַריינדרינגען אין אונדזער באַוווסטזיין די קאָלאָסאַלע גע־שעעניש, די אויפשטעלונג פון מדינת ישראל. צוזאַמען דערמיט הייבט אָן קלאָר ווערן, אַז מיר הייבן אָן אַ נייע עפּאָכע אין דער יידישער געשיכטע; אַז אַלע שע־פעריש כחות אין יידישן לעבן דאַרפן אָנהייבן צופּאַסן זייערע אַקטיוויטעטן צו אָט דער נייער עפּאָכע. די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג, וועלכע האָט אָן ספק צוגעטראָגן אַ גרויסןביישטייער צו דער אויפשטעלונג פון מדינת ישראל, האָט תיכף דערשפּירט די נויטווענדיקייט צו באַטראַכטן די נייע לאַגע און האָט דעריבער צו־זאַמענגערופן אַ קאָנפערענץ פון אַלע אירע צענטראַלע קערפּערשאַפטן, כדי דורכ־קלערן און דורכפאָרשן צו וואָס די נייע עפּאָכע איז מחייב דער ציוניסטישער אַרבע־טער־באַוועגונג; כדי איבערצוקוקן אירע אייגענע אָרגאַניזאַציע־כלים, צי פּאַסן זיי זיך פאַר דער נייער תקופה; כדי טיף אַריינצובליקן אין אירע ביזאיצטיקע אַרבעטס־שטחים און פעסטשטעלן צי ענדערונגען דאַרפן געמאַכט ווערן, און ווי אַזוי זיי צו מאַכן.

כמעט דריי טעג זיינען געזעסן די מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, פון די עקזעקוטיוועס פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד און פּיאָנערן־פרויען אָרגאַניזאַציע, פון מרכז הבונים, צוזאַמען מיט איינגעלאַדענע חברים פון דער פּראָווינץ, און האָבן דורכגעפירט אַ טיפן אַנאַליז איבער אונדזער גאַנצן אַרבעטס־שטח. ענדגילטיקע באַשלוסן זיינען נאָך ניט אָנגענומען געוואָרן. דווקא דער טיפער אַנאַליז האָט באַוויזן, אַז מען קען נאָך קיין ענדגילטיקע מסקנות ניט אַרויסברענגען. אָבער אָן אָנהייב איז געמאַכט געוואָרן צוצוגרייטן די ציוניסטישע אַרבעטער־באַ־וועגונג פון אַמעריקע צו איר נייער ראָלע אין דער נייער תקופה פון דער יידישער געשיכטע.

*

אַנאַליזירט האָט די קאָנפערענץ פאָלגנדיקע הויפּט־פּונקטן:

ערשטנס — וואָס דאַרף די ציוניסטישע באַוועגונג בכלל און די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג בפרט, טאָן איצט, תיכף, כדי צו ראַטעווען מדינת־ישראל?

אין דעם געביט זיינען באַהאַנדלט געוואָרן סיי די פּאָליטישע, סיי די מיליטע־רישע, סיי די ווירטשאַפטלעכע פּראָבלעמען. די פראַגן פון וואָפנשטילשטאַנד זיינען באַרירט געוואָרן. עס איז קלאָר געוואָרן, אַז די פּראָוויזאָרישע רעגירונג פון מדינת ישראל וועט איינציק און אַליין דאַרפן באַשטימען וועגן וואָפנשטילשטאַנד; אַז די יידישע וועלט בכל התפוצות, בעיקר אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וועט דאַרפן אין פאַל פון וואָפנשטילשטאַנד, זיין גרייט אויסצונוצן די צייט צו העלפן מדינת ישראל דורכפירן באַדייטנדיקע בוי־אונטערנעמונגען; אַז גרויסע קאָלאָניזאַציע־פּלענער,

וואָס זיינען דערוויַיל, צוליב דער מלחמה אָפּגעלייגט געוואָרן אויף פרידלעכע צייטן, דאַרף מען איצטער תיכּף אָנהייבן רעאַליזירן; אַז צוליב דעם מוזן די געלט־זאַמלונגען אין אַמעריקע נאָך איבטענסיווער ווערן. די זומער־חדשים פון יאָר 1948 טאָרן ניט, ווי אַלע יאָר, זיין וואַקאַציע־חדשים. אונדזער אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט מוז אויף איין מאָמענט ניט אָפּגעשוואַכט ווערן דורך וואָפנשטילשטאַנד. וועט זיך דער וואָפנשטילשטאַנד ציִען לענגער ווי די 4 וואָכן, וועט מוזן דער בוי־פּראָצעס אינטענסיווער ווערן. וועט ער זיך, חלילה, ענדיקן נאָך די 4 וואָכן און די מלחמה וועט זיך פון דאָס ניי מוזן אָנהייבן, טאָר אודאי ניט אָפּגעשטעלט ווערן אונדזער אַרבעט אין אַמעריקע צו באַזאָרגן וואָס מ׳דאַרף פאַר דער ישראל־אַרמיי.

סיי אין וואָפנשטילשטאַנד, סיי אין וויַיטערדיקער מלחמה מוז אָנהאַלטן אין פולער קראַפט אונדזער פּאָליטישער געראַנגל אין אַמעריקע. עס איז קלאָר געוואָרן פון גאַנצן פּאָליטישן אַנאַליז, אַז די הויפּט־געפאַר פאַר ישראל אין צייט פון וואָפנשטילשטאַנד ליגט אין דעם פּרווו, וואָס אונדזערע שונאים וועלן מאַכן אונטערצוגראָבן מדינת ישראל. פאַראַן כוחות, וואָס ווילן זען מדינת ישראל אין גאַנצן פאַרניכטעט. פאַראַן כוחות, וואָס ווילן איר פאַרשמעלערן אין שטח, פאַרקלענערן איר סוּווערעניטעט. די ישראל־רעגירונג האָט פּראָקלאַמירט, אַז זי וועט ניט אָננעמען קיינע נייע באַגרענעצונגס־באַדינגונגען. פאַר אונדז אין אַמעריקע איז פאַראַן איין חוב: אַרומצוקלייבן זיך אַרום דער ישראל־רעגירונג און מיט אַלע כוחות העלפן דורכפירן אירע פּאָליטישע קאַמפן.

דער וויכטיקסטער שטח פאַר אונדזער פּאָליטישן געראַנגל וועט אין די קומענדיקע וואָכן און חדשים זיין: וואַשינגטאָן. דאָרטן ראַנגלען זיך צוויי קעגנזעצלעכע איינשטעלונגען: די איינשטעלונג פון פּרעזידענט טרומאַן מיט זיינע ראַטגעבער, וואָס האָט געפירט צו דער שנעלער אָנערקענונג פון ישראל מצד דער אַמעריקאַנער רעגירונג, און די איינשטעלונג פון די מיליטערישע פירער צוזאַמען מיט אַ באַדייטנדיקן טייל פון סטייט־דעפּאַרטמענט, וואָס פאָלגן נאָך אַ פּראָ־בריטישע ליניע אין דער באַציונג צו ישראל. דווקא די דורכפירונג פון האַנדלונגען מצד דער אַמעריקאַנער רעגירונג, וואָס דאַרפן באַגלייטן די טרומאַן־אָנערקענונג, ליגט אין די הענט פון אונדזערע קעגנער. פאַרפליכטעט עס אונדז צו מאַקסימום וואַכזאַמקייט.

די קאָנפערענץ האָט אויך קלאָר פאָרמולירט דעם וויכטיקסטן פּאָליטישן ציל, וואָס מיר דאַרפן שנעל דערגרייכן אין אַמעריקע. אונדזער קאַמף מוז בעיקר געפירט ווערן פאַר אַ „דע־יורע״־אָנערקענונג פון ישראל מצד דער אַמעריקאַנער רעגירונג. אין דער הינזיכט האָט די קאָנפערענץ אָנגעצייכנט קלאָרע אַרבעטס־ליניעס, וואָס זיינען שוין צוגעשיקט געוואָרן צו אַלע אונדזערע צענטראַלע אָרגאַניזאַציעס און זייערע אָפּטיילונגען אין אַלע שטעט.

אין פאַרבינדונג דערמיט, האָט די קאָנפערענץ באַשלאָסן אָנצופירן, דורך דעם ציוניסטישן עמוירדזשענסי־קאָמיטעט, אַ העפטיקן קאַמף קעגן אַלע יידישע גרופּן, וואָס זוכן נאָך אויך איצטער צו שטיצן דיסידענטישע שפּליטערן אין ישראל, אין ירושלים און אומעטום ווו ישראל מוז פירן די מלחמה פאַר איר קיום. די קאָנפערענץ האָט באַטראַכט אַלע געלט־זאַמלונגען פאַר אָט די פּורשים, ווי אַקטן פון פאַרראַט

קעגן אונדזער מדינה; די קאָנפערענץ האָט געוואָרנט אַלעמען, אַז דער דאָזיקער ענין איז אַרויס פון שטח פון חילוקי־דעות. יעדער ייִד מעג זיך האָבן זיין מיינונג וועגן דער ראָלע, וואָס די פּורשים האָבן געשפּילט אין אונדזער געראַנגל ביז דער אויפשטעלונג פון מדינת ישראל. אָבער איצט איז פאַר אונדז דאָ נאָר איין אויטאָ־ריטעט: די פּראָוויזאָרישע רעגירונג פון מדינת ישראל. זי — ממשלת ישראל — האָט זיך געווענדעט מיט אַ רוף צום אַמעריקאַנער ייִדנטום אַ סוף צו מאַכן צו די דאָזיקע באַזונדערע געלט־אַקציעס פאַר מיליטערישער פאַרטיידיקונג. פאַראַן איין ייִדישע אַרמיי אין ארץ־ישראל. די פּורשים האָבן דערקלערט, אַז זיי לייזן זיך אויף ווי באַזונדערע מיליטערישע פאָרמאַציעס. טאָר קיינער מער ניט אונטערגראָבן די דאָזיקע מיליטערישע איינהייטלעכקייט פון ישראל. אויב די פּורשים ווילן זיך פאַר־וואַנדלען אין פּאָליטישע קערפּערשאַפטן, איז דאָס זייער רעכט. זיי מוזן אָבער דאַן אומעטום בלויז ווי אַזעלכע דערשיינען, אָבער בשום אופן ניט מער ווי מיליטערישע פאָרמאַציעס. אויך די מיליטערישע אינטערעסן פון מדינת ישראל מחוץ פון די גרענעצן פון ישראל מוזן אָנפאַרטרויט ווערן דער ישראל־רעגירונג און ניט קיינע פּורשים־גרופּן. פאַר אַט דער ליניע האָט זיך אַרויסגעזאָגט די קאָנפערענץ איינשטי־מיק. די קאָנפערענץ האָט אויך פאַרפּליכטעט אַלע טיילן פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אַליין צו פירן אַט דעם קאַמף, אויב די אָרגאַנען פון עמויר־דזשענסי קאָונסיל און די שטאָטישע עמוירדזשענסי־קאָמיטעטן וועלן ניט גענוג ענערגיש באַקעמפן אַלע פּורשים־דערשיינונגען דאָ אין אַמעריקע.

*

בנוגע די אַנדערע פאַרהאַנדלטע פּונקטן איז שוין ניט געווען אַזאַ איינשטימי־קייט. דעריבער האָט די קאָנפערענץ וועגן זיי נאָך ניט געקענט פאָרמולירן קיין קלאָרע באַשלוסן.

די צווייטע פאַרהאַנדלטע פראַגע איז געווען — וואָס דאַרף ווערן פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע נאָך דעם ווי מדינת ישראל איז באַפעסטיקט? דער געדאַנק, אַז די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע האָט איר פּאָליטישן ציל שוין דערגרייכט און דעריבער מעג זי זיך שוין אויפלייזן, האָט ניט געהאַט קיין אָנהענגער אין דער קאָנפערענץ. עס איז פון דעם אַנאַליז קלאָר געוואָרן, אַז פאַר די קומענדיקע 5 ביז 10 יאָר וועט נאָך די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע האָבן אַפילו פּאָליטישע אויפגאַבן. אַוודאי וועט זיך די וועלט־אָרגאַניזאַציע ניט מישן אין די אינערלעכע פּאָליטישע ענינים פון ישראל; אַוודאי וועלן אַלע אויפגאַבן פון רעפּרעזענטאַנץ פון ישראל אין וועלט־אָרגאַנען און ביי איינצלנע רעגירונגען בלייבן אין דער אויס־שליסלעכער קאָמפּעטענץ פון ממשלת ישראל; אָבער עס זיינען אָנגעצייכנט געוואָרן אַ גאַנצע ריי פון פּאָליטישע געראַנגלען אויף וועלט־טריבונאַלן, ווו די וועלט־אָרגאַ־ניזאַציע וועט נאָך האָבן — און דעריבער מוזן שפּילן — אַ וויכטיקע ראָלע. עס זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן וויכטיקע אויפגאַבן, וואָס די וועלט־אָרגאַניזאַציע וועט האָבן אויף זיך אין העלפן ברענגען צו אַ ייִדיש־אַראַבישער פאַרשטענדיקונג, באַזירט אויף גלייכווערטיקייט פון זייערע מלוכות און קעגנזייטיקער אָנערקענונג. דאָס, וואָס איז געווען אומעגלעך אָן מדינת ישראל, ווערט אַ מעגלעכקייט מיט

מדינת ישראל: אַ גרויסצוגיקער אויפבוי־פּלאַן, וואָס זאָל העלפן אויפבויען דעם גאַנצן נאָענטן מזרח. אין אַזאַ גרויסצוגיקן פּלאַן וועט דאַרפן דאָס וועלט־יידנטום, דורך דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, שפּילן אַן אומגעהויערע ראָל. נאָך־טירלעך זיינען אָנגעצייכנט געוואָרן די גרויסע אויפגאַבן, וואָס די וועלט־אָרגאַניזאַציע וועט מוזן האָבן אין עליה און קאָלאָניזאַציע אין ישראל גופא. יאָרן נאָך אַנאַנד וועט דאָס וועלט־יידנטום מוזן אינוועסטירן קאָלאָסאַלע מיטלען. דאָס טאָר ניט איבערגעלאָזט ווערן צו דער פּריוואַטער איניציאַטיוו פון יחידים אָדער אַפילו פון גרופּן. אַ וועלט־אָרגאַניזאַציע וועט מוזן איבערוואַכן איבער די אַרבעטן און זיי דורכפירן.

די דאָזיקע וועלט־אָרגאַניזאַציע קען מער ניט זיין די יידישע אַגענץ. איר ראָל האָט זיך געענדיקט מיטן סוף פון בריטישן מאַנדאַט איבער ארץ־ישראל. עס מוז פונקציאָנירן די דעמאָקראַטישע ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע מיט אירע וועלט־קאָנגרעסן און מיט אירע אָפּטיילונגען אין אַלע מדינות, ווו יידן לעבן.

די חלוקי דעות אויף דער קאָנפערענץ האָבן זיך אָנגעהויבן ווען מען איז צוגעקומען צו די פאָרמען, אין וועלכע די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע דאַרף ווייטער עקזיסטירן, און צו דעם אַרבעטס־שטח אין דער יידישער וועלט, וואָס זי דאַרף אויף זיך נעמען. די וויכטיקסטע דעטאַלן וועלכע זיינען באַהאַנדלט געוואָרן זיינען:

1. דער שקל. צי דאַרף ער בלייבן — אָדער אַ נייע פאָרמע פון אָנשלוס אַן דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע דאַרף אָנגענומען ווערן;

2. די אָרגאַנען. דאַרף ווייטער בלייבן אַ ציוניסטישער אַקציאָנס־קאָמיטעט באַזונדער און אַ ציוניסטישע עקזעקוטיווע באַזונדער?

3. די פאָנדן. דאַרפן זיי ווייטער געפירט ווערן ווי זעלבשטענדיקע קערפּערשאַפטן, אָדער עס דאַרפן אַריינגעפירט ווערן באַדייטנדיקע ענדערונגען סיי אין זאַמלונגען, סיי אין די פאַרוואַלטונגען פון די פאָנדן? אין פאַרבינדונג דערמיט זיינען אויך באַהאַנדלט געוואָרן די מעגלעכקייטן, וואָס דאָס אַמעריקאַנער יידנטום פאַרמאָגט צו אינוועסטירן קאַפּיטאַלן אין ישראל און ווי אַזוי עס צו אָרגאַניזירן;

4. דער שטח פון אויפגאַבן. זאָל זיך די ציוניסטישע וועלט־באַוועגונג באַשעפטיקן מיט יידישע ענינים אויסער די דירעקטע אויפגאַבן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט בנין ישראל? אויף דער לעצטער זיצונג פון אַקציאָנס־קאָמיטעט, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין אַפּריל 1948 זיינען אָנגעצייכנט געוואָרן די אַרבעטס־שטחים פאַר דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע פּאַראַלעל מיט דער יידישער מדינה. אין יענעם פּלאַן זיינען אויסער בנין ישראל איינגעשלאָסן אין דעם אַרבעטס־שטח בלויז ענינים פון יידישן חינוך. די ציוניסטישע אַרבעטער־קאָנפערענץ האָט אין איר מערהייט געהאַלטן, אַז דער קומענדיקער ציוניסטישער קאָנגרעס דאַרף אויך באַהאַנדלען פראַגן פון פּאָליטישע, סאָציאַלע, ווירטשאַפטלעכע און קולטורעלע פּראָבלעמען פון יידן בכל התפוצות. עס מוז ערנסט שטיין פאַר דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג די פראַגע, צי קען זי אויף זיך נעמען די דאָזיקע אויפגאַבן. אויב די מסקנה זאָל זיין אַ פּאָזיטיווע, דאַן דאַרף די קומענדיקע ציוניסטישע וועלט־עקזעקוטיווע זיך צוזאַמענריידן מיט דער עקזעקוטיווע פון יידישן וועלט־קאָנגרעס און

פעסטשטעלן, צי איז נאָך דאָן דאָ אַ נויטווענדיקייט פאַר ביידע וועלט־אָרגאַניזאַציעס ווייטער צו עקזיסטירן. אויב די מסקנה וועט זיין אַ נעגאַטיווע, דאַן דאַרף די ציוניסטישע וועלט־עקזעקוטיווע אַוודאי טיפער איינגרייפן אין די אַקטיוויטעטן פון יידישן וועלט־קאָנגרעס און ווערן דער וויכטיקסטער זייל פון זיינע ווייטערדיקע אַרבעטן.

5. וועלכע דאַרף ווייטער זיין די ראָלע פון אַמעריקאַנער ציוניזם? עס איז איבעריק צו אונטערשטרייכן די געוואַלטיקע אויפגאַבן, וואָס די נייע תקופה לייגט אַרויף אויפן אַמעריקאַנער יידנטום, וואָס דאַרפן דורכגעפירט ווערן דורך דעם אַמעריקאַנער אָרגאַניזירטן ציוניזם. עס ווערט מיט יעדן טאָג אַלץ בולטער אַז אחריות פאַרן יידישן קיום און יידישן המשך איז פון דער געשיכטע אַרויפגעלייגט געוואָרן הויפּטזעכלעך אויף צוויי יידישע כחות: מדינת ישראל און אַמעריקאַנער יידנטום. ביידע זיינען פאַראַנטוואָרטלעך סיי פאַר דער פאַרפעסטיקונג פון מדינת ישראל, סיי פאַר דער פאַרטיפונג פון יידישן לעבן בכל התפוצות. האָט מען דאָס אין זינען, ווערט פון אומגעהויערער באַדייטונג די פראַגע: ווי אַזוי זאָל דער אַמעריקאַנער אָרגאַניזירטער ציוניזם ווייטער פונקציאָנירן? אַלע זיינען געווען מסכים, אַז פאַר יענע אויפגאַבן, וואָס זיינען אָנגעצייכנט געוואָרן אינם ערשטן קאַפּיטל, דאַרף פונקציאָנירן און פאַרשטאַרקט ווערן דער ציוניסטישער עמוירדזשענסי קאָונסיל. אָבער ווען די מלחמה וועט זיין פאַרענדיקט, וואָס פאַר אַ פאָרמען זאָל דער אַמעריקאַנער ציוניזם דאַן אָננעמען? ציטווייליקייט פון אַן עמוירדזשענסי־קערפּערשאַפט קען ניט ווערן די פּערמאַנענטע פאָרעם. די קאָנפערענץ האָט דעריבער אַרויפגעלייגט די פליכט אויף אונדזערע פאַרשטייער אין עמוירדזשענסי־קאָמיטעט זיך אָנהויבן צוזאַמענריידן מיט די אַנדערע ציוניסטישע פאַרטרעטערשאַפטן, וועגן אַ נייער פאָרעם פון אַן אַלציוניסטישער רעפּרעזענטאַנץ אין אַמעריקע. עס זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן פאָרשלאָגן צו רופן אַן אַלאַמעריקאַנער ציוניסטישן קאָנגרעס, אויף אַן ענלעכער שקל־באַזע, ווי עס זיינען געבויט די ציוניסטישע וועלט־קאָנגרעסן. דאָרטן זאָל אויפגעשטעלט ווערן די אַלציוניסטישע רעפּרעזענטאַנץ אין אַמעריקע, לויט די רעזולטאַטן פון די וואַלן צו אַזאַ קאָנגרעס; דאָרטן זאָל אָנגעצייכנט ווערן אַ קאָנסטיטוציע, לויט וועלכער עס זאָלן דעפינירט ווערן די אַרבעטס־שטחים פון דער אַלציוניסטישער רעפּרעזענטאַנץ און די שטחים, וואָס בלייבן די קאָמפּעטענצן פון די איינצלנע ציוניסטישע קערפּערשאַפטן. דער רעזולטאַט פון אַט די אונטערהאַנדלונגען זאָל געבראַכט ווערן צו אַ נייער קאָנפערענץ פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס וועט אָפּגעהאַלטן ווערן אין 3־4 חדשים אַרום, פונקט ווי די אַנדערע נאָך־ניט־באַשלאָסענע פראַגן פון דער אָפּגעהאַלטענער קאָנפערענץ וועלן אַהין געבראַכט ווערן.

6. דאָס פּראָבלעם אַמעריקאַנער יידישע יוגנט. בנוגע דעם פונקט אַליין זיינען פאַרהאַנדלט געוואָרן עטלעכע ענינים: ראשית — חלוציזם אין אַמעריקע. אין פאַרבינדונג דערמיט איז אָנגעוויזן געוואָרן, אַז די אייראָפּעיִשע עליה און די עליה פון די אַראַבישע לענדער וועט מוזן זיין פון אַזאַ כאַראַקטער, אַז קיין באַדייטנדיקע חלוציש־הכשרה וועט ניט מעגלעך זיין; אַז די וויכטיקסטע חלוצישע עלעמענטן

וועט צושטעלן די יידישע יוגנט פון ישראל גופא; אַז זייער צאָל אַליין וועט ניט קענען זיין גרויס גענוג, כדי אויסבויען אַלע יענע נייע אַגראַר־ישובים סיי אין נגב, סיי אין אַנדערע טיילן פון ישראל, וואָס אַ געזונטע יידישעווירטשאַפט וועט פאָדערן; אַז אַן אַ נייעם חלוצישן שטראָם באַשטייט די געפאַר, אַז אונדזער אַגראַר־ווירטשאַפט זאָל לפי ערך פאַרקלענערט ווערן און די שטאָטישע ישובים זאָלן וואַקסן אויסער יעדער פּראָפּאָרציע צו דעם יידישן דאָרף; אַז אַ נייער גרויסער שטראָם פון חלוצים קען מען דערוואַרטן נאָר פון אַמעריקאַנישן קאָנטינענט, הויפּטזעכלעך טאַקע פון די פאַראייניקטע שטאַטן; אַז אַלע דערפאַרונגען פון די לעצטע עטלעכע יאָר אין אַלע לענדער פון אַמעריקאַנישן קאָנטינענט האָבן באַוויזן גרויסע פּאָטענציעלע מעגלעכ־קייטן פאַר אַזאַ גאַר באַדייטנדיקער חלוצישער באַוועגונג; אַז אַ הכשרה־פּלאַן, צוגע־פּאַסט סיי צו דער אַמעריקאַנער יוגנט, סיי צו די נייע באַדערפענישן פון ישראל וסביבותיה, מוז וואָס שנעלער אויסגעאַרבעט ווערן. דערצו זיינען באַהאַנדלט געוואָרן די פּראָבלעמען פון דער אַמעריקאַנער יידישער יוגנט, וואָס וועט נאָך אויפן חלוצישן וועג ניט גיין: איר יידישע דערציִונג, איר סאָציאַליסטישע דערציִונג. אַלע באַריכטן האָבן אַרויסגעבראַכט דעם פאַקט, אַז עס ווערט אַלץ גרעסער די צאָל צווישן דער אַמעריקאַנער יידישער יוגנט, וואָס זוכן אַן ענטפער אויף צוויי צענטראַלע פראַגן: צו וואָס איז זיי מחייב דער פאַקט וואָס זיי זיינען יידן און וואָס קען און דאַרף זיין זייער ראָלע אין דעם סאָציאַלן וועלט־געראַנגל. די קאָנפערענץ האָט אויך אויף דעם שטח אָנגעצייכנט פּלענער, ווי אַזוי מדינת ישראל זאָל שפּילן אַ ראָלע אין ענטפערן אויף די פראַגן פון אַט דער יוגנט און ווי אַזוי די יוגנט וועט דאַרפן איינשטעלן אירע באַציִונגען מיט מדינת ישראל.

*

דערמיט איז שוין אויך באַרירט געוואָרן דער דריטער שטח פון פראַגן: אינער־לעכע פּאַרטיפונג פון אַמעריקאַנער יידנטום פּאַראַלעל מיט דער יידישער מדינה. דער גאַנצער ענין פון יידישער דערציִונג אין אַמעריקע איז דורכגעלופּטערט געוואָרן. עס איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן דער געדאַנק, אַז עס איז שוין געקומען די צייט צו מאַכן אַ גרינטלעכע אויספאָרשונג וואָסערע רעזולטאַטן עס האָבן ביז איצטער געבראַכט די פאַרשידענע יידישע חינוך־געזעלשאַפטן מיט זייערע פאַר־שידענע פּראָגראַמען. קיין פּראָגראַם טאָר נישט געשוינט ווערן. עס מוז געמאַכט ווערן אויף דעם שטח אַזאַ רעוויזיע, וואָס זאָל זיך ניט אָפּשטעלן פאַר קיינע קאָנ־סעקווענצן. אויב די ביז איצטיקע חינוך־שיטות האָבן ניט געבראַכט די געהעריקע רעזולטאַטן, מוז מען זיי ענדערן ראַדיקאַל. מדינת ישראל וועט דערביי ווערן אַ גרוי־סער פירנדיקער כח. ווייל אַפילו חינוך־שיטות אין ישראל גופא מוזן טיף אויס־געפאָרשט ווערן. עס מוז פעסטגעשטעלט ווערן, וועלכע עלעמענטן פון יידישער מסורה און בעיקר פון יידישער אמונה עס מוזן ווערן גרונט־יסודות פון יידישן חינוך. דאָס אַמעריקאַנער יידנטום וועט מוזן מיטגיין מיט מדינת ישראל. די יידישע חינוך־אַנשטאַלטן פון גאַר דער וועלט מוזן ווערן כלים פאַר אַריבערטראָגן צו קו־מענדיקע דורות די גאַנצע דינאַמיק פון יידישן גייסט אין אַלע זיינע אַנטפּלעקונגען.

די דאָזיקע פאָרשונגען וועלן מוזן געדויערן מער ווי די דריי אָדער פיר חדשים ביז אונדזער קומענדיקער ציוניסטישער אַרבעטער־קאָנפערענץ. אָבער מיט טיפן ערנסט האָט די אָקאָרשט אָפּגעהאַלטענע קאָנפערענץ אַריינגעבליקט אויך אין אָט די פראַגן און זי גרייט זיך צוצוטראָגן איר חלק אין געפינען די ענטפערס צו די דאָזיקע פראַגן.

אַזוי איז אויך פון דאָס ניי איבערגעקוקט געוואָרן די גאַנצע פרשה פון אַריינטראָגן אָרגאַניזירטע אחריות אין אַמעריקאַנער יידנטום דורך אַ נייעם פרווו אויפצושטעלן אַ דעמאָקראַטישע יידישע רעפּרעזענטאַנץ פאַרן אַמעריקאַנער יידנטום. אויך דאָ איז אָנגעוויזן געוואָרן אויף דער נויטווענדיקייט פאַר אַן אומברחמנותדיקן אַנאַליז פון די סיבות, וואָס האָבן גורם געווען, אַז די ביז איצטיקע פרווון זיינען דורכגעפאַלן, און אויסאַרבעטן פּלענער, וואָס זאָלן די דאָזיקע סיבות אויסמיידן. עס איז אָנגעוויזן געוואָרן אויף דער נויטווענדיקייט צו אָרגאַניזירן קהילות אין יעדער יידישער שטאָט און שטעטל, און אַז די ניי־געפּלאַנטע רעפּרעזענטאַנץ־קערפּערשאַפט זאָל זיך באַזירן אויף אָט די אָרגאַניזירטע קהילות. עס זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן אויך אַנדערע פאָרשלאָגן אויף דעם געביט.

אויך דער קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם אין אַמעריקע איז באַהאַנדלט געוואָרן. וועלכע כחות שפּייזן אים און מיט וועלכע מיטלען דאַרף מען אים באַקעמפן? וואָס פאַר אַ ווירקונג וועט דאָ אויסאיבן די עקזיסטענץ פון מדינת ישראל? און וואָס פאַר אַ ווירקונג וועט מדינת ישראל אויסאיבן אויף יידישער אַסימילאַציע אין אַמעריקע, וואָס דאָס איז דער ענטפער פון פחד־יידן קעגן אַנטיסעמיטיזם? אָן ספק וועט די אויפשטעלונג פון דער יידישער מדינה העלפן אַזעלכע פחד־יידן זיך צו באַפרייען פון יענער זאָרג פאַר יידישער קאָנטינויטעט, וואָס אייניקע פון זיי האָבן אין זיך געטראָגן, ווייל זיי האָבן געפילט, אַז די יידישע לאַגע אין אַמעריקע איז ביז איצטער געווען אַנדערש ווי די לאַגע פון אַנדערע מינדערהייטן. די איטאַליענער אין אַמעריקע — בלויז ווי אַ ביישפּיל — האָבן ניט קיין זאָרג פאַר איטאַליענישן המשך. די איטאַליענישע מדינה זאָרגט שוין דערפאַר. איצט, אַז יידן האָבן שוין אויך אַ מדינה, איז די דאָזיקע זאָרג אַראָפּ, און די לאַסט פון יידישער קאָנטינויטעט וועט שוין ניט דאַרפן הויערן אַפילו אויף זייער אונטערבאַוווסטזיין. אָבער אַנטקעגן דעם וועט די יידישע מדינה אַרויסרופן אומגעהויערע דרימלענדיקע כחות אין אַמעריקאַנער יידנטום דווקא צו טיפערער יידישקייט, צו יידישקייט מיט גרעסערער האָפענונג אויף געזונטן המשך. וואָס דאַרף דאָס אַמעריקאַנער יידנטום טאָן, כדי אָט די גרויסע שאַנסן, וואָס מדינת ישראל האָט פאַר איר געעפנט, אויסצונוצן ביזן מאַקסימום?

ווען אָט די אַלע פראַגן זיינען אַנאַליזירט און דיסקוטירט געוואָרן, איז אויך אונטערגעשטראָכן געוואָרן די ספּעציעלע ראָלע פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אויף די דאָזיקע אַלע שטחים פון אונדזער לעבן. צוזאַמען דערמיט האָט אויך פאַרנומען גאָר אַ גרויסן אָרט דער אַנאַליז פון די אָרגאַניזאַטאָרישע כלים, דורך וועלכע די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג ווירקט. וואָס זיינען די ספּעציעלע אויפגאַבן פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג און וועלכע זיינען די

פֿאַרמען פון אָרגאַניזאַטאָרישע ענדערונגען וואָס זיינען פאָרגעשלאָגן געוואָרן, פֿאַר־דינט אַ באַזונדערע באַטראַכטונג.

*

וואָס דאַרף זיין די ראָלע פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַלע אויבן־אויסגערעכנטע אַרבעטס־שטחים?

עס טראָגן זיך אַרום מיינונגען אַז איצטער זיינען מער ניט נויטיק קיין שום באַזונדערע פּאַרטייען אין ציוניזם. דער געדאַנקענגאַנג איז: אין ישראל גופא וועלן שוין די באַזונדערע פּאַרטייען אויסקעמפן זייערע קלאַסן־ און גרופּן־קאַמפן. אָבער מחוץ פון ישראל — צו וואָס דאַרף מען באַזונדערע פּאַרטייען?

די קאָנפערענץ האָט טיף אַריינגעדרונגען אויך אין דער דאָזיקער פראַגע. מען קען אָן איבערטרייבונג זאָגן, אַז דער עצם געדאַנק — אפשר דאַרף מען טאַקע אין אונדזער נייער תקופה מאַכן אַזעלכע ענדערונגען אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, וואָס זאָל אָפּשאַפן די באַזונדערע פּאַרטייען — האָט קיינעם ניט אָפּגעשראָקן. פונקט ווי עס האָט קיינעם ניט אָפּגעשראָקן אַפילו דער געדאַנק, אַז אפשר דאַרף די גאַנצע ציוניסטישע באַוועגונג איצטער ליקווידירט ווערן. דער ציוניזם האָט דערגרייכט אַזאַ גרויסן טייל פון די צילן, וועלכע ער האָט זיך געשטעלט, אַז עס איז ניט קיין אומכבוד צו טראַכטן, אַז מען דאַרף שוין מער די אָרגאַניזאַציע ניט. אָבער די רעאַ־ליטעטן פון אונדזער לעבן האָבן אָפּגעוואָרפן דעם געדאַנק, אַז מען דאַרף שוין ליק־ווידירן די ציוניסטישע וועלט־באַוועגונג. די זעלביקע רעאַליטעטן וואַרפן אויך אָפּ דעם געדאַנק, אַז מען דאַרף שוין ניט מער קיין פּאַרטייען אין ציוניזם מחוץ פון ישראל.

די דאָזיקע רעאַליטעטן האָבן דווקא אונטערגעזאָגט אַפילו יענע פון אונדז, וועלכע האָבן זייער זעלטן פּאַרטייטשט זייער ציוניזם מיט קלאַסן־קאַמף, אַז דווקא אין דער איצטיקער עפּאָכע זיינען דאָ שאַרפע פּאָליטישע און ווירטשאַפטלעכע קעגנזאַצן אַרום בוי־פּראָצעס פון ישראל; אַז די דאָזיקע קעגנזאַצן וועלן מוזן אויס־געפאָכטן ווערן ניט נאָר אין מדינת־ישראל, נאָר אויך אין דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג; אַז דעריבער איז די באַזונדערע עקזיסטענץ פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין ציוניזם אין דער איצטיקער תקופה נויטיקער ווי ווען עס איז פריער.

צווישן די אַרויסגעבראַכטע אַרגומענטן האָבן די הויפּט־אויפמערקזאַמקייט געצויגן פּאָלגנדיקע:

אינעם פּאָליטישן כוח־פאַרהעלטעניש פון דעם קומענדיקן יידישן פּאַרלאַמענט וועט זיכער די אַרבעטערשאַפט פאַרנעמען דעם ערשטן אָרט. דאָס וועט שטאַרק ניט געפעלן ווערן די יידישע בירגערלעכע עלעמענטן. זיי וועלן זיכער זוכן פאַר־בינדעטע מחוץ פון ישראל. אַזוי ווי נאָך לאַנגע יאָרן וועט דאָס יידנטום מחוץ פון ישראל דאַרפן צוטראָגן די הויפּט־מיטלען פאַר בנין ישראל, וועלן די בירגערלעכע עלעמענטן זוכן צו באַנוצן זיך מיט יענע כוחות אין ציוניזם מחוץ פון ישראל, וועלכע וועלן גרייט זיין אַזאַ הילף זיי צו געבן. אויב דער וועלט־ציוניזם, הויפּט־זעכלעך דער אַמעריקאַנער ציוניזם, זאָל באַהערשט ווערן פון בירגערלעכע עלע־

מענטן, באַשטייט די געפאַר, אַז צווישן ציוניזם מחוץ פון ישראל און מדינת ישראל זאָל קומען צו אַ צוזאַמענשטויס. די בירגערלעך־ציוניסטישע וועלט וועט זוכן אַרויס־באַקומען קאָנצעסיעס פון ממשלת ישראל פאַרן פרייז פון צושטעלן די נויטיקע מיטלען.

ווי איין ביישפּיל איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן דער געדאַנק, אַז דער פאַרנעם פון אונדזער ווייטערדיקער אַגריקולטור־אַרבעט קען ווערן אַ פּונקט פאַר חילוקי דעות צווישן דער אַרבעטערשאַפט אין ישראל און די בירגערלעכע עלעמענטן. אַלע פאַרשטייען, אַז פאַר דער גרויסער עליה וועלן מוזן צוגעגרייט ווערן ווירטשאַפטלעכע אויפנעם־מעגלעכקייטן, אַז פון דעם שטאַנדפּונקט אַרויס קען שטאַטישע אינדוסטריע און האַנדל בעסער דינען דעם ציל פון שנעלערער ווירטשאַפטלעכער פאַרוואָרצלונג פאַר די נייע עולים. אָט דער אַרגומענט, וואָס קיינער לייקנט ניט זיין וויכטיקייט, קען ווערן אַן אבן־נגף פאַר דער געזונטער ווירטשאַפטלעכער באַלאַנסירונג פון דער גאַנצער מדינה. אַגריקולטור מוז פאַרנעמען אַ זייער וויכטיקן אָרט אין אַלע אונדזערע ווייטערדיקע פּלאַנירונגען. און דאָ קומט די געפאַר, אַז אַ ריין ווירטשאַפטלעכע חילוקי־דעות זאָל אויסגעשפּילט ווערן פאַר פּאָליטישע צילן.

יעדער בר־דעת פאַרשטייט, אַז ווייטערדיקע אַגריקולטור־פּלענער אין ישראל מוזן געבויט ווערן אויף קאָאָפּעראַטיווע און קאָלעקטיווע יסודות. אין נגב וועלן קיין נייע פּתח תקוהס אָדער ראשון לציונס ניט געבויט ווערן. עס איז ניט קיין צופאַל וואָס אונדזערע קאַרגע 30 אַגריקולטורעלע פּונקטן אין נגב זיינען אַלע געבויט אויף די זעלביקע יסודות וואָס עין־חרוד, נהלל און דגניה. אין אַזעלכע פּונקטן איז דאָ נאָר איין פּאָליטישער כוח — דער אַרבעטער. דער בירגערלעכער האָט דאָרטן קיין ראָלע ניט צו שפּילן. דעריבער איז יעדער נייער אַגריקולטור־פּונקט אַ פּאָלי־טישע פאַרשטאַרקונג פון דעם אַרבעטער־כוח. וועלן די בירגערלעכע קרייזן זוכן צו שטעלן דעם הויפּט־טראָפּ אויף שטאָטישע אינדוסטריע און האַנדל. זיי — די בירגערלעכע עלעמענטן — וועלן אויך קוקן קרום אויף די אינדוסטריעס וואָס ווערן געבויט אין די דערפער. די דאָזיקע אינדוסטריעס מוזן, אַזוי ווי די דערפער גופא, זיין קאָלעקטיווע און פאַרשטאַרקן דורך דעם דעם אַרבעטער־ כוח. דערצו וועלן זיי נאָך אויך קאָנקורירן מיט דער שטאָטישער אינדוסטריע. אָט דער קלאַסן־געראַנגל וועט פאַר אַ לאַנגער צייט אָנגיין אין ישראל. אין דעם קלאַסן־געראַנגל טאָר ניט די ציוניסטישע וועלט־באַוועגונג זיך שטעלן אויף דעם צד פון דעם בירגערטום. זי וועט עס זיכער טאָן, אויב די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג וועט ניט זיין שטאַרק גענוג עס ניט צו דערלאָזן. צוליב דעם, ווי אויך צוליב פיל אַנדערע ענלעכע אַנטוויקלונגען אין ישראל, האָט די קאָנפערענץ אַרויסגעבראַכט צוויי געדאַנקען:

ערשטנס — דער געבאָט פון דער עפּאָכע איז איין פאַראייניקטע פּאָליטישע אַרבעטער־פּאַרטיי אין ישראל; צווייטנס — די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע מוז ווערן אַ ברייטע מאַסן־באַוועגונג מיט מער כוח צו פאַרמעסטן זיך קעגן די בירגערלעכע עלעמענטן אין אַמעריקאַנער ציוניזם.

אין די דיסקוסיעס זיינען אויך בולטער געוואָרן די אומגעהויערע אויפגאַבעס, וואָס ליגן הויפּטזעכלעך אויף דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג, פונאַנדער־

צובויען די חלוצישע באַוועגונג אין אַמעריקע. מיר האַלטן, אַז עס איז ניט געווען קיין צופאַל, וואָס ביז איצטער איז די חלוצישע באַוועגונג אין גאַר דער וועלט אַרויסגעוואַקסן הויפּטזעכלעך פון שויס פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג. מיר זיינען אַוודאי שטאַרק צופרידן, וואָס די ציונים כלליים האָבן לעצטנס אויך גענומען בויען קאָלעקטיוו דערפער. זיי האָבן דערזען, אַז דער מקור פון דעם כוח, וואָס די אַרבעטערשאַפט האָט אויפגעבויט אין ישראל, ליגט הויפּטזעכלעך אין אָט די דערפער. זיינען זיי מקנא. זאָל עס זיי ווויל באַקומען. פון אַזאַ קנאת חלוציזם וועט זיכער געווינען מדינת ישראל. מיר האָבן אין דעם נאָך אַן אויסרעכענונג, וואָס מיר ווילן גאָר ניט פאַרלייקענען: אַרבעטער, ווען אַפילו זיי געהערן צו די ציונים כלליים, ווען זייער ווירטשאַפטלעכער אויפבוי ווערט אַפילו געשפּייזט פון פּאָליטישער קאָנקורענץ, בלייבן דאָך אַרבעטער. מתוך שלא לשמה וועלן זיי קומען לשמה, ווען זיי וועלן פאַרזוכן דעם אמתן טעם פון אַרבעט. אָבער די חלוצישע באַוועגונג אַלס אַזעלכע, וועט אין אַמעריקע, פונקט ווי אין איראָפּע, ניט געבויט ווערן פון פּאָליטישער קאָנקורענץ. אין איר וועזן מוז זי זיין ענג פאַרבונדן מיט דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג. אין דער פּראָפּאָרציע, וואָס די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג וועט אַליין שטאַרק זיין, וועט אויך דער חלוציזם אין אַמעריקע שטאַרק זיין. אויך פון דעם קוק־ווינקל מוז מען קומען צו דער מסקנה, אַז די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג מוז אין דער נייער תקופה ווערן אַ גרויסער כוח.

די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג מוז ווערן אַ גרויסער כוח אויך אין זאַמלען מיטלען פאַר בנין ישראל. אין פאַרבינדונג מיט דעם פונקט זיינען באַהאַנדלט געוואָרן צוויי אַספּעקטן. ערשטנס, דער אַספּעקט פון זאַמלען געלט פאַר דער הסתדרות סיי דורכן געווערקשאַפטן־קאַמפּיין, סיי דורך דער פּיאָנערן פרויען אָרגאַניזאַציע; צווייטנס, זאַמלען געלט פאַר בנין ישראל בכלל.

אָן ספק וועלן דאַרפן געמאַכט ווערן ענדערונגען אין דעם גאַנצן פּלאַן פון דעם הסתדרות־קאַמפּיין אין אַמעריקע. טיילן פון הסתדרותישע אַרבעטן וועלן זיכער דאַרפן אַריבערגיין איצטער צו ממשלת ישראל. געוועזן ווירטשאַפטן, וואָס האָבן ביז איצטער געהערט צו חברת עובדים, וואָס לויט זייער נאַטור וועלן זיי דאַרפן נאַציאָנאַליזירט ווערן. די קאָנפערענץ האָט ניט געקענט און ניט געדאַרפט אַריינגיין אין אַן אַנאַליז פון פּרטים. אָבער אַלע האָבן געפילט, אַז עס וועלן דאַרפן אַריינטרעטן באַדייטנדע שינויים אויף דעם שטח. קלאָר איז אָבער געוואָרן, אַז נאָך אַ סך יאָרן וועט די הסתדרות אין ישראל דאַרפן אַליין פירן ווירטשאַפטלעכע, סאָציאַלע, קולטורעלע און אויך פּאָליטישע אַרבעטן, וואָס זי וועט מוזן פאַר דעם באַקומען הילף פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג מחוץ פון ישראל. דער הסתדרות־קאַמפּיין וועט דעריבער מוזן פאַרגעזעצט און אויסגעברייטערט ווערן. זיינע לאָזונגען וועלן מוזן ווערן ריין הסתדרותישע. אויף דעם שטח וועט הויפּטזעכלעך די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג דאַרפן, ווי ביז איצטער, אַריינגעבן אַ גרויסע מאָס פון איר ענערגיע.

אָבער זי וועט מוזן פיל טיפער אַריינדרינגען, פיל מער ענערגיע אַריינגעבן און דורך דעם פיל מער משפּיע זיין אויך די אַלגעמיינע זאַמלונגען פאַר בנין הארץ.

זי וועט מוזן אויך אַ סך ענערגיע אַריינגעבן אין דעם פּונקט פון קאַפּיטאַל־אינ־וועסטירונגען, וואָס אַמעריקאַנער יידן דאַרפן מאַכן אין בנין ישראל. ביז איצטער איז איר אַרבעט אויף דעם געביט אויך געווען פון באַדייטונג, ווי די גרינדונג און דערגרייכונגען פון אַמפּאַל האָבן עס באַוויזן. הויפּטזעכלעך איז די באַדייטונג באַשטאַנען אין דעם וואָס קאַפּיטאַל־אינוועסטירונגען פון פּריוואַטע פּערזאָנען האָבן געקענט געניצט ווערן פאַר אַזעלכע ווירטשאַפטלעכע אונטערנעמונגען, וועמעס ריווח איז איינציק און אַליין אַ נאַציאָנאַלער : מאַכן פּלאַץ ווירטשאַפטלעך פאַר נייע עולים אין לאַנד. איצט וועט אָט דער שטח פאָדערן אומגעהויערע אויסברייטערונג. די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג וועט אויך דאָ האָבן אַ גרויסן שטח פון אַרבעטן.

אין אַלע פּונקטן פון ספּעציעלן אַרבעטער־אינטערעס, וואָס זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין די דיסקוסיעס, איז אויך אונטערגעשטראָכן געוואָרן אַ וויכטיקער פאַקט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער גאַנצער געשיכטלעכער ראָלע פון דער אַרבעטערשאַפט סיי אין ציוניזם בכלל, סיי אין בנין הארץ בפרט. ווען אַ קלאַסן־געראַנגל איז אַנטשטאַנען אין די בוי־פּראָצעסן, האָבן די בירגערלעכע פאַרטיידיקט די אינטערעסן פון זייער קלאַס און די אַרבעטער האָבן פאַרטיידיקט די אינטערעסן פון גאַנצן פאָלק. דאָס איז אַרויסגעוואַקסן ניט דורך אַ גרעסערער מאָס פון פאָלקס־פּאַטריאָטיזם מצד די אַרבעטער. דאָס איז אַרויסגעוואַקסן דורך אַן אַנדער היסטאָרישן פאַקט, וואָס ארץ־ישראל האָט אַנדערש ניט געקענט פונאַנדערגעבויט ווערן, ווי נאָר לויט די אַרבעטס־פּלענער פון דער אַרבעטערשאַפט. די ביזאַהעריקע אַגראַר־קאָלאָניזאַציע אונדזערע האָט עס אַמבולטסטן באַוויזן. יעדער ווירטשאַפטלעכער פּלאַן פון די אַרבעטער האָט באַצוועקט בלויז איינס : אויסברייטערן דעם שטח, וואָס זאָל קענען אויפנעמען נייע עולים. יעדער ווירטשאַפטלעכער פּלאַן פון די בירגערלעכע האָט אויך געמוזט נעמען אין חשבון זייערע פּריוואַטע רווחים. דעריבער איז דער העכערער נאַציאָנאַלער אינטערעס אַלע מאָל צוזאַמענגעפאַלן מיט די אינטערעסן פון די אַרבעטער. אין די ווייטערדיקע בוי־פּלענער פון ישראל וועט אויך דאָס זעלביקע געשען. די נייע בוי־פּלענער וועלן אָבער אין אַ פיל גרעסערער מאָס זיין אָפּהענגיק פון בוי־מיטלען, וואָס דאַרפן קומען מחוץ פון ישראל, הויפּטזעכלעך פון אַמעריקע. דאַרפן די אַרבעטער־כוחות אין אַמעריקאַנער ציוניזם זיין שטאַרק גענוג, צו קענען ווידערשטיין די תשוקות פון די בירגערלעכע צו שטאַרקן זייערע פאַרבינדעטע אין ישראל.

צו דעם אַלעמען האָט די קאָנפערענץ אָפּגעשאַצט די גרויסע סאָציאַליסטישע באַדייטונג פון די בוי־אַרבעטן אין ישראל. דאָס וואָס די יידישע אַרבעטערשאַפט האָט דאָרטן ביז איצטער געבויט און דאָס וואָס זי וועט ווייטער בויען, אויב זי זאָל נאָר ניט געשטערט ווערן, איז געווען און וועט ווייטער נאָך מער זיין אַ גרויסער ביישטייער צום פּראָצעס פון בויען סאָציאַליזם אין פרייהייט, ניט דורך דיקטאַטור, און בויען סאָציאַליזם אַזוי, אַז דער מענטש זאָל זיין באַלעבאָס פון דער ווירטשאַפט און ניט די ווירטשאַפט זאָל אים דיקטירן. די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג מחוץ פון ישראל שטאָלצירט אַוודאי מיט איר ביישטייער, וואָס זי האָט ביז איצטער צוגעטראָגן צו דערמעגלעכן די דאָזיקע בוי־פּראָצעסן. זי מוז ווייטער איר ביישטייער

נאָך פּאַרגרעסערן. ווייל סיי די אינטערעסן פון די אַרבעטער אַלס אַרבעטער, און נאָך מער די אינטערעסן פון גאַנצן פאָלק, פאָדערן עס פון אונדז.

דאָס זיינען אַלץ אַרבעטס־שטחים אין פאַרבינדונג מיט מדינת ישראל. די אַרבעטס־שטחים אין פאַרבינדונג מיט פאַרטיפן דאָס יידישע לעבן אין אַמעריקע רופן אויך אַרויס אומגעהויער וויכטיקע אויפגאַבעס. איך האָב זיי אָנגעצייכנט אין די פריערדיקע שורות. אויך אויף אָט די שטחים סיי פון אַלץ וואָס איז פאַרבונדן מיט יידישער דערציִונג, סיי מיט דער אָרגאַניזאַציע פון אַמעריקאַנער יידנטום, סיי מיט דערפילן פליכטן לגבי דעם וועלט־יידנטום, האָט ניט צופעליק די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג אַרויסגעוויזן איניציאַטיוו און האָט שטאַרק באַאיינפלוסט די דאָזיקע פּראָצעסן פון אַמעריקאַנער יידנטום. אין דער נייער עפּאָכע וועלן אַלע אָט די פּראָגעס פאָדערן נאָך טיפערן אַריינדרינגען אין זיי. דאַרף אויך צוליב דעם די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג שטאַרק זיין.

*

ווען דאָס אַלץ איז קלאָר געוואָרן, האָט די קאָנפערענץ זיך אַריינגעלאָזן אין אַ זייער ברייטן און טיפן אַנאַליז פון די אָרגאַניזאַציע־כלים, וואָס די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט אויפגעשטעלט אין אַמעריקע און האָט זיך טיף אַריינגע־טראַכט אין דעם — צי דאַרף מען ניט מאַכן שינויים אויך אויף דעם געביט.

אונטערן אַנאַליטישן מעסער זיינען דורכגעגאַנגען די אָרגאַניזאַטאָרישע אַנט־וויקלונגען פון דער פּאַרטיי, פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד, פון דער פּיאָנערן פרויען אָרגאַניזאַציע און פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־יוגנט הבונים. וועגן דער אַנטוויקלונג פון הבונים האָט געהערשט איינשטימיקייט, אַז זי דאַרף ווייטער פאַר־געזעצט ווערן ווי אַ זעלבשטענדיקע יוגנט־באַוועגונג פון דער גאַנצער ציוניסטישער אַרבעטער־מחנה. דערפאַר זיינען שוין ניט געווען די מיינונגען אַזוי איינהייטלעך בנוגע די ווייטערדיקע אַנטוויקלונגען פון אַלע דריי עלטערע ציוניסטישע אַרבעטער־קערפּערשאַפטן.

עס זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן אַלע שוועריקייטן, וואָס ליגן אין דעם עצם פאַקט וואָס גאַנצע דריי באַזונדערע קערפּערשאַפטן עקזיסטירן; וואָס אָפט קומט פאָר אַן אָרגאַניזאַטאָרישע קאָנקורענץ צווישן קערפּערשאַפטן וואָס אידעיִש געהערן זיי צו איין ריכטונג; די דופּליקאַציע פון דער אַרבעט פון פאַרלאַגס־וועזן; די דופּליקאַציע אין פּרעסע־אָרגאַנען; די שווערע פּראָגעס וועגן רעפּרעזענטאַנץ פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַלציוניסטישע און אַליידישע קערפּער־שאַפטן. דערביי זיינען פון דער אַנדערער זייט אונטערגעשטראָכן געוואָרן די באַ־דייטונג פון יעדער קערפּערשאַפט באַזונדער; די כוחות, וואָס קלייבן זיך אַרום איר; די ברכה וואָס ליגט אין זייער זעלבשטענדיקייט; די נויטיקייט אַרויסצורופן אין זיי דעם מאַקסימום פון איניציאַטיוו אויף אַלע געביטן; פּאָליטישע, געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע. עס איז אָבער אַרויסגעבראַכט געוואָרן, אַז קאָאָרדינאַציע פון צייט צו צייט אין אַרבעטן, וואָס זיינען אַלגעמיין פאַר דער גאַנצער ציוניסטישער אַרבע־טער־באַוועגונג, אַזאַ מין קאָאָרדינאַציע, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן ביז איצטער, באַזייטיקט ניט די אַלע אויבן־אויסגערעכנטע שוועריקייטן. מוז מען זוכן עפּעס אַ

מער פערמאַנענטע קאָאָפּעראַציע. עס זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן אַ גאַנצע ריי פון פאָרשלאָגן, אָנהויבנדיק פון אַ מער פּערמאַנענטער קאָאָרדינאַציע ביז פול־שטענדיקער אַמאַלגאַמאַציע. צום סוף זיינען פאָרמולירט געוואָרן דריי קאָנקרעטע פאָרשלאָגן, וואָס זיי דאַרפן פריער איבערגעשיקט ווערן צו די צענטראַלע קער־פּערשאַפטן און דערנאָך וועט יעדע צענטראַלע קערפּערשאַפט פאָרשלאָגן פאַר איר מיטגלידערשאַפט אָדער צו באַהאַנדלען, אָדער איינעם פון די פּלענער, וואָס די געגעבענע צענטראַלע קערפּערשאַפט וועט האַלטן פאַר מער אָננעמלעך, אָדער אַפילו נייע פאָרשלאָגן, וואָס די צענטראַלע קערפּערשאַפטן האָבן אַ רעכט צו שטעלן צו דיסקוסיע.

ווי געזאָגט, וועט אין איניקע חדשים אַרום פאָרקומען אַ צווייטע פאַרגרע־סערטע קאָנפערענץ. דער רעזולטאַט פון די וויכוחים, וואָס וועלן געפירט ווערן אין די קומענדיקע חדשים אין אַלע טיילן פון דער באַוועגונג, וועט געבראַכט ווערן צו אָט דער צווייטער קאָנפערענץ, וועלכע וועט נאָך אויך ניט מכריע זיין. די ענדגיל־טיקע הכרעה וועט דאַרפן פאַלן אויף אַ דעמאָקראַטיש־געוויילטן ציוניסטישן אַר־בעטער־קאָנגרעס, וואָס וועט דאַרפן צוזאַמענגערופן ווערן אין מיטן ווינטער. דער דאָזיקער קאָנגרעס וועט גערופן ווערן ניט בלויז צו אַנטשיידן אין דער זייער וויכ־טיקער אָרגאַניזאַציע־פראַגע. דער קאָנגרעס וועט דאַרפן אונטערפירן אַ סך־הכל אונטער אַלע פּראָבלעמען, וואָס די אָקאָרשט אָפּגעהאַלטענע קאָנפערענץ האָט אָנ־געוואָרפן. עס וועלן צום קאָנגרעס אויך געבראַכט ווערן נייע פּראָבלעמען, וואָס די קומענדיקע עטלעכע חדשים וועלן אַרויסברענגען, סיי דורך די ווייטערדיקע אַנטוויקלונגען אין מדינת ישראל און אין וועלט־ציוניזם, סיי דורך אַנטוויקלונגען אין וועלט־יידנטום בכלל און אין אַמעריקאַנער יידנטום בפרט, סיי אין פּאָליטישע אַנטוויקלונגען פון דער גאַנצער מענטשהייט. די אינערלעכע אָרגאַניזאַטאָרישע פּראַ־געס וועלן נאַטירלעך אויך געבראַכט ווערן צו אָט דעם ציוניסטישן אַרבעטער־קאָנגרעס.

כמעט דריי טעג זיינען געזעסן די פאַרטרעטערשאַפט פון אַלע ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע קערפּערשאַפטן און האָבן זיך פאַרטיפט אין די פּראָבלעמען, וואָס זיינען אויסגעוואַקסן פאַר איר דורך דער אויפשטעלונג פון מדינת ישראל. אַלע טיילן אירע האָבן דעמאָנסטרירט זייער גרייטקייט צו העלפן אין דעם פּראָצעס פון שינויים, וואָס די נייע תקופה פאָדערט. מען קען נאָך ניט קלאָר אָנווייזן, אין וועלכער ריכטונג די דאָזיקע שינויים וועלן גיין. איין זאַך איז קלאָר:

די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג איז אַרויפגעטראָטן אויפן וועג, וואָס די נייע לאַגע דיקטירט. זי וועט אַן קווענקלעניש זיך איבערבויען, כדי צו קענען אין דער נייער עפּאָכע זיך נאָך מער נוצלעך מאַכן, ווי זי איז עס געווען אין די לעצטע איבער פיר צענדליק יאָרן.

זוכנדיק אַ פּאַסיקן יידישן וועלט־שותף צו מדינת ישראל

זינט הקמת המדינה איז איינע פון די וויכטיקסטע פּראָבלעמען פון יידישן פאָלק געוועזן: ווי אַזוי אַמבעסטן צו אָרגאַניזירן דאָס גאַנצע יידנטום מחוץ פון ישראל, ווי אַ שותף צו דער מדינת ישראל. איך האָב אין אָט דעם וויכוח פאַרנומען אַ יוצא־דופנדיקן שטאַנדפּונקט. די ציוניסטישע פירערשאַפט האָט אים קיין מאָל ניט אָנגענומען. איך האַלט אָבער פאַר וויכטיק, אַז מיין שטאַנדפּונקט זאָל אין מיינע ביכער אַרויסגעבראַכט ווערן. מיט דעם ענין וועט זיך באַשעפטיקן דער קומענדיקער קאַפּיטל.

איך האָב צום ערשטן מאָל אַרויסגעבראַכט מיין שטאַנדפּונקט אין יאָר 1950, אויף אַ פּועלי־ציון צוזאַמענקום אין ניו־יאָרק. איך האָב אים ברייטער באַהאַנדלט אויף דער וועלט־קאָנפערענץ פון „איחוד עולמי", וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן פאַר דעם 23סטן ציוניסטישן וועלט־קאָנגרעס — דער ערשטער קאָנגרעס, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין דער אייגענער יידישער מדינה. ניט אין ניו־יאָרק, ניט אין בית־ברל האָבן מיינע געדאַנקען געפונען אַן אָפּקלאַנג; ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן האָב איך וועגן דעם געשריבן און גערעדט און אַלץ מיט די זעלביקע רעזולטאַטן. דאַן האָב איך באַשלאָסן אַרויסצוטרעטן מיטן פולן פּלאַן אויף דעם 24סטן ציוניסטישן קאָנגרעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין פרילינג פון 1956. און אַזוי האָב איך טאַקע געטאָן. גיב איך דאָ איבער פון די פּראָטאָקאָלן פון קאָנגרעס די פולע רעדע, נאָך דעם וועל איך נאָך האָבן מוסיף צו זיין וועגן שפּעטערדיקע אַנטוויקלונגען אויף אָט דעם שטח. דער ענין איז, לויט מיין מיינונג, נאָך ביז היינט, אין אָנהויב 1967, ניט געבראַכט געוואָרן צו קיין ענדגילטיקער לייזונג. אפשר וועלן די קומענדיקע שורות איבערצייגן די איצטיקע ציוניסטישע פירערשאַפט, אַז עס איז כדאי ערנסט צו נעמען אָט דעם פּלאַן.

און אָט איז מיין רעדע אויפן 24סטן קאָנגרעס:

געערטער קאָנגרעס!

איך האַלט פאַר נויטיק פאַרצובערענגען פאַרן קאָנגרעס אַ ראַדיקאַלן אָרגאַניזאַציע־פּלאַן, וואָס זוכט צו געבן אַן ענטפער אויף דריי פראַגן: א. וואָס איז דער ציל פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין אונדזער עפּאָכע; ב. וואָס דאַרף זיין די ראָלע פון ניט־ציוניסטן אין דער אַרבעט פאַר מדינת ישראל, און ג. וואָס איז דער בעסטער וועג צו פאַרזיכערן פאַר מדינת ישראל אַן אַל־יידישן סטאַבילן אָרגאַניזירטן כוח, וואָס וועט איר קומען צו הילף אַזוי לאַנג און ווען נאָר זי וועט זיך אין דעם נויטיקן. דער דאָזיקער פּלאַן וועט, ווי מיר שיינט, אַריינברענגען סדר און קלאָרקייט אין די קעגנזייטיקע באַציונגען צווישן אַלע דריי כוחות, וואָס ווירקן אין אונדזער עפּאָכע: דאָס יידישע פאָלק, מדינת ישראל און די ציוניסטישע באַוועגונג. ווען

דער דאָזיקער פּלאַן וועט רעאַליזירט ווערן, וועלן זיינע אויסווירקונגען זיך אויס־שפּרייטן אויך אויף אַנדערע שטחים פון יידישן פאָלקס־לעבן אין אונדזער תקופה. אָבער וועגן זיי רייד איך היינט ניט.

לאָמיר קודם־כל אַ קוק טאָן ווי עס זעט אויס די איצטיקע לאַגע אויף די דריי שטחים, וועמעס פּראָבלעמען דער פּלאַן זוכט צו פאַרענטפערן. איך הייב אָן מיט דעם צושטאַנד אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, וואָס איז נאָך אַלעמען אונדזער נאָ־ענטסטער אינטערעס אויף דעם קאָנגרעס.

*

אַ סך פאַקטאָרן ווערן אָנגעגעבן ווי די סיבות פאַר דער אָרגאַניזאַטאָרישער שוואַכקייט פון דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג. איך וויל קיינע פון זיי נישט באַשטרייטן. מיר שיינט אָבער, אַז אַלע פון זיי זיינען בלויז צוגאָב־איינפלוסן צו יענעם הויפּט־פאַקטאָר, וואָס הייסט די אויפשטעלונג פון דער מדינה. דערמיט בין איך גאָר ניט מחדש. עס איז בלויז נויטיק זייער שאַרף און אין קלאָרע ווערטער פעסטצושטעלן אָט דעם היסטאָרישן פאַקט.

דער ציוניזם, ווי אַ באַוועגונג, האָט דורך הקמת המדינה פאַרלאָרן דעם הויפּט־פּאָקוס, אַרום וועלכן ער האָט געזאַמלט און מאָביליזירט אָנהענגער. דער דאָזיקער פּאָקוס איז געווען: דאָס שטרעבן צו יידישער מדינהשאַפט. פאַראַן מיינונגען, אַז צוליב דעם, וואָס די ציוניסטישע באַוועגונג האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום אָט דעם הויפּטציל, האָט זי נישט דערפילט איר פליכט צו אַנדערע יידישע לעבנס־שטחים, וועלכע האָבן פאַרנומען אַ וויכטיקן אָרט אין קאַמף פאַרן יידיש־נאַציאָנאַלן קיום. איך דיסקוטיר ניט צי די מיינונגען זיינען באַרעכטיקטע. איך זאָג נאָר, אַז די באַוועגונג האָט זיכער זייער ריכטיק געשפּירט, אַז אָן אַ צענטראַלן פּאָקוס, וואָס זאָל זיין קלאָר און פּשוט, וואָס מאַסן זאָלן אים קענען פאַרשטיין, קען אַ פאָלקס־באַוועגונג ניט עקזיסטירן. אַ פאָלקס־באַוועגונג, וואָס וויל דורכפירן טיפע סאָציאַלע,ווירטשאַפטלעכע, פּאָליטישע און געאָגראַפישע ענדערונגען אין פאָלקס־לעבן, מוז קענען קאָנצענטרירן זיין ציל אין אַ פּאָקוס, וואָס זאָלריידן צום האַרץ און מוח פון די מאַסן. דער צענטראַלער ציל — יידישע מדינהשאַפט — איז דעריבער געוואָרן דער פּאָקוס פון באַזעלער פּראָגראַם און מיט דעם האָט די באַוועגונג געווירקט און געשאַפן איבער 50 יאָר נאָכאַנאַנד, ביז די מדינה איז אויפגעשטעלט געוואָרן.

צו אונדזער גליק איז אָט דער ציל דערגרייכט געוואָרן. די מדינה איז אויך אָנגענומען געוואָרן ווי אַ פאַקט פון כמעט אַלע טיילן פון יידישן פאָלק, אויך פון יענע, וועלכע האָבן פריער דעם ציוניזם באַקעמפט. צוליב דעם אַליין איז ער מער ניט מסוגל צו דינען ווי דער פּאָקוס, אַרום וועלכן די ציוניסטישע באַוועגונג זאָל קענען, אין אונדזער תקופה, מאָביליזירן אָנהענגער. די פראַגע, בכן, איז, צי די ציוניסטישע באַוועגונג פאַרמאָגט אין איר אוצר אַ נייעם פּאָקוס, אַ נייעם צענטראַלן ציל, וואָס זאָל זיין אַזוי פּשוט און קלאָר, ווי דער ציל פון מדינהשאַפט איז געווען? אָן אַזאַ נייעם פּאָקוס קען די ציוניסטישע באַוועגונג, מיטן כוח פון אינערציע, נאָך האַלטן אַרום זיך יענע, וועלכע האָבן איר אָפּגעגעבן די בעסטע יאָרן פון זייער לעבן.

זי קאָן אָבער ניט פאַרמאָגן דעם כוח צוצוציִען יוגנט. און אָן אַזאַ כוח קען אַ פאָלקס־באַוועגונג קיין אַריכות־ימים ניט האָבן.

✶

מיט קאַרגע 5 יאָר צוריק זיינען פון אָט דער טריבונע פּראָקלאַמירט געוואָרן פיר אויפגאַבעס, וואָס שטייען פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג אין אונדזער תקופה. מיין איך ניט, אַז מען דאַרף זוכן שינויים אין דער פאָרמולירונג פון אָט די פיר אויפגאַבעס. איך מיין, אַז אַלע קענען מסכים זיין, אַז אויב די ציוניסטישע באַוועגונג וועט קענען רעאַליזירן אָט די אויפגאַבעס אין משך פון די קומענדיקע פופציק יאָר, וועט עס זיין ניט קיין קלענערע דערגרייכונג, ווי די אויפשטעלונג פון דער מדינה, וואָס איז געווען דער רעזולטאַט פון פופציק יאָר אַרבעט אויפן באַזיס פון באַזעלער פּראָגראַם. די פראַגע, וואָס מען דאַרף שטעלן, איז: צי קען איינע פון די פיר אויפגאַבעס אויפגעהויבן ווערן צו דער מדרגה פון דעם צענטראַלן פאָקוס פאַר דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג אין אונדזער תקופה?

מיין ענטפער איז אַ פאָזיטיווער.

צוליב וויניקער קאָמפּליצירטקייט און מער קלאָרקייט לאָמיר צעטיילן די פיר אויפגאַבעס אין צוויי קאַטעגאָריעס. די ערשטע קאַטעגאָריע קען באַצייכנט ווערן מיטן נאָמען, וואָס דער 23סטער קאָנגרעס האָט איר געגעבן: ביצור המדינה. די צווייטע קאַטעגאָריע וויל איך, צוליב פשוטקייט, באַצייכענען מיט דעם דאָפּלטן נאָמען: קיום העם און שיבת ציון.

זאָל עס קלאָר פאַרשטאַנען ווערן: איך צייכן דאָ ניט אָן קיין פּריִאָריטעטן אין אַרבעטס־פּראָגראַם פון דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג. איך מיין, אַז אין דעם זאָל איז בנוגע פּריאָריטעטן ניטאָ קיין חילוקי־דעות. אַלע זיינען מסכים, אַז אין די קומענדיקע נאָענטע יאָרן האָבן ערשטע פּריאָריטעטן אַלע אַרבעטן, וואָס דאַרפן געטאָן ווערן פאַר ביצור המדינה. איך שטעל אָבער די פראַגע, צי קען מען אין ביצור המדינה געפינען יענעם געזוכטן פאָקוס פאַרן המשך פון דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג? דער ענטפער מוז זיין זייער אַ קלאָרער: ניין!

אַ שטח פון אַרבעטן, וואָס זיינען, צו אונדזער גרעסטן גליק, געוואָרן דער קנין פון אַלע טיילן פון יידישן פאָלק (מיט דעם אויסנאַם פון צוויי עקסטרעמען — קאָמוניסטן און די אַזויגערופענע „דזשודאַיִסטן", וואָס ביידע האָבן זיך אַליין אויסגעשלאָסן פון דער יידישער אומה) — אַזאַ אַרבעטס־שטח קען ניט ווערן דער פאָקוס פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. אַפילו ווען מען זאָל אָננעמען, ווי איך נעם אַוודאי אָן, אַז אויך אויף די שטחים האָבן נאָך אָרגאַניזירטע ציוניסטן וויכטיקע אויפגאַבעס פון איניציאַטיוו, פון אַריינגעבן מער האַרציקייט, ווייל זיי לעבן דורך טיפער אַלץ וואָס געשעט אין מדינת ישראל, — אַפילו ווען מען נעמט דאָס אָן, קען נאָך אַלץ אַ ציל, וואָס אַלע יידן זוכן צו דערגרייכן, ניט ווערן דער פאָקוס פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. זי, די ציוניסטישע באַוועגונג, מוז האָבן אַ צענטראַלן ציל, וואָס איז עקסקלוזיוו אירער, וואָס זי זאָל דאַרפן ערשט אַריינברענגען אין פאָלק. האָט זי ניט אַזאַ עקסקלוזיוון ציל, קען זי ווייטער קיין דינאַמישע באַוועגונג ניט זיין.

קיינע פון די אַרבעטן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט ביצור המדינה, קען ניט ווערן

אַזאַ פּאַקוס. ניט די ווירטשאַפטלעכע און אויך ניט די פּאָליטישע. פּאַרמולירן סיי די ווירטשאַפטלעכע, סיי די פּאָליטישע צילן פון מדינת ישראל וועט די מדינה אַליין און אַלע יידן פון דער גאַנצער וועלט וועלן איר העלפן דערגרייכן די דאָזיקע צילן. אַזוי האָבן זיי געטאָן ביז איצטער און אַזוי וועלן זיי ווייטער טאָן. ווירטשאַפטלעך האָבן זיי געמאַכט גרויסע אָנשטרענגונגען — מעגלעך, אַז מען האָט געדאַרפט מאַכן נאָך גרעסערע אָנשטרענגונגען. פּאָליטיש האָבן זיי זיך איינגעשטעלט פאַר מדינת ישראל אין אַלע גרעאַנגלען, וואָס זי האָט געמוזט דורכמאַכן זינט איר אַנטשטיין. דאָס איז אויך אמת בנוגע דעם שווערסטן פּאָליטישן גרעאַנגל, וואָס מדינת ישראל פירט איצט פאַר איר סאַמע קיום. אַזוי וועט עס אויך זיין אין דער צוקונפט. ווען נאָר מדינת ישראל וועט, חלילה, געשטעלט ווערן פאַר נייע פּאָליטישע סכנות, וועלן אַלע יידן, ציוניסטן און ניט־ציוניסטן, קומען איר צו הילף.

עס איז דעריבער קלאָר, אַז ביצור המדינה קען ניט ווערן דער עקסקלוזיווער פּאַקוס פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. פונקט אַזוי קען אויך קיום העם אַליין ניט ווערן דער עקסקלוזיווער ציוניסטישער פּאַקוס. עס ווערן געגעבן פאַרשיידענע פּירושים, דורך פאַרשיידענע יידישע גרופּירונגען, וועגן דעם תוכן פון קיום העם. אָבער דעם עצם פּרינציפּ פון קיום העם נעמען אָן אַלע יידן, וועלכע זיינען אָרגאַניזירט ווי יידן, סיי ציוניסטן, סיי ניט־ציוניסטן.

דער איצטיקער עקסקלוזיווער פּאַקוס פון דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג קען און מוז דעריבער ווערן: שיבת ציון.

איך וויל אָבער תיכף דערקלערן, אַז מיט דעם ווערט נישט געמיינט די שוין צו פּשוטע פאָרמולירונג, אַז יעדער ציוניסט מוז תיכף עולה זיין, אויב ניט, איז ער קיין ציוניסט ניט. איך רייד וועגן ווייטער אַנטוויקלען די היסטאָרישע תשוקה צו שיבת ציון, וואָס האָט געגעסטיקט אין יידישע הערצער דורך דורות, אַפילו ווען מען האָט עס ניט געקענט פאַרבינדן מיט באַלדיקער פּערזענלעכער עליה; איך מיין יענעם דראַנג, וואָס איז געווען דער וויכטיקסטער פאַקטאָר אין באַשאַפן די ציוניסטישע באַוועגונג און אין דערפירן צו דער מדינה; איך מיין יענע שיבת ציון תשוקה, וואָס האָט געשפּילט אַ גוואַלטיקע ראָלע סיי אין אונדזער סאַמע קיום, סיי אין אונדזער אייגנאַרטיקער יצירה אין אַלע גלותן. מיר שיינט, אַז אַ טיפער אַריינבליק אין אונדזער געשיכטע באַרעכטיקט צו פאָרמולירן די באַהויפּטונג, אַז עס איז אַ גרויסער ספק צי אמונה אַליין, אָן דעם דראַנג צו שיבת ציון, וואָלט געווען ביכולת אויפצוהאַלטן דאָס יידישע פאָלק ביים לעבן דורך אַלע זיינע גלותן און פּורעניות. איך מיין יענעם היסטאָרישן דראַנג אין יידישן פאָלק, וואָס האָט דעם ציוניזם געבאָרן.

די פראַגע איז, צי האָט נאָך אָט דער שיבת ציון דראַנג געגוג המשך־זאַפט צו שפּייזן יידישע נשמות? איך בין איבערצייגט, אַז יאָ. היסטאָרישער דראַנג צו שיבת ציון האָט אַלע מאָל פאַרמאָגט אין זיך מער נצחיות־קראַפט אַפילו ווי יידישע מדינהשאַפט.

דער דראַנג צו שיבת ציון איז אַלע מאָל געווען פאַרבונדן, אויסער מיטן שטרעבן צו אייגענער מדינהשאַפט, אויך מיט דעם גאַנצן חזון היהדות, מיט דער מיסיע פון דעם יידישן פאָלק אין דער מענטשהייט; מיט דער משיחישער שטרעבונג

פאַר דער אַלמענטשלעכער גאולה. די דאָזיקע מיסיע ווערט פאַרגעזעצט אפילו נאָך דעם ווי דער „אַחרון היהודי" האָט זיך אומגעקערט קיין ציון. אַלץ, וואָס איז פאַרקערפּערט אין דער יידישער אייגנאַרטיקייט, אַלע ספּעציעלע יידישע שאַפונגען אויף דעם אמונה־געביט, די גאַנצע יידישע נבואה, דאַרף — לויט אונדזער געשיכט־לעכן באַגריף פון שיבת ציון — באַקומען דעם מעכטיקסטן שטויס צו רעאַליזירונג דורך דער צוריק־פאַראייניקונג פון פאָלק ישראל מיט זיין אייגן לאַנד. אַזוי דאַרף מען זען די היסטאָרישע באַדייטונג פון דעם שיבת ציון דראַנג אין אַלע יידישע דורות. מיט גרויסע אָנשטרענגונגען קען מען עס פאַרוואַנדלען אין דעם פּאַקוס, וואָס זאָל צוציִען אויך נייע דורות. דאָס דאַרף ווערן דער צענטראַלער ציל פון דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג אין אונדזער נייִער עפּאָכע.

די ציוניסטישע באַוועגונג מוז העלפן דערפירן דערצו, אַז דער דראַנג צו שיבת ציון זאָל פון דאָס ניי ווערן אַן אייגענע פּערזענלעכע טיפע איבערלעבונג פון וואָס מער יידן. פּרעפּלען אַ תפילה וועגן שיבת ציון און קיבוץ גלויות און ניט איבער־לעבן עס אַליין טיף, אַפילו ווען מען קען עס נאָך דערוויַיל פּערזענלעך ניט מגשים זיין, איז דאָס זעלביקע ווי פּרעפּלען אַ תפילה צו גאָט ניט האָבנדיק גאָט אין האַרצן. אונדזערע אָבות האָבן געהאָפט אויף משיחן און האָבן עס טאַקע געמיינט. אחכה לו בכל יום שיבוא, אַפילו ווען ער וועט זיך פאַרזאַמען, איז געווען אַ טיפע אינערלעכע איבערלעבונג. אין אונדזער דור און אין די נייע דורות דאַרפן מיר שטרעבן צו דערגרייכן אַן ענלעכע מדרגה פון דערהייבונג, וואָס אונדזערע פריערדיקע דורות האָבן געשפּירט אין בענקען נאָך משיחן. נאָר דאָ, ווען מיר וועלן מיט אונדזער גאַנצן באַוווסטזיין, טאַקע בכל לב ובנפש, שטרעבן זיך אַליין אַריינצוברענגען אין פּראָצעס פון קבוץ גלויות, וועלן מיר דערגרייכן קודם כל התרוממות הנפש, וואָס גיט געבורט צו שעפערישקייט נאָך זייענדיק אין גלות, און מיר וועלן אויך דערציען ממשותדיקע עולים. דורך דעם, וואָס עס איז איצטער פאַראַן די פרייע מעגלעכקייט צו פאַרווירקלעכן פּערזענלעכן שיבת ציון, ווערט די ווירקונג־מעגלעכקייט פון דעם שיבת ציון דראַנג נאָך פאַרשטאַרקט; זי באַקומט אַ טיפערן תוך.

אין יענעם טאָג, ווען אָט דער שיבת ציון דראַנג וועט האָבן דורכגעדרונגען דעם רוב מנין ובנין פון פאָלק, וועט די ציוניסטישע באַוועגונג זיך גאַנץ רויק מעגן אויפלייזן. ביז דאַן — און ליידער וועט עס נאָך געדויערן אַ לאַנגע צייט — האָט די ציוניסטישע באַוועגונג פאַר זיך, אויסער די צילן פון ביצור המדינה מיט אַלע יידן צוזאַמען, אויך דעם עקסקלוזיוון ציל: שיבת ציון און אַלע מצוות מעשיות, וואָס זיינען מיט דעם פאַרבונדן.

*

אויב מען נעמט אָן אַז דעם צענטראַלן פּאַקוס פאַרן וועלט־ציוניזם, ווערט ממילא קלאָר, אַז זיינע איצטיקע אָרגאַניזאַציע־פאָרמען זיינען דערצו ניט צוגעפּאַסט. די ציוניסטישע באַוועגונג מוז פון דאָס ניי זיך פאַרוואַנדלען אין אַ באַוועגונג, וואָס קעמפט פאַר איר פילאָזאָפישן צוגאַנג צו דער יידישער געשיכטע, וואָס שיבת ציון איז זיין פּאַקוס. זי מוז זיך גרייטן צו אַ לאַנגן געראַנגל אין דעם יידישן לעבן, פּונקט ווי עס האָבן זיך געגרייט די ראשונים פון אַלע ציוניסטישע ריכטונגען מיט איבער

50 יאָר צוריק. זי מוז זיך אויפהערן יאָגן נאָך גרויסע צאָלן. זי מוז בעיקר מאָבי־ליזירן אַלע יענע, וועלכע טראָגן אין זייערע נשמות דעם שיבת ציון דראַנג און זיינען גרייט אָט די תשוקה צו העלפן פלאַנצן אין וואָס מער יידישע הערצער, בעיקר אין נייע דורות.

זאָל דאָ געמאַכט ווערן די זייטיקע באַמערקונג: אַפילו די ספּעציעלע פּאָליטישע איינשטעלונגען פון אונדזערע רעוויזיאָניסטן געפינען אויך זייער אָרט אין דעם שיבת ציון פּאָקוס. שיבת ציון מיינט ניט נאָר דאָס אומקערן זיך פון יידן נאָך ציון, עס מיינט אויך דאָס אומקערן פון ציון צום יידישן פאָלק. ווער עס מיינט, אַז ניט גאַנץ ציון איז שוין אומגעקערט צום יידישן פאָלק, מעג אויך אָט דעם דראַנג אַנטוויקלען אין יידישע הערצער, ווי אַ טייל פון דעם ציוניסטישן חזון.

*

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט לענגער וועגן דעם פּראָבלעם פון דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג, ווייל פאַר איר שטייט, נאָך מיין מיינונג, זייער שאַרף די פראַגע פון זיין אָדער ניט זיין. איך קען אָבער שטאַרק מקצר זיין אין די אַנדערע צוויי פּונקטן: וועגן דער ראָלע פון די ניט־ציוניסטן און דעם ספּעציעלן אינטערעס פון דער מדינה.

די ראָלע פון די ניט־ציוניסטן איצטער קען ניט זיין צופרידנשטעלנדיק ניט פאַר זיי, ניט פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג. זיי אַליין געפינען זיך אין דעם ניט־אָנגענומען צושטאַנד, וואָס באַטייליקנדיק זיך אין זאַמלען די בודזשעטן פאַר דער מדינה, האָבן זיי ניט קיין דעה אין באַשטימען ווי דאָס געלט זאָל פאַרוועגדט ווערן. די ציוניסטישע באַוועגונג געפינט זיך אין דער אומאַנגענעמער לאַגע, וואָס זייענדיק דאָך שותפים מיט ניט־ציוניסטן אין זאַמלען בודזשעטן, פילן זיי זיך שטאַרק געפּענטעט אין דורכפירן זייערע ספּעציעלע ציוניסטישע אַרבעטן, מיט וועלכע די ניט־ציוניסטן זיינען ניט מסכים.

דער ספּעציעלער אינטערעס פון דער מדינה באַשטייט אין דעם, צו געפינען וועגן ווי אַזוי מער משתף צו זיין די ניט־ציוניסטן, סיי אין אַחריות פאַר אַלע אַרבעטן, וואָס האָבן צו טאָן מיט ביצור המדינה, סיי זיי זאָלן באַקומען מער רעכט מיטצובאַשטימען אין די ווירטשאַפטלעכע אַרבעטן, וואָס ווערן געטאָן אין דער מדינה און אין די פּאָליטישע אַרבעטן, וואָס דאַרפן געטאָן ווערן אין אַלע תפוצות. עס איז קלאָר, אַז דורך באַקומען מער רעכטן, וואָלט זייער אַחריות ממילא שטאַרקער געוואָרן.

די פראַגע איז דעריבער: וועלכע אָרגאַניזאַציע־פאָרעם וואָלט אַמבעסטן גע־קענט פאַרענטפערן די אויבנדערמאָנטע פראַגן סיי פון דער מדינה, סיי פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, סיי פון די ניט־ציוניסטן.

מיין ענטפער איז, אַז אין דער יידישער וועלט דאַרפן עקזיסטירן צוויי באַזונ־דערע וועלט־ראַמען: איינע אַן אַליידישע פאַר אַלע יענע אַרבעטן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט ביצור המדינה, און די צווייטע איז די ציוניסטישע וועלט־ראַם. זי איז אַ טייל פון דער אַליידישער ראַם אין אַלע אַרבעטן פאַר ביצור המדינה און פירט אָן אירע אייגענע אַרבעטן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט שיבת ציון און קיום העם.

די אַלײדישע ראַם װערט צוזאַמענגעשטעלט ניט פון יחידים, נאָר פון אַלע אָרגאַניזירטע ייִדישע קערפּערשאַפטן, װעלכע פונקציאָנירן אין ייִדישן לעבן, ציוניסטישע און ניט־ציוניסטישע. דערמיט װערט ניט געמיינט קיין באַנייטע אויסגעבריײטערטע ייִדישע אַגענץ. זי דאַרף ניט זוכן קיין סטרוקטור פון 50—50. קיינער דאַרף אין דער דאָזיקער ראַם זיך ניט פאַרזיכערן מיט אַ מאַיאָריטעט, אָדער זיך פאַרפאַנצערן קעגן אַ מאַיאָריטעט. אַלע האָבן דאָרטן דעם גלײכן אינטערעס. אַלע זײנען דאָרט מיט גלײכע פליכטן און גלײכע רעכטן. נאָך דעם װי אָט די אַלײדישע ראַם פונקציאָנירט אַ געװיסע צײט — זאָגן מיר, אַ יאָר צײט — שטימט צו די ציוניסטישע באַװעגונג, אַז בהסכם מיט דער כנסת, זאָל דער ספּעציעלער סטאַטוס, װאָס דער כנסת־געזעץ האָט אָנערקענט פאַר דער ציוניסטישער װעלט־באַװעגונג, אַריבערגעטראָגן װערן צו אָט דער נײער װעלט־אָרגאַניזאַציע, װאָס װעט זײן די װירקלעכע רעפּרעזענטאַנץ פון ייִדישן פאָלק כלפּי דער ייִדישער מדינה. אַלע פליכטן, װאָס די ציוניסטישע באַװעגונג האָט אויף זיך גענומען פאַר ביצור המדינה, פירט זי אין און דורך דער נײער אַלײדישער ראַם.

די ציוניסטישע ראַם פירט נאָך אויסער דעם אָן זעלבשטענדיק אַלע אַרבעטן, װאָס זײנען פאַרבונדן מיט שיבת ציון. אויסרעכענען זײ דאַרף איך דאָ ניט. בעיקר װעט די אַרבעט זיך דאַרפן קאָנצענטרירן אויפן שטח פון דערציִונג. קיבוץ־גלויות דאַרף פאַרנעמען אַ צענטראַלן פונקט אין דער דערציִונג. פאַר אַמעריקע דאַרף עס, נאָך מײן מײנונג, פאָרמולירט װערן אַזױ: די ציוניסטישע באַװעגונג שטעלט עס װי איר ציל אָנצוהייבן אַרײנפירן דאָס אַמעריקאַנער ייִדנטום אין פּראָצעס פון קיבוץ גלויות. געגנוג נאָר אַרויסצוזאָגן אָט דעם ציל און עס װערט קלאָר, װאָס פאַר אַ גרויסע אויפגאַבע און װאָס פאַר אַ שװערע אַרבעט עס װעט אויף זיך נעמען דער אָרגאַניזירטער ציוניזם אין אַלע פרײע לענדער.

צוזאַמען מיט די אויפגאַבעס, װאָס די ציוניסטישע באַװעגונג װעט האָבן דורכצופירן אין דער ברײטער, אַלײדישער ראַם, װערט דער אַרבעטס־שטח פון אָרגאַניזירטן ציוניזם אין אונדזער תקופה נישט שמעלער, נאָר אַ סך ברײטער. די ציוניסטישע באַװעגונג מוז דעריבער שטאַרקער װערן װי זי איז. זי דאַרף אָבער איר שטאַרקײט זוכן בעיקר אין טיפערער באַװוסטזיניקײט און ניט בלויז אין גרעסערע צאָלן. אירע אײגענע אָרגאַניזאַציע־פאָרמען מוז זי צופּאַסן צו איר ציל: צו װערן פון דאָס נײ אַ באַװעגונג מיט אַ נאַציאָנאַל־רעװאָלוציאָנערן אימפּעט, װאָס האָט דורכצופירן אַ גרויסע אויפגאַבע אין אונדזער נײער תקופה, אפשר ניט קיין קלענערע, װי זי האָט אויסגעפירט אין דעם פאַרגאַנגענעם האַלבן יאָרהונדערט.

*

בנוגע בודזשעטן איז אַזױ: אין יענע לענדער, װו די ישראל־קאַמפּײנען װערן געפירט דורך די ציוניסטן, װערט באַשטימט אַ געװיסער פּראָצענט פון די געזאַמלטע געלטער פאַר די ספּעציעלע ציוניסטישע אַרבעטן. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דער גרעסטער טײל גײט פאַר די אַרבעטן פון ביצור המדינה. אָבער די אַרבעטן פון שיבת ציון קריגן זײער באַשטימטן פּראָצענט, װעלכע די ציוניסטישע באַװעגונג פאַרװענדט װי זי געפינט פאַר נײטיק. אין לענדער, װי די פאַראײניקטע שטאַטן,

למשל, ווו עס ווערט געפירט אַ פּאַראייניקטער יידישער קאַמפּיין, קענען זיין צוויי אויסוועגן: אָדער עס ווערט דערלויבט דער ציוניסטישער באַוועגונג צו פירן אַ באַזונדערן קאַמפּיין פאַר אירע באַזונדערע אַרבעטן; אָדער זי קומט צו אַ הסכם מיט דעם פאַראייניקטן קאַמפּיין צו באַקומען אַ געוויסן פּראָצענט פאַר אירע אַרבעטן, כדי דער פאַראייניקטער קאַמפּיין זאָל ניט האָבן קיין נייעם קאָנקורענט.

אָט דאָס, געערטער קאָנגרעס, איז מיין ראַדיקאַלער פּלאַן. עס בלייבט מיר נויטיק קלאָר צו מאַכן, וואָס, נאָך מיין מיינונג, דער קאָנגרעס דאַרף טאָן מיט אָט דעם ראַדיקאַלן פּלאַן, אויב ער איז פּרינציפּיעל מסכים מיט זיין תוכן.

דער קאָנגרעס דאַרף דאַן, אין נאָמען פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, זיך ווענדן מיט אַ דערקלערונג צו אַלע יידישע אָרגאַניזירטע קערפּערשאַפטן, וואָס זאָל זאָגן קלאָר און דייטלעך: די ציוניסטישע וועלט־באַוועגונג איז גרייט זיך צו טיילן סיי מיט אַחריות, סיי מיט רעכטן, מיט אַלע יידישע קערפּערשאַפטן, וואָס זיינען ניט אָרגאַניזירט ספּעציעל פאַרן ציוניזם. זי איז גרייט דעריבער אַריינצוטרעטן אין אַ נייער אַליידישער ראַם, וואָס זאָל אַרומנעמען אַלע יידן פאַר אַלע אַרבעטן אויפן שטח פון ביצור המדינה. די ציוניסטישע באַוועגונג באַשטייט אָבער ניט אויף דעם, אַז נאָר אויף אַזאַ אופן איז זי גרייט אויף שותפות מיט ניט־ציוניסטן אין דער אַרבעט פאַר מדינת ישראל. אויב די יידישע ניט־צוליב־ציוניזם־אָרגאַניזירטע קערפּערשאַפטן זיינען נאָך ניט גרייט צו נעמען אויף זיך אַזאַ אַחריות און זיינען נאָך ניט גרייט אויך צו געניסן פון די רעכטן, וואָס דער דאָזיקער פּלאַן גיט זיי, דאַן איז די ציוניסטישע באַוועגונג מסכים משתף־פּעולה זיין מיט די ניט־ציוניסטן אין דער מאָס, צו וועלכער זיי, די ניט־ציוניסטן, זיינען יאָ גרייט. דאַן קען מען אָננעמען אָדער די פאָרשלאָגן פון ד״ר גאָלדמאַן, אָדער אַנדערע פאָרשלאָגן, וואָס וועלן ניט לייזן ראַדיקאַל די פּראָבלעמען, זיי קענען אָבער דינען ווי צוגרייטונגס־טריט צו דעם ראַדיקאַלן פּלאַן.

די ניט־ציוניסטישע יידישע וועלט דאַרף אָבער וויסן, אַז מצד דער ציוניסטישער באַוועגונג איז דאָ דער פולער הסכם פאַר אַן אמתער און פולשטענדיקער שותפות מיט די ניט־ציוניסטן, ווען נאָר די לעצטע זיינען דערצו גרייט. דער קאָנגרעס דאַרף איבערגעבן דעם אַקציאָנס־קאָמיטעט אַ פולן יפוי־כוח דורכצופירן דעם דאָזיקן פּלאַן, אויב, און אַזוי שנעל, ווי די ניט־ציוניסטן זיינען דערצו גרייט, ניט וואַרטנדיק אויף אַ נייעם קאָנגרעס.

עס נייטיקט זיך נאָך אַ צוגאָב. איך האָב געזאָגט פון אָנהייב, אַז דער פּלאַן איז אויסן אַריינצוטראָגן קלאָרקייט אין די קעגנזייטיקע באַציִונגען צווישן אַלע דריי כוחות, וואָס ווירקן אין אונדזער עפּאָכע: דאָס יידישע פאָלק, מדינת ישראל און די ציוניסטישע באַוועגונג. די לעצטע צוויי האָבן קלאָרע אַדרעסן. די ציוניסטישע באַוועגונג, אַפילו אַן אָפּגעשוואַכטע, האָט דאָך אַ בולטן אַדרעס. ניט אַזוי דאָס יידישע פאָלק. די איינשטעלונג פון געוויסע ציוניסטן, אַז די ציוניסטישע באַוועגונג איז נאָך אַלץ דער רעפּרעזענטאַנט פון יידישן פאָלק פאַר אַלע אַרבעטן אין שטח פון ביצור המדינה קען, נאָך מיין מיינונג, ניט אָנגענומען ווערן. אָבער פונקט אַזוי קען ניט אָנגענומען ווערן דער צווייטער עקסטרעם, וואָס זאָגט, אַז אַנשטאָט דער

ציוניסטישער באַוועגונג, אָדער אַפילו פּאַראַלעל צו איר, דאַרף אויפגעשטעלט ווערן אַן אָרגאַניזאַציע פון פריינד פון מדינת ישראל. אַזאַ אָרגאַניזאַציע וועט נאָך ווייניקער זיין באַרעכטיקט צו רעפּרעזענטירן דעם יחס פון גאַנצן יידישן פאָלק צו מדינת ישראל, ווי די ציוניסטישע באַוועגונג. אויסער דעם וועלן נאָך דאַרפן אַוועקגיין צענדליקע יאָרן ביז אַזאַ נייע אָרגאַניזאַציע וועט מאָביליזירן אַזוי פיל מיטגלידער ווי די ציוניסטישע באַוועגונג פאַרמאַגט, אַפילו אין אָפּגעשוואַכטן צושטאַנד. איך גיי שוין גאָר ניט אַריין אין דעם גאַנצן פּלאָנטער פון באַציִונגען, וואָס אַזאַ נייע אָרגאַניזאַציע קען אַריינטראָגן צווישן די פאַרשיידענע קערפּערשאַפטן, וואָס פירן איצטער ממשותדיקע אַרבעטן פאַר מדינת ישראל. דער איינציקער וועג, ווי אַזוי דאָס יידישע פאָלק זאָל אין זיין באַציִונג צו מדינת ישראל אויך באַקומען אַ קלאָרן אַדרעס, אַן אַדרעס, וואָס זאָל באמת רעפּרעזענטירן דאָס גאַנצע יידישע פאָלק, איז דורך דעם פאָרגעשלאָגענעם פּלאַן, וואָס איך האָב דעם כבוד צו ברענגען פאַרן קאָנגרעס.

געערטער קאָנגרעס!

זינט דער אויפשטעלונג פון דער מדינה, ראַנגלט זיך די ציוניסטישע באַוועגונג צו געפינען איר אָרט און איר ראָלע אין דער נייער תקופה אין דער יידישער געשיכטע. דער אַלטער אָנזאָג פון „בשוב ד׳ את שיבת ציון היינו כחולמים״ איז, מער ווי אויף אַנדערע גרופּן אין יידנטום, מקוים געוואָרן אויף אונדז ציוניסטן. מיר, מער ווי אַנדערע יידן, זיינען פאַרבלענדט געוואָרן פון דעם גרויסן ליכט, וואָס האָט אויפגעשיינט. ניטאָ זיך וואָס צו שעמען דערמיט. די דאָזיקע פאַרבלענדעניש טאָר זיך אָבער ניט ציִען לאַנג. עס איז געקומען די צייט צו רעכענען זיך מיט דער נייער ווירקלעכקייט. זי איז דאָך גאָר ניט אַזוי קאָמפּליצירט. פאַראַן אַ שטח פון אַרבעט, ביצור המדינה, וואָס אַלע יידן ווילן זי, מוז מען געפינען אַזאַ אָרגאַניזאַטאָרישע ראַם, אין וועלכער אַלע אָרגאַניזירטע יידן זאָלן אין איר אַריינטרעטן מיט גלייכע רעכטן און מיט גלייכע פליכטן. די ציוניסטישע וועלט־באַוועגונג ווערט אַ טייל פון אַט דער וועלט־ראַם און ווירקט דאָרטן אויס אַלע אירע איניציאַטיוועס און אַלע אירע טיפע פאַרבינדונגען מיט מדינת ישראל. זי אַליין, די ציוניסטישע באַוועגונג, האָט אָבער, אין צוגאָב דערצו, איר אייגענעם עקסקלוזיוון ציל, אַרום וועלכן זי קאָנצענטרירט איר באַזונדערע אַרבעט — אַלץ וואָס פירט צו שיבת ציון.

איינער פון די וויכטיקסטע פאַקטאָרן, וואָס האָבן אַריינגעבראַכט טיפע שינויים אין אונדזער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג און האָבן אונדז געשטעלט פאַר נייע פּראָבלעמען אין דער תקופה, אין וועלכער מיר לעבן, איז געווען דאָס, וואָס דער שווערגעוויכט פון גלות־יידנטום איז אַריבערגעטראָגן געוואָרן פון אייראָפּע צו די אַנגלאָזאַקסישע און לאַטיין־אַמעריקאַנישע לענדער. אין אַט דעם פּראָצעס זיינען אָפּגעשוואַכט געוואָרן אַ סך נאַציאָנאַל־יידישע לעבנס־פאָרמען און טיפע נאַציאָנאַל־יידישע שפּירונגען זיינען פאַרבלאַסט געוואָרן. צווישן אַנדערע איז באַדייטנדיק אָפּגעשוואַכט געוואָרן דער שיבת ציון־דראַנג. אָפּגעשוואַכט, אָבער ניט אין גאַנצן אויסגעלאָשן געוואָרן. די ציוניסטישע באַוועגונג איז באַרופן צוריק פונאַנדערצובלאָזן דעם שיבת ציון־פונק אין יידישע הערצער. וועט עס איר געלינגען, וועט

זי אָנהייבן שרייבן אַ נייעם קאַפּיטל אין דער מאָדערנער יידישער געשיכטע, וואָס וועט זיין פון אַזאַ באַדייטונג, ווי דער קאַפּיטל, וואָס זי האָט אַריינגעשריבן פון די ערשטע טעג פון די בילויים, ביז דעם הערלעכן טאָג פון הקמת המדינה.

זי מוז דערצו מאָביליזירן איר פולן רעוואָלוציאָנערן אימפּעט, וועלכן זי האָט אַריינגעבראַכט אין דער יידישער געשיכטע דורך די ערשטע בילויים מיט אַכציק יאָר צוריק, האָט געקראָגן איר גרעסטן שטויס מיט דער דערשיינונג פון ד״ר הרצל און האָט באַקומען איר וויכטיקסטן יסוד אין הגשמה עצמית, וואָס די צווייטע עליה האָט פּראָקלאַמירט. אַזאַ רעוואָלוציאָנערער אימפּעט איז נייטיק פאַרן ציוניזם אין אונדזער נייער תקופה. איך גלייב באמונה שלמה, אַז דורך דער ציוניסטישער באַוועגונג, אין אַלע אירע אַנטפּלעקונגען, האָט פאַר די לעצטע 80 יאָר געראַטעוועט דער שׂר פון אונדזער אומה. איך בין איבערצייגט, אַז אונדזער באַוועגונג קען אויך אין דער נייער תקופה דינען ווי די אַקס, אַרום וועלכער עס דרייט זיך אונדזער ווייטער־דיקע יידישע געשיכטע, און ווי איר צונג, וואָס גיט איר אויסדרוק. דערצו נייטיקט זיך מוט צו ראַדיקאַלע ענדערונגען אין אונדזער אָרגאַניזאַציע־לעבן. איך האָף, אַז דער דאָזיקער מוט וועט קלעקן פאַר אַזעלכע גרויסע ראַדיקאַלע שינויים. דעם דאָזיקן מוט מוז דער היינטיקער 24טער קאָנגרעס דעמאָנסטרירן אָפן פאַר דער גאַנצער יידישער וועלט.

*

ווי געזאָגט — די דעמאָלטדיקע ציוניסטישע פירערשאַפט האָט דעם פּלאַן ניט געשענקט קיין אויפמערקזאַמקייט. ווען מען האָט זיך גענומען גרייטן צום 25סטן ציוניסטישן קאָנגרעס, האָב איך ווידער אויפגעהויבן די פראַגע — דאָס מאָל שריפט־לעך — אין „פאָלק און ציון״. און ווידער איז עס געבליבן אָן אַן אָפּקלאַנג. האָב איך דאָס זעלבע געטאָן צווישן דעם 25סטן און 26סטן קאָנגרעס. דעם גאַנצן מאַ־טעריאַל קען איך דאָ ניט ברענגען. איך וועל דעריבער בלויז ברענגען גרעסערע ציטאַטן פון דעם, וואָס איך האָב געשריבן נאָענט צום 25סטן און צום 26סטן קאָנ־גרעס און דערמיט שליסן אָט דעם פּרק.

אין „פאָלק און ציון״ פון יולי 1960 האָב איך געשריבן:

אין פאַרבינדונג מיטן קומענדיקן ציוניסטישן קאָנגרעס איז ווידער אויפגע־שווומען דער גרויסער וויכוח וועגן דער צוקונפט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. די פראַגע ווערט איצט אַזוי פאָרמולירט: צי וועלן די אַרבעטן, וואָס דאָס יידישע פאָלק אין חוץ־לארץ איז גרייט צו טאָן אין און פאַר מדינת ישראל געמאַכט ווערן דערפאָלגרייכער דורך דער איצטיקער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַ־ניזאַציע, אָדער דורך אַ ניי אויפגעשטעלטער אַלוידישער קערפּערשאַפט? טראַכטנ־דיק וועגן דער דיסקוסיע האָב איך זיך דערמאָנט אָן אַ שאַרפן וואָרט, וואָס דער פאַרשטאָרבענער עסייִסט לאַצקי־בערטאָלדי האָט אַ מאָל געזאָגט.

מען האָט אים געבעטן פאָרמולירן אין קורצע ווערטער די אויפגאַבעס פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג, פון וועלכער ער איז געווען אַ מיטגליד. האָט ער געענטפערט:

„אונדזערע אויפגאַבעס זיינען אַרויסצוציִען אָדערן״.

עס איז ניט נויטיק צו דערקלערן וואָס דער אויסדרוק „אַרויסציִען אָדערן" האָט באַטייט אין מויל פון פּאָלק. לאַצקי־בערטאָלדי האָט אַזוי אויפגעקלערט זיין קורצן פּסוק:

„ס'איז דאָ אַ פּלוגתא אין יידישע קרייזן וועגן „סאָציאַליזם אָדער ציוניזם", ציִען מיר אַרויס דעם אָדער" און זאָגן: „ציוניזם און סאָציאַליזם". ס'איז דאָ אַ צווייטע פּלוגתא: „גלות אָדער אַ יידישע מדינה", ציִען מיר ווידער אַרויס דעם „אָדער" און זאָגן: מען מוז פירן אַרבעט אין גלות, אָבער גלייכצייטיק בויען אַ יידישע מדינה. און עס איז דאָ אַ דריטע פּלוגתא: „העברעיִש אָדער יידיש". זאָגן מיר: „אַנטוויקלען סיי העברעיִש סיי יידיש".

היינט וויל איך נעמען אויף זיך די אויפגאַבע אַרויסצוציען אַזאַ „אָדער". ווען די פראַגע איז אַוועקגעשטעלט: די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע — אָדער אַן אַליידישע קערפּערשאַפט, צי איך אַרויס דעם „אָדער" און זאָג: מיר מוזן האָבן ביידע.

פון דעם איז קלאָר, אַז איך נעם ניט אָן, ניט די שטעלונג פון חבר דוד בן־גוריון, ניט די שטעלונג פון חבר משה שרת און ניט די שטעלונג פון דער מפא"י־צענטראַלע, וואָס איז אַ מין פּשרה צווישן זיי ביידע. איך נעם אַפילו ניט אָן די בשותפותדיקע רעזאָלוציע, אויף וועלכער עס האָבן זיך געאייניקט די ישראל־רעגירונג מיט דער ציוניסטישער וועלט־עקזעקוטיווע.

ווייס איך, אַז מיטן אַרויסגיין קעגן אַלעמען האָב איך גענומען אויף זיך אַ שווערע אַחריות. איך בין מחויב עס צו באַגרינדן. אָבער איידער איך גיי אַריבער צו דער באַגרינדונג, וויל איך בקיצור פאָרמולירן מיין אייגענעם צוגאַנג צו דער פראַגע.

*

ווען די מדינה עקזיסטירט, דאַרפן אין דער יידישער גלות־וועלט פונקציאָנירן צוויי באַזונדערע וועלט־אָרגאַניזאַציעס פאַר אַרבעט אין ישראל: איינע אַן אַליידישע און די צווייטע — די ציוניסטישע. די ערשטע דאַרף מען בויען פון דאָס ניי און אין דער צווייטער דאַרפן אַריינגעבראַכט ווערן וויכטיקע שינויים. די ערשטע דאַרף גע־בויט ווערן דורך עקזיסטירנדיקע יידישע אָרגאַניזאַציעס. יחידים האָבן אין איר קיין פּלאַץ ניט. וועגן די ענדערונגען אין דער צווייטער וועט שפּעטער זיין די רייד.

מען מוז קלאָר דעפינירן די באַזונדערע אַרבעט־שטחים פון די ביידע קער־פּערשאַפטן. די ברייטע אַליידישע קערפּערשאַפט פירט אָן מיט אַלע אַרבעטן וואָס יידן פון חוץ־לארץ זיינען גרייט צו טאָן פאַר און אין מדינת ישראל, כדי צו פאַר־פעסטיקן און פאַרזיכערן איר קיום. זי פירט אויך אויפן אינטערנאַציאָנאַלן פאָרום דעם פּאָליטישן געראַנגל פאַר דער מדינה, ווו נאָר עס דראָט איר אַ סכנה. אין אָט דער אַליידישער אָרגאַניזאַציע שליסן זיך אָן אַלע טיילן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, מיט די זעלביקע רעכט און פליכטן וואָס די אַנדערע אָרגאַניזאַציעס. די אַליידישע אָרגאַניזאַציע איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער פינאַנסירונג פון אַלע אירע טעטיקייטן אין ישראל. זי זאַמלט דאָס געלט און באַשטימט ווי אַזוי עס צו פאַרווענדן. איך רעכן אַז אין אַזאַ אַליידישער וועלט־אָרגאַניזאַציע וועלן זיך אָנשליסן אַלע וויכטיקע קערפּערשאַפטן, וועלכע האָבן באַוויזן זייערע פּאָזיטיווע באַציִונגען

צו מדינת ישראל. עס וועלן אין איר ניט אַריינטרעטן די יידישע קאָמוניסטן, די נטורי־קרתא אָנהענגער און די אַמעריקאַנער „דזשודאַיסטן". זיינען זיי, ערשטנס, אַ קליינע מינדערהייט, און די מערסטע פון זיי ווילן גאָר אַליין ניט געהערן צום יידישן פאָלק. די אָרגאַניזאַציעס, וועלכע וועלן גרייט זיין זיך אָנצושליסן, פאַרטרעטן דעם רוב־מנין ובנין פון יידן אין חוץ־לארץ. די אַלויידישע קערפּערשאַפט וועט דעריבער זיין דער פּאַסיקסטער שותף צו מדינת ישראל אין אַלע טעטיקייטן פאַר פאַרפעסטיקן די מדינה. נאָך דעם ווי אָט די קערפּערשאַפט וועט פונקציאָנירן — זאָגן מיר — אַ יאָר, דאַרף צו איר אַריבערגעטראָגן ווערן דער סטאַטוס, וואָס די כנסת האָט געגעבן דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע.

די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע נעמט אויף זיך — אין צוגאָב צו איר באַטייליקונג אין דער גרויסער אַלויידישער קערפּערשאַפט — ספּעציעלע אויפגאַבעס. זי נעמט אויף זיך דורכצופירן יענע נאָך־ניט־דורכגעפירטע טיילן פון דער ציוניסטישער אידייע, וועלכע די אַלויידישע אָרגאַניזאַציע איז נאָך ניט גרייט איבערצונעמען. איך וואָלט אָט די אויפגאַבן אַזוי פאָרמולירט: איינוואָרצלען אין די קומענדיקע יידישע דורות די תשוקה צו שיבת ציון דורך אַ פאַרטיפטער חינוך־אַרבעט, און וועלכער דאָס שטרעבן צו קיבוץ־גלויות פאַרנעמט דעם צענטראַלן אָרט. דער ציוניזם אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט נאָך אַ צוגאָב־אויפגאַבע: אַנטוויקלען אינעם אַמעריקאַנער יידנטום די דערקענטעניש, אַז דער היסטאָרישער פּראָצעס פון קיבוץ גלויות שליסט איין אויך זיי גופא.

איך מיין, אַז די ציוניסטישע באַוועגונג האָט דאָ אַ שטח פאַר אַרבעט, וואָס, אויב זי זאָל זיין דערפאָלגרייך, קען זי אין די קומענדיקע 50 יאָר דערפירן צו אַזעלכע דערגרייכונגען, וואָס זאָלן זיין ניט ווייניקער היסטאָריש־וויכטיק, ווי אירע דערגרייכונגען אין די לעצטע 50 יאָר, וועלכע האָבן דערפירט צום אויפקום פון דער מדינה.

✶

אַזוי שטעל איך זיך פאָר דעם ענטפער אויף דער פראַגע, וואָס מיר באַהאַנדלען. פון דעם איז קלאָר, אַז איך נעם ניט אָן בן־גוריונס איינשטעלונג, אַז די ציוניסטישע באַוועגונג האָט שוין פאַרענדיקט אירע פונקציעס. איך זאָג אָבער, אַז אין אונדזער תקופה קענען מיר זיך ניט באַנוגענען מיט דער ציוניסטישער באַוועגונג אַליין. פאַראַלעל מיט איר מוז פונקציאָנירן די אַלויידישע וועלט־ראַם. איך נעם אויך ניט אָן בן־גוריונס געדאַנק, אַז דער חוץ־לארצדיקער שותף דאַרף צעפּיצלט ווערן. דערצו גלייב איך ניט, אַז דער חוץ־לארצדיקער שותף — אַ פאַראייניקטער ווי איך וויל, אָדער אַ צעפּיצלטער ווי בן־גוריון שטעלט זיך פאָר — קען אויפגעבויט ווערן דורך די אינסטרומענטן, מיט וועלכע עס דיספּאָנירט די ישראל־רעגירונג. היות ווי פון זיך אַליין וועט דאָך די אַלויידישע אָרגאַניזאַציע ניט אַנטשטיין, זע איך פאַר דער באַנייטער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג אַ זייער וויכטיקע ראָלע אין העלפן אויפבויען דעם חוץ־לארצדיקן שותף. כדי אָט די פונקציע דורכצופירן, מוז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע זיך אויפהערן איינצורייידן, אַז זי אַליין קען פאַרוואַנדלט ווערן אין אַזאַ אַלוועלטלעכער אַלויידישע רעפּרעזענטאַנץ, וואָס זאָל זיין דער איינ־

ציקער שותף צו מדינת ישראל אין אַלץ, וואָס יידן פון חוץ לארץ דאַרפן און זיינען גרייט צו טאָן פאַר דער מדינה.

מיינע אַרגומענטן קעגן בן־גוריונס איינשטעלונגען וועל איך באַלד אַרויס־ברענגען. קודם דאַרף איך אַרויסברענגען מיינע אַרגומענטן קעגן די רעזאָלוציעס, סיי פון מרכז מפא״י, סיי פון דער שותפותדיקער רעזאָלוציע פון דער ישראל־רעגירונג און דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע.

✶

די דאָזיקע רעזאָלוציעס האַלטן זיך אויף צוויי יסודות: די „אמנה" — דער קאָנטראַקט — צווישן דער ישראל־רעגירונג און דער ציוניסטישער וועלט־עקזע־קוטיווע און דער באַשלוס פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט וועגן אויסברייטערונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. אָט דיביידע יסודות פרעג איך אָפּ. און ממילא פאַלן אויך אַוועק די רעזאָלוציעס.

איך פרעג אָפּ די „אמנה", ווייל איך בין איבערצייגט, אַז אין די איצטיקע באַדינגונגען קען זי ניט דורכגעפירט ווערן. די ציוניסטישע עקזעקוטיווע איז אַוודאי געווען גערעכט אין איר טענה, אַז די ישראל־רעגירונג האָט ניט דורכגעפירט די „אמנה". די רעגירונג, פון איר זייט, איז געווען געצוווּנגען צו פאַרשפּרעכן, אַז אין דער צוקונפט וועט זי זיך באַמיִען דורכצופירן די „אמנה". די רעגירונג קען די „אמנה" ניט אַנולירן, ווייל זי איז באַשטעטיקט געוואָרן דורך דער כנסת. אָבער סיי די פאָרמעלע גערעכטיקייט פון דער עקזעקוטיווע, סיי דער געצוווּנגענער צוזאָג פון דער רעגירונג קענען ניט ענדערן די באַדינגונגען, וועלכע האָבן געפירט דערצו, אַז די „אמנה" זאָל פאַרלירן איר באַדייטונג. אָט די באַדינגונגען בלייבן אַזוי לאַנג, ווי עס וועט ניט אויפגעשטעלט ווערן די אַלייִדישע קערפּערשאַפט. די רעגירונג קען ניט און טאָר גאָר ניט אָפּשיקן אַ יידישע אָרגאַניזאַציע, וואָס וויל אויף איר אופן טאָן עפּעס פאַר אָדער אין ישראל, צו די אָרגאַנען פון דער יידישער אַגענץ צו באַקומען איר הסכמה אויף די געפּלאַנטע אַרבעטן. זי טאָר אַפילו ניט פאַרפליכטן די אַנדערע קערפּערשאַפט צו באַראַטן זיך מיט אָרגאַנען פון דער סוכנות. אין דעם פונקט זיינען גערעכט בן־גוריון און גאָלדע מאיר ווען זיי זאָגן, אַז די רעגירונג טאָר ניט דערלאָזן צו שאַפן אַ מחיצה צווישן איר און ניט־ציוניסטישע קערפּער־שאַפטן.

אויב עמעצער וועט טענהן, אַז די רעגירונג האָט דאָך פאָרט מסכים־געווען צו דער רעזאָלוציע און האָט דורך דעם אָנערקענט איר פליכט צו דערפילן פונקטן פון דער „אמנה", וועל איך ענטפערן: אַז פאַר דער נייער רעזאָלוציע האָט די רעגירונג אויך ניט אָפּגעלייקנט איר פליכט דורכצופירן די „אמנה", פון דעסטוועגן האָט זי עס ניט געטאָן. איך זאָג, אַז זי האָט עס ניט געקענט טאָן, און די נייע רעזאָלוציע וועט אויך ניט ענדערן דעם צושטאַנד. זי וועט נאָר גורם זיין צו נייע עגמת נפשן פאַר ביידע צדדים.

✶

וועגן דעם באַשלוס פון אַקציאָנס־קאָמיטעט אויסצוברייטערן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע זאָג איך, אַז בנוגע דעם פונקט איז די ציוניסטישע פירערשאַפט

מלכתּחילה געגאַנגען ניט אויפן ריכטיקן וועג. די דאָזיקע פירערשאַפט האָט געהאָפט, אַז נאָך דעם אויפקום פון דער מדינה וועלן אַלע יידן, וועלכע האָבן מיט אַזאַ פרייד אָנגענומען די בשורה פון דער מדינה, אָנהויבן שטראָמען אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אַריין. האָט די פירערשאַפט געזוכט צוצופאַסן די אָרגאַניזאַטאָרישע ראָמען פאַר די נייע אַריינטרעטער. האָט מען באַשלאָסן אויפצושטעלן אין יעדן לאַנד אַ לאַנד־פעדעראַציע. געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן געחלומט, אַז ווען אַזעלכע פעדעראַציעס וועלן נאָר אויפגעשטעלט ווערן, וועלן אָנהייבן שטראָמען ניט נאָר יחידים, נאָר אויך גאַנצע אָרגאַניזאַציעס. ווען עס איז קלאָר געוואָרן, אַז אויך אין די לענדער ווו פעדעראַציעס זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן, האָט קיינער אַהין ניט געשטראָמט, ניט קיין יחידים, און אַוודאי ניט קיין אָרגאַניזאַציעס, האָט מען זיך אָנגעכאַפּט אָן אַ נייעם געדאַנק. מען דאַרף רופן די אָרגאַניזאַציעס זיך אָנשליסן דירעקט צום ציוניסטישן קאָנגרעס. דאַן וועלן זיי געוויס אָננעמען דעם רוף. מיט אָט דעם לאָזונג גייט איצט די ציוניסטישע פירערשאַפט מיט איר פּרעזידענט בראש. אויף אָט דעם לאָזונג איז באַזירט די פאַראייניקטע רעזאָלוציע פון דער רעגירונג און עקזעקוטיווע. אויף אָט דעם לאָזונג באַזירט אויך די רעזאָלוציע פון מרכז מפא״י. און אויב דער קאָנגרעס וועט אויך אָננעמען אַזאַ רעזאָלוציע, וועט עס געבן דער פירערשאַפט נייע דערמוטיקונג צו גיין אויף דעם וועג. איך בין זיכער, אַז דאָס וועט פירן נאָר צו אַ נייער אַנטוישונג.

✶

איך בין איבערצייגט, אַז כּל־זמן מיר וועלן רופן יידן, סיי יחידים, סיי גאַנצע קערפּערשאַפטן, זיך אָנצושליסן אָן דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וועט קיין ענטפער ניט קומען. אין די איצטיקע באַדינגונגען האָבן יחידים ניט וואָס צו זוכן אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע עפּעס אַזוינס, וואָס זיי קענען ניט באַקומען אין די אָרגאַניזאַציעס, צו וועלכע זיי געהערן שוין. קערפּערשאַפטן אָרגאַניזירטע ניט־צוליב־ציוניזם האָבן נאָך ווייניקער וואָס דאָרטן צו זוכן. ניט דער אינטערעס פון יידישן פאָלק, ניט דער אינטערעס פון מדינת ישראל און אַוודאי ניט דער אינטערעס פון די אָרגאַניזאַציעס גופא נייטיקן זיך אין אַזאַ אָנשלוס. אַזאַ אָנשלוס קען נאָר ברענגען פּרעסטיזש דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. אָבער די ניט־ציוניסטישע יידישע קערפּערשאַפטן זיינען אין דעם ניט שטאַרק פאַראינטערעסירט. די אינטערעסן פון יידישן פאָלק, פון דער מדינה, נייטיקן זיך אין גאָר אַן אַנדער זאַך, וואָס עס איז געווען אונדזער פליכט צו טאָן. מיר האָבן געדאַרפט רופן די אָרגאַניזאַציעס אויפצושטעלן, צוזאַמען מיט אונדז, די נייע אַלליידישע וועלט־קערפּערשאַפט, וועגן וועלכע איך האָב אויבן שוין גערעדט.

✶

אָט דאָס האָבן מיר געדאַרפט טאָן שוין אין יאָר 1951 אויפן 23סטן קאָנגרעס, דער ערשטער קאָנגרעס נאָך דער מדינה־גרינדונג. אויף דער זיצונג פון דער מפא״י־צענטראַלע האָט גאָלדע מאיר אַרויסגעבראַכט אַ ריכטיקן געדאַנק. „אַ שאָד״ — האָט זי געזאָגט — „וואָס אָט דער וויכּוח איז ניט געפירט געוואָרן מיט 10 יאָר צוריק״. זי האָט דערמאָנט אַז זי האָט שוין אויף דער „איחוד״־קאָנפערענץ, וואָס

איז פאָרגעקומען פאַרן 23סטן קאָנגרעס, אַרויסגעבראַכט דעם פאָרשלאָג, אַז עס דאַרף אויפגעשטעלט ווערן אַן אַליידישע קערפּערשאַפט. זי האָט מיך געשטעלט פאַר אַן עדות צו איר באַהויפּטונג. בין איך אַוודאי צופרידן צו באַשטעטיקן אירע ווערטער. אָבער איך וויים ניט, צי חברה גאָלדע געדענקט וואָס איך האָב דאַן פאָר־געשלאָגן צו דער „איחוד"־פּירערשאַפט און זי האָט זיך אָפּגעזאָגט אַפילו צו ברענגען עס צום פּלענום פון דער קאָנפערענץ, ווייל זי איז אויך געווען איבערצייגט, אַז מען דאַרף רופן יידן אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אַריין.

מיין פאָרשלאָג איז דאַן געווען דער זעלביקער, וואָס איך האָב שפּעטער גע־בראַכט, אויף מיין אייגענער אַחריות, צום 24סטן קאָנגרעס. איך האָב נאָך דערצו פאָרמולירט אַ קורצע הקדמה צום פאָרשלאָג, אין וועלכן עס זאָל אַזוי פּראָקלאַמירט ווערן צו דער יידישער וועלט: „מיר, ציוניסטן, האָבן דערבראַכט ביז צום אויפקום פון דער מדינה, איצט מוז דאָס גאַנצע יידישע פאָלק זיך אָרגאַניזירן און איבערנעמען די זאָרג פאַר איר קיום און באַפעסטיקונג".

ווי געזאָגט, האָב איך קיין אונטערשטיצונג פאַר דעם פאָרשלאָג ניט געוווּנען. אין אַ פּריוואַטן געשפּרעך האָט פּרעזידענט ד"ר גאָלדמאַן מיר געזאָגט, אַז אויך ער צילט צו דער זעלביקער לייזונג, אָבער מען דאַרף גיין צום ציל לאַנגזאַם, ניט באַלד פּראָקלאַמירן פאַרענדיקטע פּלענער, ניט זיין אומגעדולדיק, און, בעיקר, מען דאַרף מאַכן דעם פאַרזוך אויסצובררייטערן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. די באַוועַ־גונג האָט געגעבן דעם פּרעזידענט די „גרין־לייט". שוין יאָרן, אַז די באַוועגונג גייט אויף זיין וועג. און ווען חבר זלמן שזר האָט געזאָגט אין מרכז פון מפא"י, אַז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איז דער שאָסיי, וואָס פירט צום פּאַלאַץ, צו דער אַליידישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, וואָלט איך מיט אים מסכים־געווען. די צרה איז אָבער, וואָס זיין כוונה איז, אַז דער „שאָסיי" אַליין זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אינעם געצאַרטן „פּאַלאַץ".

וואָלט איך קעגן דעם אויך גאָר נישט געהאַט. דער „שאָסיי" געפעלט מיר דווקא. איך גיי אויף אים איבער 55 יאָר. וואָס זאָל איך אָבער טאָן, ווען איך בין איבער־צייגט, אַז דער „שאָסיי" וועט קיין מאָל אַליין דער פּאַלאַץ ניט ווערן? איך זע פאַר מיר נייע דורכפאַלן און נייע אַנטוישונגען. און איך פרעג זיך: ווי לאַנג קען די ציו־ניסטישע באַוועגונג נאָך אויסהאַלטן אַזעלכע דורכפאַלן?

אָט פאַר וואָס איך פרעג אָפּ די רעזאָלוציעס, וואָס באַזירן אויף אַזעלכע אומ־זיכערע יסודות.

*

אַריבערגייענדיק צו די שטעלונגען פון בן־גוריון, וויל איך נאָך באַמערקן, אַז מיין וויכוח מיט אים איז ניט וועגן רעזאָלוציעס, צו וועלכע ער האָט צוגעשטימט ווי אַ פּשרה. מיין וויכוח מיט אים איז וועגן יענע איינשטעלונגען, וועלכע ער האָט אויסגעדריקט אין דער צענטראַלע פון מפא"י. איך האָב שוין אַרויסגעבראַכט מיינע טענות קעגן זיין עיקר־איינשטעלונג, אַז די ציוניסטישע באַוועגונג האָט דערפילט איר פליכט און דעריבער דאַרף זי אָפּטרעטן איר אָרט פאַר עפּעס אַנדערש. איצט האָב איך צו אים טענות וועגן דעם „עפּעס אַנדערש".

פון בן־גוריונס ווערטער האָב איך אַרויסגענומען, אַז ער איז ניט זייער להוט אויפצושטעלן אַ נייע וועלט־קערפּערשאַפט, ווי דער שותף צו דער מדינה אין זאָרגן פאַר איר קיום. בן־גוריון זעט דריי קאַטעגאָריעס פון יידנטום אין חוץ־לארץ. די ערשטע זיינען יידן, וואָס האָבן זייער אייגענע לאַנד־רעפּרעזענטאַנץ. אָט די רעפּרע־זענטאַנצן איז בן־גוריון גרייט צו נעמען ווי דער שותף פאַר דער מדינה אין יענע אַרבעטן, וואָס די יידן פון יענעם לאַנד זיינען גרייט צו טאָן אין און פאַר ישראל. די צווייטע זיינען יידישע קבוצים וואָס פאַרמאָגן דערוויילע נאָך ניט אַזעלכע רעפּרע־זענטאַנצן, אָבער מען קען אַזעלכע אויפשטעלן. דאַרף מען טאַקע אויפשטעלן און זיי וועלן זיין די שותפים צו מדינת ישראל. די דריטע קאַטעגאָריע מיינט בעיקר די יידן פון די פאַראייניקטע שטאַטן, וווּ מען קען אַזעלכע אַלליידישע לאַנד־רעפּרע־זענטאַנצן ניט אויפשטעלן. דאָרט וויל בן־גוריון דירעקטע פאַרבינדונגען מיט יעדער וויכטיקער יידישער אָרגאַניזאַציע, און יעדע איינע פון זיי, אויף איר שטייגער, ווערט אַ שותף צו דער מדינה.

פרעג איך בן־גוריונען דריי פראַגן: 1) ווי שטעלט ער זיך פאַר וועט יעדער שותף פינאַנסירן זיין אַרבעט אין דער מדינה? צי וועט יעדער איינער האָבן זיין באַזונדערן בודזשעט? וועט יעדער איינער באַשליסן ווי אַזוי צו באַנוצן זיין בודזשעט ניט רעכענענדיק זיך מיט די איבעריקע שותפים? וועט יעדער איינער האָבן זיין פּרעפערענץ־רשימה, וואָס מען דאַרף פריער טאָן און וואָס שפּעטער, וואָס עס איז מער וויכטיק און וואָס עס איז ווייניקער וויכטיק? איך קען זיך ניט פאָרשטעלן, אַז בן־גוריון מיינט, אַז די רעגירונג וועט דאָס אַלץ באַשליסן. ווייס ער דאָך פונקט ווי איך, אַז מיט די פאַנדן פון די גרעסטע יידישע קהילות קען מען עס בשום אופן ניט טאָן. וואָס זשע וועט מוזן געשען? — אַ קאָמיסיע צוזאַמענגעשטעלט פון אַלע שותפים וועט דאַרפן וועגן דעם אַלץ באַשליסן. פרעג איך: אויב אַזאַ אַלליידישע קאָמיסיע וועט מוזן פונקציאָנירן פאַר אויסגעבן דאָס אין חוץ־לארץ געזאַמלטע געלט, פאַר וואָס טאָר אַזאַ מין צוזאַמענאַרבעט פון די שותפים ניט זיין אין פלאַנירן, ווי אַזוי צו זאַמלען דאָס געלט? פאַר וואָס מוזן דווקא זיין צוויי באַזונדערע קאָ־מיסיעס? פאַר וואָס קען ניט זיין איין־איינציקע וועלט־קערפּערשאַפט, וואָס זאָל טראָגן די פולע אַחריות פאַר דעם גאַנצן אָנטייל פון יידנטום אין פאַרפעסטיקן די מדינה?

2) ווען וועט דאָס אַחריות־געפיל פון גלות־יידנטום פאַר מדינת ישראל זיין שאַרפער, צי דאַן, ווען מען וועט די זאָרג איבערלאָזן פאַר באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס, אָדער ווען עס וועט אויפגעשטעלט ווערן אַ צענטראַלע וועלט־אָרגאַניזאַציע ספּעציעל פאַר דעם צוועק?

אויב מען לאָזט עס איבער צו די באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס, ווערט די דאָזיקע זאָרג אַוועקגעשטעלט אויפן סאַמע לעצטן שטאַפּל. האָט דאָך יעדע אָרגאַניזאַציע אירע באַזונדערע אויפגאַבן, צוליב וועלכע זי איז געגרינדעט געוואָרן. גאַנץ אַנדערש איז עס אָבער ווען עס ווערט אויפגעשטעלט אַ וועלט־קערפּערשאַפט, וואָס איר איינציקע זאָרג איז מדינה־פאַרפעסטיקונג.

3) ווען וועט די זעלישע קאָנצענטראַציע פון גלות־יידנטום אַרום דער מדינה

זיין גרעסער, ווען עס וועט פונקציאָנירן, אָדער ווען עס וועט ניט פונקציאָנירן אַזאַ וועלט־קערפּערשאַפט? איך מיין, אַז דער ענטפער איז קלאָר.

דעריבער האַלט איך די צעפּיצלונג פון דעם חוץ־לארצדיקן שותף פאַר אַ גרויסן טעות.

און אויב מען נעמט אָן דעם געדאַנק פון דער ברייטער יידישער וועלט־ראַם, קומט צו אַ ספּעציעלע באַלדיקע אויפגאַבע פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג. די דאָזיקע ראַם וועט פון זיך אַליין ניט אויפשטיין. עס איז אַוודאי פּאָליטיש ניט כדאַי, אפשר גאָר אויך ניט מעגלעך, אַז זי זאָל אויפגעשטעלט ווערן דורך פּאַר־שטייער פון מדינת ישראל. אָט די אויפגאַבע דאַרף אויף זיך נעמען די ציוניסטישע וועלט־באַוועגונג. זי דאַרף אויפהערן זיך איינצורייידן, אַז זי אַליין קען אין דער איצטיקער תקופה פאַרוואַנדלט ווערן אין דעם איינציקן שותף און מוז זיך אָפּגעבן דער אויפשטעלונג פון אָט דער נייער וועלט־ראַם. פאַר דער דורכפירונג פון אָט די אַרבעטן דאַרף די ציוניסטישער באַוועגונג באַקומען די פולע אונטערשטיצונג פון דער ישראל־רעגירונג.

*

בנוגע דעם חינוך־פּראָגראַם אין חוץ־לארץ בין איך אַוודאי מסכים מיט דעם, וואָס איז פאָרמולירט געוואָרן אין דער בשותפותדיקע רעזאָלוציע פון דער רעגירונג מיט דער עקזעקוטיווע. איך בין אָבער איבערצייגט, אַז דער חוץ־לארצדיקער שותף — סיי אַ צעפּיצלטער, סיי אַ פאַראייניקטער — וועט אָט דאָס פּראָגראַם ניט אָננע־מען. די חינוך־אַרבעט מוז געטאָן ווערן דורך די אָרטיקע יידן. די פאַרטרעטער פון דער מדינה קענען העלפן, אָבער ניט זיי קענען און ניט זיי מעגן נעמען איניציאַטיוו און אַוודאי ניט אָנפירן די אַרבעט. פרעגט זיך: ווער וועט עס טאָן? צווישן די אַלע מעגלעכע שותפים אין חוץ לארץ זע איך בלויז צוויי זיכערע שותפים, וואָס וועלן גרייט זיין פאַר אַזאַ דערציִונגס־פּראָגראַם. דאָס איז דער „ועד־הקהילות״ פון אַרגענטינער יידנטום און דער ועד החינוך פון טשילענער יידן. מעגלעך אויך — ניט אַזוי זיכער — דער קאַנאַדער יידישער קאָנגרעס. אין קלענערע יידישע קהילות וועט אפשר אויך געלינגען צו געפינען אַזעלכע שותפים. אָבער די יידישע אָרגאַ־ניזאַציעס אין די פאַראייניקטע שטאַטן וועלן אַזאַ חינוך־פּראָגראַם, וואָס זאָל דער־ציִען צו עליה, צו חלוציות און — ווי איך גיב נאָך צו — צו קיבוץ־גלויות, ניט אָננעמען. אַפילו יענע יידישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע פירן אָן מיט יידישן חינוך, וועלן אָננעמען „חינוך יהודי״, „חינוך עברי״ — אָבער ווייטער ניט. פאַר אַזאַ חינוך־פּראָגראַם ווי מיר אַלע ווילן, דאַרף מען פירן אַ שווערן גערעאַנגל. דער טרעגער פון אָט דעם געראַנגל מוז זיין אַ באַנייטע ציוניסטישע באַוועגונג.

קען אַוודאי בן־גוריון מיט רעכט טענהן, אַז די ציוניסטישע באַוועגונג, ווי זי איז היינט, איז זי אויך ניט מסוגל דורכצופירן אַזאַ אויפגאַבע און קעמפן פאַר איר. אָבער איך שטעל זיך ניט איין פאַר דעם, אַז די ציוניסטישע באַוועגונג דאַרף בלייבן „ווי זי איז״. איך רייד וועגן אַ באַנייטער באַוועגונג. איך זוך אָבער די באַנייונג ניט אין איר אויסברייטערונג, נאָר פונקט פאַרקערט. אין איר באַדייטנדיקער איינ־שרומפּן זיך. דער פונקט דאַרף אויפגעקלערט ווערן.

*

אויב עס וועלן עקזיסטירן די צוויי באַזונדערע ראַמען, ווי איך האָב אויבן באַצייכנט, קען עס פירן צו דער נויטיקער ענדערונג און באַנייונג. די הונדערטער טויזנטער אָרגאַניזירטע ציוניסטן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וועלכע וועלן ניט זיין גרייט פאַר דעם נייעם גערעאַנגל, וועלן זיך באַנוגענען מיט זייער אָרט אין דער ברייטער אַליידישער ראַם און וועלן מיטאַרבעטן מיט אַלע יידן פאַר דער מדינה. פאַר די באַזונדערע ציוניסטישע צילן, פאַר וועלכע די אַליידישע וועלט־אָרגאַניזאַציע איז נאָך ניט גרייט צו אַרבעטן, דאַרף מען ניט האָבן די דריי־פערטל מיליאָן רעגיסטרירטע ציוניסטן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. דערצו איז גענוג הונדערט טויזנט, אָדער אַפילו ווייניקער. זיי מוזן אָבער זיין אַזעלכע ציוניסטן, וועלכע זאָלן גרייט זיין צו אַ נייער שליחות אין יידישן פאָלק. זיי זאָלן גרייט זיין צו קעמפן פאַר אָט דער שליחות מיט דער זעלביקער התלהבות, ווי דער ערשטער ציוניסטישער דור האָט — דורך דעם „כיבוש הקהילות" — געקעמפט פאַרן געדאַנק פון אַ יידישער מלוכה.

דער גערעאַנגל וועט גאָר ניט זיין קיין גרינגער. מיר מוזן געדענקען, אַז איינער פון די וויכטיקסטע פאַקטאָרן, וואָס האָבן געבראַכט טיפע ענדערונגען אין די געשיכטלעכע אַנטוויקלונגען פון יידישן פאָלק, איז געווען דאָס, וואָס דער שווערפונקט פון יידישן לעבן איז אַריבערגעטראָגן געוואָרן פון אייראָפּע אויפן אַמעריקאַנישן קאָנטינענט. אין אָט דעם פּראָצעס זיינען אָפּגעשוואַכט געוואָרן אַ סך יידישע לעבנס־פאָרמען און עס זיינען פאַרטושט געוואָרן אַ סך טיפע נאַציאָנאַל־יידישע שפּירונגען. צווישן אַנדערע איז זייער אָפּגעשוואַכט געוואָרן דער דראַנג צו שיבת־ציון, וועלכער האָט אין אַלע תקופות פון יידישן גלות געשפּילט אַ גרויסע ראָלע — צוזאַמען מיט דער יידישער אמונה — אינעם דערהאַלטן דעם קיום פון יידישן פאָלק. די באַנייטע ציוניסטישע באַוועגונג האָט איצט די היסטאָרישע פליכט צוריק אָנצוצינדן אָט די תשוקה אין יידישע הערצער, בעיקר אין די נייע דורות. וועט עס איר געלינגען, וועט די דאָזיקע דערגרייכונג זיין פון דער זעלביקער היסטאָרישער באַדייטונג, ווי אירע דערגרייכונגען אין דער פריערדיקער תקופה. וועלכע האָט זיך געצויגן פון די בילויים ביז יענעם פּרעכטיקן טאָג פון מדינה־אויפקום.

יענע ציוניסטן וואָס זיינען דערצו גרייט, דאַרפן אויפלעבן אין זייערע הערצער דעם נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערן אימפּעט, וועלכן דער ציוניזם האָט גלייך אין אָנהייב אַריינגעבראַכט אין דער יידישער געשיכטע. דאָס זיינען די ענדערונגען, וועלכע דאַרפן אין אונדזער תקופה אַריינטרעטן אין אַ פאַרקלענערטער, אָבער ציל־טרייער ציוניסטישער באַוועגונג. אָבער אויך פּרעמיער דוד בן־גוריון דאַרף אַריינברענגען ענדערונגען אין זיין ביז איצטיקער טאַקטיק.

אַנשטאָט צו פּראָקלאַמירן ביי יעדער געלעגנהייט די אויסגעליידיקטע פּראַזע: איך בין ניט קיין ציוניסט; אַנשטאָט צו איבערחזרן יעדעס מאָל, אַז אַ ציוניסט איז נאָר דער, וואָס איז אַליין עולה; אַנשטאָט דער שטענדיקער שאַרפער קריטיק קעגן די אַמעריקאַנער ציוניסטישע פירער פאַר וואָס זיי זיינען ניט עולה — אַנשטאָט דעם האָט ער געדאַרפט געבן זיין גאַנצע מאָראַלישע הילף צו יענע ציוניסטן,

וועלכע וואָלטן גרייט געווען צו נעמען אויף זיך אַט די נייע היסטאָרישע שליחות. איך בין איבערצייגט, אַז נאָר דורך אַזאַ פּאַרטיפּטן יידישן חינוך וועט קומען אַ ריכ־טיקע קענטיקע עליה אויך פון די פּאַראייניקטע שטאַטן. איך בין זיכער, אַז צווישן די אַמעריקאַנער ציוניסטן וועלן זיך נאָך געפינען אַזעלכע, וועלכע וועלן גרייט זיין צו נעמען אויף זייערע אַקסלען אַט די שווערע, אָבער היסטאָריש אַזוי וויכטיקע, לאַסט. אַזעלכע ציוניסטן פאַרדינען דערמוטיקונג, סיי פון דער גאַנצער באַפעלקערונג אין ישראל, סיי און בעיקר! — פון דער ישראל־רעגירונג. אַזאַ דערמוטיקונג וואָלט געוויס געשטאַרקט זייערע הענט.

*

דאָס איז, לויט מיין מיינונג, דער וועג פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג. איז פאַראַן אַ האָפענונג, אַז דער קומענדיקער קאָנגרעס זאָל גיין אויף דעם וועג? איך צווייפל! איך זע פאַר זיך די אַנטוויקלונגען אויפן קאָנגרעס. איך הער שוין די טענות פון אַלע זייטן: וואָס האָסטו זיך איינגעעקשנט? די ישראל־רעגירונג, מיט דער הסכמה פון בן־גוריון און גאָלדע מאיר, האָט צוגעשטימט צום געדאַנק, אַז דווקא די ציוניסטישע באַוועגונג זאָל אויסגעברייטערט ווערן — טאָ פאַר וואָס מוזטו אַרויסגיין קעגן אַלעמען?

איך זע אויך די באַדייטנדיקע צאָל פון אָבסערוואַטאָרן, וואָס פּרעזידענט גאָלד־מאַן וועט ברענגען צום 25סטן קאָנגרעס. אויך זיי וועלן ווערן אַ וואָגיקער פאַקטאָר, וואָס וועט משפיע זיין כדי צו געבן דער נייער פירערשאַפט ווידער אַ מאָל „גרין־לייט" צו גיין אויפן זעלביקן וועג פון דער פריערדיקער פירערשאַפט. דעריבער איז די האָפענונג צו ענדערן אויפן קאָנגרעס אַט די אַנטוויקלונג זייער אַ בלאַסע. אָבער זייענדיק איבערצייגט, אַז פון אַט דעם וועג דערוואַרט אונדז בלויז אַ נייע אַנטוישונג, דאַרף מען די באַוועגונג ראַטעווען כאָטש פון אַ נייער לאַנגער פאַר־שלעפּעניש. די איצטיקע לאַגע טאָר זיך ניט ציען ביזן 26סטן ציוניסטישן קאָנגרעס. פאַרענדיק איך דעריבער מיט אַ קאָנקרעטן פאָרשלאָג:

דער קומענדיקער קאָנגרעס דאַרף פאַרפליכטן דער נייער עקזעקוטיווע תיכף קלאָר צו מאַכן, צי די אָבסערוואַטאָרן זיינען גרייט צו רעקאָמענדירן זייערע אָרגאַ־ניזאַציעס אַ פולן אָנשלוס אָן דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. פולער אָנשלוס מיינט: ניט באַנוגענען זיך בלויז מיט אָבסערוואַטאָרן, וואָס איז צו גאָרנישט מחייב די אָרגאַניזאַציעס. אויב די אָבסערוואַטאָרן זיינען גרייט אויף דעם, זאָל די אָרגאַני־זאַציעס געגעבן ווערן אַ יאָר צייט פאַר זייערע אינערלעכע דיסקוסיעס. אויב נאָכן יאָר וועלן עטלעכע באַדייטנדיקע אָרגאַניזאַציעס זיך אָנשליסן, דאַן זאָל די ציו־ניסטישע פירערשאַפט פאַרזעצן איר וועג. אויב אָבער ניט — זאָל דער אַקציאָנס־קאָמיטעט באַפולמעכטיקט ווערן אָנצוהייבן גיין אויפן וועג, וואָס זאָל פירן צו דער אויפשטעלונג פון אַן אַלייִדישער וועלט־קערפּערשאַפט, וועלכע זאָל נעמען אויף זיך די פולע אַחריות פאַר דעם חלק, וואָס דאָס יידישע פאָלק פון חוץ־לאַרץ דאַרף צוטראָגן צום קיום פון דער מדינה און איר באַפעסטיקונג.

און די ציוניסטישע באַוועגונג זאָל זיך באַנוגענען, ערשטנס, מיט איר חלק אינעם גאַנצן אָרגאַניזירטן פאָלק פאַר דער מדינה, און צווייטנס, מיט פירן יענע

היסטאָריש־ציוניסטישע, נאָך ווייט ניט פּאַרענדיקטע אַרבעט, וועלכע די אַליידישע קערפּערשאַפט איז נאָך ניט גרייט צו נעמען אויף זיך.

ווען יענער טאָג וועט קומען און די אַליידישע קערפּערשאַפט וועט גרייט זיין צו נעמען אויף זיך אויך די היסטאָרישע ראָלע צו דערפירן צו אמתן קיבוץ־גלויות, ערשט דאַן וועט די ציוניסטישע באַוועגונג האָבן באמת פאַרענדיקט אירע אויפגאַבעס און וועט קענען אַריבערגיין אין דער געשיכטע אַריין.

ביז דאַן האָט זי נאָך אויף זיך גרויסע אויפגאַבעס. צו רעאַליזירן זיי דאַרף זי באַקומען די פולע אונטערשטיצונג פון דער מדינה און פון איר רעגירונג.

✶

ערב דעם 26סטן קאָנגרעס האָב איך געשריבן אין „קעמפער" (24סטן אַפּריל, 1964) :

די סעסיע פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט — וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן סוף חודש מערץ אין ירושלים — איז כמעט פון אַלעמען באַטראַכט געוואָרן, ווי אַ צוגרייטונג צום קומענדיקן 26סטן ציוניסטישן קאָנגרעס. אויך דער קאָנגרעס וועט אָפּגעהאַלטן ווערן אין ירושלים — סוף דעצעמבער פון דעם יאָר. איך האַלט, אַז אין איין פונקט — אפשר אין דעם צענטראַלסטן, וואָס וועט דאַרפן אויפגענומען ווערן פון דעם 26סטן קאָנגרעס — האָט די סעסיע פון אַקציאָנס־קאָמיטעט פאַרפעלט צו געבן אַ געהעריקע צוגרייטונג צום קאָנגרעס. לויט מיין מיינונג האָט ער אַוועק־געבלאָנדזשעט אויף אַ ניט־ריכטיקן וועג. וויל איך עפנטלעך פאַרצייכענען דעם דאָזיקן טעות.

איך האַלט פאַר נייטיק עס צו טאָן שוין איצט, ווייל אין יולי פון דעם יאָר וועט אין ישראל פאָרקומען אונדזער אייגענע ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע וועלט־קאָנפערענץ. זיכער וועלן אויך אויף איר באַהאַנדלט ווערן די פּראָבלעמען וואָס וועלן באַשעפטיקן דעם 26סטן קאָנגרעס. דערפאַר וועט אונדזער אייגענע „איחוד"־וועלט־קאָנפערענץ אויך קענען דינען ווי אַ וויכטיקער שטאַפּל אין צוגרייטן דעם קומענדיקן ציוניסטישן קאָנגרעס. דאָס גיט אַ געלעגנהייט אויסצובעסערן דאָס, וואָס די סעסיע פון אַקציאָנס־קאָמיטעט האָט, נאָך מיין מיינונג, פאַרפעלט. מעגלעך אַז אונדזער „איחוד"־וועלט־קאָנפערענץ וועט אויך ניט אָננעמען מיין שטאַנדפּונקט. אָבער דאָס באַפרייט מיך ניט פון מיין חוב.

קיינער, האָף איך, וועט ניט אָפּפרעגן מיין באַהויפּטונג, אַז דאָס צענטראַלע פּראָבלעם, וואָס וועט שטיין פאַרן 26סטן ציוניסטישן קאָנגרעס וועט נאָך אַלץ זיין די לאַנג־דיסקוטירטע — און ביז איצט נאָך אַלץ ניט קלאָר פאַרענטפערטע — פראַגע, וועגן די קעגנזייטיקע באַציונגען, וועלכע דאַרפן איינגעשטעלט ווערן צווישן דער מדינה און דעם יידנטום אין גלות. צוזאַמען דערמיט וועט דער קאָנגרעס דאַרפן אָנצייכענען דאָס אָרט, וואָס די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע דאַרף פאַרנעמען אין אָט די קעגנזייטיקע באַציונגען, וועלכע מוזן דאָך סוף־סוף איינגעשטעלט ווערן; און דווקא בנוגע אָט־דעם פונקט האַלט איך, אַז די סעסיע פון אַקציאָנס־קאָמיטעט איז אַוועק אויף אַ פאַלשן וועג.

✶

די דערוואַרטע קעגזייטיקע באַציִונגען ווערן דאָך געזוכט, בכדי צו קענען דורכפירן בשותפותדיקע צילן, וואָס דאַרפן שטיין סיי פאַר דער מדינה, סיי פאַרן יידנטום אין גלות. וועלכע צילן זיינען עס? איך וויל נאָר פאָרמולירן די וויכטיקסטע דריי:

א) דורך בשותפותדיקע אָנשטרענגונגען פון דער מדינה און גלות־יידנטום זאָל אויפגעהאַלטן ווערן — און ווייטער און טיפער אַנטוויקלט ווערן — דער עם־אחד־באַוווסטזיין אין אַלע טיילן פון פאָלק; אַ באַוווסטזיין וואָס איז באַזירט אויף דער אָנערקענונג פון דעם היסטאָרישן המשך און איינקייט פון אונדזער פאָלק דורך אַלע דורות. די דאָזיקע איינקייט שליסט אויך איין אונדזער איצטיקע עפּאָכע. דאָס מיינט, אַז די יידן פון דער מדינה צוזאַמען מיט די יידן אין גלות שטעלן מיט זיך אויך היינט פאָר אַן עם אחד.

ב) דורך בשותפותדיקע אָנשטרענגונגען פאַרזיכערן דעם המשך פון אייגנאַרטיק־יידישער, גייסטיקער שעפערישקייט אין אַלע אירע אַנטפּלעקונגען אין אַלע טיילן פון יידישן פאָלק.

ג) דורך בשותפותדיקער אָנשטרענגונג פון דער מדינה און פון גלות־יידנטום כסדר און שטאַרקער צו באַפעסטיקן די מדינה און פאַרזיכערן איר קיום.

דאָס זיינען, לויט מיין מיינונג, די דריי וויכטיקסטע אויפגאַבעס, צוליב וועלכע עס איז אַזוי נייטיק אַ ריכטיקע קעגנזייטיקע באַציִונג צווישן דער מדינה און גלות־יידנטום. איך גיי היינט ניט אַריין אין פּרטים, וואָס מען דאַרף טאָן בכדי צו דערגרייכן אָט־די דריי צילן. איך האַלט אָבער פאַר נייטיק שוין איצט צוצוגעבן דאָס פאָלגנדיקע: די ערשטע צוויי צילן דאַרפן דערגרייכט ווערן דורך יידישן חינוך, וואָס דאַרף אַריינפלאַנצן אין די נייע יידישע דורות אַ דרייפאַכע איבערצייגונג: ערשטנס — אַז די גאַנצע יידישע געשיכטע באַשטעטיקט דעם פאַקט, אַז מיר זיינען געווען און געבליבן אַן עם־אחד; צווייטנס — די כדאַיִקייט פאַר דעם גייסטיקן לעבן פון די נייע דורות אַליין צו קענען געניסן פון דער אָנגעזאַמלטער רייכער יידיש־גייסטיקער אייגנאַרטיקער שעפערישקייט און דריטנס — דער חוב וואָס ליגט אויף די נייע יידישע דורות צוצוטראָגן זייער שטייער צו אָט־דער לאַנגער קייט פון יידיש־גייסטיקער יצירה. דער יידישער חינוך־פּראָגראַם דאַרף אויסגעאַרבעט ווערן בשותפות דורך די וויכטיקסטע פּעדאַגאָגישע כוחות, וואָס מיר פאַרמאָגן, סיי אין דער מדינה, סיי אין די תפוצות. אַוודאי דאַרף דאָס חינוך־פּראָגראַם נעמען אין באַטראַכט די באַזונדערע באַדינגונגען, וואָס עקזיסטירן פאַר יידישן חינוך אין דער מדינה און אין די תפוצות. גלייכצייטיק מוז אָבער דאָס פּראָגראַם פעסטשטעלן אַ פאַרפּליכטנדיקן מינימום, וואָס דאַרף זיין איינהייטלעך סיי פאַר דער מדינה, סיי פאַרן גלות־יידנטום, כדי דורך דעם צו באַפעסטיקן די גאַנצקייט און איינקייט פונעם יידישן פאָלק. אַלע אַנדערע פּרטים וועגן דעם חינוך־פּראָגראַם מוזן איבערגעלאָזן ווערן פאַר אַ צווייטער באַזונדערער באַטראַכטונג. בנוגע דעם דריטן ציל האַלט איך פאַר נייטיק היינט בלויז צוצוגעבן, אַז דער ענין פון עליה דאַרף פאַרנעמען דעם אויבנאָן אין די אַרבעטן, וואָס דאַרפן פירן צו אָט־דעם ציל.

איך לאָז אויך איבער פאַר אַ באַזונדערער באַטראַכטונג אַלע אַנדערע צילן

פון אַן אַליידישן כאַראַקטער, וואָס וועלן זיכער אויפקומען פאַר יענער קערפּער־שאַפט, וואָס וועט דאַרפן ווערן די טרעגערין פון אַט דער קעגנזייטיקער באַציִונג און די אויספירערין פון אירע צילן, וואָס זיינען דערמיט פאַרבונדן. אַ זייער בולטער צוגאָב־ציל וועט זיכער זיין דער געמיינשאַפטלעכער געראַנגל פאַר יידישע רעכט, דאָרטן וווּ זיי ווערן פאַרלעצט. אין די ווייטערדיקע שורות וויל איך זיך קאָנצענטרירן אַרום איין פּונקט: דעם צוזאַמענשטעל פון יענער קערפּערשאַפט, וואָס וועט דאַרפן טראָגן די אחריות פאַר אַט־די אַלע אויפגאַבן. ווייל דווקא בנוגע אַט־דעם פּונקט האָט די סעסיע פון אַקציאָנס־קאָמיטעט אַוועקגעבלאָנדזשעט אויף ניט־ריכטיקע וועגן.

✶

לאָמיר געדענקען: מיר זוכן די ריכטיקע קעגנזייטיקע באַציִונג צווישן צוויי צדדים — די יידישע מדינה און דעם גלות־יידנטום. איז דער ערשטער צד אַ קלאָרער און די כלים דורך וועלכע ער פונקציאָנירט זיינען פּרעציזע און פון אַלעמען אָנערקענט. זיי זיינען: די ישראל־רעגירונג געשטיצט אויף דער כנסת. זיי — די ישראל־כנסת און איר רעגירונג — דאַרפן און קענען באַשטימען סיי די פאָרמען, סיי די גרענעצן פון אַט־דער קעגנזייטיקער באַציִונג. אָבער ווי זעט עס אויס אינעם צווייטן צד? — וווּ איז די כלי, די אמתע רעפּרעזענטאַנץ פון גלות־יידנטום, וואָס זאָל אין זיין נאָמען קענען פאַר אים באַשטימען די פאָרמען און גרענעצן פון די קעגנזייטיקע באַציונגען? אויף אַט דער פראַגע האָט די סעסיע פון אַקציאָנס־קאָמיטעט קיין ענטפער ניט געגעבן. זי האָט זיך אַוועקגעלאָזן אויף דעם טעותדיקן וועג אויף וועלכן די ציוניסטישע פירערשאַפט איז געגאַנגען זינט דעם טאָג פון מדינה־אויפקום. זי האָט אָנגענומען, אַז די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע איז עס דער צווייטער צד. אַזוי ווי די איצטיקע ישראל־רעגירונג האָט געבראַכט צו דער סעסיע פריינדלעכע און וואַרעמע ווערטער, איז די סעסיע דורך דעם פאַרבלענדט געוואָרן און האָט אָנגענומען, אַז דער צווייטער צד, די ישראל־רעגירונג האָט שוין דורך דעם אָנערקענט די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע ווי די באַרופענע צו זיין די רעפּרעזענטאַנץ פון גלות־יידנטום, אין די קעגנזייטיקע באַציִונגען, וועלכע דאַרפן איינגעשטעלט ווערן. אלא סיי די ישראל־רעגירונג, סיי די ציוניסטישע פירערשאַפט אַליין ווייסן דאָך גוט, אַז די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע נעמט ניט אַרום דאָס גאַנצע גלות־יידנטום, וואָס מוז דאָך זיין דער צווייטער שותּף אין די קעגנזייטיקע באַציִונגען — האָט מען געזוכט אויסצופילן אַט דעם בלויז מיט אַלטע לאַטעס, וואָס זייער נאָמען איז: עפּענען די ציוניסטישע טירן פאַר אַנדערע יידן און יידישע אָרגאַניזאַציעס, זיי זאָלן קענען אַריינקומען און פאַרנעמען זייער אָרט אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, סיי אין וועלט־מאַסשטאַב, סיי אין די באַזונדערע לענדער. דערמיט האָט מען זיך באַרויִקט און מען איז זיך צעפאָרן גליקלעך און צופרידן.

לייקן איך ניט די וויכטיקייט פון דעם געענדערטן טאָן מצד דער ישראל־רעגירונג צו דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. ווען אַפילו מען טראַכט, ווי איך, אַז די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע קען ניט באַטראַכט ווערן ווי דער

צווייטער צד אין די מדינה־גלות־יידנטום־באַציונגען, וועט זי — די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע — דאַך דאַרפן פאַרנעמען אַ וויכטיק אָרט אין יענער קערפּערשאַפט, וואָס וועט דאַרפן ווערן דער צווייטער צד צו די קעגנזייטיקע באַציונגען. אָבער מען מוז געוואָרנט ווערן פון דער אילוזיע, אַז אַלץ וואָס דאַרף איינגעשלאָסן ווערן אין באַגריף גלות־יידנטום, וועט טאַקע אָננעמען דעם אָנבאָט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע און וועט זיך טאַקע באַנוצן מיט די אָנגעבאָטענע געעפנטע טויערן.

איך האַלט ניט פאַר נויטיק אויסצורעכענען די פאַרשידענע אַנטוישונגען וואָס די דאָזיקע אילוזיע האָט שוין ביז איצטער געבראַכט דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג. געווען אַ צייט ווען ד״ר נחום גאָלדמאַן, דער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, האָט שוין כמעט געהאַט אין זיין קעשענע וויכטיקע, יידישע און ניט־ציוניסטישע קערפּערשאַפטן. נאָר עפּעס ווי דורך אַ כישוף זיינען זיי אַרויסגעשפּרונגען פון זיין קעשענע והיו כלא היו. האָט מען דאָך געמעגט לערנען פון דער פאַראַנגאַנגענהייט; מען האָט דאָך געמוזט זיך פאַרטראַכטן, פאַר וואָס האָבן די אַנדערע יידן אין אַנדערע אָרגאַניזאַציעס זיך ביז איצטער ניט באַנוצט מיט די אָפענע טירן, וואָס זיינען ניט ערשט ביי דער לעצטער סעסיע פון אַקציאָנס־קאָמיטעט אויפגעמאַכט געוואָרן? — האָט מען אָבער קיין לעקציע ניט געלערנט, נאָר מען האָט זיך ווידער אַוועקגעלאָזט אויף אָט־דעם פאַלשן וועג, אַז מען קען אַריינברענגען די וויכטיקסטע יידן און גרויסע יידישע אָרגאַניזאַציעס אין דער ראָם פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. איצט, ווען די ישראל־רעגירונג אַליין איז נאָך געקומען מיט אַזאַ שמייכלענדיקן פּנים צו דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, האָט מען זיך נאָך מיט מער אָפּטימיזם אַוועקגעלאָזן אויף אָט דעם וועג.

*

איך האָב מורא, אַז ווען עס וועט קומען די צייט פאַר דער ישראל־רעגירונג צו מאַכן דעם פאַרזוך איינצושטעלן די געגאַרטע קעגנזייטיקע באַציונגען — און מיר אַלע ווינטשן דאָך אַז די צייט זאָל קומען וואָס שנעלער — וועט די רעגירונג מוזן נאָך אַ מאָל ערנסט דורכטראַכטן די לאַגע, און דאַן וועט זי אָנהייבן צווייפלען צי מעג זי טאַקע זען אין דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע איר איינציקן גלות־דיקן שותף פאַר די קעגנזייטיקע באַציונגען. די גרויסע יידישע ניט־צוליב־ציוניזם אָרגאַניזירטע קערפּערשאַפטן וועלן זיך מיט די אָנגעבאָטענע אָפענע טירן ניט באַנוצן, פּונקט ווי זיי האָבן זיך ביז איצט מיט זיי ניט באַנוצט. דאַן וועט די מער פריינדלעכע באַציונג מצד דער ישראל־רעגירונג צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע זיין ווייט ניט גענוג צו באַוועגן זי, די רעגירונג, זי זאָל פאַרגעסן אַלע אַנדערע אָרגאַניזירטע יידישע כוחות אין דער גאַנצער יידישער צעשפּרייטונג און געבן איר סטעמפּל דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, ווי דער שותף אירער איינצושטעלן בלויז מיט איר קעגנזייטיקע באַציונגען. די רעגירונג וועט מוזן זוכן קאָנטאַקטן אויך מיט אַנדערע יידישע כוחות אין דער גרויסער יידישער וועלט. די לאַגע וועט בכן ווייטער בלייבן כאַאָטיש. עס קען נאָך אויך ווערן ערגער. יעדער אַנדער כוח אין דער יידישער וועלט וועט מן הסתם קומען מיט זיינע באַגריפן וועגן די צילן

פון דער קעגנזייטיקער באַציִונג. ווער קען דאַן וויסן ווי לאַנג מיר וועלן נאָך דאַרפן וואַרטן אויף יענעם מאָמענט, ווען עס וועלן באמת איינגעשטעלט ווערן ריכטיקע קעגנזייטיקע באַציִונגען צווישן דער מדינה און גלות־יידנטום, באַציִונגען, וואָס זאָלן דערמעגלעכן וויכטיקע דערגרייכונגען פאַר אַלע צילן וואָס שטייען פאַרן יידישן פאָלק, סיי אין דער מדינה, סיי אין די תפוצות. אַט פאַר וואָס איך רעכן, אַז אויף דעם שטח האָט די סעסיע פון אַקציאָנס־קאָמיטעט ניט צוגעגרייט קיין יסוד, אויף וועלכן דער 26סטער ציוניסטישער קאָנגרעס זאָל קענען באַזירן די ווייטערדיקע שריט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע אין אָט דעם וויכטיקסטן ענין, וואָס שטייט פאַרן יידישן פאָלק.

✶

אַוודאי מעג מען מיר שטעלן די פראַגע: פון וואַנען ביסטו עס אַזוי זיכער, אַז די אַנדערע גרויסע יידישע אָרגאַניזאַציעס וועלן זיך אויך איצטער ניט באַנוצן מיט די פאַר־זיי־געעפנטע טירן פון דער ציוניסטישער וועלט־ראַם? מיין ענטפער אויף אָט דער פראַגע שטיצט זיך ניט נאָר אויף דעם, וואָס איז ביז איצטער געשען. מיר שיינט, אַז צוקוקנדיק זיך צו נייע טענדענצן, וואָס מערקן זיך אין יידישן אָרגאַניזאַציע־לעבן, איז באַרעכטיקט די באַהויפּטונג, אַז אויב זיי האָבן זיך ביז איצטער ניט באַנוצט מיט די פאַר־זיי־געעפנטע טירן, וועלן זיי אין דער נאָענטער צוקונפט זיך אַוודאי מיט דעם ניט באַנוצן.

ווער עס פאָלגט נאָך די נייע טענדענצן מוז קומען צו דער מסקנה, אַז די כוחות וואָס פירן צו נאָך גרעסערן כאַאָס אין יידישן וועלט־לעבן האָבן זיך זייער שטאַרק צעשפּילט. אויב ביז איצטער האָבן צום כתר פון אַלוועלטלעך־יידישער פאָרשטייער־שאַפט אויסגעשטרעקט זייערע הענט דריי — אפשר פיר — יידישע וועלט־אָרגאַני־זאַציעס, איז זייער צאָל איצטער גרעסער. ביז איצט האָבן אָט־דעם כתר זיך געגער־מעַן דריי אָרגאַניזאַציעס: די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע, דער יידישער וועלט־קאָנגרעס און דער אָרדן בני ברית (די 4טע „אפשר" אָרגאַניזאַציע איז דער אַמע־ריקאַנער יידישער קאָמיטעט) — איצטער זיינען צוגעקומען נאָך דריי: אַלע דריי יידישע רעליגיעזע ריכטונגען זוכן צו ווערן יידישע וועלט־אָרגאַניזאַציעס. איך בין זיכער, אַז דערמיט איז נאָך די צאָל ניט פאַרענדיקט (איך רעכן בלויז אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זוכן צו ווירקן סיי געזעלשאַפטלעך, סיי פּאָליטיש. איך רעכן ניט אַריין יענע, וועלכע שטעלן זיך בלויז פילאַנטראָפּישע צילן). פרעג איך: ביי אַזאַ טענדענץ פון די באַזונדערע גרויסע יידישע אָרגאַניזאַציעס אויסצוברייטערן זייערע אַרבעט־ספערן און זייער געאָגראַפישן ווירקונגס־שטח — צי איז עס ניט נאָך אַ גרעסערע אילוזיע איצטער צו דערוואַרטן, אַז זיי זאָלן זיך באַנוצן מיט די צעעפנטע טירן פון דער ציוניסטישער ראַם?

✶

אַוודאי וואַקסט אַרויס פון דעם אויבן־געזאָגטן די פראַגע צו מיר: וואָס זשע שלאָגסטו פאָר? וואָס דאַרף פאַרט געטאָן ווערן כדי אויפצושטעלן דעם גלות־שותף פאַר דער מדינה, וואָס צוזאַמען מיט אים זאָל קענען די אַרבעט געפירט ווערן ווי געהעריק? קום איך באַלד צו דעם. איך דאַרף אָבער פריער זאָגן עטלעכע ווערטער

וועגן נאָך עטלעכע, נאָך מער שעדלעכע אילוזיעס אויף אָט דעם שטח, וואָס איך האָב לעצטנס געהערט מצד געוויסע חברים.

פּאַראַן אַן אילוזיע, אַז דער יידישער וועלט־קאָנגרעס זאָל ווערן דער גלות־שותף. האַלט איך עס פאַר איבעריק צו פאַרלירן פיל ווערטער וועגן דעם. אין פאַרגלייך מיט דעם וואָס דער יידישער וועלט־קאָנגרעס שטעלט מיט זיך איצטער פאָר, איז די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע ממש אַן אידעאַלער שותף. טראָגן זיך אַנדערע אַרום מיט דעם געדאַנק, אַז אפשר זאָל פון זיי ביידן — פון דער ציוניס־טישער וועלט־אָרגאַניזאַציע און יידישן וועלט־קאָנגרעס — אויפגעשטעלט ווערן דער גלות־שותף. זע איך אויך אין דעם ניט קיין פאַרבעסערונג פון דער לאַגע. יענע גרויסע יידישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע וועלן זיך ניט אָנשליסן אין דער ציו־ניסטישער ראַם, וועלן נאָך וויניקער חשק האָבן זיך אָנצושליסן אין אַזאַ נייער ראַם. און די ישראל־רעגירונג וועט ניט קענען, וועט גאָר ניט טאָרן מוותר־זיין אויף יענע גרויסע יידישע אָרגאַניזאַציעס. וועט דער כאַאָס ווייטער בלייבן.

פּאַראַן נאָך אַן אילוזיע, אַז דער גלות־שותף זאָל ווערן יענע בריאה, וואָס ד״ר נחום גאָלדמאַן — אין זיין ערנסטן זוכן אַריינצוטראָגן אַ ביסל אָרגאַניזירטן סדר אין יידישן וועלט־לעבן — האָט אויפגעשטעלט און קלייבט זיך פון־צייט־צו־צייט צוזאַמען און דיסקוטירט יידישע וועלט־פראַגן. באַוווּנדער איך אַוודאי ד״ר גאָלד־מאַנס אומדערמידלעכקייט אויף אָט־דעם שטח, אָבער איך קען דאָך ניט באַהויפּטן, אַז אים איז געלונגען אויפצושטעלן אַ דבר של קיימא. זיכער קען מען צו אַ קער־פּערשאַפט, וואָס האָט ניט דאָס רעכט אָנצונעמען באַשלוסן וואָס זאָל וועמען עס איז פאַרפליכטן, איבערגעבן יענע גרויסע היסטאָרישע ראָלע וואָס דער גלות־שותף צו דער מדינה וועט דאַרפן אויף זיך נעמען. אויך כלפּי אָט־דער קערפּערשאַפט וואָלט איך פאַרגעצויגן די ציוניסטישע וועלט־ראַם.

ניין, עפּעס נייעס מוז געשען אין יידישן לעבן; עפּעס נייעס, וואָס זאָל האָבן די מאָראַלישע קראַפט צו באַוועגן אַלע עקזיסטירנדיקע גרויסע יידישע אָרגאַני־זאַציעס זיך ערנסט צו פאַרטראַכטן און זוכן אַן אויסוועג פון אָט־דעם עקזיסטירנדיקן כאַאָס. איך באַהויפּט אַז דווקא די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע פאַרמאָגט דעם כוח אַרויסצורופן אָט־די נייע געשעעניש, אָבער בשום אופן ניט דורך ווידער אַ מאָל איינלאַדן די אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, זיי זאָלן ווערן אַ טייל פון איר ראַם.

וועל איך אין די וויטערדיקע שורות זיך באַמיִען אָנצוצייכענען די וויכטיקסטע שטריכן פון מיין פאָרשלאָג, ווי אַזוי די ציוניסטישע באַוועגונג קען ברענגען מכוח אל הפועל יענע נייע געשעעניש אין יידישן לעבן. און איך וואָלט געוווּנען זייער צופרידן, ווען אונדזער אייגענע „איחוד״־וועלט־קאָנפערענץ זאָל זיין די ערשטע צו באַטראַכטן און אפשר טאַקע אויך אָננעמען מיין פאָרשלאָג.

✶

דער פּרינציפּ אויף וועלכן מיין פאָרשלאָג איז באַזירט, איז ניט קיין נייער. איך אַליין האָב שוין וועגן אים גערעדט און געשריבן צענדליקער מאָל: עס דאַרף אויפגעשטעלט ווערן אַ נייע, אַליידישע וועלט־ראַם. זי דאַרף איינשליסן אַלע גרויס־יידישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע נעמען אָן דריי גרונט־יסודות, ווי די אַקטיוויטעטן

וואָס דאָס יידישע פאָלק דאַרף פירן אין דער איצטיקער תקופה: א) קאַמף קעגן אַסי־מילאַציע, וואָס פרעסט אויף אונדזערע נייע דורות; ב) פאַרשטאַרקן די מדינה און פאַרזיכערן איר קיום; ג) קאַמף פאַר יידישע רעכט ווו זיי ווערן געמינערט. די פראַגע איז אָבער — ווי אַזוי מאַכט מען עס? מיר דוכט זיך, אַז דער 26סטער ציוניסטישער וועלט־קאָנגרעס קען מאַכן אַ שריט, וועלכער האָט שאַנסן — קיין זיכערקייט קען קיינער ניט גאַראַנטירן — צו דערפירן צו דער אויפשטעלונג פון אַזאַ נייער וועלט־ראַט.

איך בין מודה, אַז אַ בעסערן שאַנס צו דערפירן דערצו האָט געהאַט דער 23סטער ציוניסטישער וועלט־קאָנגרעס — דער ערשטער קאָנגרעס נאָך הקמת המדינה. אָבער איך וויל נישט מעדיטירן וועגן עבר. איך האָב עס ניט געטאָן בנוגע די פאַרשידענע — ניט־געלונגענע — פאַרזוכן פון ד״ר גאָלדמאַן אַריינצוברענגען אַנדערע יידישע אָרגאַניזאַציעס אין דער ציוניסטישער וועלט־ראַט און איך וועל עס אויך ניט טאָן בנוגע דער פאַרשפּילטער געלעגנהייט פון 23סטן קאָנגרעס. וויכטיק איז צו באַגרינדן מיין באַהויפּטונג, אַז דער קומענדיקער 26סטער ציוניסטישער קאָנגרעס קען מתקן־זיין דעם פעלער פון דעם 23סטן קאָנגרעס. ווי אַזוי?

*

דער 26סטער קאָנגרעס דאַרף פייערלעך דערקלערן אין נאָמען פון דער ציוניס־טישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, אַז אויב אַ קענטיקער טייל פון די גרויסע יידישע אָר־גאַניזאַציעס וועלן זיין גרייט אויפצושטעלן, צוזאַמען מיט איר, די נייע וועלט־ראַט אויף יסודות פון גלייכע רעכט און גלייכע פליכטן, איז די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע גרייט אַריבערצוטראָגן צו דער נייער וועלט־ראַט די באַלעבאַטישקייט אויף אַלע איר פינאַנס־אינסטיטוציעס, דעם קרן היסוד און קרן קימת. זי איז אויך גרייט אַריבערצוטראָגן צו דער נייער ראַט די אַחריות פאַר אַלע אַרבעטן אין ארץ־ישראל, וואָס געפינען זיך איצט אין איר רשות: עליה, קליטה און התישבות, וואָס די נייע ראַט וועט דאַרפן אָנפירן. די נייע ראַט, הייסט עס, וועט דאַרפן איבערנעמען אַלע רעכט און אַלע אַחריותן וואָס די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע האָט ביז איצט געטראָגן אַליין.

אַזאַ גרייטקייט מצד דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע אויפצוגעבן אַלע אירע פאַרמעגנס און אַלע אירע פּרעראָגאַטיוון אין דער בוי־אַרבעט פון מדינת ישראל — בכדי מעגלעך צו מאַכן דאָס אויפשטעלן אַ נייע ברייטע יידישע וועלט־ראַט, וועלכע זאָל איינשליסן אַ סך וויכטיקע יידישע אָרגאַניזאַציעס און דורך דעם מעגלעך מאַכן אַ פּאַסיקן גלות־שותּף פאַר דער מדינה — מוז האָבן אַ מאָראַלישע השפּעה אויף אַנדערע יידישע אָרגאַניזאַציעס צו באַציִען זיך ערנסט צום פאָרשלאָג. עס קען דאָך ניט זיין, אַז זיי אינטערעסירט בכלל ניט די פראַגע וועגן איינשטעלן ווירדיק־קאָנגזייטיקע באַציִונגען צווישן דער מדינה און גלות־יידנטום. ביים טראַכטן וועגן דעם מוזן זיי דאָך אויך טראַכטן וועגן זייער אָרט אין אָט־די איינגעשטעלטע באַציִונגען; און אויב זיי זאָלן קענען מסכּים זיין צו דער ראַט, וואָס דער ציוניס־טישער וועלט־קאָנגרעס זאָל זיי פאָרשלאָגן, דאַן דאַרף דאָך ניט זיין אויסגעשלאָסן די מעגלעכקייט, אַז דאָס נויטיק־נייע זאָל טאַקע רעאַליזירט ווערן.

מ׳קען זיך אפשר משער זיין, אַז ווען די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע זאָל אָפּגעבן אַזאַ פּייערלעכע דערקלערונג, וועט די מדינה — דורך איר כנסת און רע־גירונג — געבן פולע אונטערשטיצונג דעם פּאָרשלאָג. די מדינה וואָלט עס אַמ־בולטסטן געקענט טאָן דורך אַ דערקלערונג פון איר זייט, אַז אויב אַזאַ נייע אַל־יידישע ראַם וועט אויפגעשטעלט ווערן און זי וועט פונקציאָנירן אַ יאָר צייט, וועט זי — די מדינה — דורך איר כנסת, גרייט זיין אַריבערצוטראָגן דעם ספּעציעלן סטאַטוס, וואָס זי האָט געגעבן דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג צו דער נייער אַליידישער וועלט־ראַם. אַזאַ שטעלונג מצד דער רעגירונג וואָלט געדינט, ווי אַ מאָראַלישער צוגאָב־דרוק אויף די אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, אַז זיי זאָלן באַטראַכטן פּאָזיטיוו דעם אָנבאָט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע — וואָס וואָלט, הייסט עס, געדאַרפט מסכים זיין אויפצוגעבן נאָך אַ ספּעציעלע פּאָזיציע, וואָס זי פאַרמאָגט אין מדינת־ישראל, אַבי צו באַשאַפן דאָס נייע אין וועלכן דאָס גאַנצע יידישע פאָלק, סיי די מדינה, סיי דאָס גלות־יידנטום, נייטיקט זיך אַזוי שטאַרק.

✶

מיט אַ ביסל פאַנטאַזיע קען מען זען די נייע וועלט־ראַם שוין אויפגעשטעלט — און וויפל אומגליקלעכע קרומקייטן אין יידישן אָרגאַניזאַציע־לעבן עס איז דערמיט אויסגעגליכן געוואָרן. פון דער נייער לאַגע וואָלטן זיכער געצויגן נוצן אַלע אָרגאַ־ניזירטע און קאָנסטרוקטיוו־יידישע כוחות פון אומעטום. פאַר אַלע נייע אַליידישע פּראָבלעמען, וואָס קענען — און וועלן נאָך זיכער! — אויפקומען אין דער נאָענטער צוקונפט, וואָלט עקזיסטירט אַן אַדרעס צו וועמען זיך צו ווענדן. דער כח וואָלט זיך געקענט פאַרמעסטן צו באַגעגענען אָט־די פּראָבלעמען.

און די איניציאַטיוו דערצו קען נאָר נעמען אויף זיך די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע. קיין אַנדער וויכטיקע אָרגאַניזאַציע, וואָס פונקציאָנירט אין אונדזער לעבן, קען זיך — אין דער איצטיקער עפּאָכע — ניט אָפּזאָגן פון האָבן אַ חלק אין דער אַרבעט פאַר און אין מדינת ישראל. זיכער קען אָט־דער שטח פון אַרבעט ניט אויסגעשלאָסן ווערן פון טעטיקייט־פּראָגראַם פון דער ניי־געפּלאַנטער אַל־יידישער וועלט־ראַם. דער דאָזיקער אַרבעט־שטח איז איצט — און וועט נאָך זיין במשך אַ סך יאָרן — דער צענטער, וואָס פאַראייניקט די גרויסע מאַיאָריטעט יידן אין דער וועלט. היות ווי דורך די הענט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע גייען דורך סיי די פאָנדן, וואָס דאָס יידישע פאָלק גיט פאַר דער מדינה, סיי די וויכטיקסטע אַקטיוויטעטן אין דער מדינה גופא, האָט זי — די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע — וואָס אָנצובאָטן די אַנדערע אָרגאַניזאַציעס. די אָנבאָטן קענען זיי לאָקן אַריינצוטרעטן מיט איר אין אַ שותפות, אויב דערמיט וועט ניט זיין פאַרבונדן דער תנאי, אַז זיי זאָלן זיך דאַרפן אָנשליסן אין דער ציוניסטישער וועלט־ראַם.

✶

נאָכן אַרויסברענגען מיין פּאָזיטיוון פאָרשלאָג, בלייבט מיר נאָך איבער אָנצו־צייכענען ווי אַזוי די נייע וועלט־ראַם דאַרף אויפגעבויט ווערן. איך מיין, אַז דער 26סטער ציוניסטישער קאָנגרעס דאַרף אויך וועגן דעם עפּעס זאָגן. די אַנדערע אָרגאַניזאַציעס זיינען באַרעכטיקט צו וויסן אין וואָס פאַר אַ נייער ראַם זיי ווערן

איינגעלאַדן. דאָס מיינט ניט, אַז שוין דער קומענדיקער ציוניסטן־קאָנגרעס דאַרף אָנצייכענען אַ פולשטענדיקע קאָנסטיטוציע פון דער געפּלאַנטער נייער ראַם. אָבער די הויפּט־שטריכן פאַר איר צוזאַמענשטעל דאַרף ער אָנצייכענען. די אויסאַרבעטונג פון אַזאַ קאָנסטיטוציע מיט אַלע פּרטים דאַרף איבערגעלאָזט ווערן צו אַ באַשטענ־דיקער קאָמיסיע — פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע און איניקע פון די וויכטיקסטע גרויסע יידישע אָרגאַניזאַציעס. ערשט די קאָמיסיע־מסקנות דאַרפן דינען ווי אַ באַזע פאַר די ענדגילטיקע פעסטשטעלונגען, ווי אַזוי די נייע וועלט־ראַם זאָל צוזאַמענגעשטעלט ווערן. אָבער שוין פון סאַמע־אָנהייב דאַרף זיין קלאָר, אַז:

ערשטנס — די נייע וועלט־ראַם ווערט ניט געבויט אויפן יסוד פון יחידישער מיטגלידערשאַפט;

צווייטנס — די אָרגאַניזאַציעס, וואָס דאַרפן איינגעלאַדן ווערן, מוזן זיין אַזעלכע וואָס נעמען־אָן דעם יסוד, אַז קאַמף קעגן אַסימילאַציע, געראַנגל פאַרן קיום פון דער יידישער מדינה און קאַמף פאַר יידישע רעכט אומעטום ווו זיי ווערן פאַרלעצט, זיינען אויפגאַבן וואָס שטייען פאַרן גאַנצן יידנטום. דעריבער דאַרפן זיי אָנגעפירט ווערן בשותּפות פון דער מדינה און גלות־יידנטום. אָרגאַניזאַציעס וועלכע נעמען אָט־דעם קאַמף ניט אָן (ווי, צום ביישפּיל, די יידישע קאָמוניסטן, אָדער די אַמעריקאַנער „דזשודאַיִסטן") קענען קיין אָרט ניט האָבן אין דער נייער וועלט־ראַם;

דריטנס — פון לענדער ווו עס פונקציאָנירן אָנערקענטע אַליידישע לאַנד־רעפּרעזענטאַציעס (ביישפּילן: דער קאַנאַדער יידישער קאָנגרעס, דער אַרגענטינער ועד־הקהילות, די בריטישע באָאַרד אָוו דעפּיוטיס און ענלעכע רעפּרעזענטאַטיווע קערפּערשאַפטן וואָס פונקציאָנירן אין אַנדערע לענדער) — פון יענע לענדער ווערן איינגעלאַדן ניט די איינצלנע אָרגאַניזאַציעס, נאָר די צענטראַלע רעפּרעזענטאַטיווע קערפּערשאַפטן;

פערטנס — יידישע וועלט־אָרגאַניזאַציעס, סיי די וועלכע עקזיסטירן שוין, סיי אַזעלכע וואָס געפינען זיך אין פּראָצעס פון פאָרמירט ווערן, פאַרנעמען זייער אָרט אין דער נייער ראַם, לויטן ביישפּיל ווי עס פאַרנעמען אין ציוניסטישן וועלט־קאָנגרעס די באַזונדערע עקזיסטירנדיקע פּאַרטייִשע וועלט־אָרגאַניזאַציעס;

פינפטנס — פון די פאַראייניקטע שטאַטן ווערן איינגעלאַדן אַלע עקזיסטירנ־דיקע יידישע קערפּערשאַפטן. די פאָרעם פון פאַרטרעטערשאַפט ווערט אויסגעאַ־אַרבעט דורך דער דערמאָנטער קאָמיסיע.

✶

די וויכטיקסטע פראַגע, וואָס עס וועט שטיין פאַר די צוגרייטער פון דער נייער וועלט־ראַם, איז זיכער די פראַגע פון אינערלעכער דיסציפּלין פון דער נייער קער־פּערשאַפט. עס איז קלאָר וואָס עס דאַרף זיין דער בשותּפותדיקער אַרבעט־שטח פון דער נייער קערפּערשאַפט. דאָס ווערט שוין באַשטימט דורך די דערמאָנטע דריי יסודות, וואָס די קערפּערשאַפטן — וואָס שליסן זיך אָן אין איר — דאַרפן אָנער־קענען. דערפון איז קלאָר, אַז אַלע טעטיקייטן פון יעדער קערפּערשאַפט באַזונדער — וואָס איז ניט איינגעשלאָסן אין דעם אַרבעט־שטח פון דער נייער ראַם — קען

יעדער קערפּערשאַפט ממשיך זיין אויף איר אייגענעם וועג. אָבער בנוגע די אַרבעט־שטחים, וואָס די נייע ראַם נעמט איבער צו פירן אין אַלעמענס נאָמען, שטעלט זיך אַ פראַגע: צי דאַרף די נייע ראַם איינשטעלן אַ שטרענגע דיסציפּלין, אַז די אָנגע־שלאָסענע קערפּערשאַפטן טאָרן מער אַליין קיין אַרבעט ניט פירן? איך רעכן (אַוודאי וועט אויך אָט די פראַגע סוף־סוף מוזן באַשלאָסן ווערן דורך דער דער־מאָנטער קאָמיסיע, וועלכע וועט אויף אָט דעם פּונקט דאַרפן קאָנצענטרירן פיל מחשבה), אַז אין דעם פּונקט וועט מוזן אָנגענומען ווערן אַן עלאַסטישע טאַקטיק. די עלאַסטיציטעט טאָר ניט גיין אַזוי ווייט, אַז באַשלוסן מוזן אָנגענומען ווערן נאָר ווען אַלע אָרגאַניזאַציעס זיינען מסכים. אַזאַ נייע ראַם וועט זיין מלכתחילה פאַרמשפּט צו זייער ווייניק אַקטיוויטעטן און וועט שטעלן אין געפאַר איר עצם־קיום. אָבער קיין צו־שטרענגע דיסציפּלין טאָר אויך ניט איינגעשטעלט ווערן. איך האָף אַז אויך אָט די שווערע פראַגע וועט ניט זיין קיין מכשול אין וועג פון אויפשטעלן די נייע וועלט־ראַם.

איך וואָלט דערביי געעצהט דער ציוניסטישער וועלט־פירערשאַפט, אַז אויב זי אַליין איז גרייט צו גיין אויף דעם וועג, וואָלט גוט געווען, אַז זי זאָל זיך נאָך פאַרן 26סטן קאָנגרעס אָנהויבן צוזאַמענריידן מיט די פירערשאַפטן פון אייניקע גרויסע יידישע קערפּערשאַפטן (בני־ברית, דעם יידישן וועלט־קאָנגרעס און אַנ־דערע) מיטן צוועק זיך צו דערוויסן ווי אַזוי זיי וואָלטן גרייט געווען צו ענטפערן אויף אַזאַ רוף פון דעם 26סטן ציוניסטישן וועלט־קאָנגרעס. אפשר וואָלט דורך דעם צוגעגרייט געוואָרן דער באָדן אויף אַן אופן, וואָס וואָלט דערמעגלעכט דעם ציו־ניסטן־קאָנגרעס צו פאָרמולירן קלאָרער זיין פאָרשלאַג. דאָס וואָלט אפשר געקענט מעגלעך מאַכן, אַז די ערשטע שריט אויפצושטעלן די נייע וועלט־ראַם פאַר דער שותפות מיט דער מדינה, זאָלן קענען געמאַכט ווערן תיכף נאָכן קאָנגרעס און מען זאָל ניט דאַרפן וואַרטן ביז נאָכן 27סטן ציוניסטן־קאָנגרעס מיט אָנהויבן בויען די נייע וועלט־ראַם.

*

וואָס וואָלט דאַן — אויב דער פּלאַן ווערט באמת רעאַליזירט — געדאַרפט געשען מיט דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע גופא? אַוודאי וואָלט זי געהאַט דאָס רעכט אָנצופירן ווייטער אירע אייגענע אַקטיוויטעטן. אָבער צי נעמען ניט אַוועק די דריי אַרבעט־שטחים, וואָס די נייע ראַם דאַרף אָנפירן, אַלע אירע אַקטי־וויטעטן? איך מיין, אַז ניט. ווי איך האָב אויבן באַצייכנט, דאַרפן געדענקען די פאַר־מירער פון דער קאָנסטיטוציע פאַר דער נייער וועלט־ראַם, אַז זי מוז זיין עלאַסטיש. בנוגע די דריי אַרבעט־שטחים פון דער נייער ראַם דאַרף די עלאַסטישקייט זיין פאַרשידן צו יעדן פּונקט. דעם מאַקסימום פון דיסציפּלין דאַרף דווקא איינגעשטעלט ווערן בנוגע דעם פּונקט פון קאַמף פאַר יידישע רעכט אומעטום. דאָס וואָלט אין גאַנצן געדאַרפט דיריגירט ווערן פון דער פאַראייניקטער אַלייִדישער ראַם. מיר האָבן געזען ווי די לאַגע האָט די לעצטע חדשים אויסגעזען אינעם קאַמף פאַר רעכט פון די סאָוויעטישע יידן. אויף דעם שטח וואָלט איך געגאַנגען אַזוי ווייט ווי צו באַשטי־מען, אַז קיין אָנגעשלאָסענע אָרגאַניזאַציע טאָר אַליין קיין אַקטיוויטעטן אויף דעם

שטח ניט פירן, איידער זי באַקומט דערצו אַ הסכם פון דער צענטראַלער פירער־שאַפט פון דער נייער וועלט־ראַט.

אַ ביסל וויניקער דיסציפלין וואָלט געדאַרפט איינגעפירט ווערן בנוגע דעם גערעגל פאַרן קיום פאַר דער יידישער מדינה און פאַר דער אַרבעט אין דער מדינה גופא. דאָ וואָלטן אויך די הויפּט־אַרבעטן געדאַרפט געפירט ווערן דורך דער נייער וועלט־ראַט. אַוודאי געהערן צו איר אַלע אַרבעטן וואָס די ציוניסטישע באַוועגונג פירט אָן אין דער מדינה און אַלע אַרבעטן פאַר דער פינאַנציעלער און פּאָליטישער שטאַרקונג פון דער מדינה. פאַר דער אַרבעט אין דער מדינה ווערט אַט די נייע ראַט דער שותף צו דער מדינה און דעם עקזיסטירנדיקן ועד־התיאום, וואָס זוכט צו קאָאָרדינירן די טעטיקייטן פון דער מדינה מיט דער ציוניסטישער וועלט־עקזע־קוטיווע. אָבער דאָך בלייבן נאָך אַרבעט־שטחים פאַר יעדער אָרגאַניזאַציע וואָס זי קען פירן אַליין. נעמען מיר ווי אַ ביישפּיל אַלע סאָרטן מאָנומענטן, וואָס אָרגאַני־זאַציעס נעמען אונטער אין דער מדינה, כדי צו פאַראייביקן דעם זכרון פון זייערע אייגענע וויכטיקע פּערזענלעכקייטן. פאַראַן זיכער נאָך אַזעלכע אַרבעטן אין דער מדינה, וואָס יעדער אָרגאַניזאַציע קען פירן זעלבשטענדיק. דאָס זעלביקע רעכט וועט אַוודאי געהערן אויך צו דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע.

נאָך וויניקער דיסציפלין קען איינגעשטעלט ווערן בנוגע דעם קאַמף קעגן אַסימילאַציע. דער עיקר קאַמפּס־מיטל איז דאָך יידישער חינוך. און אויף דעם שטח דאַרף איינגעשטעלט ווערן דער מאַקסימום פון עלאַסטישקייט. ווילן מיר דאָך, אַז אויך די דריי גרויסע יידיש־רעליגיעזע באַוועגונגען זאָלן איינגעשלאָסן ווערן אין דער נייער ראַט. און אַוודאי טאָר די נייע ראַט ניט אָוועקנעמען דאָס רעכט פון יעדער ריכטונג צו פירן דעם חינוך לויט אירע איבערצייגונגען. די ראָלע פון דער נייער ראַט דאַרף באַשטיין אין העלפן אַלע חינוך־ריכטונגען זיך אַנטוויקלען און אויס־ברייטערן. דאָ דאַרף דינען דער ביישפּיל פון דער חינוך־אַרבעט אין דער מדינה.

האָט מען דאָס אין זינען, בלייבט נאָך פאַר דער ציוניסטישער אַרבעט אַ ברייט אַרבעט־פעלד. איבעריק צו באַטאָנען, אַז דער ציוניסטישער חינוך דאַרף, אין צוגאָב צו דער אַליידישער דערציִונג, איינפלאַנצן אין די נייע דורות דעם באַזונדערן קוק פון ציוניזם צו יידישער געשיכטע און איר ווייטערדיקער אַנטוויקלונג. איך רוף עס אָן — אַ חינוך, וואָס דאַרף פירן צו פולשטענדיקן קיבוץ־גלויות. דאָס גיט דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע אַ גענוג־ברייטן זעלבשטענדיקן שטח פון אַקטי־וויטעטן. צוזאַמען מיט די אַקטיוויטעטן וואָס זי האָט — ווי אַלע אַנדערע אָנגע־שלאָסענע אָרגאַניזאַציעס — אין דער נייער ראַט גופא, בלייבט פאַר איר גענוג מחיה־שטח צוליב וועלכע זי דאַרף ווייטער עקזיסטירן.

דערביי לייקן איך ניט, אַז איך אַליין וואָלט געוואָלט דערלעבן דעם טאָג, ווען די גאַנצע נייע ראַט נעמט איבער דעם גאַנצן ציוניסטישן שטאַנדפּונקט און איז גרייט איינצושליסן אין איר פּראָגראַם פולשטענדיקן קיבוץ־גלויות ווי איינער פון אירע הויפּט־צילן. דאַן וואָלט מיך ניט געקימערט, אַז די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַ־ניזאַציע זאָל זיך אויפלייזן, מיט דער דערקלערונג, אַז אַלע קאָנסטרוקטיווע, צו המשך־שטרעבנדיקע יידישע כוחות, האָבן איבערגענומען איר גאַנצן פּראָגראַם.

דערמיט האָט זי — די ציוניסטישע באַוועגונג — דערגרייכט די פולשטענדיקע רעאַליזירונג פון איר ציל, צוליב וועלכן זי איז געגרינדעט געוואָרן.

אָבער וועגן אַזעלכע פראַגן, וועלכע וועלן אַרויסוואַקסן, סיי פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג, סיי פאַר אַלע אַנדערע אַנגעשלאָסענע קערפּערשאַפטן, דורך דער אויפשטעלונג פון דער נייער אַלייִדישער וועלט־ראָט וועט נאָך אויסקומען צו שמועסן. הײַנט קען איך נאָר זאָגן: הלוואי האַלטן מיר שוין בײַ דעם.

✶

תיכף נאָך דעם 26סטן ציוניסטישן קאָנגרעס האָב איך געשריבן („קעמפער" 22סטן יאַנואַר 1965):

זאָל גלייך פעסטגעשטעלט ווערן: דער 26סטער ציוניסטישער קאָנגרעס האָט מיך שטאַרק אַנטוישט. איך ווייס, אַז אַזוי פילן זייער אַ סך ישראל־תושבים, אָבער איך נעם ניט אויף זיך די אויפגאַבע צו ריידן אין זייער נאָמען. איך רייד נאָר וועגן זיך. איך בין מודה, אַז די לעצטע דערקלערונג פון ד״ר נחום גאָלדמאַן (ציטירט לויטן „דבר" פון 12טן יאַנואַר), אַז דאָס איז געווען אַ שעפערישער קאָנגרעס (אין זיין לשון: „קונגרס יוצר"), האָט מיך ממש פאַרוווּנדערט. וואָלט ער זיך צופרידן־געשטעלט מיט אַן אַלטן מאָצקין־אויסדרוק, אַז עס איז געווען „אַ שווערער קאָנגרעס, אָבער אַ גוטער", וואָלט עס אויך געווען איבערגעטריבן בנוגע דעם 26סטן קאָנגרעס. אָבער צו באַצייכענען דעם 26סטן קאָנגרעס ווי „אַ שעפערישער" — דערצו דאַרף מען שוין טראָגן גאָר שטאַרקע, ראָזע ברילן.

אפשר איז מיין אַנטוישונג אַ רעזולטאַט פון מיינע איבערגעטריבענע דערוואַר־טונגען? — דאָס איז מעגלעך. די דאָזיקע דערוואַרטונגען זיינען אין מיר — פונקט ווי אין אַ ריי אַנדערע — געבאָרן געוואָרן דורך דער מערקווירדיק־גוטער פרעסע, וואָס דער קאָנגרעס האָט געהאַט עטלעכע וואָכן נאָכאַנאַנד — איידער ער האָט זיך געעפנט. די גאַנצע פרעסע איז געווען פול מיט די צוגרייטונגען. אַלע האָבן גערעדט וועגן אַ קאָנגרעס, וואָס וועט ברענגען אַ „נייע ווענדונג" — ניט ווייניקער — אין דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג. בין איך אויך אָנגעשטעקט געוואָרן מיט די האָפענונגען. די זייער־פייערלעכע דערעפענונג האָט נאָך אַלץ געשפייזט די אָפּטי־מיסטישע דערוואַרטונגען. אָבער זינט זיין צווייטן טאָג האָט זיך דער קאָנגרעס שוין פאַרנומען אויף וועגן, וואָס האָבן אים צו „שעפערישקייט", צו אַ „נייע ווענ־דונג" ניט געקענט פירן. און זיין אָפּשלוס איז דאָס מאָל געווען פיל ביטערער, ווי אפילו דער שלוס פון 25סטן קאָנגרעס.

מערקווירדיק, דער ירושלימער וועטער האָט ווי אונטערגעשטראָכן אָט־דעם פראָצעס. די ערשטע טעג זיינען געווען אַזעלכע ליכטיקע זוניקע, ווי נאָר ירושלים קען אַ מאָל פאַרמאָגן אין סאַמע מיטן ווינטער; און די לעצטע טעג האָט זיך ממש אַ חושך פאַרצויגן איבערן הימל. וואָלקנס שוואַרצע, שווערע, און רעגנס פלייצנדיקע, אַ וועטער, וואָס קריכט־אַריין אין אַלע דיינע ביינער.

✶

איך וויל זיך ניט פאַרנעמען מיט די פרטים, ווי די פאַרהאַנדלונגען אויפן קאָנגרעס האָבן זיך אַנטוויקלט, נאָר בלויז אַרויסברענגען די הויפּט־פּונקטן, אין

וועלכע מען האָט עס געדאַרפט דערשפּירן די „נייע ווענדונג״. די דאָזיקע פּונקטן זיינען געווען בלויז צוויי:

א) נייע אָרגאַניזאַציע־פאָרמען מיטן צוועק אַריינצוציִען נייע עלעמענטן אין דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע; ב) ווייטערדיקע צוזאַמענאַרבעט מיט מדינת ישראל. ווי אַזוי האָט דער קאָנגרעס אָט־די צוויי פּראָבלעמען באַגעגנט און וואָס איז פון זיי געוואָרן?

איך ווייס, אַז אויפן קאָנגרעס האָבן פונקציאָנירט אַ ריי קאָמיסיעס. און פּונקט ווי אויף פריערדיקע קאָנגרעסן האָבן די קאָמיסיעס אָפּגעגעבן פיל צייט, ענערגיע און מחשבה צו אַלע ענינים, וואָס זיי האָבן געדאַרפט פאַרהאַנדלען. זיי האָבן פּראָ־דוצירט אַן אומגעהויערע צאָל פון וויכטיקע און ווייניקער וויכטיקע רעזאָלוציעס. די רעוויזיאָניסטישע פראַקציע האָט, פּונקט ווי צו פריערדיקע קאָנגרעסן און זי־צונגען פון אַקציאָנס־קאָמיטעט, צו כמעט יעדער רעזאָלוציע צוגעגרייט אירס אַן „אויסבעסערונג״, אָדער אַ קעגנזעצלעכע שטעלונג, כדי צו יעדן פּונקט זאָל זייערער אַ פאַרטרעטער קענען אַרויסברענגען זייער באַזונדערן שטאַנדפּונקט. אָבער כמעט אַלע אָט די רעזאָלוציעס און „אויסבעסערונגען״ מיט זייערע „דעמאָנסטראַטיווע״ באַגלייט־דערשיינונגען האָט מען שוין פאָרמולירט פיל מאָל. זאָג איך ניט, אַז אַ קאָנגרעס איז ניט מחויב נאָך אַ מאָל און ווידער אַ מאָל אַרויסברענגען זיינע שטע־לונגען צו די וויכטיקסטע פראַגן וואָס מאַטערן דאָס יידישע פאָלק אומעטום. אָבער קען פון אָט די איבערחזרונגען (ווען אַפילו נויטיקע!) אַרויסקומען אַ „נייע ווענ־דונג״? ביי יענער גרעסערער צאָל דעלעגאַטן, וועלכע זיינען שוין געווען ביי אַ סך קאָנגרעסן און ביי זיצונגען פון אַקציאָנס־קאָמיטעט, האָט אָט דער באַרג פון רעזאָ־לוציעס זיכער ניט געקענט אַרויסרופן קיין גייסטיקע דערפרישונג. איך מיין, אַז אַפילו פאַר די דעלעגאַטן, וועלכע האָבן זיך צום ערשטן מאָל באַטייליקט אין אַ קאָנגרעס, האָבן די רעזאָלוציעס אויך ניט געבראַכט קיין ברעקל התרוממות־הנפש, וואָס זיי זאָלן אַוועקנעמען מיט זיך און זאָל זיי דינען ווי אַ דערפרישונג אין זייערע אַקטיוויטעטן נאָך דעם קאָנגרעס. עס דאַרף אַ מאָל געפונען ווערן אַ וועג ווי אַזוי צו באַפרייען אונדזערע קאָנגרעסן אויך פון אָט דער רוטין. אָבער דאָס מוז מען איבערלאָזן פאַר אַן אַנדער געלעגנהייט. היינט וויל איך זיך באַשעפטיקן נאָר מיט די צוויי אויבנגעבראַכטע פּראָבלעמען.

✶

אינעם פּראָבלעם פון נייע אָרגאַניזאַציע־פאָרמען האָט דער קאָנגרעס קיין שריט פאָרויס זיכער ניט געמאַכט. אויב עפּעס — האָט ער גאָר געמאַכט אַ שריט צוריק. אמת, ד״ר נחום גאָלדמאַן האָט אַפילו געוואָרנט, אַז אויב אין דעם פּונקט וועט ניט געשען קיין ענדערונג, וועט ער מער ניט אָננעמען דעם הויכן אַמט פון פּרעזידענט. ער האָט אַוודאי גוט געטאָן, וואָס ער האָט דערוויייל אָט די וואָרענונג נאָך ניט דורכ־געפירט. די גאַנצע פראַגע איז אייגנטלעך אַריבערגעטראָגן געוואָרן צום נייעם אַקציאָנס־קאָמיטעט, וואָס וועט זיך פאַרזאַמלען אין אַ האַלב יאָר אַרום. אָבער איך, ווייניקסטנס, גלייב ניט אַז עס וועט דעם אַקציאָנס־קאָמיטעט געלינגען דאָס, וואָס עס איז ניט געלונגען דעם קאָנגרעס. דעם קאָנסערוואַטיזם פון די פאַרטייען וועט

דער אַקציאָנס־קאָמיטעט נאָך ווייניקער קענען באַזייטיקן, ווי דער קאָנגרעס. בפרט, ווען עס איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף דער קומענדיקער ערשטער סעסיע פון נייעם אַקציאָנס־קאָמיטעט אַזאַ שווערער האַרב: די פראַגע פון דער רעפּרעזענטאַנץ פון די רעוויזיאָניסטן אין דער ציוניסטישער הנהלה.

אין דעם פּונקט איז די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג, הויפּטזעכלעך אונדזער מפא״י, באַגאַנגען אַ שווערן טעות, וואָס איז פאַרבונדן מיט אַ גרויסער עוולה. איך קען ניט געפינען קיין באַרעכטיקונג אַווקצוגעמען פון אַ לעגיטים־אָנערקענטער פראַקציע אין דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע איר רעכט פאַר פולער רעפּרעזענטאַנץ וואָס איר קומט לויט די תקנות פון דער וועלט־אָרגאַניזאַציע. איך האַלט, אַז אַפילו די איינשטעלונג פון יענע סתם־ציוניסטישע דעלעגאַטן, וועלכע האָבן געפאָדערט, עס זאָל כאָטש בלייבן סטאַטוס־קוואָ (דאָס הייסט, אַז די רעוויזיאָניסטן האָבן איין פאַרטרעטער אָן אַ פאָרטפעל אין דער אַמעריקאַנער אָפּטיילונג פון דער הנהלה) איז אויך אַ טעותדיקער. אויב מען טאָר ניט זיצן מיט זיי אין איין הנהלה, טאָר מען קיין איינעם אויך ניט אַריינעמען. און דאָס אונטערשטרייכן, אַז דער איינער טאָר קיין פאָרטפעל ניט האָבן, איז ווידער אָן אומרעכט. אויב ער איז פעיִק צו פירן אָן אָפּטיילונג — טאָ מיט וואָס איז באַרעכטיקט אַזאַ דיסקרימינאַציע קעגן אים? די גאַנצע שטעלונג איז אומווירדיק. ווי טיף עס זאָלן ניט גראָבן די פּרינציפּיעלע חילוקי־דעות צווישן זיי און אונדז, טאָר עס בשום אופן צו דיסקרימינאַציעס נישט דערפירט ווערן. איך האָב דאָס געפיל, אַז אין דעם פּונקט — ווי אַפילו אין אַנדערע קאָנגרעס־פאַרהאַנדלונגען — האָט געפעלט יענע געשטאַלט פון יושר און אידעלער באַציִונג, וואָס איז סימבאָלירט דורך אונדזער חבר משה שרת. מיין טיפע האָפענונג איז, ער זאָל קומען צוריק צו זיינע כוחות און זאָל ביי דער סעסיע פון אַקציאָנס־קאָמיטעט באַאיינפלוסן אונדזער פראַקציע, זי זאָל אַראָפּנעמען פון זיך דעם פלעק, מיט וועלכן זי האָט זיך אַליין באַפלעקט אויף דעם 26סטן קאָנגרעס. אפשר וועט אָט דער האַרב וועט אַראָפּגענומען ווערן פון די פּלייצעס פון אַקציאָנס־קאָמיטעט, וועט זיך זיין ערשטע סעסיע דאָך קענען באַשעפטיקן מיטן פּראָבלעם פון נייע אָרגאַניזאַציע־פאָרמען פאַר דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג.

איך זאָג נאָך אַלץ „אפשר״, ווייל אַפילו אויב די עוולה קעגן די רעוויזיאָניסטן וועט גוט־געמאַכט ווערן, איז נאָך אַלץ ניט זיכער, אַז נייע אָרגאַניזאַציע־פאָרמען וועלן איינגעשטעלט ווערן. די סיבה דערצו ליגט פיל טיפער, ווי די פאַרהאַנדלונגען אויפן קאָנגרעס האָבן עס אַרויסגעבראַכט. זי ליגט אין דעם וואָס אַלע, בעיקר ד״ר גאָלדמאַן אַליין, לעבן נאָך אַלץ מיט דער אילוזיע, אַז עס וועט געלינגען אַריינצוציִען גרויסע אָרגאַניזאַציעס אין די ראַמען פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. איך בין שוין זינט יאָרן איבערצייגט, אַז דאָס איז אַ פאַלשער וועג; אַז דער שותּף צו מדינת ישראל פאַר אַלע אַרבעטן וואָס דאַרפן אין אונדזער עפּאָכע געפירט ווערן, סיי פאַר ביצור המדינה, סיי פאַרן המשך פון יידישקייט בכל התפוצות מוז אויפגעבויט ווערן אויף גאָר נייע אָרגאַניזאַטאָרישע יסודות. (ווי אַזוי ער דאַרף אויפגעשטעלט ווערן און וואָס פאַר אַ שטייער און וואָס פאַר אַ ראָלע די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע קען און דאַרף אין דעם פאַרנעמען, האָב איך אַרויסגעבראַכט אויבן).

איך לאָז אויס די גאַנצע פראַגע פון שקל און וואַלן צו די קאָנגרעסן, וואָס האָבן פאַרנומען אַזאַ וויכטיקן אָרט אין די וויכוחים, ספּעציעל אין אונדזער „איחוד־עולמי״־פראַקציע. אָט די וויכוחים האָבן אַ באַדייטונג נאָר דאַן, ווען מען שטייט אויפן שטאַנדפּונקט, אַז די ציוניסטישע באַוועגונג וועט בלייבן דער איינציקער שותף צו דער מדינה. שטייט מען אויף דעם שטאַנדפּונקט — זיינען אוודאי גערעכט יענע חברים, וועלכע האַלטן, אַז מען מוז די חסרונות פון שקל אויסבעסערן, האָבן איבער אים אַ בעסערע אויפזיכט און אַז עס מוזן געפירט ווערן פּאָפּולערע וואַלן פון דעלעגאַטן צו די ציוניסטישע וועלט־קאָנגרעסן, און ניט באַנוגענען זיך מיט הסכמים צווישן די פּאַרטייען. אָבער, ווי געזאָגט, אין מיין מחשבה לעבט טיפער דער ווילן צו זען דעם גלות־שותף צו דער מדינה, געבויט אויף אַנדערע יסודות. דעריבער באַנוגן איך זיך נאָר בנוגע שקל, וואָס איז בלויז אַ המשך פון דער פריִער־באַהאַנדלטער פראַגע — וועגן דער צוזאַמענאַרבעט פון דער ישראל־רעגירונג מיט דער ציוניסטישער באַוועגונג.

*

נו, מען האָט אויף דעם קאָנגרעס ווידער געהערט פיל שבחים צו חבר לוי אשכול וועגן זיין באַציִונג צו דער ציוניסטישער באַוועגונג. האָט ער די שבחים זיכער פאַרדינט. אָבער איך מוז מודה זיין, אַז טראָץ מיין שאַרפער קעגנערשאַפט צו דעם טאָן, וואָס אונדזער געוועזענער פרעמיער דוד בן־גוריון האָט אין זיין צייט אָפט באַנוצט קעגן דער ציוניסטישער באַוועגונג, האָט מיר דאָך געגרילצט אין די אויערן און עס האָט מיר פאַרשאַפט אַ ווייטיק אין הארץ, ווען דער ספּעציעלער בריוו, וואָס חבר בן־גוריון האָט געשיקט צום קאָנגרעס, איז מצד אַ סך דעלעגאַטן באַגעגנט געוואָרן מיט געלעכטער. ניט דער בריוו און אַוודאי ניט חבר בן־גוריון האָבן פאַרדינט אַזאַ באַציִונג. חבר בן־גוריון האָט דווקא געזוכט צו ריידן — און אַ סך צו ריידן! — צו אָט־דעם קאָנגרעס. ער האָט פאַרעפנטלעכט עטלעכע אַרטיקלען, געווידמעט דעם קאָנגרעס, אין וועלכן ער האָט אַרויסגעבראַכט זייער וויכטיקע געדאַנקען, אויף וועלכע עס איז כדאי זיך אָפּצושטעלן.

מען האָט ווי געזאָגט, געגעבן פיל שבחים דעם פרעמיער לוי אשכול. אָבער פיל דעלעגאַטן האָבן ניט גענוג דערהערט איינע פון די וויכטיקסטע פון זיינע באַהויפּטונגען, וואָס זיינען געווען אַנדערש פון די טענות פון פריִערדיקן פרעמיער בן־גוריון נאָר אין טאָן, אָבער ניט אינעם תוכן. ער האָט אַזוי געזאָגט (ציטירט לויט „דבר״, 5טן יאַנואַר): „די געמיינזאַמע אַרבעט, וואָס איז איינגעשטעלט צווישן דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און דער ישראל־רעגירונג, וועט פאַרגעזעצט ווערן. זי איז בויטיק פאַר אונדז. אָבער מיר קענען ניט אָפּלאָזן אונדזער עיקרדיקע פאָדערונג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, און צו יעדן פריוואַטן ציוניסט, אַז ער זאָל זיך אַליין משתתף זיין אין בויען דאָס לאַנד און דעם פאָלק דורך עליה קיין ישראל און געבן אַ ריכטיקן חינוך די קומענדיקע דורות. די יסוד־שטעלונג פון דער רעגירונג איז, אַז זי וועט ווייטער פאָדערן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג איר חלק צו דער באַפעסטיקונג פון דער מדינה דורך אַריינשטראָמען עליה אין איר. פון אָט דער פאָדערונג — האָט דער פרעמיער איבערגעחזרט — וועלן מיר ניט אָפּלאָזן. די ציוי־

ניסטישע באַוועגונג און אירע מיטגלידער דאַרפן דערפילן די אויפגאַבעס און די מצוות פון דעם דור. אין אַט דער פאָדערונג איז ניטאָ קיין אונטערשייד צווישן דער איצטיקער רעגירונג און די פריערדיקע רעגירונגען. מען קען אפשר זען אַן אונטערשייד אין נוסח, אָבער ניט אין דעם תוכן פון דער פאָדערונג".

און פרעמיער אשכול איז געווען פולשטענדיק גערעכט. פון דעם דרינג איך, אַז ניט דער פריערדיקער נוסח פון חבר בן־גוריון, ניט דער איצטיקער נוסח פון חבר אשכול קענען זיין אַנטשיידנדיק פאַר די אויפגאַבן וואָס שטייען פאַרן דור. אַנטשיידנדיק קען זיין נאָר דאָס אויפשטעלן אין גלות אַן אַל־אַרומנעמענדיקן שותף פאַר דער מדינה אין דורכפירן די אויפגאַבן פון דעם איצטיקן דור. די בעסטע ווונטשן פון פרעמיער אשכול קענען ניט אָנערקענען די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע ווי דעם איינציקן שותף פון דער מדינה, אַזוי לאַנג ווי מחוץ דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע בלייבן גרויסע יידישע אָרגאַניזירטע כוחות.

ד"ר גאָלדמאַן זוכט אויסצופילן אַט דעם בלויז דורך אַריינפירן פירנדיקע יידישע פערזענלעכקייטן פון דער ניט־ציוניסטישער אָרגאַניזירטער מחנה אין דער נייער הנהלה. איז דאָס אויך וויכטיק. ער, ד"ר גאָלדמאַן, זוכט עס שוין פיל יאָרן און דורך אַ סך קאָנגרעסן און זיצונגען פון אַקציאָנס־קאָמיטעט. מיין איך, אַז די קומענדיקע סעסיע פון אַקציאָנס־קאָמיטעט דאַרף אים געבן אַט די מעגלעכקייטן. אָבער ער, פון זיין זייט, מוז דאָך פאַרשטיין, אַז דאָס הייסט נאָך ניט, אַז יענע גרויסע יידישע אָרגאַניזאַציעס ווערן אַ טייל פון דער ציוניסטישער וועלט־ראַם. און ער דאַרף זיך ניט ווונדערן, אַז צוליב אַזאַ פאָליאַטיוו געפינען זיך חברים אין דער ציוניסטישער פירערשאַפט, וואָס זיינען ניט גרייט צוליב דעם אָפּצושוואַכן סיי די פאָזיציעס פון זייערע פאַרטייען, סיי — מען דאַרף אויך ניט לייקענען — זייערע אייגענע פערזענלעכע פאָזיציעס. אַזעלכע קרבנות קען מען און מען דאַרף פון זיי פאָדערן, נאָר צוליב אַן אמת־גרויסער רעפאָרם, וואָס זאָל מיט זיך פאָרשטעלן אַ נייע ווענדונג ניט נאָר אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, נאָר אין גאַנצן וועלט־יידנטום. און דער ערשטער דאַרף עס איינזען דער מענטש, וואָס איז איצט דער נישט־אָפּגעפרעגטער פירער פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע — ד"ר נחום גאָלדמאַן.

די דערעפענונג פון קאָנגרעס האָט, אָן ספק, פאַרשאַפט גרויס נחת. איך רייד ניט וועגן דעם אינהאַלט פון די רעדעס, כאָטש אויך זיי זיינען געווען געלונגענע. בעיקר האָט דאָס אויג און דאָס האַרץ געשעפּט הנאה פון דעם רוב עם און פון די פריידיקע אַרויסשטראַלונגען פון פילע טויזנטער אויגן. דאָס האַרץ האָט זיך געפרייט פון דער גרויסער צאָל יונגע פנימער, וואָס מען האָט געזען אויף דעם קאָנגרעס. אַוודאי האָט דערצו מיטגעהאָלפן דאָס באַגעגענען פון הונדערטער נאָענטע פריינד און חברים פון אַלע טיילן פון דער וועלט. און איינער וואָס האָט — ווי איך — זיך באַטייליקט אין אַזוי פיל קאָנגרעסן און באַזוכט אַזוי פיל לענדער און זיך נאָענט באַקאַנט מיט די ציוניסטישע פירער פון אַט די אַלע לענדער, האָט אַוודאי דורכגעלעבט ביי דער פתיחה אַ זייער דערהויבנדיקן געפיל. דאָס וויסן, אַז צווישן די דעלעגאַטן געפינען זיך צענדליקער פירער פון יידישע ניט־ציוניסטישע יוגנט־

באַוועגונגען, וואָס זיינען געקומען איינצאַפּן אין זיך די קדושה פון אַ גרויסער ציוניס־טישער וועלט־אסיפה, האָט נאָך מער געשפּייזט דאָס האַרץ מיט הנאה. עס איז מיך ווייניק אָנגעגאַנגען זייער סטאַטוס — צי האָבן זיי שטים־רעכט אָדער ניט — איך האָב געהאָפט, אַז זייערע הערצער וועלן גייסטיק אָנגעפּילט ווערן מיט אַלץ, וואָס די ציוניסטישע באַוועגונג און די ציוניסטישע דערגרייכונגען וועלן זיי קענען צו־טראָגן. און אַט זיץ איך איצט און טראַכט: מיט וואָס האָבן געקענט אַוועקפאָרן אָט די יונגע מענטשן, נאָך דעם, ווי זיי האָבן מיטגעמאַכט דעם וואַלקנדיקן סוף פון דער אסיפה, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אַזוי זוניק?

צום סוף מוז איך רעאַגירן אויף נאָך אַ באַמערקונג פון ד״ר נחום גאָלדמאַן אין זיין לעצטער דערקלערונג, וואָס איז דערשינען אין „דבר" פון 12טן יאַנואַר. עס זאָגט זיך דאָרטן אַז ד״ר גאָלדמאַן האָט אויסגעדריקט אַ שאַרפע קריטיק איבער דעם, וואָס צווישן טיילן פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין ישראל פעלט די פאַרשטענדעניש פאַר דער חשיבות פון דער ציוניסטישער אַרבעט. ד״ר גאָלדמאַן האַלט, אַז אָט דער מאַנגל איז באַזירט אויף דער איבערגעטריבענער זעלבסט־זיכערקייט, אַז ישראל נויטיקט זיך ניט מער אין די יידישע קהילות אין דער גולה, סיידן ווען זיי זיינען גרייט צו קומען און זיך באַזעצן אויף שטענדיק אין ישראל. ניט זיין באַגרינדונג, ניט דער עצם־פאַקט זיינען נאָענט צו דער אמתער לאַגע. עס זיינען דאָ זייער ווייניק יידן אין ישראל, וואָס טראָגן זיך אַרום מיט אַזאַ זעלבסט־זיכערקייט, און עס איז ניט אמת, אַז זיי האָבן אַרויסגעוויזן אַ מאַנגל אין פאַרשטיין די חשיבות פון דער ציוניסטישער אַרבעט. ווער עס האָט געזען, ווי עס האָבן זיך געצויגן טוויזנטער, ניט נאָר צו די סעסיעס פון קאָנגרעס, נאָר צו די אימפּרעזעס אַרום און פאַר דעם קאָנגרעס; צו דער וועלט־קאָנפערענץ פון קרן היסוד, צו די וועלט־קאָנפערענצן פון די פאַרשיידענע ציוניסטישע פּאַרטייישע וועלט־באַוועגונגען; צו דער וועלט־קאָנפערענץ פון דער הסתדרות עברית עולמית און צו אַ ריי רעפע־ראַטן, וואָס עס האָבן געהאַלטן פאַרשיידענע פירער פון אַלע ציוניסטישע גרופּי־רונגען — סיי פאַר, סיי במשך פון דעם קאָנגרעס — מוז זיך באַציִען מיט ווייטיק צו אַזאַ דראַסטישן פּסק־דין איבער דער ישראל־געזעלשאַפטלעכקייט מצד דעם הויפּט־פירשפּרעכער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, מצד ד״ר נחום גאָלדמאַן.

*

איך ענדיק צוגרייטן אָט דעם קאַפּיטל נאָך דעם, ווי עס איז מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק אָפּגעהאַלטן געוואָרן די ערשטע סעסיע פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט נאָכן 26סטן ציוניסטישן קאָנגרעס. דער קאָנגרעס אַליין האָט, ווי באַקאַנט, ניט באַוויזן צו וויילן די וועלט־הנהלה פאַרן פעריאָד ביזן 27סטן וועלט־קאָנגרעס. ער האָט באַפולמעכטיקט דעם אַקציאָנס־קאָמיטעט אַזאַ הנהלה אויסצוּוויילן ביי זיין ערשטער סעסיע. דער אַקציאָנס־קאָמיטעט האָט די פונקציע דורכגעפירט. דערביי האָט ער אַריינגעטראָגן אַ וויכטיקע ענדערונג צום גוטן: ער האָט נעמלעך באַשלאָסן צו געבן דער רעוויזיאָניסטישער פראַקציע איר אָרט אין דער הנהלה, צו וועלכער זי איז באַרעכטיקט. דער קאָנגרעס האָט אויך איבערגעלאָזן דעם אַקציאָנס־קאָמיטעט

די פונקציע פון אויסברייטערן די ראַמען פון דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג. און אויך אויף דעם געביט איז עפּעס געשען: דער אַקציאָנס־קאָמיטעט האָט געוויילט אין דער הנהלה 7 יידישע פּערזענלעכקייטן, וואָס קומען ניט ווי פאַרטרעטער פון די ציוניסטישע פּאַרטייען. זי האָט די נייע 7 געגעבן אַ גלייכן סטאַטוס מיט יענע הנהלה־מיטגלידער, וועלכע פאַרטרעטן יאָ ציוניסטישע פּאַרטייען. די 7 פּערזענלעכקייטן זיינען אויסגעקליבן געוואָרן, ווייל יעדערער פון זיי איז פאַרבונדן מיט אַ גרויסער יידישער אָרגאַניזאַציע, אַ וועלטלעכע, אָדער רעליגיעזע. איז עס אין מיינע אויגן אויך אַ שריט צום גוטן. אָבער קיינער פון זיי ברענגט ניט אַריין מיט זיך זיין אָרגאַניזאַציע אין דער וועלט־ציוניסטישער ראָט. דעריבער איז די פּראָגע פון אויפשטעלן אַ יידישן וועלט־שותף צו מדינת ישראל, וואָס זאָל איינשליסן אַלע אַקטיווע, קאָנסטרוקטיווע, אויך ניט־צוליב־ציוניזם אָרגאַניזירטע, גרויסע יידישע קערפּערשאַפטן, אַלץ געבליבן אין גדר פון אַ צוקונפט־פאַנטאַזיע.

און אפשר בין איך גאָר דער איינציקער, וואָס טראָגט זיך אַרום מיט אַזאַ פאַנטאַזיע? די ציוניסטישע פירערשאַפט און די פירער פון די יידישע גרויסע אָרגאַניזאַציעס פאַנטאַזירן אַפילו ניט וועגן דעם. און אפשר — ווער קען וויסן? — וועט דער געדאַנק דאָך אַ מאָל רעאַליזירט ווערן?

ציוניזם און בונדיזם אין דער נייער תקופה

(געשריבן דעם 3טן יוני 1955)

אין מאָנטרעאָל, קאַנאַדע, איז אין פרילינג פון 1955 אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ וועלט־קאָנפערענץ פון „בונד". דאָרט איז פאָרמולירט געוואָרן אַ „נייע" פּראָגראַם פאַר דער שארית הפליטה פון „בונד". איז דאָס זוכן אַ נייע פּראָגראַם זייער אַ לעגיטימע אויפגאַבע. עס איז עפּעס געשען אין דער וועלט זינט די ערשטע פּראָגראַם פון „בונד" איז מיט 60 יאָר צוריק פאָרמולירט געוואָרן. אויך די ציוניסטישע באַוועגונג זוכט שוין, צוליב די זעלביקע סיבות, אַ שיינע פאָר יאָר אַ נייע פּראָגראַם, וואָס זאָל פאַרנעמען דעם אָרט פון דער באַרימטער באַזעלער פּראָגראַם, וועלכע איז אויך פאָרמולירט געוואָרן מיט 60 יאָר צוריק. מעגן די בונדיסטן אויך אַ קוק טאָן צי זייערע אַלטע פּראָגראַמען (געווען פאַרשידענע בונדישע פּראָגראַמען־נוסחאות. דאָס ווערט ניט פאַרצייכנט, חלילה, לגנאי. פּועלי־ציוניזם האָט אויך געהאַט עטלעכע פּראָגראַם־נוסחאות) פּאַסן זיך צו דער נייער עפּאָכע.

אַפילו דער פאַקט, וואָס ניט אַלע גרופּירונגען פון די געבליבענע בונדיסטן זיינען געווען פאַרטראָטן אין מאָנטרעאָל, נעמט ניט אַוועק דאָס רעכט פון יענע, וואָס האָבן זיך יאָ באַטייליקט, צו פאָרמולירן זייער שטעלונג צו אַלע יידישע און סאָציאַליסטישע פּראָבלעמען, ווי זיי זעען עס. אויב די אָנטיילנעמער פון דער מאָנטרעאָלער אסיפה האָבן אָנגענומען באַשלוסן, וואָס זיינען להיפך צו די רעאַליטעטן פון דער איצטיקער יידישער עפּאָכע, איז דאָס געווען זייער רעכט, פּונקט ווי עס איז אונדזער רעכט צו באַקעמפן זייערע שטעלונגען. עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז דער באַוווסטער יידישער סאָציאַליסט, הלל ראָגאָף, דער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס", האָט דאָס מאָל אונדז פאַרשפּאָרט אַן אַרבעט. ער האָט זיי געגעבן אַזאַ ענטפער, וואָס קיינער פון אונדז וואָלט עס ניט געקענט אַזוי קלאָר און שאַרף פאָרמולירן. האָט אָבער דער זייער פאַראַנטוואָרטלעכער פּובליציסט און באַוווסטער ציוניסט, ד"ר שמואל מאַרגאָשעס, פאָרמולירט אַ שטעלונג צו די בונדיסטן נוסח־מאָנטרעאָל, וואָס עצהט די דאָזיקע בונדיסטן זיי זאָלן זיך משדך זיין מיט דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג. מוז איך גאַנץ אָפן זאָגן: דער שידוך געפעלט מיר בשום אופן ניט. צום בונדיזם נוסח־מאָנטרעאָל האָבן מיר נאָר איין ענטפער: אַ שאַרפן קאַמף! און מיך וווּנדערט זייער שטאַרק, וואָס דער ציוניסט ד"ר מאַרגאָשעס דענקט אַנדערש.

ס'איז מאָדנע, וואָס דער דאָזיקער שידוך ווערט אונדז גערעדט נאָך דעם ווי ער אַליין, ד"ר מאַרגאָשעס, זאָגט אין זיין אַרטיקל „די טויטע האַנט" (וואָס דערמיט האָט ער געמיינט: „די טויטע האַנט פון דער בונדישער טראַדיציע") אַז זי, די „טויטע האַנט" האָט, לויט ד"ר מאַרגאָשעס אַליין, „באַשטעטיקט די באַהויפּטונג, וואָס איינער פון די בונדישע אידעאָלאָגן האָט אַוועקגעשטעלט ערב דעם מאָנטרעאָלער צוזאַמענפאָר". וואָס איז געווען די דאָזיקע באַהויפּטונג? זי זאָגט: „ציוניזם

און בונדיזם גייען זיך פונאַנדער פונדאַמענטאַל אין אַ ריי גרונטפראַגן. אַזוי איז געווען פאַר מדינת ישראל און אַזוי איז אויך איצט. אין דער הינזיכט איז קיין שום ענדערונג נישט פאָרגעקומען". ד"ר מאַרגאָשעס גיט נאָך אַליין צו די פאָלגנ־דיקע באַמערקונג וועגן אָט דער באַהויפּטונג: „אַזוי, רעכן איך, האָט די ערד געמוזט אויסזען צו געוויסע באַשעפעניש, ווען זיי זיינען אַרויס פון דער תיבה נאָכן מבול". און נאָך אַזאַ אָפּשאַצונג וועגן דעם בונדיזם נוסח־מאָנטרעאָל מיינט נאָך אַלץ ד"ר מאַרגאָשעס. אַז עס איז מעגלעך אַ שידוך צווישן אונדז מיט אָט די בונדיסטן.

עס וועט מיר שפּעטער נאָך אויסקומען צו פאַרצייכענען די פּונקטן צו וועלכע איך בין מסכים מיט ד"ר מאַרגאָשעס און זיינע פאָרמולירונגען וועגן דעם ציוניזם פון דער איצטיקער עפּאָכע און אין וועלכע איך בין ניט מסכים. איך מוז אָבער קודם־כל זיך נאָך אַ ביסל אָפּשטעלן אויפן בונדיזם נוסח־מאָנטרעאָל, כדי צו באַ־פעסטיקן מיין באַהויפּטונג, אַז ער קען פון אונדז דערוואַרטן — נאָר קאַמף. פאַראַן נוסחאות פון אַנדערע בונדיסטן, וועגן וועלכע מען קען זאָגן, אַז זיי רעכענען זיך יאָ מיט די נייע יידיש־געשיכטלעכע רעאַליטעטן. מיט אַזעלכע בונדיסטן איז מעגלעך צו געפינען אַ בשותּפותדיקן אַרבעט־שטח, אויב ניט אויף אַלע געביטן פון אונדזער ווירקן, איז אויף אַ באַדייטנדיקן טייל. לגבי בונדיסטן פון אָט דעם נוסח בין איך גרייט אָנצונעמען ד"ר מאַרגאָשעסעס עצה, ניט צו „שפּילן די ראָלע פון זיגער כלפּי זיי, וואָס האָבן ניט געוואָלט די יידישע מדינה", אָבער ניט כלפּי בונדיסטן נוסח־מאָנטרעאָל *. אויב זיי זיינען אַזוי געקרענקט דורך דעם וואָס די יידישע מדינה איז געוואָרן אַ פאַקט, מוזן מיר אַרויסשטעלן דעם מדינה־נצחון אין קאַמף קעגן זיי.

✶

הלל ראָגאָף, דער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס", האָט אין די ערשטע צוויי פּאַראַגראַף פון זיין גלענצנדיקן אַרטיקל פאָרמולירט דעם תּמצית פון דעם בונדיזם נוסח־מאָנטרעאָל און זיין אייגענע באַציִונג צו דעם. עס וועט מיר פאַרשפּאָרן אַ סך צו שרייבן, ווען איך וועל אָט די פּאַראַגראַפן דאָ ציטירן:

„קיין נייע געדאַנקען אָדער אַרגומענטן זיינען אין דער בונדישער רע־זאָלוציע ניטאָ. אַלע טענות, אַלע באַשולדיקונגען און אַלע בלבולים וואָס די רעזאָלוציע אַנטהאַלט, באַגעגנט מען אין דער אַראַבישער פּראָפּאַגאַנדע, מען הערט זיי פון אַראַבישע פאַרטיידיקער, פון די פאָרשטייער פון „קאָונסיל

---

* נאָך דעם ווי דער אַרטיקל איז געווען אָנגעשריבן איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַן אַרטיקל פון רפאל אַבראַמאָוויטש אין „פאָרווערטס". ער טרעט אויך שאַרף אַרויס קעגן די מאָנטרעאָלער רעזאָלוציעס. נישט אַזוי שאַרף ווי הלל ראָגאָף, אָבער גענוג שאַרף כדי זיך אָפּצוגרענעצן פון דעם מאָנטרעאָלער נוסח. וועגן הלל ראָגאָף קענען אפשר די מחברים פון נוסח מאָנטרעאָל זאָגן, אַז ער איז סיי־ווי קיין מאָל נישט געווען דורכגעדרונגען מיט דער ספּעציעל־בונדישער אידעאָלאָגיע. אָבער וועגן רפאל אַבראַמאָוויטש קענען זיי די טרייסט אויך נישט האָבן. ער איז דאָך יאָרנלאַנג געווען דער וויכטיקסטער פאַרטרעטער פון „בונד" אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. אָט מיט אַזעלכע בונדיסטן נוסח אַבראַמאָוויטש מעגן מיר גרייט זיין צו מיטאַרבעט. צו אייניקע באַהויפּטונ־גען אין אַבאַראַמאָוויטשעס אַרטיקל וועל איך שפּעטער האָבן עפּעס צו זאָגן.

ב. צ.

פאַר דזשודאַיזם" און פון אַנדערע שונאים פון דער יידישער מדינה.

„די אַראַבישע פּראָפּאַגאַנדיסטן האָבן אויסגעטראַכט די לעגענדע פון צוויי סאָרטן יידן, אומשולדיקע יידן און ,טיעולשע יידן'. די ,טייוולשע יידן' האָבן זיי אַ נאָמען געגעבן ,זייאָניסטס'. עס זאָל הייסן אַז זיי, די אַראַבער, האָבן ניט קיין שום קריוודעס קעגן די אומשולדיקע יידן, אָבער זיי ווילן אויסראָטן די ,זייאָניסטס', ווייל די ,זייאָניסטס' זיינען אימפּעריאַליסטן, מערדער, רויבער און אַלץ וואָס אין קאָרט. מיטן נאָמען ,זייאָניסטס' באַצייכענען די אַראַבער די יידן פון ישראל און די יידן פון אַנדערע לענדער, וואָס שטיצן די יידישע מדינה און איר רעגירונג. דאָס זעלבע טוען די בונדיסטן אין זייער רעזאָלוציע".

אויך די וויטערדיקע טיילן פון הלל ראָגאָפס אַרטיקל גייען אין זעלביקן טאָן. און מיט אַזעלכע בונדיסטן, וואָס אפילו אַזאַ פירנדיקער יידישער סאָציאַליסט ווי הלל ראָגאָף שילדערט זיי מיט אַזעלכע פאַרדינטע עפּיטעטן, וויל עס אונדזער ציוניסטישער פריינד ד"ר מאַרגאָשעס אונדז משדך זיין!

מיר שיינט, אַז ד"ר מאַרגאָשעס איז נכשל געוואָרן דורך צוויי שטרויכלונגען: די ערשטע קומט דערפון, וואָס זיין ציוניזם אין דער איצטיקער עפּאָכע דערוויטערט זיך זייער שטאַרק פון ציוניסטישן בליק אויף דער יידישער געשיכטע. זיין צווייטע שטרויכלונג ליגט אין זיין גרייטקייט אַרומצוכאַפּן זיך מיט יעדן וואָס רעדט וועגן „דאָיקייט". מוז מען זיך דורכשמועסן מיט ד"ר מאַרגאָשעס סיי וועגן זיין צו־וויטער „קאָנסעקווענץ" אין זיינע אייגענע אידייען און מען מוז אים דערמאָנען אָן דעם, וואָס ער ווייסט אַליין אויך זייער גוט, אַז צוויי ריידן וועגן „דאָיקייט" (און ניט דווקא וועגן דאָיקייט!) איז עס נאָך אַלץ ניט דאָס זעלביקע.

*

וואָס פאַר אַ ריח ניחוח טראָגט זיך פון דער בונדישער „דאָיקייט", וואָס האָט אַזוי פאַרכאַפּט ד"ר מאַרגאָשעס? זאָל ער דורכלייענען נאָך אַ מאָל די מאָנטרעאָלער רעזאָלוציע און ער וועט דערשפּירן, אַז יעדער ביסל „דאָיקייט" פון „בונד" איז באַפּאַפּערט מיט האָס צו ציוניסטן, פאַר וואָס זיי האָבן געשיכטלעך מנצח געווען דעם „בונד"; ער וועט דערפילן, אַז זייער „דאָיקייט" איז דורכגעדרונגען מיט גיפט צום געדאַנק פון שיבת־ציון; ער וועט דאַן דערשפּירן, אַז העכער ווי דער דאָיקייט־ציל (קאַמף פאַרן נאַציאָנאַל־יידישן לעבן אין אַמעריקע; צום תוכן פון זייער נאַציאָנאַל־יידישן לעבן וועל איך זיך נאָך אומקערן) רעדט אַרויס די שנאה צו „דאָרטיקייט". די דאָזיקע שנאה איז קאָנצענטרירט אויף איין „דאָרטיקייט" — די ישראל־„דאָרטיקייט". דאָס וואָס זיי מאַסקירן זייער קאַמף קעגן דער ישראל־„דאָרטיקייט" אונטערן נאָמען „ציוניזם" האָט שוין הלל ראָגאָף זייער ריכטיק כאַראַקטעריזירט ווי אַן אימיטאַציע פון די אַראַבער און די „דזשודאָיסטן".

„דאָיקייט" פאַרמאָגט אין זיך פּאָזיטיווע עלעמענטן, ווען עס ווערט באמת געזאָרגט פאַר דער אַנטוויקלונג פון יידישע שעפערישע כוחות ווו נאָר יידן לעבן. „דאָיקייט" ווערט אָבער פאַרוואַנדלט אין אַ סאָציאַלע קראַנקייט, ווען זי לעבט זיך אויס אין שנאה צו דאָרטיקייט. „דאָיקייט" וואָס איז שעפעריש אין איין לאַנד, וויל

יידישע שעפערישקייט אומעטום. „דאָזיקייט" אָבער, וואָס איז אַ קראַנקייט ביי פאַר־צווייפלטע מענטשן (ווייל די אַנטוויקלונג פון יידישן לעבן איז ניט געגאַנגען לויט זייער פּראָגנאָז) מוז שעדיקן, מוז פאַרסמען יעדע זאַך צו וועלכער די דאָזיקע „דאָזי־קע" רירן זיך צו.

אַ שעפערישע „דאָזיקייט" קוקט ניט מיט אַזאַ קנאה אויף יעדער ביסל ענערגיע וואָס אַ „דאָזיקער" יידנטום — בפרט אַזאַ שטאַרק יידנטום ווי דאָס אַמעריקאַנישע — גיט אַוועק בכדי צו העלפן באַפעסטיקן אַ יידישקייט אין אַ „דאָרטן". אַ קראַנק־האַפטע „דאָזיקייט", טאַקע דערפאַר, ווייל זי אַליין איז סטעריל, לעבט זיך אויס נאָר אין אַט דער קנאה. געווען אַ צייט, ווען בונדיסטן זיינען געקומען קיין אַמעריקע און געפּאָדערט — צוזאַמען מיט ציוניסטן — וואָס מער אָנשטרענגונג פון אַמערי־קאַנער יידנטום פאַרן דאָרטן. און דאָס אַמעריקאַנער יידנטום האָט טאַקע זיינע ענערגיעס אַריינגעגאָסן צענדליקער יאָרן נאָכאַנאַנד, הויפּטזעכלעך אין „דאָרטן". דעמאָלט איז אָבער דער „דאָרטן" געווען אייראָפּע, הויפּטזעכלעך פּוילן. דעריבער איז „דאָרטיקייט" געווען אַ זייער פּאָזיטיווע דערשיינונג. איצט — ווי באַלד דער „דאָרטן" איז הויפּטזעכלעך ישראל — קענען עס געוויסע בונדיסטן ניט איבער־טראָגן, ווייל ישראל איז דער פּונקט וואָס דערמאָנט זיי טאָג־איין, טאָג־אויס אין זייער געשיכטלעכן טעות.

וויל אונדז ד"ר מאַרגאָשעס פאַרשדכנען מיט אַזאַ דאָזיקייט? מעג ער זיך אַליין פאַרשדכנען מיט איר? דערמיט מיין איך ניט צו באַהויפּטן, אַז איך נעם אָן דעם פּשט פון „דאָזיקייט", וואָס ד"ר מאַרגאָשעס מאַכט פאַר זיך אַליין און פאַר די אַמע־ריקאַנער ציוניסטן. דערצו וועל איך שפּעטער צוקומען. מיר שיינט אָבער איין זאַך צו זיין קלאָר: ד"ר מאַרגאָשעס מעג אַפילו — לפי עניות דעתי — ניט ריכטיק פאַר־טייטשן דעם היסטאָרישן זין פון דאָזיקייט, אָבער די קראַנקהאַפטע, סטערילע דאָזיקייט פון די בונדיסטן נוסח־מאָנטרעאָל קען אויך ער בשום אופן ניט אָננעמען.

אויב ער טראָגט אַ האָפענונג, אַז זיי וועלן קליגער ווערן, גלויב איך, אַז ער איז זיך דאָ אויך טועה. די בונדיסטן, וואָס פאַרמאָגן די אינערלעכע גבורה פאַר אַן ענדערונג, נעמען ניט אָן דעם מאָנטרעאָלער נוסח. עס קען זיין, אַז אַ טייל פון די, וואָס האָבן באַשאַפן די נייע „תורה", וועלן מיט דער צייט יאָ קליגער ווערן. דאַן וועלן זיי זיך אָפּטיילן פון דעם קלייזל, וואָס איז „פון דאָס ניי" אויפגעשטעלט גע־וואָרן אין מאָנטרעאָל. נאָר דאָס קלייזל גופא, אַזוי לאַנג ווי עס וועט באַהערשט ווערן פון דער „טויטער האַנט פון דער בונדישער טראַדיציע", וועט זיך אַ ביסל פּלאָנטערן אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. קיין שותפות מיט אונדז — ביי דער אויס־טערלישער שנאת־ציון, וואָס באַוועגט זיי — וועלן זיי ניט מאַכן און מיר מיט זיי וועלן אַוודאי קיין שותפות ניט זוכן.

✶

האָב איך אפשר איבערגעטריבן אין דער כאַראַקטעריסטיק פון זייער „דאָזי־קייט"? — לאָמיר זען!

אין זייער ערשטן קאַפּיטל פון דער רעזאָלוציע, וואָס רעדט וועגן „יידיש לעבן אין דער וועלט", זיינען פאַראַן צוויי אויסדרוקן, וועלכע איך דאַרף באַהאַנדלען אין

צווייטן טייל, אין מיין וויכוח מיט ד״ר מאַרגאָשעס אַליין און ניט אין מיין פּאָלעמיק קעגן דעם שידוך, וואָס ער רעדט אונדז. די אויסדרוקן זיינען: א) „יידן זיינען אַ וועלט־פאָלק״; ב) „די אויפהאַלטונג און אַנטוויקלונג פון יידישן לעבן אויפן אָרט, אין די לענדער, ווו יידן וווינען, זיינען פאַרוואָרצלט און האָבן זייערע דויערהאַפטע היימען״. דאָס זיינען טעאָרעטישע פאָרמולירונגען, וואָס מען דאַרף זיי גוט אַנאַליזירן. אָבער די מאָנטרעאָליסטן גייען, צום סוף פון אָט דעם קאַפּיטל, אַריבער צו זייערע מסקנות: קאַמף קעגן אַסימילאַציע און קאַמף קעגן ציוניזם. איז קעגן אַסימילאַציע זאָגן די מאָנטרעאָליסטן אַזוי: „געוויסע טיילן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די דעמאָקראַטישע לענדער נוצן, צום באַדויערן, דערוויַל, נאָך (אונטערגעשטראָכן פון מיר — ב.צ.) די געוווּנענע רעכט און פרייהייטן ניט כדי צו שטאַרקן, נאָר כדי צו אַנטלויפן פון יידישן לעבן״. וואָס איז אָבער דער נוסח קעגן די ציוניסטן? ער גייט אַזוי: „דער ציוניזם פאַרשפּרייט יאוש און אומגלויבן אין אונדזערע נאַציאָנאַלע לעבנס־מעגלעכקייטן אויף די ערטער; העברעיִזאַציע ווערט אַנטקעגנגעשטעלט דעם קאַמף פאַר יידיש; הילף פאַר דער יידישער מדינה ווערט דורכגעפירט אויף אַזאַ אופן, אַז זי זייגט אויס די יידישע ישובים (אונטערגעשטראָכן פון מיר — ב.צ.) און רעדוצירט די מעגלעכקייטן פון ממשותדיקער נאַציאָנאַלער שעפערישקייט אויף די ערטער״.

רעד איך ניט וועגן דער מאַסע שקרים, וואָס זיינען דאָ צוזאַמענגעפּרעסט אין געציילטע שורות. איך שיק אונדזערע לייענער ווידער אָפּ צו הלל ראָגאָף, וואָס האָט אויף די דאָזיקע שקרים אָנגעוויזן. איך צי די אויפמערקזאַמקייט צו אַ פאַרגלייך צווישן דער מאָס קעלט, וואָס ווערט אַריינגעגעבן אין קאַמף קעגן די אַסימילאַטאָרן, מיט דער מאָס היץ, וואָס ווערט אַריינגעגעבן אין קאַמף קעגן ציוניזם. שנאה קעגן דער ישראל־דאָרטיקייט שרייט אַרויס פון אַלע זייערע רמ״ח אברים. די דאָזיקע שנאה איז דער עיקר, די „דאָיִקייט״ איז נאָר אַ מיטל.

דער צווייטער קאַפּיטל איז געווידמעט מדינת ישראל. ער באַשטייט פון אַן אייז־קאַלטער באַהויפּטונג, אַז די ישראל־מדינה איז אַ וויכטיקע געשעעניש אין לעבן פון יידישן פאָלק, וואָס דאָס פאַרלייקענען קענען אפילו זיי ניט. נאָכער עפנט זיך אַ געדיכטע, הייסע פאַרע, ווי אין אַ קליינשטעטלדיקער באָד, פון וועלכער עס שרייט אַרויס די שאַרפסטע חוצפה און האַס קעגן ישראל און קעגן ציוניזם. אין אָט דעם קאַפּיטל איז יעדער פאַראַגראַף — הוילער גיפט. עס ווערן דאָרט געבראַכט אַלע אַראַבישע און „דזשודאַיִסטישע״ בלבולים, וואָס גיסן זיך אויף דער מדינה זינט זי איז אויפגעשטעלט געוואָרן. זייערע פאָדערונגען ווערן אַרויסגעשטעלט מיט אַזאַ מין חוצפה, ווי זיי גאָר וואָלטן לכל הפחות אויפגעבויט מדינת ישראל מיט אייגן בלוט.

אין אָט דעם גאַנצן קאַפּיטל איז דאָ נאָר איין באַהויפּטונג, וואָס דאַרף דיסקוטירט ווערן, די באַהויפּטונג אַז מדינת ישראל לייזט בשום אופן ניט די יידן־פראַגע. אַזוי ווי ד״ר מאַרגאָשעס איז, נאָך מיין מיינונג אין דעם פּונקט אויך געשטרויכלט געוואָרן, וועל איך די דאָזיקע פראַגע באַרירן אין מיין וויכוח מיט אים. איך ווייס, אַז אויך אין דעם פּונקט דאַרף מען זאָגן להבדיל צווישן דער איינשטעלונג פון די

בונדיסטן נוסח־מאָנטרעאָל און דער איינשטעלונג פון ד״ר מאַרגאָשעס. עס איז אָבער ניט מיין שולד, ווען ד״ר מאַרגאָשעס, אין זיין פּאָלעמישן אַרטיקל „די טויטע האַנט״, געפינט פאַר נייטיק זיך כמעט ווי צו אידענטיפיצירן מיט זיי, דווקא אין אָט דעם גורל־פּונקט פון ציוניזם. ער שרייבט: „היינט, נאָך זיבן יאָר מדינת ישראל, גיט, דוכט זיך, יעדער פאַראַנטוואָרטלעכער ציוניסט צו, אַז די יידישע מדינה האָט ניט געלייזט, און וועט, וואַרשיינלעך, ניט לייזן די יידן־פראַגע אין דער וועלט״. וועל איך, ווי געזאָגט, צו דעם פּונקט זיך נאָך אומקערן. אָבער דעם אַטעסטאַט פון אַ גרופּע, וואָס ווערט באַהערשט פון שנאה מער ווי פון פּאָזיטיווע צילן, האָבן זיי זיך אַליין אויסגעשטעלט מיט זייער רעזאָלוציע וועגן מדינת ישראל.

אויב עס איז נייטיק נאָך אַ באַוויז, אַז דאָס, וואָס זיי האָבן געשריבן אין זייער רעזאָלוציע, איז געווען דיקטירט פון קראַנקער פּסיכיק, זאָל אויך דאָס פאַרצייכנט ווערן: אין דעם גאַנצן קאַפּיטל פון האַס און שנאה צו מדינת ישראל ווערן אַפילו מיט איין וואָרט ניט דערמאָנט די דערגרייכונגען פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט אין ישראל. די בונדיסטן נוסח־מאָנטרעאָל טראָגן זיך אַרום מיט אַ „קמיעלע״, אויף וועלכע עס איז אָנגעשריבן די פראַזע „אמתער, דעמאָקראַטישער סאָציאַליזם״. דאָס דאָזיקע קמיעלע לייגט מען צו צו אַלע חולאתן און זי דאַרף זיי אַלע אויסהיילן. אַלע קרומקייטן — סאָציאַלע, ווירטשאַפטלעכע, קולטורעלע און נאַציאָנאַלע — וועלן אויסגעגליכן ווערן דורכן צויבער פון אָט דעם „פּלאַסטער״. דאָס דאָזיקע קמיעלע באַטראַכטן זיי, ווי זייער בונדישן מאָנאָפּאָל. פון אַמאָליקע צייטן נאָך איז דאָך דער „בונד״ ביי זיך אין די אויגן „דער איינציקער פאַרשטייער״.

אונדז, די פּועלי־ציון, האָט מען אָפּגעזאָגט אונדזער סאָציאַליסטישע כשרות, ווייל מיר האָבן געוואָגט צו טראַכטן, אַז דער אמתער, דעמאָקראַטישער סאָציאַליזם וועט אויך אונדזער ספּעציעל־יידישע חולאת העלפן אויסהיילן, ווען דערצו וועט נאָך אונדזער נאַציאָנאַלער סטאַטוס ווי אַ פאָלק אויסגעגליכן ווערן מיט אַלע פעלקער דורך אויפבויען ארץ־ישראל ווי אַ יידישע מדינה.

אויסגעלאָזן האָט זיך, אַז אונדזער באַוועגונג האָט אויפגעבויט — נאָך ווייט איידער דער יידישער חורבן האָט רויִנירט דעם אייראָפּעיִשן יידנטום — סאָציאַליסטישע יסודות פאַר דעם לעבן פון צענדליקער טויזנטער יידישע אַרבעטס־מענטשן. דער „בונד״, דאַקעגן, האָט אין זיין גאַנצער געשיכטע, אַפילו דאַן ווען ער האָט זיך געפונען אויף דער העכסטער מדרגה פון זיין אָרגאַניזירטן כוח, קיין פרווו אַפילו ניט געמאַכט אויפצושטעלן וווּ־ניט־איז כאָטש איין קיבוץ. קיינער לייקנט ניט, קיינער קען ניט לייקענען, אַז אונדזערע קיבוצים זיינען געבויט אויפן יסוד פון „אמתן, דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם״. די יידישע אַרבעטערשאַפט אין ישראל פאַרמאָגט איצטער אַ סך הונדערטער אַזעלכע פּאָזיציעס פאַרן דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם.

און אָט קומט זיך צוזאַמען די שארית הפליטה פון „בונד״ אין יאָר 1955; די שארית הפליטה פון די „איינציקע פאַרשטייער״ פון אָט דעם „קמיעלע״; פון די וואָס לעבן, שטרעבן און אָטעמען נאָר מיט און פאַר דעם „אמתן, דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם״ — זיי באַנוצן זיך מיט בלבולים אויף אַלץ, וואָס ווערט אין ישראל געשאַפן און — קיין איין וואָרט ניט וועגן דעם, וואָס אַלע אמתע דעמאָקראַטישע

סאָציאַליסטן, יידישע און ניט־יידישע, באַטראַכטן ווי דער גרעסטער שטייער צו דער פאַרווירקלעכונג פון פרייען סאָציאַליזם.

נאָר דאַן, ווען מען נעמט אין באַטראַכט זייער קראַנקע פסיכיק, ווערט פאַר־שטענדלעך פאַר וואָס זיי האָבן דווקא דאָס פאַרשוויגן. וואָרעם דווקא דאָס — די אומגעהויערע סאָציאַליסטישע דערגרייכונגען פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־שאַפט אין ישראל — איז די הויפּט־סיבה פון זייער צעקרענקטקייט. זיי האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיט דעם איינגערעדטן מאַנאָפּאָל איבער אַט דער „קמיעלע" און — גאָרנישט! זיי האָבן סתם געפריידיקט. אין דער זעלביקער צייט האָבן די, וועמענס סאָציאַליזם דער „בונד" האָט גאָר אָפּגעלייקנט, אויפגעבויט יסודות פאַרן פרייען סאָציאַליזם. איבערטראַגן אַזאַ היסטאָרישן פּאַטש אין פּנים און ניט געקרענקט זיין דערפון איז — ווי עס שיינט — צו פיל פאַרלאַנגט.

ווען זיי וועלן דערקלערן דעם אמת, פאַר וואָס זיי האָבן ניט געקענט אויפבויען פּערמאַנענטע סאָציאַליסטישע פּאָזיציעס, וואָלט זיי דאָך געמוזט אָנווייזן, אַז אין ארץ־ישראל — וואָס זיי האָבן אַלע מאָל אַזוי שטאַרק געקעמפט קעגן גיין אַהין אין נאָמען פון „דאָיִקייט" — האָבן די יידישע אַרבעטער פאַרמאָגט די „סטראַטעגישע באַזע" צו בויען ווי זיי אַליין האָבן געוואָלט. אין גלות האָבן יידישע אַרבעטער אַזאַ אייגענע סטראַטעגישע באַזע ניט פאַרמאָגט. אַוודאי וואָלט עס געווען אַ ריכטיקע דערקלערונג, ווען אַפילו ניט די איינציקע. אָבער אַט דאָס גופא איז דאָך געווען דער געדאַנק פון סאָציאַליסטישן ציוניזם, וועמען דער „בונד" האָט אַזוי העפטיק באַקעמפט. טאָ ווי אַזוי קענען זיי הנאה האָבן פון דעם היסטאָרישן פאַקט, וואָס יידישע אַרבעטער, טאַקע יענע, וועלכע זיי האָבן אויסגעלאַכט, איז יאָ געלונגען צוצוטראָגן אַזאַ שטייער צום פרייען סאָציאַליזם?

אָט דאָס איז „דאָיִקייט" ווי זי איז „אויסגעפּוצט" פון דער בונדישער אסיפה אין מאָנטרעאָל.

אָפּט מאָל, בין איך מודה, האָב איך שטאַרק רחמנות אויף זיי. צוליב פּאַרטיי־איינרעדעניש מוזן זיי שטאַרק ליידן פון אַזעלכע היסטאָרישע דערשיינונגען און גרויסע דערגרייכונגען, וואָס ווען זיי וואָלטן געווען באמת טריי דעם „אמתן, דע־מאָקראַטישן סאָציאַליזם", וואָלטן זיי גאָר געדאַרפט האָבן אַ טיפן גליק־געפיל. איך האָב זייער אָפּט רחמנות אויף געקרענקטע מענטשן, ביי וועמען עס האָט זיך געשאַפן אַ פסיכאָז צוליב אַ פיזישן אָדער גייסטיקן קלאַפּ, וואָס זיי האָבן ערגעץ באַקומען. רחמנות — יאָ! אָבער אַ שידוך מיט זיי שליסן — דאָס ניט.

איך מיין, אַז מיטן שידוך־אָנבאָט בין איך פאַרטיק. איך קער מיך אום צום צווייטן, צום פיל־וויכטיקערן טייל — צו דער „וויטקייט", צום מהלך, וואָס דער נייער ציוניזם פון חשובן פובליציסט און ציוניסט, ד"ר ש. מאַרגאָשעס, איז אַוועק פון דער ציוניסטישער געשיכטס־פילאָזאָפיע, ווי אַ רעזולטאַט דווקא פון אַ געזונטן ווילן פאַר מער שעפערישער דאָיִקייט. אָבער דער תוכן אויך פון זיין דאָיִקייט דאַרף אַנאַליזירט ווערן.

*

ווי איך האָב אויבן אָנגעמערקט, זיינען אין דער מאָנטרעאָלער רעזאָלוציע פון

„בונד״, און בעיקר אין דעם אַרטיקל פון ד״ר ש. מאַרגאָשעס, באַרירט געוואָרן איי־ניקע פראַגן וואָס דאַרפן אויפגעקלערט ווערן. צוליב אַ געאָרדנטן וויכוח וועל איך זיי צעטיילן אין דריי קאַטעגאָריעס. וועגן פראַגן פון דער ערשטער קאַטעגאָריע קען איך מיך מתווכח זיין נאָר מיט ד״ר מאַרגאָשעס, ווייל מיר זיינען ביידע ציוניסטן. בנוגע די פראַגן פון דער צווייטער קאַטעגאָריע דאַרף דער וויכוח געפירט ווערן סיי מיט ד״ר מאַרגאָשעס, סיי מיט די בונדיסטן נוסח־מאָנטרעאָל, ווען אַפילו די ביידנס — נאָך מיין מיינונג — פאַלשע שטאַנדפונקטן שטראָמען ניט אַרויס פון דעמזעלביקן אידעישן צוגאַנג. די פראַגן פון דער דריטער קאַטעגאָריע מוזן דיסקוטירט ווערן נאָר מיט בונדיסטן נוסח־מאָנטרעאָל.

צו דער ערשטער קאַטעגאָריע געהערן דריי יסודותדיקע פראַגן: א) קען די יידישע מדינה לייזן די יידן־פראַגע? ב) וואָס פאַר אַן אַרט דאַרף דאָס שטרעבן צו קיבוץ־גלויות פאַרנעמען אין דער וויטערדיקער יידישער געשיכטע? ג) וואָס דאַרף זיין דער חילוק צווישן דער ציוניסטישער „דאָיקייט״ און דער גלותיסטישער, ניט בלויז בונדיסטישער?

צו דער צווייטער קאַטעגאָריע געהערן: א) דער באַגריף „וועלט־פאָלק״; ב) וועגן דער „באַשטענדיקייט פון די תפוצות״. דער לעצטער אויסדרוק איז ציטירט פון נוסח מאַרגאָשעס; דעם זעלביקן געדאַנק דריקט אויס — אמת, ניט אַזוי קלאָר — די מאָנטרעאָלער רעזאָלוציע. זי זאָגט אַזוי: „אויפהאַלטן און אַנטוויקלען דאָס יידישע לעבן אויפן אָרט, אין די לענדער ווו יידן וווינען, זיינען פאַרוואָרצלט און האָבן זייערע דויערהאַפטע היימען״. אין בונדישן נוסח פאַרנעמט דאָס וואָרט „דויער־האַפטע״ דעם זעלביקן אָרט און האָט דעם זעלביקן זין, וואָס מאַרגאָשעסעס „באַ־שטענדיקייט פון די תפוצות״.

צו דער דריטער קאַטעגאָריע געהערן: א) דער מהות פון נאַציאָנאַלן אינהאַלט וואָס דער בונד, נוסח־מאָנטרעאָל, שרייבט פאָר פאַרן אַמעריקאַנער יידנטום; ב) דעם בונדס באַהויפּטונג אַז ציוניזם שוואַכט אָפּ די נאַציאָנאַלע שעפערישקייט פון די יידן „אין די לענדער ווו זיי וווינען״ (פון דעם באַגריף „גלות״ ווייכן, ווי באַוווּסט, אַלע בונדיסטן).

איך וועל זיך באַמיִען צו באַרירן די פראַגן אין דעם אָנגעצייכנטן סדר, כאָטש כמעט אַלע פון זיי זיינען ענג פאַרבונדן צווישן זיך. מען מוז דערפאַר דערוואַרטן, אַז ריידנדיק וועגן איין פראַגע, מוזן אויך טיילווייז באַרירט ווערן אַנדערע פראַגן.

*

ובכן: אַן אַלטע טעמע — די יידישע מדינה און די יידן־פראַגע. וועגן דעם זאָגט אונדז דער געשעצטער זשורנאַליסט ד״ר מאַרגאָשעס, ווי שוין ציטירט, אַזוי: „היינט, נאָך זיבן יאָר מדינת ישראל, גיט, דוכט זיך, יעדער פאַראַנטוואָרטלעכער ציוניסט צו, אַז די יידישע מדינה האָט נישט געלייזט און וועט, וואָרשיינלעך, נישט לייזן די יידן־פראַגע פון דער וועלט״. וואָס דאַרף מען פון דעם דאָזיקן זאָג לערנען?

ערשטנס — אַז ציוניסטן האָבן פריער געהאַט אַ מיינונג און איצט האָבן זיי זי געענדערט. צווייטנס — אַז די יידישע מדינה וועט ניט לייזן די יידן־פראַגע אין דער וועלט. בנוגע דעם צווייטן — דעם היסטאָרישן פּראָגנאָז — פאַרגרינגערט

אונדז ד״ר מאַרגאָשעס דעם ביטערן פּיל דורך דעם וואָרט „וואָרשיינלעך". איך זאָג: ווען ד״ר מאַרגאָשעס וואָלט אַליין טאַקע געצווייפלט אין זיין פּראָגנאָז, וואָלט ער וואָרשיינלעך ניט אַזוי אָפּט — ניט נאָר אין זיין אַרטיקל וועגן „בונד"! — דעם דאָזיקן פּראָגנאָז אַרויסגעבראַכט אין זיינע פּובליציסטישע אַרבעטן. איך גיב דע־ריבער אָן, אַז ביי אים אַליין, ביי ד״ר מאַרגאָשעס, איז עס אַ לעצטער פּסק־דין: די יידישע מדינה וועט ניט לייזן די יידן־פראַגע אין דער וועלט.

מיין ענטפער איז, אַז ד״ר מאַרגאָשעס איז ניט גערעכט אין ביידע טיילן פון זיין אָפּשאַצונג, ניט אין זיין באַהויפּטונג אַז די ציוניסטן האָבן געביטן אַ מיינונג, ניט אין זיין היסטאָרישן פּראָגנאָז, אַז די יידישע מדינה וועט ניט לייזן די יידן־פראַגע אין דער וועלט.

זיין באַהויפּטונג, אַז די ציוניסטן האָבן געענדערט זייער שטעלונג באַציט זיך אויף צוויי פּונקטן: ערשטנס — די מדינה האָט ביז איצטער ניט געלייזט די יידן־פראַגע; צווייטנס — די יידישע מדינה וועט אויך אין דער צוקונפט ניט קענען לייזן די יידן־פראַגע פון דער וועלט. אָט די ביידע פּונקטן, זאָגט ד״ר מאַרגאָשעס, נעמען די ציוניסטן איצטער אָן. הייסט עס, אַז ביז איצטער האָבן זיי אַנדערש גע־טראַכט. איז וועגן דעם ערשטן פּונקט זאָג איך: קיין ציוניסט אין דער וועלט האָט ווען עס איז געטראַכט, אַז די יידישע מדינה וועט קענען לייזן די יידן־פראַגע פון דער וועלט דורך דעם, וואָס צוועלף־דרייצן פּראָצענט פון יידישן פאָלק וועלן לעבן אין דער מדינה און אַרום זיבן־און־אַכציק פּראָצענט וועלן בלייבן אין גלות. ווען ציוניסטן האָבן גערעדט וועגן לייזן די יידן־פראַגע דורך אַ יידישער מדינה, האָבן זיי אין זינען געהאַט, אַז דער רוב מנין ובנין פון יידישן פאָלק וועט קאָנצענ־טרירט ווערן אין דער יידישער מדינה. דעריבער איז ניט גערעכט זיין אויסדרוק, אַז „יעדער פאַראַנטוואָרטלעכער ציוניסט גיט־צו", אַז די מדינה האָט ביז איצט ניט געלייזט די יידן־פראַגע פון דער וועלט. קיין ציוניסט דאַרף עס ניט צוגעבן. קיין ציוניסט האָט אַזוי ניט געטראַכט.

פּונקט אַזוי איז ניט ריכטיק די פאַראַלגעמיינערטע מיינונג פון ד״ר מאַרגאָשעס, אַז יעדער פאַראַנטוואָרטלעכער ציוניסט גיט־צו, אַז די יידישע מדינה וועט אויך אין דער צוקונפט ניט לייזן די יידן־פראַגע. ד״ר מאַרגאָשעס איז באַרעכטיקט צו מאַכן אַ באַהויפּטונג, אַז מאַנכע ציוניסטן טראַכטן אַזוי, און עס זיינען דאָ אַזעלכע ציוניסטן. אָבער די גרויסע מאַיאָריטעט פון ציוניסטן — און איך רעכן זיך אַריין צווישן זיי — זיינען טיף איבערציניגט, אַז די יידישע מדינה וועט יאָ לייזן די יידן־פראַגע פון דער וועלט. איך האַלט זיי אויך פאַר „פאַראַנטוואָרטלעכע ציוניסטן". דעריבער קען ד״ר מאַרגאָשעס ניט זאָגן, אַז יעדער פאַראַנטוואָרטלעכער ציוניסט האַלט, אַז די מדינה וועט ניט לייזן די יידן־פראַגע פון דער וועלט.

מאַרגאָשעס איז, בכן, ניט גערעכט אין זיינע ביידע פאַקטישע באַהויפּטונגען — ערשטנס, אַז די ציוניסטן גיבן־צו אַז די מדינה האָט ביז איצטער ניט געלייזט די יידן־פראַגע פון דער וועלט; צווייטנס, אַז אַלע פאַראַנטוואָרטלעכע ציוניסטן גיבן־צו, אַז די מדינה וועט אויך אין דער צוקונפט — זאָל זיין מיט דעם „וואָרשיינלעך" — ניט לייזן די דאָזיקע פראַגע. עס בלייבט דאָ אונדזער תוך־וויכוח: קען די מדינה

לייזן די יידישע וועלט־פּראָגע? מוז איך פריער זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן דעם תמצית פון דער יידן־פּראָגע. דאָ זוך איך ניט, חלילה, עפּעס מחדש צו זיין. איך וועל נאָר פּרובירן פעסטשטעלן דאָס וואָס אַ סך ציוניסטן, איך אַליין אויך צווישן זיי, האָבן שוין פריער אַרויסגעבראַכט. נאָך דעם בין איך נאָך מחויב אָנצוווייזן ווי אַזוי קען די מדינה פאַרענטפערן די יידישע פראַגע אין דער וועלט.

*

דער תוכן פון דער יידן־פּראָגע אין גלות באַשטייט פון צוויי יסוד־פּונקטן: ערשטנס, וואָס אין יעדער מלוכה־ראַם, אין וועלכער מיר האָבן וווין עס איז געלעבט, פּונקט ווי אין די מלוכות אין וועלכע מיר לעבן איצטער, זיינען מיר אַלע מאָל געווען און זיינען אויך איצטער אַ מינאָריטעט; צווייטנס, אין דעם, וואָס אונדזער פאָלק איז צעפּיצלט און צעבראָכן אין אַזוי פיל ברוכטיילן. די דאָזיקע יסוד־פאַקטן האָבן באַאיינפלוסט אונדזער פיזישן, ווירטשאַפטלעכן, סאָציאַלן און גייסטיקן לעבן. אין פאַרשיידענע גלותן האָבן די יסוד־פאַקטן זיך אויסגעווירקט פאַרשידן. די פאַרשידנקייט האָט זיך אויסגעשפּרייט אין אַלע פאָרמען פון באַציִונגען, אָנהויבנדיק פון פיזישער אויסראָטונג, ביז — ווערן טאָלערירט. אַלע פאָרמען פון באַציִונגען וואָס ליגן צווישן די דאָזיקע צוויי עקסטרעמען זיינען אויף אונדז אין פאַרשידענע ציטן און אין פאַרשידענע לענדער אויסגעפּרובירט געוואָרן. צו דעם בעסטן וואָס מיר האָבן זיך ערגעצוווּ דערשלאָגן איז — צו ווערן טאָלערירט.

כדי צו דערגרייכן כאָטש אַזאַ צושטאַנד אין אַלע תפוצות דאַרף נאָך דאָס יידישע פאָלק פירן אַ שווערן קאַמף. און אַ טייל פון דער פּראָדוקטיווער „דאָיִקייט" באַשטייט טאַקע אין פירן אָט דעם קאַמף. ציוניסטן אומעטום האָבן זיך אַלע מאָל באַטייליקט און באַטייליקן זיך איצטער אין אָט דעם קאַמף. מער אָבער ווי טאָלע־רירט צו ווערן קענען מיר אין גלות ניט דערגרייכן. אויפהערן זיין אַ מינדערהייט אין גלות און אויפהערן צו זיין צעבראָכן אויף שטיקלעך קענען מיר בלויז דורך צוויי וועגן: אָדער דורך פולשטענדיקער אַסימילאַציע וואָס מיינט אויפהערן זיין, וואָס מיינט אַ סוף צום יידישן פאָלק, אָדער דורך קאָנצענטרירן דעם רוב מנין ובנין פון יידישן פאָלק אין דער יידישער מדינה.

געווען אַזעלכע יידן, וואָס האָבן געמיינט, אַז דורך געענדערטע פּאָליטישע און סאָציאַלע רעזשימען וועט דער סטאַטוס פון אַ מינדערהייט גאָר ניט זיין אַזוי שלעכט. יידישע — ניט־ציוניסטישע — סאָציאַליסטן האָבן עס אַרויסגערוקט ווי זייער איינ־ציקן ענטפער אויף דער יידן־פּראָגע. בעיקר האָבן זיי קאָנצענטרירט זייער האָפע־נונג אויף דעם, אַז ווען סאָציאַליסטישע רעזשימען וועלן איינגעפירט ווערן, וועט די יידן־פּראָגע ממילא געלייזט ווערן. זיינען מיר עדות פון אַזעלכע ענדערונגען אין אַ גרויסן טייל פון דער מענטשהייט, און דווקא דאָרטן האָט זיך אונדזער סטאַטוס ווי אַ מינדערהייט, און אונדזער שוואַכקייט ווי אַ ברוכטייל, נוקם געווען אין אונדז אַמשאַרפסטן. אַלע קלענערע פעלקער וואָס אָט די געענדערטע פּאָליטישע און סאָציאַלע רעזשימען האָבן אַריינגעכאַפּט אין זייערע נעגל, ליידן אומגעהויער פון אָט די נייע רעזשימען, וואָס זעגלען דווקא אונטער דער פאָן פון סאָציאַליזם אָדער קאָמוניזם. אָבער אין גאַנצן צעשמעטערט ווערט דאָרטן בלויז די יידישע באַפעל־

קערונג. די אַנדערע פעלקער זיינען פּאַרט פאַרוואָרצלט אין זייערע לענדער, וווּ זיי זיינען די מערהייט. מוז מען זיך מיט זיי דאָך רעכענען. אָבער די יידישע באַפעלקערונג איז לחלוטין הפקר, ווייל זי בילדעט אומעטום אַ מינדערהייט און איז אומעטום בלויז אַ ברוכטייל פון גאַנצן יידישן פאָלק.

מעג מען זיך אפשר טרייסטן מיט דעם פאַקט, וואָס יענער סאָציאַליזם איז אַ ווילדער פלאַנץ? אַז אַ פרייער סאָציאַליזם וואָלט ניט געשטעלט אין סכנה אונדזער פאָלקס־קיום? — ליידער וואָלט דאָס אויך געווען אַ פאַלשע טרייסט אויף ווי ווייט עס איז נוגע אונדזער ספּעציעלן סטאַטוס. אונדזער גורל וואָלט טאַקע דאַן ניט געווען צעשמעטערט צו ווערן פיזיש און גייסטיק דורך אויסערע כוחות. די געפאַר אָבער פאַר אונדזער ווייטערדיקן קיום ווי אַ פאָלק וואָלט איבערגעבליבן אַפילו אין לענדער וואָס וואָלטן געפירט געוואָרן פון פרייע סאָציאַליסטן. די געפאַר וואָלט געקומען פון אינעווייניק, דורך דער אויסוועפּונג פון יידישן גייסטיקן זאַפט, די פאַרשנעלערונג פון די פּראָצעסן פון אַסימילאַציע. דאָס זעען מיר טאַקע אין לענדער וואָס ווערן שוין פיל יאָרן רעגירט דורך פרייע סאָציאַליסטן. און די סיבה ליגט אַלץ אין דעם, וואָס אויך דאָרט זיינען מיר אַ מינדערהייט. די השפעה פון דער מערהייט־קולטור איבער אונדז איז אַ צו־שטאַרקע. דערצו זיינען מיר אויך דאָרט אַ קליינער ברוכטייל פון אונדזער גאַנצן פאָלק, און אונדזערע כוחות קעגנצווווירקן די דאָזיקע השפעות זיינען דורך דעם זייער קליינע.

דאָס און ניט עפּעס אַנדערש איז דער סאַמע תוך פון דער יידן־פראַגע אין דער וועלט. פון דעם ווערט באַשטימט די לאַגע פון יידן אין אַלע גלות־לענדער. סאָציאַלע, פּאָליטישע, קולטורעלע אוןווירטשאַפטלעכע באַדינגונגען אין די פאַרשידענע לענדער ווּו מיר לעבן קענען נאָר באַשטימען די פאָרמען פון באַציִונגען צו אונדז, זיי קענען אָבער ניט ענדערן אונדזער סטאַטוס ווי אַ מינדערהייט און ווי אַ צעפּיצלט פאָלק; זיי קענען באַשטימען צי די באַציִונגען צו אונדז זאָלן זיך אויסדריקן אין אַ פאַרזוך אונדז פיזיש און גייסטיק אויסצוראָטן, אָדער אונדז צו דולדן; זיי קענען באַשטימען אַז מען זאָל אָננעמען אַ באַציִונג צו אונדז וואָס ליגט צווישן אָט די צוויי עקסטרעמען. אָבער לייזן די יידן־פראַגע פון דער וועלט קענען די געענדערטע באַדינגונגען אין די לענדער בשום אופן ניט. די דאָזיקע פראַגע קען, ווי אויבן געזאָגט, געלייזט ווערן נאָר דורך צוויי וועגן: זי קען „פאַרענטפערט" ווערן דורך אַסימילאַציע, וואָס דאָס הייסט: פולשטענדיקער אונטערגאַנג, אָדער זי קען באמת פאַרענטפערט ווערן דורך קאָנצענטרירן דעם רוב מנין ובנין פון יידישן פאָלק אין דער יידישער מדינה.

*

דאָס איז — לויט מיין מיינונג — דער היסטאָרישער פּראָגנאָז פון דער יידישער צוקונפט. דערביי דאַרפן מיר שטענדיק געדענקען, אַז די געפאַר פון דער „לייזונג" דורך אַסימילאַציע הענגט איבער אונדז זייער שאַרף; אַז די דאָזיקע געפאַר קען אָפּגעטריבן ווערן נאָר דורך גרויסע אָנשטרענגונגען. דאָ ליגט ווידער אַ גרויסער אַרבעט־שטח פון פּראָדוקטיווער „דאָ:קייט" צו וועלכן אַלע ציוניסטן זיינען פאַרפליכטעט. אין אָט דעם שטח קען און מוז די יידישע מדינה שטאַרק אַרויסהעלפן

דער „דאָיקייט״־אַרבעט פון יידן אין די גלות־לענדער. געניער וועגן דעם, ווי בכלל וועגן דער היסטאָרישער שותפות וואָס דער שׂר פון דער יידישער געשיכטע האָט אַרויפגעלייגט אויף דער יידישער מדינה און אויפן אַמעריקאַנער יידנטום, וועט מיר אויסקומען שפּעטער צו ריידן. דערווייל בלויז נאָך אייניקע ווערטער.

ווען יידן זיינען געווען אינערלעך־גייסטיק פאַרפאַנצערט דורך טיפער אמונה איז דער געראַנגל קעגן טויט דורך אַסימילאַציע געווען פיל גרינגער. קיין פול־שטענדיקער פּאַנצער אַנטקעגן אַסימילאַציע איז אמונה אויך ניט געווען אַפילו אין די וויכטיקסטע גלות־לענדער. עס זיינען געקומען נייע גייסט־שטראָמען וואָס האָבן אויסגעוואָרצלט אין די קינדער די אמונה פון זייערע עלטערן און אַריינגעשלעפּט זיי אין ים פון אַסימילאַציע. פון דעסטוועגן האָט דער אמונה־פּאַנצער דאָך אַ סך דורות געהאַלטן אין דער ראָם פון יידישער יצירה. איצטער איז דער פּאַנצער אויך אָפּגעשוואַכט געוואָרן. דעריבער מוזן די אַנשטרענגונגען צו פירן דעם קאַמף קעגן אַסימילאַציע זיין פיל גרעסערע. להיפּך צו די גלותיסטישע מיינונגען, אַז די אַנשטרענגונגען פאַר דער יידישער מדינה שוואַכן אָפּ אונדזער דאָיקייט־אַרבעט, איז דער אמת פּונקט אַ פאַרקערטער: ווען די האָפענונג צו קענען ברבות הימים פולשטענדיק לייזן די יידן־פראַגע לעבט אין אונדז, קענען מיר פון זיך אַרויסברענגען פיל מער לאַטענטע כוחות ווי ווען, חלילה, די דאָזיקע האָפענונג לעבט ניט אין אונדז.

איך מיין אַז אין דעם פּונקט איז ד״ר מאַרגאָשעס מסכים מיט מיר. איך בין אָבער ניט זיכער אַז ער נעמט אָן מיין פאָרמולירונג פון דעם תמצית פון דער יידן־פראַגע אין דער וועלט. ווען ער וואָלט זי יאָ אָנגענומען וואָלט ער ניט גערעדט אַזוי אָפּט וועגן דער „באַשטענדיקייט פון די תפוצות״. אויב אַזוי, דאַרף ער געבן זיין פּירוש צום תוך פון דער יידן־פראַגע פון דער וועלט — וועלכן טייל די מדינה קען יאָ לייזן און וועלכן ניט. וואָס איז זיין היסטאָרישער פּראָגנאָז פון דער יידישער צוקונפט? איך שרייב דירעקט וועגן ד״ר מאַרגאָשעס, אָבער אין זינען האָב איך נישט בלויז אים. ער געפינט זיך — לײדער! — אין גוטער געזעלשאַפט. אַזעלכע ציוניסטן ווי ד״ר מרדכי קאַפּלאַן, מאָריס סעמיועל און אַ ריי אַנדערע זיינען נענטער צו זיין שטאַנדפּונקט ווי צו מיינעם. דאַרפן זיי געבן אַן ענטפער אויף די געשטעלטע פראַגן.

מען קען גיין נאָך עקסטרעמער ווי איך גיי. מען קען זאָגן אַז עס איז ניט גענוג די קאָנצענטראַציע פון רוב מנין ובנין פון פאָלק אין דער מדינה; אַז די פולשטענדיקע לייזונג פון דער יידן־פראַגע מוז איינשליסן — עד אחרון היהודי; אַז נאָר דאַן וועט די מדינה לייזן די יידן־פראַגע, ווען זי וועט אַרייננעמען בוכשטעבלעך אַלע יידן. אפשר וועט אַזאַ טאָג קומען. מיר ריידן אָבער וועגן לייזן די יידישע פאָלקס־פראַגע אין דער וועלט, און ניט די פראַגע פון אַלע יידישע יחידים. די דאָזיקע פראַגע וועט זיין געלייזט, ווען אין דער יידישער מדינה וועט קאָנצענטרירט ווערן דער רוב פון יידישן פאָלק. ווי אַזוי עס וועט זיך דאַן איינשטעלן דאָס לעבן פון דער יידישער מינדערהייט אין חוץ־לאַרץ איז אַ באַזונדערע פּרשה, צו וועלכער מען וועט זיך דאַרפן אַ מאָל אומקערן. דערווייל דאַרף איך פּרובירן באַווייזן, אַז קאָנ־

צענטרירן דעם רוב פון יידישן פאָלק אין דער יידישער מדינה איז בגדר פון מעג־לעכקייט. דערמיט קום איך צום צווייטן טייל פון אונדזער וויכוח — וועגן קיבוץ־גלויות.

✶

וועגן צוויי מאָמענטן אין פאַרבינדונג מיט אָט דעם פונקט וועל איך זיך ניט באַשעפטיקן. איך וועל זיך ניט אַריינלאָזן אין קיין וויסנשאַפטלעכער באַהאַנדלונג וועגן דער אויפנעם־פעיקייט פון דער מדינה. וויס איך דאָך, אַז מיט צענדליקער יאָרן צוריק האָט אַזאַ פערזענלעכקייט ווי ד״ר זשיטלאָווסקי אָפּגעפּסקנט, אַז ארץ־ישראל קען אַריינגעמען העכסטנס — נאָך 75 טויזנט יידן. דאָס האָט געפּסקנט ד״ר זשיטלאָווסקי, וועלכער איז סיי פאַר אָט דעם פסק־דין, סיי נאָך דעם דורכגעגאַנגען לאַנגע און אָפטע פּראָ־ציוניסטישע גלגולים. דאָס האָט ער דערקלערט דאַן, ווען אין ארץ־ישראל זיינען געווען ניט מער ווי אַריבער הונדערט טויזנט יידן. פון דעסטוועגן האָבן מיר באַוויזן אַריינצוברענגען און באַפעסטיקן אין ארץ־ישראל ביז דער אויפשטעלונג פון דער מדינה איבער אַ האַלבן מיליאָן נייע יידן. און דאָס לאַנד איז אין גרעסטן טייל נאָך אַלץ געבליבן וויסט, אַפילו ווען די הונדערטער טויזנטער אַראַבער זיינען נאָך אויך אין איר געזעסן. איצטער האָבן מיר, אין אַ פיל פאַרקלענערטן שטח פון דעמאָלטיקן ארץ־ישראל, שוין באַלד צוויי מיליאָן מענטשן און דער גרעסטער טייל פון באָדן איז נאָך נישט באַאַרבעט. און ניט אַלע שטחים וואָס זיינען יאָ באַאַרבעט, גיבן שוין אַרויס דעם מאַקסימום פּראָדוקציע צוליב מאַנגל אין וואַסער און אין אינוועסטיציעס. די אויפנעם־פעיקייט פון לאַנד וואַקסט, סיי דורך אַרבעט, סיי דורך וויסנשאַפט. אַזוי אַז פון דער זייט ווערט, דאַכט זיך, ניט זיין קיין שטערונג אויפצונעמען נאָך פיל מיליאָנען יידן.

איך וויל אויך דעם קאַטאַסטראָפע־מאָמענט ניט אַריינגעמען אין חשבון. איך וויס ניט צי די מענטשהייט וועט אויסמיידן די קאַטאַסטראָפע־געפאַר וואָס הויערט איבער איר, אָדער ניט. אויב זי וועט עס ניט אויסמיידן קען קיינער קיינע חשבונות ניט מאַכן. קיינער קען ניט וויסן וואָס עס וועט געשען מיט אַלע פעלקער, וואָס עס וועט געשען מיט יידן אין דער גאַנצער וועלט און וואָס עס וועט געשען מיט מדינת ישראל. מיר מוזן פאַרבינדן אַלע פּראָגנאָזן פאַר אונדזער צוקונפט מיט דער האָפענונג, אַז מענטשהייט וועט בלייבן מענטשהייט, פעלקער וועלן בלייבן פעלקער און לענדער וועלן בלייבן לענדער. איך שטעל דעריבער מיין האָפענונג אויף קיבוץ־גלויות ניט אויס אויף אַ קאַטאַסטראָפע וואָס זאָל טרייבן יידן אין דער יידישער מדינה. אַ קאַטאַסטראָפע אין דער איצטיקער גלאָבאַלער לאַגע קען נאָר ברענגען חורבן און קען אַפילו ניט זיין קיין צוגאָב־שטויסקראַפט צו גאולה.

איך באַזיר מיין האָפענונג בלויז אויף פּאָזיטיווע קאָנסטרוקטיווע אַנטוויקלונגען, סיי אין דער וועלט, סיי אין יידישן פאָלק.

אין יידישן פאָלק באַזיר איך אויף פּאָזיטיווע אַנטוויקלונגען וואָס זאָלן שטאַרקן סיי דעם כוח המושך פון דער יידישער מדינה, סיי דעם כוח הדוחף צו דער יידישער מדינה. דער כוח המושך פון דער מדינה וועט האַלטן אין איין שטיין אין פּראָפּאָרץ צו איר שטענדיק־גייסטיקן הייבן זיך צו העכערע מדרגות, וואָס וועט ציען יידן

צו זיך. דער כוח הדוחף וועט באַשאַפן ווערן דורך טיפער יידישער דערציִונג אין די גלות־לענדער, אַ דערציִונג וואָס וועט אַרויסרופן די תשוקה צו לעבן אַ פולן, ניט קיין צעשפּאָלטענעם יידיש־גייסטיקן לעבן; אַ דערקענטעניש אַז אַזאַ לעבן קען פאַר אַ יידן ביז צום מאַקסימום דערגרייכט ווערן נאָר ווען ער לעבט אין דער יידישער מדינה. ווידער אַ מאָל אַן אומגעהויער ברייטער שטח פון ציוניסטישער „דאָ־זיקייט"־אַרבעט, וואָס איז ענג פאַרבונדן מיט דער ישראלדיקער דאָרטיקייט.

אָבער נאָך וויכטיקער זיינען די האָפענונגען אויף פאָזיטיווע קאָנסטרוקטיווע אַנטוויקלונגען אין דער מענטשהייט.

*

איך בין אַ סאָציאַליסט. איך גלויב באמונה שלימה אַז עס וועט קומען אַ טאָג און דער פרייער דעמאָקראַטישער סאָציאַליזם וועט ברענגען ברכה דער גאַנצער מענטשהייט. איך זע אין די איצטיקע גרויסע געראַנגלען פון דער מענטשהייט דעם — לײדער, שרעקלעך־בלוטיקן! — וועג, וועלכע די מענטשהייט גייט דורך ביז זי וועט זיך דערשלאָגן צו דער ברכה פון דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם; זי וועט זיך דערצו דערשלאָגן דורך פּטור ווערן סיי פון קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע, סיי פון טאָטאַליטאַריסטישער שקלאַפעריי, אַלץ איינס צי דאָס הייסט פאַשיזם אָדער דאָס הייסט קאָמוניזם. איך ווייס ניט צי מיין דור — וואָס איז דער אַוועקגייענדיקער — וועט עס דערלעבן. אָבער איך האָף אַז דער דור פון מיינע קינדער וועט צוקומען צו יענעם געגאַרטן טאָג. די מענטשהייט קען דאָך ניט יאָרהונדערטער בלייבן אין דעם איצטיקן צושטאַנד. נאָך מער: איך זע בחוש ווי דער סאָציאַליזם האַלט אין כסדרדיקן אַריינוואַקסן אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. וואָס טיפער ער וואַקסט אַריין, אַלץ מער אומאָפּהענגיק ווערט דער מענטש פון די עקאָנאָמישע קייטן וואָס האַלטן אים איצטער געשמידט, אַלץ פרייער וועט ער זיך קענען באַוועגן.

מען דאַרף דאָך אָבער ניט זיין דווקא אַ סאָציאַליסט כדי צו טראַכטן, אַז עס וועט אַ מאָל קומען אַ צייט ווען עקאָנאָמישע אינטערעסן וועלן אַ מענטשן ניט האַלטן אַזוי פעסט צוגעבונדן צו אַ באַשטימטער געאָגראַפיע; אַז אין באַשטימען דעם יחידס געאָגראַפישן לעבנס־פּלאַץ וועט דאַן די הויפּט־ראָלע שפּילן די דראַנגען און תשוקות פון דעם געגעבענעם יחיד זיך אויסצולעבן פול און גאַנץ אין אייגענער נאַציאָנאַלער שעפערישקייט. ביי דעם גרעסטן טייל פון דער מענטשהייט — די וואָס לעבן אַ נאָרמאַלן פאָלקס־לעבן — איז ניטאָ קיין ווידערשפּרוך צווישן זייער געאָגראַפיע און זייער נאַציאָנאַלער קולטור. פאַרקערט, זיי דערגענצן זיך איינע די אַנדערע. יידן — נאַטירלעך ניט די אַסימילירטע, נאָר די נאַציאָנאַלע יידן — ליידן פון דעם גוואַלדיקן ווידערשפּרוך צווישן דער געאָגראַפיע ווו זיי לעבן און זייער פולן נאַציאָנאַלן אויסלעבן זיך. איצטער, אין די איצטיקע ווירטשאַפטלעכע וועלט־רעזשימען, האַלטן די עקאָנאָמישע באַדינגונגען צוגעבונדן די יידן צו זייערע געאָגראַפישע וווינערטער. אָבער אויב עס וועט זיך ענדערן אָט דער צושטאַנד, פאַר וואָס זאָל דער ייד וואָס וויל לעבן אַ פול און גאַנץ יידישן לעבן זיך האַלטן ביי זיין איצטיקער געאָגראַפיע?

די וואָס ווילן מינימיזירן די באַדייטונג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג זאָגן

— ווער קלאָר און ווער בלויז ברמז — אַז די אויפשטעלונג פון דער מדינה איז ניט דער אויפטו פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, נאָר דער רעזולטאַט פון דער גרויסער וועלט־קאַטאַסטראָפע. נעם איך עס דווקא אָן. איך גיב נאָר צו איין באַהויפּטונג, וואָס קיינער קען ניט אָפּלייקענען: אָן יענע צוגרייטונגען וואָס די ציוניסטישע באַוועגונג האָט געמאַכט פאַר דער גרויסער קאַטאַסטראָפע, וואָלטן די וועלט־געשעענישן גאָר־ניט געקענט שטויסן צו אַ יידישער מדינה. אָבער אין עצם איז דער געדאַנק אַ ריכטיקער, אַז גרויסע וועלט־פּאַסירונגען האָבן באַאיינפלוסט דעם גאַנג פון דער יידישער געשיכטע. וואָס דאַרפן מיר גיין זוכן אַנדערעביישפּילן, ווען דאָס סאַמע דערשיינען פון אַמעריקאַנער יידנטום וואָלט ניט מעגלעך געווען אָן דער גרויסער קאָנסטרוקטיווער וועלט־געשעעניש: קאָלאָמבוסעס אַנטדעקן אַמעריקע. הערצל — פון וועמענס ציוניזם עס איז איצטער געוואָרן אַ מאָדע זיך אָפּצוגרענעצן, אין נאָמען פון געענדערטע וועלט־סיטואַציעס — האָט זיין גאַנצן ציוניסטישן חלום אויסגע־חלומט אין פאַרבינדונג מיט וועלט־געשעענישן, וואָס ער האָט דערוואַרט. מיר שיינט דעריבער, אַז ווען מען באַזירט די האָפענונג פון קיבוץ־גלויות אויף וועלט־אַנט־וויקלונגען בויט מען אויף אַ פעסטן יסוד. און מיין האָפענונג באַזיר איך אויף אַזעלכע אַנטוויקלונגען וואָס זאָלן פירן צו אַ צושטאַנד, ווען ניט די עקאָנאָמישע באַדינגונגען, נאָר דווקא די אינערע נשמה־באַגערן פון דעם מענטש, וועלן באַשטימען דעם אויסוואַל פון לעבנס־פּלאַץ.

ווען אַזאַ טאָג וועט קומען, וועט די האַנדלונג פון דעם יידן זיין אָפּהענגיק אָן דער מאָס דראַנג צו טיפן נאַציאָנאַלן לעבן וואָס ער וועט באַזיצן. אויב דער דראַנג וועט אין אים זיין שוואַך, וועט ער זיך אַליין אין פּראָצעס פון קיבוץ־גלויות ניט אָנשליסן. אויב אָבער אָט דער דראַנג וועט אין אים זיין שטאַרק — וואָס וועט אים שטערן אַליין אַריינצופליסן אין קיבוץ־גלויות־שטראָם?

איז עס טאַקע בלויז אַ חלום צו האָפן אויף אַזאַ קאָנסטרוקטיוו־פּאָזיטיווער ענדערונג אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט? זיינען אין די לעצטע יאָרן ניט פאָרגעקומען וויכטיקע סאָציאַלע ענדערונגען וואָס מיט עטלעכע יאָר צוריק וואָלט קיינער ניט געוואַגט אַפילו חלומען וועגן זיי? און דאָ וויל איך ווידמען עטלעכע ווערטער דעם סאָציאַליסט רפאל אַבראַמאָוויטש, וואָס האָפט דאָך געוויס אויף נאָך טיפערע סאָציאַלע ענדערונגען.

✶

אויך ער האָט אין אַן אגב־אורחאדיקער באַמערקונג זיך אַזוי אַ זאָג געטאָן: „וועלכער ערנסטער ציוניסט האַלט אַז די מדינה קען און דאַרף אַריינגעמען דעם גאַנצן יידישן פאָלק?” פאַר אים איז עס שוין אַן אַקסיאָמע וואָס קיינער פרעגט זי ניט אָפּ. אַז דאָס איז ניט קיין אַקסיאָמע פאַר אַ סך ערנסטע ציוניסטן האָב איך שוין פריער באַוויזן. אָבער פאַר וואָס זאָל רפאל אַבראַמאָוויטש, אַ טיפער סאָציאַלער אַנאַליטיקער, עס אַליין פאַר זיך אָננעמען ווי אַן אַקסיאָמע?

לאָמיר זיך פאָרשטעלן אַז דער פרייער סאָציאַליזם איז פאַרווירקלעכט — פאַר וואָס זאָלן דאַן אַלע יענע יידן וואָס ווילן לעבן ווי יידן, ניט עולה זיין קיין ישראל? וואָס וועט זיי דאַן שטיין אין וועג? דאַן וועלן דאָך באַזייטיקט ווערן אויך פיל

טעכנישע שוועריקייטן אין דער יידישער מדינה, וואָס וועט איר דערמעגלעכן אויפ־צונעמען פיל מער יידן. פון וואַנען די זיכערקייט, אַז אונטער אַלע אומשטענדן קען גאָר די מדינה ניט אויפנעמען דאָס גאַנצע יידישע פאָלק?

רפאל אַבראַמאָוויטש איז זיכער באַקאַנט מיט איינער פון באָראָכאָווס טעאָריעס, אַז „דער ציוניזם וועט זיין „די סטראַטעגישע באַזע״ פאַרן יידישן אַרבעטער אין זיין גאַנג צום סאָציאַליזם״. ווי אַ באַגרינדונג פון ציוניזם האָב איך עס אַלע מאָל גע־האַלטן ווי ניט שטאַרק גענוג. מיין ציוניזם האָט אַלע מאָל באַרוט אויף דער נויט־ווענדיקייט צו לייזן די יידן־פראַגע אין דער וועלט, ווי איך האָב עס פאַרשטאַנען. אָבער ווי אַ היסטאָרישער פראַגנאָז איז אין באָראָכאָווס טעאָריע געלעגן אַ גרויסער אמת. די יידישע אַרבעטער אין דער אייגענער מדינה האָבן אוודאי אַ בעסערע „סטראַטעגישע באַזע״ פאַר זייער סאָציאַליסטישן בויען, ווי די יידישע אַרבעטער אין די גלות־לענדער.

איז עס פאַר אַ סאָציאַליסט אַזאַ ווילדער חלום צו האָפן, אַז באָראָכאָווס טעאָריע וועט דווקא פאַרווירקלעכט ווערן אויף אַ פּונקט פאַרקערטן אופן? אַז די איינפירונג פון סאָציאַליזם וועט ווערן „די סטראַטעגישע באַזע״ פאַר דער פולשטענדיקער דורכפירונג פון ציוניזם? אַז דאַן וועט דער רוב מנין פון יידישן פאָלק, וואָס וויל לעבן אַ נאָרמאַלן לעבן, אָן קאָמפּלעקסן, מיט פרייער מעגלעכקייט פאַר נאַציאָנאַלער און מענטשלעכער שעפערישקייט, זיך קאָנצענטרירן אין דער יידישער מדינה?

מיט צוואַנציק יאָר צוריק וואָלט קיינער ניט געגלייבט אַז מיר וועלן אַזוי שנעל האָבן אַ יידישע מדינה. זיינען געקומען וועלט־פּאַסירונגען וואָס האָבן אַ געוואַלטיקן שטויס געטאָן אין אָט דער ריכטונג. מוזן עס דווקא זיין גרויסע וועלט־אומגליקן, וואָס זאָלן מאַכן מעגלעך דאָס, וואָס פריער האָט אויסגעזען אוממעגלעך? קענען ניט גרויסע, גליקלעכע, פּאָזיטיווע, קאָנסטרוקטיווע ענדערונגען מעגלעך מאַכן אין אַ שפּעטערדיקן דור, וואָס עס זעט היינט אויס אוממעגלעך? טאָ פאַר וואָס שוין איצטער אָפּפּסקענען מיט אַזאַ זיכערקייט, אַז די מדינה קען ניט און דאַרף ניט אַריינעמען דאָס גאַנצע יידישע פאָלק?

די דאָזיקע פראַגן פרעג איך סיי סאָציאַליסטן, סיי ציוניסטן, וועלכע האָפן אויף סאָציאַלע ענדערונגען אין דער מענטשהייט. צו די ציוניסטן, וואָס נעמען אָן ד״ר מאַרגאָשעסעס שטעלונג, האָב איך נאָך אַ צוגאָב־פראַגע:

פאַר וואָס, פרעג איך, זאָלן גוטע ציוניסטן זוכן עפּעס נייע, אונטערגעהאַקטע, פּליגללאָזע לאָזונגען, ווען מיט אַ ביסל וויזיע קען ערשט איצטער דער אמתער, היסטאָרישער ציוניזם ווערן נאָך שעפערישער ווי ער איז געווען ביז איצט, איינ־שליסנדיק אַפילו זיין מאַקסימום דערגרייכונג — די אויפשטעלונג פון דער מדינה? פאַר וואָס מוז מען באַשאַפן אַ מחיצה צווישן פריערדיקן ציוניזם און עפּעס אַ נייעם אַמעריקאַנער ציוניזם, וואָס זיין איינציקע אַנדערשקייט דאַרף באַשטיין אין אָפּזאָגן זיך פון דעם דורותדיקן קיבוץ־גלויות דראַנג, וואָס האָט אַזוי טיף באַוועגט יידן פון אַלע צייטן און פון אַלע גלותן?

*

און איצט וועגן דער באַדייטונג פון אָט דעם קיבוץ־גלויות־דראַנג און די דווקא

פּאָזיטיווע השפּעה וואָס ער קען האָבן אויף אונדזערע דאָיִקייט־אַרבעטן.

די ציוניסטישע „דאָיִקייט" פאַרשפּרייט זיך אויף אַן אַרבעט־שטח וואָס איז פיל, פיל ברייטער ווי די גלותיסטישע „דאָיִקייט". דער ציוניסטישער דאָיִקייט־שטח מוז אויך אַריינגעמען די אויפגאַבע פון אַריינפלאַנצן אין די קומענדיקע ייִדישע דורות אומעטום, אַמעריקע איינגעשלאָסן, דעם דראַנג צו קיבוץ־גליות. דער גאַנצער יסוד פאַר ציוניסטישער דאָיִקייט איז אין תוך פאַרשידן פון דער דאָיִקייט פון די גלותיסטן מכל המינים.

דאָס וואָרט „דאָיִקייט" איז פון אייניקע ציוניסטן איבערגענומען געוואָרן אַן געוויסער פאַרטיפונג אין זיין באַדייט. זיי האָבן, ערשטנס, אָפּגעשלאָגן די כוונה פון קעגן „דאָרטיקייט", וואָס דאָס וואָרט אַנטהאַלט. צווייטנס, האָבן זיי אָנגענומען די פּערמאַנענטע צוגעבונדנקייט פון ייִדן צו זייערע גלות־לענדער, וואָס איז אין דעם וואָרט אַריינגעגעבן געוואָרן. גלותיסטן וואָס מיינען, אַז דער גלות מוז בלייבן אייביק, מיינען טאַקע אַז די פאַרשידענע ייִדישע געאָגראַפיעס זיינען אייביק. דאָס וואָס (ווי מיר וועלן שפּעטער זען) די געשיכטע רעדט אַזוי קלאָר קעגן דעם, איגנאָרירן זיי קאָמפּלעט. זייער „דגש" איז אויפן געאָגראַפישן „דאָ". ציוניסטן וואָס זיינען אויך אויפריכטיקע אָנהענגער פון גלות־אַרבעט, וואָלטן גאָר געדאַרפט אַריינברענגען אַן אַנדער טערמין. במקום דעם האַמעטענעם וואָרט „דאָיִקייט", האָבן זיי געדאַרפט אַריינברענגען זייער אייגענעם האַמעטענעם טערמין — „אומעטומיקייט". דאָס וואָלט באַטייט, אַז אומעטום ווו ייִדן לעבן מוזן זיי אַלץ טאָן צו פאַרטיפן דעם נאַציאָנאַל־גייסטיקן תוך פון זייער לעבן. דער ערשטער באַגריף — וואָלט איך געזאָגט — איז אַ געאָגראַפישער; דער צווייטער — אַ היסטאָרישער.

גלותיסטישע דאָיִקייט רעכנט זיך וויניק מיט די געשיכטלעכע פּראָצעסן פון ייִדישן פאָלק און זוכט נישט קיין ראַדיקאַלן ענטפער אויף דער ייִדן־פראַגע. אירע אָנהענגער נעמען אָן: אָדער, אַז עס איז גאָר אַזאַ פראַגע נישטאָ, דאַרף מען נישט קיין ראַדיקאַלע שינויים; אָדער אַפילו אויב מען דאַרף, קען מען אָבער אַזעלכע שינויים נישט מאַכן. ציוניסטישע „אומעטומיקייט" רעכנט זיך בעיקר מיט די געשיכטלעכע פּראָצעסן און אירע אָנשטרענגונגען אומעטום צו פאַרשטאַרקן דאָס ייִדישע לעבן האָבן צוויי צילן: דעם נאַטירלעכן ציל אַליין צו לעבן אַ טיפערן גייסטיקן לעבן און דעם ציל מיטצוהעלפן ברענגען יענעם ראַדיקאַל־רעוואָלוציאָנערן שינוי, צו וועלכן דער ציוניזם שטרעבט.

מיין וויכוח מיט ד"ר מאַרגאָשעס, און די ציוניסטן וואָס דענקען ווי ער, ליגט אויף אַ שטח צווישן אָט די צוויי עקסטרעמען. זיי האַלטן, אַז מיטן דערשיינען פון אַמעריקאַנער ייִדנטום און זיין ספּעציעלן וועג פון וווּקס און אַנטוויקלונג, דאַרף דער ציוניזם רעווידירן זיין שטעלונג וועגן דער פולשטענדיקער, ראַדיקאַלער רעוואָלוציע, וואָס ער האָט לכתחילה פּראָקלאַמירט. צו דעם קום איך באַלד. אָבער צווישן אונדז קען זיין אַן אונטערשייד — אמת, זייער אַ וויטיגייענדיקער — פון מדרגה פון דער רעוואָלוציע וואָס ציוניזם דאַרף ברענגען אין ייִדישן פאָלק. אָבער דאָס וואָס טיילט אָפּ די גלותיסטישע „דאָיִקייט" פון דער ציוניסטישער „אומעטומיקייט" איז אַזאַ טיפער תהום, אַז ד"ר מאַרגאָשעס און זיינע ציוניסטישע מיטשטימער טאָרן אים

בשום אופן ניט פאַרשיטן; זיי טאָרן זיך נישט אײַנרעדן אַז עס איז שוין כמעט נישט געבליבן קיין אונטערשייד צווישן זיי און געבן דורך דעם שטאַרקונג דער גלותיס־טישער „דאָיִקייט״.

✶

פונקט אַזוי טאָר אַ צווייטע צעטיילונג צווישן גלותיסטן און ציוניסטן נישט פאַרזען ווערן: אַ צעטיילונג צווישן — נאָך צוויי האַמעטנע ווערטער — „אַלעמאָ־ליקייט״ און „איצטיקייט״. דער גלותיסט איז דער אָנהענגער פון איצטיקייט. דער בולטסטער צייכן זיינער איז דעריבער — יידישיזם. זיין ביז נישט לאַנגיקע קעג־נערשאַפט צו העברעיִש שטאַמט אויך פון דער „איצטיקייט״. ווען העברעיִש האָט געקענט ווערן אַ שטיק „איצטיקייט״ הייבט מען זיך מיט איר אָן איבערבעטן. (בונדיסטן נוסח מאָנטרעאָל זיינען אויך אין דעם אָן אויסנאַם). אויך די באַציִונג פון גלותיסטן צו פאָלקסטימלעכקייט, וואָס ווערט פון זיי — מיט רעכט — אַזוי פּאָזיטיוו אָפּגעשאַצט, איז אויך אַ באַגרענעצטע צו איצטיקייט. זיי פאַרהערלעכן פאָלקסטימלעכקייט פון די לעצטע דורות, בעיקר פון דער יידיש־עפּאָכע. אָבער פאָלקסטימלעכקייטן פון פאַרשידענע צייטן, פון פאַר דער יידיש־עפּאָכע, פון פאָלקס־טיילן וואָס האָבן קיין מאָל נישט גערעדט יידיש, דאָס געהערט ניט צו מקורות וואָס זיי זאָלן באַטראַכטן ווי אייגענע, וואָס זאָל באַאיינפלוסן אויך זייערע נשמות. אויב מען שרייבט אַ מאָל וועגן דעם, ווערט עס געשריבן ווי וועגן אָן עקזאָטישע זאַך, פונקט ווי מען שרייבט וועגן ענלעכע עקזאָטישע זאַכן ביי גאָר פרעמדע פעלקער. ציוניסטישע „אַלעמאָליקייט״ שטעלט מיט זיך פאָר אַ באַציִונג צו אַלע שעפערישע דערשיינונגען, פון אַלע יידישע דורות און פון אַלע תפוצות ווי צו אַ געמיינזאַמען יצירה־אוצר פון וועלכן קינדער און קינדס־קינדער קענען נאָך ציען פיל גייסטיקע חיונה. טאָר מען אויך דעם טיפן אונטערשייד ניט פאַרווישן, ווייל אויך פון דעם שטראָמט אַרויס די אומגעהויערע ברייטקייט פון דער ציוניסטישער אַרבעטס־פּראָגראַם אין די גלות־לענדער אין פאַרגלייך מיט דער באַגרענעצטער אַרבעטס־פּראָגראַם פון דער גלותיסטישער „דאָיִקייט״.

אַוודאי זייען ניט אַלע גלותיסטן מעור אחד אויך אין זייער דאָיִקייט. אָבער אַפילו די ברייטסטע פון זייערע פּראָגראַמען קען ניט זיין אַזוי ברייט ווי די ציוניסטישע, וואָס מוז אַריינגעמען אַפילו קיבוץ גלויות אין איר פּראָגראַם פון „אומעטומיקייט״. ס'איז אָבער כדאי — דערוויל בלויז אַגב אורחא — אָנצווייזן אויף די עקסטרעמסטע אָנהענגער פון „דאָיִקייט״ — די בונדיסטן נוסח מאָנטרעאָל — ווי אויף די עקסטרעמסטע באַגרענעצער פון דער אַרבעטס־פּראָגראַם אין גלות. אָט ווי עס רעזומירט די גאַנצע „דאָיִקייט״־פּראָגראַם ד״ר עמנואל שערער אין מאַי־נומער פון בונדישן אָרגאַן „אונדזער צייט״ (ווי עס שיינט איז ער געווען איינער פון די וויכטיקסטע מחברים פון נוסח מאָנטרעאָל): ער רעזומירט זי אין דריי אויפגאַבן: „דאָיִקייט, סאָציאַליזם און נאַציאָנאַלער לעבנס־ווילן״. דערביי זאָגט ער אַליין, אַז „סאָציאַליזם שאַפט בלויז די בעסטע אַנטוויקלונגס־מעגלעכקייטן פאַר יידישן לעבן״. ער זאָגט אויך אַז ביז סאָציאַליזם איז פאַרווירקלעכט שאַפט „דעמאָ־קראַטיע אַליין די צווייט־בעסטע אַנטוויקלונגס־מעגלעכקייטן פאַרן יידישן לעבן״.

יידיש לעבן גופא בלייבט דעריבער קאָנצענטרירט אין „דאָיקייט און נאַציאָנאַלער לעבנס־ווילן".ביידע אויסדרוקן דאַרפֿן ערשט באַקומען אַ תּוכן, וואָס אָן דעם זיינען זיי סתּם פּראַזן. טאָ זוכט אין אַלע רעזאָלוציעס דעם תּוכן אין עפּעס פּאָזיטיווס און איר וועט בלויז געפֿינען יידיש (שפּראַך און ליטעראַטור). דאַקעגן געפֿינט איר אומגעהויער פֿיל נעגאַטיווע זאַכן: העברעיִש ניט, ארץ־ישראל ניט, אמונה ניט, יידישע געשיכטע (אָן אַרומגעשווירענע לויט זייער באַגריף אפשר יאָ, אַ פּולשטענ־דיקע ניט), יידישע וועלט־אָרגאַניזאַציע נאָך אַלץ ניט, אַפּילו ביים דעקלאַמירן כּסדר וועגן „וועלט־פֿאָלק"; אַלייִדישע אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע — חס מלהזכּיר! און דערמיט זיינען נאָך די „לאַ־תעשׂהס" נישט אויסגעשעפּט.

פֿאַרגלייכט עס מיט אַ גלות־פּראָגראַם וואָס אַ ציוניסט דאַרף זוכן דורכצופֿירן, און איר וועט תּיכּף דערזען, ווי ווילפֿאַכער זי מוז זיין. ניטאָ דעריבער קיין שום סיבה פֿאַר אַ ציוניסט, וואָס וויל זען יידן אומעטום געשטאַרקט און פֿאַרטיפֿט אין זייער יידיש־גייסטיקן לעבן, פֿאַרכאַפּט צו ווערן פֿון „דאָיִקייט"־פּראַזן, פֿון וואַנען זיי זאָלן ניט קומען.

*

דער צענטראַלער פּונקט פֿון אונדזער וויכּוח מיט ציוניסטן דרייט זיך אַרום דעם פּונקט — לאָמיר עס אָנרופֿן ביים פּשוטן נאָמען: קיבוץ גלויות. בעיקר וועגן דער פֿראַגע צי דאַרף דער היסטאָרישער פּראָצעס פֿון קיבוץ גלויות איינשליסן אויך דאָס אַמעריקאַנער יידנטום. נעמט מען אָן ד"ר מאַרגאָשעס' פּראָקלאַמירונג פֿון דער „באַשטענדיקייט פֿון די תּפֿוצות" מוז דאָך אויך אויף דעם שטח פֿון קיבוץ גליות געמאַכט ווערן די וויכטיקסטע רעוויזיע.

לאָמיר פּריער פּרובירן פֿאָרמולירן מיין שטעלונג צו קיבוץ גליות.

אינעם דראַנג פֿון אַלע יידישע דורות צו קיבוץ גלויות זע איך אַ מעכטיקן היסטאָריש־שעפֿערישן כּוח. דער דאָזיקער דראַנג האָט געדינט ווי דער הויפּט־שטויסקראַפֿט צו די פֿאַרשידענע יידישע עלעמענטן, די מעפּילים פֿון אַלע גלות־צייטן, דורך אַלע דורות, אין זייערע פֿאַרזוכן עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל. דער דאָזיקער דראַנג האָט דערגרייכט זיין העכסטן אויפֿשטייג פֿון היסטאָרישער אויס־ווירקונג אין דער מאָדערנער ציוניסטישער באַוועגונג, אָנגעהויבן פֿון די בילויים, דורך אַלע עליות, דורכן רייסן זיך קיין ארץ־ישראל פֿון די „אומלעגאַלע" עולים, ביז דעם לעצטן עולה פֿון אונדזערע טעג. אַלע ריכטונגען אין ציוניזם, סאָציאַ־ליסטישע און קאַפּיטאַליסטישע, פֿרומע און פֿרייע, קולטור־ציוניסטן און פּאָליטישע ציוניסטן, אַלע זיינען באַוועגט געוואָרן דורך דעם היסטאָרישן קיבוץ גליות־דראַנג, וואָס האָט אין זיי געלעבט. מעגן זיי אַלע באַגרינדן זייערע איינשטעלונגען דורך פֿאַרשידענע טעאָריעס, ווערט די ציוניסטישע עפּאָכע אין דער נייער יידישער גע־שיכטע כאַראַקטעריזירט בעיקר דורך דעם דראַנג פֿון קיבוץ גליות. דער ציוניסטי־שער ביישטייער איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט באַוויזן דעם כּוח אַרויסצו־הייבן פֿון דעם אוצר פֿון יידיש־געשיכטלעכע גאולה־האָפֿענונגען דעם דראַנג צו קיבוץ גליות. ער האָט אים פֿאַרוואַנדלט אין דער וויכטיקסטער מאָטאָרישער קראַפֿט צו באַוועגן די רעדער פֿון יענער רעוואָלוציע, וואָס דער ציוניזם האָט אַריינגעטראָגן

אין גאַנצן יידישן לעבן; די זעלביקע רעדער וואָס האָבן דערפירט צו דער אויפ־שטעלונג פון מדינת ישראל. זיכער זיינען געווען אויסערלעכע וועלט־פאַקטאָרן וואָס האָבן געגעבן אַ מעכטיקן שטויס צו אָט דער דערגרייכונג. ווי שוין באַמערקט אויבן וואָלט די מדינה קיין מאָל ניט אויפגעשטעלט געוואָרן דורך דעם אויסערלעכן שטויס, ווען די ציוניסטישע באַוועגונג וואָלט צענדליקער יאָרן נאָכאַנאַנד ניט צוגעגרייט דעם באָדן פאַר דעם. און דער וויכטיקסטער אינעווייניק־יידישער פאַקטאָר וואָס האָט דערצו געבראַכט איז געווען דער קיבוץ־גליות־דראַנג.

אין אונדזער איצטיקער עפּאָכע, ווען די יידישע מדינה איז שוין אויפגעשטעלט, באַקומט דער קיבוץ גליות־דראַנג נאָך אַ פּראַקטישערע ברייטערע, טיפערע און היסטאָריש־וויכטיקערע באַדייטונג. דער יסוד פון דעם קיום פון דער מדינה, וואָס איז, לויט ציוניסטן פון אַלע ריכטונגען, אַן אומגעהויער וויכטיקער אָנשפּאַר אויך פאַר דעם טיפן, יידישן און מענטשלעכן לעבן פאַר אַלע יידן אין די תפוצות, איז אָפּהענגיק אָן דעם ווייטערדיקן המשך פון קיבוץ גליות. דעריבער מוז מען אין קיבוץ גליות זען די הויפּט־וויכטיקע אויפגאַבע פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין אונדזער תקופה.

ביידע צילן — סיי די פעסטיקונג פון דער מדינה, וואָס אַלע פון אונדז ווילן דאָך, און אַוודאי דער ציל וואָס ציוניסטן פון מיין נוסח שטעלן פאַר זיך — רוב מנין פון יידישן פאָלק אין דער יידישער מדינה — ביידע צילן קענען ניט דערגרייכט ווערן אָן אַ גרויסער עליה פון אַמעריקע. דעריבער מוז דער ציל זיין: צוגרייטן די אַמעריקאַנער יידן זיי זאָלן ביסלעכווייז זיך אַליין אָנהויבן אַריינפירן אין דעם פּראָצעס פון קיבוץ גליות.

דער פּראָצעס וואָס דאַרף פירן צו לייזן די יידן־פּראָגע אין דער וועלט וועט געדויערן דורות, אפשר אַפילו יאָרהונדערטער. אָבער איינפלאַנצן דעם דראַנג צו קיבוץ־גליות מוז אָנגעהויבן ווערן תיכף ומיד. איך האָב שוין אָנגעוויזן, אַז איך דערוואַרט דער דאָזיקער פּראָצעס זאָל באַוועגט ווערן דורך קאָנסטרוקטיווע און ניט קאַטאַסטראָפּישע געשעענישן אין דער וועלט און אין יידישן פאָלק. איינע פון די דאָזיקע געשעענישן מוז זיין: אַנטוויקלען אין אַמעריקאַנער יידן דעם ווילן צו לעבן אַ פול יידיש לעבן. די דערציִונג מוז דעריבער זיין בעיקר אַ טיף יידישע. דאָ שטיי איך אַ פאַרוווּנדערטער און פרעג זיך: ווי אַזוי שטעלן זיך פאַר די דערציִונג פון דער יידישער יוגנט אין אַמעריקע אַזעלכע ציוניסטן ווי ד״ר מאַרגאָשעס, וואָס (אויב איך פאַרשטיי זיי ריכטיק) מיינען, אַז אַמעריקע איז אויך אַן אייביקייט אין דער יידישער געשיכטע? גראָבן זיי דערמיט ניט אונטער דעם היסטאָרישן דראַנג צו קיבוץ גליות, וואָס האָט אויסגעאיבט אַזאַ געוואַלטיקע השפּעה אין יידישן לעבן פון אַלע גלות־דורות? איך זוך אויך, און קען ניט געפינען, די סיבות וואָס באַוועגן זיי צו אַזאַ ראַדיקאַלן אַנטלויפן פון „הערצל״־ציוניזם, אָדער — ווי אַנדערע באַצייכענען עס — דעם „ישראל״־ציוניזם און זיך אָנכאַפּן אָן אַ נייעם „אַמעריקאַנער״ ציוניזם, וואָס אַלע דריי באַצייכענונגען זיינען ניט פּינקטלעך און דעריבער ניט באַרעכטיקט. אַזוי ווי מיין הויפּט־וויכוח איז מיט ד״ר מאַרגאָשעס וויל איך פאָרמולירן איניקע די־רעקטע פראַגן צו אים.

*

אין זיינע פאַרשידענע זוכעניש — פאַר וועלכע ער פאַרדינט גרויס קרעדיט — צו געפינען אַן אָנהאַלט פאַר דער יידישער גרופּע אין אַמעריקע זי זאָל זיך קענען אויסלעבן יידיש, האָט ד״ר מאַרגאָשעס זייער אָפט אָנגעוויזן אויף דער סינאַגאָגע, ווי דער פּונקט אין וועלכן די יידישע גרופּע זאָל געפינען אַ מעגלעכקייט זיך אויסצולעבן. איך בין גרייט אָנצונעמען אָט דעם געדאַנק, הגם איך וואָלט די סינאַגאָגע ניט אָנגענומען ווי דעם איינציקן צענטער. ד״ר מאַרגאָשעס באַגרינדעט עס אָפט מיט אַ נעגאַטיוון מאָמענט, וואָס איך בין אַוודאי אים ניט גרייט אָנצונעמען. דער דאָזיקער אַרגומענט זאָגט, אַז נאָר אין די ראַמען פון דער סינאַגאָגע וועלן אונדזערע ניט־יידישע שכנים טאָלערירן אונדזער יידישע אייגנאַרטיקייט. אָט דעם אַרגומענט, מיין איך, מוזן מען באַקעמפן ווי אַ דערשיינונג פון עבדות בתוך חירות אַפילו אין אַמעריקע. איך טראַכט ניט אַזוי שלעכט וועגן אונדזערע אַמעריקאַנער שכנים, אַז מיר זאָלן דאַרפן קאַמופלירן אונדזער יידישע אייגנאַרט אין אַלע אירע אויסדרוקן און אָנטאָן אויף איר אַ סינאַגאָגאַלע מאַסקע. אויב די אַמעריקאַנער שכנים וועלן טאַקע יאָ זיין אַזוי שלעכט, מוז דאָס אַמעריקאַנער יידנטום קעגן דעם מער קעמפן, ווי קעגן דער דערשיינונג פון אַנטיסעמיטיזם אין אַמעריקע. מען מוז קעגן דעם קעמפן ווי אונדזערע אָבות האָבן געקעמפט קעגן אַרויפגעצוווּנגענעם שמד. דער דאָזיקער קאַמף דאַרף געפירט ווערן ניט נאָר אין נאָמען פון יידישקייט, נאָר אויך אין נאָמען פון העכערן אַמעריקאַניזם, וואָרעם דער גייסט פון דער אמתדיקער אַמעריקע קען ניט און טאָר ניט דולדן אַזאַ גרופּן־פאַרשקלאַפונג. וועגן דעם וועט מען אַ מאָל דאַרפן ריידן באריכות.

אָבער איך קער זיך אום צום פּאָזיטיוון אַרגומענט, אַז די סינאַגאָגע קען און דאַרף ווערן אַ צענטער פון טיפערן יידישן אויסלעבן זיך פאַר אַמעריקאַנער יידן, יונג און אַלט. איך נעם אָן אָט דעם געדאַנק, כאָטש איך ווייס, אַז עס וועלן נאָך פאַרבייגיין אַ סך יאָרן ביז די אַמעריקאַנער סינאַגאָגע וועט ווערן דער „בית היוצר לנשמת האומה״. און איך האַלט, צוזאַמען מיט ד״ר מאַרגאָשעס, אַז מען דאַרף פירן דערצו.

אָבער כדי דאָס צו דערגרייכן מוז מען דאָך אַריינטראָגן תוכן אין דער סינאַגאָגע. די פיר ווענט אַליין וועלן דאָך קיין מאָל ניט ווערן אַ פּאָזיטיווער כוח אין דערהאַלטן און נאָך ווייטער שאַפן יידישע ווערטן. כדי ווענט זאָלן דערגרייכן צו אַ מדרגה, אַז אַ גרויסער תנא זאָל זיך ווענדן צו זיי אין אַ שאַרפן וויכוח מיט דעם רוף „כותלי בית המדרש יוכיחו״, האָט מען דאָך געמוזט אין די דאָזיקע ווענט דורות נאָכאַנאַנד אַריינברענגען די קדושה פון לערנען תורה. ווייניקסטנס מוז מען דאָך די דאָזיקע פיר ווענט דערהויבן צו דער מדרגה פון אַ בית־תפילה. אויב ניט לערנען דאַרף מען דאָך דאָרטן ווייניקסטנס מתפלל זיין. פרעג איך די ערשטע פראַגע:

וועלן אַלע תפילות וואָס האָבן אין זיך פּסוקים וועגן קיבוץ־גליות „רעדאַקטירט״ ווערן, אויסגעמעקט ווערן?

צוזאַמען מיט ד״ר מאַרגאָשעס שרעק איך זיך ניט פאַרן געדאַנק פון אַן „אָפּ־

קלייב״ אין אַלץ וואָס ווערט פאַרבונדן מיט יידישקייט און יידישער טראַדיציע; צוזאַמען מיט אים מיין איך, אַז מען מוז זיך רעכענען מיט דער נשמה פון דעם מאָדערנעם יידן און ניט אונטערמינעווען זיין געפיל פון פאַרהייליקן יידישע אמת־דיקע קדושה־מאָמענטן, דורך אַרויפצווינגען אויף אים תפילות, וואָס קענען ניט באַוועגן זיין נשמה; צוזאַמען מיט אים גלייב איך, אַז תפילות מוזן זיין פאַרבונדן מיט אינהאַלטן, אין וועלכע מען גלייבט טאַקע; ניט אין סתם זאָגן עברי און ניט אַריינבערענגען אין די תפילות, ווען דער מענטש דאַרף גייסטיק געהויבן ווערן, זאָגעכצן, וועמענס פירוש המלות מען פאַרשטייט דווקא יאָ, אָבער די נשמה גלייבט ניט אין זיי. אַזעלכע תפילות פירן צו דערנידעריקן דעם קדושה־געפיל און ניט אים צו דערהויבן. אַזאַ „אָפּקלייב״ דאַרף אַוודאי געמאַכט ווערן דורך מענטשן, וועלכע וועלן וויסן אָפּצוהיטן די יאָדער און ניט פאַרניכטן זי צוזאַמען מיט דער שאָלעכץ. אין דער אַנטוויקלונג פון אַ נוס איז דאָ צייטן, ווען די שאָלעכץ האָט די אויפגאַבע אָפּצוהיטן די יאָדער. דאַן דאַרף מען אַפילו מיט דער שאָלעכץ אויך זייער פאַרזיכטיק זיין. אָבער די יאָדער אַליין טאָן מען דאָך בשום אופן ניט שעדיקן. לויט מיין איינ־שטעלונג איז קיבוץ גליות כולו יאָדער פון דער יידישער נוס. וואָס וועט ד״ר מאַר־גאָשעס ראָטן יענע „אָפּקלייבער״ צו טאָן מיט די קיבוץ גליות־פּסוקים? אויב קיבוץ גליות, אינעם היסטאָרישן און איינציק ערלעכן זין וואָס אַלע דורות האָבן אים געגעבן, איז איצטער אַן איבעריקע, אפשר גאָר אַפילו אַן אָפּגעפרעגט זאַך, טאָר מען דאָך זיי אין די תפילות, וואָס דאַרפן זיין כולו קדושה, בשום אופן ניט אַריינבערענגען. וועט ד״ר מאַרגאָשעס, און די ציוניסטן וואָס זיינען מיט אים מסכים, אָנהייבן אַ נייעם פאַרזוך צו רעדאַקטירן די נוסחי התפילה און אויסמעקן אומעטום ווו עס ווערט דערמאָנט קיבוץ־גליות?

די אַמאָליקע רעפאָרמער האָבן דאַן געהאַט אַ פּשוטן, און דערפאַר אַ גרינגערן „דזשאָב״. זיי האָבן געהאַט אַ קלאָרן ציל: ווו ציון אָדער ירושלים — אַרויס! שיבת ציון — אַוודאי הס מלהזכיר! אַזוי ווייט קענען דאָך די אָנהענגער פון דעם „נייעם אַמעריקאַנער״ ציוניזם ניט גיין. ציון און ירושלים וועלן זיי דאָך אַוודאי וועלן אויפ־האַלטן. שיבת ציון פון אַ טייל יידן איז דאָך פאַר זיי אויך ניט טריפה. טאָ ווי אַזוי וועלן זיי זיך אַן עצה געבן מיט אָט דעם שווערן פּראָבלעם? כדי צו בלייבן ערלעך מיט זייער געוויסן מוזן זיי דאָך ראָטן יידן ניט צו זאָגן, חס וחלילה, אַזעלכע געפּערר־לעכע פסוקים, ווי צום ביישפּיל: „וקבץ נדחינו מארבע כנפות הארץ״. טאָמער וועלן זיי פאַר דעם געפינען אַ דערקלערונג, אַז מיר אַמעריקאַנער יידן זיינען ניט קיין נידחים, מיינט מען עס ניט אונדז, טאָ וואָס וועלן זיי אָבער טאָן מיט אַזאַ פּסוק, ווי „ונפוצותינו כנס מירכתי הארץ״ און נאָך אַזעלכע פסוקים? תפוצות זיינען מיר דאָך אַוודאי. ווו פּאָרט וועלן זיי אַוועקשטעלן די גרענעץ אין אָט דעם איינציקן פונקט (וואָס איך ברענג בלויז ווי אַ ביישפּיל)? וווהין וועט די „קאָנסעקווענץ״ פון „נייעם״ ציוניזם מוזן דערפירן?

*

די צווייטע פראַגע איז שוין אַ קירצערע: האַלט ד״ר מאַרגאָשעס, אַז אַ סינאַ־גאָגע וואָס איז אַזוי אַרומגעשוירן קען טאַקע ווען עס איז דערהויבן ווערן צו זיין

כאָטש עטוואָס ענלעך פון אַ „בית היוצר לנשמת האומה״? וועט דורך דעם זיין אָנהאַלט (וואָס איך זאָג זיך ניט אָפּ צו קוקן אויף דעם ווי אויף מיין אָנהאַלט פון שטאַנדפונקט פון יידישן המשך, פונקט ווי איך זאָג זיך ניט אָפּ צו קוקן אויף די ליובאַוויטשער בעסערע ישיבות ווי אַן אָנלען פאַר יידישן המשך, כאָטש איך אַליין פּראַווע ניט קיין חסידות) בלייבן אויף אַ לאַנגע צייט אַן אמתדיקער אָנלען און ניט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ משענת קנה רצוץ?

די דריטע פראַגע איז אַ פיל וויכטיקערע: וועלן רעדאַקטירט ווערן אין זעלביקן זין די אַלע לערן־ביכער אין אַלע שפּראַכן וואָס וועלן באַנוצט ווערן ביים דערציען קינדער? וועלן תורה, נביאים וכתובים און אַלע ילקוטים און מדרשים אַזוי איבער־גערעדאַקטירט ווערן? אָדער מיין חשובער בעל־וויכוח דענקט, אַז מען דאַרף בכלל אָנהייבן פון דאָס ניי, נישט נאָר אַ נייעם ציוניזם, נאָר אַ נייע אַמעריקאַנער יידיש־קייט?

איך געהער חלילה נישט צו די וואָס זיינען מזלזל אין די שעפערישע פּאָטענצן פון אַמעריקאַנער יידנטום. מיט איינעם פון די טיפסטע פאָרשטייער פון ציוניזם, יידישע געשיכטע און יידישע שעפערישקייט, מיט מיין ליבן חבר זלמן שזר, האָב איך געהאַט גאָר אַ שאַרפן וויכוח איבער דער פראַגע: צי קען מען פון אַמעריקאַנער יידנטום דערוואַרטן גייסטיקע השראה אויף יידן אַנדערשוווּ? מיין שטעלונג איז געווען, אַז מען קען און מען דאַרף דערוואַרטן אַזאַ השראה פון אַמעריקאַנער יידן אַפילו אויף די יידן וואָס לעבן אין ישראל. אין איינציקע אַמעריקאַנער גייסטיק־יידישע פערזענלעכקייטן זע איך שוין דעם אָנהייב פון אַזאַ השראה. דער כוח פון השראה דאָ וועט זיך אַנטוויקלען אויפן זעלביקן שטייגער, ווי ער איז אַנטוויקלט געוואָרן אין אַלע שעפערישע גלות־יידנטומס. אָנגעהויבן האָט זיך עס פון דעם פאַקט, וואָס די יידישע איינוואַנדערער האָבן עפּעס מיטגעבראַכט אין זייערע נשמות. דאַן איז געקומען די אינעווייניקסטע סגולה אויפצוהאַלטן יידישע אייגנאַרטיקייט אונטער אַלע באַדינגונגען און האָט עס ווייטער אַנטוויקלט. דער פּראָצעס איז געווען נישט קיין איבערגעריסענער. די אַלע אוצרות זיינען געבליבן אין פולער השפעה. דער פאַקט וואָס עס זיינען געווען אַלטע מקורות האָט מעגלעך געמאַכט אַזאַ ווייטערדיקע אַנטוויקלונג. אָבער אויב מען דאַרף אָנהייבן אַ נייע יידישקייט — פון וועמען וועט קענען קומען די גייסטיקע השראה? נאָך מער — אויב נישט אַלטע מקורות, וויפל דורות וועט עס דאַרפן נעמען כדי צו שאַפן ווערטן, וואָס צוליב זיי זאָל כדאי זיין דער גייסטיקער המשך? און אויב ניט אַלטע מקורות, צי וועט ניט תיכף די צווייטע קולטור, אין וועלכער מיר זיינען פאַרמשפּט צו לעבן אין אַמעריקע, ניט אַרויסרייסן פון די נשמות פון אונדזער יוגנט די נויטווענדיקייט צו זוכן עפּעס אַ נייע קולטור?

איז מיין אַרגומענטאַציע דערפירט געוואָרן צו אַן אַבסורד, אָדער דער אַבסורד ליגט אין דער ערשטער הנחה פון אַ „נייעם אַמעריקאַנער ציוניזם״, וואָס איז באַזירט אויף אויסוואָרצלען פון דער יידישער נשמה דעם היסטאָרישן דראַנג צו קיבוץ גליות? מיר שיינט אַז דאָס צווייטע איז ריכטיק.

✶

פּונקט אַזוי איז שווער צו פאַרשטיין די סיבות, וואָס באַוועגן זיי צו פירן אַזאַ עקשנותדיקן געראַנגל פאַר דעם „אַמעריקאַנער ציוניזם". איך קען דאָך ניט אָננעמען, אַז אויך זיי זײַנען גורס דעם נוסח אַז אויב מען באַטראַכט אַמעריקע ניט ווי אַ פּערמאַנענטע אייביקייט שוואַכט מען דורך דעם אָפּ דעם דראַנג צו יידישער שעפערישקייט דאָ אויפן אָרט. צי קענען זיי אָנווייזן אויף איין גלות, פון דעם גרעסטן ביז דעם קלענסטן, פון דעם לענגסטן ביז דעם קירצסטן, ווו די קומענדיקע באַהויפּטונג איז געווען אַ פאַלשע — די באַהויפּטונג, אַז וואָס טיפער עס איז געווען די שעפערישקייט, אַלץ טיפער האָט געדרונגען דער ווילן צי שיבת ציון, און וואָס טיפער די שיבת ציון־שטרעבונג, אַלץ טיפער די יידישע שעפערישקייט? פאַר וואָס זאָל דאָס אַמעריקאַנער יידנטום זיין אַנדערש?

איך קען אויך ניט אָננעמען, אַז ביי זייער — און אויך מיין — אמתער ליבע צו אַמעריקע, קען אין אונדזער נשמה פאַרביטן ווערן ציון און ירושלים מיט אַ נייער געאָגראַפיע, מעג עס אַפילו זיין אַמעריקע. אויב מען וויל געבן יידישע קינדער אַ טיפע יידישע דערציִונג, ווי אַזוי קענט איר אויסוואָרצלען עס פון זייערע הערצער? אויב מיר וועלן ווען עס איז דערגרייכן אין אונדזער יידישער דערציִונג די מדרגה כאָטש פון אונדזער אַלטן פון־פּיל־אויסגעלאַכטן חדר, וועט דאָך דאָס יידישע קינד איינזאַפּן אין זיך ציון און ירושלים, ווי אונדזערע דורות האָבן עס איינגעזאַפּט, און דאָס וועט זיי אָנפילן מיט טיפער יידישקייט, ווי דאָס האָט אָנגעפילט יידישע קינדער אין אַלע צייטן. אָן אַזאַ טיפער יידישער דערציִונג — מיט וואָס וועט איר איינפלאַנצן יידישע אייגנאַרטיקייט, בעיקר אַ ווילן אַליין צו לעבן אין יידישער אייגנאַרטיקייט, אין די קומענדיקע דורות?

און אפשר איז דאָ אַ סיבה מורא צו האָבן, אַז אויב עס וועט ניט — צוזאַמען מיט דער טיפער יידישקייט — פאַרוואָרצלט ווערן דער געפיל פון אייביקייט פאַר דעם געאָגראַפישן פונקט ווו די יידישקייט איז באַשאַפן געוואָרן, וועט סוף־סוף די שעפערישקייט אויך אויסגעוועפּט ווערן? גיט אונדז, דאַכט זיך, די יידישע געשיכטע אַנדערע צייכנס: סורא, פומבדיתא, נהרדעא, די שפּעטערדיקע שטעט פון פראַנקרייך, ווו רש"י מיט אַ גאַנצער פלעיאַדע פון יידישע גאונים און גדולים האָבן געשאַפן, די אַלטע שטעט פון דער שעפערישער שפּאַנישער עפּאָכע מיט יהודה הלוי בראש, די שטאָט ווו דער רמב"ם האָט זיינע ווערק געשאַפן, די נאָך שפּעטערדיקע שטעט פון ווילנער גאון און ר' שניאור זלמן פון ליאַדי, ביז די גאַר נייע שטעט ווי וואָלאָזשין, טעלז, מיר, פּאָניעוועזש און אַ ריי אַנדערע פונקטן פון בתי היוצר פון דער יידישער נשמה — ווו זיינען זיי געאָגראַפיש? מיינט עס דעריבער אַז זיי לעבן ניט אין אונדז? מוזן חלילה טרעפן צו די נייע פונקטן פון יידישער יצירה אַזעלכע קאַטאַסטראָפעס ווי צו יענע? — ניין, בשום אופן ניט! מיר ווילן עולה זיין אין דער יידישער מדינה מתוך שמחה, אָבער מיט די יצירות וואָס מיר וועלן דאָ אָנזאַמלען. עס וועט אַוודאי פאַסירן דאָס זעלביקע, וואָס מיט יענע יצירות פון לענדער וואָס האָבן געבראַכט יידן חורבן. אַלע די דאָזיקע יצירות פון אַלע אונדזערע דורות זיינען אונדז איבערגעבליבן אין אונדזערע אוצרות פון תלמוד מיט אַלע מפרשים, מדרש, ילקוט. עס וואָלט גענומען צו לאַנג אָנצווייזן ווי אַזוי די

דאָזיקע יצירות זיינען פאַר אונדז אויפגעהיטן געוואָרן. אָבער בלויז צוויי ביישפּילן פון אונדזער צייט:

וואָס איז געשען מיט וואָלאָזשין? אויסער די רעליגיעזע אוצרות וואָס זיינען דאָרטן געשאַפן געוואָרן — און וואָס זיינען אונדז פאַרבליבן — האָט נאָך עפּעס פּאַסירט: אַ טראָפּן פונעם שטראָם פון יידישער יצירה איז אַהין פאַרטראָגן געוואָרן. דער דאָזיקער טראָפּן איז אַנגעזאַפּט געוואָרן מיט דער קדושה פון וואָלאָזשין. און ווען ער איז אויסגערייפט געוואָרן אין אַ גאַנצן יצירה־שטראָם אונטערן נאָמען חיים נחמן ביאַליק, האָט ער אַריינגעבראַכט אין געשיכטלעכן אוצר פון אונדזער יצירה — דורך זיין „המתמיד״ — דעם אמתן „בית היוצר לנשמת האומה״, וואָס וואָלאָזשין איז געווען. און אַט איז געקומען אַ יונגער יורש צו אים: ערגעץ אין נאָוואַרעדאָקער „בית היוצר פון מוסר״ און ווילנער ישיבות האָט דער דאָזיקער טראָפּן זיך אָנגע־זאַפּט מיט אונדזער נצחיותדיקער אייגנאַרטיקייט, און ווען ער איז רייף געוואָרן האָט ער זיך אַנטפּלעקט אונטערן נאָמען חיים גראַדע און האָט צוגעטראָגן צום אוצר פון אונדזער נצחיות „די תלמידי חכמים פון ליטע״. דאָס זיינען די אמתדיקע צייכנס פון אונדזער געשיכטלעכן וועג! אויך אין אונדזערע צייטן זיינען דאָ נאָך אַזעלכע צייכנס, נישט בלויז די צוויי אָנגעוויזענע.

טאָ וואָס פאַרט באַוועגט אונדזער פריינד ד״ר מאַרגאָשעס צו פירן אַזאַ כסדר־דיקע, הייליקע מלחמה פאַר דער „באַשטענדיקייט פון די תפוצות״? וועלכע יידישע אָדער ציוניסטישע צילן באַצוועקט ער צו דערגרייכן? כדי צו זיין מער שעפעריש דאָ איז עס זיכער ניט נייטיק. אַפילו ווען ער איז איבערצייגט, אַז די יידישע גע־שיכטע גייט אויף דעם וועג צו פאַרמשפּטן אונדזער פאָלק צו אייביקער צעשפּאָלטנ־קייט, וואָס דאָ איז נאָך ווייט פון צו זיין באַגרינדעט, טאָ פאַר וואָס גיין אַנטקעגן דעם מיט אַזאַ שמחה? פאַר וואָס שוין גרייט זיין אויסצומעקן קיבוץ גליות פון אונ־דזערע שטרעבונגען? פאַר וואָס ניט ראַנגלען זיך מיט אַלע כוחות קעגן דעם? דערמיט בין איך שוין אין סאַמע מיטן פון וויכוח, סיי מיט אים, סיי מיט די גלותיסטן צוזאַמען.

מיין בר־פּלוגתא ד״ר שמואל מאַרגאָשעס האָט אפשר גוט געטאָן, וואָס ער האָט דורכגעלאָזן אומבאַרירט אַ סך פונקטן פון מיין אַרטיקל־סעריע קעגן וועלכע ער איז אַרויסגעטראָטן. מען קען ניט באַרירן אַלע פונקטן אין אַזאַ וויכוח. איך וועל היינט נאָכטאָן זיין ביישפּיל. איך וועל זיך אָפּשטעלן בלויז אויף דריי פונקטן פון זיין אַרטיקל „ציוניסטישע מעטאַפיזיק״ ((טאָג, 25סטן יוני). די דריי פונקטן זיינען:

א. וועגן מעטאַפיזיק און רעאַליזם בכלל;

ב. די זיבן פונקטן וואָס ד״ר מאַרגאָשעס פאָרמולירט ווי די יסודות פאַר דאָס, וואָס ער באַצייכנט ווי ציוניזם נוסח אמעריקע;

ג. די עטיש־מאָראַלישע זייט פון ריידן וועגן קיבוץ־גלויות, ווען מען טראַכט ניט אַליין עולה צו זיין אין ישראל.

✶

דער טערמין „מעטאַפיזיק״ האָט שוין לאַנג פאַר מיר פאַרלאָרן יענעם זין, וואָס האָט אים כמעט דערנענטערט צום באַגריף פון „אָבערגלויבן״. פאַרטייטשן

דאָס וואָרט וויל איך ניט. איך בין ניט קיין לינגוויסט און מיר פּירן ניט קיין לינג־וויסטישן וויכוח. איך וואָלט געמיינט, אַז אונדזער וויכוח וואָלט געווען פיל ריכ־טיקער באַצייכנט, ווען מען נוצט דאָס וואָרט „חזון" אָדער „וויזיע", אַנשטאָט „מע־טאַפיזיק". אָבער איך בין גרייט צו האַלטן זיך ביים טערמין „מעטאַפיזיק".

איך וואָלט געקענט אויסרעכענען — ווי ווייט מיין באַגרענעצטער וויסן פון געשיכטע גייט — צענדליקע גרויסע עפּאָכעס, אין וועלכע די מעטאַפיזיקער האָבן — צום גליק פון דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג — מנצח געווען. אינעם געראַנגל פון די עגל־הזהב־פאָדערער מיט משה רבינו, זיינען די ערשטע געווען „רעאַליסטן", און משה רבינו — דער מעטאַפיזיקער. אינעם געראַנגל פון די מאַקאַבייער קעגן העלע־ניזם זיינען די לעצטע געווען רעאַליסטן, און די ערשטע — מעטאַפיזיקער. אין דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע פאַר אומאָפּהענגיקייט האָבן די אָנהענגער פון דעם ברי־טישן קאָלאָניאַליזם גערעדט וועגן רעאַליזם, און די פירער פון דער רעוואָלוציע זיינען געווען מעטאַפיזיקער. אין דעם געראַנגל פון דער רוסישער רעוואָלוציע, (אײדער די באָלשעוויקעס האָבן זי מטמא געמאַכט), זיינען די אָנהענגער פון צאַ־ריזם געווען רעאַליסטן און די רעוואָלוציאָנערן — מעטאַפיזיקער. און נאָך און נאָך.

אָבער לאָמיר צוגיין נענטער צו אונדזער עפּאָכע.

אחד העם, וואָס איז אַליין נישט אַלע מאָל געווען אַ רעאַליסט, איז אָבער אָפּט נכשל געוואָרן אין רעאַליזם. איך האָב אין זינען, הויפּטזעכלעך, זיין „רעאַליזם" פון יידישע „בועזים" און אַראַבישע אַרבעטער. דאָס איז דאַן געווען רעאַל. ביידע זיינען געווען בנמצא. איז געקומען די צווייטע עליה מיט איר „מעטאַפיזיק" און האָט באַוויזן, אַז דאָס וואָס איז נאָך ניט רעאַל, קען ווערן רעאַל. ווער צווייפלט היינט אין דעם היסטאָרישן אמת, וואָס איז געלעגן אין דער „מעטאַפיזיק", אַז עס קען אין ארץ־ישראל אויפגעשטעלט ווערן אַ יידישע אַרבעטערשאַפט ? זי איז היינט דאָ און זי איז דער הויפּט־כוח אין דער מדינה און אויף איר שפאַרן זיך אַן אַלע האָפענונגען וועגן ישראלס צוקונפט.

דער „בונד", וואָס אין זיין רעוואָלוציאָנערער אַרבעט איז ער געווען זייער ווייט פון רעאַליזם און האָט געטראָגן אין זיך אַ שטיק מעטאַפיזיק, וואָס האָט אים געגעבן די קראַפט אַרויסצוהייבן צו מענטשלעכער ווירדע אַ דערשלאָגענע יידישע פאָלקס־מאַסע, האָב אָבער בנוגע ציוניזם שטענדיק געשפּילט דעם רעאַליסט, אַנטקעגן דעם ציוניסטישן חלום. עס איז דערגאַנגען עד כדי כך, אַז אַ בונדישער אַגיטאַטאָר — ווען מען איך האָב אַליין געהערט אין דער נאַכט ווען הערצל האָט באַזוכט ווילנע — האָט מיט ביטול אויסגעלאַכט דעם געדאַנק, אַז פאַלעסטינע וועט ווען עס איז קאָ־לאָניזירט ווערן, און נאָך מער דעם געדאַנק, אַז פאַלעסטינע וועט ווען ס'איז געהערן צו יידן. האָט ער דעם שאַרפסטן געלעכטער אָפּגעשפּאַרט דווקא פאַר יענע עלע־מענטן, וועלכע ער האָט דורך זיין אייגענער רעוואָלוציאָנערער מעטאַפיזיק געזוכט אויפצוהייבן. — ווער — האָט ער געזאָגט — וועט עס בויען די צוקונפטיקע יידישע מדינה ? — דער ייד פון ווילנער „בוסאַקעס", פון קאָוונער יאַטקע־גאַס און פון דווינסקער ? (דאָ געדענק איך ניט דעם ענלעכן פּלאַץ פון קאָנצענטרירטער יידישער אָרעמקייט וואָס ער האָט באַצייכנט). דאָס איז געווען דעם בונדס „רעאַליזם".

וואָס די ציוניסטישע מעטאַפּיזיק האָט באַוויזן, דורך הגשמה עצמית, דורכצופירן, איז היינט די גרעסטע דערגרייכונג פון דער יידישער געשיכטע זינט דער גלות האָט זיך אָנגעהויבן און דורכגעפירט איז ער געוואָרן דווקא דורך יענע עלעמענטן, וואָס די בונדישע רעאַליסטן האָבן אויסגעלאַכט.

בלויז נאָך צוויי פּאַלן וועל איך פאַרצייכענען, אין וועלכע, אגב, איך האָב פאַרנומען אַ שטעלונג דווקא מיט די רעאַליסטן.

א. טעריטאָריאַליסטישער רעאַליזם ווערסוס פּאַלעסטינישער מעטאַפּיזיק. אוגאַנדאַ איז געוועז רעאַל. אַ גרויסע מלוכה — דאָן די גרעסטע אימפּעריע! — איז געשטאַנען הינטער דעם אוגאַנדאַ־פאַרשלאָג. פּונקט אַזוי איז געוועז רעאַל די יידישע נויט, וואָס האָט געפאָדערט אַ באַלדיקן ענטפער. מיר שיינט, אַז דאָן איז מיין חשובער אָפּאָנענט געווען צווישן די, וועלכע זיינען געשטאַנען שטאַל און אייזן מיט דער פּאַלעסטינישער מעטאַפּיזיק. נו, ווי זעט אויס היינט — 50 יאָר נאָך יענעם היסטאָרישן געראַנגל — דער פּסק־דין פון דער געשיכטע?

ב. די שטורעמדיקע טעג פאַר הקמת המדינה. צי איז נויטיק נאָך אַ מאָל צו דערציילן פון יענע נאָך אַזוי נאָענטע טעג? איך האָב אויך דאָ געהערט צו דעם לאַגער פון די „רעאַליסטן". איך שעם זיך ניט מודה צו זיין, אַז אויך אַ רעכט ביסל פּחדנות האָט באַוויגן מיין איינשטעלונג; (איך זאָג „מיין" — ווייל אַזאַ נעגאַטיווע כאַראַקטעריסטיק וויל איך ניט צושרייבן צו עמעצן אַנדערש). איך האָב פּשוט מורא געהאַט, אַז אויב די מדינה וועט באַלד פּראָקלאַמירט ווערן, וועט אונדזער לאַגע אין ארץ־ישראל ערגער ווערן. אַנטקעגן אַט דעם „רעאַליזם" איז אויפגעטראָטן מיט דער גאַנצער קראַפט פון היסטאָרישער אַחריות דוד בן־גוריון אין ארץ־ישראל. אים האָבן געהאָלפן אַ גרויסע צאָל אַמעריקאַנער ציוניסטן מיט אבא הלל סילווער בראש. זיי האָבן זיך ניט אָפּגעשראָקן פאַר דעם אומרעאַליזם, פאַר דער ציוניסטישער מעטאַפּיזיק. און געבענטשט זאָלן זיי זיין פאַר זייער וויזיע און פאַר ניט רעכענען זיך מיט די רעאַליסטן, איינגעשלאָסן אויך מיך.

איך מיין, אַז די רשימה געניגט, כדי צו באַווייזן, אַז „רעאַליזם" איז ניט אַלע מאָל אַ יסוד, אויף וועלכן מען דאַרף בויען. פאַראַן ציטן, איבערהויפּט ביי באַוועגונגען, וואָס שטעלן זיך ווייטע געשיכטלעכע צילן, ווען דער היסטאָרישער געבאָט איז: שרעקט זיך ניט פאַרן פאַרוואורף: מעטאַפּיזיק עליך! ווי אויבן געזאָגט וואָלט איך דעם טערמין „מעטאַפּיזיק" ניט באַנוצט. איך וואָלט בלויז געזאָגט: אַ היסטאָרישע באַוועגונג מוז האָבן אַ וויזיע, אַ חזון.

*

און אַט פאָרמולירט ד"ר מאַרגאָשעס זיינע זיבן פּונקטן. ציטירן אין פולן וועל איך בלויז די סאַמע וויכטיקסטע, די וואָס זיינען יסוד. אַזאַ איז דער ערשטער פּונקט. ער זאָגט:

„אַמעריקע איז פאַר די אַמעריקאַנער יידן היים — ניט גלות; די קאַטאַסטראָפן־טעאָריע קאָן ניט אַנגעווענדעט ווערן אויף אַמעריקע".

זיינען אין אַט דעם קורצן זאַץ אַריינגעקוועטשט געוואָרן עטלעכע אומריכטיקייטן. דאָס סאַמע פאַרבינדן גלות מיט קאַטאַסטראָפע איז שוין אַן אומריכטיקייט.

דאָס דאַרף מיינען, אַז גלות איז נאָר אַזאַ אָרט, וווּ מען קאָן דערוואַרטן אַ קאַטאַס־טראָפע (וואָס עס איז באמת גלות, וועל איך באַלד פּרובירן פאָרמולירן). דאָס דאַרף אויך מיינען, אַז דער וואָס באַטראַכט יאָ אַמעריקע ווי אַ גלות, מוז דערוואַרטן אַ קאַטאַסטראָפע אויך אין אַמעריקע, וואָס איז אויך ניט ריכטיק. דאַן איז בכלל דער טערמין „קאַטאַסטראָפן־טעאָריע" אין אָט דעם זאַץ אַן אומריכטיקייט. „קאַטאַס־טראָפן־טעאָריע" איז ניט אַ טעאָרעטישע באַגרינדונג פאַר דעם טערמין „גלות"; עס באַצייכנט נאָר אַ טעאָריע, מיט וועלכע געוויסע ציוניסטן באַגרינדן זייער ציו־ניזם. זיי זאָגן, אַז ציוניזם איז אַ באַוועגונג בלויז פון הצלה, פון ראַטעווען זיך פון קאַטאַסטראָפעס. צוזאַמען מיט ד"ר מאַרגאָשעס וואַרף איך אָפּ די טעאָריע. איך האָב עס אויך אין אָט דער אַרטיקל־סעריע קלאָר געמאַכט. דערביי האָב איך ניט די אַבסאָלוטע זיכערקייט, אַז אין אַמעריקע קען קיין מאָל ניט קומען אויף אונדז אַ קאַטאַסטראָפע. דאָס ווייס איך ניט. איך זאָג נאָר, אַז ציוניזם קען ניט געבויט ווערן פון אַזאַ קאַטאַסטראָפע; אַז אַזאַ קאַטאַסטראָפע וועט ברענגען בלויז חורבן און ניט קיין ברעקל שטויסקראַפט פאַר עליה. דעם דאָזיקן געדאַנק האָב איך שוין ניט איין מאָל באַגרינדעט. איך זע ניט קיין נויטווענדיקייט נאָך אַ מאָל עס צו טאָן היינט. אָבער וואָס פאַר אַ שייכות האָט אָט די טעאָריע צו דער באַשטימונג ווו ס'איז יאָ און וווּ איז ניט גלות — הויב איך ניט אָן צו באַגרייפן!

פונקט אַזוי איז אומריכטיק אַוועקצושטעלן „היים" קעגן „גלות". איך פרעג אויך אָפּ די אומדירעקטע באַהויפּטונג אין דעם ציטירטן פּסוק, אַז נאָר אַמעריקע איז אַ היים פאַר אירע יידן. אַלע יידן פון אייראָפּע — ניט נאָר די דייטשע — האָבן באַ־טראַכט זייערע לענדער, ווי זייערע היימען. און זיי זיינען גערעכט געווען. אַ גלות־היים איז אויך אַ היים. ד"ר מאַרגאָשעס' גאַליציע און מיין ליטע זיינען פאַר אונדז אין אונדזערע קינדערשע יאָרן געווען היימען. פאַר אונדזערע זיידעס און באָבעס זיינען עס געווען היימען במשך זייער גאַנץ לעבן. עס דאַרף אַוודאי געמאַכט ווערן אַן אונטערשייד צווישן די גייסטיקע היימישקייטן פון די באַזונדערע היימען. אין אַזאַ אונטערשייד וואָלט מיין אָפּאָנענטס גאַליציע און מיין ליטע געדאַרפט געשטעלט ווערן אַ סך פריער אין דער רשימה פון פּריאָריטעט ווי אַמעריקע. דאָס איז אָבער אַ פּרשה, אין וועלכער איך וויל איצט ניט אַריינגיין. זיכער איז אָבער צוויי זאַכן: אַמעריקע איז ניט די איינציקע, וואָס איז אַ היים פאַר אירע יידן, און „היים" איז ניט דער קעגנזאַץ פון „גלות". איך האַלט, אַז אַמעריקע איז טאַקע אַ היים — און דאָך אַ גלות.

וואָס איז אַ צושטאַנד פון ניט־גלות? דאָס איז אַ צושטאַנד, וווּ דאָס סאַמע לעבן פון די מענטשן גאַראַנטירט זייער נאַציאָנאַלן קיום, זייער נאַציאָנאַלן המשך. אין אַ ניט־גלות דאַרף קיינער ניט אַרומגיין און טראַכטן, זאָרגן און געפינען מיטלען פאַרן ווייטערדיקן קיום און פאַרן ווייטערדיקן המשך פון דער נאַציאָנאַלער אייגנאַרט. אַזוי לאַנג ווי ד"ר מאַרגאָשעס און איך און אַנדערע יידן מוזן זוכן אין אַמעריקע מיטלען ווי צו פאַרזיכערן זיך קעגן אַסימילאַציע לעבן מיר אין אַ גלות. דאָס איז אייגנטלעך דער קען־צייכן פון אַ גלות. ניט די געפאַר פון אַ קאַטאַסטראָפע, נאָר די געפאַר פאַר נאַציאָנאַלן המשך באַצייכנט דעם גלות. דעריבער איז אַמעריקע איינער

פון די געפערלעכסטע גלותן, ווייל דאָ איז די געפאַר פון פאַרלירן דעם נאַציאָנאַלן המשך אַמשטאַרקסטן. אין דעם פונקט האָב איך אויך ניט גורס געווען דעם נוסח וואָס אונדזער פאַרשטאָרבענער חבר חיים גרינבערג האָט פאָרמולירט וועגן דעם אַמעריקאַנער גלות אויפן לעצטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין ירושלים. אַמעריקע איז אַ ליכטיקערער גלות נאָר פון דעם שטאַנדפונקט, אַז עס איז ניטאָ די געפאַר פון שלעכטע פיזישע, סאָציאַלע, ווירטשאַפטלעכע און מענטשלעכע באַציִונגען צו אונדז. פון שטאַנדפונקט פון געפאַר פאַר אונדזער המשך, איז עס שוין גאָר ניט ליכטיק.

דאָ באַקומט דער אַלטער באַגריף „שכינתא בגלותא" אַ נייעם זין. אין די אַלטע גלותן האָט עס געמיינט, אַז די שכינה אַליין גייט מיט מיטליידן מיט די יידן אין גלות אַריין; עס האָט אויך געקענט האָבן דעם מיין, אַז אַפילו אין גלות שיינט אויף יידן די שכינה פון שעפערישקייט. דאָ, אין אַמעריקע, איז טאַקע די שכינה אַליין — די יידישע אייגנאַרטיקע שעפערישקייט — אין גלות. אין אַמעריקע איז אפשר דער פשוטער קיום פון יידן ניט אין געפאַר, אָבער דער המשך פון יידישער שעפעריש־קייט איז גאָר אין גרויס געפאַר. דאַרפן מיר אַלע קעמפן קעגן אָט דער געפאַר. ד"ר מאָרגאָשעס איז איינער פון די אייפערדיקסטע קעמפער קעגן דער געפאַר. דערמיט אַליין לייקנט ער אָפּ זיין הויפט־טעזע, אַז אַמעריקע איז ניט קיין גלות. דער סימן מובהק פון אַ גלות איז, אַן אָרט, ווו מען דאַרף מאַכן ספּעציעלע אָנ־שטרענגונגען אויפצוהאַלטן אין יידישן פאָלק זיינע כוחות פאַר אייגנאַרטיקער שע־פערישקייט.

*

דער צווייטער פונקט אָנערקענט קיבוץ־גליות נאָר פאַר אַ טייל פון אַמעריקאַנער יידן. דאָס נעם איך אָן. קיינער מיינט ניט, אַז דער ציל איז עד אחרון היהודי. איך נעם ניט אָן דעם צווייטן טייל פון אָט דעם פונקט, אַז עס איז ניט רעאַליסטיש צו ריידן וועגן אַ מאַסן־עליה פון אַמעריקאַנער יידן. מיין איינשטעלונג וועגן דעם פונקט האָב איך שוין פאָרמולירט אין אָט דער סעריע. אין קורצן זאָג איך, אַז אַ מאַסן־עליה פון אַמעריקאַנער יידן קען יאָ ווערן אַ רעאַלע זאַך, ווען עס וועלן זיך ענדערן אויסערלעכע באַדינגונגען און עס וועט, דורך טיפער יידישער דערציִונג, אַנטוויקלט ווערן ביי די יידן פון אַמעריקע דער אינערער דראַנג צו לעבן אַ פולן, אומגעשטערטן יידיש־שעפערישן לעבן.

אין פונקט דריי נעם איך אוודאי אָן, אַז „דאָזיקייט" אין ציוניסטישן זין איז אַ קאַרדינאַלער פּרינציפּ פון ציוניזם אין אַמעריקע. איך נעם אויך אָן, אַז די דאָזיקע דאָזיקייט־אַרבעט, וואָס דאַרף באַצוועקן „די אַנטוויקלונג פון אַלע שעפערישע כוחות פון אַמעריקאַנער יידנטום", דאַרף געפירט ווערן אינעם ראַם פון דער אַמעריקאַנער סביבה. איך וואָרף לחלוטין אָפּ, אַז דאָס מוז געפירט ווערן „אויפן יסוד פון דער פערמאַנענץ פון אַמעריקאַנער יידישן ישוב". אויך די אַרגומענטן פאַר אָט דער איינשטעלונג האָב איך שוין געבראַכט אין אָט דער אַרטיקל־סעריע.

פונקט פיר נעם איך אָן אין פולן. ניטאָ דאָ קיינע חילוקי־דעות. אַלע זיינען פאַר דעם, אַז די „מאָביליזאַציע פון יידישער און ניט־יידישער מאַטעריעלער און פּאָליטישער הילף פאַר מדינת ישראל איז די הויפּט אויפגאַבע"... ד"ר מאָרגאָשעס

ענדיקט: „פון דער אַמעריקאַנער ציוניסטישער באַוועגונג". איך ענדיק „פון אַלע ייִדן אין אַמעריקע, ציוניסטן און ניט־ציוניסטן".

אין פונקט פינף לייקן איך אָפּ די באַהויפּטונג, אַז „דעם ייִדישן פאָלק איז באַשערט צו בלייבן אַ וועלט־פאָלק, אין דעם זין, וואָס דער ראשו ורובו וועט זיך געפינען אין גרויסע ייִדישע קהילות אין פאַרשידענע לענדער פון דער וועלט". מיין פּראָגנאָז איז, אַז פאַר אַ לאַנגער צייט וועט עס נאָך טאַקע אַזוי זיין; ווי לאַנג ווייס איך ניט; אָבער אַז אַ צווייטער פּראָצעס דאַרף געהאַלטן ווערן אין אויג; אַ פּראָצעס פון כסדרדיקן אַריבערגיין פון שווערפונקט פון ייִדישן לעבן אין דער ייִדישער מדינה, און אַז דער היסטאָרישער ציל פון ציוניזם איז צו ענדערן דעם איצטיקן צושטאַנד און דערפירן דערצו, אַז ראשו ורובו פון ייִדישן פאָלק זאָל זיין אין ישראל. פאַר דער איינשטעלונג פון ד״ר מאַרגאָשעס איז דערייבער גענוג, אַז די „הויפּט־פונקציע פון מדינת ישראל" זאָל זיין, „צו דינען ווי אַ גייסטיקער צענטער... וואָס זאָל העלפן דער ייִדישער מינדערהייט אין איר געראַנגל און המשך אומעטום". פאַר מיר איז מדינת ישראל באַשערט צו שפּילן — אויסער די ראָלע פון אַ גייסטיקן צענטער — נאָך אַ גרעסערע ראָלע: זי איז באַרופן צו לייזן די ייִדישע וועלט־פּראַגע, דורך אויסגלייכן דעם סטאַטוס פון ייִדישן פאָלק מיט אַלע אַנדערע פעלקער פון דער וועלט. דאָס ייִדישע פאָלק וועט אַזאַ גלייכן סטאַטוס באַקומען ערשט דאַן, ווען ראשו ורובו וועט זיך געפינען אין דער ייִדישער מדינה.

דערפון איז קלאָר, אַז איך נעם ניט אָן דעם ערשטן פּסוק פון זיין זעקסטן פונקט, אַז די ייִדישע מדינה קען ניט און וועט ניט לייזן די ייִדישע פּראַגע פון דער וועלט. (איך האָב אָט דעם פונקט שוין באַגרינדעט). און מיט בלויז אָנרופן עס ציוניסטישע מעטאַפיזיק ווערט גאָרניט אָפּגעפרעגט פון דעם וואָס איך האָב געשריבן. אויסער דעם ערשטן פּסוק נעם איך אָן זיין זעקסטן פונקט, ווו ער רעדט וועגן דער נויטווענדיקייט צו געבן הילף די ייִדישע מינאָריטעטן אין דער גאַנצער וועלט אין זייער קאַמף קעגן אַלע סאָרטן עוולות, וואָס ווערן באַגאַנגען קעגן זיי און געבן זיי אויך פּאָליטישע און עקאָנאָמישע הילף.

פון פונקט זיבן נעם איך אָן דעם ערשטן טייל. דער טייל דאַרף ציטירט ווערן. ער זאָגט:

„די באַציִונגען פון די אַמעריקאַנער ייִדן צו מדינת ישראל מוזן אויפגעפאַסט ווערן אין טערמינען פון אַ גייסטיקן צובונד און ניט פון אַ פּאָליטישער אָנגעהעריקייט. יעדער פּרווו פון אינטערווענץ אין די אינערלעכע ענינים פון אַמעריקאַנער ייִדנטום מצד מדינת ישראל, פּונקט ווי די אַריינמישונג אין די אינערלעכע אָנגעלעגנהייטן פון מדינת ישראל מצד דעם אַמעריקאַנער ייִדנטום — מוז אָפּגעוואָרפן ווערן".

אַזוי לאַנג ווי דאָס אַמעריקאַנער ייִדנטום עקזיסטירט, דאַרף טאַקע אָט דער פּרינציפּ רעגולירן די קעגנזייטיקע באַציִונגען צווישן אים און מדינת ישראל. דאָס מיינט ניט, אַז איך דאַרף אויך אָננעמען זיין באַגרינדונג, וואָס זאָגט: „די איינהייט פון ייִדישן פאָלק איבער גאָר דער וועלט באַטייט ניט די איינהייטלעכקייט פון דערפאַרונג, אויסקוק, טעמפּעראַמענט און אָריענטאַציע". דאָס רירט שוין אָן די אויס־

טייטשונג פון דעם באַגריף „וועלט־פאָלק", צו וועלכן איך וועל זיך נאָך אַ מאָל אומקערן, אָבער לײדער ניט אין דער איצטיקער סעריע, כאָטש איך ווייס, אַז איך האָב נאָך ניט אַלץ באַרירט, וואָס איז שייך צו דער טעמע.

✶

איך מיין, אַז מיט דעם אויבנגעזאָגטן, האָב איך אַרויסגעבראַכט דעם אונטער־שייד פון דעם ציוניזם, ווי איך בין אים גורס, און דעם ציוניזם, ווי עס זיינען גורס מיין פריינד ד״ר מאַרגאָשעס און זיינע מיטשטימער. דער וויכוח האָט זיך דערמיט ניט פאַרענדיקט. ער האָט זיך ערשט אָנגעהויבן. איך בין זיכער אַז ד״ר מאַרגאָשעס וועט זיך נאָך ניט איין מאָל אומקערן צו דעם, און מן הסתם וועל איך אויך טאָן דאָס זעלביקע. איך מיין, אַז דערווייל האָבן נאָך זייער ווייניק ציוניסטן זיך באַטיי־ליקט אין אָט דעם וויכוח, וואָס איז אָן ספק דער וויכטיקסטער אינער־יידישער גייסטיקער געראַנגל פון אונדזער איצטיקער תקופה. איך בין נאָך מחויב צו זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן דער עטיש־מאָראַלישער זייט פון פריידיקן קיבוץ־גלויות מצד אַזעלכע ציוניסטן וואָס זיינען אַליין ניט עולה.

מוז איך קודם כל זאָגן אַ פּאָר פּערזענלעכע ווערטער: איך פאַרטיידיק ניט אַ פערזענלעכע פּאָזיציע. מיינע קינדער, געבאָרענע אין אַמעריקע, לעבן שוין לאַנגע יאָרן אין ישראל. מיין פרוי און איך פאַרענדיקן אונדזער גלות מיט דעם קומענדיקן ציוניסטישן קאָנגרעס אין ירושלים. מיר בלייבן דאָן אויף שטענדיק אין מדינת ישראל. פּערזענלעך דאַרף איך דעריבער ניט זוכן קיין עטיש־מאָראַלישע באַרעכ־טיקונג צו פריידיקן קיבוץ גליות. אָבער צי איז ד״ר מאַרגאָשעס גערעכט, סיי בנוגע אים אַליין, סיי בנוגע אַנדערע ציוניסטן וואָס טראַכטן ניט וועגן פּערזענלעכער עליה, אַז זיי זיינען מאָראַליש ניט באַרעכטיקט צו פריידיקן קיבוץ גליות? — מיר שיינט, אַז ער איז ניט גערעכט.

לאָמיר קודם קלאָר מאַכן וועגן וואָס מיר זיינען זיך מתווכח. שלאָג איך דען פאָר, אַז איך, אָדער ד״ר מאַרגאָשעס, אָדער אַן אַנדער ציוניסט זאָל קומען צו אַ קאָנקרעטן יידן, אָדער צו קאָנקרעטע הונדערט יידן, אָדער צו קאָנקרעטע טויזנט יידן און זאָגן זיי: אחינו בני ישראל — איר מוזט עולה זיין קיין ישראל? — ניין, דאָס שלאָג איך ניט פאָר. דאָס טאָר קיינער ניט טאָן. אַפילו איך, וואָס איך בין אַליין עולה, טאָר עס ניט טאָן. אַפילו בן־גוריון, וואָס לעבט די גאַנצע צייט אין ארץ־ישראל, טאָר דאָס ניט טאָן. וואָס מיר אַלע מעגן טאָן און — נאָך מיין מיינונג — זיינען מיר מחויב צו טאָן, איז צו אַנטוויקלען דעם דראַנג פאַר קיבוץ גליות, די בענק־שאַפט פון ונפוצותינו כנס, דאָס לעבעצן גאַנץ צו מאַכן דאָס יידישע פאָלק, דעם שטאַרקן ווילן אַ סוף צו מאַכן צום גלות — אָט דאָס צו אַנטוויקלען אין אונדז אַליין און אין קומענדיקע דורות איז אונדזער היסטאָרישע פליכט. און אויב אַ ייד קען ניט עולה זיין, זאָל עס אים ווי טאָן. דער דאָזיקער ווייטאָג איז אַליין שעפעריש. דאַקעגן דאָס פּראָקלאַמירן אַז אייביקע צעשפּרייטונג איז גאָר אַ גליק פאַר אונדז, האַלט איך פאַר אַ שאַרפער נאַציאָנאַלער עבירה. ווייל איך שפּיר מיט מיין גאַנצער נשמה, אַז דאָס מיינט פאַר יידישן פאָלק גייסטיקע אויסצערונג; דאָס מיינט אויך, אַז מדינת ישראל זאָל זיך קיין מאָל ניט קענען אַרויפהויבן צו יענער גייסטיקער

מדרגה, וואָס האָט אונדז געמאַכט פאַרן עם הפּלאות פון דער מענטשהייט. פאַר ישראל מיינט עס ניט פּולקומענע גייסטיקע אויסצערונג, אָבער דאָס מיינט יאָ, אַז אַפילו ישראל וועט ניט האָבן די מעגלעכקייט אויסצונוצן דעם מאַקסימום פון יצירה, וואָס שלומערט אין אונדז אויך. בלייבן מיר צעשפּאָלטן, וועט ביי אַ גרויסן טייל אַפילו די שלומערונג אויסוועפּן. ביי אַלע אונדזערע אָנשטרענגונגען וועט אונדז געלינגען עפּעס צו ראַטעווען פון דער אייגנאַרטיקער שעפערישקייט פון אונדזער פאָלק. דעם גאַנצן אוצר פון יצירה וועלן מיר ניט קענען אָפּראַטעווען. צו דעם איז נויטיק די מערהייט פון ייִדישן פאָלק אין דער ייִדישער מדינה.

דער פאַקט, וואָס דער דאָזיקער דראַנג צו קיבוץ גליות האָט ניט געבראַכט קיין מאַסן־עליה קיין ארץ־ישראל, איז אַוודאי אַ ריכטיקער. אָבער עס דאַרף דערצו צוגעגעבן ווערן נאָך אַ צווייטער פאַקט: וואָלט אָט דער דראַנג ניט געלעבט אין אונדז, וואָלטן אַלע דרוקן פון עקאָנאָמישער און פּאָליטישער נויט, אַלע רעליגיעזע פאַרפאָלגונגען און אַלע שחיטות קעגן ייִדן ניט דערפירט צו אַ ייִדישער מדינה. דער גראַבסקי־רעזשים, ווי דער אויסדרוק פון פאַרפאָלגונג, האָט אַוודאי געטריבן ייִדן פון פּוילן. אָבער אַז אַפילו אַ קליינער טייל פון זיי זאָלן עולה זיין קיין ארץ־ישראל, האָבן זיי געמוזט באַוועגט ווערן פון די אַגיטאַטאָרישע רעדעס פון יצחק גרינבוים, וואָס איז געווען דער אויסדרוק פון קיבוץ גליות־דראַנג פון אַלע דורות. אָן די מעפּילים פון אַלע גלותן, יאָרהונדערטער פאַרן ציוניזם, באַוועגט פון דעם דראַנג פון „ונפוצותינו כנס", וואָלט עס קיין מאָל ניט געקומען צו מדינת ישראל. און וועלן מיר, חלילה, איבעררייסן אָט דעם מעטאַפיזישן דראַנג, וועט אַפילו די מדינה, וועלכע מיר האָבן דערלעבט, געשטעלט ווערן אין סכנה. דאַן וועט נאָך שווערער ווערן דער געראַנגל — סיי פון חבר ד"ר מאַרגאָשעס און זיינע מיט־שטימער, סיי פון אַזעלכע ייִדן ווי איך — פאַר דעם קיום פון אַמעריקאַנער ייִדנטום גופא.

מיין לעצטע פראַגע בלייבט נאָך דעריבער אַלץ אין קראַפט: וואָס באַוועגט אַזעלכע גוטע ייִדן און ציוניסטן ווי ד"ר מאַרגאָשעס צו זוכן אַ נייעם ספּעציעלן אַמעריקאַנער נוסח פאַרן ציוניזם? מיר שיינט, אַז דער אַלטער נוסח האָט נאָך גענוג האַפט אויך פאַר אַמעריקע.

✶

אַרום 6 יאָר שפּעטער, אין פרילינג פון 1961, האָב איך ווידער געווידמעט אַן אַרבעט וועגן בונדיזם און ציוניזם אין דער נייער מדינת־ישראל־עפּאָכע. דאָ איז מיר אויסגעקומען צו שרייבן וועגן אַ נייעם סאָרט בונדיזם, אַן ערנסטן, אַן ערלעכן, וואָלט איך געזאָגט, אַ בונדיזם מיט אַן אמתן נאַציאָנאַל־ייִדישן פּנים און מיט אַ היסטאָרישן ציל אין אויג. זייער ווייט פון נוסח מאָנטרעאָל, מיט וועלכן איך האָב אויבן פּאָלעמיזירט. איך האָב עס טאַקע אָנגערופן „אַ פאַרזוך פאַר אַ נעאָ־בונדיזם". דער דאָזיקער פאַרזוך איז געמאַכט געוואָרן פון דעם יונגן בעל־מחשבה, ד"ר עמנואל פּאַט, אויף אַ סימפּאָזיום, וואָס דער זשורנאַל „צוקונפט" פון ניו־יאָרק האָט דורכגעפירט דעם 5טן מערץ 1961. ד"ר עמנואל פּאַט איז געווען איינער פון די, וואָס זיינען אין דעם דאָזיקן סימפּאָזיום אויפגעטראָטן מיט זייער אַ וואָגיקן רעפע־

ראַט. אין אַפּריל־נומער „צוקונפט" פון זעלביקן יאָר איז דער דאָזיקער רעפעראַט פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין פולן. און אויפן באַזיס פון אָט דעם רעפעראַט האָב איך אָנגעשריבן מיין אַרבעט „אַ פאַרזוך פאַר אַ נעאָ־בונדיזם".

די טעמע פון רעפעראַט איז געווען באַצייכנט אַזוי: „יידישע חילוקי־דעות — אַ מאָל און היינט". ער שטעלט זיך בעיקר אָפּ אויף די חילוקי־דעות צווישן ציוניסטן און בונדיסטן. ער באַווייזט, — זייער ריכטיק! — אַז די צייט האָט כמעט ווי צו נישט געמאַכט גרויסע חלקים פון אָט די חילוקי־דעות. כאָטש, ווי מיר וועלן ווייטער זען, האָט ער ניט אומעטום ריכטיק אויסגעטייטשט די ענדערונגען. במשך פון זיין אַנאַליז וואַרפט ער זייער פיל פיילן קעגן די ציוניסטן. ער נוצט דערביי אויס דעם אינעווייניקסטן געראַנגל אין דער ציוניסטישער מחנה צווישן פרעמיער בן־גוריון און די אַמעריקאַנער ציוניסטישע פירער. ער פאַרגעסט אויך ניט די „פרשה לבון". נאָך מיין מיינונג האָט ער דורך דעם אַ ביסל פאַרטונקלט זיין אייגענעם אַנאַליז פון די פיל וויכטיקערע פּראָבלעמען, וואָס ער האָט באַרירט אין זיין רעפעראַט. אַפילו זיין פאַרזוך — וואָס דאַרף באַגריסט ווערן, אויך ווען מען איז מיט אים ניט מסכים — אויפצושטעלן אין אַמעריקע אַ מין „נעאָ־בונדיזם", צוגעפּאַסט צו די נייע באַדינגונגען אין דער גאַנצער יידישער וועלט בכלל און אין אַמעריקאַנער יידנטום בפרט, וואָלט פיל געוווּנען, ווען ער איז ניט אַזוי דורכגעדרונגען מיט אַזעלכע שאַרפע פיילן קעגן ציוניזם און ציוניסטן.

וועגן אָט די שאַרפע פיילן וועל איך מיט אים היינט נישט פּאָלעמיזירן. אויב עס וועט אים ווען געלינגען אויפצושטעלן אַזאַ אָרגאַניזירטן „נעאָ־בונדיזם", וועט דאַן זיין די צייט צו פירן די פּאָלעמיק קעגן אים, אויב זיין יסוד וועט זיין אַזוי שאַרף אַנטי־ציוניסטיש. איך וויל היינט — איידער איך באַהאַנדל די וויכטיקע פּראָבלעמען, וואָס ער האָט באַרירט — בלויז מאַכן אַ פאַקטישע פעסטשטעלונג בנוגע איין ענין, וואָס דער יונגער, באַגאַבטער רעפערענט האָט, לײדער, ניט געשענקט די געהעריקע אויפמערקזאַמקייט. דער ענין איז: די עליה פון ציוניסטן קיין ישראל.

*

באַהאַנדלענדיק די ענדערונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין פאַרשיידענע באַגריפן, וועגן וועלכע עס זיינען געווען שאַרפע חילוקי־דעות צווישן „בונד" און די ציוניסטן, רעדט דער געערטער רעפערענט וועגן די באַגריפן „דאָיקייט" און „דאָרטיקייט". דער בונד האָט זיך איינגעשטעלט פאַר „דאָיקייט". די ציוניסטן פאַר „דאָרטיקייט". (דעם דאָזיקן פונקט האָב איך אויבן ברייט פאַרהאַנדלט. דאָ וועל איך באַלד נאָך עפּעס צוגעבן). אָבער ד"ר עמנואל פּאַט, וועלנדיק באַווייזן, אַז דיביידע ריכטונגען האָבן געענדערט זייערע איינשטעלונגען צו אָט די באַגריפן, זאָגט אַזוי:

די סאַמע ציוניסטישע יידישע באַוועגונג אויף דער וועלט איז ניט פּועלי־ציון און אוודאי ניט די אידעיִש־אַנעמישע אַמעריקאַנער ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, נאָר גאָר... דער „בונד". און ער באַגרינדעט עס אַזוי: אַדרבה, ווייזט מיר נאָך אַ באַוועגונג, וואָס אַזאַ גרויסער פּראָצענט פון אירע מיטגלידער זאָל זיך האָבן זינט דער מלחמה באַזעצט אין ישראל, ווי דער „בונד"?

שיינט עס מיר, אַז דאָ האָט זיך אונדזער רעפערענט אַ רעכט ביסל פאַרגאַלאָ־פּירט. כדי צו קענען זאָגן, אַז „אַ גרויסער פּראָצענט" פון בונדיסטן האָט זיך באַזעצט אין ישראל דאַרף מען דאָך קודם־כל האָבן אַ באַגריף וויפל איז איצטער, נאָכן גרויסן חורבן פון אייראָפּעיִשן יידנטום, די גאַנצע צאָל פון בונדיסטן אויף דער וועלט. ווייס עס אונדזער געערטער רעפערענט? ווייס עס עמעצער אַנדערש? אויב די צאָל געבליבענע איז זייער אַ קליינע, איז דאָך אַפילו אַ גרויסער פּראָצענט פון אַ קליינער צאָל אויך ניט פון גרויסער באַדייטונג. איך בין מודה: איך ווייס ניט ווי גרויס, אָדער ווי קליין, עס איז די איצטיקע צאָל פון בונדיסטן.

מיין איך, אַז עס וואָלט געווען פיל לאָגישער פון זיין זייט, ווען אַנשטאָט פּראָצענטן זאָל ער נעמען פאַר זיין פאַרגליך אַבסאָלוטע ציפערן. דאָ קענען מיר כאָטש האָבן אייניקע פאַקטן, פון וועלכע מיר קענען יאָ עפּעס לערנען. מיר האָבן פאַר זיך די צאָל שטימען, וואָס די בונדישע רשימה האָט געצויגן אין די וואַלן צו דער 4טער כנסת, און מיר האָבן אויך פאַר זיך די פאַקטישע צאָל פון ציוניסטישע עולים, וואָס זיינען אָריינגעקומען אין ישראל זינט נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה.

ווען איך זאָל אַפילו אָננעמען, אַז אַלע די, וועלכע האָבן געשטימט פאַר דער בונדישער רשימה, וואָס האָט געצויגן 1322 שטימען, זיינען געווען באַוווסטזיניקע בונדיסטן, וועלכע זיינען געקומען אין לאַנד נאָכן חורבן, און ווען איך זאָל אַפילו אָננעמען, אַז יעדער פון זיי פאַרטרעט אַ משפּחה פון 4, קומען מיר אַלץ בלויז צום ציפער פון 5288. איך אַליין קען פון מיין אייגענעם קרייז וויניקסטנס 5 בירגער, וועלכע האָבן געשטימט פאַר דער בונדישער רשימה און זיינען קיין מאָל קיין בונדיסטן ניט געווען. זיי לעבן שוין אין לאַנד צענדליקער יאָרן. זיי האָבן געשטימט פאַר דער רשימה, ווייל זיי האָבן געוואָלט שטיצן די שטעלונג פון „בונד" צו יידיש. צוליב דעם האָבן זיי ניט געשטימט פאַר מפא"י, ווייל זיי האַלטן מפא"י פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער ניט־ריכטיקער — נאָך זייער מיינונג — באַציִונג צו יידיש. פאַר די אַנדערע אַרבעטער־פּאַרטייען האָבן זיי ניט געוואָלט שטימען, ווייל עס שמעקט זיי ניט דער ריח פון קאָמוניסטישער דיקטאַטור, וואָס טראָגט זיך פון יענע פּאַרטייען, פון איינער מער, און פון אַ צווייטער וויניקער. אָבער, ווי געזאָגט, אַפילו ווען מען זאָל אַלע אָט די שטימען, מיט זייערע משפּחות, פאַרשרייבן נאָר אויפן חשבון פון „בונד", בלייבן מיר אַלץ ביים ציפער 5288. ווי פאַרגלייכט זיך עס מיט דער צאָל עולים, וואָס דער ציוניזם האָט געבראַכט פון די פרייע לענדער?

פון צפון־אַמעריקע — פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע — האָבן עולה געווען איבער 7 טויזנט. פון די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער — מער ווי צוויי מאָל אַזוי פיל. ווען מען רעכנט צו ציוניסטישע עולים פון די פרייע אייראָפּעיִשע לענדער, בעיקר ענגלאַנד, און פון די פרייע לענדער, וואָס זיינען געווען אַ טייל פון דער בריטישער אימפּעריע, האָט זייער צאָל דערגרייכט וויניקסטנס 30 טויזנט. איך צווייפל זייער שטאַרק, צי עס געפינען זיך איצטער אין דער גאַנצער יידישער וועלט אַזאַ צאָל יידישע סאָציאַליסטן, וואָס באַטראַכטן זיך ווי באַוווסטזיניקע בונדיסטן. פון דאָס געזאָגטע איז דאָך קלאָר, אַז די צאָל בונדיסטן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין ישראל קומט אַפילו ניט צו אַ פערטל פון דער צאָל ציוניסטישע עולים.

מען דאַרף דערביי פון דעסטוועגן האָבן אין זינען נאָך אַ פּונקט: די מערסטע בונדיסטן זיינען אַהין געקומען — איך מאַך זיי חלילה מיט דעם קיין פאָרוואורף ניט! — ווייל זיי זיינען געווען געצוווּנגען דערצו; ווייל אַנדערע לענדער האָבן פאַר זיי קיין טויערן ניט געעפנט, און אין די לענדער ווו זיי זיינען געזעסן, איידער זיי זיינען געקומען קיין ישראל, האָבן זיי ניט געוואָלט און אפשר טאַקע אויך ניט געקענט בלייבן. בעת די ציוניסטישע עולים האָבן דאָך זיכער געקענט בלייבן אין די פרייע לענדער. זיי האָט געבראַכט קיין ישראל בלויז זייערע ציוניסטישע תשוקות.

בין איך צופרידן מיט דער צאָל פון 30 טויזנט במשך פון 13 יאָר? ניין! דער עקסטרעמער ציוניסט, וואָס איך בין, האָב געוואָלט זען פיל מער. דער ציוניסטישער זולל־וסובאניק אין מיר וואָלט אפילו געוואָלט זען מער בונדיסטן עולה זיין קיין ישראל. אָבער דאָס געהערט דאָך ניט צום ענין, וואָס מיר באַהאַנדלען.

איז דערמיט אָפּגעפרעגט זיין באַהויפּטונג, אַז אין די חילוקי דעות וועגן „דאָיקייט" און „דאָרטיקייט" זיינען פאַרגעקומען וועזנטלעכע ענדערונגען? — חלילה! איך גיי באַלד איבער צו אָט דעם פּונקט, איך וועל זיך באַמיִען קלאָר צו מאַכן אין וואָסער שטח עס זיינען פאָרגעקומען ענדערונגען און אין וואָסער שטח ניט. אָפּגעפרעגט איז דערמיט ניט נאָר די ניט־פאַרדינטע שפּילקעס, מיט וועלכע ער שטעכט ציוניסטן אינעם ענין פון עליה; אָפּגעפרעגט איז דערמיט אויך דער ניט־פאַרדינטער שבח, וואָס ער גיט די בונדיסטן — צי די מערסטע בונדיסטן וועלן גאָר וועלן אָננעמען אָט דעם שבח — איז נאָך אַ גרויסע פראַגע! — אַז דער „בונד" איז איצטער די סאַמע ציוניסטישע באַוועגונג אין דער וועלט". דערביי וויל איך נאָך אויך צוגעבן, אַז איך פרעג אויך אָפּ די ריכטיקייט פון דעם עפּיטעט, וואָס ער האָט געגעבן דער אַמעריקאַנער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אַז זי איז „אידעיִש אַנעמיש". מיט אַלע אירע חסרונות, האָט זי נאָך געגנוג אידעיִש בלוט אין זיך.

מער וועל איך זיך צו זיינע שפּילקעס קעגן ציוניזם און ציוניסטן ניט אומקערן.

*

דער חשובער רעפערענט ברענגט אַרויס דריי שטרייט־פראַגן אַרום וועלכע עס האָט אַ מאָל געפלאַקערט די מחלוקת צווישן די צוויי קריגערישע צדדים און איצטער האָבןביידע ריכטונגען געענדערט, אָדער דאַרפן ענדערן, זייערע אַמאָליקע איינשטעלונגען. די דריי שטרייט־פראַגן זיינען: א. די שוין דערמאָנטע „דאָיקייט" ווערסוס „דאָרטיקייט". ב. דער געדאַנק וועגן „וועלט־פאָלק" און ג. די שטרעבונג צו „המשך". דאַן גייט ער אַריבער צו דריי קאָנקרעטע פראַגן, וואָס שטייען פאַרן אַמעריקאַנער יידנטום: א. וועגן דער סטרוקטור פון יידישן פאָלק, סיי אין וועלט־מאָסשטאַב, סיי אין לאַנד־מאָסשטאַב; ב. וועגן דער פראַגע פון „דער רעליגיעזער ראַם" און ג. וועגן דער שפּראַכן־פראַגע. דאַרף מען אין אָט די פראַגן אַריינדרינגען. דער רעפערענט איז גערעכט ווען ער זאָגט, אַז עס איז געקומען די צייט וועגן די דאָזיקע פראַגן צו ריידן און שרייבן ערנסט און אויפריכטיק; ער איז אויך גערעכט ווען ער זאָגט, אַז מיט אָט די פראַגן שעפּט מען נאָך ניט אויס די גאַנצע פּראָבלע־

מאַטיק פון דעם מאָדערנעם יידנטום. איך וועל זיך באַמיִען אַ ביסל אויסצוברייטערן די טעמע. הויב איך אָן מיט די ערשטע דריי פונקטן.

*

וועגן „דאָזיקייט" און „דאָרטיקייט" מוז מען, צו דעם וואָס איך האָב אויבן געזאָגט, אין מיין וויכוח מיט חבר ד"ר מאַרגאָשעס, נאָך בולט אונטערשיידן צווישן וויניקסטנס צוויי פאַזן אין אָט דער פראַגע. די וויכטיקסטע פאַזע איז, אויף ווי וויט אָט די צוויי באַגריפן שטעלן מיט זיך פאָר ענדצילן פאַרן יידישן פאָלק, אין אָט דער פאַזע איז נאָך דערוויל קיין וועזנטלעכע ענדערונג ניט פאָרגעקומען. אמתער ציוניזם זעט נאָך אַלץ די פולע לייזונג פונעם יידישן נאַציאָנאַלן פּראָבלעם אין „דאָרטיקייט". קאָנסעקוועטע ציוניסטן שטרעבן צו פולשטענדיקן קיבוץ־גליות, ווי לאַנג דער פּראָצעס זאָל ניט נעמען. בונדיסטן, וועלכע זיינען געבליבן קאָנסעקווענט, פרעגן אָפּ אָט די איינשטעלונג. זיי מיינען נאָך אַלץ, אַז מען קען די ספּעציעלע נאַציאָנאַל־יידישע פּראָבלעמען פּערמאַנענט פאַרענטפערן אין די גלות־לענדער. זיי באַטראַכטן די איצטיקע לאַגע פון יידישער צעשפּרייטונג, ווי נאָרמאַל פאַר יידישן פאָלק, ווי אַ צושטאַנד, וואָס וועט זיך ציִען נאָך פילע, פילע יאָרהונדערטן. זייער ענדערונג בנוגע „דאָרטיקייט" באַשטייט נאָר אין דעם, אַז אין דער יידישער צעשפּרייטונג פאַרנעמט איצטער אויך מדינת ישראל אַ זייער וויכטיק אָרט. ווי גרויס דאָס דאָזיקע אָרט איז, האָט נאָך דערוויל קיין בונדישע אויטאָריטעטע קערפּערשאַפט ניט פאָרמולירט. אָבער יענע נעגאַטיווע — איך קען זאָגן: מיליטאַנטיש־קעגנערישע באַציִונג, וואָס דער „בונד" פון פאַר דעם חורבן האָט אָנגענומען צו דער ציוניסטישער „דאָרטיקייט", איז ביי דער גרעסטער צאָל בונדיסטן זייער שאַרף געענדערט געוואָרן. עס איז נאָך אָבער גאַנץ ווייט דערפון, אַז ביידע צדדים זאָלן האָבן וועזנטלעך געענדערט זייערע שטעלונגען אין אָט דער פאַזע פון „דאָזיקייט" ווערזוס „דאָרטיקייט".

פאַראַן אָבער אַ צווייטע פאַזע: די פּאַקטישע מעשים פון הייבן דאָס יידישע לעבן אין די גלות־לענדער. לויט די באַהויפּטונגען פון אַ סך גלות־נאַציאָנאַליסטן — בעיקר טאַקע בונדיסטן — זאָלן די ציוניסטן, צוליב זייער „דאָרטיקייט", זיך האָבן בכלל וויניק פאַראינטערעסירט אין דער לאַגע און אין די פּראָבלעמען פון יידן אין גלות. מוז איך זאָגן, אַז אָט די פאַזע איז מלכתחילה אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין אַ פאַלשער ליכט. איך בין זיכער, אַז ווען דער יונגער באַגאַבטער רעפערענט וועט אָביעקטיוו דורכפאָרשן די יידישע געשיכטע פון די לעצטע 65 יאָר — די צייט־עלטער סיי פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, סיי פון „בונד" — וועט ער אויסגעפינען, אַז ציוניסטן, מיט זייער וויניק אויסנאַמען, האָבן געווידמעט ענערגיע און מחשבה אין דעם פּרווו צו הייבן דאָס יידישע לעבן אין די גלות־לענדער אין אַלע זיינע פאַזן, זיכער ניט וויניקער, ווי דער „בונד", צוזאַמען מיט אַלע גלות־נאַציאָנאַליסטישע גרופּירונגען, סאָציאַליסטישע און ניט־סאָציאַליסטישע. ער וועט עס קענען פעסטשטעלן אין אייראָפּע, ווו אָט די ציוניסטישע טעטיקייטן האָבן זיך געצויגן פון די טעג פון העלסינגפאָרסער צוזאַמענפאָר פון יאָר 1906. און דער דאָזיקער צוזאַמענפאָר איז דאָך — ווי יעדער צוזאַמענפאָר — ניט פון הימל אַראָפּ־

געפאַלן. ער איז דאָך אָפּגעהאַלטן געוואָרן, כדי צו פאָרמולירן די תשוקות, וואָס האָבן געלעבט אין ציוניסטישע הערצער אין די יאָרן פאַרן צוזאַמענפאַר. הייסט עס, אַז די דאָזיקע תשוקות האָבן פאַרנומען אַן אָרט אין ציוניסטישע הערצער — ווי געזאָגט: מיט ווייניק אויסנאַמען — פון סאַמע אָנהייב פון דער ציוניסטישער באַוועגונג.

וואָס איז שייך דאָס אַמעריקאַנער יידנטום, וועט אים אַן אָביעקטיווע אויספאָרשונג זיכער איבערצייגן, אַז אין אַלע פאַלן פון גרויסע אויפשוונגען אין אַמעריקאַנער יידנטום אין די לעצטע 65 יאָר, האָט די ציוניסטישע איניציאַטיוו פאַרנומען זייער אַ חשובן אָרט. אין פאַלן פון גרעסערן פאַרן נאַציאָנאַלן תוך פון אַמעריקאַנער יידנטום, האָבן זיי פאַרנומען דעם סאַמע ערשטן אָרט.

פערזענלעך האַלט איך, ווי איך האָב שוין פריער געשריבן, אַז די עצם באַגריפן „דאָיקייט" און „דאָרטיקייט" דאַרפן איצטער אין גאַנצן פאַרוואָרפן ווערן. בנוגע יידישע פּראָבלעמען מוז אויף זייער אָרט קומען אַ נייער באַגריף: „אומעטומיקייט". עס טאָר ניט בלייבן קיין שטח פון יידישן לעבן מחוץ פון דעם אינטערעס ניט פון דעם ציוניסט און ניט פון דעם בונדיסט. אוודאי איז דאָ צווישן זיי אַן אונטערשייד אינעם אָרט, וואָס דאַרף געגעבן ווערן מדינת ישראל אין דער דאָזיקער „אומעטומיקייט". ציוניסטן וועלן אוודאי ווייטער קעמפן פאַר דעם, אַז מדינת ישראל זאָל פאַרנעמען דעם צענטראַלסטן אָרט, סיי אינעם באַוווסטזיין פון יעדן ייד, סיי אין אונדזערע טאָגטעגלעכע מעשים. אָבער דער אַלגעמיינער פּרינציפּ פון „אומעטומיקייט" מוז איצטער אַריינגעבראַכט ווערן אין אַלע אונדזערע מחשבות במקום די אַמאָליקע באַגריפן פון „דאָיקייט" און „דאָרטיקייט".

*

איך קום צום באַגריף „וועלט־פאָלק". אין מיין וויכוח מיטן חבר ד"ר ש. מאַרגאָשעס האָב איך מרמז געווען, אַז איך וועל וועגן דעם שרייבן ביי אַ צווייטער געלעגנהייט. איצטער איז, ווי מיר שיינט, די פּאַסיקע געלעגנהייט.

דער אַ טערמין „וועלט־פאָלק" האָט פאַרשיידענע פּאָזן. ער האָט אין זיך אַ טייל פון דעם באַגריף „אומעטומיקייט". דאָס הייסט: ער שפּרייזט אַריבער איבער געאָגראַפישע גרענעצן. אוודאי איז בנוגע דעם פאַרגעקומען אַ וויכטיקע ענדערונג אין דער בונדישער איינשטעלונג, זי אָנערקענט איצטער די אַלוועלטלעכקייט פונעם יידישן פאָלק, וואָס זי האָט פריער אָפּגעפרעגט. אָבער אונדזער געערטער רעפערענט איז ווייט ניט גערעכט, ווען ער רעדט וועגן די ענדערונגען אויף דעם געביט ביים צווייטן, ביים ציוניסטישן צד; דער דאָזיקער צד האָט אַלע מאָל אָנערקענט די אַלוועלטלעכקייט פון דעם יידישן פאָלק, און איצטער שטייט ער אַלץ אויפן זעלביקן שטאַנדפּונקט. כדי אָבער צו קענען דאָך אָנווייזן, אַז ביים צווייטן צד איז אויך עפּעס געענדערט געוואָרן, גיט זיך אונדזער חשובער רעפערענט אַן עצה: ער שיסט זיינע פיילן אין דעם ישראלדיקן ישוב. וואָלט מען זיך געקענט באַנוגענען זאָגנדיק, אַז ציוניסטישע באַוועגונג און ישראלדיקער ישוב איז ניט היינו הך. אָבער דאָס, וואָס ער זאָגט וועגן ישראלדיקן ישוב, איז אַזוי ווייט פון דערווירקלעכקייט, אַז עס איז ממש זיך צו וווּנדערן ווי קומט עס צו אַזאַ ערנסטן יונגנמאַן!

ער זאָגט ניט מער און ניט ווייניקער, אַז ביי די יידן אין ישראל „הערשט אַ פילאָזאָפיע פון „ממטולה עד אילת". דאָס זאָל מיינען, אַז זיי האָבן איבערגענומען די בונדישע פילאָזאָפיע פון אַ מאָל, וואָס האָט דעם בונדישן אינטערעס צוגעבונדן נאָר צו איין מדינה — רוסלאַנד, און זייער אינטערעס איז צוגעבונדן נאָר צו איין מדינה — ישראל. ער זאָגט נאָך שאַרפער, אַז ביי די יידן פון ישראל איז דאָ „אַ חוזק־באַציִונג צום יידישן וועלט־פאָלק" און אויף דעם אַדרעס פון די יידן פון ישראל פאַרשרייבט ער נאָך אַ דריטע זינד קעגן דעם געדאַנק פון יידישער אַל־וועלטלעכקייט: „די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע וויל מען אָפּשאַפן". דאָס זיינען שאַרפע פיילן געשאָסן ניט אויף ציוניסטן — קעגן וועלכע איך האָב אויבן געזאָגט, אַז איך וועל היינט ניט פּאָלעמיזירן. דאָס זיינען באַהויפּטונגען וועגן דעם ישראלדיקן ישוב. און ווי באַהויפּטונגען זיינען זיי אַזוי — מילד גערעדט — איבערגעטריבן, אַז זיי טאָרן ניט בלייבן אָן אַן ענטפער.

בנוגע זיינע ערשטע צוויי באַהויפּטונגען וועל איך זיך אָפּשטעלן לענגער, ווען איך וועל קומען צום ענין המשך. דאָ וויל איך דערווייל נאָר זאָגן, אַז עס איז ניטאָ נאָך אַ יידישע קהילה אין דער גאַנצער וועלט, וואָס איז אַזוי דורכגעדרונגען מיט די פּראָבלעמען פון גאַנצן יידישן פאָלק ווי די יידן אין ישראל. און בנוגע דער דריטער באַהויפּטונג שרייט די אמתע לאַגע ממש צו די הימלען.

ווער איז עס דער „מען", וואָס וויל אָפּשאַפן די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַני־זאַציע? — צו פּרעמיער בן־גוריון קען מען אפשר צוגעבן נאָך עטלעכע צענדליק יידן אין ישראל, וואָס טראַכטן אַזוי ווי ער. די אומגעהויערע גרויסע מערהייט פון מפא"י — און צוזאַמען מיט זיי אַלע אַנדערע ציוניסטישע פּאַרטייען אין ישראל אָן אויסנאַם — קעמפן קעגן חבר בן־גוריון און זיינע אָנהענגער. טאָ ווי אַזוי קען מען זיך באַהאַלטן אונטערן אומשולדיקן וואָרט „מען", צו באַשאַפן דעם איינדרוק, אַז דער גרויסער רוב פון יידן אין ישראל וויל אָפּשאַפן די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַ־ניזאַציע?

און די שטעלונג פון פּרעמיער בן־גוריון מיט זיינע אָנהענגער איז דען אַ שטעלונג קעגן דעם פּרינציפּ פון יידישער אַלוועלטלעכקייט? בן־גוריון זוכט אַ ברייטערע יידישע אַלוועלטלעכע קערפּערשאַפט, וואָס זאָל זיין דער שותף צו מדינת ישראל, ווייל ער באַנוגנט זיך ניט בלויז מיט דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. קען מען פון אַזאַ שטעלונג אַרויסדרינגען אַ קעגנערשאַפט צום געדאַנק פון יידישער אַלוועלטלעכקייט?

דאָס איז אָבער אַלץ גערעדט וועגן איין פאַזע פון דעם געדאַנק פון וועלט־פאָלק. פאַר מיר איז די צווייטע פאַזע פיל וויכטיקער. דאָס האָט שוין ניט צו טאָן בלויז מיט אַריבערטרעטן געאָגראַפישע גרענעצן. אין געדאַנק פון פיל בונדיסטן ווערט דער באַגריף „וועלט־פאָלק" פאַרבונדן מיט זייער איינשטעלונג, אַז דאָס יידישע פאָלק דאַרף בלייבן לעולם ועד צעשפּרייט אין דער גאַנצער וועלט. דאָס איז זייער קעגן־געדאַנק קעגן ציוניסטישן קיבוץ־גלויות. פאַר ציוניסטן האָט דער באַגריף „וועלט־פאָלק" גאָר אַן אַנדער אויסטייטש. דאָס איז דער אויסטייטש, וואָס די גרופּע „עם עולם" האָט אין דעם אַריינגעטייטשט: אַ פאָלק, אַן אוניווערסאַלער אין זיינע

מחשבות; אַ פֿאָלק, וואָס האָט צוגעטראָגן אַ גרויסןביישטייער צו דער אַלוועלטלע־כער קולטור און ציוויליזאַציע, אָנהייבנדיק מיט מתן־תורה, דורך דער גאַנצער נביאים־עפּאָכע, דורך דער השפּעה אויף אַנדערע גרויסע רעליגיעס און דורך יצירות, געשאַפֿן אין אַלע דורות און אין אַלע לענדער; אַ פֿאָלק, וואָס אַפֿילו זיינע נאַציאָנאַלע גאולה־תשוקות האָט ער אַלע מאָל פֿאַרבונדן מיט דעם גאולה־דראַנג פֿון דער גאַנצער מענטשהייט. איך מיין, אַז אָט דעם אויסטייטש פֿון „וועלט־פֿאָלק" דאַרפֿן אָננעמען אַלע: ציוניסטן און בונדיסטן. אָבער יענעם אויסטייטש, וואָס בונדיסטן און אַנדערע גלות־נאַציאָנאַליסטן ווילן געבן דעם באַגריף „וועלט־פֿאָלק", דעם טייטש פֿון איי־ביקער צעשפּרייטונג און צעפּיצלונג פֿונעם יידישן פֿאָלק, האָבן ציוניסטן קיין מאָל ניט גורס געווען און זיינען עס איצטער אויך ניט גורס.

*

וועגן דעם „המשך"־געדאַנק מאַכט עמנואל פּאַט אַזאַ סך־הכל: „דער אַנטי־המשכדיקער בונדיזם איז געוואָרן אַ המשך־אידעאָלאָגיע און דער המשכדיקער ציוניזם איז געוואָרן אַנטי־המשכדיק".

דאָ בלאָנדזשעט אונדזער רעפֿערענט אַפֿילו בנוגע דעם „בונד". בנוגע דעם ציוניסטישן צד ווענדעט ער ווייטער זיינע פֿיילן ניט קעגן ציוניסטן, נאָר קעגן מדינת ישראל און איר ישוב.

בנוגע דעם „בונד" איז ער נאָר גערעכט ווען ער ווייזט אָן, אַז פֿריִער האָט דער בונד רעוואָלטירט קעגן דעם גאַנצן היסטאָרישן נעכטן; ער האָט „געשטורעמט די באַסטיליעס" פֿון דער אַמאָליקער יידישקייט, פֿון יידישער טראַדיציע; ער איז געקומען מיט דער בשורה: „אַ נייער משיח קומט אָן!". אונדזער חשובער רעפֿערענט „פֿאַרגעסט" דערביי צו ציטירן דעם ערשטן טייל פֿון דעם פּערז וועגן דער נייער משיח־בשורה פֿון „בונד", וועלכער ווייזט נאָך שאַרפֿער, ווי דער „בונד" האָט „געשטורעמט די באַסטיליעס פֿון אַמאָליקער יידישקייט". דער דאָזיקער ערשטער טייל האָט בפֿירוש אָפּגעמשפּט: „משיח און יידנטום — ביידע געשטאָרבן" — נישט מער און נישט ווייניקער! פֿון אַזאַ שאַרפֿער אַנטי־יידישקייט האָט זיך דער „בונד" אַ רעכט ביסל דערווייטערט. אָבער צו באַקרוינען איצטער דעם „בונד" מיט אַ „המשך־אידעאָלאָגיע" — דאָס איז צו ווייט אַריבערגעשאָסן. מיט דעם באַגריף „המשך" טאָר מען זיך אַזוי פֿריי ניט באַנוצן.

איך האַלט עס פֿאַר זייער אַ דערפֿרייענדיקן פֿאַקט, וואָס אויף אַ סימפּאָזיום פֿון אַ סאָציאַליסטישן זשורנאַל האָט זיך באַטייליקט אויך אַזאַ פּערזענלעכקייט ווי פּראָפֿעסאָר אַברהם יהושע העשל. זיין רעפֿעראַט איז זיכער געווען אַ המשך־רעפֿע־ראַט. איך ווייס ניט, צי ד"ר עמנואל פּאַט איז געווען צווישן יענע פֿאַר הונדערט אַנוועזנדיקע ביים סימפּאָזיום, אין וועמענס נאָמען זיין פּאַרטיי־קאָלעגע אַברהם שולמאַן האָט אין „וועקער" (1טן אַפּריל 1961) דערקלערט, אַז „זיי האָבן זיך געפֿילט באַליידיקט און פֿאַרשעמט" פֿון דעם אופֿן, ווי פּראָפֿעסאָר העשל האָט זיי געזוכט צו „פֿירן אין חדר אַריין". איך האָף, אַז ניט. אויב אָנהענגער פֿון דעם נעאָ־בונדיזם זאָלן זיך פֿילן „באַליידיקט און פֿאַרשעמט" ווען מען רעדט צו זיי וועגן „שבת, קידוש, רבונו של עולם, סידורים און פֿרומקייט", וועלן זיי זיך זייער שווער קענען

אַריינפּאַסן אין יענער ראַם פון אַן אַמעריקאַנער יידנטום, פאַר וועמען אונדזער געערטער רעפּערענט זוכט — מיט רעכט! — אַ פּאַסיקע סטרוקטור. אָבער אַפילו אַזעלכע בונדיסטן, וואָס פילן זיך דערפון ניט באַליידיקט און ווילן אויפשטעלן דעם נעאָ־בונדיזם, האָבן נאָך ווייט ניט באַוויזן — אויך ניט דער רעפערענט אַליין — אַז זיי פאַרדינען זיך צו באַקרוינען מיטן כתר פון „המשך־אידעאָלאָגיע".

בונדיסטישע המשכיסטן ריידן אָפט וועגן דעם המשך פון דער טויזנט־יאָריקער מזרח־אייראָפּעיִשער יידישער קולטור. ווייל איך ניט אַריינגיין אין דער פראַגע, צי קען דער אמתער באַגריף „המשך" זיך באַגרענעצן בלויז צו די לעצטע טויזנט יאָר. פאַר מיר נעמט „המשך" אַריין די גאַנצע יידישע געשיכטע מיט אַלע אירע גייסטיקע התגלותן און מיט אַלע אירע רייכע קולטור־אוצרות. אָבער אַפילו ווען מען באַגרע־נעצט זיך צו די לעצטע טויזנט יאָר יידישע קולטור פון מזרח־אייראָפּע, האָבן אין איר אויך — פונקט ווי אין אַלע דורות, אין אַלע לענדער און אונטער אַלע פאַר־שיידענע אומשטענדן — דאָמינירט די צוויי וויכטיקסטע עלעמענטן פון דער יידישער קולטור: אמונה און שיבת ציון. אויך וועגן דעם וועל איך האָבן שפּעטער עפּעס מער צו זאָגן, בעיקר וועגן דעם פּלאַץ פון אמונה אינעם לעבן פון אַ היינטיקן ייִדן. דערווייל באַנוגן איך זיך מיט דעם, אַז מיטן טערמין „המשך" טאָר מען זיך ניט באַנוצן צו פריי. מען מוז אים נעמען אין זיין פולער היסטאָרישער באַדייטונג.

דווקא דעם יידישן ישוב אין ישראל — וועמען עס פּאַסט בעסער צו טראָגן אויף זיין קאָפּ דעם המשך־קרוין — אים וואָרפט פאַר אונדזער געערטער רעפערענט, אַז ער וויל אַרויסרייסן פון בוך פון דער יידישער געשיכטע אַלע קאַפּיטלען צווישן חורבן בית שני און דעם באַזעלער קאָנגרעס.

די שטעלונג פון איין מענטשן, מעג ער אַפילו זיין פּרעמיער פון דער מדינה, טאָר ניט פאַרשריבן ווערן אויפן חשבון פון גאַנצן יידישן ישוב אין ישראל. אין דעם פאַל גייט אַפילו די רעגירונג, איבער וועלכע דער פּרעמיער פּרעזידירט, ניט אין זיינע וועגן. אין דער זעלביקער צייט, ווען דער פּרעמיער האָט אַרויסגעזאָגט וועגן דעם אַזעלכע ניט גוט־דורכגעטראַכטע געדאַנקען, האָבן זיינע בילדונגס־מיניסטאָרן — פון דעם פאַרשטאָרבענעם דוד רמז ז"ל, ביז — זיי צו לאַנגע יאָר — זלמן שזר און זלמן ארן (דער לעצטער בעיקר), אויסגעאַרבעט דערציִונגס־סיסטעמען, וואָס זייער צוועק איז גאָר ענג צו פאַרבינדן דעם נייעם יידישן דור אין ישראל מיט אַלע „יענע קאַפּיטלען, וואָס ליגן צווישן חורבן בית שני און דעם באַזעלער קאָנגרעס". די הויפּטאויפמערקזאַמקייט ווערט אין זיי געלייגט דווקא אויף די לעצטע דורות, אין וועלכע די שאַפונגען פון מזרח־אייראָפּעיִשן יידנטום פאַרנעמען דעם וויכטיקסטן אָרט.

און אָט די טענדענץ דרינגט דורך מינדעסטנס 90 פּראָצענט פון ישראלדיקן ישוב. ווו נאָר עס דערשיינט ערגעץ אַ „כבענישער" וווקס, שטייט קעגן אים אויף כמעט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג. ווער עס קוקט זיך גוט צו צו די גייסטיקע כוחות, וועלכע אַנטפּלעקן זיך, וואָס ווייטער אַלץ בולטער, אין ישראלדיקן יידנטום, דער שטייט פאַרגאַפּט פאַר דעם וואָס ער זעט. ער דערשפּירט ניט נאָר די פּעמי המשיח, וואָס רייסן זיך מיט שטאַרקן אימפּעט צו פולן אויסדרוק; ניט נאָר די

תשוקות צוצוטראָגן אַ גרויסן שטייער צו די לייזונגען פון די סאָציאַלע פּראָבלעמען, וואָס שטייען פאַר דער גאַנצער מענטשהייט (איך באַטראַכט אַלע קיבוצים פון אַלע ריכטונגען ווי אַ דערגרייכונג מער פון מענטשלעכן גייסט, ווי פון מאַטעריעלע אויסרעכענונגען); נאָר ער דערשפּירט אויך דאָס צי׳ען זיך צו אַ נייעם „מעמד הר סיני”, וועלכע ווערן נאָך ניט באַגעגנט מיט קולות וברקים, נאָר קומען צו אונדז דווקא דורך דעם איינציקן וועג, דורך וועלכע די געטלעכקייט אַנטפּלעקט זיך: דורך דעם „קול דממה דקה”. מיט קולות וברקים ווערן פונאַנדערגעטראָגן אויף דער גאַנצער וועלט דווקא די נעגאַטיווע דערשיינונגען — וואָס פעלן, ליידער, ניט. אָבער אין יענע פאַרטיפונגען אין אַלע פאָרמען פון יידישן און אַלמענטשלעכן גייסט, וואָס נעמט אַרום אין ישראל אַ פיל־פיל גרעסערן פּראָצענט יידן, ווי אין וועלכע אַנדערע לענדער, קען מען דערשפּירן נאָר דעם „קול דממה דקה”. איך בין קיין מאָל ניט מזלזל די גייסטיקע בייטראָגן, וואָס יידן אין אַנדערע לענדער גיבן צו צום אַלגעמיינעם אוצר פון יידישער גייסטיקייט. אָבער דער טייל, וואָס דער ישראל־ישוב שטייערט ביי, איז אומפאַרגלייכלעך גרעסער.

אויך וועגן דעם וועט מער גערעדט ווערן שפּעטער. איך וויל דעם טייל פון מיין אַרטיקל פאַרענדיקן בלויז מיט דעם: אויב וועמען עס איז וועט אויסקומען קשה פאַר וואָס איך האָב אָנגעהאָנגען אָט די געדאַנקען אָן אַ צופעליקן רעפעראַט פון אַ יונגן יידישן בעל־מחשבה, וויל איך דערקלערן, אַז איך דערוואַרט פון דעם טיפ יידישע יונגע בעלי־מחשבה, וואָס ד״ר עמנואל פּאַט שטעלט מיט זיך פאָר, פיל מער פאַר דער געשטאַלטונג פון קומענדיקן אַמעריקאַנער יידנטום, ווי פון יענע יידיש־ענגלישע בעלי־מחשבה, וועמען די טויזנט־יאָריקע קולטור פון מזרח־אייראָפּעישן יידנטום פעלט אין גאַנצן. די קומענדיקע גייסטיקע מזיגה פון אַמעריקאַנער יידנטום מוז אין זיך אַריינגעמען גאָר אַ גרויסן טייל פון אָט דער גייסטיקער עשירות; אין איר וועלן מוזן זיין איינגעשלאָסן אַלע דריי עלעמענטן, מיט וועלכע איך האָב זיך ביז איצט באַשעפטיקט: „אומעטומיקייט”, „וועלט־פאָלק” און „המשך”, וועגן וועלכע ד״ר עמנואל פּאַט האָט גערעדט אין זיין רעפעראַט.

✶

ביז איצטער האָב איך דיסקוטירט מיט ד״ר עמנואל פּאַט פון ניו־יאָרק וועגן און קעגן זיין נעאָ־בונדיזם. דערמיט האָב איך ניט געמיינט אָפּצופרעגן דאָס רעכט פון אַ נעאָ־בונדיסטישער באַוועגונג אין אַמעריקאַנער יידנטום. איך האָב זיכער ניט בדעה פאַרצושרייבן דאָס אַמעריקאַנער יידנטום, וועלכע אידעאָלאָגיעס אָנצונעמען און וועלכע צו פאַרוואַרפן. איך האַלט גאָרניט, אַז דאָס גאַנצע אַמעריקאַנער יידנטום דאַרף אָננעמען איין־איינציקע אידעאָלאָגיע. און די נעאָ־בונדישע אידעאָלאָגיע איז פונקט אַזוי באַרעכטיקט צו אַן אָרט אין אַמעריקאַנער יידנטום, ווי מיין אייגענע — די ציוניסטישע־סאָציאַליסטישע אידעאָלאָגיע.

וואָס איך בין יאָ אויסן, איז צו געפינען אַ וועג, ווי אַזוי אַלע פאַרשיידענע אידעישע גרופּירונגען אין אַמעריקאַנער יידנטום זאָלן קענען הויזן אין איין פאַר־אייניקטער יידישער קהילה. איך זוך אַרויסצוברענגען די הויפּט־יסודות, אויף וועלכע אַזאַ פאַראייניקטע קהילה זאָל אויפגעבויט ווערן.

איך זוך עס דערפֿאַר, ווייל איך צווייל זאַכן בין איך פולשטענדיק איבערצייגט:
א. אַז אין משך פון נאָך עטלעכע דורות וועט עקזיסטירן אַ גלות־יידנטום פּאַראַלעל מיט דער יידישער מדינה. ווי לאַנג אָט די תקופה וועט זיך ציִען ווייס איך ניט, און פֿאַר מיין היינטיקן צוועק איז עס אויך ניט וויכטיק. זיכער וועט זיך עס ציִען וויניקסטנס נאָך 50 יאָר. קיינער פון אונדז קען ניט נעמען אויף זיך, אַפילו אין דער מחשבה, פאַרצושרייבן היינט פּלענער פאַר יידן, וואָס וועלן לעבן אין 50 יאָר אַרום. אָבער קיינער איז ניט פּטור פון טראַכטן וועגן דעם, ווי אַזוי דאָס יידישע פאָלק וועט לעבן, ווי אַ פאָלק, אין די נאָענטע 50 יאָר. ב. אַז די אויפגאַבע צו פאַרזיכערן דעם קיום און המשך פון יידישן פאָלק אין אָט דער תקופה, האָט דער שר האומה אַרויפגעלייגט אויף צווי כוחות: דער יידישער ישוב אין ישראל און דאָס יידנטום פון צפון־אַמעריקע. אויך די אַנדערע טיילן פון צעשפּרייטן פאָלק וועלן ביישטראָגן יעדערער זיין חלק. אָבער די הויפּט־אחריות פאַר אונדזער קיום ליגט אָן ספק אויף די צוויי דערמאָנטע כוחות.

אַרויסגייענדיק פון אָט דער הנחה, ווערט זייער וויכטיק די פראַגע וועגן די ווייטערדיקע אַנטוויקלונגען פוןביידע כוחות. איך לאָז איבער אויף אַ צווייטער געלעגנהייט צו שמועסן וועגן מעגלעכע אַנטוויקלונגען אין מדינת ישראל. אין דער איצטיקער אַרבעט באַגרענעץ איך זיך בלויז מיט צפון־אַמעריקע. איך רייד זיך איין, אַז מיינע איבער 50 יאָר געזעלשאַפטלעכע אַרבעט אין צפון־אַמעריקע באַרעכטיקט מיר אַרויסצוברענגען וועגן דעם אייניקע געדאַנקען. איך בין דערביי אויך איבערצייגט, אַז אויב מיר וועלן קענען משפּיע זיין אויף די אַנטוויקלונגען פון אַמעריקאַנער יידנטום; אויב מען קען העלפן געפינען דעם ריכטיקן אַנטוויקלונג־וועג, וואָס זאָל ברענגען צו דער מאַקסימום פאַרשטאַרקונג פון זיין יידיש־גייסטיקן לעבן, וועט עס אויך האָבן אַ באַדייטונג פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער מדינה און אַפילו פאַר פאַרגרעסערן די עליה פון צפון־אַמעריקע.

✶

קער איך זיך דעריבער אום צו די דריי פּונקטן פון ד״ר עמנואל פּאַטס רע־פעראַט, וועלכע איך האָב נאָך ניט באַרירט. זיי זיינען: אַ. וועגן אַלי־יידישע ראַמען, אַלוועלטלעכע און נאַציאָנאַלע; ב. וועגן דער רעליגיעזער ראַם און ג. וועגן דער שפּראַכן־פראַגע.

איך וועל פּרובירן אַרויסברענגען מיינע אייגענע מיינונגען וועגן זיי, ניט דיס־קוטירנדיק דירעקט מיטן חשובן רעפערענט. בעיקר וויל איך זיך באַשעפטיקן ניט אַזוי מיט „דער רעליגיעזער ראַם״, וועגן וועלכער ער רעדט, נאָר וועגן דעם אָרט, וואָס אמונה דאַרף פאַרנעמען אין אַן אַלי־יידישער ראַם.

איך וועל נאָר צוגעבן, אַז איידער מען באַהאַנדלט נאַציאָנאַלע אָדער אַלוועלט־לעכע יידישע ראַמען, דאַרף מען פריִער ריידן וועגן דער סאַמע ערשטער צעלע פון יידישער אָרגאַניזירטקייט — וועגן לאָקאַלע יידישע קהילות. אויב מיר וועלן געפינען אַ געמיינשאַפטלעכן יסוד פאַר אַ לאָקאַלער קהילה, וועט שוין ניט שווער זיין דעם דאָזיקן יסוד אויסצוברייטערן, סיי פאַר נאַציאָנאַלע, סיי פאַר אַלוועלטלעכע יידישע ראַמען.

און נאָך איידער מען גייט צו באַהאַנדלען די אָרגאַניזאַטאָרישע ראַם פאַר אַ געמיינשאַפטלעכער יידישער קהילה, מוז מען פעסטשטעלן, וועלכע זיינען די געמיינשאַפטלעכע גייסטיקע יסודות, אויף וועלכע אַזאַ קהילה זאָל אויפגעבויט ווערן און זי זאָל טאַקע זיין אַ בת־קיימא; זי זאָל זיך קענען האַלטן. כדי אַרויסצוברענגען אַזוי בולט ווי מעגלעך וואָס איך מיין, וועל איך נעמען ווי אַ ביישפּיל די יידישע קהילה פון ווילנע, איידער דער צורר האָט זי חרוב געמאַכט. איך מיין ניט אַז מען קען אין צפון־אַמעריקע — אָדער אין אַנדערע לענדער פון יידישער צעשפּרייטונג — האָבן פונקט אַזעלכע קהילות, ווי אין ווילנע. איך מיין אָבער, אַז די גייסטיקע הויפּט־יסודות מוזן אויך אין אַמעריקע זיין די זעלביקע.

איך האָב געקענט די ווילנער יידישע קהילה אין מיינע גאָר יונגע יאָרן, אין אָנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט. איך האָב זי שפּעטער ווידער געזען עטלעכע מאָל צווישן דיביידע וועלט־מלחמות. איך בין מיט איר געקומען אין דירעקטער באַרירונג סיי בנוגע רעליף־ענינים, ביי בנוגע קרן־היסוד, סיי אין פאַרבינדונג מיטן מפעל אָרלאָזאָראָוו און כמעט אַ פולן יאָר — 1937 — האָב איך פאַרבראַכט אין פוילן אין פאַרבינדונג מיט מיין אַרבעט פאַרן יידישן וועלט־קאָנגרעס. דאָן האָב איך באַזוכט די ווילנער יידישע קהילה עטלעכע מאָל. אויף אַזאַ אופן האָב איך געהאַט אַ געלעגנהייט צו לערנען איר פונקציאָנירונג אין פאַרשיידענע צייטן און אונטער פאַרשיידענע אומשטענדן.

*

אין אַט דער יידישער קהילה האָבן פונקציאָנירט אַלע מעגלעכע אידעאָלאָגישע גרופּירונגען. אָבער אַלע פון זיי — מיט דעם אויסנאַם פון גאָר עקסטרעמע אַסימילאַנטן, וועלכע זיינען אין ווילנע ניט געווען צו פיל — האָבן זיך געפילט ווי אַ טייל פון דער יידישער איינהייט, וואָס איז די ווילנער יידישע קהילה. אַזוי האָבן זיך געפילט אָרטאָדאָקסישע יידן, אַזוי האָבן זיך געפילט ציוניסטן פון אַלע ריכטונגען, אַזוי האָבן זיך געפילט בונדיסטן, אַזוי האָבן זיך געפילט יידישע אַנאַרכיסטן און אַזוי האָבן זיך אַפילו געפילט יידישע קאָמוניסטן. ערשט עטלעכע יאָר נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, ווען דער קרעמל האָט געמאַכט די יידישע קאָמוניסטן פאַר די איינציקע בעלי־בתים פון דעם יידישן לעבן, האָט ער מיט זיי איינגעקנעלט די לענין־סטאַלין תורה, אַז יידן זיינען קיין פאָלק ניט, אַז זייערע שפּראַכן זיינען קיין שפּראַכן ניט, אַז זייער באַזונדערע קולטור איז קיין קולטור ניט און אַז די אויפגאַבע פון די יעווסעקעס איז עוקר מן השורש צו זיין אַלץ, וואָס טראָגט אויף זיך דעם חותם פון יידישער אייגנאַרטיקייט, און דער איינהייטלעכער כאַראַקטער פון דער יידישער קהילה איז צעשטערט געוואָרן. אָבער ביז דער קרעמל האָט אַט די תורה אויף זיי אַרויפגעצוווּנגען, אַפילו דאַן, ווען די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי האָט שוין געהערשט אין רוסלאַנד, איז דער געפיל פון יידישע קאָמוניסטן אין ווילנע געווען ענלעך צום געפיל פון יעדן ווילנער ייד, אַז ער געהערט צו אַ יידישער איינהייט. אַט דער געפיל איז געווען גאָר שטאַרק אַנטוויקלט.

וואָס האָט געשפּייזט אַט דעם געפיל? — ניט די באַזונדערע אידעאָלאָגיעס, וואָס פאַרשיידענע גרופּן האָבן געפּריידיקט. די יידישע שפּראַכן — בעיקר יידיש —

זיינען געווען אַ וויכטיקער צעמענט, וואָס האָט זיי צוזאַמענגעהאַלטן, אָבער ניט דער גייסטיקער יסוד. אַ שפּראַך קען עס גאָר ניט זיין. אויך ניט די ליטעראַטור אין ביידע שפּראַכן זיינען געווען די הויפּט־עלעמענטן, פון וואַנען אָט דער געפיל פון געהערן צו אַ יידישער אייגנהייט האָט זיך געשפּייזט. אויך זיי זענען געווען וויכטיקע צעמענט־כּוחות, אָבער ניט די עיקרדיקע יסודות. אַזעלכע עיקרדיקע יסודות זיינען געווען צוויי: אמונה און שיבת ציון. אויך פאַר יענע יידן, וואָס האָבן ניט געלעבט לויטן יידישן שולחן־ערוך, אָדער לויט דער הלכה, האָבן אויף זייער גאַנצן לעבן אין זייערע נשמות אַריינגעצויגן יידישע אמונה. און די, וואָס האָבן געמיינט, אַז זיי האָבן זיך אויף אייביק אָפּגעזאָגט פון שיבת־ציון, האָבן אַריינגעזויגן מיט דער מאַמעס מילך, מיט דער מאַמעס וויג־ליד, די תשוקה צו שיבת־ציון. די דאָזיקע תשוקה האָט אין זיי געלעבט אַפילו דאַן, ווען זיי האָבן זיך געראַנגלט מיט זיך אַליין וועגן איר. די ווילנער יידן, פּונקט ווי די יידן פון אַלע לענדער און פון אַלע דורות, האָבן אָט די צוויי יסוד־עלעמענטן פון יידישער אייגנאַרטיקייט ניט געוואָלט און ניט געקענט אויסמעקן פון זייערע הערצער. און אין זייער געפיל, אַז זיי געהערן צו אַ יידישער אייגנהייט האָבן דאָמינירט — איבער אַלע אַנדערע צוגאָב־פאַקטאָרן — אָט די צוויי גרונט־יסודות.

אָט די יסודות זיינען אַריינגעבויט געוואָרן אין יעדן יידן דורך יידישער דער־ציִונג. וועלכע פאָרמען די יידישע דערציִונג אין גלות זאָל ניט האָבן געהאַט אָנגע־נומען, האָט אָבער קיין מאָל ניט געפעלט אין איר איינע אָדער ביידע פון אָט די יסודות. די יידישע מחנכים פון אַלע דורות, אין אַלע גלותן, האָבן עס אָנגענומען ווי אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, אַז אמונה און שיבת־ציון מוזן פאַרפלאַנצט ווערן אין יידישע קינדערשע הערצער. נאָר אין די גאָר לעצטע יאָרן איז אַריינגעטראָטן אַן ענדערונג אין דער יידישער דערציִונג. און מיין באַהויפּטונג איז, אַז אין דער פּראָ־פאָרץ, וואָס יידישע דערציִונג האָט פאַרקלענערט, אָדער גאָר אין גאַנצן באַזייטיקט, איינע אָדער ביידע פון אָט די יסודות, איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן, ביי די וואָס זיינען אַזוי דערצויגן געוואָרן, דער געפיל פון געהערן צו אַ יידישער אייגנהייט, וואָס שליסט איין אַלע גרופּירונגען. דאָס האָט מען אין די גאָר לעצטע יאָרן געקענט דערפילן אַפילו אין אַ ווילנע. בולטער ווי אומעטום האָט מען דעם מאַנגל פון געפיל פון יידישער אייגנהייט געמוזט דערשפּירן אין אַזאַ יידישע געמיינדע ווי עס איז — צום ביישפּיל — ניו־יאָרק.

*

מיר האָבן פאַרענדיקט אַן עפּאָכע, וואָס וועט אין דער יידישער געשיכטע פאַר־צייכנט ווערן ווי די ציוניסטישע עפּאָכע. זי האָט זיך געצויגן כמעט אַ יאָרהונדערט. איך באַטראַכט אַלס איר אָנהייב דאָס דערשיינען פון „רוים און ירושלים" פון משה העס. דאָס הייסט — זי האָט זיך געצויגן אַרום 4 דורות. איך ווייס, אַז די תשוקה צו שיבת־ציון איז אַ סך עלטער. איך נעם אָן דעם באַקאַנטן תלמודישן זאָג, אַז אין דעם טאָג וואָס דער בית־המקדש איז חרוב געוואָרן, איז געבוירן געוואָרן משיח. זיכער, דער משיח, ווי מיר זעען אים: די תשוקה צו גאולה, וואָס האָט אונדז דער־פירט צו מדינת ישראל. איך געהער אויך צו יענע וואָס דענקען, אַז די ציוניסטישע

באַוועגונג האָט נאָך איר אַרבעט ניט פאַרענדיקט; זי האָט נאָך איר פּולן ציל ניט דערגרייכט. עס איז אָבער פאַר מיר זיכער, אַז די עפּאָכע, אין וועלכע די הויפּט־אָנשטרענגונג פון פאָלק איז געווען געווידמעט דער ציוניסטישער דערגרייכונג; די עפּאָכע, אין וועלכער אַפילו די קעגנער פון ציוניזם האָבן געמוזט זייערע הויפּט־אָנשטרענגונגען ווידמען דעם קאַמף קעגן ציוניזם — אָט די עפּאָכע, וואָס איז געווען געשפּאַנט צו ציוניסטישער פאַרווירקלעכונג, האָבן מיר שוין הינטער אונדז. מיר וועלן נאָך אַוודאי האָבן זייער פיל צו טאָן פאַר דער יידישער מדינה. אָבער איך רייד איצטער וועגן אַנטוויקלונגען אין אַמעריקאַנער יידנטום פאַר זיך אַליין. איך האָב שוין געזאָגט, אַז אויב די אַנטוויקלונגען וועלן גיין אויף די וועגן ווי איך האָף, וועט עס ממילא שטאַרקן די אַרבעט פאַר דער מדינה און ממילא ברענגען צו אַ גאַר פאַרגרעסערטער עליה. איך בין אָבער מחויב אָנצוצייכענען אויף וואָס, נאָך מיין מיינונג, וועלן די הויפּט־אָנשטרענגונגען פון אַמעריקאַנער יידנטום — און פון די יידן אין אַלע אַנדערע לענדער אין חוץ־לארץ — זיך דאַרפן קאָנצענטרירן אין דער נייער עפּאָכע, אין וועלכער — איך גלייב — אַז מיר טרעטן אַריין.

די דאָזיקע נייע עפּאָכע וועט דאַרפן זיין אַן עפּאָכע פון מזיגה אין דעם גלות־יידנטום. (וועגן מיזוג הגליות אין ישראל וועלן מיר ריידן אין דער צווייטער פרשה). די מזיגה, וואָס איך האָב אין זינען איז גאָר פון אַן אַנדער כאַראַקטער.

איך זע אינעם איצטיקן אַמעריקאַנער יידנטום גאָר וויכטיקע דערשיינונגען פון פאָזיטיווער יידישער שעפערישקייט. אָבער יעדערע פון זיי גייט איר באַזונדערן וועג. זיי שפּרייזן אַרום ווי נשמות ערטילאיות. זיי זוכן אפשר צוצוקומען איינע צו דער צווייטער, אָבער ביז היינט האָבן זיי נאָך ניט באַוויזן צו בויען די בריק צווישן זיך.

אַזעלכע פאָזיטיווע אויפטוען זע איך אויפן באַזיס פון אמונה. דער בולטסטער ביישפּיל איז די געבענטשטע אַרבעט פון לובאַוויטשער רבין מיט זיינע מקורבים. אויך אַנדערע אָרטאָדאָקסישע גרופּירונגען האָבן צו פאַרצייכענען פאָזיטיווע אויפטוען. איך באַטראַכט ווי פאָזיטיווע אויפטוען די אַקטיוויטעטן פון די „רעקאָנסטרוקציאָניסטן", וואָס זיינען אַ מין צווישן־שיכט צווישן אָרטאָדאָקסישן אמונה־נוסח און די אַזוי־גערופענע וועלטלעכע יידן. זייער וויכטיקסטן פאָזיטיוון שטייער טראָגן זיי אויך צו אויפן שטח פון אמונה, לויט זייער נוסח. אויך אין רעפאָרם־יידנטום קומען פאָר זייער פאָזיטיווע גייסטיקע אַנטוויקלונגען. זייער פאָזיטיוון ביישטייער זע איך אויך מער אויפן שטח פון אמונה לויט זייער נוסח, ווי אויף אַנדערע גייסטיקע שטחים, מיט וועלכע זיי פאַרנעמען זיך. אַזעלכע פאָזיטיווע שעפערישקייטן זיינען אָבער ניט באַגרענעצט צום אמונה־שטח. עס זיינען דאָ פאָזיטיווע שעפערישקייטן, וואָס די פאַרצווייגטע ציוניסטישע באַוועגונג טראָגט צו. אָן ספק דאַרפן באַטראַכט ווערן ווי פאָזיטיווע גייסטיקע שעפערישקייטן די אַקטיוויטעטן פון אַמעריקאַנער יידן פאַר ישראל. (דאָס העלפן באַפעסטיקן די מדינה איז אַליין אַ גאָר גרויסער ענין; אָבער אין די ראַמען פון מיין היינטיקער טעמע האָב איך אין זינען דעם גייסטיק־יידישן זאַפט, וואָס די אַמעריקאַנער יידן קריגן דערפון אַרויס פאַר זיך אַליין).

פּאָזיטיווע שעפערישקייטן זענען פאַראַן אַפילו אויפן שטח פון יידישער פילאַנ־טראָפּיע. און שטעלט זיך מיין בליק אָפּ אויף דעם אַרבעטער־און פּאָלקס־סעקטאָר פון אַמעריקאַנער יידנטום, זע איך פאַר זיך אַן עלעמענט, וואָס האָט צוגעטראָגן דעם מאַקסימום פון פּאָזיטיווע שעפערישקייטן אין די לעצטע 75 יאָר. ער האָט באַשאַפן די יידישע ליטעראַטור; ער האָט אויפגעבויט די יידישע פרעסע; ער האָט אַ מאָל געבויט אַ פּרעכטיקן יידישן טעאַטער און ער האָט געשאַפן מעכטיקע פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס; ער האָט פאַרשפּרייט דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל ניט נאָר אין אַמעריקאַנער יידנטום. עס וועט קומען אַ מאָל אַן אָביעקטיווער אַמעריקאַנער היס־טאָריקער, וואָס וועט פעסטשטעלן, אַז פון אָט די אידעען, געפלעגטע אין די יידישע קוואַרטאַלן, האָבן געצויגן זייער חיונה אַפילו רוזוועלטס באַרימטער „ניו־דיל" און טרומאַנס באַרימטער „פער־דיל". ער האָט אויך אין די לעצטע 50 יאָר צוגעטראָגן איניציאַטיוו צו דער יידישער דערציִונג. איך ווייס, אַז איך האָב ווייט ניט אויס־גערעכנט אַלע פּאָזיטיווע שעפערישקייטן, וואָס שפּראָצן אין אַמעריקאַנער יידנטום אַזוי אָפט אַרויס. אָבער פאַר דעם פּונקט, וואָס איך האָב היינט אין זינען, זיינען גענוג די שעפערישקייטן, וואָס איך האָב יאָ אויסגערעכנט. דער פּונקט איז — אַז יעדער פון זיי גייט אַרום איינזאַם מיט זיין ביסל שעפערישקייט, אָבער אַ געפיל פון יידישער איינהייט — ווי עס האָבן געפילט די ווילנער יידן — איז דערפון ביז איצטער נאָך ניט געבוירן געוואָרן.

דער געבאָט פון דער שעה איז — עס זאָל קומען צו אַ מזיגה צווישן זיי אַלעמען. עס זיינען דאָ אייניקע יחידים, וואָס טראָגן אין זיך פונקען פון אַלע די שעפעריש־קייטן. אַזאַ איינער איז געווען דער פאַרשטאָרבענער חבר חיים גרינבערג עליו השלום. געווען אויך אַנדערע. עס זיינען דאָ אַזעלכע אויך צווישן די לעבעדיקע יידן. אין זייערע נשמות לעבט די פּאָטענץ פאַר אַזאַ יידישער איינהייט, וואָס זאָל אַרויס־וואַקסן דורך אַ מזיגה פון די אַלע שעפערישע דערשיינונגען. לויט מיין טיפסטער איבערצייגונג קען אָט די איינהייט דערגרייכט ווערן, ווען אין דעם יידישן לעבן זאָלן אַריינגעבראַכט ווערן יענע גייסטיקע עלעמענטן, וואָס זיינען אַ פאַרבאַדינג פאַר דעם געפיל פון דער יידישער איינהייט, וואָס עס האָט געטראָגן אין זיך יעדער ייד אין ווילנע.

✶

אין אַמעריקע האָט געלעבט אַ גרויסער ייד — ד"ר יהודה לייב מאַגנעס. ער איז אויך געווען אַ גרויסער אידעאַליסט. ער איז געווען באַליבט ביי אַלע סעקטאָרן פון אַמעריקאַנער יידנטום. פון דעסטוועגן איז אים ניט געלונגען אויפצושטעלן אַ יידישע קהילה אין ניו־יאָרק. ער האָט זיך הויפּטזעכלעך אָנגעשטויסן אָן דעם מאַנגל פון אָט דעם איינהייט־געפיל ביי די פאַרשיידענע טיילן פון אַמעריקאַנער יידן. זיי זיינען נאָך דאַן ניט געווען דערצויגן דערצו. די גרויסע מערהייט האָט זיך אַוודאי געפילט, אַז זיי זיינען יידן; אָבער יעדערער באַזונדער אויף זיין אופן און לויט זיין השגה. דער געפיל, אַז ער איז אַ טייל פון אַן איינהייט איז נאָך, ביי גרויסע טיילן, ניט געווען אַנטוויקלט. ער איז נאָך ליידער היינט אויך ניט גענוג אנטוויקלט.

אויב אָט דאָס געפיל וועט ניט אַנטוויקלט ווערן, וועלן אונדז ניט העלפן קיינע

קלוגע פלענער ווי אַזוי אויפצושטעלן יידישע ראַמען: אַלוועלטלעכע, נאַציאָנאַלע אָדער לאָקאַלע. און אָט דאָס געפּיל קען אַנטוויקלט ווערן נאָר אויפן באַזיס פון אַ גייסטיקן תוכן, וואָס די גרויסע מערהייט זאָל אין אים זען דעם יסוד פון דער יידישער אייגנאַרטיקייט. עס קען ניט זיין קיין אַנדער יסוד ווי דער, וועלכן יידן פון אַלע גלותן און פון אַלע דורות האָבן באַטראַכט, ווי דעם יסוד פון יידישער אייגנ־אַרטיקייט. און איך האָב שוין געזאָגט, אַז אָט דער יסוד איז אַלע מאָל — אין אונדזער גאַנצער גלות־געשיכטע — באַשטאַנען פון צוויי עלעמענטן: אמונה און שיבת ציון. אַוודאי זיינען וויכטיק יידישע שפּראַכן. דערצו קום איך שפּעטער. אָבער זיי זיינען בלויז כלים, אין וועלכע די יידישע אייגנאַרטיקייט ווערט אַריינגעגאָסן. פאַראַן אויך סייגים און גדרים אָפּצוהיטן די יידישע אייגנאַרטיקייט. אָבער זיי זיינען אַלץ ניט דער תוכן. און אויב דער דערמאָנטער תוכן וועט ניט זיין, וועלן די כלים בלייבן לער און די סייגים און גדרים וועלן ניט העלפן.

שטעלט זיך די וויכטיקסטע פראַגע: קען דער מאָדערנער ייד אָננעמען אמונה ווי אַ וויכטיקן תוכן פאַר אים אַליין פון דער יידישער אייגנאַרטיקייט? מיין ענטפער איז זייער אַ קלאָרער: יאָ! איך גיי ווייטער: ער קען און מוז עס אָננעמען ווי דעם וויכטיקסטן יסוד פאַר זיינע קינדער. ער מוז די דערציִונג פון זיינע קינדער באַ־וווסטזיניק אַוועקשטעלן אויפן באַזיס פון אמונה. אַלע אַנדערע יסודות קענען בלייבן ווי נויטיקע צוגאָבן. אויסער דער צווייטער עלעמענט — שיבת ציון, וואָס וועט מן הסתם איצטער, ווען מיר האָבן מדינת ישראל, גרינגער אָנגענומען ווערן. איך וועל נאָך שפּעטער עפּעס זאָגן וועגן דעם. איצטער וויל איך באַגרינדן דעם עלעמענט פון אמונה. אָן די צוויי עלעמענטן — בעיקר אָן אמונה — בלייבן מיר אָן יענעם צעמענט, וואָס האָט אונדז צוזאַמענגעהאַלטן ווי אַ פאָלק. דאַן קען דער איינצלנער ייד קיין מאָל ניט באַקומען דעם געפּיל, אַז ער געהערט צו אַ יידישער איינהייט; דאַן איז ניטאָ קיין זיכערקייט, אַז אַפילו יענע יידישע אידעאָלאָגיעס, וואָס די פאַר־שיידענע גרופּירונגען טראָגן אין זיך, וועלן קענען האָבן אַ קיום. דער שטראָם פון אַסימילאַציע וועט אַלץ פאַרשווענקען.

*

מוז מען צוליב דעם אָננעמען אַלע תרי״ג־מצוות און אַלע סאָרטן גלויבנס, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט רעליגיע? — אויף דעם איז מיין ענטפער — ניין! איך נעם זיך אַליין ווי אַ ביישפּיל. גלייב איך אין גיהנום און גן־עדן? — ניין! גלייב איך אין השארת הנפש? — ניין! איך מוז מודה זיין, אַז ווען מען דערגרייכט מיין עלטער, ווען מען פילט זיך שוין ביים סוף פון לעבן, וואָלט זיך דווקא יאָ געוואָלט גלייבן אין השארת הנפש. עס וואָלט זיכער מיט אַזאַ גלויבן פיל גרינגער געווען צו טראָגן די לעצטע לעבנס־יאָרן, ווען מען ווייסט, אַז אָט־אָט, און דאָס לעבן וועט אויסגעלאָשן ווערן. אָבער קיין שקר מיט דער אייגענער נשמה קען מען ניט מאַכן, אַפילו ווען עס וואָלט זיך שטאַרק געוואָלט. פון אַלע תרי״ג־מצוות גלייב איך זייער שטאַרק אין יענע מצוות בין אדם לחברו, אָבער אין די מצוות בין אדם למקום — ניט. וואָס שייך די לעצטע, באַנוגן איך מיך מיט דער פאָרמולע פון מיכה המורשתי: „והצנע לכת עם אלהיך״. אויב עס איז בכלל דאָ אַ גאָט — וואָס וועגן דעם קען

איך קיין ענטפער ניט געבן, גלייב איך, אַז ער וועט זיך דערמיט באַנוגענען. און דאָך איז מיין באַציִונג צו אמונה אַ פּאָזיטיווע.

איך בין איבערצייגט, אַז דער מענטש קען אָן אמונה גייסטיק ניט עקזיסטירן. אין מיינע יונגע יאָרן האָט מען געגלייבט, אַז וויסנשאַפט וועט מאַכן אומנייטיק אמונה, זיינען געקומען דווקא די לעצטע וויסנשאַפטלעכע דערגרייכונגען און האָבן באַוויזן, ווי אַפילו דער וויסנשאַפטלער נייטיקט זיך אין אמונה. ער דערזעט, קלערער, ווי דער פּשוטער בן־אדם, ווי פאַרבאָרגן עס זיינען אַפילו פאַר אים, פאַר זיין וויסנשאַפטלעך־דיסציפּלינירטן מוח, פיל־פיל זאַכן אין גאַנצן יקום, אין גאַנצן באַשאַף. ער איז אַוודאי איבערצייגט, אַז נייע וויסנשאַפטלער וועלן אַנטדעקן נייע פּלאָנים אינעם באַשאַף. ביז דאַן מוז ער אָבער אָט דעם חלל אויספילן מיט אמונה. און צי וועט מען זיך וועו דערוויסן וועגן פאַרט עס האָט אַריינגעגעבן אין אָט דעם יקום אַלץ, וואָס ווערט אין אים אַנטדעקט, כדי צו קענען פאַרשטיין ניט נאָר וועלכע כוחות עס ליגן אין דעם „אַטאָם", צום ביישפּיל, נאָר אויך וועלכע כוחות האָבן עס אין אַטאָם אַריינגעבראַכט יענע פּלאָנים, וואָס מען אַנטדעקט אין אים — אין דעם איז אַפילו דער גרעסטער וויסנשאַפטלער ניט זיכער. און אויך ביי זיי מוז אַנטשטיין די פראַגע: צי איז טאַקע ניטאָ קיין באַוווסטזיניקער כוח, וואָס דיריגירט מיט דעם אַלעם? איך גלייב ניט, אַז דער ענטפער „די נאַטור" שטעלט זיי טאַקע צופרידן, ווייל עס בלייבט אַלץ די פראַגע: פון וואַנען נעמט זיך „די דאָזיקע נאַטור"?

ווי אויבן געזאָגט — אויף דער פראַגע, צי עס איז דאָ אַ גאָט, קענען ניט ענטפערן אַפילו גרויסע פילאָזאָפן; אַזאַ פּשוטער מענטש ווי איך אַוודאי ניט. און דאָך ווידערהאָל איך, אַז דער מענטש קען אָן אמונה גייסטיק ניט לעבן. אמונה מוז פאַר אים אויספילן יענעם חלל, וואָס ליגט צווישן דעם, וואָס דער גרעסטער וויסנשאַפטלעכער מוח האָט שוין דערגרייכט, און צווישן דעם וווהין דאָס האַרץ מוז זיך ווייטער ציִען צו דערגרייכן. אָט דעם חלל האָט דער מענטש אַלע מאָל אויסגעפילט מיט אמונה און וועט אים אַזוי אויספילן אויך אין דער צוקונפט. ווייל קיין מאָל, האָף איך, וועט ניט דערגרייכט ווערן אַזאַ צושטאַנד, אַז דער מוח האָט שוין אַלץ באַגריפן און דאָס האַרץ האָט שוין ניט ווייטער צו וואָס זיך צו ציִען. אין אַזאַ צושטאַנד וואָלט דעם מענטשנס עקזיסטענץ פאַרלאָרן יעדע גייסטיקע באַדייטונג. ער וואָלט בלייבן אַ ריידנדיקע, אַ פרעסנדיקע, אַ תּאווה־פולע חיה, אָן גייסט און אָן וויזיע. אויב דאָס זאָל זיין דער זין פון אחרית הימים, איז שוין, דאַכט זיך, גלייכער, אַז די אַטאָמישע באָמבע זאָל מאַכן אַ סוף פון אַלץ און אַלעמען. איך בין אָבער איבערצייגט, אַז אייביק וועט בלייבן אַ גרויסער שטח פאַר וויזיע, וווהין דאָס האַרץ זאָל זיך קענען ציִען. און איידער דאָס האַרץ דערגרייכט צו אַזאַ געגאַרטן ציל, ווערט דער חלל אויסגעפילט דורך אמונה.

אויפן באַזיס פון אָט דער מענטשלעכער תשוקה זיינען אויפגעקומען אַלע אמונות. (איך רייד וועגן אמונות און ניט רעליגיעס, ווייל אין רעליגיע זע איך בעיקר דעם ריטואַל, וואָס איז אויך זייער וויכטיק; אין אמונה זע איך די אייביקע באַדערפעניש פון דעם מענטש נאָר וויזיע, נאָר זיין נשמה־שפּייז). דער יידישער אייגנאַרטיקער גייסט האָט אויף דעם שטח פון אמונה אויסגעשפּילט ביז צום מאַקסימום

זיינע וווּנדערבאַרע אייגנאַרטיקע יצירה־כוחות; אויף דעם שטח האָט ער סיי צוגעטראָגן זיין גרעסטןביישטייער צום קולטור־אוצר פון דער גאַנצער מענטשהייט און האָט אין אָט דער שעפערישקייט זיך אַליין אויסגעלעבט גייסטיק. אין מיינע אויגן איז דאָס ניט סתם אַ צופאַל. איך זע אין דעם אַ קווינט־עסענץ פון יידישער אייגנאַרטיקער יצירה. און ווער עס איז באמת פאַראינטערעסירט אין דער ווייטער־דיקער אַנטוויקלונג פון יידישער אייגנאַרטיקער יצירה טאָר זיך צו אמונה ניט באַציִען נעגאַטיוו. מאָדערנע יידן — און איך באַטראַכט זיך ווי איינער פון זיי — אויך ניט.

און אַפילו אין דעם יידישן ריטואַל מוז מען אויך זען אַ גרויסן סטימוליר־כוח צו יידישע יצירות. די יידישע ליטעראַטור פוןביידע לשונות האָט עס דעמאָנ־סטרירט דווקא דורך אירע גרעסטע וואָרט־קינסטלער. איך וויל זיך וועגן ריטואַל ניט לאַנג פאַרנעמען. מיר שיינט, אַז דווקא מיט דעם ריטועלן טייל זוכן מאָדערנע יידן פון כמעט אַלע אידעאָלאָגיעס זיך פון דאָס ניי צו פאַרבונדן. אויך אויף דעם געביט גייט נאָך יעדע גרופּע איר באַזונדערן וועג. איינע זוכט דעם מאַקסימום פון יידישן ריטואַל, אַנדערע ווילן זיך באַנוגענען מיטן מינימום. אין דעם שטח איז דווקא דער־וויַיל ניט נייטיק צו זוכן אַן איינהייטלעכע שטעלונג. אויב נאָר עס וועט אויפגע־שטעלט ווערן די איינהייטלעכע יידישע קהילה־ראַם, וואָס אין איר יסוד זאָלן פאַרפלאַנצט ווערן אמונה און שיבת־ציון, וועט שוין אין איר זיך אַנטוויקלען אַן איינהייטלעך־יידישער ריטואַל.

פון דעם, וואָס איך האָב אויבן געזאָגט איז קלאָר, אַז פאַר מיר איז ניט גענוג אַ יידישע קהילה, אין וועלכע מאָדערנע יידן זאָלן זיין טאָלעראַנט צו אמונה, אָדער צו רעליגיעזע יידן. עס איז נייטיק, אַז דער מאָדערנער ייד זאָל דערשפּירן דעם כוח פון דער אמונה און איר אייביקייט־כאַראַקטער אין זיך אַליין; ער זאָל דערפילן, אַז יידישע אמונה איז אויך זיינס אַ נשמה־נויטיקייט, אַפילו ווען ער נעמט ניט אָן אַלע תרי״ג מצוות. און נאָך וויכטיקער איז — ער זאָל דערפילן, אַז ער איז מחויב אַריינצופלאַנצן אמונה־יסודות אין די הערצער פון זיינע קינדער.

✶

דאָ קומען מיר אפשר צו דעם וויכטיקסטן פּונקט, וואָס רירט אָן די צוקונפטיקע אַנטוויקלונג פון אַמעריקאַנער יידנטום. און מען מוז אויך וועגן דעם אַנהייבן ריידן זייער קלאָר און אָפן.

רעדט מען וועגן אַן איינהייטלעכער קהילה, מוז די דערציִונג פון די קינדער אויך, ווי ווייט נאָר מעגלעך, זיין אַן איינהייטלעכע. זיכער מוז יעדער דערציִונג אַריינגעמען די צוויי דערמאָנטע יסודות, וועלכע וועלן אין די קינדער אַנטוויקלען זייער געפיל פון אָנגעהערן צו דער איינהייט, וואָס איז די יידישע קהילה. די קהילה דאַרף האָבן די אויפגאַבע צו זאָרגן פאַר דעם, אַז אָט די עלעמענטן זאָלן ניט פעלן אין קיין יידישער דערציִונגס־שולע.

אין די גרונט־שולן, און טיילווייז אין די מיטל־שולן, זאָל די יידישע אמונה געבראַכט ווערן צו זיי ניט אין די ראַמען פון באַגרענעצטע דערקלערונגען, וואָס איך גיב פאַר זיך פאַר מיין פּאָזיטיווער באַציִונג צו רעליגיע, נאָר דווקא אין די

ראַמען, און אין די פֿאָרמען, וואָס אונדזערע זיידעס, טאַטעס און מלמדים האָבן עס אונדז דערלאַנגט. קלאָרער געזאָגט: זיי דאַרפֿן דערצויגן ווערן אין דעם פּולן גלויבן, אַז עס איז פֿאַראַן אַ גאָט אויף דער וועלט; אַז דאָס איז דער ייִדישער גאָט. „אתה אחד ושמך אחד" זאָל זיין דער יסוד. און דאָס זאָל אויסאיבן אויף אונדזערע קינדער די זעלביקע השפּעה, וואָס דאָס האָט איבערגעלאָזן אויף אונדזער גאַנצן לעבן.

איך גיי נאָך ווייטער: די דערציִער אַליין, די מחנכים אין די גרונט־שולן און אין די ערשטע יאָרן פֿון די מיטלשולן, דאַרפֿן זיין, ווי ווייט נאָר מעגלעך, אַליין מאמינים, כדי צו פֿאַרמיידן פֿאַרן קינד אַ קאָמפּלעקס, וואָס מוז אַרויסוואַקסן פֿון דער ניט־אידענטישקייט צווישן דעם, וואָס דער לערער לערנט דעם קינד און דעם לערערס אייגענע לעבנס־פּירונג. געווינג איין קאָמפּלעקס, פֿון וועלכן עס איז ניט אַזוי גרינג צו באַפֿרייען דאָס קינד: דער קאָמפּלעקס, וואָס ווערט געבוירן דורך דער ניט־אידענטישקייט פֿון דעם, וואָס דאָס קינד לערנט אין שולע און פֿון דעם לעבנס־שטייגער אין דער היים. די, וואָס קענען באַפֿרייען דאָס קינד אויך פֿון אָט דעם קאָמפּלעקס דורך אַריינטראָגן וועזנטלעכע שינויים אין זייער לעבנס־שטייגער אין דער היים — תבוא עליהם ברכה. (אַ צאָל משפּחות, וואָס האָבן געשיקט זייערע קינדער אין ליובאַוויטשער דערציִונגס־שולעס, האָבן טאַקע באַוויזן צו ענדערן זייער לעבנס־שטייגער). איך ווייס אָבער, אַז דאָס איז אַ גזירה, וואָס דער גרעסטער טייל פֿון אַמעריקאַנער ייִדישן ציבור וועט ניט קענען אויסהאַלטן. טאָ זאָל מען כאָטש אינעם קינדס נשמה ניט פֿאַרפּלאַנצן אַ צווייטן קאָמפּלעקס, דווקא אין די יאָרן, ווען זיין אינערלעך לעבן פֿאָרמירט זיך. דער לערער מוז מיט זיין גאַנצן לעבנס־שטייגער זיין אַ מוסטער פֿאַר זיין תלמיד.

דאַרף אַ מאָדערנער ייִד זיך פֿאַר דעם שרעקן? — איך מיין, אַז ניט. איך נעם ווידער דעם ביישפּיל פֿון זיך אַליין. איך וואָלט פֿאַר קיינע צוגעזאָגטע גן־עדנס, ניט אויף יענער וועלט און ניט אויף דער וועלט, ניט אויסגעביטן מיינע קינדערשע יאָרן, ווען איך בין געווען אמת פֿרום. איך בין זיכער, אַז יענע יאָרן האָבן מער משפּיע געווען אויפֿן פֿאָרמירן מיין ייִדישע נשמה, ווי אַלע שפּעטערדיקע אידעאָ־לאָגיעס, וועלכע איך האָב געדינט מיין גאַנצן באַוווסטזיניקן לעבן און דין זיי נאָך עד היום הזה.

ייִדישע עלטערן, וואָס ווילן באמת דאָס גייסטיקע גליק פֿון זייערע קינדער; וואָס ווילן באמת מיטגעבן זייערע קינדער אַ גייסטיקן באַגאַזש, פֿון וועלכן זיי זאָלן קענען שעפּן במשך זייער גאַנצן לעבן — און וועלכע עלטערן ווילן עס ניט? — טאָרן אָט די פֿאָרעם פֿון דערציִונג פֿון זייערע קינדער ניט אַוועקנעמען. אַפֿילו דער שפּעטערדיקער נשמה־געראַנגל קעגן דעם, וואָס זיי האָבן געגלייבט אין זייערע פֿאָרמאַטיווע קינדערשע יאָרן, וועט אויך זיין אַ פּראָדוקטיווער סטימול פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון זייער גייסט, פּונקט ווי דאָס איז געווען פֿאַר מיליאָנען ייִדן פֿון אונדזערע דורות.

איך ווייס זייער גוט די גרויסע שוועריקייטן, וואָס דאָס אַמעריקאַנער ייִדנטום וועט באַגעגענען אויף אָט דעם וועג. דער דאָזיקער וועג פֿאָדערט פֿולע טאָגשולן פֿאַר

אַלע יידישע קינדער אין אַמעריקע. דערמיט ווערט אַרויפגעלייגט אַ זייער שווערע פינאַנציעלע לאַסט אויף יעדער יידישער משפחה. איך ווייס, אַז אַ סך יידן זיינען נאָך דערצו ניט גרייט צוליב פסיכישע שוועריקייטן, וועגן וועלכע עס איז ניט נייטיק צו ריידן. אָבער אויב אונדזער ווייגען און קלאָגן קעגן דעם שטראָם פון נאַטירלעכער אַסימילאַציע, וואָס פאַרמבולט אונדז, קומט טאַקע פון דער טיפקייט פון דער נשמה; אויב דאָס איז ניט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין בלויז אַ נוסח, וואָס אַלע „זאָגן" עס אָפּ און ריידן זיך איין, אַז דערמיט האָבן זיי עפּעס דערגרייכט — דאַן מוז דער קאַמף קעגן אָט דער מבול ערנסט אויפגענומען ווערן. דויערהאַפטיקע דאַמבעס דאַרפן אויפגעשטעלט ווערן. און איך מיין, אַז אַ דערציִונג, באַזירט אויף די דערמאָנטע צוויי גייסט־עלעמענטן, קענען ווערן יענע דאַמבעס, וואָס זאָלן פאַרהאַלטן דעם שטראָם פון אַסימילאַציע. אַ יידישע קהילה, וואָס זאָל ווערט זיין איר נאָמען, מוז זיך פאַרמעסטן צו אָט אַזעלכע צילן.

✶

די קהילה מוז אַוודאי שטרעבן אַריינצוציען אין איר ראַם וואָס מער יידישע גרופּירונגען. זי טאָר אָבער ניט געבן קיין גרופּע קיין וועטאָ־רעכט, אַז אויב זי וויל זיך ניט אָנשליסן, קען קיין איינהייטלעכע קהילה ניט אויפגעשטעלט ווערן. זי דאַרף אויפגעשטעלט ווערן דורך יענע כוחות, וואָס זיינען גרייט דערצו און וואָס זוכן צו אַנטוויקלען אין יעדן יידן דעם געפיל פון אָנגעהעריקייט צו אַ יידישער איינהייט, ווי דערביישפּיל פון ווילנער יידן פאַר ביידע חורבנות — דער היטלעריסטישער און דער סטאַליניסטישער. עס איז ניט מיין אויפגאַבע אָנצוצייכענען די אָרגאַניזאַטאָרישע פאָרמען אירע. אפשר קען מען גאָר ניט פאַרשרייבן די זעלביקע אָרגאַניזאַטאָרישע פאָרעם פאַר אַ קהילה אין ניו־יאָרק און פאַר אַ קהילה — זאָגן מיר — אין ניופּאָרט, רהאוד איילאַנד. עס איז אויך ניט מיין אויפגאַבע פאָרצושרייבן מיט וועלכע ענינים די קהילה זאָל זיך באַשעפטיקן. אין אַלגעמיינע שטריכן דאַרף נאָר געזאָגט ווערן, אַז זי דאַרף איינשליסן אין זיך אַלע ענינים, אין וועלכע יידן — פון אַלע ריכטונגען — זיינען פאַראינטערעסירט, און זי דאַרף געבויט ווערן — ווי ווייט מעגלעך — אויף דעמאָקראַטישע יסודות. דאָס איבעריקע וועלן די לאָקאַלע כוחות דאַרפן פעסטשטעלן. פאַר אַלעמען פון זיי זאָלן זיין פאַרפליכטענדיק די צוויי יסודות פון יידישער אייגנאַרטיקייט — אמונה און שיבת־ציון.

און ווען אַזעלכע קהילות וועלן אויפגעשטעלט ווערן אין אַ גענוגנדיקער צאָל שטעט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, שאַפט זיך פון זיי די נאַציאָנאַלע אַל־יידישע ראַם. און ווען אין עטלעכע לענדער וועלן אויף אָט די יסודות אויפגעבויט ווערן נאַציאָנאַל־יידישע ראַמען, קענען זיי דאַן ווערן די באַזע פאַר אַן אַלוועלטלעך יידישער ראַם. דער אָנהייב מוז געמאַכט ווערן פון דעם ערשטן קעמערל — די לאָקאַלע יידישע קהילה.

✶

איצטער דאַרפן מיר אַ ביסל שמועסן וועגן אונדזער שפּראַכן־פּראָגע.

אונדזער שפּראַכן־פּראָגע איז ניט באַגרענעצט צו איין לאַנד. דער ענטפער אויף אָט דער פּראָגע מוז געגעבן ווערן פאַר אַלע לענדער. איך וויל זיך אָבער דאָך

באַגרענעצן צו די פּאַראייניקטע שטאַטן, ווייל די דאָרטיקע באַדינגונגען זיינען מיר בעסער באַקאַנט. דער ענטפער פאַר די פאַראייניקטע שטאַטן, אויב נאָר ער וועט זיין אַ ריכטיקער, קען אויך חל זיין אויף אַלע אַנדערע גלות־לענדער, צוגעפּאַסט גאַטירלעך צו די ספּעציעלע באַדינגונגען פון יעדן לאַנד. אין דעם פּונקט דאַרפן די ספּעציעלע באַדינגונגען גענומען ווערן אין חשבון, מער אפשר ווי אין אַנדערע פּונקטן, ווייל מיר מוזן אין דער שפּראַכן־פראַגע טראַכטן בעיקר וועגן פּראַקטישע מעשים, וואָס ווערן אַלע מאָל באַווירקט פון די באַדינגונגען, אונטער וועלכע מען דאַרף זיי דורכפירן.

אַזוי ווי איך וועל צוויי מאָל וועגן דער שפּראַכן־פראַגע ניט שרייבן, וועלן די קומענדיקע שורות אויך איינשליסן שפּראַך־ענינים, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער מדינה. אַגב, רעכן איך, אַז מען קען גאָר אונדזער שפּראַכן־פראַגע ניט צעטיילן אין אַ גלות־אַספּעקט באַזונדער און אַ ישראל־אַספּעקט באַזונדער. איך אַליין זע זי אַוודאי ווי אַ גלאָבאַל פּראָבלעם פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק.

עס איז איבעריק אונטערצושטרייכן צוויי זאַכן — ערשטנס, אַז אויך וועגן דער שפּראַכן־פראַגע איז געקומען די צייט צו ריידן אָפן; צווייטנס, אַז איך דריק אויס נאָר מיין פּערזענלעכע מיינונג און שרייב ניט פאַר מיינונגען ניט פאַרן גאַנצן אַמע־ריקאַנער יידנטום, ניט פאַר דעם גאַנצן יידישן ישוב אין ישראל, אַפילו ניט פאַר מיינע אייגענע חברים אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

✶

מיין צוגאַנג צו דער שפּראַכן־פראַגע איז באַזירט אויף 6 הנחות:

א. אַז די הויפּט־שפּראַך פונעם צפון־אַמעריקאַנער יידנטום וועט ווערן וואָס ווייטער אַלץ מער ענגליש; (דאָס זעלביקע וועגן דער לאַנד־שפּראַך פון אַנדערע לענדער ווו יידן וווינען).

ב. אַז מען קען אויך אין דער ענגלישער שפּראַך אַריינברענגען די תוכן־יסודות פון דער יידישער אייגנאַרטיקער שעפערישקייט; (דאָס זעלביקע אין אַנדערע שפּראַכן. מער וועל איך אַזעלכע הערות ניט מאַכן).

ג. אַז אינעם איצטיקן אַמעריקאַנער יידנטום דאַרפן געפלעגט ווערןביידע יידישע שפּראַכן, עברית און יידיש; אַז אין אונדזערע דערציִונגס־שולן דאַרפן ביידע אונדזערע שפּראַכן אַריינגעבראַכט ווערן, ווי גייסטיקע נכסים אין וועלכע דאָס יידישע פאָלק האָט אַריינגעגאָסן זיינע הויפּט־יצירות. אין דערציִונגס־שולן דאַרף די גרעסערע אויפמערקזאַמקייט געשענקט ווערן עברית.

ד. אַז אין מדינת ישראל בלייבט די נאַציאָנאַלע שפּראַך — עברית.

ה. אַז יידיש טאָר אין ישראל ניט באַטראַכט ווערן ווי אַ פרעמדע שפּראַך.

ו. אַז די האָפענונגען פאַר יידיש ווי אַ שפּראַך און פאַר איר ליטעראַטור ליגט מער אין ישראל ווי אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

✶

איך האָב ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן אַרויסגעבראַכט מיין טיפסטע איבער־צייגונג אין פולשטענדיקן קיבוץ־גליות, וואָס וועט אין זיין פּראָצעס איינשליסן אויך דאָס אַמעריקאַנער יידנטום; אַז אָט דער פּראָצעס וועט פאַרווירקלעכט ווערן

ניט ווי אַ רעזולטאַט פון קאַטאַסטראָפעס, נאָר ווי אַ רעזולטאַט פון אַ פּאַרטיפּטער תשוקה ביי יידן פון אַלע גלותן צו לעבן אַ פול יידיש לעבן, וואָס איז מעגלעך נאָר אין מדינת ישראל; אַז אַזוי לאַנג, ווי יידן לעבן אין גלות, מוז אין זיי — בעיקר אין די נייע דורות — אָט די תשוקה געפלעגט ווערן, דאָס קען געשען נאָר דורך פאַרטיפן אַלע פאָרמען פון יידישקייט; אַז צו דערגרייכן אָט דעם צוועק מוזן אויס־גענוצט ווערן אַלע מיטלען — ביידע יידישע שפּראַכן און זייערע ליטעראַטורן, יידישע געשיכטע, יידישע אמונה, דעם דראַנג צו שיבת־ציון, בקיצור — אַלע פאַק־טאָרן, דורך וועלכע דער יידישער גניוס האָט געשאַפן ווערטן. און — ווי געזאָגט — צווישן די מיטלען, וואָס דאַרפן דערצו גענוצט ווערן, מוז אויך זיין די לאַנד־שפּראַך. האָבנדיק פאָרמולירט אָט די איבערצייגונג, קען איך צוטרעטן באַגרינדן די דאָזיקע הנחות.

✶

פון די ערשטע צוויי הנחות נייטיקט זיך די ערשטע ניט אין קיין באַגרינדונג. ווי ביטער דאָס זאָל ניט זיין, טאָר קיינער אָט דעם פאַקט פון אויג ניט דורכלאָזן, ווען מען רעדט וועגן עניינים, פון וועלכע עס איז אָפּהענגיק אונדזער סאַמע קיום ווי אַ פאָלק. וועגן דער צווייטער הנחה דאַרף מען אויך צו פיל רייד ניט פאַרלירן. זי ווערט געשטיצט פון דער גאַנצער קולטור־געשיכטע פון אונדזער פאָלק. בעיקר ריידן פאַר דעם די קאַלאָסאַלע אייגנאַרטיק־יידישע שאַפונגען אין אַראַביש און אין דייטש. אין אַ קלענערער מאָס — אָבער נאָך אויך גאַנץ באַדייטנדיק — אין שפּאַ־ניש, רוסיש, פויליש און פראַנצויזיש. זיי אַלע דערציילן, ווי אַזוי די אייגנאַרטיק־יידישע יצירה־כוחות האָבן געפונען זייער וועג צום אויסדרוק אויך דאָרטן, וווּ יידן האָבן זיך באַנוצט מיט פרעמדע שפּראַכן. אויך אין ענגליש איז שוין פאַראַן אַן אָנהייב פון אייגנאַרטיקע שאַפונגען. און אַזוי ווי קיינער קען ניט אָפּפרעגן די ערשטע הנחה, איז ניטאָ קיין אַנדער ברירה פאַרן אַמעריקאַנער יידנטום, וואָס דאַרף ברענגען דעם מאַקסימום פון יידישער אייגנאַרטיקער שעפערישקייט צו קומענדיקע דורות, — אַז ער דאַרף זיך באַנוצן מיט דער שפּראַך, וואָס וועט פאַר זיי זיין די נאַטירלעכע.

אויף די אַנדערע 4 פּונקטן דאַרף מען זיך אַ ביסל לענגער אָפּשטעלן.

✶

איך נעם אָן, אַז קיינער פרעגט ניט אָפּ די באַדייטונג פון אויפהאַלטן די יידישע שפּראַך און איר ליטעראַטור פאַר דעם היינטיקן אַמעריקאַנער יידן. עס ריידן נאָך היינט מן הסתם (קיין סטאַטיסטישע ציפערן וועגן דעם האָבן מיר, ליידער, ניט, מוז מען זיך באַגנוגענען מיט אייגענע השערות) אַ מיליאָן אַמעריקאַנער יידן יידיש. עס פאַרשטייען יידיש וויניקסטנס צוויי מיליאָן. עס לעבן זיך גייסטיק אויס אין דער יידישער שפּראַך און איר ליטעראַטור אַ סך צענטליקער טויזנטער יידן. עס מערקט זיך אַפילו אַ געניגטקייט צו דערנעענטערן זיך צו יידיש און איר ליטעראַטור מצד קרייזן, וואָס לעבן זיך אַליין אויס גייסטיק אין ענגליש. די חשיבות, סיי פון דער שפּראַך, סיי פון איר ליטעראַטור, וואַקסט אין די אויגן פון דערוויל נאָך ניט קיין גרויסן טייל פון דער יידישער אינטעליגענץ אין אַמעריקע, אָבער עס שיינט מיר

ניט צו זיין איבערטריבן די באַהויפּטונג, אַז די צאָל ווערט אַלץ גרעסער. עס וואַקסט דער אינטערעס אין די שאַפֿונגען פֿון די גרויסע יידישע קינסטלער, וואָס די יידישע ליטעראַטור האָט אַרויסגעבראַכט ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה. נאָך גרעסער איז דער אינטערעס צו אַ גאַנצער ריי פֿון נייע יידישע וואָרט־קינסטלער, וואָס זיינען אונדז געראַטעוועט געוואָרן פֿון חורבן. די נייע יידיש־שאַפֿונגען געהערן ממש צו די גרויסע ניסים, מיט וועלכע אונדזער עפּאָכע איז אַזוי געבענטשט. אָט די אויס־שטראַלונגען פֿון דעם יידישן גייסט אין דעם נאָכן־חורבן־פּעריאָד, טראָץ דעם, וואָס עס זיינען פּאַרשניטן געוואָרן די גרעסטע צאָל סיי פֿון די שעפֿער, סיי פֿון די גע־ברויכער פֿון יידישער ליטעראַטור, באַווייזט, קלאָרער ווי יעדער אַנדער פֿאַקטאָר, די אומצעשטערלעכקייט פֿון יידישן שאַפֿערישן געניוס. און יענע יידישע אינטע־ליגענץ, וואָס האָט אַ פּאָזיטיווע באַציִונג צו אַלע אויסשטראַלונגען פֿון דעם יידישן גייסט, אַפֿילו ווען זי אַליין לעבט זיך אויס אין ענגליש, מוז באַאיינפֿלוסט ווערן פֿון די דאָזיקע וווּנדערלעכע דערשיינונגען. די דאָזיקע פּראָצעסן וועלן אונדז אין דער צוקונפֿט נאָך ברענגען גוטע פּרוכטן אויפֿן שטח פֿון דער דערנענטערונג פֿון די פֿאַר־שיידענע איצט־באַזונדערע שעפֿערישע כּוחות, וועגן וועלכע איך האָב פֿריער גע־שריבן.

איך האַלט אויך פֿאַר אַ וווּנדער פֿון גאָר אַ הויכער מדרגה, דעם עצם פֿאַקט, וואָס יידישע קינסטלער שאַפֿן נאָך אַזעלכע דערהויבנדיקע ווערטן אין דער יידישער שפּראַך, טראָץ דעם, וואָס די צאָל פֿון יידיש־לייענער ווערט אַלץ קלענער. אַפֿילו יענע קינסטלער, וואָס קלאָגן אָפֿט אַליין אויף דער דאָליע פֿון יידיש, מוזן אינסטינק־טיוו פֿילן, אַז זייערע שאַפֿונגען האָבן אַ צוקונפֿט פֿאַר זיך. אַנדערש וואָלטן זיי בשום אופֿן ניט געקענט אַרויסבריִנגען פֿון זיך אַזוי פֿיל שעפֿערישע אוצרות. איך מיין, אַז זייער אינסטינקט נאַרט זיי ניט, ווי מיר וועלן עס שפּעטער זען.

בכל אופֿן — אויף אָט דעם שפּראַך־שטח איז נאָך פֿאַראַן אין די פּאַראייניקטע שטאַטן פֿיל צו טאָן און פֿיל צו דערגרייכן. איך מיין, אַז אויף אָט דעם שפּראַך־שטח פֿון איצטיקן אַמעריקאַנער יידנטום, דאַרף יידיש און איר ליטעראַטור באַקומען די זעלביקע אויפֿמערקזאַמקייט ווי עבֿרית און איר ליטעראַטור. אָבער בנוגע דער שפּראַך־זאָרג פֿאַר די קומענדיקע יידישע דורות אין אַמעריקע, מוז געשענקט ווערן עבֿרית פֿיל מער אויפֿמערקזאַמקייט ווי יידיש. די מעגלעכקייט אָנצוהאַלטן, פֿאַר־שטאַרקן און אַריינפֿלאַנצן עבֿרית אין די קומענדיקע דורות איז אָן ספֿק פֿיל גרעסער, ווי די מעגלעכקייטן פֿאַר יידיש. און איך האָב שוין געזאָגט, אַז בנוגע דער שפּראַכן־פֿראַגע מוז מען טראַכטן אין טערמינען פֿון פּראַקטישע מעגלעכקייטן. און יענע גרויסע נייע, גליקלעכע דערשיינונג אין דער נייער יידישער געשיכטע, וואָס הייסט מדינת ישׂראל, איז אַ געשעעניש, וואָס העלפֿט פֿאַרגרעסערן די מעגלעכקייט פֿאַר עבֿרית אין אַמעריקע פֿאַר יונגע דורות.

דאָס, וואָס איז געזאָגט געוואָרן וועגן יידיש, איז אַוודאי אויך גילטיק וועגן עבֿרית. אמת, עס זיינען ניטאָ אין אַמעריקע קיין מיליאָן יידן, וואָס ריידן עבֿרית, און אַוודאי זיינען ניטאָ קיין צוויי מיליאָן, וואָס פֿאַרשטייען עבֿרית, און די צאָל פֿון יידן, וואָס לעבן זיך אויס אין עבֿרית, איז נאָך אַלץ פֿיל קלענער, ווי די צאָל, וואָס

לעבן זיך אויס אין יידיש. אָבער ווידער אַ מאָל: צוליב מדינת ישראל וועט וואָס ווייטער אַלץ גרעסער ווערן די צאָל יידן, וואָס פאַרשטייען עברית. ליידער וועט יידיש ניט האָבן אָט דעם מזל. די צאָל וואָס פאַרשטייט יידיש, וועט ווערן אַלץ קלענער, סיידן עס וועלן געמאַכט ווערן גרויסע אָנשטרענגונגען דעם פּראָצעס פון פאַרקלענערונג אָפּצושטעלן. און דאָס איז טאַקע דער חוב, וואָס ליגט אויף די אַמעריקאַנער יידן, פונקט ווי זיי זיינען מחויב מיטצוהעלפן אין דעם פּראָצעס פון כסדרדיקן שטייגן פון דער צאָל יידן, וואָס זאָלן קענען עברית.

*

צו דער פאַרהאַנדלונג פון די אַנדערע דריי פונקטן, דאַרף פריִער געזאָגט ווערן, אַז סיי די אַמעריקאַנער יידן, סיי די יידן פון מדינת ישראל מוזן צולייגן זייער אויער צו שאַרפע רמזים, וואָס דער שׂר האומה גיט אונדז דורך דער נייער יידישער גע־שיכטע. כדי קלאָר צו מאַכן, וואָס איך מיין, וויל איך דערמאָנען עפּעס פון אָנהייב פון איצטיקן יאָרהונדערט.

אין יידישע קרייזן איז דאַן אָנגעגאַנגען אַ שאַרפע שפּראַך־מלחמה. אין דער דאָזיקער מלחמה זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן אַרגומענטן, וואָס האָבן בשעתם געקלונגען לאָגיש. אָבער די נייע יידישע געשיכטע האָט זיי אָפּגעלייקנט. איינעם אַזאַ אַרגומענט האָט אין 1913 אַרויסגעבראַכט אַזאַ קלוגער ייד ווי ד״ר חיים זשיט־לאָווסקי.

ער איז דאַן געקומען פון אַ באַזוך אין ארץ־ישׂראל. איידער ער האָט געמאַכט אָט דעם באַזוך איז ער, ווי עס איז באַוווּסט, דווקא דורכגעגאַנגען אַ פּראָ־ציוניסטישן גלגול. סוף 1909 האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אָן די פועלי־ציון און ער האָט זיך אַפילו געלאָזן אויסוויילן אין צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי. אמת, שוין חדשים פאַר זיין רייזע, האָט ער אָנגעהויבן ווייזן סימנים פון אַ נייעם אַנטי־ציוניסטישן גלגול, וואָס ער גייט דורך. אָבער קומענדיק צוריק פון דער רייזע איז דער אַנטי־ציוניזם אין אים אַזוי פאַרשטאַרקט געוואָרן, אַז ער האָט דאַן פאַרעפנטלעכט זיין סעריע אַרטיקלען וועגן „דעם דריטן חורבן״. (ביידע גלגולים זיינען ביי אים ניט געווען די לעצטע). איינע פון די הויפּט־סיבות פאַר זיין אַנטי־ציוניסטישן גלגול נאָך דעם באַזוך אין ארץ־ישׂראל, איז אָן ספק אַרויסגעוואַקסן פון דער שפּראַכן־מלחמה. ער האָט באַקומען פון דעם „גדוד מגיני השפה״ גאָר ניט קיין וואַרעמע קבלת פנים. פערזענלעך בין איך דאַן געווען איבערצייגט — ווי איך בין עס נאָך היינט אויך — אַז דער „גדוד״ האָט געהאַנדלט ניט ריכטיק און אַפילו ניט איידל. אָבער איך דערמאָן עס דאָ נאָר צוליב אַ דערקלערונג, וואָס ד״ר זשיטלאָווסקי האָט דאַן געמאַכט פאַר אַ גרופּע חברים, מיך איינגעשלאָסן.

„חברים — האָט ער געזאָגט — איך פאַרזיכער אייך, אַז ווען עס וועלן צוקומען נאָך 50 טויזנט אייראָפּעיִשע יידן אין ארץ־ישׂראל, וועלן זיי אַראָפּשווענקען אייער עברית, אַז עס וועט פון אים קיין זכר ניט בלייבן״. דערביי האָט ער צוגעגעבן נאָך אַ השערה: „ליידער״ — האָט ער געזאָגט — „זע איך ניט, וואָס זיי קענען דאָרטן טאָן. ניטאָ מער קיין פּלאַץ פאַר נאָך 50 טויזנט יידן אין אייער ארץ־ישׂראל״.

אַז ביידע השערות האָבן זיך אַרויסגעשטעלט צו זיין פאַלש, דאַרף היינט ניט

אונטערגעשטראָכן ווערן. עס זיינען צוגעקומען מער ווי אַ מיליאָן נייע יידן; עס זיינען אויך צוגעקומען הונדערטער טויזנטער אין ארץ־ישראל געבוירענע יידן און זיי האָבן געפונען געגוג פּלאַץ פאַר זיך. זיי גרייטן אַפילו צו פּלאַץ פאַר נאָך מיל־יאָנען. און עברית איז אויך חלילה ניט אַראָפּגעשוועגקט געוואָרן. פּונקט פאַרקערט — עברית ווערט כסדר מער אַנטוויקלט, מער פאַרטיפט און מער פאַרפלאַנצט אין לאַנד. אָבער ווי אַזוי איז עס פאַרט געשען? קיינער לייקנט דאָך ניט, אַז די יידישע מאַסן האָבן אין יענער עפּאָכע גערעדט יידיש. און נאָך איידער דער גרויסער חורבן איז אויף אונדז געקומען, איז שוין דאַן פעסטגעשטעלט געוואָרן די געוואַלדיקע אַנטוויקלונג דווקא פון עברית אין ארץ־ישראל.

דאָס איז איינער פון די קלאָרע רמזים, דורך וועלכע עס רעדט צו אונדז דער שׂר האומה. ווען דאָס יידישע פאָלק איז געשטאַנען פאַר דעם אויסוואַל פון אַ שפּראַך פאַר זיין אייגענער מדינה, האָט זיין געניוס אים אונטערגעזאָגט — עברית. ווייל אין אים איז אויפגעזאַמלט געוואָרן דער מאַקסימום פון זיינע אייגנאַרטיקע יצירות. דאָס באַנייטע פאָלק אינעם אַלט־נייעם לאַנד דאַרף פאַר זיך עפענען אָט דעם שפּראַך־אוצר. אַזוי האָט עס געהאַנדלט, טראָץ דעם, וואָס יידיש איז דאָך גערעדט פון גרעסטן טייל פון פאָלק.

אָבער דער זעלביקער געניוס פון יידישן פאָלק קען און וועט אויך ניט מוותר־זיין אויף דעם צווייטן אוצר, וואָס דאָס זעלביקע פאָלק האָט אויפגעזאַמלט אין יידיש. דער שׂר האומה, וואָס רעדט דורך דער יידישער געשיכטע, מוז אויך געפינען דעם וועג ווי אַזוי אויך אָט דעם אוצר אויפצוהיטן און אַריינפלאַנצן אים אין דעם ווייטערדיקן גאַנג פון דער פאָלקס־קולטור. איך בין זיכער, אַז פאַר די וויכטיקסטע אוצרות, וואָס זיינען אויפגעזאַמלט, און וואָס ווערן עד היום נאָך צוגעטראָגן, צו דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור, וועט אַזאַ וועג געפונען ווערן. מיר שיינט אַפילו, אַז מען קען שוין דערבליקן דעם רמז אויף דעם, כאָטש ער איז נאָך ווייט ניט אַזוי בולט, ווי דער, וואָס די געשיכטע האָט שוין פעסטגעשטעלט בנוגע עברית. אויף אָט דער באַזע זיינען אויפגעשטעלט די דריי לעצטע הנחות, וואָס איך האָב אויבן פאָרמולירט.

*

איך נויטיק זיך ניט אין ווייטערדיקע באַגרינדונגען פאַר דער הנחה, אַז העב־רעיִש דאַרף בלייבן און בלייבט די נאַציאָנאַלע שפּראַך פון דער מדינה. פון דעם אויבנגעזאָגטן איז קלאָר, פאַר וואָס יידיש טאָר ניט באַטראַכט ווערן אין מדינת ישראל ווי אַ „פרעמדע" שפּראַך, נאָר ווי אַ טייל פון דער פאַרצווייגטער יידישער קולטור. אין מיין לעצטער הנחה, אַז די האָפענונג פאַר דער יידישער שפּראַך און איר ליטעראַטור זע איך מער אין מדינת ישראל, ווי אין די גלות־לענדער, ליגט, נאָך מיין מיינונג, סיי דער היסטאָרישער רמז, סיי די מעגלעכקייט צו געפינען אַן אויס־וועג פאַר אונדזער נאַציאָנאַלן פּראָבלעם, וואָס רופט זיך — די שפּראַכן־פראַגע. זי פאַרדינט אַ טיפערן אַריינבליק.

*

אַז די שאַפונגען אין יידיש האָבן געפונען אין מדינת ישראל אַן אָרט פאַר

ווייטערדיקער אַנטוויקלונג, זעט שוין היינט יעדערער. פאַראַן נאָך מן הסתם עקס־טרעמע העברעיסטן, וואָס זיינען ניט שטאַרק צופרידן פון אָט דער דערשיינונג. אָבער אַ גרויסער טייל פון דער ישראל־באַפעלקערונג נעמט עס אָן — ווי מיר שיינט — מיט צופרידנקייט. דערביי ווייס איך, אַז דער סאַמע גרעסטער טייל פון דער ישראל־יוגנט באַציט זיך צו דעם מיט גלייכגילטיקייט. זיי האָבן נאָך ניט דערבליקט דעם היסטאָרישן רמז, אַז דווקא אין ישראל וועט סוף־סוף געפונען ווערן דער וועג, ווי אַזוי צו פאַרזיכערן פאַר דער געזאַמטער פאָלקס־קולטור יענע פון אירע אוצרות, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אין יידיש.

דערמיט איז ניט געמיינט די איבערזעצונגען פון וויכטיקע יידיש־ווערק אין עברית. אָט דער פּראָצעס וועט אויך אָנגיין. דערמיט ווערט אָבער אויך ניט געמיינט, אַז מדינת ישראל וועט ווערן צוויי־שפּראַכיק. דאָס איז אַן אילוזיע, פון וועלכער עס דאַרפן זיך באַפרייען אַלע די, וואָס טראַכטן ערנסט וועגן דער צוקונפט פון יידיש. וואָס איך מיין דערמיט, קען פאָרמולירט ווערן אַזוי:

יידיש דאַרף — און איך בין איבערצייגט, אַז סוף־סוף וועט זי — באַקומען דעם זעלביקן סטאַטוס, וואָס אַראַמעיש פאַרנעמט אין אונדזער געזאַמטער „עברית״־קולטור. איך באַנוץ דאָ דעם טערמין „עברית״ ניט אינעם זין פון שפּראַך, נאָר אינעם זין פון דער גאַנצער קולטור, וואָס שטאַמט פון שבט „עבר״ און ציט זיך פון אברהם העברי. וואָס איז דער סטאַטוס פון אַראַמעיש אין אָט דער עברית־קולטור? — וויכטיקע ספרים פון דער אַראַמעישער ליטעראַטור זיינען פאַרבליבן, אין אָריגינאַל, טיילן פון דער עברית־קולטור. אָוודאי זוכט מען איבערצוזעצן וויכטיקע אַראַמעיש־געשריבענע ווערק אין עברית. אָבער דער אָריגינעלער „זוהר״, צום ביישפּיל, וועט קיין מאָל ניט אויסגעשלאָסן ווערן פון דער געזאַמטער עברית־קולטור, אַפילו נאָך דעם, ווי ער וועט איבערגעזעצט ווערן אין מאָדערנעם עברית. דאָס ספר „דניאל״ וועט אין זיין אָריגינאַל בלייבן אַ טייל פון תנ״ך, אַפילו נאָך דעם, ווי מען וועט עס איבערזעצן אין דעם מאָדערנסטן עברית. און די ווונדערלעכע אַראַמעיש־געשריבענע תפילות און שירים, וועלכע זיינען אַריינגענומען געוואָרן אין אונדזערע מחזורים, ווי צום ביישפּיל „אקדמות״, „יציב פתגם״, „אסדר לסעודתא״, „אתקינו סעודתא״ און פיל אַנדערע, וועלן נאָך אַלץ בלייבן אין אָריגינאַל אַ טייל פון דער אייגנאַרטיקער יידישער קולטור, וואָס איז אַריינגעבראַכט געוואָרן אין אונדזערע שבתים און יום־טובים.

איך ווייס, אַז דער קלאַנג פון אַראַמעיש, ווי די שפּראַך בכלל, איז נענטער צו עברית, ווי דער קלאַנג און די שפּראַך פון יידיש. איך מיין אָבער, אַז דער גרויסער שיר „אַקדמות״ קלינגט פאַרן ישראלדיקן צברא ניט ווייניקער אויסלענדיש, ווי — זאָגן מיר — חיים נחמן ביאַליקס „די שחיטה־שטאָט״, וואָס ער האָט אַליין געשריבן אין יידיש. אויב „אקדמות״ קען באַטראַכט ווערן ווי אַן אָרגאַנישער טייל פון דער עברית־קולטור, קען „די שחיטה־שטאָט״ אויך אַזוי באַטראַכט ווערן. דערצו פאַרלאָז איך זיך אויף דעם יידישן געניוס, אַז ער וועט אויך אונדז לערנען ווי אַזוי יידיש זאָל דערנענטערט ווערן אויך צום קלאַנג און חוש אַפילו פון דער עברית־שפּראַך.

✶

אויב דאָס קלינגט אפשר אַ ביסל צו פֿאַנטאַסטיש, איז כדאי צו ווענדן אונדזער מחשבה צום דעם, וואָס דער יידישער געניוס האָט ביז איצטער באַוויזן בקשר צו יידיש. נאָך אַלעמען שטאַמט דאָך יידיש פֿון אַ פֿרעמדער שפּראַך. אין דער גאַנצער מענטשלעכער געשיכטע זיינען פֿעלקער, וואָס האָבן איבערגענומען — אָדער עס איז אויף זיי אַרויפֿגעצוווּנגען געוואָרן — אַ פֿרעמדע שפּראַך, סוף־סוף אַסימילירט געוואָרן אינעם פֿאָלק, וועמענס שפּראַך זיי האָבן איבערגענומען. גאַנץ אַנדערש האָט דער יידישער געניוס געווירקט. ער האָט פֿון דער פֿרעמדער שפּראַך אויסגעשמידט אַ כלי פֿאַר זיין נאַציאָנאַלער אייגנאַרטיקער יצירה, וואָס האָט — להיפּוך צו אַנדערע פֿעלקער — אים גאָר געשטאַרקט אין נאַציאָנאַלן קיום. יידיש איז געוואָרן איינע פֿון זיינע שטאַרקסטע וואָפֿן קעגן אַסימילאַציע.

ווי אַזוי קען אַזאַ דערשיינונג דערקלערט ווערן? נאָך מיין מיינונג — נאָר דורך דעם, וואָס יענער שטאָף פֿון אונדזער יידישער אייגנאַרטיקייט, וועלכע מיר האָבן אין זיך קולט געווען טאַקע אָנהייבנדיק פֿון אברהם העברי, דורך דעם מעמד הר סיני, דורך אונדזערע נביאים, דורך אונדזערע יצירה־כּוחות, און זיינען גענערירט געוואָרן אין אונדז לעבנדיק אין ארץ־ישראל — אָט די אַלע שטאָפֿן האָבן אין זיך געהאַט אַזאַ כּוח, וואָס האָט אונדז שפּעטער מעגלעך געמאַכט אַלע ווייטערדיקע יצירות אין אַלע גלותן, און צווישן דעם אַלעמען האָט ער אונדז אויך מעגלעך געמאַכט צו פֿאַרוואַנדלען יידיש אין אַזאַ אומגעהויערן נאַציאָנאַלן פֿאַנצער פֿאַר אונדזער קיום.

איך מיין, אַז אָט די היסטאָרישע פֿאַקטן, וואָס קיינער קען זיי ניט לייקענען, זיינען מער פֿאַנטאַסטיש, ווי די דערוואַרטונג, אַז אָט די זעלביקע כּוחות זאָלן פֿאַר אונדז אויספּלאַסטערן דעם וועג, אָפּצוראַטעווען פֿאַר אונדזער געזאַמטן קולטור־אוצר יענע עשירות, וואָס יידיש פֿאַרמאָגט.

*

איך גלייב דעריבער באמונה שלימה, אַז עס וועט קומען אַ טאָג, ווען די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון פֿילע גייסט־מענטשן אין אונדזער מדינה וועט זיך אַ קער טאָן אין אָט דער ריכטונג. עס וועט קומען אַ טאָג ווען אונדזער מדינה וועט ניט זיין אַזוי אַרומגערינגלט פֿון געפֿאַרן פֿון דרויסן און די ישראל־פֿירערשאַפֿט וועט זיך קענען מער פֿאַרטיפֿן אין די קולטור־פּראָבלעמען פֿון יידישן פֿאָלק, וועט דאַן אפשר באַשטימט ווערן אַ ספּעציעל מיניסטעריום, וועמענס אויפֿגאַבעס עס וועט זיין — צווישן אַנדערע גרויסע קולטור־אויפֿגאַבן — צו מאַכן אַן אָפּקלייב פֿון דעם געשאַפֿענעם אוצר אין יידיש — און עס וועט זיין זייער פֿיל וואָס אָפּצוקלייבן, ווייל דער פֿאַרמעגן איז זייער גרויס — און וועט דאָס אָפּגעקליבענע אַרייננעמען אין דער עברית־קולטור, ווי אַן אָרגאַנישער טייל אירער. דער געזאַמטער עברית־קולטור וועט דורך דעם צוקומען אַ גרויסער צוגאָב־אוצר פֿון יידישע יצירות. די יצירות גופא וועלן געראַטעוועט ווערן פֿון פֿאַרגעסן ווערן און יידישע דורות וועלן נאָך לאַנג קענען טרינקען פֿון אָט דעם קוואַל.

ווייס איך, אַז כדי עס זאָל כדאַי זיין אויפֿצוהאַלטן אָט די יידישע אוצרות אין אָריגינאַל, דאַרף מען אויך דערציִען לייענער פֿאַר אָט די אוצרות. מיין איך טאַקע, אַז צוליב דעם דאַרף יידיש געלערנט ווערן אין די מיטלשולן פֿון מדינת ישראל.

זי טאָר ניט געלערנט ווערן בלויז ווי נאָך אַן אויסלענדישער שפּראַך — אַ שפה לועזית — זי מוז געלערנט ווערן ווי אַ טייל פון דער געזאַמטער עברית־קולטור. זי וועט זיך קיין מאָל ניט דאַרפן און ניט קענען פאַרמעסטן צו פאַרנעמען דאָס אָרט פון דער שפּראַך עברית. עס וועט אָבער דערצויגן ווערן אַ קרייז פון ישראל־בירגער, וועלכע וועלן זיך מיט איר באַנוצן. יידישע קינסטלער, וועלכע שאַפן אין יידיש גרייטן צו, נאָך מיין טיפסטער איבערצייגונג, גייסטיקע שפּייז פאַר אָט יענע ישראל־קרייזן, אין צוגאָב, באַטירלעך, צו יענע קרייזן, וואָס לייענען איצטער, און אויך נייע קרייזן פון יוגנט, וואָס וועלן לייענען יידיש און געניסן פון אירע יצירות. פאַר די יידיש־קינסטלער, וואָס מאַטערן זיך אַליין מיט דער פראַגע: „למי אני עמל״ — פאַר זיי וועט די וויטערדיקע יידישע געשיכטע די פראַגע פאַרענטפערן בעיקר דורך דעם ישראל־קרייז־לייענער, וואָס וועלן דערצויגן ווערן. איך בין זיכער, אַז אויב דאָס, וואָס איך האָב דאָ אָנגעצייכנט, וועט באמת געשען אין ישראל, וועט עס האָבן אַ השפעה אויך אויף דער דערציִונג פון יידישער יוגנט אין אַלע גלותן, בעיקר אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

✶

איך ווייס, אַז איך האָב אָנגעוואָרפן קאָמפּליצירטע ענטפערס צו אונדזער קאָמפּליצירטער שפּראַכן־פראַגע. איך ווייס אָבער אויך, אַז קיין גרינגע ענטפערס זיינען ניטאָ. פאַר יידן אין דער מדינה וועלן די אויפגאַבן אפשר גאָר ניט זיין אַזעלכע שווערע, נאָך דעם ווי די פּסיכיש־איינגעשטעלטע דאָגמאַטיק וועט אַרום אָט דער פראַגע אַ ביסל באַזייטיקט ווערן. פאַר די יידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן זיינען די קאָמפּליקאַציעס פיל גרעסערע. אויף איניקע פון זיי האָב איך פריִער אָנגעוויזן. עס קומט צו נאָך אַ שוועריקייט: מען דאַרף לערנען די קינדער גאַנצע דריי שפּראַכן. און אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וועמענס באַפעלקערונג איז, אין איר גרויסער מערהייט, איינשפּראַכיק, איז אַוודאי שווער צו גיין קעגן אָט דער מענטאַליטעט. אָבער איך קען אויך בנוגע דער שפּראַך־פראַגע זאָגן, אַז אויב מיר שפּילן זיך ניט מיט אונדזערע קלאָגן קעגן דער אַסימילאַציע, וואָס פאַרפּלייצט אונדז, דאַן מוזן מיר אויפשטעלן דאַמבעס קעגן איר. און די ספּעציעלע יידישע שפּראַכן זיינען גאָר וויכטיקע דאַמבעס קעגן אַסימילאַציע.

איך דערלויב זיך, צום סוף, נאָך איין באַמערקונג: דאָרטן ווו עס ווערט באַשאַפן אַ צושטאַנד, אַז פון די צוויי יידישע שפּראַכן מוז אין דער דערציִונג פון אונדזערע קינדער אויסגעקליבן ווערן איינע, בין איך זיכער, אַז די איינע מוז זיין עברית. איך גלייב, אַז די באַגריינדונג דערצו איז שוין אויבן געגעבן געוואָרן.

✶

און אויב דער „נעאָ־בונדיזם״ פון ד״ר עמנואל פּאַט וועט זיך רעכענען מיט אַלע געדאַנקען און פאַקטן, וואָס איך האָב אין אָט דער אַרבעט געבראַכט, אַפילו ווען ער וועט מיט אַ סך פון זיי ניט מסכים זיין, און צו טייל פון זיי געבן אַן אַנדער אויסטייטש, וועט אויך ער האָבן צוגעטראָגן אַ וויכטיקן באַשטייער צו פאַרענטפערן אַלע יענע פראַגן, וואָס דער יונגער בעל־מחשבה האָט אין זיין רעפעראַט אַרויסגעבראַכט.

דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל קומט קיין חיפה

(געשריבן אָנהייב אַפּריל 1960)

סוף אַפּריל 1960 וועט אין חיפה פּאָרקומען אַ סעסיע פון וועלטראַט פון סאָ־ציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. די ישראלדיקע אַרבעטערשאַפט, בעיקר מפא״י, גרייט זיך צו געבן די פירער פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל אַ גאַר־געהוי־בענעם קבלת־פּנים.

דאָס איז די ערשטע סעסיע פון אַ צענטראַלן אָרגאַן פון סאָציאַליסטישן אינ־טערנאַציאָנאַל, וואָס ווערט אָפּגעהאַלטן נישט אין אייראָפּע; און פאַר דער ערשטער סעסיע מחוץ פון אייראָפּע האָט די סאָציאַליסטישע וועלט־פירערשאַפט אויסגעקליבן דווקא מדינת ישראל.

*

וואָס פאַר אַ באַדייטונג האָט אין דער איצטיקער תקופה דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל? ווער וועט זיך צו אים צוהערן אין דעם געפעכט פון די איצטיקע פּאָליטישע ריזן?

אויף דעם איז מיין ענטפער: די ווייטערדיקע געשיכטע פון דער מענטשהייט וועט זיך מוזן צו אים צוהערן! אויפן גאַנצן האָריזאָנט פון מענטשלעכן סאָציאַלן געדאַנק זעט זיך ניט קיין אַנדער אויסוועג פאַר דער מענטשהייט פון אַלע אירע איצטיקע פּחדים, ווי דער פרייער, דעמאָקראַטישער סאָציאַליזם. די מענטשהייט מוז זיך באַפרייען סיי פונעם סאָוועטישן אָדער כינעזישן דיקטאַטור־קאָמוניזם און סיי פון צפון־אַמעריקאַנישן קאַפּיטאַליזם. די אַטאָמישע באָמבע, אָדער אַנדערע נאָך געפערלעכערע פאַרניכטונגס־וואָפן, טראָגן אין זיך צוויי פּחדים. דער ערשטער פּחד איז: פולשטענדיקע פאַרניכטונג פון דער גאַנצער מענטשהייט. דער צווייטער פּחד איז, אַז איינעם פון די צוויי כוחות וועט געלינגען אַרויפצוצווינגען אויף דער מענטש־הייט די מאַכט: אָדער פון דיקטאַטאָרישן קאָמוניזם, אָדער פון קאַפּיטאַליזם. אויב איינער פון זיי וועט מנצח זיין — און עס וועט נאָך איבערבלייבן אַ שארית־הפליטה פון דער מענטשהייט נאָך די חורבנות וואָס אַזאַ מלחמה מוז ברענגען — ווער ווייסט, ווי לאַנג אַט־די צוואַנגס־מאַכט וועט באַהערשן די לעבנסגעבליבענע מענטשהייט. אַט דער צווייפאַכיקער פּחד, וואָס מוז איצט באַהערשן דעם מענטשן, קען אָבער אויך ווירקן קאָנסטרוקטיוו־שעפעריש. דער מענטש קען זיך אָננעמען מיט מוט און ניט דערלאָזן צו דיביידע אויסגאַנגס־פּונקטן. ער מוז אָבער געפינען אַן אַנדער אויסגאַנג פון ביידע פּחדים. דאַן מוז ער זיך אָנשטויסן אין דעם איינציקן אויסוועג, וואָס קען ראַטעווען פון ביידע סכנות — דער פרייער, דעמאָקראַטישער סאָציאַליזם.

אויסער דער אַטאָמישער באָמבע, אָדער אַנדערע טייוול־געווערן, רוקט זיך אויף דער מענטשהייט נאָך אַ גרויסע סכנה, וואָס נאָר דער פרייער סאָציאַליזם קען ווערן אַ דאַמבע זי אָפּצוהאַלטן. די מענטשהייט קען אויך חרוב ווערן דורך אַ טאָטאַלן אויפשטאַנד מצד יענעם טייל אירן, וואָס פאַרמאָגט אַזוי ווייניק, קעגן דעם צווייטן

טייל, וואָס פאַרמאָגט אַזוי פיל. דאָס איז אַ פיל־געפערלעכערע מלחמה ווי דער קלאַסן־קאַמף אין יעדער מדינה. די אויפגעוואַכטע פעלקער אין אַזיע און אַפריקע וועלן זיך אין מיטן וועג ניט אָפּשטעלן. זייער דראַנג צו אַ גלייך לעבן מיט די פעלקער פון די אַנדערע קאָנטינענטן וועט מען מיט קיין באַמבעס פון זייערע הערצער ניט אַרויסרייסן. דעריבער מוזן די פירער פון די גרויסע פעלקער געפינען דעם וועג, ווי אַזוי צו פאַרשיטן דעם עקאָנאָמישן און סאָציאַלן תהום צווישן די צוויי טיילן פון דער מענטשהייט. אָט דעם תהום קען ניט פאַרשיטן דער קאַפּיטאַליזם, ווייל ער איז איינער פון די הויפּט־פאַקטאָרן, וואָס האָט אים אויסגעגראָבן. דעם דאָזיקן תהום קען אויך ניט פאַרשיטן דער דיקטאַטאָרישער קאָמוניזם, ווייל זיינע אַפּעטיטן זיינען איינצושלינגען פעלקער און לענדער און זיי אונטעריאָכן. עס קען אָט דעם תהום פאַרשיטן בלויז דער פרייער, דעמאָקראַטישער סאָציאַליזם, וועלכער זוכט אויס־צוגלייכן די קרומקייטן אינעם ווירטשאַפטלעכן און סאָציאַלן לעבן; ער זוכט גלייכע מעגלעכקייטן פאַר יעדן יחיד, ווי אַ יחיד, און יעדעס פאָלק, ווי אַ פאָלק.

ווי שנעל די מענטשהייט וועט אַרויפטרעטן אויף דעם דאָזיקן וועג, קען נאָך היינט קיינער ניט וויסן. מיר שיינט, אַז אויף די באַגעגענישן פון די שפּיצן פון די צוויי גרויסע בלאָקן, וואָס פירן איצט די קעגנזייטיקע מלחמה, וועט מען סוף כל סוף מוזן אָנהייבן זוכן דעם דאָזיקן אויסגאַנגס־פּונקט. איך מיין ניט, אַז די מענטשהייט וועט קענען פאַרענדיקן דעם 20סטן יאָרהונדערט, ניט האָבנדיק געפונען דעם אויס־גאַנג פון די אַלע פּחדים וועלכע זיינען באַפאַלן די וועלט.

אָבער אויב און ווען די שפּיצן־קאָנפערענצן וועלן זיך דערצו דעררייכן — מוז איבערגעלאָזט ווערן צו זיי אַליין. די פירער פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם דאַרפן זיכער האָבן פאַר זייערע אויגן אָט דעם געשיכטלעכן קאָמפּאַס און לויט אים פירן זייער מחשבה. אויב היינט זעט אָט־די מחשבה אפשר אויס ווי אַ זייטיקער געדאַנקען־גאַנג, וואָס ליגט דערווייל ניט אויפן ברייטן שליאַך פונעם איצטיקן קאַלטן קריג, וועט זיין צייט קומען מאָרגן. עס איז די געשיכטלעכע שליחות פון סאָציאַליס־טישן אינטערנאַציאָנאַל צו קולטיווירן אָט דעם געדאַנק און זוכן אים ביסלעכווייז אַריינצופלאַנצן אין מוחות פון וואָס מער מענטשן פון אַלע פעלקער און פון אַלע קאָנטינענטן. סוף כל סוף וועט אָט דער געדאַנק ברענגען דער מענטשהייט איר גאולה סיי פון דער קאַפּיטאַליסטישער פאַרשקלאַפונג און סיי פון דער ווילדער, קאָמוניסטישער דיקטאַטור.

אָט דערפאַר וועלן מיר זיך מיט טיפן נייגער צוהערן צו דעם, וואָס דער וועלט־ראַט פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל וועט זאָגן דער מענטשהייט אין זיין סעסיע אין חיפה.

*

דער צווייטער, דער יידישער פּונקט, איז, אייגנטלעך, נאָך מער באַגרענעצט. ער נעמט אַרום נאָר די יידיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג. בעיקר טאַקע דעם סאָציאַ־ליסטישן ציוניזם. דער עצם־פאַקט פון אָפּהאַלטן אַ סעסיע פון הויפּטראַט פון סאָציאַ־ליסטישן אינטערנאַציאָנאַל אין מדינת ישראל, רופט אַרויס אין מענטשן פון מיין דור זכרונות וועגן די פּרוון וואָס דער פּועלי־ציוניסטישער פאַרבאַנד־ביוראָ האָט

געמאַכט מיט 45 יאָר צוריק זיך צו פֿאַרבינדן מיטן סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. נאָך שאַרפֿער קומט יענע פּרשה אויפֿן זכרון, ווען מען ווייסט, אַז אין דער איצטיקער סעסיע וועט זיך אויך באַטייליקן דער אַלטער בעלגישער סאָציאַליסט, קאַמיל האַוזמאַנס, וועלכער האָט געשפּילט גאָר אַ וויכטיקע ראָלע אין יענעם קאַפּיטל געשיכטע, סיי פֿון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל און סיי פֿון אונדזער אייגענער באַוועגונג.

ס'איז כדאַי צו פֿאַרצייכענען די שטעלונגען פֿון דריי פֿאַקטאָרן אין יענעם קאַפּיטל געשיכטע: א) די פֿירערשאַפֿט פֿון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל; ב) דער „בונד" און ג) אונדזער אייגענע באַוועגונג. מען דאַרף דערביי געדענקען, אַז אַלע דריי פֿאַקטאָרן האָבן דאַן גאַנץ אַנדערש אויסגעזען ווי איצט.

דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל איז דאַן געווען אין זײַן העכסטן גלאַנץ. דער באָלשעוויזם האָט זיך דאַן ערשט אויסגעפּיקט ווי אַ סעקציע אין דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. ער איז נאָך ניט אַרויפֿגעטראָטן אויף דער וועלט־אַרענע; ער האָט נאָך ניט באַוויזן צו פֿאַרשמירן דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק מיט בלוט; ער האָט נאָך ניט באַוויזן צו צעברעכן און צו צעברעקלען די סאָציאַליסטישע וועלט־באַוועגונג. עס האָט נאָך דאַן געטליעט אין אַ סך הערצער די האָפֿענונג, אַז דווקא אים, דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, וועט געלינגען אָפּצושטעלן די ערשטע וועלט־מלחמה, וועלכע האָט דאַן זיך ערשט גענומען פֿונאַנדערפֿלאַקערן. אָט די האָפֿענונג איז צעשטערט געוואָרן דורך דער דעמאָלטיקער דײַטשער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וועלכע איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין פּונקט אַזאַ פּראָ־מלחמה פּאַרטיי, ווי די אַנדערע ניט־סאָציאַליסטישע דײַטשע פּאַרטייען. די פֿולע טראַגיק פֿון דער דערשײַנונג איז אָבער קלאָר געוואָרן אַ ביסל שפּעטער. בשעת אונדזער מעמאָראַנדום — חבר שלמה קאַפּלאַנסקי ע"ה איז געווען דער מחבר — איז צוגע־שטעלט געוואָרן צום אינטערנאַציאָנאַל, האָט דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל נאָך ניט געהאַט באַקומען אָט די שווערע פּאָליטישע קלעפּ.

האָט אָבער דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל, לויט זײַן אָרגאַניזאַציע־סטאַטוס, געגעבן רעפּרעזענטאַנץ נאָר צו לענדער און ניט צו פֿעלקער. אַפֿילו דער „בונד", וואָס קיינער האָט זײַן סאָציאַליזם ניט אָפּגעפֿרעגט, האָט באַקומען רע־פּרעזענטאַנץ אין די אָרגאַנען פֿון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל נאָר ווי אַ טייל פֿון דער אַלרוסלענדישער, סאָציאַליסטישער דעלעגאַציע. אים, דעם „בונד", האָט דער אָרגאַניזאַציע־סטאַטוס פֿון אינטערנאַציאָנאַל ניט געשטערט. ער האָט זיך אַליין באַגרענעצט געאָגראַפֿיש צו רוסלאַנד. ער איז געווען „דער יידישער אַרבעטער־בונד פֿון רוסלאַנד, ליטע און פּוילן", וואָס אַלע דריי זײַנען געווען טיילן פֿון איין מדינה — פֿון רוסלאַנד. אָבער די פּועלי־ציון איז שוין דאַן געווען אַ וועלט־באַוועגונג. זייער געאָגראַפֿיע איז געווען: דאָס יידישע פֿאָלק אומעטום וווּ עס עקזיסטירט. האָבן מיר, פּועלי־ציון, טאַקע געזוכט צו ענדערן די באַרימטע סאָציאַליסטישע לאָזונג: „אַרבע־טער פֿון אַלע לענדער פֿאַראייניקט אייך!" מיר האָבן זי געזוכט צו קאָרעגירן זי זאָל זיך לייענען: „אַרבעטער פֿון אַלע פֿעלקער פֿאַראייניקט אייך!" אָבער קיינער, אויסער אונדז, האָט אָט דעם קאָרעגירטן נוסח ניט אָנגענומען.

איז דאָן אויפגעקומען דער געדאַנק (איך ווייס ניט, צי די איניציאַטאָרן דערפון זיינען געווען אונדזערע חברים, אָדער אונדזערע פריינד אין דער פירערשאַפט פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל) מיר זאָלן פאַרלאַנגען אָנערקענונג פאַר אונדזער ארץ־ישראלדיקער פּאַרטיי, וועלכע איז דאָן געווען גאַנץ קליין, ווי די סאָציאַליסטישע רעפּרעזענטאַנץ פון פּאַלעסטינע. דורך איר זאָלן זיין איינגעשלאָסן אינעם סאָצ. אינטערנאַציאָנאַל אַלע אָרגאַניזירטע פּועלי־ציון פון דער גאָרער וועלט.

✶

דער „בונד", וואָס איז דאָן געווען אַ זייער מעכטיקע מאַסן־פּאַרטיי אין דעמאָלטיקן זעקס מיליאָניקן רוסישן יידנטום, האָט בשום אופן ניט געוואָלט צולאָזן קיין קאָנקורענטן צו אים אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. דאָ, אויף אָט דעם שטח, האָט ער אויסגעשפּילט אין פולן זיין אַמביציע אָנערקענט צו ווערן ווי „דער איינציקער פאָרשטייער פון יידישן פּראָלעטאַריאַט". ער איז אין דעם שטאַרק אַרויסגעהאָלפן געוואָרן דורך געוויסע סאָציאַליסטישע פירער (בעיקר, יידן!), וועלכע האָבן אפילו ניט פאַרטראָגן דאָס יידיש־נאַציאָנאַלע פּראָגראַם פון „בונד". זיי האָבן געהאַלטן, אַז יידן־סאָציאַליסטן דאַרפן, ווי יחידים, זיך אָנשליסן אין די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון די לענדער, אין וועלכע זיי לעבן; זיי דאַרפן ניט זוכן אויפצושטעלן קיין באַזונדערע יידיש־סאָציאַליסטישע ראַמען. זיי פערזענלעך האָבן טאַקע אַזוי געהאַנדלט. אַזעלכע זיינען געווען סיי אין דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי און סיי אין דער רוסישער סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי. אַזעלכע זיינען אַפילו געווען אין דער פּוילישער „פּ. פּ. ס.", די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, וועלכע האָט דווקא פאַרן פּוילישן פאָלק יאָ פאָרמולירט נאַציאָנאַלע פאָדערונגען. אָט די אַלע זיינען געווען שאַרפע קעגנער פון צולאָזן די פּועלי־ציון צום סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. זיי האָבן דעם ציוניזם באַקעמפט מיט אַלע זייערע כוחות. אין די פּועלי־ציון האָבן זיי געזען נאָר אַ באַוועגונג, וואָס פאַרטונקלט דעם קלאַסן־באַוווסטזיין פון די יידישע אַרבעטער. אין דעמאָלטיקן סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל האָבן אָט די יידן־סאָציאַליסטן אויסגעאיבט אַ גרויסן איינפלוס.

אָבער אויך אין אונדזערע אייגענע קרייזן האָבן ניט אַלע שלום געמאַכט מיטן געדאַנק אַריינצוטרעטן אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל דורך דער ארץ־ישראלדיקער פּאַרטיי. בעיקר האָבן עס ניט גרינג אַראָפּגעשלונגען אונדזערע חברים אין אייראָפּע. אמת, אויך זיי האָבן איינגעזען די צוויי וויכטיקע מאָטיוון פאַר דעם געדאַנק. ערשטנס, איז אין דעם געווען אַ רמז פון גרויסער היסטאָרישער און פּאָליטישער באַדייטונג. דאָס וואָלט געהייסן, אַז דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל אָנערקענט די פאַרבינדונג פון יידישן פאָלק מיט פּאַלעסטינע עד כדי כך, אַז ער באַטראַכט די דאָרטיקע יידישע סאָציאַליסטן — קיין אַנדערע זיינען ניט געווען — ווי די פאָרטרעטער פון לאַנד פּאַלעסטינע. דאָס האָט זייער שטאַרק געלאָקט. צווייטנס, איז עס די פּועלי־ציון, וועמענס סאָציאַליזם דער „בונד" האָט אָפּגעפרעגט, זייער שטאַרק אין לעבן געגאַנגען צו קריגן אַזאַ אָנערקענונג מצד סאָציאַליסטישע וועלט־פירער. יעדער אויסדרוק פון אַ סאָציאַליסטישער פיגור לטובת אָנערקענען די פּועלי־ציון האָט שטאַרק דערמונטערט. עד היום איז אין אונדזערע אַלעמענס

הערצער געבליבן אַ געוואַלטיקע ליבשאַפט צו דעם אויבנדערמאָנטן קאַמיל האָוז־מאַנס, ווייל ער איז געווען איינער פון די קעמפער פאַר אונדז.

פון דער צווייטער זייט זיינען געווען וואַגיקע מאָטיוון קעגן דעם געדאַנק. אין יענער צייט האָט סיי ווי געהערשט אַ געשפּאַנטע באַציִונג צווישן אונדזערע ארץ־ישראלדיקע חברים און די אייראָפּעיִשע מיטגלידער פון „פאַרבאַנדס־ביוראָ״. פאַר אונדזערע ארץ־ישראלדיקע חברים איז געווען שווער זיך צוצוגעוווינען צו שטיין אונטער דעם דיסציפּלין פון אַ וועלט־באַוועגונג, און פאַר די פירער פון פאַרבאַנדס־ביוראָ איז געווען פונקט אַזוי שווער מסכים צו זיין, אַז די ארץ־ישראלדיקע פּאַרטיי זאָל האָבן אַ פּריווילעגירטן סטאַטוס אין וועלט־פאַרבאַנד, אַנדערש און מער זעלב־שטענדיק ווי דער סטאַטוס פון די פּועלי־ציון־פּאַרטייען אין אַנדערע לענדער. און אָט אַנטשטייט אַ צושטאַנד, ווען די ארץ־ישראל פּאַרטיי ווערט דערהויבן צו אַ מדרגה, וואָס די גאַנצע וועלט־באַוועגונג וועט זיך מוזן באַטראַכטן ווי אָנגעשלאָסן גאָר אין איר. דעריבער האָט דער פאָרשלאָג אָנערקענט צו ווערן אין אינטערנאַציאָנאַל אַרויסגערופן געמישטע געפילן.

*

סיי ווי: צו קיין ממשותדיקע רעזולטאַטן האָט עס ניט געפירט. באַלד זיינען געקומען די ערשטע קלעפּ אויפן סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל דורך דער האַנד־לונג פון דער דייטשער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין דער מלחמה־פּראַגע. גאָר גיך האָט די ערשטע רוסישע רעוואָלוציע דערהויבן אויף איר כוואַליע די פּאַרטיי סאָ־ציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן; עטלעכע חדשים שפּעטער איז געקומען דער געוואַלט־אַקט פון די באָלשעוויקעס, מיט לענינען בראש, וועלכע האָבן מיט כוח צעטריבן די געזעצלעך־געוויילטע אַלרוסישע גרינדונגס־פאַרזאַמלונג. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער בלוטיקער צוג פון דער קאָמוניסטישער דיקטאַטור. אין אָט דעם שטורעם האָט צוזאַמענגעבראָכן דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל. אויך אַלע יידישע סאָ־ציאַליסטישע פּאַרטייען זיינען צעבראָכן געוואָרן. שפּאַלטונגען זיינען אויך פאָרגע־קומען אין די פּועלי־ציון־רייען. אָפּט האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אָט דער בלוטיקער שטראָם וועט אַלץ אַראָפּשווענקען. ניט דאָ איז דאָס אָרט ווייטער צו ציִען די אַנט־וויקלונגען אין וועלט־סאָציאַליזם. אונדז האָבן די אַנטוויקלונגען במשך די פאַרגאַנ־גענע 45 יאָר געבראַכט סיי דעם גרעסטן חורבן פון אונדזער מיט־חורבנות־פולער געשיכטע, סיי די גרעסטע נאַציאָנאַלע דערגרייכונג — דאָס אויפשטעלן פון דער מדינה. און איצט, נאָך אָט די אַלע אַנטוויקלונגען, האָבן מיר דערלעבט אַזאַ אייגנ־אַרטיקע פּאַסירונג, ווי אַ סעסיע פון דעם ראַט פונעם ניי־אויפגעלעבטן סאָציאַ־ליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, אָפּגעהאַלטן אין דער מדינה, וואָס איז אויפגעבויט גע־וואָרן בעיקר דורך די כוחות, וועלכע עס האָט מאָביליזירט די אויסגעלאַכטע ציו־ניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג פון יענע יאָרן!

אויך אַ פאָרטרעטער פון „בונד״ וועט זיך באַטייליקן אין אָט דער סעסיע פון וועלט־ראַט. ניט צוליב היסטאָרישן פּאָלעמישן חשבון מיטן „בונד״ ווערן געזאָגט די קומענדיקע שווערע ווערטער. פאַרקערט, מיין גאַנצער געמיט פּראָטעסטירט יעדעס מאָל ווען איך שטויס זיך אָן מצד וועמען עס איז פון אונדז, אויף אַזאַ היסטאָרישן

חשבון מיטן „בונד". די קומענדיקע ווערטער ווערן בפירוש געזאָגט מיט אַ ציל, אַז דווקא מיר זאָלן זיך טיפער פאַרטראַכטן וועגן דעם גורל, וואָס האָט געטראָפן דעם „בונד". די שווערע ווערטער זיינען: עס וועט זיך שטאַרק וואַרפן אין די אויגן דער בידנער פּלאַץ, וואָס דער „בונד" וועט פאַרנעמען אויף אָט־דער סעסיע אין פאַרגלייך מיט דעם פּלאַץ, וואָס עס וועלן אויף איר פאַרנעמען סיי מפא"י, סיי דער איחוד עולמי און סיי אפילו אונדזער פּרויען־באַוועגונג. איך טראַכט שוין לאַנג וועגן איניציאַטיווּעס וואָס אונדזער באַוועגונג, בעיקר אין די פאַראייניקטע שטאַטן, דאַרף ערשט איצט אונטערנעמען, בכדי צו ראַטעווען דאָס, וואָס עס איז היסטאָריש פאַרבליבן פון דער פּראַכט־עפּאָכע פון „בונד".

צוויי וואָכן שפּעטער האָב איך געשריבן:

די סעסיע פונעם ראַט פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל האָט זיך שוין געשלאָסן. עס זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן די וויכטיקסטע רעזאָלוציעס, וואָס די סעסיע האָט אָנגענומען. במשך די לעצטע טעג איז אויך פאַרעפנטלעכט געוואָרן דער תמצית פון די רעדעס פון אייניקע אינטערנאַציאָנאַל־פירער. און הגם די סעסיעס זיינען געווען געשלאָסענע — און דאָס האָט ניט מעגלעך געמאַכט בייצווווינען די וויכוחים וועגן אַלע פראַגן, וואָס די סעסיע האָט פאַרהאַנדלט — האָבן מיר פאַר זיך געזען אַ בילד פון די עיקר־פראַגן, מיט וועלכע די סעסיע האָט זיך באַשעפטיקט. ציניקער קענען אַלץ מבטל מאַכן: וואָס פאַר אַ באַדייטונג האָבן די רעדעס און באַשלוסן, ווען ניט זיי באַשטימען איצט וועגן וועלט־פּראָבלעמען? אויף אָט דער טענה האָב איך שוין אויבן געענטפערט. אָבער פאַר סאָציאַליסטן, וועלכע געדענקען די ראַדיקאַלע, סאָציאַליסטישע רעזאָלוציעס, סיי פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה און סיי פאַר דער צווייטער, און וואָס פון אָט די ראַדיקאַלע רעזאָלוציעס איז געוואָרן באַלד נאָך דעם ווי די מלחמות האָבן אויסגעבראָכן — פאַר אַזעלכע סאָציאַליסטן שטעלט זיך איצטער די פראַגע: וואָס וועט זיין, וואָס קען זיין דער גורל פון די רעזאָלוציעס, וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרן ביי דער איצטיקער סעסיע אין חיפה?

די דאָזיקע פראַגע איז ניט קיין אַקאַדעמישע. זי האָט אַ באַלדיקע און פּראַקטישע באַדייטונג. עס איז טאַקע אמת, אַז ניט די באַשלוסן פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל וועלן באַשטימען דעם ווייטערדיקן גאַנג פון וועלט־געשעענישן. אָבער האָבן אַ השפּעה אויף יענע פאַרומס, וווּ אָט דער ווייטערדיקער גאַנג וועט יאָ באַשלאָסן ווערן, קענען זיי יאָ. אויף דער סעסיע זיינען געווען פאַרטראַטן סאָציאַליסטישע דעלעגאַציעס פון לענדער, אויף וועמענס פּאָליטיק די סאָציאַליסטישע באַוועגונגען פון יענע לענדער האָבן גאַר אַ וואָגיקע השפּעה. די רעגירונגען פון ווייניקסטנס צוויי אַזעלכע לענדער, ענגלאַנד און פראַנקרייך, וועלן האָבן צו זאָגן זייער וואָרט אויף די שפּיצן־קאָנפערענצן. נאָך גרעסער וועט זיין זייער השפּעה אויף די באַראַטונגען פונעם מערבדיקן צד בנוגע פאָרמולירן די שטעלונג, וואָס ער זאָל אָננעמען אויף די שפּיצן־קאָנפערענצן. עס איז דעריבער גאָר וויכטיק, צי אָט די סאָציאַליסטישע פירער וועלן אין זייערע לענדער האַנדלען לויט די אָנגענומענע רעזאָלוציעס פון דער חיפהר סעסיע. עס איז אויך וויכטיק אַ טראַכט צו טאָן, אויב

די מאַסן, וועלכע אָט די סאָציאַליסטישע דעלעגאַציעס פאַרטרעטן, וועלן מיטגיין מיט די פירער, ווען זיי, די פירער, וועלן זוכן צו האַנדלען אין הסכם מיט די חיפהר באַשלוסן.

✶

עס איז ניט מעגלעך אין די ראַמען פון אַ קורצן אַרטיקל צו באַהאַנדלען אַלע פראַגן מיט וועלכע די סעסיע האָט זיך באַשעפטיקט, ווייל זי האָט גענומען שטעלונג צו כמעט אַלע פּראָבלעמען, וואָס מאַטערן די הייַנטיקע מענטשהייט. זי האָט פאַרמולירט דעם צוגאַנג פון פרייע דעמאָקראַטישע סאָציאַליסטן צום קאַלטן קריג, צו דיקטאַטור, צו דער דערוואַכונג פון די אַזיאַטישע און אַפריקאַנישע פעלקער, צו דעם רעכט פון אַלע וועלט־פעלקער צו אַבסאָלוטער זעלבשטענדיקייט, צו דער השפּעה, וואָס די עקאָנאָמישע קרומקייטן פונעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם מוזן האָבן אויף די אינטערנאַציאָנאַלע באַציִונגען, צום פּראָבלעם פון קעגנזייטיקער הילף, וואָס פעלקער דאַרפן געבן איינער דעם צווייטן און צו פיל ענלעכע פּראָבלעמען פון וועלט־מאַסשטאַב. זיי האָבן אויך גענומען שטעלונג צו ספּעציעלע סיטואַציעס: אַלזשיר, דער נאָענטער מזרח און אייניקע ספּעציעלע יידישע פּראָבלעמען. איך וועל זיך אין די קומענדיקע שורות באַנוגענען בלויז מיט צוויי קאָנקרעטע רעזאָלוציעס: וועגן אַטאָמישער אָנטוואָפענונג און וועגן אַלזשיר. אָט די צוויי רעזאָלוציעס באַרירן זייער שטאַרק ענגלאַנד און פראַנקרייך. אין זיי וועלן מיר פּרובירן געפינען דעם ענטפער אויף אונדזער געשטעלטער פראַגע. צום סוף וועל איך זיך קורץ באַשעפטיקן מיט די רעזאָלוציעס וואָס האָבן אַ ספּעציעל־יידישן אינטערעס.

✶

די אָנטוואָפענונגס־פּראָבלעם אינטערעסירט זיכער די גאַנצע מענטשהייט. אָבער דער אינטערעס פון ענגלאַנד און פראַנקרייך איז דאָ פיל שאַרפער און מער דירעקט, ווי דער אינטערעס פון אַנדערע לענדער — פון וואַנען עס זיינען געקומען סאָציאַליסטישע דעלעגאַציעס. נעמען מיר אַלס ביישפּיל אונדזער אייגענע מפּא״י, וואָס האָט געשפּילט אַן אָנגעזעענע ראָלע אויף דער סעסיע. מפּא״י קען מיטגיין אין דער אָנטוואָפענונגס־פּראָבלעם מיט די ראַדיקאַלסטע איינשטעלונגען. זי ווערט דורך דעם ניט באַגעגענען קיין שום שוועריקייטן אין איר מדינה. וואָס ראַדיקאַלער אַזאַ רעזאָלוציע איז פאָרמולירט און וואָס שאַרפער די פאָדערונג פאַר איר באַלדיקן אויספיר, אַלץ בעסער וועט עס זיין פאַר מדינת ישראל. אַפילו ווען עס זאָלן פּאַסירן, אַז ניט־סאָציאַליסטן וועלן פירן אונדזער מדינה, וואָלטן זיי אויך מיטן גאַנצן האַרצן געשטיצט וואָס שנעלערע און וואָס ראַדיקאַלערע אָנטוואָפענונגס־באַשלוסן. אָבער די סאָציאַליסטישע פאַרטרעטער פון ענגלאַנד און פראַנקרייך האָבן זיך ניט געפונען אין אַזאַ לאַגע, ווייל דער פּונקט פון אָנטוואָפענונג פאַרפּליכטעט זיי פיל מער; הגם אויך צווישן זיי זיינען דאָ חילוקים אין דער מאָס פון שוועריקייטן, פאַר וועלכע זיי ווערן געשטעלט.

וואָס זאָגט די אָנגענומענע רעזאָלוציע וועגן אָט דעם פּונקט? אירע וויכטיקסטע טיילן זיינען, אַז די שפּיצן־קאָנפערענץ דאַרף קודם כל זאָרגן צו פאַרזיכערן אַ הסכם בכדי אָפּצושטעלן תיכף ומיד די נייע אַטאָמישע פּרוּוון וואָס ווערן געמאַכט פון

די גרויסע פעלקער; אַז דער צווייטער עטאַפּ דאַרף זיין די פולע פאַרניכטונג פון דעם גאַנצן זאַפּאַס אַטאָמישע באָמבעס, וואָס די פעלקער פאַרמאָגן. אויך דער צווייטער עטאַפּ דאַרף דורכגעפירט ווערן וואָס שנעלער, ווייל די רעזאָלוציע ווייזט ריכטיק אָן, אַז ווען אַ גרעסערע צאָל פון נייע מדינות וועלן אָנהייבן פּראָדוצירן אַטאָמישע באָמבעס, וועט זיין פיל שווערער אויפצושטעלן אַ גוט־פונקציאָנירנדיקן קאָנטראָל־אַפּאַראַט. די רעזאָלוציע זאָגט ווייטער, אַז די רעגירונגען פון דער וועלט מוזן איינזען, אַז די אַטאָמישע אַנטוואָפענונג איז ניט עפּעס אַן אוטאָפּישער פּלאַן, וואָס דאַרף פאַרבייטן נאַציאָנאַלע פאַרטיידיקונג פון די פעלקער און דיפּלאָמאַטישע פאַרהאַנדלונגען צווישן זיי. דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל האַלט, אַז אין דור פון דער אַטאָמישער באָמבע איז אַנטוואָפענונג דער איינציקער וועג צו דערפאָלגרייכער נאַציאָנאַלער פאַרטיידיקונג פאַר אַלע פעלקער. די רעזאָלוציע שלאָגט פאָר, אַז אינדיע און כינע דאַרפן צוגעצויגן ווערן צו די 10 לענדער, וועלכע זיינען פאַרטראָטן ביי די אַנטוואָפענונג־קאָנפערענצן.

פונעם אינהאַלט פון דער רעזאָלוציע איז קלאָר פאַר וועלכע שווערע פּראָבלעמען עס וועלן שטיין די סאָציאַליסטישע דעלעגאַציעס פון ענגלאַנד און פראַנקרייך. יו גייטסקיל, למשל, האָט ביז איצטער געמוזט פירן אַ שווערן געראַנגל אין דער לייבאָר־פּאַרטיי גופא. אַ גרויסע צאָל פון די בריטישע טרייד־יוניאָנס האַלטן, אַז ענגלאַנד דאַרף תיכף נעמען די איניציאַטיוו זיך אַליין צו אַנטוואָפענען פון אַטאָמישע באָמבעס. יו גייטסקיל איז ניט גרייט צו גיין אַזוי ווייט. ער איז אַוודאי פאַר אַנטוואָפענונג, אָבער ער האַלט, אַז דאָס דאַרף געשען נאָר דורך דער אַנטוואָפענונג פון גאַנצן אַטאָמישן „קלוב". דאָס הייסט, פון אַלע פעלקער וואָס פּראָדוצירן אַטאָמישע באָמבעס. גייטסקיל האָט פאַר זיין אָפּפאָרן אויסגעדריקט גרויס פרייד מיט די אָנגענומענע רעזאָלוציעס ביי דער חיפהר סעסיע און האָט ספּעציעל אונטערגעשטראָכן די רעזאָלוציע וועגן אַטאָמישער אַנטוואָפענונג. ער האָט עס זיכער געקענט טאָן מיטן פולן האַרצן, ווייל די רעזאָלוציע רעדט וועגן דער אַלגעמיינער נויטווענדיקייט פון באַלדיקער אַטאָמישער אַנטוואָפענונג. אָבער ווען גייטסקיל איז צוריקגעקומען קיין ענגלאַנד האָט ער געמוזט געפינען פאַר זיך אַ זייער קאָמפּליצירטע לאַגע.

נאָך שווערערע קאָמפּליקאַציעס וואַקסן אַרויס פונעם קעגזייטיקן אומצוטרוי וואָס הערשט ניט בלויז צווישן די צוויי צדדים אין דער קאַלטער מלחמה, נאָר אויך צווישן די פאַרשידענע רעגירונגען אין דעם מערב־צד גופא. ענגלאַנד — איר רעגירונג איינגעשלאָסן — וואָלט זיכער געווען צופרידן פון אַ טאָטאַלער אַטאָמישער אַנטוואָפענונג, אָבער נאָר דאַן ווען זי וועט זיין זיכער, אַז די אַנטוואָפענונג וועט זיין באמת טאָטאַל; ווען די אינטערנאַציאָנאַלע אויפזיכט וועט לחלוטין קענען באַזייטיקן דעם אומצוטרוי וואָס ענגלאַנד האָט ניט בלויז צו דער סאָוועטישער רעגירונג, נאָר אויך צו דער רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן. אָט די לאַגע פאַרשאַרפט נאָך דעם פּראָבלעמען־פּלאָנטער, פאַר וועלכן עס שטייט יו גייטסקיל מיט זיינע סאָציאַליסטישע חברים. זייער באַלדיקע אויפגאַבע וועט זיין צו ווירקן אויף דער בריטישער רעגירונג צו פירן וואָס שאַרפער דעם געראַנגל, סיי פאַר אַ הסכם אויף טאָטאַלער אַטאָמישער אַנטוואָפענונג, סיי פאַר דער אויפשטעלונג פון אַן

אַרבעטס־פּעיִקן אינטערנאַציאָנאַלן אויפזיכט־אַפּאַראַט. אין אָט דער אויפגאַבע האָט גייטסקיל באַקומען דערמוטיקונג דורך דער חיפהר רעזאָלוציע.

די זעלביקע מאָטיוון פון קעגנזייטיקן אומצוטרוי וועלן אויך באַווירקן די השפעות פון גי מאָלע און זיינע חברים אין פראַנקרייך. דאָרטן קומט נאָך צו אַ צוגאָב־מאָטיוו: פראַנקרייך איז דאָך ערשט ניט לאַנג אַריינגעטראָטן אינעם „קלוב" פון אַטאָם־פּראָדוצירנדיקע פעלקער. דע גאָל האָט דורך דעם באַצוועקט צוריקצו־קריגן פאַר פראַנקרייך דעם סטאַטוס פון אַ גרויסמאַכט. פראַנקרייך האָט נאָך איר מיטגלידערשאַפט אין דעם אַטאָמישן „קלוב" ניט צו שטאַרק באַפעסטיקט. אַ באַל־דיקע אַטאָם־אַנטוואָפענונג קען איבערלאָזן דע גאָלן אין מיטן וועג צו זיין ציל; אפשר אַפילו אַן אַ האָפענונג אים ווען־עס־איז צו דערגרייכן. דאָך וועלן גי מאָלע און זיינע חברים זוכן צו באַאיינפלוסן פראַנקרייך, אַז אויך זי זאָל זיך שטאַרק איינ־שטעלן פאַרביידע צילן: אַ הסכם פאַר באַלדיקער טאָטאַלער אַטאָמישער אַנטוואָ־פענונג און דאָס אויפשטעלן פון אַן אַרבעטס־פּעיִקן אינטערנאַציאָנאַלן אויפזיכט־אַפּאַראַט.

די שווערסטע לאַסט בנוגע אַנטוואָפענונג וועט זיכער פאַלן אויף די פראַנצוי־זישע סאָציאַליסטן. די בריטישע דעלעגאַציע וועט פון אירע מאַסן קיין שוועריקייטן ניט באַגעגענען. דאָס זעען מיר פון די באַשלוסן פון וויכטיקע טרייד־יוניאָנס. אָבער ווי עס וועלן האַנדלען די פראַנצויזישע סאָציאַליסטישע מאַסן איז ניט אַזוי זיכער. די פּראָצעסן וואָס זיי האָבן דורכגעמאַכט אין דער גאַנצער דע גאָל־עפּאָכע האָט זיי אַ רעכט ביסל צעטרייסלט. די אָפּגעשוואַכטע, אינטערנאַציאָנאַלע פּאָזיציע פון פראַנקרייך איז זיי אויך זיכער ניט צום האַרצן. גי מאָלע מיט זיינע חברים האָבן זיך דעריבער געניייטיקט — מער ווי די בריטישע — אין דערמוטיקונג. זיי האָבן עס באַקומען דורכן סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. דורך דעם האָט דער אינטער־נאַציאָנאַל צוגעטראָגן זיין השפעה אויף אַ מדינה, וואָס וועט דאָך זיכער האָבן איר אָרט אויף די שפּיצן־קאָנפערענצן. אָט דער ביישטייער איז צוגעטראָגן געוואָרן אויפן שטח, וואָס פאַרנעמט איצט דאָס ערשטע אָרט אין די אינטערנאַציאָנאַלע באַציִונגען: אויפן שטח פון אַטאָמישער אַנטוואָפענונג.

✶

בנוגע אַלזשיר איז דער באַשלוס אַ קורצער. דער סאָציאַליסטישער אינטער־נאַציאָנאַל פאָדערט אויף ביידע צדדים אָפּצושטעלן די בלוט־באָד. ער שטעלט דערביי פעסט, אַז אַלזשיר דאַרף באַקומען זעלבסטבאַשטימונג. גי מאָלע האָט אויך געשטימט פאַר דער רעזאָלוציע. מען קען אפשר האָבן אַ טענה, אַז די רעזאָלוציע גופא איז צו אַלגעמיין; אַז זי זאָגט גאָרניט וועגן די ראַמען פון דער זעלבסטבאַשטימונג, וועגן וועלכן דער בלוטיקער שטרייט גייט אָן. מיר וועלן דאָ ניט פּרובירן אַנאַליזירן דאָס אַלזשיר־פּראָבלעם, וואָס איז אַזוי פאַרפּלאָנטערט. ס'איז בלויז גענוג צו דערמאָנען, אַז צוליב דער פראַגע איז צעטרייסלט געוואָרן די פריינדשאַפט צווישן פּרעזידענט דע גאָל און אייניקע פון זיינע נאָענטסטע פריינד, וועמענס אַקטיוויטעטן עס האָבן געבראַכט דערצו, אַז דאָס פרייע פראַנצויזישע פאָלק זאָל (אַפילו פאַר אַ באַגרענעצ־טער צייט) איבערגעבן די מאַכט אין די הענט פון איין מענטשן. עס איז דעריבער

קלאָר וואָסערע שוועריקייטן די פראַנצויזישע סאָציאַליסטן וועלן באַגעגענען אויף אָט דעם שטח. גי מאָלע האָט גענומען אויף זיך און אויף זיינע חברים די מאָראַלישע התחייבות צו ווירקן אין הסכם מיט דער אָנגענומענער רעזאָלוציע אין חיפה, וואָס אירע ריכט־ליניען זיינען: באַלדיקער אָפּשטעל פון בלוטיקן קאַמף און זעלבשטענ־דיקייט פאַר אַלזשיר.

אַלזשיר איז איצטער אַ וועלט־פּראָבלעם. די פראַנצויזישע סאָציאַליסטן, דער־מוטיקט פונעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, וועלן דאָ — האָפן מיר — מיטגיין מיט גי מאָלע און אים העלפן אַדורכפירן די מאָראַלישע אַחריות, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען.

שוין פון אָט די צוויי רעזאָלוציעס ווערט אויך קלאָר, אַז די סאָציאַליסטישע דעלעגאַציע וועט האָבן אַ זייער קאָנקרעטע, ממשותדיקע און באַלדיקע ראָלע דורכ־צופירן און העלפן פאַרענטפערן איצטיקע וועלט־פּראָבלעמען. דערפון איז צו לער־נען, אַז די באַדייטונג פון דער סעסיע פון ראַט פון אינטערנאַציאָנאַל איז ניט באַ־גרענעצט בלויז צו דער צוקונפט; אַז זי האָט געהאַט צו שפּילן אַ ראָלע אויף שטחים פון באַלדיקע אינטערנאַציאָנאַלע וועלט־פּראָבלעמען. איר הויפּט־ראָלע בלייבט אָבער נאָך אַלץ צו ציען די אויפמערקזאַמקייט פון דער מענטשהייט, אַז זי מוז סוף־כל־סוף דערזען אינעם פרייען סאָציאַליזם דעם איינציקן אויסוועג פון דער איצטיקער לאַגע; אַז דער באַשלוס פון קאָעקזיסטענץ, ווי וויכטיק ער זאָל ניט זיין פאַר דער איצטיקער עפּאָכע, איז ניט, און קען ניט זיין די פולע לייזונג פון די פּלאָגן פון דער מענטשהייט. קאָעקזיסטענץ פון צוויי פאַרשידענע לעבנס־סיסטעמען מוז זיין אַן אייביקער אַרויס־רוף פאַר קאָנפליקטן, וואָס די מענטשהייט האָט שוין געזען ווי בלוטיק זיי קענען ווערן. דעריבער מוז עס סוף־סוף קומען צו איין לעבנס־סיסטעם, באַזירט אויפן פרייען סאָציאַליסטישן געדאַנק, וואָס שליסט אויס אַלע סאָרטן דיקטאַטור; וואָס שטרעבט אויסצוגלייכן די עקאָנאָמישע קרומקייטן צווישן מענטש און מענטש און צווישן פאָלק און פאָלק; וואָס זוכט צו באַפרייען דעם מענטש פון יעטוועדער דיק־טאַטור.

*

די ספּעציעל־יידישע רעזאָלוציעס האָבן איינגעשלאָסן סיי ישראל־פּראָבלעמען און סיי יידישע וועלט־פּראָבלעמען. צו די ישראל־פּראָבלעמען געהערן: פרייע נאַ־וויגאַציע דורכן סועץ־קאַנאַל, פאַרזיכערונג פון די איצטיקע גרענעצן פון אַלע לענדער אין מיטעלן מזרח, שלום מיט די אַראַבישע שכנים, אַ פּרווו צו לייזן דאָס פּראָבלעם פון די אַראַבישע פּליטים דורך קעגנזייטיקער פאַרשטענדיקונג און מיט אינטערנאַציאָנאַלער הילף, אַ דערקלערונג, אַז דער מיטעלער מזרח טאָר ניט איבערגעגעבן ווערן צו דער שליטה פון די גרויסמאַכטן און אַ פּלאַן פאַר אַנטוויק־לונג פון מיטעלן מזרח דורך די פעלקער פון מיטעלן מזרח גופא מיט זייער איי־גענעם אויפזיכט־אַפּאַראַט. צו די יידישע וועלט־פּראָבלעמען געהערן די שאַרפע פאַרדאַמונג פון דער נייער אַנטיסעמיטישער כוואַליע אין דייטשלאַנד און אַנדערע לענדער, ווי אויך די וויכטיקע פאָדערונג צו דער סאָוועטישער רעגירונג, אַז זי זאָל געבן די יידן פון איר מדינה אַ גלייכן סטאַטוס פאַר אויסלעבונג, ווי עס באַקומען

אַלע אַנדערע מינדערהייטן, און דאָס רעכט אויף עליה קיין ישראל פאַר יענע רוסישע יידן, וואָס ווילן עולה זיין.

צום קרעדיט פון די באַטייליקטע דעלעגאַטן דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז ביים פאָרמולירן אָט די אַלע באַשלוסן האָט קיין ראָלע ניט געשפּילט דער פאַקט, וואָס זיי זיינען געווען די געסט פון מדינת ישראל. אַן אויסדרוק פאַר אָט די געפילן זייערע האָבן זיי געגעבן ביי פאַרשיידענע פייערלעכע געלעגנהייטן: ביי דער אויפנאַמע אין בית־הנשיא דורך פּרעזידענט בן־צבי און זיין פרוי, ביי די אָפענע און פייערלעכע זיצונגען פון דער סעסיע, ביי זייערע אויפטריטן אין פאַרשידענע טיילן פון לאַנד אין פאַרבינדונג מיטן חג העצמאות און ביי ענלעכע געלעגנהייטן. אָבער זייערע ספּעציעל־יידישע רעזאָלוציעס זיינען דורכגעדרונגען מיט אָביעקטיוויטעט. זייער שטעלונג אין אָט די אַלע פראַגן איז אין הסכם מיט דער שטעלונג פון אַלע אמתע — אויך ניט־סאָציאַליסטישע — ליבעראַלן און דעמאָקראַטישע עלעמענטן. דאָס וואָס זיי שטימען כמעט אין פולן מיט די פאָרמולירטע פאָדערונגען פון יידישן פאָלק און פון מדינת ישראל איז נאָר אַ צוגאָב־באַווייז, ווי גערעכט די יידישע פאָדערונגען זיינען.

אַוודאי האָבן די יידן אין ישראל, פונקט ווי די יידן פון דער גאַנצער וועלט, זיך געפילט דערמוטיקט פון אָט די אַלע שטעלונגען פון דער העכסטער קערפּערשאַפט פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל *. די אַבסאָלוטע אידענטיפיצירונג מיט די שטעלונגען פון גאַנצן יידישן פאָלק מצד סאָציאַליסטישע פאַרטרעטער פון אַזוי פיל מדינות אין אַזעלכע וויכטיקע לעבנספראַגן פון יידישן פאָלק נעמען מיר אויף מיט טיפער סאַטיספאַקציע.

* דער בונדישער פאַרטרעטער האָט געפּרובירט אַריינטריפן אַ פּאָר ביטערע טראָפּנס פון דער פאַרעלטערטער בונדישער ירושה אין דער רעזאָלוציע וועגן די יידן אין סאָוועטן־רוסלאַנד. אים איז ניט געהען צום האַרצן, וואָס עס הערט אין דער רעזאָלוציע געפאָדערט די רעכט פון עליה קיין ישראל. זיין פאָרשלאָג איז געהען: פרייע אויסוואַנדערונג אומעטום. איך האָב די דיסקוסיע וועגן דעם פונקט ניט געהערט, הייס איך ניט די מאָטיווירונג, האָס איז דאָרט געגעבן געוואָרן קעגן דער איינשטעלונג פון בונדישן פאַרטרעטער. עס זעט מיר אָבער אויס משונהדיק די האַנדלונג פון פאַרטרעטער פון „בונד". ער האָלט גערעכט געווען, הען עס וואָלט פאַרהאַנדלט געהאָרן די אַלגעמיינע שטעלונג פון דער סאָוועטן־מאַכט צו פרייען אַרויספאָר. אָבער דאַן האָלט די פאָדערונג געדאַרפט פאָרמולירט ווערן: פרייער אַרויספאָר פאַר אַלעמען, ניט נאָר פאַר יידן, זיי זאָלן פאָרן הוהין זיי ווילן. אָט די פראַגע איז ניט פאַרהאַנדלט געהאָרן. עס האָט זיך נאָר געהאַנדלט העגן צוויי קאָנקרעטע דיסקרימינאַציעס דווקא קעגן יידן מצד דער סאָהעטישער רעגירונג: דאָס ניט געבן זיי דעם סטאַטוס פון אַלע מינדערהייטן צו לעבן זייער יידיש לעבן און דאָס ניט דערלויבן עליה קיין ישראל. אַנטקעגן אָט די דיסקרימינאַציעס האָט זיך די סעסיע אַרויסגעזאָגט.

אָבער, הי געזאָגט, איז דאָס געווען אַ טראָפּן פאַרעלטערטע בונדישע פּראַקטיק. הו נאָר עס הערט אונטערגעשטראָכן ארץ־ישראל, מוז ער, דער פאַרעלטערטער בונדיסט, זאָגן עפּעס קעגן. איך בין זיכער, אַז פיל בונדיסטן האָבן ניט געהאַט קיין נחת פון אָט דער האַנדלונג. — ב. צ.

װעגן פּערזענלעכער עליה

די קומענדיקע שורות װידמע איך דעם ענין פון עליה. ס'איז קלאָר, אַז איך קען ניט ברענגען דאָ אַלץ, װאָס איך האָב במשך פון פיל צענדליקער יאָרן געשריבן װעגן עליה. איז דאָך די פראַגע פון עליה געװען איינע פון די װיכטיקסטע אינעם פּראָצעס פון אונדזער מאָדערנער בוי־אַרבעט אין ארץ־ישראל כמעט די פולע לעצטע 80 יאָר, װאָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער עליה פון בילויים, און װי יעדער ציוניסטישער פּובליציסט האָב איך זייער אָפט און זייער פיל געשריבן װעגן דעם. אויך אין אָט דעם איצטיקן בוך, האָב איך אין די צװיי גרעסטע אַרבעטן, װאָס איך האָב אין אים אַריינגעגעבן („זוכנדיק אַ פּאַסיקן װעלט־שותף צו מדינת ישראל" און „ציוניזם און בונדיזם אין דער נייער תקופה"), פיל גערעדט װעגן עליה. אין דעם קאַפּיטל װעל איך זיך באַגרענעצן צו דריי אַספּעקטן פון דער פראַגע: א. װעגן אָננעמען אויסערגעװיינטלעכע מיטלען פאַר אַ גרויסער רעטונגס־עליה; ב. װעגן דעם חוב פון יעדן ציוניסט צו פּערזענלעכער עליה און ג. װעגן דער שטענדיקער טענה פון דוד בן־גוריון צו די אַמעריקאַנער ציוניסטישע פירער, פאַר װאָס זיי אַליין זיינען ניט עולה. אויך בנוגע אָט די דריי אַספּעקטן שעפּ איך אין די קומענדיקע שורות ניט אויס אַלץ, װאָס דאַרף װעגן דעם געזאָגט װערן. װעגן מיינעם אַ פּלאַן פאַר אַ גרויסצוגיקער רעטונגס־עליה, האָב איך דערציילט אין מיין צװייטן באַנד זכרונות (זייט 172 און װייטער). דאָ דערמאָן איך יענעם פּלאַן נאָר אַגב אורחא, כדי צו פאַרגלייכן יענע צייט פון נאָך דער ערשטער װעלט־מלחמה, מיט דער עליה פון מזרח־אייראָפּע, װאָס האָט זיך אָנגעהויבן אין קענטיקע צאָלן אין די יאָרן פון 1958 און שפּע־טער. װעגן אָט דער נייער עליה פון מזרח־אייראָפּע האָב איך אין מערץ פון 1959, שוין לעבנדיק אין ירושלים, געשריבן דאָס קומענדיקע:

דאָס צענטראַלע פּראָבלעם, װאָס באַשעפטיקט איצט די ישראל־בירגער פון אַלע שיכטן און פּאַרטייען, איז דאָס פּראָבלעם פון דער גרויסער עליה פון מזרח־אייראָפּע. פון די אָפּקלאַנגען, װאָס קומען אַהער פון אַמעריקאַנער יידנטום פילט מען, אַז אויך דאָרטן פאַרנעמט מען זיך מיט אָט דעם פּראָבלעם זייער ערנסט. פון ישראל האָט שוין אָנגעהויבן אַרויספאָרן אַ גרויסע דעלעגאַציע, װעלכע װעט האָבן פאַר זיך צװיי אויפגאַבן: ערשטנס, אויפצוקלערן פאַרן אַמעריקאַנער יידנטום די באַדייטונג פון דער דאָזיקער עליה פאַר די עולים אַליין, פאַר מדינת ישראל און פאַרן יידישן פאָלק; צװייטנס — העלפן אַנטװיקלען אין אַמעריקאַנער יידנטום די גרייטקייט פאַר גרויסע פינאַנציעלע אָנשטרענגונגען, װעלכע זיינען נייטיק, כדי אויפצונעמען װי געהעריק די נייע צענדליקער טויזנטער אין דער ישראל־װירטשאַפט, אין דער ישראל־געזעלשאַפט און אין דער ישראל־קולטור.

װיסנדיק פון װעמען די דעלעגאַציע באַשטייט און געדענקענדיק, אַז איניקע

פון זיי — בעיקר אונדזער חברה גאָלדע מאיר — האָבן שוין ניט איין מאָל אַרויס־געוויזן זייער פעיִקייט משפּיע צו זײַן אויפן אַמעריקאַנער יידנטום צו העלפן מדינת ישראל ביי ענלעכע געלעגנהייטן, בין איך זיכער, אַז זיי בויטיקן זיך ניט אין ספּעציעלע אויפקלערונגען פון דאַנען וועגן די אומגעהויער־שווערע קליטה־פּראָבלעמען, פאַר וועלכע די מדינה שטייט. איך בין אויך זיכער, אַז זיי וועט געלינגען קלאָר צו מאַכן ווי וויכטיק עס איז פאַר דער ווייטערדיקער עליה פון מזרח־אייראָפּע, אַז די, וואָס קומען אַצינד, זאָלן וואָס שנעלער געפינען זייער אָרט אין ישראל־לעבן.

די 15 רעדאַקטאָרן פון גרויסע אַמעריקאַנער צייטונגען, וועלכע ווערן דאָ דער־וואַרט די טעג, וועלן שטודירן די קליטה־פּראָצעסן פון די נייע עולים און וועלן צוטראָגן זייער חלק צו דער אויפקלערונג פון אונדזערע פּראָבלעמען. אויך זיי וועלן אַוודאי שוין זיין צוריק אין אַמעריקע ווען אָט די שורות וועלן פאַרעפנטלעכט ווערן.

קען איך בלויז צוגעבן מיין באַשיידענעם רוף צו אונדזערע אייגענע חברים, אַז זיי זאָלן געבן אַ געהעריקן ביישפּיל. אויב עס איז נויטיק אַ מאָס פאַר דער היי־יעריקער אָנשטרענגונג, וואָלט איך זי אַוועקגעשטעלט ווי אַ פאַרדרייפאַכונג אין פאַרגלייך מיט פאַראַיאָרן. אָט דעם ביישפּיל דאַרפן די חברים געבן דעם גאַנצן אַמעריקאַנער יידנטום. איך רעכן אַריין אויך די הסתדרותישע זאַמלונגען, ווייל יעדער בר־דעת, אויב ער איז נאָר ניט קיין פאַנאַטישער שונא פון דער אָרגאַניזיר־טער אַרבעטערשאַפט, ווייסט וואָס פאַר אַ גרויסע לאַסט עס פאַלט אויף דער הסתד־רות אין אָט די שווערע אויפגאַבן פון איינגלידערן די נייע עולים.

אויך די יידן אין מדינת ישראל וועלן דאָס מאָל — ווי עס זעט אויס — צוטראָגן וויכטיקע ביישטייערן צו פינאַנסירן די קליטה פון נייע עולים. צי זייערע דירעקטע בייטראָגן וועלן זיין פון דער אַמעריקאַנער גרויס צי ניט, דאַרפן אָבער די אַמערי־קאַנער יידן געדענקען צוויי זאַכן: ערשטנס — דעם חלק וואָס די ישראל־בירגער וועלן צוטראָגן צו דער קליטה דורך ספּעציעלע שטייערן, וואָס די רעגירונג וועט זיין געצוווּנגען אויף זיי אַרויפצולייגן; צווייטנס — און דאָס איז דער עיקר, — מדינת ישראל טראָגט־צו איר חלק צום לייזן אָט דאָס פּראָבלעם דורך איר עצם־עקזיסטענץ.

ס׳איז גענוג אַ טראַכט צו טאָן וואָס עס וואָלט געקענט ווערן פון אָט די נייע עולים, ווען די מדינה וואָלט, חלילה, ניט עקזיסטירט, כדי צו באַגרייפן די גרויס פון איר ביישטייער. דער חוק השבות (דאָס געזעץ וואָס גיט יעדן יידן דאָס רעכט צו קומען קיין ישראל) פון דער מדינה, איז ווי צוגעפּאַסט צו דער איצטיקער לאַגע. אַמבולטסטן וועט עס ווערן ווען איך וועל פּרובירן דערמאָנען דריי פריערדיקע תקו־פות, ווען פּראָבלעמען פון מאַסן־עליה פון מזרח־אייראָפּע זיינען געשטאַנען פאַרן יידישן פאָלק. דאָס איז אייגנטלעך דער עיקר פון מיין היינטיקן שרייבן.

זייענדיק דורכגעדרונגען פון צער איבער די באַדינגונגען, וועלכע באַגלייטן די איצטיקע מאַסן־עליה פון מזרח־אייראָפּע (עטלעכע ווערטער וועגן דעם שפּעטער), ווערט אָבער דאָס האַרץ אָנגעפילט מיט שמחה, וואָס איצטער פאַרמאָגן מיר די מדינה, מיר האָבן וווּהין אַריינצונעמען די עולים און קענען נעמען אויף זיך דעם גרויסן עול פון זייער איינגלידערונג.

לאָמיר, בכן, אַרויסברענגען די פֿאַרגלייכונגען פֿון פֿריערדיקע תּקופֿות מיט דער איצטיקער.

*

לאָמיר זיך דערמאָנען אין אייניקע קאַפּיטלעך פֿון יענעם עבֿר, וואָס אין יאָרן גייט ער גאָר ניט אַזוי ווײַט צוריק, אין גאַנצן ווייניקער ווי 40 יאָר, אָבער די געשעענישן זעען איצטער אויס ווי זיי וואָלטן געקומען פֿון שוין פֿאַרעלטערטע עפּאָכעס. יעדע באַזונדערע געשעעניש רעפּרעזענטירט טאַקע אַן אַנדער עפּאָכע.

די עלטסטע פֿון אָט די עפּאָכעס זײַנען די יאָרן 1918—1920. אינעם לעצטן פֿון די צוויי יאָר האָט ד״ר מאַקס נאָרדוי אויפֿגעהויבן זײַן שטימע מיט דעם מעכטיקן רוף אַרויסצוראַטעווען וויניקסטנס אַ האַלבן מיליאָן יידן פֿון מזרח־איראָפּע און זיי ברענגען קיין ארץ־ישׂראל. ניט האָבנדיק געוווּסט פֿון נאָרדויס פֿאָרשלאָג האָב איך, אויף אייגענער איניציאַטיוו, אַרויסגעבראַכט אַן ענלעכן פֿאָרשלאָג. אין אַ בריוו צו ד״ר חיים ווייצמאַן, וואָס איז געשריבן געוואָרן דעם 22סטן יולי, 1919, האָב איך אים דערציילט וועגן די פּאָגראָמען און שחיטות אויף די יידן אין אוקראַינע. די דאָזיקע ידיעות האָב איך באַקומען פֿון יידן אין בעסאַראַביע און בוקאָווינע, פֿון וועלכע אייניקע האָבן זיך אַליין געראַטעוועט פֿון יענע שחיטות.

אינעם באַריכט וואָס איך האָב אָפּגעגעבן צו אַ גרויסער, פֿונעם „דזשאָינט״ אָרגאַניזירטער פֿאַרזאַמלונג אין ניו־יאָרק דעם 26סטן אויגוסט 1919, האָב איך געזאָגט, אַז די „אַמעריקאַנער יידן מוזן געפֿינען אַ וועג ווי אַזוי אַרויסצוראַטעווען הונדערטער טויזנטער יידן פֿון אוקראַינע, באַזעצן זיי, אויב איר ווילט, אין ארץ־ישׂראל, וואָס דאָס איז דער נאָענטסטער אָרט, וווּהין מען קען זיי ברענגען, און דורך דער הילף פֿון אַמעריקע און ענגלאַנד זאָרגן סיי פֿאַר דער ציטווייליקער באַשפּייזונג פֿון דער באַפֿעלקערונג, סיי פֿאַר זייער אײַנאָרדענונג אין לאַנד גופֿא״.

ניט די הויכע שטימע פֿון ד״ר מאַקס נאָרדוי, ניט מײַן באַשיידענער געשריי האָבן געבראַכט רעזולטאַטן. דער הויפּט־אַרגומענט, וואָס איז דאַן אַרויסגעבראַכט געוואָרן קעגן אָט דעם פּלאַן איז געווען, אַז אַזאַ פּלוצימדיקע איבערוואַרפֿונג פֿון הונדערטער טויזנטער מענטשן וועט מוזן קאָסטן צו פֿיל מענטשלעכע קרבנות. אין דעם אַרגומענט זײַנען די קעגנער פֿון דעם פּלאַן ניט געווען גערעכט און די אָנ־הענגער פֿון דעם פּלאַן האָבן אים טאַקע ניט אָנגענומען, ווײַל זיי האָבן געוווּסט, אַז אויב די רעטונג־אַרבעט וועט באַלד ניט דורכגעפֿירט ווערן, וועלן די צאָל פֿון קרבנות זײַן פֿיל־פֿיל גרעסער. און עס האָט טאַקע געקאָסט דעם יידישן פֿאָלק נײַע הונדערטער טויזנטער קרבנות.

אָבער די אָנהענגער פֿונעם פּלאַן זײַנען ניט געווען גערעכט אין זייער נאַיוון גלויבן, אַז די אַליאירטע כּוחות וועלן צוליב הומאַניטאַרע טעמים גרייט זײַן צו שטעלן צו דער דיספּאָזיציע פֿון אָט דער שנעלער איבערוואַנדערונג שיפֿן און מיט־לען, וועלכע זײַנען געווען נויטיק פֿאַר דעם רעטונגס־פּלאַן. זיי זײַנען אויך ניט געווען גערעכט אין זייערע פּאָליטישע חשבונות. זיי האָבן געמיינט אַז די בריטישע רעגירונג וועט זיך אָנכאַפּן אַן דעם פּלאַן, כּדי צו געבן אַ ממשותדיקן שטויס דער רעאַליזירונג פֿון איר אייגענער באַלפֿור־דעקלאַראַציע, וואָס זי האָט אַרויסגעגעבן

מיט קנאַפּע צוויי יאָר פריער. אָן ענגלאַנדס הסכמה האָט דער פּלאַן ניט געקענט דורכגעפירט ווערן.

דער רעזולטאַט פון אָט דער ערשטער עפּאָכע, אין וועלכער עס איז אויפגעקומען אַזאַ דרינגענדיקע נויט פאַר אַ גרויסער עליה פון מזרח־אייראָפּעיִשע יידן, איז געווען אַנטוישונג און אומגליק. ניט האַבנדיק דאַן די יידישע מדינה, איז דאָס יידישע פאָלק געשטאַנען הילפלאָז פאַר יענער קאַטאַסטראָפע און די הונדערטער טויזנטער קרבנות פון אוקראַיִנער יידנטום זיינען ניט געראַטעוועט געוואָרן.

✶

דאַן איז געקומען אַ צווייטע עפּאָכע. אין איר האָבן זיך אַרויסגעהויבן צוויי יידן, וועלכע זיינען דאַן פאַרשריגן געוואָרן, אַפילו פון ציוניסטן, ווי אומפאַראַנטוואָרטלעכע פּאָליטיקער. איך האָב אין זינען יצחק גרינבוים און וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי. דער ערשטער האָט דערקלערט, אַז אין בייעם זעלבשטענדיקן פוילן זיינען פאַראַן אַ מיליאָן „איבעריקע" יידן. דער צווייטער האָט זיך פאַרנומען ברייטער: ער האָט געריידט וועגן דער נויטיקייט צו עוואַקויִרן אַלע יידן פון די מזרח־אייראָפּעיִשע לענדער. קוקנדיק איצטער צוריק אויף די געשעענישן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, זעט מען קלאָר ווי גערעכט זייער אינטויִציע איז געווען.

איך באַהויפּט ניט, אַז ווער פון זיי, אַפילו מאַקס נאָרדוי, האָט פאַרויסגעזען אַ היטלער־מגפה. זייער אינטויִציע האָט זיי אָבער ריכטיק אונטערגעזאָגט, אַז דאָס מזרח־אייראָפּעיִשע יידנטום געפינט זיך אויף אַ ווולקאַן. ווען גרינבוים און זשאַבאָטינסקי זיינען אַרויסגעטראָטן מיט זייערע לאָזונגען, איז אפשר געווען אַ באַרעכטיקונג פאַר זייערע קריטיקער צו באַהויפּטן, אַז גרינבוים און זשאַבאָטינסקי איבערטרייבן. זיי האָבן אָבער ניט איבערגעטריבן. זיי האָבן נאָר דערפירט צו איר לאָגישער קאָנסעקווענץ דעם אַלטן ציוניסטישן דיאַגנאָז פון דער יידישער גלות־געשיכטע.

דער דאָזיקער דיאַגנאָז האָט געזאָגט, אַז ווען אין אַ לאַנד ווינען יידישע מאַסן און זיי פאַרנעמען דאָרט וויכטיקע ווירטשאַפטלעכע און קולטורעלע פּאָזיציעס, ווערן די יידן געדולדעט אַזוי לאַנג, ווי די אָרטיקע באַפעלקערונג — די וואָס באַטראַכט זיך פאַרן בעל־הבית פון לאַנד — האָט נאָך ניט אַנטוויקלט אירע אייגענע קרייזן, וועלכע זאָלן זיין פעיִק איבערצונעמען די פּאָזיציעס וואָס די יידן פאַרנעמען. האָבן זיי אָבער אַנטוויקלט אַזעלכע אייגענע קרייזן, ווערן די יידן דאָרטן „איבעריק". דאַן קומט דער גזר: „דער מאָר האָט זיינס געטאָן, דער מאָר קען גיין". פון אָט די באַטראַכטונגען איז זשאַבאָטינסקי געקומען צום געדאַנק פון פולשטענדיקער עוואַקואַציע און גרינבוים — צום געדאַנק פון דעם „איבעריקן" מיליאָן יידן אין פוילן.

קעגנער פון זייערע געדאַנקען האָבן דאַן פאַרגעוואָרפן די צוויי ציוניסטישע מנהיגים, אַז זיי רעדן די זעלביקע רייד, וואָס די פּוילישע אַנטיסעמיטן. אַמשאַרפסטן זיינען דאַן אַרויסגעטראָטן די יידישע — נישט ציוניסטישע — סאָציאַליסטן, וועמענס נאַציאָנאַל־יידישער פּראָגראַם האָט פעסטגעשטעלט, אַז דער רוב מנין ובנין פון פּוילישן יידנטום דאַרפן און וועלן בלייבן אין פוילן. קען מען אַוודאי קיינעם ניט פאַרוואַרפן, פאַר וואָס ער האָט ניט פאַרויסגעזען די היטלער־שחיטה אויפן יידישן פאָלק. איך רעכן אָבער, אַז ניט די שאַרפע פּאָלעמיק פון די קעגנער איז געשטאַנען

אין וועג פון די אָנהענגער פון עוואַקואַציע, אָדער פונעם געדאַנק, אַז אַ מיליאָן פּוילישע יידן האָבן געדאַרפט אַריבערגעפירט ווערן קיין ארץ־ישראל. געשטאַנען אין זייער וועג איז דער טרויעריקער פאַקט, וואָס עס איז ניט געווען וווּהין צו עוואַקויִרן, ניט דאָס גאַנצע מזרח־אייראָפּעיִשע יידנטום, און אַפילו ניט דעם איינציקן מיליאָן פון פּוילישע יידן. עס האָט געפעלט די יידישע מדינה. דער מאַנדאַט־רעזשים האָט ניט אַריינגעלאָזן.

דער יידישער ישוב אין ארץ־ישראל האָט דאַן אָנגעהויבן די העפּלה־אַרבעט, דאָס אַריבערברענגען אויף אַ געהיימען אופן יידן פון מזרח־אייראָפּע קיין ארץ־ישראל. דער מאַנדאַט־רעזשים און די גאַנצע בריטישע מאַכט האָט ווילד געקעמפט קעגן דעם. די אָנפירער פון דער העפלה האָבן ניט פאַרמאָגט די כוחות און מיטלען פאַר אַן אַרבעט אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב. זיינען בלויז טויזנטער געראַטעוועט געוואָרן. די מיליאָנען זיינען געבליבן. און וואָס דאָס האָט געקאָסט דעם יידישן פאָלק — איז גוט באַקאַנט.

דער הויפּט־פאַרדינסט פון די דעמאָלטיקע העפלה־טוער באַשטייט אין דעם, וואָס זיי האָבן דאַן אָנגעהויבן אויספּלאַסטערן דעם וועג פאַר דער שפּעטערדיקער בריחה, וואָס איז געפירט געוואָרן אויף אַ גרעסערן פאַרנעם, אָבער האָט נאָך אַלץ באַוויזן צו ראַטעווען בלויז צענדליקע טויזנטער. דאָס פעלן פון דער יידישער מדינה אין אַט דער צווייטער עפּאָכע האָט אונדז געבראַכט דעם גרעסטן חורבן פון אונדזער געשיכטע.

*

איך קום צו דער דריטער עפּאָכע — די עפּאָכע וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין מיטן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען די גרויס פון אונדזער חורבן איז שוין געווען קלאָר. דאָס איז נאָך ניט געווען קיין עפּאָכע פון גרויסע מעשים, נאָר אַן עפּאָכע פון חשבון הנפש: וואָס זאָל ווערן פון דער שארית הפליטה פון דעם היטלער־חורבן?

געווען אַזעלכע, איך אויך צווישן זיי, וואָס האָבן פאָרמולירט אַ קלאָרן און קורצן פּראָגראַם: „יציאת אייראָפּע". איך געדענק גוט די פּאָלעמישע קלעפּ, וואָס איך אַליין האָב באַקומען פאַר מיינע אַרויסטרעטונגען אין יאָר 1943. עס פעלט מיר ניט איין זיך אומצוקערן צו יענער פּאָלעמיק. איך וויל נאָר אונטערשטרייכן דעם פאַקט, אַז אויך אַט דער חשבון הנפש, ריכטיק ווי ער איז טאַקע געווען אין זיין תוך, האָט צו קיין ממשותדיקע רעזולטאַטן ניט געפירט אין די פינף יאָר צווישן 1943 און 1948.

אַ באַדייטונג האָט די לאָזונג פון יציאת־אייראָפּע באַקומען ערשט דאַן, ווען די מדינה איז פּראָקלאַמירט געוואָרן. ערשט דאַן איז דערמעגלעכט געוואָרן דער פּראָצעס, וואָס האָט געבראַכט איבער אַ מיליאָן יידן קיין ישראל. און איצטער שטייט די זעלביקע מדינה גרייט אויפצונעמען דעם צווייטן מיליאָן וואָס דאַרף קומען אַהער אין די קומענדיקע 10 יאָר *. דער דאָזיקער צווייטער מיליאָן מוז קומען, ווייל עס

* היינט, אין מיטן 1966, ווען איך גרייט צו דעם מאַטעריאַל פאַר דעם דאָזיקן בוך, שיינט עס אַז אַט די פאָרויסזאָגונג — אַז ביז 1969 וועלן מיר דערגרייכן די פולע עליה פון צווייטן מיליאָן — וועט מקוים ווערן. — ב. צ.

ברענט ווייטער די ערד אונטער די יידישע פיס אין מזרח־אייראָפּע. צו אונדזער גליק פאַרמאָגן מיר די יידישע מדינה, וואָס קען זיי אַרויסראַטעווען פון פייער, אויב נאָר די טויערן פאַר אַרויספאָר וועלן בלייבן אָפן, און דאָס יידישע פאָלק וועט די איצטיקע געלעגנהייט ניט דורכלאָזן. די הונדערטער טויזנטער וועלן געראַטעוועט ווערן.

איך האָב אויבן באַנוצט צוויי אויסדרוקן: איך האָב, ערשטנס, געזאָגט אַז מיר זיינען דורכגעדרונגען פון טיפן צער איבער די באַדינגונגען, וועלכע באַגלייטן די נייע מאַסן־עליה, און איך האָב אויך זיך אויסגעדריקט, אַז עס ברענט די ערד פון מזרח־אייראָפּע אונטער יידישע פיס. אָבער מיר האָבן שוין פון לאַנג זיך אויסגע־לערנט אָנצונעמען דעם זין פון דעם אַלטן פּסוק: „מעז יצא מתוק״, און וועלכע סיבות עס זאָלן ניט טרייבן יידן צו עליה, נעמען מיר אויף די איצטיקע צענדליקער טויזנטער עולים מיט דער זעלביקער ליבשאַפט, ווי מיר האָבן אויפגענומען די איינצלנע טויזנטער, וועלכע זיינען געקומען נאָך פאַר הקמת המדינה, דורך דער בריחה; יענע עולים, וועמענס אייגענער דראַנג פאַר עליה איז געוועזן אַזוי טיף, אַז זיי האָבן זיך געלאָזן ממש אויף קידוש השם, אַבי נאָר דערגרייכן זייער ציל.

די וויכטיקסטע סיבות פון דער איצטיקער עליה שטאַמען אויך פון דעם אַלטן ציוניסטישן דיאַגנאָז. די פעלקער, צווישן וועלכע עס לעבן מאַסן יידן, גיבן אַרויס פון זיך עלעמענטן — ספּעציעל אינטעליגענץ — וועלכע קענען דורכפירן די עקאָ־נאָמישע, קולטורעלע און סאָציאַלע פונקציעס, וואָס פריער האָבן זיי אויסגעפילט יידן. די ניט־יידן קענען עס איצט אויספילן און ווילן עס טאַקע אויספילן. ווילן זיי די דאָזיקע פונקציעס פאַר זיך.

ס׳איז אָבער אַ גרויסער חילוק אין דער באַציִונג פון די רעגירונגען פון די פעלקער צו אָט דער זעלביקער דערשיינונג. דער חילוק איז אַפילו צווישן די רעגירונגען פון פאַרשידענע פעלקער אין דער סאָוועטישער ספערע. איך מיין, אַז איין ציפער וועט קלאָר מאַכן דעם אונטערשייד. ווען די עליה פון פוילן האָט גע־שטראָמט און האָט אַריינגעבראַכט אין ישראל איבער 35 טויזנט עולים, האָט יעדער עולים־משפחה מיט זיך מיטגעבראַכט כאָטש קליינע פאַרמעגנס. דער דורכשניט אויף אַ משפחה האָט באַטראָפן אַרום 4 טויזנט ישראל־פונט. די וואָס קומען איצט פון רומעניע, קומען ממש בעירום ובחוסר כל. די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע סיבות פון זייער אויסוואַנדערונג זיינען די זעלביקע, טאַקע לויט דעם ציוניסטישן דיאַגנאָז. אָבער די באַדינגונגען פון זייערע אויסוואַנדערונגען זיינען איצט פיל שווערערע.

דאָס יידישע פאָלק וועט אַוודאי ניט באַשטראָפן די עולים דערפאַר, ווייל מען האָט זיי אַרויסגעלאָזט, ווי געזאָגט, בעירום ובחוסר כל. אָט טאַקע דערפאַר מוזן די אָנשטרענגונגען מצד דעם יידישן פאָלק זיין גרעסערע. עס איז קיין ספק ניט, אַז די צאָל פון איצטיקע עולים פון מזרח־אייראָפּע וועט זיין אַ פיל־גרעסערע, ווי די דערמאָנטע צאָל עולים, וואָס זיינען געקומען פון פוילן. און טאַקע דערפאַר מוז קומען דער ענטפער פונעם יידישן פאָלק דורך אַ פאַרפילפאַכונג פון די ביזאיצטיקע אָנשטרענגונגען.

✶

קומענדיק צו די אַנדערע פּונקטן: וועגן פּערזענלעכער עליה און וועגן די טענות פון חבר בן־גוריון צו די אַמעריקאַנער ציוניסטישע פירער, רעכן איך, אַז דאָס פּאַסנדיקסטע איז אָנצוהויבן מיט דעם אַרטיקל, וואָס איך האָב געשריבן אין „קעמפער" פון 5טן פּע־ברואַר 1965:

דירעקט צום קאָנגרעס (געמיינט דעם 26סטן ציוניסטישן וועלט־קאָנגרעס, וואָס איז דאַן אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין ירושלים) האָט חבר בן־גוריון גערעדט בלויז דורך אַ זייער קורצן באַגריסונגס־בריוול, וואָס ער האָט צוגעשיקט. אָבער ניט דירעקט האָט ער דאָס מאָל גערעדט צום קאָנגרעס ניט ווייניקער — נאָר אפשר גאָר פיל מער — ווי ער האָט גערעדט צו די פריִערדיקע דריי קאָנגרעסן, וואָס זיינען אָפּגע־האַלטן געוואָרן אין מדינת ישראל, במשך פון דער צייט ווען ער, חבר בן־גוריון, איז געווען פּרעמיער־מיניסטער. נאָר דאָס מאָל האָט ער אויסגעקליבן אַ נייעם וועג פון ריידן. ער האָט פּשוט פאַרעפנטלעכט אַ סעריע אַרטיקלען אין דער פּרעסע. ווען מען נעמט צוזאַמען דעם תוכן פון אַלע אַרטיקלען, שטעלט ער מיט זיך פאָר דעם וואָגיקסטן ציוניסטישןביישטייער, וואָס איז צוגעטראָגן געוואָרן צו אָט דעם קאָנגרעס; און איך שליס ניט אויס די וויכטיקע ביישטייערן, וואָס עס האָבן צוגע־טראָגן צום קאָנגרעס זיינע צוויי ראשי־המדברים — ד"ר נחום גאָלדמאַן און חבר משה שרת. דער ערשטער — בעיקר אין זיין דערעפענונגס־רעדע; און דער צווייטער — דורך דער רעדע, וואָס ער האָט יענעם טאָג אָנגעשריבן אויף זיין קראַנקן־בעט און האָט זי צוגעשיקט צום קאָנגרעס שריפטלעך.

איך מיין אָבער, אַז זיי ביידע וועלן מסכים זיין, אַז אַזוי ברייט און טיף אַרומ־נעמען אַלע פּראָבלעמען וואָס מאַטערן איצט דאָס וועלט־יידנטום — ווי דאָס איז געלונגען דעם חבר בן־גוריון אין זיינע אַרטיקלען — איז זיי דאָס מאָל ניט באַשערט געווען. איך קען נאָר געפינען איין־איינציקן פאַרגלייך צום תוכן פון אָט די אַר־טיקלען: איך האָב אין זינען דעם תוכן פון די גרויסע מאַקס־נאָרדוי־רעדעס פון די ערשטע ציוניסטישע קאָנגרעסן. איך וואָלט געראָטן דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע צו פאַרעפנטלעכן אָט די אַרטיקל־סעריע אין אַ באַזונדערער בראָשור אין עטלעכע לשונות און צעשפרייטן זי בכל תפוצות ישראל, איינשליסנדיק די שאַרפע פּאָלע־מישע פיילן, מיט וועלכע די אַרטיקלען זיינען אַזוי געדיכט דורכגעווירצט. וועגן די וויכטיקסטע פון אָט די פּאָלעמישע פיילן וועלן מיר ריידן אין די קומענדיקע שורות. מיט די מערסטע פון זיי בין איך אַוודאי ניט מסכים. אייניקע פון זיי האָבן אַפילו פּשוט פאַרשאַפט האַרצווייטיק; און דאָך דאַרפן זיי געלייענט ווערן אין דעם טאָן וואָס ער, בן־גוריון, האָט זיי געשריבן. איך באַגרענעץ זיך צום רעאַגירן אויף עטלעכע פּאָלעמישע פיילן און ניט אויפן גאַנצן תוכן — ווייל איך וואָלט בשום אופן, אין קורצע אַרטיקלען ניט געקענט טאָן פולע גערעכטיקייט צו אָט דעם תוכן.

די מערסטע פּאָלעמישע פיילן זיינען בעיקר געצילט קעגן די צוויי דערמאָנטע ראשי־המדברים פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. איך ווייס, אַז זיי קענען זייער שטעטל אַליין באַשטיין. זיי בויטיקן זיך זיכער ניט דערצו אין מיין הילף. איך באַ־טראַכט אָבער די פיילן ווי געצילט קעגן אַלע די, וועלכע זיינען מיט אים אין די

דאָזיקע פּונקטן ניט מסכּים. אַזוי ווי איך בין איינער פון זיי — און די פיילן רירן אָן זייער לעבנס־וויכטיקע ענינים אין ציוניזם בפרט און אין דער יידישער וועלט בכלל — האַלט איך זיך פאַר באַרעכטיקט אַרויסצוברענגען אויך מיינע מיינונגען וועגן זיי.

*

די צוויי וויכטיקסטע פּראָבלעמען וואָס צוליב זיי פּאָלעמיזירט אַזוי שאַרף חבר בן־גוריון קעגן דער איצטיקער ציוניסטישער באַוועגונג בכלל און אירע פירער בפרט זיינען: א) די אַלטע פראַגע וועגן דעם חוב פון פּערזענלעכער עליה, וואָס פאַלט, לויט חבר בן־גוריון, אויף יעדן איינעם, וואָס רופט זיך ציוניסט. 2) די פראַגע, צי איז מדינת ישראל פּאַרפליכטעט און מסוגל צו שיקן צום יידנטום אין גלות לערער און מדריכים, וואָס זאָלן העלפן פירן די זייער שווערע אַרבעט פון יידישן חינוך. וויל איך זיך קודם אָפּשטעלן אויף דער ערשטער פראַגע.

איך טייל ניט דעם אַרגומענט פון אַ סך, אַז עס איז ניט כּדאַי ממשיך צו זיין דעם וויכוח מיט חבר בן־גוריון וועגן אָט דעם פּונקט, ווייל אַזאַ וויכוח קען צו גאָרניט דערפירן. איך האָב געפירט אַ וויכוח קעגן זיין איינשטעלונג מיט איבער 10 יאָר צוריק און זע נאָך דערווייל ניט קיין סיבה צו ענדערן מיין שטעלונג. אָבער במשך די 10 יאָר זיינען דאָך פאָרגעקומען אַנטוויקלונגען, וואָס באַרעכטיקן נאָך אַ מאָל אַריינצוקוקן אין דעם ענין. ערשטנס, בין איך גרייט צוצוגעבן, אַז די געוואַלטיקע עקשנות, וואָס חבר בן־גוריון האָט אין אָט דעם ענין אַרויסגעוויזן, איז ניט געווען כּולה נעגאַטיוו. זי האָט אויך פאַרמאָגט פּאָזיטיווע מאָמענטן, וואָס האָבן שוין גע־בראַכט גוטע רעזולטאַטן. איך מיין, למשל, אַז זיין עקשנות איז געווען איינער פון די וויכטיקסטע פאַקטאָרן (אַוודאי ניט דער איינציקער!), וואָס האָט דערפירט דערצו, אַז די עליה פון די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע האַלט אין איין שטייגן. פון עטלעכע צענדליק אַ יאָר, מיט איבער 10 יאָר צוריק, האָבן מיר דערגרייכט איבער צוויי טויזנט אין לעצטן יאָר. קיינער קען ניט אויסמעסטן פּינקטלעך דעם פּראָצענט פון השפּעה, וואָס זיין עקשנות האָט געהאַט אויף אָט דעם וווּקס. אָבער קיינער טאָר ניט אויך אָפּלייקענען, אַז זיין כּסדרדיק האַלטן די פראַגע פון עליה פאַר די אויגן פון גאַנצן יידנטום האָט אויסגעאיבט אַ ווירקונג אויף אָט דער אַנט־וויקלונג. דערביי ווייס איך גאַנץ גוט, אַז ער האָט די דאָזיקע פראַגע שטענדיק געבראַכט אין אַ קריגערישער יוצא־דופנדיקער פאָרעם. טאַקע וועגן דעם וועט זיין מיין וויכוח מיט אים. אָבער אַפילו אין אָט דער יוצא־דופנדיקער פאָרעם האָט ער משפּיע געווען. לאָמיר טאַקע נעמען דעם אויבנגעבראַכטן פאַקט פון דער שטייגנ־דיקער עליה פון צפון־אַמעריקע.

ער אונטערשטרייכט כּסדר די זינד פון די ציוניסטישע פירער פאַר וואָס זיי זיינען ניט עולה. קער איך מיך באַלד אום צו אָט דעם פּונקט. איך ווייס, אַז אָט די דירעקטע פאָדערונג האָט אויף די ציוניסטישע פירער נאָך קיין קענטיקע השפּעה ניט אויסגעאיבט. איך בין ניט קיין בוחן־לבבות און ווייס ניט אין וויפל הערצער פון ציוניסטן אין גלות רופט זיין שטענדיקע פאָדערונג אַרויס אַן אומרו. אָבער צו קיין ממשותדיקע רעזולטאַטן האָט עס דערווייל ניט געפירט. זייער ווייניק פון זיי האָבן

עולה געווען. אָבער זיין שטענדיקע מאָנונג פון די פירער האָט אויך דערגרייכט צו די הערצער פון אַ טייל פון דער צפון־אַמעריקאַנישער יידישער יוגנט, וואָס זוכט ערשט איר וועג אין איר יידישן און מענטשלעכן לעבן. און קומענדיק פון אַזאַ אויטאָריטעטע פּערזענלעכקייט, ווי דוד בן־גוריון, האָט זיין מאָנונג געהאָלפן פירן דערצו, אַז אַ טייל פון איר — דערווייל נאָך אַלץ ניט קיין זייער באַדייטנ־דיקער — זאָל האָבן געענטפערט אויף דער מאָנונג דורך פּערזענלעכער עליה.

שוין אָט דער פאַקט באַרעכטיקט נאָך אַ מאָל אַריינצוקוקן אין דעם ענין. אפשר דאַרפן מיר גאָר ענדערן אונדזער קעגנערשאַפט צו חבר בן־גוריונס עקשנותדיקער פאָרעם פון זיין פאָדערונג פון פּערזענלעכער עליה (צו זיין עצם־פאָדערן אַ גרויסע עליה האָבן כמעט אַלע מסכים געווען). אָבער נאָך וויכטיקער איז צו פּרובירן אַנאַ־ליזירן די סיבות, פאַר וואָס פאַרט איז דער ענטפער מצד די ציוניסטישע פירער געווען ביז איצט אַזאַ מאָגערער. פאַלט די שולד בלויז אויף זיי? זיינען זיי טאַקע אַלע אַזעלכע אומפאַראַנטוואָרטלעכע מענטשן, ווי חבר בן־גוריון באַשולדיקט, אַז זיי נעמען אָן באַשלוסן און אַליין זיינען זיי די דאָזיקע באַשלוסן ניט מקיים? ס׳איז איבעריק צו אונטערשטרייכן, אַז איך נעם ניט אויף זיך די אַנגראַ־אויפגאַבע צו זיין דער אַדוואָקאַט פון אַלע ציוניסטישע פירער. איך וויל נאָר ערלעך־אָביעקטיוו — ווי ווייט איך בין דערצו פעיק — אַרויסברענגען דעם ענטפער אויף אָט דער פראַגע, ווי איך זע עס. וועלן מיר מוחל זיין אייניקע ציוניסטישע פּערזענלעכקייטן הלמאי איך וועל דערמאָנען זייערע נעמען אין די קומענדיקע שורות.

*

די טענה קעגן די ציוניסטישע פירער פאָרמולירט חבר בן־גוריון אין זיין לעצ־טער אַרטיקל־סעריע אַזוי (די קומענדיקע ציטאַטע איז פון „דבר״, 29סטן דעצעמ־בער, אַ טאָג איידער דער 26סטער ציוניסטישער קאָנגרעס האָט זיך געעפנט):

„דער 25סטער קאָנגרעס, פון יאָר 1961, האָט דערקלערט און פעסטגעשטעלט, אַז (ער ציטירט די אָנגענומענע רעזאָלוציעס פון יענעם קאָנגרעס) די פראַגע פון עליה דאַרף שטיין אין צענטער פונעם ציוניסטישן לעבן אין אַלע יידישע ישובים פון דער וועלט. דער קאָנגרעס רופט די יידן פון אומעטום עולה צו זיין אין מאַסן קיין ישראל, לעבן דאָרט אַ שלימותדיק יידיש לעבן, בויען דאָס לאַנד, און אַליין אין אים אויפגעבויט צו ווערן״. דאָן גיט חבר בן־גוריון צו: „אין יענעם קאָנגרעס האָבן זיך באַטייליקט 521 דעלעגאַטן. פון זיי זיינען 190 געווען פון מדינת ישראל. הייסט עס, אַז 321 דעלעגאַטן פון חוץ־לארץ האָבן געשטימט פאַר אָט דער רעזאָ־לוציע. וויפל פון זיי האָבן פּערזענלעך מקיים געווען אָט די החלטה? וואָס פאַרא ווערט האָבן החלטות וואָס פאַרפליכטן ניט?״ ער ברענגט נאָך ציטאַטן פון זיינע אייגענע דערקלערונגען אין יאָר 1937; ציטאַטן פון נאָך פריערדיקע קאָנגרעסן; אין ציטאַטע זאָגט אַפילו, אַז „דער קאָנגרעס רופט מיט פאַרדאָפּלטער קראַפט יעדן ציוניסט, ער זאָל וואָס שנעלער מקיים זיין די מצווה פון עליה״. און דאָן פאַר־ענדיקט ער מיטן שאַרפן פאָרוואורף אַזוי: „אָבער סיי דער פּרעזידענט פון דער ציו־ניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, סיי דער פאָרזיצער פון דער הנהלה אין ירושלים דערקלערן, אַז ׳ציוניזם איז אַ תורה — און ניט קיין אָרגאַניזאַציע פון עולים׳.

און די באַשלוסן פון קאָנגרעס ווערן דורך דעם געמאַכט צו שאַנד און צו שפּאָט".

איז דאָס אַוודאי זייער אַן ערנסטער פאָרוואורף. און דאָך זאָג איך, אַז גערעכט זיינען ד"ר נחום גאָלדמאַן און משה שרת מיט זייער פעסטשטעלונג, אַז „ציוניזם איז אַ תורה — און ניט קיין אָרגאַניזאַציע פון עולים". איידער איך נעם זיך צו באַגרינדן אָט די מיינונג מיינע דאַרף איך קודם עפּעס זאָגן וועגן די סיבות פאַר וואָס די ציוניסטישע פירער זיינען דאָך ניט עולה. איך קען נאַטירלעך ניט דערקלערן די סיבות פאַר וואָס אַלע 321 דעלעגאַטן פון חוץ־לארץ צום 25סטן ציוניסטישן קאָנ־גרעס זיינען ניט עולה געווען. אויך ניט וועגן אַלע דעלעגאַטן, וואָס זיינען געקומען פון צפון־אַמעריקע. איך וויל אַרומנעמען נאָר אַ פּאָר צענדליק פון די באַקאַנטסטע ציוניסטישע פירער אין צפון־אַמעריקע און וועל פּרובירן ווערן זייער מליץ־יושר. איך האַלט זיך באַרעכטיקט דערצו, ווייל אָט די פּאָר צענדליק קען איך אַלעמען פּערזענלעך. איך ווייס די פּאָזיציעס, וואָס זיי פאַרנעמען אין יידישן לעבן פון צפון־אַמעריקע, און איך קען זיך גרינג פאָרשטעלן וואָס זיי וואָלטן דאָ געקאָנט טאָן, ווען זיי זיינען עולה.

*

עס איז מיר שווער צו שרייבן די קומענדיקע שורות, אָבער זיי מוזן דאָך אַ מאָל אַרויסגעבראַכט ווערן. צוויי צפון־אַמעריקאַנישע ציוניסטישע פירער האָבן יאָ עולה געווען. איינער פון זיי, ד"ר ישראל גאָלדשטיין, האָט זיך פאַרוואָרצלט און איז גע־בליבן. דער צווייטער — אין מיינע אויגן דער באַגאַבטסטער פירער פון אַלגעמיינעם ציוניזם אין צפון־אַמעריקע — ד"ר עמנואל ניומאַן האָט געמאַכט אַ פּרווו. ער איז געקומען, געווען עטלעכע חדשים — און איז צוריקגעפאָרן. אין אָט דיביידע אויסנאַם־פאַלן האָט די העכסטע ציוניסטישע לייטונג פאַרזאָרגט פאַר זיי דאָ אין ישראל וויכטיקע פּאָזיציעס, כדי זיי זאָלן דאָ קענען ממשיך זיין זייערע אַקטיוויטעטן. אַזעלכע וויכטיקע פּאָזיציעס געפינען זיך זייער ווייניק אין רשות פון דער ציוניס־טישער וועלט־פירערשאַפט. זי קען די אַנדערע צענדליקער ציוניסטישע פירער מיט אַזעלכע פּאָזיציעס ניט פאַרזאָרגן. דאַרף מען דאָך, איידער מען האָט טענות צו זיי, געפינען אַן ענטפער אויף דער פּשוטער פראַגע: וואָס וועלן זיי דאָ טאָן? איך רעכן, אַז קיינער האָט אַפילו ניט קיין רעכט צו האָבן טענות צו ד"ר ניומאַן, ער איז ניט מחויב (ניט מיר, ניט עמעצן אנדערש) צו דערקלערן די סיבות, פאַר וואָס ער האָט געמוזט צוריקפאָרן. איך קען עס אַוודאי ניט טאָן, ווייל איך אַליין האָב געמאַכט צוויי מאָל פּרווון עולה צו זיין — אין 1933 און אין 1946 — און האָב ביידע מאָל געמוזט צוריקפאָרן. אויך איך בין ניט מחויב צו דערקלערן די סיבות פאַר וואָס איך האָב עס געמוזט טאָן. סיי ד"ר ניומאַן, סיי איך, סיי אַנדערע ציוניסטישע עסקנים זיינען נאָר שולדיק אַ דערקלערונג צו זייער ציוניסטישן געוויסן, וואָס אַלע פון אונדז פאַרמאָגן.

איך גלייב ניט, אַז איך דאַרף זיך אַנטשולדיקן פאַר וואָס איך ברענג אויך אַריין זיך אַליין אין דער פרשה. אָבער ווי באַלד איך האָב עס שוין געטאָן, בין איך מחויב צוצוגעבן: סיי ד"ר ניומאַן, סיי די אַנדערע ציוניסטישע פירער, זיינען ניט באַוועגט

געוואָרן פון אַזאַ מעכטיקן פאַקטאָר — ווי איך בין באַוועגט געוואָרן — סוף־כל־סוף צו בלייבן אין לאַנד. איך האָב דורך דעם גאַנץ געמאַכט און פאַראייניקט מיין משפחה, וואָס איז צענדליקער יאָרן נאָך אַנאַנד געווען צעריסן. צו מיין גליק האָבן זיך מיינע טעכטער אַזוי פאַרוואָרצלט אין לאַנד און אַזוי פאַרליבט אין ירושלים, אַז פאַר מיין פרוי און פאַר מיר איז עס טאַקע געווען דאָס גרעסטע גליק צו קענען בלייבן אין מדינת ישראל און טאַקע אין ירושלים מיט זיי צוזאַמען. אינעם פאַל פון די מערסטע אַנדערע ציוניסטישע פירער ווירקט גאָר דער משפחה־פאַקטאָר קעגן בלייבן אין לאַנד. דעריבער קען איך קיין טענות ניט האָבן ניט צו ד״ר ניומאַן און ניט צו די אַנדערע אויף דעם געביט.

איך רעכן, אַז אויך חבר בן־גוריון האָט קיין רעכט ניט צו האָבן צו זיי טענות וועגן זייער פערזענלעכער עליה. אָבער אויב ער נעמט זיך דאָס רעכט צו האָבן אַזעלכע טענות, מעג מען דאָך פון אים פאָדערן אויסגעהאַלטנקייט. איז ער געווען אויסגעהאַלטן אין דעם פאַל ד״ר ניומאַן ? לאָמיר זען.

אין לעצטן יאָר האָט ד״ר עמנואל ניומאַן געפייערט זיין 70סטן געבוירן־טאָג. צווישן אַנדערע האָט אים אויך באַגריסט דוד בן־גוריון. אָוודאי איז עס געווען זייער שיין און חבריש פון אים אַזוי צו האַנדלען. איך האָב צו אים, צו חבר בן־גוריון, ניט קיין טענה פאַר וואָס ער האָט אין זיין באַגריסונג מיט קיין רמז ניט דערמאָנט דעם פאַקט, אַז ער, עמנואל ניומאַן, איז געווען איינער פון יענע 321 דעלעגאַטן צום 25סטן ציוניסטישן קאָנגרעס, וועלכע האָבן, לויט חבר בן־גוריונס באַהויפּטונג, געמאַכט צו שאַנד און שפּאָט די החלטה פון קאָנגרעס וועגן עליה. אפשר פאָדערט די איידלקייט, אַז ווען מען באַגריסט אַ מענטשן, דאַרף מען ניט דערמאָנען זיינע פגמים, אויב ער האָט אַזעלכע. אָבער חבר בן־גוריון האָט זיך ניט צופרידנגעשטעלט מיט סתם אַ באַגריסונג. ער האָט ביי דער געלעגנהייט אַרויסגעזאָגט אַן עקסטרעמען שבח אויף ד״ר ניומאַנס חשבון. ער האָט געזאָגט ניט מער און ניט ווייניקער, אַז ניומאַן איז דער איינציקער אמתער ציוניסט אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

איז עס אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך פון חבר בן־גוריון צו זיין זייער עקס־טרעם — סיי ווען ער קריטיקירט, סיי ווען ער גיט עמעצן אַ שבח. געדענקען מיר דאָך נאָך אַלט די דאָזיקע כאַראַקטעריסטיק זיינע אין אַן אַנדער פאַל, אינעם פאַל פון דער פירערשאַפט פון דער ישראל־אַרמיי. אויך דאַן האָט ער איינעם באַצייכנט אַלס דער „איינציקער״ און האָט דורך דעם מיר־ניט דיר־ניט שטאַרק באַליידיקט אַלע אַנדערע זעקס אַרמיי־פירער, וואָס האָבן פונקציאָנירט זינט די מלוכה איז אויפ־געשטעלט געוואָרן. איז, מילא: אין יענעם פאַל בין איך ניט קיין מיליטערישער עקספּערט אַרויסצוזאָגן צי אין זיין עצם־באַהויפּטונג איז ער געווען גערעכט (דאָס וואָלט נאָך אַלץ ניט באַרעכטיקט די באַליידיקונג קעגן די אַנדערע). אָבער אין פאַל פון ד״ר ניומאַן ? איך האָב פריִער באַצייכנט ווי הויך איך שאַץ אָפּ ד״ר ניומאַנס באַגאַבונג און זיין ציוניזם. אָבער דער איינציקער ? דאָס זיכער ניט ! וואָלט איך אים אַזוי באַצייכנט, וואָלט מען עס געקענט אָננעמען ווי אַ גוזמא פון אַ ניט גענוג־אָפּגעהיטענעם פּובליציסט. אָבער בן־גוריון ? פאַר אים ווערט פּלוצעם איינער פון יענע, וואָס איז, לויט אים, באַגאַנגען אַזאַ גרויסע זינד — ווי מאַכן צו שאַנד און

צו שפּאַט אַ החלטה פון אַ ציוניסטישן וועלט־קאָנגרעס — פאַרוואַנדלט אין דעם איינציקן ציוניסט אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

אָבער צוריק צו דער טעמע. איך פרעג פּשוט און אָפן: וואָס וואָלטן דאָ געקענט טאָן יענע פּאָר צענדליק ציוניסטישע פירער, קעגן וועמען חבר בן־גוריון פירט־אָן אַזאַ עקשנותדיקן קאַמף פאַר וואָס זיי זיינען פערזענלעך ניט עולה? דאָ וועל איך שוין קיין לעבעדיקע פערזענלעכקייטן מער ניט אָנרופן. אָבער איך וויל אָנרופן צוויי, וואָס זיינען שוין אויפן עולם־האמת, וואָס האָבן פאַרנומען די סאַמע פראָנט־פלעצער אין צפון־אַמעריקאַנער ציוניזם — לואי ליפּסקי און ד״ר אבא הלל סילווער, זכרונם לברכה — וואָס האָבן נאָך געלעבט ווען חבר בן־גוריון האָט אָנגעהויבן זיין קאַמפּיין פאַר פערזענלעכער עליה פון ציוניסטישע פירער. וואָס וואָלטן זיי, אויף זייערע עלטערע יאָרן, געקענט טאָן דאָ אין ישראל? ווי וואָלט אויסגעזען זייער סטאַטוס דאָ אין פאַרגלייך מיט זייער סטאַטוס אין צפון־אַמעריקאַנער יידנטום? איך וואָלט אוודאי געקענט אויך ברענגען דעם אַרגומענט, אַז זייערע אַקטיוויטעטן פאַר מדינת ישראל האָבן זיי דאָרטן געקענט פיל פּרוקטבאַרער אויסנוצן ווי ווען זיי קומען אַהער. אָבער איך רייד פון פּשוטן, ריין־מענטשלעכן אינטערעס. איז חבר בן־גוריון גרייט צו זאָגן, אַז ווען ער וואָלט זיך געפונען אין זייערע באַדינגונגען, איז ער זיכער, אַז ער וואָלט עולה געווען? איך פרעג: ווו איז די מאָראַלישע באַרעכ־טיקונג פאַר אַזאַ עקשנותדיקן און אָפּט באַליידיקנדיקן קאַמף קעגן מענטשן, וואָס דינען זייער אידעע לויט זייער געוויסן?

*

צו מיין פּרינציפּיעלער באַגרינדונג פאַר דער טעזע, אַז „ציוניזם איז אַ תורה — און ניט קיין אָרגאַניזאַציע פאַר עולים״, און צו דער פראַגע וועגן דעם צי ישראל דאַרף און איז מסוגל צו העלפן דעם יידנטום אין גולה מיט לערער און מדריכים פאַר דער חינוך־אַרבעט — וועל איך באַלד קומען. דאָ וויל איך נאָר צוגעבן איין וואָרט, בעיקר דערפאַר ווייל איך האָב זיך אַזוי לאַנג אָפּגעשטעלט אויף די האַנדלונ־גען פון חבר דוד בן־גוריון.

מען דיסקוטירט דאָ זייער פיל וועגן די אימפּולסן, וואָס באַוועגן דעם חבר בן־גוריון צו זיינע עקסטרעמע האַנדלונגען. בעיקר, באַטירלעך, וועגן דער אומגליק־לעכער „פּרשה״. זאָגן אייניקע, ער ווערט באַוועגט דורך אימפּולסן פון שנאה און קנאה; זאָגן אַנדערע, אַז ער ווערט באַוועגט פון אימפּולסן פון צדק, יושר און מאָ־ראַלישער ריינקייט. מיר שיינט, אַז ער ווערט גלייכצייטיק באַוועגט פון ביידע אימ־פּולסן. און אין דעם שטעקט, לויט מיין מיינונג, די גרעסטע סכנה פון זיינע האַנד־לונגען. ווייל ווען אימפּולסן פון שנאה און האַס ווערן אין דער זעלביקער נשמה געהייליקט דורך אימפּולסן פון צדק און מאָראַליטעט, דאַן פּראָדוצירט עס אַזאַ מעכטיקן נעגאַטיוון כוח, וואָס איז עלול חרוב צו מאַכן אַ גאַנצע וועלט און דערביי אויך חרוב מאַכן די גרויסע ראָלע, וואָס דער טרעגער פון אָט־דעם כוח פאַרנעמט אַליין אין דער יידישער געשיכטע.

*

איך קער מיך אום צו דער פראַגע: די ציוניסטישע תורה און צו וואָס זי איז מחייב.

איך דאַרף זיכער ניט לערנען דעם חבר בן־גוריון די ציוניסטישע תורה. ווי איך האָב אויבן געשריבן, האָבן זיינע אַרטיקלען — בשייכות מיטן 26סטן קאָנ־גרעס — געגעבן אַ גאַר־וואַגיקן, ציוניסטישן ביישטייער. טאַקע דערפאַר מעג מען זיך וווּנדערן אויף אייניקע פון זיינע מסקנות. בעיקר אין צוויי שטחים: א) אינעם שטח וועגן דער פליכט פון פערזענלעכער עליה פון אַ ציוניסט. ב) זיין מסקנה, אַז ישראל טאָר ניט שיקן קיין לערער און מדריכים צו העלפן די יידן אין גלות אָנפירן זייער יידישע חינוך־אַרבעט. לאָמיר דעריבער, פאַר זיך אַליין, נאָך אַ מאָל בקיצור פאַרצייכענען די גרונט־יסודות פון דער ציוניסטישער תורה, וואָס יעדער שטראָם אין דער ציוניסטישער באַוועגונג האָט זיי אַלע מאָל אָנגענומען:

א) מיר זיינען איין פאָלק, מיט איין עבר, מיט איין הווה (וואָס איז געווען אַנ־דערש און איז אויך איצט אַנדערש, לויט די באַדינגונגען און די פאַרשיידנקייטן פון די לענדער, אין וועלכע מיר האָבן געלעבט און לעבן איצט), מיט איין האָפענונג פאַר דער צוקונפט; איין פאָלק מיט אַן אייגנאַרטיקער קולטור, וואָס גיט גייסטיקן זין אונדזער אייגענעם לעבן און איז גלייכצייטיק אונדזער ביישטייער צו דער אַל־מענטשלעכער קולטור.

ב) בנוגע דעם הווה האָבן מיר אַלע פאַרמשפט דעם גלות (מיר האָבן אים ניט פאַרלייקנט, ער איז געווען אַ פאַקט; מיר האָבן אין אים געלעבט און געשאַפן, אָבער מיר זיינען אַלע געווען זיכער, אַז אונדזער פאָלקס צוקונפט איז ניט אין גלות נאָר אין ארץ־ישראל).

ג) בנוגע אונדזער האָפענונג פאַר דער צוקונפט, זיינען מיר אַלע געווען דורכ־געדרונגען פון דעם ווילן צו פאַרזיכערן דעם המשך פון אונדזער פאָלקס־קיום, ערשטנס, דורך יידישער דערציִונג אומעטום ווו דער גורל האָט יעדן טייל פון אונדז פאַרוואָרפן; און בעיקר דורך בויען אין ארץ־ישראל אונדזער „סטראַטעגישע באַזע" (נוצנדיק אַ באַראַכאָוו־אויסדרוק) פאַר אונדזער פולשטענדיק־פרייען און זעלבסט־שטענדיקן לעבן און דורך דעם אויסגלייכן אונדזער סטאַטוס מיט אַלע פעלקער פון דער וועלט.

ד) גלייכצייטיק איז די ציוניסטישע תורה געווען דורכגעדרונגען מיטן געדאַנק פון „כל ישראל ערבים זה לזה". יעדער באַוווסטזיניקער ציוניסט האָט געפילט, אַז ער טראָגט אויף זיך אַ גרויסע, אַ הייליקע פליכט: זיין שליחות איז צו באַטייליקן זיך אין אַלץ, וואָס העלפט פאַרזיכערן יידישן המשך. אין גלות איז ער מחויב צו העלפן צוגרייטן, דורך חינוך, די נייע יידישע דורות צו אָט־דעם המשך. אַוודאי איז זיין ערשטע פליכט צו זיינע אייגענע קינדער; אָבער ניט בלויז צו זיינע אייגענע. דער ציוניסט האָט גלייכצייטיק געפילט, אַז דער הויפט־ציל פון אָט דעם חינוך דאַרף זיין: צוגרייטן סיי די דערוואַקסענע יידן, סיי די נייע דורות צו עליה, בכדי צו דער־פירן צו פולשטענדיקן קיבוץ־גליות און דאַן וועט דער קיום פון פאָלק פאַרזיכערט ווערן עד סוף כל הדורות.

איך מיין, אַז אָט די יסודות פון דער ציוניסטישער תורה האָבן אָנגענומען אַלע ציוניסטן, אָן אונטערשייד דורך וועלכע וועגן זיי זיינען געקומען צום ציוניזם (און עס זיינען געווען פאַרשיידענע וועגן, וועלכע דאַרפן פאַרצייכנט ווערן). און עס זיינען

אויך געווען ריכטונגען אין ציוניזם, וועלכע האָבן צו אַט די יסודות נאָך צוגעגעבן אַ נופך משלהם. אָבער וועגן דעם — שפּעטער). איצט דאַרף איך, ערשטנס, פאַר־ענדיקן מיין וויכוח וועגן פּערזענלעכער עליה פון יעדן ציוניסט און, צווייטנס, עפּעס זאָגן וועגן דעם ביישטייער וואָס מדינת־ישראל דאַרף צוטראָגן צום יידישן חינוך אין גלות.

*

צו מיין ביז־איצט נאָך ניט פאַרענטפערטער פראַגע: וואָס וואָלטן די ציוניס־טישע פירער פון צפון־אַמעריקע געטאָן, ווען זיי קומען אַהער? — וויל איך נאָך צוגעבן אַ פּאָר פּונקטן:

ראשית — חבר בן־גוריון שטרייכט זייער אָפּט אונטער (און מיט רעכט!) די דערצ?ערישע באַדייטונג, וואָס די פערזענלעכע עליה פון ציוניסטישע מנהיגים וואָלט געהאַט פאַרן ייִנגערן דור. אָבער מען מוז דאָך אויך זען די צווייטע זייט פון דער מטבע: דעם נעגאַטיוון איינפלוס, וואָס אַן עווענטועלע ירידה פון אַזעלכע מנהיגים וואָלט געהאַט, ווען זיי וואָלטן זיך דאָ ניט געקענט איינאָרדענען. איך ווייס צענ־דליקער ביישפּילן פון אַזעלכע, וועלכע זיינען יאָ געקומען אין לאַנד — ניט דווקא ציוניסטישע מנהיגים — און האָבן געמוזט צוריקפאָרן. צווישן זיי אַפילו מענטשן מיט וויכטיקע באַרופן פאַר דער מדינה. זייער צוריקקומען האָט בלי־ספק משפיע געווען אויף ווער ווייסט וויפל יונגע מענטשן אין אַמעריקע, וועלכע האָבן ערנסט געטראַכט וועגן עליה. דאָס צוריקקומען פון באַקאַנטע ציוניסטישע פירער וואָלט געמוזט ווירקן נאָך מער נעגאַטיוו.

צווייטנס, מוז אויך פאַרציכנט ווערן דער — מילד־גערעדט — אומגערעכטער אופן פון זיין, בן־גוריונס, פּאָלעמיק קעגן די ראשי־המדברים פון 26סטן קאָנגרעס — ד״ר נחום גאָלדמאַן און משה שרת. איך וועל זיך דאָ באַנוצן מיט איין ביישפּיל, כאָטש אַזעלכע זיינען דאָ פיל אין די אַרטיקלען וואָס חבר בן־גוריון האָט פאַרעפנט־לעכט בשייכות מיטן קאָנגרעס (דערביי וויל איך נאָך אַ מאָל אונטערשטרייכן, אַז דער פולער תוכן פון זיינע אַרטיקלען איז געווען דער וויכטיקסטער ציוניסטישער ביישטייער צום קאָנגרעס). און אָט איז דער ביישפּיל:

אין זיין ערשטן אַרטיקל („דבר״, 29סטן דעצעמבער) ציטירט ער חבר משה שרתס ענטפער אויף אַ פראַגע וואָס אַ קאָרעספּאָנדענט האָט אים, שרתן געשטעלט: צי קען באַטראַכט ווערן אַ ציוניסט סתם אַ גוטער ייד, וואָס ביישטייערט זיך אויף די פאָנדן און איז ניט עולה? אויף דעם האָט חבר שרת געענטפערט: „ציוניזם איז אַ תורה און ניט אַן אָרגאַניזאַציע פון עולים. אויב מען זאָגט, אַז אַ ציוניסט איז נאָר דער, וואָס איז אַליין עולה, הייסט עס, אַז ציוניזם איז ניט קיין גלויבן, קיין וויזיע און קיין חינוך, נאָר די אַרבעט פון אויסשליסלעך עליה״. אויף דעם רעאַגירט בן־גוריון אַזוי: אַז הונדערטער יאָרן נאָך אַנאַנד איז געווען אמונה, געווען חזון און חינוך און עס איז ניט געווען קיין ציוניזם; און אויב איצט איז פאַראַן אין לאַנד אַ ווערק, וואָס דער ציוניזם האָט אויפגעבויט און וועלכן עס האָבן אויך געבויט די חוזי־התקומה פון פאַרן ציוניזם — איז עס נאָר דערפאַר, וויל צו אמונה און חזון און חינוך איז צוגעקומען עליה. איז דאָס אַן אַרגומענט קעגן חבר משה שרת?

האָט חבר שרת אין אַלע זיינע יאָרן ניט געטאָן אַלץ, בכדי צו פאַרשטאַרקן עליה קיין ארץ־ישראל און קיין מדינת־ישראל? לייקנט עמעצער אין דער נויטיקייט פון עליה? ער אַליין, בן־גוריון, ברענגט מיט עטלעכע שורות שפּעטער אַ צווייטן ציטאַט פון חבר שרת, אין וועלכן חבר שרת זאָגט: „זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז יענע וועלכע לייקענען לגמרי אין דער נייטיקייט עולה צו זיין, ווידערשפּרעכן זיך אַליין". טאָ ווי געשיקט זיך די באַהויפּטונג פון חבר בן־גוריון, אַז חבר שרת „האָט פאַר־געסן די ראָלע פון עליה"? און וואָס פאַרא מאָראַלישע באַרעכטיקונג קען געגעבן ווערן פאַר אַ פּאָלעמיק, וואָס שפּרינגט אַוועק פון דער ריכטיקער פראַגע, וואָס ווערט דיסקוטירט — די פראַגע פון דער פליכט פון פּערזענלעכער עליה — צו דער פראַגע פון אַלגעמיינער באַדייטונג פון עליה, וואָס קיינער לייקנט ניט אין איר?

✶

איך קום איצט צו דער פראַגע וועגן ישראלס הילף פאַר יידישן חינוך אין גלות. מיט זיין געוויינטלעכער עמקות אַנאַליזירט חבר בן־גוריון די פּראָבלעמען פון חינוך אין מדינת־ישראל גופא. ער ווייזט־אָן אויף דעם מאַנגל אין לערער און מדריכים, פון וועלכן עס ליידט דער חינוך אין ישראל. איז דאָס אַלץ אמת. אָבער אויב מען נעמט־אָן דעם פּרינציפּ פון „כל ישראל ערבים זה בזה" *, מוז עס פירן צו געוויסע מסקנות בנוגע דעם יידישן חינוך אין גלות. סיידן מען מיינט, אַז דער יידישער חינוך אין גלות געהערט ניט צו די עניינים, וואָס שטייען ברומו של עולמנו. אָבער חבר בן־גוריון דענקט זיכער ניט אַזוי. פאַרקערט, ער שטראָפט (און מיט רעכט!) די ציוניסטן, וואָס טוען ניט גענוג פאַרן חינוך. ער פאָדערט פון זיי (ווידער מיט רעכט!) אויפצושטעלן אַזעלכע גרויסע חינוך־מוסדות, וואָס זאָלן דערציִען טויזנטער נייע לערער און מדריכים סיי פאַר זיך, סיי אויך פאַר מדינת־ישראל. די מסקנה פון אַזאַ איינשטעלונג בעט זיך דאָך פון זיך אַליין: די חינוך־כוחות, וואָס דאָס יידישע פאָלק פאַרמאָגט איצט און וואָס עס קען אַנטוויקלען אין דער נאָענטער צוקונפט מוזן צעטיילט ווערן צווישן גאַנצן פאָלק אויף אַן אופן, וואָס זאָל ברענגען דעם מאַקסימום נוצן דעם גאַנצן פאָלק. אויב מען קומט צו אַזאַ מסקנה — און דערצו זעט מען די איצטיקע ווירקלעכקייט ניט נאָר אין ישראל, נאָר אויך אין גלות — מוז מען דאָך פאַרשטיין, אַז אַפילו די גערעכטע פאָרשלאָגן, וואָס חבר בן־גוריון מאַכט די ציוניסטן אין גלות — ווען זיי זאָלן טאַקע צוטרעטן זיי צו פאַרווירקלעכן אויף אַ גרויסן פאַרנעם — וואָלטן ניט געקענט דורכגעפירט ווערן אָן דער הילף

---

* און חבר בן־גוריון נעמט אָן דעם פּרינציפּ. ער האָט אים טאַקע אויסגעדריקט אין איינעם פון די מאמרים, וועגן וועלכע מיר שמועסן דאָ. ער ציטירט זיין אייגענע שטעלונג נאָך פון יאָר 1937, וואָס לייענט זיך אַזוי: „די יידישע מדינה וועט ניט אויפגעשטעלט ווערן, וועט ניט עקזיסטירן און וועט ניט דערפילן איר שליחות, אויב זי וועט זיך ניט אָנשפּאַרן אויפן כוח פון גאַנצן פאָלק. אָן דעם יידישן פאָלק, וואָס געפינט זיך מחוץ דער מדינה, קען ניט זיין קיין קיום פאַר דער מדינה, איז ניטאָ קיין נויטווענדיקייט פאַר דער מדינה און עס איז ניטאָ קיין צוקונפט פאַר דער מדינה". אויב מען וואָלט געקענט מיינען, אַז דאָס איז נאָך געזאָגט געוואָרן פאַר הקמת המדינה, אָבער איצט טראַכט אפשר בן־גוריון אַנדערש, גיט ער אַליין צו אַ ביסל שפּעטער אין זעלביקן אַרטיקל, אַז ער איז גרייט זיך אונטערצושרייבן אונטער אָט דער דערקלערונג אויך היינט.

ב. צ.

פון אַ טייל פון די פעיִקסטע מדריכים, וואָס מיר פאַרמאָגן שוין אין דער מדינה.

לאָמיר נאָך צוגעבן אַ היפּאָטעטישע פאַרשטעלונג: די רוסישע רעגירונג דער־לויבט פרייע יידישע דערציִונג פאַר די סאָוועטישע יידן. די לעצטע נויטיקן זיך אין הונדערטער מדריכים, וואָס די רעגירונג איז גרייט אַריינצולאָזן אין לאַנד — וואָלט דען ניט דער פּרינציפּ פון כל ישראל ערבים זה בזה פאַרפליכטעט סיי די מדינה און סיי די יידישע ישובים פון אַלע גלותן אָפּצושפּאָרן פון זיך און צושטעלן די נייטיקע מחנכים?

היוצא לנו מזה: דער ענין פון יידישן חינוך קען ניט פון קיין יידנטום פון קיין שום לאַנד באַטראַכט ווערן פון אַן איזאָלאַציאָניסטישן שטאַנדפּונקט: איך דאגה נאָר פאַר זיך. פון דעם שטאַנדפּונקט נעגיר איך אויך די נאַרישע לאָזונג: „מיטן פּנים צום גלות״. די דאָזיקע לאָזונג איז פאַלש.

אָבער וואָס טוט חבר בן־גוריון? ער פאַרענדיקט זיין באַהאַנדלונג פון דער פראַגע צי קען און דאַרף מדינת־ישראל שיקן לערער און מחנכים צו די יידן אין גלות, מיט פאָלגנדיקן, פאַר אים כאַראַקטעריסטישן, עקסטרעמיסטישן אויסגעשריי, וואָס מוז ציטירט ווערן פון זיין אָריגינאַל: „האומנם עומדת התנועה הציונית הרשמית להחליף חזון שיבת ציון — בסיוט של חזרה לגולה?״ אין איבערזעצונג מיינט עס: „צי האַלט טאַקע די אָפיציעלע ציוניסטישע באַוועגונג ביים פאַרבייטן דעם חזון פון שיבת־ציון צו אַ קאָשמאַר פון אומקערן זיך אין גלות?״

און איך פרעג דעם חבר בן־גוריון: האומנם — האָט ער טאַקע פון די איינ־שטעלונגען פון די חברים שרת, גאָלדמאַן און אַנדערע אַרויסגעהערט אַזאַ קאָשמאַ־רישן רוף פון חזרה לגולה? איז גאָר קיין גרענעץ ניטאָ צו דאָס וואָס מען מעג און מען טאָר ניט אין אַן ערנסטן וויכוח?

*

איך וויל פאַרענדיקן אָט דעם קאַפּיטל מיט ציטאַטן פון אַ בריוו, וואָס איך האָב געשריבן דעם 9טן פעברואַר 1957 צו די חברים מרדכי שטריגלער און שמואל באַנטשעק. זיי האָבן מיך געפרעגט טאַקע די שאלה וועגן מיין פערזענלעכער עליה. זיי האָבן געוואָלט וויסן, ווי איך האָב זיך סוף־סוף איינגעאָרדנט אין ישראל. זיי האָבן אויך געפרעגט וועגן זיך אַליין — צי מיין איך, אַז זיי דאַרפן באַלד עולה זיין. אויף דעם האָב איך זיי גע־ענטפערט:

איך בין שוין דאָ איבער אַ האַלב יאָר. מיר שיינט, אַז איך האָב עפּעס גע־לערנט אין דעם האַלבן יאָר, וואָס דאַרף געבן אַן ענטפער אויף דיין, באַנטשעקס, פראַגע: „דאַרפן אַזעלכע חברים, ווי איך, זיך באַזעצן אין ישראל, אָדער ניט?״ איך נעם זיך ווי דעם ביישפּיל. איך וויל זיין ברוטאַל און אָפן צו זיך און אויך צו דיר, מיין ליבער באַנטשעק, און דורך דער דאָזיקער אָפנקייט זאָל אויך אונדזער ביידנס טייערער יונגער חבר שטריגלער עפּעס לערנען אויף פאַר זיך, כאָטש ער געפינט זיך אין גאָר אַ אַנדער לאַגע, ווי מיר ביידע. דער ענין דאַרף באַטראַכט ווערן סיי פון פּערזענלעכן שטאַנדפּונקט, סיי פון געזעלשאַפטלעכן.

דו, באַנטשעק, וועסט זיך זיכער דערמאָנען, וואָס איך האָב געזאָגט ביי דיר

אין הויז ווען חבר יוסף בורשטיין האָט זיך אַ ביסעלע צו שטאַרק צעזונגען וועגן די גרויסע אַרבעטן, וואָס שטייען פאַר אונדז — פאַר העמלינען און מיר — פאַר, ווען מיר וועלן זיך באַזעצן אין ישראל (איך געדענק ניט צי איר, חבר שטריגלער, זייט געווען דערביי). איך האָב געזאָגט זייער קלאָר, אַז איך דערוואַרט גאָרניט פון די אַלע גליקן קיין מעגלעכקייט פאַר וויכטיקע אויפטואונגען אין ישראל. איך האָב געזאָגט גאַנץ ברוטאַל: קיינער וועט אין ישראל זיך ניט אויפהייבן פון אַ שטול, אויף וועלכן מען זיצט און זאָגן: ר׳ ברוך, פאַרנעמט מיין פּלאַץ. איך האָב ווייטער געזאָגט, אַז איך פאָר זיך באַזעצן אין ישראל, כדי ממלא צו זיין מיין פּערזענלעכע תשוקה פון שיבת ציון און כדי צו זיין צוזאַמען מיט מיינע טעכטער. איך האָב געוווסט, אַז די לאַנגע יאָרן פון פּערזענלעכער אַקטיוויטעט, וואָס האָבן מיר פאַר־שאַפן אַזעלכע טיפע גייסטיקע פאַרגעניגנס, האָבן זיך געענדיקט. איך בין אויף דעם געוואָרן גרייט נאָך אַ טיפן אינערלעכן נשמה־געראַנגל. איך האָב דאַן געזאָגט, אַז חבר העמלין געפינט זיך אין אַן אַנדער לאַגע. איך רייד נאָר וועגן זיך.

איך דערמאָן יענע „רעדע״, ווייל איך האָב אין דעם האַלבן יאָר געהאַט אַ געלעגנהייט זיך אַליין אויסצופּרובירן, צי פאַרמאָג איך טאַקע די אינערלעכע גבורה צו לעבן לויט דעם רעצעפּט, וואָס איך האָב פאַר זיך אָנגעצייכנט. איך מוז מודה זיין: זאָגן איז געווען פיל גרינגער. לעבן אַזוי איז זייער, זייער שווער. אָבער, אַפילו מיט מיין היינטיקן געמיט־צושטאַנד וואָלט איך אַלץ געהאַנדלט, ווי איך האָב גע־האַנדלט. איר וועט מיר גלייבן, אַז איך האָב צו קיינעם קיין פּרעטענסיעס ניט. פאַרקערט! לעבנדיק דאָ, פאַרשטיי איך בעסער די באַציִונג פון אונדזערע ישראל־חברים צו אונדזער אַמעריקאַנער באַוועגונג און צו אירע אָנפירנדיקע מענטשן. אָבער דאָס געהערט צו דער צווייטער געזעלשאַפטלעכער טייל, צו וועלכער איך קער זיך אום אַ ביסל שפּעטער. צום ערשטן טייל — צום פּערזענלעכן — האָב איך שוין געזאָגט, אַז עס איז זייער, זייער שווער צו לעבן כמעט איינזאַם, צו זיין כמעט פאַרגעסן און צו שפּייזן זיך מיט געזעלשאַפטלעכע ברעקלעך, וואָס ערגעץ אַ בעל־רחמים, וואָס דערמאָנט זיך אָן דיר, וואַרפט דיר צו אויס רחמנות. דו פילסט זיך אָבער אָפּגעריסן פון דעם אמתן שטראָם, פון דעם ברויזנדיקן לעבן פון דער מדינה, וואָס די וועלכע זיינען אין אים, שעפּן פון אים מלא חפניים טיפע סאַטיספאַקציע, אַפילו ווען זיי דאַרפן זיך ראַנגלען קעגן שוועריקייטן, אָפט מאָל קעגן גרויסע סכנות.

עס קאָן זיין, אַז ווען איך וואָלט געלעבט אין תל־אביב, ווו די וויכטיקסטע ברויזנדיקסטע אַקטיוויטעטן קומען פאָר, וואָלטן די צוגעוואָרפענע ברעקלעך גע־קומען אָפטער און אפשר אויך גרעסערע ברעקלעך. אָבער אויך דאַן וואָלטן עס געווען רחמנות־מתנות. קיין פאַקטישע נויטווענדיקייט אין דיר, אין דיין אַרבעט, אין דעם וואָס דו וואָלסט נאָך געקענט ביישטייערן, פילן ניט יענע, וועלכע באַ־שטימען ווער וואָס זאָל טאָן. עטוואָס פון דער איינזאַמקייט וואָלט אפשר אָפּגעשוואַכט געוואָרן דורך דער גרעסערער צאָל פון אַמעריקאַנער חברים פון מיין דור, וואָס לעבן דאָרט. אָבער ווען איך גיי אַריין טיפער אינעם ענין, בין איך איבערצייגט, אַז פאַר מיר פּערזענלעך וואָלט עס געווען ערגער. איך וואָלט אפשר געקענט גרינגער מאַכן דעם איינזאַמקייט־געפיל פון די איבעריקע חברים, אָבער איך וואָלט געווען

אין דער זעלביקער צייט מער עלול צו פאַלן אַ קרבן פון דער ביטערקייט, וואָס קלייבט זיך אין די הערצער. בצוותא ווערט די ביטערקייט אָן ענין פון אָפּטע געשפּרעכן, און דאָס פירט צו מער פאַרטיפטער אומצופרידנקייט. עס פאַרלענגערט דעם פּראָצעס פון צופּאַסן זיך צו אַ לאַגע, וואָס דו ווייסט אַז עס איז ניטאָ פון איר קיין מפלט. זיצנדיק אפשר מער פאַראיינזאַמט אין ירושלים לעבסטו עס שנעלער איבער, און דו ווייסט: דאָס איז דיין גורל.

אַנטקעגן מיין לאַגע האָב איך צוויי קאָמפּענסאַציעס: איינע אַ פּאָזיטיווע, די צווייטע אַ נעגאַטיווע.

די ערשטע קאָמפּענסאַציע איז — צו לעבן צוזאַמען מיט מיינע טעכטער. מיט יעדן טאָג פיל איך אַלץ טיפער ווי זיי זיינען פאַרוואָרצלט אין לאַנד. זיי זיינען דער־ווייטערט פון דאָס, וואָס האָט אונדז אויסגעפּילט אונדזער לעבן: די באַוועגונג. זיי האָבן אָבער אַ תחליף פאַר דעם. זיי לעבן טיף אין זייערע אַרבעטן: אביבה אין איר אוניווערסיטעט, ווו זי פאַרנעמט די פּאָזיציע פון דאָס, וואָס מען פלעגט אין איי־ראָפּע רופן אַ פּריוואַט־דאָצענט. זי וועט מן הסתם אין אַ פּאָר יאָר אַרום דערגרייכן די מדרגה פון אַ פולן פּראָפעסאָר אין איר פאַך. לויט מיין מיינונג, פאַרדינט זי שוין לאַנג די דאָזיקע מדרגה. אירע פאַרעפנטלעכטע אַרבעטן אין די וויכטיקסטע וויסנשאַפטלעכע זשורנאַלן פון איר פאַך באַווייזן אַ גאָר הויכע מדרגה פון וויסנ־שאַפטלעכע פאַרטיפונג. אין אוניווערסיטעט זיינען ליידער פאַראַן אויך גענוג האַרץ־קלעמענישן. צווישן דער העכערער אינטעליגענץ איז דער גערַאַנגל שאַרפער נאָך מער ווי אין דער פּאָליטיק. ווי אַ טאַטע, איז מיין האַרץ אומרויִק פון דעם, וואָס ביידע האָבן נאָך ניט געפונען זייערע באַשערטע. אָפט דוכט זיך מיר, אַז זיי אַליין ליידן אַ מאָל אויך דערפון. זייער קאָנצענטראַציע אָבער אין זייערע פאַכן איז אַזאַ טיפע — און אפשר איז דער פאַקט, וואָס זיי זיינען ניט פאַרהייראַט, אַ פאַקטאָר, וואָס פאַרטיפט זייער קאָנצענטרירן זיך אין זייערע פאַכן — אַז עס גיט זיי פולן תוכן פאַר זייער לעבן. און דאָס איז דאָך, נאָך אַלעמען, דער עיקר. נעמי איז אַ לערערין פון קונסט, און זי איז פּשוט גליקלעך אין איר אַרבעט. זי האָט אַ זעלב־שטענדיקע סטודיאָ און די קינדער ווערן פּשוט צו איר צוגעקלעפּט. לעבט זי זיך אויך אויס אין איר אַרבעט. סיי ווי, פאַר נינהן און פאַר מיר איז דאָס דער גרעסטער פאַרגעניגן ווען מיר זיינען אַלע צוזאַמען, וויניקסטנס אַ פּאָר שעה יעדן טאָג. דעם דאָזיקן נחת רוח קאָנען נאָר משיג זיין יענע, וועלכע האָבן צענדליקע יאָרן נאָך אַנאַנד אויסגעקוקט די אויגן אויף אַ בריוול פון קינדער, פון דעם מאַן אָדער פון דער פרוי. זייער פאַרליבטקייט אין ישראל בכלל (טראָץ זייערע קריטישע איינ־שטעלונגען צו אַ סך דערשיינונגען אין פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן אין אונדזער מדינה) און אין ירושלים בפרט וואָלט גאָר ניט מעגלעך געווען ערגעץ אַנדערש, כאָטש זיי האָבן נאָך עד היום זייער ליב אַמעריקע. סיי ווי, אָט דער פּאָזיטיווער מאָמענט גיט מיר אַזוי פיל סאַטיספאַקציע, אַז איך וואָלט צוליב דעם אַליין היינט באַשלאָסן, ווען איך וואָלט ערשט היינט געדאַרפט מאַכן דעם באַשלוס, צו באַזעצן זיך אין ישראל.

די נעגאַטיווע קאָמפּענסאַציע וועט ביי אייך מן הסתם אַרויסרופן גרויס דער־

שטויסונג. איך בעט אייך ביידן וועגן דעם פונקט וואָס ווייניקער צו רעדן מיט חברים אָדער חברות, ווער זיי זאָלן ניט זיין. דאָס איז עפּעס אויף וואָס עס איז חל דער אַלטער זאָג: ליבא לפומיא לא גליא. דאָס איז מיר פּשוט שווער צו ברענגען אויפן פּאַפּיר, אָבער איך האָב דאָך באַשלאָסן צו זיין מיט אייך אָפן און אינטים. פאַראַן אין ישראל ותיקים, וואָס זיינען פיל איינזאַמער ווי איך פיל זיך. און דער וויטאָגדיקערביישפּיל איז אונדזער נשיא יצחק בן צבי. (חבר שטריגלער — איר וואָלט דאָ געהאַט אַ טעמע פאַר גאָר אַ גרויסער שאַפונג). ער מאַכט מיט אַלע אָפיציעלע צערעמאָניעס. דאָס האָט ער זיך אויסגעלערנט, אָדער מען האָט אים אויסגעלערנט. דערביי בלייבט זיין האַרץ איינזאַם. ער דערפרייט זיך ווען עס באַזוכט אים עמעצער, וואָס האָט ניט דעם צוועק, אַז מאָרגן זאָל דערשיינען אין דער פּרעסע, אַז דער נשיא האָט אויפגענומען פּלוני־בן־פּלוני; ער לעבט אויף ממש ווען עס קומט צו אים אַ חבר ווי, זאָגן מיר, ישראל שוחט, מיט וועמען ער קאָן ריידן וועגן די אמתע גרויסע אידעאַליסטישע טעג פון אָנהייב פון דער באַוועגונג פאַר שמירה אין ארץ־ישראל, וואָס האָט שפּעטער געפירט צו „השומר", צו „הגנה" און צום סוף צו „צה"ל". אָדער עס באַזוכט אים אַ ייד ווי דער חתום מטה, מיט וועמען ער קאָן פאַרברענגען אַ שעה אין געשפּרעכן וועגן יידן און יידישקייט, וועגן חברים אין אַמעריקע, וועגן זייער ערשטע באַזוכן. איך ווייס, אַז ער זוכט מיך אָפּט (קיין טעלעפאָן האָב איך נאָך ניט) איבער פאַרשידענע ביוראָס, כדי צו קאָנען זיצן און שמועסן סתם אַזוי. אין קיין קאַפעען גייט ער דאָך ניט. איך אויך ניט. ער צוליב זיין פּאָזיציע. איך צוליב אַנדערע סיבות. זאָגט ער אָן זיין נאָענטן מענטשן, ער זאָל מיך אויפזוכן און איך קום און מיר רעדן. ער באַקלאָגט זיך פאַר מיר, חלילה, ניט. אָבער, איך שפּיר ווי שווער אים איז די פּאָזיציע פון אַ פּאָן, וואָס עמעצער אַנדערש באַשטימט ווען און ווי אַזוי זי אויפהייבן און ווו און ווען זי צו באַווייזן פאַרן עולם. בהן שלי, טייערע חברים, אַז איך וואָלט זיך מיט זיין לאַגע ניט געוואָלט בייטן. און ניט דערפאַר, ווייל דער שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן ביים דערזען די פּאָן וואָלט מיר חלילה געוועזן דערווידער.

איך וואָלט אויף דער דאָזיקער טעמע „בן־צבי" געקאָנט נאָך זייער פיל שרייבן. אָבער, איך גלויב, אַז איר האָט שוין גענוג געהערט, כדי צו באַגרייפן פאַר וואָס איך באַטראַכט אָט דעם נעגאַטיוון מאָמענט, ווי אַ קאָמפּענסאַציע פאַר מיין לאַגע. אויב בן־צבי קען לעבן אין ישראל אַזוי פאַראיינזאַמט פון די אמתע ברוזנדיקע געשעענישן — טאָ ווער בין איך, וואָס זאָל זיך קלאָגן אויף מיין איינזאַמקייט! און שרייבט מיר ניט צו קיין אומפאַרדינטן טיטול פון ענווות. בן־צבי איז ניט משה רבינו און איך בין ניט קיין „חמורו דרבי פּנחס בן יאיר". אויך וועגן דעם ווייל איך אייך זאָגן עטלעכע ווערטער, וועגן פאַרגלייכונגען, זאָגן מיר, צווישן אַ בן־צבי און מיר. דאָ קומט אַ טייל, וואָס איז פּערזענלעך, אָבער וואָס גייט שוין אַריבער צו דער פּרשה פון געזעלשאַפטלעכקייט.

איך האָב ניט איין מאָל אין רעדן און שרייבן אַוועקגעשטעלט אונדזער דור — באַנטשעקס און מיין דור — ווי אַ פּאַראַלעלע דערשיינונג אין דער מאָדערנער יידישער געשיכטע מיט דעם דור פון דער צווייטער עליה. איז אין דעם נאָך אַלץ דאָ

מער ווי אַ שמץ פון אמת. עס איז זיכער ניט קיין צופאַל, וואָס פונקט אין דער צייט פון אָנהייב פון דער צווייטער עליה איז אויסגעפאַלן די צייט פון דעם אָנהייב פון אונדזער דור אין אַמעריקע. אָבער איך גיב זיך איצט אָפּ מיט לייענען די געשיכטע־ביכער פון יענער עפּאָכע אין ארץ־ישראל. און מיין פּנים ווערט רויט פון בושה ווען איך פאַרגלייך אונדזער דור, דיך, טייערער באָנטשעק, מיך אַליין און משה גודמאַן, ע״ה, און נאָך און נאָך פון אונדזערע פון יענע טעג, מיט די מענטשן פון יענעם זעלביקן דור, אָבער אונטער אַנדערע באַדינגונגען, צו וועלכן עס געהערט יצחק בן־צבי. איך האָב נעכטן פאַרענדיקט די ערשטע צוויי ספרים פון „תולדות ההגנה״. אויך זיי פאַרענדיקן זיך מיט דעם יאָר 1920 — פונקט ווי די צוויי ספרים, וואָס מיר האָבן אַרויסגעגעבן וועגן דער געשיכטע פון אונדזער אייגענער באַוועגונג פאַר דעם זעלביקן צייט־אָפּשניט. און איך בין געבליבן אַ צעווייטיקטער פון דעם פאַרגלייך, וואָס איך האָב אַליין עטלעכע מאָל געמאַכט. וואָס פאַר אַ באַ־דייטונג האָט געהאַט אונדזער אַרבעט (און, באָנטשעק, דו ווייסט, אַז איך קעמף און וועל אויך ווייטער קעמפן פאַר דער אָנערקענונג פון אונדזער אַמעריקאַנער באַוועגונג דאַן און איצט) אין פאַרגלייך מיט זייערער ?! ווי בלאַס עס ווערט אונדזער אי־דעאַליסטישע גרייטקייט אַפילו צו שווערע אָנשטרענגונגען מיט זייערער ?! אין דעם פאַל מעג מען אַ ביסל פאַראַפראַזירן דעם באַרימטן זאָג, וואָס איז פאַרבונדן מיט דעם אייזל פון פּנחס בן יאיר: אם אנחנו כאנשים הם כמלאכים. ניט מיר און ניט זיי זיינען געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אונדזערע גורלות. איך גלייב באמונה שלימה, אַז ווען מענטשן פון אונדזער דור וואָלטן אין 1904 געפאָרן קיין ארץ־ישראל, ווי זיי האָבן עס געטאָן, וואָלטן מיר אויך דערגרייכט זייער מדרגה. און ווען מענטשן פון זייערע וואָלטן דאַן געקומען קיין אַמעריקע, וואָלטן זיי אויך ניט אויפגעטאָן מער, אָדער אַנדערש ווי מיר. אָבער געשיכטלעכע פאַקטן קאָנען ניט געענדערט ווערן: וואָס האָבן מיר איינגעשטעלט מער ווי אונדזער צייט, אונדזער ענערגיע און אונ־דזערע ברויזנדיקע הערצער? זיי האָבן פון דעם ערשטן מאָמענט איינגעשטעלט זייער סאַמע לעבן. אָט פאַר וואָס איך שטיי פאַרגאַפט פאַר זייערע נעמען: אָט פאַר וואָס איך האַלט עס פאַרן היפוך פון עניוות צו ציען פאַרגלייכן צווישן בן־צבי און מיר. און אויב ער — נאָך 50 יאָר ותק אין ארץ־ישראל און אַזאַ ותק! — איז פאַרמשפּט צו איינזאַמקייט, טאָ ווער בין איך צו האָבן טענות צום רבונו של עולם, אָדער צו די רבוני של ישראל? און דאַרף איך פיל ריידן וועגן דער ראָלע פון חבר ישראל שוחט? — און אויך ער פילט זיך פאַראיינזאַמט אַזוי ווי חבר בן־צבי.

אָבער, אומעטיק איז אונדז. די באַגעגענישן ביי די באָנטשעקס פעלן אונדז, סיי ביַנהן, סיי מיר. אונדזער בלייבן אין ישראל, טייערער באָנטשעק, איז ניט פאַר־בונדן מיט קיין איינרעדעניש, אַז מיר קאָנען דאָ ברענגען מער געזעלשאַפטלעכן נוצן. איך ווייס, אַז איך וואָלט נאָך אין אַמעריקע די קומענדיקע פאָר יאָר געקאָנט ברענגען גרעסערן געזעלשאַפטלעכן נוצן. אונדז פּערזענלעך פעלן זייער שטאַרק די אָפּטע באַזוכן פון אייך, חבר שטריגלער. דאָס אַלץ איז ריכטיק. איך ווייס אָבער ניט, מיין ליבער באָנטשעק, אויב דו וועסט מסכים זיין מיט די ראַדיקאַלע גע־

דאַנקען, וואָס איך וועל באַלד פּרובירן אָנצייכענען וועגן אונדזער באַוועגונג אין אַמעריקע בכלל און די ראָלע אין איר פון מענטשן פון אונדזער דור בפרט. איר זאָלט עס אָבער ניט צוזאַמענמישן מיט דער פּראַגע פון פּערזענלעכע עליה קיין ישראל. איך טייל אַוודאי ניט די מיינונגען פון חברים, ביי וועמען עס איז שוין געוואָרן אַ פּשוטע שיגרא צו טענהן צו אַמעריקאַנער חברים. ביי אַ טייל פון זיי שטאַמט זייער שטעלונג פון אַ צושטאַנד, וועגן וועלכן סירקין האָט אַ מאָל געזאָגט אַ ווערטל. זייט מוחל דאָס אַריינמישן אַן אַנעקדאָט אין אַן ערנסטן בריוו. עס זיינען געזעסן חברים און געפּרובירט שילדערן די כאַראַקטעריסטיק פון פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן: דער דייטש האַנדלט אַזוי, דער בעלגיער — אַזוי; דער פראַנצויז — אַזוי, און דער ענגלישער, ווען ער פאַרט אין אַ באַן, זיצט ער כסדר און שווייגט. האָט סירקין אַ זאָגט געטאָן מיט זיין קוויטשיק שטימעלע: „וואָס מיר באַציאָנאַלע כאַראַקטעריסטיק? דער ענגלענדער שווייגט, ווייל ער האָט ניט וואָס צו זאָגן!" פאַראַן חברים, וואָס האָבן שוין ניט וואָס צו זאָגן, וואָס זייער געדאַנק ליידט שוין פון אַ סקלעראָז, כאַפּן זיי זיך אָן דאָס איינציקע, וואָס זיי ווייסן נאָך: עליה! איך טייל אָבער אויך ניט, מיין טייערער באַנטשעק, דיין אָפּשאַצונג וועגן אונדזער ראָלע אין דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג, ווי זי דאַרף היינט זיין. דערפאַר באַוועגט מיך ניט דער אַרגומענט, אַז מיר וואָלטן נאָך געקענט זיין נוצלעך פאַר דער באַוועגונג.

און, טייערער באַנטשעק, האָב קיין פאַראיבל ניט פאַר ווייטערדיקע ווערטער. דו איבערשאַצסט מיין מעגלעכע ראָלע אין דער באַוועגונג, ווייל דו איבערשאַצסט דיין אייגענע ראָלע אין דער זעלביקער באַוועגונג. אונדזערע ראָלעס אין דער פאַרגאַנגענהייט — דאָס באַהויפּט איך נאָך אַ מאָל, אַז קיינער וואָלט עס פיל בעסער ניט געקאָנט מאַכן. איך רייד אָבער אָפענע און פיינפולע רייד וועגן דעם איצטער און וועגן דער צוקונפט און ווידער רייד איך נאָר וועגן מיר אַליין.

פאַר מיר אַליין וואָלט אָן ספק געווען אָנגענעמער די ווייטערדיקע געזעלשאַפטלעכע פאַרטומלקייט כאָטש נאָך עטלעכע יאָר; די געזעלשאַפטלעכע פאַרטיפטקייט, אין וועלכער איך האָב געלעבט איבער 50 יאָר, און פון וועלכער עס איז זייער שווער זיך אָפּצוגעוווינען. אָבער פאַר דער באַוועגונג בין איך גאָר ניט זיכער, אַז עס איז גוט פאַר איר, אַז איך און אַזעלכע ווי איך, זאָלן נאָך אויך איצטער בלייבן אירע וואָרטזאָגער. דאָס אויסבייטן פון איינעם פון יענעם דור אויף אַן אַנדערן פון יענעם דור קאָן, נאַטירלעך, קיין נוצן ניט ברענגען. אויך איך באַצי זיך ניט צו באַשטימטע נעמען. פאַראַן אין דער פּאַרטיי — און אויך אין פאַרבאַנד — חברים ייִנגערע, וואָס זייער מענטאַליטעט איז די זעלביקע פון אונדזער דור. זיי זיינען נאָך ווייניקער צוגעפּאַסט צו זיין וואָרטזאָגער פון דער באַוועגונג. זיי פעלט אין גאָר אַ גרויסער מאָס דער אמתער אידעאַליזם פון אונדזער ערשטער גרופּע. עס גייט ניט אין אונטערשייד בלויז פון יאָרן. עס גייט אין דער מעגלעכקייט און פעיִקייט זיך צוצופּאַסן צו גרונטפאַרשידענע באַדינגונגען, אין וועלכע די באַוועגונג מוז איצטער לעבן. איך, פאַר זיך, ווייס, אַז איך קאָן זיך צו זיי ניט צופּאַסן, אַפילו ווען מיטן רעיון קאָן איך זיי אויפנעמען ניט ווייניקער ווי יעדער חבר פון דער נייער גענעראַציע.

די באַוועגונג מוז אַוודאי אָפּגעפרישט ווערן דורך יוגנט. אָבער דאָס אַליין איז ניט גענוג. זי מוז מאַכן אַזאַ שאַרפע ווענדונג אין איר ווייטערדיקער אַנטוויקלונג, אַז מיר קאָנען אפשר מיט איר מיטגעשלעפּט ווערן, אָבער מיר קאָנען ניט זיין אירע וויכטיקסטע טרעגער. לאָמיר טאַקע אַ ביסל קלאָרער אַרויסברענגען, וואָס איך מיין.

אַמאָליקע יאָרן האָט אַן עפּאָכע געדויערט מער ווי איין דור. אין די לעצטע 50 יאָר, וואָס דאָס דאַרף גערעכנט ווערן ווי צוויי דורות, זיינען מיר דורכגעגאַנגען פּיל מער ווי צוויי עפּאָכעס. די פראַגע איז: אין וויפל עפּאָכעס קאָן אַ מענטש ווירקן? יחידי סגולה — אָבער טאַקע, בלויז יחידי — קאָנען ווירקן אין עטלעכע עפּאָכעס. מערסטנס, זיינען עס די יחידים, וועלכע האָבן אַליין די נייע עפּאָכע באַשאַפן. פאַראַן גענוג ביישפּילן אין אונדזער איצטיקער וועלט. נעמען מיר אָבער אונדזער אייגענעם ביישפּיל: בן־גוריון. איך בין מער ניט מסכים מיט זיינע האַנדלונגען ווי יאָ. אָבער ער איז אַזאַ יחיד, וואָס האָט באַשאַפן נייע עפּאָכעס און האָט נאָך די פעיִקייט אין די נייע עפּאָכעס אַריינגיסן זיין השפּעה אפשר נאָך טיפער און ברייטער, ווי אין דער עפּאָכע, וואָס ער האָט אָנגעהויבן. אַנדערע וואָס האָבן צוזאַמען מיט אים אָנגעהויבן זיינען געבליבן ערגעץ אויפן וועג. זיי לעבן נאָך. אייניקע פון זיי רעדן זיך אַפילו איין, אַז זיי ווירקן נאָך אויך היינט. אָבער, דווקא אַ ייד ווי איך, שטייענדיק אין אַ זייט, זע איך זייער בולט, ווי זיי גייען נאָך, זיי גייען אַפילו ניט מיט, מיטן ברויזן פון די געשעענישן. די, וואָס קאָנען זיך ניט איינריידן, זיינען לעבעדיקע טראַגעדיעס, אַפילו ווען זיי זוכן צו פאַרדעקן זייער נשמה־ליידן. אַזוי איז עס אַפילו אין ישראל.

אַריבערגייענדיק צו אַמעריקע, וואָלט איך אַרויסגעהויבן דריי טיפן חברים פון אונדזער דור — באַנטשעקס און מיינעם. איין טיפּ — צו וועלכן מיר ביידע געהערן — האָט אין דער ערשטער עפּאָכע, דאָן ווען פון זיי האָט געברויזט מיט אידעאַליזם און מעשים, געלעבט זייער טיף. אפשר צו טיף. מיר קאָנען פון אונדזער אייגענער ערשטער עפּאָכע־הויט ניט אַרויסקריכן. און אַזוי ווי די אַנדערע עפּאָכעס זיינען געווען אַנדערע, האָט זיך אונדזער נשמה־קאָנפליקט שוין דאַן אָנגעהויבן. אָבער אַפילו אין די נייע עפּאָכעס האָבן מיר געהאַט אַ ראָלע: מיר האָבן אַלע מאָל געהאַט וואָס מחדש צו זיין. און אין אַט דעם חידוש, אין דער באַן־אויפבערעכערישער אַרבעט, האָט זיך אונדזער אידעאַליסטישער ברען אַריינגעגריסן און האָט אונדז געגעבן גע־זעלשאַפטלעכע ווירקונג און — איך לייקן ניט! — אויך פערזענלעכע הנאה. איצטער איז אָבער אויפגעשטאַנען אַ לאַגע ווו אונדזער טיפּ קאָן זיך שוין אַזוי ניט אויסלעבן. און מיטגייענדיק זיינען מיר ניט קיין גוטע, ניט פאַר דער געזעלשאַפט, ניט פאַר אונדז פערזענלעך. אין דער איצטיקער עפּאָכע, בעיקר בנוגע אונדזער אַרבעט פאַר ישראל, קאָנען מיר זיין נאָר מיטגייער און אַפילו ניט אין די ערשטע שורות. אַזאַ ראָלע איז ניט פאַר אונדז צוגעפּאַסט. פאַרקלייבן מיר זיך אין ווינקלען. איך האָב זיך פאַרקליבן אין ירושלים, דו, באַנטשעק, קלייבסט זיך אַריין אין דיין ווינקל, אין ניו־יאָרקער פאַרבאַנד. געפינסט דאָרטן אפשר מער פערזענלעכע סאַטיספאַקציע, ווי איך דאָ אין ישראל, אָבער דו לעבסט און מוזט בלייבן לעבן נאָר אין אַ ווינקל

און יענער ברייטער לעבנס־שליאַך פון אונדזער ערשטער עפּאָכע איז מער אונדז ניט געגעבן.

אַ צווייטער טיפּ איז דער מיטגייער פון נאַטור. ער האָט אין דער ערשטער, פאַר אונדז אַזוי רייכער עפּאָכע, אויך ניט טיף געלעבט. ער איז געגליכן צו אַ דין צווייגל, וואָס האַלט אויס אַ שטורעם בעסער ווי אַ דיקער בוים. ער קאָן זיך בייגן צו אַלע ווינטן. ער לעבט זיך אויס אין מיטגיין. רייד איך ניט וועגן דעם, צי אים איז בעסער פאַר אונדז אָדער ניט. איך וויס נאָר: ער האָט ניט טיף געלעבט אין זיין ערשטער עפּאָכע; ער לעבט ניט טיף אין די געענדערטע עפּאָכעס און ער קאָן, דעריבער, מיטגיין מיט אַלע נייע עפּאָכעס, אויב ער האָט נאָר וועט עס זאָל אים פּירן. קוק זיך אַרום, מיין טייערער באַנטשעק, וועסטו דערזען אַרום זיך גענוג פון אָט דעם טיפּ.

דער דריטער טיפּ איז ניט קיין עפּאָכע־מענטש בכלל.ביישפּילן וויל איך ניט אָנגעבן. אויב מיר זיינען משוגעים לתקופה אחת, איז ער משוגע לדבר אחד.

פאַראַן אויך אַ צד־השווה פון אַלע דריי טיפּן: קיינער פון זיי קאָן ניט און טאָר ניט פּרעטענדירן צו פירערשאַפט אין דער איצטיקער עפּאָכע, וואָס איז גרונט־אויס פאַרשידן פון יענער עפּאָכע ווו אָט די דריי טיפּן, יעדערער לויט זיינע באַזונדערע פעיִקייטן האָבן געשפּילט אַזאַ אַנטשיידנדיקע ראָלע. אין דער נייער עפּאָכע מוזן קומען נייע פירער. אויב זיי וועלן ניט קומען, וועט אונדזער באַוועגונג מוזן וואָס וויטער אַלץ מער ווערן אַ שאָטן פון איר אַמאָל. איך גלייב, אַז זיי וועלן קומען. זיי וועלן מאַכן זייערע אייגענע טעותן און וועלן לערנען פון זיי, פּונקט ווי מיר האָבן געלערנט פון אונדזערע טעותן.

דו, באַנטשעק, האַלט זיך אין די קרנות פון דיין ווינקל. דאָרטן געפינען זיך די עלטערע, די טרייע, די אויסגעפּרוווטע, וועמעס הערצער קלאַפּן אין איין טאַקט, וועלכע פאַרשטייען זיך איינע די אַנדערע, וועלכע שעפּן כוח פון „יענע" טעג. פאַר דער גרופּע איז עס גוט, פאַר דיר אויך. אָבער די באַוועגונג מוז האָבן נייע פירער. דער פאַרבאַנד אויך. אפשר וועט עס קלאָרער ווערן דורך איין געדאַנק: דער פאַרבאַנד דאַרף איצטער באַטראַכטן פאַר זיין קאָנקורענט ניט דעם אַרבעטער־רינג, נאָר דעם בני ברית־אָרדן. דאָס צייכנט אָן די ליניע, אויף וועלכער ער און די באַוועגונג דאַרף איצטער גיין. און פאַר אָט דער ליניע קאָנען מיר זיין אפשר „עלדער סטייטסמען", ווען מען פרעגט אונדזער עצה. מיר קאָנען ניט זיין מער די פּאַקטישע פירער און עס וועט אונדז ניט העלפן דער זכות פון איבער 50 יאָר אַרבעט. אויך אין ישראל העלפט עס ניט. און נעמען מענטשן פון דער צווייטער אָדער דריטער עליה מוסרן די נייע שיכטן — וואָס אין ישראל זיינען זיי זיכער בנמצא — אַז זיי, די עלטערע, האָבן זיך אַנדערש געפירט; אַז זיי האָבן דאָס און דאָס אויפגעטאָן, אַזוי און אַזוי געלעבט — האָט דער יונגער דור געשאַפן אַ חוזק נאָמען פאַר זיי: „אָה, די „כשבאתי׳ניקעס" נודיען שוין".

איך האָב געזאָגט, אַז איך הייב אָן בעסער צו באַגרייפן די באַציִונג פון אונדזערע ישראל־חברים צו אונדזער באַוועגונג. זאָג איך איך, אַז ווער עס מיינט דאָס די באַציִונג איז אַ רעזולטאַט פון דעם, וואָס חברים זיינען ניט עולה קיין ישראל, האָט

אַ טעות. דאָס איז בלויז אַ שטח, אויף וועלכן מען קאָן מאַכן אַן אָנשטעל פון אַ גערעכטער פאָדערונג צו אַמעריקאַנער חברים. אין אמתן ווייסן זיי דאָ זייער גוט, אַז די פראַגע פון עליה מוז בלייבן אַ פּערזענלעכע פאַר יעדן חבר, און אַז פאַר אַמעריקאַנער חברים, בעיקר די עלטערע, איז עס גאָר אַ שווער פּראָבלעם. מוסרנדיק אונדז, בין איך זיכער, אַז פיל טראַכטן: וואָס רייד איך? וואָס זאָלן זיי טאָן? נאָך שאַרפערע ציניקער פרעגן זיך: צו וואָס דאַרף איך זיי דאָ? וואָס קאָנען זיי דאָ אויפטאָן? אמת, איך קען חברים, וועלכע זיינען אַליין דאָ בלויז איניקע חדשים און זיי האָבן שוין געמיינט אַנדערע חברים עולה צו זיין. וועגן דער מאָראַלישער באַרעכטיקונג פון אַזאַ „רוף" וויל איך קיין וואָרט ניט זאָגן.

אָבער ישראל־חברים, וואָס פאַרשטייען ריכטיק די לאַגע, רעדן שוין זעלטענער וועגן פּערזענלעכער עליה פון אָט דעם שיכט. ניט וועגן עליה האַנדלט זיך עס. עס האַנדלט זיך וועגן דעם תהום, וואָס ליגט צווישן די אויפגאַבן פון דער איצ־טיקער עפּאָכע און דעם ביישטייער, וואָס אונדזער באַוועגונג אין אַמעריקע קאָן צוטראָגן צו די דאָזיקע אויפגאַבן. ווען מען זאָל אונדזער מפא״י זוכן אין אַמעריקע — אונדזער באַוועגונג, אָדער די מענטשן פון פּאָליטישן און פינאַנסיעלן איינפלוס? דער ענין איז אַ צו אָנגעווייטיקטער, כדי צו באַנוגענען זיך וועגן דעם מיט אַ בריוו צו צוויי טייערע חברים. אפשר וועל איך זיך אָננעמען מוט און אָנהייבן שרייבן וועגן דעם. דערווייל האַלט איך נאָך אין פּראָצעס פון פּרובירן קלאָרער מאַכן פאַר זיך אַליין וואָס דאָך דאַרף זיין דער נייער וועג פון אונדזער באַוועגונג אין אַמעריקע? אפשר דאַרף גאָר אונדזער באַוועגונג בייטן איר קאָנצענטרירונג? אפשר דאַרף זי אין צענטער פון איר קאָנצענטרירונג שטעלן אַרבעט אין אַמעריקאַנער יידנטום און ניט אַרבעט פאַר ישראל? אונדזער אַמעריקאַנער באַוועגונג וועט די געשעענישן דאָ קיין מאָל ניט דעריאָגן. אין אומרויִקע צייטן מוז ישראל זוכן אין אַמעריקע ניט פּועלי ציון און זיינע סימפּאַטיזירער. אין רויִקע צייטן וועט ישראל קיינעם ניט דאַרפן. הלוואי קומען אַזעלכע צייטן. אויב דאָס זאָל זיין די ליניע, מוזן אַוודאי קומען נייע פירער־עלעמענטן. מיר דאַרפן זיך באַנוגענען מיט העלפן אַרויסוויקלען אַזעלכע נייע פירער.

די מענטשן פון אונדזער דור האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע ווי אַ דאַמבע קעגן אַ פאַרפלייצונג פון אַסימילאַציע, קעגן עם הארצות, קעגן מחלל זיין יידישקייט און ציוניזם, קעגן מחלל זיין דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק און אים פאַרבינדן מיט אַנטי־יידישקייט וואָס דאָס מיינט פשוט אַנטי־קולטור. אַ וואָסערע אונדזער ראָלע איז געווען אויף די שטחים, מוזן מיר סיי ווי איבערלאָזן צו קומענדיקע היסטאָריקער אויף אָפּצושאַצן. ווער קאָן וויסן צי וועלט־געשעענישן וועלן ניט אין גאַנצן אָפּ־שווענקען די מעשים פון אונדזער דור, און קומענדיקע דורות וועלן גאָר קיין איינ־טערעס ניט האָבן צו וויסן, ווער רעדט נאָך צו פאַרשן, וואָס אונדזער דור האָט געטאָן און אויפגעטאָן? אָבער אַפילו ווען מיר זאָלן גלייבן, — און עס ווילט זיך אַוודאי גלייבן! — אַז קומענדיקע דורות וועלן האָבן וואָס צו לערנען פון אונדזער דור — אויך דאַן איז פאַר מיר קלאָר, אַז אונדזערע העכסטע דערגרייכונגען זיינען שוין הינטער אונדז; אַז נייע דורות מוזן שרייבן זייער קאַפּיטל.

אַט דעם גזר מוזן מיר אָננעמען און ציִען פון דעם קאָנסעקווענצן. איך האָב געצויגן די קאָנסעקווענץ אויף מיין אופן. איך וועל דורך שרייבן אַ מאָל אַן אַרטיקל פּרובירן צוגעבן דעם נופך משלי. דו, טייערער באַנטשעק, מוזסט ציִען דיינע קאָנסעקווענצן. דו האָסט נאָך, אַ דאַנק דעם רבונו של עולם, אַ שטח ווו דו קאָנסט דיינע ענערגיעס אַריינגיסן. פּרוביר ווי ווייט מעגלעך אויסוואָרצלען פון האַרצן די אומצופרידנקייט וואָס איך לייען אַרויס פון דיין בריוו. לעב זיך אויס אין דיין קרייז. העלף אַרויסרופן ווו נאָר דו קאָנסט נייע פרישע כוחות. פּאַרטראַכט זיך טיף וועגן די וויטערדיקע אַנטוויקלונגען פון דער באַוועגונג, וואָס מיר האָבן אַלע איר אָפּגע־געבן, וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט. ווער אָבער ניט קיין „דאַמבע" קעגן אומפאַר־מיידלעכע אַנטוויקלונגען. ווער ניט דו קיין „כשבאתי־ניק".

און צו אונדזער ביידנס חבר שטריגלער — בלויז עטלעכע ווערטער. איר, חבר שטריגלער, זייט גאָר אַ באַזונדערע פּרשה. איר זייט יונג. דאָס איז אויך אַ גאָטס ברכה. אָבער ניט אין דעם איז אייער באַזונדערקייט. באַנטשעק און איך זיינען באַוועגונגס־מענטשן. מיר האָבן אונדזערע העכסטע דערגרייכונגען געקאָנט זוכן, און טאָקע געזוכט, אין דער באַוועגונג. איך מיין, אַז מיר האָבן זיך ניט צו באַקלאָגן אויף דער קאָמפּענסאַציע, וואָס מיר האָבן פון איר פערזענלעך אַרויסבאַקומען. איר זייט מער! אייער געביט איז קינסטלערישע יצירה. און אויך צו אייך וויל איך זיין ברוטאַל־אָפן. איר ווייסט ווי הויך איך שאַץ אָפּ אייער אַרבעט פאַרן „יידישן קעמפּער". פאַרן „קעמפּער" — יאָ! פאַר אייך אַליין —ליידער ניט. עס לאָזט מיך ניט רוען דער געדאַנק וואָס איר זייט מבזבז צו פיל צייט אין לויפנדיקער אַרבעט און איר נעמט די דאָזיקע צייט אַוועק פון אייער געביט. ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל ניט קלינגען, זאָג איך דווקא אייך: גרייט זיך צו קאָנען קומען אַהער און לעבן דאָ. די פּאָטענצן פאַר גרויסער קינסטלערישער יצירה פאַר אייך זיינען דאָ פיל ברייטערע און טיפערע, ווי אין אַמעריקע. ביי אַלע חסרונות וואָס מען קאָן דאָ אָנווייזן, ברויזט דאָ אַ לעבן, וואָס מוז דעם קונסט־מענטשן האַלטן אין כסדרדיקער רעגונג. איך קאָן ניט זאָגן, אַז איר וועט פירן אַ רויִק לעבן; עס איז אויך שווער צו זען, וואָס איר וועט דאָ טאָן, כדי צו זיין פאַרזיכערט מיט פּרנסה און ניט זיין אָפּהענגיק פון אינסטיטוציעס, פּאַרטייען, אַפילו הסתדרות. איך בין זיכער, אַז איר וועט דאָ קאָנען אויפבויען אַן אייגענע במה; אַז אייערע ביכער וועלן דאָ האָבן אַ ברייטע פאַרשפּרייטונג. איר טאָרט ניט אייערע כחות לאָזן, חלילה, אויסגעוועפּט ווערן אין אַ סביבה, וואָס קאָן אייך ניט געבן דאָס, וואָס די ישׂראל־סביבה קאָן געבן אַ מענטשן פון אייער קינסטלערישער שיעור קומה.

איך ווייס, דער „יידישער קעמפּער" וועט ניט זיין דאָס, וואָס ער איז אונטער אייער האַנט. אייערע אייגענע אַרבעטן אין „קעמפּער" וועט איר דאָך זיכער קאָנען ממשיך זיין. אייער יניקה וועט איר אָבער ציִען פון טיפערע לעבנס־וואָרצלען, ווי אין אַמעריקע. און דאָס זאָגט אייך אייער, וואָס איז ווייט ניט מזלזל אין די פּאָטענצן פון אַמעריקאַנער יידנטום פאַר יידישער יצירה. אָבער אייער סאָרט יצירה האָט מער וואָס צו באַקומען פון היגן לעבן ווי פון אַמעריקאַנער.

אַ ביסל אַראָפּגערעדט פון האַרצן. באַנטשעק, איך בעט דיך צו געפינען עמעצן,

וואָס זאָל מאַכן קאַפּיעס פון אַט דעם בריוו און מיר צושיקן אַ קאָפּיע. ניט אַלע טעג נעמט מען זיך אָן מיט אַנטשלוס צו שרייבן אַזעלכע בריוו. אָבער געפינען עמעצן, וואָס וועט ניט רעדן וועגן דעם מיט חברים אָדער חברטעס.

מיט חברשער ליבשאַפט,

אייער,

ברוך צוקערמאַן

טיפע האַרציקע גרוסן צו אייךביידן פון נינהן.

דאָן האָט נינה אַליין צוגעשריבן:

ליבע, טייערע חברים, איך מיין, אַז פון ברוכס בריוו האָט איר אַרויסגעלייענט די טיפע בענקשאַפט נאָך אייך. וויל איך אויך מיינע פּאָר ווערטער צוגעבן און זאָגן, אַז עס בענקט זיך זייער נאָך אייך — און אָן „פּראָפּאַגאַנדע" — קומט און זיצט מיט אונדז אויף אונדזער טעראַסע אין דער ברענענדיקער זון און זעט ווי שיין די בערג מואב זעען איצט אויס. נאָך אַ וואָך פון שוידערלעכע קעלטן און שנייען איז ממש ניט איבערצוגעבן די שיינקייט. זיכער האָט איר, מיין טייערער מעכעלע, דאָס פון די פענצטער פון אַלאָמאָק ביי אונדז ניט געזען. זייט געזונט און אַ האַרציקן גרוס געגעבן.

מיט בענקשאַפט,

נינה

פונעם געדאַנקען־אוצר פון יצחק לייבוש פּרץ

(געשריבן צו זיין פופציקסטן יאָרצייט, חול־המועד פסח תשכ״ה)

וועגן זיין ראָלע אין דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, וועגן זיין באַדייט ווי אַ דיכטער, דראַמאַטורג, נאָוועליסט, עסייִסט, דערציילער פון וווּנדערלעכע, פאָלקסטימלעכע געשיכטן, שילדערער פון חסידישן לעבן, ווי בכלל וועגן זיין פּילזייטיקייט אין זיינע קינסטלערישע שאַפונגען — וועגן דעם וועלן זיכער דער־ציילן און אויפקלערן במשך זיין 50סטן יאָרצייט די דערצו־באַרופענע ליטעראַטור־קריטיקער און ליטעראַטור־פאָרשער. דאָס אַלץ איז אַוודאי אַ זייער־וויכטיקער טייל פון דער גרויסער פּרץ־פּערזענלעכקייט. אָבער עס איז פאַראַן אַ צווייטער טייל — פּרץ, דער אָנזאָגער פון פּאָליטישע, קולטורעלע און סאָציאַלע אידעען; פּרץ, דער מעכטיקער קעמפער קעגן אַסימילאַציע; פּרץ, וואָס פאַרמאָגט זייער־טיף אַדורכגע־טראַכטע און אפשר נאָך טיפער אַדורכגעפילטע איינשטעלונגען צו דער יידישער רעליגיע, צו דער יידישער געשיכטע; פּרץ, וואָס האָט זייער פיל צו זאָגן וועגן די פּראָבלעמען פון ייִד, מענטש, אַלגעמיינע מענטשהייט; פּרץ, וואָס האָט אַרויסגע־בראַכט אַ ניט־אויסשעפּנדיקן אוצר פון געדאַנקען איבער כמעט אַלע דערשיינונגען, וועלכע קענען און דאַרפן פאַראינטערעסירן יעדן דענקענדיקן מענטש. אָט דער אומגעהויער־רייכער אוצר פון זיין שטענדיק פּרוכטבאַרן געדאַנק, וואָלט, דוכט מיר, געדאַרפט — במשך דעם 50סטן יאָר זינט זיין פּטירה — ווידערגעבראַכט ווערן צום יידישן עולם. דער עלטערער דור וואָלט געדאַרפט נעמען אויף זיך די אָנ־גענעמע אויפגאַבע אַדורכצולייענען במשך דעם יאָר די אַלע 13 בענד „י. ל. פּרץ", וואָס זיינען אין יאָר 1920 אַרויסגעגעבן געוואָרן פונעם פאַרלאַג „אידיש" און וועלכע זיינען צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אונטער דער רעדאַקציע פון דוד פּינסקי עליו השלום.

אָבער אין פאַרבינדונג מיט דעם טראַכט איך מער וועגן די נייע יידישע דורות, סיי אין גלות, סיי אין מדינת־ישראל, וואָס וואָלטן געדאַרפט באַקומען אַ צוטריט צו אָט דעם רייכן מחשבה־אוצר. פאַר זיי וואָלט געווען ממש אַן אַנטפּלעקונג דער עצם־פאַקט, אַז אין גאַנצן מיט 2 דורות צוריק האָט געלעבט דער מענטש, וואָס איז געווען אַזאַ מעיין־המתגבר פון יידישער און מענטשלעכער מחשבה. בעיקר איז פאַר זיי נייטיק צו באַקענען זיך מיט אַלץ, וואָס ער האָט געשריבן בנוגע צוויי פּראָבלעמען, וואָס מאַטערן אויך זיי היינט־צו־טאָג.

*

אין זיין קאַמף, וואָס ער האָט געפירט קעגן אַסימילאַציע אין פּוילישן יידנ־טום, האָט ער אַוודאי באַנוצט אַרגומענטן, וואָס נאָר יענע באַדינגונגען האָבן אַרויסגערופן און לגבי דעם אַסימילאַציע־פּראָבלעם אין די אַמעריקאַנער לענדער קענען זיי ניט באַנוצט ווערן. אויך אין יענע אַרגומענטן וואָלטן זיי געפונען פּערל פון יידישער מחשבה און גלאַנץ פון אויסדרוק־פאָרעם, ווען דאָס זאָל צו זיי גע־

בראַכט ווערן אין אַ ריכטיקער, שעפערישער איבערזעצונג. אָבער די מערסטע אַרגומענטן זיינען נוגע דער אוממאָראַלישקייט פון אַסימילאַציע; איר אומ־קולטורעלקייט. און אָט די אַרגומענטן וואָלטן שוין גאָר שטאַרק געגאָלטן פאַרן קאַמף קעגן אַסימילאַציע אין אונדזער דור. אַ וויכטיקן פּונקט זע איך אין דעם, וואָס ער האָט זיין קאַמף געפירט צווישן יידן, וואָס האָבן שוין לאַנגע יאָרן געלעבט אין פּוילן. דאָס דאַרף ווירקן אויף יענע אין די אַמעריקעס, וועלכע זיינען שוין דאַרטיק־געבוירענע.

דער פּונקט וועגן אַסימילאַציע איז בעיקר נוגע די יידישע נייע דורות אין גלות. כאָטש אין קאַמף קעגן די אָפּטע דערשיינונגען פון כנעניזם אין מדינת־ישראל וואָלט עס אויך געווען גאָר אַ גוטער וואָפן. אָבער צו באַקענען זיך מיט זיין איינשטעלונג צו דער יידישער רעליגיע איז אפשר פאַר די נייע יידישע דורות אין ישראל נאָך וויכטיקער, ווי פאַר דער יידישער יוגנט אין גלות. אָבער אויך פאַר די לעצטע וואָלט עס שטאַרק צו נוץ געקומען, בכדי זיי צו העלפן זיך אָריענטירן אין דעם אָרט, וואָס די סינאַגאָגע קען פאַרנעמען אינעם געראַנגל פאַרן יידישן גייסטיקן המשך.

בנוגע די פאַראייניקטע שטאַטן וואָלט איך געעצהט די דריי וויכטיקסטע ייִדיש־ענגלישע אָרגאַנען — אונדזער אייגענעם „פּראָגרעס‟, „קאָמענטאַרי‟ פון דער „אַמעריקען דזשואיש־קאָמיטע‟ און „מידסטרים‟ פון הערצל־אינסטיטוט — זיי זאָלן צוזאַמען אויסאַרבעטן אַ פּלאַן, ווי אַזוי עס זאָל במשך דעם קומענדיקן יאָר אין זיי פאַרעפנטלעכט ווערן די וויכטיקסטע פּרץ־אַרבעטן, וואָס באַשעפטיקן זיך מיט ענינים פון אַסימילאַציע און ענינים פון יידישער רעליגיע. אַ גרופּע פון אינטע־לעקטואַלן, וואָס קענען גוט יידיש און ענגליש, וואָלטן תיכף געדאַרפט איינגעלאַדן ווערן צוצוגרייטן דעם מאַטעריאַל. דאָס זעלביקע דאַרפן טאָן די הויפּט־זשורנאַלן אין מדינת־ישראל. אויף אַזאַ אופן וואָלט דער 50סטער יאָרצייט פון יצחק לייבוש פּרץ געפונען זיין טיפסטן, פּאַסיקסטן און אויך נוצלעכסטן אויסדרוק.

✶

פאַר מיין הייניטיקער אַרבעט האָב איך אויסגעקליבן צוויי טעמעס, וועלכע יצחק לייבוש פּרץ האָט געווידמעט זייער פיל מחשבה: א) זיין באַציִונג צו אונדזער שפּראַכן־פראַגע, און ב) זיין באַציִונג צום סאָציאַליזם בכלל און דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג בפרט. אויף די דאָזיקע צוויי געביטן האָט פּרץ איבערגעלאָזט ניט בלויז זייער קאָנקרעטע מיינונגען, נאָר אויך זיינע פּראָגנאָזן וועגן דער ווייטער־דיקער אַנטוויקלונג פון אָט די צוויי געביטן. מיר קענען איצט — 75 יאָר נאָך דעם, ווי ער האָט פאָרמולירט זיין שטעלונג צו דער שפּראַכן־פראַגע, און כמעט 70 יאָר, זייט ער האָט פאָרמולירט זיין שטעלונג צום סאָציאַליזם — ערשטנס, זיך אָפּפרישן דורכן צוזיבער ווי ער האָט אַרויסגעבראַכט זיינע געדאַנקען און, צווייטנס, אויך אַ קוק טאָן וועלכע פון זיינע פּראָגנאָזן האָבן אויסגעהאַלטן אין דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג, און וועלכע פון זיי עס זיינען אָפּגעפרעגט געוואָרן. לאָמיר אָנהייבן מיט דער שפּראַכן־פראַגע.

✶

עקסטרעמע יידישיסטן האָבן אים ניט אַזוי לייכט מוחל געווען — אים, איינעם פון די וויכטיקסטע באַשאַפער פון דער יידישער ליטעראַטור און פון אירע סאַמע־ערשטע באַגרינדער — זיין כמעט־פאַרניכטנדיקן סאַרקאַזם, וואָס ער האָט מיט אַזאַ באַגאַבונג אַרויסגעבראַכט אין זיין באַרימטער באַלאַדע „מאָניש". אין סאַמע מיטן רייסט ער זי איבער און ברענגט אַריין די באַרימטע, סאַטירישע שורות:

אַנדערש וואָלט מיין ליד געקלונגען, כ'זאָל פאַר גויים גויִיש זינגען
ניט פאַר יידן, ניט „זשאַרגאָן" — קיין רעכטן קלאַנג, קיין רעכטן טאָן!
ס'האָט פאַר ליבע, פאַר געפיל, ניט קיין פאַסנד וואָרט, קיין סטיל...
אונדזער יידיש האָט נאָר וויצן, האָט נאָר שפּיצן, בלאַנקע בליצן;
ווערטער ווי פאַרסמטע שפּיזן! אין אים לאַכן, וויינען ריזן!
ר'איז ווי גאַל, ווי פּיאָלון ביטער, און ער דרעשט דאָס לייב מיט ריטער.
ר'איז אין גאַנצן בלוט און טרערן! קאָנסט אין יעדן אויסדרוק הערן
ווי דער ים פון צרות זידט, ווי עס ברעכט דאָס האַרץ דעם ייד.
נאָר כאָטש פּלאַץ דאָ אויפן אָרט, ס'האָט קיין ליבלעך, וואַרעם וואָרט!
קיין איינציק וואָרט איז צאַרט און גלאַט, עס איז פאַר ליבע טויט און מאַט —
„הערצל", „זעלע", „שאַץ" און „שעצל", ס'האָט דעם טעם פון לאַקריץ־פּלעצל!
עס האָט קיין טעם, עס האָט קיין זאַלץ, און עס שמעקט נאָך חזיר־שמאַלץ.

זיינען די עקסטרעמע יידישיסטן ניט גערעכט. זיין שטעלונג צו יידיש — טיף דורכגעטראַכט און באַגרינדעט — געפינען מיר אין זיין פּראָגראַם־אַרטיקל „בילדונג", וואָס ער האָט געשריבן ווי אַ פאָרוואָרט צום ערשטן באַנד „יידישע ביבליאָטעק", וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אין יאָר 1890. דאָרטן געפינען מיר זיין שטעלונג אויך צו העברעיִש און צו דער לאַנד־שפּראַך, וואָס יידן מוזן באַנוצן. איך ווייס ניט, צי ער האָט די באַלאַדע „מאָניש" געשריבן פריִער צי נאָך דעם ווי ער האָט געשריבן דאָס פּראָגראַם־אַרטיקל „בילדונג". פאַר מיין טעמע איז עס אויך ניט וויכטיק, ווי איך זע עס, איז דאָס סאַטירישע ליד געשריבן געוואָרן מיט טיפן ווייטיק; און ניט אַזוי צוליב דער אָרעמקייט פון „יידיש", ווי צוליב דעם, וואָס ער ברענגט אַרויס אין דעם צווייטן טייל פון דעם סאַטירישן ליד. דאָרטן דערקלערט ער פאַר וואָס דער ענין „ליבע" איז דעם ייד פרעמד. און ער ברענגט אַרויס נאָך אַ מער־ביטערע סאַטירע אויף דעם גאַנצן לעבנס־שטייגער פון דעם ייד; בעיקר דער יידישער פרוי, פון יענע צייטן. איך נעם עס בלויז אָן ווי איין אויסדרוק פון פּרצס שטענדיקן אויפבראָיז קעגן די קייטן, מיט וועלכע דאָס יידישע לעבן איז דאַן געווען איינגעשמידט. און זיין פּראָגראַם־אַרטיקל „בילדונג" איז דער הויכ־פּונקט פון דעם ציל, וואָס ער שטעלט אַוועק פאַר זיין דור, כדי צו באַפרייען דעם יידישן מענטש פון אָט די קייטן. אין דעם פּראָגראַם־אַרטיקל מאַכט ער אויך עטלעכע פּראָגנאָזן וועגן דער אַנטוויקלונג פון די ענינים, וואָס ער באַרירט. איך דאַרף דעריבער פאַר מיין טעמע ברענגען פון אים אייניקע לענגערע ציטאַטן.

די ציטאַטן ברענג איך פון דער אויבן־דערמאָנטער 13־בענדיקער אויסגאַבע

„י. ל. פּרץ", וואָס איז, ווי געזאָגט, צוגעגרייט געוואָרן אונטער דער רעדאַקציע פון זיין גרויסן תלמיד דוד פּינסקי ז"ל, וואָס איז עטלעכע יאָר געווען זיין נאָענטער מיטאַרבעטער ביים אַרויסגעבן די בענדער „יידישע ביבליאָטעק". די באַלאַדע „מאָניש" געפינט זיך אין 12טן באַנד, זייט 12.

*

און אָט וואָס יצחק לייבוש פּרץ זאָגט אין זיין פּראָגראַם־אַרטיקל וועגן דער שפּראַך־פראַגע:

מיר ווילן בילדן דאָס פּאָלק און שרייבן זשאַרגאָן, ווייל מיר האָבן אָן ערך פון דריי מיליאָן נפשות, וואָס פאַרשטייען נאָר זשאַרגאָן. נאָר מיר האַלטן ניט דעם זשאַרגאָן פאַר הייליק. מיר סימפּאַטיזירן גאַנץ אָפט מיט די, וואָס ווילן דעם זשאַרגאָן אויף אַ לעבעדיקער לאַנדס־שפּראַך פאַר־טוישן.

מיר ווילן ניט זיך אַליין גוטווויליק פאַרשליסן אין געטאָ. ביי דער גרעסטער עמיגראַציע, מיט די גרעסטע מיטלען, וועלן דאָך אייניקע מיליאָן יידן מוזן בלייבן וווינען צווישן פעלקער, און מוזן האָבן מיט זיי מגע־ומשא ומשא־ומתן. די אייניקע מיליאָן יידן מוזן זיין בירגער אין די לענדער וווּ זיי פאַרבלייבן, זיי מוזן אַן אַנטייל נעמען אין דעם לעבן פון פאָלק, מיט וועלכע זיי וווינען צוזאַמען.

נאָך ווייניקער סימפּאַטיזירן מיר מיט די אָנהענגער פון „שפה ברור־רה", ווי ווייט זיי שטעלן זיך אַלס צוועק, צו פאַרברייטערן די העברעיִשע ליטעראַטור, צו שטיצן די שריפטשטעלער, וכדומה.

מיר ווילן דאָס פאָלק אין גאַנצן זאָל קענען העברעיִש, כדי עס זאָל ניט דאָס תנ"ך פאַרגעסן, דאָס תנ"ך איז דער אוצר פון אונדזער אמונה, פון אונדזער נאַציאָנאַליטעט, פון אונדזער עטיק (מוסר)! מען דאַרף זען, עס זאָל זיין ביי יעדן ייד, ניט נאָר אין שראַנק, נאָר אויך אין האַנט, אין האַרץ און אין מוח. מיר ווילן אייביק לעבן. און אייביק איז ניט צו באַרעכענען. עס טוישן זיך די צייטן, עס טוישן זיך טעג און נעכט... מאָרגן קאָנען מיר ווייטער קומען צו גרויסע נסיונות. דעמאָלט קען אונדז נאָר דאָס תנ"ך מוט געבן און כוח.

און עס איז ווייניק, אַז אונדזער עטיק שטייט העכער שוין טויזנטער יאָרן. מען דאַרף אַז יעדער פון אונדז זאָל פילן און וויסן פאַר וואָס און מיט וואָס זי שטייט העכער! עס איז ווייניק פאַר אונדז, אַז מיר בלייבן יידן, ווייל מיר זיינען געווינט דערצו, ווייל אונדזערע רבנים און גוטע־יידן זאָגן, אַז מיר זיינען יידן און פאַרזיכערן, אַז עס איז גוט אַזוי; מיר ווילן אַז יעדערער זאָל האַנדלען לויט זיין פעסטער איבערצייגונג! זאָל דער אַסימילאַנט ניט מיינען, אַז ער שיצט די דולדזאַמקייט, דאָס סבלנות; זאָלן פרויען ניט מיינען, אַז זיי ליידן דורך די יולדת־קוויטלעך, וואָס הענגען אויף די ווענט; זאָל דער מתנגד ניט מיינען, אַז מיר דערהאַלטן זיך ביי יידישקייט צוליב דעם תיקון־שבועות און דער חסיד — צוליב

צירופין מיט השבעות — אַלע זאָלן וויסן, אַז מיר זיינען זיך מוסר־נפש פאַר אונדזערע הויכע אידעאַלן, אונדזער מענטשהייט, אונדזער מוסר.

שוין אין אָט די ציטירטע שורות אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז דער געדאַנקען־גאַנג פון אַ גרויסן ייד, וואָס פילט יעדן יידישן וויטיק, יעדן קנייטש אין דער נשמה און דרינגט אַזוי טיף אין די פּסיכישע כוחות, וועלכע באַוועגן אַלע יידישע גרוד־פירונגען, וואָס האָבן פונקציאָנירט אין זיין צייט. שוין אין דעם איז פאַראַן זיין פּרינציפּיעלע שטעלונג, אַז יידן מוזן זיך קענען באַנוצן מיט דריי שפּראַכן. שפּעטער זאָגט ער וועגן דעם נאָך קלאָרערע ווערטער, וואָס מיר וועלן ווייטער ברענגען. אָבער מיטן ציטירן ווערט נאָך ווייט ניט אויסגעשעפּט, וואָס ער האָט צו זאָגן וועגן העברעיִש. און ווייל מיין הויפּטציל איז דאָך ניט אַרויסצוברענגען מיינע פּירושים צו זיינע געדאַנקען, נאָר צו ברענגען וואָס מער פון זיין געדאַנקען־ים, מוז איך זיך באַנוצן מיט נאָך ציטאַטן פון אים. ער גיט נאָך צו, וועגן העברעיִש, אָט וואָס:

באַזונדער האָט לשון הקודש פאַר אונדז אַן אַנדער ווערט. אַ יחיד איז קיין פרייער איינציקער פּונקט אויף דער וועלט; ער איז אַן אויג אין דער נעץ, וואָס פאַרשפּרייט זיך אויף אַ געוויסן פּלאַץ אויף דער ערד; די נעץ איז זיין דור. אַ מענטש איז אין איין וועגס אַ רינגעלע פון דער אומגעהויערקייט, וואָס ציט זיך פון אברהם אָבינו עד סוף כל הדורות.

ווער קען אויף זיך זאָגן, אַז ער געהערט צו אַ פאָלק? דער וואָס האָט פאַרבינדונגען מיט אַלע אויגן פון דער נעץ, פון דער פאַרשפּרייטער אויף דער גאַנצער וועלט, און קען גוט די קייט, וואָס ציט זיך פון אברהם אָבינו ביז דעם היינטיקן טאָג.

די העברעיִשע שפּראַך האַלט אויף צוזאַמען די רינגען אין דער צייט. זי פאַראייניקט אונדז מיט משה רבינו, מיט די נביאים, מיט דער משנה, מיט דער גמרא, מיט אַלע אַנדערע גרויסע שטערן, וואָס האָבן אַ מאָל אויף אונדזער הימל געלויכטן.

די העברעיִשע שפּראַך בינדט אונדז צוזאַמען מיט די, וואָס האָבן זייער בלוט אויף ירושלימס מויערן פאַרגאָסן; ווי אויך מיט די, וואָס האָבן אויפן ברענענדיקן פייער „שמע ישראל" געשריגן.

פאַרגעסן די העברעיִשע שפּראַך הייסט: פאַרגעסן די תורה, די נביאים, פאַרגעסן די געשיכטע, אָפּרייסן זיך, ווי אַ צווייג פון בוים, פוילן אַ קורצע צייט און — פאַרשווונדן ווערן.

*

פאַר אָט אַזאַ אָפּשאַצונג פון העברעיִש וואָלטן די עקסטרעמע יידישיסטן גע־מעגט זיין מער באַרעכטיקט אים ניט מוחל צו זיין, איידער פאַר דעם ציטירטן, סאַרקאַסטישן ליד; און דער אמת איז, אַז אייניקע פון זיי האָבן עס טאַקע ניט געקענט אַראָפּשלינגען. מיט קאַרגע 20 יאָר שפּעטער איז טאַקע אָט דער גערעַנגל צווישן אים און די עקסטרעמע יידישיסטן געקומען צום אויסדרוק. יצחק לייבוש פרץ האָט אין דעם גערעַנגל מנצח געווען. איך מיין דאָ דעם גערעַנגל אויף דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ, אָפּגעהאַלטן אין יאָר 1908. י. ל. פּרצס שטערן

האָט דאָן דערגרייכט דעם סאַמע שפּיץ פֿון זײַן פּראַכט. ער איז באַטראַכט געוואָרן ווי דער גרויסער רבי פֿון אַ גאַנצער חבֿורותא ניי־אויפֿגעשפּראָצטע יידישע שרייבער. צו אָט דער קאָנפֿערענץ זיינען געקומען אייניקע עקסטרעמע יידישיסטן, וועלכע האָבן זיך פֿאַרמאָסטן אַראָפּצונעמען די היסטאָרישע קרוין פֿון העברעיִש ווי די נאַציאָנאַלע יידישע שפּראַך און אַרויפֿטאָן זי אויפֿן קאָפּ פֿון יידיש. קעגן דעם האָט זיך איינגעשטעלט פּרץ. און אַנדערש האָט עס גאָר ניט געקענט זײַן, נעמענדיק אין באַטראַכט די אויבן־ציטירטע שטעלונג זיינע. ווי געזאָגט האָט פּרץ מנצח געווען. יידיש איז נאָר דערקלערט געוואָרן ווי אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך אונדזערע, אָבער ניט ווי די נאַציאָנאַלע שפּראַך. און אין אַלע זיינע שפּעטערדיקע פּעסטשטעלונגען וועגן אונדזערע ביידע שפּראַכן איז פּרץ געבליבן אויסגעהאַלטן. אַוודאי האָבן אויך עקסטרעמע העברעיִסטן ניט מסכים געווען מיט דעם טשערנאָוויצער באַשלוס. לויט זיי איז יידיש נאָך אַלץ צו־הויך געשטעלט געוואָרן אויף דער טשערנאָוויצער קאָנ־פֿערענץ, אָבער ניט זייערע שטעלונגען גייען אַריין אין מיין הייניקער טעמע, כאָטש דער געראַנגל אַרום דעם אָרט, וואָס יידיש דאַרף פֿאַרנעמען אין אונדזער קולטור־לעבן, איז נאָך עד־היום ניט באַשלאָסן געוואָרן ענדגילטיק. איך קער זיך אום צו די אָריגינעלע שטעלונגען פֿון י. ל. פּרץ אין אונדזער שפּראַכן־פֿראַגע.

איך מוז זאָגן, אַז די אונטערשטע שורה, וואָס פּרץ מאַכט ווי אַ סך־הכל בנוגע דעם אָרט, וואָס די דריי שפּראַכן דאַרפֿן פֿאַרנעמען אין אונדזער לעבן, שטעלט אַפֿילו מיך, אַ ניט־יידישיסט, ניט צופֿרידן. זיין סך־הכל פֿאָרמולירט ער אַזוי:

> זשאַרגאָן האָט קיין פּרעטענזיע צו פֿאַרטרעטן די מוטער־שטעלע אין יידישן הויז; דעם פּלאַץ פֿאַרנעמט און דאַרף פֿאַרנעמען לשון הקודש; זשאַרגאָן האָט קיין פּרעטענזיעס צו דער לערער־שפּראַך; זשאַרגאָן איז נאָך אַ ניאַנקע, זי וויל נאָר אויסלערנען גיין, זיצן, אָנהייבן ריידן... דערנאָך — מעגט איר די ניאַנקע אַרויסוואַרפֿן, אָדער, אויס דאַנקבאַרקייט, איר איבערלאָזן אַן אָרט ביים טיש. נאָר — ווער עס וויל דאָס פֿאָלק קענען און ווער עס וויל דאָס פֿאָלק לערנען — דער מוז קאָנען ריידן און שרייבן זשאַרגאָן" (באַנד 12, זייט 17).

*

ביים באַהויפּטן, אין 1890, אַז יידיש קען ניט פֿאַרנעמען די לערער־שטעלע פֿאַרן יידישן קינד און לאָזנדיק פֿאַר יידיש נאָר די שטעלע פֿון דער ניאַניע, האָט פּרץ זיך כאָטש באַגרענעצט מיטן אויסדרוק „לעת־עתה". דאָ ליגט אַ רמז, אַז אין שפּעטערדיקע יאָרן קענען פֿאָרקומען אַנטוויקלונגען, וואָס וועלן דערמעגלעכן יידיש צו פֿאַרנעמען אויך די לערער־שטעלע. ווי מיר אַלע ווייסן, האָט פּרץ אין שפּע־טערדיקע יאָרן געפֿירט אַ זייער־שאַרפֿן קאַמף, אַז יידיש זאָל יאָ פֿאַרנעמען די שטעלע פֿון דער לערער־שפּראַך. דאָס הייסט, אַז די פּאָטענץ וואָס יידיש פֿאַרמאָגט, האָט ער, לויט אָט דעם רמז, שוין געזען אין יאָר 1890. דאָס קען אָבער ניט געזאָגט ווערן בנוגע העברעיִש. דאָ האָט ער אַפֿילו ברמז ניט אָנגעוויזן, אַז ער זעט די פּאָ־טענצן, וואָס העברעיִש האָט דעמאָנסטרירט במשך די לעצטע 60 יאָר.

און די סיבה ליגט אין דעם, וואָס ער האָט ניט געזען די פּאָטענצן, וואָס דאָס

יידישע פאָלק פאַרמאָגט אויפצובויען אַ יידישע מדינה. בנוגע דעם געדאַנק געפינט מען טייל מאָל אין אַלע זיינע ווערק אַן אויסדרוק פון סימפּאַטיע; אָבער שאַרפער און בולטער זיינען דעמאָנסטרירט געוואָרן זיינע ספיקות אין דער מעגלעכקייט דורכצופירן אַזאַ גראַנדיעזע אויפגאַבע. דעריבער שטייט ער מיט זיינע ביידע פיס און מיט זיין גאַנצער גרויסער פערזענלעכקייט אויף דער באַזע פון אַרבעטן און שאַפן אין גלות — די שפּעטער־פאָרמולירטע „דאָיִקייט". און ווי באַלד ציוניזם אָדער טעריטאָריאַליזם גייען קעגן אָט דער „דאָיִקייט־איינשטעלונג", האָט ער פאַר זיי נאָר שאַרפע קריטיק־פיילן, וואָס דערגרייכן אָפט צו ביטערן סאַרקאַזם און אַפילו צו פאַרניכטנדיקער קריטיק. אָט דעם גורל האָט אויך געטיילט העברעיִש אין זיינע פּראָגנאָזן פאַר דער צוקונפט.

און עס איז ביז שאַרפן וויטיק מערקווירדיק: דער גרויסער פרץ, וואָס דער סימן־מובהק פון זיין קינסטלערישער גאונות איז געווען דאָס דערשפירן די שיינקייט און קדושה פון אַלץ וואָס די אייגנאַרטיקע, יידישע יצירה־כוחות האָבן באַשאַפן במשך פון אונדזער גאַנצער, לאַנגער געשיכטע — אַז דווקא אים האָבן פאַרפעלט די שפיר־חושים צו דערקענען די ערשטע שפּראָצונגען פון דער נייער יידישער רעוואָלוציע, וואָס האָבן זיך באַוויזן פונקט אין יענער צייט, ווען ער האָט פאָרמולירט זיינע געדאַנקען וועגן אונדזער שפּראַכן־פראַגע. דווקא ער האָט ניט דערשפירט דאָס, וואָס בער באָראָכאָוו האָט שפּעטער אָנגערופן „די סטראַטעגישע באַזע". באָראָכאָוו האָט עס באַצייכנט ווי די סטראַטעגישע באַזע פאַרן יידישן אַרבעטער, ווו ער וועט קענען צוטראָגן זיין ביישטייער צו בויען דעם וועלט־סאָציאַליזם. אָבער די זעלביקע „סטראַטעגישע באַזע" האָט דאָס יידישע פאָלק אויסגענוצט, כדי אויס־צושמידן נייע לעבנס־פאָרמען פאַרן גאַנצן פאָלק. פרץ, ניט דערשפירנדיק דעם אָנהייב פון אָט דער „סטראַטעגישער באַזע", האָט אוודאי אין איר ניט געקענט דערשפירן די יצירה־מעגלעכקייטן פאַר העברעיִש.

בער באָראָכאָוו איז געווען אַ 10־יאָריק ייִנגל, ווען פרץ האָט געשריבן זיין דערמאָנטן פּראָגראַם־אַרטיקל; באָראָכאָווס קלאָרער אויסדרוק פון דער „סטראַ־טעגישער באַזע" איז נאָך ניט אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין קרייז פון יידישער מחשבה. אָבער נחמן סירקין האָט שוין — לויט דעם עדות־זאָגן פון שמריה לעווין — מיט עטלעכע יאָר פריִער געהאַט געפּריידיקט זיין סאָציאַליסטיש־ציוניסטישן געדאַנק. אין אָט דער נייער שפּראַצונג האָט דער גרויסער פרץ אַפילו מיט 12 יאָר שפּעטער ניט דערשפירט איר פּאָטענץ. דאַן דערמאָנט ער זי יאָ איין מאָל — אָבער ווי אַזוי?

אַ געוויסער ד"ר רודנשטיין האָט פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל, אין וועלכן ער האָט פאַרגעוואָרפן דעם ציוניזם, אַז ער פאַרמאָגט ניט קיין קאָנקרעטןווירטשאַפט־לעכן פּלאַן. פרץ טענהט, אַז אַ קאָנקרעטן ווירטשאַפטלעכן פּלאַן קען נאָר האָבן אַ קלאַסן־פּאַרטיי, אָבער ניט דער ציוניזם, וואָס דאַרף זיין אַ פאָלקס־פּאַרטיי. און אין לויף פון זיין אַרגומענטירן זאָגט פרץ: „דער ציוניזם איז מחויב צו באַשטעטיקן וואָס עס איז פאַר אַ ווירטשאַפטלעכן פּראָגראַם אָדער צו שאַפן אַ נייעם! אַלע ציוניסטן, מזרחי, פּראַקציאָניסטן, חירות (אויב זי לעבט נאָך!) און די מיטל־פּאַרטיי, אַלע זאָלן זיך די הענט געבן און אָנגעמען" (באַנד 12, זייט 229).

דערמיט פרעגט פּרץ אָפּ דעם געדאַנק פון ד״ר רודנשטיין. איז דווקא אין דעם עצם־וויכוח פּרץ גערעכט. אָבער מיר גייט נאָר אין אַנצייכענען ווי ער, פּרץ, באַציט זיך צו די ערשטע שפּראָצונגען פון סאָציאַליסטישן ציוניזם, ווייל די פראַזע „חירות (אויב זי לעבט נאָך!)״ מיינט טאַקע די ערשטע גרופּן וואָס ד״ר נחמן סירקין האָט דאַן אָנגעהויבן אָרגאַניזירן.

אויך אַ צווייטן אָנהייב פון אַזעלכע שפּראָצונגען האָט פּרץ ניט באַמערקט; און איך גיי חלילה ניט צוריק צו משה העס. דער לעצטער האָט דאָך פונקציאָנירט אין אַ ווייט אָפּגערוקטער ספערע פון דער פּרץ־סביבה. איך האָב דאָ אין זינען אַ מערקווירדיקן יידישן יונגנמאַן, אַברהם־אַדאָלף זאַלץ, וואָס האָט כמעט אין דער זעלבער צייט מיט נחמן סירקין — און אפשר גאָרניט ווייסנדיק וועגן אים — אָנגעשריבן אַ ציוניסטישן פּראָגראַם, וואָס האָט פאַרמאָגט כמעט די גאַנצע באַ־ראָכאָוויסטישע איינשטעלונג, הגם אָן דער וויסנשאַפטלעכער מעטאָדע, וואָס באַ־ראָכאָוו האָט באַנוצט ביים באַגרינדן זיין טעאָריע. ווער עס וויל זיך באַקענען מיט דעם, זאָל לייענען דעם ערשטן באַנד פון דעם היסטאָריקער ד״ר נ. מ. געלבער, „תולדות התנועה הציונית בגליציה״ (זייט 158 און ווייטער).

ווען ער האָט די מעגלעכקייט פאַר דער סטראַטעגישער באַזע ניט דערשפּירט, האָט ער שוין אַוודאי ניט געקענט דערשפּירן די נייע יצירה־כוחות, וואָס די ווייטער־דיקע אַנטוויקלונגען פון העברעיִש האָבן אונדז געגעבן.

✶

אין איינעם פון זיינע קורצע עסייען אונטערן נאָמען „דער לעבנס־פּראָצעס״ (13טער באַנד, זייט 121 און ווייטער) דיסקוטירט פּרץ די פראַגע: „קאָנסערוואַטיזם און פאָרשריט, זאַץ און קעגנזאַץ — וואָס איז אמת, מאָראַליש אָדער — אויב איר ווילט — נוצלעך?״ נאָך דעם ווי ער אַנאַליזירט סיי דעם קאָנסערוואַטיזם און סיי דעם פאָרשריט, קומט ער צו אַט אַזאַ מסקנה:

„זאַץ און קעגנזאַץ — קאָנסערוואַטיזם און פאָרשריט, וואָס איז לעבנספעיִקער?״ און ער ענטפערט: „באַזונדער גענומען זיינען ביידע ניט לעבנספעיִק, צוזאַמען, אין אייביקן קאַמף, זיינען זיי דאָס לעבן, דער פּראָצעס, וואָס שאַפט דעם סינטעז, דעם הכתוב השלישי — דאָס נייע לעבן, וואָס ווערט ווייטער אַ פּסוק, באַקומט באַלד זיין קעגנזאַץ, און טראַגנדיק ווערט דאָס לעבן מיט אַ נייעם סינטעז און עס קומען נייע געבורטס־ווייען, דער נייער קאַמף״.

אָך, וואָס פאַראַ שאָד, וואָס דער גרויסער פּרץ האָט אין דעם יידישן לעבנס־פּראָצעס ניט דערשפּירט דעם וויכטיקסטן עלעמענט פון זיין צייט, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן שרייבן אונדזער נייער פּסוק — די סטראַטעגישע באַזע — און ער האָט אים ניט אַריינגעבראַכט אין אונדזער געשיכטלעכן סינטעז.

✶

לאָמיר איצט אַריבערגיין צו זיין שטעלונג צום סאָציאַליזם. דאָ וועלן מיר קענען מקצר זיין. עס וועט זיין גענוג צו ברענגען בלויז צוויי ציטאַטן. איך וועל זיך נאָר באַגרענעצן צו אַ קורצער סוף־באַמערקונג. די ערשטע ציטאַט וועט מוזן זיין אַ לענגערע. זי איז געשריבן געוואָרן אין יאָר 1906 און טראָגט די איבערשריפט

„האָפענונג און שרעק". און די ערשטע שורה הייבט זיך אָן: „מיין האַרץ איז מיט אייך". און פון די ווייטערדיקע שורות איז קלאָר צו וועמען ער רעדט. ער שרייבט (אַלע אונטערשטרייכונגען אין אָריגינאַל):

מיין אויג ווערט ניט זאַט פון אייער פלאַמענדיקער פאָן; מיין אויער ווערט ניט מיד הערנדיק אייער מעכטיקן געזאַנג.

מיין האַרץ איז מיט אייך; זאָט דאַרף זיין דער מענטש און ליכטיק דאַרף אים זיין... און פריי מוז ער זיין און האָבן איבער זיך צו שאַפן, איבער זיך און זיין אַרבעט.

און אַז איר בייסט די פויסט, וואָס וויל איך אייער פריי וואָרט, אייער ברענענדיקן פּראָטעסט צוריק אַריינזעצן אין דער קעל, מען זאָל עס ניט הערן — פרייט מיך; בעט איך גאָט, ער זאָל אייך שאַרפן די ציין. און ווען איר מאַרשירט אויפן אַלטן סדום און ווילט עס איינרייסן, גייט מיין נשמה מיט מיט אייך; און די זיכערקייט, אַז איר מוזט זיגן מאַכט מיך פול און וואַרעמט און באַרוישט מיך, ווי אַלטער ווייַן...

און דאָך... און דאָך האָב איך פחד פאַר אייך.

איך שרעק זיך פאַר באַצוואונגענע, וואָס זיגן. עס קענען פון זיי באַ־צווינגער ווערן און יעדער באַצווינגער זינדיקט קעגן מענטשלעכן גייסט.

צי רעדט מען ניט צווישן אייך, אַז די מענטשהייט דאַרף מאַרשירן, ווי אַן אַרמיי אין פראָנט, און איר וועט איר פאַרשפּילן דעם מאַרש אויפן וועג?

און דאָך איז די מענטשהייט קיין אַרמיי ניט.

שטאַרקערע גייען פאָרויס, האַרציקע פילן טיפער, שטאָלצע וואַקסן העכער — צי וועט איר ניט אונטערהאַקן די צעדער, זיי זאָלן ניט איבער־וואַקסן דעם גראָז?

צי וועט איר ניט פאַרשפּרייטן אייערע פליגל איבער דער מיטלמע־סיקייט? צי וועט איר ניט פאַרפאַנצערן די גלייכגילטיקייט און באַשיצן נאָר די גרויע, גלייך־געשוירענע סטאַדע?

איך פאָרכט מיך פאַר אייך.

אַלס זיגער קענט איר די ביוראָקראַטיע ווערן: אויסצוטיילן יעדן זיין ביסן, ווי פאַר אָרעמעלייט אין הקדש; אָפּצומעסטן יעדן זיין אַרבעט, ווי לעקציעס אויף דער קאַטאָרגע. און איר וועט פאַרטיליקן דעם באַ־שאַפער פון נייע וועלטן — דעם פרייען מענטשלעכן ווילן און פאַרשיטן דעם ריינסטן קוואַל פון מענטשלעכן גליק — די מענטשלעכע איניציאַ־טיוו, די קראַפט וואָס שטעלט איינעם קעגן טויזנטער, קעגן פעלקער און געשלעכטער... און איר וועט מעכאַניזירן דאָס לעבן און הייסן עס פאַר־ברענען אין קאַשמאַרן.

און איר וועט זיין פאַרנומען מיט רעגלאַמענטירן; מיט שרייבן, פאַר־צייכענען און שאַצן... מיט פאַרשרייבן: ווי הויך און ווי אָפט עס מעג שלאָגן אַ מענטשלעכער פּולס, ווי ווייט עס מעג זען אַ מענטשלעך אויג,

וויפל עס קען פאַרנעמען זיין אויער, און וואָס פאַראַ חלומות מעג האָבן דאָס פאַרבענקטע האַרץ?

מיט האַרציקער פרייד קוק איך ווי איר רייסט איין די מויערן אין אַלטן סדום; מיין האַרץ אָבער ציטערט דערביי, איר זאָלט אויף זיינע חורבות קיין ערגערן ניט בויען — אַ קעלטערן, אַ פינצטערן!

עס וועלן קיין שטיבער אָן פענצטער ניט זיין; נאָר אין נעפּל וועלן איינגעהילט זיין נשמות...

עס וועט קיין לערער מאָגן ניט זיין, נאָר זעלן וועלן הונגערן... קיין וויגעשריי וועט קיין אויער ניט פאַרנעמען, נאָר דער אָדלער — דער מענטשלעכער גייסט, וועט מיט אָפּגעשניטענע פליגל שטיין ביי דער קאַרעטע, גלייך מיט דער קו און מיטן אָקס.

און די גערעכטיקייט, וואָס האָט אייך באַגלייט אויפן דאָרנדיקן און בלוטיקן וועג צום זיג, וועט אייך פאַרלאָזן, און איר וועט עס ניט מערקן; דערצו זיינען זיגער און הערשער בלינד, און איר וועט זיגער און הערשער זיין. און איר וועט זינקען אין אומגערעכטיקייט, און איר וועט ניט פילן דעם זומפּ אונטער אייערע פיס... פעסט פילט זיך יעדער הערשער, כל־זמן ער איז ניט געפאַלן...

און געפענגענישן וועט איר בויען פאַר די, וואָס וועלן אויסשטרעקן די האַנט צו ווייזן אייך דעם אָפּגרונט, צו וועלכן איר זינקט... און אויס־רייסן פון די מיילער וועט איר די צונגען, וואָס וועלן אייך וואָרענען פאַר די, וואָס וועלן נאָך אייך קומען, אום אייך און אייער אומגערעכטיקייט צו פאַרניכטן...

גרויזאַם וועט איר פאַרטיידיקן די גלייכבאַרעכטיקונג פון דער סטאַ־דע צום גראָז אונטער אירע פיס און צום זאַלץ איבער איר קאָפּ. און אייערע פיינט וועלן זיין: פרייע אינדיווידוען, איבערמענטשן, גענ־אַלע דערפינדער, פּראָפעטן, דערלייזער און קינסטלער.

אַלץ וואָס געשעט, געשעט אין רוים און צייט...

אויפן פּלאַץ איז שוין דאָס געשעענע, דאָס שטאַנדהאַפטע, פעסטע, און דעריבער — דאָס פאַרגליווערטע און געפרוירענע, דער היינט, וואָס דאַרף און מוז אונטערגיין.

די צייט איז פאַרענדערונג, זי בייט, אַנטוויקלט; זי איז דאָס אייביקע אויפשפּראָצן, אויפבליִען — דער אייביקער מאָרגן...

און אַז פון אייער "מאָרגן", צו וועלכן איר שטרעבט, וועט ווערן "היינט", וועט איר טרעטן די שפּראָצן פון מאָרגנדיקן טאָג און פאַר־טיליקן זיינע בליטן און גיסן שטראָמען קאַלט וואַסער אויף די גייסטער־קעפּ פון נביאות, חלומות און נייע האָפענונגען.

שטאַרבן וויל ניט דער היינטיקער טאָג. בלוטיק גייט־אונטער יעדע זון.

איך וויל, איך האָף צו אייער זיג, נאָר איך שרעק זיך און ציטער פאַר אייער זיג.

איר זייט מיין האָפענונג, איר זייט מיין שרעק (באַנד 13, זייט 7).

*

ווער דאַרף און ווער קען דען מוסיף זיין צו דעם, וואָס אונדזער גרויסער פרץ האָט פאָרויסגעזאָגט אין יאָר 1906, באַלד נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע פון 1905? מיר מעגן בולטער מאַכן זיין שטעלונג צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג: טראָץ זיין היסטאָריש־שרעקלעכן פראַגנאָז וועגן אירע געפערלעכע פּאָטענצן, האָט נאָך אין זיין האַרץ אַלץ פאַרנומען אַ גרויס אָרט די האָפענונג אויף איר. דאָס קען מען אָנווייזן דורכן ציטירן, וואָס ער האָט געשריבן מיט 6 יאָר שפּעטער, אין 1912, אונטערן איבערשריפט „נאָך גראָסערס לויה״. אויך אָט די פּערל פון זיינע קורצע עסייען פאַרדינען ציטירט צו ווערן אין גאַנצן. אָבער פאַר מיין ציל זיינען גענוג די לעצטע פאָר אָפּזאַצן. מען דאַרף נאָר האָבן אין זינען, אַז גראָסער איז געווען אַ בונדישער פירער — איינער פון די ליכטיקסטע פערזענלעכקייטן וואָס די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין פוילן האָט אַרויסגעגעבן. שילדערט פרץ ווען ער האָט געזען ביי גראָסערס לויה, און אַוודאי מוז עס איבערגעגעבן ווערן מיט זיינע ווערטער:

אָבער יוגנט האָב איך געזען. דער טויטער אַקער (דאָס בית־עלמין. — ב.צ.) איז מיט אַ מאָל, ווי דורך אַ כישוף, פאַרפלאַנצט געוואָרן מיט יוגנט, דאָס פעלד פון טויט האָט אויפגעלעבט מיט לעבן. פון צווישן מצבות קוקן פרישע, יונגע, לעבעדיקע, לעבן־זויגנדיקע אויגן אַרויס.

יוגנט און יוגנט, ווי וויט דאָס אויג פאַרנעמט — יוגנט!

ווייס איך, אַז מיר זיינען נאָך ניט געשטאָרבן, נאָך אַפילו ניט געוואָרן, אַז מיר האָבן יוגנט...

און ניט געזיפצט און ניט געטרערט האָט זי, די יוגנט. אין די אויגן איז געווען טרייקייט, איבערגעבנקייט, ליבשאַפט, און ניט צו דער שאָל, וואָס מען האָט אין דער ערד אַריינגעלייגט, נאָר צום תוך, צום עצם ענין, וואָס ווערט ניט באַגראָבן. און ניט צום קבר האָבן די אויגן שטילשווייגנדיק געקוקט, נאָר אין דער ווייט אַריין! און ניט שרעק פאַרן טויט איז געלעגן אויף די געזיכטער, און ניט די פאַרלאָרנקייט פון שאָף, ווען דער פאַסטעך פאַרשווינדט אויף אַ ווײַלע, נאָר די זיכערקייט; דאָס אַל־געמיינע שווייגן האָט הויך גערעדט.

מיר וועלן זיך ניט פאַרלירן, ניט פאַרלירן! מיר קענען דעם וועג, חבר! גייענדיק פון מצרים, טראָגן מיר דיין קאַסטן ניט מיט, דיין גייסט איז מיט אונדז! ער גייט מיט אונדז. מיר קענען דעם וועג, זיי רויק, חבר!״

ובכן, די האָפענונג לעבט נאָך זייער שטאַרק אין האַרצן פון יצחק לייבוש פרץ.

✶

נאָר אויפן שפּיץ גאָפּל האָב איך אַרויסגעקליבן פון דעם אומגעהויערן געדאַנק־קען־אוצר פון יצחק לייבוש פּרץ, וואָס איז נסתלק געוואָרן מיט 50 יאָר צוריק, און אויב דאָס פון־מיר־ציטירטע וועט אַרויסרופן דעם באַגער ביי די הונדערטער טויזנטער יידן, וואָס לייענען יידיש, זיך מתייחד זיין במשך דעם קומענדיקן יאָר מיט אָט דעם געדאַנקען־אוצר — והיה זה שכרי.

פראָפילן

אַריינפיר צו דער אָפּטיילונג „פּראָפילן"

א. דער סדר פון די פּערזענלעכקייטן, וועמעס פּראָפילן איך צייכן, זיינען אויסגעשטעלט לויט דער צייט ווען איך האָב וועגן זיי אָדער געשריבן, אָדער גע־רעדט, מיט דעם אויסנאַם פון די לעצטע צוויי — וועגן משה העס און ד"ר הערצל, מיט וועלכע איך פאַרענדיק דאָס בוך. דערמיט האָב איך זיך באַפרייט פון דער דילעמע אויסצושטעלן דעם סדר לויט דער חשיבות פון יעדער פּערזענלעכקייט.

ב. אַוודאי האָב איך בנוגע קיינע פון די פּערזענלעכקייטן ניט אויסגעשעפּט אַלץ, וואָס מען קען, און מען וואָלט געדאַרפט וועגן זיי זאָגן. וועגן כמעט אַלע פון די פּערזענלעכקייטן האָב איך זיכער מער פאַרפעלט ווי אַרויסגעבראַכט. אַפילו די נחמן סירקין־פּערזענלעכקייט, וועמען איך האָב געווידמעט מער פּלאַץ, ווי אַנדערע, בין איך זיכער, אַז אַ סך שטריכן פון איר איז מיר ניט געלונגען אַרויסצוברענגען. (אַגב, מיין אַרבעט וועגן נחמן סירקין געפינט זיך ניט אין דער רשימה פון אָט דעם בוך; זי איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין מיין בוך „אויפן וועג", זייט 59 און ווייטער. נאַטירלעך, רייד איך וועגן אים אויך אין אַנדערע טיילן פון מיינע זכרונות, ווען איך דערצייל וועגן אונדזערע אַקטיוויטעטן אין וועלכע ער האָט זיך באַטייליקט. אַזוי פעלן אויך אין דער רשימה נאָך 4 פּערזענלעכקייטן. עס פעלט חיים אַרלאָזאָראָוו, וואָס מיין אַרבעט וועגן אים איז אויך פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין מיין בוך „אויפן וועג", פון זייט 119 און ווייטער; עס פעלט דער גרויסער פּאָעט יהואש, וואָס וועגן מיינע באַגעגענישן מיט אים האָב איך דערציילט אין ערשטן באַנד זכרונות, זייט 260 און ווייטער; צוזאַמען מיט אים האָב איך אויך געשריבן וועגן זיין אינטימסטן פריינד און באַגענטסטן מיטאַרבעטער חיים ספּיוואַק. עס פעלט אויך אין דער רשימה יעקב העלמאַן, וועגן וועמען איך האָב געשריבן אינעם קאַפּיטל „יד ושם", אין מיין דריטן באַנד זכרונות).

די מערסטע פון אַלע פּערזענלעכקייטן פאַרדינען ברייטע מאָנאָגראַפיעס. וועגן אַ גרויסער צאָל פון זיי זיינען אַזעלכע מאָנאָגראַפיעס שוין געשריבן געוואָרן, און וועגן די אַנדערע וועט נאָך זייער צייט זיכער אויך קומען. איך האָב באַהאַנדלט די פּערזענלעכקייטן נאָר פון דעם שטאַנדפּונקט פון דער גייסטיקער השפעה, וואָס זיי האָבן אויף מיר אויסגעאיבט במשך מיין גאַנצן באַוווסטזיניקן לעבן. און אַפילו וועגן דעם בין איך זיכער, אַז איך בין געבליבן אַ גרויסער בעל־חוב צו זיי, אַ חוב וואָס איך האָב שוין זיכער ניט די האָפענונג ווען עס איז צו באַצאָלן.

ג. אויסער די פּערזענלעכקייטן, וואָס גייען אַריין אין דער רשימה, האָב איך אויך געגעבן גייסטיקע שפּייז פון אַ סך אַנדערע, וועלכע גייען דאָ ניט אַריין. איך האַלט פאַר מיין חוב ווייניקסטנס אייניקע פון זיי צו דערמאָנען דאָ אין דעם אַריינ־פיר. דערמיט וועל איך זיך אויך באַפרייען פון דער הבטחה, וואָס איך האָב אין די פריערדיקע ביכער געגעבן, צוצוגרייטן אַ זוכצעטל פאַר אַלע 5 בענד (די 3 זכרונות־בענד און דעם בוך „אויפן וועג", וואָס איז דערשינען אין 1956) און דעם

איצטיקן בוך. איך בין מודה, אַז די אַרבעט פון צוגרייטן אַזאַ זוכצעטל האָט מיך פּשוט איבערגעשראָקן. ניט נאָר איז עס אַ שווערע אַרבעט, נאָר אויך אַ נודנע. האָב איך פאַר מיר אַליין באַשלאָסן: אַ זוכצעטל בנוגע ענינים וועלן די, וואָס וועלן זיך פאַראינטערעסירן צו לייענען מיינע ביכער, געפינען אין דעם „אינהאַלט", וואָס יעדער בוך פאַרצייכנט; און בנוגע נעמען פון מענטשן, וועל איך אויסרעכענען נאָר יענע, וועמענס איינפלוס אויף מיין געמיט זיינען געווען פון באַדייטונג, און דערביי וועל איך אָנווייזן, ווו איך דערצייל וועגן זיי. און דאָס טו איך טאַקע באַלד. דערביי ווייס איך, אַז גאָר, גאָר אַ גרויסע צאָל האָב איך דאָך אויסגעלאָזן. איך נוץ נאָר די נעמען פון די פּערזענלעכקייטן, (סיי די וואָס גייען אַריין אין דער רשימה, סיי די וואָס איך וועל באַלד בלויז באַצייכענען), און ניט זייערע פאָרמעלע פאָרדיגנטע טיטולן, ווייל איך רעכן, אַז זייערע נעמען זאָגן פיל מער ווי די טעכנישע טיטולן זייערע.

ד. איך מוז אויסדריקן מיין טיפן צער, וואָס איך האָב, לײדער, ניט געפונען אין מיין אַרכיוו די אַרטיקלען, וואָס איך האָב געשריבן וועגן ברל כצנלסון, שלמה קאַפּלאַנסקי, מאַקס פיין און אברהם שיפּליאַקאָוו.

ה. דאָ און דאָרט קומען אַריין איבערחזרונגען פון עפּיזאָדן, וואָס זיינען טייל־ווייז דערציילט געוואָרן אין אַנדערע מקומות אין די 5 ביכער. די מערסטע איבער־חזרונגען זיינען געמאַכט געוואָרן, כדי אין דעם געגעבענעם אָרט אונטערצושטרייכן אַ געוויסן פּונקט. איך וועל ברענגען דאָ נאָר איין ביישפּיל: דער עפּיזאָד וועגן מיין קאָמישן אַרעסט אין ווילנע, וואָס ווערט דערציילט אין דעם ערשטן באַנד, אינעם קאַפּיטל „אין ווילנע", ווערט נאָך אַ מאָל דערציילט אין דעם איצטיקן בוך אין דעם קאַפּיטל וועגן חיים זשיטלאָווסקי. איך האָב עס ווידער געבראַכט, כדי שאַרפער אונטערצושטרייכן די ווירקונג, וואָס חיים זשיטלאָווסקיס ערשטע אויפטריטן אין ניו־יאָרק האָבן געמאַכט אויף אונדזערע חברים בכלל און אויף מיר בפרט. ווי ווייט דאָס איז נאָר געווען מעגלעך, האָב איך זיך אויסגעהיט פון אַזעלכע איבערחזרונגען.

ו. און איצטער צום פאַרקירצטן זוכצעטל. איך צעטייל זיי אין צוויי טיילן: וועלטלעכע און רעליגיעזע פּערזענלעכקייטן. די וועלטלעכע ווערן אויסגערעכנט לויטן אלף־בית און די רעליגיעזע — כראָנאָלאָגיש, לויט דער צייט, וואָס זיי האָבן אויף מיר משפיע געווען. די וועלטלעכע זיינען:

אַברונין גרשון — געשריבן וועגן אים בעיקר אינעם קאַפּיטל וועגן יידישן לעגיאָן, באַנד 2.

באַגען באַריס — געשריבן וועגן אים אינעם בוך „אויפן וועג", אינעם קאַפּיטל „40 יאָר דזשאָינט".

גאָלדבערג אברהם — בעסער באַקאַנט אונטערן פאַרקירצטן נאָמען אַב. גאָלדבערג. געשריבן וועגן אים אין 1טן באַנד, אינעם קאַפּיטל וועגן „די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן".

הורעוויטש, יצחק־אייזיק — געשריבן וועגן אים אינעם קאַפּיטל וועגן „פּיפּלס רע־ליף", באַנד 2.

זאַר יצחק — אין 2טן באַנד, בעיקר זיין שאַרפער וויכוח מיט נחמן סירקין, אינעם קאַפּיטל „וועגן יידישן לעגיאָן".
זאַריצקי מאָריס — אינעם צווייטן באַנד, אינעם קאַפּיטל וועגן דער גרינדונג פון געווערקשאַפטן־קאַמפּיין.
יעפּרויקין ישראל — אינעם ערשטן באַנד, זייט 50 און ווייטער.
כצנלסון ברל — אין פיל פלעצער פון די זכרונות, בעיקר וועגן זיין שליחות קיין צפון־אַמעריקע פאַר דער אַרבעטער־באַנק, אין 2טן באַנד.
מאַגנעס יהודה לייב — אין 2טן באַנד, ז׳ 28 און ווייטער, און אין פיל אַנדערע פלעצער.
מאַרשאַל לואי — אין מיין בוך „אויפן וועג", אינעם קאַפּיטל וועגן „דזשאָינט", אָבער בעיקר אין 2טן באַנד, אינעם קאַפּיטל וועגן דער קאָנגרעס־באַוועגונג, און מיין בריוו־אויסטויש מיט אים.
ניומאַן עמנואל — געשריבן וועגן אים אין פיל פלעצער, בעיקר אינעם קאַפּיטל „וועגן פערזענלעכער עליה" אין דעם איצטיקן בוך.
סילווער אבא הלל — בעיקר אינעם קאַפּיטל וועגן דער „אַמעריקאַנער יידישער קאָנפערענץ", אין דריטן באַנד און אין נאָך פיל אַנדערע פלעצער.
עהרענרייך הירשע — אין ערשטן באַנד, דערציילנדיק וועגן די ערשטע יאָרן פון אונדזער אַרבעט אין צפון־אַמעריקע.
פיינסטאָון מאָריס — אינעם 2טן באַנד, אינעם קאַפּיטל וועגן די צוגרייטונגען צום געווערקשאַפטן־קאַמפּיין.
פיין מאַקס — אינעם זעלביקן קאַפּיטל און אין פיל אַנדערע פלעצער.
קאָהן אַלכסנדר — אין 2טן באַנד, אינעם קאַפּיטל וועגן „פּיפּלס רעליף".
קאַפּלאַנסקי שלמה — געשריבן וועגן אים פיל מאָל, אָנהייבנדיק פון דער דריטער וועלט־קאָנפערענץ פון די פּועלי־ציון, וואָס איז פאָרגעקומען אין 1911 און וואָס איך האָב וועגן איר דערציילט אינעם לעצטן קאַפּיטל פון 1טן באַנד זכ־רונות.
ראָוז אַלעקס — אין 2טן באַנד, אינעם קאַפּיטל וועגן צוגרייטונגען צום געווערק־שאַפטן־קאַמפּיין.
שיפּליאַקאָוו אברהם — אין זעלביקן קאַפּיטל ווי אַלעקס ראָוז.
שניאור שלמה — אין ערשטן באַנד, ז׳ 98, און נאָך דעם אין די קאַפּיטלען וועגן די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן און אין די פאַרהאַנדלונגען וועגן צוריק־פאַראייניקונג מיט די פּועלי־ציון.
שערף זאב — אינעם 3טן באַנד, אינעם קאַפּיטל וועגן „מפעל אָרלאָזאָראָוו".

די רעליגיעזע זיינען געווען:

ר׳ חיים ראַדזשעוויצער — מיין ערשטער תנ"ך־מלמד, אין 1טן באַנד ז׳ 20.
ר׳ אברהם מענדל — מיין ערשטער גמרא־מלמד — אין 1טן באַנד, ז׳ 21 און פיל מאָל ווייטער.
ר׳ איטשעלע, ווילייקער מרא דאתרא — אין 1טן באַנד, ז׳ 23.

ר׳ שמואל יעקב ראַבינאָוויטש, יעלאקער רב, אין 1טן באַנד, ז׳ 57 און ווייטער.

ר׳ לייזער טעלזער, ר׳ יוסף לייב און בעיקר ר׳ שמעון שקאָפּ — ראשי ישיבה אין טעלז — אין ערשטן באַנד, ז׳ 68 און ווייטער.

ר׳ חיים עוזר גראָדזענסקי, ראש ישיבה פונעם „קיבוץ״ אין ווילנע, וואָס האָט געטראָגן זיין נאָמען — 1טער באַנד, ז׳ 102 און ווייטער.

ר׳ שלמהלע דיין פון ווילנע, 1טער באַנד ז׳ 102 און בעיקר אויף ז׳ 118.

ר׳ חייקל לונסקי — ביבליאָטעקאַר פון סטראַשון־ביבליאָטעק אין ווילנע, 1טער באַנד, ז׳ 110 און ווייטער.

חיים גרינבערג

(נפטר געוואָרן דעם 14טן מערץ 1953)

די טרויער־פאַרזאַמלונג, צו מאָרגנס נאָך זיין פּטירה, האָב איך געעפנט, זאָגנדיק:

די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג פון ניו־יאָרק איז זיך צוזאַמענגעקומען היינט אָוונט, זיך מתייחד צו זיין מיט דער נשמה פון איר גרויסן חבר און לערער חיים גרינבערג ע"ה. מיר האָבן איינגעלאָדן ד"ר נחום גאָלדמאַן צו געבן אַן אָפּ־שאַצונג וועגן דער פּערזענלעכקייט פון חיים גרינבערג. מיר האָבן איינגעלאָדן אונ־דזער חבר לייב גלאַנץ פאַרצוטראָגן פאַר אונדז די קאַפּיטלעך תהילים, וואָס חבר גרינבערג האָט דערמאָנט אין זיין צוואה, און פאַרצוברענגען דאָס ליד פון חיים נחמן ביאַליק „אחרי מותי", וואָס איר האָט אָקאָרשט געהערט, און דערמאָנען דעם גרויסן נפטר דורך אונדזער טראַדיציאָנעלן אל מלא רחמים.

איך בין זיכער, אַז ווי וויט עס איז נאָר מעגלעך דורך אַ רעדע צו געבן אַן אָלזייטיקע אָפּשאַצונג פון אונדזער פאַרשטאָרבענעם חבר, וועלן מיר עס היינט הערן פון ד"ר נחום גאָלדמאַן. ביי פיל פון אונדז איז אויפגעהאַלטן אין זכרון ד"ר גאָלד־מאַנס אָפּשאַצונג פון חיים גרינבערג, ווען אונדזער גרויסער חבר האָט נאָך געלעבט. ווי מיין אויפגאַבע היינט אָוונט, באַטראַכט איך, צו פּרובירן אָנצייכענען די גרויס פון דער אבידה, וואָס גרינבערגס הסתלקות איז פאַר דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג, אין וועמענס נאָמען איך פיר היינט דעם פאָרזיץ.

דאָ האָב איך אויסגערעכנט די וויכטיקסטע פאַרלוסטן אונדזערע, וואָס עס האָט גורם געווען דער טויט פון איין־איינציקן חבר:

מיר האָבן פאַרלאָרן דעם שעף־רעדאַקטאָר פון אונדזערע צוויי פּובליקאַציעס: „אידישער קעמפּער" און „דזשואיש פראָנטיר"; מיר האָבן פאַרלאָרן אונדזער וויכ־טיקסטן רעפּרעזענטאַנט אין אַלוועלטלעכע און אַמעריקאַנער יידישע און ציוניס־טישע קערפּערשאַפטן; דעם רעפּרעזענטאַנט מיט אַ ה' הידיעה, וואָס האָט אונדז אומעטום פאַרשאַפט גרויס כבוד; מיר האָבן פאַרלאָרן אונדזער גרינבערג שבעל־פּה, דעם רעפּרעזענטאַנט אונדזערן אויף דער רעדנער־טריבונע. ער האָט מיט אַזוי פיל חן און מיט אַזאַ טיפן אינהאַלט זיך איינגעשטעלט פאַר אונדזערע געשיכטלעכע אמתן און האָט ביי די צוהערער אַרויסגערופן די תשוקה אַליין צו פאָרשן, אַליין צו דערטראַכטן זיך צו אָט די היסטאָרישע אמתן און לעבן לויט זיי, נעמען אויף זיך אַלע מצוות מעשיות, צו וועלכע זיי פאַרפליכטן; מיר האָבן פאַרלאָרן דעם גרויסן עטישן ביישפּיל, וואָס ער איז געווען פאַר אונדז. די עטישע קראַפט האָט פון אים אַרויסגעשטראַמט און האָט אונדזער באַוועגונג ניט איין מאָל אויסגעהיט פון נסיונות, פאַר וועלכע פּאָליטישע פּאַרטייען ווערן אָפט געשטעלט; מיר האָבן פאַרלאָרן דעם חבר, וואָס בלויז דער פאַקט פון זיין געפינען זיך צווישן אונדז האָט משפיע געווען צום גוטן אויף יעדן איינעם פון אונדז ווי יחידים און אויף אַלעמען פון אונדז ווי

אַן אָרגאַניזירטער קיבוץ. אויסרעכענען אַלע שטחים פון זיין השפעה אין אונדזער באַוועגונג איז גאָר ניט מעגלעך.

מיר ווייסן זייער גוט, אַז מיר זיינען ניט די איינציקע אבלים איבער דעם טויט פון חיים גרינבערג. מיר ווייסן, אַז אַלע, וואָס האָבן אים געלייענט, אַלע וואָס האָבן אים געהערט און בעיקר — אַלע, וואָס האָבן אים פּערזענלעך געקענט, באַוויינען די גרויסע אבידה. פּאַראבלט איז אויך די גאַנצע ציוניסטישע באַוועגונג, די גאַנצע יידישע און העברעיִשע שרייבער־משפּחה און אַלע די, אין וועמענס הערצער עס לעבט די תשוקה פאַר יידישן קיום און זיי פאַרמאָגן די פעיִקייט צו געניסן פון דער אצילות, וואָס שטראַלט אַרויס פון אַ זעלטענער פּערזענלעכקייט. נאָך די דירעקטע אבלים: זיין פרוי לאה און זיין זון עמנואל, וואָס געפינען זיך דאָ מיט אונדז, וועמען מיר קענען נאָר צוטראָגן אונדזער טיפסטן מיט־צער; נאָך די צאָל־רייכע נאָענטע פּערזענלעכע פריינד, וואָס האָבן אַזוי אָפט גענאָסן פון זיין חברשאַפט, פון זיין גייסטרייכן שמועס, פון עצם געפינען זיך אין זיין נאָענטער מחיצה — נאָך זיי שטייט פּאַראבלט און צעוויטאָגט די גאַנצע ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג. מיר שטייען פּאַרוּוירט אין אונדזער זוכן און ניט קענען געפינען גאַנצע קאָלעקטיוון פון חברים, וואָס זאָלן אויספילן דעם חלל, וואָס ער איינער אַליין האָט איבערגעלאָזט.

און אין דעם קדושה־מאָמענט פון מתייחד זיין זיך מיט זיין נשמה, נעמען מיר אויף זיך, אין שטילקייט און טיפקייט פון אונדזערע אייגענע הערצער, ממשיך צו זיין אין זיינע וועגן, און אויף אַזאַ אופן אַריינצופלעכטן אויף אייביק אין דעם צרור החיים פון אונדזער באַוועגונג די גרויסע נשמה פון אונדזער חבר און לערער, וואָס איז פון אונדז נסתלק געוואָרן כ״ז אדר תשי״ג.

צו די שלושים פון זיין פטירה האָט דער „אידישער קעמפער״ געווידמעט אַ ספּעציעלן נומער צו זיין זכר. אין אָט דעם נומער האָב איך געמאַכט אַ פּרוּוו צו געבן אַן אָפּשאַצונג פון זיין פּערזענלעכקייט. איך וועל דאָ ברענגען די וויכטיקסטע פּונקטן:

דער ערשטער שטריך פון זיין פּערזענלעכקייט — ער האָט פאַרמאָגט די פעיִקייט צו זיין אַ מתבודד. דערמיט מיין איך ניט, אַז ער איז געווען אַ נזיר, אַ פּורש מן הצבור. פאַרקערט! ער האָט זייער ליב געהאַט געזעלשאַפט. ער האָט ליב געהאַט די שיחות חולין אין נאָענטע קרייזן, ווו ער איז אַלע מאָל געווען דער ראש המדברים, ווייל ער איז ממש געווען אַ גרויסער קינסטלער פון אַזעלכע לייכטע, אָבער גלייכצייטיק, טיפע שמועסן. זיין התבודדות איז געווען פון גאָר אַ באַזונדערן כאַראַקטער. זיין התבודדות האָט געשטאַמט פון צוויי סיבות:

ערשטנס — פון דער נויטווענדיקייט צו קענען מיט זיך אַליין טיפער אַריינדרינגען אין די מיסטעריעס פון גאַנצן יקום. אין דעם איז ער באַוועלטיקט געוואָרן פון דעם מאָטיוו: „לא ברעש ה׳״, די שכינה רוט זעלטן אויף שטורעמדיקע פאַרזאַמלונגען. בלויז אין צייטן פון אויסטערלישע גייסטיקע אויפטרייסלונגען קען אַ תורה געגעבן ווערן בקולות וברקים. אין נאָרמאַלן לעבן רוט מער די שכינה אויף

אַ מענטשן אין זיין יחידישער שטילקייט, ווי אין די בצבורדיקע רעשן. זעלבסט־פאַרשטענדלעך מוז דער דאָזיקער מענטש מסוגל זיין צו באַנעמען די שכינה. חיים גרינבערג האָט זיכער געהערט צו אַזעלכע יחידי סגולה. האָט ער אין התבודדות געזוכט קודם אַליין משיג צו זיין די וועלט, דעם מענטש און בעיקר די גאָטהייט, און דאַן זיך צוגרייטן צו די וויכטיקסטע אייגענע שאַפונגען.

צווייטנס — ער האָט געשפּירט, אַז די באַדינגונגען און טענדענצן — אַפילו פון לויפנדיקע פּאַסירונגען — צו וועלכע ער האָט געדאַרפט דורך וואָרט און שריפט נעמען שטעלונג, קען מען אויך טיפער דערגרונטעווען, ווען מען טראַכט וועגן זיי פריער ביחידות. ערשט נאָך דעם קען מען זיי קלאָרער מסביר זיין פאַר אַנדערע. אויך די דאָזיקע סיבה האָט אים זייער אָפט באַוועגט צו התבודדות.

עס איז אָבער געווען גאָר אַ גרויסער אונטערשייד אין עמקות, צי ער האָט פאַרן אויסדריקן פון זיינע געדאַנקען בעל־פּה אָדער בכתב געהאַט געגוג צייט פאַר התבודדות, אָדער ניט. אין זיינע שריפטן קען מען, מיט כמעט עקזאַקטער זיכערקייט, אָנווייזן אויף יענע אַרבעטן, וואָס איידער ער האָט זיי אַרויפגעבראַכט אויפן פּאַפּיר איז ער דורכגעגאַנגען אַ לענגערן פּראָצעס פון התבודדות. די דאָזיקע אַרבעטן זיינען די, וואָס דרינגען צום טיפסטן אין דעם ענין, וואָס ער באַהאַנדלט.

צום קלאָרסטן זעען מיר עס אין זיין באַרימטן אַנאַליז פון דעם „רעפּאָרט פון דער אַנגלאָ־אַמעריקאַנער קאָמיסיע" פון יאָר 1946. דאָס איז אָן ספק געווען דער טיפסטער אַנאַליז פון די אַלע 10 רעקאָמענדאַציעס, וואָס די קאָמיסיע האָט דאַן פאָרגעשלאָגן ווי צו לייזן אַלע פּאָליטישע, סאָציאַלע און ווירטשאַפטלעכע פּראָבלעמען, וואָס זיינען דאַן געווען פאַרבונדן מיטן פּאַלעסטינע־ענין. דאָס איז זיכער געווען דער טרעפנדיקסטער און אויך ערלעכסטער ענטפער, וואָס איז פון אונדזער — פון דער יידישער זייט — געגעבן געוואָרן אויף יענע אַלע רעקאָמענדאַציעס. אַזאַ אַנאַליז האָט ער געקענט מאַכן נאָר נאָך אַ לענגערן פּראָצעס פון התבודדות.

איך געדענק איינע אַ רעדע, אין וועלכער ער האָט, לויט מיין מיינונג, דערגרייכט די העכסטע מדרגה, און צופעליק ווייס איך וויפל צייט פאַר התבודדות ער האָט דער רעדע אָפּגעגעבן. דאָס איז געווען אין קופּער־יוניאָן (אין ניו־יאָרק, די פּינקטלעכע דאַטע געדענק איך ניט), אויף אַ גרויסער אַסיפה לכבוד דעם בריטישן סאָציאַליסט און טיפן באַגרייפער פון ציוניזם, יהושע וועדזשוווד זכרונו לברכה. די אַסיפה איז פאָרגעקומען אין סאַמע מיטן פון יידיש־בריטישן געראַנגל — מען מעג עס אַפילו אָנרופן יידיש־בריטישע מלחמה — אַרום דער פראַגע פון דער „אומלעגאַלער" עליה. אין אָט דער רעדע האָבן דאַן אַרויסגערעדט פון גרינבערגן, סיי די טיפסטע יידישקייט, סיי די טיפסטע מענטשלעכקייט, וואָס האָבן אַלע מאָל באַלויכטן זיין געדאַנק. אין וואָס איז עס באַשטאַנען? — אין דעם רצון זיך אויפצוהייבן איבער צייטווייליקע געראַנגלען און זיך אָנהאַלטן אָן מזבח פון היסטאָרישער אייביקייט: איצט פירט טאַקע גרויסבריטאַניע אַ מלחמה מיטן יידישן פאָלק, אָבער אין די ספערן פון היסטאָרישער אייביקייט אין נאָך אַלץ דאָ אַ טיפע פאַרבינדונג צווישן די נשמות פון אָט די צוויי פעלקער. יהושע וועדזשוווד איז פאַר חיים גרינ־

בערג דער סימבאָל פונעם אייביקן און ענגלישן פאָלק, וואָס — ווי יעדער עלעמענט פון נצחיות — פאַרמאָגט דעם ניצוץ פון אַלמענטשלעכער אמתדיקייט.

אויף אָט דער קאַנווע האָט חיים גרינבערג אויסגעוועבט זיין רעדע, וואָס איר הויפּטמאָטיוו איז געווען, אַז אָט דאָס ענגלאַנד, וואָס ווערט פּערזאָניפיצירט דורך יהושע וועדזשווּוד, וועט אייביק לעבן. איך קען פון מיין זייט צוגעבן, אַז אין יענעם אָוונט האָט חיים גרינבערג פּערזאָניפיצירט די היסטאָרישע אייביקייט פון דעם יידישן פאָלק. אין אָט די העכסטע ספערן האָבן זיך באַגעגנט, ווי מיטבאַשאַפער פון גוואַלטיקע היסטאָרישע ווערטן,ביידע צייטוויייליק קעמפנדיקע צדדים: ענגלאַנד און דאָס יידישע פאָלק.

פון אָט דעם גייסטיקן צוזאַמענשפּיל האָט חיים גרינבערג אַרויסגעצויבערט ווערטער, וואָס קיינער, וועלכער האָט זיי, ווי איך, זוכה געווען צו הערן, קען זיי ניט פאַרגעסן. סיי די פאָרעם, סיי דער אינהאַלט איז אויסגעוואָרעמט געוואָרן אין גרינבערגס האַרץ אין די שעהען פון התבודדות פון פאַר יענעם אויפטריט.

✶

ער האָט פאַרמאָגט זיין פאַר היסטאָרישן יושר.

דעם אינטערעס פאַר היסטאָרישן יושר פאַרמאָגן אַ סך מענטשן, אָבער זעלטן ווען געלינגט די מערסטע פון זיי צו געפינען גייסטיקן גלייכגעוויכט אין זייער אויס־טייטשונג פון היסטאָרישן יושר.

אָט דער פונקט וועט קלאָרער ווערן, ווען מיר וועלן פּרובירן פאַרגלייכן חיים גרינבערגן מיט אַ צווייטער פּערזענלעכקייט, וואָס האָט די דאָזיקע אייגנשאַפט פאַרמאָגט אין גאָר אַ גרויסער מאָס. איך האָב אין זינען דעם פאַרשטאָרבענעם ד״ר יהודה לייב מאַגנעס זכרונו לברכה.

ער, מאַגנעס, און זיין גרופּע זיינען ליידער געשטרויכלט געוואָרן אין זייער אויסטייטשונג פון היסטאָרישן יושר. און זייער ווילן צו זיין היסטאָריש גערעכט, האָבן זיי אָפט איבערגעבויגן זייער מאָס פון גערעכטיקייט צום צד שכנגד, פאַר־מינערנדיק דערביי די מאָס פון היסטאָרישן יושר, צו וועלכע אויך דאָס יידישע פאָלק איז באַרעכטיקט. חיים גרינבערג איז פון אַזאַ שטרויכלונג אויסגעהיט געוואָרן.

איז ווייט פון מיין געדאַנק צו מינימיזירן די קדושה, וואָס איז געלעגן אין דעם רצון פון ד״ר מאַגנעס און זיין גרופּע. מיר שיינט אָבער, אַז זייער יידישקייט האָט פאָרט אַנדערש דורכגעדרונגען זייערע נשמות, ווי גרינבערגס יידישקייט האָט דורכ־געדרונגען זיין נשמה. איך האָב דערביי ניט אין זינען, אַז ער האָט פאַרמאָגט מער פון דעם, וואָס ווערט באַנאַל באַצייכנט מיטן אויסדרוק: יידישער פּאַטריאָטיזם. פונקט אַזוי מיין איך ניט, אַז ער האָט פאַרמאָגט מער פון דעם, וואָס ווערט אָנגערופן — שוין ניט אַזוי באַנאַל, אָבער זייער אומקלאָר — אהבת ישראל. איך האָב אין זינען די טיפערע דורכלעבונג פון דעם מערקווירדיקן אייגנאַרט פון יידישן פאָלק אין זיין פלאַימדיקן גאַנג אין דער מענטשלעכער געשיכטע. ווען אַ ייד פאַרמאָגט אָט דעם פינטל, וועט עס אים ניט דערלאָזן — ווען אין זיין נשמה קומט פאַר אַ געראַנגל בנוגע היסטאָרישן יושר צווישן זיין פאָלק און אַנדערע פעלקער — איבערצובויגן די וואָגשאָל אויף דער זייט פון צווייטן צד. גרינבערג האָט אָט דאָס פינטל פאַרמאָגט

אין אַ פּיל גרעסערער מאָס ווי ד״ר מאַגנעס. דעריבער האָט ער ניט געקענט מיטגיין מיט דער מאַגנעס־גרופּע. צי איז אַפילו גרינבערגן געלונגען אין אַלע באַדינגונגען אויפצוהאַלטן אַ גייסטיקן גלייכגעוויכט אויף אָט דעם שטח — וועגן דעם בין איך ניט גרייט צו פּסקנען. אָבער אַז ער איז געווען איינער פון יענע, וואָס האָט פאַרמאָגט דעם מאַקסימום זין פאַר היסטאָרישן יושר; אַז ער האָט לויט אָט דער אייגנשאַפט געהאַנדלט און איז געבליבן היסטאָריש יושרדיק אויך צום אייגענעם פאָלק — איז פאַר מיר קיין ספק ניט.

✶

ער האָט פאַרמאָגט די פעיִקייט צו לעבן אין וויניקסטנס דריי באַזונדערע קול־טורן, און קיין איינע פון זיי האָט ניט געמינערט זיין טיפן אויסלעבן זיך אין די אַנדערע. ראשית — יידישע קולטור. זי האָט זיך אויסגעפורעמט און האָט געווירקט אין מערערע לענדער, און אין פיל שפּראַכן. אין יעדע פון די דריי הויפּט־שפּראַכן, אין וועלכע דער יידישער געניוס האָט בעיקר אַריינגעשאָפן זיין קולטור — העברעיִש, יידיש און אַראַמעיִש — זיינען אַריינגעטראָגן געוואָרן באַזונדערע אייגנאַרטיקייטן. דערפון דרינגט אַרויס, אַז דער יידישער שטח אַליין שטעלט מיט זיך פאַר אַ קולטור־פּלוראַליזם, וואָס זייער וויניק האָבן פאַרמאָגט דעם טאַלאַנט צו געניסן פון אַלע זיינע טיילן און זיך גייסטיק שפּייזן מיט אַלע זיינע פאַרשיידנאַרטיקייטן. חיים גרינבערג איז געווען היימיש אין אַלע זיינע אַנטפּלעקונגען.

שנית — די רוסישע קולטור. אויך אין איר האָט חיים גרינבערג טיף אַריינ־געדרונגען און פון איר טיף גענאָסן.

ער האָט געהערט צו אַ באַשטימטן טיפּ פון רוסישע יידן פון פאַר דער באָל־שעוויסטישער רעוואָלוציע. דאָס איז געווען אַ יידישער דור, וואָס האָט פון זיך אַרויסגעבראַכט אַ גרויסע פּלעיאַדע פון יידן פון גאָר אַ הויכער גייסטיקער און קולטורעלער שיעור קומה. זייער צאָל איז געווען צו גרויס צו קענען זיי דאָ אויס־רעכענען. חיים גרינבערג האָט זיך געפילט שטאַרק צוגעבונדן צו אָט דער פּלעיאַדע יידן. דאָס ווערט זייער בולט דורך זיין גייסטיקער נאָענטקייט צו זיין פּאָליטישן קעגנער זאב זשאַבאָטינסקי זכרונו לברכה. זייערע וועגן אין ציוניזם, אין סאָציאַלע פּראָבלעמען, אין זייער תפיסה פונעם מהות היהדות, אין זייער פילאָזאָפישן צוגאַנג צו מענטשהייט, פאָלק אָדער איינצלנעם מענטשן, זיינען געווען וויט איינער פון צווייטן כרחוק מזרח ממערב. דאָך האָט צווישן זיי עקזיסטירט אַ גייסטיקע און קולטורעלע נאָענטקייט, ווייל די באַגאַבטע יידן פון יענעם דור און פון יענער סביבה האָבן געזויגן פון שותפותדיקע גייסטיקע קוואַלן. דער אונטערשייד צווישן חיים גרינבערג און צווישן פיל פון דער דעמאָלטיקער יידיש־רוסישער אינטעליגענץ איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ביי די לעצטע האָט די רוסישע קולטור, אין וועלכער זיי האָבן געלעבט, פאַרקלענערט זייער פעיִקייט הנאה צו האָבן פון דער ספּעציעלער יידישער קולטור. אין חיים גרינבערגס נשמה האָבן ביידע קולטורן געפונען אַ זייער ברייטן שטח פאַר וווּקס און אַנטוויקלונג, און איין קולטור האָט ניט פוגע געווען אין דער צווייטער.

שלישית — די אַנגלאָזאַקסישע קולטור. אין די ערשטע צוויי קולטורן איז ער

ווי געבוירן געוואָרן. זיי זיינען דעריבער אים אָנגעקומען אָן ספּעציעלע שוועריקייטן. כדי צו דערווערבן די דריטע קולטור, האָט ער שוין געדאַרפט האָרעווען. האָט ער אָבער זי באַמייסטערט, האָט זיין נשמה געפונען פּלאַץ פאַר איר אויך. און ווידער אַ מאָל ניט אויפן חשבון פון די פריערדיקע צוויי. און אויך אין דער נייער קולטור האָט ער טיף אַריינגעדרונגען.

איך געהער ניט צו די יעניקע, וועלכע זוכן אין קולטור־פּלוראַליזם דעם ענט־פער פאַרן צפון־אַמעריקאַנער יידנטום צום פּראָבלעם, וואָס באַגלייט אונדז במשך דעם גאַנצן גלות — צום פּראָבלעם „ישראל בעמים". פאַרקערט: דער דאָזיקער ענטפער דערשרעקט מיך. איך ווייס, אַז פאַר אַ באַשטימטער תקופה וועט דאָס צפון־אַמעריקאַנער יידנטום ניט האָבן קיין אַנדער ברירה, ווי צו לעבן אין קולטור־פּלוראַליזם. אָבער דערביי ווייס איך אויך, אַז לאורך ימים ליגט אין דעם אַ גרויסע סכנה פאַר אונדזער גייסטיקער אייגנאַרטיקער קולטור־שעפערישקייט. אָבער אָט דער שטאַנדפּונקט שטערט מיר ניט אייַנצוזען, אַז אַ יחיד, וואָס איז מסוגל אויפ־צונעמען אין זיין נשמה די עשירות פון זיי אַלע, אַז דאָס נשמה־לעבן פון אַזאַ יחיד איז אומגעהויער רייך, און זיין פּערזענלעכקייט דערהייבט זיך דורך דעם צו דער מדרגה פון אויסערגעוויינטלעכקייט. חיים גרינבערג איז זיכער געווען אַזאַ אויסער־געוויינטלעכע פּערזענלעכקייט. זיין אייגנאַרטיקער קולטור־פּלוראַליזם האָט אים דערמעגלעכט אויסצואיבן אַן אומגעהויערע השפעה אויף קענטיקע קרייזן פון אַמע־ריקאַנער יידנטום, וואָס זייער נשמה־לעבן איז שוין געווען קאָנצענטרירט אין איין איינציקער קולטור — די ענגליש־אַמעריקאַנישע. די מערסטע פון אָט די קרייזן האָבן פאַרמאָגט זייער ווייניק וויסן וועגן דעם מהות פון דער יידישער קולטור. אין חיים גרינבערג האָבן זיי אָבער דערשפּירט אַ קולטור־מענטשן, וואָס איז ניט קלענער פון זיי אין דער קולטור־ספערע, אין וועלכער זיי האָבן זיך אויסגעלעבט; גלייכ־צייטיק טראָגט ער אין זיין נשמה אַ זייער רייכע צוגאָב־קולטור — די יידישע, וואָס זיי קענען זי זיך משער זיין נאָר פון דער וויטנס, אָבער ניט אַריינדרינגען אין איר תוך און שעפּן פון איר גייסטיקן גענוס.

זיין אייגנאַרטיקער קולטור־פּלוראַליזם האָט אים דערמעגלעכט אויסצואיבן אַ השפעה אויך צווישן דער צפון־אַמעריקאַנער ניט־יידישער אינטעליגענץ. אַ סך רוסיש־יידישע אינטעליגענטן, וועלכע האָבן זיך פאַרוואָרצלט אין צפון־אַמעריקע האָבן אָנגעבונדן פּאָליטישע, סאָציאַלע און קולטורעלע קאָנטאַקטן מיט דער צפון־אַמעריקאַנער ניט־יידישער אינטעליגענץ. אָבער די מערסטע פון זיי האָבן שוין ראשם ורובם שטאַרק אַריינגעדרונגען אין דער ספערע פון דער נייער דערוואָרבענער קולטור, כמעט ביז צום אויסשלוס פון דער יידישער קולטור. און אַפילו יענע פון זיי, וואָס האָבן נאָך אויפגעהיט דעם גייסטיקן באַגאַזש, וואָס זיי האָבן מיט זיך מיט־געבראַכט פון „דער אַלטער היים", האָבן זיי עס אויפגעהיט, לויט דעם נוסח פון יענער פאַרגרייזטער השכלה, וואָס האָט געזאָגט: „זיי אַ ייד אין שטוב און אַ מענטש אין גאַס". חיים גרינבערגס פאַרבינדונגען מיט די ניט־יידישע קולטור־קרייזן איז אָבער געווען פון גאָר אַן אַנדער מין. אין זיינע קאָנטאַקטן איז געמאַכט געוואָרן אַן אויסטויש פון קולטור־עשירות. ער האָט טאַקע פון דאָרט געצויגן יניקה פאַר דער

באַרייכערונג פון זיין אייגענער פּערזענלעכקייט; אָבער ער האָט אויך אַהין געבראַכט די יידישע קולטור, וואָס איר תוכן האָט ער געזוכט מסביר צו זיין דער ניט־יידישער קולטור־וועלט.

*

אויסער דאָס אַלץ האָט ער נאָך פאַרמאָגט אַ ספּעציעלן חוש צו דערשפּירן אַנדערע גייסטיקע אַנטפּלעקונגען. אַפילו מיט די אַלע דריי קולטורן, אין וועלכע ער האָט געלעבט איז ניט באַגרענעצט געוואָרן זיין גייסטיקער פאַרנעם. פיל האָבן אין אים געזען אַ חסיד פון מאַהאַטמאַ גאַנדי. מיר דאַכט, אַז אָט די באַהויפּטונג פירט צו אַן איינזייטיקן אַריינבליק אין די נשמה־שטריכן פון חיים גרינבערג. זיכער האָט די גאַנדי־דערשיינונג אַנגערירט אַן אידעלע סטרונע אין זיין האַרץ, אָבער דער גאַנדיזם איז געווען אײנע, אפשר די סאַמע בולטסטע, פון די גייסטיקע באַוועגונגען — מחוץ פון די דריי קולטורן, אין וועלכע ער האָט דירעקט געלעבט — וואָס האָבן פאַרכאַפּט זיין האַרץ. ווען עס וועלן אויפגעזאַמלט ווערן אַלע זיינע ווערק, וועלן מיר דאַן אפשר האָבן אַ פילפאַרביקע אָפּשפּיגלונג פון דעם אופן, ווי ער האָט אויפגענומען פאַרשיידענע גייסטיקע אַנטפּלעקונגען, סיי אין לעבן פון גרויסע פעלקער, סיי אין לעבן פון קליינע שבטים, ווען ער האָט דערשפּירט אין זיי אַ פונק פון מקורותדיקער שעפערישקייט.

ווי יעדער שטערבלעכער איז אויך חיים גרינבערג ניט געווען פריי פון דער פאַרבאַרגענער תשוקה אַ שיין צו טאָן פון צייט צו צייט מיט זיינע ברייטע ידיעות און מיט זיין ספּעציעלער באַגאַבונג אַרויסצוציען ספּעציעלע עקזאָטישע חזיונות אינעם לעבן פון פאַרשטויסענע און פאַרגעסענע שבטים, וואָס זייער וויניק מענטשן שענקען זיי אויפמערקשאַפט. אייניקע האָבן אין דעם געזען אַ נטיה צו טעאַטראַלישקייט. די נטיה צו טעאַטראַלישקייט איז די נחלה פון פיל שוישפּילער, אָבער ניט די דאָזיקע נטיה באַשטימט די אַרטיסטישע חשיבות פונעם שוישפּילער. אָט די חשיבות באַשטימט נאָר די פעיִקייט, וואָס קומט דורך איר צו אַנטפּלעקונג. די גרויסע קינסטלער פון דער וועלט־בינע האָבן דורך טעאַטראַלישקייט אַרויסגעבראַכט אייביקייט־געשטאַלטן, וואָס יעדע פון זיי דריקט אויס אַ וועלט־געדאַנק, אַן אייביקן אויסדרוק צו מענטשלעכע ליידן אָדער צו מענטשלעכן גליק. חיים גרינבערג האָט אָן אַ ספק פאַרמאָגט אַ גאַר באַדייטנדיקן אַרטיסטישן טאַלאַנט, וואָס דורך אים האָט ער געקאָנט אַריינדרינגען אין אַלע פאַרבאַרגענישן פון די עקזאָטישע שבטים און אַרויסכישופן פון זיי די פּערל פון זייערע אייגנאַרטיקע מחשבות און פון זייער אייגנאַרטיקן לעבנס־שטייגער. דורך דעם האָט ער זיך אַליין באַרייכערט און האָט אויך אויסגעברייטערט דאָס וויסן פון זיינע לייענער אָדער צוהערער.

און דווקא אָט די קולטור־אַנדערשקייטן, וואָס ער האָט דערשפּירט אין אַלע פעלקער און אין אַלע שבטים, האָט אין אים נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם באַוווּסט־זיין, אַז די פאַרשיידנקייטן, די אַנטוויקלונגען און די אַנטפּלעקונגען פון מענטשלעכן גייסט שטעלן מיט זיך פאָר אַן אומאָפּשאַצבאַרן רייכטום, סיי פאַר די גרופּן, וואָס שאַפן עס, סיי פאַר דעם אַלגעמיינעם אוצר פון דער מענטשלעכער קולטור. דעריבער איז אים נאָך מער טייער געווען יעדע מקורותדיקע יצירה־אַנטפּלעקונג ביי זיין איי־

גענעם פאָלק, דערפאַר האָט ער פאַרמאָגט אַזאַ פּאָזיטיווע באַציִונג צו יעדן יידישן יצירה־כוח, אָנהייבנדיק מיט אמונה און פאַרענדיקנדיק מיט יעדער נייער ליטע־ראַרישער יצירה, סיי אין עברית, סיי אין יידיש, סיי אין אַנדערע שפּראַכן.

✶

כמעט אַ האַלבן יאָרהונדערט האָט ער זיינע באַגאַבונגען געשטעלט צום דינסט פון וועלט־יידנטום, פון ציוניזם, פון דער יידישער קולטור און פון דער דערהויבונג פון מענטש. איבער אַ פערטל יאָרהונדערט פון דער דאָזיקער צייט האָט ער באַ־זונדערס משפּיע געווען דאָס צפון־אַמעריקאַנער יידנטום דורך די צנורות פון אונ־דזער באַוועגונג. דאָס, וואָס איך האָב ביז איצטער געזאָגט וועגן אים, זיינען נאָר אויפגעכאַפּטע ברעקלעך פון אַ שלימותדיקער גייסטיקער פּערזענלעכקייט, וואָס איז דורכגעגאַנגען אונדזער וועלט אונטערן נאָמען חיים גרינבערג.

ער האָט זייער טיף געטראַכט און אויך געשריבן וועגן השארת הנפש. וויס איך גאָרניט וועגן השארת הנפש בעולם הבא. אָבער זיין השארת הנפש בעולם הזה זע איך מיט מיינע פשוטע אויגן און ניט ווי אַן אַבסטראַקציע. איך קען צענטליקער מענטשן, וועמענס גייסטיקע פּערזענלעכקייטן ער האָט בפועל ממש געהאָלפן אויס־פאָרמירן און זיי ווירקן איצטער אין פיל קרייזן. איך קען הונדערטער מענטשן, וואָס פונקען פון זיין גייסט האָבן געהאָלפן אויסוואָרעמען אין זייערע נשמות יידישע און מענטשלעכע יצירה־כוחות. זייערע ווירקונגען וועלן אַריינגיין אין דעם אוצר פון דער אַלמענטשלעכער קולטור. און די צאָל געניסער פון זיין גייסטיקער השראה, וועלכע האָבן דורך דעם באַרייכערט זייערע אייגענע נשמות, ציילן זיך אין די טויזנ־טער. אין דעם איז פאַרקערפּערט די השארת הנפש פון חיים גרינבערג בעולם הזה; אַזוי האָט ער זיין נשמה אַריינגעפלאָכטן בצרור החיים.

נחום גאָלדמאַן

(געשריבן דעם 5טן יוני 1953)

מיט איבער אַ וואָך צוריק האָבן פאַרטרעטער פון אַלע וויכטיקע יידישע אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע זיך צוזאַמענגעטראָפן צו אַ מסיבה לכבוד נחום גאָלדמאַן. פּרוביר איך בלעטערן אין מיין זכרון און קען זיך ניט דערמאָנען קיין אַנדערע מסיבה פון אַזאַ כאַראַקטער, ווו אַלע אַזוי גרונט־פאַרשיידענע עלעמענטן זאָלן זיך האָבן צוזאַמענגעקומען אָפּצוגעבן כבוד אַ יידישער פּערזענלעכקייט. מיטן אויסנאַם פון די צוויי עקסטרעמע פליגלען (די קאָמוניסטן און די „דזשוּדאָיסטן", וואָסביידע האָבן זיך אַליין אויסגעשלאָסן פון באַגריף יידיש פאָלק), האָבן זיך אין דער מסיבה באַטייליקט פאַרטרעטער פון בוכשטעבלעך אַלע באַדייטנדיקע יידישע קערפּערשאַפטן. דאָס וויכטיקסטע דערביי איז, וואָס אַלע באַטייליקטע האָבן געפילט, אַז די מסיבה איז זייערע, אַז זיי זיינען ניט סתם איינגעלאַדענע געסט צו אַ פריינדלעכער שמחה. אַזאַ דערשיינונג שיינט מיר צו זיין די ערשטע אין אונדזער היגן לעבן.

די דערשיינונג ווערט נאָך וווּנדערלעכער דורך דעם, וואָס קיינער האָט ניט געקענט אָנווייזן די ספּעציעלע סיבה פאַר וואָס אַזאַ מסיבה איז גערופן געוואָרן דווקא אין דער איצטיקער צייט. זי איז ניט פאַרבונדן מיט קיין ספּעציעלער דאַטע אין נחום גאָלדמאַנס לעבן און איז אויך ניט פאַרבונדן מיט קיין ספּעציעלער געשעעניש, וואָס זי זאָל האָבן געגעבן די געלעגנהייט פאַר אַזאַ צוזאַמענקונפט. וואָס דען? — פּשוט, די נאָענטע קרייזן אַרום נחום גאָלדמאַן האָבן דערפילט, אַז זיי נייטיקן זיך אין אַ געלעגנהייט עפנטלעך אויסצודריקן אים כאָטש אַ טייל פון זייערע געפילן. און ווען זיי האָבן זיך אָנגעהויבן צוזאַמענצורעדן מיט פאַרשטייער פון די פאַרשיידענע יידישע אָרגאַניזאַציעס, האָבן זיי צווישן אַלעמען באַגעגנט די זעלביקע נויטווענדיקייט. קיינער האָט ניט געפרעגט מיט וואָס פאַר אַ ספּעציעלן ענין וועט די מסיבה פאַרבונדן ווערן. אַלע האָבן עס אויפגענומען ווי אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, ווייל אַלע האָבן געזוכט די געלעגנהייט אויסצודריקן אָנערקענונג פאַר נחום גאָלדמאַן.

מיט וואָס דערקלערט זיך אַזאַ זעלטענע דערשיינונג?

די דערקלערונג ליגט — ווי מיר שיינט — אין צוויי פאַקטאָרן: נחום גאָלדמאַנס אייגנאַרטיקע פּערזענלעכקייט און די אייגנאַרטיקע עפּאָכע אין וועלכער מיר לעבן.

כ׳וועל אָנהייבן פון דער עפּאָכע.

ווי אַ רעזולטאַט פון דעם היטלער־חורבן, פון איין זייט, און פון דער אויפריכטונג פון מדינת ישראל פון דער צווייטער זייט, איז באַדייטנדיק פאַרשטאַרקט געוואָרן דער זעלישער צעמענט, וואָס האַלט צוזאַמען דעם שארית־ישראל אין דער גאַנצער וועלט. דער היטלער־חורבן האָט פאַרשטאַרקט אין אונדז דאָס געפיל פון אונדזער געמיינשאַפטלעכן גורל. עס ווערט ביסלעכווייז אַריינגעטראָגן אין אונדזער

געמיט אַ נייער זכר־לחורבן־כּוח, וואָס וועט זיך אויסווירקן געשיכטלעך אפשר פיל טיפער ווי דער „זכר ליציאת מצרים". מיר שטייען נאָך צו נאָענט צום חורבן, אַז עס זאָלן שוין איינגעשטעלט ווערן פאָרמען פון אַזאַ זכר־לחורבן, וואָס זאָלן פיקסירט ווערן אין לעבנס־שטייגער און פאַרוואַנדלט ווערן אין טראַדיציע. איך טייל ניט די מיינונג פון יענע, וואָס האַלטן, אַז דאָס יידישע פאָלק הייבט אָן צו פאַרגעסן דעם חורבן. איך זע אין דעם באַשלוס פון דער ישראל־כּנסת וועגן „יד־ושם", אָן אָנהייב אַריינצוטראָגן אָרדענונג אויפן שטח פון אונדזער נייעם זכר־לחורבן. איך זע אויך אין די יוצא־דופנדיקע פּרוון, וואָס ווערן געמאַכט אין פּאַריז און אין ניו־יאָרק, אויפצושטעלן מאָנומענטן לזכר פון חורבן, ווי אויך אין די פּרוון פון לאַנדסמאַנשאַפטן אויפצושטעלן אַ זכר פאַר זייערע שטעט און שטעטלעך, אויסדרוקן פון דעם זעלביקן דראַנג צו געדענקען. איך האָף, אַז די ישראל־רעגירונג וועט גוט דורכשטודירן די פאָרגעשלאָגענע פּלענער פון דעם ספּעציעלן „יד ושם"־קאָמיטעט פון 1946 * אין וועלכע זי וועט געפינען ענטפערס צו די שטרעבונגען, וואָס קומען אויף אין אַלע טיילן פון דער יידישער צעשפּרייטקייט, און אַז זי וועט זיי אַלע אַריינבעמען אין איין אַלוועלטלעכן „יד ושם"־פּלאַן מיט ירושלים אַלס הויפּט־צענטער.

איך זע אויך אין די דערוויל־נאָך־אומאָרגאַניזירטע אויסדרוקן צו דערמאָנען און איבערדערציילן אין דער גאַנצער יידישער וועלט די גבורות פון וואַרשעווער געטאָ אַ דראַנג פון „זכור ואל תשכח". דער שוים פון פּאַרטייאישן געראַנגל אַרום דעם וועט מיט דער צייט פאַרשווינדן. די אַלע ווילדע גראָזן, וואָס קלייבן זיך אָן אַרום דער גרויסער געשיכטלעכער דאַטע, וועלן אויסגעיעט ווערן, ווי עס ווערן אויסגעיעט שלעכטע גראָזן אין אַ גוטן גאָרטן. פאַרבלייבן וועט דער נאַציאָנאַלער קערן, די נאַציאָנאַלע גבורה, וואָס איז דעמאָנסטרירט געוואָרן אין די געטאָס, און די דאָזיקע גבורה וועט אַרויסגעהויבן ווערן, ווי דער העכסטער אויסדרוק פון גבורה־אויפבּרויזן, וואָס האָבן אָנגעפילט די נשמות פון דער גרעסטער מערהייט פון די זעקס מיליאָן קדושים, און ניט ווי אָן אונטערשטרייכונג, אַז נאָר אַ קליינע גרופּע האָט פאַרמאָגט גבורה. און די גאַנצע שארית הפּליטה אין דער ברייטער יידישער וועלט וועט געפינען אין אָט דעם זכר־לחורבן אַ צוגאָב־קראַפט פאַר דער אינעווייניקסטער צוזאַמענהאַלטונג פון דעם יידישן פאָלק.

נאָך מער אָבער, ווי דורך דעם נייעם זכר־לחורבן, איז געשטאַרקט געוואָרן אונדזער גייסטיקער צוזאַמענהאַלט דורך דער אויפשטעלונג פון מדינת ישראל. דורך דעם איז אונדז צוגעקומען ניט נאָר אַ גייסטיקע דערהויבונג — עס איז צוגעקומען, צו יעדער אָרגאַניזירטער יידישער גרופּע בכלל און צו יעדן יידן בפרט, אַ נאַציאָנאַלער פאַרמעגן, וואָס אַלע פילן, אַז ער מוז געשיצט ווערן. דורך דעם הייבן אָן צו ווערן אויסקריסטאַליזירט אַלייִדישע אויפגאַבן אין אַ מאָסשטאַב, וואָס קיינער, אַפילו אונדזערע גרעסטע אָפּטימיסטן, האָבן ניט פאַרויסגעזען. דער געראַנגל פאַר און אַרום מדינת ישראל פאַרנעמט איצט דאָס צענטראַלע אָרט אין אונדזער אויפ־

* זע וועגן אָט דעם קאָמיטעט אין מיין אַרבעט וועגן „יד ושם" וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין מיין דריטן באַנד „זכרונות", זייט 325 און ווייטער. ב. צ.

מערקזאַמקייט. אין פאַרבינדונג מיט מדינת ישראל הייבט זיך אָן אויספאָרמירן אַ גאַנצע ריי פון נייע מצוות מעשׂיות, וואָס האָבן נאָך אויך ניט געפונען זייער לעצטע פיקסירונג, אָבער וואָס אויך זיי וועלן אַריינגיין אין אונדזער לעבנס־שטייגער. אַלע יידן פילן עס, כאָטש ניט יעדערער מיט דער זעלביקער שאַרפקייט.

איך מיין, אַז דאָס גאַנצע קאַפּיטל פון דייטשע צאָלונגען איז דער בעסטער באַווייז פאַר די נייע אַלייִדישע אויפגאַבן פון אונדזער מאָדערנער געשיכטע. איך בין זיכער, אַז נחום גאָלדמאַנס ראָלע אין אָט דעם קאַפּיטל איז געווען איינע פון די הויפּט־סיבות, וואָס האָט אַזוי זעלבסטפאַרשטענדלעך אַרויסגערופן ביי יעדן איינעם דעם ווילן אויסצודריקן אים אָנערקענונג. אָבער אָט די נייע פּרשה וואָלט אין דער יידישער געשיכטע ניט געקענט אַריינגעשריבן ווערן, ווען ניט די אויפשטעלונג פון דער מדינה. עס וואָלט, ערשטנס, ניט געווען דער מאָנער פון אונדזער גערויבטן פאַרמעגן, און עס וואָלט, צווייטנס, אין דער יידישער פּסיכיק מנצח געווען דער ווידערווילן צו זוכן אויפצומאָנען אונדזער רויב, ווען ניט דער באַוווסטזיין, אַז עס איז בעסער מדינת ישראל זאָל קענען באַנוצן אונדזער גערויבט פאַרמעגן פאַר בויען און באַפעסטיקן אונדזער דערוואָרבענע מדינה, איידער דאָס זאָל איבערגעלאָזט ווערן ביי די דייטשן.

די נייע עפּאָכע, וואָס האָט זיך געעפנט אין אונדזער געשיכטע דורך דעם גרעסטן חורבן און דורך דעם גרויסן פאַרנעם פון דעם אָנהייב פון דער גאולה, האָט, בכן, שטאַרק דערנענטערט יידישע עלעמענטן איינע צו די אַנדערע, האָט שאַרף אונטערגעשטראָכן די געמיינשאַפטלעכקייט און די אחדיקייט פון יידישן פאָלק און זי פאָדערט טעטיקייטן — מצוות מעשׂיות — וואָס וואַקסן אַרויס פון אָט דער באַנייטער און פאַרשטאַרקטער געמיינשאַפטלעכקייט. און אויף ווי ווייט די דאָזיקע נייע עפּאָכע האָט זיך אָנגעהויבן אויסווירקן דורך דער טעטיקייט פון יידישע יחידים, איז נחום גאָלדמאַן ביז איצטער געוואָרן דער בולטסטער פון אָט דער באַנייונג. ער פאַרמאָגט די אַלזייטיקע באַגאַבונג פאַר אַזאַ ראָלע אין אונדזער נייער עפּאָכע.

✶

צוגעגרייט געוואָרן צו אָט דער אַלזייטיקער ראָלע איז ער סיי דורך אייגנאַרטיקע פעיִקייטן, סיי דורך די דערציִונגס־פּראָצעסן, וואָס ער איז דורכגעגאַנגען.

דאָס קליינע ליטווישע שטעטל ווישנעווע פון ווילנער גובערניע, וווּ ער איז געבוירן געוואָרן, האָט ער פאַרלאָזן, ווען ער איז נאָך קיין פולע זעקס יאָר ניט אַלט געווען. אָבער דאָס אויסערגעוויינלעך פעיִקע קינד האָט שוין אַריינגעזאַפּט אין זיך דעם קלימאַט פון יענעם שטעטל. ער האָט שוין אין זיין ווערן אַריינגענומען דאָס שטעטלשע לעבן, וואָס איז געווען כולו יידישע שלימות; ער האָט געמאַכט די ערשטע שריט אין חדר, וואָס איז געווען דער פּרוזדור פאַר אַלע יידישע גייסטיקע ריזן — וואָס דורך אים זיינען זיי דערגאַנגען צו די ישיבות, די „בתי אוצר" פון יידישער אייגנאַרטיקער יצירה. ער האָט אין זיך אַריינגעאָטעמט יענע לופט פון ליטווישן יידנטום, וואָס האָט געלייגט דעם טראָפּ אויף עמקות אין לערנען און ריינקייט אין דער נשמה; זיין גייסט האָט זיך אָנגעהויבן אויסוואַרעמען אינעם יידיש־ליטווישן קלימאַט, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט סיי דעם ווילנער גאון, סיי דעם בעל־התניא,

סיי ר׳ ישראל סאַלאַנטער — אַלע דריי מיט אַן אייגנאַרטיקן דרך אין יידישקייט, אָבער אַלע פון זיי טיף פאַרוואָרצלט אין באָדן פון יידישער גאַנצקייט און פולקייט.

דאָס שטעטל האָט שוין פאַרמאָגט די השפעות פון השכלה. איר אָרט אין דער אַנטוויקלונג פון יידישן גייסט איז ביז איצטער אָפּגעשאַצט געוואָרן אָדער פון עקסטרעמע אָנהענגער אירע, אָדער עקסטרעמע נעגירער. עס איז ניט מיין אויפגאַבע צו זוכן דעם מיטנוועג, וואָס אויף אים ליגט מן־הסתם דער אמת. אָבער אַז עס זיינען געווען גרויסע יידישע־שעפערישע פערזענלעכקייטן, וואָס די השכלה האָט אויף זיי אויסגעאיבט פּאָזיטיווע השפּעות, ווייס יעדער איינער, וואָס איז אַפילו נאָר עטוואָס באַהאַוונט אין דער ייִדיש־אייראָפּעיִשער געשיכטע פון די לעצטע צוויי־דריי דורות. נחום גאָלדמאַן איז געוויס איינער פון זיי.

פאַרלאָזנדיק דאָס ליטווישע שטעטל, איז ער איבערגעפלאַנצט געוואָרן אין אַ נייעם קלימאַט פון תורה — אין פראַנקפורט, ווו ער האָט שוין געלערנט גמרא, העברעיִש און יידישע געשיכטע. דורך דעם איז די יידישע שלימות נאָך טיפער אַריינגעוואַקסן אין אים. און ווען ער האָט אין זיינע רייפערע יאָרן אָנגעהויבן באַאיינפלוסט ווערן פון דער השכלה, האָט ער שוין געמוזט זוכן אַ גייסטיקן גלייכגעוויכט צווישן די השפעות פון ליטווישן שטעטל, די השפעות פון פראַנקפורטער יידישקייט און די השפעות פון דער השכלה. די השכלה איז שוין ניט געווען בכוח אויסצוואָרצלען פון אים יענעם טיף־יידישן מאור פון ליטע און פראַנקפורט.

דעם גייסטיקן גלייכגעוויכט האָט ער סוף־סוף געפונען, און די מזיגה איז אין זיין פאַל געווען אַן אויסערגעוויינטלעך געלונגענע. איך מיין, אַז כמעט אַלע אָנפירער פון יידישע פאַרטייען אין די לעצטע דריי דורות זיינען דורכגעגאַנגען אַן ענלעכן פּראָצעס פון זוכן אַזאַ גייסטיקן גלייכגעוויכט. זיכער איז, אַז כמעט די גאַנצע פירערשאַפט פון מזרח־אייראָפּעיִשן ציוניזם איז צו אונדז געקומען אונטערן איינפלוס פון אַזאַ גייסטיקער מזיגה. מער ווי אין זיי אַלעמען, איז עס בולט אין נחום גאָלדמאַן.

מיטגעהאָלפן צו געפינען די דאָזיקע גלייכגעוויכט האָבן סיי דאָס הויז פון זיינע עלטערן, סיי זיין משפחה, סיי די ציוניסטישע באַוועגונג, וואָס האָט אים פאַרכאַפּט אין זיין פריִער יוגנט. זיין פאָטערס הויז איז שוין געווען אַ הויז סיי פון תורה, סיי פון השכלה, סיי פון ציוניזם. אין זיין נאָענטער משפחה האָט ער געפונען דעם דעמאָלט זייער באַקאַנטן בן־אביגדור און — דורך מחותנשאַפט — דעם נאָך טיפערן יהואש. אַלע אָט די השפעות האָבן אים געהאַלטן שטאַרק אַרומגענומען אויך בעת ער האָט שוין געלעבט אין דייטשלאַנד און זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אייראָפּעיִשער קולטור. די הויפּטראָלע אָבער אין געפינען די גייסטיקע גלייכגעוויכט, האָבן זיכער געשפּילט זיינע אייגענע אויסערגעוויינלעכע באַגאַבונגען. זיי זיינען הויפּטזעכלעך צוויי: זיין אומפאַרגלייכלעך שנעלע תפיסה און בעיקר יענע אייגנשאַפט, וואָס ר׳ יוחנן בן זכאי האָט געפונען אין רבי אליעזר בן הורקנוס: בור סיד שאינו מאבד טיפה. האָט ער עפּעס תופס געווען, און דאָס האָט באַרירט זיין וועזן, האָט ער שוין קיין מאָל קיין איינציקן טראָפּן דערפון ניט פאַרלאָרן. דער פּראָצעס פון אַריינציען אין זיך וואָס ווייטער אַלץ מער דורך שנעלער תפיסה, האָט זיך קיין מאָל ניט אָפּגעשטעלט, און די אייגנשאַפט פון איינהאַלטן אין זיך דאָס דערוואָרבענע, האָט כסדר

אויסגעבריייטערט זיין גייסטיקע באַזע. אַזוי איז אַנטוויקלט געוואָרן אין אים די אַלזייטיקייט פון זיין פערזענלעכקייט.

ווען עמעצער וועט זיך אַ מאָל פאַרנעמען מיט שרייבן זיין ביאָגראַפיע, וועט ער געפינען, אַז כמעט אין יעדער סטאַדיע פון זיין לעבן, אין יעדן געראַנגל, וואָס ער האָט געפירט, אין זיין יעדער שטעלונג און אין יעדער אַרבעט, וואָס ער האָט אונ־טערגענומען, זיינען אַלע די דאָזיקע השפּעות געקומען צום אויסדרוק: דאָס ליט־ווישע שטעטל, די פראַנקפורטער תורה, די דערציִונג פון זיין היים, די ספּעציעלע יידישע השכלה, די אַלגעמיינע בילדונג, וואָס ער האָט דערוואָרבן, און זיינע אייגענע פּערזענלעכע פעִיקייטן — זיי אַלע האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן אין איין שלימותדיקייט, וואָס האָט אים אויסגעטיילט צו דער ספּעציעלער ראָלע, וואָס ער האָט אויף אַזאַ נאַטירלעכן אופן פאַרנומען אומעטום, אין יעדער אַרבעט, אין וועלכער ער האָט זיך באַטייליקט.

איך שטעל זיך ניט פאַר קיין ציל צו באַשרייבן אַלע טעטיקייטן, אין וועלכע ער האָט אָנטייל גענומען. איך וויל בלויז אונטערשטרייכן די צוויי פאַקטאָרן, וואָס האָבן, לויט מיין מיינונג, געפירט דערצו, אַז היינט זאָלן אַלע יידן, וואָס לעבן מיט יידישע אינטערעסן און האָפענונגען, זען אין אים דעם פּאַסיקן אויסדריקער פון זייערע שטרעבונגען. עס איז אָבער נייטיק אונטערצושטרייכן, אַז פון יענעם טאָג, ווען ער איז צום ערשטן מאָל אַרויסגעטראָטן ווי אַ בולטע פיגור פון יידישע טואונגען — ווען ער, צוזאַמען מיט זיין עלטערן חבר, יצחק גרינבוים, האָבן אין די יאָרן פון 1925—29 אָנגעפירט דעם קאַמף קעגן דער אויפשטעלונג פון דער יידישער אַגענטור — ביז זיין גרויסער ראָלע אין דער פּרשה פון אויפמאָנען רעפּעראַציעס פון דייטשלאַנד, איז ניט געווען קיין איינציק פּראָבלעם, מיט וועלכן דאָס יידישע פאָלק האָט זיך געראַנגלט, אין וועלכן זיין ווירקונג זאָל זיך ניט האָבן געפילט.

ווען אַלע איינשטעלונגען זיינע זאָלן אויסגערעכנט ווערן, וואָלט מען געזען, אַז אַ מאָל האָט ער געהערט צו די מחמירים, און אַ מאָל צו די מקילים; אַ מאָל האָט ער אָנגענומען אַ בית־שמאַי־שיטה, און מערערע מאָל די שיטה פון בית־הלל. נאָר אַלע מאָל איז ער געווען אַ טריט פאָרויס, אָבער קיין מאָל ניט „אויסערן וועג" פון דעם גאַנג פון די יידישע פאָלקסמאַסן. און אין אַלע זיינע שטעלונגען איז ער באַאיינפלוסט געוואָרן אָדער פון אַלע אויבנאויסגערעכנטע השפּעות, אָדער בלויז פון טיילן פון זיי.

עס איז אָבער געווען אַ גרויסער אונטערשייד אין זיינע האַנדלונגען, צי ער איז צו זיי באַאיינפלוסט געוואָרן דורך אַלע השפּעות, אָדער בלויז דורך טיילן פון זיי. קענענדיק אים פון דער נאָענט שוין איבער צוואַנציק יאָר, זעט מיר אויס באַרעכ־טיקט אויך די פאָלגנדיקע באַהויפּטונג:

ווען נחום גאָלדמאַן האָט אַ מאָל געמאַכט אַ טעות אין זיינע געזעלשאַפטלעכע איינשטעלונגען — און ער האָט, ווי יעדער שטערבלעכער, געמאַכט אויך טעותן — איז עס געקומען אין מאָמענטן, ווען עס איז אים ניט געלונגען אויפצוהאַלטן אין זיך די פולע גלייכגעוויכט צווישן אַלע השפּעות, וואָס האָבן אויסגעפורעמט זיין פּער־זענלעכקייט. מיט אַנדערע ווערטער: ווען עס האָט עפּעס געפעלט פון זיין אַלזיי־

טיקייט. ווייל אַלזייטיקייט איז דער בולטסטער שטריך פון זיין פּערזענלעכקייט.

אָבער אויך אַלזייטיקייט דאַרף פּרעציזירט ווערן. פאַראַן פיל אַלזייטיקע מענטשן, וואָס טויגן צו אַ סך זאַכן. אַ מאָל קענען זיי זיך באַנוצן מיט איין עלעמענט פון זייער פעיִקייט, און אַן אַנדערש מאָל — מיט אַ צווייטן עלעמענט. גאָלדמאַנס אַלזייטיקייט איז אַ ברכה פאַר אים און פאַר דער אַרבעט, וואָס ער פירט נאָר דאַן, ווען אַלע עלעמענטן פון זיין פּערזענלעכקייט קומען צום אויסדרוק בעת ער דאַרף האַנדלען, בעת ער דאַרף זיך צו עפּעס באַשליסן. צו ברענגען זיי אַלע צום אויסדרוק דאַרף ער זיך ניט אָנשטרענגען, דאָס קומט ביי אים נאַטירלעך. נאָר בעידנא דריתחא, ווען עפּעס אַ מכשול ווערט געלייגט אין זיין וועג, קען עס פירן צו אַ ציטווייליקן פאַרלוסט פון געוויסע אַספּעקטן פון זיין אַלזייטיקייט. דאַן קען ער אויך מאַכן אַ טעות. עס דויערט אָבער ניט קיין סך צייט, ביז ער באַקומט צוריק זיין גלייכגעוויכטיקע אַלזייטיקייט. דאַן איז ער גרייט ניט נאָר איינצוזען זיין טעות, נאָר אויך צו ענדערן זיין שטעלונג.

אין אונדזער תקופה, ווען די וויכטיקסטע אויפגאַבע פון פירערשאַפט איז צו העלפן אויספאָרמירן די אַלייִדישע אַרבעטס־פּלענער, וואָס די תקופה פאָדערט, איז נאָר אַ מענטש פון אַזאַ כאַראַקטער דער באַרופענער צו שטיין אין שפּיץ פון דער ייִדישער פירערשאַפט. מען לויבט אַ מאָל גאָלדמאַנען ווי אַ מענטש פון קאָמפּראָמיסן. ער אַליין האָט אָט די קרוין אָנגעטאָן זיך אויפן קאָפּ טאַקע אויף דער אויבנדערמאָנטער מסיבה. איך האַלט, אַז ער איז אין דער דאָזיקער אַליין־אָפּשאַצונג ניט גערעכט. און ניט דערפאַר, ווייל איך נעגיר אַלע מאָל קאָמפּראָמיסן. איך ווייס, אַז זיי זיינען אָפט נויטיק. אָבער גאָלדמאַנס כוח ליגט ניט אין קאָמפּראָמיסן. מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט גאָר אַן אַנדער דערשיינונג. איך וואָלט עס אַזוי פאָרמולירט: זיין אייגענע אַלזייטיקייט מאַכט אים פעיִק אַרומצונעמען די אַלזייטיקייט פון אַ קאָלעקטיו. אין דעם ליגט זיין כוח. ווי אַזוי ווירקט זיך אָט דער כוח אויס?

צום בעסטן וועט עס קלאָר ווערן, ווען איך וועל אָנצייכענען, ווי איך זע גאָלדמאַנען אַלס פאָרזיצער פון אַ זיצונג, אין וועלכער עס באַטייליקן זיך פאָרשטייער פון פאַרשיידענע אידעאָלאָגיעס און וועלט־אָנשויונגען. נאָך אַ לאַנגער דיסקוסיע זוכט גאָלדמאַן צו רעזומירן, אַרויסצוברענגען דעם סך־הכל פון דער דיסקוסיע. באַשטייט זיין פעיִקייט ניט אין דעם, וואָס ער קען פאָרמולירן אַ קאָמפּראָמיס, נאָר דווקא אין דעם, וואָס ער נעמט אַרויס בלויז דעם אמת און די גערעכטיקייט פון אַלע צדדים און ברענגט זיי צו איין צד השווה, ווו יעדערער דערפילט, אַז זיין אמת איז אין דער רעזומירונג איינגעשלאָסן. עס ווערט דאַן געבראַכט צו אַן אַלזייטיקער אייגשטימיקייט און ניט בלויז צו אַן אַלזייטיקן קאָמפּראָמיס. דער אונטערשייד איז: אין אַן אַלזייטיקן קאָמפּראָמיס פילן זיך אַלע צדדים מער־וויניקער ניט באַפרידיקט. דורך גאָלדמאַנס אַ רעזומירונג פילן זיך אַלע צדדים מער־וויניקער יאָ באַפרידיקט.

דאָס איז, לויט מיין מיינונג, די אייגנאַרטיקייט פון דער גאָלדמאַן־פּערזענלעכקייט. די דאָזיקע אייגנאַרטיקייט אין די ראַמען פון דער נייער תקופה האָט באַשטימט זיין ראָלע אין דער מאָדערנער ייִדישער געשיכטע. די תקופה פאָדערט וואָס די מער אַלייִדישע טעטיקייטן און די אַלזייטיקע גאָלדמאַן־פּערזענלעכקייט מאַכט

אים פאַר דעם נאַטירלעכן צוגרייטער און אָנפירער פון אַט די גרויסע אַלייִדישע מצוות מעשׂיות פון אונדזער עפּאָכע. ער האָט עס קלאָר באַוויזן אין אַלע זיינע טעטיקייטן, הויפּטזעכלעך אין דעם לעצטן יאָרצענדליק. דערפאַר האָבן אַלע זיינע מיטאַרבעטער דערפילט אין זיך דעם דראַנג אים אויסצודריקן עפנטלעך אָנער־קענונג. דערפון האָט זיך גענומען דער איינשטימיקער אָפּרוף פון די פאָרשטייער פון אַלע וויכטיקע יידישע אָרגאַניזאַציעס.

און אויב עפּעס איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן ביי אַט דער מסיבה, איז עס געווען — מחוץ פון דעם אויסדרוק פון אָנערקענונג פאַר זיין פּערזאָן — דער אָנהייב פון אַ נייער פּרשה פון אַלייִדישע, געמיינזאַמע, גרויסצוגיקע אַרבעטן. עס וועט זיין גוט, ווען אַלע פון אונדז וועלן די דאָזיקע אונטערשטרייכונג שטאַרק אין זינען האָבן, און זאָרגן, אַז אַט דער אָנהייב זאָל האָבן וויטערדיקן המשך. אויב דאָס וועט געשען, וועט מען אויף גאָלדמאַנען קענען אָנווענדן נאָך אַן אַלטן זאָג: מגלגלין זכות על ידי זכאי.

פנחס רוטענבערג

(געשריבן אין אַפּריל 1955)

פּנחס רוטענבערג האָט פאַרבראַכט אין אַמעריקע קאַרגע צוויי יאָר. ער האָט געהאַט אַ השפּעה אויף עטלעכע וויכטיקע שטחים פון אַמעריקאַניש־יידישן לעבן, בעיקר דורכן קאַנאַל פון אונדזער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג. אמת, עס האָט דאַן עקזיסטירט אַ פּאַראַייניקטע קערפּערשאַפט אונטערן נאָמען „נאַציאָנאַל־סאָציאַ־ליסטישער אַגיטאַציאָנס־קאָמיטעט״ (דאָס איז נאָך געווען אַ סך יאָרן איידער היטלער האָט דעם דאָזיקן נאָמען מטמא געמאַכט), פּנחס רוטענבערג איז געווען איינער פון אירע גרינדער. אין דעם דאָזיקן קאָמיטעט זיינען אויך געווען אַנגעשלאָסן פאַר־איינצלטע ברענטשעס פון אַרבעטער־רינג, אייניקע גרופּן פון יידישע טרייד־יוניאָ־ניסטן, די גרופּע „סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן־טעריטאָריאַליסטן״, וואָס זיינען געשטאַנען אונטערן איינפלוס פון ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, אַ קליינע צאָל לאַנדס־מאַנשאַפטן, און אויך אייניקע חשובע יחידים. אָבער דער וויכטיקסטער כוח אין דעם דאָזיקן קאָמיטעט איז געווען די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס איז דאַן באַשטאַנען פון דער פּאַרטיי פּועלי־ציון און דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד. די פּיאָנערן פרויען־אָרגאַניזאַציע האָט נאָך דאַן ניט עקזיסטירט. דער געווערקשאַפטן־קאַמפּיין איז אויך אויפגעשטעלט געוואָרן פיל שפּעטער.

געקומען איז פּנחס רוטענבערג אין יוני 1915. צוליב זיין לאַנגער באַקאַנטשאַפט מיט ד״ר חיים זשיטלאָווסקי האָט ער זיך תיכף פאַרבונדן מיט דער דערמאָנטער גרופּע פון סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן־טעריטאָריאַליסטן. דערמיט דאַרף ער ניט באַצייכנט ווערן ווי אַ טעריטאָריאַליסט, אין דעם פּרט פון קעגנערשאַפט צו ארץ־ישראל. פאַרקערט: די צוויי הויפּטצילן, צוליב וועלכע ער איז געקומען קיין אַמע־ריקע זיינען געווען פאַרבונדן דירעקט מיט ארץ־ישראל. אין דער אמתן האָט שוין דאַן די גאַנצע גרופּע, מיט זשיטלאָווסקין בראָש, ערנסט געטראַכט וועגן ארץ־ישראל, ווי די קאָנקרעטע יידישע טעריטאָריע. חיים זשיטלאָווסקי האָט נאָך פאַר 1915 באַוויזן אַדורכצוגיין צוויי קעגנגעזעצטע סטאַדיעס. ער איז אין 1910 אַריין אין דער פּועלי־ציון־פּאַרטיי און אין 1913 האָט ער שוין אָפּגעזאָגט דאָס לעבן דעם גאַנצן ציוניזם און די אָנהויבן אין ארץ־ישראל (אין אַן אַרטיקל־סעריע „דער דריטער חורבן״). אין 1915, ביי דער דערוואַרטונג פון גרויסע פּאָליטישע שינויים אין ארץ־ישראל, ווי אַ רעזולטאַט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז ער ווידער געקומען צו ארץ־ישראל, ער און זיין גאַנצע גרופּע. דעם נאָמען האָבן זיי אָבער ניט געביטן. פּנחס רוטענבערג, וואָס איז געווען אַ סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער אין רוס־לאַנד — און האָט מיט חיים זשיטלאָווסקי געאַרבעט צוזאַמען טאַקע אין דער דאָזי־קער פּאַרטיי — האָט נאַטירלעך געקוקט אויף אָט דער גרופּע, ווי אויף זיינע נאָענטסטע מענטשן.

שוין לאַנג פאַר זיין קומען איז זיין נאָמען געווען זייער פּאָפּולער ביי די יידישע

מאָסן אין אַמעריקע, הויפּטזעכלעך אין די פאַרשידענע יידיש־סאָציאַליסטישע קרייזן. דער שטאַרקערער כוח צווישן די אַמעריקאַנער יידן־סאָציאַליסטן פון יענער צייט זיינען דווקא געווען די סאָציאַל־דעמאָקראַטן. זיי האָבן מיט די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן ניט געלעבט שוה־בשוה. ביידע גרופּירונגען האָבן געשטאַמט פון רוס־לאַנד און זיינען געשטאַנען אונטערן איינפלוס פון זייערע שוועסטער־פּאַרטייען אין רוסלאַנד. אַזוי ווי דאָרטן האָט מען זיך קעגנזייטיק זייער שאַרף באַקעמפט, האָט מען דאָס זעלבע געטאָן אין אַמעריקע. דער פּרעסטיזש פון די רוסישע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן האָט אָבער געהאַלטן אין איין שטייגן אין אַמעריקע. וועגן דער טעאָריע פון „טעראָר אַלס מיטל פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף", האָט מען זיך טאַקע אַרומגעקריגט. אָבער פון די טעראָריסטישע קלעפּ וואָס די ס.ר. האָבן דערלאַנגט דער צאַרישער רעגירונג האָט מען שטאַרק הנאה געהאַט. פּנחס רוטענבערגס נאָמען איז נאָך געווען פאַרבונדן מיט אַ טעראָריסטישער פּרשה, וואָס האָט באַצויבערט מיט איר געהיימניספולקייט. מען האָט זיך אָנדערציילט נסים ונפלאות ווי אַזוי ער האָט דערפירט דערצו, אַז דער גלח גאַפּאָן זאָל באַקומען פון די רעוואָלוציאָנערן זיין פאַרדינטע שטראָף, דערפאַר וואָס ער האָט אָנגעפירט מיט אַ דעמאָנסטראַציע, אין וועלכער עס זיינען געפאַלן אומגעהויער פיל מענטשלעכע קרבנות. עס זאָל הייסן, אַז גאַפּאָן האָט עס געטאָן, ווי אַ שפּיאָן פון דער רוסישער געהיים־פּאָליציי, כדי צו געבן אַ געלעגנהייט דער צאַרישער רעגירונג אויסצושעכטן רעוואָלוציאָנערע דע־מאָנסטראַנטן. סיי ווי סיי האָט די אַמעריקאַנער יידישע באַפעלקערונג (בעיקר די, וואָס זיינען אַליין געקומען פון רוסלאַנד), באַטראַכט פּנחס רוטענבערג, ווי אַ גרויסן העלד פון דער רוסישער רעוואָלוציע. אונדזער באַוועגונג האָט אויך געהאַט די דאָזיקע באַצי‍ונג צו אים.

דערפאַר האָט אונדז שטאַרק געפרייט, ווען עס האָבן זיך צו אונדז דערטראָגן ידיעות, אַז פּנחס רוטענבערג איז געוואָרן אַ נאַציאָנאַלער ייד. ער האָט מיט אַ סך חדשים פריִער געגרינדעט אין ציריך, שווייץ, אַן אָרגאַניזאַציע (אייגנטלעך נאָר אַ גרופּע), וואָס ער האָט אַ נאָמען געגעבן „פּראָ־קאַוזאַ־העבּרעאיקאַ". און ווען מיר האָבן זיך דערוווּסט אַז ער קומט קיין אַמעריקע אין פאַרבינדונג מיט אַן ארץ־ישראל־ענין, זיינען מיר געוואָרן זייער נייגעריק, אַ ביסל שרעקעדיק, אָבער פול מיט דערוואַרטונג. מיר האָבן ניט געוווּסט קלאָר מיט וואָס ער קומט.

*

דאָס ערשטע מאָל האָב איך אים באַגעגנט טאַקע ביי מיר אין הויז. מיין פרוי און איך האָבן אים איינגעלאַדן צו אַן אָנטבּײַסן, בכדי זיך מיט אים אַדורכצושמועסן וועגן זיינע פּלענער. געקומען איז ער מיט זיין שוועסטער, וואָס האָט אַ ביסל שווערער געמאַכט די מעגלעכקייט צו ריידן אָפן. ער אַליין האָט געמאַכט אויף אונדז אַ קאָלאָסאַלן איינדרוק. פון זיין גאַנצער געשטאַלט האָט געאָטעמט מיט ענערגיע, אַנטשלאָסנקייט, גרייטקייט דווקא צו שווערע אויפגאַבן. די אויגן זיינע זיינען געווען זייער שאַרפע. זיי האָבן זיך אַריינגעדריקט טיף אינעם באַוווּסטזיין פון יענע, צו וועמען ער האָט גערעדט. יעדעס וואָרט איז געווען געמאָסטן. און וואָס ער האָט געזאָגט איז עס געווען אין אַ טאָן פון אַ פּוסק אחרון: אַזוי מוז עס זיין! דער

דאָזיקער שטריך האָט פון אָנהייב אַ ביסל שאָקירט. עס האָט געקלונגען צו אויטאָ־קראַטיש, כמעט דיקטאַטאָריש. שפּעטער־צו האָב איך, ווייניקסטנס, געוווּסט אַז דער טאָן שטאַמט גיכער פון אַ טיפער איבערצייגונג, אַן אומבאַגרענעצטע זיכערקייט, אַז זיין וועג איז דער איינציק זיכערער, ווי פון אויטאָקראַטישע תשוקות. נאָך איניקע שאַרפע „צוזאַמענשטויסן" האָט זיך איינגעשטעלט אַ באַציִונג פון קעגנזייטיקער אויפמערקזאַמקייט צווישן אונדז פּערזענלעך און נאָך מער צווישן אים און אונדזער באַוועגונג. דאָס האָט דערמעגלעכט אַ געבענטשטע, און ווי מיר דוכט, פרוכטבאַרע צוזאַמענאַרבעט במשך פון קאַרגע צוויי יאָר.

דער ערשטער „צוזאַמענשטויס" איז טאַקע געקומען בעת זיין ערשטן באַזוך אין אונדזער הויז. מיר האָבן זיך זייער שנעל דערוווּסט וועגן איינעם פון די צילן, צוליב וועלכן ער איז געקומען. ער איז געווען גוואַלטיק באַאיינפלוסט פון דעם לעגיאָן־געדאַנק. פאַרן קומען קיין אַמעריקע, האָט ער געהאַט איניקע באַגעגענישן מיט זאב זשאַבאָטינסקי, וועלכע האָט שוין געפירט זיין אַגיטאַציע פאַר אַ יידישן לעגיאָן, וואָס זאָל, ווי אַ טייל פאַר דער בריטישער אַרמיי, קעמפן — ווי אַן אַנער־קענטער „יוניט" — פאַר דער באַפרייונג פון ארץ־ישראל פון טערקישער הערשאַפט. פּנחס רוטענבערג איז געקומען קיין אַמעריקע, בכדי אויפצושטעלן דאָ אַ טייל פון דעם דאָזיקן יידישן לעגיאָן. ער האָט אַ ביסל שפּעטער אָפּגעדרוקט וועגן דעם אַ באַזונדערע בראָשור און האָט זיך אָנגערופן מיט דעם העברעיִשן נאָמען „בן־עמי". לויט זיין ענערגישן כאַראַקטער און זיכערקייט אין זיין וועג, האָט ער געהאַלטן, אַז דער ענין לעגיאָן איז די אויפגאַבע נומער איינס. אייגנטלעך, איז ער געווען נאָך מער עקסטרעם אין זיין „מאָנאָטעיִזם". ער האָט גורס געווען דעם נוסח: "לא יהיה לך אלקים אחרים על פּני הלגיון".

אונדזער באַוועגונג איז אָבער דאַן ראשה ורובה געווען פאַרנומען אויף צוויי „פראָנטן": די אָרגאַניזירונג פון „פּיפּלס רעליף" און דעם קאַמף פאַר אַן אַמערי־קאַנער יידישן קאָנגרעס. דעם ערשטן „פראָנט" האָט ער תיכף אָנגענומען. די סיבה — אַ פּשוטע: ער האָט אין דער רעליף־אַרבעט ניט געזען קיין קאָנקורענץ צו דער לעגיאָן־אַרבעט. דערפאַר האָט ער מסכים געווען. ער האָט זיך אָבער אָנגעהויבן זייער שטאַרק אַמפּערן וועגן דעם אַמעריקאַנער יידישן קאָנגרעס. ער האָט אַרויס־געשטעלט באַוואָרענישן, וואָס איניקע פון זיי האָבן געשטימט מיט די באַוואָרענישן פון לואיס ד. בראַנדייס. לויט מיין איינדרוק איז דאָס געווען אַ בלויזער צופאַל. ווי ווייט איך געדענק, האָט ער זיך מיט בראַנדייסן גאָר ניט געהאַט באַגעגנט איידער די געשפּרעכן זיינען צווישן אונדז פאָרגעקומען. דער דאָזיקער איינדרוק קען אויך זיין ניט קיין ריכטיקער. סיי־ווי איז די הויפּט־באַוואָרעניש געווען די זעלביקע ווי ביי בראַנדייסן: צי וועט אַ דעמאָקראַטישע רעפּרעזענטאַנץ פון אַמעריקאַנער יידנטום אָננעמען די פאָדערונג פון ארץ־ישראל ווי אַ נאַציאָנאַלע היים פאַרן יידישן פאָלק? ער האָט זיך ביז דאַן געהאַט גוט באַקענט בלויז מיט יענער יידישער באַפעלקערונג, וואָס איז געווען שאַרף איינגעשטעלט קעגן ציוניזם (הויפּטזעכלעך די פאַרשידענע סאָציאַליסטישע גרופּירונגען, מיט וועלכע ער האָט זיך באַגעגנט). האָט ער מורא געהאַט אַז אַן אַמעריקאַנער יידישער קאָנגרעס וועט זיך צוזאַמענקומען און וועט דעם

ארץ־ישראל ענין — צוליב חילוקי־דעות — אין גאַנצן ניט באַהאַנדלען, אָדער — דורך אַ פשרה — זייער שטאַרק פאַרוואַסערן. איןביידע פאַלן וואָלט עס דאַן געווען אַ פּאָליטישער קלאַפּ פאַר די ציוניסטישע האָפענונגען בנוגע ארץ־ישראל.

דערצו האָט ער נאָך צוגעגעבן, אין זיין עקסטרעמען שאַרפן וועג, אַז טויזנט מאָביליזירטע יונגע־לייט אין אַ לעגיאָן וועלן זיין אַ גרעסערער ביישטייער צו אונדזערע האָפענונגען, ווי די בעסטע רעזאָלוציע, אַפילו פון אַן איינשטימיקן אַמעריקאַנער יידישן קאָנגרעס.

מיינע קעגן־אַרגומענטן איז ניט וויכטיק דאָ איבערצוגעבן. סיי ווי האָבן זיי דאַן אויף אים ניט געווירקט. דער דאָזיקער געראַנגל האָט געדויערט וואָכן. די שטאַרקסטע השפעה האָבן אויף אים געהאַט יצחק בן־צבי און דוד בן־גוריון, וועלכע זיינען אָנגעקומען קיין אַמעריקע מיט געציילטע וואָכן פאַר אים. זיי זיינען דאָך זיכער געווען פאַר דעם געדאַנק פון אַ לעגיאָן. ווען אויך זיי האָבן אים פאַרזיכערט, אַז אונדזער באַוועגונג וועט דעם לעגיאָן־ענין אויפנעמען, ווען די פּאַסיקע צייט וועט קומען, האָט ער זיך אונטערגעגעבן. איך בין זיכער, אַז צוויי סיבות האָבן אים באַוועגט זיך אונטערצוגעבן. ערשטנס — האָט ער שוין באַוויזן זיך איבערצוציגן, אַז אויב דער לעגיאָן־געדאַנק האָט וועלכע ס׳איז שאַנסן אין אַמעריקע, קען עס נאָר געשען דורך דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג. האָט ער געמוזט זוכן אַ פשרה מיט אונדז. צווייטנס — האָט אים אָנגעהויבן שטאַרק לאָקן דער קאַמף אַרום דער קאָנגרעס־באַוועגונג. קאַמף האָט רוטענבערג ניט פיינט געהאַט. בפרט, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער פאַרזיכערונג, אַז דאָס פּראָגראַם פון קאָנגרעס זאָל איינשליסן ארץ־ישראל און ריידן וועגן דעם מיטן פולן מויל, אָן פשרות.

און אַז רוטענבערג האָט זיך צו עפּעס גענומען, איז עס געווען פשוט אַ מאָטאָר, וואָס באַוועגט זיך אַליין מיט אומגעהויערער קראַפט און באַוועגט אַנדערע מיט דער זעלביקער קראַפט. עס איז זיך גאָר ניט מעגלעך פאָרצושטעלן אונדזערע שפּעטערע עליות אין דער קאָנגרעס־באַוועגונג, און דעם קאַמף קעגן אירע אָפטע ירידות, אָן דער אומגעהויערער ענערגיע, וואָס ער האָט אַנטוויקלט.

די חדשים אויגוסט און סעפּטעמבער 1915 זיינען געווען אָנגעלאָדן מיט שפּרו־דלדיקער אַקטיוויטעט. דעם 5טן אויגוסט טרעט שוין אויף רוטענבערג אויף אַ מאַסן־מיטינג, וואָס מיר אַליין האָבן אָרגאַניזירט און ער רעדט בלויז וועגן קאָנגרעס. דעם 19טן אויגוסט קומט פאָר אַ מאַסן־מיטינג, אָרגאַניזירט פון דעם אַלגעמיינעם קאָנגרעס־קאָמיטעט, וואָס ציט צענדליקער טויזנטער צוהערער, די מערסטע האָבן זיך געמוזט צוהערן דורך אַ „הויך־רעדער" שטייענדיק אין גאַס. איינער פון די הויפּט־רעדנער איז פנחס רוטענבערג. דעם 5־6טן סעפּטעמבער, 1915, קומט פאָר די גרויסע אַרבעטער־קאָנפערענץ, גערופן פון דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאָמיטעט. די פירער פון אָט דעם קאָמיטעט זיינען געווען קעגן קאָנגרעס, אָבער דער דרוק פון דער קאָנגרעס־באַוועגונג איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז אין די אַרבעטער־קרייזן האָט עס געשמעקט מיט רעוואָלוציע קעגן די פירער. האָבן זיי געמוזט רופן אָט די אַרבעטער־קאָנפערענץ. אויך אונדזער באַוועגונג איז צו אָט דער קאָנפערענץ נאָך

איינגעלאָדן געוואָרן.* איניקע פון זייערע פירער האָבן געהאַפּט, אַז זיי וועלן אויף דער אַרבעטער־קאָנפערענץ געבן אַ טויט־קלאַפּ סיי אונדזער באַוועגונג, סיי דעם גאַנצן קאָנגרעס־געדאַנק. דאָס איז זיי ניט געלונגען. די גאַר גרויסע מערהייט פון דער אַרבעטער־קאָנפערענץ האָט דווקא געשטימט פאַרן קאָנגרעס און אויפגעפאָדערט דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאָמיטעט זיך אין אים צו באַטייליקן. אין דעם דאָזיקן דערפאָלג האָט רוטענבערג געהאַט גאָר אַ באַדייטנדיקן חלק.

דורך רוטענבערגס איניציאַטיוו איז געגרינדעט געוואָרן אַ וואָכן־צייטונג „דער יידישער קאָנגרעס״. צווישן די נאָענטסטע מיטאַרבעטער זיינען געווען: ד״ר נחמן סירקין, ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, יצחק אייזיק הורוויץ, בן־צבי, בן־גוריון, בער באָראָכאָוו, דוד פּינסקי, קריטשמאַר־יזרעאלי און אַלע אונדזערע אייגענע שרייבער־חברים. דאָס איז געוואָרן די איבערפּאַרטייאישע קאַמף־טריבונע פאַר דער קאָנגרעס־באַוועגונג. רוטענבערג האָט באַזאָרגט די פינאַנצן; האָט אַליין געשריבן; האָט אכטונג געגעבן אויף די לייטאַרטיקלען. בכלל האָט ער אין יעדן וויכטיקן שריט, וואָס מיר האָבן געמאַכט אין דער קאָנגרעס־באַוועגונג, אַריינגעגעבן זיין ענערגיע און זיין איבערגעבנקייט.

עס איז ניט קיין גוזמא, ווען איך שטעל פעסט, אַז פּנחס רוטענבערג ביי אונדז און לואיס ד. בראַנדייס (וואָס איז, פּונקט ווי רוטענבערג, לכתחילה געווען געשטימט קעגן דעם קאָנגרעס־געדאַנק) אין זיינע קרייזן, האָבן די קאָנגרעס־באַוועגונג געגעבן אַזאַ שטויס פאָרויס, אַז אַלע שפּעטערדיקע מאַנעוורעס פון אַלע קעגנער האָבן דער קאָנגרעס־באַוועגונג ניט געקענט ליקווידירן, כאָטש זיי האָבן איר געבראַכט גענוג שאָדן.

✶

זיין מיטאַרבעט אין „פּיפּלס־רעליף״ האָט אויך געהאַט אַ באַדייטונג. ער האָט זיך באַטייליקט אין דער ערשטער נאַציאָנאַלער קאָנווענשאַן פון „פּיפּלס־רעליף״, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין באָסטאָן, האַרבסט פון 1916. ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין די ניו־יאָרקער שטאָטישע קאָנפערענצן, אויף וועלכע דער „פּיפּלס־רעליף״ האָט געמאַכט זיינע ערשטע שריט. זיין מוח איז שטענדיק געווען פול מיט פּראַקטישע פּלענער, ווי אַזוי צו פאַרבעסערן די מעטאָדן פון זאַמלען געלט. אויף דער באָסטאָנער קאָנווענשאַן האָט ער געבראַכט אַ גרויסן פּלאַן פון אַ זעלבסט־באַשטייערונג, וואָס איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן און האָט געבראַכט — אַזוי לאַנג ווי „פּיפּלס־רעליף״ איז געווען זעלבשטענדיק אין איר זאַמל־אַרבעט — באַדייטנדיקע נוצן. פּיפּלס־רעליף האָט אָבער גאַנץ שנעל געמוזט אויפגעבן אירע

---

* אין אַ שפּעטערדיקער סטאַדיע האָט מען שוין אונדזער באַוועגונג צו זייערע קאָנפערענצן ניט צוגעלאָזן. אָבער דאָ שרייב איך נאָר דעם קאַפּיטל „רוטענבערג אין אַמעריקע״ און ניט דעם קאַפּיטל פון דער קאָנגרעס־באַוועגונג אָדער פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאָמיטעט. ווער עס וויל זיך מיט דעם באַקענען קען עס לייענען אין צווייטן באַנד פון מיינע זכרונות סיי אינעם קאַפּיטל „אונדזער ראָלע אין דער קאָנגרעס־באַוועגונג״ (זייט 94), און אויך אין קאַפּיטל וועגן דער לעגיאָן־באַוועגונג (פון זייט 206 און ווייטער). דאָרט דערצייל איך, אַגב, אויך פיל מער וועגן רוטענבערגן אַליין. — ב. צ.

זעלבשטענדיקע זאַמלונגען. עס האָט זיך אָנגעהויבן די פרשה פון מעכאַניזירט־פאַראייניקטע קאַמפּיינען, וועלכע האָבן אָנגעהויבן אויסשמידן גאַר אַנדערע זאַמל־כלים. איך ברענג עס ניט לגנאי. פון שטאַנדפונקט פון זאַמלען גרעסערע סכומים האָבן זיך די נייע מעטאָדן אַרויסגעוויזן פיל דערפאָלגרייכער. אין דעם פעריאָד וועגן וועלכן מירריידן, איז דער טראָפ געלייגט געוואָרן ניט אויף מעכאַניק, נאָר אויף באַווירקן די נשמות. און רוטענבערגס פּלאַן איז פאַר דעם געווען ווי צוגע־מאָסטן.

אָבער די קאָנפערענץ פון „פיפּלס־רעליף" אין באָסטאָן איז פאַרגעקומען אַ יאָר מיט אַ פערטל שפּעטער נאָך מיינע ערשטע געשפּרעכן מיט רוטענבערגן. אויף דער קאָנווענשאָן האָט ער געהאַט אַ געלעגנהייט צו דעמאָנסטרירן, אַז זיין מיינונג וועגן „פיפּלס־רעליף" האָט זיך געענדערט. דאָס איז געווען אין פאַרבינדונג מיט אַ רעדע, וואָס קאָנגרעסמאַן מאיר לאָנדאָן, דער דעמאָלטיקער פאָרזיצער פון „פיפּלס־רעליף", האָט געהאַלטן אויף אַ מאַסנפאַרזאַמלונג לכבוד דער קאָנפערענץ. כדי צו דעמאָנ־סטרירן רוטענבערגס ענדערונג איז גענוג צו ברענגען זיין דערקלערונג צו דער קאָנפערענץ, וואָס ער האָט געמאַכט אויף מאָרגן נאָך דער מאַסנפאַרזאַמלונג:

„טויזנטער יידן זיינען געקומען צום נעכטיקן ריזיקן מאַסנמיטינג און דורך דער ערנסטער און פייערלעכער שטימונג אויסגעדריקט זייער נאַציאָ־נאַלע סאָלידאַריטעט מיט די יידישע מלחמה־קרבנות אין אייראָפּע.

„דער טשערמאַן פון „פיפּלס־רעליף", האָנאָרייבל קאָנגרעסמאַן מאיר לאָנדאָן, האָט אין זיין שלוס־רעדע געמאַכט צו שפּאָט די שטימונג און אינ־האַלט פון די פריערדיקע רעדנער און האָט גערופן „אויפצוהערן בלאָפן וועגן דער יידישער פאַרגאַנגענהייט און זיך נאַריש מאַכן וועגן דער יידישער צוקונפט".

„דער גאַנצער טאָן און אינהאַלט פון זיין רעדע זיינען געווען ניט אויפן אָרט אויף אַזאַ פאַרזאַמלונג און האָבן צעשטערט די נאַציאָנאַל־ברידערלעכע שטימונג, וואָס האָט אין איר געהערשט.

„דער כבוד פון יידישן פאָלק און פון יידישן אַרבעטער איז מיין כבוד און אייער כבוד. אַלס ייד און אַלס סאָציאַליסט פּראָטעסטיר איך קעגן דער רעדע פון מאיר לאָנדאָן אויף דער נעכטיקער פאַרזאַמלונג און איך שלאָג פאָר, אויב איר וועט געפינען פאַר פאַסנדיק, אָן דיסקוסיעס, אום ניט צו פאַרלירן אומדזער צייט, אויסצודריקן אייער באַדויערונג וועגן דעם וואָס איז פאָרגעקומען".

הגם זיין דערקלערונג איז ניט אָנגענומען געוואָרן, האָט ער פון דעסטוועגן נאָך דעם געבראַכט זיינע אויבנדערמאָנטע פאָרשלאָגן צו דער קאָנפערענץ, און האָט, אַזוי לאַנג ווי ער איז געבליבן אין אַמעריקע, געגעבן „פיפּלס־רעליף" זיין מיט־אַרבעט.

*

אָבער „פיפּלס־רעליף", און אַפילו די אַרבעט פאַרן קאָנגרעס, זיינען דאָך געווען

פֿאַר אים בלויז „זייטיקע" זאַכן. די צוויי ענינים, צוליב וועלכע ער איז געקומען קיין אַמעריקע און זיינען געווען אין צענטער פֿון זיין נשמה, זיינען געווען: דער יידישער לעגיאָן און — עלעקטרישע קראַפֿט פֿאַר ארץ־ישראל.

עס איז איבעריק אונטערצושטרייכן, אַז ער האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער לעגיאָן־באַוועגונג. אין די יאָרן 1917־18, ווען די לעגיאָן־באַוועגונג האָט באַקומען ממשות, האָט זי שוין פֿאַראינטערעסירט אַ גרויסע צאָל אַמעריקאַנער יידן, סיי צווישן מאַסן, סיי צווישן פֿירער־קרייזן. פּנחס רוטענבערג האָט אָבער דעם לעגיאָן־געדאַנק ניט אָפּגעלאָזט, אַפֿילו ווען דער געדאַנק איז געווען אומפּאָפּולער. עס האָט אים אויך ניט געשטערט דאָס, וואָס ער איז געווען אַזוי אַקטיוו אין דער קאָנגרעס־באַוועגונג. ער, בן־צבי, בן־גוריון, צוזאַמען מיט אַ גרופּע אַמעריקאַנער חברים, האָבן כסדר געהאָלטן אין צוגרייטן דעם באָדן. בן־צבי און בן־גוריון האָבן אין די שפּעטערדיקע יאָרן געשפּילט אין דער לעגיאָן־פּרשה אַ מער וואָגיקע ראָלע ווי רוטענבערג. אָבער אין אָנהייב איז רוטענבערגס השפּעה געווען זייער גרויס. אַזוי ווי היינט שרייב איך וועגן דעם קאַפּיטל „רוטענבערג אין אַמעריקע", בין איך מחויב צו פֿאַרצייכענען זיין וויכטיקן חלק אין צוגרייטן דעם באָדן פֿאַרן לעגיאָן.

און צוגרייטונגס־אַרבעטן זיינען געווען אין די יאָרן 1915־17 זייער פּיל. די גרויסע מערהייט אויף דער יידישער גאַס, הויפּטזעכלעך די וואָס זיינען געקומען פֿון רוסלאַנד, איז, דורך טיפֿער שנאה צו דער צאַרישער רוסלאַנד, כמעט ווי פּאַר־פּלייצט געוואָרן פֿון אַ פּראָ־דייטשן סענטימענט. דער געדאַנק צו אָרגאַניזירן אַ לעגיאָן, וואָס זאָל קעמפֿן מיט די אַליאירטע קעגן דייטשלאַנד און טערקיי, האָט אַרויסגערופֿן מער ווי קעגנערשאַפֿט; עס האָט כמעט דערגרייכט די מדרגה פֿון פֿאַראַט קעגן אַן איינשטעלונג, וואָס איז פּסיכיש אויפֿגענומען געוואָרן ווי די יידישע איינשטעלונג. אין יענער צייט האָט מאָריס הילקוויט קאַנדידירט אויף דער סאָציאַליסטישער ליסטע פֿאַר מעיאָר פֿון ניו־יאָרק און ער האָט געצויגן אַ זייער גרויסע צאָל שטימען אין פֿאַרגלייך מיט דער צאָל, וואָס די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט באַקומען אין פֿריערדיקע וואַלן. דאָס איז דאָן געווען אַן אַנטי־מלחמה־דעמאָנסטראַציע: אַ דעמאָנסטראַציע, אַז אַמעריקע זאָל ניט אַריינגיין אין דער ערשטער וועלט־מלחמה אויף דער זייט פֿון די אַליאירטע. די הויפּט־סיבה פֿאַר אָט דער דעמאָנסטראַציע איז געווען — שנאה צום צאַריזם. אַזוי איז געווען די שטימונג אַפֿילו אין 1917, ווען די פֿראַגע פֿון אַמעריקעס אַריינגיין אין דער מלחמה איז שוין געשטאַנען אויפֿן סדר היום פֿון דער אַמעריקאַנער רעגירונג. די גאַנצע אַמעריקאַנער עפֿנטלעכע מיינונג האָט זיך אָנגעהויבן נייגן צו אַ פּראָ־מלחמה־איינשטעלונג. אַ פּראָ־אַליאירטע סימפּאַטיע איז שטענדיק געווען אין אַמעריקע. אָבער דאַן האָט מען שוין בפֿירוש גערעדט וועגן אָנטיילנעמען אין דער מלחמה. די שטימונג אויף דער יידישער גאַס איז אָבער נאָך אַלץ כמעט ווי ניט געענדערט געוואָרן. אין 1915־16, ווען די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי האָט, אין איר קאַמף פֿאַר דער ווידערוויילונג פֿון פּרעזידענט ווילסאָן, געניצט די לאָזונג: He kept us out of war, איז די יידישע גאַס געווען זייער האַפֿערדיק אין אירע פּראָ־דייטשע סענטימענטן. די יחידים־יידן, וואָס האָבן גלייך פֿון אָנהייב זיך געשטעלט אויף דער זייט פֿון די

אַליאירטע, האָבן באַגעגנט פּראָסט־פּשוטע שנאה. דער אַממערסטן אויסגעשטעלטער צו דער שנאה איז געוואָרן ד״ר נחמן סירקין. אַפילו אַזאַ ייד, ווי מאַקס פּיין, האָט עפּנטלעך באַנוצט פּשוטע קללות קעגן אים. אויך אין אונדזערע אייגענע רייען איז די פּראָ־דייטשע איינשטעלונג געווען זייער שטאַרק. אויף אַט דעם אַלגעמיין־פּאָלי־טישן הינטערגרונט האָבן געמוזט געמאַכט ווערן די צוגרייטונגען צו דער לעגיאָן־באַוועגונג.

דערצו איז רוטענבערג געקומען אַהער נאָך דעם ערשטן דורכפֿאַל פֿון זשאַ־באָטינסקיס גרויסן פּרווו. דער ערשטער קאָרפּוס, וואָס ער האָט אָרגאַניזירט, בעיקר פֿון ארץ־ישׂראל פּליטים, איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ "Mule Corps" — אין אייזלטרייבער. די בריטישע רעגירונג האָט נאָך דאַן ניט געוואָלט געבן אַ ידישן לעגיאָן די מעגלעכקייט צו באַטייליקן זיך אין די דירעקטע קריגס־אָפּעראַציעס. אויף אַ טייל פֿון די מעגלעכע קאַנדידאַטן פֿאַרן צוקונפֿטיקן לעגיאָן האָט עס געהאַט אַ קוואַליטיק־נעגאַטיווע אויסווירקונג. דאָך האָט די קליינע גרופּע ניט אויפֿגעגעבן אירע צוגרייטונגען. פּנחס רוטענבערג איז געווען איינער פֿון די, וואָס זיינען גע־שטאַנען שטאָל־און־אייזן פֿאַר דעם, אַז די אַרבעט זאָל געפֿירט ווערן אונטער די שווערסטע באַדינגונגען.

ראשית כל האָט מען געדאַרפֿט מאָביליזירן קאַנדידאַטן. זשאַבאָטינסקי, מיט אַ גרופּע ענגלישע ציוניסטן, האָט אין ענגלאַנד כסדר פֿאַרהאַנדלט מיט דער רעגירונג. ער האָט געמוזט האָבן אַ רשימה פֿון נעמען, וואָס זאָל באַווייזן, אַז עס זיינען פֿאַראַן קאַנדידאַטן פֿאַר אַזאַ לעגיאָן. אייניקע פֿון אונדז האָבן גענומען פּראָבע־רעגיס־טראַציע־בויגנס און אָנגעהויבן רעגיסטרירן קאַנדידאַטן. עס וועט אַ מאָל זיין אינ־טערעסאַנט צו דערציילן וועגן די דערפֿאַרונגען, וואָס איך אַליין האָב דורכגעמאַכט, ווי איינער וואָס איז אַרומגעגאַנגען מיט אַזאַ פּראָבע־רעגיסטראַציע־בויגן. איבעריק צו זאָגן, אַז רוטענבערג האָט מיט זיין ענערגיע אין אַט דער פּרשה דערגרייכט די גרעסטע רעזולטאַטן אין דער ערשטער סטאַדיע פֿון דער רעגיסטראַציע.

דער דאָזיקער רשימה איז ניט באַשערט געווען באַנוצט צו ווערן. ביז די אמתע רעגיסטראַציע איז געקומען האָט געדויערט איבער אַ יאָר. אין דער דאָזיקער צייט זיינען פֿאָרגעקומען וועלט־געשעענישן, וואָס האָבן אַלץ צעטרייסלט. געווען צווישן די רעגיסטרירטע אין דער פּראָבע־רעגיסטראַציע אַ רעכט ביסל אַזעלכע, וועמען די ערשטע רוסישע רעוואָלוציע האָט גאָר פֿאַרשלעפּט קיין רוסלאַנד. געווען אַזעלכע צווישן זיי, וואָס ביז דער לעגיאָן האָט באַקומען אַ פּראַקטישע באַדייטונג, זיינען זיי שוין פֿאַרפֿלויגן העט־העט אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. זעלבסט־פֿאַרשטענדלעך, אַז די בויגנס פֿון דער פּראָבע־רעגיסטראַציע האָבן שוין דאַן קיין באַדייטונג ניט געהאַט און מען האָט געמוזט אָנהויבן פֿון דאָס ניי. אין דער נייער רעגיסטראַציע האָבן שוין די הויפּט־ראָלע געשפּילט די חברים בן־צבי און בן־גוריון. אָבער אין דער פּראָבע־רעגיסטראַציע האָט דעם שטאַרקסטן חלק צוגעטראָגן פּנחס רוטענבערג. ד״ר חיים זשיטלאָווסקי האָט אויך געטראָגן מיט זיך אַזאַ רעגיסטראַציע־בויגן און האָט אויך „מאָביליזירט״ אַ פּאָר צענדליק מענטשן. אַזוי אויך ד״ר נחמן סירקין.

זשאַבאָטינסקיס באַמיִונגען אין ענגלאַנד האָבן דערפירט צו אַ דערפאָלג ערשט סוף זומער 1917, ווען ענגלאַנד האָט אָפּיציעל מסכּים געווען צו דער גרינדונג פון אַ יידישן לעגיאָן. דאַן האָט דער לעגיאָן־געדאַנק ווידער אויפגעלעבט. דאַן איז שוין אַמעריקע אַליין געווען אין דער מלחמה. איז דער געדאַנק נאָך מער כּשר געוואָרן. איך שרייב דאָ ניט די געשיכטע פון לעגיאָן. איך וויל נאָר אונטערשטרייכן, אַז ווען ניט די צוגרייטונגען פון די ערשטע אָנהענגער פון לעגיאָן, מיט דער קאָלאָ־סאַלער הילף פון פּנחס רוטענבערג, וואָלטן די שפּעטערדיקע רעזולטאַטן גאָר ניט געווען אַזעלכע דערפאָלגרייכע. און איך באַטראַכט די רעזולטאַטן פון דער לעגיאָן־באַוועגונג, טראָץ פיל שפּעטערדיקע שטרויכלונגען, פון גרויסער יידיש־געשיכטע־לעכער באַדייטונג. פּנחס רוטענבערגס פּלאַץ אין איר מוז דעריבער פאַררעגיס־טרירט ווערן, ווען מען פּרובירט פאַרצייכענען זיין אַרבעט אין אַמעריקע.

צו אָט דער פּרשה געהערט — אפשר אומדירעקט — די ווירקונג, וואָס ער האָט אויסגעאיבט אויף אָנהייבן צוימען די פּראָ־דייטשע כוואַליע וואָס האָט דאַן פאַרכאַפּט די יידישע גאַס. דווקא ווי אַ רוסישער רעוואָלוציאָנער פון ערשטראַנגיקער באַדייטונג, איז ער געווען דער שאַרפער ביישפּיל, אַז מען קען האַסן די צאַרישע רעגירונג און דאָך מאַכן דעם מלחמה־חשבון פון שטאַנדפּונקט פון רעאַלע כּוחות־פאַרמעסטונגען אין דער גאַנצער מענטשהייט. ער האָט, פּונקט ווי די קליינע גרופּע פון סירקין, זשיטלאָווסקי און אַנדערע — איך מעג זיך אַליין אויך אַריינרעכענען צווישן זיי, ווייל פון די מאַראַלישע קלעפּ, וואָס די דאָזיקע גרופּע האָט באַקומען, האָב איך אַריינגעכאַפּט מיין חלק — קלאָר געזען די גרויסע געפאַרן פאַר דער גאַנצער מענטשהייט פון אַ דייטשן נצחון. אַנטקעגן דער דאָזיקער געפאַר האָט קיין באַדייטונג ניט געטאָרט האָבן די שנאה צום צאַריזם.

*

די רוסישע רעוואָלוציעס וואָס האָבן אים פאַרשלעפּט אויף אַ צייט צוריק קיין רוסלאַנד, האָבן איבערגעריסן זיין געבענטשטע טעטיקייט אין אַמעריקע. אין אַלע ביז־איצט אויסגערעכנטע געביטן האָט ער שוין מער קיין אָנטייל ניט גענומען. דערפאַר איז די וויכטיקסטע טעטיקייט פון זיין לעבן — עלעקטריציטעט פאַר ארץ־ישראל — וואָס ער האָט אין אַמעריקע געווידמעט אומגעהויער פיל צייט און ענער־גיע, בלויז צייטווייליק איבערגעריסן געוואָרן. ער האָט זי שפּעטער פאַרענדיקט אין ארץ־ישראל. דאָס איז געווען זיין העכסטע דערגרייכונג. דורך דעם האָט ער אָנגעשריבן אַ וויכטיקע פּרשה אין דעם ספר פון יידיש־מדינהשן ווידערגעבורט. איך ווייס אַ ביסל וועגן דער דאָזיקער אַרבעט זיינער אין דער צייט, ווען ער איז געווען אין אַמעריקע. און אָט דעם טייל וויל איך דאָ פאַרצייכענען.

אַ פּאָר פּערזענלעכע ווערטער וועלן, דאַכט זיך, קלאָרער אַרויסברענגען די שטריכן פון רוטענבערגס כאַראַקטער. מיר דוכט אַז איך בין געווען איינער פון די גאָר ווייניקע, פאַר וועמען רוטענבערג האָט אָפּט געעפנט זיין האַרץ. דורך דעם האָב איך, מער ווי אַנדערע, געוווּסט אויך וועגן זיינע צוגרייטונגס־אַרבעטן צו באַשאַפן עלעקטרישע קראַפט. אַ געביט, אויף וועלכן איך בין דאַן געווען אַ פולשטענדיקער עם הארץ און בין נאָך אויך היינט ווייט פון זיין אַ מומחה. שוין נאָך דעם ווי ער

האָט מיט מיר אַזוי פיל אַריינגעקנעלט. פון וואַנען האָט זיך גענומען אָט די פּערזענלעכע נאָענטקייט ?

אין שפּעטן האַרבסט פון 1915 האָבן מיר אָפּגעהאַלטן אין קליוולאַנד אַ קאָנפערענץ פון אונדזער פּאַרטיי. רוטענבערג האָט זיך אין איר באַטייליקט. ער איז אָבער אויפן צווייטן טאָג קראַנק געוואָרן און איז געלעגן צו־בעט עטלעכע וואָכן. ער איז באַשטאַנען איך זאָל קומען צו אים טעגלעך, פאַר דער צייט פון דער קאָנפערענץ, און אים דערציילן וואָס עס איז געשען. איך האָב אַזוי געטאָן. אין די עטלעכע טעג האָט זיך צווישן אונדז איינגעשטעלט אַ מערקווירדיקע אינטימיטעט. נאָך דער קאָנפערענץ האָט ער מיך בשום אופן ניט געלאָזן אָפּפאָרן. זיין הויפּט דאָקטאָר — אַן אמת פרומער ייד — ד״ר בלויסטאָן, האָט מיר געזאָגט, אַז מיינע באַזוכן ביי רוטענבערגן העלפן אים זייער פיל אין זיין שווערער קראַנקייט. איך האָב זיך געלאָזט איבעררעדן און געבליבן מיט אים אין קליוולאַנד צען טעג נאָך דער קאָנפערענץ. די מערסטע צייט האָב איך מיט אים טאַקע פאַרבראַכט. דאָרט האָט ער פאַר מיר אָנגעהויבן אַרויסלייגן זיינע פּלענער וועגן גענערירן עלעקטריציטעט אין ארץ־ישראל.

איך האָב אין יענע פאַר וואָכן דערשפּירט זיין נשמה. ער איז בטבע געווען אַ פאַרשלאָסענער מענטש. דאָס האָב איך פון פריִער געוווסט. אָבער אין קליוולאַנד, בשעת זיין קראַנקייט, האָב איך דערפילט זיין אומגעהויערע איינזאַמקייט. איך האָב וועגן דעם אים קיין מאָל ניט געפרעגט, אָבער איך בין זיכער, אַז די דאָזיקע איינזאַמקייט איז געווען דער רעזולטאַט פון אַ שווערן פּערזענלעכן לעבן. מיט יאָרן שפּעטער — אין לאָנדאָן, 1920 — האָט ער מיר דערציילט אַ ביסל פון דעם, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען אין זיין פּרווו אַרויסצוראַטעווען זיינע ברידער און שוועסטער און זייערע משפּחות פון רוסלאַנד. ער איז געווען צו זיי גוואַלטיק איבערגעגעבן. אָבער אין 1915 האָט ניט געקענט זיין, אַז אָט די זאָרג זאָל אים אַזוי דריקן ביז צו דער עקסטרעמער איינזאַמקייט. ווייס איך עד היום ניט די סיבות. איך האָב נאָר געשפּירט, אַז אין די צוויי וואָכן, וואָס איך בין געווען מיט אים אין קליוולאַנד, האָט ער זיך ביז גאָר אַ גרויסן טייל באַפרייט פון דער לאַסט פון איינזאַמקייט און ער האָט ווי אַ גליקלעך קינד זיך געקלאַמערט אָן דער פריינדשאַפט. אין די דעמאָלטיקע געשפּרעכן האָט ער מיר דערציילט וועגן זיינע פּלענער פאַר דער צוקונפט.

ער האָט מיט פאַרשידענע מאַפּעס אין האַנט מיר אָנגעוויזן, אַז ווען מען וואָלט נאָר געקענט באַוועגן דעם ירדן, דאָרטן ווו ער פאַלט אַריין אין כנרת, אַ ביסעלע אַ רוק טאָן זיך פון דאָרט ווו ער איז און זיך געבן אַ דריי אַ ביסל אָן אַ זייט, וואָלט מען געקענט שאַפן אַזאַ קראַפט, וואָס וואָלט גענערירט גענוג עלעקטריציטעט פאַר גאַנץ ארץ־ישראל און אויך פאַר די שכנישע לענדער.

און ווען איך האָב אים הלצהדיק געפרעגט: האָט שוין עמעצער אַ מאָל, אויסער משה רבינו, באַוויזן אַזאַ קונץ פון שפּאַלטן אַ ים, אָדער איבערדרייען דעם גאַנג פון אַ טייך? האָט ער זיך אַזוי צעלאַכט, ווי איך וואָלט אַרויסגעזאָגט אָדער די גרעסטע חכמה, אָדער די גרעסטע נאַרישקייט. ער האָט מיר גענומען געבן אַ גאַנצע לעקציע, פון וועלכע עס האָט געדאַרפט אַרויסדרינגען, אַז משה רבינו האָט אויף

אַ נאַטירלעכן אופן געקענט שפּאַלטן דעם ים־סוף. דער לעצטער אויספיר זיינער איז אָבער געווען: „אויב דאָס האָט נאָך קיין מאָל ניט פּאַסירט, וועלן מיר יידן זיין די ערשטע עס צו באַווייזן. איז דאָס אַליין ניט אַ גרויסער ציל?"

מיט חדשים שפּעטער זיינען מיר ביידע אַרויסגעטראָטן אויף אַ פאַרזאַמלונג אין טאָראָנטאָ. צוריקפאָרנדיק איז ער באַשטאַנען, אַז מיר זאָלן זיך אָפּשטעלן ביים ניאַגאַראַ־וואַסערפאַל. צו שילדערן רוטענבערגן ביים וואַסערפאַל דאַרף מען פאַרמאָגן אַ סך מער טאַלאַנט ווי דער בורא עולם האָט מיר איינגעטיילט. ער איז ממש געשפּרונגען פון שטיין צו שטיין, אין פלוס פון טייך, פון וואַנען מען האָט נאָר געקענט זען דעם וואַסערפאַל אין אַ נייער פּאַזע. זיינע טיפע אויגן זיינען געוואָרן בוכשטעבלעך ברענענדיק, ווי זיי וואָלטן איינגעזאַפּט אין זיך די העכסטע גראַד פון היץ. זיין גאַנצער קערפּער איז דורכגעגאַנגען מאָדנע טראַנספאָרמאַציעס. אָט האָט ער זיך געוואָרפן אין אַן עקסטאַז, וואָס איך האָב באַגעגנט נאָר ביי די חסידים וואָס זיינען מקיים ביי תפילות דעם פּסוק כל עצמותי תאמרנה. און פּלוצלונג איז ער פאַרשטייפט געוואָרן מינוטן לאַנג, ווי ער וואָלט אַליין תפילה געטאָן בלחש, אַזוי ווי חנה, די מאַמע פון שמואל הנביא. ער האָט דורכגעלעבט אַן עקסטאַז, וואָס נאָר אמתע מאמינים קענען דורכלעבן דורך גילוי אליהו. ריידן צו אים דאַן איז געווען אומזיסט. ער איז פּשוט ניט געווען אויף דעם עולם. זיין געדאַנק האָט געשוועבט ערגעץ, וווּ איך האָב ניט געקענט דערלאַנגען. איך האָב געמוזט אָפּוואַרטן ביז ער וועט אָנהויבן. נאָך אַ לאַנגן שווייגן האָט זיך ביי אים אַרויסגעריסן:

„אַך, איר ווייסט דען וואָס מען וואָלט געקאָנט אויפטאָן ווען מען וואָלט אָט דאָס אָ (און האָט מיט די אָרעמס אַזוי ווי אַרומגענומען דעם גאַנצן וואַסערפאַל) געקענט אַריבערטראָגן אין פּאַלעסטינע?" (ער האָט זיך שווער אָפּגעוווינט פון אָט דעם וואָרט).

דאַן האָב איך אים געפּרובירט געבן אַ לעקציע אין אַמעריקאַנער יידישע געשיכטע. איך האָב אים געפרעגט, צי האָט ער געהערט פון דעם נאָמען מרדכי עמנואל נח. ער האָט דעם נאָמען געהערט. עפּעס אַ ביסל האָט ער געדענקט דערפון, וואָס ער האָט אַ מאָל וועגן אים געלייענט. ווען איך האָב אים דערציילט, אַז אָט דער וואַסערפאַל — ווייניקסטנס דער גרעסטער טייל פון אים — האָט געדאַרפט זיין אַ טייל פון דער יידישער מדינה — „אררט" — וואָס מרדכי עמנואל נח האָט דאָ געפּלאַנט אויפצושטעלן, האָב איך דאַן דאָס איינציקע מאָל געזען טרערן אין די אויגן פון דעם אויסערלעך אַזוי האַרטן מענטשן.

שווער געווען פאַר אים זיך אָפּצורייסן פון אָרט. דעם גאַנצן וועג צוריק צו ניו־יאָרק האָט ער ניט אויפגעהערט ריידן וועגן דעם. ווען זיין געמיט איז געוואָרן אַ ביסל פרייער, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט אין טראַכטן אין דער הויך. דער תוכן איז געווען: נישקשה, מיר וועלן נאָך ווייזן וואָס מיר קענען, אויב אַפילו מיר קענען בשום אופן אַזאַ ריזיקע קראַפט אין פּאַלעסטינע ניט אויפשטעלן. און ווידער האָט ער גערעדט וועגן ירדן און וועגן כנרת. ווידער האָט ער איבערגעחזרט די פראַזע: נישקשה, מיר וועלן נאָך הייסן דעם ירדן זיך אַ ביסל אַ רוק טאָן און ער וועט אונדז פאָלגן, ער וועט מוזן פאָלגן.

אַז דער ירדן האָט אים געפּאָלגט, ווייסן מיר זייער גוט. אמת, די לעצטע ייִדיש־אַראַבישע מלחמה האָט צייטווייליק אומטעטיק געמאַכט דאָס אָרט, ווו פּנחס רוטענ־בערג האָט אַ רוק געטאָן אַ ביסל דעם ירדן און אויפגעשטעלט „נהריים" — די ערשטע עלעקטרישע סטאַנציע אין ישראל. אָבער זיין ציל איז דאָך דערגרייכט געוואָרן. די דאָזיקע גאַנצע פּרשה וועט נאָך מן הסתם אַ מאָל געשריבן ווערן דורך מענטשן וואָס קענען זי בעסער ווי איך.

איך ווייס ניט ווען ער האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן זיין פּלאַן. בשעת ער האָט וועגן דעם מיר דערציילט אין קליוולאַנד, האָט ער שוין אין געדאַנק געהאַט כמעט דעם גאַנצן פּלאַן פֿאַרענדיקט. צוריקקומענדיק קיין ניו־יאָרק פּלעגט ער זייער אָפט באַזוכן אונדזער ווינונג. שטענדיק פּלעגט ער מיטברענגען מיט זיך פֿאַרשי־דענע צייכענונגען און מאַפּעס, פּלעגט זיך אַוועקזעצן ביי אַ פענצטער און אַרבעטן איבער זיי. דאָן האָט ניט מיין פרוי, ניט איך אַפילו מיט אַ פּיפּס אים איבערגעשלאָגן. האָט ער אָנגעהויבן ריידן, האָבן מיר געוווסט, אַז דאָס מאָל וועט ער שוין מער זיך ניט פֿאַרטיפן אין זיינע פּלענער. אונדזערע געשפּרעכן זיינען דאָן געווען לייכטע. דורך דעם פּלעגט ער זיך קענען אַ ביסל באַפרייען פון דעם שווערן מח־לאַסט, וואָס האָט אים שטענדיק געדריקט. ווען ער האָט זיין פּלאַן פֿאַרענדיקט (דאָס הייסט: ווען ער האָט געמיינט, אַז ער האָט פֿאַרענדיקט, וויל שפּעטער האָט ער אין ארץ־ישראל אַריינגעבראַכט זייער באַדייטנדיקע שינויים), איז ער אויך געקומען צו אונדז מיט דער בשורה. אין זיינע אויגן האָט שוין דאָס מאָל געברענט דאָס פייער פון נצחון.

אָבער תיכּף איז ער פֿאַרזונקען אין אַ נייער פּראָבלעם: ווי פינאַנסירט מען דעם דאָזיקן פּלאַן? איך בין דאָן שוין געווען אַ מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע פון „דזשוינט". האָט ער מיך געמאַכט פֿאַר זיין שליח צו ווענדן זיך צום „דזשוינט" וועגן דעם. איך האָב טאַקע אַזוי געטאָן. אָבער איך האָב געהאַט אַ פולשטענדיקן דורכפאַל. לואיס מאַרשאַל איז אַרויסגעטראָטן קעגן דעם. איז ער אַוודאי געווען באַרעכטיקט צו זיין מיינונג. ער וואָלט געווען זייער און זייער גערעכט, ווען ער וואָלט געטענהט — ווי ער האָט שפּעטער ביי אַנדערע געלעגנהייטן געטענהט — אַז דער „דזשוינט" קען זיך ניט פֿאַרנעמען מיט אַזעלכע זאַכן, וויל אין בעסטן פֿאַל קען עס אפשר איינגעשלאָסן ווערן אין דער רובריק „קאָנסטרוקטיווע רעליף" און מאַרשאַל איז דאָן געווען קעגן דעם, אַז דער „דזשוינט" זאָל זיך באַשעפטיקן מיט קאָנסטרוקטיווער הילף. מאַרשאַל האָט אָבער געקענט זיין זייער אָפט עקסטרעם אין אָנגריף. און זיין דעמאָלטיקער אויסגעשריי קעגן מיר, אַז איך זוך אַריינצוציען דעם „דזשוינט" אין אַן אַוואַנטורע (און טאַקע מיט אָט דעם טיטל האָט ער באַקרוינט רוטענבערגן), האָט מיר שטאַרק ווי געטאָן.

איך האָב נאַטירלעך רוטענבערגן בלויז איבערגעגעבן, אַז דער „דזשוינט" וויל זיך ניט פֿאַרבינדן מיט זיינע פּלענער. זיין ענטפער איז געווען: מיר וועלן זיך אַן עצה געבן אָן דעם „דזשוינט". אַז ער האָט זיך טאַקע אַן עצה געגעבן, ווייסן מיר. ער האָט אָבער אין אַ שפּעטערדיקע סטאַדיע געהאַט זיין פונט „נקמה". ווען די רוטענבערג עלעקטרישע געזעלשאַפט האָט שוין פונקציאָנירט און זי האָט זיך גע־

נייטיקט אין גרעסערע פינאַנסן, האָט זי אַרויסגעלאָזט אַקציעס. פון „דזשווינט" האָט מיר אַ באַאַמטער מרמז געווען, אַז דער „דזשווינט" וואָלט איצטער געווען גרייט אָנטייל צו נעמען אין העלפן די ווייטערדיקע פינאַנסירונג. איך האָב וועגן דעם אינפאָרמירט רוטענבערגן און אים געפרעגט, צי איז ער אין דעם פאַראינטערעסירט. זיין ענטפער איז געווען זייער קאַטעגאָריש: „איצטער קען איך אַוודאי אויסקומען אָן זייער הילף".

✶

פאַר דער צייט וואָס רוטענבערג האָט פאַרבראַכט אין אַמעריקע האָט ער שטאַרק משפּיע געווען אויף באַשטימטע קרייזן. ניט אַלע פון דער יידישער גרויס־בורזשוי־אַזיע האָבן אים באַטראַכט ווי אַן אַוואַנטוריסט. געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן אים געהאָלפן פאַרווירקלעכן זיינע פּלענער. געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן דורך אים געהאָלפן דער רוסישע פּאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, וואָס רוטענבערג האָט מיט איר אָנגעהאַלטן אַ שטענדיקן קאָנטאַקט. דער דאָזיקער קאַפּיטל איז מיר אָבער ניט צו גוט באַקאַנט, כאָטש ער פלעגט מיר גאַנץ אָפט דערציילן וועגן אַזעלכע עפּיזאָדן. אין אונדזער יידישער גאַס האָט ער, אויסער דורך אונדז, אויך משפּיע געווען דורך נאָך צוויי קאַנאַלן. דער ערשטער אומדירעקט, דער צווייטער — זייער און זייער דירעקט.

דער ערשטער, דער אומדירעקטער קאַנאַל, איז געווען דער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס" אַב. קאַהאַן. קאַהאַן האָט געהאַט אַ שוואַכקייט פאַר מענטשן, וואָס ריידן אַ גוטן רוסיש, מיטן ריכטיקן אַקצענט. רוטענבערג האָט טאַקע גערעדט אַזאַ מין רוסיש. האָט ער זיך מיט קאַהאַנען אָפט געטראָפן. אין „פאָרווערטס" איז דאַן פאַרגעקומען אַן אינערלעכער געראַנגל אַרום דער קאָנגרעס־פראַגע. געווען דאָרט אַ מינאָריטעט, וואָס איז געווען שטאַרק אומצופרידן מיט דער טאַקטיק פון דער דעמאָלטיקער פירערשאַפט פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאָמיטעט, דער עיקר מיט דער טאַקטיק פון ד״ר מאַקס גאָלדפאַרב, וואָס איז געווען אַן עקסטרעמער שונא־ציון און אַ גוואַלטיקער קעגנער פון דער קאָנגרעס־באַוועגונג. רוטענבערגס באַגעגענישן מיט אַב. קאַהאַן האָט געשטאַרקט די מינדערהייט, צו וועלכער אַב. קאַהאַן אַליין האָט אויך געהערט. אין די פאַרשידענע זיג־זאַגן, וואָס דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־קאָמיטעט איז אין יענער צייט דורכגעגאַנגען, האָט רוטענבערגס איינפלוס געשפּילט אַ געוויסע ראָלע. סוף־סוף האָט עס געפירט דערצו, אַז דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־קאָמיטעט האָט זיך געמוזט באַטייליקן אין דעם ערשטן אַמעריקאַנער יידישן קאָנ־גרעס.

דער צווייטער, דער דירעקטער קאַנאַל, איז געווען ד״ר חיים זשיטלאָווסקי. זשיטלאָווסקי האָט דאַן קאָנצענטרירט אַרום זיך גאָר אַ באַדייטנדיקע גרופּע אינטע־ליגענץ און האָט אויך געהאַט אַ גרויסע צאָל פון אָנהענגער אין דער יידישער אַרבע־טער־און פאָלקסמאַסע. דעם קאַנאַל האָט פּנחס רוטענבערג ניט געדאַרפט אויסנוצן פאַרן קאָנגרעס־געדאַנק. זיי זיינען געווען סיי ווי פאַרן קאָנגרעס. דאָ איז זיין ווירקונג געלעגן אויפן שטח פון „פּאַלעסטיניזם", גענומען ווי דער קעגנזאַץ צו סתם טערי־טאָריאַליזם.

אמת, ווען ראָטענבערג איז געקומען, האָט זיך דאָן זשיטלאָווסקי געפֿונען אין איינעם פֿון זיינע פּראָ־פּאַלעסטינישע גלגולים. אָבער זשיטלאָווסקי אין אין דער פֿראַגע אַלע מאָל געווען אַ ביסל גליטשיק. ער האָט מאָרגן געקענט ווערן אַנטי־פּאַלעסטיניש, ווי עס האָט מיט אים אָפֿט פּאַסירט.

איך דערמאָן זיך זשיטלאָווסקיס אַ פּראָ־ציוניסטישע לעקציע אין איינע פֿון זיינע גלגולים. די יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן און אַנאַרכיסטן (די יידישע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן האָבן זייער זעלטן אָפּאָנירט זשיטלאָווסקין עפֿנטלעך), זיינען שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן אים. זייערע טענות — אַלט־באַקאַנטע. זשיטלאָווסקי האָט זיי אין זיין ענטפֿער אַזוי געזאָגט:

„איך האָב מורא, קאַמעראַדן, אַז מיט איך איז ניט מעגלעך צו דיסקוטירן. אַלע אייערע אַרגומענטן וואָלט איך געקענט צעשלאָגן אָן שוועריקייטן. פֿאַראַן איין אַרגומענט אָבער, וואָס איך קען ניט צעשלאָגן: אויב ציוניזם איז גערעכט, זיינען מיר דאָך צענדליקער יאָרן נאָך אַנאַנד געווען אומגערעכט. דאָס ווילט איר דאָך ניט צוגעבן. דעריבער קען איך אָט דעם אַרגומענט ניט צעשלאָגן".

מיר שיינט אַז זשיטלאָווסקי האָט דעם דאָזיקן אַרגומענט אין זיך אַליין אויך ניט געקענט צעשלאָגן. אין זיינע שאַרפֿסטע פּראָ־ציוניסטישע איינשטעלונגען, האָט ערגעץ ווו אין דער נשמה געטליעט די פֿראַגע: ווי קען דאָס זיין, אַז איך, זשיטלאָווסקי, בין געווען צענדליק יאָרן אומגערעכט? דעריבער האָט ער ביי דער ערשטער געלעגנהייט, ווען דער שטערן פֿון ציוניזם איז אַ ביסל פֿאַרטונקלט געוואָרן, זיך צוריקגעבראַכט צו יענע צענדליקער יאָרן. דערצו האָט זשיטלאָווסקי אַלע זיינע באַציִונגען פֿאַרבונדן מיט לאָגיק. און לאָגיק בינדט ניט צו. מיט דער זעלביקער לאָגיק קען מען שפּעטער אַנדערש טייטשן. חיים זשיטלאָווסקי איז דעריבער ניט געווען און האָט ניט געקענט זיין קיין סטאַבילער פּראָ־ציוניסטישער פֿאַקטאָר.

ראָטענבערג האָט עס גוט פֿאַרשטאַנען. דעריבער האָט זיך אים שטאַרק געוואָלט מער סטאַביל פֿאַרבינדן די זשיטלאָווסקי־אַנהענגער מיט ציוניזם. דערצו איז ראָטענבערג געווען — פּונקט דער היפּוך פֿון זשיטלאָווסקין — דער מענטש פֿון טאַט. טאַט האָט פֿאַרכאַפּט זיין גאַנצן וועזן. קאָנסטרוקטיוו בויען — דאָס איז געווען זיין ציל. אָן עלעקטרישע סטאַנציע קען מען ניט אויפֿקשטעלן אַזוי, אַז מען זאָל זי מאָרגן אַריבערטראָגן אין עפּעס אַ נייער טעריטאָריע, וואָס זשיטלאָווסקי האָט צייטנווייז געהאַפּט, אַז דאָס רעוואָלוציאָנערע רוסלאַנד וועט עס יידן געבן. ראָטענבערג האָט געמוזט האָבן אַ באָדן, ווו צו פֿאַרוואָרצלען זיין טאַט. ווען ער האָט זיך דערטראַכט צום געדאַנק, אַז דאָס יידישע פֿאָלק מוז האָבן אָן אייגן לאַנד, האָט דאָס לאַנד געמוזט זיין אַ באַשטימטס. זכרונות פֿון יוגנט האָבן געווירקט. די חלוצישע טאַט פֿון די יידישע אַרבעטער אין ישראל האָט געווירקט. אָן ספֿק האָט זאב זשאַבאָטינסקי אויך געווירקט. סתם זוכן טעריטאָריעס האָט ער דעריבער בשום אופֿן ניט געקענט גורס זיין. פֿאַר דער ריזיקע טאָמער וועט עס ניט געלינגען, האָט ער זיך אויך ניט געשראָקן. ער האָט געוווּסט, אַז יעדער נייער ציגל, אַריינגעבויט אין אַ ממשותדיקן בנין, מאַכט קלענער די ריזיקע. האָט ער זיך איבערגעגעבן זיין טאַט בכל לב ובכל נפֿש. אַז ער האָט קיין טעות ניט געמאַכט — ווייסן מיר איצטער.

דעם זשיטלאָווסקי־קרייז האָט ער אָבער זייער שטאַרק רעספּעקטירט. מיט זיין גאַנצן שטאַרקן ווילן האָט ער זיך אָפּגעגעבן אים צוצוציען. און אויך דאָ האָט ער געהאַט — ווען אַפילו בלויז אַ טיילווייזן — דערפאָלג.

אַזוי האָט פּנחס רוטענבערג געהאָלפן שרייבן וויכטיקע קאַפּיטלען אינעם לעבן פון אַמעריקאַנער יידנטום. אונדזער באַוועגונג קען אויך אין דעם געפינען באַרעכטיקטן שטאָלץ — זי האָט באַשאַפן די באַזע, אויף וועלכער פּנחס רוטענבערג האָט געקענט העלפן בויען.

חיים זשיטלאָווסקי
(געשריבן אין אַפּריל 1956)

ד״ר חיים זשיטלאָווסקי האָט געלעבט אין אַמעריקע צענדליקער יאָרן. אין משך פון דער גאַנצער צייט האָט ער אויסגעאיבט אַ גאָר באַדייטנדיקע השפּעה אויף אַמעריקאַנער יידישע מאַסן, בעיקר אויף דער ראַדיקאַלער אינטעליגענץ. אַ פול־שטענדיקע אָפּשאַצונג פון זיין פּערזענלעכקייט און פון זיין השפּעה דאַרף נאָך געשריבן ווערן. אַזאַ אַלזייטיקע אָפּשאַצונג וועט זיכער דאַרפן געמאַכט ווערן פון אַן אומפּאַרטייאישן פאָרשער. איך בין ביידע זאַכן ניט: ניט אומפּאַרטייאיש און ניט קיין פאָרשער. סיי אין כמות, סיי אין איכות מוז מיין היינטיקע אַרבעט זיין אַ זייער באַגרענעצטע.

אַזאַ אַלזייטיקע אָפּשאַצונג פון ד״ר חיים זשיטלאָווסקי וואָלט געדאַרפט אויפ־קלערן זיינע מערקווירדיקע גייסטיקע און אידעישע גלגולים: וועגן זיין שטעלונג צום ציוניזם, וואָס האָט זיך עטלעכע מאָל געביטן; וועגן זיינע טעאָרעטישע מיינונגען, סיי סאָציאַליסטישע, סיי יידישע, וואָס האָבן זיך אויך גאַנץ אָפּט געענ־דערט; וועגן זיין בליק אויף דער יידישער געשיכטע, וואָס האָט אויך דורכגעמאַכט וויכטיקע גייסטיקע זיגזאַגן, ווי בכלל זיינע פילאָזאָפישע שיטות; וועגן זיין יידישיזם — די איינציקע פון אַלע זיינע אידעישע איינשטעלונגען, אין וועלכער ער האָט זיך געהאַלטן פעסט זיין גאַנצן לעבן; וועגן זיין טעריטאָריאַליזם, אין וועלכן ער האָט זיך אויך טעאָרעטיש געהאַלטן פעסט, אָבער מיט גאָר אַן אַנדער באַציִונג ווי צו יידיש; וועגן זיין צושטייער צו ליטעראַטור, בעיקר צו ליטעראַטור־קריטיק; וועגן זיין אייגנאַרטיקן סטיל, אין ריידן און אין שרייבן, וואָס האָט אָן אַ ספק משפּיע געווען אויף אַ גאַנצן דור פון שפּעטערישע יידן; וועגן דעם קאַפּיטל פון זיין געזעל־שאַפטלעכע עסקנות, וואָס איז געווען גאָר אַ באַדייטנדיקער; וועגן זיין ספּעציעלע פעיִקייט אַרומצוקלייבן אַרום זיך חסידים, פונקט טאַקע, ווי אַ רבי, ווייל אָפּט האָבן גאָר זיינע חסידים ניט געקענט אַריינדרינגען לעומקא דדעתו.

צום שווערסטן וועט זיין אויפצוקלערן זשיטלאָווסקיס זייער קאָמפּליצירטע שטעלונג צום באָלשעוויזם. אין די סאַמע ערשטע יאָרן, ווען אין געמיט פון די מערסטע יידישע סאָציאַליסטן האָט די רוסישע רעוואָלוציע נוסח לענין־טראָצקי דווקא אָנגעטראָפן אויף גרויסער סימפּאַטיע (ווייל דער אָרעאָל פונעם געגאַרטן, פולשטענדיקן נצחון איבערן צאַריזם האָט זי אַרומגערינגלט), האָט זשיטלאָווסקי געהערט צו די סאַמע עקסטרעמע אַנטי־באָלשעוויקעס. עס קען זיין, אַז דאָן האָט אויף אים געווירקט דער פאַקט, וואָס זיין פּאַרטיי, די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, איז אַזוי ברוטאַל באַהאַנדלט געוואָרן פון די באָלשעוויקעס. דאָס זעלבע געפיל האָבן דאָן אויך געטיילט אַ סך אַנדערע סאָציאַליסטן, וואָס האָבן ניט אָנגענומען דעם פּראָגראַם פון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן. אָבער ביי די מערסטע האָט איבערגעוויגן אַן אַנדער פאַקטאָר פון יענער צייט, וואָס האָט אויפגעשטורעמט

די וועלט: לאַנגע חדשים האָבן זיך געצויגן די ספקות, אויב די ערשטע צייטווייליקע רעגירונגען — פריער פון לוואָוו-מיליוקאָוו און נאָך דעם פון אַלעקסאַנדער קערענסקי — וועלן אויסהאַלטן. דאָס האַרץ האָט געציטערט, אַז אָט די פרוּוון זאָלן חלילה ניט האָבן די זעלביקע רעזולטאַטן וואָס די „רעוואָלוציע" פון 1905. אויב ניט ניקאָליי דער צווייטער, וועט קומען אַן אַנדער צאַר. זיינען געקומען לענין און טראָצקי און האָבן געמאַכט אַ שאַרפן שניט אין היסטאָרישן חשבון און האָבן דעם צאַריזם אויף אייביק באַזייטיקט. אַזוי האָבן די מערסטע סאָציאַליסטן דאַן געטראַכט, און דעריבער האָבן זיי געזוכט צו „פאַרגעסן" די מיאוסע מעטאָדע, דורך וועלכע לענין האָט דערגרייכט זיין ציל. אָבער זשיטלאָווסקי האָט זיך געציילט צווישן די ווייניקע, וואָס האָבן בשום אופן ניט געוואָלט פאַרגעסן. טאָ ווי קען מען דערקלערן, וואָס דווקא אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען כמעט אַלע פרייע סאָציאַליסטן האָבן שוין דערשפּירט דאָס גרויסע אומגליק, וואָס דער באָלשעוויזם ברענגט פאַר דער גאַנצער מענטשהייט, דווקא דאַן, ווען די ברוטאַליטעט פון „בלויז" צעטרייבן אַן אויסגעקליבענע דומע האָט זיך אַנטוויקלט צו דער מדרגה פון אויסמאָרדן אַלע פירער פון דער רעוואָלוציע דורך איין ברוטאַלן הענקער, דווקא דאַן איז חיים זשיטלאָווסקי אַריבער אין לאַגער פון די באָלשעוויקעס?

אַ באַזונדערע שטודיע פאַרדינט זשיטלאָווסקיס איבערלעבונג פון דער שרעקלעך-טראַגישער אַזעף-פּרשה, וואָס האָט אים חדשים נאָכאַנאַנד אַרויסגעשלאָגן פון גלייכגעוויכט. אָט די פּרשה וועט אָן ספק אַרויסברענגען זייער אינטערעסאַנטע שטריכן פון דער זשיטלאָווסקי-פּערזענלעכקייט. דאָס אַלץ וועט דאַרפן פעסטשטעלן אַן אומפּאַרטייאישער פאָרשער. מיין הײנטיקע אַרבעט וועט זיין באַגרענעצט צו צוויי שטחים: צו די ערשטע יאָרן פון זיין קומען קיין אַמעריקע און צו די באַציִונגען צווישן אים און אונדזער באַוועגונג ביז ער איז אַוועק צום באָלשעוויסטישן לאַגער.

✶

ד"ר חיים זשיטלאָווסקי איז געקומען קיין אַמעריקע אין יאָר 1905, צוזאַמען מיט קאַטערינאַ ברעשקאָווסקאַיאַ, וועלכער מען האָט מיט ליבשאַפט גערופן „די באַבושקאַ". זיי זיינען אַהער געקומען אין שליחות פון דער פּאַרטיי סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן. די דאָזיקע פּאַרטיי האָט זיך דאַן געפונען אין סאַמע שפּיץ פון איר רום. מיט איר נאָמען האָט מען זיך ממש געשפּיגלט ניט נאָר אין רוסלאַנד, נאָר אין דער גאַנצער וועלט — ניט בלויז סאָציאַליסטן און רעוואָלוציאָנערן, נאָר אויך פיל סאָלידע קאָנסערוואַטאָרן און אַפילו אַ צאָל פון גרויסע קאַפּיטאַליסטן. די צאַרישע רעגירונג איז דאַן אַזוי פאַרהאַסט געווען אין דער וועלט, אַז אַפילו עקסטרעמע פּאַציפיסטן האָבן אויפגענומען מיט קנאה די געלונגענע טעראָריסטישע אַקטן פון דער באַרימטער „באָיעוואַיאַ אָרגאַניזאַציאַ" — די קאַמף-גרופּע פון דער פּאַרטיי ס. ר.

אין דער יידישער קאָלאָניע איז די פאַרהערלעכונג פון אָט דער פּאַרטיי געשטיגן נאָך העכער. די פּאָגראָמען, וואָס די צאַרישע רעגירונג האָט אָרגאַניזירט אויף יידן, האָבן אַרויסגערופן צו איר ניט נאָר האַס, נאָר אויך אַ תשוקה צו זען אין איר אַ נקמה. דער יידישער אימיגראַנט האָט זיך פשוט געקוויקט מיט דער

ידיעה וועגן אַ געלונגענעם אַטענטאַט פון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן קעגן דער צאַרישער רעגירונג.

פאַרשאַרפט האָבן דעם דאָזיקן מצב־רוח אין דער יידישער קאָלאָניע נאָך אייניקע פאַקטאָרן, וואָס האָבן אַרויסגעשטראָמט פון דער אַלגעמיינער לאַגע, אין וועלכער די יידישע מאַסן האָבן זיך דאַן געפונען: דאָס ביטערע לעבן, וואָס דער יידישער אימיגראַנט האָט דאַן געפירט, ווען ער האָט זיך געמוזט צופּאַסן צו שווערער פיזישער אַרבעט פון יענער צייט; די גייסטיקע אָפּגעריסנקייט פון דער טיפער יידישקייט אין דער אַלטער היים פאַר וועלכער ער האָט דאַן נאָך קיין ערזאַץ ניט געפונען; אַ גרויסע טייל פון דער דאָזיקער אימיגראַנטן־מאַסע איז אַליין געקומען פון רוסלאַנד, וואָס האָט דאַן איינגעשלאָסן אויך גאַנץ פוילן (אויסער גאַליציע), אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד, ליטע, לעטלאַנד און עסטלאַנד, איבערלאָזנדיק טיילן פון זייערע משפחות אונטער דער גוואַלט פון דער צאַרישער הערשאַפט; אַ גרויסער טייל האָט אויך געליטן דערפון, וואָס זייערע משפחות זיינען בכלל געווען צעריסן און ניט צוזאַמען מיט זיי; צו אָט די אַלע אַלגעמיינע פאַקטאָרן דאַרף מען נאָך צוגעבן די סאָציאַליסטישע, אָדער אַנאַרכיסטישע אַגיטאַציע פון יענער צייט, וואָס האָט אין אַ פאַרפלאַכטער פאָרעם אָנגעהויבן ווערן דער ערזאַץ — און טאַקע ניט מער ווי אַן „ערזאַץ" — פאַר דער אויסליידיקונג פון דער יידישקייט־קולטור פון יענע מאַסן אין יענע צייטן. אָט די פאַקטאָרן האָבן פאַרטיפט די שנאה קעגן צאַריזם.

און אָט זיינען געקומען צוויי מענטשן, ווי שליחים פון דער דאָזיקער פאַרטיי, צו באַקענען געוויסע אַמעריקאַנער — איינגעשלאָסן אויך יידישע קרייזן, מיט דעם מצב פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. איינע פון זיי — די „באַבושקאַ" — איז אין דער פאַנטאַזיע פון דער יידישער באַפעלקערונג דירעקט פאַרבונדן געוואָרן מיט דער „באָיעוואַיאַ אָרגאַניזאַציאַ" *.

דער צווייטער, ד"ר חיים זשיטלאָווסקי, איז אין די יידישע סאָציאַליסטישע קרייזן — אויך אין אונדזער גרופּע — אָנגענומען געוואָרן סיי ווי דער, וואָס האָט פאָרמולירט די טעאָרעטישע פּראָגראַם פון אָט דער אַזוי הויך געשעצטער פּאַרטיי, סיי ווי אַ זייער נאָענטער מענטש צו די פירער פון דער „באָיעוואַיאַ אָרגאַניזאַציאַ", סיי ווי אַ סאָציאַליסטישע פיגור, וואָס איז אויך אַ נאַציאָנאַלער ייד. דאָס אַלץ איז ער אָן ספק געווען.

די קליינע גרופּע פּועלי־ציון, דאָס זעלביקע אויך די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן, האָבן זיך נאָך געפילט שטאַרק איינזאַם אין דער יידישער אימיגראַנטן־קאָלאָניע. וואָס עס טוט זיך אין איינגעזעסענע יידישע קרייזן דאָ אין אַמעריקע — האָבן מיר נאָך ווייניק געוווּסט. בלויז פון צייט צו צייט האָבן אייניקע פון אונדז זיך באַגעגנט מיט פאָרשטייער פון יענע קרייזן (אייגנטלעך מיט איין איינציקן

---

* ווי ווייט דאָס איז געווען אמת — ווייס איך עד היום ניט. קיין עקספּערט אין דער געשיכטע פון דער ס. ר.־פּאַרטיי אין רוסלאַנד בין איך ניט. וועגן דער „באַבושקאַ" שרייב איך היינט ניט. האַלט איך עס אויך ניט פאַר מיין חוב דעם דאָזיקן פאַקט אויסצופאָרשן. בעיקר גייט עס מיר קלאָר צו מאַכן די שטימונג פון דער יידישער אימיגראַנטן־קאָלאָניע אין יענער צייט. — ב. צ.

פאַרשטייער: ד״ר יהודה לייב מאַגנעס, וועגן וועמען איך האָב זייער אָפט געשריבן, בעיקר אין פאַרבינדונג מיטן פאַרזוך אויפצושטעלן אַ יידישע קהילה אין ניו־יאָרק. זע מיין צוויטן באַנד זכרונות, ז׳ 28 און ווייטער). אָבער אונדזער לעבן, אונדזערע נשמות, זיינען געווען ענג פאַרבונדן מיט דער יידישער אימיגראַנטן־מאַסע. זי האָט דאַן געהאַט אירע פירער — באַרעכטיקטע אָדער ניט איז אַ באַזונדערע פראַגע — וועלכע האָבן אונדז פּשוט אויסגעלאַכט. עס איז דעריבער זייער פאַרשטענדלעך, פאַר וואָס אונדזערע גרופּן האָבן מיט גוואַלטיקן נייגיר, און אויך ניט אָן אַן אינערלעכן ציטער, דערוואַרט די ערשטע עפנטלעכע אויפטריטן פון ד״ר חיים זשיטלאָווסקי: ווער ווייסט, וואָס אָט דער נייער יידישער סאָציאַליסט, מיט אַזאַ הויכן פּרעסטיזש, טראָגט אין זיך לגבי דער יונגער באַוועגונג, וועלכע שטיקט זיך אין איינזאַמקייט, וועלכע ברענט מיט צער און צאַרן קעגן דעם „סאָציאַליזם״ פון די דעמאַלטיקע פירער פון דער יידישער עמיגראַנטן־קאָלאָניע?

✶

לאַנג וואַרטן האָבן מיר ניט געדאַרפט. שנעל איז פאַר אונדז קלאָר געוואָרן, וואָס ער ברענגט מיט זיך פאַר אונדז. זיינע ערשטע אויפטריטן, אין אַ לאַנגן ציקל פון לעקציעס, זיינען געווען ווי אַ באַלזאַם פאַר אונדזערע צעוויייטיקטע הערצער, כאָטש זייער אָפט האָבן מיר ניט געקענט מסכים זיין מיט זיינע מיינונגען. אָבער וואָס פאַר אַן אונטערשייד! אויך יענע פון זיינע מיינונגען, וועלכע מיר האָבן ניט געטיילט, האָבן דאָך ניט אַרויסגערופן קיין פאַרדראָס, אדרבא! זיי האָבן אַרויסגע־רופן טיפע מחשבה. דאַקעגן די „מיינונגען״ פון די דעמאַלטיקע וואָרטזאָגער אין דער פאַרהאָרעוועטער יידישער מאַסע, האָבן אונדז פּשוט טיף באַליידיקט. אַז אויך צווישן די דעמאַלטיקע סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן זיינען געווען נאַציאָנאַלע יידן — האָבן מיר זיך ערשט שפּעטער דערוווּסט. הויפּטזעכלעך טאַקע דורך זשיט־לאָווסקיס עפנטלעכע אויפטריטן.

עס איז נויטיק צו ברענגען אייניקעביישפּילן פון אייגענער איבערלעבונג, כדי קלאָרער צו פאַרשטיין וואָס זשיטלאָווסקיס אויפטריט האָט פאַר אונדז באַדייט. ווער עס מיינט, אַז די געדרוקטע מאַטעריאַלן פון יענער עפּאָכע גיבן אַ פולן בילד פון דער יידיש־גייסטיקער ירידה אין יענער צייט, האָט אַ טעות. אמת, די געדרוקטע דאָקומענטן דערציילן אויך גענוג, אָבער זיי גיבן עס שוין איבער אין אַ צוגעפּוצטער פאָרעם. דער „רוי־מאַטעריאַל״ פון יענעם גייסטיקן שטאָף איז צוגעטראָגן געוואָרן אין די זייער אָפטע „לעקטשורס״ פון הויפּטזעכלעך צוויי „לעקטשורערס״: בנימין פייגנבוים און לעאָ ראָזענצווייג. זיי זיינען, אגב, געווען גוטע פאָלקס־רעדנער, און דער עולם האָט ממש געשטראָמט זיי צו הערן. אונדזער פאַרדראָס איז דעריבער געווען געווענדעט בעיקר קעגן זיי. איך מיין, אַז מיינע פּערזענלעכע איבערלעבונגען זיינען געווען ענלעך צו די איבערלעבונגען פון פיל אַנדערע חברים, סיי פּועלי ציון, און סיי סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן.

מיין קומען קיין אַמעריקע אין פעברואַר 1904 איז געווען פאַרבונדן מיט אַ מערקווירדיקער פּאַסירונג אין ווילנע אין 1903. אין בין דאַן געווען נאָך צו ישיבה־בחוריש און צו יונג בכדי צו האָבן אַ מגע ומשא מיט פּאָליטישע באַוועגונגען אין

רוסלאַנד. גענעכטיקט האָב איך אין דער שוסטער־קלויז, וואָס איז געווען אין לייב־לייזערס הויף. עס איז דערציילט געוואָרן — לעגענדע, אָדער פאַקט, ווייס איך ניט — אַז אין זעלביקן הויף איז געבוירן געוואָרן דער ווילנער גאון. אַ פּאָר מאָל אין וואָך פלעג איך גיין הערן אַ „שיעור", וואָס ר׳ חיים עוזר גראָדזענסקי האָט דאָן געזאָגט פאַר אַ „קיבוץ" פון יונגע ייִנגלעך. איין פרייטיק־נאָכמיטאָג איז אין דער שוסטער־שער קלויז אַריינגעקומען אַ הויכער, דאַרער יונגערמאַן און מיר געבראַכט „ליטער־ראַטור" (דאָס דאָזיקע וואָרט האָב איך נאָך ביז דאָן ניט געהערט!): אַ ביכל און אַ „פּראָקלאַמאַציע" (אויך דאָס וואָרט האָב איך נאָך ביז דאָן ניט געהערט). געבראַכט די מתנה און — פאַרשוווּנדן. פרייטיק צו נאַכטס האָב איך אַהין אַריינגעקוקט. דאָס געדרוקטע שטיקל פּאַפּיר (די פּראָקלאַמאַציע) האָב איך שנעל איבערגעלייענט און עס האָט מיך פאַרכאַפּט. דאָס איז געווען אַ שריפט פון לאָדזשער קאָמיטעט פון „בונד" צום צווייטן יאָרצייט פון הירש לעקערט. געשריבן איז עס געווען מיט רע־וואָלוציאָנערן פּאַטאָס און גערעדט גלייך צום האַרץ, וועגן דעם קידוש השם־אַקט פון הירש לעקערט. אָבער דאָס ביכל איז געווען פאַר מיר שווער דורכצוקריכן. עס האָט גערעדט וועגן „רעליגיאָן" (אַ וואָרט, וואָס איך האָב שוין יאָ פאַרשטאַנען), וועגן „קלאַסנקעגנזאַצן" (אַ וואָרט, וואָס איך האָב ניט פאַרשטאַנען) און נאָך טער־מינען, וואָס איך האָב ניט תופס געווען. אַ ביסל האָט עס שטאַרק באַרירט מיין שטאָלץ: איך בין שוין דאָן דורכגעגאַנגען ברוך־השם גאַנץ שווערע סוגיות אין תלמוד, האָב שוין אַ רעכט ביסל אַריינגעדרונגען אַפילו אין „יורה דעה", און דאָ זע איך פשוטע יידישע ווערטער, און דאָך פאַרשטיי איך זיי ניט! דער מחבר פון ביכל — בנימין פייגנבוים. ווערט, בכן, דער דאָזיקער נאָמען אין מיין זכרון פאַר־בונדן מיט טיפקייט, מיט חקירה, מיט לומדות.

אין מיטן דער נאַכט איז געקומען פּאָליציי און געפונען ביי מיר ביידע טריפה זאַכן. האָט מען מיך אַרעסטירט. קיין רוסיש — וואָס זאָל איך מיך שעמען — האָב איך ניט פאַרשטאַנען. האָבן די פּאָליציסטן, סיי די, וואָס האָבן מיך אַרעסטירט, סיי די, וואָס האָבן מיך אויסגעפרעגט אין אוטשאַסטאָק, געמיינט, אַז איך פאַרשטעל זיך. האָבן זיי דעריבער געמיינט, אַז זיי האָבן געכאַפּט גאָר אַ גרויסן רעוואָלוציאָנערן העכט. האָט מען מיך פאַרשפּאַרט. שבת האָבן די יידן גאָרניט געקענט טאָן, זונטיק האָבן די גויים גאָרניט געוואָלט טאָן, בין איך געזעסן דריי טעג. ערשט מאָנטיק האָט זיך ר׳ חיים עוזר זכרונו לברכה משתדל געווען און מען האָט מיך באַפרייט. אָבער די גאַנצע דריי טעג אין אַרעסט און פיל טעג און וואָכן שפּעטער האָב איך געדענקט דעם נאָמען בנימין פייגנבוים.

ווען טאַטע־מאַמע אין קליינעם שטעטל האָבן זיך דערוווּסט פון מיין אַרעסט האָבן זיי זיך גוט דערשראָקן. האָבן זיי באַשלאָסן, אַז עס איז בעסער צו טראַנספּאָ־רירן זייער זינדיקן זון קיין אַמעריקע, וווּ זיין עלטערער ברודער האָט זיך שוין דאָן געפונען נאָענט צו דריי יאָר. ניט אַזוי שנעל האָט מען געקענט צוזאַמענשלאָגן הוצאות, ווייל מען האָט שוין באַשלאָסן, אַז דער טאַטע מיט דער עלטערער טאָכטער זאָלן אויך תיכף פאָרן. די מאַמע מיט די ייִנגערע קינדער וועלן שוין מוזן בלייבן ביז מען וועט זיי קענען אַריבערנעמען. דער ענין האָט זיך געצויגן איבער דריי

פערטל יאָר און אין פעברואַר 1904 זיינען מיר — דער טאַטע, מיין שוועסטער און איך — בעזרת השם אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק.

אין די 9 חדשים בין איך דורכגעגאַנגען אַ גאַנצן לעבנס־אוניווערסיטעט. פּונקט אין יענער צייט האָט ד״ר הערצל באַזוכט ווילנע. זיין באַזוך האָט מיך פאַראינטערעסירט אין ציוניזם; די אויבנדערמאָנטע הירש־לעקערט פּראָקלאַמאַציע האָט דערציילט וועגן סאָציאַליזם, וועגן רעוואָלוציע. אין קאָפּ און האַרץ האָט עס אָנגעהויבן שטורעמען. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ מין ציוניסטישער סאָציאַליזם, וואָס קיין נאָמען האָב איך פאַר דעם ניט געהאַט. און דורך דער גאַנצער צייט האָט אַרומגעשוועבט ערגעץ אין זכרון דער נאָמען בנימין פייגנבוים.

אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק, האָב איך באַמערקט אַן אַנאָנס, אַז עס עקזיסטירט אַ ראַדיקאַל־נאַציאָנאַלער פאַראיין „פּועלי ציון״. האָב איך דערשפּירט: דאָס איז מיין אָרט. איך האָב זיך גלייך אָנגעשלאָסן און איך בין געוואָרן אַ פלייסיקער לייע־נער פון די יידישע צייטונגען. אַרום נאָך פּסח פון יענעם יאָר האָב איך באַמערקט אין „פאָרווערטס״ אַ מעלדונג, אַז אין זעלביקן אָוונט וועט „לעקטשורן״ בנימין פייגנ־בום אויף דער טעמע: „פון וואַנען שטאַמט דאָס יידנטום?״

*

עס איז ניט שווער זיך פאָרצושטעלן, וואָס איך האָב יענעם אָוונט געפילט, מיט וועלכן אומגעדולד איך האָב אָפּגעוואַרט די עטלעכע שעה ביז איך האָב געקענט גיין, ערגעץ אינעם גאַליציאַנער קוואַרטאַל, הערן דעם מענטשן, וועגן וועמען איך האָב אַזוי פיל מאָל געטראַכט. דערצו האָט נאָך די טעמע אויך געצויגן. אין מיין נײַן־מאָנאַטדיקן פּערזענלעכן אוניווערסיטעט אין ווילנע האָט מיר פיל אַרויסגע־האָלפן דער קדוש חייקל לונסקי, זכרונו לברכה (וועלכער איז געווען דער ביבליאָ־טעקאַר פון דער באַרימטער שטראַשון־ביבליאָטעק). ער האָט מיך געשפּייזט מיט ליטעראַטור, הויפּטזעכלעך ציוניסטישע, סאָציאַליסטישע און וועגן יידישע געשיכטע. דערפאַר האָבן מיך די ענינים פון דער געשיכטע פון יידישן פאָלק אָנגעהויבן זייער שטאַרק פאַראינטערעסירן.

בין איך געקומען צו יענער פאַרזאַמלונג און מיין אַנטוישונג איז געווען אַזוי וויטאָגדיק, אַזוי ווי אַ גאָט וואָלט אין מיין האַרץ זיך צעבראָכן. פייגנבוים האָט אויס־געקליבן די דאָזיקע טעמע, ווייל דאַן איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן פּראָפעסאָר דע־ליטשעס בוך וועגן „בבל און דער תנ״ך״. דער פּראָפעסאָר זוכט צו פאַרענטפערן, אויפן יסוד פון אַלטערטימלעכע שריפטן, וואָס זיינען דאַן אויסגעפונען געוואָרן, ווער איז געווען פריער: בבל אָדער די „ביבל״ — דער תנ״ך? און דעם איינציקן געדאַנק וואָס בנימין פייגנבוים האָט דאַן אַרויסגעבראַכט איז געווען — אין זיין שאַרפן פּויליש־יידישן אַקצענט — אַז דער דאָזיקער דעליטש איז אַ „משוגענער דאַטש״; אַ חילוק אונדז צי מיר זיינען געווען פריער אָדער בבל! אַז אונדז קימערט גאָרניט פון וואַנען מיר שטאַמען. זאָל זיין פון אַ קאָזאַק, אַבי מיר לעבן. דערמיט האָט ער אָפּגעפּטרט דעם גאַנצן ענין פון וואַנען עס שטאַמט דאָס יידנטום.

אָבער מען קען דאָך ניט אויספילן דעם גאַנצן אָוונט מיט אַזאַ „לעקטשור״, איז ער געפאַלן אויף אַ צווייטער המצאה: אַזוי ווי דאַן האָט אין דער יידישער גאַס

זיך געטומלט וועגן אוגאַנדע, וואָס די ענגלענדער האָבן אָנגעבאָטן דעם ציוניסטישן קאָנגרעס, האָט פּייגנבוים וועגן דעם אויך געהאַט עפּעס צו זאָגן. און אָט איז זיין „טיפע" דערקלערונג איבער אַן ענין וואָס מיר, אַ גרופּע יונגע בעלי־הלומות, האָבן דאַן מיט אַזוי פיל וויטיק איבערגעלעבט, פּרעגנדיק זיך: וווהין גייט די יידישע געשיכטע? גייט זי צוריק קיין ארץ־ישראל, אָדער זי פאַרקירעוועט זיך גאָר אויף אַ נייעם וועג? בנימין פּייגנבוים האָט דערביי געהאַט „זיין" דערקלערונג:

„איר ווייסט" — האָט ער זיך געווענדעט צו די הונדערטער מענטשן, וואָס זיינען אים געקומען הערן — „פאַר וואָס גאַרדוי און זאַנגוויל זיינען פאַר אוגאַנדע? — איך וועל עס אייך דערקלערן: זיי באַטראַכטן זיך פאַר די מאָדערנע משה רבינוס און אַזוי ווי משה רבינו האָט פריער חתונה געהאַט מיט אַ גויע, נאָכער האָט ער נאָך גענומען אַ כושית, אַ נעגערקע, ווילן זיי אויך אַזוי טאָן: גויעס האָבן זיי שוין, ווילן זיי שלעפּן דאָס יידישע פאָלק קיין אוגאַנדע, בכדי זיי זאָלן קענען חתונה האָבן מיט נעגערטעס".

אין איין אָוונט האָט מיין געמיט רעוואָלטירט קעגן דעם נאָמען בנימין פּייגנ־בוים. דערביי מעג איך דערציילן, וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט אויף אָט דעם פאַר מיר „היסטאָרישן" מיטינג.

איך האָב זיך אָנגענומען מיט קוראַזש און מיט מיין ניגון, וואָס איך האָב מיט־געבראַכט פון די ישיבות, געפרעגט די דאָזיקע פראַגע:

„געהאָסע פּייגנבוים, איר האָט אָפּגערעדט איבער אַ שעה און איר האָט נאָך אַלץ גאָרניט דערציילט פון וואַנען שטאַמט דאָס יידנטום"? אָפּגעזאָגט און זיך אַוועק־געזעצט. זיינען צוגעקומען עטלעכע חברה־לייט, געכאַפּט מיך אונטער די הענט און נאָכן דערלאַנגען מיר אַ פּאָר בוכצעס, האָבן זיי מיך אַרויסגעוואָרפן... איך האָב זיך געפילט זייער, זייער דערשלאָגן. איך האָב ניט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין: צוליב אים בין איך עס אַרעסטירט געוואָרן? און וואָס האָב איך דאָ חוטא בעגל געווען — מען טאָר שוין ניט פרעגן אַ פּשוטע פראַגע?

דעם איינציקן מענטשן, וואָס איך האָב דאַן געקענט, איז געווען דער שפּעטער באַקאַנט געוואָרענער ציוניסטישער פירער אַב. גאָלדבערג ז"ל. ער איז געווען דער פאָרזיצער פון דעם ראַדיקאַל־נאַציאָנאַלן פאַראיין פועלי ציון. הגם עס איז געווען שפּעט ביי נאַכט, בין איך אַוועק צו אים, דערציילט די געשיכטע און אַ כמעט וויינענדיקער אים געפרעגט, פאַר וואָס עס איז מיר געקומען אַזאַ באַהאַנדלונג.

ער האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן מיט זיינע טיפע, ברענענדיקע אויגן און אָנ־געהויבן שמייכלען. ער האָט געבעטן, אַז איך זאָל פאַר אים נאָך אַ מאָל איבערזאָגן די פראַגע, וועלכע איך האָב געשטעלט פּייגנבוימען, אָבער מיט אַלע פּיטשעווקעס. עס האָט מיר ניט געהאָלפן דאָס ברוגזן זיך אויף אים, וואָס ער מאַכט גאָר פון מיר חוזק. איך האָב געמוזט איבערזאָגן. דאַן איז דער שמייכל ביי אים נאָך ברייטער געוואָרן. „ברוכקע" — האָט ער געזאָגט — „דאַרפסט ניט זיין אין כעס. צוליב דיין ישיבה־בחורישן טאָן און ניגון האָבן פּייגנבוימס חסידים געמיינט, אַז דו מאַכסט פון אים גאָר חוזק. מען האַלט אים פאַרן „גראָבן פינגער" פון דער באַוועגונג. האָבן זיי זיכער געמיינט, אַז דו האָסט מיט דיין ישיבה־בחורישן ניגון געוואָלט אויף דעם

מרמז זיין״. אַמעריקע — פּאַרענדיקט גאָלדבערג — איז אַ פריי לאַנד, פּראָגן מעג מען שטעלן, אָבער חוזק טאָר מען פון קיינעם ניט.

איך מיין אַז אַב. גאָלדבערג איז געווען גערעכט. אין שפּעטערדיקע יאָרן, ווען די יידישע גאַס האָט אָנגעהויבן פּראָדוצירן וויץ־בלעטער מכל המינים האָט מען אָפּט געקיבעצט פייגנבוימען, אָבער זעלטן ווען האָבן די קאַריקאַטורן פאַרגעשטעלט זיין פּנים. מען האָט בלויז אויסגעמאָלט אַ גראָבן פינגער, פאַרדרייט אַ ביסל אַרויף און דאָס האָט אים סימבאָליזירט. שפּעטער זיינען פאַר אונדז קלאָרער געוואָרן אַ סך דערשיינונגען, וואָס דאַן, אין אָנהייב, האָבן מיר זיי אַנדערש אויפגענומען. אין מיין איצטיקער שילדערונג פון יענער צייט קען איך זיך אַפילו דערלויבן אַ ביסל הומאָר אויף מיין אייגענעם חשבון. אָבער פּרובירנדיק אַרויסברענגען וואָס ד״ר זשיטלאָווסקיס דערשיינונג איז פאַר אונדז געווען, מוז איך עס דאָך שילדערן לויט דעם, ווי מיר האָבן דאַן אויפגענומען דערשיינונגען.

מיר דאַכט זיך, אַז דאָס אויבן דערציילטע וועגן פייגנבוימען איז גענוג צו דערקלערן אונדזער פאַרביטערונג קעגן אַזעלכע „אויפקלערער״. איך וואָלט געהאַט אַ סך צו דערציילן וועגן זייערע „לעקטשורס״ איבער ציוניזם און יידישקייט. דעם שאַרפסטן אָפּשניט האָט פון זיי געקראָגן דער רבונו של עולם בכבודו ובעצמו. אים האָט מען געמאַכט אויסצודרייען. טאָמער האָבן געפעלט די אַזויגערופענע „וויסנ־שאַפטלעכע״ אַרגומענטן, איז דער הויפּט־אַרגומענט געווען זייער אַן „איבער־צייגנדיקער״: איך, „לעקטשורער״, זאָג, אַז עס איז קיין גאָט ניטאָ. אויב ער איז דאָ, איז ער דאָך אַ כל יכול, טאָ זאָל ער מיר וואַרפן אַ שטיין אין קאָפּ צו באַווייזן, אַז ער איז יאָ דאָ. אָפּגעוואַרט אַ מינוט — קיין שטיין אין קאָפּ איז ניט געפאַלן. דאַן קומט דער טריומפירנדיקער אויסגעשריי: איר זעט?! און די „חסידים״ ווערן צעשמאָלצן פון נחת, וואָס דער „לעקטשורער״ האָט מנצח געווען דעם רבונו של עולם.

נאָך צוויי פּערזענלעכע דערפאַרונגען פון אָט דעם מין און עס וועט נאָך בולטער ווערן, וואָס זשיטלאָווסקיס אויפטריטן האָבן פאַר אונדז געמיינט. דער צווייטער „לעקטשורער״ פון זעלביקן חדר איז געווען לעאָן ראָזענצווייג. ער פלעגט אָנאָנסירן טעמעס פאַרבונדן מיט אַסטראָנאָמיע. ביז איך איין מאָל געגאַנגען הערן וועגן אַזאַ טעמע. דער אָנהייב איז שוין געווען אַ זייער כאַראַקטעריסטישער:

„גענאָסן״ — האָט ער אָנגעהויבן — „אויב איך וועל צו אייך ריידן וועגן אַס־טראָנאָמיע, וועט איר דאָך סיי ווי סיי ניט פאַרשטיין, וואָס איך זאָג. וועל איך אייך בעסער באַווייזן, אַז גאָט איז אַ ליגנער״.

דאָ האָט אים אַ צוהערער איבערגעריסן מיט אַן אויסגעשריי: „גענאָסע ראָזנ־צוויג, איר האָט דאָך פאַראַכטאָגן באַוויזן, אַז עס איז גאָר קיין גאָט ניטאָ, טאָ ווי אַזוי זאָגט איר היינט, אַז ער איז אַ ליגנער״? דער „לעקטשורער״ האָט זיך ניט פאַרלוירן און געענטפערט: „איך בין טאַקע איבערצייגט, אַז ער איז בכלל ניטאָ, אָבער אויב ער איז יאָ דאָ, איז ער אַ ליגנער״.

און דאָ האָט ער אַנטוויקלט זיין לומדות. מיט טריומף האָט ער עס באַוויזן פון גאָטס אייגענער תורה און פון דעם סאַמע ערשטן פּסוק און פון דעם סאַמע

ערשטן וואָרט: בראשית. ער האָט זיך אַריינגעלאָזט אין דער חקירה פון „מה לפנים ומה לאחור“, פון דעם, צי די וועלט איז אַ קדמון און האָט פון דעם אַלץ „באַוויזן“, אַז דאָס וואָרט „בראשית“ איז אַ ליגן און אַז „דער רבונו של עולם האָט עס אַריינגעשטעלט אין זיין תורה, נאָר כדי אָפּצונאַרן זיינע יידעלעך“. טאַקע בזה הלשון!

אַ צווייטע „לעקטשור“ זיינע איז געווען געווידמעט דירעקט דעם ציוניזם. דאָן האָבן מיר זיך „מאָביליזירט“ און געגאַנגען דעבאַטירן מיט אים. אין זיין ענטפער האָט ער נעבעך אַזוי געזאָגט: „איר דאַרפט מיר מוחל זיין, גענאָסן, ציוניזם איז ניט מיין „לייך“, ציוניזם איז אין פייגנבוימס „לייך“. הערנדיק די דאָזיקע תשובה האָט איינער פון אונדזער חברה, אַ פינסקער סאָציאַל־טעריטאָריאַליסט (דאָרשינסקי האָט ער געהייסן. ווו איז ער ערגעץ איצט?) געבעטן דערלויבן אים שטעלן אַ פראַגע דעם לעקטשורער. ווען מען האָט עס אים דערלויבט, איז ער אַרויף אויף דער סאַמע טריבונע און האָט אויסגעזונגען: „גענאָסע ראָזנצוויג — אַז מען קען ניט און מען ווייסט ניט, נעמט מען זיך ניט אור־אור־אונטער“ און אונדזער גאַנצע חברה האָט געענטפערט אין אַ כאָר: „אי־אַי, אַי־אַי“!

*

אָט אַזאַ איז געווען די באַציִונג צו יידישקייט, יידישע געשיכטע, ציוניזם, טעריטאָריאַליזם, נאַציאָנאַלע קולטור פון יענע וואָרטזאָגער. און אָט איז געקומען ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, מיט דער סטאַזש פון אַ גרויסער סאָציאַליסטישער פיגור, אונטערגעשטיצט מיט דער רענאָמע פון דער רוסישער סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי, און געהאַלטן זיין ערשטע לעקציע, פון אַ גאַנצן ציקל, וועגן „רעוואָלוציעס אין דער יידישער געשיכטע“; ער האָט אַרומגענומען תקופה נאָך תקופה, אַרויסגעהויבן די באַדייטונג פון יעדער תקופה; אין אַ יידישער שפּראַך, וואָס ביז אים האָט קיינער אַזוי שיין ניט גערעדט און מיט געדאַנקען, וואָס דרינגען טיף אין מוח, מיט אַ געפיל, וואָס רעדט צום האַרצן. איך וועל קיין מאָל ניט פאַרגעסן דעם לעצטן זאַץ פון זיין ערשטער לעקציע:

„די פון אייך“ — האָט ער געזאָגט — „וואָס שרעקן זיך פאַרן סם פון יידישן נאַציאָנאַליזם, יענע ראַט איך זיי זאָלן זיך היטן פון שטודירן יידישע געשיכטע, זיי קענען נאָך אין דער אמתן פאַרגיפטן זייערע נשמות. אָבער די פון אייך, וואָס שרעקן זיך ניט פאַר אָט דעם סם, צו יענע רוף איך: שטודירט די יידישע געשיכטע! הפך בה והפך בה (ער האָט טאַקע גענוצט אָט דעם אַלטן אויסדרוק פון פרקי אָבות), און איר וועט פון איר שעפּן מוט פאַר אַלע רעוואָלוציאָנערע אידעען, וואָס באַוועגן איצט די בעסטע קינדער פון אַלע פעלקער. איר וועט דורך דעם געשטאַרקט ווערן אין אייער אייגענער תשוקה צו לעבן און שאַפן ווי נאַציאָנאַלע יידן, וואָס פאַרמאָגן אַן אומגעהויער־רייכע קולטור־ירושה“.

יאָ, די צוויי גרופּן, וואָס האָבן זיך שוין דאָן געהאַט צעטיילט — די פּועלי־ציון און סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן — האָבן אין יענעם אָוונט שלום געמאַכט צווישן זיך. אַ פּאָר צענדליק יונגע חברה האָבן אים פּשוט אַוועקגעכאַפּט פון זיינע נאָענטערע עלטערע מענטשן, מיט וועלכע ער איז געקומען, און האָבן אים אויף די

פּלייצעס אַרויסגעטראָגן אין גאַס — אין קלינטאָן־סטריט — און דעמאָנסטרירט מיט אים. מיין איצט שוין פאַרעלטערטער קאָפּ בייגט זיך נאָך אַלץ אין טיפן רעספּעקט צו די איבערלעבונגען פון יענער גרופּע פון יונגע חברה, צווישן וועלכע איך בין אויך געווען. זיי האָבן געפונען יענעם אָוונט אַ פּאָן אין דער געשטאַלט פון אַ פּערזאָן, וואָס האָט סימבאָליזירט אַלץ, וואָס אין זייערע נשמות האָט דאַן געלעבט. אָט דעם חסד־נעורים האָב איך קיין מאָל ניט געקענט פאַרגעסן חיים זשיטלאָווסקין אין אַלע זיינע זיגזאַגן, וואָס ער האָט שפּעטער דורכגעמאַכט, הגם אַ סך פון זיי האָבן אונדז טיף מצער געווען און מיר האָבן קעגן זיי שאַרף געקעמפּט.

יענער ערשטער, לאַנגער ציקל פון לעקציעס, וועלכע ער האָט געהאַלטן אין קלינטאָן־האָל וואָך־איין, וואָך־אויס, זיינען געווען די שבת־יום־טובדיקע טעג פון אונדזער אייגענעם בראשית אין אַמעריקע. זיי האָבן אַרומגענומען זיין פילאָזאָפישן צוגאַנג צו אַלע יידישע און אַלע מענטשלעכע פּראָבלעמען. זיי האָבן זיך פאַרענדיקט מיט לעקציעס וועגן „בונד", „ציוניזם", „סאָציאַליסטישער ציוניזם", „אחד העמיזם" און „טעריטאָריאַליזם". דאָס איז געווען אַ סעמינאַר פאַר אַ סך הונדערטער, וואָס זיינען געקומען וואָך־איין, וואָך־אויס צו די לעקציעס. עס זיינען געקומען אויך דיסקוטאַנטן פון אַלע ריכטונגען. די דיסקוסיעס און זיינע ענטפערס זיינען געווען אַ מין פּרפּראות לחכמה. געווען אויך אַזעלכע צווישן די דיסקוטאַנטן, וואָס האָבן צוגעשטעלט אַ ביסל פּרפּראות לשטות. אָבער אַרום און אַרום האָט אָנגעהויבן אַריינבלאָזן אין דער יידישער אימיגראַנטן־גאַס אַ נייער אָנגענעמער און היילנדיקער ווינט. מער פאַר אַלעמען האָבן עס געשפּירט די פּועלי־ציון און ס. ט., וואָס ביידע זיינען ביז דאַן גראָב אויסגעלאַכט געוואָרן. אונדזערע אַקציעס האָבן זיך שטאַרק אַ הויב געטאָן דורך חיים זשיטלאָווסקיס דערשיינען.

*

ווען די ערשטע האָניק־חדשים האָבן זיך פאַרענדיקט, זיינען געקומען וואָכע־דיקערע טעג און אויך וואָכעדיקערע באַציִונגען. אין די ערשטע קאַרגע 5 יאָר — פון זיין קומען ביז דער פאַראייניקונגס־קאָנפערענץ, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין שיקאַגאָ אין אָקטאָבער 1909 — האָב איך געהערט צו דער גרופּע, וואָס האָט גענאָסן פיל מער יום־טובדיקייט פון חיים זשיטלאָווסקי ווי די פּועלי־ציון. איך האָב געהערט צו די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן, מיט וועמען ער האָט זיך אָפּט באַגעגנט, הויפּטזעכלעך סוף 1905, אין אַ ספּעציעלן קאָמיטעט פאַר יידישער זעלבשוץ אין רוסלאַנד, פון וועלכן דער פאָרזיצער איז געווען ד״ר יהודה לייב מאַגנעס, זכרונו לברכה.

מיט אונדז, סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן, האָט ער זיך דעמאָלט באַזונדער באַגעגנט אויף פאַרשידענע עפנטלעכע פונקציעס. דורכן גאַנצן יאָר 1906 איז ער געשטאַנען אין נאָענטן קאָנטאַקט מיטן צענטראַל־קאָמיטעט פון די ס. ט. אין נאָ־וועמבער 1906 איז ער געווען דער הויפּט־רעדנער אויף אַ פּראָטעסט־פאַרזאַמלונג אָרגאַניזירט פון די ס. ט. קעגן די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד. און ווען דער אָרגאַן פון די ס. ט. — „דאָס פאָלק" — האָט אָנגעהויבן דערשיינען, שפּעט אין 1906, איז ער געווען איינער פון זיינע דריי רעדאַקטאָרן. די צוויי אַנדערע זיינען געווען: ד״ר

הלל זאָלאָטאַראָוו און משה קאַץ.ביידע זיינען נאָך דער שיקאַגער פֿאַראייניקונג אַריינגעטראָטן אין די פּועלי־ציון און זיינען דאָרט געבליבן ביז די לעצטע טעג פֿון זייערע רייכע, שעפֿערישע לעבנס. ליידער האָט זשיטלאָווסקי אָט דעם וועג ניט מיטגעמאַכט.

אַפֿילו מיט די ס. ט. איז ער אין יענע קאַרגע 5 יאָר אָרגאַניזאַציאָנעל ניט געווען פֿאַרבונדן. ער האָט דאָ אָרגאַניזירט אַן אייגענע גרופּע (פֿריער אונטערן נאָמען „סערפּ", שפּעטער אונטערן נאָמען „סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן־טערי־טאָריאַליסטן"), מיט וועלכער ער איז אָרגאַניזאַציאָנעל געווען פֿאַרבונדן אַ לענגערע צייט, ווי מיט יעדער אַנדערער גרופּע. פֿאַר די, וואָס זיינען באַקאַנט מיט דער געשיכטע פֿון יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין רוסלאַנד אינעם ערשטן פֿערטל פֿון איצטיקן יאָרהונדערט, וועט זיין גענוג ווען איך וועל זאָגן, אַז טעאָרעטיש האָט די אַמעריקאַנער גרופּע אָנגענומען די יסודות פֿון די סיימיסטן אין רוסלאַנד, כאָטש זיי איז קיינעם ניט איינגעפֿאַלן צו פֿאָדערן אַ ספּעציעלן יידישן „סיים" אין די פֿאַר־אייניקטע שטאַטן. די דאָזיקע גרופּע איז געווען די „סטראַטעגישע באַזע" פֿון די זשיטלאָווסקיאַנער אין אַמעריקע.

ער האָט מאָביליזירט אַ גאַר באַדייטנדיקע גרופּע געוועזענע אַנאַרכיסטן און בעיקר געוועזענע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן אין רוסלאַנד, וועלכע זיינען געוואָרן זיינע שטאַרקסטע חסידים. די גרופּע האָט עקזיסטירט איבער אַ צענדליק יאָר, אַפֿילו נאָך דעם ווי זשיטלאָווסקי איז אַריין אין דער פּועלי ציון־פּאַרטיי.

זיין דערנענטערונג צו די פּועלי־ציון האָט זיך אָנגעהויבן אינעם ווינטער 1908־1909. ער האָט דאַן גענומען פֿירן זיין שטאַרקע פּראָפּאַגאַנדע פֿאַר דער פֿאַראייניקונג פֿון די פּועלי־ציון, ס. ט. און „סערפּ". ער האָט שטאַרק געוואָלט אַריינציען אויך דעם „בונד" אין אַזאַ פֿאַראייניקונג. אין אַ סעריע אָפֿענע בריוו צו יעדער פּאַרטיי באַזונדער, וואָס ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין זיין חודש־זשורנאַל „דאָס נייע לעבן", האָט ער אַנאַליזירט די טעאָרעטישע יסודות פֿון אַלע פּאַרטייען באַזונדער און אַרויסגעבראַכט דעם גרויסן שטח, וואָס פֿאַראייניקט זיי. מיט אַ גע־וואַלטיקער בויגיקייט פֿון זיין לאָגיק האָט ער כמעט ווי מבטל געמאַכט די אונ־טערשיידן צווישן זיי. בנוגע „בונד" זיינען זיינע רייד געבליבן ווי אַ קול קורא במדבר. אין די ס. ט. האָט ער אָבער אָנגעטראָפֿן אויף אַ גרופּע, וואָס איז שוין פֿון פֿריִער געווען געניגט צו אַ צוריק־פֿאַראייניקונג מיט די פּועלי־ציון.

דאָס איז געווען באַלד נאָך דער יונג־טערקישער רעוואָלוציע. די טעריטאָריאַ־ליסטן האָבן זיך דאַן שוין אַ רעכט ביסל אַנטוישט אין זוכן סתם אַ טעריטאָריע און האָבן זיך אָפּגעשטעלט הויפּטזעכלעך אויף מעסאָפּאָטאַמיע. אַזוי ווי מעסאָפּאָ־טאַמיע איז געאָגראַפֿיש באַענגט צו ארץ־ישראל, האָט ביי אַ סך טעריטאָריאַליסטן אויפֿגעטויכט דער געדאַנק, אַז מען דאַרף אָנהייבן פֿאַרהאַנדלען מיט די פּועלי־ציון. האָט דאָך די ציוניסטישע פּראָגראַם גערעדט וועגן „פּאַלעסטינע און די שכנותדיקע לענדער", גייט דאָך מעסאָפּאָטאַמיע סיי ווי אַריין אין אָט דער פּראָגראַם. טאָ וואָס שטייט דאָ אין וועג פֿון אַ צוריק־פֿאַראייניקונג? צווישן די וואָס האָבן אַזוי געטראַכט איז אויך געווען דער שרייבער פֿון אָט די שורות. זשיטלאָווסקיס איניציאַטיוו איז

דעריבער געפאַלן אויף אַ פּרוכטבאַרן באָדן. אַ לאַנגע שורה פון פאַרהאַנדלונגען האָבן זיך אָנגעהויבן. זיי האָבן דערפירט דערצו, אַז אויף דער פּועלי ציון־קאָנפערענץ אין שיקאַגאָ, אָפּגעהאַלטן אָקטאָבער 1909, איז אָנגענומען געוואָרן דאָס פּראָגראַם, וואָס איז פריער צוגעגרייט געוואָרן דורך די פאַרהאַנדלונגען. זשיטלאָווסקיס איינפלוס אויף יענער פּראָגראַם איז געווען זייער אַ באַדייטנדיקער. אייניקע פירנדיקע פּועלי־ציון — צווישן זיי די חברים ד״ר א. ש. וואַלדשטיין, דוב אַבערסאָן, אסתר אַבערסאָן און אַ גאַנצע רייע אַנדערע — זיינען געווען גוואַלטיק אַנטוישט אין דעם נייעם פּראָגראַם. בעיקר אין דער שפּראַכן־פראַגע. דאָס פּראָגראַם האָט זיך געשטעלט אויפן באַזיס פון צווייִשפּראַכיקייט פאַר די יידן אין די גלות־לענדער. דאָס פּראָגראַם האָט גאָרניט געזאָגט וועגן דער שפּראַך פון ארץ־ישראל. די אויבנדערמאָנטע חברים האָבן אין דעם פּראָגראַם געזען צו פיל זשיטלאָווסקי־יידישיזם. צווישן די שיקאַגער פּועלי ציון האָט זיך דאַן אַפילו אָרגאַניזירט אַ ספּעציעלער סניף פון פּועלי־ציוניסטן העברעיִסטן. דער ניי־געוויילטער צענטראַל־קאָמיטעט האָט לאַנגע חדשים זיך געראַנגלט מיט דער נייער אָפּאָזיציע. פון דעסטוועגן האָט די שיקאַגער פאַראייניקונגס־קאָנפערענץ אָנגעהויבן אַ ניי וויכטיק בלאַט אין דער געשיכטע פון פּועלי־ציוניזם. די גרעסטע דערגרייכונג איז געווען דאָס אַריינקריגן די דינאַמישע סירקין־פּערזענלעכקייט אין דער פּאַרטיי. סירקין איז געבליבן פעסט מיט דער פּאַרטיי ביז זיין לעצטן טאָג. אָבער אויך דאָס געווינען זשיטלאָווסקין — ווען אַפילו ניט אויף שטענדיק — האָט געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג. אַפילו די געראַנגלען מיט אים האָבן געהאָלפן אויסשמידן פעסטער דעם כאַראַקטער פון פּועלי־ציוניזם אין אַמעריקע.

✶

די געראַנגלען זיינען געווען אַ סך און פאַרשיידענע. תיכף נאָך דער פאַראייניקונגס־קאָנפערענץ האָט דער נייער צענטראַל־קאָמיטעט צעטיילט די פאַרשיידענע אַרבעטן צווישן די חברים. זשיטלאָווסקי האָט איבערגענומען דאָס צוגרייטן אַ פּלאַן פון נאַציאָנאַלער אַרבעט אין גלות. שוין ביי דער ערשטער זיצונג פון צענטראַל־קאָמיטעט, טאַקע אונטער זשיטלאָווסקיס פּאַרזיץ (16.10.1909), שלאָגט ער פאָר, אַז די פּאַרטיי זאָל צוטרעטן צום גרינדן קינדער־גערטנער און אויפשטעלן אין ניו־יאָרק אַ מוסטער־חדר (דעם נאָמען „מוסטער־חדר״ האָט זשיטלאָווסקי אַליין באַנוצט). צו אַ שפּעטערדיקער זיצונג ברענגט ער אַ פאָרשלאָג וועגן אַ יידישער אַגראַר־באַוועגונג אין אַמעריקע. קורץ — די ערשטע חדשים האָט ער דעם ענין גענומען זייער ערנסט. זעלבסטפאַרשטענדלעך זיינען אַרום אַלע פונקטן אַנטשטאַנען שאַרפע וויכוחים. זיי האָבן זיך בעיקר געדרייט אַרום צוויי יסוד־פראַגן: די שפּראַכן־פראַגע און די עקסטרעם גלותיסטישע ווערזוס פּאַלעסטינאַצענטרישע איינשטעלונגען. זשיטלאָווסקי און זיינע אָנהענגער האָבן דעם דגש געשטעלט אויף יידיש און אויף גלות. אַ צאָל אַנדערע חברים זיינען געווען עקסטרעמע העברעיִסטן מיט אַ רעכט ביסל שלילת הגלות. צווישן די צוויי עקסטרעמען זיינען געשטאַנען פיל חברים, וואָס האָבן באַקעמפט ביידע עקסטרעמען און האָבן גורס געווען אַ פּראָגראַם, וואָס שליסט איין סיי אַלץ פאַר ארץ ישראל, סיי אַלץ פאַר נאַציאָנאַלער אַרבעט אין

גלות און האָבן ניט געזען קיין סיבה, פאַר וואָס די אָנשטרענגונגען זאָלן ניט געמאַכט ווערן פאַר אַלע אַרבעטן, וואָס בײדע שטחים שליסן אײַן.

אין פּראָצעס פון אָט דעם געראַנגל האָט די פּאַרטײ געמאַכט זײער וויכטיקע שריט. זי האָט אָנגעהויבן בויען די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן. שוין דער נאָמען איז געווען אַ קאָמפּראָמיס צווישן די דרײַ שטרעמונגען, וואָס האָבן זיך קעגנזײַטיק געשטויסן אין דער פּאַרטײ. אַזוי איז אויך געווען דאָס דערציִונג־פּראָגראַם, וואָס איז דאַן אויסגעאַרבעט געוואָרן און אין וועלכע זשיטלאָווסקיס ווירקונג איז געווען אַ גאַר קאָנטיקע. פון דעם נאָמען האָט זיך אונדזער שול־באַוועגונג סוף־סוף באַ־פרײַט, ביז זי האָט דערגרײכט דעם פּשוטערן, ניט אַזוי פּרעטענציעזן און דערפאַר אויך ערלעכן נאָמען: פאָלקס־שולן. דאָס פּראָגראַם דאַקעגן, וואָס איז דאַן געווען דער רעזולטאַט פון אַ קאָמפּראָמיס, האָט זיך אַרויסגעוויזן ווי דאָס פּאַסיקסטע, וואָס איז ביז איצט אָנגעשריבן געוואָרן פאַר יידישער דערציִונג אין אַמעריקע. אַ גרויסע צאָל חברים — בעיקר די חברים יואל ענטין, ש. שפּירא, חיים ליבערמאַן און נאָך אײניקע — האָבן בײגעטראָגן צו דער פאָרמולירונג פון דעם פּראָגראַם. זשיטלאָוו־סקיס חלק אין דעם איז אָן ספק געווען פון ערשטקלאַסיקער באַדײַטונג.

אין פּראָצעס פון יענעם געראַנגל זײַנען געלײגט געוואָרן די אָרגאַניזאַציאָנעלע יסודות פון דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד. און אויך אין דעם האָט זשיט־לאָווסקי געהאַט זײַן חלק. די העפטיקע דיסקוסיע האָט זיך אָנגעהויבן אויף דער גרינדונגס־קאָנפערענץ פון פאַרבאַנד, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין יוני 1910 אין ראָטשעסטער און האָט זיך פאַרשאַרפט אויף דער מאָנטרעאָלער קאָנפערענץ פון דער פּאַרטײ אין האַרבסט פון זעלביקן יאָר. אין מאָנטרעאָל איז געקומען צו אַ שאַרפן וואָרט־געראַנגל צווישן ד״ר זשיטלאָווסקי און ד״ר סירקין. געהאַנדלט האָט זיך עס וועגן דעם, צי דער פאַרבאַנד דאַרף אײַנשליסן אין זײַן פּראָגראַם דעם פּרינציפּ פון טעריטאָריעלער לײזונג פון דער יידן־פראַגע. סירקין האָט געענטפערט פּאָזיטיוו, זשיטלאָווסקי — נעגאַטיוו. זשיטלאָווסקי, וואָס האָט אין זײַן איניציאַטיוו פאַר דער פאַראײניקונג אויך אָנגעשלאָסן דעם „בונד״, האָט געוואָלט, אַז דער נײַער אָרדן זאָל אָננעמען אַזאַ פּראָגראַם, וואָס זאָל מעגלעך מאַכן אויך פאַר בונדיסטן זיך אָנצושליסן. דעם אַרגומענט, אַז בונדיסטן שליסן זיך אָן אינעם אַרבעטער־רינג, האָט ער ניט געוואָלט נעמען אין באַטראַכט. „אונדזער זאַך״ — האָט ער געטענהט — „איז אויפצושטעלן אַ ראַם פאַר אַלע פיר יידישע אַרבעטער־פּאַרטײען: בונד, פּועלי־ציון, ס.ס. טעריטאָריאַליסטן און „סערפּ״. און געענדיקט האָט ער זײַן אַרגומענ־טאַציע מיט דעם זאַץ: „כנגד ארבעה בנים דברה תורה״.

אויף דעם האָט אים סירקין תיכף געענטפערט: „דעם רשע דאַרפן מיר ניט״. פרעגט אים זשיטלאָווסקי: „גוט, דעם רשע מײנט איר דעם בונד, ווי טײלט איר אײַן די אַנדערע דרײַ בנים״? האָט סירקין אויף דעם אויך תיכף געענטפערט: דער חכם — דאָס איז דער ס.ס.־טעריטאָריאַליסט; (ניט צו פאַרגעסן, אַז ער איז אָקאָרשט ערשט צוריק אַריבער צו די פּועלי־ציון) דער תם — דאָס איז דער פּועלי־ציון, וואָס האַלט זיך נאָך אָן אין טראַדיציעס; דער שאינו יודע לשאול — דאָס (זאָגט ער צו זשיטלאָווסקין) איז אײַער פּאַרטײ.

סיי ווי, די מערהייט פון דער מאַנטרעאָלער קאָנפערענץ האָט וועגן דעם דאַן אָנגענומען אַ שטעלונג נעענטער צום נוסח זשיטלאָווסקי, ווי צום נוסח סירקין. שפּעטערדיקע אַנטוויקלונגען האָבן ביסלעכווייז געענדערט דעם טעאָרעטישן יסוד פון פאַרבאַנד. עס איז אָבער אַ היסטאָרישער פאַקט, אַז זשיטלאָווסקי האָט אויס־געאיבט ניט קיין קליינעם איינפלוס אויף דער פאָרמולירונג פון דעם אידעיִשן פאַרבאַנד־יסוד.

אָבער צו אָרגאַניזאַטאָרישער פאַרפליכטונג האָט עס זשיטלאָווסקין ניט געפירט. ער אַליין איז אין פאַרבאַנד ניט אַריינגעטראָטן. אַנהייב 1911 האָט ער זיך גאָר אָנגעשלאָסן אין אַרבעטער־רינג. אויך דאָרט זיינען פאָרגעקומען געראַנגלען מיט אים. ווי אַ פּאָזיטיוון שטריך אויף זיין חשבון דאַרף מען פאַרשרייבן דעם אינע־ווייניקסטן קאַמף, וואָס ער האָט דאָרט געפירט פאַר יידישע דערציִונג. אין די ערשטע פאַרמעסטן האָט געזיגט די אַלטע, קעגנערישע איינשטעלונג אין אַרבעטער־רינג. סוף־סוף איז דער אַרבעטער־רינג אויך צוגעטראָטן צו גרינדן שולן, אמת מיט אַ יוצא־דופנדיקער באַגרינדונג, כדי חלילה ניט צו ריידן אָפן וועגן קיום העם. אָבער צו דער געענדערטער שטעלונג אין אַרבעטער־רינג האָט זשיטלאָווסקי צוגעטראָגן דעם גרעסטןביישטייער. אין פאַרבאַנד האָט ער זיך אָנגעשלאָסן ערשט אין אַ שפּע־טערדיקער תקופה, אין 1917.

נאָך אַ שאַרפן געראַנגל האָבן מיר אין יאָר 1910 מיט אים דורכגעמאַכט. דאָס איז געווען אַרום די פּלענער פון פּראָפעסאָר אָפּענהיימער וועגן קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניזאַציע. ער איז געווען אַ שאַרפער קעגנער פון ד״ר אָפּענהיימערס פּלענער. ד״ר סירקין (כמעט אין אַלע געראַנגלען זיינען זיי געווען די צוויי עקסטרעמע פּאָ־ליוסן) איז, ווי באַוווּסט, געווען אַ געוואַלדיקער חסיד פון קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָני־זאַציע. זשיטלאָווסקיס קעגנערשאַפט האָט ניט געשטאַמט פון די מאַרקסיסטישע איינשטעלונגען פון אַ טייל פּועלי־ציון (שפּעטער — די לינקע) קעגן דעם, אַז אַרבעטער און פּויערים זאָלן גאָר אַליין בויען ווירטשאַפטן. זשיטלאָווסקיס דע־מאָלטיקע קעגנערשאַפט איז געווען באַזירט אויף זיין ווילן „אין גאַנצן איבער־צורייסן פאַרבינדונגען מיט דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע". דאָ האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף אַן איינשטימיקער קעגנערשאַפט מצד אַלע אַנדערע חברים.

סיי צוליב די געראַנגלען — אויסגערעכנטע און ניט אויסגערעכנטע — סיי צוליב דעם עצם ניט־סטאַבילער באַציִונג פון זשיטלאָווסקין צום ציוניזם, האָט זיך ביסלעכווייז אָפּגעקילט זיין אינטערעס אין דער פּועלי־ציון פּאַרטיי. די אָפּקילונג האָט זיך אָנגעהויבן נאָך פאַר דער מאָנטרעאָלער קאָנפערענץ. ער האָט דאַן אין זיין זשורנאַל געגעבן אַ באַזונדערע אָפּטיילונג צו די פאַרעקשנטע סאָצ. טעררי־טאָריאַליסטן, וואָס זיינען געווען און זיינען געבליבן קעגן דער פאַראייניקונג און האָט זיי ווידער געשטיצט. אין מאָנטרעאָל האָט ער זיין אָפּקילונג באַגרינדעט מיט דעם, וואָס מיר זיינען נאָר אַ פאַראייניקונג־פּאַרטיי, דאָס הייסט: אַ פּאַרטיי, וואָס שטרעבט ערשט צו פאַראייניקונג, אָבער נאָך ניט די פאַראייניקטע פּאַרטיי. ווען די פּאַרטיי וועט ווערן די אמתע פאַראייניקטע פּאַרטיי, וועט ער אין איר אַריינטרעטן.

וואָס עס דאַרף געשען, כדי די פּאַרטיי זאָל זיין אַ פּאַראייניקטע פּאַרטיי, האָט ער ניט מפרש געווען.

אמת, ביים סוף פון דער מאָנטרעאָלער קאָנפערענץ האָט ער געזאָגט אַז די קאָנפערענץ האָט אים נאָך נעענטער פאַרבונדן מיט די פּועלי־ציון. די מאָנטרעאָלער קאָנפערענץ האָט אָנגעצייכנט אַ זייער אימפּאָזאַנטע פּראָגראַם פון אַרבעט אין גלות, וואָס איז יאָ געווען לפי רוחו. אָבער נאָך דער קאָנפערענץ איז די אָפּקילונג געגאַנגען וואָס ווייטער אַלץ טיפער, ביז ער האָט פּשוט אויסגעגראָבן אַ תהום צווישן אים און אונדז אין אַ סעריע אַרטיקלען „וועגן דריטן חורבן", אין וועלכן ער האָט באַ־קלאָגט אַלץ, וואָס איז אין ארץ־ישראל געטאָן געוואָרן, און דערביי האָט ער שוין אויך אָוועקגעשטעלט אַ מצבה אויף דער ציוניסטישער באַוועגונג בכלל. ער האָט שוין אַפילו ניט גערעדט מער וועגן אַ „יידישיסטישן ציוניזם", וואָס ער האָט אין זיין פּראָ־ציוניסטישן גלגול געפּריידיקט. פּשוט — אַלץ איז חרוב! אַלע אָנשטרענגונגען ביז איצט זיינען געווען אומזיסט. אַ דריטער חורבן!

✶

אין די יאָרן פון 1911 ביז 1915 ווערן מיר דערווייטערט פון אים. סוף 1912 איז געפייערט געוואָרן דער 25־יאָריקער יובל פון זיין טעטיקייט. די פּועלי־ציון האָבן זיך באַטייליקט אין די פייערלעכקייטן, אָבער שוין ווי ווייטע קרובים. איגנאָ־רירן זיין ראָלע אין דער יידיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג האָט קיינער פון אונדז ניט געקענט און אויך ניט געוואָלט. מיר האָבן זיך אין דער צווישנצייט באַקאַנט מיט זיינע שריפטן פון פאַר דער פּועלי־ציון עפּאָכע. מיר האָבן אין זיי געפונען פּונקטן, וואָס האָבן גערעדט צו אונדזער האַרץ. די פאַר יאָר צוזאַמענאַרבעט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט די ערשטע פאַראייניקונג־פאַרהאַנדלונגען און האָבן זיך געצויגן כמעט צוויי יאָר נאָך אַנאַנד האָבן אויך איבערגעלאָזן פּאָזיטיווע השפּ־פּעות. דאָך האָבן זיינע האַנדלונגען פון 1911־12 אונדז פאַרשאַפט גרויס צער. זיינען מיר צו דער שמחה געקומען, אָבער קיין טיפע בעלי שמחה זיינען מיר ניט געווען. אַזוי האָט זיך עס געצויגן ביז זומער 1915, ווען פּנחס רוטנבערג איז געקומען קיין אַמעריקע. פון דאַן ציען זיך אַ ריי פון יאָרן, ביז דעם טאָג ווען „די צייט" איז אָפּגעשטעלט געוואָרן, אין וועלכע מיר באַגעגענען זיך ווידער אויף אַ בשותּפות־דיקן אַרבעטס־שטח מיט ד"ר זשיטלאָווסקי. די אַרבעטן האָבן איינגעשלאָסן: די קאָנגרעס־באַוועגונג, די באַוועגונג פאַרן יידישן לעגיאָן און די פייערונגען נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע.

אין דער קאָנגרעס־באַוועגונג האָט ער דורכגעמאַכט דעם גאַנצן וועג מיט אונדז. ער איז אין אָנהייב ניט אַריין אין דער פּאַרטיי. ער האָט אָבער אָנגעשלאָסן זיין גרופּע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן־טעריטאָריאַליסטן אין דעם נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישן קאָמיטעט, וואָס האָט געפירט דעם קאַמף פאַרן קאָנגרעס־געדאַנק אין דער יידישער אַרבעטערשאַפט און צווישן די פאָלקס־מאַסן. אין דעם ערשטן גרויסן אַרויסטריט פון נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישן קאָמיטעט, דעם 5טן אויגוסט, 1915, איז ער, צוזאַמען מיט פּנחס רוטנבערג, געווען צווישן די הויפּט־רעדנער. אויף דעם ספּעציעלן אַר־בעטער־קאָנגרעס, וואָס איז צוזאַמענגערופן געוואָרן דווקא פון די קעגנער פון

קאָנגרעס־געדאַנק — דער דעמאָקראַטיקער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־קאָמיטעט, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן פון עקסטרעמע בונדיסטן, ווי ד״ר גאָלדפאַרב און אָלגין (אַ סך פריער ווי דער קאָמוניזם איז אויפגעטראָטן אין דער יידישער גאַס) — איז דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער קאָמיטעט אויך געווען גאַנץ שטאַרק פאַרטראָטן. עד כדי כך, אַז דער דאָזיקער אַרבעטער־קאָנגרעס האָט זיך דווקא אַרויסגעזאָגט פאַר אַן אַלייִדישן קאָנגרעס אין אַמעריקע. דער געפעכטס איז געווען זייער אַ שאַרפער, און אין דער אָנפירערשאַפט פון אונדזער מחנה, האָט ד״ר זשיטלאָווסקי פאַרנומען אַ זייער וויכטיקע פּאָזיציע.

זיין ווירקונג אין דער קאָנגרעס־באַוועגונג איז אויך אויסגעאיבט געוואָרן אויף קרייזן פון די דאָזיקע עקסטרעמע קעגנער פון קאָנגרעס־געדאַנק — די אַמעריקאַן דזשוזיש קאָמיטע מיט איר גייסטיקן אָנפירער לואי מאַרשאַל. דער לעצטער האָט אין פּאַריז אין יאָר 1919, ווען ער איז געווען דער פירער פון דער יידישער דעלעגאַציע צום פרידנס־קאָנגרעס נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין אַן אינטימען געשפּרעך מיט מיר דערציילט, אַז צוויי יידן האָבן אויף אים געווירקט, אַז ער זאָל סוף־סוף ברענגען די אַמעריקאַן דזשוזיש קאָמיטע אין דעם ערשטן יידישן קאָנגרעס אין אַמעריקע: ד״ר חיים זשיטלאָווסקי און ד״ר נחמן סירקין. זשיטלאָווסקיס פּאָזיטיווע איינפלוסן אויף יענער גרופּע האָבן זיך אָנגעהויבן אַ סך פריער, טאַקע פון דער צייט ווען ער איז געקומען אין שליחות פון דער רוסישער פּאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן. אָבער אָט דעם גרויסן שטח פון זשיטלאָווסקיס השפעה קען איך ניט איינשליסן, צוליב דער פּשוטער סיבה, ווייל איך ווייס נאָר דעם פאַקט, איך בין אָבער ניט באַקאַנט מיט אַלע פּרטים פון דער פּרשה.

בנוגע דער קאָנגרעס־באַוועגונג האָט זשיטלאָווסקי מיטגעווירקט אין אַלע אונדזערע שריט. בעיקר אין צוגרייטן דעם ספּעציעלן אַרבעטער־קאָנגרעס פאַר ארץ־ישראל, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 6טן יוני, 1918. לײדער איז ער אין דער צייט פון דעם דאָזיקן אַרבעטער־קאָנגרעס קראַנק געוואָרן. זיין צוגעגרייטער רעפעראַט איז דאָן געלייענט געוואָרן פון דעם באַקאַנטן אַרבעטער־פירער, אָסיפּ וואָלינסקי. אָבער די צוגרייטונגען צו אָט דעם קאָנגרעס האָבן געדויערט לאַנגע מאָנאַטן. פריִער האָט געדאַרפט געפירט ווערן אַ מלחמה צו געווינען יידישע יוניאָנס, צו געווינען ברענטשעס פון אַרבעטער־רינג. אין דעם האָט זשיטלאָווסקי שטאַרק מיטגעהאָלפן. בעיקר איז זיין השפעה געווען גרויס אין צוגרייטן דאָס פּראָגראַם פון קאָנגרעס. דאָן האָט זיך זשיטלאָווסקי געפונען אויפן העכסטן שפּיץ פון אַ פּראָ־ציוניסטישער איינשטעלונג, וואָס ער האָט ווען עס איז פאַרנומען. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז ער איז געווילט געוואָרן ווי אַ דעלעגאַט צום ערשטן אַמעריקאַנער יידישן קאָנגרעס אויף אונדזער רשימה און האָט געשפּילט אַ קאָלאָסאַלע ראָלע אין דער אָנפירונג פון אונדזער גאָר חשובער פראַקציע אויף יענעם קאָנגרעס.

די הויפּט־סיבה פון זיין פּראָ־ציוניזם איז געווען די באַלפור־דעקלאַראַציע. אָבער די נייע פּראָ־ציוניסטישע ווענדונג האָט זיך אָנגעהויבן פריִער, טאַקע מיטן אָנהייב פון דעם ערשטן וועלט־קריג. צוזאַמען מיט אונדז האָט ער אָפּגעשאַצט, אַז נאָכן וועלט־קריג וועלן קומען באַדייטנדיקע שינויים אין דער וועלט. צוזאַמען מיט

אונדז איז ער געווען איבערצייגט, אַז פֿאַרן יידישן פֿאָלק איז געקומען די צייט צו פֿאָרמולירן צוויי צענטראַלע פּאָליטישע פֿאָדערונגען: אַ יידישע מדינה און נאַציאָנאַלע מינדערהייט־רעכט. אין די דאָזיקע פֿאָדערונגען איז געווען אַ פֿול־שטענדיקע האַרמאָניע צווישן אונדז. די באַלפֿור־דעקלאַראַציע האָט די האָפֿענונג אויף צו דערגרייכן די יידישע מדינה אומגעהויער פֿאַרשטאַרקט. דעריבער איז אין זשיטלאָווסקין דער פּראָ־ציוניזם דאַן געשטיגן זייער הויך.

איך האָב געהאַט דעם גרויסן פֿאַרגעניגן צוזאַמען מיט אים צו באַזוכן אַ ריי פֿון שטעט אין אַמעריקע תּיכּף נאָך דער באַלפֿור־דעקלאַראַציע. זיינע אַרויסטרע־טונגען האָבן געהאַט אַ מאַגישע ווירקונג אויף גרויסע אַסיפֿות. פּונקט ווי ד״ר סירקינס אַרויסטרעטונגען — מיט וועמען איך האָב דאַן באַזוכט אַ צאָל אַנדערע שטעט — האָבן דאַן פּשוט געצונדן הערצער.

מיט עטלעכע חדשים שפּעטער האָט זיך אָנגעהויבן די לעגיאָן־באַוועגונג. ער צייכנט, צוזאַמען מיט אַ סך חברים, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפֿונען בן־צבי און בן־גוריון, דעם ערשטן אויפֿרוף פֿאַר אַ יידישן לעגיאָן, וואָס איז דער־שינען דעם 5טן מערץ 1918. ער איז אַקטיוו די גאַנצע צייט אין דער דאָזיקער באַוועגונג, ביז שפּעטערדיקע אַנטוויקלונגען האָבן אַ סך לעגיאָנערן געצוווּנגען צוריקצוקומען.

ער טרעט דאַן ווידער אַריין אין דער פּאַרטיי. צוזאַמען מיט אים זיינען אַריינ־געטראָטן אויך אַ צאָל אָנהענגער. סוף 1918 — בשעת דער פֿילאַדעלפֿיער קאָנ־פֿערענץ — לאָזט ער זיך ווידער אויסקלייבן אין צענטראַל־קאָמיטעט. די פּרינצי־פּיעלע רייבונגען צווישן אונדז זיינען דאַן ניט געווען אַזוי שאַרף, ווי נאָך דער פֿאַראייניקונג־קאָנפֿערענץ פֿון 1909. ער אַרבעט מיט אונדז אין אַלע צוגרייטונגען פֿאַר אונדזער טאָג־צייטונג „די צייט“. ווען די צייטונג דערשיינט, ווערט ער איינער פֿון די הויפּט־מיטאַרבעטער. אַזוי האַלט עס ביז די פּאָליטישע אַקציעס פֿון ציוניזם ווערן שוואַכער. די בריטישע רעגירונג האָט אָנגעהויבן צוריקציִען אַלץ, וואָס זי האָט פֿאַרשפּראָכן אין דער דעקלאַראַציע. עס הייבט זיך אָן אַ באַרג־אַראָפּ־פּראָצעס אין ציוניזם. דאַן הייבן אָן אונדזערע קעגנזייטיקע באַציִונגען אָפּגעשוואַכט צו ווערן. קיין גייער באַדייטנדיקער אויפֿשוווּנג פֿון פּראָ־ציוניזם ביי אים איז מער ניט געקומען.

✶

ווי איך האָב געזאָגט פֿון אָנהייב, האָב איך זיך ניט פֿאַרמאָסטן אויסצושעפּן די פֿולע ראָלע פֿון ד״ר זשיטלאָווסקין אין אַמעריקאַנער יידנטום. איך רעכן אָבער, אַז דאָס, וואָס איך האָב ביז איצטער דערציילט, גיט אַ נישקשהדיק — ווען אַפֿילו אַ ניט שלימותדיק — בילד פֿון דער זשיטלאָווסקי־פּערזענלעכקייט. איך האַלט פֿאַר נויטיק צום סוף צו זאָגן נאָך אייניקע ווערטער וועגן זיין באַציִונג צום טערי־טאָריאַליסטישן געדאַנק.

אַפֿילו בעת זיינע פּראָ־ציוניסטישע סענטימענטן זיינען אַרונטערגעזונקען צו דער נידעריקסטער מדרגה, האָט ער אָבער קיין מאָל ניט פֿאַרוואָרפֿן דעם געדאַנק, אַז די יידן־פּראָגע מוז געלייזט ווערן דורך אַן אייגענער טעריטאָריע. צוויי אינצי־דענטן, וואָס זיינען געבליבן שאַרף אין זכרון וועלן עס באַווייזן.

שוין אין זיין ערשטן ציקל פון לעקציעס האָט ער איינע פון זיי געווידמעט דעם טעריטאָריאַליזם. זיין דאָן אָריגינעלע איינשטעלונג איז געווען, אַז די רוסישע רעוואָלוציע דאַרף פּאַרזיכערן דעם יידישן פאָלק אַ טעריטאָריע אין רוסלאַנד. דאָס איז געווען מיט פיל יאָרן איידער דער ביראָבידזשאַן־פּלאַן איז אויפגעקומען. דערביי געדענק איך פּאָלגנדיקן אינטערעסאַנטן אינצידענט:

ביי יענעם רעפעראַט איז בייגעווען די „באַבושקאַ״. זשיטלאָווסקי האָט גערעדט אין יידיש. דער פּאַרשטאָרבענער משה קאַץ — ער איז דאַן געווען אַנאַרכיסטיש איינגעשטעלט, אָבער זייער נאָענט צו זשיטלאָווסקיס געדאַנקענגאַנג — איז געזעסן לעבן דער „באַבושקאַ״ און האָט איר איבערגעזעצט זשיטלאָווסקיס געדאַנקען. נאָך דער לעקציע האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטורעם קעגן זשיטלאָווסקין: סאָציאַל־דעמאָקראַטן, אַנאַרכיסטן און בונדיסטן האָבן אים פאַרגעוואָרפן, פאַר וואָס ער זוכט נאָך אַ לייזונג צו דער יידן־פראַגע אויך נאָך דעם ווי די רוסישע רעוואָלוציע וועט זיין פאַרווירקלעכט. זיי האָבן געטענהט, אַז דאַן טאָר ניט זיין קיין יידישער סעפּע־ראַטיזם. יידן דאַרפן זיצן אויף זייערע פּלעצער און שניידן די פּרוכט פון דער רע־וואָלוציע צוגלייך מיט אַנדערע. טאָמער וועלן זיי זיך אַסימילירן — וואָס איז דער אומגליק? וואָס וועלן זיי פאַרלירן? די אַלטע זאַבאַבאָנעס? אויב די נאַטירלעכע אַנטוויקלונג פירט דערצו, אַז יידן זאָלן זיך אַסימילירן — טאָ פאַר וואָס זאָלן מיר שטערן אָט דעם נאָרמאַלן פּראָצעס? בקיצור — אַ שטורעם פון קעגנערשאַפט, און מיט אימפּעט, מיט כעס!

די באַבושקאַ האָט דאַן געפרעגט משה קאַץ — „וואָס קאָכן זיי זיך אַזוי קעגן חיימען?״ ווען קאַץ האָט איר דערקלערט, אַז חיים שלאָגט פאָר אַ יידישע טערי־טאָריע אין רוסלאַנד נאָך דער רעוואָלוציע, האָט זי אים איבערגעשלאָגן מיט פאַר־וווּנדערונג:

„וואָס — זיי ווילן נאָך ניט? — אַ מאָדנע פאָלק דאָס יידישע״.

מיט יאָרן שפּעטער, נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע, ווען די אַקציעס פון ציוניזם האָבן ווידער גענומען זינקען און זשיטלאָווסקיס פּראָ־ציוניזם האָט אויך אָנגעהויבן פאַרזינקען, האָט ער געהאַט אַ ן עפנטלעכע דעבאַטע מיט וויקטאָר טשער־נאָוו. די טעמע: „ווו זאָל זיין די יידישע טעריטאָריע?״ זשיטלאָווסקי זאָגט: אין רוסלאַנד. וויקטאָר טשערנאָוו זאָגט — אין פּאַלעסטינע. די דאָזיקע דיסקוסיע איז געפירט געוואָרן אין רוסיש. אייניקע פון אונדז — אפשר האָט פון אונדז אַרויס־גערעדט אונדזער פּאַרטייאישקייט — האָבן דאַן געזאָגט זשיטלאָווסקין, אַז צום ערשטן מאָל האָבן מיר הנאה געהאַט ווען „אַ גוי שלאָגט אַ יידן״.

דאָס מערקווירדיקסטע דערביי איז, אַז זיין טעריטאָריאַליסטישע פעסטקייט האָט ער אַלע מאָל פאַרבונדן מיט אַ האָפענונג לעתיד לבוא. אפילו דעם אָריגינעלן געדאַנק פון אַ יידישער טעריטאָריע אין רוסלאַנד האָט ער אָפּגעלייגט אויף נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע. קיין מאָל איז די טעריטאָריאַליסטישע איינשטעלונג זיינע ניט געווען באַגלייט מיט עפּעס ממשותדיקער אַרבעט עס צו דערגרייכן. די האָפענונג איז געווען, אַז דאָס רעוואָלוציאָנערע רוסלאַנד וועט העלפן אויפשטעלן אַ ן אָנערקענטן יידישן „סיים״ (אַ כמו פּאַרלאַמענט) אין רוסלאַנד, און אָט דער „סיים״

וועט דאַרפֿן באַשטימען די ענדגילטיקע באַציִונג פֿון רוסישן יידנטום (וואָס איז דאָן געווען דער רוב מנין ובנין פֿון יידישן פֿאָלק), צום טעריטאָריאַליזם.

זיין טעריטאָריאַליזם האָט גערופֿן צו מעשים נאָר אין יענע תקופֿות, ווען ער האָט אָנגענומען ארץ־ישראל ווי די טעריטאָריע, ווייל די פּאָליטישע באַדינגונגען פֿאַרן ציוניזם האָבן פֿאַרשפּראָכן באַלדיקע רעזולטאַטן. האָבן זיך די דאָזיקע מעג־לעכקייטן פֿאַרקלענערט, האָט ער ווידער אָפּגעלייגט זיין טעריטאָריאַליזם לעתיד לבוא. קיין מאָל האָט ער זיך אָבער טעאָרעטיש ניט אָפּגעווענדעט פֿון דעם טערי־טאָריאַליזם ווי די ענדגילטיקע לייזונג פֿון דער יידן־פֿראַגע. וואָס ער האָט וועגן דעם געטראַכט אין זיין פּראָ־קאָמוניסטישן גלגול — איז מיר ניט באַקאַנט.

אַנדערש איז אָבער געווען זיין באַציִונג צו יידישיזם: דאָ האָט ער פּשוט גע־פֿלאַקערט מיט תשוקה פֿאַר מעשים, פֿאַר טאָגטעגלעכער שעפֿערישקייט.

ווי די צוקונפֿט פֿון טעריטאָריאַליזם זעט אויס, איז היינט קלאָר: דער טערי־טאָריאַליזם איז פֿאַרווירקלעכט געוואָרן דורך יענע, וואָס האָבן געפֿלאַקערט מיט פּראַקטישע מעשים אין דער באַשטימטער טעריטאָריע — אין ארץ־ישראל און האָבן זייערע מעשים פֿאַרגעזעצט ביי אַלע באַדינגונגען. די צוקונפֿט פֿון יידישיזם קען קיינער ניט פֿאַרויסזאָגן. קלאָר איז אָבער זשיטלאָווסקיס ראָלע אין דיביידע שטחים: צום טעריטאָריאַליזם האָט ער צוגעטראָגן מחשבה, וואָס האָט אָן ספק געהאַט אַ השפּעה אויף אויף יענע, וואָס האָבן די טעריטאָריע — ארץ־ישראל — געבויט. דער יידישיזם האָט אָן ספק אויסגעאַיבט און איבט נאָך אויך איצטער אויס אַ וויכטיקע פּאָזיטיווע השפּעה — פֿאַרגעסנדיק אויף אַ ווילע דעם נעגאַטיוון אַנטי־העבראיִזם וואָס איז געווען מיט דעם פֿאַרבונדן. דעם גרעסטן חלק אין אָט דער השפּעה האָט זיכער צוגעטראָגן ד״ר חיים זשיטלאָווסקי.

יעקב לעשצינסקי אַ בן־שמונים

(געשריבן אין נאָוועמבער 1956)

כמעט 60 יאָר פאַרנעמט יעקב לעשצינסקי אַ זייער קאַנטיקע פּאָזיציע אין דער ייִדישער עקאָנאָמיש־סטאַטיסטישער פאָרשונג. זיינע פאָרשונגען האָבן אָבער ניט בלויז אַ וויסנשאַפטלעכן צוועק. זיי זיינען באַגלייט געוואָרן, אויב ניט טאָקע אַרויס־גערופן געוואָרן, דורך אַן אידעע, וועלכע האָט אים באַוועגט צו זוכן אין דער פאָרשונג איר באַגרינדונג. ער האָט טאָקע די באַגרינדונג געפונען. דעריבער איז זיין יעדע סטאַטיסטישע דאַטע באַהויכט מיט נשמה. זעלטן ווער קען זיך פאַרגלייכן מיט אים אין אַריינגעבן אַ רוח־חיים אין יעדער סטאַטיסטישער טאַבעלע, וואָס ער האָט אויס־געאַרבעט. דעריבער האָבן אַלע לייענער זיינע פשוט געשלונגען די „טרוקענע" ציפערן און זיינע וויסנשאַפטלעכע פעסטשטעלונגען. פון זיי האָט אַרויסגערעדט אַ טיפע ייִדישע נשמה.

און וואָס איז די אידעע, וואָס האָט אַזוי באַוועגט זיין האַרץ און מוח? זי, די אידעע, קען זייער פשוט פאָרמולירט ווערן: דאָס ייִדישע פאָלק דאַרף ווירטשאַפטלעך ווערן מיט פעלקער גלייך; ערשט דאַן וועט אויך פאַרזיכערט ווערן דער המשך פון זיין קולטור, פון זיין אייגנאַרטיקער שעפערישקייט.

ווירטשאַפטלעך מיט פעלקער גלייך קען דאָס ייִדישע פאָלק, לויט לעשצינסקין, ווערן נאָר דאַן, ווען עס וועט קענען אויספילן אַלע ווירטשאַפטלעכע פונקציעס פון אַ נאָרמאַלן פאָלק; ווען עס וועט ניט בלייבן אויף שטענדיק אַ מינדערהייט צווישן פרעמדע, וועלכע באַשטימען פאַר אים באַגרענעצטע ווירטשאַפטלעכע פונק־ציעס. לעבן שטענדיק ווי אַ מינדערהייט — דאָס איז דער גורל פון גלות. באַפרייען זיך פון אָט דעם גורל קען דאָס ייִדישע פאָלק נאָר דורך אַן אייגענער, זעלבשטענ־דיקער מדינה.

ער איז ניט געווען דער איינציקער, וואָס האָט זיך דערטראַכט צו אָט דער אידעע. אין אַלע תקופות פון דער ייִדישער גלות־געשיכטע זיינען אויפגעשטאַנען ייִדישע בעלי־מחשבה, וואָס האָבן די דאָזיקע אידעע געפּרעדיקט. אין לעשצינסקיס פאָרמאַטיווע יאָרן האָט שוין טיף אויפגעלעבט דער דראַנג צו שיבת־ציון. די בילויים האָבן שוין זייערע ערשטע פּיאָנערישע קאַפּיטלעך אַריינגעשריבן אין דער מאָדער־נער ייִדישער געשיכטע. הערצלס שטערן האָט שוין אויפגעלויכטן. זיין „ייִדנשטאַט" איז שוין פאַרעפנטלעכט געוואָרן. נחמן סירקין האָט שוין געהאַט צוגעגעבן זיין נופך משלו: ניט סתם ייִדנשטאַט, נאָר אַ סאָציאַליסטישער ייִדנשטאַט. לעשצינסקיס ביי־טראַג באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט געגומען שילדערן די ייִדיש־עקאָנאָמישע לאַגע דורך פאַרטיפטע שטודיעס און האָט גענומען שפּייזן מיט סטאַטיסטישע דאַטן — וועלכע האָבן די אידעע באַפעסטיקט — ניט נאָר זיין אייגענעם דור, נאָר אויך די צוויי נאָכפאָלגנדיקע דורות. ער איז געווען דער סטודענט פון דער ייִדישער עקאָנאָמיע און דער לערער פון אַ גרויסן טייל פון דער ייִדישער אינטעליגענץ.

איצט, ווען ער איז שוין אַ בן־שמונים, פאַרנעמט די זעלביקע אידעע נאָך אַלץ זיין קאָפּ און האַרץ און האַלט אָן פריש זיין גייסט, וואָס טראָגט אונדז צו אַזוי אָפט זיינע געבענטשטע פּרוכטן.

פייערט מיט אים די יידישע וועלט זיין יום־טוב און ווינטשט אים אַ סך יאָרן פון שעפערישקייט.

אָבער יעקב לעשצינסקי איז זיין לאַנגן שעפערישן וועג ניט דורכגעגאַנגען אָן אינערלעכע גייסטיקע ראַנגלענישן. זיין פּאָליטישע ליניע איז ניט אַלע מאָל געווען אַ גלייכע. כדאי נאָכצופאָלגן זיינע ראַנגלענישן. זיי זיינען געווען ניט יחידישע. דאָס זיינען געווען ראַנגלענישן פון אַ גרויסן דור, וואָס האָט געגעבן אַ גאַר וויכטיקן צושטייער דער מאָדערנער יידישער געשיכטע.

✶

די יידישע אינטעליגענץ פון לעשצינסקיס דור איז אויפגעברויזט געוואָרן דורך פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען, וועלכע האָבן שטאַרק אַפּעלירט צו איר נשמה. די דאָזיקע באַוועגונגען האָבן לכתחילה געקעמפט איינע קעגן די אַנדערע. דער בולטסטער קאַמף איז אָנגעגאַנגען צווישן די יידישע אינטעליגענטן, וועלכע האָבן זיך געווידמעט דער רוסישער רעוואָלוציע, און די, וועלכע האָבן זיך געוויד־מעט חיבת־ציון און שפּעטער — דעם פּאָליטישן ציוניזם. סיי די ערשטע, סיי די צווייטע, זיינען געווען טריי דעם געירשנטן מאָנאָטעיזם. די אידעע, וועלכע זיי האָבן זיך געווידמעט, איז ביי זיי געווען אין דער בחינה פון „לא יהיה לך אלקים אחרים״. בלויז אַ קליינע גרופּע האָט אָנגענומען, אַז „אלו ואלו דברי אלקים חיים״. צווישן זיי איז אויך געווען יעקב לעשצינסקי. די דאָזיקע גרופּע האָט אָנגעהויבן שרייבן אַ נייעם, איר אייגענעם, קאַפּיטל אין דער מאָדערנער יידישער געשיכטע. אירע ראשונים זיינען געווען סירקין און באָראָכאָוו. און צווישן די גאַר ערשטע האָט זיך אָנגעשלאָסן יעקב לעשצינסקי.

שוין דער פאַקט, וואָס זיי האָבן באַהעפטביידע זיך־באַקעמפנדיקע אידעען, באַווייזט זייער פעיִקייט צו באַנעמען ענינים טיפער און ברייטער. זיי האָבן זיך ניט פאַרשטייפט אין זייערע איינשטעלונגען און האָבן געלאָזן זייער געדאַנק פריי זיך באַוועגן. אין דעם איז געלעגן די געפאַר פון אידעיִשע וואַנדלונגען. אָבער דווקא פון אָט די קרייזן איז אַרויסגעוואַקסן די גרעסטע צאָל פון פּאָליטישע, סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע דענקער און שריפטשטעלער פונעם דור. פון אָט דעם קרייז האָבן אויך זיך אַרויסגעוויקלט פאַרשיידענע שטרעמונגען: די פּועלי־ציון פון אַלע פאַרשיידענע באַגרינדונגען, די ס. ס. (סאָציאַליסטן טעריטאָריאַליסטן), די סיימיסטן, די פאָלקיסטן און די פאַראייניקטע. די גלגולים, וואָס זיי אַלע האָבן דורכ־געמאַכט, איז ניט פאַר היינטיקן אַרטיקל צו אַנאַליזירן. מיר פּרוּוון מיטצוגיין און פאַרשטיין דעם וועג פון יעקב לעשצינסקי. דאַרף נאָר געזאָגט ווערן, אַז פּאַראַלעל מיט אָט דער גרופּע האָבן זיך אַנטוויקלט צוויי שטאַרקע שטראָמען אין יידישן לעבן מיט ווייניקער וואַנדלונגען, ווי די גרופּע האָט דורכגעמאַכט: דער שטראָם פון סתם ציוניזם און דער שטראָם פון „בונד״. די פירער פון אָט די ביידע מאַסן־באַוועגונגען זיינען געגאַנגען יעדער לויט זיין קלאָרער ליניע. זיי האָבן אַוודאי אויך באַגעגנט

שווערע פּראָבלעמען אויף זייער וועג. אָבער וואַקלענישן, אידעישע וואַנדלונגען, האָבן ביי זיי זעלטענער פּאַסירט.

די וויכטיקסטע פירער פון דער לעשצינסקי־ריכטונג האָבן כמעט אַלע דורכגעלעבט פּאָליטישע וואַנדלונגען. אַפילו דער פעסטסטער צווישן זיי — בער באָראָכאָוו — איז אויך ניט געבליבן פריי פון אַזעלכע וואַנדלונגען. די וואָס קענען דעם גאַנצן באָראָכאָוו, ניט נאָר דעם באָראָכאָוו פון זיינע גאָר יונגע יאָרן, ווייסן, אַז אין די, ליידער, קורצע יאָרן וואָס ער האָט געלעבט, איז ער ניט געבליבן אין גאַנצן דער זעלביקער. באָראָכאָוו פון אַמעריקע איז געווען שטאַרק פאַרשידן פונעם באָראָכאָוו, וואָס האָט געשריבן „אונדזער פּלאַטפאָרם״.

די גאַנצע פּלעיאַדע פון יידישע אינטעליגענטן פון דער לעשצינסקי־גרופּע האָבן אַלע דורכגעמאַכט פּאָליטישע וואַנדלונגען: נחמן סירקין און נחום שטיף, שמואל ניגער און ישראל עפרויקין, לאַצקי בערטאָלדי און, להבדיל, משה ליטוואַקאָוו, ירמיה נאָוואַקאָווסקי און אלכסנדר כאַשין. אַפילו בערל קאַצענעלסאָן האָט אויך אין זיין יוגנט מיטגעבלאָנדזשעט מיט אָט דער וווּנדערבאַרער גרופּע.

✶

די שאַרפסטע אויפטרייסלונג צווישן אָט דער גרופּע האָט געבראַכט דער אוגאַנדאַ־פּראָיעקט. אַלע האָבן זיי אָנגעהויבן זייער גאַנג אין יידישן לעבן דורך דער ציוניסטישער באַוועגונג. אַלע זיינען זיי פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער דערשיינונג הערצל. און אַלע זיינען זיי דערשיטערט געוואָרן, ווען נאָך הערצלס פּאָליטישע דורכפאַלן ביי דער טערקישער רעגירונג, איז געקומען דער אוגאַנדאַ־פאָרשלאָג. איך בין זיכער, אַז זיי אַלע וואָלטן זיך אַליין באַצייכנט — ווי ס'האָט געטאָן דער באַקאַנטער יידישער שרייבער אַ. ליטווין — ווי טעריטאָריאַליסטן מיט אַ ווייטיק אין האַרצן. דעם ווייטיק אין האַרצן האָט מען אַליין איבערגעוווּנדן און מען איז אַוועק מיטן טעריטאָריאַליזם. איינער פון די הויפּט־פאַקטאָרן אין זייער טעריטאָריאַליזם איז אַוודאי געווען דער צויבער, וואָס די הערצל־פּערזענלעכקייט האָט אויף זיי אויסגעאיבט. אָבער ווען דער טעריטאָריאַליזם אַליין איז נאָך דעם דורכגעפאַלן, הייבן זייערע וועגן אָן זיך פונאַנדערגיין. יעדער איינער מאַכט שוין דורך זיינע יחידישע וואַנדלונגען.

בערל קאַצענעלסאָן ראַטעוועט זיך אַריין מיט דער צווייטער עליה קיין ארץ־ישראל. זיין אומגעהויערןביישטייער צו דער מאָדערנער יידישער געשיכטע, צו בנין הארץ און צו דער געשטאַלטונג פון דער יידישער יוגנט אין ארץ־ישראל — איז פאַרשריבן מיט פייערדיקער שריפט אין דעם ישוב, וואָס האָט אונדז געבראַכט די מדינה. נחמן סירקין מיט אַ גרופּע פון אַזעלכע וואַנדלער — צווישן וועלכע אויך דער שרייבער פון די שורות האָט זיך געפונען — האָט זיך שנעל צוריקגעקערט צו דער פּועלי־ציון־באַוועגונג. סירקינס ביישטייער איז אויך שוין אַריינגעשריבן אין דעם ספר החיים פון יידישן פאָלק. שמואל ניגער ווידמעט זיינע שעפערישע כוחות דער יידישער ליטעראַטור־קריטיק און באַרייכערט זי מיט וואָגיקע אַרבעטן. ישראל עפרויקין, לאַצקי־בערטאָלדי און נאָך אַ גרויסע גרופּע גייען דורך די פאָלקיסטישע באַוועגונג און — אפשר אַ ביסל צו שפּעט — קערן זיך אום סוף־סוף

צו זייער פּועלי־ציוניסטישן אָנהייב. משה ליטוואַקאָוו ווערט דער אבי הטומאה פון דער יעווסעקציע. ער שלעפּט מיט זיך מיט גאָר אַ באַדייטנדיקע גרופּע. אונדזער בעל־היובל, חבר יעקב לעשצינסקי, וואָלט געדאַרפט ווידמען אַן ערנסטן טיפן שטודיום דער פראַגע: ווהין זיינען געשטויסן געוואָרן די אַלע, וועלכע דער אור־גאַנדאַ־פּראָיעקט האָט אַוועקגעשלעפּט פון ציוניזם. עס וואָלט אַרויסגעבראַכט אויך פּאָזיטיווע מאָמענטן. אָבער איבער אַלע פּאָזיטיווע מאָמענטן וואָלט זיך אויפגעהויבן זייער הויך דער פינצטערער וואָלקן פון דער יעווסעקציע מיט אַלע חורבנות, וואָס זי האָט געבראַכט דעם וועלט־יידנטום.

יעקב לעשצינסקי אַליין איז נאָכן דורכפאַל פון טעריטאָריאַליזם אַוועק אויף זיינע באַזונדערע וועגן. ער האָט זיך נאָך מער איבערגעגעבן דער פאָרשונג פון דער יידישער עקאָנאָמיק; ער האָט פּאַרעפנטלעכט זיינע באַדייטנדיקסטע ווערק, וועלכע וועלן בלייבן דער וויכטיקסטער מאַטעריאַל פאַרן קומענדיקן היסטאָריקער, ווען ער וועט וועלן פעסטשטעלן די עקאָנאָמישע פּראָצעסן ביי יידן פון דער גאַנצער וועלט. יעקב לעשצינסקי האָט צעעפנט זיין וואַרעם יידיש האַרץ פאַר די יידן אין פּוילן, אין סאָוועט־רוסלאַנד און אומעטום ווו יידישע קיבוצים האָבן געלעבט. באימה ופחד האָט ער נאָכגעפאָלגט די אומגליקן, וואָס האָבן געהאָגלט אויפן יידישן פאָלק, און מיטן אייגענעם בלוט האָט ער עס אויסגעקריצט אויף די לוחות פון דער יידישער חורבן־עפּאָכע, וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט.

אָבער ניט בלויז אין זיין שרייבצימער האָט ער זיך פאַרשלאָסן. ער איז מיט־געגאַנגען מיט אונדזער לעבן. ער האָט מיט נשמה־פיבער מיטגעשפּירט מיט יעדער יידישער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג אומעטום, ווו יידן לעבן. ער האָט געבלאָנ־דזשעט? — יאָ! זאָל עס אים פאַרוואַרפן אַזעלכער — אויב אַזאַ געפינט זיך ערגעצ־ווו! — וואָס האָט פאַרמאָגט זיין, לעשצינסקיס, עמפינדלעך האַרץ פאַר אַלע ווייטיקן פון יידישן פאָלק, פאַר אַלע וווּנדן, דורך וועלכע יידן האָבן געבלוטיקט — און האָט ניט געבלאָנדזשעט. די מערסטע פון אונדז, וועלכע האָבן אַליין אויך געבלאָנדזשעט, האָבן גאָרניט וואָס פאַרצוואַרפן יעקב לעשצינסקין. אַפילו יענע קורצע צייט, ווען ער האָט זיך דערנענטערט צום „בונד", דאַרף אויך פאַרשטאַנען ווערן. איך בין זיכער, אַז פּונקט ווי אַ. ליטווין האָט זיך בשעתו דערקלערט ווי „אַ טעריטאָריאַליסט מיט אַ ווייטיק אין האַרצן", האָט אַזוי אויך זיך געשפּירט יעקב לעשצינסקי ווי „אַ בונדיסט מיט אַ ווייטיק אין האַרצן". און ניט חלילה וויל בונדיזם איז אַזאַ טריפה דערשיינונג. ניין! עס איז געקומען די צייט, ווען מען דאַרף דעם „בונד" קרעדיטירן מיט גרויסן געשיכטלעכן פאַרדינסט. ער איז געווען דער שטאַרקסטער כוח אין הייבן דעם געמיט פון דעם יידישן מאַסן־מענטש. ער האָט געמאַכט טעותן. זיין גרעסטער טעות איז געווען, וואָס ער האָט ניט געגלויבט, אַז דער יידישער מאַסן־מענטש קען דורכפירן אַזאַ גרויסע רעוואָלוציע, ווי דער ציוניזם האָט פאָרגעשלאָגן. אָבער וועלכע פאַרטיי האָט ניט געמאַכט קיין טעותן?

אין די יאָרן ווען לעשצינסקי האָט זיך דערנענטערט צום „בונד", האָט דער „בונד" געשריבן זיינע וויכטיקסטע בלעטלעך געשיכטע אין פּוילישן יידנטום. ציו־ניזם האָט באַקומען פּאָליטישע קלעפּ איינע נאָך די אַנדערע. טעריטאָריאַליזם האָט

שוין לאַנג באַנקראָטירט. פּאָלקיזם האָט געפּירט אַ נעבעכדיקע, ווירקונגסלאָזע עק־זיסטענץ. סיימיזם האָט זיך שוין דאַן אין גאַנצן אויסגעוועפּט. דער „בונד" איז גע־בליבן אַ שעפּערישער כוח. און יעקב לעשצינסקי דערנענטערט זיך צו אָט דעם כוח.

אַוודאי איז עס להיפך צו אַלע טעאָרעטישע פעסטשטעלונגען, וואָס זיינע איי־גענע פאַרשונגען האָבן אַרויסגעבראַכט. אַוודאי קען יעקב לעשצינסקי לאַנג זיך ניט האַלטן ביי אַ באַוועגונג, וועמעס טעאָריע איז, לויט זיין מיינונג אַ פאַלשע, אַפילו ווען איר, דער דאָזיקער באַוועגונג, געלינגט צייטווייליק אַרויפצושטייגן אויף דער געזעלשאַפטלעכער אַרענע פון דעם לעבעדיקסטן טייל פון ידישן פאָלק. קערט ער זיך טאַקע באַלד אום צוריק. אָבער עס איז שוין גאָר פאַרשטענדלעך פאַר וואָס די נשמה פון אַ יעקב לעשצינסקי, אָנגעפילט מיט ווילן פאַר אַ געזונטערן און שענערן ידישן לעבן, ווערט אויף אַ צייט פאַרכאַפּט פון אַ באַוועגונג, וואָס אַפילו אירע קעגנער אָנערקענען ווי די ווירקנדיקסטע אין פוילישן ידנטום.

אַ גאַנץ באַזונדערער קאַפּיטל איז יעקב לעשצינסקיס רעאַגירן צו דער באָל־שעוויסטישער רעוואָלוציע און צו די יעווסעקעס. ער האָט אויפגעבויט אַ מאָנו־מענטאַל ווערק וועגן דעם אין זיין בוך „דאָס סאָוויעטישע ידנטום". אויסשעפּן אַלץ, וואָס לעשצינסקי האָט געשאַפן קען מען בכלל ניט אין די ראַמען פון אַן אַרטיקל. וויכטיק איז אָבער צו פאַרצייכענען, אַז ווען לעשצינסקי האָט זיך אומ־געקערט, איז עס ניט געווען אַן אומקער פון האַלבקייטן. ער האָט זיך ניט אומגעקערט למחצה, לשליש ולרביע. ער האָט זיך אומגעקערט אין גאַנצן. דער דאָזיקער אומקער איז פאָרגעקומען לאַנג פריער, ווי די ידישע מדינה איז אויפגעשטעלט געוואָרן. אָבער נאָך גאַנצער און פולקאָמער איז זיין הארץ און נשמה צוריק פאַרכאַפּט געוואָרן פון ציוניזם נאָך דעם, ווי די מדינה איז עטאַבלירט געוואָרן. ער פאָלגט נאָך מיט אַ קלאַפּעדיקער הארץ אַלץ, וואָס אין דער מדינה געשעט. ער ציטערט איבער איר; ער שפּירט איר יעדע סכנה, וואָס רוקט זיך אויף איר. גלייכצייטיק האָט ער אויגן און אויערן, האַרץ און קאָפּ פאַר אַלץ, וואָס געשעט אין דעם ידישן פאָלק בכל התפוצות.

ווי אַ יינגערער חבר, אָבער ווי איינער, וואָס האָט אַזוי פיל געלערנט פון אים, שליס איך אָן מיין ברכה צו די ברכות, וואָס טראָגן זיך צו אים פון אַלע ידיש־לעבעדיקע קרייזן און גרופּן. אַלעמענס ווונטש טראָגט זיך צו אים, ער זאָל לאַנג לעבן און ווייטער זיך אָפּגעבן זיין געבענטשטער אַרבעט.

איך דערלויב זיך צו פאַרעפנטלעכן דעם האַרציקן בריוו, וואָס איך האָב באַקומען פון חבר יעקב לעשטשינסקי, נאָך דעם ווי מיין אַרטיקל וועגן אים איז דערשינען. ער שרייבט:

מיין ליבער חבר ברוך צוקערמאַן!

פילע, גאָר פילע האַרציקע דאַנקען פאַר אייער אַרטיקל און פאַר אייערע ברכות. ער איז דער איינציקער, וועלכער האָט געשאַצט מיין געזעלשאַפטלעכע אַרבעט. און דער עיקר מיך אַריינגעשטעלט אין דער ראָם פון יענער גרופּע, וועלכע האָט גע־שאַפן די גאַנצע טעאָריע פונעם פועלי־ציוניזם, די טעאָריע און אויך די געזעל־שאַפטלעכע אַטמאָספער. דאָס איז ביי מיר באַזונדערס אָנגעלייגט, ווייל מיין טעטי־

קייט ביי די „פּאַראייניגטע״ איז דאָך אין גאַנצן פאַרלאָרן און ווי אָפּגעמעקט. באַקומט זיך אַ געוויסער לאָך אין מיין בילאַנס. איר האָט צוגעגעבן אַ גוט קאַפּיטל און דערפאַר זאָל אייך זיין באַשערט ממשיך צו זיין נאָך פילע יאָרן די אַרבעט אויף יענעם פעלד, וואָס אין זיין באַאַרבעטונג האָב איך אַ געוויסן חלק, אַ קליינעם, אָבער דאָך מער ווי גאָר ניט.

וואָס מאַכט איר? וואָס מאַכט אייער פרוי, בעסער געזאָגט און פשוטער — חברה נינאַ? האָט איר זיך שוין אַריינגעפּאַסט אין דער סביבה? אין וואָס באַשטייט אייער אַרבעט? און אייערע טעכטער?

מיר, איך און מיין פרוי, וואָלטן אייך געווען גאָר, גאָר דאַנקבאַר פאַר אַ בריוועלע, און טאַקע מיט ידיעות, ווי ס׳לעבט זיך אייך און צי זענט איר צופרידן.

יאָ, איך האָב אין זינען געהאַט אייך שרייבן אָט וואָס ביים לייענען אייער אַרטיקל. איך האָב קיין מאָל, טאַקע קיין איין מינוט ניט אין מיין לעבן, אָנגענומען די אידעאָלאָגיע פון „בונד״. איך האָב מיט זיי מיטגעאַרבעט אין דער קולטור־טעטיקייט אָבער ניט אין דער פּאַרטיי. און אַלע מיינע יאָרן אין בערלין, אַלזאָ נאָך דעם פאַרלאָזן סאָוועט־רוסלאַנד, און ביז די דרייסיקער יאָרן ווען איך בין שוין אין גאַנצן געקומען צוריק צו די פּועלי־ציון, בין איך געווען אַ טעריטאָריאַליסט, נאָר פון דעם טיפּ, ווי, למשל, יולי ברוצקוס, וועלכער האָט שטענדיק זיך באַטייליקט אין די זיצונגען פון דער גרופּע, וואָס איז באַשטאַנען פון מיר, בן אַדיר, גערגעל, די שטיינבערגס און נאָך אַ פּאָר, וועלכע איך דערמאָן זיך ניט איצטער. ס׳זיינען געווען פּראָיעקטן און פּראָיעקטן! ציוניזם האָב איך קריטיקירט נאָר פון שטאַנדפּונקט פון שווערקייטן אָדער אוממעגלעכקייטן פון ברייטער קאָלאָניזאַציע.

נו, זייט מיר געזונט מיט חברה נינאַ און מיט אייערע קינדער! נאָך אַ מאָל: האַרציקע, גאָר, גאָר האַרציקע דאַנקען פאַר די ברכות. גרוסן פון מיין פרוי!

אייער

יעקב לעשצינסקי

פיר ראשונים

(ד״ר הלל זאָלאָטאָראָוו, משה קאַטץ, מאָריס װינטשעװסקי און מאָריס הילקוויט — געשריבן װעגן זיי אַלע צוזאַמען אין סעפּטעמבער 1957)

די גרויסע יידישע מאַסן־עמיגראַציע פון מזרח־און דרום־אייראָפּע קיין אַמעריקע, האָט זיך אָנגעהויבן, ווי באַקאַנט, אין די 80ער יאָרן פון לעצטן יאָרהונדערט. דער דאָזיקער מענטשן־שטראָם האָט געזוכט אַן אָרט ווו ער זאָל זיך קענען ראַטעווען פון עקאָנאָמישער נויט און פון פּאָליטישע רדיפות, וואָס האָבן אין צאַרישן רוסלאַנד אָנגענומען די פאָרעם פון פיזישע פּאָגראָמען. אין אירע ערשטע סטאַדיעס האָט די מאַסן־עמיגראַציע אַריינגעצויגן דעם זייער־פּאַראָרעמטן און קולטורעל מער אָפּגעשטאַנענעם עלעמענט. קומענדיק קיין אַמעריקע איז ער אַריינגעפאַלן אינעם באַקאַנטן שוויץ־סיסטעם און אין קליין־פּעדלעריי. ביידע פּרנסה־געביטן האָבן ניט סטימולירט קיין גייסטיקן וווקס. דער עצם־פּראָצעס פון דער נויט־עמיגראַציע האָט אויך ניט מיטגעהאָלפן צו גייסטיקער דערהויבונג. דאָך זיינען די יידישע קוואַרטאַלן פון יענער עפּאָכע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין נעסטן, ווו עס האָבן זיך אויסגעוואַרעמט גרויסע אידעען: די אַנאַרכיסטישע, די סאָציאַליסטישע און שפּעטער אויך די ציוניסטישע, האָבן געפונען אַ וואַרעמען אָפּקלאַנג אין די הערצער פון יענער מאַסע. זעט אויס, אַז דער יידישער מענטש, ביי וועלכע באַדינגונגען ער זאָל ניט לעבן, מוז האָבן אַן אידעע, וואָס זאָל שפּייזן זיין נשמה.

אין סוף פון לעצטן יאָרהונדערט זיינען די דאָזיקע מאַסן באַהערשט געוואָרן אָדער פון אַנאַרכיזם, אָדער פון סאָציאַליזם. די השפּעה פון אָט די צוויי באַוועגונגען האָט אָנגעהאַלטן אויך אין אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. אָבער דאַן האָבן זיי באַקומען אַ שאַרפן קאָנקורענט אינעם ציוניזם, בעיקר אין אַרבעטער־ציוניזם. ווען דער אַרבעטער־ציוניזם איז אויפגעטראָטן אין דער יידישער גאַס, איז ער פון די עלטערע באַוועגונגען באַגעגנט געוואָרן מיט חוזק. די ערשטע פּועלי־ציון האָבן אויף דעם רעאַגירט מיט פאַרביטערונג און מיט ביטול כלפּי די פריערדיקע באַוועגונגען. ווי אַ רעזולטאַט דערפון האָט זיך אַנטוויקלט אַ שאַרפער געראַנגל, וואָס האָט זיך נאָך אַפילו היינט ניט פאַרענדיקט אין גאַנצן. אינעם היץ פון קאַמף האָבן ביידע צדדים איבערגעטריבן סיי אין דער פּאָזיטיווער אָפּשאַצונג פון די אייגענע אידעען, סיי אין דער נעגאַטיווער אָפּשאַצונג פון די קעגנער.

די צוויי עלטערע באַוועגונגען זיינען געווען די טרעגער פון סאָציאַלע אידעען; זיי האָבן אויפגעבויט די יידישע טרייד־יוניאָן־באַוועגונג; זיי האָבן באַשאַפן די וואָגיקסטע יידישע פּרעסע; (לעצטן יאָר האָט אָט די פּרעסע באַצייכנט וויכטיקע יובלען: די אַנאַרכיסטישע „פרייע אַרבעטער שטימע״ — 65 יאָר און דער סאָציאַליסטישער „פאָרווערטס״ — 60 יאָר). טאַקע דורך זייער פּרעסע האָבן זיי סטימולירט די שפּעטער פון דער יידישער ליטעראַטור במשך פון דריי דורות; זיי האָבן אויך באַאיינפלוסט ניט־יידישע מאַסן אין אַמעריקע מיט זייערע סאָציאַלע אידעען, בעיקר — מיט דעם ביישפּיל פון די אויפגעשטעלטע טרייד־יוניאָנס. ווען אונדזער

באַוועגונג איז אויפגעקומען, האָבן מיר אויפגעשטעלט אונדזער אייגענע פּרעסע און מיר מעגן מיט רעכט זאָגן, אַז מיר האָבן צוגעטראָגן אונדזער חלק צו דער געשטאַלטונג פון אַמעריקאַנער יידנטום און צו זיינע ליטעראַרישע און קולטורעלע דערגרייכונגען. אין די קומענדיקע שורות באַצוועק איך אָבער ניט צו פאַרגלייכן אונדזערע השפּעות מיט די השפּעות פון די עלטערע צוויי באַוועגונגען. איך וויל נאָך אָנצייכענען שטריכן פון פיר ראשונים, פון פיר פּערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן געווירקט אין די עלטערע צוויי באַוועגונגען. צוויי זיינען געווען אַנאַרכיסטן: ד״ר הלל זאָלאָטאַראָוו און משה קאַטץ; צוויי סאָציאַליסטן: מאָריס ווינטשעווסקי און מאָריס הילקוויט.*

איך באַשעפטיק זיך ניט מיט זייערע ביאָגראַפיעס. איך האָב זיי באַקענט, ווען זיי זיינען שוין געווען פולע אויסגעפורעמטע פּערזענלעכקייטן. וויל איך פּרובירן צייכענען, ווי איך האָב זיי אויפגענומען אין מיין געמיט און ווי איך האָב זיי געזען אין זייער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג. דערביי קען איך ניט לייקענען, אַז זייער באַציִונג צו אונדזער באַוועגונג האָט אַוודאי משפּיע געווען מיין קוק אויף זיי. איך האָף אָבער צו קענען בלייבן אָביעקטיוו אין מיינע אָפּשאַצונגען.

אויף די ערשטע צוויי האָט זייער אַנאַרכיזם געהאַט די גלייכע השפּעה. אָבער זיי זיינען דאָך פאַרט געווען צוויי באַזונדערע אינדיווידן. דאַרף געזאָגט ווערן עטלעכע ווערטער וועגן דעם אַנאַרכיזם פון זיי ביידן און שפּעטער צוגעבן די באַזונדערקייטן פון זייערע פּערזענלעכקייטן. אויף די אַנדערע צוויי האָט די סאָציאַליסטישע אידעע ניט געהאַט די גלייכע השפּעה. קען איך דעריבער זיי צייכענען פולשטענדיק באַזונדער. אין פאַרבינדונג מיט מאָריס הילקוויט דאַרף אויך געזאָגט ווערן עפּעס וועגן דער ניט־יידישער ראַדיקאַלער אינטעליגענץ פון יענער עפּאָכע. ווייל הילקוויט האָט זיין השפּעה אויסגעאיבט פיל מער אויף דער ניט־יידישער ווי אויף דער יידישער גאַס, הייב איך אָן מיט די אַנאַרכיסטן.

*

עס וועט זיכער קומען אַ טאָג ווען דער טערמין „אַנאַרכיסט" וועט אָפּגערייניקט ווערן פון די ווילדע באַגריפן, מיט וועלכע אַ גרויסער אומפאַרשטאַנד האָט אים אַרומגעוויקלט. אויב דער דאָזיקער טאָג וועט זיך פאַרשפּעטיקן — וועט עס זיין די שולד ניט בלויז פון אומפאַרשטאַנד. די שרייענדיקע אומטאַקטישקייטן, אָפּט מאָל אויך סאָציאַל־אומזיניקע האַנדלונגען, מצד אַ טייל פון די טרעגער פון אַנאַרכיזם פון יענער צייט, האָבן פאַרשווערט און פאַרלענגערט דעם היסטאָרישן רייניקונגס־

* זיי געהערן צו די ערשטע עס־עולם׳ניקעס, וועלכע האָבן געהאַט אַ גרויסע השפּעה אין פאָרמירן דעם גייסטיקן פּרצוף פון אַמעריקאַנער יידנטום. איך רעכן זיי אַריין צווישן די כוחות וואָס האָבן דערפירט צו דער מאָדערנער רעוואָלוציע אין דער יידישער געשיכטע, אַפילו אויך יענע, וואָס זיינען געווען און געבליבן קעגנער צום ציוניזם, וואָס איז געווען דער הויפּט־טרעגער פון אונדזער מאָדערנער רעוואָלוציע. איך רעכן אין די דאָזיקע כוחות אויך אַריין דעם „בונד", דער גרעסטער ניט־ציוניסטישער — אָפּט אַנטי־ציוניסטישער — כוח אין די לעצטע דריי יידישע דורות. אין די ווייטערדיקע שורות וועגן ד״ר הלל זאָלאָטאַראָוו ווערט מער גערעדט וועגן די „עם־עולם׳ניקעס".
ב. צ.

פראָצעס. אויף דער יידישער גאַס האָט זייער אומזיניקייט דערגרייכט די העכסטע מדרגה אין זייערע „באַרימטע״ יום־כיפור־בעלער. אָבער דער טאָג פון רייניקונג מוז אַ מאָל קומען. ער וועט קומען נאָך דעם ווי די איצטיקע ווילדקייטן פון דיקטאַטאָרישן קאָמוניזם וועלן פאַרשווינדן און דער מענטשלעכער געדאַנק וועט צוריק באַפרייט ווערן. דאַן אפשר וועט אַנאַרכיזם מיט זיך פאָרשטעלן דעם העכסטן פאַרמעסט פאַר אמתער פרייהייט, צו וועלכן דער מענטשלעכער מוח האָט זיך ביז איצטער דערטראַכט.

קען זיין, אַז די וועלט וועט צו אַזאַ לויטערער פרייהייט ניט קענען דערגרייכן צוליב דער באַגרענעצטקייט פון מענטשלעכן מין. קען זיין, אַז עס זיינען גערעכט יענע סאָציאַלע פאָרשער, וואָס באַהויפּטן, אַז די סאַמע נאַטור פון מענטשן, דער יצר לב האדם, דערלאָזט ניט אַזאַ פולשטענדיק־פרייע אויסלעבונג פון יעדן יחיד און פון יעדער גרופּע, ווי די אַנאַרכיסטישע וויזיע זעט עס. אָבער אין דער אַבסטראַקטער סאָציאַל־פילאָזאָפישער אידעען־וועלט האָט זיך דער אַנאַרכיזם אָן ספק אויפגעהויבן צו די העכסטע הויכן, צו וועלכע דער פרייהייט־דורשט פון דער מענטשלעכער נשמה האָט ביז איצט דערגרייכט.

די דאָזיקע לויטערע פרייהייט־שטרעבונגען זיינען ניט געבליבן אָן השפעה אויף לעבעדיקע מענטשן. מיר שיינט, אַז דערמיט קען דערקלערט ווערן פאַר וואָס אַנאַרכיסטן האָבן אַרויסגעגעבן פון זיך פיל מער מענטשן מיט דינאַמישן געדאַנק, ניט פאַרפאַנצערטע אין דאָגמעס, עלול אויפצונעמען נייע ניואַנסן פון סאָציאַלן דענקען, ווי אַלע אַנדערע ריכטונגען, וועמעס געמיינזאַמער ציל איז געווען די סאָציאַלע ענדערונגען אין דער מענטשהייט.

דערמיט דערקלערט זיך אויך, וואָס די אידעען־ענדערונגען, וועלכע זיינען די לעצטע 50 יאָר פאָרגעקומען אין אַמעריקאַנער ראַדיקאַלע יידישע קרייזן — ענדערונגען וואָס האָבן אַ סך פון זיי דערנענטערט צו נאַציאָנאַל־יידישע פּראָבלעמען, צום ציוניזם, צו ארץ ישראל — אַז אָט די אידעען־ענדערונגען האָבן פאַרכאַפּט מער יידישע אַנאַרכיסטן, ווי יידישע ראַדיקאַלן פון אַנדערע ריכטונגען.

אַזעלכע אַנאַרכיסטן — אָנגעפילט מיט בענקשאַפט צו לויטערער פרייהייט, אַ בענקשאַפט וואָס איז פאַר זיי געווען ניט נאָר אַ פּסוק אין זייער שולחן־ערוך, נאָר דער סאַמע זין פון זייער גייסט, און האָט באַשטימט זייערע באַציִונגען צו וועלט, פאָלק און מענטש — אַזעלכע אַנאַרכיסטן זיינען געווען הלל זאָלאָטאַראָוו און משה קאַטץ.

אָבער אָט אַזאַ פרייהייט־דורשט, ווען ער שטאַמט אַפילו פון די רייניסטע קוואַלן, קען אַ מאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין גייסטיקן ניהיליזם. אַזעלכע באַגריפן־פאַרמישונגען האָט מען טאַקע אָפטער באַגעגנט צווישן אַנאַרכיסטן, ווי צווישן אַנדערע ראַדיקאַלן. דערפון האָבן אָפט געשטאַמט די אויבנדערמאָנטע סאָציאַל־אומזיניקע האַנדלונגען מצד אַ טייל פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג. כדי אויסצוהיטן זיך פון אָט דער געפאַר, האָט מען געמוזט אָנווענדן גוואַלטיקע אָנשטרענגונגען פונעם אייגענעם רצון צו רעגולירן און דיסציפּלינירן די דאָזיקע פרייהייט־תשוקות, זיי זאָלן ניט פאַרביטן ווערן דורך הפקר־באַגריפן. אָן ספק האָבן אַ סך אַנאַרכיסטן פאַרמאָגט אָט די גייסטיקע גבורה פון אינערלעכער דיסציפּלין. זאָלאָטאַראָוו און

קאַטץ האָבן אַוודאי געהערט צו אָט דער קאַטעגאָריע. צו דער אינערלעכער דיס־ציפּלין האָט שטאַרק געהאָלפן דער ייד אין זיי.

עס איז אַ געוואַלדיקער אונטערשייד צווישן דעם, צו וואָס אַן אַבסטראַקטע אידעע פאַרפליכטעט, און צווישן דעם, צו וואָס דאָס קאָנקרעטע ייד־זיין באַצווינגט. דאָס איז ריכטיק ניט נאָר מיט ייד־זיין, נאָר מיט יעדן סאָרט זיין וואָס ליגט אין בלוט, וואָס איז ניט בלויז דערוואָרבן מיטן שכל. אָבער מיר ריידן וועגן קאָנקרעטע מענטשן מיט אַ קאָנקרעטן זיין. מיר האָבן אין זינען די קאָנקרעטע הלל זאָלאָטאַראָוו און משה קאַטץ און זייער קאָנקרעטן ייד־זיין. דער ניט־עמפּינדלעכער, דער אַחריות־לאָזער מענטש קען זיך אויסדרייען סיי פון דער פאַרפליכטונג פון דער אידעע, סיי פון דער באַצווינגונג פון קאָנקרעטן ייד־זיין. די עמפּינדלעכע און אַחריותפולע זאָלאָטאַראָוו און קאַטץ האָבן זיך פון ביידע ניט געקענט און זיכער ניט געוואָלט אויסדרייען. אָבער אַפילו ביי די אחריותפולסטע מענטשן איז דאָ אַ גרויסער אונטער־שייד צווישן דער פאַרפליכטונג פון דער ערשטער און באַצווינגונג פון דער צווייטער.

די אידעע פאַרפליכטעט צו לעבן לויט איר. אַנאַרכיסטן פון אַחריות האָבן דערפאַר געזוכט דאָ און דאָרט אויפצושטעלן אינעם מדבר פון קאַפּיטאַליסטישן היינט אָאַזיסן פון אַנאַרכיסטישן מאָרגן. אויב עס האָט זיך ניט איינגעגעבן, האָט מען נאָך אַלץ געקענט זיך ראַטעווען צוריק אין דער אַבסטראַקציע פון דער אידעע. ווען עס איז אַנדערש ניט מעגלעך, קען מען זיין אַן אידעאַליסט און ניט לעבן לויט דער אידעע. פון אַזאַ קאָנקרעטע זאַך ווי ייד־זיין האָט דער אַחריותפולער מענטש ניט וווהין צו ראַטעווען זיך. דאָס ייד־זיין באַצווינגט צו ענטפערן אויף טאָגטעגלעכע קאָנקרעטע דערשיינונגען, פּראָבלעמען, צוזאַמענשטויסן, נאַציאָנאַלע האַנדלונגען, נאַציאָנאַלע געפאַרן. אין דעם עמפּינדלעכן מענטשן מוז דעריבער דאָס ייד־זיין פיל טיפער לעבן. טאַקע דערפאַר איז די דיסציפּלין־השפּעה פון ייד־זיין אַ טיפערע, ווי פון דער אַבסטראַקטער אידעע, ווייל די אחריות איז דאָ אַ מער קאָנקרעטע און דורך דעם — אַ באַצווינגנדיקע.

דערצו מוז מען האָבן אין זינען, אַז דאָס ייד־זיין איז פאַר דעם עמפּינדלעכן מענטשן: גורל, זין פון לעבן, אייביקייט פאַרצלונג פון דורות, אַנדערשקייט פון מענטש און וועלט־באַנעם. דאָס לעבט אין אים ניט נאָר דורך באַוווסטזיין. דאָס לעבט אין אים אויך, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן, ביאָלאָגיש. ביים יידישן אַחריותפולן מענטשן מוזן אָט די אינסטינקטן נאָר שאַרפער לעבן ווי ביי ניט־יידן, ווייל דווקא ביים יידישן פאָלק זיינען דאָ סכנות פון פאַרלירן די נאַציאָנאַלע אַנדערשקייט. אָן אָט אַזאַ אַנדערשקייט פאַרלירט יעדעס פאָלק זיין זכות הקיום. דער לעכץ צו המשך גיט צו צום ייד־זיין טיפערע עמאָציעס. אויך צוליב דעם איז די השפּעה־קראַפט פון ייד־זיין אַ פיל גרעסערע אויפן עמפּינדלעכן מענטשן, ווי די השפּעה־קראַפט פון אַ דעראָבערטער אידעע, אַפילו פון יענעם לויטערן סאָרט, ווי די אַנאַרכיסטישע אידעע, וואָס האָט געלעבט אין די הערצער און מוחות פון הלל זאָלאָטאַראָוו און משה קאַטץ.

*

די צייט, ווען איך האָב זיי ביידן דערקענט, איז פאַרן אַנאַרכיזם געווען זייער

אַ שווערע: דאָס איז געווען די צייט ווען זייערע אייגענע טאַטן — מיט אָדער אָן געגנזנפּיס — האָבן אַנטוישט. זייערע פּרוּוון אויפצושטעלן אייגענע קאָלאָניעס — אין געוויסע פּרטים ענלעך צו אונדזערע קיבוצים אין ישׂראל — זיינען דורכגעפֿאַלן. די „פּראָפּאַגאַנדע־דער טאַט", וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם אַטענטאַט וואָס דער אַנאַרכיסט אַלעקסאַנדער בערקמאַן האָט געמאַכט אויף אַ גרויס־אינדוסטריאַליסט אין דער צייט פֿון אַ שאַרפֿן סטרייק אין פּיטסבורג, האָט אַרויסגערופֿן פּונקט די פֿאַרקערטע ווירקונג אין דער געזעלשאַפֿט. די אַנאַרכיסטישע גרופּע איז שטאַרק צעטרייסלט געוואָרן. זי האָט גענומען זוכן נייע אָנהאַלטן פֿאַר איר אידעע. די מערסטע אַנאַרכיסטן האָבן עס געפֿונען אין די שטורעמדיקע רעוואָלוציאָנערע פֿאַסירונגען אין רוסלאַנד.

די יידישע אַנאַרכיסטן זיינען געוואָרן הייסע אָנהענגער פֿון דער פּאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן. די סאָציאַלע פֿילאָזאָפֿיע פֿון די רוסישע ס.ר.ן האָבן זיי ניט אָנגענומען, אָבער זיי האָבן זיך געפֿילט ווי שותּפֿים צו זייער רעוואָלוציאָנערן אימפּעט און צו זייערע העלדישע טאַטן. די מערסטע אַמעריקאַנער יידישע סאָציאַליסטן זיינען געווען אידעיִש נענטער צו די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, כאָטש אויך זיי האָבן געשעפּט גרויס הנאה פֿון די קלעפּ, וואָס די „באָיעוואַיאַ אָרגאַניזאַציאַ" פֿון די רוסישע ס.ר.ן האָבן צוגעטיילט דער צאַרישער רעגירונג. די יידישע אַנאַרכיסטן האָבן זיך אָבער פֿיל נענטער געפֿילט מיט די רוסישע ס.ר.ן און פֿיל פֿון זייער טעטיקייט האָט זיך דאַן קאָנצענטרירט אין געבן מאָראַלע און מאַטעריעלע הילף דער דאָזיקער העלדישער פּאַרטיי. נאַטירלעך, אַז אונדזערע צוויי ראשונים — ד״ר הלל זאָלאָטאַראָוו און משה קאַטץ — זיינען געווען צווישן די אַקטיווסטע אויף דעם געביט.

אָבער ביי זיי האָט זיך אָנגעהויבן צייכענען נאָך אַ גייסטיקער פּראָצעס. עס האָט זיך אין זיי געגומען אויפוועקן זייער ייִד־באַוווסטזיין. דאָס איז געווען תּיכּף נאָכן ערשטן קישינעווער פּאָגראָם אין 1903. זייערע הערצער האָבן זיך אַ טרייסל געטאָן. אויך אַנדערע אַנאַרכיסטן און סאָציאַליסטן זיינען אויפגעטרייסלט געוואָרן. צווישן די לעצטע האָט דעם בולטסטן אָרט פֿאַרנומען דער גוט־באַוווסטער אַב. קאַהאַן, וועמען עס וועט דאַרפֿן געווידמעט ווערן גאָר אַ באַזונדערער קאַפּיטל, צוליב דער גרויסער השפּעה — פּאָזיטיוו און אויך נעגאַטיוו — וואָס ער האָט אויסגעאיבט אין יענער עפּאָכע.* אָבער, איך האָב שוין געזאָגט, אַז צווישן די יידישע אַנאַרכיסטן האָט דער ייִד־מאָמענט גערעגט מער נשמות. די אויסטערלישסטע צווישן זיי זיינען געווען די צוויי, וועגן וועמען עס ווערט איצטער געשריבן: הלל זאָלאָטאַראָוו און משה קאַטץ.

דאָס וואָס דער אַנאַרכיזם האָט שטענדיק פֿאַרמאָגט אַ געזונטערן הוש פֿאַר דער באַדייטונג פֿון אינדיווידועלער התגלות פֿון יעדן סאָרט, איינשליסנדיק די גרופּן־אינדיווידואַליטעט פֿון אַ פֿאָלק; דאָס וואָס אינעם אַנאַרכיזם און ביי אַחריות־פֿולע אַנאַרכיסטן איז דאָס געפֿיל פֿאַר בענקשאַפֿט נאָך פֿרייהייט אַנטוויקלט ביזן

---

* ליידער האָב איך אַזאַ קאַפּיטל קיין מאָל ניט געשריבן. — ב. צ.

העכסטן גראַד; דאָס וואָס פאַר אַן אַנאַרכיסט איז די אָרגאַניזאַציאָנעלע פאַרבינדונג ניט געווען צו שטאַרק און עס איז מער אַנטוויקלט געווען ביי אים דאָס אינדיווידועלע דענקען און האַנדלען; דאָס וואָס פאַרן אַנאַרכיסט האָט די שאַפּנדיקע טאַט פאַרנומען דעם ערשטן אָרט אין זיין אַנשויונג — דאָס אַלץ האָט מיטגעהאָלפן אונדזערע צוויי ראשונים, שנעלער איבערצורייסן מיט דער דאַך־איינגעוואָרצלטער מיינונג אין יידיש־ראַדיקאַלע קרייזן, אַז נאַציאָנאַלע געפילן, אינטערעס פאַרן לעבן פון דער אייגענער נאַציע, זאָרג פאַר איר קיום, זאָרג פאַר איר ספּעציעלער קולטור, געהערט ניט און טאָר ניט געהערן צום אינטערעסן־קרייז פונעם סאָציאַליסט אָדער אַנאַר־כיסט. אַזוי שנעל ווי אין זייערע נשמות האָט אויפגעלויכטן דאָס געפיל פון נאַציאָ־נאַלער אחריות און זייער געדאַנק איז באַפרייט געוואָרן פון די טעותן פון יידישן ראַדיקאַליזם פון יענער צייט, האָבן זיי געדאַרפט נאָר אַ שטויס פון דער זייט כדי זיך אָנהייבן צוהערן צו אַלט־באַקאַנטע קלאַנגען פון זייערע נשמות; כדי צו דער־פילן אַז שוין לאַנג־לאַנג צוריק האָט זייער אינסטינקט זיי אונטערגעזאָגט אין וואָסער ריכטונג צו זוכן די לייזונג צו די אָנגעווייטיקטע פּראָבלעמען פון יידישן לעבן.

✶

דער ערשטער איז געווען ד״ר הלל זאָלאָטאַראָוו. צו זיין קרעדיט דאַרף פאַר־צייכנט ווערן, אַז ער איז געווען איינער פון די סאַמע ערשטע צווישן דער דע־מאָלטיקער יידישער אינטעליגענץ, וואָס האָט דאָס יידישע פּראָבלעם אָנגעהויבן באַהאַנדלען יידיש־מענטשלעך, קולטור־היסטאָריש און ניט ווילד־אַפּיקורסיש. ער האָט זיין אַרבעט אָנגעהויבן מיט אַן ערך צוויי יאָר פריער אײדער די נאַציאָנאַל־יידישע גייסטיקע רעוואָלוציע האָט אָנגעהויבן שלאָגן וואָרצלען אין דער יידיש־אַמעריקאַנער פאָלקסמאַסע, בעיקר דורך דער גרויסער אויפקלערונגס־אַרבעט פון ד״ר חיים זשיטלאָווסקי אין יאָר 1905, ד״ר נחמן סירקין אין 1908 און דורך דעם צושטייער פון די פּועלי־ציון אין אַמעריקע, וועלכע האָבן דאַן אָנגעהויבן זייער אַרבעט.

איך מיין, אַז דער דאָזיקער פאַקט דאַרף צוגעשריבן ווערן צו דעם וואָס ד״ר הלל זאָלאָטאַראָוו איז געווען איינער פון דער „עם עולם״־גרופּע, וואָס האָט מלכת־חילה געטראָגן אין זיך ספּעציעל־יידישע אידעען־זאָמען. איז דאָך דער נאָמען „עם־עולם״ ניט געווען קיין צופעליקער. ער האָט געשטרעבט איינצופלאַנצן אינעם נייעם אַמעריקאַנער באָדן די אייביקע אידעען פון אייביקן פאָלק, פונעם „עם עולם״. געבוירן איז דער „עם־עולם״ כמעט אין דער זעלביקער צייט ווי „בילו״. „בילו״ האָט געשטרעבט די אייביקע אידעען פונעם אייביקן פאָלק צוריק איינצופלאַנצן אין אייביקן פאַר דעם יידישן פאָלק לאַנד, אין ארץ־ישראל, און „עם עולם״ האָט געהאָפט צו קענען זיי איינפלאַנצן אין אַמעריקע. וויכטיק איז צו פאַרצייכענען, אַז „עם עולם״ האָט געטראָגן אין זיך קערנער פון ייד־זיין; אַז צוליב געשיכטלעכע אַנטוויקלונגען האָבן די דאָזיקע קערנער זיך ניט אָנגענומען אין אַמעריקאַנער באָדן; אַז דורך דעם זיינען די ייד־מאָמענטן אין די הערצער פון די עם־עולמניקעס פאַר־שלאָפן געוואָרן. אָבער ווען דער קישענעווער פּאָגראָם האָט אויפגעטרייסלט די

נשמה, האָט זיך דער ייִד־מאָמענט אין האַרצן פון הלל זאָלאָטאַראָוו צוריק אויפ־געכאַפּט און ער איז דער ערשטער אין דער סאָציאַליסטישער און אַנאַרכיסטישער מחנה אַרויסגעטראָטן מיט אַ סעריע אַרטיקלען אין דער „פרייער אַרבעטער שטימע", וואָס איז אויך פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אַ דין בראָשורקעלע, אונטער דעם נאָמען „ערנסטע פראַגן". אין די זעלביקע אַרטיקלען האָט ער גערופן סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן צו רעווידירן זייער שטעלונג צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע בכלל און צום ציוניזם בפרט.

אין דער ראַזיקער אַרטיקל־סעריע איז זייער שטאַרק זיין קריטיק קעגן דער אָנגענומענער מיינונג אין דער ראַדיקאַלער ייִדישער גאַס. ער האָט אָבער נאָך ניט קיין קלאָרן וועג פאַר די, וואָס זיינען גרייט צוזאַמען מיט אים דורכצומאַכן די בויטיקע רעוויזיע. אין יענער צייט האָט זיך אין ציוניזם אָנגעהויבן דער גרויסער וויכוח צווישן פּאַלעסטינצעס און טעריטאָריאַליסטן. זאָלאָטאַראָוו נעמט אָן דעם טעריטאָר־יאַליזם. געשען איז דאָס אַ פּאָר יאָר שפּעטער, נאָך דעם, ווי ער האָט זיין ערשטע בראָשור פאַרעפנטלעכט. ד"ר זשיטלאָווסקי איז שוין דאָן געווען אין אַמעריקע. זאָלאָטאַראָוו ווערט אין 1906 איינער פון די דריי רעדאַקטאָרן פון אַ וואָכנשריפט, וואָס די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן היבן אָן אַרויסגעבן אונטערן נאָמען : „דאָס פאָלק". די אַנדערע צוויי רעדאַקטאָרן זיינען געווען טאַקע זשיטלאָווסקי אַליין און משה קאַטץ. די צייטונג איז דערשינען אין פילאַדעלפיע.

עס איז אָבער קלאָר, אַז אין זאָלאָטאַראָווס נשמה האָט אויפגעלעבט דאָס באַ־וווסטזיין, אַז אַ נייע עפּאָכע מוז קומען אין ייִדישן לעבן ; אַז עס מוז איבערגעבויט ווערן דאָס ייִדישע לעבן אויף נייע, פּראָדוקטיווע יסודות. ער האָט פון אָנהייב גע־בלאָנדזשעט, פּונקט ווי אַ סך פון אונדז, ביז ער האָט זיך פולשטענדיק פאַרבונדן מיט ארץ־ישראל ; ביז ער האָט איינגעזען, וואָס פאַראַ גרויסער פאַקטאָר דער היס־טאָרישער בונד פון ייִדישן פאָלק מיט ארץ־ישראל קען ווערן אין דעם פּראָצעס פון איבערבויען דאָס ייִדישע לעבן. איז ער אָבער געקומען צו אָט דער איבערצייגונג, האָט ער מיט זיין נשמהדיקער אויפריכטיקייט זיך פאַרבונדן מיט די שאַפונגען פון דער ייִדישער אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל און ביז זיין לעצטן אָטעמצוג איז ער געבליבן טריי סיי זיין אַנאַרכיזם, סיי דעם נאַציאָנאַלן באַפרייונגס־קאַמף פון זיין פאָלק דורך ארץ־ישראל.

די צוויי־דריי לעצטע יאָרן פון זיין לעבן איז ער געווען צוגעשמידט צו זיין בעט. ער איז אַליין געווען אַ מעדיצינער און האָט גוט געוווּסט, אַז זיין לעבנס־ליכט האַלט זיך ביים אויסלעשן. דווקא אין יענע יאָרן איז זיין נשמה אַנטפּלעקט געוואָרן אין איר פולער מאָס. אָט ליגט ער, זיין אָטעם איז קורץ, זיינע פראַזן אָפּגעהאַקט, אָפט מאָל איבערגעהאַקט פון אַ שווערן הוסטן, און עס רעדט דאָך פון אים אַרויס לעבנס־פרייד, אומבאַגרענעצטער אָפּטימיזם. אַזוי זע איך אים אין די יאָרן 21־20־1919, ליגנדיק אין זיין קראַנקן־בעט אַ ליכטיקן, אַ שמייכלענדיקן, נאָכפרעגנדיק וועגן אַלץ וואָס אים אינטערעסירט — בעיקר וועגן אַלץ, וואָס ווערט געשאַפן אין ארץ־ישראל, וואָס איז אים געוואָרן אַזוי איינגעבאַקן אין האַרצן. מיט ריינער, קינ־דערשער פרייד ווערן פול די ליכטיקע, לייכטנדיקע אויגן, ווען ער רעדט וועגן די

נייע עכט־סאָציאַליסטישע קאָלאָניעס, וועלכע האָבן דאַן געהאַלטן אין פאַרמערן זיך אין ארץ־ישראל.

די דערשיינונג זאָלאָטאַראָוו צייכנט מיט זיך די התחלה פון דער מערקווירדיקער גייסטיקער רעוואָלוציע אין דעם געדאַנקען־גאַנג פון אַמעריקאַנער־יידישן סאָציאַליסטיש־אַנאַרכיסטישן סעקטאָר, וואָס איז אַ טייל פון דער נייער יידישער געשיכטע. דאָס איז דאָס אומאויפהערלעכע ערנסטע זוכן די לייזונג פאַר אונדזער פאַרקריפּלטער עקזיסטענץ. זאָלאָטאַראָוו איז געווען איינע פון די התגלותן פון פּיאָנערטום אין דער מאָדערנער יידישער צייט. דאָס פּיאָנערטום איז ניט בלויז אַן ארץ־ישראל־דיקער וווקס. ארץ־ישראל האָט דעם מאָדערנעם פּיאָנערטום געגעבן זיין פולן תיקון, אָבער דאָס פּיאָנערטום האָט זיך אָנגעהויבן אין אַלע תפוצות פון יידישן גלות. געשען איז בלויז דאָס פאָלגנדיקע: אַלע טרעגער פון דעם דאָזיקן פּיאָנערטום, וועלכע האָבן אין ארץ־ישראל דערשפּירט זייער תיקון, זיינען גייסטיק לעבן געבליבן, זיי זיינען געקומען — וואָלט איך געזאָגט — צו זייער גייסטיקער מנוחה ונחלה. דער גרעסטער טייל פון יענע, וועלכע האָבן ארץ־ישראל ניט דערזען, זיינען געפאַלן אין וועג. יאוש און קאַריעריזם האָט זיי פאַרשלעפּט. זאָלאָטאַראָוו שטעלט מיט זיך פאָר דעם בולטסטן אויסדרוק פון יענע טרעגער פון פּיאָנערטום אין אַמעריקע, וואָס האָט, דורך זיין פאַרבינדונג מיט ארץ־ישראל, פולבלוטיק אויסגעלעבט זיין אידעאַליסטיש יצירהפול לעבן.

*

אויך משה קאַטץ האָט געהערט צום זעלביקן טיפּ אַנאַרכיסטן, ווי הלל זאָלאָטאַראָוו. ער האָט אויך, פונקט ווי זאָלאָטאַראָוו, טיף געשפּירט די באַצווינג־קראַפט פון ייד־זיין, אין וועלכער ער האָט געפונען זיין העכסטע יחידישע אויסלעבונג. אויך אים האָט זיין אינערלעכע דיסציפּלין, געצויגן פונעם ייד־זיין, אויסגעהיט פון דער געפאַר פון גייסטיקן ניהיליזם און געריניקט אין אים דעם פרייהייטלעכן אַנאַרכיזם. ער איז געווען מער ליטעראַט ווי זאָלאָטאַראָוו. ער האָט בייגעטראָגן אַ וויכטיקן שטייער צו אונדזער קולטור־אוצר ווי דראַמאַטורג, שאַרפער פעליעטאָניסט און בעיקר — רעדאַקטאָר. די ערשטע פּאָעטישע שריט פון ה. לייוויק זיינען געמאַכט געוואָרן אונטער דער רעדאַקציע פון משה קאַטץ אין דער פילאַדעלפיער טאָג־צייטונג „די יידישע וועלט".

איך באַגרענעץ אָבער מיינע קומענדיקע שורות צו משה קאַטץ ווי אַ געזעלשאַפטלעכער עסקן, ווי אַ לעקטאָר אויף דער טריבונע, ווי אַ מיטאַרבעטער אין באַוועגונגען און ווי אַ מיטקעמפער אין פאַרשידענע אינערלעכע מלחמות אין יידישן לעבן.

איך דערמאָן זיך אין דער ערשטער לעקציע, וואָס איך האָב פון אים געהערט אין פילאַדעלפיע אין יאָר 1906, ווען ער איז געקומען רעדאַגירן דאָס אויבנדערמאָנטע וואָכנבלאַט פון די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן, צו וועלכע אויך איך האָב דאַן געהערט. געווען בין איך נאָך דאַן פאַר די פולע 20 יאָר. אין גאַנצן מיט צוויי יאָר צוריק אַוועק פון גאָר אַן אַנדער וועלט. אין משך פון די צוויי יאָר האָבן דורך מיין נשמה דורכגעשטורעמט פאַרשיידענע נייע סאָציאַלע און יידישע אידעען.

קוקנדיק צוריק מיט איבער 50 יאָר שפּעטער אויף יענער צייט, דוכט זיך מיר, אַז אין מיר האָבן דאַן אַלע סאָרטן אידעען געפונען ערגעץ־ווו אַ סימפּאַטישן ווינקל, אַפילו אַזעלכע אידעען, וואָס די אַרומיקע געזעלשאַפט האָט געהאַלטן, אַז זיי שליסן אויס איינס דאָס צווייטע. אַנאַרכיזם האָט אָן ספק געפונען מער ווי אַ וואַרעמען אָפּקלאַנג אין מיר. די אַנאַרכיסטישע טאַקטיק האָט מיך אָבער גוואַלטיק שאָקירט. משה קאַטצס נאָמען איז דאַן — מיט רעכט אָדער ניט, דאָס ווייס איך עד היום ניט — געווען פאַרבונדן מיט אַן אַנאַרכיסטישער תפילה זכה — אַ פּאַראָדיע אויף דער תפילה זכה, וואָס יידן זאָגן פאַר כל נדרי — וואָס האָט מיך פּשוט דערשיטערט. מיין האַרץ איז דעריבער ניט געווען אין גאַנצן ריין פון אַ שאַרפן רוגז אויף משה קאַטץ. אָבער זיין גאַנצע פּערזענלעכקייט איז פאַרט געווען דער היפוך דערפון, וואָס יענע ווילדע „ליטעראַטור״־שטיק האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט. מיט אַזעלכע געמישטע געפילן בין איך אים געגאַנגען הערן.

מיין באַציִונג צום געזאָגטן וואָרט איז אויספאָרמירט געוואָרן אין יענער אַנדער וועלט, פון וועלכער איך בין אַוועק. דעם העכסטן אויסדרוק (פון אָט דעם געזאָגטן וואָרט) און דערפאַר אויך דעם טיפסטן איינדרוק אין מיין נשמה האָב איך געפילט אין די פאַרכאַפּנדיקע, מיט טיפן פּלפּול אָנגעפילטע שיעורים, וואָס ר׳ אליעזר גאָרדאָן עליו השלום האָט געזאָגט אין דער טעלזער ישיבה און די באַרויִקנדיקע, לויטערע, מיט טיפן שכל און קלאָרער הסברה אַרויסגעבראַכטע אין דער זעלביקער ישיבה פון ר׳ שמעון שקאָפּ עליו השלום. די קדושה צום געזאָגטן וואָרט, וואָס איך האָב אין זיך געטראָגן איז, אין די ערשטע צוויי יאָר פון מיין זיין אין אַמעריקע, ניט איין מאָל פאַרשוועכט געוואָרן דורך די דעמאָלטיקע וואָרטזאָגער פון דער יידישער גאַס. און מיין גליקלעכע איבערראַשונג האָב איך איבערגעלעבט, ווען איך האָב סיי אין משה קאַטצס טאָן, סיי אין זיין אינהאַלט, צוריק דערשפּירט אַ טייל פון יענער קדושה צום וואָרט.

איך האָב שוין דאַן געהאַט זיך צוגעהערט צו אַ ריי לעקציעס פון ד״ר חיים זשיטלאָווסקי. אָן ספק האָט זיין וואָרט געהאַט אויף מיר אַ גוואַלטיק־פּאָזיטיווע השפּעה. אָבער זיין וואָרט האָט בשום אופן ניט דערמאָנט ניט אויף ר׳ לייזער טעלזער, ניט אויף ר׳ שמעון שקאָפּ. צו פּראָפעסאָרן־לעקציעס האָב איך ביז דאַן זיך נאָך קיין מאָל ניט געהאַט צוגעהערט. איז דאָס זשיטלאָווסקי־וואָרט געווען פאַר מיר כולו חידוש. דאָס דאָזיקע וואָרט, שטאַרק און קלאָר ווי עס איז ניט געווען, האָט זיך אָבער אין מיין נשמה מיט קיין זאַך פון פריער ניט געבונדן. זיי האָבן ניט געהאַט דעם טעם פון המשך. אין די רייד פון משה קאַטץ האָב איך יאָ דערפילט המשך!

עס האָט אַרויסגערעדט אַ יידישע נשמה, עס האָט אַרויסגעקלונגען יידישער צער, עס האָט אַרויסגערעדט טיפע בענקשאַפט נאָך ייד־זיין. לייען איך איצטער אָפּט די השתפכות הנפש פון אַ צאָל יידישע שרייבער אין זייער זוכעניש צוצוקומען צוריק צום יידישן מקור, אַ בענקשאַפט, צו וועלכער איך באַצי זיך מיטן גרעסטן יראת הכבוד, קומען מיר אַרויף אויף דער מחשבה יענע פּשוטע האַרציקע ווערטער פון משה קאַטץ אין יאָר 1906: „מיר האָבן פאַרוואָרפן אַלע אונדזערע אַלטע יידישע יום־טובים. מיר האָבן קיין נייע ניט אויפגעשטעלט. איז אונדזער לעבן כסדר וואָכע־

דיק, ווערן מיר אויסגעליידיקט פון קדושה. ווער ווייסט ווהין דאָס וועט אונדז דערפירן״.

משה קאַטץ האָט זיכער ניט געוווּסט, אַז צווישן זיינע צוהערער האָט זיך געפונען אַ יונגער בחור, אויף וועמען די דאָזיקע פּשוטע האַרציקע ווערטער האָבן געמאַכט אַזאַ טיפן רושם, אַז ער קען זיי קיין מאָל ניט פאַרגעסן. דער אמת, וואָס האָט אַרויסגערעדט פון זיין פּנים, פון זיין שטימע און פון זיין יעדן נערוו, האָט זיך איינגעקריצט אין מיין נשמה. אין יענעם מאָמענט האָב איך אין גאַנצן פאַרגעסן וועגן דער אַנאַרכיסטישער „תפלה זכה״. אין אָט דער זאַרג פאַר ייד־זיין האָב איך דערשפּירט דעם טיפסטן שטריך פון משה קאַטצס נשמה.

✶

שפּעטער האָב איך לאַנג געטראַכט וועגן אים. איך האָב זיך דערוווּסט וועגן זיינע פאַרבינדונגען, אין זיינע יונגע יאָרן, מיט די אידעען פון משה לייב לילענבלום. איך האָב פאַרשטאַנען (אַזוי, ווייניקסטנס, האָט זיך מיר געדוכט) זיין אַנאַרכיזם און זיין טיפע יידישקייט. איך האָב אין דעם געזען ניט היפּוכים, נאָר פאַרקערט — דערגענצונגען. אָבער ווי האָט זיך דאָ אַריינגעפּאַסט דער אַנטירעליגיע־קאַמף אין וועלכן ער האָט זיך באַטייליקט, צי ער איז יאָ אָדער ניט געווען דער מחבר פון דער אַנאַרכיסטישער „תפלה זכה״ ?

פאַר זיך אַליין שיינט מיר, אַז איך האָב דעם ענטפער געפונען. דווקא דער טיפער געפיל פון ייד־זיין האָט אים אַפּט געפירט אויך אין זיין קאַמף קעגן רעליגיע. אויך ער האָט, ווי פיל פון אונדז, געשפּירט, אַז דער וויכטיקסטער שטח פון יידישער אייגנאַרט, וועלכן דער יידישער געניוס האָט זיינע הויפּט־שאַפונג־כוחות געווידמעט און אויף וועלכן ער האָט דערגרייכט זיינע העכסטע יצירה־שפּיצן, איז דער שטח פון אמונה. ער האָט דעריבער געשפּירט, אַז באַרירנדיק דעם שטח, רירט מען אָן דעם וויכטיקסטן לעבנס־נערוו פון יידישער אייגנאַרט. און ווען עס האָט זיך אים געדוכט, אַז אָט דער שטח ווערט צו פיל באַגרענעצט אין זיינע אַנטוויקלונגען דורך שאַלעכצן פון סייגים און גדרים, וועלכע שטערן די פרייע אַנטוויקלונג פון דער יאָדער פון יידישער שעפערישער אייגנאַרט, האָט דער קאַמף אַנטקעגן אָט די סייגים און גדרים אָנגעפילט מיט קדושה מענטשן פון דעם טיפּ פון משה קאַטץ.

די עקסטרעמיטעט, מיט וועלכער דער דאָזיקער קאַמף איז געפירט געוואָרן, לייקנט ניט אָפּ אָט די באַהויפּטונג. פאַרקערט: אין מיינע אויגן איז עס דווקא אַ באַשטעטיקונג. דער מענטש, וואָס האָט ניט קיין אינערלעכע באַציִונג צו קדושת שבת, פאַר יענעם מיינט גאָרניט חילול שבת. ער איז גלייכגילטיק צום גאַנצן ענין. שבת איז פאַר אים אַ טאָג ווי אַלע טעג. עקסטרעמער חילול־שבת, אויב ער וואַקסט ניט אַרויס פון פּשוטער באַד־יונגעריי, איז דווקא אַ דעמאָנסטראַציע פון טיפער אינערלעכער באַציִונג צו קדושת שבת.

און ווי נאָר משה קאַטץ האָט דערפילט, אַז פאַר אַ טייל פון יענעם דור פון יידישע אַנאַרכיסטן איז טאַקע דער אַנטירעליגיע־קאַמף פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פּשוטער באַד־יונגעריי, ווייל זייער באַגריף פון אַנאַרכיסטישער פרייהייט איז אַרונטערגעזונקען צו דער מדרגה פון ניהיליסטישן הפקר, האָט ער זיי פאַרלאָזן. אָבער

דעם ריינעם אַנאַרכיזם האָט ער זיין גאַנצן לעבן אויפגעהיט. דער טיפער אַחריות־געפיל פון ייד־זיין האָט אים שטאַרק געהאָלפן דיסציפּלינירן זיין נשמה און האָט פשוט אוממעגלעך געמאַכט פאַר אים מיטצוגיין אויפן וועג פון ניהיליסטישן הפקר.

פון זיין — פאַר מיר — ערשטער רעדע ביז זיין טויט ציט זיך אַ צייט פון אַרום 35 יאָר. אין דער דאָזיקער צייט איז איבערגעפאָרמירט געוואָרן דאָס פּנים פון דער אַמעריקאַנער יידישער באַפעלקערונג בכלל און פון זיין ראַדיקאַלן טייל בפרט. אין דער דאָזיקער צייט האָבן דורכגעשטורעמט אינערלעכע קאַמפן פון גרויסן פאַרמעסט, הויפּטזעכלעך אַרום דער גרינדונג פון אַמעריקאַנער יידישן קאָנגרעס אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. עס זיינען געווען עליות און ירידות אין דער גאַנצער וועלט, וואָס האָבן משפּיע געווען דעם אַמעריקאַנער יידנטום; עס זיינען געווען עליות און ירידות אין דעם געוואַגטסטן פאַרזוך, וואָס צוויי יידישע דורות האָבן געמאַכט אויפצובויען ארץ־ישראל. אויך די דאָזיקע עליות און ירידות האָבן אַפעקטירט דאָס אַמעריקאַנער יידנטום. אין די אַלע פּראָצעסן האָט די פאַרהעלטניש־מעסיק־קליינע צאָל ציוניסטן־סאָציאַליסטן שטאַרק געווירקט. זיי האָבן אַרויסגעוויזן היסטאָרישע רירעוודיקייט און היסטאָרישע געוואַגטקייט. זיי האָבן אַריינגעטראָגן איניציאַטיוו אויף אַ סך געביטן פון יידישן לעבן. באַדייטנדיקע יידישע פּערזענלעכקייטן זיינען מיט די פּועלי־ציון מיטגעגאַנגען געוויסע שטחים. שפּעטער האָבן זיי זיך אָפּגעטיילט פון די פּועלי־ציון. איינציקע האָבן אונדז אַפילו באַקעמפט. און דאָך איז עס געווען זייער גוטע רעכט צו האַנדלען לויט דעם דיקטאַט פון זייער געוויסן. משה קאַטץ האָט אָבער די דאָזיקע באַוועגונג טיפער באַגריפן. ניט די צייטווייליקע פאַרטייטשונג אָדער אויסטייטשונג פון דער אָדער יענער סאָציאַלער פראַגע האָט אים צום פּועלי־ציוניזם צוגעצויגן. ער האָט דערשפּירט אַז דורך איר איז אויף דער אַרענע פון דער יידישער געשיכטע אויפגעטראָטן דער גאולה־כוח נאָך וועלכן דער ייד־זיין אין אים האָט אַזוי געלעכצט. ער האָט געפילט, אַז דורך איר הגשמה אין ארץ־ישראל טרעט אויף דער כוח, וואָס וועט בייטראָגן דעם יידישן חלק צום קאַמף פאַר דער מענטשלעכער פרייהייט אין יענעם לויטערן זין, וואָס זיין פרייהייטלעכער אַנאַרכיזם האָט אים געוויזן. ער האָט דעריבער אָפּגעגעבן אָט דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג זיין מי און מאַרך, זיין זאַפט און קראַפט.

און סיי אין דער טאָג־טעגלעכער קליין־אַרבעט, סיי אין דער ברייטער עפנטלעכקייט, אין מאָמענטן פון גרויסער פרייד, ווי אין מאָמענטן פון טיפן צער, שטענדיק איז ער געבליבן דער טיפער מאמין. שטענדיק האָט זיין נאָענטקייט אַרויסגערופן טיפע וואַרעמקייט, און זיין האַלטונג — טיפע באַוווּנדערונג. ווייל שטענדיק האָט פון אים אַרויסגעשטראַלט אַ פּערזענלעכקייט, וואָס איז פאָרמירט געוואָרן פון אַזאַ מיזוג פון אַנאַרכיסטישער תשוקה צו לויטערער פרייהייט און פון יידישער בענקשאַפט צו פולשטענדיקער גאולה.

✶

די פרייהייטס־בענקשאַפטן, וועלכע האָבן אַזוי טיף משפּיע געווען אויף הלל זאָלאָטאַראָוו און משה קאַטץ, זיינען, פון דעסטוועגן, ניט געווען באַגרענעצט צו

אַנאַרכיסטן. אַ גאַנצע גאַלעריע פון סאָציאַליסטן זיינען אויך געגערט געוואָרן פון די זעלביקע בענקשאַפטן נאָך פרייהייט און מענטשלעכער גאולה. אין צווייטן טייל פון 19טן יאָרהונדערט איז אויפגעקומען אין אייראָפּע אַ גרופּע פון יידישע סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן אויך אונטערגעשטראָכן זייער בענקשאַפט צו יידישער גאולה. איך דיסקוטיר איצטער ניט, צי זייער וועג צו יידישער גאולה איז געווען אַ ריכטיקער. איך שטעל נאָר פעסט, אַז זייער ייד־זיין האָט זיי באַאומרויִקט. די דאָזיקע גרופּע איז געווען אָנגעפירט דורך ליבערמאַן און זונדעלעוויטש. מיט אָט דער גרופּע האָט אָנגעהויבן מיטאַרבעטן דער דריטער פון אונדזערע פיר ראשונים — מאָריס ווינטשעווסקי.

דורך מאָריס ווינטשעווסקי, מער ווי דורך וועלכן ס'איז אַנדערן צייט־חבר זיינעם, ווערט סימבאָליזירט 50 יאָר יידישער סאָציאַליזם אין זיין סאַמע אָנהייב. ער איז געווען אַ יורש פון אַלטע יידישע גייסטיקע אוצרות און אַ וויכטיקער צו־טראָגער צו די נייע יידישע ווערטן, וועלכע די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט אין יענע 50 יאָר געשאַפן. די צייט פון זיין ווירקן איז געווען בערך אינעם לעצטן פערטל פון 19טן יאָרהונדערט און אין ערשטן פערטל פון צוואַנציקסטן.

אין זיינע גאָר לעצטע יאָרן האָט ער זיך אַ שטאַרקן בייג געטאָן צום קאָמוניזם. מען דאַרף געדענקען, אַז דאָס זיינען געווען די סאַמע ערשטע יאָרן פון דער באָל־שעוויסטישער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. די שאַרפע מענטש־ווערגנדיקע נעגל פון סטאַלין האָט נאָך דאַן קיינער ניט געזען. דערצו קען דער שרייבער פון די שורות — וועלכער איז אַליין געווען אַן עקסטרעמער קעגנער פון באָלשעוויזם און קאָמוניזם נאָך איידער סטאַלין האָט זיך באַוויזן — עדות זאָגן, אַז ווינטשעווסקיס נייגונג צום קאָמוניזם האָט אַרויסגעשטראָמט פון אַ ריין האַרץ און פון אמתן — כאָטש טעותדיקן — גלויבן.

מאָריס ווינטשעווסקי איז אַליין מיטגעגאַנגען מיט דער יידישער עמיגראַנטן־מאַסע דורך ליטע, דייטשלאַנד און ענגלאַנד, איידער ער איז געקומען קיין אַמעריקע. דאָס זיינען געווען וויכטיקע סטאַנציעס, וואָס די עמיגראַנטן האָבן דורכגעמאַכט. און אויף יעדער סטאַנציע האָט ער צוגעטראָגן פון זיין ספּעציפישן גייסט.

ער האָט קולטורעל־גייסטיק אָנגעהויבן פון די טיפענישן פון יידישן חדר אין זיינע אַלע התגלותן. ער האָט אויך באַוויזן צו געניסן פון דער ריינער השכלה־עפּאָכע און ער איז מיטגעגאַנגען און מיטגעשאַפן אין אַלע פּיאָנערישע דערשיינונגען פון יענעם האַלבן יאָרהונדערט. זיין סאָציאַליזם האָט געשטראָמט פון יענע גייסט־קוואַלן, פון וועלכע ער האָט געטרונקען אין אַלטן חדר און ישיבה און איז פאַר־שטאַרקט געוואָרן שפּעטער דורך דער השכלה. פון אָט די קוואַלן האָט ווינטשעווסקי קיין מאָל ניט אויפגעהערט צו שעפּן. אין זיין סטיל און אין דעם אינהאַלט פילן זיך דאָס תנ"כישע פון רעליגיעזן חדר, און דער ערשטער רעוואָלוציאָנערער אויפברויז פון זיין האַרץ, וואָס די השכלה האָט אַריינגעטראָגן.

די שייכות פון השכלה מיט סאָציאַליזם ביי יידן איז נאָך ליידער ניט גענוג אויסגעפאָרשט געוואָרן. ווינטשעווסקי איז זיכער ניט געווען דער איינציקער, וואָס האָט דעם דאָזיקן מערקווירדיקן וועג דורכגעמאַכט. אין אים איז עס אָבער בולטער

פאַרוואָרצלט געוואָרן. פאַר זיין ליטעראַרישן שאַפן איז די ירושה פון השכלה אפשר קינסטלעריש געווען אַ שטערונג. אָבער דערפאַר וויזיאָנעריש, רעוואָלוציאָנער־אימפּעטדיק איז זי פאַר אים געווען אַ גרויסע מעלה. ווייל וועלכע אונדזער באַציִונג זאָל איצטער ניט זיין צו דער השכלה, צו די געזונטע און אויך אומגעזונטע דער־שיינונגען, וואָס זי האָט אַריינגעטראָגן אין יידישן לעבן, — רעוואָלוציאָנערן אימפּעט האָט זי אין אירע ערשטע יאָרן פאַרמאָגט. די השכלה איז אָגב ניט די איינציקע באַוועגונג, וואָס האָט שפּעטער געבוירן קינדער, וועלכע זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אינעם היפּוך פון איר ערשטן רעוואָלוציאָנערן אימפּעט.

ווינטשעווסקי האָט זיך געראַטעוועט פון די ווייטערדיקע שעדלעכע אַנטוויק־לונגען פון דער השכלה דורך דעם פרישן אויפבּרויז פון סאָציאַליזם אין זיין האַרץ און מוח. האָט ער אין זיינע ווייטערדיקע שעפערישע קוואַלן אַריבערגעטראָגן בלויז דעם רעוואָלוציאָנערן אימפּעט פון דער השכלה.

און פונקט ווי דער סאָציאַליזם האָט געראַטעוועט ווינטשעווסקין פון יענע פאַר־קריפּלונגען פון השכלה, וואָס האָט דערפירט צום עקסטרעמען רעפאָרמיזם אין רעליגיע, וואָס האָט אין די ערשטע סטאַדיעס באמת געמיינט די אויסליידיקונג פון יעדן יידישן קולטור־ווערט (היינט האָט זיך דער רעפאָרמיזם אויך געענדערט), אַזוי האָבן די טיפע רעליגיעזע ירושות פון ליטווישן חדר און ישיבה געראַטעוועט ווינטשעווסקין פון אַ צווייטן שעדלעכן וווקס פון דער אויבערפלעכלעכער השכלה, וואָס איז אַריינגעבראַכט געוואָרן אין יידישן סאָציאַליזם דורך אַזעלכע אַגיטאַטאָרן ווי בנימין פייגענבוים און לעאָ ראָזנצווייג. ווינטשעווסקי איז געווען צו טיף פאַר־וואָרצלט אין די פּאָזיטיווע קולטור־שטראָמען פון יידישן לעבן, כדי אַריינגעשלעפּט צו ווערן אין די היסטאָרישע טעותן פון די ערשטע קינדער־יאָרן פון יידישן סאָ־ציאַליזם אין אַמעריקע.

דערמיט דערקלערן זיך אויך זיינע פּאָזיטיווע באַציִונגען סיי צו דער העב־רעיִשער שפּראַך, סיי צו ארץ־ישראל. אין אַ ריי שריפטן האָט ער די דאָזיקע באַ־ציִונגען פאָרמולירט. דער איינדרוק, וואָס האָט זיך אין זיינע לעצטע יאָרן פאַר־שפּרייט, אַז ער האָט די דאָזיקע באַציִונגען געענדערט, איז אַ פאַלשער. ווער עס האָט ניט בייגעוווינט אַ פאָר אָוונטן ביי אים אין הויז, ווען חבר אברהם האַרצפעלד פון ארץ־ישראל האָט זיך אויף זיין שטייגער צעזונגען; ווער עס האָט ניט געזען, ווי דער שיין פון טיפער גייסטיקער הנאה האָט זיך צעשפּרייט אויף ווינטשעווסקיס פּנים; ווער עס האָט ניט פאַרבראַכט אַ מאָל אין ווינטשעווסקיס ביבליאָטעק און האָט ניט באַמערקט, ווי הייליק עס זיינען פאַר אים פאַרבליבן זיינע ערשטע העב־רעיִש־סאָציאַליסטישע שריפטן — דער האָט ניט געקענט די אַלזייטיקע נשמה פון ווינטשעווסקי. יענער האָט אויך ניט געקענט באַגרייפן די טיפע סימפּאַטיעס, ניין — די אמתע ליבע! — וואָס ווינטשעווסקי האָט אין זיך געטראָגן פאַר דער יידישער אַרבעטערשאַפט אין ישראל.

*

ווינטשעווסקיס לעבן און זיינע שאַפונגען זיינען אַריינגעוועבט געוואָרן אין דער געשיכטע פון סאָציאַליזם ביי יידן און דורך דעם אויך אין יידישן פאָלק. יעדע

יידישע שעפערישע דערשיינונג לאָזט איבער אַ ווירקונג אויף דער אויפנעם־רייכער נשמה פון ווינטשעווסקי. פּרובירט מען וואַרפן אַ שנעלן בליק אויף דעם פאַרשידנ־אַרטיקן פאַרבן־און־ווירקונגסרייכן לעבן פון ווינטשעווסקין, ווערט דורך אים אויך בולט — פּונקט ווי דורך הלל זאָלאָטאַראָוו און משה קאַטץ — דער געשיכטלעכער פּראָצעס, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט דורכגעמאַכט אין די לעצטע בערך אַכציק יאָר.

מיר קענען נאָך זיין פולן אַרומנעם ניט פאַרצייכענען. מיר זיינען נאָך אין סאַמע מיטן פון אָט דער גייסטיקער רעוואָלוציע. עס קען אָבער קיין ספק ניט זיין, אַז קאָלאָסאַלע פּיאָנערישע פּרוּוון און טאַקי פּיאָנערישע אויפטוען איז צו פאַרציי־כענען אין דער עפּאָכע; אַז אַלע אָט די פּיאָנערישע פּרוּוון זיינען געלעגן אינעם דראַנג צו געפינען אַ יסוד פאַר אונדזער נאַציאָנאַלן קיום און אינעם דראַנג פאַר אַ לעבן, באַזירט אויף יושר צו אַלעמען — צום מענטש, צום פאָלק און צו דער וועלט. אין אָט דעם דראַנג, אין אָט די זוכונגען פון יידישן גייסט, פאַרנעמט די פּערזענלעכקייט ווינטשעווסקי אַ וויכטיקן אָרט.

און ווייל ווינטשעווסקי איז ניט געווען קיין טעאָרעטיקער, ווערט זיין ראָלע נאָך בולטער. זיין באַדייטונג באַשטייט אין דעם, וואָס אין אַלע נייע אויפגעוואַכטע רעגונגען אין דער יידישער פאָלקסמאַסע איז ער כסדר געשטאַנען אין דער ערשטער ריי, אָבער קיין מאָל ניט ווייט פון פאָלק אַוועק. „אין די גאַסן צו די מאַסן" איז געווען פאַר אים ניט נאָר אַ געשאַפן ליד, נאָר אַן אייגענער לעבנס־דערווייז. און טאַקע צוליב דעם איז ער געווען דער דירעקטסטער באַווירקער פון די יידישע מאַסן. אין דער מאַסע האָט זיין ליד טיפער אַריינגעדרונגען ווי זיין פּעליעטאָן, כאָטש זיין פּעליעטאָן איז, לפי דעתי, געווען מער קינסטלעריש און פון אַ העכערער מדרגה, ווי זיין ליד. גאַנצע צוויי דורות האָט מען אין די ווערקשטאַטן זיין ליד געזונגען.

ווינטשעווסקיס נאָמען בלייבט לעולם ועד פאַרבונדן מיט איינער פון די מערק־ווירדיקסטע עפּאָכעס, וואָס דאָס יידישע פאָלק איז דורכגעגאַנגען. אין זיינע שריפטן וועט אַ קומענדיקער היסטאָריקער געפינען אומגעהויערן מאַטעריאַל, וואָס וועט אָפּשפּיגלען די איבערלעבונגען פון די 50 יאָר, אין וועלכע ווינטשעווסקי האָט זיין גייסט אַריינגעטראָגן. צו אָט אַזאַ ראָלע דערהויבן זיך וויניקע, בלויז יענע, וועלכע טראָגן אין זייער נשמה די זריעה פון געשיכטלעכער שאַפונג און געשיכטלעכער ווירקונג.

*

אַלע דריי ראשונים, וואָס יעדערער האָט פאַרמאָגט זיין באַזונדערע אינדיווי־דואַליטעט, האָבן בעצם דאָך געהערט צו איין סאָרט מענטש — דער מענטש פון געפיל. זייער אַנאַרכיזם אָדער סאָציאַליזם, ביי אַלע טעאָרעטישע דיפערענצן, האָט געשטראָמט מערסטנס פון הארץ. גאַנץ אַנדערש איז געווען מאָריס הילקוויט. ער איז געווען דער סאָציאַליסט פון מוח. ער האָט פאַרמאָגט אַ שאַרפן קאָפּ, וואָס איז קאָנ־טראָלירט געוואָרן פון אַ געזונטער לאָגיק. ער האָט פאַרמאָגט ערשטקלאַסיקע אַנאַ־ליטישע פעיקייטן. מען קען דעריבער זאָגן, אַז הילקוויטס באַציִונגען צום לעבן בכלל און צו סאָציאַלע דערשיינונגען בפרט זיינען פאַרמירט געוואָרן מער פון מוח ווי פון האַרץ.

געקומען איז ער אין די פריִע 80ער יאָרן פון דער דייטש־קולטורעלער ריגע. ער האָט זיך גלייך פון אָנהייב אָן אויפגעהויבן ניט נאָר איבער דער מאַסע, נאָר אויך איבער דער דעמאָלטיקער יידישער אינטעליגענץ. די מערסטע יידישע אינטע־ליגענטן, וואָס זיינען געקומען מיט דער מאַסע, האָבן טאַקע געלעבט מיט איר, האָבן געזוכט צו הייבן דעם קולטור־ניוואָ און די סאָציאַלע מדרגה פון דער מאַסע גופא. הילקוויט האָט זיך תיכף אַריינגעוואָרפן מיט אומגעהויערער ענערגיע אינעם שטו־דיום פון יוריספּרודענץ, און ער איז געוואָרן איינער פון די טיפסטע טעאָרעטיקער פון דער אַמעריקאַנער יוריספּרודענץ.

גלייכצייטיק האָט ער זיינע סאָציאַלע באַגאַבונגען געווידמעט דער סאָציאַליס־טישער אידעע. זיין ווירקונגס־קרייז איז אָבער אַרויס פון די גרענעצן פון דער יידישער מאַסע. ער איז געוואָרן דער טעאָרעטישער פירער פון אַמעריקאַנער סאָ־ציאַליזם. צוויי פּערזענלעכקייטן זיינען אין אָנהייב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט אָנערקענט געוואָרן אַלס די וואָרטזאָגער פון סאָציאַליזם אין אַמעריקע; יודזשין וויקטאָר דעבס און מאָריס הילקוויט. דאָס מערקווירדיקסטע דערביי איז געווען, וואָס דאָס נביאישע אין אַמעריקאַנער סאָציאַליזם, דעם פּאַטאָס, האָט סימבאָליזירט דער ניט־ייד דעבס. דעם סאָציאַליסטישן קאָפּ, דעם סאָציאַליסטישן מוח האָט בייגעטראָגן דער ייד מאָריס הילקוויט.

עס האָט זיכער ניט געפעלט דעם יידישן סאָציאַליזם אָדער אַנאַרכיזם אין אַמע־ריקע מענטשן פון האַרץ. אויסער די דריי פריִער־אויסגערעכנטע גייען דורך דורך מיין געדאַנק אַ גאַנצע גאַלעריע פון נאָך פיל אַזעלכע האַרציקע פּערזענלעכקייטן. אָבער די באַדינגונגען פון דעמאָלטיקן עמיגראַנטן־לעבן האָבן באַשאַפן אַזאַ מין צוטיילונג: די מחנה פון האַרץ־מענטשן האָט זיך מערסטנס געוואָרפן אויפן געביט פון טרייד־יוניאָן טעטיקייט. דאָס האָט געהייסן: באַגעגענען באַלדיקע מענטשלעכע נויט; דאָס איז געווען: קאָכיקער מענטשלעכער לעבן. אָרגאַניזירן פּראָפעסיאָנעל אָט די גרויע, צעשטויבטע מענטשן־מאַסע, אויסשמידן פון אָט דעם מענטשנשטויב איין דיסציפּלינירטן ווילן, איין אָרגאַניזירטע מחנה מיט באַוווסטזיין פון דער איי־גענער מענטשלעכער און אַרבעטער־חשיבות — דאָס איז געווען אַ שווערע העראָיִשע פּיאָנערן־אַרבעט, צו וועלכער עס האָבן זיך גענומען מענטשן מיט פּיאָנערן־בלוט אין זייערע אָדערן, מענטשן מיט אַ קאָכיק האַרץ, וואָס פילט ליידן און קאָרטשעט זיך פאַר ווייטיק פון מענטשלעכער שפלות. ווי סאָציאַליסטן האָבן זיי זיך אַלע באַ־צייכנט און זיינען עס טאַקע געווען. עס האָט צו זיי אַפּעלירט די גרויסע עטיק פון דער סאָציאַליסטישער לערע. זיי האָבן אין איר דערשפּירט יענע רעשטלעך פון נביאישע פּסוקים, וואָס איז איינגעפלאַנצט געוואָרן אין זיי דורך דער יידישער דערציִונג, אַ באַקומענע אין די אייראָפּעיִשע לענדער. און זייענדיק אַליין עמיגראַנטן, דערנידעריקטע, פאַרטריבענע אויפן דעק פון סאָציאַלן לעבן, האָט דער סאָציאַ־ליסטישער לאָזונג פון „גלייכהייט" זיי פשוט פאַרכאַפּט. די טעאָרעטישע וויכוחים, וואָס זיינען דאַן אָנגעגאַנגען אין סאָציאַליזם האָבן זיי איבערגעלאָזן פאַר דער קלע־נערער גרופּע פון מוח־מענטשן, פון וועלכע מאָריס הילקוויט איז אָן ספק געווען דער פעיִקסטער.

הילקוויטס מוח־סאָציאַליזם דאַרף אָבער שאַרף אָפּגעגרענעצט ווערן פון אַן אַנדער סאָרט מוח־סאָציאַליזם, וואָס איז דאַן געווען פאַרשפרייט אין אַמעריקע. דער פירער פון אָט דעם סאָרט סאָציאַליזם איז געווען דעניעל דעליאָן. ער האָט אָנגעפירט אין אַמעריקע אַזאַ מין סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע, וואָס איז שפּעטער איבערגענומען געוואָרן פונעם רוסישן באָלשעוויזם. (אינטערעסאַנט וואָלט געווען אַ שטודיע וואָס וואָלט געפאָרשט די השפעה פון דעם אַמעריקאַנער דעליאָן אויף דעם רוס לענין און פאַרקערט). אויף דער יידישער גאַס, ווייניקסטנס, ווי דער שרייבער פון אָט די שורות האָט אים געקענט, האָט דער דעליאָניזם אויסגעזען אַ רעכט ביסל קאָמיש. די דעליאָן־אָנהענגער האָבן זיך דערקלערט ווי די אמתע „וויסנשאַפטלעכע״ סאָציאַליסטן. מיט זייער ווייניק אויסנאַמען האָבן זיי פון וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם קיין אײן ערנסט בוך ניט איבערגעלייענט. דאָך האָבן זיי זייער מחנה אָנגערופן די אמתע „וויסנשאַפטלעכע״ סאָציאַליסטן און די קעגנער פון דעליאַנען האָבן זיי באַ־צייכנט מיטן יידישן פאָלקס־אויסדרוק „פּוכקע־לבבות״־סאָציאַליסטן. דערמיט האָבן זיי חוזק געמאַכט פון די האַרץ־סאָציאַליסטן. דעליאָנס סאָציאַליזם האָט אָבער קיין השפעה אין דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט ניט איבערגעלאָזן. דאַקעגן הילקוויטס מוח־סאָציאַליזם האָט איבערגעלאָזן גאָר אַ גרויסע השפעה. עס איז ביי מיר קיין ספק ניט, אַז די דאָזיקע השפעה האָט דערגרייכט אַזש ביז פרענקלין רוזוועלטס „ניו־דיעל״.

הילקוויט האָט געהערט צו אַ קאַדער פון מענטשן וועלכע האָבן טאַקע דעם טעאָרעטישן סאָציאַליזם טיף שטודירט. צו אָט דעם קאַדער האָבן געהערט אַ צאָל דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטן און איניקע אַמעריקאַנער אינטעליגענטן, וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן פאַראינטערעסירן מיט דער סאָציאַלער פראַגע. הילקוויט איז געוואָרן זייער אָנערקענטער פירער.

צו קענען בעסער פאַרשטיין די באַדייטונג פון אָט דעם קאַדער און פון היל־קוויטס השפעה אויף אים, דאַרף מען זיך באַקענען מיטן סאָציאַלן הינטערגרונט פון דעמאָלטיקן אַמעריקאַנער לעבן.

✶

וויל מען אויסזוכן אין אַמעריקאַנער סאָציאַלן און פּאָליטישן לעבן די הויפּט־טרייבנדיקע כוחות, וואָס האָבן געהאַט אַן אַנטשיידנדע ווירקונג אויף דער געשיכ־טלעכער אַנטוויקלונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן אין לעצטן יאָרהונדערט, מוז מען דערמאָנען דעם וויכטיקן פּאָליטישן דאָקומענט, וואָס איז באַקאַנט אַלס די „מאָנראָע־דאָקטרין״ (מאָנראָע איז געווען דער דריטער פּרעזידענט פון די פאַר־אייניקטע שטאַטן. „דאָקטרין״ מיינט: אַ פעסטגעזעצטער פּרינציפּ. „מאָנראָע דאָק־טרין״ מיינט דעריבער דער פעסטגעזעצטער פּרינציפּ פון פּרעזידענט מאָנראָע).

ניט אַריינגייענדיק אין קיין דערקלערונג וועגן די סיבות, וואָס האָבן געפירט צו אָט דעם דאָקומענט, איז אָבער פאַר אונדז וויכטיק צו וויסן זיין הויפּט־כוונה. ער האָט באַצוועקט צו פאַרזיכערן פאַר די פאַראייניקטע שטאַטן לדור דורות די פּאָליטישע העגעמאָניע אויפן גאַנצן אַמעריקאַנער קאָנטינענט.

דער דאָזיקער דאָקומענט האָט געגעבן די פאַראייניקטע שטאַטן אַ דאָפּלטע

לעקציע: דו, אַמעריקע, מיש זיך ניט אין פֿאַרפֿלאָנטער זיך ניט אין אייראָפּעישע ענינים. און דו, אייראָפּע, קריך ניט אין אַמעריקע.

דער דאָזיקער פּאָליטישער סעפּאַראַטיזם וואָלט אפֿשר ניט געהאַט אַזאַ גרויסן דערפֿאָלג אין אַמעריקע, ווען אים וואָלט ניט געקומען צו הילף די אומגעווײנלעכע סאָציאַלע אַנטוויקלונג, וועלכע האָט אויפֿגעבויט אין אַמעריקע אַ סאָציאַלע „מאַנראָע־דאָקטרין“, ווען אַפֿילו אין די אַמעריקאַנער געשיכטע־ביכער איז זי ניט איינגעשריבן.

די מעגלעכקייט פֿאַר אַט דער סאָציאַלער אַנטוויקלונג איז געלעגן, ערשטנס, אין דעם גרויסן לאַנד־שטח, וואָס איז דורך מלחמות און קניות אַרײַנגעפֿאַלן אין רשות פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן; צווייטנס — אין דער גיגאַנטישער טעכניק, וואָס אַמעריקע, ווי אַ נײַ לאַנד, האָט געקענט אַנווענדן אין איר פּראָדוקציע; דריטנס, אין די אומאויסשעפּלעכע נאַטור־אוצרות, וואָס דאָס לאַנד האָט פֿאַרמאָגט, און פֿערטנס — אין דעם פֿאַרשידנאַרטיקן מענטשן־שטראָם, וואָס האָט זיך געצויגן צו אירע ברעגן.

די גרויס פֿון לאַנד האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט צו געפֿינען אַן אָרט פֿאַר הצלחה; די גיגאַנטישע טעכניק האָט געגעבן אין האַנט די בעסטע געצייג; די נאַטור־אוצרות האָבן כמעט תמיד רײַך באַצאָלט דעם, וואָס האָט געוואַגט; דער מענטשן־שטראָם האָט שטענדיק מיטגעטראָגן מיט זיך מענטשן פֿון אַוואַנטורע, מענטשן מיט דרייסטקייט און פֿאַרנעם. דער מענטשן־שטראָם האָט געבראַכט פּאָליטישע אַנטלאָפֿענע פֿון אָרעמקייט און נויט; אויך — להבדיל — אַנטלאָפֿענע פֿאַרברעכער. דאָס זײַנען געווען עלעמענטן, וואָס זײַנען גרייט אַלץ אײַנצושטעלן, כּדי צו דערשלאָגן זיך צו עפּעס. די אומבאַגרענעצטע מעגלעכקייטן פֿון אַמעריקע האָבן אָט די זוכער און שטרעבער כמעט שטענדיק געגעבן, וואָס זיי האָבן געזוכט.

ווען מען לייענט די קאַפּיטלעך פֿונעם כּסדרדיקן ציִען זיך צו מערב־צו; וועגן די עפּאָכעס פֿון גאָלד־זוכערײַ; וועגן דעם בוי פֿון די פֿאַרצווײַגטע אײַזנבאַנען; די געשיכטעס פֿון אײַנצלנע שטעט און זייער שנעלן אַנטשטיין — בלײַבט מען פֿאַרגאַפֿט פֿונעם טעכנישן און ווירטשאַפֿטלעכן דראַנג, וואָס האָט געיאָגט דעם אַמעריקאַנער אין זײַן שאַפֿונגס־פּראָצעס. וואָס איז, בכן, אַמעריקע דאַן געווען?

אַ קוואַל פֿון צעשפּרייטער שפֿע, וואָס מען האָט נאָר געדאַרפֿט גיין און זאַמלען. ענערגיע האָט דעריבער שטענדיק געפֿונען אַן אָרט ווו פֿאַרווענדעט צו ווערן. פֿעיִקייט האָט געפֿונען דעם וועג זיך צו פֿאַרווערטן. דער פֿעיִקער מענטש, מיט סאָציאַלן דראַנג אין זײַן בלוט, האָט געקענט אין אָט דעם צעגאָסענעם, נאָך ניט אויסגעקנאָטענעם טייג, אַרײַנקנעטן זײַן איך. דערפֿון איז געקומען דער גלויבן אין די אייגענע כּוחות. דערפֿון איז אַנטשטאַנען דער אַמעריקאַנער „אתּה בחרתּנו“, דער יסוד פֿאַר דער סאָציאַלער „מאַנראָע־דאָקטרין“: איך, אַמעריקאַנער, דאַרף פֿון דיר, אייראָפּעער, גאָרניט לערנען. איך האָב פֿון דיר גאָרניט צום לערנען. איך האָב דיר שוין אין אַלץ און אַלעם איבערגעשטיגן.

די עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און סאָציאַלע צרות פֿון אייראָפּע זײַנען פֿאַרן אַמעריקאַנער ביסלעכווײַז געוואָרן אַ שרעקוואָרט. פֿון אַלע צרות האָט מען זיך

גערײַטעוועט קיין אַמעריקע: פון פּאָליטישע פּאַרפּאָלגונגען, פון פּאָגראָמען, פון עקאָנאָמישע קאַטאַסטראָפעס; אַפילו פון נאַטור־קאַטאַסטראָפעס אויך. נאָך טיפער איז פאַרוואָרצלט געוואָרן אינעם אַמעריקאַנער די זיכערקייט, אַז זיין אַמעריקע איז דאָס בעסטע לאַנד אויף דער וועלט און אַז ער דאַרף זיך שרעקן פאַר אַלץ, וואָס קומט פון אויסלאַנד, בעיקר פון אייראָפּע.

די דאָזיקע שרעק האָט אַרומגעכאַפּט דעם נעכטיקן אימיגראַנט אַליין. יעדער שטראָם, וואָס האָט זיך נאָר וואָס פאַרוואָרצלט אין אַמעריקע, האָט געקוקט אויף דעם נייעם שטראָם מיט שרעק. דער תהום צווישן איינגעזעסענעם און גרינעם איז אויס־געגראָבן געוואָרן ביי אַלע שיכטן און קלאַסן. אויך ביים אַרבעטער־קלאַס איז דער איינגעזעסענער אַרבעטער געוואָרן דער יחסן. דער איינגעוואַנדערטער האָט טאַקע אין זיין ערשטער תקופה געליטן פון אַ מינדערוויכטיקייט־קאָמפּלעקס. אין זיין נשמה האָט שטענדיק געלעבט דער באַגער: אַליין וואָס שנעלער איבערצוגיין צו די יחסנים. דער גרויסער קאַמף אין דער טרייד־יוניאָן־וועלט בימי סעמועל גאָמ־פּערס איז געשטאַנען אונטערן צייכן פונעם צוזאַמענשטויס צווישן די יחסנים און די ניט־יחסנים. די אָרגאַניזירטע אין די גאָמפּערס־יוניאָנס האָבן זיך באַטראַכט ווי די יחסנים. דער קאַמף, וואָס די „אינדאָסטריעל וואָירקערס אָוו דהי וואָרלד" (אַן אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געזוכט צו אָרגאַניזירן דעם ניט־יחסן) האָט געפירט קעגן גאָמפּערסן איז געווען באַוועגט פונעם פּראָטעסט, וואָס האָט זיך געריסן פון יענע אַרבעטער־מאַסן, וועלכע האָבן זיך געפונען אויף אַ נידעריקער מענטשלעכער מדרגה.

אויף אָט דעם סאָציאַלן הינטערגרונט האָט זיך גענומען וועבן דער זייער איי־דעלער שטאָף פון סאָציאַליסטישן דענקען. די יונגע סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט זיך אָנגעשטויסן אָן דער אייזערנער וואַנט פון דער סאָציאַלער „מאָנראָע־דאָקטרין". אין דער זעלביקער וואַנט האָבן זיך אָנגעשטויסן אויך פריערדיקע סאָציאַל־רעפאָר־מאַטאָרישע און פּראָגרעסיוו־פּאָליטישע באַוועגונגען אין אַמעריקע. האָבן זיי טאַקע געהאַט אַ קקיון־דיונה־עקזיסטענץ. און אויב די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע האָט דאָך זיך דורכגעשלאָגן אַ וועג — אויב ניט ווי אַן אָרגאַניזירטער כוח, איז אָבער זיכער מיט איר טעאָרעטישער און גייסטיקער השפּעה — איז עס אין אַ גרויסער מאָס צו פאַרדאַנקען יענעם קאָדער פון סאָציאַליסטישע בעלי־מחשבה, וועמעס פירער עס איז געווען דער שאַרפער לאָגיקער, דער שכלדיקער אַנאַליטיקער מאָריס הילקוויט.

מען דאַרף געדענקען, אַז לגבי דעם סאָציאַליזם האָט די סאָציאַלע „מאָנראָע דאָקטרין" נאָך מער פאַרשלאָסן די הערצער פון די אַמעריקאַנער מאָסן און אינטע־ליגענץ, ווי לגבי אַנדערע ראַדיקאַל־פּאָליטישע באַוועגונגען, וועלכע האָבן ניט אויסגעהאַלטן. די קאַמפן פון אַ הענרי דזשאָרדזש, אַ טאָם דזשאָנסאָן, אַ ראָבערט לאַפּאָלעט און אַנדערע זיינען אַרויסגעוואַקסן פון די אַמעריקאַנער באַדינגונגען גופא. אָבער דער סאָציאַליזם, וואָס האָט גערעדט און געמוזט ריידן פון אָרגאַניזירן די וועלט־ווירטשאַפט איז דאָך ווירקלעך געווען דער שאַרפסטער קעגנזאַץ צו דער סאָציאַלער „מאָנראָע־דאָקטרין". דערצו זיינען די טרעגער פון סאָציאַליזם געווען

מערסטנס אויסלעגנדער מיט אַ רעכטן חלק יידן צווישן זיי. אויב אַזאַ באַוועגונג האָט געקענט זיך איינשטעלן קעגן איינגעוואָרצלטע מיינונגען, וועלכע זיינען געוואָרן אַ טייל פון דער אַמעריקאַנער פּסיכיק — האָט זי אַוודאי געמוזט פאַרמאָגן איר אינווייניקסטן אמת. אָבער זי האָט אויך געמוזט געפירט ווערן דורך אויפקלערער און אויסטייטשער פון גאָר באַזונדערער פעיִקייט. הילקוויט האָט דעריבער זיך גוט אַריינגעפּאַסט אין אָט דער ראָלע.

הילקוויט האָט, ווי געזאָגט, געווירקט מיט זיין מוח. דער דאָזיקער פאַקט האָט אויך געהאַט זיינע נעגאַטיווע זייטן. דערפון האָבן אַרויסגעשטראָמט מאַנכע פון זיינע, לויט מיין איבערצייגונג, פאַלשע איינשטעלונגען, סיי אין סאָציאַליסטישע און נאָך מער אין יידישע פראַגן. זיי טאָרן אָבער ניט שטערן די אָנערקענונג, אַז הילקוויט, דער סאָציאַליסט פון לאָגיק, פון טיפער אַנאַליטיק, האָט באַוויזן די גרויסע קראַפט זיך קעגנצושטעלן דעם סאָציאַלן און פּאָליטישן סעפּאַראַטיזם פון דער אַמע־ריקאַנער באַפעלקערונג און האָט געהאָלפן אַריינברענגען אין איר דעם אמת פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם.

בערל לאָקער

צו זיין ווערן אַ בן שבעים (געשריבן אין מאַי 1957)

צוויי גייסטיקע יניקה־קוואַלן האָבן אַריינגעשטראָמט אין יידישן לעבן אין די לעצטע צענדליקער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט: סאָציאַליזם און חיבת־ציון. אייני־צלדיקע יידן־סאָציאַליסטן האָט מען שוין פריִער געטראָפן אין פאַרשידענע סאָ־ציאַליסטישע באַוועגונגען צווישן די אייראָפּעיִשע פעלקער. די מערסטע פון זיי האָבן אָבער זייער יידישקייט אָדער אין גאַנצן פאַרגעסן, אָדער געווען גלייכגילטיק צו איר. זייער יידישקייט האָבן זיי באַטראַכט, ווי אַ „צופאַל”, וואָס איז זיי צו גאָרניט מחייב. ערשט מיטן אויפקום פון די ערשטע גרופּן פון באַוווסטזיניקע יידישע סאָ־ציאַליסטן (קודם אין דעם פּערזאָן פון משה העס, און שפּעטער אין דער גרופּע יידישע סאָציאַליסטן, אָנגעפירט פון ליבערמאַן און זונדעלאָוויטש), הייבן אָן יידישע סאָציאַליסטן צו זוכן אַ באַזונדערע סאָציאַלע פילאָזאָפיע, אויף וועלכער זיך אָנצו־שפּאַרן. משה העס האָט אָנגעהויבן אַלס סתם־סאָציאַליסט און ערשט שפּעטער אַנטדעקט די טיפע יידישקייט, וואָס האָט אין אים געלעבט. ווען ער האָט געזוכט צו פאַרבינדן זיין סאָציאַליזם מיט זיין יידישקייט אין איין פילאָזאָפיע, אין איין לעבנס־ציל, איז זיין סאָציאַליזם דערהויבן געוואָרן צו יענע הויכע ספערן פון גייסט, וווּ זיין יידישקייט האָט אַרומגעשוועבט און אים באַאומרויִקט. דורך דעם איז ער געוואָרן דער ערשטער ציוניסט־סאָציאַליסט. אויך די ליבערמאַן־זונדעלאָוויטש גרופּע, ווען זי האָט זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן, האָט געזוכט אירע סאָציאַליסטישע באַגרינדונגען מער אין די ספערן פון הויכער עטיק, ווי אין די ספערן פון מאַטער־יעלע לעבנס־אינטערעסן, וועלכע זיי האָבן אוודאי אויך ניט פאַרזען.

„רוים און ירושלים” פון משה העס און די פאַרבליבענע דאָקומענטן פון דער ליבערמאַן־זונדעלאָוויטש גרופּע זיינען דורכגעדרונגען מיטן פּראָבלעם ייד, מענטש, מענטשהייט, סאָציאַלער יושר. זיי האָבן אַלע געפילט, אַז סיי זייער יידישקייט, סיי זייער סאָציאַליזם פאָדערט פון זיי עפּעס באַזונדערס, און ניט צופעליק האָבן זיי געזוכט דעם דאָזיקן „עפּעס” אין די ספערן פון גייסט. טיף אין זייערע נשמות האָבן זיי געזוכט אַ גייסטיקע באַנייונג, וואָס זאָל פאַרזיכערן דעם המשך פון דער אייגנאַרטיק־יידישער שעפערישקייט. דעריבער מוזן די לעבנס־באַדינגונגען פון יידישן פאָלק אַזוי געשטאַלטיקט ווערן, אַז קודם כל זאָל זיין סאַמע קיום פאַרזיכערט ווערן. דאַן וועט ער קענען נעמען אויף זיך די היסטאָרישע אויפגאַבע צו פאַרווירק־לעכן אין לעבן די וויזיע פון דער יידישער נבואה.

אויף אָט דעם שטח האָבן זיי זיך סיי באַגעגנט, סיי צוזאַמענגעשטויסן מיט דעם צווייטן גייסטיקן יניקה־קוואַל — חיבת ציון. ווייל אָט־דער גייסטיקער קוואַל האָט אויך געזוכט דעם זעלביקן ציל. אין זייערע ערשטע צוזאַמענשטויסן האָבן די סאָ־ציאַליסטן מער געלייגט דעם טראָפּ אויף סאָציאַלן יושר, און די חובבי ציון — אויף קיום פון יידישן פאָלק. שפּעטער איז געקומען די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע אידעע

און האָט אויסגעשמידט פון ביידע קוואַלן איין גייסטיקע איינהייט. עס איז אָבער ביי מיר קיין ספק ניט, אַז שוין דער אָנהייב פון ביידע גייסטיקע קוואַלן איז באַשטאַנען אין זוכן אַן ענטפער צום פּראָבלעם ייד, מענטש, נאַציאָנאַלער קיום און אַל־מענטשלעכע גערעכטיקייט.

אויך די צייט פון זייער אַנטשטיין איז אַן עדות פאַר דעם. ביידע גייסטיקע קוואַלן זיינען אַנטשטאַנען כמעט אין דעם זעלביקן יאָרצענדליק. ביידע האָבן אַרויסגעשטראָמט פון גייסטיקע אַנטוויקלונגען פון דער עפּאָכע פון פאַר זייער אויפקומען. און וואָס זיינען געווען די כאַראַקטער־שטריכן פון יענער עפּאָכע אין דעם יידישן, גייסטיקן לעבן ?

די השכלה־באַוועגונג האָט שוין דאַן געהאַלטן אין גיין באַרג־אַראָפּ. די האָפענונג, אַז דורך השכלה וועט קענען געלייזט ווערן דאָס פּראָבלעם „ישראל בעמים״, פון יידישן קיום צווישן פעלקער, האָט זיך גענומען אויסלעשן. גלייכצייטיק האָבן די רעליגיעזע יסודות, אויף וועלכע עס האָט זיך דורות־לאַנג געהאַלטן דער יידישער קיום, אויך אָנגעהויבן באַווייזן סימנים פון אָפּשוואַכונג. דער ערנסטער ייד, וואָס האָט זיך פאַרטראַכט וועגן דער צוקונפט פון זיין פאָלק, האָט געמוזט זוכן אַ נייעם במקום, אָדער אין צוגאָב, צו השכלה און וואָס זאָל אויך ניט באַזירן אויסשליסלעך אויף רעליגיע. אָט די געשיכטלעכע נויט האָט, ווי מיר שיינט, באַפרוכפּערט אַלע באַוועגונגען צווישן יידן אין די לעצטע 80 יאָר. וואָס פאַרן צילן די דאָזיקע באַוועגונגען זאָלן ניט האָבן פאַרמולירט, און וועלכע באַגרינדונגען זיי זאָלן ניט האָבן געגעבן פאַר זייערע צילן, שיינט מיר דאָך, אַז אַלע סאָציאַליסטישע באַוועגונגען, אַלע ציוניסטישע באַוועגונגען און אַלע קולטור־באַוועגונגען זיינען געבוירן געוואָרן אין דעם פּרוּוו צו געבן אַן ענטפער אויף דער פראַגע : וואָס איז דער זין פון יידישן קיום און ווו ליגט די מעגלעכקייט דעם דאָזיקן קיום צו פאַרזיכערן ? אויך די פאַרשידענע געזוכטע רעפאָרמען אין יידישן רעליגיעזן לעבן זיינען געשפּייזט געוואָרן — אויף ווי וויט זייער ציל איז ניט געווען פּשוטע אַסימילאַציע — פון אָט די זוכענישן. און די „אַנשי כנסת הגדולה״ פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער אידעע זיינען פון אַלע אָט־די גייסטיקע זוכענישן באַאיינפלוסט געוואָרן. זיי האָבן די דאָזיקע זוכענישן פאַרגעזעצט. זיי האָבן אָבער אויך צוגעטראָגן אפשר דעם גרעסטן ביישטייער צו דעם ענטפער, וואָס די מאָדערנע יידישע געשיכטע האָט געגעבן צו די פּראָבלעמען פון ייד, מענטש, נאַציע, מענטשהייט, סאָציאַלע באַציונגען, וועלכע האָבן באַאומרויקט אַלע זוכער.

די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט, בכן, אין איר סאַמע אָנהייב געצויגן יניקה סיי פון ציוניסטישן, סיי פון סאָציאַליסטישן קוואַל. ביידע באַוועגונגען האָבן משפּיע געווען איר אַנטוויקלונג. חיבת ציון, ביל״ו, הערצלס אויפטריט אין דער יידישער געשיכטע, די אויפשטעלונג פון ציוניסטישן קאָנגרעס, די דעמאָקראַטישע פראַקציע אין ציוניזם, דער געראַנגל צווישן הערצל און אחד־העם — אָט די אַלע עטאַפּן פון דער מאָדערנער נאַציאָנאַלער באַפרייונגס־באַוועגונג ביי יידן, האָבן משפּיע געווען אויף דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג. גלייכצייטיק האָט די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג אַריינגענומען אין זיך איינפלוסן פון

די פאַרשידענע גייסטיקע גראַנגלען אין דער סאָציאַליסטישער וועלט; מאַרקסיזם, עדואַרד בערנשטיינס רעוויזיאָניזם, רוסישער פאָלקס־סאָציאַליזם פון דער „נאַראָד־נאַיאַ וואָליאַ״, פּלעכאַנאָווס און לענינס (פון פאַר דער באָלשעוויסטישער עפּאָכע) שטרענגער סאָציאַל־דעמאָקראַטיזם, די רוסישע סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי מיט איר הערזיזם און קאָמפּראָמיטלען, די טעאָרעטישע וויכוחים אין דער עסטרייכישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע — אַ זייער רייכער אידעיִשער אוצר, פון וועלכן די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט געצויגן גייסטיקע חיונה.

אויך אין יידישן קולטור־לעבן האָט זיך אָנגעהויבן דאַן עפּעס רירן: דאָס זיינען געווען די ערשטע שעפערישע יאָרן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור. עס האָבן שוין געווירקט מענדעלע, פּרץ און שלום־עליכם; עס האָבן אָנגעהויבן ווירקן פּינסקי, רייזן, שלום אַש, נאָמבערג און אַנדערע. אין דער העברעיִשער ליטעראַטור האָט אָנגעהויבן אויפגיין די זון פון חיים נחמן ביאַליק. עס האָט זיך באַוויזן דער יידישער זעלבשוץ. נייע נאַציאָנאַלע שעפערישע מקורות האָבן זיך אויפגעעפנט. צווישן די יידישע מאַסן האָט זיך גענומען וועקן נאַציאָנאַלער שטאָלץ. עס איז אויפגעקומען דער „יידישער אַרבעטער בונד״ אין רוסלאַנד, וואָס האָט גערופן צו מענטשלעכער ווערדע און אַרבעטער־באַוווסטזיין. און עס איז אויך אויפגעשטאַנען די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס האָט, אין צוגאָב צו מענטשלעכער ווערדע און אַרבעטער־באַוווסטזיין, גערופן צו רעוואָלוציאָנערן איבערבוי פון גאַנצן יידישן לעבן דורך בויען אַ יידישע מדינה. אַלע אויסגערעכנטע דערשיינונגען במשך פון די פּאָר צענדליק יאָר, צווישן דעם אויפטריט פון משה העס און דעם אָנהייב פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג, האָבן געשפּייזט די יונגע באַוועגונג, געשטאַרקט איר נאַציאָנאַלן אימפּעט און — זי איז געוואָרן די פאַרווירקלעכונגס־באַוועגונג פון אַלע צילן, וואָס די עפּאָכע האָט אָנגעצייכנט; זי האָט גענומען אויף איר אופן פאַרענטפערן דעם פּלאָגטער פון ייד, מענטש, מענטשהייט און סאָציאַלער יושר.

✶

אָט די אַלע געשעענישן האָבן אַוודאי געווירקט אויף דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג פון אַלע לענדער. יעדעס לאַנד האָט אָבער אויך צוגעטראָגן עפּעס אייגנס, וואָס האָט געגעבן איר באַוועגונג אַ באַזונדערן קאָלאָריט. דאָס האָט פאַרמאָגט די באַוועגונג אין פּוילן און אין ליטע; אַ באַזונדערער שטריך האָט זיך געמערקט ביי דער באַוועגונג אין אוקראַיִנע און אַוודאי אַ באַזונדערן מאָטיוו אין מיטל־איראָפּע. דאָס „באַזונדערע״ איז געווען דער רעזולטאַט פון די וואַריאירטע יידישקייט־נוסחאות, וועלכע האָבן באַהערשט די יידישע מאַסן פונעם געגעבענעם לאַנד. דער פּראָצעס פון אַריינזאַפּן אין זיך אַלע אויסגערעכנטע דערשיינונגען פון דער עפּאָכע, האָט זיך אָנגעשטויסן אָן די אַנדערשקייטן פון די לעבנס־נוסחאות און איז פון זיי אויך באַאיינפלוסט געוואָרן. האָט יעדער באַזונדערער נוסח פון די יידן פון יעדער באַזונדער לאַנד באַאַרבעט די דאָרטיקע ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג.

בערל לאָקער האָט זיך געטובלט אין דעם יידישקייט־נוסח פון מזרח־גאַליציע

און בוקאָווינע. דאָרט האָבן, מער ווי אַנדערשווו, די איינפלוסן פון בעל־שם־טוב געשפּייזט די יידישע מאַסן. פאָלקסטימלעכקייט און נשמה־יתירהדיקייט האָבן זיך צווישן יענע יידן נאָענטער געפּאָרט ווי — זאָגן מיר — אין ליטע. אָט די ביידע עלעמענטן זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט אהבת ישראל, וואָס האָט אויך אַנ־דערשוו ניט געפעלט. אָבער אין דער לאָקער־געאָגראַפיע איז דאָס געווען מער תוך, ווי דאָס גריבלען זיך אין טעאָריעס. דעריבער איז אויך די ציוניסטיש־סאָציאַ־ליסטישע באַוועגונג פון יענע מקומות מער געטראָגן געוואָרן פון די עלעמענטן פון פאָלקסטימלעכקייט, נשמה־יתירהדיקייט און אהבת ישראל, ווי פון טעאָרע־טישער חקירה. זי האָט דעריבער צוגעטראָגן איר באַזונדערן שטייער דער גאַנצער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג. אפשר דערפאַר האָט זי זיך מער באַהעפט מיטן נוסח סירקין, ווי מיטן נוסח באָראָכאָוו. די וויכטיקסטע מפרשים פון א. ד. גאָרדאָן האָבן אויך געשטאַמט פון יענע מקומות. די גאַנצע ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס איז, לויט נחמן סירקינס באַצייכענונג, דער המשך פון דעם משי־חיות־דראַנג פון דער יידישער געשיכטע, איז אַוודאי געווען גליקלעך מיט אָט דעם ספּעציעלן צושטייער פון די, וועלכע האָבן אין זיך געטראָגן דעם ניצוץ פון בעש״ט. זי האָט עס אין זיך קולט געווען. דאָס האָט איר געגעבן צוגאָב־כוח אַריינ־צושרייבן דעם הערלעכן הגשמה־קאַפּיטל אין דער מאָדערנער יידישער געשיכטע. בערל לאָקער איז געווען איינער פון די שעפער און באַגייסטערער פון אָט דעם טייל פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג. מיט דער גייסטיקער השפעה, וואָס ער האָט אין איר אַריינגעגעבן און האָט גלייכצייטיק פון איר באַקומען, האָט ער איבער 50 יאָר נאָך אַנאַנד צוגעטראָגן זיין חלק צו אַלע אויפטואונגען און דערגרייכונגען פון אָט דער מערקווירדיקער באַוועגונג.

*

בערל לאָקערס ווירקונג־שטח האָט זיך אויסגעשפּרייט געאָגראַפיש כמעט אומע־טום, וווּ יידן לעבן, און אינהאַלטס־מעסיק — אויף אַלע געביטן, וווּ די באַוועגונג האָט געזוכט עפּעס צו דערגרייכן: אין דער פּאָליטיק, ווי אין דער פּראָפּאַגאַנדע, אין דער אָרגאַניזאַציע־אַרבעט, ווי אין דער פּרעסע, אויף דער ברייטער טריבונע, ווי אין אינטימערע קרייזן, אין דער הסתדרות־פירערשאַפט ווי אין דער אַלציוניס־טישער פירערשאַפט — ביז ער האָט דערגרייכט די זייער־אָנגעזעענע פּאָזיציע פון פאָרזיצער פון דער ירושלימער עקזעקוטיווע. זיין ווירקונגס־ספערע האָט זיך ניט באַגרענעצט בלויז צו דער יידישער וועלט. ער איז געווען איינער פון די ערשטע, וואָס האָט צוזאַמען מיט חבר שלמה קאַפּלאַנסקי — אים צו לאַנגע יאָר — איינ־געשטעלט פאַרבינדונגען מיט די פירער פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. אין זיין לאַנדאַנער עפּאָכע, אַרבעטנדיק מיט ד״ר חיים וויצמאַן, האָט ער איינגעשטעלט וויכטיקע קאָנטאַקטן מיט די פירער פון דער בריטישער לייבאָר־פּאַרטיי. אין זיין אַמעריקאַנער עפּאָכע האָט ער באַוויזן איינצושטעלן קאָנטאַקטן מיט וויכטיקע סאָציאַליסטישע פירער און בעיקר מיט פירער פון דער פּראָפעסיאָנעלער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע. איך שרייב דאָ ניט זיין ביאָגראַפיע און עס איז ניט מיין אויפגאַבע צו פאַרצייכענען אַלע פּרטים

פון זיינע אַקטיוויטעטן. איך קען אָן גוזמא זאָגן, אַז קיין שטח פון אינטערעס פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג בכלל און דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג בפרט איז ניט געבליבן אָן זיין ביישטייער.

זיין שריפטשטעלערישע אַרבעט איז געווען גאָר אַ רייכע. ער האָט רעדאַקטירט זשורנאַלן פון דער באַוועגונג אין עסטרייך און אין אַמעריקע. ער האָט אַליין געשריבן וויכטיקע אַרבעטן. זיין אַרבעט וועגן ד״ר נתן בירנבוים, געשריבן צום 50סטן יובל פון בירנבוים; זיין פּאָלעמיק מיט קאַרל קאַוטסקי וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע בכלל און וועגן אַסימילאַציע בפרט; זיין אַרבעט וועגן „מאָסקווע און ציוניזם״ (וואָס איז אַגב געשריבן געוואָרן אין 1921 און איז געווען דער ערשטער אַרויסטריט קעגן דער קאָמוניסטישער „אויסטייטשונג״ פון ציוניזם) — אָט די אַרבעטן און אַ ריי אַנדערע שטעלן מיט זיך פאָר וויכטיקע בייטראָגן צו דער אויפקלערונג פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער אידעע און פאָרמולירן אויך שטעלונגען צו אַלייִדישע און אַלמענטשלעכע פראַגן, וואָס האָבן באַאומרויִקט דעם ייד און דעם מענטש אין די איבער 50 יאָר פון זיין ביז איצטיקער אַקטיוויטעט.

✶

חבר בערל לאָקער האָט דערגרייכט דעם 27סטן אַפּריל זיין 70סטן לעבנס־יאָר. קען ער אַוודאי צוריקקוקן מיט טיפער סאַטיספאַקציע אויף די צענדליקער יאָרן פון שעפערישער אַקטיוויטעט, וואָס איז אים באַשערט געווען, ווי איינער פון די „אנשי כנסת הגדולה״ פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג. ער קען אויך מיט פאַרדינטן שטאָלץ זיך אַריינרעכענען צווישן די, וועלכע האָבן אין די לעצטע פופציק יאָר געהאָלפן שמידן די וויכטיקסטע רינגען אין דער גרויסער קייט פון מאָדערנע יידישע דערגרייכונגען. צווישן זיין גאָר פריער יוגנט — ווען ער האָט, צוזאַמען מיט נאָך יוגנטלעכע פון גאַליציע און בוקאָווינע, געהאָלפן פירן דעם קאַמף פאַרן יידישן כבוד, געהאָלפן אָנהאַלטן דעם ספּעציעל־יידישן פּנים, געקעמפט קעגן אַסימילאַציע, געקעמפט פאַר דעם אַז יידן זאָלן פאַרשרייבן יידיש אַלס זייער מוטער־שפּראַך אין די פאָלקס־ציילונגען, געגרינדעט אין סערעט די ערשטע יוגנט־גרופּע פון אַרבעטער־ציוניסטן — ביז דעם הײַנטיקן עטאַפּ, וואָס ער האָט דערגרייכט אין דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג, ליגן 50 יאָר פון די גרעסטע דערגרייכונגען, צו וועלכע דאָס יידישע פאָלק האָט זיך דערהויבן. אויפן שטח פון אָט די 50 יאָר זיינען אויך אויסגעשפּרייט די גרעסטע חורבנות פון אונדזער געשיכטע. אויך די חורבנות דורכצוטראָגן און זיך ווייטער אויפהייבן צו אַ באַנייטער בויונג, איז אַ דעמאָנסטראַציע פון יידישער אייביקייט. אויך אין אָט דעם פּראָצעס האָט די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג צוגעטראָגן אַ גאָר באַדייטנדיקן שטייער. חבר בערל לאָקער האָט דעריבער אַלע באַרעכטיקטע סיבות צו פילן, אַז זיינע איבער 50 יאָר טעטיקייט איז געבענטשט געוואָרן מיט געשיכטלעכע ברכות. ער האָט דערלעבט די גרעסטע געשעעניש פון דער יידישער־גלות־געשיכטע — הקמת המדינה — וועמענס 9טן יאָרטאָג די יידישע וועלט פייערט איצט.

מיין ווונטש צו אים — און צו זיין לעבנס־באַגלייטערין מלכה — איז: ער זאָל פון די פּרוכטבאַרע צענדליקער יאָרן טעטיקייט ציִען כוח און מוט ממשיך צו זיין

נאָך לאַנגע יאָרן פון אַקטיוויטעט. די ניצוצות, וואָס ער האָט אין זיך אַריינבאַקומען פון דער טיף־פאַרגייסטיקטער בעל־שם־טובֿס ירושה; די פונקען, וואָס ער האָט געהאָלפן אַריינברענגען אין דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג; די גרויסע ראָל, וואָס אָט די באַוועגונג האָט געשפּילט אין לעצטן האַלבן יאָרהונדערט, — דאָס אַלץ פאַרמאָגט אין זיך גענוג וויטאַליטעט, כדי צו קענען שפּייזן גייסטיק אַ מענטשן פון בערל לאָקערס שיעור קומה. ער האָט דעריבער פון וואַנען צו ציִען המשך־גייסט פאַר זיין אייגענעם לעבן און קען נאָך אין דער זעלביקער מאָס צוטראָגן זיין חלק צו העלפן לייזן אַלע נייע פּראָבלעמען, וואָס די יידישע און מענטשלעכע געשיכטע שטעלט פאַר אונדז אַוועק אין אונדזערע שטורמישע צייטן.

ד״ר יהודה אבן־שמואל (קויפמאַן)

(געשריבן אין יולי 1959)

כ״ו אייר (דעם 27סטן מאַי) האָט ד״ר יהודה אבן־שמואל דערגרייכט זיבעציק יאָר. אונדזער גוטער באַקאַנטער חבר, וואָס מיר געדענקען אים ווי ד״ר יהודה קויפמאַן, האָט געוווינט אין צפון־אַמעריקע (אין מאָנטרעאָל און ניו־יאָרק) קאַרגע צוויי צענדליק יאָר. אין משך פון די יאָרן האָט ער געהאַט אַ טיפע השפעה אויף דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג און איר פּעריפעריע.

ד״ר קויפמאַן איז אַנדערש פון אַ ריי גרויסע פּערזענלעכקייטן וואָס אונדזער באַוועגונג האָט צו זיי זוכה געווען. אויף אים קען ניט אַנגעווענדעט ווערן דער באַגריף: אַ באַוועגונגס־מענטש. זיין טעמפּעראַמענט איז מער פון אַ יושב־אהל. פאַרטיפן זיך אין תורה איז זיין אינערלעכער מהות. די פאַרטיפטקייט פון דעם למדן האָט ער אַריינגעבראַכט אין אַלע גייסטיקע שטחים, מיט וועלכע ער האָט זיך באַשעפטיקט. צו נגלה ווי צו נסתר, צו ספרי קודש און צו ספרי חול — צו אַלץ טרעט ער צו סיי מיט דער עמקות פון מחשבה, סיי מיט דער פילבאַרקייט פון אַ דערהויבענער נשמה.

איך האַלט עס פאַר אַ גליקלעכן צופאַל, וואָס זיין התחלה אויפן צפון־אַמעריקאַנישן קאָנטינענט האָט ער געמאַכט אין מאָנטרעאָל. אונדזער מאָנטרעאָלער באַוועגונג איז אין יענער צייט אָן ספק געווען דאָס פּאַסיקסטע אָרט, ווו די ספּעציעלע טאַלאַנטן פון ד״ר יהודה קויפמאַן האָבן זיך געקענט פאַנאַנדערוויקלען. ער האָט דאָרט טיפער געקענט דערשפּירן, ווי ער האָט טאַקע דערשפּירט, דעם עת לעשות. איז עס געווען אַ גליק סיי פאַר דער מאָנטרעאָלער באַוועגונג, סיי פאַר ד״ר יהודה קויפמאַנען, וואָס דער גורל האָט זיי צוזאַמענגעבראַכט און דער שידוך איז עולה יפה געווען.

פאַר וואָס עפּעס מאָנטרעאָל?

אונדזערע יינגערע חברים — דאָס הייסט די יונגעלייטלעך פון אַרום 50 יאָר — ווייסן וואַרשיינלעך ניט וועגן מאָנטרעאָלס ספּעציעלן זכות. איך בין גאָר ניט זיכער, אַז אַפילו די תושבים פון מאָנטרעאָל גופא — אויסער נאַטירלעך די פון מיין און חבר קויפמאַנס עלטער — ווייסן די סיבות פון דעם ספּעציעלן אָרט, וואָס מאָנטרעאָל האָט דאַן פאַרנומען אין אונדזער באַוועגונג. זי איז דאַן באַשטאַנען בלויז פון פּועלי־ציון; מיר האָבן נאָך ניט פאַרמאָגט די צווייגן, וועלכע האָבן שפּעטער אַרויסגעשפּראָצט פון פּועלי־ציון־שטאַם.

אין מאָנטרעאָל האָבן אונדזערע ראשונים געדאַרפט פירן אַ ספּעציעל העפטיקן קאַמף פאַר דער נשמה פון יידישן קינד. אין דער פּראָווינץ קוויבעק האָבן עקזיסטירט — און עקזיסטירן נאָך איצט אויך — צוויי באַזונדערע דערציִונגס־סיסטעמען: אַ קאַטוילישע און אַ פּראָטעסטאַנטישע. די ערשטע נעמט אַרום די פראַנצויזיש־רעדנדיקע, און די צווייטע — די ענגליש־רעדנדיקע. די ערשטע יידישע אימי־

גראַנטן־כוואַליע קיין קאַנאַדע, וועלכע האָט זיך על פּי רוב קאָנצענטרירט אין מאָנט־רעאַל, האָט געהאַט פֿאַר זיך דאָס שווערע פּראָבלעם: אין וועלכער שול־סיסטעם זאָלן זיי שיקן זייערע קינדער? אַזוי ווי דער יידישער מענטש האָט זיך פֿאַר דער קאַטוילישער דערציִונג שטאַרקער געשראָקן, האָט ער אינסטינקטיוו געשיקט זיינע קינדער אין דער פּראָטעסטאַנטישער שול. ווען די אינערלעכע שטימע האָט פּראָ־טעסטירט קעגן אַרייַנגעבן קינדער אין אַ רעליגיעז־פֿרעמדער סביבה, האָט מען געזוכט צו באַרויִקן דאָס געוויסן דורך צוויי וועגן: ערשטנס — האָט מען אַרויפֿ־געלייגט די אַחריות אויפֿן גלות (וואָס קענען מיר טאָן, אַז מיר זיינען דאָך אין גלות?) צווייטנס — האָט מען געזוכט זיך צו טרייסטן מיטן ביסל יידישקייט, וואָס פּריוואַטע „מלמדים", וועלכע פֿלעגן באַזוכן זייערע הייזער, האָבן אַריינגעקנעלט אינעם קינד. צו מלמדות האָט זיך מערסטנס גענומען אַזאַ ייד, וואָס צו קיין אַנדער „פּרנסה" האָט ער זיך ניט געקענט צושלאָגן. דאָס בעסטע, וואָס האָט דאַן געקענט דערגרייכט ווערן איז געווען — אַ תּלמוד־תּורה, וועמענס דערציִונגס־ניוואָ איז ניט געווען קיין גאָר הויכע.

זאָל נאָר קיין טעות ניט געמאַכט ווערן: עס זיינען שפּעטער געווען תּלמוד־תּורהס, וועלכע זיינען געשטאַנען אויף גאָר אַ הויכער דערציִונגס־מדרגה. איך רעד אָבער וועגן דער לאַגע מיט אַרום 60 יאָר צוריק. די יידישע דערציִונג אין אַמעריקע איז נאָך דאַן געשטאַנען אויף די סאַמע ערשטע שטאַפּלען. אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן און אין די אַנדערע פּראָווינצן פֿון קאַנאַדע האָבן יידן געשיקט זייערע קינדער אין אַלגעמיינע פֿאָלקס־שולן, וועלכע זיינען געשטאַנען אויסער דער ווירקונג פֿון וועלכער עס איז רעליגיעזער דענאָמינאַציע. אַנדערש אָבער איז געווען אין קוויבעק, בעיקר אין מאָנטרעאַל.

יאָרן נאָכאַנאַנד האָבן יידן אין מאָנטרעאַל געטראָגן מיט ווייטיק אין האַרצן זייער גורל. ביז עס האָט אָנגעהויבן קומען קיין מאָנטרעאַל אַ נייער טיפּ פֿון יידישע אימיגראַנטן, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפֿונען עטלעכע ענערגישע פּועלי־ציון. דער סימן מובהק פֿון דעם פּועלי ציוניסט פֿון יענער צייט איז געווען — זיין רעוואָלוציאָנערער אימפּעט אינעם נאַציאָנאַל־יידישן לעבן. מיט אָט דעם דראַנג אין האַרצן האָט מען געוואָרפֿן אַ לאָזונג צו פֿאָדערן אַ באַזונדערן — דריטן — יידישן שול־סיסטעם, וואָס זאָל פֿאַרמאָגן די זעלביקע רעכט, וואָס די פֿריִערדיקע צוויי. אַ קאַמף האָט זיך פֿאַנאַנדערגעפֿלאַקערט קודם אין יידישן קוואַרטאַל גופֿא. דער דאָזיקער קאַמף האָט אַזש דערגרייכט ביז צום בריטישן „פּריווי קאָנסול", די העכסטע אינסטאַנץ, וואָס האָט געהאַט דאָס רעכט יאָ אָדער ניט צו אָנערקענען אַזאַ דריטן שול־סיסטעם. דער קאַמף האָט זיך געצויגן יאָרן. די פּועלי־ציון האָבן דאַן באַ־שלאָסן, אַז אַ חוץ דעם פּאָליטיש־פּאַרלאַמענטאַרישן קאַמף איז נאָך דאָ זייער אַ וויכטיקע אַרבעט צו טאָן: מען דאַרף גרינדן באַזונדערע יידישע שולן. און די געבענטשטע אַרבעט האָט זיך אָנגעהויבן.

דעם דיפּלאָמאַטישן קאַמף האָבן די איניציאַטאָרן פֿאַרשפּילט. פֿאַר אַ סטודענט פֿון דער יידישער געשיכטע אין קאַנאַדע וועט אַ מאָל זיין זייער אינטערעסאַנט צו פֿאָרשן יענעם קאַפּיטל און אַרויסטראָגן אַן אויטאָריטעטע מיינונג, צי וואָלט דער

דאָזיקער קאַמף געווונען געוואָרן, ווען אַלע יידן אַליין וואָלטן עס טאַקע געפאָדערט. געשען איז אָבער ניט אַזוי: געווען יידן — און דווקא פון די דאָן מער „אַנגעזעענע״ — וועלכע האָבן געקעמפט קעגן אַ באַזונדערן יידישן שול־סיסטעם. די פאָרשטייער פון די צוויי אַלטע שול־סיסטעמען האָבן אַוודאי זייער כוח און השפעה אָנגעווענדעט קעגן דעם. בעיקר האָבן קעגן דעם געקעמפט דוקא די פּראָטעסטאַנטן. זיי האָבן ניט געוואָלט פאַרלירן די יידישע קינדער פון זייער שול־סיסטעם. איך קען אָבער ניט אַוועקגיין פון אָט דעם פונקט און ניט אַ „פאַנטאַזיר״ טאָן איבער דעם, וואָס פאַר אַ גרויסן שטויס־פאָרויס די יידישע דערציִונג אין גאַנץ צפון־אַמעריקע וואָלט באַקומען, ווען די מאָנטרעאָלער יידן וואָלטן געווונען אָט דעם קאַמף; ווי ווייט דאָס וואָלט יידן אַ שטויס געטאָן אויפן וועג פון אייגענע „פּאַראָקיעל־שולן״ סיי אין קאַנאַדע, סיי אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

דער קאַמף איז טאַקע פאַרשפּילט געוואָרן, אָבער עפּעס איז פון יענעם גע־ראַנגל דאָך אָפּגעשפּאָרט געוואָרן. אין אָנהייב צווייטן יאָרצענדליק פון איצטיקן יאָרהונדערט האָט אין מאָנטרעאָל זיך גענומען אויסשפּרייטן אַ נעץ פון יידישע שולן. דער ביישפּיל איז נאָכגעטאָן געוואָרן אין אַנדערע קאַנאַדער שטעט. אַפילו די פּועלי־ציון פון ניו־יאָרק, וועלכע האָבן נאָך מיט אַ יאָר פריִער גענומען אויפ־שטעלן זייערע „נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן״, האָבן אויך פיל גענאָסן פון מאָנט־רעאָלער ביישפּיל.

אין יענער — איך מעג זאָגן אָן גוזמא — שעפערישער סביבה איז אין יאָר 1913 אָנגעקומען קיין מאָנטרעאָל ד״ר יהודה קויפמאַן. ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך דעם טיפן באַגער צו דערציִען נייע יידישע דורות אין פולער יידישקייט. איך ווייס ניט צי אין לאָנדאָן — פון וואַנען ער איז געקומען קיין מאָנטרעאָל — האָט ער געהאַט אַ שייכות מיט די פּועלי־ציון. עס איך אויך ניט וויכטיק. אין מאָנטרעאָל האָט ער דערשפּירט אין דער פּועלי־ציון־גרופּע די קעמפער פאַר די טיפסטע באַגערן פון זיין נשמה. האָט ער זיך מיט איר תיכף פאַרבונדן. דורך מאָנטרעאָל האָט ער זיך אויך פאַרבונדן מיט דער גאַנצער פּועלי־ציון־באַוועגונג אין צפון־אַמעריקע. פון דאַן אָן איז אין דער באַוועגונג דער נאָמען פון יהודה קויפמאַן פאַרבונדן געוואָרן מיטן קאַמף פאַר ראַטעווען דאָס יידישע קינד פאַרן יידישן פאָלק.

בלויז צוויי אַנדערע נעמען האָבן פאַרנומען פריִערדיקע ערטער אין דעם דאָזיקן געראַנגל. דער ערשטער איז געווען ד״ר חיים זשיטלאָווסקי. ער האָט שוין אין יאָר 1905 געזייט די דאָזיקע קערנער אין דעם „וועלטלעכן״ (ליידער איז נאָך ניטאָ קיין בעסערע באַצייכענונג) טייל פון דער צפון־אַמעריקאַנער יידישער באַפעלקערונג. זיינע גלענצנדיקע רעדעס און שריפטן אויף דעם שטח בלייבן לעולם ועד — טראָץ די פּאָליטישע וואַקלונגען אין זיינע לעצטע יאָרן — אַ טייל פון דעם שענסטן קאַפּיטל פון יידיש־נאַציאָנאַלן אויפברויז אין די ערשטע צענדליקער יאָרן פון איצטיקן יאָר־הונדערט. דער צווייטער איז געווען יואל ענטין, וואָס באַאיינפלוסט שטאַרק דעם דאָזיקן שטח עד היום הזה, האָפנטלעך נאָך אויף לאַנגע יאָרן. ער האָט שוין ניט בלויז גערעדט און געשריבן, נאָר ער האָט זיך אויך אַריינגעוואָרפן בלב ונפש אין

אַט דער אַרבעט. דער דריטער אין דער ריי — אין קאַנאַדע אָן ספק דער סאַמע ערשטער — איז אונדזער חתן היובל ד״ר יהודה קויפמאַן.

✶

ס'איז איבעריק אונטערצושטרייכן, אַז ער האָט נאָך מוסיף געווען אַ גופך משלו, וואָס לאו כל אדם זוכה. דאָס האָט אַרויסגעשטראָמט פון זיין אייגנאַרטיקער פּער־זענלעכקייט. אַזאַ ליבשאַפט צו פאַרשפּרייטן תורה, אַזאַ איינגעבוירענע פעיִקייט זיך אַריינצולעבן אין דער נשמה פון תלמיד, אַזאַ ניצוץ פון חסידישער רבישאַפט — לאָמיר זיך ניט צוריקהאַלטן אויך פון אָט דער באַצייכענונג — אַרויסצורופן אין די הערצער פון זיינע חסידים אַ דערהייבונג און אַן אמונה אין דעם, וואָס ער לערנט דעם תלמיד — מיט אַזעלכע אייגנשאַפטן זיינען געבענטשט זייער ווייניק מענטשן.

אָט די השפעה האָט ער אויסגעוויר‌קט אומעטום, ווו ער האָט זיך געפונען. ווען ער האָט זיך באַזעצט אין ניו־יאָרק איז זיין אַרבעט קאָנצענטרירט געוואָרן אַרום דעם יידישן לערער־סעמינאַר, וואָס די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג — בעיקר דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד — האָט אויפגעשטעלט. אַלע סטודענטן, וועלכע האָבן געלערנט אין סעמינאַר, ווען יהודה קויפמאַן האָט אים געפירט, בענקען עד היום נאָך זיינע לעקציעס און די מסיבות, וואָס ער האָט מיט זיי דורכגעפירט.

ער האָט אויך שטאַרק באַאיינפלוסט פּראַגראַמאַטיש די דערציִונגס־טעטיקייט פון דער באַוועגונג, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ גאַנצע גאַמע פון חילוקי־דעות אויף דעם געביט. זי האָט פאַרמאָגט עקסטרעמע יידישיסטן און עקסטרעמע העברעיִסטן. לאַנגע וויכוחים זיינען אין אָט די קרייזן אָנגעגאַנגען וועגן דער באַציִונג צו יידישער רעליגיע און ווי מען זאָל זי ברענגען צו די קינדער. ד״ר יהודה קויפמאַן האָט אַריינ־געטראָגן גלייכגעוויכט צווישן אָט די פאַרשידענע עלעמענטן. ער האָט עס געטאָן ניט ווי אַ פאַרמיטלער, וואָס זוכט אַ פּשרה, כדי אַלע צדדים עפּעס נאָכצוגעבן. אים איז עס געלונגען דערפאַר, ווייל ער איז געגאַנגען מיט זיין אייגענער איבער־צייגונג. ער האָט געהאַלטן, אַז די דערציִונג מוז עפענען פאַרן יידישן קינדביידע שפּראַכן — העברעיִש און יידיש, און מוז איינפלאַנצן אינעם יידישן קינד טיפן רעספּעקט פאַר יידישע רעליגיע. ער האָט גוט געקענט די שטיינער, וואָס ליגן אויפן וועג פון אַזאַ חינוך. אָבער ער האָט זיך געמאַכט אַזאַ חשבון: אויב דורך אַזאַ חינוך וועלן אויסוואַקסן, אויב ניט צענדליקער טויזנטער, איז כאָטש הונדערטער אַזעלכע גאַנצע יידן — איז עס כדאי. די קייט וועט דאַן ניט איבערגעריסן ווערן. זיין אייגענע שלימותדיקע יידישקייט האָט אים דערמעגלעכט משפּיע צו זיין אַזוי, אַז זיין חינוך איז געוואָרן דער יסוד פון אַלע אַנשטאַלטן אין דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַ־וועגונג. טיפער ווי אומעטום איז אָט דער יסוד אַריינגעפלאַנצט געוואָרן אין די מאָנטרעאָלער שולן. דערפאַר זיינען זיי עד היום פאַרבליבן די בעסטע חינוך־אַנ־שטאַלטן וואָס אונדזער באַוועגונג פאַרמאָגט אין צפון־אַמעריקע.

✶

די זעלביקע גייסטיקע עשירות, וואָס ער האָט אַריינגעטראָגן אין חינוך־וועזן, האָט ער אויך אַריינגעבראַכט אין זיינע עפנטלעכע לעקציעס, וואָס ער האָט געהאַלטן אין דער לענג און אין דער ברייט פון דעם צפון־אַמעריקאַנישן קאָנטינענט. די

צענדליקער טויזנטער צוהערער פון זיינע לעקציעס האָבן אים צוגעטראָגן פונקט אַזוי פיל ליבשאַפט און פאַרערונג ווי די קינדער אין די קלאַסן, די סטודענטן אין סעמינאַר און אַלע לערער וועלכע האָבן מיט אים מיטגעאַרבעט. מיר, אין די פאַראייניקטע שטאַטן, האָבן באַקומען גרוסן פון זיינע אויפטרעטן אין אַנדערע תפוצות הגולה. אומעטום די זעלביקע השפעה. מיר האָבן באַקומען גרוסן ווי זיין פערזענלעכקייט האָט אויפגעגלאַנצט אין ארץ־ישראל אין דער ביאַליק־תקופה, בעיקר אין עונג־שבתדיקע צוזאַמענקונפטן אין „אהל שם״. וועגן דעם דאַרפן דערציילן יענע, וועלכע האָבן עס אַליין דורכגעלעבט, ווי איך האָב געהאַט דעם גרויסן פאַרגעניגן דורכצולעבן און צו שפּירן זיין השפעה אין צפון־אַמעריקע. אונדזערע נאָענטע מענטשן האָבן ביי זיין יעדן באַזוך באַקומען אַ צווייפאַכן געניוס: די עפנטלעכע לעקציעס האָבן שטענדיק געשפּרודלט מיט חכמה, מיט וויסן און זיינען דערלאַנגט געוואָרן אויף זיין אייגנאַרטיקן אופן פון אַן ערשט־קלאַסיקן פּעדאַגאָג און מסביר. די פילאָזאָפישע פּראָבלעמען זיינען דורך זיין כוח־הסברה געוואָרן דער קנין פון דעם גרעסטן רוב פון זיינע צוהערער. ביי די לעקציעס האָבן די נאָענטע מענטשן גענאָסן צוזאַמען מיטן גאַנץ גרויסן עולם, וואָס איז אים שטענדיק געקומען הערן. אָבער זיי האָט דערוואַרט נאָך אַ געניוס: דער צוזאַמענקונפט נאָך די לעקציעס. די דאָזיקע צוזאַמענקונפטן זיינען געוואָרן אַ שם־דבר אומעטום, וווּ ער איז געקומען. אויף זיי האָט ער געטיילט פון זיין רייכן גייסטיקן באַגאַזש נאָך מער, נאָך ברייטער, טיפער און פאַרשיידנאַרטיקער. זיין האַרץ האָט זיך דאָ צעעפנט דורך יידישער שירה, דורך חסידישע ניגונים, דורך חסידישע מעשהלעך, דורך אגדות און מדרשים, דורך אַ זאָג פון איין חסידישן רבין און אַ צווייטן, דורך אַ פאַרטיפטן אויסטייטש פון אַ פסוק און דורך אַלע וועגן וואָס מען קען דורך זיי איבערגעבן גייסטיקע אינספּיראַציעס. דאָס אַלץ האָט ער דערציילט אויף אַן אופן, וואָס בלויז יחידי סגולה זיינען צו דעם פעיִק. דאָס אַלץ האָט איבערגעלאָזן אויף די באַטייליקטע אַ באַצויבערנדיקע השפעה, וואָס האָט אָנגעהאַלטן שפּעטער טעג און וואָכן און חדשים.

עס וועלן זיך מן הסתם געפינען לייענער, וועלכע וועלן מיינען, אַז איך בין מגזם, אַז איך בין צו פיל חסיד זיינער. איך ווייס אָבער, אַז די הונדערטער חברות און חברים וועלכע האָבן — פונקט ווי איך — גענאָסן פון זיין גייסטיקער אינספּיראַציע וועלן וויסן, אַז עס איז ניטאָ אין מיינע ווערטער קיין שמץ פון גוזמא.

✶

אינעם טאָג פון שמחה איז אַוודאי שווער צו דערמאָנען די שוידערלעכע יסורים, מיט וועלכע ער איז געפּרוווט געוואָרן פון גורל. אָבער איבערגיין זיי בשתיקה טאָר מען אַוודאי ניט. עס איז אפשר גאָר מעגלעך, אַז אין זיין תורה און רוחניותדיקער יידישקייט איז זיין מהות דעמאָנסטרירט געוואָרן דווקא דורך די דאָזיקע יסורים. זיין לעבנס־שותפטע — פרומע — עליה השלום, האָט דער טויט פון אים אַוועקגעריסן אין אירע מיטעלע יאָרן. זי איז געווען זיין שותפטע אויך אין זיין גייסטיקער וועלט, ווייל אויך זי איז דערצויגן געוואָרן אין טיפער יידישקייט. אין חודש אייר תש״ז, אַ יאָר פאַר הקמת המדינה, איז זיין איינציקער זון, שמואל אשר, געפאַלן אין עין חרוד, וווּ ער האָט זיך געפונען אין דינסט פון הגנה. 14 חדשים שפּעטער איז

אין דעם באַפרייונגס־קריג געפאַלן די כלה פון זיין זון — זהרה לעוויטאַוו. נאָכן פאַלן פון זיין זון איז זהרה צוגעבונדן געוואָרן צו יהודה קויפמאַן און ער צו איר מיט אַזעלכע נשמה־פעדעם, וועלכע פאַרבינדן זעלטן אַפילו עלטערן מיט קינדער. אָבער דווקא אין יענע שוידערלעכע 14 חדשים איז בולט געוואָרן די גייסטיקע גבורה פון אונדזער חתן היובל. אין די בריוו וואָס ער שרייבט צו זהרהן ווערן אַנטפּלעקט די גייסטיקע פּראָצעסן, וואָס ער אַליין גייט דורך. אין דער טרייסט, וואָס ער זוכט פאַר איר, קען מען דערבליקן די טרייסט, וואָס ער האָט געזוכט פאַר זיך. מען קען אין זיי דערשפּירן די כוחות, וועלכע האָבן אים אויפגעהאַלטן אין זיינע שווערסטע טעג און האָבן אים געראַטעוועט פאַר זיך אַליין און פאַר זיינע ווייטערדיקע, גייסטיקע שאַפונגען. ווען דער לעצטער קלאַפּ איז געקומען און זיין גייסטיק־אַדאָפּטירטע טאָכטער זהרה איז געפאַלן, האָט נאָר די אינערלעכע גבורה, דער גלויבן אין דער גרויסער חשיבות פון מין מענטש און זיין פאַרשטאַרקטע אמונה אין צור ישראל אים געגעבן כוח אָנצוהאַלטן די גייסטיקע גלייכגעוויכט.

✶

צו 70 יאָר איז ד״ר יהודה קויפמאַן (אין ישראל און אין זיינע ספרים באַקאַנט אונטערן נאָמען ד״ר יהודה אבן־שמואל) ממשיך זיין גרויסע גייסטיקע אַרבעט. זיין פאָטערלעכער נחת איז איצט קאָנצענטרירט אַרום זיין טאָכטער ברוריה און איר מאַן זעליק האַריס, וואָס זיינעןביידע אויסערגעוויינלעך באַגאַבט און פאַרשאַפן דעם פאָטער גרויס נחת. זיין שעפערישער נחת איז איצט קאָנצענטרירט אַרום דעם אַרויסהויבן די פיגור פון רבי יהודה הלוי פאַר איצטיקע דורות, ווי ער האָט פריער אַרויסגעהויבן די פיגור פון רמב״ם. מיט סטאָ‏ישער גבורה איז ער מקיים דעם באַרימטן לייוויק־רעפריין: „איך הייב זיך אויף ווידער און שפּאַן אַוועק ווייטער!״ אַלע צו אים גייסטיק־נאָענטע מענטשן ווינטשן אים אריכות ימים פון תורה, יצירה און מעשים טובים. דאָס איז אויך מיין ווונטש סיי צו אים פּערזענלעך, סיי צו דער יידישער קולטור און סיי צו אַלע די, וואָס קומען אין זיין מחיצה. זאָל ער אונדז אַלעמען נאָך באַשערט זיין אַ סך יאָרן.

בער באָראָכאָוו

צו זיין 40סטן יאָרצייט (געשריבן אין יאַנואַר 1958)

בער באָראָכאָוו האָט אין זיין קורצן לעבנס־דויער (ער איז געשטאָרבן אײדער ער האָט דערגרייכט פולע 37 יאָר) אַ סך געלערנט און געשריבן. זיין געניאַלער מוח האָט אויפגענומען אַ סך וויסנשאַפטן: מאַטעמאַטיק און פילאָזאָפיע, נאַטור־וויסנשאַפט און געשיכטע, סאָציאָלאָגיע און לאָגיק, וועגן יעדער פון זיי האָט ער געשריבן וויכטיקע אַרבעטן. זיין וויכטיקסטן ביישטייער האָט ער בלי ספק צוגעטראָגן צו דער טעאָריע פון פועלי־ציוניזם.

מיט איבער 50 יאָר צוריק האָט ער אָנגעשריבן זיינע וואָגיקסטע ווערק, וועלכע זיינען געוואָרן די יסודות פון רוסלענדישן פועלי־ציוניזם. רוסלאַנד אַליין האָט דאַן פאַרמאָגט אַרום 6 מיליאָן יידן, מער ווי אַ העלפט פון יידישן פאָלק אין אָנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט. דאָס מיינט, אַז באָראָכאָווס גייסטיקער איינפלוס האָט אַרומגענומען דעם גרעסטן טייל פון דער אַלוועלטלעכער פועלי־ציון־באַוועגונג. אויך אין דעמאָלטיקן עסטרייך און רומעניע, אין די לענדער פון מערב־אייראָפּע, אין די פאַראייניקטע שטאַטן און בעיקר אין ארץ־ישראל האָבן באָראָכאָווס טעאָרעטישע אַרבעטן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע צווישן די ערשטע פועלי־ציון־גרופּן.

מיט פערציק יאָר צוריק האָט דער טויט אָפּגעשטעלט אַ שפּרודלדיק־שעפערישן שטראָם. ווער קען דען וויסן, וועלכע גייסטיקע אוצרות זיין אַזוי־פריצייטיקער טויט האָט פון אונדז אַוועקגערויבט? ער האָט אונדז אָבער איבערגעלאָזט גענוג ווערק וואָס אונדזערע נייע דורות דאַרפן שטודירן. פאַרמעסט איך זיך דאָ בלויז אַרויסצוברענגען אייניקע פון זיינע הויפּט־געדאַנקען און אַ קוק טאָן אויף זיי מיט אונדזערע איצטיקע אויגן.

איך האָב ניט געהערט צו דער באָראָכאָוו־שולע אין אונדזער פועלי־ציון־באַוועגונג. היות ווי די באַוועגונג האָט נאָך ווייט ניט פאַרענדיקט איר געשיכטלעכע מיסיע, איז נאָך ניט מעגלעך צו באַשטימען, וועלכע שיטה אין פועלי־ציוניזם האָט מער צוגעטראָגן צו די געשיכטלעכע פּראָצעסן, וואָס זי האָט זיך פאַרמאָסטן צו באַווירקן. איך מיין אָבער, אַז די מענטשן פון מיין דור זיינען שוין איצטער אָביעקטיוו גענוג צו קענען זען און אָפּשאַצן די פּאָזיטיווע ווערטן פון אַלע שטרעמונגען אין פועלי־ציוניזם.

צען יאָר נאָך בער באָראָכאָווס טויט האָט אַ צווייטער פון אונדזערע ראשונים, חבר שלמה קאַפּלאַנסקי (שוין אויך אויפן עולם האמת), געשריבן וועגן אים די קומענדיקע שורות:

„מיר וועלן ניט געטריי זיין צום גייסט פון אונדזער פאַרשטאָרבענעם פירער, אויב מיר לאָזן זיך אויפן וועג פון קאַנאָניזירן, פון פאַרשפּרייטן אַ טלית פון קדושה און פון אייביקן אמת איבער אַלץ וואָס באָראָכאָוו האָט געשריבן און געזאָגט. פאַר מיר איז קלאָר, אַז פּונקט ווי מיר, וועלן די קומענדיקע דורות אין דער יידישער

סאָציאַליסטישער באַוועגונג ניט נאָר לערנען פון באָראָכאָוון, נאָר אויך קריטיש זיך ראַנגלען מיט אים. אויך היינט איז פאַר אונדז ניט פאַרבאָרגן, אַז ניט אַלע טיילן פון באָראָכאָווס תורה זיינען פון אַ גלייכן ווערט, און אויפן שטח פון אייביקייט זיינען דאָ תחומים און גרענעצן. אָפט מאָל דוכט זיך מיר, אַז די אויספאָרשונג, די פונאַנדערשיידונג פון דעם דענקער און דעם מסביר, פון דעם ווייטן אויסקוקער און דעם סביבה־צוגעבונדענעם צייט־מענטשן, אַז דווקא די היסטאָרישע און וויסנשאַפטלעכע קריטיק וועט פאַר אונדז אויפדעקן די אמתע גאונות פון באָראָכאָוו״.

איך וויל נאָר צוגעבן, אַז אויך היינט, דרייסיק יאָר נאָך דעם ווי חבר קאַפּלאַנסקיס ווערטער זיינען געשריבן געוואָרן, קען נאָך אויך געזאָגט ווערן, אַז ערשט „די היסטאָרישע און וויסנשאַפטלעכע קריטיק וועט פאַר אונדז אויפדעקן די אמתע גאונות פון בער באָראָכאָוו״.

✶

צוויי וויכטיקע באַגריפן האָט באָראָכאָוו אַריינגעבראַכט אין דעם לעקסיקאָן פון פועלי־ציוניזם: „די סטראַטעגישע באַזע״ און „דער סטיכישער פּראָצעס״. לאָמיר פּרובירן איבערגעבן בקיצור וואָס ער האָט מיט די צוויי באַגריפן געמיינט צו זאָגן, און ווי זעען זיי אונדז היינט אויס.

באָראָכאָוו באַנוצט אין זיינע טעאָרעטישע אַרבעטן די מאַרקסיסטישע מעטאָדע פאַר זיין וועגווייזער. ער נעמט לגמרי אָן דעם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם. ער אַנאַליזירט די פּראָדוקציע־פּראָצעסן פון די מערסטע פעלקער. די פּראָדוקטיווע קרעפטן פון אַ פאָלק און זיינע מעגלעכקייטן זיינען, לויט אים, די הויפּט־כוחות פון דער נאַציע. די טעריטאָריע פון יעדן פאָלק איז, פאַר באָראָכאָוון, די פּראָדוקציע־באַזע פונעם פאָלק; אין איר זיינען קאָנצענטרירט די מעגלעכקייטן פון דאָזיקן פאָלק. אַרום אָט די פּראָדוקציע־מעגלעכקייטן קומט פאָר אַן אינערלעכער געראַנגל צווישן די קלאַסן, קלאָרער אויסגעדריקט: דער קלאַסן־קאַמף. ווען זיי ווערן צו ענג פאַר אַ פאָלק, זוכט עס אויסצוברייטערן זיין טעריטאָריע. פון דעם שטאַמט דער געראַנגל צווישן פעלקער. דער קלאַסן־קאַמף און דער נאַציאָנאַלער קאַמף קומען פאָר אין איין און דער זעלביקער צייט. דער פּראָלעטאַריאַט פון יעדן נאָרמאַלן פאָלק איז פאַראינטערעסירט אין ביידע: ער איז פאַראינטערעסירט אין אויסברייטן די באַזע פון די פּראָדוקציע־מעגלעכקייטן פון זיין פאָלק און ער איז אַוודאי פאַראינטערעסירט, אַז דער אַרבעטער־קלאַס זאָל באַקומען זיין גערעכטן חלק פון דער נאַציאָנאַלערווירטשאַפט פון זיין לאַנד, וואָס באָראָכאָוו רופט זיי „פּראָדוקציע־מעגלעכקייטן״. דער וואָפן פון דעם געראַנגל פון אַרבעטער־קלאַס, סיי פאַר די אינטערעסן פון דער נאַציע, סיי פאַר די אינטערעסן פון זיין קלאַס, איז איינער און דער זעלביקער: קלאַסן־קאַמף אין זיין ברייטסטער אויסטייטשונג. די סטיכישע ענדערונגען, וואָס קומען פאָר אין די פּראָדוקציע־פאָרמען, אַרויסגעהאָלפן דורך דעם קלאַסן־קאַמף, וועלן דערפירן צום פונאַנדערפאַל פונעם קאַפּיטאַליזם און צום אויפקום פון סאָציאַליזם. עס וואָלט מיך פאַרפירט צו ווייט, ווען איך זאָל פּרובירן איבערגעבן, ווי אַזוי באָראָכאָוו פאַרבינדט דעם קלאַסן־קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט מיט זיין נאַציאָנאַלן קאַמף. נאָך קאָמפּליצירטער זיינען די שייכותן פון קלאַסן־קאַמף מיטן נאַ־

ציאָנאַלן קאַמף ביים יידישן פאָלק. איך זוך אָבער בעיקר אַרויסצוברענגען, ווי אַזוי באָראָכאָוו טראָגט איבער אָט דעם היסטאָריש־מאַטעריאַליסטישן קוק אויף דער עקאָנאָמיע פון יידישן פאָלק און ווי ער דערפירט עס צום ציוניזם.

זיין ספּעציעלער וויסנשאַפטלעכער צושטייער באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט טיפער, ווי ווער עס איז פאַר אים (און לעת עתה אויך נאָך אים) דורכגעפאָרשט און באַגריפן די ספּעציעלע לאַגע פון יידישן פאָלק, דווקא אויף יענע שטחים, אויף וועלכע דער מאַרקסיזם בויט אויף זיין הויפּט־וויסנשאַפט: די שטחים פון פּראָדוקציע. אין אַן אַנאַליז, וואָס קיינער האָט נאָך עד היום ניט אָפּגעפרעגט, האָט ער פעסטגעשטעלט, אַז די עקסטעריטאָריאַליטעט פון יידישן פאָלק איז שולדיק אין דעם, וואָס דער יידישער אַרבעטער איז פאַרטריבן געוואָרן פון יענע פּראָדוקטיווע פונקציעס, וועלכע זיינען פאַרבונדן מיט דער נאַטור און מיט דעם באָדן. ער איז אויך פאַרטריבן פון דער שווער־אינדוסטריע און פון אַלע פּראָדוקציע־צווייגן, וועלכע באַוועגן די רעדער פון דער מענטשלעכער געשיכטע. די יידישע אַרבעטער, אַנשטאָט אַריינצודרינגען אינעם געזונטן, קרעפטיקן צענטער פון עקאָנאָמישן לעבן, פאַרשפּרייטן זיי זיך אין דער פּעריפעריע, פון וועלכער דער גורל פון דער געזעלשאַפט הענגט ניט אָפּ. בשעת אַלע פעדים פון אַרבעט און אַנטוויקלונג ציִען זיך פון די צענטראַלע מלאכות: פון לאַנדווירטשאַפט, פּיצוכט, מינען, אייזנבאַנען, ים־שיפעריי, פאַבריצירן פּראָדוקציע־מאַשינען און נאָך אַזעלכע — קאָנצענטרירן זיך די יידישע אַרבעטער אין פּראָדוקציע־פונקציעס, וואָס שפּילן ניט קיין שום צענטראַלע ראָלע: אין דער נאָדל־אינדוסטריע, אין דער בעקעריי (ניט אין אַלע עטאַפּן פון באַאַרבעטן דעם באָדן, זייען און שניידן די זאַנגען — נאָר בלויז אין דער לעצטער סטאַדיע פון באַקן ברויט), אין דער טאַבאַק־אינדוסטריע (ווידער אַ מאָל ניט אין די עטאַפּן פון אַרויסקריגן דעם טאַבאַק פון באָדן, נאָר אין דער לעצטער מדרגה פון אויספאַרטיקן דעם דירעקטן געברויכס־מיטל). אַזוי רעכנט ער אויס אַ גאַנצע ריי פון יידישע, פּראָדוקציאָנעלע פונקציעס. זיין אַנאַליז איז באַגרינדעט אויף אָפיציעלע סטאַטיסטישע טאַבעלן, וואָס זיינען צוגעגרייט געוואָרן דורך דער צאַרישער רעגירונג אין רוסלאַנד און דער קייזערלעכער רעגירונג פון עסטרייך. ביידע האָבן אַוודאי ניט געהאַט בדעה צו באַווייזן, ווי נויטיק עס איז אַ טעריטאָריע פאַרן יידישן פאָלק, אָבער דווקא אָט די טאַבעלן האָט באָראָכאָוו געבראַכט צו באַשטעטיקן זיין דיאַגנאָז.

אין זיין אַרבעט „די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פון יידישן פאָלק" געפינט זיך פאָלגנדיקער זאַץ, וואָס גיט דעם תמצית פון זיין איינשטעלונג: „דער יידישער סאָציאַליזם, דער יידישער קלאַסן־קאַמף און די יידישע רעוואָלוציע וועלן שפּילן פונקט אַזאַ נישטיקע ראָלע אין סאָציאַליזם, קלאַסנקאַמף און רעוואָלוציע פון די אַרומיקע פעלקער, וויפל די יידישע נאָדל און דער יידישער פּרעסאייזן האָבן אַ ווערט אין פאַרגלייך מיטן ניט־יידישן אַקעראייזן, מיט דער ניט־יידישער דאַמף־מאַשין און מיטן ניט־יידישן טראַנסאַטלאַנטיק".

באָראָכאָוו אַנאַליזירט די ווירטשאַפטלעכע אַנאָמאַליעס פון אַלע טיילן פון יידישן פאָלק, און באַווייזט, ווי נויטיק אַ יידישע טעריטאָריע איז פאַרן גאַנצן פאָלק.

זיינע הויפּט־געדאַנקען ווידמעט ער דעם יידישן פּראָלעטאַריער און יענע יידישע מאַסן, וועלכע זיינען געצוווּנגען זיך צו פּראָלעטאַריזירן. ער קומט צו דער קלאָרער מסקנה, אַז עס מוז אויפשטיין ביים יידישן פאָלק אַ יידישער אַקעראַייִזן, אַ יידישע דאַמפּמאַשין און אַ יידישע טראַנסאַטלאַנטיק. דאָס איז מעגלעך נאָר אויף אַן אייגע־נער יידישער טעריטאָריע. פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק, ווען עס וועט נאָרמאַליזירן זיין לעבן דורך אויפהערן צו זיין עקסטעריטאָריעל, וועט די טעריטאָריע שפּילן די זעלביקע ראָלע וואָס ביי אַלע אַנדערע נאָרמאַלע פעלקער. פאַרן יידישן אַרבעטער וועט די טעריטאָריע נאָך האָבן אַ צוגאָב־פונקציע: זי וועט אויך ווערן „די סטראַ־טעגישע באַזע", דורך וועלכער ער וועט אויך קענען צוטראָגן זיין חלק צום אויפבוי פון דער סאָציאַליסטישער וועלט־ווירטשאַפט.

ניט אַריינגייענדיק אין דער פראַגע, צי דאַרף מען נאָר אַזוי באַגרינדן דעם ציוניזם; ניט דיסקוטירנדיק, צי איז בכלל דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם דער איינציקער וועגווייזער אויף צו מעסטן און פאַרשטיין סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע דער־שיינונגען; ניט ווילנדיק אַפילו באַווייזן, אַז באָראָכאָוו אַליין האָט אין שפּעטערדיקע אַרבעטן סיי דעם נאַציאָנאַליזם, סיי דעם ציוניזם צוגעגעבן חשיבות ניט נאָר פון שטאַנדפּונקט פון דער אַנטוויקלונג פון יידישער פּראָדוקציע־כוחות, מעג אָבער דער היסטאָרישער פאַקט פאַרצייכנט ווערן: איצט, 50 יאָר נאָך דעם ווי באָראָכאָוו האָט זיינע ווערק געשריבן; איצט, ווען מיר האָבן אויפגעבויט אונדזער באַזע — די יידישע טעריטאָריע — זעען מיר זייער קלאָר, אַז וועזנטלעך זיינען זיינע אַנאַליזן געווען און געבליבן ריכטיק. די יידישע טעריטאָריע האָט איבערגעבויט ווירטשאַפט־לעך יענעם טייל פון יידישן פאָלק, וואָס האָט אין איר עולה געווען; דער יידישער פּראָלעטאַריאַט האָט אויפגעשטעלט אין דער טעריטאָריע זיין „סטראַטעגישע באַזע" און האָט דאָ דערוואָרבן „דעם יידישן אַקעראַייזן, די יידישע דאַמפּמאַשין, דעם יידישן טראַנסאַטלאַנטיק" און האָט דערנענטערט דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט צו פּראָדוקציע־פונקציעס פון צענטראַלסטער מדרגה. וואָס שייך דעם אַנטייל פון יידישן פּראָלעטאַריער אין בויען סאָציאַליזם, האָט ער שוין צוגעטראָגן אַזאַ שטייער, וואָס ווערט באַוווּנדערט פון אַלע ערלעכע און פרייע סאָציאַליסטן. דעם יידישן אַרבעטער אין גלות איז ליידער אַזאַ מעגלעכקייט ניט געגעבן געוואָרן.

✶

פיל קאָמפּליצירטער איז דער צווייטער באַגריף, וואָס בער באָראָכאָוו האָט אַריינגעפירט אינעם לעקסיקאָן פון פּועלי־ציוניזם — דעם באַגריף „סטיכישער פּראָצעס". קעגנער האָבן דעם דאָזיקן באַגריף פשוט אויסגעלאַכט און אַפילו אין די פּועלי־ציון־קרייזן גופא האָט דער דאָזיקער באַגריף אַרויסגערופן שאַרפע ווי־כוחים. וואָס האָט באָראָכאָוו געמיינט מיט דעם באַגריף? ווי זעט זיין תוכן איצטער אויס?

באָראָכאָווס געדאַנקענגאַנג אַנטוויקלט זיך אַזוי:

דער פּועלי־ציוניזם האָט פאַר זיך אַ פּראָגראַם־מאַקסימום און אַ פּראָגראַם־מינימום. דער פּראָגראַם־מאַקסימום איז דער סאָציאַליזם. צו דעם ציל גייט דער יידישער פּראָלעטאַריאַט צוזאַמען מיט דער אַלוועלטלעכער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

דער יידישער פּראָלעטאַריאַט האָט אָבער אין צוגאָב דערצו אַ פּראָגראַם־מינימום — די דערגרייכונג פון דער יידישער טעריטאָריע. די טעריטאָריע איז ניט קיין אַנדערע ווי ארץ־ישראל. צו אַלע צילן, סיי צום פּראָגראַם־מאַקסימום, סיי צום פּראָגראַם־מינימום, פירט אַ סטיכישער פּראָצעס: די צילן מוזן דערגרייכט ווערן דורך היסטאָרישער נויטווענדיקייט, וואָס וואַקסט אַרויס פון די ענדערונגען אין די פּראָדוקציע־באַדינגונגען. דער מענטשלעכער ווילן קען נאָר און דאַרף מיטהעלפן דעם סטיכישן פּראָצעס דורך אָפּראַמען פון זיין וועג די שטרויכלונגען, וואָס שטערן זיין נאָרמאַלן גאַנג. דער ווילן אַליין קען ניט דערגרייכן קיין ציל, אויב ער שפּאַרט זיך ניט אָן אויף דעם סטיכישן פּראָצעס. די סטיכישע פּראָצעסן אינעם יידישן פאָלק דעטערמינירן אויך, אַז די יידישע וואַנדערונג וועט סוף־סוף אויפהערן צו זיין אַ כאַאָטישע, וועט זיך קאָנצענטרירן בעיקר אין ארץ־ישראל און דאָרט וועט אויפגעשטעלט ווערן די אויטאָנאָמע, יידישע ווירטשאַפטלעכע באַזע — די יידישע טעריטאָריע. דער יידישער אַרבעטער־קלאַס וועט שפּילן די הויפּטראָלע אין דער רעאַליזירונג פון אָט די פּראָצעסן. זיין וואָפן אין געראַנגל פאַר אָט די צילן איז איין־און־איינציקער — דער קלאַסן־קאַמף.

יעדע איינע פון אָט די באַהויפּטונגען, סיי בנוגע דער גאַנצער מענטשהייט, סיי בנוגע דעם יידישן פאָלק, ווערן וויסנשאַפטלעך באַגרינדעט אין אַ ריי אַרבעטן אויפן באַזיס פון דורכדרינגנדיקע און אַלזייטיקע פאָרשונגען. אַפילו אויסרעכענען זיי אַלע וועט ניט זיין גערעכט צו באָראָכאָוון, ווייל מען מוז זיי לערנען און שטודירן. זיי פאַרדינען עס אַפילו היינט, טראָץ די צעטרייסלענדיקע ענדערונגען, וואָס די לעצטע צענדליקער יאָרן האָבן אַריינגעבראַכט. וויל איך זיך באַגנוגענען מיט אייניקע באַמערקונגען.

*

קעגן דריי יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען קעמפט באָראָכאָוו: קעגן „בונד", קעגן סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן און קעגן די סיימיסטן. די אַלע פּאַרטייען האָבן אָנגענומען דעם מאַקסימום־פּראָגראַם — דעם סאָציאַליזם; זיי האָבן זיך אָבער צעטיילט אין זייערע מיינונגען וועגן דעם מינימום־פּראָגראַם. (איך באַנוץ דאָ די באָראָכאָוו־טערמינען, כאָטש פּערזענלעך האָב איך זיי קיין מאָל ניט אָנגענומען.) באָראָכאָוו האָט אָנערקענט די וויכטיקע ראָלע, וואָס אַלע דריי פּאַרטייען האָבן געשפּילט אין אַנטוויקלען דעם יידישן אַרבעטער. אָבער זייער ראָלע איז געווען בלויז אַ צייטווייליקע. ער האָט זיי פאַרמשפּט ניט צו האָבן קיין באַדייטונג פאַר די געשיכטלעכע אַנטוויקלונגען, פאַר די גרויסע רעוואָלוציאָנערע ענדערונגען, וואָס מוזן פּאַרקומען אין יידישן פאָלק. אין דעם איז זיין פּסק־דין געווען אַ גערעכטער.

דער „בונד" האָט בנוגע זיינע פאָרשטעלונגען ווי אַזוי צו לייזן די יידן־פראַגע דורכגעמאַכט פאַרשיידענע סטאַדיעס. די העכסטע נאַציאָנאַלע סטאַדיע האָט ער דערגרייכט מיט פאָדערן נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע פאַר די יידן אין רוסלאַנד. זיין הויפּט־יסוד איז געווען: יידן דאַרפן ניט קיין טעריטאָריע, יידן קענען גאָרניט אויפבויען קיין טעריטאָריע, יידן בלייבן אין גלות. הויפּטזעכלעך קעגן „בונד" האָט עס באָראָכאָוו פאָרמולירט די אויבנגעבראַכטע ציטאַטע וועגן דער נע־

בעכדיקער ראָלע פון יידישן סאָציאַליזם, יידישן קלאַסן־קאַמף און יידישער רעוואָ־לוציע, אויב דאָס יידישע פאָלק בלייבט אין גלות. נאָך שאַרפער האָט ער זיך אויס־געדריקט אין אַ צווייטן פּסוק: „די, וואָס שטרעבן צוצושמידן דאָס יידישע פאָלק צו דער שיטערער לופט פון גלות; די, וואָס זוכן איינצוויגן דאָס פאָלק מיט גלות־ניגונים און גלות־האָפענונגען, פאַראייביקן דעם יידישן עקאָנאָמיש־קראַנקן צו־שטאַנד". די אויבנאָנגעצייכנטע דערגרייכונגען פון דער „סטראַטעגישער באַזע" לייקענען אַמשאַרפסטן אָפּ דעם בונדס אַנטי־ציוניסטישע און אַנטי־טעריטאָריאַ־ליסטישע איינשטעלונגען.

ווי ווייט באָראָכאָוו איז געווען גערעכט אין זיין פּסק־דין בנוגע די אַנדערע צוויי יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען וואָלט געווען געגנוג דער באַווייז, אַז זיי האָבן טאַקע ניט געהאַט קיין אריכת־ימים. עס איז אָבער כדאי צו פאַרצייכענען, אַז באָראָכאָוו האָט אין קאַמף מיט זוכן אַ סתם טעריטאָריע אונדז איבערגעלאָזט וויכטיקע פאַרש־אַרבעטן אין וועלכע ער האָט באַוויזן, אַז נאָר יענע קאָלאָניזאַציע־אַרבעטן אין נייע לענדער האָבן געהאַט אַ דערפאָלג, וווּהין עס האָט זיך געצויגן אַ סטיכישע עמיגראַציע. די ביישפּילן: די פאַראייניקטע שטאַטן, אויסטראַליע און אַנדערע. דאַקעגן האָבן די פאַרזוכן פון „אויפבויען" אויף אַ קינסטלעכן אופן נייע לענדער זיך געענדיקט מיט גרויסע דורכפאַלן. אין זיין קאַמף קעגן די סיימיסטן, וועלכע האָבן פאָרגעשלאָגן אויפצושטעלן אַ יידישן פאַרלאַמענט (אַ סיים) אין רוס־לאַנד, און ערשט ער, דער פאַרלאַמענט, וועט באַשטימען, ווו צו זוכן די יידישע טעריטאָריע און ווען איר צו אָנהייבן בויען — האָט ער אָנגעווענדעט די זעלביקע מעטאָדע פון פאָרשן די סטיכישע טענדענצן אין רוסלאַנד גופא. באָראָכאָוו איז ניט קעגן דער פאָדערונג פון נאַציאָנאַל־פּאָליטישער אויטאָנאָמיע פאַר די יידן אין רוס־לאַנד. ער ווייזט אָבער אָן, אַז דאָס איז נאָר אַ פּאַליאַטיוו; אַז פאַרענטפערן די יידן־פראַגע קען עס ניט און ער צעוואַרפט זייער גאַנצן טעאָרעטישן בנין וועגן אַ טעריטאָריע, וואָס מען דאַרף אַפילו דערווייל גאָר ניט זוכן.

די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן האָבן זיך, ווי באַוווסט, אָפּגעטיילט פון די פּועלי־ציון נאָכן אוגאַנדאַ־קאָנגרעס. די מערסטע פון זיי זיינען אויך געווען אָנ־הענגער פון מאַרקס' היסטאָרישן מאַטעריאַליזם און האָבן, נאָך מער ווי די באָראָ־כאָוו־אָנהענגער, באַזירט די רעאַליזירונג פון טעריטאָריאַליזם אויף דער רעגולירונג פון דער יידישער עמיגראַציע. פרעגט זיך דעריבער באָראָכאָוו די זייער שאַרפע פראַגע: ווי קען מען רעגולירן דעם שטראָם פון יידישער עמיגראַציע דורך ווענדן אים צו אַ טעריטאָריע, וואָס מען דאַרף ערשט זוכן? ווי אַזוי קען דער סטיכישער פּראָצעס קאָנצענטרירן די יידישע וואַנדערונג אויף אַ טעריטאָריע, וואָס קיינער ווייס ניט, ווו זי געפינט זיך און קיינער ווייס ניט, צי וועט מען זי ווען־עס־איז בכלל געפינען?

קיין אַנדער טעריטאָריע האָט מען טאַקע ניט געפונען. דער פּראָצעס פון זוכן סתם אַ טעריטאָריע האָט זיך אָפּגעשטעלט. צווישן די סיימיסטן זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַפט, אַז נאָך דעם נצחון פון דער רוסישער רעוואָלוציע וועט מען דאַרפן פאָדערן אויפצושטעלן אַ יידישע טעריטאָריע אין רוסלאַנד גופא. יאָרן נאָך

דעם ווי די סיימיסטישע באַוועגונג איז אונטערגעגאַנגען, איז געמאַכט געוואָרן אַזאַ פּרוּוו אין ביראָ־בידזשאַן. וואָס פון דער טעריטאָריע איז געוואָרן, איז שוין היינט אויך אַלעמען באַקאַנט. באָראָכאָווס פּסק־דין וועגן דער היסטאָרישער אומוויכטיקייט פון די דאָזיקע צוויי יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען איז באַשטעטיקט געוואָרן פולשטענדיק.

*

אין געוויסע קרייזן איז פאַרשפּרייט אַ מיינונג, אַז דאָס, וואָס די יידישע אַר־בעטערשאַפט אין ארץ־ישראל האָט געבויט און בויט איצטער אייגענע ווירטשאַפטן, גייט להיפך צו באָראָכאָווס טעאָריע, אַז קלאַסן־קאַמף איז דער איינציקער וואָפן פון אַרבעטער־קלאַס. איך געהער ניט צו די אָנהענגער פון סטיכישן פּראָצעס, ווי דער איינציקער כוח, וואָס באַוועגט מענטשלעכע טעטיקייט, און אויך ניט פונעם געדאַנק, אַז קלאַסן־קאַמף איז דער איינציקער וואָפן פון אַרבעטער־קלאַס. דאָך געפין איך, אַז בויען אייגענע ווירטשאַפטן גייט ניט להיפוך צו באָראָכאָווס טעאָריעס. עס איז אמת, אַז ווען ד״ר פראַנץ אָפּענהיימער איז געקומען מיט זיין פּלאַן וועגן קאָאָפּע־ראַטיווער קאָלאָניזאַציע, איז באָראָכאָוו געווען צווישן די קעגנער פונעם פּלאַן. נאָך מיין מיינונג איז דאָס געווען איינער פון באָראָכאָווס טעותן. די דאָזיקע קעגנער־שאַפט האָט אָבער ניט אַרויסגעשטאַמט פון באָראָכאָווס טעאָרעטישע איינשטעלונגען. בויען אייגענע ווירטשאַפטן איז דווקא אַ טייל פון קלאַסן־קאַמף וואָס דער אַרבעטער פירט. די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטערשאַפט האָט דורך אירע אייגענע ווירטשאַפטן דערוואָרבן אַ גאָר שטאַרקע קלאַסן־פּאָזיציע. דאָס וואָס די זעלביקע אַרבעטער־ווירטשאַפטן בילדן גלייכצייטיק פּאָזיציעס פאַרן גאַנצן פאָלק, פאַרשטאַרקט נאָך זייער באַדייטונג פאַרן אַרבעטער־קלאַס. דאָס גייט אוודאי ניט להיפוך צו באָראָ־כאָווס איינשטעלונג, אַז דורך דעם קלאַסן־קאַמף פירט דער אַרבעטער סיי דעם געראַנגל פאַר זיינע קלאַסן־אינטערעסן, סיי דעם געראַנגל פאַר זיינע נאַציאָנאַלע אינטערעסן.

אַפילו דער באַגריף „ממעמד לעם״ (פון אַ קלאַס צו אַ פאָלק), אַ באַגריף באַשאַפן אין ארץ־ישראל דורך חבר בן־גוריון, גייט אויך ניט קעגן באָראָכאָווס טעאָריעס. באָראָכאָוו אַליין זאָגט אַרויס עטלעכע מאָל דעם געדאַנק, אַז דער אַרבעטער־קלאַס דאַרף ווערן דאָס פאָלק און אַז דורך דעם זאָל ווערן אַ סוף צו אַ קלאַסן־געזעלשאַפט.

דערמיט איז ניט געזאָגט, אַז די ישראלדיקע אַרבעטערשאַפט פירט אַלע אירע טעטיקייטן לויט דעם באָראָכאָוו־פּראָגראַם. חילוקי־דעות מיטן באָראָכאָוויזם זיינען אוודאי דאָ. ווי געזאָגט, האָט נאָך די געשיכטע ניט פעסטגעשטעלט, וועלכע ריכטונג אין פּועלי־ציוניזם איז די היסטאָריש־ריכטיקע. עס איז אָבער קיין ספק ניט, אַז סיי באָראָכאָווס געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעטן, און בעיקר זיינע טעאָרעטישע שאַפונגען, האָבן אַקטיוו באַאיינפלוסט די מאָדערנע יידישע געשיכטע.

ער איז ניט געווען דער איינציקער. אַ גאַנצע חברותא פון יידישער אינטעליגענץ איז אויפגעשטאַנען מיט איבער 50 יאָר צוריק און האָט אַריינגעבראַכט נייע שפּאַנונג אין יידישע מאַסן, און דאָס האָט געפירט צו ממש רעוואָלוציאָנערע ענדערונגען אין יידישן לעבן.

צו זיין 40־סטן יאָרצייט דאַרפן מיר פאַרצייכענען: ערשטנס — אונדזער גליק, וואָס אין אָנהייב פון אונדזער באַוועגונג האָבן מיר פאַרמאָגט אַ גאוניש פּירער־חבר, וואָס האָט באַרייכערט ניט נאָר דעם פּועלי־ציוניזם, נאָר אויך דעם יידישן און דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק; צווייטנס — אונדזער טיפן ווייטיק, וואָס ער איז אַזוי פרי פון אונדז אַוועק.

נחום צמח

(אַ רעדע געהאַלטן אין 1958)

לכבוד די פייערונגען פון 40 יאָר „הבימה" בין איך איינגעלאַדן געוואָרן פון „קול ציון לגולה" צו דערציילן זכרונות וועגן דעם גרינדער פון „הבימה", נחום צמח, זכרונות לברכה.

ביי אָט דער געלעגנהייט האָב איך געזאָגט:

וועגן „הבימה" ווי אַ טעאַטער איז אין די לעצטע חדשים פיל גערעדט און געשריבן געוואָרן. נחום צמחס ראָלע אין „הבימה" איז אויך גאַנץ קענטיק אונטער־געשטראָכן געוואָרן. מיינע קומענדיקע ווערטער וועלן דעריבער ניט געווידמעט זיין דער „הבימה". איך וויל זיי ווידמען, ערשטנס, צו אייניקע שטריכן פון נחום צמחס פּערזענלעכקייט. צווייטנס — צו דער כאַראַקטעריסטיק פון דעם דור, וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַזעלכע פּערזענלעכקייטן. סיי דער דור, סיי נחום צמח זענען פאַרוואָרצלט אין מיין געמיט. דעם דור האָב איך זוכה געווען מיטצולעבן און מיט נחום צמח פאַרבינדט מיך אַ זייער טיפע פריינדשאַפט פון די ערשטע טעג פון „הבימה"ס באַזוך אין אַמעריקע אין יאָר 1926 ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן.

נחום צמחס דור איז זעלבסטפאַרשטענדלעך עלטער סיי פון אים, סיי פון דער „הבימה". „הבימה" איז געווען דער פּראָדוקט פון אָט דעם דור. דער דאָזיקער דור האָט פּראָדוצירט אויך פיל אַנדערע קולטור־יצירות. ער האָט אויך אַרויפגעבראַכט אויף דער אַרענע פון דער יידישער געשיכטע די וויכטיקסטע פּאָליטישע און סאָציאַלע באַוועגונגען אינעם יידישן פאָלק. אָט דער דור האָט אָנגעהויבן שרייבן זיינע היסטאָרישע קאַפּיטלעך אין סוף פון 19טן און אָנהייב 20טן יאָרהונדערט. ער האָט געצויגן זיין גלייכע ליניע ביזן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. דאַן איז פאָרגעקומען אין אים אַן איבערברוך; עס הייבט זיך אָן אַ נייע תקופה, מיט נייע עמפּינדונגען און מיט נייע יצירה־דורשטן. זיי אַלע געהערן ניט צום היינטיקן שמועס. אַרויסהייבן דאַרף מען נאָר דעם פאַקט, אַז די נייע תקופות, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָבן איבערגענומען זייער וויכטיקע טיילן פון די קולטור־ווערטן פון דעם נחום צמח־דור. ניט אַלע קולטור־ווערטן האָבן אויסגעהאַלטן דעם שטורעם פון די נייע תקופות. יענע, וואָס האָבן יאָ אויסגעהאַלטן, האָבן דערמיט דעמאָנסטרירט זייער טיפע פאַרוואָרצלטקייט אין יידישן מהות, אין דער יידישער נשמה, ווען זיי האָבן איבערגעלעבט די ערשטע וועלט־מלחמה, די צווייטע וועלט־מלחמה, דעם שוידערלעכן היטלער־חורבן און זענען דאָך אַרויס גאַנץ. זייער גייסטיקע השפּעה ווערט אויך איצט פאַרגעזעצט. מער ווי אומעטום איז זייער המשך קענטיק אין מדינת ישראל. דאָס אַליין מאַכט בולט די היסטאָרישע באַדייטונג פון יענעם דור.

וואָס זענען געווען די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון יענעם דור?

די השכלה־באַוועגונג ביי יידן האָט שוין געהאַלטן אין גיין באַרג־אַראָפּ. די

האָפענונג פון אַ פריִערדיקן דור, אַז דורך השכלה וועט קענען אויסגעגליכן ווערן די קרומע לעבנס־לאַגע פון יידן אין די גלות־לענדער, האָט זיך געגומען אויסלעשן. גלייכצייטיק האָבן זיך גענומען אַרויסווייזן סימנים פון אָפּשוואַכונג אין די רעליגי־יעזע יסודות, אויף וועלכע דער קיום פון יידישן פאָלק האָט זיך דורות־לאַנג גע־האַלטן. דער ערנסטער ייד, וועלכער האָט געטראַכט וועגן דער צוקונפט פון זיין פאָלק, האָט געמוזט זוכן אַ נייעם יסוד פאַרן יידישן פאָלקס־קיום, וואָס זאָל פאַרבייטן די השכלה און וואָס זאָל ניט באַזירן בלויז אויף רעליגיע. אָט די געשיכטלעכע נויט האָט באַפרוכפּערט אַלע באַוועגונגען צווישן יידן, וואָס זענען אויפגעקומען אין די לעצטע 60—70 יאָר. אַלע ציוניסטישע באַוועגונגען, אַלע סאָציאַליסטישע ריכטונגען, אַלע קולטור־באַוועגונגען זענען געבאָרן געוואָרן אין דעם פּרווו צו געבן אַן ענטפער אויף דער פראַגע: וואָס איז דער זין פון יידישן קיום און אויף וועלכן וועג קען אָט דער קיום פאַרזיכערט ווערן לאורך ימים. די טעאָרעטישע פּלפּוליסטיק, וואָס די פירער פון די פאַרשידענע באַוועגונגען האָבן באַנוצט כדי צו באַגרינדן זייער אמת און צו באַווייזן דעם ניט־אמת פון די אַנדערע באַוועגונגען, האָט אייניקע פון זיי אָוועקגעפירט ווייט פון אָט דעם געזיכטס־פּונקט, אָבער הורתם ולידתם איז געקומען ווי אַ רעזולטאַט פון אָט די זוכענישן. דער דענקענדיקער יידישער מענטש, צו וועלכער גרופּע ער זאָל ניט געהערן, האָט זיך פאַרטיפט אין די פּראָבלעמען פון ייד, מענטש, פאָלק, קלאַס. די מוחות האָבן זיך געשליפט איבער פראַגן פון אַ יידי־שער מלוכה, איבער דער ראָלע פון ארץ־ישראל אין דער אַמאָליקער און דער צו־קונפטיקער יידישער געשיכטע, איבער דער באַדייטונג פון דער אייגנאַרטיקער קולטור פאַרן יידישן פאָלק און פאַר דעם גאַנצן קולטור־אוצר פון דער מענטשהייט, איבער דער ראָלע פון העברעיִש און יידיש, איבער דער באַדייטונג פון רעליגיע פאַרן מין מענטש, איבער די קרומקייטן פון סאָציאַלן לעבן, איבער דער קנעכט־שאַפט, אין וועלכער עס לעבן נאָך גרויסע טיילן פון דער מענטשהייט. און די פאַר־שידענע באַוועגונגען האָבן געפּרווט צו געבן זייערע ענטפערס אויף אָט די פראַגן, אָדער אויף באַשטימטע טיילן פון אָט די פראַגן. נחום צמח האָט דאָס געטאָן אויפן קולטור־געביט.

*

נחום צמח האָט באַקומען אַ טיפע יידישע דערציִונג. ער האָט אַריינגענומען אין זיין נשמה די ווערטן, וואָס דאָס מזרח־אייראָפּעיִשע יידנטום האָט געזוכט צו פאַרפלאַנצן אין יידישן קינד. אין זיין פריִער יוגנט איז ער פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער שיינקייט פון דער העברעיִשער שפּראַך, בעיקר פון דעם געוואַלדיקן יידישן און מענטשלעכן אוצר פון גייסט, וואָס זענען אַריינגעגאָסן געוואָרן אין אָט דעם הייליקן לשון, אַן אוצר, וואָס איז געגעבן געוואָרן דער מענטשהייט בכלל, אָבער בעיקר דעם יידישן מענטש. ער האָט גוט געוווּסט פון די עליות און ירידות, וואָס העברעיִש איז דורכגעגאַנגען במשך פון דורות.

ווען זיין נשמה האָט געהאַלטן אין פאַרמירן זיך, האָט העברעיִש אָנגעהויבן אַ נייעם גאַנג באַרג־אַרויף. דאָס זענען געווען די יאָרן פון ביאַליקס און אחד־העמס אויפקומען אין דער העברעיִשער יצירה. יענער דור האָט אויך געזען דעם אויפקום

און פונאַנדערבלי פון דער ליטעראַטור אין יידיש און איר ביישטייער צו דער יידי־שער קולטור. נחום צמח האָט ליב געהאַט יידיש, אָבער זיין שאַרפער חוש אָפּצושאַצן די היסטאָרישע באַדייטונגען פון ביידע שפּראַכן און זיין פעיִקייט צו פאַרגלייכן די ווערטן, וואָס זענען אין ביידע שפּראַכן אַריינגעגעבן געוואָרן, האָבן באַשטימט זיין לעבנס־וועג. ער האָט קלאָר איינגעזען די איבערוואָג וואָס העברעיִש פאַרמאָגט. דעריבער האָט ער פון זיינע סאַמע יונגע יאָרן זיך פאַרוואָרצלט אין דער העב־רעיִשער יצירה.

ער איז געוואָרן אַ לערער פון העברעיִש אין זיין ביאַליסטאָק. דאָרט האָבן זיך צעבליט זיינע אייגענע שאַפונגס־כוחות, וואָס האָט אים סוף־סוף דערפירט צו זיין גרויסער ראָלע אינעם העברעיִשן טעאַטער־וועזן.

ער האָט אָן ספק שוין דאַן געשפּירט די טריט פון דער יידישער גאולה. זיין אינערלעכן כוח האָט ער געצויגן סיי פון יידישן עבר, סיי פון די האָפענונגען אויפן יידישן עתיד. ביידע האָט ער פאַרבונדן מיט דער העברעיִשער שפּראַך. ביידע השפעות האָבן אים רייף געמאַכט צו נעמען אויף זיך די שווערע אויפגאַבע פון גרינדן „הבימה״.

דאָס איז געווען אין סאַמע ברען פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע; די נייע הערשער האָבן געזוכט צו ווערן די דיקטאַטאָרן פון גייסטיקן לעבן. די יידישע יעווסעקעס, די איינציקע אָפיציעל־אָנערקענטע פאַרטיי אויף דער יידישער גאַס, האָבן געזוכט עוקר מן השורש זיין יעדן שפּור פון דער העברעיִשער שפּראַך און איר קולטור. דעם כוח ביי צושטיין אָט די אַלע שוועריקייטן האָט נחום צמח געצויגן סיי פון זיין פאַרוואָרצלונג אין יידישן עבר, סיי פון די תשוקות פאַרן יידישן עתיד. דאָס האָט מען אַרויסגעפילט יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט דערציילן — בעיקר אין פּריוואַטע געשפּרעכן — וועגן יענע גרויסע טעג פון זיין לעבן.

מיט די זכרונות פון יענע טעג איז ער געוואָרן צום שטאַרקסטן דורכגעדרונגען, ווען ער האָט דורכגעלעבט זיין גייסטיקע טראַגעדיע, בשעת ער האָט זיך געזען געצווונגען צו פאַרלאָזן „הבימה״. דער ריס, וואָס איז פאָרגעקומען אין ניו־יאָרק, האָט אים פּשוט צעבראָכן. זיינע נאָענטע מענטשן האָבן עס געפילט יעדעס מאָל, ווען מען האָט זיך מיט אים באַגעגנט. וואָס פאַראַ געשפּרעכן עס פלעגן זיך ניט פאַר־בינדן, האָט ער ניט אויסגעהאַלטן און צוריקגעקומען צו זיין טיפן ווייטיק. קיין טרייסט האָט דאָ ניט געקענט געמאָלט זיין. צי ער איז געווען גערעכט, צי ניט — איז ניט וויכטיק.

*

איך געדענק נאָך אַ שאַרפע טראַגעדיע, וואָס ער האָט איבערגעלעבט, דאָס מאָל שוין אין ארץ־ישראל. ער האָט זיך שטאַרק געראַנגלט צו קענען בלייבן אין ארץ־ישראל. די פּרווון פון מענטשן אים צוריקצוברענגען צו „הבימה״ זענען ליידער ניט געלונגען. זיין מאַטעריעלע לאַגע איז געווען זייער אַ שווערע. אַנדערע פּרווון פון וואַנען צו קענען ציִען חיונה האָבן זיך אים אויך ניט איינגעגעבן. איז ער כסדר אַרומגעגאַנגען אַ צעוויייטיקטער, אָבער דורך די לאַנגע חדשים, וואָס האָבן זיך געצויגן אין נויט און עלנט, האָט ער דאָך ניט נאָכגעגעבן.

ער האָט פאַרטראַכט אַ פּלאַן: ער וועט גרינדן אין ירושלים אַ קליין טעאַטערל, אין גאַנצן פאַר אַן ערך 150 מענטשן, און אין דעם טעאַטערל וועט ער שפּילן איין־און־איינציקע טעמע: ירושלים, ירושלים און איר געשיכטע. ירושלים און די טויזנטער דראַמאַטישע מאָמענטן, וואָס זי האָט דורכגעלעבט. ירושלים, אין וועלכער גאָט און מענטש האָבן זייער גייסט אַריינגעגעבן. אָט דער חלום האָט אָנגעפילט זיין גאַנצן מהות. ער האָט זיך ערנסט געגרייט דורכצופירן אָט דעם פּלאַן. ער האָט שטודירט ירושלים. ער האָט אויפגעזוכט ווי נאָר אַן אַלט ספרל, פון וועלכן ער האָט געקענט באַרייכערן זיינע ידיעות וועגן געשעענישן אין ירושלים אין די גאָר אַלטע צייטן. אַ שפּאַציר מיט אים אין די גאַסן פון ירושלים, בעיקר אין דער אַלטער שטאָט, איז געווען אַן איבערלעבונג. יעדעס שטיינדעלע האָט אים דערציילט, וואָס דאָרטן איז פאָרגעקומען, און ער האָט עס תיכף איבערדערציילט זיין מיטגייער.

די מעגלעכקייט דורכצופירן זיין געדאַנק וועגן אַזאַ טעאַטערל אין ירושלים איז צו נישט געוואָרן דורך איינעם, וואָס איז שוין אויך אַ שוכן עפר, אויף וועמען נחום צמח האָט — ליידער, פאַר מיר, אויף מיין עצה — קאָנצענטרירט זיינע אַלע האָפענונגען. מיר איז באַשערט געווען צו זיין צוזאַמען מיט אים ביי יענער באַגעגעניש, ווען ער האָט זיין פּלאַן פונאַנדערגעוויקלט. דער ענטפער איז געווען אַ פולשטענדיקער אָפּזאָג מיט אַ צוגאָב פון אַ שפּאָר ביסל ניט נימוסדיקע רייד. פאַר נחום צמחן איז עס געווען נאָך אַ גרעסערער קלאַפּ, ווי זיין פאַרלאָזן „הבימה”.

✶

און ווען איך שפּאַציר איצט אין די גאַסן פון ירושלים, דערמאָן איך זיך די שפּאַצירן מיט נחום צמח און זיין באַגייסטערט פּנים. דאָס האַרץ טוט וויי, וואָס ער איז מער ניטאָ, און ערגעץ־ווו טליעט אַ האָפענונג, אַז עס וועט זיך געפינען אַ מענטש אין ירושלים, מיט דער פעיקייט צו זען אַ גרויסן חזון, וואָס וועט אַ מאָל פאַרוואַנדלען נחום צמחס חלום אין אַווירקלעכקייט.

ווען אַזאַ טעאַטערל וועט אויפגעשטעלט ווערן, און אַלץ, וואָס ירושלים שטעלט מיט זיך פאָר אין דער יידישער און דער מענטשלעכער געשיכטע, וועלן אין אים איבערגעשאַפן ווערן דורך דערהויבנדיקער קונסט, וועט דער נאָמען פאַר אָט דעם טעאַטערל זיין „נחום צמח־טעאַטער” — אַ פּאַסיקע מצבה פאַרן זכר פון אַ גרויסער גייסטיקער פערזענלעכקייט.

יואל ענטין

נפטר געוואָרן דעם 14טן פעברואַר 1959 (געשריבן אָנהייב מערץ 1959)

מיט דער פּטירה פון חבר יואל ענטין האָט די יידישע וועלט בכלל און אונדזער באַוועגונג בפרט פאַרלוירן איינעם פון די פאַרבנרייכסטע פערזענלעכקייטן; איינעם פון די פילבאַרסטע יידישע אינטעלעקטואַלן, וועלכע האָבן באַגלייט און מדריך געווען דעם שטראָם פון יידישע וואַנדערער. דער דאָזיקער שטראָם האָט אָנגעהויבן פליסן פון מזרח־און דרום־אייראָפּע קיין אַמעריקע אין די לעצטע צוויי־צענדליק יאָר פון דעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט און אָנגעהאַלטן ביזן סאַמע אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. דער דאָזיקער שטראָם האָט אויסגעבויט אַ פאַרצווייגטע יידישע פרעסע; האָט אויפגעשטעלט אַ יידישן טעאַטער, וועלכער האָט צענדליקער יאָרן נאָך אַנאַנד בייגעשטייערט שאַפונגען פון גרויסער באַדייטונג; האָט געשאַפן אַ יידישע ליטעראַטור פון קאָלאָסאַלן פאַרנעם, און אַריינגעשריבן אין דער יידישער געשיכטע דעם נס־קאַפּיטל פון אויפקום פון אַמעריקאַנער יידנטום.

צו אַט די אַלע שאַפונגען האָט אונדזער גרויסער נפטר צוגעטראָגן גאָר אַ וויכטיקן חלק.

די יידישע אינטעלעקטואַלן פון יענעם דור האָבן אויך געהאָלפן אויפבויען די יידישע יוניאָנס, די יידישע לאַנדסמאַנשאַפטן, די גרויסע יידישע אָרדנס. שפּעטער האָבן זיי אַריינגענומען אין דער ספערע פון זייער טעטיקייט אויך דעם ציוניזם, וואָס אין זיין אַמעריקאַנער אָנהייב איז ער איינגעשטאַנען אין קרייזן פון דער שוין־דאָן מער־איינגעזעסענער יידישער באַפעלקערונג און האָט מיט די יידישע אימי־גראַנטן־מאַסן כמעט קיין קשר ניט געהאַט. נאָך שפּעטער האָבן זיי גענומען אַ קענ־טיקן אַנטייל אין אויפבויען די יידישע פּאָליטישע קערפּערשאַפטן; האָבן געזוכט אויפצושטעלן פאַרן אַמעריקאַנער יידנטום אַן איינהייטלעכע אַלי־יידישע רעפּרעזענ־טאַנץ. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן ערנסט באַשעפטיקן מיטן פּראָבלעם פון יידישער דערציִונג אין אַמעריקע.

און צו אַט די אַלע אַנטוויקלונגען האָט חבר יואל ענטין צוגעטראָגן זיין קענ־טיקן חלק.

צוזאַמען מיטן גאַנצן אַמעריקאַנער יידנטום האָבן די אינטעלעקטואַלן פון יענעם דור, חבר יואל ענטין בתוכם, דורכגעלעבט די צוויי וועלט־מלחמות, די גרויסע היטלער־קאַטאַסטראָפע און דעם הערלעכן קאַפּיטל פון דער עטאַבלירונג פון דער יידישער מדינה. אַט די אַלע געשעענישן האָבן אַרויסגערופן גאָר באַדייטנדיקע טע־טיקייטן אין אַמעריקאַנער יידנטום. אויך צו אַט די אַלע טעטיקייטן האָט חבר יואל ענטין בייגעשטייערט סיי טיפע מחשבה און סיי עסקנות פון ערשטקלאַסיקער באַ־דייטונג.

יואל ענטין איז נפטר געוואָרן אַ „זקן ושבע ימים", לויט דעם פּירוש וואָס איך האָב אַמאָל געהערט פון ד"ר שמריהו לעווין ז"ל: זקן ושבע ימים מיינט — ער האָט

געלעבט אַ סך יאָרן און ער איז אויך געווען זאַט מיט טעג, ווייל כמעט יעדער טאָג פון זיין לעבן איז געווען אָנגעלאָדן מיט תוכן. ער האָט פיל געלערנט, טיף געטראַכט, זייער אַ סך געשריבן און גלייכצייטיק עוסק געווען בצרכי ציבור באמונה. זיין עס־קנות, פונקט ווי זיין לערנען, טראַכטן און שרייבן, האָבן זיך באַוועגט אויף אַלע וויכטיקע שטחים פון יידישן לעבן און שאַפן. עס וועט זיך זיכער געפינען עמעצער צווישן די צאָלרייכע תלמידים, וואָס ער האָט אויפגעשטעלט במשך זיין געבענטש־טער אַרבעט פאַר יידישער דערציִונג, וועלכער וועט אונדז אַ מאָל געבן אַ פולע מאָנאָגראַפיע פון דער ענטין־פּערזענלעכקייט. הייַנט וויל איך נאָר אַרויסברענגען אייניקע מאָמענטן פון זיין לעבן, וואָס זיינען מיר באַוווסט.

✶

פון זיינע קינדער־יאָרן ווייס איך בלויז, אַז ער איז געבוירן געוואָרן אין שטעטל איהומען, מינסקער גובערניע. דאָרט איז געבוירן געוואָרן ניט איין וויכטיקער ביישטייערער צו יידישע קולטור־ווערטן. איינער פון זיי איז ה. לייוויק. נאַטירלעך האָט ער באַקומען יענע באַקאַנטע יידישע דערציִונג, וואָס האָט פאַרטיפט די יידישע נשמה פונעם קינד. ווייסנדיק, אַז ער איז געווען אַ בר־אוריין, נעם איך אָן, אַז ער האָט מן הסתם אויך געלערנט אין ישיבות. איך ווייס אויך, אַז איידער ער איז גע־קומען קיין אַמעריקע, האָט ער געלעבט אַ געוויסע צייט אין מאָסקווע, ווו ער האָט איינגעזאַפּט אין זיך די רוסישע ליטעראַטור פון 19טן יאָרהונדערט.

איך האָב אים צום ערשטן מאָל באַגעגנט אין פילאַדעלפיע אין יאָר 1906. ער איז שוין דאַן געווען אַ פול־אויסגעפאָרמירטע פּערזענלעכקייט. ער האָט שוין דאַן פאַרנומען דאָס ערשטע אָרט אין ליטעראַטור און טעאַטער־קריטיק — אַ געביט, וואָס האָט דאַן אויפגעשטורעמט די געמיטער אויף פון די אימיגראַנטן־מאַסן. זיי האָבן אינסטינקטיוו געפילט, אַז אויך זיי זיינען שותפים צו דער יצירה פון יידישע ווערטן, וואָס זיי האָבן באַטראַכט ווי אַ המשך פון די יידישע בענקשאַפטן, מיט־געבראַכטע פון דער אַלטער היים. ענטין איז טאַקע דאַן געקומען קיין פילאַדעלפיע צו האַלטן אַ רעפעראַט וועגן דער יידישער ליטעראַטור אין אַ פילאַדעלפיער יידישן פאַראיין, וואָס האָט געטראָגן דעם ענגלישן נאָמען „היברו ליטעראַטשור סאָסייעטי״. אויף מיר האָט זיין רעפעראַט איבערגעלאָזט אַ טיפן רושם. געהערט וועגן אים האָב איך שוין פון פריִער. איך האָב געוווּסט, אַז ווען ער איז געווען אַ מיטאַרבעטער אין „פאָרווערטס״, איז ער געווען איינער פון די יידישע סאָציאַליסטישע שרייבער, מיט שטאַרקע נאַציאָנאַל־יידישע סענטימענטן, וועלכע ער האָט געגעבן אָפטן אויסדרוק אין זיין שרייבן; איך האָב געוווּסט, אַז ער איז ניט געווען קיין אָפּלאַכער פון ציוניזם — אין יענע קרייזן און אין יענער צייט איז עס געווען גאָר אַ זעלטנקייט. איך האָב שוין אויך געהאַט געלייענט זיינע קריטישע אַרבעטן וועגן ליטעראַטור און טעאַטער. אין יענער צייט האָט זיך מיט ליטעראַטור־ און טעאַטער־קריטיק אויך אָפּגעגעבן אַב. קאַהאַן, דער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס״. אין די פריִער־קרייזן פון יידישן טעאַטער, וואָס האָט דאַן דורכגעמאַכט זיין גלאַנץ־עפּאָכע — די עפּאָכע פון די דראַמאַטורגן יעקב גאָרדין, לעאָן קאָברין און ז. ליבין; די עפּאָכע פון די גרויסע אַרטיסטן: יעקב אַדלער, דוד קעסלער, קעני ליפּצין, באָריס טאָמאַשעווסקי,

זיגמונד מאָגולעסקאָ און פיל אַנדערע, — איין אַט די קרייזן האָט מען פאַר דער קריטיק פון אַב. קאַהאַן זיך שטאַרק געשראָקן, צוליב זיין השפעה אויף די מאַסן לייענער פון „פאָרווערטס". צו דער קריטיק פון יואל ענטין האָבן זיי זיך אָבער טיפער צוגעהערט, ווייל זיינע אַרויסגעזאָגטע מיינונגען זיינען געקומען פון איינעם פון די טיפסטע קענער פון דער יידישער ליטעראַטור בכלל און דער יידישער דראַמע בפרט.

איך האָב אויך געוווּסט, אַז טאַקע אין יאָר 1906 איז ער אַוועק פון „פאָרווערטס" און האָט זיך אָנגעשלאָסן אינעם שטאַב פון דער „וואַרהייט", די צייטונג וואָס לואי מילער (אגב, נאָך אַ פערזענלעכקייט פון יענער עפּאָכע, וועגן וועמען מען דאַרף אַ מאָל לענגער דערציילן) האָט געגרינדעט אין אָפּאָזיציע צום „פאָרווערטס". די „וואַרהייט" איז דאַן געוואָרן די צייטונג פון דעם נאַציאָנאַלן עלעמענט. יואל ענטין האָט דאָרטן באַקומען פרייע פליגל צו שאַפן לויט די שטרעבונגען פון זיין אייגענער נשמה. ער האָט עס פּרעכטיק אויסגענוצט.

איך האָב אַלע מאָל באַטראַכט אונדזער ערשטע באַגעגעניש ווי אַ זייער וויכטיקע געשעעניש אין מיין אייגענעם אימיגראַנטן־לעבן. פון דאַן אָן הייבן זיך אָן אונדזערע געמיינשאַפטלעכע טעטיקייטן, וועלכע האָבן זיך געצויגן בערך 50 יאָר נאָך אַנאַנד.

*

איך מיין, אַז אייניקע ערשטע עטאַפּן פון זיין רייכער געבענטשטער עסקנות אויפן געביט פון יידיש־גייסטיקן לעבן, מיט אָן ערך 65 יאָר צוריק, וועלן אַמבולטסטן אַרויסברענגען זיין ראָלע. איך דאַרף נאָך אַ מאָל אונטערשטרייכן, אַז איך פאַרצייכן די עטאַפּן, וועלכע זיינען מיר באַקאַנט. זיינע השפּעות האָבן זיך זיכער אויסגעווירקט אויך אויף פיל אַנדערע שטחים.

די פּינקטלעכע דאַטע, ווען ער איז געקומען קיין אַמעריקע, איז מיר ניט באַוווּסט. מיין וויסן וועגן זיין עסקנות הייבט זיך אָן פון יאָר 1896, מיט אַ יאָר פריִער איידער דער „פאָרווערטס" האָט אָנגעהויבן דערשיינען (אין מאַי, 1897). ער איז אַ לעקטאָר אין „די פרייע יידישע פאָלקסבינע", וואָס איר גרינדער איז געווען דער דראַמאַטורג יעקב גאָרדין. דער נאָמען פון אָט דעם פאַראיין דערציילט קלאָר וועגן זיינע צילן. דער פאַראיין האָט שפּעטער אַדורכגעמאַכט פיל שפּאַלטונגען, צוליב קינסטלערישע חילוקי־דעות און אויך צוליב קינסטלערישער קאָנקורענץ. אין אָט דער פאָלקס־בינע זיינען דערצויגן געוואָרן אַ גאַנצע פּלעיאַדע פון יידישע אַרטיסטן־אַקטיאָרן, וועלכע האָבן שפּעטער באַצירט די יידישע בינע. דער רוח החיים אין אָט דער פאָלקסבינע איז געווען, ווי געזאָגט, יעקב גאָרדין, אָבער די טעאַטראַלע אויסבילדונג פון די אַרטיסטן־אָנפאַנגער האָט בעיקר געהערט צו יואל ענטין.

אין יאָר 1898 טרעט ער אַריין אַלס לערער פון ענגליש און ענגלישער ליטעראַטור אין דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־בילדונגס־שול. די לערן־שפּראַך אין אָט דער שול איז יידיש. אין 1899 טרעט ער אַריין אין דער „עדיוקיישאָנאַל־ליג" אַלס לערער פון דער יידישער ליטעראַטור. ווער עס איז גוט באַקאַנט מיט דער

גייסטיקער אַטמאָספער, וואָס האָט דאַן געהערשט צווישן יידישע סאָציאַליסטן; וועגן זייער באַציִונג צו נאַציאָנאַלע ווערטן בכלל און צו דער יידישער שפּראַך בפרט; ווער עס קען די פילאָזאָפיע וועגן דער יידישער צוקונפט און איר קולטור פון יענע, וועלכע האָבן זיך דאַן באַצייכנט ווי „יידיש־שפּרעכנדיקע סאָציאַליסטן", יענער קען פאַרשטיין וואָסערע נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערע אימפּעטן מען האָט געמוזט פאַרמאָגן אין דער נשמה, כדי צו לערנען מיט תלמידים ענגלישע ליטעראַטור דווקא דורך יידיש, בכדי אַריינצוברענגען באַוווסטזיניק דאָס שטודירן פון יידישער ליטע־ראַטור, וועלכע איז פון יענע קרייזן באַטראַכט געוואָרן ווי אַ צייטווייליקע זאַך, ביז זיי וועלן זיך אויסלערנען ענגליש. יואל ענטין האָט אָבער שוין אין יענע פריִע יאָרן, לאַנג איידער די פּועלי־ציון־באַוועגונג איז אויפגעקומען אין אַמעריקע, באַ־טראַכט דעם הויפּט־ציל פון זיין עסקנות — יידיש־נאַציאָנאַלע פּאַרטיפונג.

*

איך מיין, אַז אַט די פּאָר מאָמענטן פון זיינע ערשטע עסקנות אין אַמעריקע דערציילן קלאָר וועגן זיין מהות. ער איז אָבער, נאַטירלעך, ביי דעם ניט שטיין געבליבן. זיין גאַנץ וועזן איז געווען אַריינגעוועבט אינעם יידישן לעבן און אין די רעוואָלוציאָנערע אויפברויזן וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן אין אים אָנטפּלעקן. פּאַראַ־לעל מיט זיין פאַטערלעכער אויפמערקזאַמקייט צו דער יידישער ליטעראַטור בכלל און צום יידישן טעאַטער בפרט, הייבט ער גלייכצייטיק אָן זיך אַריינטראַכטן אינעם מהות פון ציוניזם, בעיקר אין פּועלי־ציוניזם; אַן אידעע, וואָס האָט אָנגעטראָפן צום סאַמע פּינטל פון זיין נשמה און וואָס איז געווען אין הסכם מיט זיינע אַקטיווי־טעטן ביז דאַן. יואל ענטינס גייסט באַקומט דורך דעם אַ נייעם אויפשטייג פאַר זיינע שאַפונגס־כוחות. עס דויערט אַ ביסל צייט ביז ער באַהעפט זיך פולשטענדיק מיט אָט דער נייער באַוועגונג. פריִער אַנטוויקלט ער אַ ברייטע טעטיקייט, בעיקר דורך דער פּרעסע ווו ער אַרבעט מיט. ער ווערט דער ערשטער פּרעדיקער פון אַ נייער יידישער דערציִונג, אין וועלכער די יידישע שפּראַך איז אַ גרונט־יסוד. און ווען די פּועלי־ציון און דער מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער געגרינדעטער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד באַשטימען אָנצוהויבן בויען אַ יידישע קינדער־שול אין ניו־יאָרק, ווערט ער איינער פון די גאָר־וויכטיקסטע עסקנים אַרום דעם. דאָס ברענגט אים טאַקע אַריין אין דער פּועלי־ציון־באַוועגונג און אין דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד. ער באַקומט אַ פּאַרום, ווו זיין עסקנות קען געבראַכט ווערן אין פולן פאַרנעם. דערפון וואַקסט אַרויס אַ ברכה פאַר אים אַליין, פאַר דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג, פאַר צענדליקע טויזנטער יידישע קינדער, וואָס זיינען במשך פון אַלע יאָרן דערצויגן געוואָרן אין אָט די שולן. דאָס איז שפּעטער געוואָרן אַ ברכה פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק, וואָס האָט אַריינגעקראָגן דורך אָט די שולן אַ גרויסע צאָל פון יונגע, געזעלשאַפטלעכע טוער אויף אַלע געביטן, מיט אַ באַגאַזש פון יידישער געשיכטע און יידישע נאַציאָנאַלע האָפענונגען. ניט איין יידישער שריי־בער, אויך אין דער ענגליש־יידישער פּרעסע, איז דערצויגן געוואָרן אין די שולן. פיל צענדליקער תלמידים פון די שולן האָבן אויך געפונען זייער וועג צום קיבוץ אָדער מושב אין ארץ־ישראל.

אונדזער נפטר יואל ענטין פֿאַרדינט, מער ווי עמעצער אַנדערש, דעם טיטל: דער טאַטע פֿון אַט דער דערציִונג־אַרבעט.

✶

דער סימן מובהק פֿון דער יואל ענטין־פּערזענלעכקייט איז געווען: אויפֿגע־ברויזט וואַגן. פֿון זיין וואַגן זיינען געקומען זיינע איניציאַטיוועס אויף פֿאַר־שידענע געביטן. אַזעלכע איניציאַטיוועס זיינען געווען אַ סך. אַזוי, צום ביישפּיל, איז עס געווען יואל ענטינס איניציאַטיוו, וואָס האָט געפֿירט צו דער גרינדונג פֿון דער „פּיפּלס רעליף" אין אַמעריקע. די ראָלע פֿון „פּיפּלס רעליף" איז פֿאַראַן אין אַ גרויסן בוך, וואָס איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן, ווען דער פּיפּלס־רעליף האָט זיך געשלאָסן. אין יענעם בוך, וואָס איז דערשינען אין 1924, איז פֿאַרצייכנט דער פֿאַקט, אַז די ערשטע גרופּע, פֿון וועלכע „פּיפּלס רעליף" איז אַרויסגעוואַקסן, איז צונויפֿ־גערופֿן געוואָרן דורך יואל ענטין אין 1915. אַלע זיינע איניציאַטיוועס האָט ער אונטערגענומען מיט העזה צו דענקען פֿריי; ער האָט אָנגענומען אַ דאָגמע נאָר ווען ער האָט זי דורכגעטראַכט מיט דעם אייגענעם שכל, פֿול און גאַנץ. ווען ער האָט אָבער געמאַכט אַ פּרינציפּ פֿאַר אייגן, דאַן איז ער געווען מסוגל פֿאַר אים שאַרף צו קעמפֿן. דאָ איז אויפֿגעטראָטן זיין אויפֿגעברויזטקייט, וואָס האָט צוגעגעבן אַזוי פֿיל צו דער כאַראַקטעריסטיק פֿון זיין פּערזענלעכקייט.

ער איז בלי ספֿק געווען זייער אַ שאַרפֿער קעמפֿער פֿאַר זיינע איבערצייגונגען. ניט איין מאָל זיינען אַ סך פֿון אונדז געשטאַנען ווי פֿאַר אַן אייזערנער וואַנט, ווען מיר האָבן זיך אָנגעשטויסן אָן זיין אומבויגיקייט בנוגע ענינים, וואָס ער האָט גע־רעכנט אַז זיי שטייען ברומו של עולם פֿון די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פֿון יידישן פֿאָלק, אָדער פֿון אַ פּרינציפּ, וואָס ער האָט פֿאַרהייליקט. איך געדענק זייער אַ סך אַזעלכע מאָמענטן, ווען זיינע אויפֿברויזן האָבן אונדז געשטעלט פֿאַר שווערע סי־טואַציעס. איך געדענק אָבער אויך, ווי כמעט שטענדיק, נאָך אַזאַ מיינונגס־געראַנגל, איז מען געווען געצוווּנגען נאָך אַ מאָל און ווידער אַ מאָל זיך צו פֿאַרטראַכטן וועגן זיינע שאַרפֿע, אָפֿט זייער־שפּיציקע און שטעכעדיקע אַרגומענטן. עס איז פֿאַר קיינעם פֿון אונדז קיין ספֿק ניט געווען, אַז זיינע איינשטעלן האָבן געשטראָמט פֿון ערלעכער איבערצייגונג. עס האָט אָבער אויך געטראָפֿן פֿאַלן, ווען אייניקע פֿון אונדז האָט זיך געדוכט, אַז אין זיין שאַרפֿקייט איז אויך געווען אַ גרויסע דאָזע ביטערקייט, וואָס מיר האָבן צוגעשריבן דעם שווערן פּריוואַטן לעבן, וואָס דער גורל האָט אים באַ־שערט. איך קען אָבער עדות זאָגן, אַז על פּי רוב, ווען מען האָט פּרובירט נאָך אַ מאָל זיך פֿאַרטראַכטן וועגן דעם ענין, האָט אָפֿט פּאַסירט, אַז מען האָט געמוזט אָנערקענען די וואָגיקייט פֿון זיינע אַרגומענטן.

מיר האָבן זיך דאַן געפֿילט צווישן די יידישע אימיגראַנטן־מאַסן זייער איזאָ־לירט מיט אונדזערע נאַציאָנאַלע אידעאַלן און מיט אונדזער ציוניזם. צום שאַרפֿסטן האָט זיך עס אויסגעדריקט אין דער באַציִונג צו אונדז מצד דעם „פֿאָרווערטס" און זיינע מיטאַרבעטער. דער „פֿאָרווערטס" איז דאַן, נאָך מער ווי איצטער, געווען דער אָרגאַן פֿון דעם, וואָס איז דאַן אָנגעגאַנגען אונטערן נאָמען „די יידישע אַרבע־טער־באַוועגונג". איצט איז דער „פֿאָרווערטס" גאָר אַן אַנדערער. דאַן איז ער

באַהערשט געוואָרן פֿון עלעמענטן, וועלכע האָבן זיך באַטראַכט נאָענט צום „בונד" אין רוסלאַנד. זיי האָבן אָבער בעיקר איבערגענומען פֿון „בונד" זיין שאַרפֿן אַנטי־ציוניזם. אָבער ניט דעם טעאָרעטישן אַנטי־ציוניזם פֿון די ערשטע באַגרינדער פֿון „בונד", נאָר די חוזק־באַציִונג, וואָס ייִנגערע פּעליעטאָניסטן האָבן אַריינגעטראָגן אין זייער מלחמה קעגן ציוניזם.

אין יענער צייט האָבן מיר געוווּסט נאָר פֿון צוויי „פֿאָרווערטס"־שרייבער, וואָס זיינען געווען „ניט ווי אַלע". איינער פֿון זיי, א. ליטווין ז"ל, איז אַפֿילו געווען פֿון די ערשטע פֿינף ייִדישע סאָציאַליסטן, וואָס האָבן אין יאָר 1903 געגרינדעט דעם ערשטן פּועלי־ציון־פֿאַראיין אין ניו־יאָרק. א. ליטווין האָט זיינע ערשטע פּועלי־ציון־שריט געמאַכט נאָך אין רוסלאַנד. ער איז געווען איינער פֿון די גרינדער פֿון דער מינסקער גרופּע פּועלי־ציון, מיט איר אייגענעם טעאָרעטישן נוסח. זיין שטעלונג איז אונדז געווען באַקאַנט. דאָס איז פֿאַר אונדז קיין גרויסע רבותא ניט געווען. דערצו איז ער אויך געווען פֿאַררעכנט פֿאַר אַ „גרינעם". ער איז געקומען מיט אַ 2—3 יאָר פֿריִער פֿאַר דער גרופּע, אין וועלכער איך רעכן מיך אַריין. אָבער דער צווייטער שרייבער — אונדזער גרויסער נפֿטר יואל ענטין — איז שוין דאַן געווען אַ לאַנגיעריקער תּושבֿ אין אַמעריקע ; ער האָט שוין דאַן געהאַט מיטגעמאַכט, צוזאַמען מיט אַב. קאַהאַן, מאָריס ווינטשעווסקי, ד"ר הלל זאָלאָטאַראָוו און די אַנדערע ראשונים פֿון ייִדישן סאָציאַליזם אין אַמעריקע, יאָרן פֿון אַקטיוויטעט אין דעם ייִדישן קוואַרטאַל. ווען אונדזער גרופּע האָט זיך דערוווּסט, אַז ער האָט פֿאַרנומען אַ ריינעם, אַ מענטשלעכן און אַ ייִדישן צוגאַנג צו דער ייִדיש־נאַציאָנאַלער פֿראַגע, אַז זיין סאָציאַליזם איז ניט געווען באַגלייט מיט חוזק צו ייִדישקייט — האָט עס אונדז צוגעגעבן באַזונדערן מוט. עס דאַרף באַצייכנט ווערן, אַז ער האָט זיין ייִדישן נאַציאָנאַליזם געטראָגן אָפֿן, נאָך איידער עס זיינען געקומען קיין אַמעריקע ד"ר חיים זשיטלאָווסקי, ד"ר נחמן סירקין און אַנדערע ייִדישע סאָציאַליסטן, וואָס זיינען געווען גלייכצייטיק נאַציאָנאַלע ייִדן. אויף אַזאַ אופֿן מעג מען מיט היסטאָרישער ריכטיקייט פֿאַרצייכענען, אַז ער איז געווען אונדזער ערשטער אָנשפּאַר ; אונדזער מוט איז געשטיגן, ווייסנדיק, אַז יואל ענטין, אויב ער איז ניט אין גאַנצן אונדזערער, איז ער אָבער זייער נאָענט צו אונדז.

אַט דעם חסד־נעורים וועט קיינער פֿון יענער ערשטער גרופּע קיין מאָל ניט פֿאַרגעסן. און די צענדליקע טויזנטער פֿון אונדזער באַוועגונג, וואָס האָבן זיך שפּעטער באַהעפֿט מיט די פֿאַרשיידענע צווייגן פֿון אונדזער באַוועגונג, וועלן קיין מאָל ניט פֿאַרגעסן דעם מאָראַלישן און עטישן ביישפּיל וואָס עס האָט זיי געגעבן, סיי דער לערער יואל ענטין דורך זיינע צאָלרייכע לעקציעס און שריפֿטן, סיי דער מענטש און חבֿר ענטין דורך זיין אייגענעם הויך־עטישן לעבן.

שלום־עליכם

צו זיין הונדערטסטן געבוירן־טאָג (געשריבן אין מערץ 1959)

צוויי מדינות האָבן אָפיציעל דערקלערט דעם 100סטן געבוירן־יאָר פון שלום־עליכם, ווי אַ יאָר פון פייערונגען פאַר זיין כבוד ווערן: מדינת ישראל און סאָוויעט־רוסלאַנד, אָבער דער תהום צווישן די דאָזיקע צוויי פייערונגען איז זייער אַ טיפער. קודם כל זיינען ביידע מדינות באַוועגט געוואָרן צו זייערע באַשלוסן ניט פון די זעלביקע מאָטיוון. דערצו עקזיסטירן טיפע אונטערשיידן צווישן די באַציִונגען פון ביידע מדינות צו דעם סכום פון ענינים, וואָס די דערשיינונג שלום־עליכם רעפּרעזענטירט. די אונטערשיידן זיינען סיי אין דער באַציִונג צו דער יידישער שפּראַך און איר ליטעראַטור, סיי בנוגע שלום־עליכמס פּראָלעטאַרישקייט און ציוניזם, און אַפילו אין שלום־עליכמס קאַמף פאַר רעכט און כבוד פון דעם יידישן מענטש. דער אונטערשייד איז בעיקר זייער גרויס אין דער באַציִונג צו אַלץ, וואָס ווערט באַצייכנט ווי „די וועלט פון שלום־עליכם". כדאַי אַריינצוקוקן אין אָט די אַלע אונטערשיידן.

*

די מאָטיוון וועלכע האָבן באַוועגט די פירער פון סאָוויעט־רוסלאַנד צו פּראָקלאַמירן די פייערונג, זיינען ריין סטראַטעגיש־פּאָליטישע. זיי וואַקסן ניט אַרויס פון אַ טיפן רעספּעקט, ניט צום שרייבער און אַוודאי ניט צו דער ליטעראַטור, אין וועלכער ער האָט געשאַפן. די קרעמל־מענטשן האָבן דערפונדן אַ ניט־קאָסטבאַרן, צו גאָרניט פאַרפליכטנדיקן וועג, ווי אַזוי אָפּצושלאָגן די פאַר זיי אומבאַקוועמע טענות פון דער יידישער וועלט, און פון אַ היפּשער צאָל ניט־יידישע פּערזענלעכקייטן, קעגן דער פאַרניכטונג פון דער יידישער קולטור אין סאָוויעט־רוסלאַנד און דער אויסמאָרדונג פון אירע שרייבער. זיי טוען עס דורך פּראָקלאַמירן די שלום־עליכם־פייערונג. דערמיט ווילן זיי זאָגן דער וועלט — נאַט, זעט, ווי מיר באַציִען זיך צו אַ גרויסן נאָמען אין דער יידישער ליטעראַטור!

עפּעס טאָן קעגן די קריטיקער פון דרויסן האָט מען געמוזט. האָבן זיי אין די שלום־עליכם־פייערונגען דערשפּירט אַ באַקוועמען וועג ווי אַזוי צו שיטן זאַמד אין די אויגן פון דער וועלט־עפנטלעכקייט: דווקא זיי פּראָקלאַמירן אַן אָפיציעלע פייערונג פון אַ רעספּעקטירטן נאָמען אין דער געוועזענער יידישער ליטעראַטור. טאָ ווער וועט שוין וואַגן זיי צו באַשולדיקן אין אַנטי־יידישע האַנדלונגען?

עס איז קלאָר, אַז אַ פייערונג, וואָס ווערט פּראָקלאַמירט צוליב אַזעלכע מאָטיוון מוז זיין באַגרענעצט, מוז פאַרלירן איר טיפקייט.

די מאָטיוון, וואָס באַוועגן מדינת ישראל צו דער שלום־עליכם־פייערונג, זיינען דורכויס נאַציאָנאַל־קולטורעלע. זיי וואַקסן אַרויס פון דער טיפער אָנערקענונג פון דער נאַציאָנאַלער און קולטורעלער באַדייטונג פון שלום־עליכמס שאַפונגען. קוריאָזן מעג מען און מען דאַרף אויך אין מדינת ישראל פאַרצייכענען. אַזעלכע

זיינען פֿאַראַן, און מיר וועלן באַלד אײניקע פֿון זיי דערמאָנען. אָבער טראָץ די קוריאָזן, איז אין זאַך אויסער יעדן ספק: די באַפּעלקערונג פֿון ישׂראל פֿאַרמאָגט די פֿולע פֿרייהייט אַרויסצוברענגען און אויסצולעבן אַלע אירע געפֿילן צום גרויסן שעפֿער.

✶

די קליינע קוריאָזן אין מדינת ישׂראל ליגן אויפֿן שטח פֿון באַציִונג צו דער יידישער שפּראַך. אין ישׂראל האָט געקענט טרעפֿן אַזאַ קוריאָז, ווי למשל דער אַרויסטריט פֿון דעם אָרגאַן פֿון די „פּועלי אגודת ישׂראל" קעגן דעם, וואָס מען פֿייערט דעם געבוירן־טאָג פֿון אַ שרייבער אין יידיש. דער דאָזיקער אָרגאַן דער־קלערט אַזוי: „מען מעג זאָגן מיטן פּולן מויל, אַז מדינת ישׂראל און איר שפּראַך האָט ניט קיין פֿאַרבינדונג מיטן געבורט פֿון שלום־עליכם פֿון קיין בחינה ניט". דער קוריאָז באַשטייט אין דעם, וואָס דווקא די אגודה איז געווען, און איז נאָך אויך איצט, אַ באַוועגונג, וואָס אַנערקענט יידיש. אויך איצט זיינען די ישיבות פֿון דער אַגודה — אַפֿילו אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן — פֿעסטונגען פֿון דער יידישער שפּראַך. תּלמוד ווערט דאָרט נאָך אַלץ פֿאַרטייטשט אויף יידיש. אין דעם ציוניסטישן לאַנגיעריקן געראַנגל פֿאַר העברעיִש האָבן, דאַכט זיך, די אַגודה־מענטשן ניט גע־נומען קיין גרויסן אָנטייל. פֿאַר וואָס דווקא זיי זאָלן זוכן אויפֿצולעבן דעם שפּראַכן־קאַמף, איז טאַקע ניט מער ווי אַ קוריאָז.

אַ צווייטער קוריאָז, שוין פֿון אַן ערנסטערן כאַראַקטער, איז דער התנצלות־טאָן ביי געוויסע עקסטרעמע העברעיִסטן, וועלכע זוכן צו „פֿאַרענטפֿערן" די פֿייערונג. אַ שמץ פֿון אָט דעם טאָן האָט זיך געפֿילט אַפֿילו אין דער אָפֿיציעלער דערקלערונג וועגן דער פֿייערונג, וואָס איז אָפּגעגעבן געוואָרן דורך אונדזער מיניסטער פֿאַר קולטור און דערציִונג, זלמן ארן. אַוודאי איז אמת וואָס ער האָט געזאָגט, אַז שלום־עליכם האָט אָנגעהויבן שרייבן אין העברעיִש; און זייער וויכטיק איז דער פֿאַקט, וואָס ער האָט אונטערגעשטראָכן, אַז שלום־עליכמס ווערק זיינען, דורך דער פּראַכט־פֿולער איבערזעצונג פֿון י. ד. בערקאָוויטש, געוואָרן דער קנין אויך פֿון דער אין ארץ־ישׂראל געבוירענער און בלויז העברעיִש־רעדנדיקער יוגנט. און דאָך האָט זיך אַרויסגעפֿילט פֿון זיין דערקלערונג אַן אונטערטאָן פֿון אַנטשולדיקונג, און דאָס איז, לפי עניות דעתי, גאָר־גאָר ניט נויטיק. אין דעם דור פֿון שלום־עליכם זיינען געווען גענוג העברעיִסטן, וואָס האָבן געהאָלפֿן אַרויסברענגען שלום־עליכמס שאַפֿונגען אין יידיש. גענוג דער ביישפּיל פֿון ד"ר יוסף לוריא, וועמענס אָרט אין דער אויפֿ־לעבונג פֿון דער העברעיִשער שפּראַך איז גאָר אַ קענטיקער, וואָס האָט אונטער זיין רעדאַקציע פֿאַרעפֿנטלעכט זייער פֿיל פֿון שלום־עליכמס ווערק. ד"ר לוריא און אַנ־דערע ציוניסטן פֿון יענעם דור האָבן געוווּסט די באַדייטונג פֿון דער יידישער שפּראַך, סיי ווי אַ באַריערע קעגן אַסימילאַציע, סיי פֿאַר דער פֿאַרשפּרייטונג פֿון ציוניסטישן געדאַנק. זיי האָבן אויך גוט געקענט די ציוניסטישע פּערל, וועלכע זיינען „צעזייט און צעשפּרייט" אין שלום־עליכמס שריפֿטן.

אָבער די געבראַכטע עפּיזאָדן זיינען טאַקע ניט מער ווי קוריאָזן. די העברעיִשע פּרעסע — פֿון אַלע ריכטונגען — און די ישׂראל־געזעלשאַפֿטלעכקייט פֿון אַלע

קלאַסן און גרופּן, וועלן מיטן פולן האַרצן פייערן דעם גרויסן יום־טוב. זיינע ווערק וועלן במשך פון דעם יאָר געלייענט ווערן, סיי אין העברעיִש, סיי אין יידיש, אין אַלע ווינקלען פון לאַנד. הונדערטער וועלן לאַכן דאָס געלעכטער מיט טרערן, וואָס שלום־עליכמס שילדערונגען רופן אַרויס. ווייל עס איז ניטאָ קיין ווידערשפּרוך צווישן דער אָפיציעלער ליניע פון דער ישראל־רעגירונג און דער תשוקה פון דער ישראל־באַפעלקערונג צום קולטור־גענוס, וואָס שלום־עליכמס ווערק פאַרשאַפן.

גאַנץ אַנדערש איז די לאַגע אין סאָוויעט־רוסלאַנד. דאָרט עקזיסטירט יאָ אַ טיפער אונטערשייד צווישן דער פּאָליטישער ליניע פון דער סאָוויעטן־רעגירונג און יענע, וועלכע וואָלטן געוואָלט מיטן האַרצן פייערן שלום־עליכמען. די ניט־יידן גייט עס אין גאַנצן ניט אָן. זיי קענען זייער גוט די אָפיציעלע דערקלערונגען פון די סאָוויעטישע פירער, אַז קיינער איז מער ניט פאַראינטערעסירט אין אַ יידישער שפּראַך, אָדער אין אַ ספּעציעל יידישע קולטור. זייער פּרעסע פאַרפעלט ניט קיין געלעגנהייט עס צו אונטערשטרייכן. אויב די זעלביקע פירער געפינען פאַר נייטיק אויפצושפּילן אַן אַקט פון שלום־עליכם־פייערונגען, זאָל עס זיי וויל באַקומען. מן הסתם ווייסן זיי וואָס זיי טוען. אויב די רעגירונג וועט עס פאַרלאַנגען, וועט מען פון יוצא וועגן אויך דורכפירן אָפיציעלע אימפּרעזעס און די רעגירונג וועט עס מן הסתם פאַרלאַנגען, כדי אָנצוהאַלטן דעם איינדרוק כלפּי חוץ. אָבער אַלץ וועט זיין מן השפה ולחוץ.

און די יידן פון סאָוויעט־רוסלאַנד? אויף זיי איז גאָר אַ גאַנץ רחמנות. זיי וועלן נעבעך זיין פּשוט צעטומלט. די רוסישע יידן, וועלכע זיינען דאָך די אמתע „וועלט פון שלום־עליכם״, האָבן אויך אונטערן סאָוויעטישן רעזשים ניט פאַרלאָרן דעם חוש צו שפּירן וואָס „נאַטשאַלסטוואָ״ ווינטשט, אַזוי ווי שלום־עליכם האָט זיי געשילדערט פון זיינע צייטן. זייערע הערצער, בעיקר די, וואָס האָבן נאָך געהאַט אַ מעגלעכקייט צו לייענען שלום־עליכם אין אָריגינאַל, וועלן זיך ציִען צום גרויסן קינסטלער; זיי וועלן שטאַרק חשק האָבן צו געבן אויסדרוק זייערע געפילן. אָבער — ווער, ווי זיי, ווייסן, וואָס איז די אמתע באַציִונג פון די סאָוויעטישע פירער צו דער יידישער שפּראַך? ווער, ווי זיי, ווייסן, וואָס אָט די פירער זיינען פעיִק צו טאָן, אויב מען האַנדלט ניט ווי זיי ווילן? דעם „ויתרוצצו״ פון די סאָוויעטישע יידן וואָלט נאָר אַזאַ גרויסער טאַלאַנט ווי שלום־עליכם געקענט שילדערן.

און אויב עס ליגט אַזאַ טיפער תהום צווישן ישראל און סאָוויעט־רוסלאַנד אין זייערע באַציִונגען צו דער יידישער קולטור און דער יידישער שפּראַך, מוז ליגן פונקט אַזאַ טיפער תהום צווישן די שלום־עליכם־פייערונגען ביי אונדז און ביי זיי.

*

בנוגע דער „וועלט פון שלום־עליכם״, וואָס שליסט איין סיי זיינע באַליבטסטע העלדן, סיי זיין פּראָלעטאַרישקייט, סיי זיין ציוניזם — איז עס אַ צו ברייט פעלד, כדי אַריינצוגיין אין פּרטים. וועל איך זיך באַגנוגענען מיט אַרויסברענגען בלויז געציילטע כאַראַקטעריסטישע פּונקטן, כדי ווידער צו אונטערצושטרייכן דעם תהום צווישן זייער קוק אויף שלום־עליכם און אונדזערן.

אין דער „וועלט פון שלום־עליכם״ פאַרנעמט דער כתרילעווקער אַלטער רב,

ר׳ יוזעפל, אַ זייער וויכטיק אָרט. שלום־עליכם דערהייבט אים צום העכסטן שטאַפּל פון מענטשלעכער און יידישער קדושה. אין איינעם פון די שלום־עליכם־פּערל, אין דער קורצער דערציילונג, „זיך פאַרבענקט אַהיים״, וואָס איז געשריבן געוואָרן אין יאָר 1902, שילדערט שלום־עליכם אַן אַסיפה פון כתרילעווקער ציוניסטן, וואָס האָבן סוף־סוף דערלעבט צו באַקומען די ערשטע אַקציע פון דער יידישער קאָ־לאָניאַל־באַנק. ער שילדערט ווי אַזוי אַלע האָבן זיך געשפּיגלט אין דעם דאָקומענט און דאָן — (דאָס מוז איבערגעגעבן ווערן מיט שלום־עליכמס אייגענע ווערטער):

„שפּעטער, אַז דער עולם האָט זיך גוט אָנגעקוקט, האָט ר׳ יוזעפל דער רב, וואָס האָט פּיינט שטופּן זיך אויבן־אָן, כאָטש ער איז אַ רב, אַ זאָג געטאָן:

„אַנו, וויזט נאָר אַהער!״ — און ער האָט זיך אָנגעזאָטלט מיט אַ פּאָרברילן, געקוקט, געקוקט, פּאַוואָלינקע באַטראַכט פון אַלע זייטן די „יידישע אַקציע פון אונדזער אייגענער באַנק״, און דערזען יידישע אותיות, געדרוקט אויף לשון הקודש, האָט ער אָנגעטאָן די שבתדיקע היטל, גע־מאַכט אַ ברכה „שהחיינו״ און ווידער אַ מאָל געקוקט אין דער אַקציע אַריין, און דאָס פּנים האָט אים אָנגעהויבן ווערן מרה־שחורהדיק און מען וואָלט געקאָנט שווערן, אַז עס האָבן זיך אים געשטעלט טרערן אין די אויגן״.

„רבי, וואָס זאָרגט איר זיך? — האָט מען אים אַ פרעג געטאָן — מען דאַרף זיך פרייען, טאַנצן באַדאַרף מען גיין, צום סוף... ווי קומט עס צו אייך?״

„ר׳ יוזעפל דער רב האָט ניט באַלד געענטפערט. ער האָט אַרויס־באַקומען ערגעץ פון קעשענע, וואָס הינטן דער קאַפּאָטע, אַ משונה־מאָדנע פּאַטשיילע, האָט אויסגעשנייצט כלומרשט די נאָז, נאָר אין אמתן האָט ער אַ וויש געטאָן די אויגן, און אַ זאָג געטאָן מיט אַ זיפץ און מיט אַ זייער, זייער אָן אָפּגעקראָכן קול:

— „כ׳האָב מיך פאַרבענקט אַהיים...״

דער העברעיִשער איבערזעצער האָט נאַטירלעך אַריבערגעטראָגן אָט די פיגור פון ר׳ יוזעפלען אין זיין פאַרהייליקטער פּראַכט. וואָס די רוסישע איבערזעצער פון שלום־עליכם האָבן געמאַכט פון אָט דער הייליקער געשטאַלט — ווייס איך ניט. האָבן זיי עס אויסגעמעקט? אָדער — וואָס איז נאָך ערגער! — צוגעגעבן דערצו אַ חוזק־פּירוש לויטן נוסח פון דער יעווסעקציע? די זעלביקע פראַגע דאַרף גע־שטעלט ווערן בנוגע אַנדערע ציוניסטישע פּערל פון שלום־עליכם.

*

אַריבערגייענדיק צו שלום־עליכמס פּראָלעטאַרישקייט, צו זיינע פיגורן, וועלכע רעפּרעזענטירן די טיפסטע אָרעמקייט, צו זייער קאַמף קעגן די גבירים פון שטעטל, וואָס האָט, לויט אַלע וואָרשיינלעכקייטן, געגעבן שלום־עליכמען חן אין די אויגן פון די סאָוויעטישע מושלים — דאַרף אויך געשטעלט ווערן אַ פראַגע: צי דערלאַנגען די סאָוויעטישע קולטור־מושלים דעם גאַנצן, דעם פולן, דעם ריכטיקן שלום־עליכם,

אָדער זיי רעדאַגירן אים, זיי „בעסערן" אים אויס? נעמען מיר אַזאַ פיגור ווי חיים חייקין פון שלום־עליכמס „אַ גרינגער תענית". דער דאָזיקער חיים חייקין איז די פּערזאָניפיקאַציע פון אָרעמקייט. אין דער זעלביקער צייט איז ער אַ טיפער ייד. צוליב זיין אָרעמקייט איז ער אַ געוואַלדיקער אָנהענגער פון תעניתים. שלום־עליכם רופט אים: „אַ זולל וסובאניק אויף תעניתים". בעיקר איז ער פאַרקאָכט אין דעם תענית פון תשעה־באב. אַפילו ביים פאַרפאַסטן דערלויבט ער זיך ניט עפּעס צו עסן. שלום־עליכם שילדערט ווי ער „נעמט זיין חלק ברויט מיט בולבעס, רופט צו די קליינע פריידקע מיט דער קליינערביילקע און זאָגט זיי שטילערהייט — קינדער, נאַט אייך, עסט און לאָז די מאַמע ניט זען". אָט דער חיים חייקין קומט תשעה־באב אין שול, „שפּאַרט זיך אָן צום ווענטל פון דער בימה, עפנט אויף די קינות: „אלי ציון ועריה: — קלאָג ציון, מיט אַלע שטעט"... און שלום־עליכם שילדערט דאָס בילד „ציון" ווי דער פאַרהונגערטער חיים חייקין זעט עס און ווי חיים חייקין הויכט אויס זיין נשמה אין אָט דעם פּאַר אים „גרינגן תענית". וועלן די רוסישע יידן האָבן די מעגלעכקייט צו זען אָט דעם חיים חייקין ווי די קינסטלערישע גאונות פון שלום־עליכם האָט אים געשאַפן?

און דער קלאַסן־קאַמף ביי יידן, געשילדערט אין „אַ פּסחדיקע עקספּראָפּריאַציע", וועט ער געגעבן ווערן אין זיין גאַנצער שוידערלעכער טראַגישקייט, אין זיין גאַנצער הילפלאָזיקייט, אין זיין טיפער אונטערשטרייכונג פון דער צעקריפּלטער יידישער עקאָנאָמיק? צי וועט בולט אַרויסגעבראַכט ווערן די שניידנדיקע סאַטירע פון יידישער לופטפּראָלעטאַרישקייט, וואָס איז אַזוי שאַרף כאַראַקטעריזירט ביי שלום־עליכם דורך די פאַרשיידענע „פּראָדוקטיווע" אונטערנעמונגען פון מאָטל פּייסי דעם חזנס משפּחה, איבערהויפּט פון זיין ברודער אליהו, אַפילו ווען ער קומט שוין קיין אַמעריקע? און אַפילו מנחם־מענדל, צוזאַמען מיט די גרויסע בירזשע־הענדלער פון יעהופּעץ, וועלן זיי געגעבן ווערן נאָר דורך דער סאַטירע פון פאַרקויפן יקנה"ז־אַקציעס און אויסגעשטעלט ווערן בלויז צו שאַנד און צו שפּאָט, אָדער דורך זיי וועט אויך ווערן אונטערגעשטראָכן די באָדנלאָזיקייט, די לופט־פּרנסות, צו וועלכע דאָס גלות־לעבן האָט זיי פאַרמשפּט?

מיר שיינט אַז קיינעם פון די טעאָרעטיקער פון די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען איז ניט געלונגען אַזוי בולט אַרויסצוברענגען די באָדנלאָזיקייט פון יידן אין גלות, ווי דאָס איז געלונגען שלום־עליכמען אין זיינע הונדערטער דערציילונגען, אין וועלכע ער שילדערט דאָס עקאָנאָמישע לעבן פון יידן אין די כתרילעווקעס און אין אַנדערע מקומות פון דער יידישער קאָנצענטראַציע. און ניט נאָר זייער עקאָנאָמיש לעבן, נאָר אויך זייער הילפלאָזיקייט, אַפילו ווען זיי קעמפן קעגן דער צאַרישער מאַכט, אין פאַרגלייך מיט די פיל פעסטערע פּאָזיציעס פון די רוסישע רעוואָלוציאָנערע קעמפער, ווי ער האָט עס געשילדערט אין זיין בוך „אין שטורם".

און די קרוין־שאַפונג פון שלום־עליכם — טוביה דער מילכיקער — צי וועט זי געגעבן ווערן מיט זיין פולן טיפן וויטיק צוליב זיין טאָכטערס פאַרליבטקייט אין אַ שגץ? אָדער מען וועט דאָ אויך אונטערטראָגן יעווסעקישע פּירושים? מען וואָלט געקענט אַזוי ציִען און ציִען נאָך אַ לאַנגע קייט פון פראַגן. איך רעכן אָבער,

אַז די געבראַכטע זיינען געגוג, כדי צו באַגרינדן די מורא, אַז קיין פּוילן שלום־עליכם וועט מען דאָרט ניט געבן. ווייל דער פּולער, דער אמתער שלום־עליכם איז דורכ־געדרונגען מיט צו פיל טיפער יידישקייט און איז נאָך דערצו אויך געשטראָפט מיטן „טריפהנעם" ציוניזם.

און יענע יידן אין סאָוויעט־רוסלאַנד, וואָס וועלן האָבן חשק צו פייערן שלום־עליכמען אַ גאַנצן, אַ פולן, אַזוי ווי ער איז באמת געווען, אַן פעלשונגען און אַן חוכא וטלולאס, וועלן,ליידער, אַזאַ געלעגנהייט ניט האָבן.

✶

עס בעט זיך אַ וואָרט וועגן נאָך אַ שטח: שלום־עליכמס קאַמף פאַר יידישע רעכט און פאַרן יידישן כבוד. ווייל איך וועגן דעם ברענגען נאָר איין־איינציקן ציטאַט און פרעגן בלויז נאָך איין־איינציקע פראַגע.

ווען כתרילעווקער נשׂרפים קומען קיין יעהופּעץ (געמיינט איז קיעוו) זוכן הילף ביי די דאָרטיקע יידישע גבירים, גיט שלום־עליכם, גאָר ווי אַגב אורחא, אַזאַ מין זאַג:

„מען קען ניט זאָגן, אַז די דאָזיקע ניט־יידישע שטאָט איז, חלילה, זשעדנע אַ יידן אויף אַ רפואה. אַדרבה, עס איז באַוווסט, אַז זי האָט צו טאָן פון קדמונים נאָר מיט יידן, גלייך ווי איר פעלט שוין מער ניט, ווי מען זאָגט, קיין זאַך, נאָר יידן און קאַפּ־ווייטיק. ווען איר זאָלט ניט קומען אַהין צו פאָרן, אָדער ווען איר זאָלט דאָרט ניט עפענען אַ צייטונג, איז דאָס ערשטע, וואָס קומט אייך פאַר די אויגן — „יידן". אַזוי פיל און אַזוי פיל יידן האָבן זיך אָנגעגעבן אין אוניווערסיטעט און מען האָט זיי ניט צוגענומען. אַזוי פיל און אַזוי פיל יידן האָט מען געפּאַקט ביי נאַכט אויף אַן „אַבלאַווע" און מען האָט זיי יאָ צוגענומען. אַ שטייגער, ס׳זאָל אַ מאָל טרעפן, חלילה, פאַרקערט: אַז די יידן פון אוניווערסיטעט זאָל מען יאָ צונעמען און די יידן פון די אַבלאַוועס ניט — דאָס איז אַ זאַך, וואָס עס קען ניט זיין".

די פראַגע, בכן, איז, ווי אַזוי האָבן זיך די סאָוויעטישע מאַכטהאָבער „ספראַ־וועט" מיט אַזאַ מין סאַטירישן שטאָך? די קרעמל־פירער האָבן זיך פאַרדינט פאַר זייערע איצטיקע האַנדלונגען, סיי בנוגע אוניווערסיטעטן, און נאָך מער בנוגע אַב־לאַוועס, אַז די זעלביקע ווערטער זאָלן געשיקט ווערן אויך אויף זייער אַדרעס.

✶

יאָ, צוויי מדינות האָבן אָפיציעל דערקלערט פייערונגען אין שייכות מיט דעם הונדערטסטן געבוירן־יאָר פון שלום־עליכם. אָבער וואָס פאַר אַ טיפער תהום עס צעשיידט זייערע פייערונגען דאָרט און אונדזערע פייערונגען דאָ. דאָרט איז עס כולו פּגם, און יענער טייל פון דער „וועלט פון שלום־עליכם", וואָס איז דאָרט גע־בליבן, וועט, ליידער, קיין צו גרויסע הנאה ניט קענען אַרויסבאַקומען פון די פייע־רונגען. מיר דאָ אָבער וועלן, האָף איך, זיך באַהעפטן מיט אַלע אונדזערע חושים מיטן זכר פון שלום־עליכם, מיר וועלן אים לייענען און געניסן, אין אָריגינאַל און אין העברעיש; מיר וועלן מיטלאַכן און מיטווייינען מיט אַלע פיגורן פון דער „וועלט פון שלום־עליכם", וואָס איז גלייכצייטיק אויך אונדזער וועלט.

חיים פיינמאַן

(געשריבן צו די שלושים פון זיין פטירה אין אַפּריל 1959)

דער טויט האָט ווידער אַרויסגעריסן אַ יסוד־מענטשן פון אונדזער אַמעריקאַנער באַוועגונג. נאָך יואל ענטין ז״ל מוז מען שוין אויך צום נאָמען חיים פיינמאַן צו־שטעלן דעם „ז״ל״. פאַר זיינע לעבן־געבליבענע חברים זיינען די דאָזיקע צוויי פאַר־שטריכלטע אותיות ניט נויטיק. זיין זכר וועט בלייבן מיט זיי לברכה ביז זייערע אייגענע לעצטע טעג; ביז אַנדערע חברים וועלן דאַרפן אויך צו זייערע נעמען צושטעלן דעם „ז״ל״. זיין זכר איז טיף פאַרוואָרצלט אין אונדזערע נשמות; בפרט פאַר יענע — אויך איך צווישן זיי — וועלכע זיינען געגאַנגען מיט אים אין איין וועג 55 יאָר נאָך אַנאַנד.

חיים פיינמאַן איז געווען פון די סאַמע ערשטע אין אַמעריקע, וואָס די פּועלי־ציון־אידעע האָט פאַרכאַפּט זייער נשמה. און פון אָנהייב יאָר 1904 ביז זיין לעצטן טאָג איז ער פאַרבליבן איינער פון די סאַמע וויכטיקסטע בעלי־מחשבה און בעלי־מעשה אין אונדזער באַוועגונג. די פּועלי־ציון־פּאַרטיי, פון וועלכער אַלע אַנדערע טיילן פון דער באַוועגונג זיינען אַרויסגעוואַקסן, האָט צו פאַרצייכענען אַ ריי עפּאָכעס פון פּאַרטיפּטער מחשבה און נאָך מערער עפּאָכעס פון געוואָגטע מעשים. צו אַלע פון זיי — טאַקע אָן אויסנאַם — האָט חיים פיינמאַן צוגעטראָגן זיין וואָגיקן טייל. און צוגעטראָגן האָט ער עס מיט אידעאַליסטישער גרייטקייט צו באַגעגענען שווע־ריקייטן, וועלכע דער גורל האָט ניט ווייניק איינגעטיילט אונדזער באַוועגונג. גלייכ־צייטיק האָט ער געניאָסן, צוזאַמען מיט אונדז, די טיפע הנאה פון אונדזערע דער־גרייכונגען, וואָס זיינען אויך געווען ניט ווייניק.

חיים פיינמאַן האָט פאַרנומען גאָר וויכטיקע אַמטן אין דער פּאַרטיי. ער איז אַ צייט לאַנג געווען איר גענעראַל־סעקרעטאַר, דאַן ווען דער דאָזיקער אַמט איז געווען דער העכסטער, וואָס די פּאַרטיי האָט פאַרמאָגט. ווען די פּאַרטיי האָט שפּע־טער אָנגענומען די מעטאָדע פון אויסקלייבן אַ פּרעזידענט, אָדער יושב־ראש, האָט חיים פיינמאַן פאַרנומען אַ לאַנגע צייט אויך אַזעלכע אַמטן. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט אים די פּאַרטיי אָנפאַרטרויט זייער אַ וויכטיקע מיסיע: אונדזער וועלט־פאַרבאַנד האָט דאַן באַשלאָסן צו שיקן אַ קאָמיסיע קיין ארץ־ישראל, כדי אויסצואַרבעטן גרויסצוגיקע אַרבעטס־פּלענער אין ארץ־ישראל פאַר דער ציוניס־טישער באַוועגונג בכלל און פאַר דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג בפרט. דאָס איז שוין געווען נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע; עס איז שוין געווען קלאָר, אַז ענגלאַנד וועט באַקומען דעם מאַנדאַט איבער ארץ־ישראל. די האָפענונגען אין דער יידישער וועלט האָבן זיך צעבליט. די אָנגעזאַמלטע ענערגיע, וואָס דער ציוניזם האָט געגענערירט אין יידישן לעבן, האָט געזוכט אַ וועג פאַר פּראַקטישע מעשים. אונדזער וועלט־באַוועגונג האָט געשפּירט, אַז עס עפענען זיך נייע, ברייטע האָרי־זאָנטן פאַר איר. זי האָט דעריבער צוזאַמענגעשטעלט אַ קאָמיסיע פון אירע בעסטע

מענטשן צו פֿאָרן קיין ארץ־ישראל, און אויפֿן יסוד פֿון די געענדערטע באַדינגונגען, צוגרייטן אַ לאַנגטערמיניקן אַרבעטס־פּלאַן. פֿון אַמעריקע האָבן זיך צוויי חברים באַטייליקט אין דער קאָמיסיע: ד״ר נחמן סירקין און חיים פֿיינמאַן, ביידע שוין אויפֿן עולם האמת. חיים פֿיינמאַן איז געווען דער סעקרעטאַר פֿון דער קאָמיסיע. אין דעם פֿאַרעפֿנטלעכטן באַריכט פֿון דער קאָמיסיע — אַ גאַר וויכטיקער פֿונדאַמענטאַלער ספֿר — זיינען אָנגעצייכנט געוואָרן אַ סך פֿון די גאַר גרויסע פּראָיעקטן, וואָס די יידישע אַרבעטערשאַפֿט פֿון ישראל האָט נאָך דעם אַזוי גלאַנצפֿול אויסגעפֿירט. חבר פֿיינמאַנס חלק אין אָט דער אַרבעט איז געווען גאָר אַ וואָגיקער.

חיים פֿיינמאַן איז געווען איינער פֿון די גאָר געבילדעטע חברים אין דער פּאַרטיי. ער איז געוואָרן אַ לעקטאָר אין טעמפּל־אוניווערסיטעט אויף ענגלישער ליטעראַטור פֿון דער עליזאַבעטישער עפּאָכע. שפּעטער איז ער געוואָרן אַ פֿולער פּראָפֿעסאָר. נאָך שפּעטער איז ער דערהויבן געוואָרן צום דעקאַן פֿון אָט דער אָפּטיילונג אין דער טעמפּל־אוניווערסיטעט. ער האָט פֿאַרמאָגט טיפֿע און ברייטע ידיעות אין ליטעראַטור. פֿאַר דער כאַראַקטעריסטיק פֿון זיין אמתער עניוות זאָל דינען דער פֿאַקט, אַז ער האָט ניט געקענט דולדן, אַז חברים זאָלן זיך ווענדן צו אים מיט טיטולן. שטענדיק איז ער געווען פּשוט חיים פֿיינמאַן. און דעם נאָמען חיים האָט ער אויך אַריבערגעטראָגן — אָן ענדערונגען — אין ענגליש. דאָס זיינען אַלץ פּרטים פֿון זיין כאַראַקטעריסטיק. ער איז אָבער געווען אַן אייגנאַרטיקע פּערזענלעכקייט, וועלכע איז, אויף אַ גאָר זעלבשטענדיקן אופֿן, אויסגעפֿאָרמירט געוואָרן, אַנדערש ווי כמעט אַלע אונדזערע ראשונים פֿון דער וועלט־באַוועגונג.

*

בשותּפֿותדיקע לעבנס און ווירקונגס־שטחים האָבן מיך פֿאַרבונדן מיט אים זינט דעם 1טן מאַי 1905. דאָן איז אין פֿילאַדעלפֿיע אָפּגעהאַלטן געוואָרן די ערשטע קאָנפֿערענץ פֿון די אַמעריקאַנער פּועלי־ציון. און שוין אויף יענער קאָנפֿערענץ זיינען בולט געוואָרן אייניקע שטריכן פֿון חיים פֿיינמאַנס אייגנאַרטיקייט.

די ניו־יאָרקע גרופּע פֿון די ערשטע פּועלי־ציון איז מערסטנס באַשטאַנען פֿון אַריבערגעקומענע חברים פֿון אייראָפּע. אין איר האָבן זיך געפֿונען עטלעכע פֿון דער מינסקער גרופּע מיט א. ליטווין בראש; עס האָבן זיך אויך געפֿונען אַזעלכע, וואָס זיינען געוואָרן פּועלי־ציון אין אַמעריקע. צווישן זיי זיינען געווען די סאַמע ערשטע משה־יעקב גודמאַן, אברהם גאָלדבערג (דער, וואָס איז שפּעטער געוואָרן דער יידיש־טריבון פֿון די אַלגעמיינע ציוניסטן), און אַנדערע. איך אַליין בין געווען אַ יוצא־דופן: מיין פּועלי־ציוניזם, ווי איך האָב שוין אַ מאָל דערציילט, האָט זיך אין מיר אַנטוויקלט כמעט אויפֿן וועג צווישן רוסלאַנד און אַמעריקע. די ניו־יאָרקער גרופּע איז אָבער געווען ווייניק כאַראַקטעריסטיש, ווי אַן אַמעריקאַנער גרופּע. איר שפּראַך איז געווען יידיש און געלעבט האָט זי נאָך כמעט אימיגראַנטיש. ביי אייניקע פֿון אונדז האָט אָפֿט געמאַטערט דער ספֿק, אויב אונדזער יידיש וועט קענען געוויגען אַנהענגער אין נייעם לאַנד.

אַ גאַנץ אַנדער בילד האָבן מיר געטראָפֿן אין פֿילאַדעלפֿיע. די פֿירער פֿון דער דאָרטיקער גרופּע זיינען געווען כמעט אַלע פֿאַרוואָרצלט אין דער אַמעריקאַנער

קולטור. דאָרט האָבן מיר געטראָפן דעם אַנאַרכיסט־ציוניסט יחזקאל עדלשטיין ז״ל, אַ פּלאַמיקער ענטוזיאַסט, פאַרטיפט אין דער אַנאַרכיסטישער אידעע, באַשעפטיקט מיט אויפשטעלן קאָאָפּעראַטיווע קליטן און פאַרכאַפּט פון דעם ציוניזם מיט חסידישער התלהבות, וואָס אין אַמעריקע איז עס געווען אַ זעלטנקייט. דער דאָזיקער פלאַקערדיקער חבר איז, לײַדער, דערטרונקען געוואָרן אין יאָר 1907. שווער זיך פאָרצושטעלן, וואָס פאַר אַן אוצר פון דינאַמישן כוח דאָס ייִדישע פאָלק בכלל און אונדזער באַוועגונג בפרט האָט פאַרלאָרן דורך אָט דעם אומגעלומפּערטן אומגליק. אין פילאַדעלפיע האָט דאַן געלעבט דער חבר ד״ר א. ש. וואַלדשטיין, דער היפוך פון עדלשטיינען: אַ רויִקער, לפּנים אַפילו אַ קאַלטער, טיף־דענקענדיקער חבר, וואָס טיף אין האַרצן האָט דער פּועלי־ציוניזם געצונדן זיין נשמה. (שפּעטער האָט ער זיך באַזעצט אין ניו־יאָרק. אין 1906 האָט ער געגרינדעט די ערשטע פּועלי־ציון־„החלוץ״ גרופּע אין אַמעריקע). געווען אין דער גרופּע מענטשן פון הויכער אינטעליגענץ, וועלכע האָבן שפּעטער פאַרלאָזן די באַוועגונג און אַריינגעטראָגן זייערע השפּעות אויף פאַרשידענע שטחים פון אַלגעמיינעם אַמעריקאַנער לעבן. (די מערסטע פון זיי זיינען שוין אויפן עולם האמת). געלעבט האָט דאַן אין פילאַדעלפיע אויך אונדזער איצטיקער 70־יאָריקער יובילאַר, חבר מאיר בראָון, אים צו לאַנגע יאָר. און צוזאַמען מיט זיי אַלעמען — זייער ראש־המדברים אין זייער נאָמען, דער אַקטיוויסטער צווישן זיי — חיים פיינמאַן. מען קען זאָגן, אַז יענע פון אונדזערע ניו־יאָרקער, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער קאָנפערענץ, האָבן פון דער פילאַדעלפיע־גרופּע באַקומען אומגעהויערע דערמוטיקונג, אַז אויך אין אַמעריקע איז דאָ אָרט פאַר דער פּועלי־ציון־אידעע. די פאַרהאַנדלונגען ביי דער קאָנפערענץ האָבן געגעבן מעגלעכקייטן צו דערקענען די אייגנאַרטיקייט פון חבר פיינמאַן. אַלע פאַרהאַנדלונגען איז ניט מעגלעך אויסצורעכענען. גענוג בלויז איינע — די וויכטיקסטע.

✶

עס איז באַשערט געווען אָט דער ערשטער קאָנפערענץ צו באַשעפטיקן זיך מיט דער דאַן ברענענדיקער פראַגע אין ציוניזם — וועגן אוגאַנדאַ. אין אָט דעם טיפן וויכוח איז בולט געוואָרן די באַזונדערקייט פון חיים פיינמאַן.

די מערהייט פון די 23 דעלעגאַטן, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין דער קאָנפערענץ, זיינען געווען גענייגט צום טעריטאָריאַליזם. בלויז 5 זיינען געווען „פּאַלעסטינצעס״ (אַזוי האָבן זיי זיך דאַן גערופן). צווישן די דאָזיקע 5 — חיים פיינמאַן און מיין ווייניקייט. איך האָב לאַנג מיין פּאַלעסטיניזם ניט אויסגעהאַלטן. עטלעכע חדשים נאָך דער קאָנפערענץ, ווען די פּאַרטיי האָט זיך געשפּאָלטן, בין איך אַוועק צו די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן. חיים פיינמאַן איז געבליבן פעסט און אָנגעהאַלטן זיין פעסטקייט אַלע זיינע יאָר. וואָס איז געלעגן הינטער דער פעסטקייט?

איך האָב, חלילה, ניט בדעה צו פּרובירן פאַרענטפערן מיין האַלטונג. איך בין מודה, אַז איך האָב דאַן געמאַכט אַ פאַלשן שריט. עס איז כלל ניט וויכטיק צו דערקלערן די סיבות. איך וויל נאָר אַרויסברענגען דעם באַזונדערן שטריך פון פיינמאַנס גייסטיקן כאַראַקטער.

די מערסטע פון אונדז האָבן דערגרייכט דעם פּועלי־ציוניזם נאָך לאַנגע חדשים — אַ מאָל אויך מער! — פון אינערלעכע גריבלענישן. טייל פון אונדז זיינען געווען אַמאָליקע ישיבה־בחורים. אונדזער ישיבה־בחורישע דערציִונג האָט אין אונדז אַנטוויקלט די נייגונג צו איבערגעטריבענעם פּלפּול. יונג ווי מיר זיינען געווען (איך האָב נאָך בשעת דער קאָנפערענץ ניט דערגרייכט קיין פולע 18 יאָר; פיינמאַן — נאָך ניט קיין פולע 20 יאָר), האָבן מיר פון דעסטוועגן שוין געהאַט גענוג דערפאַרונג אין פּראָצעסן פון מחשבה. אונדז — „די געוועזענע ישיבה־בחורים" וועלן מיר זיך רופן — האָט דער טעריטאָריאַליזם געמאַטערט ניט נאָר צוליב זיינע פּראַקטישע אויסזיכטן, ניט נאָר מחמת דער שאלה, צי קען מען טאַקע שנעל פאַר־ענטפערן די „יידן־נויט" דורך אַן אַנדער טעריטאָריע, ווי די טעריטאָריאַליסטן האָבן דערקלערט; אונדז האָט אויך — און בעיקר — געמאַטערט די פראַגע: וווהין פירט דער וועג פון דער יידישער געשיכטע — צוריק קיין ציון, אָדער ערגעץ ווו אַנדערש? אונדז האָט געמאַטערט די פראַגע: וועלכע רעזולטאַטן קען אָט דער „ערגעץ ווו אַנדערש" ברענגען פאַר דער אויפהאַלטונג פון דער יידיש־גייסטיקער אייגנאַרט? בכלל איז דער יידישער דור אין אייראָפּע, צו וועלכן איך שרייב זיך אויך צו, געווען אַ דור פון שטענדיקן גריבלען זיך, פון שטענדיקן זוכן. דאָס האָט אָן ספק געבראַכט סיי פּאָזיטיווע, אָבער אויך נעגאַטיווע רעזולטאַטן. חיים פיינמאַן האָט ניט געליטן פון אָט דעם קאָמפּלעקס. ער איז געווען אוממיטלבאַר סיי אין זיינע מחשבות, סיי אין זיינע שפּירונגען. ער האָט גוט געוווסט וואָס ער וויל און פאַר וואָס ער וויל עס. זיין צוגאַנג צום טעריטאָריאַליזם איז אויך געווען אָן גריבלעניש, אוממיטלבאַר: זיין אַרגומענטאַציע אויף דער קאָנפערענץ איז געווען קלאָר און פּשוט: דאָס יידישע פאָלק וועט אין קיין אַנדער טעריטאָריע ניט גיין. בויען אַ טעריטאָריע מוז קאָסטן אומגעהויערע, ניט נאָר מאַטעריעלע, נאָר אויך גייסטיקע אָנשטרענגונגען. עס איז אַ גרויסע פראַגע אויב דאָס יידישע פאָלק וועט קענען מאָביליזירן די מאַטעריעלע אָנשטרענגונגען. עס איז אָבער זיכער, אַז עס וועט ניט מאָביליזירן פאַר אַן אַנדער טעריטאָריע די נויטיקע גייסטיקע אָנשטרענגונגען.

מיט אָט דער זעלביקער אוממיטלבאַרקייט איז ער צוגעטראָטן צו אַלע פּראָ־בלעמען, וואָס זיינען אויפגעשטאַנען אין אונדזער באַוועגונג במשך די 55 יאָר פון איר עקזיסטענץ. חיים פיינמאַן איז דערביי געווען ווייט פון דאָגמעס. (מיט אָט דעם שטריך קענען זיך באַרימען די מערסטע חברים פון אַמעריקע). ער האָט זיך ניט געשראָקן אויסצוהערן אַפּיקורסות. ער האָט זיך אַליין אויך ניט אָפּגעזאָגט פון אַפּיקורסישע האַנדלונגען דאָ און דאָרט. אָבער אויך זיינע אַפּיקורסישע האַנד־לונגען האָבן געדאַרפט שטאַמען פון זיין אוממיטלבאַרקייט אין מחשבה און אין געפיל.

*

עס וואָלט מיר פאַרנומען צו ווייט אויסצורעכענען אַלע געביטן, אויף וועלכע חיים פיינמאַן האָט צוגעטראָגן זיינע וואָגיקע מחשבות און מעשים. אין אַלע אונדזערע אַרבעטן, אין אַלע אונדזערע קאַמפּן האָט ער פאַרנומען דאָס ערשטע אָרט אין זיין שטאָט, אין פילאַדעלפיע. אין דער קאָנגרעס־באַוועגונג, אין הסתדרות־קאַמפּיין,

אין די אַרבעטן פאַר דער אַלגעמײן־ציוניסטישע פאָנדן — אין אַלץ וװו נאָר אונדזער באַװעגונג האָט זיך באַטײליקט, האָט ער אין פילאַדעלפיע דורכגעפירט זײַן חלק אַרבעט. דערבײַ האָט ער אויך זײער פיל געהאָלפן אין אַלע טעטיקײטן איבערן גאַנצן לאַנד, װוּ ער האָט זײער אָפט באַזוכט אין שליחות פון דער באַװעגונג. איך װיל זיך צום סוף נאָך אָפּשטעלן אויף אײן װיכטיקן שטח פון אונדזער אַרבעט, אויפן שטח פון דערציִונג.

מיר איז ניט באַקאַנט װען פּינקטלעך חבר פײנמאַן איז געקומען קײן אַמעריקע. איך װײס ניט, צי האָט ער זײַן העברעיִש װיסן מיטגעבראַכט אין זײַנע קינדערשע יאָרן פון אײראָפּע, אָדער ער האָט עס דערװאָרבן אין פילאַדעלפיע. געװען דאַן דווקא אין פילאַדעלפיע אַ װיכטיקע גרופּע פון העברעיִש־קענער. מעגלעך, אַז אין די יאָרן פון מײַן קומען קײן אַמעריקע האָט שוין פונקציאָנירט אין אַמעריקע אַ גוטע תלמוד־תורה. איך װײס אָבער יאָ, אַז װען מיר האָבן אָנגעהויבן בויען אונ־דזערע קינדער־שולן אין אַמעריקע, האָט חיים פײנמאַן, מיט דער זעלביקער אומ־מיטלבאַרקײט, אָנגענומען אונדזער צװײשפּראַכיקײט אין דער דערציִונג. דאָס האָט אונדז װידער געקענט דערמוטיקן: אַ מענטש װי חבר פײנמאַן, װאָס דערציִונג איז זײַן פאַך, װאָס ליטעראַטור איז דער תמצית פון זײַנע מחשבות, װאָס האָט זיך אויפגעהויבן אויף אַ הויכער שטאַפּל פון לערנען ענגלישע ליטעראַטור מיט די סטודענטן פון אײנעם פון די װיכטיקסטע אוניװערסיטעטן אין לאַנד, װאָס זײַן פאַרװאָרצלטקײט אין דער ענגלישער קולטור איז געװען אַזױ טיף און העברעיִש האָט ער גוט געקענט — אַזאַ מענטש האָט זײער לײַכט געקענט פאַרכאַפּט װערן פון דער דעמאָלטיקער אוסישקין־לאָזונג — עברית או רוסית — און זי אַריבערטראָגן אויף „עברית או אַנגלית". געװען דאַן אַזעלכע ציוניסטן אין אַמעריקע מיט װײניקער ענגלישע קולטור און מיט װײניקער העברעיִשן װיסן, װי חבר פײנמאַן, װאָס האָבן טאַקע אָנגענומען אָט דעם „פּרינציפּ". חיים פײנמאַן האָט אָבער אויך דאָ דערשפּירט אוממיטלבאַר די באַדײַטונג פון ייִדיש אינעם גרעאַנגל פאַרן ייִדיש־נאַציאָנאַלן קיום. ער איז דעריבער געװען פול און גאַנץ מיט דער דערציִונגס־פּאָליטיק פון דער באַװעגונג. דאָס ייִדישע פילאַדעלפיע איז געװאָרן אײנע פון די װיכטיקסטע צענטערן פון אונדזער דערציִונגס־װערק. אַ סך חברים אין פילאַדעלפיע האָבן אָפּגעגעבן און גיבן נאָך אויך איצטער אָפּ, פיל ענערגיע פאַר אָט דער פּאַזע פון אונדזער אַרבעט. חבר פײנמאַן איז אויך אויף דעם געביט געװען גאַנץ אַקטיװ.

און דאָס איז בײַ אים געװען ניט בלױז אַ פּראָגראַם פאַר עמעצן אַנדערש קינדער. פאַרקערט! זײַנע אײגענע קינדער האָט ער דערצויגן צו גײן אין זײַנע װעגן און אים איז דאָס זײער שטאַרק געלונגען. איך װײס ניט װיפל פרײד חבר פײנמאַן האָט געהאַט אין זײַן פּריװאַטן לעבן. צי דאָס איז גוט אָדער ניט — װאַר־שײַנלעך ניט! — אין אונדזער באַװעגונג האָט מען אָט דעם אַספּעקט פון אַ חברס לעבן געשענקט װײניק אויפמערקזאַמקײט. איך װײס אָבער װיפל פרײד ער האָט אַרויסגעצויגן פון דעם פאַקט, װאָס זײַן זון, דניאל, גײט אין גאַנצן אין זײַנע װעגן, סײַ בנוגע דער װעלט־קולטור, סײַ בנוגע דער ייִדישער קולטור און אויך אין פּועלי־

ציוניזם. זיין זון איז איצטער אַ דאָצענט אינעם דעפּאַרטמענט פאַר דער ענגלישער ליטעראַטור אין ירושלימער העברעיִשן אוניווערסיטעט.

איבערלעבנדיק דעם שאַרפן ווייטיק פון זיין טויט, האָב איך בלויז געקענט אָנשרייבן שנעל די אויבערשטע שורות. איך פיל, אַז איך האָב ניט פול און גאַנץ אַרויסגעבראַכט ניט די פּערזענלעכקייט פון חיים פיינמאַן און ניט זיין ראָלע אין אונדזער באַוועגונג. איך קען לײדער איצטער מער גאָרניט צוגעבן. דער בית הקברות אין האַרצן ווערט צו געדיכט. שוין אים צו טראָגן. קיין וואָרט פון טרייסט קען מען ניט געפינען. די אַלע פּסוקים, וואָס מען זאָגט ביי אַזאַ געלעגנהייט, פאַרלירן זייער טיפקייט פון צו אָפטן נוצן זיי. קען איך נאָר בעטן צו באַהעפטן מיין ווייטיק מיטן ווייטיק סיי פון דער משפּחה, סיי פון חברים.

וועגן צוויי וותיקים

דוד רעבעלסקי און ישראל בערקענבליט (געשריבן אין אויגוסט 1959)

ביידע זיינען אַוועק פון אונדז מיט איבער אַ חודש צוריק. עס ווערט שווער צו שרייבן אַפּטע הספדים אויף חברים, אָבער דער געוויסן פּאַרפּליכטעט: האָסט געאַרבעט צענדליקע יאָרן מיט חברים פאַר איין אידעע, קענסטו זיך ניט באַפרייען פון דעם חברישן חוב צוצוטיילן דעם לעצטן כבוד צו זייער זכר.

עס איז אפשר ניט אָנגענומען צו גיסן טרערן אויף צוויי קברים מיט אַ מאָל. ס׳איז אָבער דער זעלביקער טרויער, דער זעלביקער ווייטיק. ביידע חברים זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט דער זעלביקער אידעע וואָס האָט אויך דיין נשמה אויס־געפולט. ביידע האָבן זייערע לעבנס געווידמעט דער דאָזיקער אידעע.

אַוודאי זיינען זיי געווען צוויי פאַרשידענע פּערזענלעכקייטן. וואָלט דער ציל געווען צו שילדערן זייערע פּערזענלעכקייטן, וואָלט געווען שווער צו שרייבן וועגן ביידע צוזאַמען. אָבער ביי די טרויער־אויסדרוקן באַלד נאָכן טויט פון חברים געלינגט סיי־ווי קיין מאָל ניט צו געבן אַ פולע אָפּשאַצונג פון דער פּערזענלעכקייט פון פאַרשטאָרבענעם. דערצו פאָדערט זיך דיסטאַנץ. אויב אָבער מען פּרוווט ניט צו געבן פולע אָפּשאַצונגען פון די פּערזענלעכקייטן, נאָר מען איז אויסן די געמיינ־שאַפטלעכקייט פון דער אידעע, שטעלן דווקא די צוויי פאַרשטאָרבענע חברים צו־זאַמען מיט זיך פאַר אַ מערקווירדיקע גאַנצקייט. איינער דערגענצט דעם צווייטן אין אונטערשטרייכן דעם אייגנאַרטיקן כאַראַקטער פון אונדזער אידעע. און וועגן דעם וויל איך זאָגן עטלעכע ווערטער.

*

וויניק חברים וויסן וועגן דעם אָנהייב פון חבר ישראל בערקענבליט אין אונ־דזער באַוועגונג. וואָס איך אַליין ווייס פון אייגענער מיטאַרבעט מיט אים, וועל איך באַלד דערציילן. אָבער וועגן זיין אָנהייב האָב איך זיך דערוווּסט דורך אַ מערק־ווירדיקן דאָקומענט, וואָס איך האָב געלייענט מיט אַן ערך אַ יאָר צוריק. דער דאָקומענט איז: אַ בריוו געשריבן פון חבר בער באָראָכאָוו, זכרונו לברכה, צום חבר ד״ר יהודה קויפמאַן, זאָל מאריך ימים זיין. דער בריוו איז אָן אַ דאַטע. ער האָט אָבער, לויט מיין חשבון, געדאַרפט געשריבן ווערן אין 1913 אָדער 1914. אין אָט דעם דאָקומענט האָט אויפגעטויכט דער נאָמען פון חבר ישראל בערקענבליט.

דער בריוו רופט אַרויס אין זכרון די אינערלעכע אידעיִשע גרענעצן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין די ערשטע 10 יאָר פון דער פּועלי־ציון־באַוועגונג אין אַמעריקע. אַ גרופּע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּועלי־ציון זיינען ניט געווען צופרידן מיט דער אידעיִשער איינשטעלונג פון די אַמעריקאַנער חברים, ווייל זיי — די אַמעריקאַנער חברים — האָבן ניט באַגרינדעט זייער פּועלי־ציוניזם אויפן היסטאָ־רישן מאַטעריאַליזם. ווען חבר בער באָראָכאָוו איז געקומען קיין אַמעריקע, האָט ער זיך נאַטירלעך פאַרבונדן מיט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פראַקציע. אין

סניף פון אָט דער פראַקציע איז אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער פּאַרטיי צוליב אַ פּרינציפּיעלן סכסוך אַרום אונדזער שטעלונג צום נאַציאָנאַל־פּאָנד. די פראַגע איז געווען, צי איז די נאַציאָנאַל־פּאָנד־אַרבעט פאַר אונדז אַ חוב, אָדער בלויז אַ רשות. חבר באַראָכאָוו האָט געהאַלטן, אַז דער נאַציאָנאַל־פּאָנד איז פאַר אונדז אַ רשות־זאַך: ווער עס וויל, אַרבעט פאַר אים, ווער עס וויל ניט, אַרבעט ניט; אַז אַ חוב איז פאַר די חברים נאָר דער פּאַלעסטינע־אַרבעטער־פּאָנד. די שטעלונג פון צענטראַל־קאָמיטעט איז געווען, אַז די נאַציאָנאַל־פּאָנד־אַרבעט איז פאַר אונדז פּונקט אַזאַ חוב ווי דער פּאַלעסטינע־אַרבעטער־פּאָנד. איין סאָציאַל־דעמאָקראַטישער סניף האָט זיך ניט געוואָלט באַטייליקן אין אַ פּראָקלאַמירטער אַקציע פאַרן נאַציאָנאַל־פּאָנד, האָט אים דער צענטראַל־קאָמיטעט אויסגעשלאָסן פאַר דיסציפּלין־ברוך.

ווען איך אַוודאי היינט זיך ניט באַשעפטיקן מיט אָט דעם פּרינציפּיעלן וויכוח פון די קינדער־יאָרן פון אונדזער באַוועגונג. איך האָב עס נאָר דערמאָנט, כדי צו געבן דעם הינטערגרונט, אויף וועלכן דער באַראָכאָוו־בריוו איז געשריבן געוואָרן. אין יענעם בריוו באַקלאָגט זיך חבר באַראָכאָוו. פאַר וואָס אַזעלכע חברים ווי יהודה קויפמאַן נעמען זיך ניט אָן די קריוודע פון די אויסגעשלאָסענע חברים. אין פאַרבינדונג דערמיט רעדט חבר באַראָכאָוו וועגן דער נויטיקייט אויסצוקלייבן אַ נייעם צענטראַל־קאָמיטעט. ער שלאָגט אויך פאַר דעם פּערסאָנאַלן צוזאַמענשטעל פון נייעם צענטראַל־קאָמיטעט. פון זיין פראַקציע שלאָגט ער פאַר דריי חברים: ראובן קענדזשערסקי און ישראל בערקענבליט פון ניו־יאָרק און ערנסט קראַנבערגער פון מאָנטרעאַל.

די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פראַקציע האָט געמוזט ציילן צווישן 150 ביז 200 חברים. פון זיי אַלע האָט באַראָכאָוו אויסגעקליבן בלויז דריי, איינער פון זיי — דער אָקאָרשט־פאַרשטאָרבענער ישראל בערקענבליט *. דאָס הייסט, אַז מיט אַרום 45 יאָר צוריק האָט חבר באַראָכאָוו באַטראַכט ישראל בערקענבליט ווי אַ חבר מיט פירערישע פעיִקייטן.

פון דעם בריוו קען מען זען, אַז חבר בערקענבליט האָט אין זיין יוגנט געהערט צו דער עקסטרעמער באַראָכאָוויסטישער, סאָציאַל־דעמאָקראַטישער ריכטונג, אַזוי אַז חבר באַראָכאָוו אַליין האָט געהאַט צו אים אַ גוואַלטיקן צוטרוי. פון גאָר אַן אַנדער ריכטונג איז אַרויסגעוואַקסן חבר דוד רעבעלסקי.

✶

---

* איך בין דאַנקבאַר חברים פון ניו־יאָרק פאַרן צײַען מיין אויפמערקזאַמקייט אויף מיינס אַ טעות בנוגע דעם פאַרשטאָרבענעם חבר ישראל בערקענבליט ז״ל. איך האָב געשריבן, אַז ער איז געווען איינער פון די באַראָכאָוויסטן ביים אָנהייב פון אונדזער פּאַרטיי אין אַמעריקע. ס'ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז דאָס איז ניט ריכטיק, דער חבר ישראל בערקענבליט, וועמען חבר בער באַראָכאָוו דערמאָנט אין זיין בריוו צו חבר ד״ר יהודה קויפמאַן — אים צו לענגערע יאָר — איז גאָר געווען אַ קוזין פונעם נפטר. דער חבר וואָס ווערט דערמאָנט אין באַראָכאָווס בריוו לעבט נאָך, דאַנקען גאָט — און זאָל ער מאריך ימים זיין!

מיטן אויסבעסערן דעם טעות ווערט נאַטירלעך ניט פאַרמינערט די געשטאַלט פונעם נפטר.

ב. צ.

דוד רעבעלסקי האָט אין זיין יוגנט געהערט צו יענע צעירי־ציון, וועלכע האָבן שווערלעך שלום געמאַכט מיטן טערמין סאָציאַליזם. און האָבן זיי אָט דעם טערמין באַנוצט, האָבן זיי זיך אָנגערופן: פאָלקס־סאָציאַליסטן. דעם היסטאָרישן מאַטער־יאַליזם, ווי אַ באַגרינדונג פאַר זייער אידעע, האָבן די דעמאָלטדיקע צעירי־ציון ניט אָנגענומען. מיט דער צייט האָבן די מענטשן פון די צוויי עקסטרעמע געדאַנקען־וועלטן געפונען זייער אָרט אין דער געמיינשאַפטלעכער אידעע, וואָס איז אַנטוויקלט געוואָרן צו אַ וועלט־אַנשויונג: אַלץ וואָס איך שייך דעם מענטש ווי אַ יחיד און דער מענטשהייט ווי אַ כלל, און אַלץ וואָס איז שייך דעם יידן ווי אַ יחיד און יידישן פאָלק ווי אַ כלל, מוז זיין איינגעשלאָסן אין דער ברייטער ראַם פון אַרבעטער־ציוניזם.

אָט די אייגנשאַפט פון דער אידעע האָט באַוויזן אַריינצוצי:ען אין איין פּאַרטיי, אונטער די פליגלען פון איין באַוועגונג, דעם חבר דוד רעבעלסקי, וואָס האָט גע־הערט צו איין עקסטרעם אין זיינע יונגע יאָרן און דעם חבר ישראל בערקענבליט, וואָס האָט אין זיין יוגנט געהערט צו אַ צווייטן עקסטרעם. און ביידע, יעדער לויט זיינע פעיקייטן, האָבן געווידמעט זיינע קרעפטן דער געמיינשאַפטלעכער באַוועגונג. זי איז געוואָרן דער סאַמע תוך פון זייערע לעבנס.

✶

חבר ישראל בערקענבליט איז געקומען אַ סך פרי:ער קיין אַמעריקע. ער האָט געהאָט די געלעגנהייט צוצוטראָגן זיין ענערגיע צו דער באַוועגונג אין אַלע שטחים פון איר טעטיקייט. איך וויל אָבער אַרויסברענגען איין טעטיקייט־געביט, אין וועלכן זיין חלק איז געוועזן צווישן די סאַמע אָנגעזעענסטע. איך האָב אין זינען די רעליף־אַרבעט פאַר די יידישע מלחמה־קרבנות בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה.

די וואָלונטירן האָבן געזאַמלט ניט קיין גרויסע סכומים. די גרעסערע ביישטיי־ערונגען זיינען דאַן געזאַמלט געוואָרן ניט דורך „פיפּלס רעליף״, נאָר דורך דער „אַמעריקן דזשוּאיש רעליף קאָמיטע״. די צוויי וויכטיקע שטייערן פון די וואָלונטירן אין יענער צייט זיינען באַשטאַנען — ערשטנס, אין האַלטן וואַך אין יידישע הערצער זייער פליכט צו די מלחמה־קרבנות. צווייטנס, האָבן זיי דערהויבן די הילפס־אַרבעט צו דער הייך פון אַ נאַציאָנאַלער פליכט. זיי האָבן דורך דעם ניט דערלאָזט רעדוצירן די גרויסע הילפס־אַרבעט צו דער מדרגה פון בלויז פילאַנטראָפּיע.

אין יענער אַרמיי פון וואָלונטירן, וואָס האָט יידער פונקציאָנירט נאָר 2—3 יאָר, געדענק איך זייער גוט די איבערגעגעבענע אַרבעט פון חבר בערקענבליט.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז זיין חלק האָט ניט געפעלט אין אַלע אַרבעטן, וואָס די באַוועגונג האָט אָנגעפירט. פרי:ער די פּאַרטיי אַליין, שפּעטער אין שותפות מיטן „פאַרבאַנד״, נאָך שפּעטער אין שותפות מיט דער פיאָנערן־פרויען־אָרגאַניזאַציע. אין דער אַרבעט פאַר יידישער דערציִונג, אינעם געראַנגל פאַר דער קאָנגרעס־באַוועגונג, אין דער אַרבעט פאַר אונדזער פרעסע, פאַרן „יידישן קעמפער״, און בעיקר — אין דער גרויסער אָנשטרענגונג, וואָס די גאַנצע באַוועגונג האָט געמאַכט אויפצושטעלן אונדזער טאָג־צייטונג „די צייט״, אין דער אַרבעט פאַר אַלגעמיין־ציוניסטישע פאָנדן און שפּעטער אין דער אַרבעט פאַרן געווערקשאַפטן־קאַמפּיין —

אין אַט די אַלע אַרבעטן האָט חבר בערקענבליט אַריינגעטאָן זיין ענערגיע און זיינע פעיִקייטן.

✶

חבר דוד רעבעלסקי איז געווען אַ חבר פון גאָר הויכער אינטעלעקטועלער באַגאַבונג. אין זיינע יונגע יאָרן האָט ער געווידמעט זיינע כוחות דער באַוועגונג אין רוסלאַנד פון פאַר דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע און אין דעם ציוניסטישן געראַנגל אין די ערשטע יאָרן נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע. שוין דאָרט האָט ער זיך אויסגעצייכנט סיי מיט זיין שאַרפער פעדער, סיי מיט זיין פונקט אַזוי שאַרפן וואָרט.

קומענדיק קיין אַמעריקע, האָט דוד רעבעלסקי ממשיך געווען זיין טעטיקייט אין דער גאָר־יונגער אַמעריקאַנער צעירי־ציון־פּאַרטיי. ער האָט איר געדינט ווי איר סעקרעטאַר, ווי דער רעדאַקטאָר פון איר אָרגאַן, ווי איר אַגיטאַטאָר, ווי איר לעקטאָר. ער האָט געאַרבעט צוזאַמען מיט די חברים חיים גרינבערג, דוד ווערטהיים, אברהם שפּירער — אַלע שוין אויפן עולם האמת — און, יבדלו לחיים, מיט די חברים לייב גלאַנץ און אברהם לוי, וואָס געפינען זיך אין מדינת ישראל, און מיט דעם חבר ל. רובינשטיין, וואָס פאַרנעמט איצט די פּאָזיציע פון לייטער פון קולטור־דעפּאַרטמענט פון „פאַרבאַנד". זיי אַלע האָבן זיך געזאַמלט אַרום דער נייער פּאַרטיי, אַריינגעבלאָזן אין איר אַ רוח חיים און זי אויפגעהאַלטן ביז איר פאַראייניקונג מיט דער עלטערער און גרעסערער פּאַרטיי, פּועלי־ציון.

די וויכטיקסטע אַמטן אין דער פאַראייניקטער פּאַרטיי האָבן דווקא פאַרנומען די חברים פון דער קלענערער צעירי־ציון: חבר חיים גרינבערג — רעדאַקטאָר פון „יידישער קעמפער" און פון „פראָנטיער"; דוד ווערטהיים — סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי, און אַזוי אַנדערע חברים.

חבר רעבעלסקי האָט זיינע ספּעציעלע באַגאַבונגען אַריינגעטראָגן אין אַלע שטחים פון אונדזער אַרבעט פון דעם ערשטן טאָג נאָך דער פאַראייניקונג. זיין פעדער, זיין וואָרט און זיין גאַנצע ענערגיע האָט ער געשטעלט אין דינסט פון דער גאַנצער באַוועגונג. זיינע הויפּטקרעפטן האָט ער אָפּגעגעבן דעם געווערקשאַפטן־קאַמפּיין. ער האָט געפירט די אַרבעט אין גאָר אַ סך שטעט איבערן לאַנד, בעיקר אָבער אין שיקאַגאָ, לאָס אַנדזשעלעס און סט. לואיס. אומעטום האָט ער די אַרבעט דערהויבן צו אַ הויכן גייסטיקן און מאָראַלישן ניוואָ. זיין ציל איז שטענדיק געווען אַ צווייפאַכער: מיטלען פאַר דער הסתדרות און גלייכצייטיק דערציִען חברים און פריינד צו מאָראַלישער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אַן אידעע, וואָס מען טראָגט אין האַרצן. די דאָזיקע אויפגאַבן האָט ער דורכגעפירט כמעט ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן, אויך אין די יאָרן ווען אַ קראַנקייט האָט אָפּגעשוואַכט זיין גוף.

✶

ווען מיר האָבן אין תּל־אביב מיט בערך אַ יאָר צוריק מספּיד געווען דעם יונג־פאַרשטאָרבענעם חבר אברהם העמלין, זכרונו לברכה, האָב איך דאָן געזאָגט, אַז מיר, אין אַמעריקע, זיינען געווען די שואבי מים — די וואַסער־טרעגער — צו די ארץ־ישראלדיקע חוטבי־עצים — די אמתע בויער. איך האָב מורא, אַז איך האָב

אַ ביסל אונטערגעשעצט אונדזער אַרבעט אין אַמעריקע; ניט, חלילה, דערפֿאַר וואָס איך באַטראַכט די ראָלע פֿון שואבי־מים ווי אַ מינדערווערטיקע. זי איז פּונקט אַזאַ נויטיקע ווי די חוטבי־עצים. איך האָב אָבער עפּעס אַנדערש אין זינען:

עס גייט איצטער אָן אַ וויכוח וועגן דער ראָלע פֿון גלות־יידנטום אין אויפֿשטעלן און פֿונאַנדערבויען די מדינה. זאָגן די מערסטע ישראלים: די אמתע בויער זיינען געווען, און זיינען אויך איצטער, די מענטשן פֿון ישוב. די יידן פֿון גלות זיינען בלויז מיטהעלפֿער. זאָגן ציוניסטן אין גלות: ניין! מיר זיינען שותפים. איך בין גענייגט צום צווייטן נוסח, כאָטש איך ווייס אַז מיר זיינען ניט קיין גלייכע שותפים. איך ווייס דעם קאָלאָסאַלן אונטערשייד צווישן דעם בייטראָג פֿון ישוב סיי פֿאַר דער אויפֿשטעלונג פֿון דער מדינה, און נאָך מער זינט די מדינה עקזיסטירט, און צווישן דעם צושטייער פֿון די גלות־יידן. אָבער מיר זיינען געווען פֿיל מער ווי בלויז אַרויסהעלפֿער.

ווען איך טראַכט וועגן דער פֿאַרצוויגטער טעטיקייט פֿון אונדזערע צוויי אָקאָרשט־פֿאַרשטאָרבענע חברים, קען איך בשום אופֿן ניט מסכים זיין, אַז זייער ראָלע איז געווען נאָר פֿון אַרויסהעלפֿער. זיי האָבן דאָך מיט אַלע חושים געלעבט דאָס לעבן פֿון דעם אַרבעטנדיקן און שאַפֿנדיקן ארץ־ישראל. און זיי זיינען געווען ניט קיין פֿאַראיינצלטע. די גאַנצע באַוועגונג איז געווען — און איז אויך איצטער — דורכגעדרונגען מיט אַלץ וואָס עס ווערט געבויט אין ישראל.

דוד פינסקי

צו די שלושים (געשריבן אין סעפּטעמבער 1959)

ביי זיין פרישן קבר וויל איך זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן דוד פּינסקי ווי אַ סאָציאַלן דענקער, וועגן דוד פּינסקי דעם אידעאַליסט און וועגן דוד פּינסקי אין אונדזער באַוועגונג אין די פּאַראייניקטע שטאַטן.

ווי אַ דענקער אויפן שטח פון סאָציאַלע אידעען פאַרנעמט פּינסקי גאָר אַן אייגנאַרטיקן פּלאַץ. שוין ביי זיינע סאַמע ערשטע טריט אויף דער יידישער טריבונע ברענגט ער מיט זיך אַן אויסגעשפּראָכענע שטעלונג אין אַלגעמיין־סאָציאַלע און אין יידיש־נאַציאָנאַלע פראַגן. יאָרן איידער דער „בונד" איז אויפגעקומען, נאָך איידער נחמן סירקין איז אויפגעטראָטן, איז דוד פּינסקי געווען, לויט זיין איבערצייגונג, אַ יידישער סאָציאַליסט, אונטערשטרייכנדיק סיי זיין יידישקייט, סיי זיין סאָציאַליזם.

שוין אין יאָר 1894, ווען ער האָט מיטגעאַרבעט מיט יצחק לייבוש פּרץ און מרדכי ספּעקטאָר אין צוגרייטן די העפטן פון „ליטעראַטור און לעבן" און די באַרימטע „יום־טוב־בלעטלעך", האָט ער, דער יינגסטער פון די דריי, זיך אויסגעצייכנט מיט צוויי אייגנשאַפטן: מיט זיין ראַדיקאַל־סאָציאַליסטישן קוק אויף דעם „ייד־און־מענטש־פּראָבלעם" און מיט זיין אויסערגעוויינלעכער איבערגעגעבנקייט אין זיינע, סיי קינסטלערישע, סיי געזעלשאַפטלעכע, אַרבעטן.

זיין ראַדיקאַל־סאָציאַליסטישער קוק איז בולט אין אַלע זיינע ווערק פון יענער עפּאָכע. און אויף זיין אידעאַליסטישער איבערגעגעבנקייט זאָגט עדות י. ל. פּרץ אַליין. אין אַ בריוו וואָס פּרץ האָט געשריבן צו יעקב דינעזאָן וועגן די שוועריקייטן, וואָס ער באַגעגנט ביים צוגרייטן די ליטעראַרישע העפטן, זאָגט פּרץ: „מיינע פריינד און מיטהעלפער זיינען: פּינסקי, פּינסקי און ווידער אַ מאָל פּינסקי" (ציטירט לויט שמואל ניגערס בוך „י. ל. פּרץ", זייט 231, ב. צ.).

אין יענע יאָרן האָט דוד פּינסקי געבראַכט פּרצן — צום ערשטן מאָל פאַר פּרצן — צו אַן אַרבעטער־פאַרזאַמלונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער דירה פון פּינסקיס עלטערן אין וואַרשע. פון יענער ערשטער באַגעגעניש צווישן פּרצן און צוויי צענדליק יידישע אַרבעטער האָט זיך אָנגעהויבן ווערבן אויף פּרצעס נאָענטקייט צו דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. עס איז אָבער פאַרבליבן אַ טיפער אונטערשייד צווישן דער פּרץ־באַציִונג און דער פּינסקי־באַציִונג, סיי צום יידישן אַרבעטער ווי אַ קלאַס, סיי צו דער סאָציאַליסטישער אידעע, וואָס דער אַרבעטער איז געווען איר טרעגער. דער דאָזיקער אונטערשייד איז אויך פאַרבליבן אין משך פון אַלע יאָרן פון זיין לעבן. פּרצעס באַציִונג איז געבליבן הענגען אין דער ספערע פון זיין נשמה, פון זיין גייסט; פּינסקיס באַציִונג איז, אין צוגאָב צו גייסט און נשמה, אויך אויסגעדריקט געוואָרן אין זיין באַהעפטונג צו מעשים, אין זיין טאָג־טעגלעכער פאַרבינדונג מיט דעם קאַמף צו רעאַליזירן דעם סאָציאַליזם.

איך ווייס ניט קיין בעסערן וועג ווי אַרויסצובריענגען די אייגנאַרטיקייט פון דער פינסקי־פּערזענלעכקייט, ווי דורך בולטער מאַכן דעם דאָזיקן אונטערשייד צווישן פּרץ און פינסקי. און איך ווייס ניט קיין בעסערן וועג ווי אַזוי עס בולט צו מאַכן, ווי צו ציִען אַ פאַרגלייך צווישן פּרצעס און פינסקיס צוגאַנג צו די העלדן פון דער דראַמע „די פאַמיליע צבי", וואָס פינסקי האָט אָנגעשריבן באַלד נאָכן קישענעווער פּאָגראָם. פּרץ האָט געהאַט שאַרפע טענות קעגן דער דראַמע. ער האָט געהאַט טענות פון קינסטלערישן שטאַנדפּונקט, וועלכע געהערן ניט צו מיין הײנ־טיקן שרייבן. ער האָט אָבער אויך געהאַט טענות בנוגע דעם סאָציאַלן און אידעיִשן תוכן פון דער דראַמע.

✶

אין „די פאַמיליע צבי" שילדערט פינסקי ניט נאָר דעם פּאָגראָם, בעיקר שיל־דערט ער די צעריסנקייט אין דער יידישער משפחה אין יענער צייט, וואָס ווערט בולט אין זייערע האַנדלונגען בשעת דעם פּאָגראָם. אין דער דראַמע זיינען פאַר־טראָטן כמעט אַלע גייסטיקע און פּאָליטישע גרופּירונגען פון דעמאָלטיקן יידנטום. די עיקרדיקע פּערזאָנען זיינען: דער זיידע משה מגיד, דער טיפער מאַמין באלקי ישראל; זיין זון יעקל, דער סוחר און פּראַקטישער מענטש און דריי אייניקלעך: ליפּמאַן דער ציוניסט, ראובן דער בונדיסט און לעאָן, וואָס איז פאַרכאַפּט פון אַסי־מילאַטאָרישע אידעען (אויך אַסימילאַציע האָט דאַן פאַרמאָגט אַן אידעיִשע באַזע, וואָס לעאָן רעפּרעזענטירט זי).

פינסקיס האַרץ איז אָמנאָענטסטן צו ראובן דעם בונדיסט. אין ראובנס מויל לייגט פינסקי אַריין דעם אָפּטימיזם פון ענדגילטיקן נצחון איבער אַלע פינצטערע כוחות. אים גיט פינסקי אויך דאָס לעצטע וואָרט אין זיין דראַמע, ווען ער הייסט אים אויסרופן: „מיר זיגן!" „מיר" — מיינט: דער זעלבשוץ.

אָבער אויך פאַר משה מגיד און פאַר דעם ציוניסט ליפּמאַן האָט פינסקי דער־הייבנדיקע ווערטער. משה מגיד איז אָן ספק די קרוין־פיגור פון דער דראַמע. פינסקי רינגלט אים אַרום מיט אַן אָרעאָל פון גייסטיקער שיינקייט. אָבער ער — משה מגיד — רעפּרעזענטירט דעם עבר, די פאַרשווינדנדיקע יידישע וועלט. אויך פאַר דעם ציוניסט האָט פינסקי שיינע פאַרבן. מען פילט אָבער אַז דעם עתיד, סיי דעם יידישן, סיי דעם אַלגעמיינעם, זעט פינסקי אין ראובן דעם בונדיסט.

און עס איז גאָר קיין וווּנדער ניט. מען דאַרף געדענקען, אַז אין יענער צייט, אין די ערשטע יאָרן פון איצטיקן יאָרהונדערט, האָט אַפילו אַזאַ איבערצייגטער ציוניסט, ווי דער באַרימטער מטיף לאומי צבי הירש מאַסליאַנסקי, געהאַלטן אין ניו־יאָרק באַגייסטערטע דרשות וועגן „בונד" אין רוסלאַנד. מאַסליאַנסקי האָט זיך, אמת, דאַן ניט געצנוג פאַנאַנדערגעקליבן אין די דעמאָלטיקע פאַרשיידענע ריכ־טונגען, וועלכע האָבן אָנגעהויבן אויפשפּראָצן אין רוסישן יידנטום. זיין באַגייס־טערונג פאַרן „בונד" האָט געשטאַמט פונעם פאַקט, וואָס דער נאָמען פון „בונד" איז געווען ענג פאַרבונדן מיט די ערשטע דערשיינונגען פון זעלבשוץ אין רוסלאַנד, וואָס האָט דאַן באַגייסטערט כמעט אַלע יידן פון אַמעריקע.

דוד פינסקי האָט אָבער זייער גוט געוווּסט, וואָס עס קומט פאָר אין רוסישן

יידנטום. זיין דראַמע גופא ווייס צו דערציילן, אַז ליפּמאַן, דער ציוניסט, באַטייליקט זיך אין זעלבשוץ פּונקט ווי ראובן, דער בונדיסט. פּינסקי לייגט אַריין דווקא אין מויל פון דעם ציוניסט ליפּמאַן דעם שאַרפסטן און דערהויבנדיקסטן פּסוק וועגן זעלבשוץ. ער, ליפּמאַן, רופט אויס: „קאָנען מיר ניט לעבן ווי מענטשן, זאָלן מיר שטאַרבן ווי מענטשן!" און פּינסקי, וואָס האָט נאָך דאַן ניט געהאַט צום ציוניזם קיין נשמה־באַציִונג, לייגט אַריין אַ פּאַראַפראַזע פון דעם זעלביקן פּסוק אין מויל פון משה מגיד: „קאָן מען ניט לעבן ווי יידן, זאָלן מיר שטאַרבן ווי יידן!"

איז אַוודאי אָט דער זאַץ זייער צוגעפּאַסט צו דער פיגור פון משה מגיד, אָבער אין שפּעטערדיקע יאָרן האָט דוד פּינסקי גוט געוווּסט, אַז אויך פאַרן ציוניסט פּאַסט זיך דער פּסוק זייער גוט. און ווען דוד פּינסקי האָט אָנגענומען דעם סאָציאַליסטישן ציוניזם, האָט ער זיכער דערשפּירט, אַז אָט די אידעע פאַרבינדט ביידע פּסוקים אין איינעם: „קאָנען מיר ניט לעבן ווי יידן און ווי מענטשן, מוזן מיר קענען שטאַרבן ווי יידן און ווי מענטשן".

דאָס איז נוסח פּינסקי אין זיין דראַמע. איצט קערן מיר זיך אום צו די טענות פון י. ל. פּרץ. אַנאַליזירנדיק דעם סאָציאַל־אידעיִשן תּוכן פון „די פאַמיליע צבי" פאַרענדיקט פּרץ אַזוי:

„משה צבי איז געפאַלן... דאָס אַלטע יידנטום פאַרגייט. אמת. וואָס ווערט אויף דעם געבויט? יעקל וועט נעמען פון יק"א און אַנדערע צדקה־חברות, און וועט דערפילן זיין שאָדן... מיניע וועט זיך קלאָגן פאַר גאָט, ליפּמאַן וועט אַלץ וועלן שטאַרבן ווי אַ מענטש, הירשמאַן מיטן כלי־קודש וועלן ווייטער מלחמה־האַלטן מיט דער השכלה, פון וועלכער די רעוואָלוציע איז אַרויס, מען וועט מסרן... לעאָן, דער בעל־תשובה, וועט אפשר ווערן אַ דערגרייכער (די וואָס האָבן געזוכט דערגרייכן „פּראָוועס" אין רוסלאַנד, ב. צ.) און אַריין אין דומע... איין ראובן בלייבט. ראובן וואָס שרייט אַריין דורכן שול־פענצטער: מיר זיגן! זאָלן מיר אים גלייבן אויפן וואָרט?"

פּרץ, הייסט עס, גלייבט אויך ניט ראובנען אויפן וואָרט. אין דער ספערע פון זיין גייסט האָט ער, פּרץ, פאַר ראובנען אַ וואָרעמקייט. אָבער אין רעאַלן לעבן בלייבט פּרץ דער צווייפלער. וועגן פּרצעס כאַראַקטעריסטיק פון אַלע אַנדערע פּערזאָנען אין דער דראַמע רייד איך היינט ניט. מיר גייט אָבער שטאַרק אָן פּרצעס באַציִונג צו ליפּמאַנען, דעם ציוניסט.

דאַרף גלייך געזאָגט ווערן, אַז קיינער פרעגט ניט אָפּ פּרצעס רעכט צו זיין באַציִונג, פּונקט ווי פּינסקי איז באַרעכטיקט צו זיין שטעלונג. אָבער דער פּאַראַלעל צווישן זיי דאַרף געצויגן ווערן.

אין דער געבראַכטער ציטאַטע פּטרט פּרץ אָפּ ליפּמאַנען מיט אַ גאַרניט־זאָגנדיקער פראַזע, אויסער אויב זי זאָל מיינען, אַז ליפּמאַן וועט וועלן שטאַרבן ווי אַ מענטש, אָבער וועט עס קיין מאָל ניט טאָן. צי פּרץ האָט דאָס געמיינט ווייס איך ניט. אָבער זיין באַציִונג צום ציוניזם ווערט זייער קלאָר פון אַ פריערדיקן פּאַראַ־גראַף. פּרץ רעדט אין זיין קריטיק וועגן „די פאַמיליע צבי" אויך וועגן אַנדערע יידישע שריפטשטעלער, וועלכע האָבן באַרירט סיי די פּאָגראָם־פראַגע, סיי דאָס

פראָבלעם פון דעם גייסטיקן פונאַנדערפאַל פון דער יידישער משפחה. שענקט ער אויך עטלעכע שורות חיים נחמן ביאַליקן, און שוין די ערשטע שורה איז כאַראַקטעריסטיש:

„פון ביאַליקן האָט מען זיך אויף קיין גוטס ניט צו רעכענען".

פאַר וואָס אַזאַ האַרבער פסק איבער ביאַליקן? — דערקלערט פרץ:

„דער משוגענער נביא" — ווי ד"ר עליאַשעוו רופט אים — דער מענטש מיט דער שטאָלענער שפּראַך, דער מאַרמאָר־סקולפּטאָר, איז דאָך, וואָס אַנבאַלאַנגט דער וועלט־אַנשויונג, דערוויילן נאָך אחד־העמס תלמיד, דער אָפּגאָט פון דעם אָדעסער קלייזל... וואָס שליסט אויס דאָס יידישע (אונטערגעשטראָכן אין טעקסט, ב. צ.) פאָלק און בליט אויסשליסלעך אויפן באַלעבאַטיש־לשון־קודשן... און דאָס זיינען טרוקענע ביינער אין יחזקאלס טאָל, נאָר אָן האָפענונג אויף תחית־המתים ...דער קלייזל־גאָט איז זיכער באַנקראָט. און דאָס קלייזל אַליין צעקריכט זיך אויף שבעה ימים".

דאָס האָט פרץ געשריבן אין יאָר 1907 (ביידע ציטאַטן גענומען פון באַנד 10 פון פרצעס אַלע ווערק, אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג „אידיש" אין 1920. די ערשטע ציטאַטע איז אויף זייט 301, די צווייטע — אויף זייט 299). אין כמעט דער זעלביקער צייט האָט זיך פינסקי אין אַמעריקע פאַרבונדן דווקא מיט דער סאָציאַליסטיש־ציוניסטישער באַוועגונג *.

עס האָט אים ניט לאַנג גענומען צו דערשפּירן, אַז דווקא ליפּמאַנען, ווען ער נעמט אָן אויך ראובנס סאָציאַליזם, און שמידט אויס פון דעם אַ נייע ריכטונג אין יידישן לעבן, איז באַשערט געוואָרן די היסטאָרישע פונקציע צו ברענגען די יידישע גאולה און אַריינפלעכטן זי אין דער גאולה פון דער גאַנצער מענטשהייט. אין „פאַמיליע צבי" האָט ער בלויז מרמז געווען דורך צושרייבן ליפּמאַנען דעם אויבנגעבראַכטן פסוק. שפּעטער האָט ער אויך זיך אין דעם איבערצייגט. און דוד פינסקי וואַרפט אַריין זיין גאַנצן יידישן און מענטשלעכן אידעאַליזם אין אָט דער באַוועגונג.

די באַדייטונג פון אָט דער טיפער ענדערונג אין אים און די אונטערשטרייכונג פון זיין אייגנאַרטיקער פערזענלעכקייט ווערט נאָך בולטער דורך דעם, וואָס ער האָט זיין פאַרערונג פאַר י. ל. פרץ אויף אַ האָר ניט פאַרמינערט. האָט ער דאָך געוווסט דאָס, וואָס אַלע האָבן אָנערקענט, אַז ער, פרץ, איז דער אַרי שבחבורה. מצד פרצן איז די פאַרבינדונג מיט פינסקין קיין מאָל ניט אָפּגעשוואַכט געוואָרן. פרץ האָט געזוכט צוציִען פינסקין צו אַלע זיינע ליטעראַרישע און קולטור־אונטערנעמונגען. פינסקי, פון זיין זייט, האָט אויפגעשטעלט אַ פרץ־מאָנומענט, דורך רעדאַקטירן די דרייצן־באַנדיקע אויסגאַבע פון פרצעס אַלע ווערק. נאָכגיין אָבער פרצן, האָט פינסקי ניט געוואָלט.

פינסקי האָט זיך באַהעפט מיטן סאָציאַליסטישן ציוניזם בכל לבבו ובכל נפשו. פרץ גיט זיך עטלעכע יאָר שפּעטער אַ בויג אין אונדזער זייט. מן הסתם ניט אָן דער השפּעה פון דוד פינסקי. איך האָב אין זינען דעם האַרציקן בריוו, וואָס פרץ האָט

---

* זע מער וועגן פרצן אין מיין ספּעציעלן אַרטיקל וועגן אים אויבן אין אָט דעם בוך. — ב. צ.

געשריבן צו אונדזער נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פֿאַרבאַנד, בענטשנדיק אונדזער אַרבעט אויפֿן שטח פֿון יידישער דערציִונג. איך באַטראַכט דעם בריוו פֿאַר אַ היסטאָריש־וויכטיקן דאָקומענט.

✶

אין אונדזער אַמעריקאַנער באַוועגונג האָט דוד פּינסקי, גאַנץ נאַטירלעך, פֿאַר־נומען אַ זייער חשובן אָרט. אין אונדזערע הויפּט־געראַנגלען אין אַמעריקע — פֿאַר אַ געזונטן ציוניזם, פֿאַר יידישער דערציִונג, פֿאַר אַן אָרגאַניזירט אַמעריקאַנער יידנ־טום, פֿאַר אַ הילפֿס־אַרבעט לטובת יידישע מלחמה־קרבנות, מער פֿון נאַציאָנאַלע ווי פֿון פֿילאַנטראָפּישע מאָטיוון, פֿאַר דעם יידישן לעגיאָן, פֿאַר אַ סאָציאַליזם, באַפֿרייט פֿון דער אַנטי־נאַציאָנאַלער און אַנטי־קולטורעלער אַסימילאַציע־מכה — אין אַלע אָט די און אויך אַנדערע אַרבעטן אונדזערע אין אַמעריקאַנער יידנטום, האָט חבר פּינסקי געדינט דער באַוועגונג, סיי מיט זיין טיפֿער מחשבה, סיי מיט זיין גע־בענטשטער פּען, סיי מיט זיין אידעאַליסטישער עסקנות, סיי מיט זיין גאַלאַנטקייט פֿון באַציִונגען צו חברים און אַפֿילו צו קעגנער.

אין אונדזער געראַנגל פֿאַר דער אָנערקענונג פֿון דער חשיבות פֿון דער יידישער אַרבעטערשאַפֿט אין ארץ־ישראל און איר בייטראָג סיי צו דער נאַציאָנאַלער באַ־פֿרייונג פֿון אונדזער פֿאָלק, סיי צו דער סאָציאַלער באַפֿרייונג פֿון דער גאַנצער וועלט, איז דוד פּינסקי געשטאַנען אין די סאַמע פֿאָדערשטע רייען, ווי דער פּרעזי־דענט פֿון נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פֿאַרבאַנד, האָט ער אים צוגעגעבן אַ סך פּראַכט און כבוד.

אָבער די העכסטע מדרגה פֿון זייןביישטייער צו דער באַוועגונג האָט ער דער־גרייכט אין די צוואַנציק חדשים, ווען ער איז געווען דער שעף־רעדאַקטאָר פֿון אונדזער טאָגבלאַט, „די צייט". דוד פּינסקי איז דאַן — אין די יאָרן 1920־21 — געשטאַנען אויף דער העכסטער שטופֿע פֿון יצירה. און זיין גאַנצע אויסערגעוויינ־לעכע באַגאַבונג האָט ער אַריינגעגעבן אין דער טאָגצייטונג, וואָס איז שנעל באַליבט געוואָרן ביי פֿיל טויזנטער לייענער.

יענע 20 חדשים זיינען געווען פֿאַרבונדן סיי מיט הויכע עליות פֿאַר דער באַ־וועגונג, סיי מיט טיפֿע ירידות. אין יענע גרויסע, אָבער אויך שווערע טעג, האָבן מיר פֿאַרמאָגט צוויי חברים, וואָס האָבן שטענדיק משפּיע געווען אויף אונדזערע געמיטער: נחמן סירקין און דוד פּינסקי. אַ דאַנק זיי האָבן מיר געוואָסן פֿון פֿולער התרוממות־הנפֿש אין מאָמענטן פֿון עליות און אויסגעהיט זיך פֿון אַריינפֿאַלן אין יאוש אין מאָמענטן פֿון ירידות.

✶

אין דעם שוין דערמאָנטן „י. ל. פּרץ־בוך" פֿון שמואל ניגער ציט דער באַ־ווּסטער ליטעראַטור־קריטיקער אַ פּאַראַלעל צווישן פּרץ און פּינסקי בנוגע די קוואַלן, פֿון וואַנען זיי שעפּן זייער אינטערעס אין דער פּסיכאָלאָגיע פֿונעם יחיד. שמואל ניגער זאָגט אַז ביי דוד פּינסקין וואַקסט אָט דער אינטערעס אַרויס פֿון זיין רעאַליסטישן צוגאַנג צו מענטשן, אַז ביי פּרצן וואַקסט ער אַרויס פֿון זיין ראָמאַנטישן צוגאַנג צום מענטשן (זייט 359). איז עס מן הסתם ריכטיק בנוגע די ליטעראַרישע

שאַפונגען פון י. ל. פרץ און פון דוד פינסקי. אָבער בנוגע פינסקיס געזעלשאַפטלע־כער אַרבעט איז אָט די באַצייכענונג אַ ביסל צו איינזייטיק. פון מיין לאַנגער באַ־קאַנטשאַפט און מיטאַרבעט מיט חבר דוד פינסקי אין אונדזער באַוועגונג, ווייס איך, אַז ער האָט פאַרמאָגט אַ צוגאַנג צו דער פּסיכאָלאָגיע פון מענטש פון אַ פיל־העכערער מדרגה ווי די, וואָס ווערט געוויינטלעך פאַרשטאַנען אונטערן באַגריף רעאַליזם.

אויב ראָמאַנטיזם דאַרף פאַרצייכענען ווי אַ טיפערע אַריינדרינגונג אין דער נשמה פון מענטשן, אַ ווילן צו זען די פּסיכאָלאָגיע פון דעם מענטשן אין דער ספערע פון זיינע גייסטיקע אויסערונגען, אַ ווילן צו באַגרייפן זיין פּסיכאָלאָגיע אַפילו מע־טאַפיזיש, האָט עס חבר פינסקי זייער אָפט דעמאָנסטרירט אויפן שטח פון זיינע געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן. חברים, וואָס האָבן מיטגעאַרבעט מיט אים האָבן מער געשפּירט דווקא אָט די פאָרעם פון זיין באַציִונג צום מענטש און צו זיין פּסיכאָ־לאָגיע, ווי די אויסשליסלעך־רעאַליסטישע פאָרעם. דערפון האָט זיך פאַרוועבט אַ נשמה־פריינדשאַפט צווישן אים און די וואָס האָבן זוכה געווען מיט אים מיט־צואַרבעטן.

זלמן שזר

געווידמעט מיט אַנערקענונג און באַוווּנדערונג חבר זלמן שזר, לכבוד זיין 70סטן געבוירן־טאָג, ראש־חודש כסלו, תש״ך, 1.12.1959 (געשריבן אין נאָוו. 1959)

אין זיינע צוויי ספרים: „כוכבי בוקר״ (איבערזעצט אין יידיש פון חבר מרדכי שטריגלער — „שטערן פאַרטאָג״) און „אור אישים״ (די ליכט פון פערזענלעכקייטן), האָט חבר זלמן שזר אויפגעשטעלט אַ מאָנומענט סיי פאַר אַ צאָל פון יענע „שטערן״, וועלכע האָבן אויפגעלויכטן אינעם פאַרטאָג פון דער יידישער גאולה־עפּאָכע און סיי צו אַ צאָל גרויסע „זונען״, וועלכע האָבן אָנגעהויבן שיינען אינעם יידישן הימל נאָך פאַר דעם „פאַרטאָג״; אַ סך פון זיי האָבן אויך באַשיינט כמעט צוויי דורות נאָכן „פאַרטאָג״. פאַראַן אויך צווישן זיי „קאָמעטן״, וועלכע האָבן פלוצעם אויפגעשיינט און זיינען פאַרשוווּנדן, אָבער אין דעם קורצן פּעריאָד פון זייער אויפטריט האָבן זיי ממש פאַרבליצט די אויגן מיט זייער ליכטיקייט.

צווישן די געשילדערטע געפינען זיך — פון איין זייט — מענטשן, וועמענס נשמות זיינען דורכגעלויכטן געוואָרן דורך אמונה באלקי ישראל, אויך פאַרגייס־טערטע חב״דניקעס; און פון דער צווייטער זייט — טרוימער פון מענטשלעכן, סאָציאַליסטישן גאולה־געדאַנק; פון יידיש־ציוניסטישן גאולה־געדאַנק און טרע־גער פון דעם מיזוג פון ביידע גאולה־תשוקות — די באַשעפער פונעם סאָציאַליס־טישן ציוניזם. מיט די שטראַלן — סיי פון די שטערן, סיי פון די זונען און נאָך מער פון די קאָמעטן — איז דורכגעדרונגען די נשמה פונעם מחבר אַליין.

אַלע עטישע יסודות פון אמונה, אַלע טיפקייטן פון ים התלמוד, אַלע ניצוצות פון חב״דער חסידות און אַלע גאולה־בענקשאַפטן פון מענטש און פאָלק האָבן דורכגענומען זיין גאַנץ וועזן און אויספאָרמירט זיין אייגנאַרטיקע פערזענלעכקייט. זי איז נאָך פאַרפולקאָמט געוואָרן דורך דעם, וואָס אין איר האָבן אויך, אין די שפּעטערע יאָרן, אַריינגעדרונגען די „שיינקייטן פון יפת״.

זיין אָנגעזאַמלטן אוצר פון גייסט האָט חבר זלמן שזר אַריינגעטראָגן אין דער פּועלי־ציון־באַוועגונג. ער שפּייזט זי מיטן דאָזיקן גייסט פון זיינע כמעט־קינדע־רישע יאָרן ביז אונדזערע היינטיקע טעג. זיין רוחניותדיקע עשירות האָט ער אָנגע־הויבן אויסשפּרייטן אין זיין שטעטל שטויבץ, אין מינסקער גובערניע, וווּהין ער איז אַלס קינד געבראַכט געוואָרן דורך זיינע עלטערן. ער האָט אויסגעאיבט זיין השפּעה אין אַ ריי שטעט און שטעטלעך פון זיין געגנט, דערגריייכנדיק ביז צו מינסק. שפּע־טער, ווען ער האָט אָנגעהויבן זוכן די „שיינקייטן פון יפת״, האָט ער דערגרייכט קיין דייטשלאַנד, דערנאָך קיין פּעטערבורג (איצט: לענינגראַד) און דאָרט געזייט די קערנער פון זיין גייסט. דאָס האָט ער ממשיך געווען דורך אַלע זיינע צאָלרייכע באַזוכן אין יידישע קהילות פון גאַנץ אייראָפּע, אויפן אַמעריקאַנישן קאָנטינענט און כמעט אומעטום ווו יידן לעבן. בעיקר אָבער — און די גרעסטע צאָל יאָרן פון זיין פּרוכטבאַרער טעטיקייט — האָט ער זיין גייסטיקע עשירות פאַרזייט אין דעם

באַדן פון ארץ־ישראל פאַר הקמת המדינה, און אין מדינת ישראל — זינט זי עק־זיסטירט.

איך וויל דאָ אָפּנייגן פון דער אָנגענומענער שיטה — ביים שרייבן וועגן אַ יובילאַר — די שיטה פון אָפּשאַצן זיין פּערזענלעכקייט. אין אונדזער פאַל איז עס פּשוט ניט מעגלעך צוליב צוויי מאָטיוון: א) די שזר־פּערזענלעכקייט איז אַזוי פיל־זייטיק און פילפאַרביק, אַז מען קען די ניט אַרומנעמען אין די ראַמען פון אַן אַר־טיקל. ב) די שזר־פּערזענלעכקייט האַלט נאָך אין מיטן אַנטפּלעקן נייע יצירה־אייגנשאַפטן, אין מיטן פון כסדרדיקן שטייגן — טאָ ווי אַזוי מעג מען וואַגן זי שוין צו פאַרפיקסירן, ווי אַ פאַרענדיקטע געשטאַלט? צוליב די זעלבע מאָטיוון פּרוביר איך אויך ניט אויסצורעכענען די אומגעהויערע בייטראַגן, וועלכע חבר שזר האָט צוגעטראָגן סיי צו אונדזער באַוועגונג, סיי צו דער העברעיִשער און יידישער ליטעראַטור און סיי צו אונדזער געזעלשאַפטלעכער עסקנות.

✶

איך וויל דאָ בלויז פאַרצייכענען אייניקע געדאַנקען, וועלכע האָבן פון דאָס ניי, און זייער שאַרף, אויפגעטויכט, ווען איך האָב נאָך אַ מאָל איבערגעליינט זיינע צוויי ספרים: „כוכבי בוקר״ און „אור אישים״.

אין פּראָבלעם האָט באַאומרויִקט יידישע און העברעיִשע קינסטלער פון די לעצטע דריי דורות. דאָס האָט אויך באַשעפטיקט די מחשבות פון די וויכטיקסטע געשטאַלטן, וואָס חבר שזר נעמט אַרום אין די צוויי ספרים. צום שאַרפסטן און טיפסטן האָט עס באַאומרויִקט דעם גרויסן גייסט פון חבר בערל כצנלסון ז״ל. דאָס דאָזיקע פּראָבלעם קען פאַרמולירט ווערן אין פּשוטע ווערטער: צי וועט אונדז באַשערט זיין אויסצוהאָדעווען דעם נייעם טיפּ ייד־מענטש, אין וועלכן דער יידישער קיום און המשך נייטיקט זיך אין דער גאולה־עפּאָכע?

בערל כצנלסון האָט — לויט דער טיף־דורכגעטראַכטער עסיי פון זלמן שזר וועגן בערלען אין „אור אישים״ — פון זיינע סאַמע יוגנט־יאָרן גענומען אויף זיך די שווערע ראָלע פון אויסזוכן און געפינען צווישן די דעמאָלטיקע יונגע יידן „יענעם טיפּ מענטש, וואָס טראָגט אין זיך, אין זיין לעבן, אין זיין כאַראַקטער, אין זיין אויפפירונג און אין זיין נשמה די מזיגה פון דעם מענטש־רעוואָלוציאָנער און דעם ייד־אויסלייזער (אין העברעיִש: אדם־מהפכן ויהודי גואל); דעם מענטשן מיט די טיפע פריײַהייט־לעכצן, וואָס איז גלייכצייטיק דורכגעדרונגען מיט יידישער זעלבסטווירדע (אין העברעיִש: קוממיות יהודית) און נאַציאָנאַלער פאַראַנטוואָרטלעכ־קייט; וואָס לאָזט זיך בשום אופן ניט פאַרטושן, אָדער גאָר אויסמעקן״.

צו דעם וויל איך בלויז צוגעבן: איך מיין, אַז די לעצטע 50 יאָר יידישע גע־שיכטע האָבן, ביז גאָר אַ גרויסער מאָס, פּאָזיטיוו פאַרענטפערט די געשטעלטע פראַגע. דער נייער טיפּ מענטש איז דערשינען; ער האָט צוגעטראָגן און טראָגט ווייטער צו זיין ביישטייער צום יידישן קיום און המשך. דאָס אייראָפּעיִשע יידנטום האָט צוגעטראָגן דעם גרעסטן טייל פון אָט דעם טיפּ, סיי פאַר דעם היטלער־חורבן און סיי נאָך דעם. אויך אין אַנדערע יידישע קהילות האָט זיך דער דאָזיקער טיפּ ייד־מענטש באַוויזן. די נייע יידישע עפּאָכע נייטיקט זיך אַוודאי אין גרעסערע צאָלן

פון אַט דעם טיפּ. די אויסזיכטן זייַנען, נאָך מייַן מיינונג, פּאָזיטיווע. די צאָל מענטשן פון דעם מין וועט אָנהייבן שטייגן אין אַלע יידישע קהילות, וועלכע זייַנען אונדז געבליבן נאָכן חורבן. אָבער מייַן אָפּטימיסטישע מיינונג נייטיקט זיך אין אַ באַ־גרינדונג.

✶

אויך דער ספּעציעלער אַספּעקט, וואָס איז פאַרבונדן מיט דעם נייעם טיפּ ייד־מענטש, קען פאָרמולירט ווערן פשוט. לכבוד אונדזער בעל־היובל דערלויב איך זיך צו פאָרמולירן די פראַגע אַזוי: קענען מיר דערוואַרטן, אַז פון אונדזערע נייע דורות אין מדינת ישראל זאָלן אונדז אויסוואַקסן זלמן שזרס?

איך ווייס, אַז אויך אין מזרח־אייראָפּעיִשן יידנטום זייַנען די זלמן שזרס געווען די אויסנאַמען. אָבער די שטערן, די זונען און די קאָמעטן, וועמען חבר שזר פאַראייביקט, זאָגן עדות, אַז אין דער גאַנצער יידישער אויסשפּרייטונג פון אייראָפּע זייַנען געווען טויזנטער, און אפשר טאַקע צענדליקער טויזנטער, וועלכע האָבן זיך יאָ דערהויבן צו אַזאַ מדרגה; ווער גאָר הויך און ווער אַ ביסל נידעריקער. זיי האָבן עס באַאייַנפלוסט די מיליאָנען, וועלכע זייַנען אַליין ניט דערגאַנגען צו דער מדרגה. זיי האָבן באַלויכטן דורות. די פראַגע איז: קען מען האָפן, אַז אין מדינת ישראל זאָל אַנטוויקלט ווערן כאָטש אַזאַ פּראָפּאָרציע פון אַזעלכע „שטערן", ווי דאָס אייראָפּעיִשע יידנטום האָט אַרוסגעגעבן? אין אייראָפּע זייַנען זיי דאָך אַרויסגעוואַקסן פון אַ באַשטימטער סביבה, וואָס איז געשיכטלעך אַנטוויקלט געוואָרן. דערפאַר קומט אויך די שאלה: קענען מיר דערוואַרטן, אַז אין מדינת ישראל זאָל זיך אַנט־וויקלען אַזאַ סביבה, וואָס זאָל דער ווייטערדיקער יידישער געשיכטע צושטעלן די מענטשן פון גייסט און דורך דעם פאַרזיכערן דעם המשך פון דער אייגנאַרטיקער יידישער יצירה, אָדער — אַזעלכע וועלן אונדז שוין, חלילה, קיין מאָל מער ניט באַשערט זייַן? אָט די פראַגע האָט אָנגעהויבן עגבערן ביים לייענען די צוויי ספרים, ווען איך האָב טיפער דערשפּירט די שזר־פּערזענלעכקייט.

מייַן ענטפער איז אויך אויף דעם אַ פּאָזיטיווער. חבר שזרס ספרים פאַרלייכטערן ניט די אויפגאַבן פון באַגרינדן מייַן אָפּטימיזם. זייַנע „שטערן", זונען און קאָמעטן האָבן דערגרייכט אַזעלכע גייסטיקע הויכן, וואָס דערווייל איז זיי שווער צו זען אין אונדזער הייַנט. דאָך גלייב איך באמונה שלמה, אַז זיי וועלן אויפשייַנען אין מדינת ישראל. מייַן אמונה שפּרייט זיך אויך אויס אויף אַלע יידן, אויך אין די גלותן. זיכער זע איך אַזעלכע האָפענונגען אין דעם גרעסטן פון די איצטיקע גלותן — אין גלות־אַמעריקע.

בנוגע דעם לעצטן פּונקט האָב איך ביי אַ געלעגנהייט דווקא געהאַט אַ שאַרפן וויכוח מיט אונדזער יובילאַר אַליין. ער האָט ניט געגלייבט (צי ער האַלט זיך נאָך איצט ביי אָט דער איינשטעלונג, ווייס איך ניט), אַז פונעם אַמעריקאַנער יידנטום וועט ווען עס איז קומען אַ יידיש־גייסטיקע השראה אויף יידן אין אַנדערע גלותן. איך גלייב יאָ אין דעם. מייַן גלויבן פאַרנעמט זיך נאָך ווייטער: איך גלייב אויך אין דער קעגנזייטיקער און גייסטיקער השראה צווישן די יידן אין מדינת ישראל און די יידן פון די פאַראייניקטע שטאַטן, אַזוי לאַנג ווי אַ גלות וועט בלייבן. איך

ווייס, אַז אַט דער פּונקט איז זייער אַ קאָמפּליצירטער; אַז צווישן אונדזערע בעלי־מחשבה אין ישראל זײַנען ניטאָ קיין סך, וואָס זײַנען מסכים מיט מיר. אָבער די פֿראַגע שטייט מחוץ פֿון אונדזער היינטיקער טעמע.

✶

חבר שזר אַליין קומט זייער נאָענט צו אָט דער פֿראַגע אין צוויי פּלעצער: אין זײַן הספּד־רעדע אויף דעם יונג־אומגעקומענעם חבר דוב האָז ז״ל (אין זײַן „אור אישים״) און אין זײַן שילדערונג פֿון דעם מינסקער מגיד (אינעם ספר „כוכבי בוקר״).

שזר דערקלערט די סיבה, פֿאַר וואָס אַלע האָבן געהאַט אַזאַ טיפֿע ליבע צו דוב האָז, מיט פֿאַלגנדיקע ווערטער: „ווער קען גאָר אַ מאָל דערציילן וועגן דער טיפֿקייט פֿון אונדזער זאָרג בנוגע דעם נייעם דור, וואָס דאַרף אויסוואַקסן דאָ אין לאַנד, אונטער נייע הימלען און אין די תחומים פֿון דער שפּראַך, וואָס ווערט ווידער באַנייט? אַ דור, וואָס האָט ניט געוווּסט פֿון גלות, אַ דור, וואָס האָט ניט פֿאַרזוכט דעם טעם פֿון אַרויסרייסן זיך פֿון גלות און עולה זײַן, דער ערשטער דור פֿונעם פֿאָלק, וואָס קערט זיך אום צו יענעם ברעג, צו וועלכן דאָס פֿאָלק האָט אַלע מאָל געהאָפֿט?״

חבר שזר ווייזט אָן אויף די קוואַלן, פֿון וואַנען פֿריִערדיקע דורות — בעיקר אין אייראָפּע — האָבן געצויגן זייערע גײַסטיקע כוחות, וועלכע האָבן זיי געבראַכט קיין ארץ־ישראל. ער ווייזט אויך אָן, ווי פֿרעמד די דאָזיקע גײַסטיקע כוחות זײַנען צום דור, וואָס ווערט דאָ געבוירן, און ער שטעלט פֿעסט: „מיר, פֿונעם אייראָפּעיִשן דור, האָבן מיט ספֿיקות אין האַרצן און מיט שרעק, מתפּלל געווען, סיי אָפֿן און סיי געהיים, אַז דער נײַער דור זאָל אונדז ניט אַנטוישן״. דערנאָך שטעלט ער אַרויס דעם חבר דוב האָז — געבוירן אין ארץ־ישראל, אַ זון פֿון אַ מיטגליד פֿון „בילו״, דערצויגן אין דער נײַער שטאָט תל־אביב — ווי איינעם פֿון די ערשטע שוואַלבן וואָס זאָגן אָן: איר האָט ניט אומזיסט געהאָפֿט!

וועגן דעם מינסקער מגיד ברענגט חבר שזר אַ מוסטערהאַפֿטע שילדערונג, ווי אַזוי ער איז אַלס קינד פֿאַרכאַפּט געוואָרן פֿון אַ דרשה פֿון מינסקער שטאָט־מגיד, וואָס האָט באַזוכט שטויבץ, כדי מספּיד צו זײַן איינעם פֿון די דאַן פֿאַרשטאָרבענע יידישע גדולים. איבערגעבן דעם תוכן פֿון אָט דער שילדערונג, טאָר איך ניט. זי איז אַ שטיק קדושה, וואָס מען טאָר ניט צעברעקלען, מען מוז פֿון איר געניסן אין פֿולן. חבר שזר שילדערט זײַנע אייגענע און קינדערישע איבערלעבונגען הערנ־דיק די הספּד־דרשה. נאָך דעם דערציילט ער, ווי אַזוי ער האָט דעם מינסקער מגיד פֿאַרלוירן פֿון אויג און ווי אַזוי ער האָט זיך פּלוצעם דערוווּסט, אַז ער לעבט אין תל־אביב. חבר שזר גרייט זיך אים צו גיין הערן. אָבער אין צווישן ווערט דער מינסקער מגיד נפֿטר. ער קומט שוין הערן אַ הספּד אויף אים. דער מספּיד — אויך אַ מגיד, פֿון דער משפּחה פֿון וואָלאָזשינער ראש־ישיבה; און דער ניגון — יענער ניגון! און דער תוכן כמעט דער זעלבער. און חבר שזר פֿאַרענדיקט מיט אָט די מערקווירדיקע זאַצן:

„איך האָב אויסגעדרייט דעם קאָפּ און דערזען: נעבן מיר, נאָענט בײַ דער

באַנק, שטייט אַ יינגעלע פון אַ יאָר אַכט־ניין, אויפגערעגט און צעפּלאָמט... און זיינע צוויי גרויסע, אַנגעצונדענע אויגן זיינען אַזוי ווי צוגעקלעפּט צום מגידס ליפּן״. פונקט אַזוי ווי ער אַליין האָט אויסגעזען, ווען זיינע אויגן זיינען צוגעקלעפּט געוואָרן צו די ליפּן פון מינסקער מגיד.

ובכן — אַ נייער יונגינקער שזר וואַקסט שוין אויפן ארץ־ישראלדיקן באָדן. דער דערוואַקסענער דוב האָז און דאָס יינגעלע, וואָס הערט דעם הספד, הייבן אָן צייכענען דעם היסטאָרישן און פּאָזיטיוון ענטפער אויף דער פראַגע, וואָס עגבערט אין מוח. אָבער דער ספק בלייבט אַלץ: אפשר זיינען עס בלויז איינצלנע אויסנאָמען? דאַרף מען פּרובירן טיפער אַריינקוקן אין דער גייסטיקער אַטמאָספער, וואָס אַנט־וויקלט זיך דאָ. אפשר וועלן מיר אין דעם געפינען דעם ענטפער.

✶

די צוויי געבראַכטעביישפּילן זיינען ווייט ניט קיין צופעליקע. אמת, אינעם פעלד פון אונדזערע סאַבּרעס וואַקסט אָפט אויס אויך אַ ביסל קראָפּעווע. זיי נעמען אָן די פאָרעם פון כנענים, אָדער ענלעכע ווילדע גייסטיקע געוויקסן. אָבער זיי זיינען די אויסנאָמען. די גרויסע מאַסע וואַקסט מיט באַגער פון גייסטיק־יידישן המשך אין זייערע נשמות. איך רייד דאָ ניט וועגן זייער געוואַלטיקער מסירת־נפש־גרייטקייט פאַר דער מדינה. וועגן דעם צווייפלט קיינער ניט. איך רייד אויך ניט וועגן זייער ביישטייער צו דער סאָציאַלער און ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג פון דער מדינה. אויך אין דעם צווייפלט קיינער ניט. איך רייד דווקא וועגן דער גייס־טיקער פּאָטענץ, וואָס זיי טראָגן אין זיך — און איך זאָג: מיר מאַכן דאָ זייער קענטיקע שריט אין דער ריכטונג פון אַנטוויקלען יענע סביבה, וואָס האָט אונדז דערצויגן די זלמן שזרס.

באַזונדיק אין די ימים־נוראים עטלעכע שולן אין ירושלים עיר הקודש, האָב איך דערשפּירט אַ באַשטעטיקונג צו דער לעצטער באַהויפּטונג. איך האָב באַזוכט שולן וווּ עס דאַוונען אונדזערע יידן. איך רייד הייַנט ניט וועגן די שולן פון די נטורי־קרתא, אָדער וועגן די שולן פון די פאַרשידענע ניט־אשכנזישע עדהס. זיי זיינען אַ באַזונדערע פרשה. היינט זוכן מיר דאָך דעם גייסטיקן המשך פון יענער סביבה, וואָס האָט אונדז געגעבן די זלמן שזרס. רייד איך נאָר וועגן אַזעלכע שולן. האָט זיך דאָרט פאַר מיין גייסטיק אויג אַנטפּלעקט אַ מערקווירדיקע דערשיינונג:

ביי די מתפּללים פונעם עלטערן דור, וואָס איז נאָך דערצויגן געוואָרן אין אייראָפּע, איז די התרוממות־הנפש געווען ניט קיין צו־שטאַרקע. אַ טיפע אַנטוישונג האָב איך איבערגעלעבט אין אַזאַ שול דווקא צו כל־נדרי. די אַלגעמיינע שטימונג איז געווען כמעט אַ קאַלטע. דער חזן האָט ווייט ניט אַרויסגערופן יענעם ציטער, וואָס פלעגט אונדז אַרומנעמען אין אונדזערע קינדערישע יאָרן, ביים דערהערן די ערשטע טענער פון כל־נדרי. קהל האָט אַלץ נאָכגעזאָגט בלויז לויט רגילות. און דאָס איז געווען אין איינער פון די גרעסטע שולן אין ירושלים. אַ פיל־העכערע מדרגה פון התרוממות האָט מען אַרויסגעשפּירט דווקא פון די סאַבּרעס, וועלכע זיינען געקומען מיט זייערע עלטערן אין שול אַריין.

נאָך מער האָב איך עס געשפּירט ווען איך האָב באַזוכט אַ בית־תפילה פון יוגנט,

די מערסטע סאַברעס, צווישן זיי אַ גרויסע צאָל סטודענטן פון אוניווערסיטעט. דאָס מאָל שוין ניט צו כל־נדרי. און דווקא דאָרט האָב איך יאָ דערשפּירט עטוואָס פון יענער התרוממות, וואָס איז געבליבן אין מיין געמיט פון מיינע אייגענע קינדערישע יאָרן.

איך ווייס: דער עלטערער דור איז מער פאַרדאגהט פונעם טאָג־טעגלעכן לעבן, וואָס איז ניט קיין גרינגער און דערדריקט דאָס געמיט. אָבער אין די איראָפּעיִשע שטעט און שטעטלעך האָבן דווקא אַזעלכע דאגות פאַרטיפט די התרוממות: די תפילה צום בורא עולם איז געוואָרן אָנגעזאַפּט מיט נאָך טיפערן ערנסט. דאָ איז עס ליידער ניט געווען אַזוי.

מען קען אפשר דערקלערן די אָפּגעקילטקייט ביי די עלטערע דורך דעם, וואָס זיי האָבן דאָך איבערגעלעבט דעם שרעקלעכסטן חורבן פון דער יידישער געשיכטע. טיף אין זייער געמיט איז נאָך ניט אויסגעגליכן געוואָרן די שרייענדיקע סתירה צווישן אמונה באלקי ישראל, וואָס האָט אונדז אויסגעוויילט („אשר בחר בנו") און די איבער 6 מיליאָן אויסגעקויליעטע און פאַרברענטע. אויך די יוגנט ווייסט די פאַקטן, אָבער זי קען בשום אופן ניט זיין אַזוי דורכגעדרונגען פון אָט־די ספיקות ווי די עלטערע. אָבער אונדז אינטערעסירט דווקא היינט צו וויסן: פון וואַנען נעמט זיך ביי דער יוגנט אַזאַ התרוממות?

דער ענטפער איז פשוט: די קייט איז ניט איבערגעריסן. דער כוח פון יידישן פאָלק ממשיך צו זיין דאָס אייגנאַרטיקע נשמה־לעבן, פון וואַנען עס וואַקסן אַרויס זיינע אייגנאַרטיק־גייסטיקע יצירות, לעבט נאָך, צו אונדזער גרויסן גליק, אין יידישע מאַסן אומעטום. דאָס וואַנדערן פון גלות צו גלות האָט אָפּט, אויף אַ געשיכטלעכער ווייַלע, אָפּגעשוואַכט דעם כוח. אַפילו דאָס אַריבערוואַנדערן קיין ארץ־ישראל האָט אויך ניט אויסגעמיטן דעם אָפּשוואַכונגס־פּראָצעס. דאָס איז אָבער אַ צייטווייליקע דערשיינונג. דאָס יידישע פאָלק אין די נייע גלותן טשוכעט זיך ביסלעכווייז אויס; די אָפּשוואַכונגס־פּראָצעסן אַליין ווערן שוואַכער און דאָס פאָלק טרעט ווידער אַרויף אויפן דרך המלך פון אייגנאַרטיק־גייסטיקער אויסלעבונג. פון דעם נעמט זיך מיין איבערצייגונג, אַז אויך אין די פּאַראייניקטע שטאַטן וועט דער כוח פון יידישער אייגנאַרטיקייט סוף־כל־סוף געפינען זיין אויסדרוק. דאָ, אין מדינת ישראל, זעט עס יעדער, סיידן מען וויל בכיוון פאַרשוואַרצן דעם פּנים פון אונדזער יונגן דור.

איך ווייס אַז הינטער דער באַשאַפונג פון אַ סביבה, וועלכע זאָל אונדז געבוירן זלמן שזרס, מוז שטיין אַ פאַרפונדעוועטער לעבנסשטייגער, פאַרוואָרצלט אין מסורה. האַלט איך, אַז אָט די פאַרפונדעוועטקייט און די פאַרוואָרצלטקייט הייבט שוין אָן משפיע צו זיין דאָ, אין ישראל. די קוואַלן פון מסורה, וואָס דער שזר־דור — און אויך די פריערדיקע דורות — האָבן מיטגעבראַכט אין זייערע נשמות, הייבן אָן שפּרודלען. זיי ציִען חיונה פון דעם אייביקן אמונה־שטראָם, וואָס איז דאָ ניט פאַרשטאָפּט געוואָרן, טראָץ יענע דתיים, וואָס ווילן מאַכן פון דער אמונה אַ קרדום לחפור בה פּאָליטישע רווחים. די פאַרוואָרצלטע שבתים און ימים־טובים הייבן אָן צו באַקומען זייער אַלטן טעם פון אמתער קדושה, וואָס אַפילו אַזוי־גערופענע „וועלטלעכע" ציִען זיך צו זיי. די קאָלאָסאַלע געשעענישן פון אונדזער תקופה, מיט הקמת

המדינה בראש, וועלן סוף־כל־סוף אַריינברענגען אין אונדזער לעבנס־שטייגער נייע טרויער־טעג לזכר דעם גרויסן חורבן און נייע ימים טובים לזכר אתחלתא דגאולה. זיי וועלן צוגעבן מסורה־זאַפּט צו די אַלטע מסורה־זאַפּטן, וואָס טריקענען ניט אויס. מען דאַרף נאָר האָבן אמונה אין דער פֿעיִקייט פֿון יידן צו אייגענער שעפֿערישקייט.

אויב מען פֿאַרמאָגט אָט די אמונה, זעט מען בחוש, ווי די גייסטיקע שפּראָצונגען באַווייזן זיך אויף פֿאַרשידענע שטחים. דווקא דער זלמן שזר־טיפּ — וואָס האָט געשעפּט גייסט גלייכצייטיק סיי פֿון דער חב״דישער פֿילאָזאָפֿיע און פֿון דער מסורה און סיי פֿון די השפּעות פֿון דעם ערשטן העברעיִשן דיכטער, יעקב שלום קאַצענעל־בויגן, פּונקט ווי פֿון די ערשטע מאָדערנע גאולה־אַנזאָגער — דווקא זיין טיפּ קען אין מדינת ישראל אַנטוויקלט ווערן אין אַ גרעסערער צאָל ווי אפֿילו אין מזרח־אייראָפּע.

איך בין איבערצייגט, אַז עס וועלן ניט אַוועקגיין קיין הונדערטער יאָרן — דאָס איז געווען דער פֿאַל אַפֿילו אין פּוילן — איידער די דאָזיקע גייסטיקע קערנער וועלן זיך צעוואַקסן סיי אין דער ברייט און סיי אין דער טיף. איך בין איבערצייגט, אַז די ראָלע פֿון צוריקווערן אַ נס לגויים וועט דאָס יידישע פֿאָלק דורכפֿירן, ניט ווי עס האָבן אַ מאָל געפּריידיקט אונדזערע אייגענע רעפֿאָרמער און איצט האָט עס אַפֿילו אונטערגעכאַפּט דער בריטישער פֿילאָזאָף טוינבי — דורך יידישער צע־שפּרייטונג אין אַלע גלותן, נאָר דווקא דורך קאָנצענטרירונג אין דער אייגענער מדינה.

*

איך שטעל, צום סוף, נאָך אַ פֿראַגע: איז דאָס אויפֿקומען פֿון אַ שזר־פּערזענ־לעכקייט אָפּהענגיק דערפֿון, אויב מען האָט פֿאַרמאָגט אַזאַ זיידן און אַזאַ טאַטן און האָבנדיק געפֿונען אַזאַ ספֿרים־אַלמער אין זיין טאַטנס הויז?

איך ענטפֿער: אָן ספֿק איז אונדזער זלמן שזר געווען מזלדיק מיט זיינע עלטערן און זיידעס. אַוודאי האָט עס אים צוגעגעבן אַ סך גייסטיקע חיונה. אָבער אויך אַ סך אַזעלכע וועמען עס איז ניט באַשערט געווען אַזאַ זיידע, אַזאַ טאַטן און אַזאַ ספֿרים־אַלמער, פֿון וועלכן צו שעפּן גלייך פֿון די פֿאַרמאַטיווע קינדער־יאָרן — אויך זיי האָבן געטרונקען פֿון די דאָזיקע גייסטיקע קוואַלן. דאָס זיינען ניט קיין משפּחה־קוואַלן, נאָר פֿאָלקס־קוואַלן. איך אַליין בין איינער פֿון זיי. מיינע עלטערן און זיידעס זיינען געווען גאָר־פּשוטע מענטשן. זייערע ספֿרים־אַלמערס זיינען געווען גאָר־גאָר באַגרענעצטע. אָבער די פֿאָלקס־קוואַלן זיינען אויך פֿאַר מיר געווען אָפֿן. דורך מלמדים און ראשי־ישיבה און דורך בײשפּילן פֿון גייסטיקע יידן, טאַטעס פֿון אַנדערע קינדער. אויב איך מעג זיך אַריינרעכענען אין דעם טיפּ ייד־מענטש פֿון אונדזער תקופֿה, איז עס נאָר, ווייל איך האָב געזויגן פֿון פֿאָלק אַלע יענע גייסטיקע זאַפּטן, וואָס איך האָב נאָר באַוויזן צו באַקומען. אָט די זאַפּטן האָבן מיר געדינט אויפֿ־צוהאַלטן אין זיך דאָס ביסל יידיש גייסט, הגם איך בין אין מיינע יינגלשע יאָרן אָפּגעריסן געוואָרן פֿון קוואַל. שווערע אַרבעט פֿאַר חיונה אין אַמעריקע האָבן שטאַרק אויסגעמאַטערט; פֿאַרכאַפּנדיקע געזעלשאַפֿטלעכע עסקנות האָבן אַוועקגענומען פֿון מיר די מעגלעכקייט מער צו געניסן פֿון אָט דער גייסטיקער פֿאָלקס־עשירות. אָבער

דאָס ביסל, וואָס איך האָב יאָ איינגעזאַפּט אין זיך, האָט מיך גענערט און דערהאַלטן.

אָט אויף וואָס איך בוי מיינע אָפּטימיסטישע אויספירן. דאָס פאָלק, וואָס האָט דורך אַלע קריזיסן זיך קיין מאָל ניט אָפּגעריסן פון זיינע גייסטיקע וואָרצלען — דאָס דאָזיקע פאָלק וועט ניט אַנטוישן! אין ארץ־ישראל, ווו זיין גייסטיקע פיזיאָ־נאָמיע איז אויספאָרמירט געוואָרן — אַוודאי און אַוודאי ניט. דער סאַברע וועט נאָך אַריינשרייבן זיין קאַפּיטל אין דער ייִדישער געשיכטע. ער שרייבט עס, אייגנטלעך, שוין. אויך זיינע מיליטערישע דערגרייכונגען, ווי זיינע ווירטשאַפטלעכע אויפטו־אונגען, דאַרפן פאַרשריבן ווערן אויפן חשבון פון זיינע גייסטיקע וואָרצלען. ווייל ער האָט צו די דאָזיקע דערגרייכונגען געמוזט פאַרמאָגן גרייטקייט פאַר מסירת־נפש, וואָס ווערט אין מענטשן אַנטוויקלט דורך גייסטיקע פאַקטאָרן.

זלמן שזר איז איינער פון יענע פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן זייער אַ סך צוגע־טראָגן דערצו, אַז טויזנטער פון אונדזערע סאַבּרעס זאָלן זיך שפּייזן מיט אָט די גייסטיקע זאַפטן.

*

אָט די, און נאָך פיל אַנדערע, רעיונות האָבן אַרויסגערופן אין מיר דיינע צוויי ספרים, זלמן טייערער. דו דערציילסט וועגן די צוויי מתנות, וואָס דיין זיידע האָט דיר געגעבן, אײדער דו האָסט עולה געווען קיין ארץ־ישראל. איין מתנה איז געווען זיין אייגענער התלהבותדיקער געזאַנג פון יענע פּרעכטיקע טרייסט־ווערטער פון קבלת־שבת, וועלכע, לויט דיין אייגענעם אויסדרוק „לאָזן ניט אַריינזינקען אין דער פאַרצווייפלונג". די צווייטע מתנה איז געווען דעם רבס ניגון, וועלכן דער זיידע האָט דיר אָנגעזאָגט אַזוי אים צו געדענקען, אַז ווען נאָר דו זאָלסט אים דאַרפן, זאָל ער תיכף צו דיר קומען. דו האָסט די ניגונים אין זיך אַריינגעזאַפּט. ווי זאָגט י. ל. פּרץ אין זיין „גלגול פון אַ ניגון" — „אַ ניגון לעבט!" דיין גשמיותדיקער אויסדרוק פון ניגון, דער ניגון וואָס דאַרף אַ קול, גיט זיך דיר ניט איין. אָבער דער נשמה־ניגון, וואָס — ווידער אַ מאָל לויט י. ל. פּרץ אין זיין „מקובלים" — דער תלמיד־מקובל זינגט אין זיך, אָן ווערטער און אָן אַ קול — אָט דער ניגון לעבט אין דיר. דו זינגסט אַרויס דיינע נשמה־ניגונים ווען נאָר דו דערשיינסט אויף אַ באַלעמער צו ריידן וועגן דברים שבקדושה. דער מקובל־תלמיד, ווען ער דערציילט זיין רבין, וואָס ער האָט דורכגעלעבט ווען עס האָט אין אים געזונגען, באַנוצט דעם פּסוק „כל עצמותי תאמרנה". דיין נשמה־ניגון זינגט אַרויס דורך דיינע אויגן, וואָס זיינען די שפּיגלען פון דער מענטשלעכער נשמה, ווען נאָר די שכינה פון התרוממות רוט אויף דיר.

האָב איך פאַר דיר, לכבוד דיין 70סטן געבוירן־טאָג, צווישן אַ סך ברכות די וויכטיקסטע: נאָך לאַנגע יאָרן זאָל דיין נשמה־ניגון זינגען. פאַרשפּרייט נאָך לאַנגע יאָרן ייִדישע גייסטיקייט צווישן ייִדן און נעם אויף פון זיי זייער באַוווּנדערונג און טיפע ליבשאַפט.

י. י. שוואַרץ

צו זיין 75סטן געבוירן־טאָג (געשריבן אָנהייב יוני 1960)

ווען איך טראַכט וועגן אונדזערע ערשטע באַגעגענישן מיט העכער 50 יאָר צוריק, ווערט פּשוט וואַרעם אויף דער נשמה. י. י. שוואַרץ איז איינער פון די שענסטע מענטשן, וואָס איך האָב אַ מאָל באַגעגנט אין מיין לעבן. בעיקר זיינען אָבער מיט אים פאַרבונדן מיינע בענקשאַפטן צו דער אַמאָליקע „איסט־סייד״.

איסט־בראָדוויי האָט דאַן פּשוט געווימלט מיט יידישע שרייבער און קינסטלער. שוואַרץ האָט געצויגן באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט. קודם כל — זיין אויסזען: אַזאַ פּראַכט צווישן מענער האָט מען זעלטן באַגעגנט. אָבער בעיקר האָט זיך אויסגעווירקט זיין גייסטיקע באַזונדערקייט. ער האָט טאַקע געלעבט אין דער שרייבערישער חברותא פון איסט־בראָדוויי, אָבער קיין מאָל זיך דאָרט ניט „אַסימילירט״. דער רוב פון די דעמאָלטיקע שרייבער איז געווען פּרינציפּיעל־יידישיסטיש. ער האָט אָבער געלעבט מיט דער העברעיִשער קולטור — און איך זאָג בפירוש „קולטור״, ניט בלויז ליטעראַטור. ער האָט פאַרקערט אין אַזאַ קרייז העברעיִסטן — ווי זיין ברודער, דער העברעיִשער פּאָעט ד״ר א. ש. שוואַרץ און ד״ר ח. י. עפּשטיין (אגב: איינער פון די ערשטע פּועלי־ציון אין אַמעריקע) — אָבער דאָס האָט גאָרניט געמינערט פון זיין ליבשאַפט צו יידיש — און במילא זיך אויך ניט געקענט „אַסימילירן״ מיט די פּרינציפּיעלע העברעיִסטן.

ער איז געשטאַנען אונטער דער השפּעה פון די ליטווישע ישיבות, דעם איינפלוס פון זיין טאַטן — דער רב פון זיין ליטוויש געבוירן־שטעטל — און פון ר׳ יצחק אלחנן, דער קאָוונער רב, וואָס איז דאַן באַטראַכט געוואָרן פאַרן „ראש כל בני הגולה״. אויך איך האָב דאַן געלעבט אונטער די זעלבע השפּעות, און שוואַרצן האָב איך באַטראַכט ווי אַ שלימותדיקן מענטש — אויף וויפל שלימות איז בכלל מעגלעך ביי אַ בשר־ודם.

אַ מענטש פון מיין לעבנס־שטייגער טראָגט אין האַרץ אַ סך און פאַרשידענע בענקשאַפטן. די נאָסטאַלגיע צו דער אַמאָליקער איסט־סייד האָט אין זיך דעם זעלבן דערהויבענעם עלעמענט, ווי די בענקשאַפט צו די היימישע שטעטלעך „ווו מיר האָבן אונדזערע קינדערישע יאָרן פאַרבראַכט״. די אַלע, וואָס האָבן איבערגעלעבט מיט אַלע חושים איסט־בראָדוויי צווישן 1908 און 1914, זיינען ממש אַדורכגעגאַנגען אַ מין ווידערגעבורט. הגם מיר זיינען שוין געווען דערוואַקסענע מענטשן, האָט אונדז ווידער אַרומגעכאַפּט די נאַיִוויטעט פון דער קינדהייט. אין מיין פאַל, האָט זיך ערשט דאַן ביי מיר אָנגעהויבן דער אמתער פּראָצעס פון אַרומקוקן זיך אויף דער וועלט. מיינע ערשטע פיר אַמעריקאַנער יאָרן זיינען פול געווען סיי מיטן אויסלערנען זיך אַ פאַך און סיי מיטן פּאַרטיי־לעבן, וואָס האָט מיך פּשוט פאַרכאַפּט. אין די דאָזיקע יאָרן האָב איך באַוויזן אַדורכצופאָרן אַמעריקע לאָרכה ולרחבה, ווי אַ פּראָפּאַגאַנדיסט פון די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן. איך האָב אַ יאָר צייט גע־

לעבט אין פילאַדעלפיע און כמעט צוויי יאָר אין קליוולאַנד. ערשט ביים צוריקקומען קיין ניו־יאָרק בין איך געוואָרן אַ שטענדיקער באַזוכער פון איסט־בראָדוויי, וואָס איז געוואָרן מיין גייסטיקער צענטער. דאַן האָב איך זיך געטראָפן מיט י. י. שוואַרץ, זיך „פאַרליבט" אין אים — און די דאָזיקע פאַרליבטקייט האַלט אָן עד־היום הזה, ווייל שוואַרץ האָט זיך במשך דעם יובל יאָרן ניט געענדערט און איז געבליבן ביי די זעלבע איינגנשאַפטן.

מיך האָט אימפּאָנירט זיין באַטירלעכע, ניט־מאַנירלעכע ענויות. ער האָט זיך קיין מאָל ניט געריסן צו דער שרייבערישער מזרח־וואַנט. ער איז שטענדיק געשטאַנען אין אַ זייט פון די שרייבערישע קאָכענישן און ירידים. שטיל און רויק האָט ער צוגעטראָגן דער יידישער ליטעראַטור זיין פּרעכטיקןביישטייער. ער האָט מיטגעמאַכט יאָרן פון עקאָנאָמישער עליה און יאָרן פון מאַטעריעלע שווערקייטן. אָבער ער איז אַלע מאָל געבליבן דער מענטש מיט אַ ליכטיקער נשמה, דער ליבער חבר, וואָס איז פול מיט יידישער קולטור און שעפערישע כוחות.

י. י. שוואַרץ צייכנט זיך שוין אויס העכער אַ האַלבן יאָרהונדערט ווי אַן אָרי־גינעלער קינסטלער. ער האָט אָבער אָפּגעגעבן אַ סך כוחות פאַרן אויסבויען די שטאַרקסטע בריק צווישן אונדזערע צוויי ליטעראַטורן — דער יידישער און העב־רעיִשער. ער איז געוואָרן דער פלייסיקסטער איבערזעצער אין יידיש פון אונדזער חיים נחמן ביאַליק; ער האָט אונדז געגעבן אין יידיש די ווערק פון שלמה אבן גבירול, משה אבן עזרא, יהודה הלוי און אַ ריי אַנדערע; ער האָט אויך איבערגע־זעצט אין יידיש די ווערק פון אַ צאָל ענגלישע פּאָעטן. ער האָט פאַר אונדז צוגע־גרייט, איבערגעזעצט און צונויפגעשטעלט אַזעלכע וויכטיקע ווערק ווי „ספר השבת" און דערמיט אַזוי באַרייכערט דעם יידיש־שייער.

אָבער נאָך זיין פילפאַרביקער טעטיקייט פון באַרייכערן אונדזער יידיש־פעלד מיט די גרויסע ווערק פון אַנדערע, שיינט אַלץ אַרויס זיין געשטאַלט ווי דער אָרי־גינעלער שעפער. אין זיינע אייגן־פּאָעטישע ווערק האָט ער אריינגעטראָגן זיין ליט־וויש־יידיש געמיט, אויפגעהיטן די אייגנאַרטיקע ירושה פון זיין הײם, בעת ער איז געוואָרן אַ טראָפּן אינעם וווּנדערלעך־אויסטערלישן שטראָם פון דער גרויס־יידישער וואַנדערונג ביים אָנהייב פון אונדזער היינטיקן יאָרהונדערט. י. י. שוואַרץ האָט אָבער זיין שעפערישקייט ניט געשפּייזט מיט בלויזער ירושה. ער האָט זי באַלד מזווג געווען מיט דער רחבות פון אַמעריקע, מיט דער אייגנאַרטיקער פרייהייט פון דער נייער וועלט — און אויפגעכאַפּט מיט זיין קלוגן בליק די עטנישע און ראַסישע פאַרשידנקייטן פון דער נייער היים.

וואָס שייך זיינע גרויסע פאַרדינסטן אויפן שטח פון איבערזעצונגען — קען איך דאָ ניט מאריך זיין. ס'איז גענוג צו דערמאָנען, אַז ניט קיין אַנדערער מומחה ווי חיים נחמן ביאַליק האָט גאָר הויך געשאַצט שוואַרצס קינסטלערישע איבער־דיכטונגען. אַ צווייטער מומחה — פּראָפעסאָר דב סדן — האָט פעסטגעשטעלט אין ירושלים (אויף אַ פייערונג לכבוד שוואַרצס 70סטן געבוירן־טאָג), אַז נאָך אַלע באַגרענעצונגען, וואָס שטייען פאַר פּאָעטישער איבערזעצונגען (ובפרט פון אַזאַ גרויסן און אָריגינעלן שפּראַך־מייסטער ווי חיים נחמן ביאַליק), איז שוואַרצס איבער־

זעצונג די בעסטע — פון אַלע ביאַליק־איבערזעצונגען אין פאַרשידענע שפּראַכן וואָס ער, סדן, קען.

ווען עס קומט צו אָריגינעלער שאַפונג — געהערט שוואַרץ זיכער צו די וואַגיקסטע מייסטער פון יידישן אַמעריקע, וואָס האָבן אַזוי שטאַרק באַרייכערט די יידיש־ליטעראַטור במשך פון די אָפּגעלאָפענע 50־60 יאָר. דאָס דאָזיקע קאַפּיטל נייטיקט זיך אין אַ ליטעראַטור־קריטיקער. איך בין דאָ נאָר אויסן אָנצוווייזן אויף עטלעכע שטריכן פון י. י. שוואַרץ ווי אַן אַמעריקאַניש־יידישער פּאָעט. דאָס זעט מען, לפי דעתי, גאָר בולט אין זיין גרויסער פּאָעמע „קענטאָקי״, און עס ווילט זיך וועגן דעם זאָגן אַ פּאָר ווערטער.

✶

אַז די העברעיִשע פּאָעזיע איז אים געווען נאָענט און אייגן — באַווייזט זיין אָפּגעבן זיך מיטן איבערדיכטן סיי די מייסטער פון דער שפּאַנישער תקופה און סיי די מאָדערנע העברעיִשע דיכטער, מיט ביאַליק און טשערניכאָווסקי בראש. אַז שוואַרץ האָט געזוכט דאָס שטיל־קדושהדיקע פון דער יידישער נשמה — באַווייזן זיינע ספרים־איבערדיכטונגען, מיטן „שבת־ספר״ ווי אַ מוסטער. ער האָט אויך געשריבן שטיל־לירישע לידער, וואָס האָבן אים אַנטפּלעקט פון נאָך אַ זייט — ניט בלויז פון דער נאַציאָנאַלער, נאָר אויך פון דער אינטים־יחידישער. זיין עיקר־שאַפונג דריקט זיך אָבער אויס אין די צוויי גרויסע פּאָעמעס „קענטאָקי״ און „יונגע יאָרן״, וואָס נעמען פאַקטיש אַרום דעם גאַנצן י. י. שוואַרץ: דעם אַמעריקאַנישן און דעם ירושה־טרעגער.

די אַמעריקאַניש־יידישע ליטעראַטור האָט זיך אַ סך אָפּגעגעבן מיטן יידישן עמיגראַנט. זי האָט באַזונגען זיינעליידן און אויך באמת זיך אָפּצושפּיגלען זיינע ווייניקע פריידן. בעיקר האָט זי אויפגעכאַפּט זיינע בענקשאַפטן צו דער אַלטער היים און דעם האַרבן פּראָצעס פון זיין אַקלימאַטיזאַציע אויפן אַמעריקאַנער באָדן. אויך דאָס יידישע טעאַטער אין אַמעריקע — וואָס האָט זיך גאָר שטאַרק צעבליט אינעם ערשטן פערטל פון היינטיקן יאָרהונדערט — האָט זיך אַ סך אָפּגעגעבן מיטן יידישן עמיגראַנט און זיינע פאַרשידענע פּראָבלעמען. די גרעסטע טייל פון דער עמיגראַציע, וואָס איז געקומען פון מזרח־ און דרום־אייראָפּע, האָט דורכגעמאַכט אַ פּראָלעטאַריזאַציע־פּראָצעס, וואָס האָט זיך געצויגן ביז צום אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. די לאַגע איז געווען אַזאַ שווערע, אַז יעדער שרייבער מיט האַרץ און געפיל האָט זי געמוזט באַמערקן. דערצו נאָך איז אויך דער גייסטיקער מענטש — פון די אַכציקער יאָרן ביז די ערשטע צענדליקער פונעם איצטיקן יאָרהונדערט — געווען אַ קרבן פונעם זעלבן, ביטערן שוויץ־סיסטעם. איז קיין וווּנדער ניט, וואָס די יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע האָט באַגלייט דעם יידישן אַרבעטער און זיינע באַוועגונגען — און זי גיט אונדז אַן אמתער און בולטער בילד פון יענער תקופה אידער די פאָרמעלע געשיכטע־ביכער.

ביי דער זייט פונעם יידישן אַרבעטער איז אויך אויפגעקומען דער יידישער פּעדלער (על פּי רוב איז עס געווען דער זעלבער עמיגראַנט, וואָס האָט פריִער געאַרבעט יאָרן אינעם שאַפּ), וואָס האָט מיטן פּאַק סחורה אין אַן אַלטער וואַליזע

געשפּרייזט איבער די אַמעריקאַנער שליאַכן. טאַקע איינעם אַזאַ פּעדלער האָט י. י. שוואַרץ געמאַכט פאַרן הויפּט־העלד פון זיין „קענטאָקי״. ער איז מיטגעגאַנגען דעם גאַנצן וועג מיט זיין העלד — זינט דעם ערשטן טאָג, וואָס דזשאָשואַ באַטרעט דעם באָדן פון קענטאָקי — און זיינע עקאָנאָמישע און גייסטיקע זיגזאַגן, ביז צו זיין לעצטן מאָמענט.

דורך זיין דזשאָשואַ דערזעען מיר במילא די גייסטיקע ענדערונגען — ניט בלויז ביים הויפּט־העלד און זיינע קינדער, נאָר אויך פון דער יידיש־אַמעריקאַנער קהילה בכלל. מיר האָבן דאָרט וווּנדערלעך־טרייע בילדער פונעם נעגער, וואָס איז נאָר וואָס פּטור געוואָרן פון שקלאַפעריי און ווייסט נאָך ניט וואָס צו טאָן מיט זיין פרייהייט; מיר זעען דעם „ווייסן״ אַריסטאָקראַט פון דער סאַוט, וואָס קען נאָך אַלץ ניט שלום מאַכן מיט זיין מפּלה אינעם בירגער־קריג — און שוואַרצס עלע־גאַנטע פּעדער פירט אונדז אויך איבער דער כישופדיקער לאַנדשאַפט פונעם דרום, איבער אירע רייכקייט און נאַטור־צויבער. סיי דער ייד און סיי אַמעריקע אָטעמען ביי אים מיט געזונטע לונגען.

י. י. שוואַרצס עפּישן באַגלייט פון יענעם דור קען מען באַקענען — און האָבן די פולע הנאה — ווען מען לייענט אַדורך דאָס גאַנצע ווערק. דאָ וויל איך בלויז ברענגען עטלעכע קליינע מוסטערן. אָט ווי אַזוי די ליטווישע יידן שפּרייזן איבער אַמעריקע:

דערנאָכדעם האָבן זיי געמאָסטן שפּאַן ביי שפּאַן
קאָלומבוסעס מדינה מיט די פּעק:
ניי־ענגלאַנד האָט זיי אויפגענומען פיין,
געקאָרמעט זיי מיט בולבעס און מיט חזיר,
געלאָזט זיי שלאָפן אין די שייערן און שטאַלן,
געקויפט ביי זיי שפּילצייג פאַר די קינדער.
אין פּענסילוואַניע איז געווען ערגער:
דער ברודער־דייטש האָט גאָרניט זיך דערפרייט.
ווי נאָר ער האָט דערזען די נאָז און פּאָק
באַקאַנטע נאָך פון אַלטער, ווייטער היים —
האָט ער געלאָזט אויף זיי די גוטע הינט...

אויך אין קענטאָקי איז די ערשטע באַגעגעניש ניט געווען קיין פריינדלעכע. דער הויפּט־העלד דערזעט דאָס ערשטע מאָל די אָרעמקייט און שמוץ פון אַ נעגער־געגנט:

איז ער געגאַנגען דורכן רויטן שטויב
און עס האָבן פרעמדע הינט אים נאָכגעבילן
און שוואַרצע קינדער האָבן אים נאָכגערופן
און שווערע ווייבער האָבן נאָכגעלאַכט
און רויטע אויגן האָבן נאָכגעגלאַנצט — — —

אָבער די עקשנות פונעם יידישן וואַנדערער האָט אַלץ אויסגעהאַלטן, הגם די באַקאַנטשאַפט מיט אַלערליי מענטשן איז געווען משאָדיק־שווער און פול מיט חשד:

אַראָפּגעלאָזט דעם פּאַק פון זיינע פּלייצעס
און אָנגעקלאַפּט אין ערשטער־בעסטער טיר.
האָט זיך פון הויז דערטראָגן אַ געדודער:
דער שווערער ריגל האָט זיך לויז געמאַכט,
די טיר האָט זיך געעפנט פאַרזיכטיק
און אין דעם שוואַרצן חלל פון דער טיר
האָט זיך אַ הויכע, מענערישע פיגור
באַוויזן מיט דער שוואַרצער רער פון ביקס
פאַרויס אַרויסגעשטעלט — און ס׳האָט אַ קול,
אַ הייזעריק, פאַרשלאָפן קול געשיפּעט:
ווער ביסטו?
האָט דער מאַן פון פּאַק געענטפערט:
אַ ייד, וואָס זוכט ווו אָנצושפּאַרן דעם קאָפּ.
כ׳בין אויסגעמאַטערט פון דעם שווערן וועג.
— ווי קומסטו דאָ?
איך טראָג מיין האַנדל מיט.
די נאַכט איז צוגעפאַלן. איך בין מיד.
די פיס זיינען אין וואונדן, לאָז אַריין.
וועל מאַכן אַ געשאַנק דיין ווייב פון פּאַק.
האָט זיך די רער פון ביקס אַראָפּגעלאָזט...

אויסער דער געוויינטלעכער פרעמדקייט צווישן גאַסטגעבער און טיר־אָנקלאַפּער אין דער נאַכט — האָבן מיר דאָ אויך אַן אויסטערלישע באַגעגעניש צווישן צוויי וועלטן צום ערשטן מאָל. דער ייד מוז באַלד פרימאָרגנס באַווייזן נאָך מער די אָפּעגזונדערטקייט צווישן בײדע:

האָט ער זיך איינגעוויקלט אין דעם טלית,
אין דעם גרויסן טלית מיט די שוואַרצע פּאַסן,
זיך אָנגעטאָן אין די פירעקנדיקע קעסטלעך,
מיט הענגנדיק־שוואַרצע רימענדלעך —
איז מאַן און ווייב און קינד געבליבן שטיין
פאַרוואונדערט און פאַרגאַפט. דער מאָדנער מענטש
האָט אומגעקערט זיך מיטן פּנים צו דער וואַנט.
פאַרמאַכט די אויגן זיינע און מיט ברען
געוויגט, געוויגט דעם ביינערדיקן גוף.
דערנאָך האָט ער פון ס׳ניי די הענט געוואַשן,
האָט ווידער אָפּגעזאָגט אַ קורצע תפילה —
ערשט דאַן גענומען איינברעכן דאָס ברויט.
צום פלייש אַפילו זיך ניט צוגערירט.
געזעסן מיטן היטל אויפן קאָפּ
און האָט געטונקט דאָס שוואַרצע ברויט אין מילך — — — —

אַט אַזוי גייט שוואַרץ נאָך דעם פּעדלער־ייִד מיט געלאַסענע טריט, שילדערט און וויקלט אַרויס יעדן טריט, יעדן באַוועג אין דער ריכטונג פון באַקאַנטשאַפט פון צוויי וועלטן, וואָס דערפאַרשן איינס דאָס אַנדערע מיט אַלע חושים און אונטער־חושים — ביז עס באַווייזט זיך די ערשטע ייִדישע שטוב אין דער ווייטער פרעמד, די ערשטע מזוזה אויף אַ טיר, בילדער פון רבנים אויף די ווענט, דער ניי־אַלטער שבת אויף אַמעריקאַנער ערד:

וווּרט אָפּגעשטעלט דאָס בראַזגען פון אייזן,
דער לעצטער הויכער קלונג צעציטערט זיך
אין קילער בלויער לופט און ווערט צעגאַנגען.
דער שוואַרצער נעגער שלייכט זיך פויל אַוועק.
דער ברייט־צעעפנטער טויער ווערט געשלאָסן
און פון דעם וויטסטן, בלויסטן האָריזאָנט
און ביז דעם נאָנטסטן וואַסער פון טייך
הייבט אָן צו שוועבן אין דער פרעמדער וועלט
די טיפע בלויע לופט פון שבת קודש...

איך האָב דאָ נאָר געבערענגט אַ ברעקל פון בײַשפּיל, ווי אַזוי שוואַרץ פירט אַריין מיט גרויס געדולד סיי דעם ייִד און סיי זיין שבת אין דער ווייטלעך־אַמעריקאַנישער לאַנדשאַפט. אַזוי גייט ער איבער, מיט פּאָעטישן גלאַנץ און ישוב הדעת, צום צווייטן דור, צו דער אויפגעשפּראָצטער קהילה, צו די באַציִונגען מיטן פרעמדן אַרום — ווו עס רייסט זיך ביי שוואַרצן אַדורך דער תנ״כישער טאָן: ווען דזשאָשואַ זוכט אַ פּלאַץ, ווו מקבר צו זיין אַ טויט קינד זיינס און ער ווענדעט זיך צו זיינע שכנים וועגן דעם — דוכט זיך אונדז אַזוי ווי אברהם אבינו וואָלט זיך אויסגע־טענהט מיט עפרון החתי אויף דער ערד פון קענטאַקי:

מיין טויטער ליגט פאַר אייך. איך זוך אַ פּלאַץ
מיין עופהלע מיין קליינס מיט ערד באַשיטן.
איך בין אַ פרעמדער צווישן אייך,
זאָל גאָט אייך העלפן ווי איר האָט ביז היינט
מיר בייגעשטאַנען אין מיין טאָג פון נויט.
באַווייזט אויך צו מיין טויטן אייער גנאָד,
באַוויליקט מיר אַ קבר פאַר מיין קינד — — —

און אויך דער ענטפער פון די שכנים, ווי פליסיקע ביבל־לייענער, שמעקט מיט תנ״כישן אַראָמאַט:

דאָס בית הקברות־פעלד איז פאַר דיר אָפן,
קלייב אויס אַ פּלאַץ דאָרט אין די שענסטע רייען
און גראָב אַ קבר פאַר דיין טויטן קינד...

אָט דער דאָזיקער האַנט־אויסשטרעק און תנ״כישער זשעסט פונעם ליטווישן ייִדן צו זיינע שכנים — העלפט אויפשטעלן דעם ערשטן בית־עולם, דער שטענ־דיקער שליח, וואָס גייט פאָרויס אַלע און אומעטום־געשאַפענע, לעבעדיקע קהילות.

✶

וואָס טיפער שוואַרץ דרינגט אַריין אין „קענטאַקי״, אַלץ אַמעריקאַנישער ווערן די בילדער, די איבערלעבונגען, די משפחות, די באַציִונגען. אָבער גאָר אַנדערש איז שוואַרצס שפּעטערדיקע, פּאָעטישע ווערק „יונגע יאָרן״. דאָס האָט ער שוין געשריבן בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה און נאָך איר — און דער גרויסער חורבן האָט איבערגעלאָזט אַ טיפע וווּנד אין זיין נשמה. דערפאַר האָט ער זיך דאָ אומגעקערט צו די ייִנגסטע זכרונות, צו דער פריסטער היים. אָבער אויך דאָ פירט ער אַריין אַזאַ קאַפּיטל ווי „פּעלקער און זייערע געטער״ וואָס געהערט שוין צו זיינע שפּעטערדיקע יאָרן, ווען ער באַזוכט מעקסיקע. זיכער וואָלט כדאי געווען זיך אָפּצושטעלן אויך אויף דעם ווערק אַ סך אויספירלעכער — אָבער דאָ ווילט זיך נאָר אָנווייזן אויפן הויפּט־שטריך: ביי דער זייט פון זיין אַמעריקאַנער היים האָט ער אויך געבערענגט צו תיקון זיין ערשטע היים, וואָס דער חורבן האָט אָפּגעווישט. דערמיט האָט ער פאַרקיילעכיקט זיין קינסטלערישע עקסקורסיע אין זיין גאַנצער וועלט.

אויך אין „יונגע יאָרן״ — און אפשר מער ווי אין אַנדערע שאַפונגען — זעט מען די תנ״ך־השפּעה אויף שוואַרצן. אָבער דאָס גייט ביי אים אַזוי נאַטירלעך געפּאָרט מיט דער הייליקער היים־בענקשאַפט, מיטן ווילן אַרויסצורייסן פונעם חורבן לכל הפּחות די היימישע קדושה, דאָס בילד פון דעם דורותדיקן ייִד:

נאָר איצט, ווען ס׳פאַלט דער הימל צו דער ערד אַרונטער,
ווען ס׳טרייסלען זיך פון אונדזער ערד די פונדאַמענטן
און אונדזער לעבן ליגט פאַרבלוטיקט און פאַרפּייניקט...
איצט לעבסטו אויף אין מיר אין שטראַלנדיקער זעונג
מיט אַלע חנען און אין גנאָד פון ערשטער קינדהייט — — —
— — — געניג אַן אַלטער פּסוק,
אַן אָפּגעבראָכן שפּליטער פון אַן אַלטן ניגון,
אַ געלע בלאַט אין ציטער פון אַ בוים אַרונטער —
און ס׳עפענען זיך אַלע טויערן פון טרערן...

אין דעם ווערק האָבן מיר אַ וויכטיקן שליסל צו שוואַרצס פּערזענלעכקייט — וואָס ער אַליין גיט אים סיי ווי בקיצור אין פיר שורות:

איבער מיר האָבן דורות געוויינט:
מיין קינד, זאָלסט בלייבן אַ ייִד.
זאָל דיין טאַטנס ירושה און לייד
אין דיין האַרצן טיף ווערן געהיט...

און ער האָט זי אָפּגעהיט דורך אַלע זיינע 75 יאָר! „באַהאַרצט און ווייך״ איז ביי אים דער „געזאַנג פון דורות״, און אַזוי איז אויך זיין אייגענער גאַנג אין לעבן: באַהאַרצט, ווייך און איידל צו מענטשן, צו פריינד, צו חברים. ער שטראַלט שטענדיק סיי אין גוטע און סיי אין ביטערע צייטן. דאָס איז ניט דערפאַר, ווייל ער קען זיך מאַסקירן — ניין, ניט י. י. שוואַרץ! ניט ער קען פאַרבאָרגן זיינע ליידן פון אַ חברס אויגן. ער איז אַלע מאָל אָפן און נאָענט מיט חברים — נאָר אָט אַזאַ מענטש

איז ער שוין. עס שטראַלט פון אים די עניוות פון זיין טאַטן און ער איז אַלע מאָל פול געזאַנג ווי זיין מוטער.

צו זיינע 75 יאָר — נאָר אַ קורצער ווונטש: הלוואי נאָך אַ סך רויקערע יאָרן, טייערער שוואַרץ, וואָס זאָלן דיין רייכע שעפערישקייט ביז איצט ממשיך זיין מיט דער זעלבער קראַפט!

שמואל באַנטשעק

(געשריבן סוף יוני 1960)

אַלע אונדזערע וותיקים, אויך איך בתוכם, וועלן מיט שמחה אַריינגעמען אין אונדזער „קלוב" פון די איבער 70־יעריקע, דעם נייעם קאַנדידאַט — חבר ש. באַנטשעק, וואָס איז אַקאָרשט אַריבער די גרענעץ פון ימי שנותינו. מיר וועלן זיך פרייען צו גיין צוזאַמען מיט אים אויפן זעלביקן וועג וואָס מיר האָבן אויסגעקליבן מיט איבער 50 יאָר צוריק. אונדזערע יינגערע חברים ראָט איך צו נעמען חבר באַנטשעקן פאַר אַ מוסטער ווי אַזוי צו דינען אַן אידעע בלב ונפש.

אָפּשאַצן אַלע זיינע באַזונדערע טעטיקייטן במשך פון לאַנגע יאָרן, איז פשוט ניט מעגלעך. אַפילו דאָס בלויזע אויסרעכענען זיי איז ניט זייער לייכט. די רשימה פון קאָמיטעטן, אין וועלכע ער איז געווען אַ מיטגליד, איז אַן אומגעהויער לאַנגע — און חבר באַנטשעק האָט קיין מאָל ניט געהערט צו אַ קאָמיטעט, סיידן ער האָט דאָרט געקענט אַריינגעבן זיין פולע ענערגיע און דינאַמישקייט.

אין די בראשית־צייטן פון אונדזער באַקאַנטשאַפט, האָט ער זיין ענערגיע אַריינגעגעבן אינעם „פּאַלעסטינע־קאָמיטעט", וווּ ער איז געווען סעקרעטאַר. דאָס איז געווען איידער דער געווערקשאַפטן־קאַמפּיין איז געגרינדעט געוואָרן און אַ סך פריער איידער דער ספּעציעלער אַרבעטער־דעפּאַרטמענט פאַרן נאַציאָנאַל־פאָנד איז אויפגעשטעלט געוואָרן. אויך דער „קרן היסוד" האָט נאָך דאַן ניט עקזיסטירט (ער איז ערשט געגרינדעט געוואָרן אין 1920). אונדזער „פּאַלעסטינע־קאָמיטעט" האָט דאַן אָנגעפירט מיט אַלע פּאַר־פּאַלעסטינע־טעטיקייטן פון אונדזער באַוועגונג. מיר האָבן זיך בעיקר געווידמעט אונדזער אייגענעם, ריין ציוניסטישן פּאַלעסטינע־אַרבעטער־פאָנד, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורך דער אַלוועלטלעכער פּועלי־ציון־באַוועגונג אין 1911. מיט אָט דעם פאָנד האָבן מיר געהאָלפן גרינדן די גאָר־ערשטע קאָאָפּעראַטיוון אין ארץ־ישראל. די הסתדרות האָט נאָך דאַן ניט עקזיסטירט. מיר, אין די פּאַראייניקטע שטאַטן, האָבן דאַן באַטראַכט ווי אונדזער וויכטיקסטן חוב, דאָס רעאַליזירן דעם ציוניזם דורכן געבן אונדזער הילף די דאָזיקע קאָאָפּעראַטיוון. אונדזער אַרבעט פאַרן נאַציאָנאַל־פאָנד איז אויך געפירט געוואָרן דורכן „פּאַלעסטינע־קאָמיטעט". אַ גרויסער טייל פון דער אַרבעט, וואָס די חברים בן־צבי און בן־גוריון האָבן אָנגעפירט אין אַמעריקע, מיטן אויסנאַם פון זייערע פּאָליטישע אַרבעטן, זיינען אויך געפירט געוואָרן דורך אָט דעם קאָמיטעט — און חבר באַנטשעק איז דאַן געווען זיין טרייבקראַפט. פון דאַן אָן געניסט ער פון דער ספּעציעלער חברשער באַציִונג מצד די צוויי חברים: יצחק בן־צבי און דוד בן־גוריון.

אין צווייטן יאָרצענדליק פון אונדזער צוזאַמענאַרבעט (נאָך אַלץ איידער דער געווערקשאַפטן־קאַמפּיין איז געגרינדעט געוואָרן!) איז דורכגעפירט געוואָרן דער געצייג־קאַמפּיין פאַר דער יידישער אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל. דער דאָזיקער קאַמפּיין האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דעם איבערגאַנג פון די קליינע זאַמלונגען

פאַרן „פאַלעסטינע־אַרבעטער־פאָנד״ צו דעם גרויסן פאַרמעסט פון געווערקשאַפטן־קאַמפּיין. דער געציייג־קאַמפּיין האָט געבראַכט גרעסערע רעזולטאַטן, ווי מיר האָבן אַליין דערוואַרט, און ווידער איז די מאָטאָרישע קראַפט — וואָס האָט באַוועגט דעם קאַמפּיין — געווען חבר ש. באַנטשעק.

איך האָב אַרויסגעכאַפּט בלויז צוויי פון זיינע אַקטיוויטעטן. אָבער זיין געוואַל־טיקע ענערגיע האָט זיך געשפּירט אין אַלע אַרבעטן, וואָס די באַוועגונג האָט אונטערגענומען אין „קעמפער״ און אין „די צייט״; אין דער אַקטיוויטעט פאַר שולן און פאַר דער יוגנט־באַוועגונג; אין „פּיפּלס רעליעף״ און אין דער קאָנגרעס־באַוועגונג; אין בויען דעם „פאַרבאַנד״ און זיינע אַקטיוויטעטן; אין געווערקשאַפטן־קאַמפּיין ווען ער האָט זיך צעוואַקסן; אין בויען „קעמפּס״ און אַנדערע אַנשטאַלטן — אומעטום האָט זיך שטאַרק אויסגעאיבט די השפּעה פון חבר באַנטשעק. היינט — ווער קען דען אויסרעכענען חבר באַנטשעקס חלק אין העלפן פערזענלעך חברים?

צו אַזאַ חברשער טאַט איז ער שטענדיק געלאָפן מיטן גאַנצן הארצן. אין דעם האָט אים גאָר פיל אַרויסגעהאָלפן זיין ליבע חברטע, גנענדל. איך בין זיכער, אַז דאָס אַלץ וועט אים אַנטקעגן געטראָגן ווערן ביי אַלע יום־טובדיקע פונקציעס, וואָס וועלן דורכגעפירט ווערן לכבוד זיין 70־יעריקן יובל.

✶

פון וואַנען האָבן זיך גענומען אַזעלכע חברים ווי ש. באַנטשעק? פון וואַנען זיינען זיי אויפגעקומען אין יידישן לעבן? בנוגע חבר באַנטשעקן האָב איך עס אַרויס־געלערנט פון זיין בוך „עס געדענקט זיך״. איך מיין, אַז דאָס איז ניט קיין יחידישע דערשיינונג. אַזוי — אָדער כמעט אַזוי — האָט געלעבט אַ גרויסע צאָל יידישע קינדער אין אָנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט.

זיי האָבן זיך דערצויגן אין טיף־פרומע יידישע הייזער. דורך פּראָצעסן, וואָס דאַרפן דאָ ניט אַנאַליזירט ווערן, האָבן זיי זיך אַרויסגעריסן פון דער סביבה. געבוג אייגענעם גייסטיקן פאַרמעגן, וואָס זאָל קענען אַוועקגעשטעלט ווערן קעגן דער סביבה פון דער היים, האָט מען ניט געהאַט. מען האָט אין די פאַרמאַטיווע יאָרן בלויז געאָנט, אַז עס איז פאַראַן אַ דרויסנדיקע וועלט, וווהין עס האָט געצויגן. ווי אַזוי אַריינצוואַקסן נאַטירלעך אין יענער וועלט, האָט מען אויך ניט געוווסט. דערביי האָט דאָך די גאַנצע צייט געלעבט אין האַרץ אַ וואַרעמקייט צו דער היימישער סביבה. אין חבר באַנטשעקס פאַל זיינען אַפילו די שווידערלעכע ליידן, וואָס זיין אייגענער טאַטע האָט אים פאַרשאַפט, ניט געווען בכוח אויסצומעקן פון זיין קינדס האַרץ די וואַרעמקייט און אַפילו די ליבע, צו יענער סביבה. אין אַט אַזעלכע ווידערשפּרוכן האָט זיך געדאַרפט אויספאָרמירן דער קומענדיקער מענטש און דער קומענדיקער ייד, ש. באַנטשעק.

זיינען דאַן צענדליקער טויזנטער יידישע קינדער פאַרמשפט געוואָרן צו גיין ווי אויף דראָטן, וואָס האָבן זיך געצויגן איבער טיפע תהומען, אין וועלכע מען האָט געקענט פאַרזינקען. אַ סך האָבן נאָך געדאַרפט זאָרגן פאַר זייער אייגענער חיונה, ניט זייענדיק צוגעגרייט דערצו. איז מען אין די קלענערע שטעטלעך געשטראָפט געוואָרן מיט ליידיקגיין. האָט מען זיך געריסן אין די גרעסערע שטעט, דאָרטן האָט

געלאָקערט די גאַס מיט אַלע געפאַרן פאַרן נאַיוון כמעט־קינד. די מערסטע זיינען גייסטיק געראַטעוועט געוואָרן דורך די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען אויף דער יידישער גאַס. ווען ניט זיי, ווער ווייסט אין וועלכע סאָציאַלע אָפּגרונטן די דאָזיקע יוגנט וואָלט אַריינגעטריבן געוואָרן.

דאָס גיין אויף אַזעלכע דראָטן האָט אין זיי אַנטוויקלט אַ געפיל פון „וואָגן" ביז דער העכסטער מדרגה. די טיפע פרומקייט וואָס זייער הויז־סביבה האָט אין זיי אַריינגעפלאַנצט האָט מען איבערגעטראָגן צו פרומער איבערגעבנקייט פאַר דער נייער באַוועגונג. דעריבער האָבן אַ סך פון זיי זיך געריסן צו די „געפערלעכסטע" אַרבעטן אין דער רעוואָלוציע. זיי זיינען געווען שמוגלער פון רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור. אייניקע האָבן זיך אַפילו דערדינט אַדורכצופירן „עקספּראָפּריאַציעס". אַזוי האָבן זיי דורכגעלעבט זייער רעוואָלוציאָנערן אימפּעט.

קומענדיק קיין אַמעריקע האָבן זיי דעם רעוואָלוציאָנערן אימפּעט אויסגעלעבט אין די ערשטע, גרויסע מאַסן־שטרייקן פון די יידישע אַרבעטער אין די ערשטע צוויי יאָרצענדליקער פון אונדזער יאָרהונדערט. דערפון איז אַרויסגעוואַקסן דער הערלעכער בוים פון יידישן טרייד־יוניאָניזם אין אַמעריקע. די פּועלי־ציון — צווישן יענע עלעמענטן וואָס חבר באַנטשעק איז זייער בעסטער סימבאָל — האָבן אין אַמעריקע געהאַט אַ גליקלעכע מערכה. זיי האָבן זייער רעוואָלוציאָנערן אימפּעט ניט געדאַרפט אַריינגיסן בלויז אין שטרייקן. אַוודאי האָבן זיי אויך אין דעם געהאָלפן. זיי האָבן אָבער געפונען פאַר זיך אַזאַ בשמה־פאַרכאַפּנדיקע טעטיקייט, ווו זיי האָבן געהאַט אַ מעגלעכקייט אַריינצוגיסן זייער גאַנצן אימפּעט. די פאַרוואָרצלטע פרומקייט אין זייערע הערצער האָבן זיי איבערגעטראָגן צו דער פּאַרטיי, צו דער באַוועגונג. זיי האָבן געקענט באַצאָלן דעם געגאַרטן צינז צו דער וואַרעמקייט און ליבשאַפט פון זייער אַלטער סביבה דורכן המשך פון דער פאָלקסטימלעכקייט, וואָס זיי האָבן אַריינגעטראָגן אין דער באַוועגונג. זייערע כוחות האָבן זיך דאָ צעבליט. איינער פון די קענטיקסטע, פון די אימפּעטיקסטע און פּראָדוקטיווסטע פון זיי, איז געווען און געבליבן אונדזער חתן־היובל, חבר ש. באַנטשעק.

*

מיט אַט דער דינאַמישקייט איז חבר באַנטשעק געווען אַדורכגעדרונגען אַלע 50 יאָר וואָס איך קען אים. ער איז נאָך פיל מיט איר אויך איצט. די דאָזיקע דינאַמישקייט איז געווען דיריגירט דורך אַ רעאַל־פּראַקטישן מוח, וואָס האָט די רעזולטאַטן פון זיינע טעטיקייטן נאָך פרוכטבאַרער געמאַכט. איך בין זיכער, אַז איך דריק אויך אויס דעם ווונטש פון טויזנטער חברים, סיי אין אַמעריקע, סיי אין ישראל, מיט מיין ברכה: זאָל ער נאָך אַ סך יאָרן ממשיך זיין צו ווייטערדיקע אַרבעטן אויף אַלע געביטן ווו אונדזער באַוועגונג שפּרייט אויס אירע טעטיקייטן; זאָל ער נאָך אַ סך, אַ סך יאָרן קענען געניסן פון דעם נחת־רוח וואָס איז אונדז אַלעמען צוגעטראָגן געוואָרן דורך דער יידישער געשיכטע; דורך דעם, וואָס אונדזערע אידעען ווערן פאַרווירקלעכט פאַר אונדזערע אויגן.

חבר פנחס קרוזאַ

צו זיין 70סטן געבוירן־טאָג (געשריבן נאָוועמבער 1960)

חבר קרוזאַ קען פּראַקטיש צוגערעכנט ווערן צו דער צווייטער עליה אין ארץ־ישראל. איידער ער איז געקומען קיין אַמעריקע איז ער געווען אַ שטיקל צייט אין ארץ־ישראל און דאָרטן געאַרבעט אין אַ פּרדס. אויב איך האָב קיין טעות ניט, האָט ער אַפילו געהאַט דעם זכות צו אַרבעטן אין איין פּרדס מיט אַהרן־דוד גאָרדאָן. דער דאָזיקער פאַקט האָט זיכער געהאַט אַ גרויסע השפּעה ביים פאָרמירן זיין ווייטערדיקן לעבנס־וועג.

אָט דער פאַקט און — נאָך איינער:

אין לעצטן נומער פון „ניב הקבוצה" שרייבט אונדזער טייערער חבר שלמה לביא וועגן דער ראָמניער גרופּע און איר ראָלע ביים גרינדן „דגניה" מיט 50 יאָר צוריק. חבר פנחס קרוזאַ איז ניט געווען, ווי ווייט מיר איז באַקאַנט, קיין דירעקטער מיטגליד פון יענער גרופּע, אָבער ער שטאַמט פון ראָמני. ביי אים אין שטעטל איז ער געווען נאָענט צו יענער גרופּע, וואָס איינער פון זיי איז דער באַרימטער חבר תנחום פון דגניה. די השפּעה פון דער גרופּע אויף אים און זיין השפּעה אין ראָמני אויף דער גרופּע באַרעכטיקט אים צו רעכענען זיך ווי איינער פון איר. עס איז דעריבער אָן אצבע אלהים וואָס זיין 70־יעריקער יובל פאַלט צוזאַמען מיטן 50־יעריקן יובל פון דגניה, וואָס די גאַנצע ישראל־אַרבעטערשאַפט — און מיר צוזאַמען מיט זיי — פייערן איצט.

איך ווייס ניט די פערזענלעכע סיבות, פאַר וואָס חבר קרוזאַ האָט דאַן געמוזט פאַרלאָזן דאָס לאַנד. אָבער ביים לייענען די לעצטע צייט זייער פיל וועגן די ערשטע יאָרן פון דער צווייטער עליה, ווייס איך, אַז ער איז ניט געווען דער איינציקער, וואָס איז דערצו געצוווּנגען געוואָרן. ער איז אָבער געווען פון די זייער ווייניקע — צווישן די וואָס האָבן דאַן פאַרלאָזן דאָס לאַנד — וואָס האָבן ניט געזוכט צו פאַר־ענטפערן זייער טאַט דורך האָבן טענות צו ארץ־ישראל, ווי דאָס האָבן געטאָן די מערסטע פון זיי. פאַרקערט, אין דער קורצער צייט, וואָס ער האָט געלעבט אין ארץ־ישראל, האָט ער אין זיך אַריינגענומען אַזוי פיל ליבע צום לאַנד און צו דער יידישער אַרבעטערשאַפט, אַז ער האָט געווידמעט די ווייטערדיקע 50 יאָר — וואָס ער געפינט זיך אין די פאַראייניקטע שטאַטן — פאַר אונדזער באַוועגונג. ער האָט דער באַוועגונג אָפּגעגעבן זיינע בעסטע כוחות. אין אַלע אירע אַקטיוויטעטן האָט ער פאַרנומען אַ זייער אָנגעזעענעם אָרט. און די באַוועגונג האָט אים אַנטקעגנ־געטראָגן רעספּעקט און ליבשאַפט, ביז ער האָט דערגרייכט אין דער פּאַרטיי צום העכסטן אַמט, וואָס זי האָט געהאַט אָנצובאָטן.

✶

דער עצם פאַקט, וואָס ער איז לכתחילה — נאָך אַ יונגער בחור — געפאָרן

קיין ארץ־ישראל, בשעת דער גרויסער וואַנדער־שטראָם האָט זיך געצויגן קיין צפון־אַמעריקע, זאָגט עדות וועגן זיין אידעאַליזם.

חבר קרוזאַ האָט ווייניק געשריבן. גערעדט האָט ער דווקא גאָר אָפּט צו חברים איבערן לאַנד. מיר איז ניט באַשערט געווען אים צו הערן גאָר אָפט. אָבער אין די פאַלן ווען איך האָב אים יאָ געהערט, בעיקר אויף אונדזערע צוזאַמענפאָרן, איז ער אַלע מאָל געווען טיף, מיט אַ פיינעם הומאָר און שטענדיק געטראָפן אין פּינטל. זיין אייגנאַרט האָט זיך אָבער אַנטפּלעקט אַמשטאַרקסטן דווקא אין אינטימע באַגע־גענישן מיט אַ קליינער צאָל חברים. זיין נשמה האָט דערגרייכט די העכסטע מדרגה, ווען זי איז באַרירט געוואָרן פון ספּעציעלע קדושה־מאָמענטן פון יידישן לעבנס־שטייגער.

איך האָב עס באַמערקט ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן. ספּעציעל־בולט איז פאַרבליבן אין מיין זכרון אַ באַגעגעניש מיט אים אין שיקאַגאָ אין הויז פון זיינע קרובים — די קריטשעווסקיס. דאָס איז געווען אַ שבת־פאַרנאַכט. דער אַלטער קריטשעווסקי, אַ הדרת־פּנימדיקער ייד, האָט נאָך דאַן געלעבט. די שלוש־סעודות־דיקע שטימונג האָט אונדז אַלעמען פאַרכאַפּט. אַלעמענס געדאַנקען זיינען אַריבער־געטראָגן געוואָרן אַהין, אין די שטעטלעך פון וואַנען מען איז געקומען. אָבער מער פון אַלעמען האָט אָט די בענקשאַפט נאָך אמת־יידישער פאַרטיפונג אַרויסגעזונגען פון דעם יונגן פּיניען. איך בין זיכער, אַז חבר קרוזאַ געדענקט, פּונקט ווי איך, יענעם שבת־פאַרנאַכט. מיר האָבן אין אונדזער באַוועגונג אָפּט איבערגעלעבט התרוממות־הנפש. אָבער אַזאַ דערהייבונג איז אונדז ניט אָפּט באַשערט געווען. פאַר מיר וויניקסטנס האָט זיך דאַן אַנטפּלעקט די פולע נשמה פון בעל־היובל. אונדזערע הערצער האָבן זיך נאָך ענגער פאַרבונדן אין טיפער חברשאַפט.

✶

מיר האָבן אין אונדזער באַוועגונג זייער אָפּט איבערגעלעבט גייסטיקע יסורים. גאַנץ אָפּט זיינען עס געווען באַוועגונגס־צרות, וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט קאָלעקטיוו. אָבער עס זיינען אויך געווען אַזעלכע יסורים, וואָס מען האָט קאָלעקטיוו וועגן זיי אפשר ניט געטאָרט ריידן. דאַן האָט מען געמוזט זוכן יענעם יחיד, יענעם איינצלנעם חבר, פאַר וועמען מען קען מקיים זיין דעם פּסוק: „דאגה בלב איש — ישיחנה". טראָגט איינער אַ שווערע זאָרג אויפן האַרצן, זאָל ער עס אַרויסריידן צו עמעצן. אָט דער עמעצער האָט געמוזט זיין איינער, וואָס איז מסוגל צו באַגרייפן יענעמס ווייטיק. אויך אויף מיין גורל זיינען אויסגעפאַלן אַזעלכע גייסטיקע יסורים — און אין אייניקע, גאָר־שאַרפע פאַלן, האָב איך אין חבר פּנחס קרוזאַ געפונען יענעם עמעצן, וואָס האָט שנעל באַגריפן דעם טיפן תוך פון די יסורים און ער האָט געזוכט גרינגער צו מאַכן מיין געמיט. דאָס האָט ער געטאָן ניט דורך פּוסטע טרייסט־ווערטער, נאָר דורך דורכגעטראַכטע געדאַנקען. איך וויל דאָ דערציילן וועגן אַזאַ פאַל, ווייל איך האָב בנוגע דעם אָפּגעהיט אין מיין אַרכיוו אַ בריוו־וועקסל צווישן חבר קרוזאַ און מיר.

דאָס איז געשען אין יאָר 1933, אינעם יאָר פונעם אַרלאָזאָראָוו־מאָרד. איך בין דאַן געשיקט געוואָרן דורך דער ארץ־ישראלדיקער באַוועגונג אָנצופירן מיטן „מפעל

אַרלאָזאָראָוו" אין מזרח־איראָפּע, בעיקר אין פּוילן. אין יענעם יאָר האָט זיך דער קאַמף צווישן אונדזער באַוועגונג און דעם רעוויזיאָניזם שטאַרק צעפלאַקערט. איך פאַרשפּאַר איצט צו דערציילן צו וועלכער טיפער קעגנזייטיקער שנאה דאָס האָט דערגרייכט. שאַרפער אַפילו ווי אין ארץ־ישראל, האָט דער האַס געברענט אין פּוילן.

איך בין אַרומגעגאַנגען אַ צעוויטיקטער. איך האָב דאַן געגלויבט — ווי איך שרייב טאַקע אין דעם בריוו צו חבר קרוזאַ — אַז די רעוויזיאָניסטן האָבן דערהרגעט אונדזער חבר אַרלאָזאָראָוו (צי איך וואָלט עס נאָך היינט געזאָגט, איז אַ באַזונדערע פראַגע, וואָס געהערט ניט צום ענין). דער צאָרן קעגן זיי האָט אין מיר געברענט ניט ווייניקער, ווי אין אַנדערע חברים. אָבער מיך האָט אָנגעהויבן מאַטערן אַ פראַגע אין פאַרבינדונג מיט דער רעוויזיאָניסטישער באַוועגונג, נאָך פאַר דעם אַרלאָזאָראָוו־מאָרד. לאָמיר זי טאַקע איבערגעבן אינעם נוסח פון מיין בריוו צו חבר קרוזאַ. איך שרייב:

„זיינען מיר אַליין אין גאַרניט שולדיק? איז עס געווען היסטאָריש־אומפאַרמיידלעך, אַז אָט דאָס ברויזנדיקע בלוט פון יונגעלייט, וואָס זיינען גרייט אויף אַ סיקאַריער־רעוואָלוציע, זאָל דווקא קומען אין אַזאַ בלוטיקן צוזאַמענשטויס מיט אונדזער העלדישער מחנה, וואָס האָט באַשאַפן דעם „השומר", וואָס האָט פאַרמאָגט די טרומפּעלדאָר־גרופּע, וואָס האָט פאַר־מאָגט יענע וואונדערבאַרע דריי העלדן, אויף וועמענס נאָמען „גבעת השלשה" איז אויפגעשטעלט? וואָס האָט פאַרמאָגט אפרים טשיזשיק, וואָס האָט אין יעדן אויפגעבויטן פונקט בוכשטעבלעך אַריינגעגעבן זיין בלוט, אַלס יסוד? איז עס געווען היסטאָריש אומפאַרמיידלעך, אַז דער באַגריף פון אַ נייער סיקאַריער־רעוואָלוציע זאָל דווקא פאַרבונדן ווערן מיטן מאָרד פון איינעם פון אונדזערע בעסטע? דער קאָפּ שפּאַלט זיך מיר, דאָס האַרץ ווערט צעריסן פון ספיקות. איך פיל, אַז אין מיר נעמט די אויבערהאַנט דווקא דאָס באַוווסטזיין, אַז דאָס איז ניט געווען היסטאָריש אומפאַרמיידלעך. פאַרקערט! דווקא אין אונדז און צווישן אונדז האָט די דאָזיקע יוגנט געדאַרפט זוכן איר אויסלעבונג, איר דערהייבונג, איר טאַט־מעגלעכקייט; אַז דווקא אין אונדזער מחנה האָט זי געדאַרפט געהייליקט ווערן, וואָרעם דער עצם־מקור אירער איז אַ הייליקער. און אויב זי, די דאָזיקע יוגנט, האָט זיך פאַרדרייט אויף אַזעלכע ווילדע וועגן, וואָס האָבן געפירט צו אונדזער קאַטאַסטראָפע, צו זייער שאַנד — און איין גאָט ווייסט צו וועלכע ווייטערדיקע אַנטוויקלונגען דאָס קען נאָך פירן — שרייט אין מיר אַ קול: דו ביסט אויך שולדיק!"

איך האָב אין בריוו אָנגעוויזן אויפן פאַקט, אַז איניקע פון די רעוויזיאָניסטישע פירער האָבן געשטאַמט פון אונדזער באַוועגונג. מיך האָט דעריבער אויך געוויטיקט די פראַגע: אפשר זיינען אונדזערע מנהיגים שולדיק דעריך, וואָס זיי זיינען פון אונדז אַוועק. איך האָב געפּרובירט ריידן וועגן דעם מיט פירנדיקע חברים אין ארץ־ישראל און האָב קיין באַפרידיקנדיקן ענטפער ניט באַקומען. אָט וועגן דעם גיס איך אויס מיין האַרץ פאַר חבר פנחס קרוזאַ:

> נייִן, ניט חלילה אַנטוישונג רעדט פון מיר אַרויס. איך בין איבערצייגט, אַז יעדער פון אונדז, וואָס האָט זוכה געווען עפּעס בייצוטראָגן צו אָט דעם גראַנדיעזן משיח־בילד, האָט ניט געלעבט אומזיסט. זיין יידיש און מענטשלעך לעבן האָט זיך פאַרוועראַטיקט. עס רעדט אין מיר דער טיפער ווייטיק, פאַר וואָס אונדז איז ניט באַשערט געווען צו פולערע שלימות, צו וועלכער אונדזער באַוועגונג איז, לויט איר גאַנצן מהות, באַרעכטיקט; פאַר וואָס מיר זיינען ניט געבליבן דער איינציקער רעזערוואַר פון אַלע גבורה־ און קדושה־דערשיינונגען אין אונדזער עפּאָכע? אַ סימן, אַז עפּעס האָט אונדז געפעלט. דאָ ליגט דער ווייטיק. אונדז האָט געפעלט אַ ביסל הייליקע צניעות און אַ ביסל ערלעכע ספיקות אין אונדזער פולקאָמענקייט.

מיין גאַנצער בריוו איז אַ צו־לאַנגער. אויך חבר קרוזאָס ענטפער צו מיר איז אַ גאַנץ לאַנגער. ווייל איך נאָר אויך פון אים ברענגען קורצע צוויי ציטאַטן, פון וועלכע עס זעט זיך בולט ווי פיין און ווי טיף ער האָט באַנומען סיי אונדזער אידעע, סיי אונדזער אַחריות. נאָך דעם ווי ער גיט זיין אָפּשאַצונג, ווי טיף די דאָזיקע פראַגע שניידט אַריין אין אונדזער גאַנצער באַוועגונג; ווי וויכטיק עס איז, אַז זי זאָל באַקומען איר געהעריקן ענטפער, נאָך אַן אויפריכטיקן אַנאַליז דורך אונדזערע פירער אין ארץ־ישראל, גיט ער זיין אייגענעם ענטפער:

> ניט זייענדיק בכוח, אָדער באַרעכטיקט, צו געבן וועלכן עס איז אורטייל וועגן דער מאָס פון אונדזער שולד און אַחריות פאַרן ניט קענען באַפרידיקן אונדזער יוגנט אין איר דראַנג נאָך גבורה־ און מסירת־נפש־מעשים, וועלכע זי געפינט אין רעוויזיאָניסטישן לאַגער, ווייל איך דאָך זאָגן איניקע ווערטער וועגן אונדזערע שוועריקייטן און זייער לייכטקייט. מיר זיינען געפּענטעט פון אַחריות. מיר מוזן צוימען די ליידנשאַפטן. עס פאָדערט זיך אפשר מער העלדישקייט אונטערצודריקן ברוינזנדיקע צאָרן־געפילן, אויב די אינטערעסן פאָדערן עס, איידער צו באַפרייען זיך דורך פּראָטעסט־האַנדלונגען פון די נאָגנדיקע שטימונגען. דערפאַר איז זיי לייכטער אָנצוצינדן די יוגנט. דערפאַר קענען זיי ריידן וועגן משיח־ציוניזם און פאַרגיפטן די יוגנט קעגן אונדז. מיר קענען ניט זידלען ענגלאַנד און די קאָלאָניאַל־באַאַמטע, בשעת מיר דאַרפן מיט זיי גלייכצייטיק פירן פאַרהאַנדלונגען; מיר קענען ניט פּראָוואָצירן די אַראַבער, ווען מיר דאַרפן מיט זיי זוכן אַ פאַרשטענדיקונג. און אַזוי כסדר. איך טייל אָבער פולשטענדיק דיין געפיל, אַז דער מצב פאָדערט פון אונדז אַן ערנסטע באַטראַכטונג און דאָס זוכן מיטלען, וועלכע זאָלן דערמעגלעכן די פולבלוטיקע און דורך־אומרו־פאַרכאַפּטער יוגנט צו שטילן איר דורשט אין אונדזערע קוואַלן און זאָל ניט געטריבן ווערן, אָדער אַזוי לייכט פאַרכאַפּט ווערן צו טרינקען פון די גיפטיקע רעוויזיאָניסטישע וואַסערן.

ער שרייבט דאַן וועגן דעם פּראָבלעם פון יענע חברים, מיינענדיק טאַקע מיך, וואָס שוועבן צווישן ארץ־ישראל און חוץ־לארץ. ער רופט עס טרעפלעך

אָן „דער אַבנאָרמאַלער דואַליזם פון זיין אי אַ תושב, אי אַ גר". ער זאָגט דאָן:

> דאָס איז טיילווייז אַ רעזולטאַט פון דער כמעט־אומפאַרמיידלעכער טראַגעדיע אין אונדזער לעבן: פון קומען אַ ביסל צו־שפּעט אין לאַנד. אונדז איז באַשערט צו זיין דאָפּלט באַשטראָפט פון גורל: ניט קענען אויספירן דעם לאַנגיאָריקן באַגער צו לעבן אין ארץ־ישראל, און שוין קומענדיק אַהין — נישט קענען דערנאָך, אַ שטיקל צייט, ווירקן און באַ־איינפלוסן דאָס דאָרטיקע לעבן און שאַפן. מיר דאַרפן אָבער זיין גרייט צו צאָלן אָט דעם פּרייז.

דאָס זיינען נאָר קורצע ציטאַטן פון אַ בריוו, וואָס שפּרודלט מיט געדאַנקען. איך קען נאָר זאָגן, אַז הגם ער האָט מיינע ווייטיקן ניט באַזייטיקט, ווייל ער האָט זיך עס גאָרניט פאַרנומען צו טאָן, האָט אָבער זיין טיף פאַרשטיין אָט דאָס פּראָבלעם — און זיין נאָך טיפערע סימפּאַטיע, וואָס ער האָט צו מיר אַרויסגעוויזן — דאָך געהאָלפן לייכטער צו מאַכן מיין געמיט.

*

חבר פנחס קרוזאָ איז, צו 70, נאָך זייער יונג. אריכת־ימים ווינטש איך אים, פּונקט ווי עס ווינטשן עס אים אַלע חברים, וואָס האָבן געהאַט דעם זכות מיט אים מיטצואַרבעטן. מיין צוגאָב־ווונטש איז: אַ חיים שיש בהם וואָס־מער געזעלשאַפט־לעכע עסקנות פון דעם ריינסטן אידעאַליסטישן סאָרט. זיינע קומענדיקע יאָרן זאָלן זיין פול דערמיט, פּונקט ווי די לעצטע 50 יאָר זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט דעם. איך מעג אָן פּחד פאַר גוזמא זאָגן, אַז אַ באַוועגונג וואָס פאַרמאָגט אַזעלכע חברים ווי פנחס קרוזאָ, מוז דערגרייכן גרויסע צילן. זייערע אידעלע נשמות דער־הייבן סיי דעם פאַרנעם, סיי די טאַט־מעגלעכקייט פון דער באַוועגונג.

מאַניע שוחט

צו די שלושים (געשריבן אין מערץ 1961)

איך פאַרמעסט זיך דאָ ניט צו געבן קיין פולע אָפּשאַצונג דערפון וואָס אָט די מערקווירדיקע פרוי האָט צוגעטראָגן צו דער יידישער געשיכטע פון די לעצטע דורות; נאָך ווייניקער פאַרמעסט איך זיך דאָ אַרויסצוברענגען דעם פולן זין פון איר העלדיש לעבן, וואָס האָרף דינען פאַר די דערציִערס פון אונדזערע נייע דורות ווי אַ ביישפיל. צו די שלושים פון איר פּטירה וויל איך בלויז דערציילן וועגן צוויי עפּיזאָדן, וואָס מיר איז באַשערט געווען צו זיין דערביי אַן עדות. שוין פון זיי קען מען בולט דערשפּירן דעם כאַראַקטער פון איר פּערזענלעכקייט.

✶

דער ערשטער עפּיזאָד איז פאָרגעקומען אין די פריִע צוואַנציקער יאָרן. מאַניע איז געקומען מיט אַ שליחות קיין אַמעריקע. דאָס איז ניט געווען איר ערשטע שליחות צו אונדז. יעדעס מאָל ווען זי האָט אונדז באַזוכט, איז עס געווען פאַרבונדן מיט אַ געלט־אַקציע. און וואָס דער אָפּיציעלער ציל פון איר באַזוך זאָל ניט האָבן געווען — איז אָבער אַלע מאָל געווען דער עיקר: זאַמלען געלט פאַר וואָפן. פריִער פאַר „השומר", דאַן פאַר „הגנה". אַזוי איז עס אויך געווען אין דעם פאַל, וועגן וועלכן איך דערצייל. איר מעטאָד איז באַשטאַנען אין באַזוכן יחידים. פאַר זיי האָט זי דערקלערט דעם אמתן ציל, פאַר וועלכן זי זאַמלט פאָנדן. איך האָב זי אָפט באַגלייט אויף אַזעלכע באַזוכן.

דאָס מאָל האָבן מיר באַזוכט אַ זייער־באַקאַנטן ייד — לאָרענס לעווין. אין דער אַמעריקאַנער ציוניסטישער באַוועגונג איז דאַן אָנגעגאַנגען אַ שאַרפער געראַנגל צווישן די וויצמאַן־אָנהענגער און די בראַנדייס־אָנהענגער. לאָרענס לעווין איז געווען אַ בראַנדייסיסט און ריכטער בראַנדייס האָט זיך זייער פּאָזיטיוו באַצויגן צו מאַניע שוחטס שליחות. צוליב דעם האָבן מיר דאַן באַזוכט אַ באַדייטנדיקן צאָל „בראַנדייסיסטן" (נאַטירלעך האָבן מיר אויך באַזוכט „וויצמאַניסטן").

מיר האָבן מיט לעווינען ניט געהאַט קיין שווערע אַרבעט. ער האָט אונדז תיכף געגעבן אַ טשעק (פאַר יענער צייט איז עס געווען אַ באַדייטנדיקע סומע) און דער ריכטיקער סכום איז איצט ניט וויכטיק. זיין ביורא איז געווען אַ גאַנץ־רחבותדיקע. ער אַליין איז געזעסן ביי גאָר אַ גרויסן שרייבטיש מיט דער פּלייצע צו דער וואַנט. אים אַנטקעגן האָט זיך געזעצט מאַניע. איך בין געזעסן ביים טיש פון שרייבטיש, צו זיין לינקער האַנט און צו איר רעכטער האַנט.

ווען ער האָט אויסגעשריבן דעם טשעק און איר איבערגעגעבן, האָט זי אויפגעהויבן צו אים די אויגן און איך האָב דערזען ווי מאַניע איז פּלוצעם געוואָרן זייער בלאַס, אַזוי ווי זי וואָלט געהאַלטן ביי חלשן. איך בין צוגעלאָפן צו איר. אויך לאָרענס לעווין איז אַרויס פון זיין פּלאַץ. מיר האָבן זי ביידע געפרעגט: „וואָס איז מיט אייך?" זי האָט אויף אונדזערע פראַגעס ניט געענטפערט. זי האָט

נאָר אויפגעהויבן אירע אויגן אַ ביסל העכער אויף דער וואַנט אַנטקעגן איר און האָט מיט אַ זייער שוואַכער שטימע געפרעגט: „ווער איז אָט דער ייד?" — זי האָט דערביי אָנגעוויזן אויף אַ גרויס איילבילד וואָס איז געהאָנגען אויף דער וואַנט, לעבן וועלכער לעווין איז פריער געזעסן. לעווין האָט איר געענטפערט: „פרוי שוחט — דאָס איז אַ בילד פון מיין פאָטער עליו השלום".

מאַניע איז נאָך בלאַסער געוואָרן און האָט קוים אַרויסגעזאָגט: „אייער פאָטער האָט געלעבט אין ווילנע?" ווען דער ענטפער איז געווען: „יאָ!" איז מאַניע כמעט ווי אָוועקגעפאַלן אויפן שטול, ווו זי איז פריער געזעסן. עס האָט גענומען אַ רעכטע צאָל מינוטן, ביז זי האָט געפונען אין זיך גענוג כוחות צו דערציילן: מיט אַ פּאָר צענדליק יאָר צוריק איז זי, אַ יונג מיידל, געקומען צו אָט דעם ווילנער יידישן גביר. פאַרמאַסקירט, מיט אַ רעוואָלווער אין דער האַנט, האָט זי אים אויפגעפאָדערט צו געבן געלט פאַר „סאַמאָ־אָבּאָראָנע" — זעלבשוץ קעגן פּאָגראָמען. לאָרענס לע־ווינס טאַטע האָט איר געגעבן אַ באַדייטנדיקע סומע, פון אַ סך טויזנטער רובל (די סומע אין ניו־יאָרק איז נאָר געווען הונדערטער דאָלאַרן).

נאָך דעם ווי מאַניע האָט דערציילט אָט די פּאַסירונג האָט זיך די בלאַסקייט אַריבערגעטראָגן אויף לאָרענס לעווינס פּנים (מיין אייגענעם פּנים האָב איך ניט געזען!). ווען ער איז געקומען צו זיך האָט ער אָנגעהויבן ריידן:

— „איר זייט עס יענע מיידל?!" — ווייסט איר כאָטש, אַז מיין פאָטער האָט ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן געהאָפט, אַז ער וועט אייך נאָך אַ מאָל באַגעגענען? ער האָט ביי אייך געוואָלט בעטן מחילה, פאַר וואָס ער האָט אייך דאַן געגעבן צו־ווייניק געלט פאַר אַזאַ הייליקן צוועק".

איך — דער „זייטיקער" — בין דערביי באַפאַלן געוואָרן פון מחשבות וועגן דער עטישער געשטאַלט פון אַ יידישן גביר אין ווילנע, וועמען דאָס געוויסן פּלאָגט, ווייל ער רעכנט, אַז ער האָט ניט געטאָן זיין גאַנצן חוב פאַר דער יידישער זעלבשוץ. אָבער בעיקר האָט זיך מיין מחשבה באַוועגט אַרום דעם אצבע־אלוקים פון אָט־דעם עפּיזאָד: דאָס זעלבע יידישע מיידל האָט מיט העכער 20 יאָר צוריק געזאַמלט געלט אויף שוץ־וואָפן פאַר יידן ביים טאַטן אין ווילנע, און איצט — ביים זון אין ניו־יאָרק.

צוליב געשיכטלעכער אָביעקטיוויטעט בין איך מחויב צו פאַרצייכענען: ווען איך האָב אַ מאָל דערציילט אָט דעם עפּיזאָד פאַר חברים אין כפר־גלעדי אין קעגנ־וואַרט פון חברה מאַניע שוחט, האָט זי זיך קודם כל פאַררויטלט ווי אַ יונג מיידעלע. דאַן האָט זי געזאָגט, אַז איניקע פּרטים גיב איך ניט איבער ריכטיק: זי איז צום ווילנער גביר ניט געקומען פאַרמאַסקירט און האָט ניט באַנוצט קיין רעוואָלווער. זי איז בלויז געקומען מיט אַ בריוו פון דעם געהיימען קאָמיטעט, וואָס האָט אָנגע־פירט מיטן זעלבשוץ אין ווילנע. מיין אייגענער איינדרוק איז פון דעסטוועגן, אַז דער ערשטער נוסח איז דער ריכטיקער. דאָס ענדערט אָבער ניט דעם כאַראַקטער פון עפּיזאָד.

✶

דער צווייטער עפּיזאָד איז שוין ניט פון אַזאַ דראַמאַטישן כאַראַקטער, אָבער אויך ער מאַכט בולט דעם גייסט פון מאַניע שוחט. דער דאָזיקער עפּיזאָד איז פאַר־

געקומען ווייניקער ווי אַ האַלב יאָר פאַר איר טויט, אַרום 40 יאָר נאָך דעם ערשטן עפּיזאָד.

איך האָב זי מיט איר לעבנס־חבר (דער באַרימטער ישראל שוחט) אָפּט געטראָפן אין דער וווינונג פון פּרעזידענט יצחק בן־צבי. אָבער לעצטן זומער האָב איך געטראָפן בלויז אים. מאַניע איז געלעגן קראַנק און האָט שוין ניט געקענט פאַרלאָזן איר בעט. אין מיטן סעפּטעמבער פון לעצטן יאָר בין איך געפאָרן זי מבקר־חולה זיין. זי איז געלעגן אין תל־אָביב אין הויז נומער 76 פון שדרות רוטשילד.

ווען איך האָב אָנגעקלונגען, האָט מיר געעפנט די טיר אַ יונגע דאַמע, וואָס האָט גערעדט פראַנצויזיש. די טיר איז געבליבן פאַרקייטלט פון אינעווייניק. ווען די יונגע דאַמע האָט געזען, אַז איך פאַרשטיי ניט איר פראַנצויזישן לשון, האָט זי זיך געווענדט צו מיר אין אַ צעבראָכענעם העברעיִש און געפרעגט וועמען איך וויל זען. מיין ענטפער איז געווען, אַז איך וויל זען סיי דעם אדון און סיי די גברת שוחט. האָט זי מיר אינפאָרמירט, אַז חבר ישראל שוחט איז ניטאָ אין שטאָט און אַז מאַניע שוחט קען איך ניט זען. דער דאָקטאָר האָט בפירוש איר פאַרבאָטן אַריינצולאָזן באַזוכער.

מאַניע איז געלעגן אין אַ צימער זייער נאָענט צו דער טיר. זי האָט דערקענט מיין שטימע. האָט זי אָנגעהויבן שרייען עפּעס צו דער יונגער דאַמע אויף פראַנצויזיש. די דאַמע האָט דאַן געעפנט די טיר. נאָך אײדער איך האָב באַוויזן צוצוקומען צום בעטל, האָב איך באַמערקט ווי מאַניע מאַכט אַ פּרווו זיך אויפצוהייבן. איך האָב זיך שטאַרק דערשראָקן, צי האָט מיין באַזוך איר ניט געבראַכט גרויסן שאָדן. איך האָב שנעל זיך אַראָפּגעלאָזן אויף די קני. דאָס בעטל איז געווען זייער אַ נידעריקס. זי האָט אַרומגעכאַפּט מיין קאָפּ מיט אירע דאַרע הענט און האָט מיך ניט אָפּגעלאָזט אפשר גאַנצע דריי מינוט. ווען איך האָב זיך געפילט פריי, האָב איך ערשט דערזען ווי קליין און איינגעשרומפּן איר גאַנצער גוף איז געוואָרן; ווי צערונצלט איר פּנים איז. בלויז פון די אויגן האָט נאָך געשטראַלט לעבן און חכמה. זי האָט, מיט אַ זייער נידעריקער שטימע, מיך גענומען אויספרעגן וועגן מיין פרוי, וועגן מיינע טעכטער, וועמעס נעמען זי האָט גוט געדענקט; וועגן חברים אין אַמעריקע. איך בין געזעסן אַ געפלעפּטער, ווייל די יונגע פראַנצויזקע האָט שטאַרק געווינקט און האָט, דורך פאַרשידענע מינעס, מיר אָנגעוויזן, אַז מאַניע טאָר ניט ריידן. ערשט דאַן האָב איך זיך צערעדט. זי האָט בלויז געשטעלט קורצע פראַגן און איך האָב געהאַלטן פאַר איר לאַנגע רעפעראַטן, ווי ענטפערס אויף אירע פראַגן.

בעיקר האָב זיך די פראַגן געדרייט אַרום דער לאַגע אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. זי האָט ניט געוואָלט מוחל זיין דעם חבר בן־גוריון, פאַר וואָס ער שטערט דער ציוניסטישער באַוועגונג, במקום איר צו העלפן. איך האָב פּרובירט אָנטוויקלען פאַר איר מיינע אייגענע מיינונגען וועגן דעם. האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי האָט געלייענט דעם פּראָטאָקאָל פון 24סטן ציוניסטישן קאָנגרעס, וווּ איך האָב מיינע מיינונגען אַרויסגעבראַכט. דאַן פרעגט זי מיך, צי איך וועל בייזיין דעם 25סטן קאָנגרעס. זי האָט געוווּסט, אַז איך גרייט זיך צו פאָרן קיין אַמעריקע. ווען איך

האָב איר געענטפערט, אַז איך וועל דעם קאָנגרעס דורכלאָזן — ווייל איך זע שוין פאָרויס, אַז מיין מיינונג וועט אויך דאָס מאָל ניט גענומען ווערן אין באַטראַכט — האָט זי אָנגעהויבן האַלטן אַ מוסר־רעדע פאַר מיר. מען טאָר אַזוי לייכט ניט אויפגעבן אַ מיינונג. מען דאַרף פאַר דעם קעמפן. ווער ווייסט צי מיר וואָלט געלונגען אָפּצוהאַלטן דעם שטראָם פון אירע רייד, ווען, עפּעס ווי על־פּי נס, זאָל ניט געווען אָנגעקומען דער דאָקטאָר, וואָס באַזוכט זי יעדן טאָג.

ווען ער איז אַריינגעקומען, האָט ער קודם־כל שטאַרק אויסגערעדט דער יונגער דאַמע, פאַר וואָס זי האָט מיך אַריינגעלאָזט. אויף מיר האָט ער בלויז אָנגעשטעלט אַ שאַרפן בליק, ווי מיך פּשוט צו פאַרברענען פאַר דעם חטא, וואָס איך בין באַגאַנ־גען. איך אַליין בין אויך גאָר ניט געווען אין אַרדענונג מיט זיך. איך האָב נאָך אַלץ געהאַט אַ ספק, צי איך האָב זי געמעגט באַזוכן. ער איז דאַן אַריינגעגאַנגען צו איר אין צימער, פאַרשלאָסן די טיר און האָט זיך דאָרט געזוימט אַרום 20 מינוט.

במשך די 20 מינוט איז די פראַנצויזישע פרוי געזעסן אין איין ווינקל פון דעם גרויסן פאָרצימער, איך אין אַ צווייטן ווינקל, אוןביידע האָבן זיך שטאַרק געער־גערט, וואָס מיר האָבן אפשר גורם געווען אומזיסטע ליידן דעם מענטשן, וועמען מיר ביידע האָבן אַזוי ליב. עס איז קענטיק געווען, אַז די יונגע פרוי געפינט זיך דאָרטן בעיקר דערפאַר, ווייל זי האָט געוואָלט העלפן מאַניען גרינגער מאַכן אירע ליידן. קיין איין וואָרט איז צווישן אונדז ניט אויסגערעדט געוואָרן, ביז דער דאָק־טאָר האָט געעפנט די טיר אַרויסצוגיין.

ווען ער האָט מיך דערזען, האָט זיך אַרויסגעריסן פון אים אַ פראַגע (אָבער שוין אָן רוגזה): „איר זייט נאָך דאָ?” ווען איך האָב קיין וואָרט ניט געענטפערט האָט ער ממשיך געווען:

„וואָס פאַר אַ כישוף פאַרמאָגט איר? וואָס האָט איר דערציילט מאַניען? וועגן וואָס האָט איר גערעדט? פאַר אַלע חדשים, וואָס איך באַזוך זי טאָג־טעגלעך, האָט נאָך קיין איין מאָל ניט געטראָפן, אַז זי זאָל זיך פילן אַזוי דערהויבן, אַזוי אויפ־געלעבט. מיינע מיטלען קענען איר ליידער שוין מער ניט העלפן. אָבער אויב איר האָט באַוויזן אַזאַ וווּנדער, דערלויב איך אייך ווייטער אַריינצוגיין. זייט מיט איר אַזוי לאַנג ווי איר קענט נאָר; רעדט וויפל איר ווילט, זעט אָבער, זי זאָל וואָס ווייניקער ריידן. און געדענקט: צופיל התרוממות־הנפש קען איר אויך שאַטן. איך פאַרלאָז זיך אויף אייך”. און זאָגנדיק עטלעכע ווערטער דער יונגער דאַמע אין פראַנצויזיש, איז ער אַוועק.

פון דער דאַמעס וואַרעמען בליק האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ער האָט איר געזאָגט, אַז איך מעג בלייבן ווי לאַנג איך וויל. איך בין אַריין צוריק צו מאַניען. זי איז געלעגן אין אַ ריין בעט, אין ריינע קליידער. איך בין געזעסן מיט איר נאָך אַריבער אַ שעה. איך האָב פאַר זיך געזען אַ גוף, וואָס איז שוין כמעט ווי טויט. אָבער איר גייסט — אַרויסגעשטראָמט דורך אירע אויגן — נאָך זייער, זייער לעבע־דיק. אַ מערקווירדיק שפּיל איז צווישן אונדז פאָרגעקומען: איך האָב געזוכט צו ריידן וועגן איר העראָישער פאַרגאַנגענהייט און זי האָט כסדר צוריקגעשלעפּט דעם געשפּרעך צו דער איצטיקער לאַגע און צו דער צוקונפט.

יעדע פראַגע, וואָס זי האָט געפרעגט, יעדער געדאַנק, וואָס זי האָט אויסגע־דריקט, איז געווען דורכגעדרונגען מיט בטחון אין דער צוקונפט. איך בין זיכער אַז זי האָט גוט געוווסט, אַז אירע טעג זיינען געציילטע. און דאָך האָט פון איר גאַנצן וועזן געשטראַלט די טיפע אמונה אין דער גליקלעכער צוקונפט פאַר דער גאַנצער מענטשהייט בכלל און פאַרן יידישן פאָלק בפרט.

✶

אַזוי האָט מאַניע שוחט געלעבט איר פול לעבן ביז אירע סאַמע לעצטע מאָ־מענטן. איר קליינער גוף איז געבראַכט געוואָרן צו קבורה אין דעם ספּעציעלן קבר, וואָס די חברים אין כפר־גלעדי האָבן שוין געהאַט צוגעגרייט פאַר איר מיט אַ צייט צוריק, ניט ווייט פון יענעם הייליקן אָרט, וווּ עס רוען די העלדן פון תל־חי מיט יוסף טרומפּעלדאָר בראש. האָט כפר־גלעדי אויפגעשטעלט אַ ספּעציעלן בית־הקברות, ווּהין זיי האָבן געבראַכט אַלע געפאַלענע שומרים, וועמעס קברים זיינען געווען צעשפּרייט אין פאַרשידענע טיילן פון לאַנד. איידער מיין פרוי און איך זיינען געפאָרן קיין אַמעריקע אין 1960 האָבן מיר באַזוכט כפר־גלעדי, דעם אַלטן מאָ־נומענט אין תל־חי און דעם נייעם „השומר"־בית־הקברות. דאָרטן האָבן מיר געזען דעם ספּעציעלן פּלאַץ וואָס איז באַשטימט פאַר מאַניען (צוזאַמען מיט איר מאַן און חבר, ישראל, אים צו לאַנגע יאָר), ווען איר צייט וועט קומען. אין אָט יענעם פּלאַץ איז געבראַכט געוואָרן דאָס פיזיש „איבערגעבליבענע" פון מאַניען. צוזאַמען מיט דעם איז אַריינגעבראַכט געוואָרן אין אָט דעם קבר 70 יאָר געשיכטע פון נסים ונפלאות, וואָס איז דעם יידישן פאָלק געשען „בזמן הזה", נאָך גרעסערע נסים ונפלאות פון יענע „בימים ההם".

אין סעפּטעמבער 1961 האָב איך געפילט פאַר מיין חוב נאָך אַ מאָל צו שרייבן וועגן מאַניע שוחט, און אָט פאַר וואָס:

איך האָב באַקומען צוגעשיקט אַן אַרטיקל פונעם בונדישן שרייבער י. האַרט (אין ניו־יאָרקער זשורנאַל פון „בונד" — „אונדזער צייט"). היות ווי איך געפין זיך לעצטנס אויף נסיעות, האָב איך ניט קיין מעגלעכקייט אויסצוגעפינען גענויערס וועגן מחבר און זיינע באַוויזן. בעיקר: איך באַקום דאָרט אַן „עליה" פאַר מיין הספּד־אַרטיקל איבער מאַניע שוחט אין „קעמפער". איך האַלט פאַר מיין חוב צו ענטפערן אויף אַ ריי פּרטים.

קודם־כל — וועגן אַ קלייניקייט: דער מחבר האָט מיך געמאַכט פאַר אַזאַ תם, אַז איך האָב אַפילו ניט געוווּסט וועגן קורס פון צאַרישן רובל ביים אָנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט. דאָס האָט מיר באַוויזן, ווי אַזוי דער אַרטיקל־מחבר האָט „געלייענט" מיין הספּד. איך האָב דאָרט דערציילט וועגן צוויי באַזונדערע סכומים געלט. איין סומע, וואָס אַ ניו־יאָרקער ייד (לאָורענס לעווין) האָט דאַן געגעבן מאַניע שוחט בכדי צו קויפן געווער פאַר ארץ־ישראל, האָט באַטראָפן עטלעכע הונדערט דאָלאַר. וואָס שייך דער צווייטער סומע — האַנדלט זיך עס אין געלט, וואָס דעם דערמאָנטנס פאָטער אין ווילנע האָט געגעבן מאַניען... און זי האָט באַטראָפן אַ סך טויזנטער רובל. אָבער י. האַרט מישט צונויף ביידע עפּיזאָדן, בכדי צו קענען אויס־

לאַכן מיין עם־הארצות אין הלכות רובל־קורס: מילא, אויב דער מחבר האָט הנאה פונעם חוזק — זאָל אים ווויל באַקומען. דאָס באַווייזט אָבער, אַז ער האָט זיך געגעבן ווייניק מי צו לייענען דעם קעגנערס ווערטער. איצט — צום ענין מאַניע שוחט.

זיין אַרטיקל הייבט זיך אָן מיט אַ פעסטשטעלונג, אַז אינעם פריערדיקן אַרטיקל „האָבן מיר פאַרגעשטעלט מאַניעווילבושעוויטש אויפן סמך פון אירע בריוו. דער פאָרטרעט איז בולט און פאָדערט ניט קיין פירושים". לײַדער האָב איך ניט פאַר זיך דאָס ערשטע אַרטיקל און איך מוז נאָר רעאַגירן אויפן צווייטן.

בעת איך האָב געשריבן מיין הספד אויף מאַניע ווילבושעוויטש־שוחט האָב איך גאַנץ גוט געוווּסט וועגן טרויעריקן זובאַטאָוו־קאַפּיטל אין איר ביאָגראַפיע. איך האָב זיך דעם פאַקט ניט געדאַרפט דערוויסן פונעם „בונדישן" אַרכיוו אָדער — להבדיל אלף פעמים — פון דער צאַרישער „אָכראַנקע". איך האָב עס געוווּסט פון אייגענע חברים, וואָס האָבן געקענט יענע עפּאָכע. זיי האָבן דעם ענין פון מאַניעס צוזאַמענאַרבעט מיט זובאַטאָוו צוגעשריבן צו אירע פריִע יוגנט־בלאָנדזשענישן. אָבער נאָך מער ווי פון חברים, האָב איך זיך באַקענט מיטן ענין פון אַרטיקלען, וואָס עס האָט געשריבן דער בונדישער מנהיג וולאַדימיר מעדעם. ער האָט זיי פאַר־עפנטלעכט אין ניו־יאָרקער „פאָרווערטס", בעת איינעם פון מאַניעס באַזוכן אין אַמעריקע. אונדזער פּאַרטיי האָט דאַן שאַרף רעאַגירט קעגן מעדעמס מאמרים — אָבער איך האָב זיך אין דעם ניט באַטייליקט. איך האָב זיך געשטעלט צופרידן מיט די דערקלערונגען פון אַזעלכע חברים, וואָס זיי אַליין האָבן אָנטיילגענומען אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד. במילא זיינען זיי געווען איב־טימער אינפאָרמירט וועגן דער „זובאַטאָווטשינע".

אויף מיר גופא האָבן מעדעמס אַרטיקלען געמאַכט אַ טיפן איינדרוק. איך האָב אים באַקענט בעת אונדזער בשותפותדיקער אַרבעט אין „פּיפּלס רעליף" און געהאַט פאַר אים גרויס רעספּעקט — סיי ווי אַן אידעאַליסט פון ריינסטן סאָרט און סיי ווי אַן ערלעך־אויפריכטיקער מענטש. וויפל מען זאָל ניט וועלן פאַרשרייבן זיינע דע־מאַלטיקע אַרטיקלען אויפן חשבון פון פּאַרטיי־קאַמף צווישן „בונד" און פּועלי־ציון — האָט אָבער פון די אַרטיקלען אַרויסגערעדט אַ מענטש, אויף וועלכן מען קען זאָגן: ניכרים דברי אמת. איך פּערזענלעך קען זאָגן, אַז אַ מענטש ווי מעדעם האָט ניט געקענט אויסטראַכטן קיין שקרים. די אינפאָרמאַציע, וואָס ער האָט געבערענגט — אָן צוצוגעבן דערקלערונגען, אַז דאָס זיינען געווען יוגנט־זינד און בלאָנדזשענישן פון דער יוגנטלעכער מאַניע — האָט מיר פאַרשאַפט טיפע יסורים, ווייל דאַן האָב איך שוין גוט געקענט די חברה מאַניע.

איך האָב שוין דאַן געקענט אירע געוואַגטע אַרבעטן, וואָס עס קענען אויספירן אַזעלכע מענטשן, וועלכע זיינען גרייט מקריב צו זיין זייער אייגן לעבן אויף קידוש־השם. אין מיין מחשבה האָב איך געזוכט אַן ענטפער אויף דער דאָזיקער דערשיי־נונג, וואָס הייסט מאַניע שוחט און וואָס איז פול מיט קאָמפּליקאַציעס און אַפילו סתירות. איך האָב ניט געקענט אָננעמען דעם ענטפער פון יוגנט־בלאָנדזשענישן — הגם מאַניע איז נאָך געווען גאָר יונג ביים אָנקומען קיין ארץ־ישראל. די סיבה? ווייל שוין דאַן האָט זי אַרויסגעוויזן געוואַלטיקע רייפקייט פון געדאַנק און גרייטקייט

צו טאַט. מאַניע האָט געקענט האָבן אַ פֿאַלש־פּאָליטישן איינשטעל; זי האָט געקענט מיינען (פּונקט ווי אַ ריי אַנדערע) אַז פֿאַרן יידישן אַרבעטער אין רוסלאַנד איז בעסער צו באַגרענעצן זיינע אַקטיוויטעטן בלויז צום עקאָנאָמישן קאַמף; זי האָט געקענט האַלטן — דורך אַ פּאָליטישן טעות — אַז דורכן צאַרישן אַגענט זובאַטאָוו וועט זי באמת קענען דערגרייכן וויכטיקע רעזולטאַטן פֿאַר דער עקאָנאָמישער אויס־בעסערונג פֿון די יידישע מאַסן אין רוסלאַנד. אָבער דאָס, וואָס מעדעם האָט דערציילט איז געווען גאָר שרעקלעך. מאַניע זאָל זיך האָבן געלאָזט פֿאַרפֿירן פֿון זובאַטאָוון צו וויט. טאָ ווי אַזוי האָט עס געשטימט מיט דער מאַניע, וואָס איך האָב אַזוי גוט געקענט?

מיט איר אַליין האָב איך קיין מאָל ניט געשמועסט וועגן דעם. אויך זי האָט קיין מאָל ניט באַרירט דאָס דאָזיקע קאַפּיטל — אין די צענדליקער פּריוואַטע שמו־עסן, וואָס מיר האָבן געפֿירט — אַפֿילו נאָך דעם ווי מעדעמס אַרטיקלען זיינען דערשינען. איך האָב בלויז געשפּירט, אַז זי גייט אַרום אַ צעבראָכענע. פֿון מיין זייט האָב איך געהאַלטן פֿאַר אומעטיש אָנצוהייבן אַ שמועס אויף דער דאָזיקער טעמע. אפשר האָב איך געמאַכט אַ גרויסן טעות. מעגלעך, אַז איך האָב איר געדאַרפֿט געבן אַ געלעגנהייט צו מאַכן איר דערקלערונג וועגן דעם אומגליקלעכן קאַפּיטל. אָבער איך האָב עס דאָן ניט געטאָן און במילא אַליין געמוזט זוכן אין דער מחשבה אַן ענטפֿער.

✶

דער מחבר י. האַרט שרייבט: „איך פֿרעג זיך אַליין: אפשר זיך באַציען צו איר מיט מידת הרחמים? טוט מען דאָס אַפֿילו לגבי שווערע פֿאַרברעכער — אירע מעשים זיינען מאָראַליש זייער־שווערע פֿאַרברעכנס. אָבער ס׳פֿעלט דאָ דער נייטי־קער יסוד. מידת־הרחמים פֿאַרדינט דער, וואָס האָט אויפֿריכטיק חרטה. פֿון איר איז קיין אויסדרוק פֿון חרטה ניט געווען״. דאָ איז דער מחבר גערעכט — בלויז ביז צום לעצטן פּסוק.

וואָס קען אייגנטלעך באַטראַכט ווערן ווי אַ חרטה־אויסדרוק? מוז חרטה דווקא אויסגעדריקט ווערן אין דער עפֿנטלעכקייט און בכתב? מוז מען אויסדריקן חרטה אין שמועסן מיט אינטימע חברים? אויב דאָס זיינען די איינציקע אופֿנים פֿון חרטה — ווייס איך ניט פֿון אַזעלכע ביי מאַניען: איך זאָג ניט, אַז זיינען ניט געווען — אפשר האָט זי צו אַנדערע חברים געהאַט מער צוטרוי ווי צו מיר. איך האָב, אגב, ניט געלייענט אַלצדינג, וואָס זי האָט געשריבן אין דער עפֿנטלעכקייט אָדער אין אינטימע בריוו צו חברים. איך האַלט אָבער, אַז ס׳איז פֿאַראַן אַ העכערע מדרגה פֿון חרטה: דורך ווידמען דאָס גאַנצע לעבן, בקדושה וטהרה, צו אַ גרויס־יידישן און מענטשלעכן אידעאַל. וואָס מער איך טראַכט וועגן דעם, אַלץ קלאָרער ווערט מיר: א) אַז זי אַליין האָט אָנערקענט איר שולד און זיך אַפֿילו ניט פֿאַרענטפֿערט מיט יוגנט־בלאָנדזשעניש. ב) אַז איר שולד־געפֿיל איז אפשר געווען די שטאַרקסטע טרייבקראַפֿט, וואָס האָט זי אַלע מאָל געהאַלטן גרייט צו מעשים פֿון קידוש־השם — ווי דאָס האָבן געזען אַלע, וואָס קענען איר רומרייך קאַפּיטל פֿון העכער אַ האַלב יאָרהונדערט לעבן אין ארץ־ישראל. זי איז געווען די ערשטע אין אַלע געפֿערלעכע

פּייערן; זי איז געגאַנגען אויף אַזעלכע פּונקטן, הגם די העלדישע שומרים האָבן געהאַט ספיקות, אויב מען דאַרף זי דאָרט אַריינלאָזן. אַט דער חרטה־אויסדרוק דערהייבט איר געשטאַלט און אין אַזעלכע מעשים אירע האָב איך געפונען דעם ענטפער אויף דער פראַגע, וואָס די מעדעם־אַרטיקלען האָבן אַרויסגערופן.

איך קען זיך ניט אָפּשטעלן אויף אַלע (שרעקלעכע!) פּרטים, וואָס דער בונדישער מחבר האָט אַרויסגעברענגט אויפן יסוד פון צאַרישע מאַטעריאַלן, וואָס זיינען אַנטדעקט געוואָרן נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע. פּשוט דערפאַר, וואָס איך ווייס גאָרנישט וועגן זיי און דער מחבר ווייסט יאָ אַפּנים. אויב ניט — האָט ער ניט געטאָרט שרייבן וועגן דעם און זי פאַרמשפּטן ווי אַ באַרימערין און ליגנערין. מוז איך אָננעמען, אַז ער האָט זיך באַקענט מיט די אַלע מאַטעריאַלן. איך בין אָבער ניט מסכים צו זיינע פּירושים צו אייניקע דאָקומענטן. ווען עס קומט צו מאַניעס אַקטיוויטעטן אין ארץ־ישראל זע איך שוין קלאָר, ווהין זיין חשק צו דיסקרעדיטירן מאַניען האָט אים פאַרפירט.

דער ערשטער דאָקומענט, וואָס ער ציטירט, איז אַ בריוו, וואָס מאַניע האָט געשריבן צו זובאַטאָוון. דאָרט האָט זי אים אינפאָרמירט, אַז אַ געוויסער מיטגליד פון אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד" האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט אויפן פינפטן ציוניסטישן קאָנגרעס וועגן קאַמף, וואָס עס דאַרף געפירט ווערן קעגן „בונד". דעם נאָמען פונעם דאָזיקן רעפערענט באַצייכנט זי אינעם בריוו מיטן אות „א". דאָן גיט דער בונדישער מחבר זיין פּירוש, אַז דערמיט „ווערט געמיינט צבי אַבערסאָן" און צוליב דעם כאַפּט ער מאַניען ביי אַ נייעם שקר, ווייל אַבערסאָן איז קיין מאָל ניט געווען קיין מיטגליד פונעם אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד". זיכער איז דאָס עצם־שרייבן צו זובאַטאָוון אַ גרויסער חטא. אָבער ווער קען באַשטעטיקן, אַז זי האָט טאַקע געמיינט אַבערסאָנען? בכדי צו באַשולדיקן מאַניען אין שקרים מוז דער מחבר זיין כולו אמת. ליידער איז ניט אַזוי. איך וויל נאָר ציטירן איין ביישפּיל — וועגן מאַניעס אַרעסט דורך דער טערקישער מאַכט. דער בונדישער מחבר ציטירט אַן אַרטיקל (פון ש. לובעטקין אין ניו־יאָרקער „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל"), ווו עס ווערט דערציילט:

> דאָס טערקישע געריכט האָט דערקלערט מאַניען פאַר אַ געפערלעכן עלעמענט און זי פאַראורטיילט צום הענגען. מאַניע, וועלכע האָט דאָן געשוואַנגערט, איז געגאַנגען צו דער תליה אין אויסערגעוויינטלעכע ליידן... פירנדיק זי צו דער תליה איז געשען אַ נס. עס איז אָנגעפאָרן אַ דייטשער אָפיציר, וועלכער האָט זיך איבערגענומען מיט דעם פאַקט, וואָס מאַניע האָט שטודירט אין דייטשלאַנד און מיטן פאַקט וואָס זי שוואַנגערט. און ער האָט זיך געווענדעט צו די טערקן, וועלכע זיינען דאָן געווען פאַרבינדעטע פון דייטשלאַנד, זיי זאָלן פאַרבייטן די שטראָף... ערשט אויפן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס פון שלום, וואָס איז פאָרגעקומען אין 1918 אין שטאָקהאָלם, איז אויפגעהויבן געוואָרן די פראַגע פון מאַניעס פייניקונגען און עס איז אויסגעאיבט געוואָרן אַ שטאַרקער דרוק אויף טערקיי צו באַפרייען אָט די העלדישע פרוי.

נאָך אָט דער ציטאַט, זאָגט י. האַרט עטלעכע אייגענע ווערטער און ברענגט ווידער אַ ציטאַט פון רחל ינאיתס בוך.ביידע צוזאַמען לייענען זיך אַזוי:

און איצט לאָמיר הערן, וואָס עס זאָגט וועגן משפט און אורטייל די ערשטע ליידי פון מדינת־ישראל, וועלכע איז דאַן געווען בעתן פּראָצעס. ווען מאַניע איז אַרויס פונעם ריכטערס צימער, האָט זי געזאָגט מיט אַ שמייכל:

„ס׳איז כמעט ניט געווען קיין אויספאָרשונג. מ׳האָט מיך בלויז פאַר־משפט אויף פאַרשיקונג און ניט אויף תפיסה, אין געגנט פון סיוואַס; אַ פרייע צוזאַמען מיט ישראלן און מיט די כענקינס״ (רחל ינאית בן־צבי: „אנו עולים״, זייט 362, תל־אָביב, 1959).

ווער עס לייענט די דאָזיקע ציטאַט זעט, אַז דאָס זאָגט ניט רחל ינאית, נאָר מאַניע אַליין: זי דערציילט, אַז ס׳איז כמעט ניט געווען קיין אויספאָרשונג; אַז זי אַליין מאַכט אָוועק מיט דער האַנט דעם טערקישן משפט קעגן איר. וועגן דער שטאָקהאָלמער קאָנפערענץ דערציילט זי ניט קיין וואָרט — אויך ניט וועגן „נס״ מיטן דייטשן אָפיציר. טאָ וואָס קען אין דעם פאַל באַרעכטיקן דאָס פאַרמשפטן מאַניען ווי אַ באַרימערקע? מיט וואָס איז באַרעכטיקט דעם בונדישן שרייבערס פּאָעטישע מסקנה, וואָס זאָגט:

אַ תליה אָן אַ קראַוואַט (פּעטליע) און אַ קאָנגרעס אָן אַ דעלעגאַט (דער מחבר שטעלט פעסט, אַז דער קאָנגרעס וואָס ש. לובעטקין דערמאָנט איז גאָר ניט פאָרגעקומען) דאָס זיינען אַ סך פון די פּלאַי־פּלאַים, וואָס מאַניע און אירע באַשירמער און באַשרייבער דערציילן...

ווער איז דאָ ווייט פון אמת — מאַניע אָדער י. האַרט? ווו האָט מאַניע עס געזאָגט וועגן דעם — אויסער אין דער ציטאַט, וואָס האַרט אַליין ציטירט? פאַר־קערט: דאָרט דערשיינט זי פּונקט פאַרקערט: אין אַ באַשיידן ליכט און ניט ווי קיין „באַרימערקע אָדער ליגנערקע״.

וויל איך דערמיט פאַרקלענערן מאַניעס שולד? ניין. איך האָב ניט דעם כבוד צו קענען דעם בונדישן מחבר און ווייס ניט אויף וויפל מ׳קען זיך פאַרלאָזן אויף זיינע באַהויפּטונגען. איך האָב אָבער געהאַט דעם כבוד צו קענען וולאַדימיר מעדעם פערזענלעך — און צו זיין וואָרט האָב איך צוטרוי. טאַקע צוליב אים בין איך איבערצייגט, אַז מאַניע האָט אינעם זובאַטאָוו־עניין שווער געזינדיקט. דאָך בלייב איך פעסט ביי די ווערטער, וואָס איך האָב געשריבן אין מיין הספד. אירע העכער 50 יאָר מסירת נפש פאַר ישראל האָבן אַרויסגעוויזן גענוג תשובה כלפי אירע יוגנטלעכע זינד.

דאָס, וואָס איך האָב דערציילט וועגן דער באַגעגעניש ביי לאָורענס לעווין, בלייבט דער פולער אמת, אַפילו ווען דער בונדישער מחבר זאָל עס טויזנט מאָל באַצייכענען ווי אַ „וועסטערן״. איך האָף, אַז הער לעווין גופא לעבט נאָך און קען זיין דער בעסטער עדות. אָבער אויך דאָס איז ניט אַזוי וויכטיק ווי די מאַניע־געשטאַלט בכלל. אַפילו דורך וואַרפן אויף איר שמוץ, קען זי ניט ווערן פאַראומ־רייניקט. זי האָט געלייטערט איר שולד דורך אַ גאַנץ לעבן, וואָס זי האָט אָפּגעגעבן

פאַרן יידישן פאָלק אין ריינקייט. אַזוי האָבן אויסגעזען אירע צענדליקער יאָרן אין ארץ־ישראל פריער און שפּעטער אין מדינת ישראל. אַט די יאָרן אירע קענען זיכער דינען ווי אַ ביישפּיל ביי דערציען אונדזערע יונגע דורות. איך בין איבער־צייגט, אַז אונדזערע דערציער וועלן דערציילן זייערע תלמידים וועגן איר גאַנץ לעבן — און אויך ניט פאַרשוויגן אירע יוגנט־זינד. די יוגנט וועט זיך פאַרטיפן איבער איר גאַנצן וועג — און זיכער אויך וויטיקן איבער אירע חטאים. עס וועט אָבער בלייבן געגנוג קדושה וטהרה, וואָס זאָל באַגייסטערן אונדזערע קומענדיקע דורות.

אין מערץ 1963 האָב איך זיך ווידער אומגעקערט צו דער מאַניע שוחט־טעמע און האָב געשריבן:

פונקט צום צווייטן יאָרצייט פון מאַניע שוחט איז מיר געלונגען צו באַקומען דאָס בוך „זכרונות פון אַ יידישן סאָציאַליסט", געשריבן פון בונדישן פירער ביניש מיכאַלעוויטש (אַרויסגעגעבן אין וואַרשע אין יאָר 1929 דורך דעם פאַרלאַג „די וועלט"). די זכרונות שליסן איין געשעענישן פון יאָר 1892 ביז 1909. דאָס דאָזיקע בוך פאַרדינט געלייענט צו ווערן פון אַלע, וואָס זיינען פאַראינטערעסירט אין דער געשיכטע פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און דער ראָלע וואָס עס האָט אין איר פאַרנומען די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג, געפירט פון „בונד". מיך האָבן בעיקר אינטערעסירט די צוויי ערשטע קאַפּיטלען פון צווייטן באַנד („פּאָלי־צייישער סאָציאַליזם" און „אַ מענטשלעכער דאָקומענט"), ווו עס ווערט דערציילט וועגן דער טרויעריק־באַרימטער פּרשה „זובאַטאָווטשינע" און חברה מאַניעס פאַר־בינדונג מיט אָט דער פּרשה.

מיט אַ צייט צוריק, ווי אויבן דערציילט, האָט דער בונדישער שרייבער י. האַרט פּאָלעמיזירט מיט מיר אינעם ניו־יאָרקער זשורנאַל „אונדזער צייט" הלמאי איך האָב אין מיין הספד־אַרטיקל נאָך חברה מאַניע שוחט דערציילט מיט באַגייסטערונג וועגן מאַניעס פּערזענלעכקייט און איר הויכן אידעאַליזם. אין מיין ענטפער האָב איך אָפן געזאָגט, אַז אויב אַפילו זי איז אין איר יוגנט געשטרויכלט געוואָרן אינעם זובאַטאָוו־עניין, האָט זי זיך געלייטערט פון איר שולד דורך אַ גאַנץ לעבן, וואָס זי האָט אָפּגע־געבן אין דינסט פון יידישן פאָלק. אָבער היות ווי מיכאַלעוויטש — איינער פון די גאַר־ליכטיקע געשטאַלטן אין „בונד" — האָט געפירט דעם שאַרפסטן קאַמף קעגן דער „זובאַטאָווטשינע", מעגן זיך אונדזערע לייענער באַקענען מיט דעם, וואָס חבר ביניש מיכאַלעוויטש רופט־אָן „אַ מענטשלעכער דאָקומענט".

אויף זייט 6 פון צווייטן באַנד דערציילט דער מחבר, אַז „אַפילו אַזאַ פּערזענ־לעכקייט מיט אַזאַ פּראַקטישן חוש ווי גריגאָרי גערשוני (דער שפּעטערדיקער פירער פון די רוסישע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן) איז געווען שטאַרק אַנטציקט פון זובאַטאָוון און האָט אַ צייט נאָך זיין באַפרייונג (אין 1901) געגלויבט, אַז זובאַטאָוו מיינט ערנסט מיט זיינע פּלענער". וואָס זובאַטאָווס פּלענער זיינען געווען — און וואָס גערשוני האָט געטאָן נאָך דעם ווי ער האָט זיך אויסגעניכטערט פון זיין אַנט־ציקונג — ווערט טיילווייז דערציילט אין דעם „מענטשלעכן דאָקומענט". אינעם קאַפּיטל „פּאָליציייִשער סאָציאַליזם" ווערט דערציילט וועגן די מעטאָדן, וואָס זובאַ־

טאָוו האָט אָנגעווענדעט צו פּאַנגען זיינע קרבנות. אויך אין אַנדערע ערטער ווערט דאָרט דערציילט, אַז צווישן די ניט־יידישע סאָציאַליסטן אין רוסלאַנד האָבן זיך געפונען אַזעלכע — נאָך איידער זובאַטאָוו איז דערשינען אויף דער אַרענע — וואָס האָבן געטראַכט, אַז די אַרבעטער פון רוסלאַנד דאַרפן נאָר פירן אַן עקאָנאָמישן קאַמף, אַ טרייד־יוניאַניסטישן, אָבער ניט קיין פּאָליטישן קאַמף קעגן דעם צאַרישן רעזשים. אָט דער געדאַנק איז נאָך דעם געוואָרן דער גרונט־יסוד פון זובאַטאָווס „שטאַנדפּונקט", וואָס ער האָט געפּריידיקט צו זיינע קרבנות — די רעוואָלוציאָנערן, יידישע און ניט־יידישע, וואָס זיינען אַריינגעפאַלן אין זיינע הענט.

און איצט וויל איך איבערגעבן ווי אַזוי עס האָט זיך באַצויגן צו מאַניען — און צו איר אומגליקלעכער פאַרפּלאָנטערניש מיט זובאַטאָוון — אַזאַ אידעאַליסטישע פּערזענלעכקייט ווי מיכאַלעוויטש. ווער עס וועט אַ מאָל שרייבן די געשיכטע פון אָט דער אומגליקלעכער פּרשה, וועט אין בוך פון חבר בייניש מיכאַלעוויטש געפינען די וויכטיקסטע מאַטעריאַלן.

✶

אין 2טן באַנד, זייט 22, שרייבט ער:

„וועגן דער געהיימענישפולער ראָלע וואָס מאַניע ווילבושעוויטש האָט געשפּילט אין דער ׳זובאַטאָווטשינע׳ בכלל און וועגן אירע באַציִונגען צו זובאַטאָוון בפרט זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן מצד אירע פּאָליטישע קעגנערס פאַרשידענע השערות, זיינען אָנגעוויזן געוואָרן פיל פאַרדעכטיקטע פאַקטן און ס׳זיינען אָפן געמאַכט גע־וואָרן שווערע באַשולדיקונגען. די אָנגעקלאָגטע גופא האָט לכתחילה קאַטעגאָריש אָפּגעלייקנט יעדן חשד אין ׳פּראָוואָקאַציע׳, איז שטאַרק באַפאַלן פאַר אַזעלכע חשדים אירע באַשולדיקער און איז שפּעטער גאָר אין גאַנצן אַנטשוויגן געוואָרן. זי האָט ניט, פון איר זייט, פאַר דער גאַנצער צייט אויפגעקלערט די טונקעלע זייטן פון דער דאָזיקער שווערער טראַגעדיע.

„פאַר איר אָבער האָט עס געטאָן די געשיכטע. נאָך דער מערץ־רעוואָלוציע פון 1917 האָבן זיך געעפנט די אַרכיוון פון פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט און פאַר דער גאַנצער וועלט זיינען אַנטפּלעקט געוואָרן פיל באַהאַלטענע סודות און געהיימענישפולע מעשיות. צווישן די איבעריקע אַנטדעקטע דאָקומענטן איז אויך געפונען געוואָרן אַ קאָפּיע פון אַ בריוו, וואָס מאַניע ווילבושעוויטש האָט געשריבן אין יאָר 1900 צו זובאַטאָוון.

„דער דאָזיקער בריוו אַנטפּלעקט נאָך אויך ניט פאַר אונדז דאָס גאַנצע בילד פון דער געהיימער פאַרבינדונג צווישן דעם מינסקער עקזאַלטירטן מיידל מיט דעם דורכגעטריבענעם מאָסקווער אָבער־שפּיאָן. ער איז נאָך פול מיט רמזים און אָנצו־הערענישן, וואָס לאָזט זיך פאַרשידן אויסטייטשן. אָבער ער וואַרפט דאָך אַ שטיק העלע ליכט אויף דער באַציִונג צווישן די צווי הויפּט־העלדן פון דער זובאַטאָוו־שטשינע: די ׳אָפנהאַרציקייט׳ פון ווילבושעוויטש בנוגע אַנדערע פּערזאָנען און טוער טרעט דאָ בולט אַרויס און דער גאַנצער בריוו שטעלט פאַר מיט זיך אַ זייער וויכטיקן ׳מענטשלעכן דאָקומענט׳, לייענט זיך מיט גרויס שפּאַנונג. דעריבער ברענג איך אים דאָ אין גאַנצן אָן שום פאַרקירצונגען:

„גראָדנע, דעם 2טן אויגוסט, 1900.

מ. ב. זובאַטאָוו.

פאַר וואָס איך האָב אַזוי לאַנג געשוויגן? וועט איר פרעגן. איר וועט באַלד פאַרשטיין. איך שרייב דעם דאָזיקן בריוו מיט אַזאַ געפיל פון שמחה, גלייך ווי איך וואָלט באַגראָבן מיין בעסטן פריינד. איך שרייב בלויז דערפאַר, ווייל איך פיר אויס די באַשטעלונג, וואָס מען האָט ביי מיר געמאַכט. נו, האָט איר׳ס.

אין מינסק האָט זיך באַקומען ניט דאָס, וואָס איר האָט דערוואַרט. אייער נאָמען איז ביי אַלעמען אויף די ליפן. ניטאָ אַזאַ מענטש, וואָס זאָל ניט ריידן מיט אַ באַזונדערער לעבהאַפטיקייט וועגן זובאַטאָוון. אַלע אָבער ריידן אים אַרויס מיט אַ ציין־קריצן. יעדער ווער עס קומט צו פאָרן פון מאָסקווע גייט אַרום באַרוישט און פאַרכישופט. פאַרבלייבט ער אָבער אַ פאָר טעג, ווערט עס אים אַלץ אָפּגענומען מיט דער האַנט. און מענטשן, וואָס האָבן זיך פריער געפונען אונטערן רייץ פון אייער פערזענלעכקייט, האָבן איצט אָפּגהאַרציק אויף אַלץ חרטה. און דערמאָנען מיט אַ קללה יענע מינוט פון זייער שוואַכקייט, ווי זיי רופן עס.

עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ס׳איז געוואָרן אַ שפּריכוואָרט: יעדער קאָנספּירירט דאָס, וואָס ער האָט גערעדט ביי זובאַטאָוון אין קאַבינעט. דאָס געשעט גאַנץ פשוט. בשעת זיי גייען אַרויס אויף דער פרייהייט, זעען זיי, אַז אַלע זייערע אידעען וועגן לעגאַלער אַרבעט, וואָס האָבן זיי פריער באַגייסטערט, פאַרבלייבן ניט מער ווי חלומות. דאָס לעבן האָט זיך ניט פאַרענדערט. אַלץ איז פאַרבליבן ווי פריִער. מיט זייער אָפנהאַרציקער און פאַרטרוילעכער באַציִונג צו אייך, האָבן זיי אויפן בעסטן אופן אַרויסגעגעבן אַלץ, וואָס ס׳איז שייך ניט בלויז דער מינסקער, נאָר אויך דער גאַנצער יידישער באַוועגונג. דאָס ריידן די אַזוי־גערופענע „זובאַטאָווצעס", דאָס הייסט עטלעכע מענטשן, וואָס האַלטן אייך מער אָדער ווייניקער פאַר אַן ערלעכן מאַן און גלייבן, אַז די אַרבעטער־באַוועגונג דאַרף מען ניט פאַרפלאָנטערן מיט פּאָליטישע פאָדערונגען... דאָך באַהויפּטן זיי, אַז ס׳איז לחלוטין אוממעגלעך לעגאַל צו אַרבעטן, שוין דערפאַר אַליין, וואָס ס׳איז ניטאָ קיין לעגאַלע ליטעראַטור אויף זשאַרגאָן, וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט צו די אינטערעסן פון די אַרבעטער.

אָבער אַזעלכע זיינען בלויז איינצלנע מענטשן. די איבעריקע רופן זיך אָפּ וועגן אייך מיט אַן אומגעווייִנטלעכער שנאה. איבערהויפּט זשעניע הורוויטש, דער קליינטשיקער באָריס פרומקין, זיין שוועסטער, גרישע רודערמאַן, גרישע גערשוני און נאָך זיי — אַלע.

עס האָט זיך באַקומען עטוואָס אַזוינס, וואָס ס׳איז מיר פריִער גאָרניט איינגעפאַלן. אייער פּאָליטיק ווילן זיי ניט און קענען ניט אָפּטיילן פון אייער פערזענלעכקייט. אַלע זיינען אין דער מיינונג וועגן אייך: איר זייט אַ קאַריעריסט. ווי אַ מענטש מיט גרויסן פאַרשטאַנד האָט איר באַגריפן,

אַז די אַלטע פּאָליטיק האָט אָפּגעלעבט איר וועלט, אַז מען קען זיך אויסצייכענען נאָר דעמאָלט, בשעת די אַרומיקע מענטשן האָבן דעם קאָפּ פאַרלוירן, ווייסן ניט וואָס צו טאָן, ווייל זיי ווייסן לחלוטין ניט וואָס אַרום זיי קומט פאָר. עס לוינט פאַר אייך אונדזער זאַך אונטערצוהאַלטן, ווייל אַזוי אַרום וועט איר קלאָר ווערן דעריך, וואָס פריִער איז פאַר אייך געווען בסוד־סודות. אַרויסבאַקומען פון די אַרעסטירטע אַ מעלדונג אויפן נאָמען פון דירעקטאָר פון פּאָליציי־דעפּאַרטמענט — באַווייזט איר דערמיט די ממשות פון אייער פּאָליטיק און איר גייט ווייטער אויפן וועג צו מאַכט. דערמיט וואָס איר גיט די אַרבעטער אָרעמע שיריים — פיקציעס פון פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און רעכט צו שטרייקן — בינדט איר זיי די הענט און פיס. און בעת זיי ווילן ניט קיין פיקציעס, נאָר עפּעס רעכט־ממשותדיקס, וועט מען זיי דערויף ענטפערן, אַז זיי פאַרלאַנגען צו פיל און אויב זיי וועלן זיין העזהדיק, וועלן זיי פאַרלירן אויך יענע מיקראָסקאָפּישע הנחות, וועלכע איר האָט זיי אַזוי מבטיח געווען צו געבן.

איר, טענהן זיי, זייט צו־קלוג און צו־דורכזיכטיק, אַז איר זאָלט באמת צוגעבן אַן ערנסטע באַדייטונג אייער טעאָריע וועגן „צאַריזם“. איר פאַרשטייט אויסגעצייכנט, אַז פאַקטיש קען די דאָזיקע טעאָריע קיין מאָל ניט פאַרווירקלעכט ווערן. און באַגיין אַלערליי געמיינהייטן, ווי אָרגאַניזירן פּראָוואָקאַציעס, שפּיאָנאַזש און ענלעכע פיינקייטן בלויז צוליב אַן אַבסטראַקטער, אוממעגלעכע אידעע, בעת איר ווייסט, אַז צוריקקערן די געשיכטע פון פאָלק און מלכים, לויט אייגענעם ווילן, זייט איר און קיינער ניט אומשטאַנד, קען נאָר אַ מענטש וועלכער פאַרפאָלגט זיינע פּערזענלעכע צילן. אייך גייט אַבסאָלוט ניט אָן ניט דער קייסער, ניט די אַרבעטער־באַוועגונג, ניט דאָס רוסישע פאָלק. איר זייט איצט אַ דעמאָקראַט, ווייל דאָס איז גינציק פאַר אייך. אויב פאַר אייך וועט שפּעטער לוינען צו ווערן אַ פּאַרטייִדיקער פון דער אַריסטאָקראַטיע, בורזשואַזיע אָדער פון עמעצן אַנדערש, וועט איר אָן וואַקלעניש דאָס טאָן. אויב אייך וועט דער אַנטיסעמיטיזם ברענגען נוצן, וועט איר דער ערשטער זיך שטעלן אין זיין שפּיץ. אויב דער ציוניזם — וועט איר מיט אייער געבוירענעם כוח־הדיבור פריידיקן די דאָזיקע באַוועגונג. מיט איין וואָרט — איר זייט אַ קלוגער פּאָליטיקער און מער ניט. איר פאַרמאָגט אָבער אָריגינעלע און אויסערגעוויינטלעכע פעיִקייטן און אַ ברייטן געדאַנקענשווונג, דערפאַר גייט איר ניט מיט דעם אויסגעטראָטענעם וועג, נאָר מיט נייע, אומבאַקאַנטע, ביז־איצט נאָך ניט אויסגעפּרווטע וועגן, און דערפאַר טאַקע זייט איר שרעקלעכער פאַר דער באַוועגונג ווי אַלע איבעריקע אויסווורפן, וועלכע זיינען ביז איצטער געווען אויף אייער פּאָסטן.

דעם דאָזיקן בליק האָט מיט זיך מיטגעבראַכט גריגאָרי גערשוני און דאָס האָט מיט אַ בליץ־שנעלקייט אַריינגעדרונגען אין אַלעמענס באַוווסטזיין. ער האָט, ווי מען האָט געדאַרפט דערוואַרטן, אייך אָפּגענאַרט

פון אָנהייב ביזן סוף. ער האָט געגומען ביי איין אַלץ, וואָס ער האָט געקענט און קומענדיק צוריק האָט ער איין ווי געהעריק אָפּגעשאַצט און האָט נאָך דערביי, פאַרשטייט זיך, פאַרבאַהאַלטן, אַז ער האָט געשריבן אַ מעלדונג.

בעת איך בין צוריקגעקומען פון מאָסקווע, האָבן זיך אַלע אויף מיר אַ וואָרף געטאָן, ווי אויף אַ סענסאַציע. זיי האָבן גערעכנט, אַז איך דאַרף וויסן מער ווי אַלע איבעריקע און האָבן געוואָלט פון מיר הערן נאָך אַ וואָרט וועגן זובאַטאָוון. מיט גערשונין האָב איך געהאַט אַ גרויסן, לאַנגן געשפּרעך. ער האָט באַנוצט זיין גאַנצן כוח־הדיבור און שכל, בכדי צו דערוויזן ווי ניט אויסגעהאַלטן ס'איז מיין בליק אויף איין און אויף דער אַרבעטער־באַוועגונג. אויף מיין פראַגע, וואָס קלערט ער איצט צו טאָן, האָט ער געענטפערט, אַז ער וועט זיך באַנוצן מיט אַלץ, וואָס איר זייט בכוח צו געבן דער לעגאַלער אַרבעט און אין דער זעלביקער צייט, פּאַראַלעל מיט דעם, וועט ער ווייטער פירן אומלעגאַלע אַרבעט, אָבער שוין ניט אין יידישן תחום, נאָר אין צענטראַל־רוסלאַנד.

ער האָט זיך ביי מיר כמעט געבעטן, אַז איך זאָל פאַר קיינעם ניט אַרויסזאָגן מיינע בליקן. איך האָב, פאַרשטייט זיך, ניט געפאָלגט און איצט האָב איך חרטה. אין מינסק האָט מען מיט אַן אומפאַרשטענדלעכער שנעל־קייט אָנגעהויבן ריידן, אַז איך בין פאַרכאַפּט מיט אַזאַ אַפּיקורסות, וועלכער קיינער פון די צוריקגעקומענע פון מאָסקווע האָט נאָך ניט מיט־געבראַכט מיט זיך. אַלע גדולים פון דער באַוועגונג האָבן זיך עפּעס אַזוי מאָדנע דערשראָקן. מען האָט מיך געבעטן אומבאַדינגט צו קומען זען זיך אין „דאָבראַיאַ מיסל" מיט זשעניע הורוויטש, גריגאָרי רודערמאַן. דאָרטן האָט מען מיר געמאַכט אַ פאָרמעלע חקירה־ודרישה.

בעת איך האָב אויפריכטיק דערציילט, וואָס איך קלער צו טאָן בנוגע די אַרבעטער, האָב איך אַרויסגערופן אַזאַ שטורעם פון פאַרדרוס, אַז איך בין פשוט נשתומם געוואָרן. מיך האָט שטאַרק געקרענקט פאַר זשעניען, אַזוי פיל אמתע יסורים האָב איך איר פאַרשאַפט מיט מיין געשפּרעך, אַזוי פיל שנאה האָט זיך אָנגעקליבן קעגן יעדער לעגאַלער אַרבעט ביי דער דאָזיקער שיינער פּערזאָן; אַזוי פיל האָס צו אַלץ, וואָס טראָגט אַ זשאַנדאַרמען־מונדיר, אַזוי פיל אומצוטרוי, פאַראַכטונג... זיי האָבן מיך שטאַרק געבעטן, וואָס שנעלער אָפּצופאָרן און די אַרבעטער גאָרניט דער־ציילן, ווייל איצט איז אַזאַ שטימונג, אַז מיינע געשפּרעכן וועלן בלויז אַרויסרופן דעמאָראַליזאַציע. איך האָב זיך איבערגעלייגט און איך בין מיט זיי מסכים, אָבער גאָר צוליב אַן אַנדער סיבה.

איך האָב אויך באַמערקט, אַז איר האָט געמאַכט אַ גרויסן פעלער דערמיט וואָס איר האָט מיט אַלעמען גערעדט (אַגב, מעגלעך, אַז איר האָט מיט אַ כיוון דערצו געשטרעבט, דאָס ווייס איך ניט). איר האָט יעדערן באַזונדער דערציילט אַלץ, וואָס ס'איז נוגע אַלע אַנדערע. ווייל זיי ווייסן

ניט, אַז איך בין געווען די הויפּט־געהיימע פּאַררעטעריך, באַשולדיקן זיי איינע די אַנדערע אין צו פיל פּלוידערן און אייניקע אַפילו אין פּראָ־וואָקאַציע. ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז גרישע שאַכנאָוויטש האָט איך געשריבן אַ בריוו וועגן שטרייק אין קרעסלאָווקע, ריידן זיי שוין וועגן דעם, ניט קוקנדיק וואָס ער האָט דאָס געטאָן לויט דער ביטע פון די שטרייקער, אַז מען מוז זיך פאַר שאַכנאָוויטשן היטן, אַז ער איז ניט קיין זיכערער... אַזאַ פיבערהאַפטע אַטמאָספער איז איצט דאָרט.

פונאַנדערקלייבנדיק זיך אין דעם אַלעם, בין איך געקומען צום באַשלוס, אַז וואָס מער מען זאָל מיט זיי דיסקוטירן, באַווייזן דעם היפּוך, איז אַלץ ערגער. זיי וועלן אַלע נאָר בייז ווערן ווי די טייוולאָנים. מען מוז זיי געבן אַ שטיקל צייט צו באַרויקן זיך, אָפּקילן זיך און נאָך דעם אין גאַנצן זעלבשטענדיק וועריבירן מענטשן און באַשאַפן אַן אַנדער באַוועגונג פאַרביי זיי.

לעת־עתה האָבן זיי זיך צעטיילט אין צוויי לאַגערן. איינער טענהט, אַז כדי מען זאָל פּטור ווערן פון אַזאַ פאַרשווין ווי איר זייט, דאַרף מען צו אייך אָנווענדן די מיטלען פון אַנאַרכיסטן. אַנדערע פּראָטעסטירן קעגן דעם שטאַרק און באַהויפּטן, אַז מיט אייער פּאָליטיק קענט איר זיין נוצלעך דעם אַרבעטער און דאַרום דאַרף מען אויסנוצן אַלץ, וואָס איר וועט געבן, דערביי אָבער אויף קיין רגע ניט פאַרגעסן, אַז איר זייט דער געפערלעכסטער פון די אַלע שונאים וואָס זיינען ביז איצט געווען. מיט איינס זיינען אַלע מסכים: בכדי דאָס פּובליקום זאָל זיין אָנגעלערנט, דאַרף מען וועגן אייך פּובליקירן אין דער פּרעסע. אין צוויי וואָכן אַרום וועט אין אַלע אומלעגאַלע אויסגאַבן זיך באַווייזן אַן אַרטיקל וועגן אייך מיט אַזאַ ליבנסווירדיקער כאַראַקטעריסטיק, אַז קיין שום אָרגאַניזאַציע האָט אייך פריער בעסער ניט געמאָלט. פּלייסט זיך דאָס צו באַקומען און איבערצולייענען, ס'דאַרף זיין גאַנץ טשיקאַווע.

פון אַלץ, וואָס איך האָב אייך געזאָגט, קענט איר באַשליסן, אַז איר האָט אַ ביסל איבערגעצויגן די סטרונע און זי קען גאָר גיך פּלאַצן... נאָר זאָלן מיר דאָס דערווייל לאָזן. אַזוי ווי איך האָב שאַכנאָוויטשן אין מינסק ניט געטראָפן, האָב איך באַשלאָסן זיך אָפּצושטעלן ביי אים אין ווילנע אויף עטלעכע שעה. אַז זשעניע הורוויטש און רודערמאַן האָבן זיך דערפון דערוווּסט, האָבן זיי מיר געגעבן קיין ווילנע אַזאַ אויפ־טראָג: שאַכנאָוויטשן זאָל איך גאָרניט דערציילן (פאַר אים, ווי זיי זאָגן, היטן זיי זיך. פאַר וואָס זיי געטרויען מיר, פאַרשטיי איך ניט). איך זאָל אים נאָר בעטן, אַז ער זאָל מיך צונויפפירן מיט אַ מענטש, וואָס שטייט נאָענט צו דער ווילנער באַוועגונג; אַז איך וועל יענעם זען, זאָל איך אים זאָגן, אַז ער זאָל איבערגעבן ווו מען באַדאַרף, אַז נאָך יעוועגני גאָרעליקן שפּיאָנירט מען שטאַרק און אַז ער פאַרפירט די שפּיאָנען אומעטום ווו ער קומט צופאָרן...

אָבער נאָך אַ פּאָר ווערטער וועגן מיין באַציִונג צו אייך. ווען זיי האָבן אין מינסק מיט אמת און מיט ליגן זיך געפּליסט צו פאַרפּלעקן אייער נאָמען, האָב איך, צוליבן פאַרלאַנג צו ווידערשפּרעכן, געזאָגט דווקא דעם היפּוך פון דעם. נאָר אַז איך בין געקומען אַהער צו פאָרן און האָב אָנגעהויבן אַריינטראַכטן טיף אין דעם, וואָס איך וויל טאָן און אין דעם וואָס איר האָט פון מיר געמאַכט, הייב איך אייך אָן צו האָסן. דאָס דאָזיקע געפיל פאַרשטאַרקט זיך מיט יעדן טאָג און אויב דאָס וועט דערגיין צו אַ באַשטימטער מדרגה, וועט די דאָזיקע געשיכטע זיך ענדיקן שלעכט פאַר אייך און פאַר מיר.

איך קען ניט זאָגן, אַז איר האָט מיך אָפּגענאַרט; אַדרבה, איר זייט אַפילו געווען אומבאַגרייפלעך אָפן. אָבער אויב אַלע אייערע געשפּרעכן וועגן קייסער, גאָט, נשמה — זיינען בלויז אַ געשיקט מיטל צו באַקומען אַן עקזאַלטירט מיידל פאַר זיך אַלס געהילפין, בכדי זיך אויפצוהייבן אויף אַ העכערן שטאַפּל פון דער מאַכט, איז דאָס שוין צו שווער. איר ווייסט גוט, פאַר וואָס איך בין אַוועק אויף דעם וועג. מיך קענט איר מיט גאָרניט בינדן. איך באַדאַרף זיך נאָר איבערצייגן, אַז איר זייט ניט דער, פאַר וועמען איך האָב אייך גערעכנט, דעמאָלט וועל איך בפני כל עם ועדה זיך מודה זיין אין פּראָוואָקאַציע. נאַטירלעך, ניט די מאָטיוון וועלכע האָבן מיך באַוויגן, ניט די צילן, וועלכע איך האָב דערביי דערוואַרט וועט קיינער ניט דערגיין. און ווייניקער פון אַלע וועט דאָס אייך באַרירן... וואָס איך וועל שפּעטער טאָן, וועט איר זען...

איצט בעט איך אייך מיר צו ענטפערן. דאָס קליגסטע וואָס איר קענט טאָן — איז צו זאָגן דעם גאַנצן, גאַנצן אמת. איך וועל אייך גלייבן. איך דאַרף וויסן וואָס צו טאָן, אין וועלכער זייט צו פאַרקירעווען. איר וועט דעם אמת יאָ זאָגן. מעגלעך, אַז דער טאָן פון בריוו וועט אייך באַליידיקן. נאָר אויב מען זאָל שוין פון דעם ריידן, האָט איר מיך געצוווּנגען איבערצולעבן אַזעלכע מינוטן, ווען איך בין געווען נאָענט צו קומען צופאָרן צו אייך און... און אייך טויטן. איר וועט אַוודאי אַ שמייכל טאָן. אָבער איך בין שוין אַזוי באַשאַפן, אַז מיט מיר טאָר מען זיך ניט שפּילן, דערפאַר וועט אויסקומען שווער צו באַצאָלן. איך גלייב אייך און וואַרט אויף אייער בריוו.

אַדרעס: גראָדנע, מאַניע ווילבושעוויטש."

✶

איך האָב ציטירט דעם גאַנצן בריוו פון מאַניען צו זובאַטאָוון — פון מיכאַ־לעוויטשס בוך — און וויל אַפילו ניט צוגעבן דעם מינדסטן פירוש. זאָל דער לייענער אַליין משפּטן, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן אין דער נשמה פון דער יונגער מאַניע ווילבושעוויטש (שפּעטער: שוחט) — איידער זי האָט זיך באַפרייט פון אירע טראַגישע אילוזיעס.

חבר משה שייוועד

צו די שלושים (געשריבן אין דעצעמבער 1961)

אָקאָרשט איז ער געווען ביי אונדז אין הויז אין ירושלים. דעם אָוונט אײדער ער איז צוריקגעפלויגן קיין דעטראָיט האָב איך אים געזען אין האָטעל „דן" אין תל־אביב. ווען איך האָב זיך מיט אים געזעגנט, האָט ער געהאַלטן אין כסדרדיקן פאַרזיכערן מיר, אַז ער פילט זיך געזונט; אַז מען זאָל וועגן אים ניט זאָרגן. ער האָט אונדז צוגעזאָגט צו דעפּעשירן, ווי נאָר ער קומט קיין דעטראָיט. באַרוּיקט האָט דאָס מיך ניט. איך האָב געוווּסט, אַז ער איז שווער קראַנק, אָבער זיין אימפּעט האָט אים שוין עטלעכע מאָל אַרויסגעריסן פון די הענט פונעם מלאך־המוות.

עטלעכע טעג נאָך זיין אָפּפליען איז די דעפּעשע אָנגעקומען. אָבער שוין ניט ער האָט זי אונטערגעשריבן. זי איז געשיקט געוואָרן פון זיין געשעפטס־פירמע און איר אינהאַלט איז געווען זייער קורץ: משה שייוועד איז שוין ניטאָ! ס'איז אוממעגלעך שלום צו מאַכן מיטן געדאַנק, אַז אָט־דאָס שטורמישע האַרץ האָט זיך אין גאַנצן אָפּגעשטעלט; אַז דער אימפּעט, וואָס האָט אים כסדר געטריבן, איז אויף אייביק איינגעשטעלט. פון קאָפּ זיינען מיר ניט אַרויס די גרויסע פּלענער מיט וועלכע ער האָט זיך אַרומגעטראָגן, וועגן גרויסע אונטערנעמונגען, וואָס ער פאַר־מעסט זיך נאָך דורכצופירן אין ישראל. פּלוצעם — אַ סוף צו אַלץ! אין מיין געדאַנק גייט אַדורך זיין לעבן, זיינע מעשים. דער זכרון ברענגט אַרויף אייניקע פון די הויפּט־מאָמענטן פון זיין לעבן, במשך די עטלעכע צענדליק יאָר, וואָס איך האָב אים געקענט.

דריי אינסטינקטן האָבן דאָמינירט זיין געשטאַלט: א) אַ זייער שאַרפער משפחה־אינסטינקט; ב) אַ שטאַרק אַחריות־געפיל און ג) אומגעצוימטע אַכטונג און ליבע פאַרן יידישן לעבנס־שטייגער, מיט אַ בולטער נטיה צום יידיש־טראַדיציאָנעלן לעבן. אָט די אַלע דריי אינסטינקטן האָבן אין אים ניט געווירקט באַזונדער, נאָר אַלע דריי צוזאַמען. איך וועל באַרירן בלויז די עטלעכע עיקרדיקע אַרבעטן זיינע, אין וועלכע זיינע אינסטינקטן האָבן זיך אויסגעווירקט.

✶

זיין משפחה־געפיל איז ממש געווען פענאָמענאַל. ווי נאָר ער איז — גאָר אַ יונגער בחור — אָנגעקומען קיין אַמעריקע, האָט ער תיכף באַשלאָסן, אַז זיין חוב איז אַריבערצוברענגען קיין אַמעריקע אַלע זיינע קרובים, וועלכע זיינען פאַרבליבן אין פּוילן און לעבן אין דחקות און נויט. ער אַליין האָט די ערשטע פאַר יאָר געלעבט אין דעטראָיט, אין אָרעמקייט. אָבער ווי נאָר ער האָט אָנגעהויבן מאַכן דעם ערשטן שפּאַן צו עקאָנאָמישער פּאַרפּעסטיקונג האָט ער באַלד גענומען דורכ־פירן די אַחריות, וואָס ער אַליין האָט אויף זיך גענומען. פריִער איינציקווייז, דערנאָך שוין גאַנצע משפחות, האָט ער גענומען אַריבערברענגען צו זיך די קרובים. ווען אים האָט גענומען גיין בעסער, אַ דאַנק זיינע אויסערגעוויינטלעכע געשעפטס־

פעיקייטן, האָט ער זיך ניט צופרידנגעשטעלט מיטן אַריבערברענגען זיינע קרובים. ער האָט אויך גענומען אויף זיך די זאָרג פון בויען פאַר זיי עקאָנאָמישע פּאָזיציעס. ער אַליין איז געווען אַ מומחה אין אַ באַשטימט פאַך און דערין האָט ער אַריינגעפירט אַלע זיינע קרובים. ווען זיין דעטראָיטער אינדוסטריעלע אונטערנעמונג האָט ניט געקענט אַריינגעמען אַלעמען, האָט ער אָנגעהויבן אויפשטעלן אַזעלכע אינדוסטריעס אין סעינט לואיס און שפּעטער אין לאָס־אַנדזשעלעס. ביז ער האָט אַלע פון זיי געהאָלפן אַרויפשטייגן אויף גאָר אַ הויכן שטאַפּל פון עקאָנאָמישער פאַרפעסטיקונג.

אויסער זיינע קרובים, האָט ער דערנאָך גענומען אויף זיך די זעלביקע פליכט כּלפּי די קרובים פון זיין חברה עמאַ, מיט וועלכער ער האָט חתונה געהאַט. אויך פאַר אַלע מיטגלידער פון איר משפּחה האָט ער געטאָן דאָס זעלבע, וואָס פאַר זיינע אייגענע ברידער און שוועסטער.

איך קען פּערזענלעך אַ סך הונדערטער יידישע משפּחות אין אַמעריקע, וואָס איך האָב נאָכגעפאָלגט זייער עקאָנאָמיש וואַקסן אין פאַרשידענע שטעט אין לאַנד. צווישן זיי אויך אַזעלכע, וועמען עס האָט עקאָנאָמיש אָפּגעגליקט ניט ווייניקער ווי חבר משה שייוועד. איך ווייס אָבער ניט פון נאָך איינעם, וואָס האָט אַליין אַרויסגעראַטעוועט אַזוי פיל משפּחות פון דער מזרח־איראָפּעיִשער נויט און זיי נאָך געהאָלפן אינעם אַזוי שנעלן, עקאָנאָמישן איינאָרדענען.

אין אָט די דערגרייכונגען פון אונדזער טרייען פאַרשטאָרבענעם חבר האָבן געשפּילט אַ ראָלע סיי זיין משפּחה־אינסטינקט, סיי זיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט...

*

זיין פאַראַנטוואָרטלעכקייטס־געפיל האָט זיך אויך געשפּירט אין אַלע זיינע געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן. איך וויל נאָר ברענגען איין־איינציקן ביישפּיל, ווייל אויסצורעכענען אַלע איז ניט מעגלעך: עס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען קיין אַמעריקע די ידיעות פון די לאַגערן, אין וועלכע עס האָבן זיך געפונען די שארית־הפּליטה פון דעם שוידערלעכן חורבן, וואָס די נאַציס האָבן געבראַכט אויפן איראָפּעיִשן יידנטום. דער יידישער וועלט־קאָנגרעס האָט דאַן באַשלאָסן צו שיקן צו דער שארית־הפּליטה אין די לאַגערן אַ קולטור־דעלעגאַציע, וואָס זאָל ברענגען יידישע וואַרעמקייט און דערהויבן דעם מוט פון די צענטליקער טויזנטער יידן. איך האָב דאַן געהאַט דעם זכות אָנצופירן מיט דער קולטור־אַרבעט פון יידישן וועלט־קאָנגרעס. נאָך אַ ריי שמועסן אין דער פירערשאַפט פון דער עקזעקוטיווע פון וועלט־קאָנגרעס, זיינען מיר געקומען צום געדאַנק, אַז מען וואָלט געדאַרפט איינלאַדן אַ באַקאַנטן יידישן פּאָעט, וועמענס נאָמען — מיר זיינען געווען זיכער — די יידן אין די לאַגערן האָבן געקענט, און אים אַוועקשיקן אין די לאַגערן. צוזאַמען מיט אים זאָל געשיקט ווערן אַ זינגער, אָדער אַ זינגערין, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיטן זינגען יידישע און העברעיִשע לידער. מיר האָבן פאָרויסגעזען, אַז אַזאַ דעלעגאַציע וועט ברענגען אַ סך פרייד און דערמוטיקונג צו די יידן אין די לאַגערן. דער געדאַנק איז אַ פּאָר טעג שפּעטער קאָנקרעטער געוואָרן. ווי דעם פּאָעט האָבן מיר אויסגעקליבן ה. לייוויק און ווי די זינגערין האָבן מיר באַשטימט עמאַ לאַזאַראָוו־שייוועד. אויף מיר

איז אַרויפגעלייגט געוואָרן די פליכט דעם פּלאַן דורכצופירן. צו דער דעלעגאַציע איז שפּעטער אויך אָנגעשלאָסן געוואָרן דער העברעיִשער פּאָעט, ד״ר ישראל אפרת.

די קאָסע פון יידישן וועלט־קאָנגרעס איז אָבער ניט געווען גרויס גענוג פאַר אַזאַ גרויסער אונטערנעמונג. האָב איך זיך פאַרבונדן מיט משה שיוּוער, אים איבערגעגעבן אונדזער באַשלוס און אים איינגעלאַדן אויף אַ שמועס קיין ניו־יאָרק. ער איז תיכף געקומען צוזאַמען מיט עמאַן. איך האָב אים דאַן באַקאַנט מיט דער פינאַנציעלער לאַגע פון דער עקזעקוטיווע פון וועלט־קאָנגרעס. ער האָט דאַן תיכף דערקלערט, אַז אַלע קאָסטן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט עמאַס רייזע, וועט ער אַליין דעקן. ער האָט נאָך צוגעגעבן, אַז ער איז גרייט מיטצופאָרן מיט דער דעלעגאַציע, כדי צו העלפן איר, מיט וואָס נאָר ער וועט קענען סיי אונטערוועגס, סיי די גאַנצע צייט, וואָס זיי וועלן דאַרפן בלייבן אין די לאַגערס. פאַר זיך האָט ער נאָר געבעטן העלפן אים באַקומען אַ דערלויבעניש צו קענען פאָרן קיין וואַרשע, אויף קבר־אָבות — אויב די פּוילישע רעגירונג וועט עס נאָר דערלויבן. ווי נאָר עס איז ענדגילטיק פעסטגעשטעלט געוואָרן ווען די דעלעגאַציע פאָרט אַרויס, האָט משה שיוּוער איבערגעלאָזט זיינע געשעפטן אין דעטראָיט און מיטן גאַנצן לייב־און־לעבן זיך אַריינגעוואָרפן דורכצופירן אָט דעם באַשלוס. איך רייד ניט וועגן די צענדליקער טויזנטער דאָלאַרן, וואָס דאָס האָט אים אָפּגעקאָסט. איך פאַרצייכן נאָר די איני־טענסיווקייט, דעם אימפּעט, וואָס ער האָט אַריינגעגעבן אין די צוגרייטונגען. זיין גאַנצע נשמה איז געווען דורכגעדרונגען מיט דעם, ווען ער האָט דערפילט, אַז ער קען העלפן דערפרייען די הערצער פון די לאַגער־יידן.

✶

פון אַזאַ אַחריות־געפיל איז ער אויך באַהערשט געוואָרן, ווען ער האָט אָנגעהויבן מיטהעלפן בויען אינסטיטוציעס אין ארץ־ישראל, איידער די מדינה איז אויפגעשטעלט געוואָרן און אין דער מדינה זינט זי עקזיסטירט. איך פאַרמעסט זיך ניט אויסצורעכענען אַלע אינסטיטוציעס, צו וועלכע ער האָט בייגעשטייערט; אויך ניט די גרויסעווירטשאַפטלעכע אונטערנעמונגען אין ישראל, אין וועלכע ער האָט אינוועסטירט גרויסע סכומים. איך וויל אין שייכות מיט אָט די אַקטיוויטעטן זיינע נאָר פאַרצייכענען דעם אימפּעט, מיט וועלכן ער איז צוגעטראָטן. שטענדיק איז עס געווען ביי אים אַ גרויסער פאַרמעסט; אַלע מאָל האָט זיך אויסגעווירקט זיין אַחריות־געפיל און שטענדיק האָט ער דערגרייכט זיין פולן ציל. און די צילן וואָס ער האָט פאַר זיך געשטעלט זיינען געווען אַמביציעזע. זיכער איז ער געווען אַמביציעז אויך אין פּריוואַטן לעבן; אַוודאי האָט עס אים געהאָלפן שטייגן גאַנץ הויך. אָבער נאָך גרעסער ווי זיין פּריוואַטע אַמביציע זיינען געווען יענע אַמביציעס, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט געזעלשאַפטלעכער אַרבעט; בעיקר מיט אַרבעטן אין ארץ־ישראל און אין מדינת־ישראל. דאָ האָט ער געזוכט צו דערגרייכן דאָס סאַמע העכסטע. און געטראָגן פון זיין אַחריות־געפיל, פון זיין גרייטקייט צוצוטראָגן דעם מאַקסימום פאַר אָט די צילן, האָט ער זיי סוף־כל־סוף דערגרייכט.

זיין אַכטונג און ליבע צום יידישן לעבנס־שטייגער האָבן געפירט צו וויכטיקע

מאָמענטן אין זיין לעבן. זיין פאַרבינדונג מיט זיין לעבנס־חברה עמאַ לאַזאַראָוו איז געווען אַ רעזולטאַט פון זיין אַכטונג פאַרן יידישן לעבנס־שטייגער. חברה עמאַס עלטערן — די משפחה לאַזאַראָוו — האָבן געפּירט אין דעטראַיט אַ יידיש־טראַדיציאָנעלן לעבן, וואָס האָט דעם יונגן בחור ממש פאַרכאַפּט. דערצו האָט נאָך משה געטראָגן אין זיין נשמה אַ טיפע ליבשאַפט צו יידישער נגינה — און דאָס לאַזאַראָוו־הויז איז פול געווען מיט יידישער נגינה, טאַקע דורך עמאַן. משה אַליין האָט אויך זייער אָפט און זייער שיין געזונגען. ווער עס האָט ניט געהערט ווי משה שיוועך פאַרגייט זיך אין דביקות ביים זינגען אַ טיפן חסידישן ניגון, דער האָט קיין אמתע דביקות, ווייניקסטנס דאָ אין אַמעריקע, ניט געהערט און ניט געשפּירט.

איך בין זיכער, אַז אָט דער אינסטינקט האָט אים אויך געבראַכט צו אונדזער באַוועגונג, אין וועלכער ער האָט דערשפּירט דעם המשך פון יענער עכטער יידיש־קייט, מיט וועלכער זיין נשמה איז אָנגעפילט געוואָרן ביים לעבן אין וואַרשע. היות ווי ער האָט דערשפּירט די פאַרבינדונג פון יענעם גייסטיקן לעבן מיט דעם גייסטיקן תוכן פון אונדזער באַוועגונג אין אַמעריקע, האָט ער געשפּירט, אַז אויך דאָ דאַרף ער אַריינטראָגן דעם פולן אחריות־געפיל, אַז אויך אין אונדזער באַוועגונג דאַרף ער זיך אַלע מאָל פאַרמעסטן גרויס און דערפירן צו די צילן, וואָס די באַ־וועגונג האָט געשטעלט פאַר זיך.

איך האָב אַוודאי ניט אויסגעשעפּט אַלץ, וואָס קען און דאַרף געזאָגט ווערן וועגן אונדזער פאַרשטאָרבענעם חבר. איך וויל נאָר צוגעבן עטלעכע געציילטע ווערטער צום לעצטן אַקט פון זיין לעבן, אַן אַקט, אין וועלכן מיר האָבן אים געזען אין זיין גאַנצער שיינקייט. איך ווייס ניט ווען חבר משה שיוועך האָט אָט דעם אַקט פאַרטראַכט. איך האָב אָבער שוין לאַנגע חדשים געוווּסט, אַז ער גרייט זיך דערצו. איך ווייס, אַז כמעט אַלע לעצטע יאָרן פון זיין לעבן זיינען געווען דורכגעדרונגען פון דער שטרעבונג דורכצופירן דעם לעצטן ציל: אַרויסצונעמען די ביינער פון זיינע עלטערן פון דעם בית־עלמין אין וואַרשע און ברענגען זיי צו אייביקער רו אויפן הר המנוחות אין ירושלים.

ווידער האָבן זיך דאָ איינגעשפּאַנט אַלע זיינע אייגנשאַפטן: זיין משפחה־געפיל, זיין אימפעט און זיין אחריות־געפיל, זיי האָבן אים דערמעגלעכט דורכצופירן אַן אונטערנעמונג, וואָס זייער ווייניק מענטשן וואָלטן עס גאָר אונטערגענומען, וויסנ־דיק וועגן די שוועריקייטן דאָס צו רעאַליזירן. אָבער ער האָט עס געוואָגט, דורכ־געבראַכן אַלע צוימען און האָט דערגרייכט זיינס. אפשר האָט ער געהאָפט צו האָבן די זכיה פון קומען נאָך עטלעכע מאָל אויף קבר־אבות אין ירושלים און ניט דאַרפן פאָרן קיין וואַרשע. דאָס איז אים ליידער ניט באַשערט געווען. אַנשטאָט דעם, האָט ער צוגעגרייט אַן אָרט פאַר זיך אַליין לעבן די קברים פון זיינע עלטערן אויפן הר המנוחות אין ירושלים. אפשר איז די לעצטע אָנשטרענגונג געווען צו שווער פאַר זיין קראַנק האַרץ. אויך דאָס האָט ער אַליין גוט געוווּסט, און דאָך האָט דאָס אים ניט צוריקגעהאַלטן.

אויב אַפילו זיין לעצטע אָנשטרענגונג האָט טאַקע מקצר געווען זיין לעבן — און דאָס טוט שטאַרק ווי זיין נאָענטע משפּחה און אַלע זיינע חברים — אָבער

זיין געשטאַלט ווערט דורך דעם נאָך מער באַלויכטן. דעם טויט וועט קיינער פון אונדז ניט אויסמיידן. אָבער אַ שיין לעבן לעבט יענער, וואָס ביז זיין לעצטן אָטעם שטעלט ער זיך ניט אָפּ צו טאָן אַלץ, וואָס זיין אחריות־געפיל זאָגט אים אונטער. אַזאַ שיין לעבן האָט געפירט אונדזער חבר משה שיוועך.

✶

ביי דער אויפשטעלונג פון די מצבות אויף די קברים פון זיינע עלטערן און אויף זיין אייגענעם קבר, וואָס איז פאָרגעקומען מיט איבער אַ יאָר שפּעטער, האָב איך, סיי אין נאָמען פון די צוויי ברייט־צעצווייגטע משפחות שיוועך און לאַזאַראָוו — סיי אין נאָמען פון מיין אייגענער משפחה, וואָס איז אַזוי טיף פאַר־בונדן מיט די ביידע משפחות, געזאָגט עטלעכע ווערטער צו דערגאַנצן די גייסטיקע געשטאַלט פון דעם טייערן חבר. איך האָב דאַן שוין געקענט אָנווייזן אויף דער ירושה, וואָס ער האָט איבערגעלאָזן, ניט נאָר מאַטעריעלע, נאָר בעיקר גייסטיקע. איך האָב אָנגעוויזן אויף דעם הויכן עקאָנאָמישן ניוואָ, אויף וועלכן עס האָבן זיך דערהויבן אַלע פון דער שיוועך־משפּחה און אַלע פון דער לאַזאַראָוו־משפּחה. גלייכצייטיק האָב איך דאַן שוין געקענט אָנווייזן, ווי הויך עס האָבן זיך אויפגע־הויבן די גייסטיקע אינטערעסן פון ביידע משפחות; ווי וויט זיי גייען אין זייגע וועגן ביי יעדער אַרבעט, וואָס איז קודם כל פאַרבונדן מיט מדינת ישראל; און אויך וועגן זייערע ביישטייערן צו דער טעטיקייט אין די דריי שטעט: דעטראָיט, סענט־לואיס און לאָס־אַנדזשעלעס, אין וועלכע זיי לעבן, ביים פאַרשטאַרקן די גייסטיקע און סאָציאַלע פּאָזיציעס פון די דאָזיקע יידישע קהילות; וועגן זייער באַטייליקונג אין אַמעריקאַנער און אַלגעמיינע טעטיקייטן, וואָס האָבן געדינט מענטשן פון אַלע קלאַסן און פון אַלע רעליגיעס. איך האָב גערעדט וועגן די אַקטי־וויטעטן פון זיין לעבנס־חברטע עמאַ, זאָל לאַנג לעבן, וואָס איז אַפילו פאַר אירע נאָענטע מענטשן אַנטפּלעקט געוואָרן ווי אַ מענטש פון גאָר הויכע באַגאַבונגען.

✶

אין אויגוסט פון 1966 האָב איך זיך באַנוצט מיט אַ נייער געלעגנהייט צוצוגעבן נאָך עטלעכע פאַקטן צו דער כאַראַקטעריסטיק פון אונדזער פאַרשטאָרבענעם חברס פּערזענלעכקייט. די געלעגנהייט איז געווען — דאָס עפענען דעם „בית ספר תיכון מקצועי" אין בית־שמש, וואָס זיין חברטע עמאַ — איר צו לאַנגע יאָר — האָט אויפגעבויט אויף זיין נאָמען. איך האָב געשריבן:

דאָס אויפשטעלן אין בית־שמש אַ גרויסן חינוך־אַנשטאַלט אויפן נאָמען פון אונדזער פאַרשטאָרבענעם חבר משה שיוועך זכרונו לברכה, איז אָן ספק זייער צוגעפּאַסט צום טיפסטן תוך פונעם גייסט פון אונדזער פאַרשטאָרבענעם חבר, ווי איך האָב אים באַנומען במשך די פיל צענדליקער יאָרן פון זיין לעבן און ווירקן אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

דערמיט ווערט ניט געמאַכט קיין פּרווו אָפּצושטעלן דעם נייעם אַנשטאַלט, וואָס ווערט די טעג געעפנט אין בית־שמש, העכער איבער אַלע אַנדערע אַנשטאַלטן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט זיין נאָמען סיי אין צפון־אַמעריקע, סיי אין ישראל. עס איז אויך ניט מיין צוועק היינט אויסצורעכענען אַלע יענע אַנשטאַלטן. פיל

פון זיי זיינען היינט גוט באַקאַנט אונדזער עולם און זייער צאָל איז צו גרויס, כדי זיי אַלע דאָ צו פאַרצייכענען. איך וויל נאָר אַרויסהייבן דעם מאָמענט פון יידישן חינוך, וואָס איז דער יסוד פון דער שול אין בית־שמש.

וואָרעם וואָס איז דער צוועק פון אַזאַ חינוך־אַנשטאַלט? — צו פאַרפלאַנצן אין קומענדיקע יידישע דורות אַלץ, וואָס איז שעפעריש אין דער אייגנאַרטיקער קולטור פון יידישן פאָלק; אַלץ, וואָס קען אַנטוויקלען יידישע המשך־תשוקות אין נייע יידישע דורות. און אָט די המשך־תשוקות האָבן אויסגעפילט אַלע קעמערלעך פון אונדזער חבר משה שייוועס נשמה.

דערפאַר האָט ער אַזוי פיל צוגעטראָגן צו דער גרינדונג און אויפהאַלטונג פון יידישע דערציִונג־שולן אין דער יידישער קהילה פון דעטראָיט, ווו ער האָט געלעבט און געווירקט אַלע יאָרן פון זיין לעבן אין אַמעריקע; דעריבער איז ער אַלע מאָל געווען גרייט צוצוטראָגן זיין צושטייער צו די קולטור און דערציִונגס־אַנשטאַלטן, וואָס אונדזער צפון־אַמעריקאַנישע באַוועגונג האָט געבויט אין די פאַראייניקטע שטאַטן און אין קאַנאַדע.

און ווען זיין מזל האָט אים צוגעשפּילט און ער איז געוואָרן בכוח צוצוטראָגן זיינע צושטייערן צו ארץ־ישראל און מדינת־ישראל, האָט אים אויך, קודם כל, געצויגן צו קולטור־ און דערציִונג־מוסדות.

איך געדענק גוט זיינע געשפּרעכן מיט מיר, ווען ער האָט צום ערשטן מאָל געקענט באַוויזן צוצוטראָגן דעם סכום פון 50 טויזנט דאָלאַר צו אַ וויכטיקער אונטערנעמונג אין ארץ־ישראל. דאַן איז עס געווען גאָר אַ גרויסע סומע, בעיקר פאַר אונדזערע חברים, וועלכע האָבן, אין דורכשניט, געהערט צום אָרעמען סעקטאָר פון אַמעריקאַנער יידנטום. איך אַליין בין דאַן באַאיינפלוסט געוואָרן פון אונדזער איצטיקן נשיא, חבר זלמן שזר יחיה, וועלכער האָט מיך — מיט איבער צוואַנציק יאָר צוריק — מיטגענומען זיך צו באַטייליקן אין לייגן דעם גרונטשטיין פאַר „בית ברל". פאַרנדיק פון ירושלים צום פלאַץ, ווו בית ברל האָט געדאַרפט געבויט ווערן, האָט ער מיר בפרטרוט איבערגעגעבן, וואָס פאַר אַ מוסד „בית ברל" דאַרף ווערן. ער, אונדזער איצטיקער נשיא, האָט דאַן געהאַלטן אין צוגרייטן אַן אַרבעט וועגן די „שבעה שערים", וואָס ער האָט פאַרטראַכט ווי דעם גייסטיקן יסוד, אויף וועלכן „בית ברל" דאַרף באַזירן. מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט ער דאָס פאַרעפנטלעכט אין „דבר". דער דאָזיקער פאַנטאַסטישער פלאַן האָט מיך ממש פאַרכאַפּט. אונטער אָט דער השפעה בין איך נאָך געווען, ווען איך האָב זיך אומגעקערט קיין אַמעריקע. און גראָד דאַן האָט דער חבר משה שייוועך ע"ה זיך מיט מיר מיישב געווען צו וועלכער אונטערנעמונג אין ארץ־ישראל ער זאָל צוטראָגן זיין ערשטן גאָר וואָגיקןביישטייער. איז פאַר מיר קיין ספק ניט געווען, אַז דאָס דאַרף זיין „בית ברל". מיט מיינע באַגרענעצטע כוחות האָב איך זיך באַמיט אים איבערצוגעבן וואָס דער חבר זלמן שזר האָט אין מיין געמיט פאַרזייט. געדענק איך, ווי עס האָבן אויפגעלויכטן די אויגן פון אונדזער חבר משה שייוועך, און ער האָט מיין עצה אָנגענומען.

ביי יענער געלעגנהייט האָט מיר חבר משה דערציילט פון זיינע קינדער־יאָרן

אין וואַרשע. ער האָט דערציילט וועגן דער אָרעמער תלמוד־תורה, אין וועלכער זיינע עלטערן האָבן אים געשיקט און ווי אַזוי ער האָט אין אָט דער אָרעמער תלמוד־תורה מער געשפּירט, ווי פאַרשטאַנען, אַז מען גיט אים דאָרט יענע גייסטיקע שפּייז, נאָך וועלכער ער האָט געלעכצט. ער האָט מיר דאַן אויך דערציילט, ווי ער פּלעגט זיך אין שבתים און יום־טובים פאַרקלייבן אין חסידישע שטיבלעך און ער האָט דאָרטן אָנגעפּילט זיין נשמה מיט יידישער נגינה. און טאַקע אַזוי דערציילנדיק, האָט ער פאַרצויגן אַ חסידישן ניגון; ער איז אַריין אין עקסטאַז פון געזאַנג און ער האָט אויסגעזונגען פיל מאָדזשיצער ניגונים.

פון זיין אייגענער דערפאַרונג האָט ער געלערנט דעם אמת פון אַן אַלטן זאָג, וואָס איך וויל איצטער נאָר אַ ביסל פאַרענדערן — „הזהרו בבני עניים שמהם יצא המשך". דער אָריגינעלער זאָג איז „הזהרו בבני עניים שמהם תצא תורה". אָבער וואָס פאַר אַ טיפערן זין קען מען געבן צום וואָרט „תורה", ווי יידישער שעפערישער המשך? דערפאַר איז נאַטירלעך, אַז זיין נאָמען זאָל פאַרבונדן ווערן מיט אַ דער־ציִונגס־אַנשטאַלט, וואָס די מערסטע פון זיינע תלמידים וועלן זיכער נאָך שיינע עטלעכע יאָר געהערן צו די בני־עניים.

איך ווייס ניט אויב אונדזער חברה עמאַ שייוועט, וואָס איז ממשיך אין משהס וועגן, האָט דאָס אַלץ אויסגערעכנט, ווען זי האָט באַשלאָסן אויפצושטעלן דעם אַנשטאַלט אויף זיין נאָמען אין בית שמש, אָבער איר אינטויִציע איז זיכער געווען אַ ריכטיקע. זי האָט צוגעטראָפן צום סאַמע תוך, וואָס האָט אויסגעפילט משהס גייסט.

שמעון ראַווידאָוויטש
(געשריבן אין פעברואַר 1962)

אין יוני 1931 איז אין בערלין פאָרגעקומען די וועלט־קאָנפערענץ פון דער באַוועגונג פאַר אַנטוויקלונג פון דער העברעישער שפּראַך און ליטעראַטור און דאָרט איז געגרינדעט געוואָרן דער „ברית עברית עולמית״. אין דער קאָנפערענץ האָבן אָנטייל גענומען די וויכטיקסטע העברעישע שריפטשטעלער פון יענער צייט. צווישן זיי זענען געווען: ד״ר יעקב כהן, ד״ר שמעון בערנפעלד, משה קליינמאַן, יוסף העפטמאַן און ד״ר שמעון ראַווידאָוויטש, זכרונם לברכה.

איך בין ניט געווען קיין דעלעגאַט, נאָר אַ צופעליקער צוהערער, ווייל איך בין גראָד דאַן געווען אין בערלין אין אַ רעליף־שליחות.

עס איז ניט מיין אויפגאַבע צו געבן אַ סך־הכל פון די אויפטוען פון „ברית עברית עולמית״ אין די 30 יאָר פון זיין עקזיסטענץ. מיך אינטריגירן אָבער אייניקע געדאַנקען, וואָס זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן אויף דער גרינדונגס־קאָנפערענץ בעיקר פון דעם הויפט־רעפערענט, ד״ר שמעון ראַווידאָוויטש זכרונו לברכה. מיר שיינט, אַז פון יענע געדאַנקען קענען מיר עפּעס לערנען אויך פאַר אונדזער איצטיקן דור, טראָץ דעם, וואָס מיר זיינען מיט איבער 30 יאָר עלטער.

✶

אָבער פריער עטלעכע ווערטער וועגן דעם הינטערגרונט פון יענער צייט בנוגע אונדזער שפּראַכן־לאַגע.

דאָס איז געווען 23 יאָר נאָך דער באַרימטער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ, וואָס האָט זיך קאָנצענטרירט בעיקר אַרום דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער יידישער שפּראַך און איר ליטעראַטור. אויף יענער קאָנפערענץ איז יידיש דערקלערט געוואָרן, ווי אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך פון יידישן פאָלק. געווען אויף דער קאָנפערענץ אַזעלכע יידישיסטן, וועלכע האָבן געוואָלט דערקלערן יידיש ווי די נאַציאָנאַלע שפּראַך. דעם פּרווו האָבן באַקעמפט י. ל. פרץ און זיינע חברים. עס איז אינטערעסאַנט די צעטיילונג פון די אָנטיילנעמער אין דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ לגבי אָט דער פראַגע. די מערסטע יידישיסטישע פּאָליטישע עסקנים — געפירט פון ד״ר חיים זשיטלאָווסקי — האָבן געוואָלט, אַז יידיש אַליין זאָל געקרוינט ווערן מיטן כתר פון דער נאַציאָנאַלער שפּראַך פון יידישן פאָלק. העברעיש האָבן זיי געוואָלט אַראָפּשטעלן צו אַ נידעריקערן סטאַטוס. און דווקא די גרויסע שעפער פון גייסטיקע אוצרות אין יידיש האָבן דערצו ניט דערלאָזט. זיי זיינען געווען נאָכפאָלגער פון דעם גרויסן מענדעלע מוכר ספרים, וואָס האָט זיין אני מאמין אין אונדזער שפּראַכן־פראַגע אויסגעדריקט דורך זיין באַרימטן זאָג, אַז דאָס יידישע פאָלק דאַרף גייסטיק אָטעמען דורך ביידע נאָזלעכער — יידיש און העברעיש, און ער אַליין האָט געגעבן דעם ביישפּיל, דורך דעם, וואָס ער איז געווען אַ גרויסער שאַפער פון קונסט־ווערטן אין ביידע שפּראַכן. די טשערנאָוויצער

שפּראַך־קאָנפערענץ האָט, ווי באַקאַנט, געגעבן אַ שטאַרקן שטויס פאָרויס דער אַנטוויקלונג פון יידיש און איר ליטעראַטור.

אָבער העברעיִש און איר ליטעראַטור האָט אין די זעלביקע צוויי צענטליק יאָר דורכגעמאַכט אַ נאָך גרעסערן וועג באַרג־אַרויף. זי האָט זיך צעבליט אין אייראָפּע, אָבער בעיקר האָט דער כסדר וואַקסנדיקער יידישער ישוב אין ארץ־ישראל צוגעטראָגן דעם לייבן־טייל צום פונאַנדערבלי פון דער העברעיִשער שפּראַך און איר ליטעראַטור.

✶

עס בעט זיך דאָ אַ מאַמר המוסגר:

במשך פון די פאַרגאַנגענע איבער 30 יאָר זינט דער גרינדונג פון דעם „ברית", האָט די העברעיִשע שפּראַך, צוזאַמען מיטן גאַנצן יידישן פאָלק, צוזאַמען אויך מיט יידיש, דורכגעמאַכט די גרעסטע צוויי רעוואָלוציאָנערע אויפטרייסלונגען אין אונדזער געשיכטע: דעם גרויסן חורבן און דעם אויפקום פון מדינת ישראל. וואָס אָט די אויפטרייסלונגען האָבן געבראַכט דעם יידישן פאָלק בכלל, איז אַלעמען גוט באַקאַנט, און דאָס געהערט ניט צו אונדזער היינטיקער טעמע. אָבער דאָס, וואָס די אויפטרייסלונגען האָבן געבראַכט פאַר אונדזערע בײדע שפּראַכן און ליטעראַטורן, געהערט יאָ צו אונדזער טעמע.

עס איז אַן אָנגענומענער נוסח צו פאַרבינדן מיטן אומקום פון אונדזערע 6 מיליאָן ברידער דעם אונטערגאַנג פון אונדזערע מערסטע יידיש־ריידער און שאַפער אין יידיש. איז דאָס אַוודאי זייער ריכטיק. אָבער אָפט פאַרגעסט מען דערביי צו פאַרצייכענען, אַז אַ גרויסער העברעיִשער שבט, העברעיִש־ריידער און שאַפער אין העברעיִש, זיינען אויך אומגעקומען אין דעם גרויסן פאָלקס־חורבן. געגוג צו דערמאָנען דאָס ליטווישע יידנטום, וואָס האָט אין דעם פעריאָד צווישן די בײדע וועלט־מלחמות אויפגעשטעלט אַ העברעיִשן שבט, וואָס איז ניט געבליבן ווייט הינטערשטעליק לגבי דעם העברעיִשן שבט אין ארץ־ישראל. און די „תרבות"־באַוועגונג אין פּוילן און אין וואָלין האָט אויך דערצויגן אַ טייל פון איר יוגנט אין דער העברעיִשער שפּראַך און ליטעראַטור. אויך זי האָט דער חורבן פאַרניכטעט, פּונקט ווי ער האָט פאַרניכטעט די יידיש־ריידער און שאַפער אין יידיש.

✶

אָבער ווען עס איז פאַרגעקומען די גרינדונגס־קאָנפערענץ פון „ברית עברית עולמית", האָבן בײדע אונדזערע שפּראַכן און ליטעראַטורן זיך געפונען אין אַ מצב פון כסדרדיקער שטייגערונג און גרויסע האָפענונגען אויף דער צוקונפט. אמת, די השפעה פון טשערנאָוויץ איז שוין געווען שטאַרק אָפּגעקילט. אָבער יידיש האָט געצויגן איר חיונה פון צוויי קוואַלן: א. די יידישע סאָציאַליסטישע מאַסן־פּאַרטייען, בעיקר די ניט־ציוניסטישע, אָדער אַנטי־ציוניסטישע יידישע אַרבעטער־פּאַרטייען, האָבן געמאַכט יידיש פאַר זייער קולטור־פאָן; ב. אַ סך יידישיסטן האָבן פאַרבונדן גרויסע האָפענונגען מיט דער מעגלעכקייט — און זיי זיינען דעריך געווען זיכער! — וואָס האָט זיך געעפנט פאַר יידיש אין סאָוועט־רוסלאַנד. די העברעיִסטן

האָבן פאַרבונדן זייערע האָפענונגען מיט דער זון, וואָס האָט אָנגעהויבן צו שיינען פאַר העברעיִש פון ארץ־ישראל.

וואָס פון דער האָפענונג אויף סאָוויעט־רוסלאַנד האָט זיך אויסגעלאָזן, איז איצט ניט נויטיק צו אונטערשטרייכן. איך בין זיכער, אַז פון דעם נייעם חורבן אויף יידיש, וואָס טיילט שוין זייט צענטליקער יאָרן דעם זעלביקן גורל, וואָס העברעיִש אין סאָוויעט־רוסלאַנד, ווייטיקן אונדזערע אַלעמענס הערצער. איך האָף אויך, אַז פון די געבענטשטע רעזולטאַטן פאַר העברעיִש וואָס זיינען געקומען פון דער האָפע־נונג אויף ארץ־ישראל, פרייען זיך אַלעמענס הערצער.

אָבער אין 1931 זיינען די האָפענונגען פאַר אונדזערעביידע שפּראַכן און לי־טעראַטורן געווען גאַנץ העלע. דאָס איז געווען דער הינטערגרונט פון אונדזערע שפּראַכן, ווען דער „ברית עברית" איז געגרינדעט געוואָרן. האָבנדיק אין זינען אָט דעם הינטערגרונט, קענען מיר זיך צוהערן צו די געדאַנקען, וואָס האָבן מיך אַזוי פאַראינטריגירט, בעיקר די געדאַנקען פון ד"ר שמעון ראַווידאָוויטש.

*

דריי וויכטיקע פונקטן האָט ד"ר שמעון ראַווידאָוויטש אַרויסגעבראַכט אין זיין רעפעראַט — צווישן אַ סך אַנדערע — וואָס מעג אונדז נאָך אויך היינט באַשעפ־טיקן: א. זיין קאַמף קעגן אחד העמס געדאַנק וועגן אַ „מרכז רוחני"; ב. זיין שטעלונג צו דער שפּראַכן־פראַגע און ג. זיין איינשטעלונג, אַז דער „ברית עברית עולמית" — אָדער ווי ער אַליין האָט עס לכתחילה אָנגערופן: ברית העברים — טאָר ניט ווערן קיין אָרגאַנישער טייל פון דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג. פון אַלע אָט די דריי פונקטן איז אָן ספק דער ערשטער דער וויכטיקסטער און די געדאַנקען וואָס ער האָט וועגן אים אַרויסגעבראַכט זיינען געווען די טיפסטע.

עס איז אַ זייער אינטערעסאַנטע דערשיינונג, וואָס דווקא ד"ר שמעון ראַווי־דאָוויטש איז געוואָרן אַזאַ שאַרפער באַקעמפער פון דעם אחד־העמישן „מרכז רוחני"־געדאַנק. ווי באַקאַנט, האָבן זיך אויסגעקריסטאַליזירט אין די ערשטע עט־לעכע צענטליקער יאָר פון דער ציוניסטישער באַוועגונג דריי מחשבה־ריכטונגען, וועלכע קענען אין פשוטע ווערטער באַצייכנט ווערן ווי: די „פּאָליטישע", די „פּראַק־טישע" און די „קולטורעלע" ריכטונג.

די ערשטע האָט געשטעלט דעם דגש אויף די פּאָליטישע און דיפּלאָמאַטישע אַקטיוויטעטן פון דער באַוועגונג; די צווייטע האָט באַטראַכט די פּראַקטישע קאָ־לאָניזאַציע־אַרבעט אין ארץ־ישראל ווי די וויכטיקסטע אויפגאַבע פון ציוניזם; די דריטע האָט קאָנצענטרירט איר געדאַנק אַרום דער קולטורעלער אויפלעבונג פון יידישן פאָלק.

סיי די ערשטע, סיי די צווייטע זיינען ניט געווען פאַרבונדן מיט אין איינציקער פערזענלעכקייט. די איינשטעלונג וועגן דעם פּרימאַט פון דער קולטורעלער אויפ־לעבונג פון יידישן פאָלק האָט געהאַט איר רבין, און דאָס איז געווען אחד־העם. ד"ר שמעון ראַווידאָוויטש האָט געוויס געהערט צו די קולטוריסטן, און פון דעסט־וועגן איז ער געוואָרן דער שאַרפסטער באַקעמפער פון אחד־העמס געדאַנק, אַז ארץ־ישראל דאַרף ווערן דער מרכז רוחני פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק אין גלות.

✶

ד״ר שמעון ראַווידאָוויטש האָט אין דעם „מרכז רוחני״־געדאַנק געזען אַ געפאַר פאַר דער זעלבשטענדיקער אַנטוויקלונג פון די גייסטיק־קולטורעלע יידישע כוחות אין גלות. אַנטקעגן דעם פאָרמול „מרכז רוחני״ האָט ער אַרויסגעשטעלט דעם געדאַנק פון „מרכז יצירה״, פון אַ שאַפונגס־צענטער. ער זאָגט, אַז אַ מענטש און אודאי ניט אַ ציבור קען ניט פירן קיין געהעריקן גייסטיקן לעבן ווען ער דאַרף געשפייזט ווערן „מן החוץ״. מענטשן און גרופן לעבן נאָר דעם גייסטיקן לעבן, וואָס זיי אַליין שאַפן און בלויז אַזוי ווייט ווי זיי אַליין באַשאַפן עס. דעם „מרכז רוחני״ האָט ער באַצייכנט ווי אַ „מרכז חיקוי״, אַ צענטער, וועמען מען דאַרף נאָכקאָפּירן, און ער פרעגט אָפּ די מעגלעכקייט, אַז אַ גרויסער ציבור זאָל קענען זיך גייסטיק האַלטן אויף נאָכקאָפּירונגען. אומעטום, ווו עס לעבט אַ יידישער קיבוץ, לעבט אין אים אַליין אַ מרכז־יצירה. דאָס יידנטום אין גלות וועט ווערן אַ געאייניקטער שעפערישער כוח און וועט אויך קענען נעמען אויף זיך דעם שווערן עול פון בויען ארץ־ישראל, ניט דורך גייסטיקער נאָכקאָפּירונג, נאָר דורך אייגענער יצירה.

די פראַגע פון יידישער גייסטיקער שעפערישקייט אין די גלות־לענדער וועט, לויט ד״ר ראַווידאָוויטש, ניט פאַרענטפערט ווערן בלויז דורך דעם, וואָס דאָס גלות־יידנטום וועט זיך באַטייליקן אין די שעפערישקייטן פון ארץ־ישראל, נאָר אויך — און בעיקר — דורך די פּאָטענציעלע יצירה־כוחות, וואָס זיי אַליין פאַר־מאָגן.

ער קומט צו דער מסקנה, אַז די אינטעגראַלע, פולע און גאַנצע יידישע קולטור קען אויפגעלעבט ווערן נאָר דורך שעפערישער שותפות צווישן יידן אין ארץ־ישראל און אין גלות.

אין זיין ענטפער, וואָס ער האָט געגעבן נאָכן וויכוח איבער זיין רעפעראַט, ברענגט ער נאָך שאַרפער אַרויס אָט דעם פונקט. ער זאָגט: אַנטקעגן דער תורה פון אַ מרכז, וואָס שפייזט גייסטיק דעם גלות, און אַ גלות וואָס איז דער מקבל פון אָט דעם שפייז, דאַרף מען אַוועקשטעלן דעם פּרינציפּ פון צוויי שעפערישע שותפים. דאָס יידישע פאָלק פון אונדזער תקופה האָט צוויי אויפבוי־שיטות, וואָס זיינען איינס. אַן אויפבוי־שיטה אין ארץ־ישראל און אַן אויפבוי־שיטה פאַרן גלות. דער טרעגער פון דעם אויפבוי איז איינער און דער זעלביקער, און דער מאַטעריאַל פאַרן אויפבוי איז אויך איינער און דער זעלביקער — דאָס יידישע פאָלק! און עס איז ניטאָ קיין חשש, אַז עס זאָלן דערפון אַנטוויקלט ווערן צוויי רשויות, ווייל ארץ־ישראל און דער גלות זיינען שותפים אין איין גוף — דאָס יידישע פאָלק, וואָס וועט אייביק בלייבן גאַנץ.

פון אָט דעם אומפאַסנדיקן געדאַנקענגאַנג — וואָס מיר האָבן דאָ געבראַכט בתכלית הקיצור — קומט ער צום אויספיר, אַז מען דאַרף אויפשטעלן באַזונדערע כלים, וואָס זייער אויפגאַבע זאָל זיין אַקטיוויזירן די שעפערישע פּאָטענצן, וואָס לעבן ביי יידן אומעטום. דאָס דאַרף זיין די אויפגאַבע פון דעם „ברית העברים״, וואָס ער שלאָגט פאָר אויפצושטעלן. דער דאָזיקער „ברית״ זאָל זיך אָפּגעבן מיט

דערציִען אונדזערע נייע דורות און זאָל אויסנוצן אַלע מיטלען, דורך וועלכע אונ־דזערע גייסטיקע כוחות זאָלן אַקטיוויזירט ווערן. ער זעט פאַר זיך צוויגן פון אַט דעם „ברית" אין אַלע לענדער פון יידישן גלות. זיי קומען זיך צוזאַמען אויף אַ וועלט־קאָנגרעס, ווו עס ווערט אויסגעקליבן די אַלוועלטלעכע לייטונג פון דעם „ברית העברים". אַט דער קאָנגרעס און זיין פירערשאַפט דאַרף ווערן — לויט זיין אויסדרוק — דער „ועד כל ארצות הגולה" פאַר די ענינים פון יידישער קולטור אין גלות.

✶

ווי געזאָגט, איז דאָס געווען דער וויכטיקסטער פון די דריי פונקטן, וואָס ד"ר ראַווידאָוויטש האָט באַרירט. דער צווייטער פונקט איז געווען וועגן דער קעגנ־זייטיקער באַציִונג צווישן דעם ניי אויפגעשטעלטן „ברית העברים" און דער ציו־ניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. ד"ר ראַווידאָוויטש באַשטייט דערויף, אַז דער נייער „ברית" מוז זיין זעלבשטענדיק. ער מעג און דאַרף אַ מאָל מיטאַרבעטן מיט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אָבער ער טאָר ניט ווערן קיין אָרגאַנישער טייל פון איר. ער האָפט אַריינצוציִען אין דעם נייעם „ברית" אַלע די, וואָס ווילן אויפ־לעבן די יידישע קרעאַטיוו כוחות, אויך יענע, וועלכע געהערן נאָך ניט צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. דער וויכוח אַרום זיין רעפעראַט האָט זיך זייער פיל באַשעפטיקט דווקא מיט אַט דעם פונקט. עס האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וועלכע האָבן באַקעמפט זיין הויפּט־געדאַנק, ווייל זיי האָבן אין אים געזען אַ העברעיִשן דובנאָוויזם. געווען אַנדערע, וואָס האָבן באַקעמפט דעם עצם געדאַנק פון „שותפות". געווען ווידער עקסטרעמע, וואָס האָבן געזאָגט, אַז עס איז בכלל ניט מעגלעך אַ העברעיִשע באַוועגונג אָן דער ציוניסטישער באַוועגונג (ד"ר צבי זוהר). מיר צום האַרצן איז אַמנענטסטן געווען דער געדאַנקענגאַנג, וואָס עס האָט פאָרמולירט דער פאָעט ד"ר יעקב כהן. ער האָט געשפּירט אין ראַווידאָוויטשעס איינשטעלונג דעם געדאַנק, אַז דער גלות איז פאַרן יידישן פאָלק אויך אַן אייביקייט. קעגן דעם טרעט ד"ר יעקב כהן אַרויס זייער שאַרף און זאָגט: נאָר מיט דעם כוח פון גלייבן אין פולשטענדיקן קיבוץ־גלויות אין ארץ־ישראל קענען מיר ממשיך זיין אונדזער לעבן אין גלות. נאָר אויפן רעוואָלוציאָנערן יסוד פון רעוואָלט קעגן דעם איצטיקן ל'עבנס־אופן פון יידישן פאָלק קען מען אויפשטעלן אַ לעבעדיקע קולטור־באַוועגונג אין גלות.

עס איז איבעריק צו אונטערשטרייכן, אַז אַ סך פון אַט די געדאַנקען מאַטערן אויך אונדזער דור, כאָטש אין נייע באַדינגונגען. איך בין זיכער, אַז מיר וועלן ניט איין מאָל נאָך אומקערן זיך צו די פּראָבלעמען, וואָס זיינען באַהאַנדלט געוואָרן, סיי פון רעפערענט, סיי פון די דיסקוטאַנטן.

✶

עס בלייבט מיר איבער צו פאַרצייכענען דעם דריטן פונקט פון ד"ר ראַווידאָ־טשעס רעפעראַט — זיין באַציִונג צו דער שפּראַכן־פּראַגע.

דער שפּראַך־קאַנאַל פאַר דער שלימותדיקער יידישער גייסטיקער יצירה איז פאַר ד"ר ראַווידאָוויטש די העברעיִשע שפּראַך. אין דער חינוך־נעץ, וואָס דער

„ברית" דאַרף אויפשטעלן, קען גאָר ניט עקזיסטירן קיין שפּראַכן־פּראַגע. אָבער דאָך האַלט ער, אַז די העברעיִשע באַוועגונג מוז געפינען אַ מאָדוס־וויוועַנדי מיט יידיש. ער זאָגט ניט, אין וואָס אָט דער מאָדוס־וויוועַנדי דאַרף באַשטיין, ער באַ־גרינדעט נאָר די נויטווענדיקייט אין אַ פאַרשטענדיקונג מיטן פאָלגנדיקן פּסוק: ניט דערפאַר, ווייל העברעיִש דאַרף זיך שרעקן פאַר דער קאָנקורענץ פון יידיש, נאָר צוליב דער סכנה מצד דער „דריטער" שפּראַך. אָט די סכנה איז אַוודאי היינט נאָך מער רעאַל ווי מיט 30 יאָר צוריק.

*

זינט איך האָב אים דאָן געהערט האָב איך נאָכגעפאָלגט מיט גרויס אינטערעס אַלץ, וואָס איך האָב נאָר געקענט באַקומען פון זיין שאַפן. אַזוי האָט זיך עס גע־צויגן ביז די ערשטע 50ער יאָרן, ווען ער האָט געלעבט אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אַ שטיקל צייט איז ער געווען אַ לעקטאָר אין דער „מדרשה ללימודי היהדות" אין שיקאַגאָ. שפּעטער איז ער געוואָרן פּראָפעסאָר פון דער העברעיִשער ליטעראַטור און פילאָזאָפיע אין דעם בראַנדייס־אוניווערסיטעט, אין וואָלטהאַם, מאַסאַטשוסעטס. אין דער צווישן־צייט האָט ער אויך געהאַלטן אַ סעריע לעקציעס אין דראָפּסי־קאָלעדזש, פילאַדעלפיע.

אָבער מיינע פּערזענלעכע באַגעגענישן מיט אים זיינען ערשט פאָרגעקומען דאָן, ווען ער האָט אָנגעפירט אַ גרויסן קאַמף קעגן דעם, וואָס אונדזער מדינה טראָגט דעם נאָמען „ישראל". ער האָט בשום אופן ניט געוואָלט מסכים זיין דערצו, אַז דער אַלטער פאַרהייליקטער טערמין „ישראל" — וואָס האָט אַלע מאָל באַצייכנט דעם גאַנצן עם ישראל — זאָל רעדוצירט ווערן בלויז צו דער מדינה. איך האָב מסכים געווען מיט אים. בעת אַ רעפעראַט, וואָס ער האָט געהאַלטן ביים 34סטן יערלעכן באַנקעט פון יידישן לערער־סעמינאַר אין פרילינג פון 1956, האָב איך זיך מיט אים באַגעגנט — דאָס מאָל אויף אַ לענגערן שמועס. ער האָט געוווסט אַז איך גרייט זיך עולה צו זיין מיט מיין משפּחה קיין מדינת ישראל. האָט ער פּשוט אויסגעדריקט זיין וויייטיק, וואָס אים איז עס נאָך ניט באַשערט געווען, הגם ער האָט געמאַכט אַ ריי פּרוּוון. אויך זיין פאָטער און ברידער האָבן שוין צענדליקער יאָרן געלעבט אין ארץ־ישראל. ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז ער איז גערעכט אין זיין איצטיקער מחלוקת מיט חבר בן־גוריון וועגן דעם נאָמען פון דער מדינה — האָב איך געשפּירט ווי ער שעפּט דערפון נחת. „אפשר" — האָט ער געזאָגט — „וועט איר דאָרטן ממשיך זיין דעם געראַנגל". ער האָט דעם געשפּרעך פאַרענדיקט מיט אַן אויסדרוק, וואָס ער האָט באַנוצט פאַר איינעם פון זיינע גרויסע עסייען וועגן דעם זעלביקן ענין: „למען ישראל לא אחשה". מען טאָר ניט לאָזן, אַז דאָס זאָל אַזוי בלייבן.

לײדער איז עס אַזוי געבליבן. עס איז שוין געווען שפּעט צו ענדערן דעם געשאַפענעם פאַקט פון 1948. און דאָס איז ניט געווען דער איינציקער פּונקט, ווען דאָס לעבן האָט ניט באַשטעטיקט זיינע גרויסע חזונות. אָבער פאַר מיר איז ער געבליבן איינער פון די געציילטע פּולע און גאַנצע יידן, וואָס האָט אין זיין אייגענער נשמה געטראָגן בוכשטעבלעך די אינטעגראַלע יידישע קולטור.

לואי ליפּסקי

צו זיין 85סטן געבוירן־טאָג (געשריבן אין פעברואַר 1962)

לואי ליפּסקי איז אָן ספק איינער פון די אייגנאַרטיקסטע פּערזענלעכקייטן, וואָס דאָס אַמעריקאַנער יידנטום האָט אַרויסגעגעבן. דאָס עצם־דערשיינונג פון אַזאַ פּערזענלעכקייט, דער תוכן, מיט וועלכן ער האָט אויסגעפילט זיין גייסטיק לעבן, און די געבענטשטע אַקטיוויטעטן, וואָס ער האָט אָנגעפירט במשך פון ווייניקסטנס 70 יאָר, דערציילן אַ סך וועגן די גייסטיקע פּאָטענצן, וואָס דאָס אַמעריקאַנער יידנטום פאַרמאָגט. פון זיין לעבן קענען מיר אויך לערנען ווי ווייט דאָס אַמעריקאַנער יידנטום קען פון זיך אַרויסברענגען גייסטיקע בעלי־השפעה, וועמענס השראה זאָל אויסגעאיבט ווערן אויף יידן אויך מחוץ פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

דאָס אַמעריקאַנער יידנטום האָט אַרויסגעברענגט גרויסע יידישע פּערזענלעכקייטן, וואָס זייערע נעמען האָבן מער געגלאַנצט אין דער עפנטלעכקייט; נעמען פון יידישע יחידים, וואָס האָבן פאַרנומען אַ קענטיקן אָרט אין דער אַלגעמיינער געשיכטע פון די פאַראייניקטע שטאַטן און ניט בלויז אין די ראַמען פון יידישן פאָלק. גענוג בלויז אַרויסצוברענגען עטלעכע: דער באַרימטסטער פון זיי איז געווען דער פּוילישער ייד חיים סאָלאָמאָן. זיין ראָל אין דער מלחמה פאַר אַמעריקאַנער אומאָפּהענגיקייט פון ענגלאַנד איז געווען גאָר אַ וויכטיקע. אין יאָר 1776 האָבן אים די ענגלענדער אַרעסטירט אין ניו־יאָרק. ער איז אָפּגעזעסן אַ סך חדשים אין תפיסה; דאָן איז ער פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט. אַ גרופּע פון זיינע חברים, אַמעריקאַנער פּאַטריאָטן־רעוואָלוציאָנערן, האָבן אים אַרויסגעראַטעוועט פון תפיסה און געברענגט אין געהיים קיין פילאַדעלפיע אין יאָר 1778. זייער שנעל האָט ער פאַרנומען זיין וויכטיקן אָרט אין דער רעוואָלוציע, ביים העלפן פינאַנסירן די רעוואָלוציאָנערע אַרמיי, וואָס גענעראַל דזשאָרדזש וואַשינגטאָן האָט געפירט קעגן די ענגלישע כוחות. דער קאַסירער פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג איז געווען ראָבערט מאָריס; און צו אים האָט חיים סאָלאָמאָן געגעבן גרויסע הלוואות (וועלכע זיינען, אַגב, אים קיין מאָל ניט צוריקגעצאָלט געוואָרן). חיים סאָלאָמאָן האָט אויך אַ סך געהאָלפן פינאַנסיעל די פּרעזידענטן מעדיסאָן און מאָנראָע, וועלכע זיינען אויסגעקליבן געוואָרן אויף זייערע הויכע פּאָזיציעס נאָך דעם ערשטן פּרעזידענט דזשאָרדזש וואַשינגטאָן.

ווי ווייט חיים סאָלאָמאָנס נאָמען איז איינגעקריצט געוואָרן אין דער געשיכטע פון די פאַראייניקטע שטאַטן קען דינען דער פאַקט, וואָס אין יאָר 1941 — איבער 150 יאָר נאָך זיין טויט — איז אין שיקאַגאָ אויפגעשטעלט געוואָרן צו זיין אָנדענק אַ גרויסער מאָנומענט. אין צענטער פון אָט דעם מאָנומענט איז פאַראַן דאָס בילד ווי גענעראַל דזשאָרדזש וואַשינגטאָן דריקט די הענט פון ראָבערט מאָריס פון זיין רעכטער זייט און פון חיים סאָלאָמאָן פון זיין לינקער זייט.

אַ צווייטע גלאַנצפולע יידישע פּערזענלעכקייט איז געווען מרדכי עמנואל נח.

ער איז, ווי באַוווּסט, באַרימט געוואָרן דורך זיין פאַנטאַסטישן פּלאַן אויפצושטעלן אין צפון פון שטאַט ניו־יאָרק — צווישן דער שטאַט באָפאַלאָ און דעם ניאַגאַראַ־וואַסערפאַל — אַ ספּעציעל אָרט (ער האָט עס אָנגערופן „אררט") וווּהין ער האָט געפּלאַנט צו ברענגען יידישע עמיגראַנטן און מיט זיי אויפשטעלן אַ יידישן שטאַט. זיין צוויבער־געשטאַלט האָט אויפגעשיינט אין דער געשיכטע פון די פּאַראייניקטע שטאַטן אַן ערך 40 יאָר נאָך חיים סאַלאָמאָנס טויט.

שפּרייזן מיר אַריבער צענטליקער יאָרן און דערנענטערן זיך צום ליפּסקי־דור. אויך דאָ האָבן אויפגעשיינט אַזעלכע נעמען, ווי לואי מאַרשאַל, מאיר סולצבערגער און אַ צאָל אַנדערע, אינעם ניט־ציוניסטישן לאַגער, און אַזעלכע נעמען, ווי לואי ד. בראַנדייס, אין ציוניסטישן לאַגער. וואָס שייך דער ציוניסטישער באַוועגונג, האָבן נאָך לאַנג פאַר בראַנדייסן געשפּילט אַ ראָלע עטלעכע פּערזענלעכקייטן, וואָס זיינען געשטאַנען ביים סאַמע וויגל פון אַמעריקאַנער ציוניזם, ווי פּראָפעסאָר גוסטאַוו גאָטהייל, ד״ר האַרי פרידענוואַלד, ד״ר סטיפען וויִז, ד״ר יהודה לייב מאַגנעס און אַ ריי אַנדערע. פון דעסטוועגן זאָג איך, אַז די אייגנאַרטיקסטע פּערזענלעכקייט פון אַמעריקאַנער יידנטום איז דאָך אונדזער יובילאַר — לואי ליפּסקי. אין וואָס איז באַשטאַנען זיין אייגנאַרטיקייט ?

✶

ערשטנס : ליפּסקי איז געווען דער איינציקער, צווישן די אַלע פּרי:ער־אויסגערעכנטע, וועמענס לעבן און אַקטיווויטעט זיינען געווען געווידמעט אויסשליסלעך דעם יידישן פאָלק. אויך ד״ר יהודה לייב מאַגנעס האָט זיין לעבן געווידמעט דעם יידישן פאָלק, אָבער וועגן אים קען עס מיט אַבסאָלוטער זיכערקייט ניט געזאָגט ווערן. לויט אַלע וואָרשיינלעכקייטן וואָלט ער (אַזוי ווי אַלע אַנדערע יידישע פירער) אָפּגעגעבן אַ טייל פון זיין אַקטיוויקייט אויך פאַר סאָציאַלע און פּאָליטישע פּראָבלעמען אין די פּאַראייניקטע שטאַטן — ווען ער וואָלט ניט עולה געווען קיין ארץ־ישראל און זיך דאָרט פאַרבונדן מיט דער העברעיִשער אוניווערסיטעט אין זיינע סאַמע בליִענדיקע און שעפערישע יאָרן. לואי ליפּסקי איז געבליבן לעבן אין די פּאַראייניקטע שטאַטן. אַרום אים האָבן אָפּט געשטורעמט וויכטיקע און פאַרכאַפּנדיקע סאָציאַלע און פּאָליטישע אַנטוויקלונגען. זיין שאַרף אויג איז זיכער אַריינגעדרונגען אין זיי. זיכער האָבן זיי אים אינטערעסירט ניט ווייניקער, ווי זיי האָבן אינטערעסירט אַלע אַנדערע יידישע פירער, וועלכע האָבן זיך אָפּט געפונען אין סאַמע־צענטער פון אַזעלכע געשעענישן. אָבער ליפּסקי האָט זיך אַליין פאַרפּאַנצערט קעגן אַריינגעצויגן ווערן אין זיי, ווי ער וואָלט באַשלאָסן : איך געהער אויסשליסלעך דעם יידישן פאָלק און זיינע פּראָבלעמען.

צווייטנס : לואי ליפּסקי איז געווען אַ מער־באַלאַנסירטע פּערזענלעכקייט ווי אַנדערע יידישע פירער. כדי בולטער צו מאַכן אָט דעם פּונקט, איז גענוג צו פאַרגלייכן די טעמפּעראַמענטן פון די צוויי פּאָפּולערסטע יידן אין די ערשטע 30 יאָר פון אונדזער יאָרהונדערט — לואיס מאַרשאַל און לואי ד. בראַנדייס. ביידע האָבן פאַרמאָגט סיי גרויסע אינטעלעקטועלע כוחות און סיי טיפע סענטימענטן. עס איז אָבער קיין ספק ניט, אַז אין לואיס מאַרשאַל האָבן טיפער געלעבט זיינע סענטימענטן

און ער איז דעריבער געווען מער „וואָרעמער ייד" — לויט דעם פאָלקס־אויסדרוק — ווי בראַנדייס, אין וועמען עס האָט שטאַרק איבערגעוויגן דער אינטעלעקט. אין לואי ליפסקי איז אינטעלעקט און סענטימענט געווען באַלאַנסירט. דורך דעם איז באַשאַפן געוואָרן אַ מער־דערגאַנצטע פּערזענלעכקייט.

דריטנס: ליפּסקי איז אין זיין סאַמע־מהות אַן עסטעט און איז ממש פאַרליבט אין קונסט, בעיקר אין דער דראַמאַטישער. זיינע סאַמע ערשטע שריט אין דער עפנטלעכקייט האָט ער טאַקע געמאַכט אויפן געביט פון טעאַטער־קריטיק. קען זיין, אַז ווען ער וואָלט ממשיך געווען זיין שאַפן אויף אַט דעם שטח, וואָלט ער דאָרט פאַרנומען גאָר אַ געהויבן אָרט. אָבער גראָד אין זיינע ערשטע שאַפערישע יאָרן, ווען ער איז געווען אין זיינע פריִע צוואַנציקער, האָט אים פאַרכאַפּט די גרעסטע וועלט־דראַמע — דער ציוניזם.

✶

איך מיין טאַקע, אַז דאָס סאַמע־וויכטיקסטע, וואָס ליפּסקי האָט דערשפּירט אין ציוניזם, איז די מערקווירדיקע דראַמע, וואָס ער — דער ציוניזם — זוכט אויפצושפּילן אויף דער וועלט־בינע. עפּעס אַ קליינִיקייט — אַ פאָלק פאַרמעסט זיך דורכצופירן אַ וועלט־דראַמאַטישן אַקט, וואָס זיין גלייכן קען ניט געפונען ווערן אין דער גאַנצער, פאַרשריבענער געשיכטע פון דער מענטשהייט. און וואָס פאַר אַ פאָלק! אַן אומה, וואָס געפינט זיך אויף דער נידעריקסטער מדרגה אויף דעם לעבנס־לייטער. אַט דאָס פאָלק גיט זיך אַ שטרעק־אויס, בכדי צוריקאויפצולעבן זיין אַלט לאַנד, פון וועלכן עס איז צוויי טויזנט יאָר צייט שוין אָפּגעריסן. צי קענען זיך אַלע רעוואָלוציאָנערע פאַרמעסטן פון פעלקער גלייכן צו אַט דעם גרויסן דראַמאַטישן זשעסט? און ליפּסקי, דער פאַרליבטער אין קונסט בכלל און אין דראַמע בפרט, ווערט מיט אַלע זיינע געפילן — אינטעלעקטועלע, סענטימענטאַלע און עסטעטישע — דורכגעדרונגען מיט דער דאָזיקער וועלט־דראַמע און ער ווידמעט איר זיין לאַנג, פרוקטבאַר לעבן.

ווען איך פּרוביר דורכפירן אין מיין זכרון די שטעלונגען, וועלכע ליפּסקי האָט גענומען צו די אינעווייניקסטע דראַמאַטישע אַקטן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין ציוניזם גופא, ווערט מיר קלאָר: ער איז אַלע מאָל געשטאַנען אויף דער זייט פון יענע, וועמען ער האָט באַטראַכט ווי די וויכטיקסטע טרעגער פון דער דאָזיקער גרויסער וועלט־דראַמע בשעת דעם געראַנגל. בתכלית הקיצור וויל איך אָנצייכענען די וויכטיקסטע פון זיי.

✶

ביים אוגאַנדאַ־געראַנגל האָט ליפּסקיס מענטאַליטעט אויף קיין איין מאָמענט ניט געקענט צולאָזן די מעגלעכקייט פון אַן איבעררבּרוך אין דער וועלט־דראַמע, ווי ער האָט זי געשפּירט בעתן צושטיין צום ציוניזם. די דאָזיקע וועלט־דראַמע מוז דערפירט ווערן צו איר קינסטלערישער שלימות — און דאָס איז מעגלעך, ווען דער יידישער עתיד ווערט פאַרבונדן מיט יענעם יידישן עבר, וואָס האָט אין דער נשמה פון יידישן פאָלק געלעבט דורך אַלע יאָרטויזנטער פון גלות. און נאָר דאַן, ווען די דראַמע וועט דערפירט ווערן צו איר קינסטלערישער פולקאָמענ־

קייט, וועט די מענטשהייט האָבן אַריינגעשריבן אין אירע אַנאַלן די ווונדערלעכסטע דראַמע פון אַלע צייטן, דורכגעפירט דורך דעם ווונדער־פאָלק פון דער ביז־איצטיקער מענטש־געשיכטע.

זיין דאָזיקע נשמה־פילבאַרקייט האָט זיך קעגנגעשטעלט אַפילו דעם גרויסן צויבער, וואָס די הערצל־פערזענלעכקייט האָט איבער אים אויסגעאיבט. אַ סך ציוניסטן זיינען געשטעלט געוואָרן פאַר אַ שווערער פּראָבע דורך דעם עצם־פאַקט, וואָס הערצל אַליין האָט געבערענגט דעם אוגאַנדאַ־פּלאַן. גאָר אַ גרויסע צאָל האָבן זיך טאַקע נאָר צוליב דעם געפונען צווישן די „יאָ־זאָגער" אויף יענעם קריזיס־קאָנגרעס. לואי ליפּסקי איז אַפילו פאַר קיין פּראָבע ניט געשטעלט געוואָרן. שוין אין די סאַמע ערשטע מאָמענטן פון דעם געראַנגל האָט זיך דער ליבהאָבער פון שלימות אין אַ דראַמע אָן קווענקלענישן געמוזט געפינען צווישן יענע, וואָס האָבן געזאָגט: דער היסטאָרישער וועג פון יידישן פאָלק פירט צוריק קיין ציון.

✶

אין דעם געראַנגל מיט די בראַנדייסיסטן מיט קנאַפּע צוויי צענדליק יאָר שפּעטער איז, נאָך מיין מיינונג, ווידער געקומען צום אויסדרוק ליפּסקיס אויסוואַל פון דעם ריכטיקן טרעגער פון דער וועלט־דראַמע — די ציוניסטישע באַוועגונג — אין יענער צייט. ווען יענער געראַנגל ווערט רעדוצירט צום סאַמע עיקר, האָט ער זיך געפירט אַרום דער פראַגע, צי דאַרף די בוי־אַרבעט אין ארץ־ישראל — נאָך דעם ווי מיר האָבן באַקומען די באַלפור־דעקלאַראַציע — פינאַנסירט ווערן דורך פאָלקס־פאָנדן, אָדער דורך פּריוואַטע אינוועסטירונגען.

לואי ד. בראַנדייס און זיינע אָנהענגער האָבן אומגעפער אַזוי פאָרמולירט זייער שטעלונג: די פּאָליטישע צילן פון דער באַוועגונג זיינען, דורך דער באַלפור־דעקלאַראַציע, כמעט ווי דערגרייכט געוואָרן. איצט מוז אַלץ קאָנצענטרירט ווערן אַרום דעם עקאָנאָמישן אויפבוי פון לאַנד — און דער עקאָנאָמישער אויפבוי וועט ניט קענען פינאַנסירט ווערן דורך פאָלקס־נדבות. דעריבער איז די גרופּע אַרויסגעטראָטן קעגן דער גרינדונג פון קרן היסוד. זיי האָבן געזאָגט: עס דאַרפן אויפגעשטעלט ווערן אין אַלע לענדער גרופּן פון פּאָטענציעלע אינוועסטירער פון זייערע פּריוואַטע קאַפּיטאַלן אין ארץ־ישראל. ווען עס וועט נייטיק זיין, וועלן זיי זיך צוזאַמענקומען, בכדי אויסצואַרבעטן בשותפות די בוי־פּלענער. די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע ווערט איבעריק. דאָס פירן סתם־פּראָפּאַגאַנדע איז נוצלאָז. די ווירקנדיקסטע פּראָפּאַגאַנדע וועט געפירט ווערן דורך די ממשותדיקע ווירטשאַפטלעכע אונטערנעמונגען, וואָס וועלן אויפגעשטעלט ווערן אין לאַנד. אָט אַזאַ וועזנטלעכע ענדערונג האָט די בראַנדייס־גרופּע געוואָלט אַריינברענגען.

קעגן דעם האָבן עס געקעמפט אַלע ציוניסטן, וועלכע זיינען געווען איבערצייגט, אַז עס איז געפערלעך צו פאַרלאָזן זיך בלויז אויף פּריוואַטע אינוועסטירער. זיי האָבן אַזוי אַרגומענטירט: פּריוואַטע אינוועסטירער וועלן קומען ערשט דאַן, ווען פאָלקס־קאַפּיטאַל, געזאַמלט דורך „פאָלקס־נדבות", וועלן צוגרייטן דעם באָדן. דעריבער מוז ווייטער פונקציאָנירן די ציוניסטישע וועלט־באַוועגונג, וועלכע שטיצט זיך אויף די יידישע מאַסן און די זעלביקע יידישע מאַסן מוזן גערופן ווערן צו

פינאַנסירן דיווירטשאַפטלעכע בוי־אַרבעטן דורך ביישטייערן צו די פאָלקס־פאָנדן. אָט די ריכטונג האָט דעריבער געוואָלט פראָקלאַמירן דעם קרן היסוד, וואָס זאָל דערגענצן אויפן ווירטשאַפטלעכן געביט די אַרבעט פון קרן קימת, וועמענס אויפ־גאַבע איז צו דערווערבן באָדן פאַרן יידישן פאָלק. די דאָזיקע ריכטונג האָט אויך ניט מסכים געווען, אַז אונדזערע פּאָליטישע אַרבעטן זיינען געוואָרן איבעריק דורך דער באַלפור־דעקלאַראַציע.

צווישן די אַמעריקאַנער ציוניסטן, ווו ריכטער בראַנדייס האָט אויסגעאיבט אַ זייער גרויסע השפעה (בעיקר אין די פירערישע קרייזן), איז לואי ליפסקי געוואָרן דער בולטסטער אויסדרוקער פון דעם צווייטן געדאַנקען־גאַנג. עס איז ניט מיין היינ־טיקער ציל צו שרייבן ברייטער וועגן אַנדערע מאָמענטן פון דעם געראַנגל און אונטערצוציִען דעם סך־הכל ווי מיר זעען אים איצט, פערציק יאָר נאָך דעם ווי דער געראַנגל איז פאָרגעקומען. מיר גייט היינט נאָר אינעם אַרויסברענגען דעם געדאַנק, אַז אויך אין אָט דעם געראַנגל האָט ליפסקי שאַרף דערשפּירט, אַז פון דער גאַנצקייט פון דער גרויסער וועלט־דראַמע, וואָס דער ציוניזם פאַרמעסט זיך דורכ־צופירן אין דער מענטשלעכער געשיכטע, קען מען דעם עלעמענט פון יידישן פאָלק ניט אַרויסנעמען. עס איז דאָס וואָס דאָס פאָלק טראָגט אין זיין נשמה, וואָס גיט זאַפט און קראַפט אָט דער דראַמע, און ניט די אויסגעחשבונטע פּלענער פון די סאַמע־לאָגישסטע מענטשן, ווי גוט זייערע כוונות זאָלן ניט זיין. לואי ליפסקי מיט זיין גרופּע האָבן דאַן געראַטעוועט דעם אַמעריקאַנער ציוניזם פון דער געפאַר צו ווערן אויסגעליידיקט סיי פון זיין דראַמאַטישן און סיי פון זיין גייסטיקן תוכן.

✶

איך שפּרינג ווייטער איבער צענדליקער יאָרן און קום צום סאַמע־לעצטן געראַנגל, וואָס לואי ליפסקי האָט דערקלערט דער פירערשאַפט פון אַמעריקאַנער ציוניזם, שוין נאָך דעם ווי די מדינה איז אויפגעשטעלט געוואָרן.

לואי ליפסקי האָט, צוזאַמען מיט אונדז אַלעמען, דערלעבט צו זען ווי אין דער וועלט־דראַמע שרייבן זיך גאָר גרויסע, נייע אַקטן. דער וויכטיקסטער אַקט איז אָנגעשריבן געוואָרן דורך דער אויפשטעלונג פון דער מדינה. אָבער צו קיין פול־שטענדיקער פאַרענדיקונג איז נאָך די וועלט־דראַמע ניט געבראַנגט געוואָרן. זי דאַרף נאָך אַלץ האָבן אַ ריכטיקן טרעגער, וואָס זאָל זי דערפירן צו שלימות. לואי ליפסקי האָט דערשפּירט, אַז דער ריכטיקער טרעגער געפינט זיך איצט ניט אין גלות, נאָר אין דער אויפגעשטעלטער מדינה. צווישן די פּרעטענדענטן פאַר אָט דער היסטאָרישער שליחות האָט ליפסקי קאָנצענטרירט זיין אויג און האַרץ אויף די אמתע מגשימים, אויף דער יידישער אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל. די פירער פון זיין אָרגאַניזאַציע — די ז. אָ. איי. — האָבן זי דווקא געוואָלט פאַרבינדן מיט די בירגערלעכע עלעמענטן אין דער מדינה. דעם וועג האָט ליפסקי ניט געקענט מיטגיין. האָט ער פאַרלאָזט זיין אָרגאַניזאַציע.

אָט די באַציִונג צו דער אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל איז פאַר ליפסקין ניט געווען קיין נייעס. ניט איין מאָל האָט ער אין פּריוואַטע געשפּרעכן מיט מיר דערקלערט, אַז ווען ער וואָלט געלעבט אין ארץ־ישראל וואָלט ער זיך אָנגעשלאָסן

אין דער אַרבעטער־פּאַרטיי. ער האָט אָבער געהאַלטן, אַז אין אַמעריקע איז ניטאָ קיין גרונט פֿאַר דער עקזיסטענץ פֿון אַ באַזונדערער סאָציאַליסטיש־ציוניסטישער פּאַרטיי. ער האָט עס געזען ווי דעם חוב פֿון די פּועלי־ציון אַריינצוטראָגן סיי זייערע געדאַנקען און סיי זייער רעוואָלוציאָנערן אימפּעט אין דער אַלגעמיין־ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. ער האָט געוואָלט, אַז די אַלגעמיינקייט פֿון זיין אָרגאַניזאַציע זאָל טאַקע זיין אַן אמתע, אַז זי זאָל איינשליסן אַלע ריכטונגען אין ציוניזם און זאָל ניט ווערן קיין פֿינפֿטער ראָד אין וואָגן פֿון די בירגערלעכע עלעמענטן אין ארץ־ישׂראל. מיר האָבן אונדזער זעלבשטענדיקע עקזיסטענץ אין אַמעריקע ניט געוואָלט אויפֿגעבן. צי מיר זיינען געווען גערעכט, דאַרף עמעצער אַנדערש משפּטן. סיי ווי, ווען ליפּסקי האָט דערזען, אַז זיין אָרגאַניזאַציע וועט זיין שטאַנדפּונקט ניט אָננעמען, האָט ער זי פֿאַרלאָזט. ער האָט זיינע אָנהענגער אָרגאַניזירט אין אַ באַזונדערער ליגע. קיין גרויסן אָרגאַניזאַטאָרישן דערפֿאָלג האָט אָט די „ליגע" ניט געהאַט. אָבער ער אַליין איז אַלץ פֿאַרבליבן דער סימבאָל פֿון יענעם ריינעם, אמתן אַלגעמיינעם ציוניזם און ער האָט ממשיך געווען אין דער טראַדיציע פֿון שמריהו לעווין, חיים נחמן ביאַליק, ד"ר אַרטור רופּין און נאָך ציוניסטישע פֿיגורן, וועלכע האָבן, פּונקט ווי ער, דערשפּירט אַז די אמתע טרעגער פֿון דער יידישער גאולה אין דער איצטיקער עפּאָכע, איז די יידישע אַרבעטערשאַפֿט אין ישׂראל. און אָט דער שטעלונג ווידמעט לואי ליפּסקי אויך איצט סיי זיין וואָרט און סיי זיין שריפֿט.

*

וועגן ליפּסקיס וואָרט און שריפֿט דאַרפֿן געזאָגט ווערן עטלעכע באַזונדערע ווערטער:

אין זיין שרייבן און ריידן איז ער אַלע מאָל געווען און געבליבן עד היום הזה דער קינסטלער, דער עסטעט, זיינע אַ רעדע — און מערסטנס איז זי אַ געשריבענע און ליפּסקי לייענט זי — איז אַ האַרמאָנישער צוזאַמענשפּיל פֿון עטלעכע קונסטן: עלעגאַנץ פֿון שפּראַך, סימעטרישער בוי און אַרטיסטישער אויסשפּיל. שטענדיק זע איך אים שטיין ביים שטענדער — ער בלייבט דורך דער גאַנצער רעדע שטיין אויף איין אָרט — און אָט די אַלע דערמאָנטע קונסטן צעשפּילן זיך. און זיין איייגענער סימעטרישער גוף און זיינע סימעטרישע געזיכטס־שטריכן גיבן צו גאַנצקייט צו אָט דער האַרמאָניע. מען לעבט דאָן דורך ממש אַ גייסטיקע התרוממות פֿון אָט דער האַרמאָנישקייט, וואָס רעדט צו אייך סיי דורך דעם תּוכן פֿון זיין רעדע און סיי דורך דער בילדלעכער סימעטרישער קאָמפּאָזיציע, וואָס דערשיינט פֿאַר אייך.

*

און אַז דו פֿאַרטראַכסט זיך טיפֿער אין דער דערשיינונג ליפּסקי, זעסטו, ווי פֿאַלש עס זיינען אַלע יענע באַהויפּטונגען, אַז אין אַמעריקאַנער גלות קענען ניט געבוירן ווערן קיין מענטשן פֿון הויכער יידישער קולטור מיט אַ כּוח השראה אויף יידן מחוץ די פֿאַראייניקטע שטאַטן. לואי ליפּסקי, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין ראָטשעסטער, ניו־יאָרק, וואָס די מקורות פֿון דער אייגנאַרטיקער יידישער קולטור האָט ער געמוזט אין זיך אַריינזאַפּן ניט דורך די יידישע שפּראַך־קאַנאַלן, נאָר

דורך דעם קאַנאַל פון דער ענגלישער שפּראַך, איז פון דעסטוועגן אויסגעוואַקסן צו אַזאַ אייגנאַרטיקער יידישער פּערזענלעכקייט.

און אויב מען שטעלט אַרויס די טענה: וויפל ליפּסקיס זיינען עס דאָ? דאַרף איך ווידער אַ מאָל ברענגען דעם ביישפּיל וואָס איך האָב שוין אַ מאָל אַרויסגע־ברענגט — טאַקע אין פאַרבינדונג מיט דער ליפּסקי־פיגור — אַז אין ווילנע איז אויך געווען נאָר איין־איינציקער ווילנער גאון. ער איז אָבער אַרויסגעוואַקסן פון דעם גייסטיקן באָדן פון ווילנער יידנטום; אַ סימן אַז דער באָדן האָט פאַרמאָגט די פאַסיקע דערנערונג פאַר זיין גייסט. די עצם־דערשיינונג לואי ליפּסקי זאָגט אונדז, אַז דער גייסטיקער באָדן פון אַמעריקאַנער יידנטום פאַרמאָגט אין זיך די גייסטיקע דערנערונג אַרויסצוברענגען אַ לואי ליפּסקי.

מען שפּילט זיך ביי אונדז מיט ווערטער. ווי נאָר איינער רעדט פּאָזיטיוו וועגן די גייסטיקע פּאָטענצן פון אַמעריקאַנער יידנטום, ווערט ער גלייך אויסגעלאַכט: „אַ צווייטער בבל!״ איז טאַקע בבל געווען אַן אייגנאַרטיקע און אפשר בלויז אַן איינ־מאָליקע דערשיינונג אין אונדזער געשיכטע; און אַז באַזירן אונדזער המשך און אונדזער נאַציאָנאַלן קיום אויף אַ נייער בבל טאָרן מיר טאַקע ניט, פּונקט ווי מיר קענען ניט באַזירן אונדזער המשך אויף אַ נייעם מעמד הר סיני. אָבער מזלזל זיין אין די גייסטיקע פּאָטענצן פון אַמעריקאַנער יידנטום טאָרן מיר אויך ניט. מיר מוזן שטענדיק האַלטן פאַרן אויג די פיגור פון לואי ליפּסקי.

א. ליטווין

צו זיין הונדערטסטן געבוירן־טאָג (געשריבן אין פעברואַר 1962)

וועגן חבר א. ליטווין (זיין אמתער נאָמען איז געווען שמואל ל. הורוויטש) האָב איך געשריבן בקיצור אין מיינע זכרונות וועגן דעם בראשית פון דער פועלי־ציון־באַוועגונג אין אַמעריקע. איך האָב דערציילט, אַז ער איז געווען פון די סאַמע ערשטע פינף חברים, וועלכע האָבן אין יאָר 1903 אויפגעשטעלט אין ניו־יאָרק דעם ערשטן פאַראיין אונטערן נאָמען „נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער פאַראיין פועלי־ציון", פון וועלכן עס האָט זיך שפּעטער צעוואַקסן אַלץ, וואָס די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט פאַר איבער 50 יאָר אויפגעבויט אין צפון־אַמעריקע.

כ'האָב אויך דערציילט וועגן זיין אייגנאַרטיקער שטעלונג אין דעם גרויסן און ביטערן וויכוח אַרום דער אוגאַנדאַ־פּראָגע. אָבער דער סטאַזש פון חבר א. ליטווין, וועמעס הונדערטסטן געבוירן־טאָג איך פאַרצייכן היינט, איז אין אונדזער באַוועגונג אַ סך עלטער און פיל, פיל וויכטיקער. און וועגן דעם וויל איך היינט דערציילן אייניקע פּרטים. אַן אויספירלעכע אָפּשאַצונג וועגן אים, סיי וועגן זיין פאַרצווייגטער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, סיי וועגן די וויכטיקע ספרים וואָס ער האָט אָנגעשריבן, בעיקר וועגן זיינען 6 בענד „יידישע נשמות", וואָס ער האָט אָפּגעדרוקט, וועט נאָך מוזן וואַרטן אויף אַ צווייטער געלעגנהייט. היינט וויל איך נאָר פאַרצייכענען יענע פּונקטן, וועלכע זיינען פאַרבונדן בלויז מיט אונדזער באַוועגונג. (די מערסטע ווייטער־געבראַכטע פאַקטן זיינען גענומען פון דעם זייער וויכטיקן בוך פון חבר מענדל זינגער „בראשית הציונות הסוציאליסטית", און פון אַן אַרטיקל וואָס חבר בערל כצנלסון זכרונו לברכה האָט געשריבן וועגן ליטווינען אין יאָר 1932, ווען ליטווין איז געוואָרן 70 יאָר אַלט).

*

אין יאָר 1897 איז אין מינסק, די געבוירן־שטאָט פון חבר ליטווין, געגרינדעט געוואָרן דער סאַמע ערשטער פאַראיין פון ציוניסטן סאָציאַליסטן. צווישן די סאַמע ראשונים זיינען געווען, צוזאַמען מיט חבר ליטווין, די חברים יצחק בערגער און זיין פרוי אסתר (די עלטערן פון דעם באַקאַנטן מפא"י־פּובליציסט ד"ר הערצל בערגער), אברהם אבא רובענטשיק (ער איז באַטראַכט געוואָרן פאַר דעם וויכטיקסטן טעאָרעטיקער פון די מינסקער פועלי־ציון. דער פאַרשטאָרבענער קריטיקער שמואל ניגער דערציילט אין זיינע מעמואַרן וועגן אַ וויכוח וואָס חבר רובענטשיק האָט געפירט מיט קאַליע טעפּער, וואָס איז דאַן געווען אַ בונדיסט און איז געווען איינער פון די פעיִקסטע פּראָפּאַגאַנדיסטן פון „בונד". חבר ניגער אַליין איז דאַן געווען זייער נאָענט דווקא צו די פועלי־ציון), הערשל דער בערשטער (דאָס איז אונדזער באַקאַנטער חבר הערשל הורוויטש פון באָסטאָן), אברהם לפידות און יוסף גאָלד־בערג.

שפּעטער זיינען צוגעקומען צו די מינסקער פועלי־ציון אַ גאַנצע ריי פון וויכ־

טיקע פּערזענלעכקייטן. חבר מענדל זינגער ווידמעט אין זיין אויבנדערמאָנטן ספר אַ זייער וויכטיקן פּרק די מינסקער פּועלי־ציון. אָבער איך באַגרענעץ זיך היינט צו דער ראָלע, וואָס עס האָט אין איר געשפּילט חבר א. ליטווין, וואָס איז זיכער געווען איינער פון די וויכטיקסטע מיטגלידער אין דער סאַמע ערשטער גרופּע. עס איז נאָר כדאַי אונטערצושטרייכן דעם פּאַקט, אַז די מינסקער פּועלי־ציון זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן אין דעם זעלביקן יאָר, אין וועלכן עס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דער ערשטער ציוניסטישער וועלט־קאָנגרעס אין באַזעל. אין זעלביקן יאָר איז אויך אַנטשטאַנען דער „בונד".

דעם נאָמען „פּועלי־ציון" פאַר דער נייער באַוועגונג האָט טאַקע פאָרגעשלאָגן א. ליטווין. דער נאָמען איז אָנגענומען געוואָרן און איז שנעל געוואָרן זייער פּאָפּולער סיי אין מינסק, סיי אין אַנדערע שטעט.

*

חבר א. ליטווין האָט אויך געהאַט אַ וויכטיקן חלק אין פאַרפאַסן הימנען, וועלכע זיינען געזונגען געוואָרן ביי די מינסקער פּועלי־ציון. דאָס איז געווען איבער פינף יאָר איידער די „פּועלי־ציון־שבועה" איז פאַרפאַסט געוואָרן. די „שבועה" איז פאַרפאַסט געוואָרן אין יאָר 1903 אין ווילנע. איר מחבר איז געווען דער חבר יהושע פעלאָוויץ (חבר פעלאָוויץ איז שפּעטער געקומען קיין אַמעריקע, האָט זיך באַזעצט אין באַלטימאָר, וווּ ער איז אין יאָר 1936 נפטר געוואָרן). חבר א. ליטווין האָט, ווי געזאָגט, מיט פינף יאָר פריער געפילט די וויכטיקייט פון פּאַסיקע לידער, וואָס זאָלן פאַרקערפּערן דעם גייסט פון פּועלי־ציוניזם. פריִער פאַר אים זיינען פון ציוניסטן געזונגען געוואָרן לידער פון אליקים צונזער און פון אברהם גאָלדפאַדן. די אַרבעטער האָבן געזונגען לידער, וואָס זיינען געבראַכט געוואָרן פון אַמעריקע. די פאַרפאַסער זיינען געווען דוד עדעלשטאַט, יוסף באָוושאָווער און בעיקר מאָריס ווינטשעווסקי. אָבער לידער, וואָס זאָלן פאַראייניקן סיי די ציוניסטישע, סיי די אַרבעטער־שטרעבונגען זיינען נאָך ניט געווען. חבר א. ליטווין האָט געזוכט אויסצופילן אָט דעם בלויז. ער האָט פאַרפאַסט שירים סיי אין רוסיש, סיי אין העברעיִש, סיי אין יידיש. דאָס וויכטיקסטע פון אָט די לידער איז אָן ספק געווען זיין ליד: „מיר זיינען אַלע ברידער". איך געדענק זייער גוט, אַז אויך מיר אין אַמעריקע האָבן אָט דאָס ליד אָפט געזונגען אין אונדזערע ערשטע יאָרן. צום הונדערטסטן געבוירן־טאָג פון חבר א. ליטווין איז זיכער פּאַסיק צו פאַרעפנטלעכן עטלעכע סטראָפן פון ליד, כאָטש עס געהערט ניט צום קלאַס פון ערשטראַנגיקער פּאָעזיע.

מיר זיינען אַלע ברידער,
אי דער אינטעליגענט,
אי דער וואָס טראָגט די האַרטע
מאַזאָליעס אויף די הענט.

אַבי ער לעבט נאָר ערלעך,
אַבי ער ליבט נאָר הייס
דעם ברודער, וועלכער אַרבעט
אין שווערער מי און שוויס.

מיר זיינען אַלע ברידער;
ווער פריי איז און ווער פרום,
אַבי ער ליבט וואָס גוט איז
און האַסט וואָס שלעכט און דום.

מיר שטרעבן צו באַפרייען
אַ פאָלק וואָס זיינען קנעכט;
מיר שטרעבן צו דערקעמפן
אונדז גלייכע מענטשן־רעכט.

דאָך קומט די צייט די שיינע,
דער הייליקער מאָמענט,
דערלאַנגען מיר זיך אַלע
גאַר ברידערלעך די הענט.

פאַר אַט דער שיינער צוקונפט,
וואָס זאָגט איר ברידער, האַ?
מעג יעדער פון אונדז טרינקען
אַ גלעזל וויין, הוראַ!

כדאי דערביי צו פאַרצייכענען, וואָס חבר ליטווין אַליין דערציילט אין זיינע זכרונות, אַז אַט דאָס ליד האָט אָפּט מיטגעזונגען מיט די פּועלי־ציון אויך דער גרויסער רעוואָלוציאָנער גריגאָרי גרשוני און האָט פון דעם שטאַרק הנאה געהאַט, בעיקר פון לעצטן פּערז.

✶

וועגן זיינע ערשטע פּועלי־ציון־שריט דערציילט חבר ליטווין אַליין, אַז אין מינסק זיינען דאַן אויפגעקומען פאַרשידענע אידעישע שטראָמען; ער דערציילט וועגן דער ראָלע וואָס דער דיכטער אברהם ליעסין האָט געשפּילט אין העלפן פאַר־מירן די געדאַנקען פון דער יידישער אינטעליגענץ און באַוווסטזיניקע אַרבעטער אין מינסק. ליעסין האָט געזוכט אַריינצוברענגען וואָס מער נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין אין יענע קרייזן, וועלכע האָבן זיך דערנענטערט צום סאָציאַליסטישן געדאַנק. בעיקר האָט ער געזוכט צו פאַרטיפן דעם נאַציאָנאַל־יידישן מאָמענט אין די רייען פון דער דאַן אויפגעקומענער באַוועגונג, אין „בונד". וועגן זיך אַליין זאָגט דאַן חבר א. ליטווין:

די פאַרשידענע אידעישע שטראָמען האָבן מיך שטאַרק געצויגן צו זיך. איך האָב באַשלאָסן אַריינצושפּרינגען אין איינעם פון די שטראָמען. „חיבת ציון" האָט שוין מיך, וואָס האָב שוין פאַרמאָגט אַ פּראָלעטאַרישן באַוווסטזיין, ניט געקענט אַריינציען. אין „בונד", סיי צווישן זיין אינטעליגענץ, סיי צווישן די מאַסן, האָב איך געהאַט פיל באַקאַנטע און אַפילו נאָענטע פריינד. איך האָב געהאַט גרויס רעס־פּעקט צו די בונדיסטן, וועלכע זיינען געווען זייער מוטיקע און הויך־מאָראַלישע מענטשן. אָבער די בונדישע איינשטעלונג צו דער יידן־פראַגע איז מיר געבליבן פרעמד. איך האָב ניט געקענט מסכים זיין צו דעם וואָס דער „בונד" האָט כמעט ווי פאַרלייקנט דעם גאַנצן יידישן עבר; ער האָט ניט אָנערקענט דעם ספּעציעלן יידישן גורל אין דער קעגנוואַרט; ער האָט אויך ניט אָנערקענט אַפילו די אַנדערש־קייט פון אונדזער עקאָנאָמישער לאַגע; ער, דער „בונד", האָט זיך ניט גערעכנט מיטן פאַקט, אַז מען קען ניט מעסטן אונדזער פאָלק מיט דער זעלביקער מאָס, וואָס מען מעסט אַנדערע פעלקער. די אַנדערע פעלקער זיינען פון זייערע לענדער ניט פאַרטריבן געוואָרן; זיי זיינען געזעסן אין זייערע לענדער טויזנטער יאָרן אָן אַ הפסקה. איך האָב שוין דאַן באַגריפן, אַז אונדזער פאָלק איז אַ יוצא מן הכלל; אַז צו אונדזער באַפרייונג, צו אונדזער גאולה, מוזן מיר גיין דורך באַזונדערע וועגן. און אַזוי איז חבר א. ליטווין דערגאַנגען צום סאָציאַליסטישן ציוניזם יאָרן

פריער ווי עס זיינען געקומען ד״ר סירקין און באָראָכאָוו. און כמעט פולע פיר יאָר נאָך אַנאַנד האָט ער זיך געווידמעט דער אויפקלערונג און פאַרשפּרייטונג פון סאָ־ציאַליסטישן ציוניזם.

✶

אין יאָר 1901 האָט חבר ליטווין פאַרלאָזן רוסלאַנד אויפן וועג קיין אַמעריקע. ווען ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין בערלין, האָט ער דאָרט צום ערשטן מאָל זיך באַגעגנט מיט חבר ד״ר נחמן סירקין. חבר סירקין האָט שוין דאַן דערגרייכט דעם סטאַזש פון דעם טעאָרעטיקער פון סאָציאַליסטישן ציוניזם. ער האָט שוין געהאַט פאַרעפנטלעכט דעם ערשטן „קול קורא״ צו דער יידישער יוגנט, וואָס איז געווען זיין סאַמע ערשטע סאָציאַליסטיש־ציוניסטישע שריפט; ער האָט שוין דאַן געהאַט אָפּגעדרוקט זיין אַרבעט וועגן „אַ סאָציאַליסטישער יידנשטאַט״ אין דער ניט־יידישער סאָציאַליסטישער פרעסע; ער האָט שוין דאַן געהאַט אַרויסגעגעבן זיינע זשורנאַלן „דער המון״ אין יידיש און „השחר״ אין העברעיש.

אָבער ווען חבר סירקין האָט זיך באַגעגנט מיט חבר ליטווין איז ער איבער־ראַשט געוואָרן, ווען חבר ליטווין האָט אים דערציילט וועגן די פּועלי־ציון פאַר־איינען, וועלכע האָבן שוין דאַן פונקציאָנירט אין עטלעכע שטעט פון ליטע און ווייסרוסלאַנד, ספּעציעל אין דער שטאָט מינסק, וווּ חבר סירקין האָט פאַרבראַכט אַ סך יאָרן פון זיין יוגנט, איידער ער איז אַרויסגעפאָרן קיין אויסלאַנד. חבר ליטווין האָט אויך דורכגעלעבט אַ טיפע איבעררראַשונג פון דער התלהבות, מיט וועלכע חבר סירקין האָט פאַר אים אַנטוויקלט זיינע סאָציאַליסטיש־ציוניסטישע טעאָריעס.

חבר סירקין האָט זיך זייער דערפרייט פון דעם, וואָס חבר ליטווין פאָרט קיין אַמעריקע. סירקין איז געווען זיכער, אַז חבר ליטווין וועט אַנטוויקלען אַ פּראָ־פּאַגאַנדע פאַר דער נייער אידעע, וואָס זיי האָבן ביידע אָנגענומען, אין דעם נייעם גרויסן יידישן קיבוץ אין אַמעריקע. חבר ליטווין האָט זיין שליחות דורכגעפירט באמונה. ער האָט גאָר אַ גרויסן חלק אין די סאַמע ערשטע שריט פון פּועלי־ציוניזם אין צפון־אַמעריקע.

חבר ליטווין איז אָבער דאַן ניט לאַנג פאַרבליבן אין אַמעריקע. אין 1905 האָט ער זיך אומגעקערט קיין רוסלאַנד. די דאָרטיקע רעוואָלוציע פון 1905 האָט אים שטאַרק אַנטוישט. ער לאָזט זיך דאַן אַוועק אויף אַ וועלט־רייזע צו שטודירן דאָס יידישע לעבן אומעטום. ער האָט דאַן אויך געמאַכט אַ קורצן באַזוך אין ארץ־ישראל. דער רעזולטאַט פון זיינע שטודיר־רייזעס זיינען געווען די דערמאָנטע 6 בענד „יידישע נשמות״, וואָס האָבן ביי זייער דערשיינען געמאַכט אַ טיפן רושם אויף דער גאַנצער יידישער אינטעליגענץ.

דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער אידעע איז חבר ליטווין געבליבן טריי ביז זיין לעצטן אָטעמצוג. ווען די ערשטע וועלט־מלחמה איז אויסגעבראָכן, אין 1914, האָט ער זיך צוריקגעקערט קיין אַמעריקע. ער איז געווען ווייטער אַקטיוו ווי אַ שריפטשטעלער און אין דער באַוועגונג. ער איז נפטר געוואָרן אין אַמעריקע אין יאָר 1943.

✶

איך וויל פאַרענדיקן די ווייט ניט פולשטענדיקע אָפּשאַצונג פון דער פּער־זענלעכקייט פון חבר א. ליטווין מיט אַ ציטאַט פון דעם אַרטיקל, וואָס חבר בערל כצנלסון האָט וועגן אים געשריבן צו זיין 70־יאָריקן יובל: „א. ליטווין געהערט צו די ווייניקע פון דער יידישער אינטעליגענץ, וואָס טראָגן זייערע אידעיִשע גלגו־לים, האָבן זיי זיך קיין מאָל ניט אַרויסגעריסן פונעם באָדן פון יידישן פאָלקסטום". חבר בערל רעכנט דאַן אויס אַ גאַנצע רשימה פון יידישע רעוואָלוציאָנערע אינטע־ליגענטן, וועמען זייערע געדאַנקלעכע גלגולים האָבן דווקא יאָ אַרויסגעריסן פון יידישן פאָלק. דאַן שרייבט בערל ווייטער: „חבר א. ליטווין איז אָבער אין דעם זין געווען אַנדערש פון זיינע חברים אינטעליגענטן. געדאַנקלעך האָט ער אויך דורכגעמאַכט פאַרשידענע גלגולים: העברעיִש און יידיש, חיבת־ציון און די אַר־בעטער־באַוועגונג, די גרינדונג פון פועלי־ציון; חלומות וועגן אַריבערפירן יידן צו לאַנדווירטשאַפט אין די גלות־לענדער. אָבער אַלץ אין די ראַמען פון זיין פאָלק. ער האָט זיך געפילט היימיש סיי אין די רעוואָלוציאָנערע קרייזן, סיי צווישן ישיבה־בחורים, סיי אין די איינגעפאַלענע הייזלעך פון יידישן פּראָלעטאַרישן דלות, סיי אין די לעכער פון יידישער קרעמערײַ און פעדלערײַ. אומעטום האָט ער געזוכט צו ברענגען דאָס ליכט פון וויסן, פון ברידערלעכקייט און פון האָפענונג. זיינע 6 בענד „יידישע נשמות" זיינען פול מיט אמתער ליבשאַפט ניט צום היסטאָרישן אַבסטראַקטן „יידישן פאָלק", נאָר צו דעם לעבעדיקן ייד פון היינט".

4 ווייצמאַן־עפּיזאָדן

(געשריבן און 1962)

איך וויל פֿאַרצייכענען פֿיר עפּיזאָדן אין מײַן אײגענעם לעבן, וואָס זײַנען פֿאַרבונדן מיטן נאָמען חיים ווייצמאַן. דרײַ פֿון זיי זאָגן עדות אויף דעם אָרט, וואָס ווייצמאַן האָט פֿאַרנומען אינעם באַוווסטזײַן פֿון זײַן דור. דער פֿערטער עפּיזאָד שפּיגלט אָפּ די טיפֿע עטיק, וואָס איז געווען פֿאַרוואָרצלט אין חיים ווייצמאַנס נשמה.

*

דער ערשטער עפּיזאָד איז פֿאַרבונדן מיט די פּאָגראָמען אויף יידן אין אוקראַיִנע. אין זומער 1919 בין איך דעלעגירט געוואָרן פֿון „דזשאָינט" קיין רומעניע, בעסאַראַביע און בוקאָווינע, כדי זיך צו באַקענען מיט די נויטן פֿון די דאָרטיקע יידן. אין טשערנאָוויץ האָב איך פֿאַרבראַכט עטלעכע טעג אין יוני 1919. איין טאָג איז צו מיר אין צימער אַרײַנגעקומען אַ ייד מיט אַ הדרת פּנים, וואָס אַזעלכן איז געווען זעלטן צו געפֿינען אַפֿילו צווישן רבנישן יידנטום. פֿון זײַנע אויגן איז ניט געווען אויסצושעפּן דעם אומעט און שרעק, וואָס די לעצטע געשעענישן האָבן אין זיי אַרײַנגעיאָגט; אויגן וואָס גיבן דעם מענטש אַן אויסזען פֿון אַ געיאָגטער חיה, וועלכע האָט ניט קיין כּוח זיך קעגנשטעלן די יעגער און ווייס, אַז דער טויט מוז קומען. שטילערהייט ציט ער אַרויס אַ פּאַפּיר פֿון קעשענע — אַ נײַע קינה אויף אַ נײַעם חורבן, וואָס איז שוין געשען און וואָס האָט נאָך ניט אויפֿגעהערט, און איין גאָט ווייסט, ווען דער חורבן וועט זיך אָפּשטעלן.

פֿון אוקראַיִנע איז דער ייד געקומען, מיט סכּנת נפֿשות די גרענעץ זיך אַרײַ־בערגעכאַפּט. דאָ איז ער שוין מער־ווייניקער רויִק. ער הייבט אָן צו דערציילן וועגן די שטעט און שטעטלעך, פֿון וואַנען ער איז געקומען. איבערדערציילן איז ניט מעגלעך. עס איז ניט מעגלעך איבערצולעבן נאָך אַ מאָל אַלע יענע שרעקן. גענוג צו זאָגן, אַז אין פֿאַרלויף פֿון 6 מאָנאַטן האָבן די ווילדע באַנדעס פֿון היידעמאַקעס אויסגעשאָכטן 120 טויזנט יידן! פֿאַר די ווילדע חיות איז הרגענען יידן געוואָרן אַ צײַטפֿאַרטרײַב.

מײַן באַזוכער האָט מיר איבערגעגעבן שוידער־דאָקומענטן פֿון אַ סך שטעט, אונטערגעשריבענע דורך יידן, וועלכע זײַנען על פּי נס ניצול געוואָרן פֿון טויט. איך האָב אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן דעם, וואָס איך גופֿא בין איצט מחויב צו טאָן. איז אַרויפֿגעקומען אויף דער מחשבה חיים ווייצמאַן. צו אים מוזן דערגרייכן די אַלע שרעקלעכע ידיעות. בין איך תּיכּף צוריקגעפֿאָרן קיין פּאַריז און זיך פֿאַר־בונדן מיט ד״ר לעאָ מאָצקין, דער דעמאָלטיקער פֿאָרזיצער פֿון די יידישע דעלע־גאַציעס. אים האָב איך איבערגעגעבן אַלע שוידער־מאַטעריאַלן און אַרויסגעזאָגט פֿאַר אים מײַן געדאַנק, אַז די איינציקע האָפֿענונג פֿון די אוקראַיִנישע יידן, איז די אַנטאַנט זאָל אַהין צושיקן אַ פֿלאָט און אַריבערפֿירן וויפֿל יידן מען וועט נאָר קענען קיין ארץ־ישׂראל. אויך ד״ר מאָצקין האָט געהאַלטן, אַז דער מענטש צו וועמען מען

מוז זיך באַלד ווענדן און וועלכער קען אפשר עפּעס אויסווירקן ביי דער אַנטאַנט, איז חיים ווייצמאַן. מירביידע זיינען געקומען צום באַשלוס, אַז איך זאָל שרייבן אַ בריוו צו ווייצמאַנען. מאַצקין האָט מיך געוואָרנט איך זאָל אינעם בריוו ניט דערמאָנען וועגן דעם קאָנקרעטן פּלאַן. מיר זיינען געווען זיכער, אַז אויב נאָר אַזאַ זאַך איז מעגלעך דורכצופירן, וועט ווייצמאַן אַליין דערצו זיך דערטראַכטן.

דעם 22סטן יולי 1919 האָב איך אָפּגעשיקט צו ד״ר ווייצמאַן אָט דעם בריוו (געקירצט):

„טייערער ד״ר ווייצמאַן!

„איך האָב איבערגעגעבן ד״ר מאַצקינען אייניקע דאָקומענטן וועגן די פּאָגראָמען אין אוקראַינע. איך ווייס, אַז די אָנגעגעבענע צאָל פון פּאָגראָמירטע יידן זעט אויס צו זיין איבערגעטריבן. איך וויל דעריבער צוגעבן אייניקע אינפאָרמאַציעס, וואָס איך האָב געזאַמלט בעל־פּה.

„ביי מיר איז ניטאָ קיין ברעקל ספק, אַז דאָס זיינען אַבסאָלוטע פאַקטן.

„ד״ר קערן און זיין פרוי, ווען איך האָב באַגעגנט אויף מיין וועג פון טשערנאָוויץ קיין כאָטין, זיינען אָנגעקומען אין פּראָסקוראָוו גלייך נאָכן פּאָגראָם. זיי האָבן מיר איבערגעגעבן פאָלגנדיקע אינפאָרמאַציע.

„די צאָל דערהרגעטע יידן אין פּראָסקוראָוו איז 3964. די צאָל פאַרוווּנדעטע — 2014. אָט די ציפערן שליסן איין בלויז די שטענדיקע איינוווינער פון פּראָסקוראָוו. אַ חוץ זיי זיינען דערהרגעט געוואָרן אַ סך אורחים, וועלכע זיינען צופעליק געווען אין שטאָט אין די שרעקלעכע טעג פון 15טן ביז 18טן פעברואַר 1919.

„דער אופן, אויף וועלכן דער פּאָגראָם איז דורכגעפירט געוואָרן, איז געווען אַזוי טייוולאָניש, אַז עס איז אוממעגלעך אים צו באַשרייבן. באַלד נאָך דעם ווי פּעטלוראָס באַנדעס זיינען אַריין אין שטאָט, האָט דער קאָמאַנדיר צוזאַמענגעקליבן זיינע היידעמאַקעס און גענומען פון זיי אַ שבועה, ניט צו טשעפּען יידיש פאַרמעגן, ניט אַפילו דערשיסן די יידן, נאָר פשוט זיי צערייסן אויף שטיקער. שבת דעם 15טן פעברואַר זיינען 150 יידן געווען פאַרזאַמלט אין באַצעליער רבינס שול. אַזוי שנעל ווי זיי זענען אַרויס פון שול, זיינען זיי אַלע דערמאָרדעט געוואָרן. די מערסטע פון זיי זיינען צעשניטן געוואָרן אויף דריי שטיקער. דעם רבינס אייניקלעך זיינען אויך דערהרגעט געוואָרן. דערביי האָט מען געצוווּנגען דער מוטער דאָס צוצוזען. נאָכדעם איז זי אַליין צעשניטן געוואָרן אויף דעם זעלביקן אופן ווי די אַנדערע יידן.

„אָט די שחיטה האָט אָנגעהאַלטן שבת, זונטיק און מאָנטיק. דורך דער צייט זיינען 1500 שול־קינדער געשלאָגן געוואָרן ביז טויט דורך דעם זעלביקן בלוטדורשטיקן המון. די טויטע קערפּערס זיינען איבערגע־לאָזן געוואָרן אין די גאַסן 4 טעג נאָך אַנאַנד. חזירים האָבן זיי געפרעסן. מיטוואָך אין דער פרי זיינען אייניקע יידן אַרויס פון זייערע באַהאַלטענע

פּלעצער און האָבן געוואָלט מקבר־זיין די טויטע. צען פון זיי זיינען גלייך אַרעסטירט געוואָרן דורך דער באַנדע און תיכף דערשאָסן געוואָרן.

„אויף מאָרגן האָט מען געצוווּנגען די יידן צו עפענען זייערע געשעפטן. די פירנדיקע יידן פון שטאָט האָט מען געצוווּנגען אונטערצושרייבן אַ פּאַפּיר, אַז בלויז 50 יידן זיינען דערהרגעט געוואָרן און אַז די יידן אַליין זיינען דערין שולדיק.

„אין דער שטאָט פּעלשטין, אַרום 20 קילאָמעטער פון פּראָסקוראָוו, האָט די זעלביקע באַנדע דעם ערשטן טאָג בלויז ראַבירט יידישע געשעפטן. אויף מאָרגן, דעם 20סטן פעברואַר, האָבן זיי אויסגעשאָכטן כמעט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג. פון 1100 יידישע פאַמיליעס, וואָס האָבן געציילט אַן ערך 5000 נפשות, זיינען געבליבן לעבן בלויז 50 פאַמיליעס. דאָ איז דער אופן פון דער שחיטה געווען נאָך מער טיוואַליש. פריער האָט מען אויסגעשטאָכן די אויגן, דערנאָך אָפּגעשניטן די אויערן און גאָר צום סוף האָט מען אַרויסגעשלאָגן זייער מאָרך.

„אין דער שטאָט אומאַן זיינען טויזנט יידישע משפחות אויסגעשאָכטן געוואָרן. אויסער דער צאָל שטעט, פון וואַנען איך האָב איבערגעגעבן ידיעות צו ד״ר מאַצקין, דאַרפן צו דער רשימה פון פּאָגראָמירטע שטעט צוגעגעבן ווערן אויך: באַלטע, קרישטאָפּל, לאַפּניאַק, קראַטי, טעפּליק, באַבאַקריטש, גראַסערלאַ און פיל אַנדערע.

„איך קאָן פעסטשטעלן מיט אַבסאָלוטער זיכערקייט, אַז אַט די גאַנצע רשימה איז נאָך אַלץ אַ קליינער טייל פון דעם חרוב־געמאַכטן שטח. יעדער טאָג ברענגט נייע הונדערטער יידישע קרבנות. און אויב עפּעס וועט ניט געטאָן ווערן תיכף, וועט דער גאַנצער מיליאָן יידן אין די הענט פון פּעטלוראַס באַנדעס, און די יידן פון דרום־אוקראַינע, ווו די באַנדעס פון גריגאָריעוו, זיליאַנאָוו און אַנדערע אַטאַמאַנען קעמפן פאַר הערשאַפט, אויסגעשאָכטן ווערן אין פאַרלויף פון די קומענדיקע חדשים.

„איך האָף, טייערער דאָקטאָר ווייצמאַן, אַז איר וועט געלינגען אויסצוגעפינען אַ וועג, ווי אַזוי צו ראַטעווען די שארית הפליטה פון דער יידישער באַפעלקערונג אין אוקראַינע.

„מיין האַרץ וואָלט אָנגעפילט ווערן מיט דער גרעסטער פרייד, ווען איך וואָלט געווען אין דער לאַגע איך צו שרייבן, אַז די צאָל פון דערהרגעטע יידן, ווי אָנגעגעבן אין די דאָקומענטן, איז שטאַרק איבערגעטריבן. אָבער ווי ווייט אונדז איז, מוזן מיר קוקן דעם אמת אין פּנים אַריין.

„האָפנדיק אין גיכן צו הערן, אַז אַ גרויסע אַקציע ווערט אונטערגענומען צו ראַטעווען אונדזערע ברידער, בלייב איך, אייער, ברוך צוקערמאַן״.

אַן ענטפער אויף דעם בריוו האָב איך באַקומען מיט איבער אַ יאָר שפּעטער אין אַ פּערזענלעכן שמועס מיט ד״ר ווייצמאַן אין לאָנדאָן, ווען עס איז פאָרגעקומען — זומער 1920 — די קאָנפערענץ, אויף וועלכער דער קרן היסוד איז געגרינדעט

געוואָרן. עטלעכע חדשים פֿאַר דער לאָנדאָנער קאָנפֿערענץ איז, ווי באַקאַנט, ד״ר מאַקס נאָרדוי אַרויסגעטראָטן מיט זיין באַקאַנטן פֿאָרשלאָג באַלד אַריבערצופֿירן אַ האַלבן מיליאָן יידן פֿון מזרח־אייראָפּע קיין ארץ־ישראל. ווען איך בין אָנגעקומען קיין לאָנדאָן, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ד״ר מאַקס נאָרדוי געפֿינט זיך אויך אין לאָנדאָן, אָבער ער באַטייליקט זיך ניט אַקטיוו אין דער קאָנפֿערענץ, אַז ער פֿילט זיך פֿאַראייניזאַמט און דערדריקט, ווייל די ציוניסטישע פֿירערשאַפֿט האָט ניט אָנגענומען זיין פֿאָרשלאָג. ביי דער ערשטער געלעגנהייט וואָס איך האָב געהאַט, האָב איך געפֿרעגט ד״ר וויצמאַן, פֿאַר וואָס דער נאָרדוי־פֿאָרשלאָג איז ניט אָנגענומען געוואָרן. זיין ענטפֿער איז געווען:

„איך האָב טאַקע דערוואַרט איר זאָלט עס מיך פֿרעגן. ד״ר מאַצקין האָט נאָך פֿאַר אַ יאָרן אין יולי מיר טעלעפֿאָניש איבערגעגעבן אייער פּלאַן. ער האָט אייך ריכטיק געעצהט איר זאָלט אין אייער בריוו צו מיר וועגן דעם פּלאַן ניט שרייבן. ער האָט געוווּסט, אַז אַלע בריוו ווערן שטאַרק צענזורירט. ווען מיר ריידן טעלעפֿאָניש האָבן מיר אונדזער אייגענעם „קאָד״. סיי אייער בריוו, סיי אייער פּלאַן האָב איך אויפֿגענומען מיט דער טיפֿסטער ערנסטקייט. איך קען אייך ניט איבערגעבן אַלע פּרוּוון וואָס איך האָב געמאַכט אָנצוטאַפּן דעם דופּק פֿון פֿאַרשיידענע מאַכט־מענטשן, צי זיינען זיי גרייט וועגן דעם צו הערן. אָבער אין די מערסטע פֿאַלן האָב איך אָנגעטראָפֿן אויף טויבע אויערן און איך האָב פֿאַרשטאַנען פֿאַר וואָס. אין רוסלאַנד האָבן דאָך זיך אָנגעהויבן די בירגער־מלחמות. קיינער פֿון די פֿאַראַנטוואָרטלעכע אַנטאַנט־מענטשן האָט ניט געוואָלט, אַז זיין מדינה זאָל פֿאַרמישט ווערן מיט ספּעציעלע אַקציעס אין יענעם אומגליקלעכן וועלט־ווינקל. און — איר ווייסט? — צו פֿירן דיפּלאָמאַטיע געהערט אויך דאָס וויסן, אַז אָפֿט מוז מען דעם שאַרפֿסטן ווייטיק פֿאַרבאָרגן אין אייגענעם האַרצן. צו אייך האָב איך ניט קיין טענה. ווען איך האָב אייער בריוו דערהאַלטן און געהערט וועגן אייער פּלאַן, האָב איך געפֿילט, ווי פֿון אייער האַרצן איז גערונען בלוט, ווען איר האָט זיך דירעקט אָנגעשטויסן אויף אונדזער גרויסן חורבן אין אוקראַינע. איז דעריבער צו פֿאַרשטיין, אַפֿילו ווען איר זייט געווען אַ ביסל נאַיוו צו גלייבן, אַז די אַנטאַנט וועט קענען שיקן אַ פֿלאָט אין יענעם צעברויזטן וועלט־ווינקל. אָבער ד״ר נאָרדוי האָט געדאַרפֿט אַליין פֿאַרשטיין, אַז דאָס, וואָס ער שלאָגט פֿאָר, איז ניט מעגלעך דורכצופֿירן. במשך פֿון לעצטן יאָר איז דער פֿאַקטאָר רוסלאַנד געוואָרן נאָך מעכטיקער אין יענעם וועלט־ווינקל. האָט ער ניט געדאַרפֿט אַרויסקומען מיט עפֿנטלעכע פּלענער, איידער מען האָט זיך אינפֿאָרמירט, אַז זיי האָבן כאָטש עפּעס אַ שאַנס דורכגעפֿירט צו ווערן״.

וועל איך איצט אַוודאי ניט נעמען אויף זיך די ראָלע פֿון אַ פּוסק אחרון אין יענעם ביטערן וויכוח. איך האָב אָט די פּרשה דאָ דערציילט, נאָר כדי צו וויזן, אַז ווען אַ ייד ווי איך האָב זיך געפֿונען אין אַזאַ שווערער לאַגע, איז אין מיין

מוח באַלד אויפגעקומען דער געדאַנק: איך מוז זיך ווענדן צו ד״ר חיים ווייצמאַן.

✶

דער צווייטער עפּיזאָד איז געווען אין פרילינג 1921.

ד״ר חיים ווייצמאַן, צוזאַמען מיט גאָר וויכטיקע חברים זיינען געקומען קיין צפון־אַמעריקע צו גרינדן דאָ דעם קרן היסוד, וואָס די אָנהענגער פון ריכטער בראַנדייס האָבן לכתחילה באַקעמפט. אונדזער גאַנצע באַוועגונג איז געשטאַנען פאַרן קרן היסוד און מיר האָבן געהאָלפן דער ווייצמאַן־דעלעגאַציע דערגרייכן איר ציל. איך פערזענלעך האָב אויסגענוצט פאַר דעם צוועק מיינע באַזוכן אין לאַנד, וואָס איך האָב דאַן געמאַכט אַלס פאַרוואַלטער פון „פּיפּלס־רעליף״. אין אַפּריל 1921 האָב איך אַזאַ באַזוך געמאַכט אין מינעאַפּאָליס. אין דער שטאָט האָט געלעבט איינער פון די וויכטיקסטע יידישע פּעדאַגאָגן און דערציִער — ד״ר גאָרדאָן, אַ ייד פון מזרח־אייראָפּע. אין מינעאַפּאָליס איז ער געווען אַ פירער פון ציוניסטן און דער גרינדער פון איינעם פון די דערפאָלגרייכסטע יידישע דערציִונגס־אַנשטאַלטן, וואָס צפון־אַמעריקע פאַרמאָגט. ער האָט זי גערופן פּראָסט תלמוד־תורה, אָבער פון אָט דער תלמוד־תורה זיינען אַרויס בחורים, וואָס געפינען זיך היינט אין די וויכטיקסטע יידישע קיבוצים. איינער פון זיינע תלמידים איז אַפילו אַ פּראָפעסאָר אין ירושלימער אוניווערסיטעט. און דווקא אָט דער ד״ר גאָרדאָן האָט אין דעם ווייצמאַן־בראַנדייס געראַנגל זיך געשטעלט אויף דער זייט פון לעצטן.

ד״ר ווייצמאַן האָט גוט געוווּסט וועגן די אַקטיוויטעטן פון דאָזיקן ד״ר גאָרדאָן. ווען איך האָב זיך אומגעקערט פון מינעאַפּאָליס, ווו מיר איז געלונגען איבערצו־געווינען דעם ד״ר גאָרדאָן אויף אונדזער זייט, האָט עס ווייצמאַנען שטאַרק דער־פרייט. ער האָט דאַן מיר געזאָגט:

איך בין ניט שטאַרק באַזאָרגט לגבי די רעזולטאַטן פון אונדזער אַרבעט. סוף־סוף וועט די ציוניסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע צוטראָגן איר חלק צום קרן־היסוד. נאָר ווען איך דערוויס זיך, אַז אונדזערער אַ ייד, און בפרט אַזאַ תלמיד־חכם ווי ד״ר גאָרדאָן, ווערט פאַרכאַפּט פון דעם צויבער פון אַ גרויסן אַמעריקאַנער טיטל, צו וועלכן אַ ייד איז זוכה, טוט עס מיר וויי. דווקא צו דעם פּאַסט זיך אַזוי גוט אחד־העמס אויסדרוק: „עבדות בתוך חירות״.

✶

דער דריטער עפּיזאָד האָט שוין אין זיך אַן עלעמענט פון פּאַרס, אָבער ער שיינט מיר דווקא צו זיין זייער אינטערעסאַנט. אין יאָר 1936 האָב איך באַזוכט דרום־אַפריקע אין די אינטערעסן פון קרן־היסוד, צוזאַמען מיט פּראָפעסאָר זעליג בראָדעצקי עליו השלום, און — איר צו לאַנגע יאָר — רבקה זיוו. ווי אַלע קרן־היסוד שליחים, האָב איך אויפן וועג צוריק קיין ארץ־ישראל זיך אָפּגעשטעלט אין עליזאַבעטוויל, קאָנגאָ. דאָרט האָט דאַן עקזיסטירט אַ יידישע קהילה פון עטלעכע צענדליק משפחות, וועלכע זיינען אַהין געקומען פון רהאָדעס אינדזל. (וואָס פון אָט דער קהילה איז געוואָרן אין די לעצטע קאָנגאָ־געשעענישן — ווייס איך ניט). זייער שפּראַך איז געווען איטאַליעניש. אָבער זיי פלעגן נאָכטאָן די יידן פון דרום־אַפריקע און געבן דווקא באַדייטנדיקע סכומים פאַרן קרן־היסוד. קיין יידיש אָדער

העברעיִש האָבן זיי ניט געקענט. געווען אָבער צווישן זיי צוויי וואָס האָבן פאַר־שטאַנען ענגליש. האָב איך זיך שוין געמוזט מוטשען און ריידן צו די יידן ענגליש, און איינער פון די צוויי האָט איבערגעזעצט וואָס איך האָב געזאָגט. די פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען אין אַ גאָר גרויסער געביידע, וואָס איז פריער געווען אַ קלויסטער, נאָר די יידן האָבן אים איבערגעבויט אויף אַ בית־כנסת. ווען די פאַרזאַמלונג איז שוין געווען פאַרענדיקט, איז צו מיר פּלוצעם צוגעגאַנגען אַ זייער עקזאָטישע פיגור, וואָס אין מיין חלום האָב איך ניט דערוואַרט אַזאַ איינעם דאָרט צו טרעפן: אַ זייער דאַרער, ניט צו הויכער ייד, מיט אַ גאָר לאַנגער, שיטערער שוואַרצער באָרד. אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ שטריימל, אונטערן שטריימל אַ זייער גראָבע, שוואַרצע יאַרמולקע, אַזוי ווי עס טראָגט אַ ליובאַוויטשער חסיד. ער האָט גלייך, אָן אַ „שלום־עליכם״, אָנגעהויבן מיט אַ פּזמון, אין אַ פּשוטן ליטווישן ייִדיש:

„וואָס איר האָט גערעדט האָב איך ניט פאַרשטאַנען, איך האָב נאָר פאַרשטאַנען די ווערטער „קרן היסוד״, „ציוניזם״ און נאָך אַזעלכע אויסדרוקן. אָבער איך פאַרשטיי דאָך, אַז איר ווייסט מן הסתם וואָס עס טוט זיך אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, וואָלט איך אייך געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער פאַר אָט די אין די אויגן קען איך עס ניט. קען איך קומען צו אייך אין האָטעל מאָרגן?״

איך פרעג אים ווער ער איז און ער ענטפערט מיר מיט ביטול — „אָ, איך בין דאָ דער שמש פון זייער שול״ און אין דעם „זייער״ איז געלעגן נאָך מער ביטול, ווי אין זיין שמשות. האָב איך אים איינגעלאַדן ער זאָל קומען צו מיר מאָרגן.

מאָרגן פרי — ער איז דאָ אין האָטעל מיט אַ גרויסן שטעקן אין האַנט, און ווי נאָר ער קומט אַריין אין צימער, ווידער אָן אַ „גוט־מאָרגן״, הייבט ער גלייך אויף דעם שטעקן איבער זיין קאָפּ און זאָגט:

„איר זעט אָט דעם שטעקן? — ווען איך טרעף חיימקען, צעברעך איך אים מיט אָט דעם שטעקן זיין קאָפּ״! פרעג איך אים: „פון דעם, וואָס איר האָט מיר נעכטן געזאָגט, ווייס איך, אַז איר זייט פאַראינטערעסירט צו זאָגן עפּעס וועגן דער ציוניסטישער באַוועגונג. אויב אַזוי, ווען איר רעדט וועגן חיימקען, מיינט איר דאָך אַוודאי חיים ווייצמאַן, טאָ פאַר וואָס ווילט איר אים שלאָגן? איר זייט אפשר אַ רעוויזיאָניסט?״ — רייסט ער מיך גלייך איבער: „וואָס, אָט די ווילדע יונגען?״ גיי איך אַ טריט ווייטער: „זייט איר אפשר אַ מזרחיסט״? רייסט ער מיך ווידער איבער: „וואָס, אָט די צבועקעס״? פרעג איך אים שוין: „איז וואָס האָט איר פאַרט צו חיימקען?״ אויף דעם ענטפערט ער:

„און מיט השגחה פּרטית דאַרף מען זיך רעכענען, צי ניט? סטייטש, דו, חיימקע, דו זעסט, אַז ווען דו ביסט פּרעזידענט האָבן מיר צרות אין ארץ־ישראל. ווען דו ווערסט אויס פּרעזידענט, ווערט רויִקער אין ארץ־ישראל. ווילסטו איצט ווידער ווערן פּרעזידענט. סטייטש? — לאָז אָפּ!״

אין מיר ווערט געבוירן דער ווילן צו ראַטעווען ד״ר ווייצמאַן פון די גייסטיקע קלעפּ, וואָס אָט דער פאַרוואָגלטער ייד אין עליזאַבעטוויל גיט אים מן הסתם, טאָג־איין, טאָג־אויס אין זיין מחשבה. פאַלט מיר איין אַ געדאַנק און איך ווענד זיך צו אים:

„ר׳ ייד, איר אַליין גלייבט אין השגחה פּרטית?״ ענטפערט ער מיט כעס: „איך זע פון אייך״, זאָגט ער, „אַז איר זייט ניט פון די יידן, וואָס היטן אַלע מצוות. איר זעט, אַז איך בין יאָ אַ מאמין. טאָ וואָס פרעגט איר מיר אַזאַ פראַגע? איר ווילט מיר דווקא באַליידיקן?״ איך לאָז אָבער ניט אָפּ, איך באַשטיי אויף אַ דירעקטן ענטפער. סוף־סוף ענטפערט ער: „אַוודאי גלייב איך אין השגחה פּרטית״. דאַן גיי איך אַ טריט ווייטער און פרעג אים: „מיינט איר, אַז דער רבונו של עולם איז אַזאַ חכם ווי איר?״ ווערט ער שוין גאָר שטאַרק אין כעס (און ער איז אפשר געווען גערעכט — איך האָב אַזוי די פראַגע ניט געטאָרט פאָרמולירן!) און הייבט אָן וואַרפן מיט פסוקים: „מי ידמה לו, מי ישווה לו״. „ווער קען זיך פאַרגלייכן צו דער געטלעכקייט?״

פרעג איך אים: „אויב אַזוי, פאַר וואָס זאָלט איר ניט טראַכטן אַ ביסל אַנ־דערש? דער רבש״ע ווייס דאָך זיכער, וואָס אין ארץ־ישראל דאַרף געשען. און ווען ער זעט, אַז עס גרייט זיך אַן אומגליק אויף ארץ־ישראל, רופט ער ווייצ־מאַנען, ער זאָל ווידער אָננעמען די פּרעזידענטשאַפט, כדי ער זאָל זיין אין אַ פּאָזיציע אויסצומיידן דעם אומגליק?״

דער ייד בלייבט עטלעכע מינוטן מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. ווען ער הייבט זיי אויף, איז זיין בליק גאָר אַן אַנדערער. ער ווענדעט זיך צו מיר ממש מיט געבעט:

„איך בעט אייך, ווען איר וועט טרעפן ר׳ חיימען (שוין ניט חיימקע!) בעט אים, אין מיין נאָמען, ער זאָל מיר מוחל זיין, וואָס איך האָב אים אין מיין מחשבה אַזוי פיל מאָל באַשולדיקט״.

מיט פאַרצווייפלונג אין די אויגן האָט ער אָנגעהויבן אַרויסגיין פון צימער, מורמלענדיק צו זיך: „איך מוז נעמען אויף זיך אַ גרויסע שטראָף! איך האָב אומ־זיסט און אומנישט באַליידיקט דעם גרעסטן ייד, וואָס לעבט אויף דער וועלט״.*

✶

דער פערטער עפּיזאָד האָט פּאַסירט, ווידער אין לאָנדאָן, אין יאָר 1945. דאָ איז פאָרגעקומען די ערשטע ציוניסטישע וועלט־קאָנפערענץ נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. ווען איך האָב זיך געטראָפן מיט חיים ווייצמאַן, איז זיין געמיט געווען זייער אַ דערדריקטער. זיין אויסזען האָט אַלעמען דערשראָקן. מיר האָבן אַלע געוווּסט די סיבה דערפון. ער האָט נאָך אַלץ ניט געקענט זיך לייכטער מאַכן זיין ווייטיק צוליב דעם אומגליק, וואָס האָט אים געטראָפן מיט דריי יאָר פריער. זיין יונגער זון מיכאל, אַ לופט־פליער, איז אין סאַמע מיטן פון קריג, אַראָפּגעפאַלן צוזאַמען מיט זיין עראָפּלאַן אין קאַנאַל ביי די ברעגן פון פראַנקרייך. זיין קערפּער האָט מען דאַן ניט געפונען און דאָס האָט דעם ווייטיק פון אים און פון זיין פרוי נאָך שאַרפער געמאַכט. ווי ד״ר ווייצמאַן אַליין דערציילט אין זיין בוך האָבן זיי לאַנגע חדשים נאָך געהאָפט, אַז זייער זון איז אפשר געפאַנגען געוואָרן דורך די דייטשן

* אָט דעם עפּיזאָד האָב איך אויך איבערגעגעבן אין מיין דריטן באַנד, זייט 143.

און ער האָט זיי אָנגעגעבן אַ פֿאַלשן נאָמען. אָט די לאַנגע אומזיכערקייט האָט געהאַלטן די ווונד אָפֿן.

ביים סוף פֿון אַ זיצונג האָט ער מיך צוגערופֿן און געבעטן אַרויסגיין מיט אים אין גאַס. מיר האָבן אַוועקגעשפּאַצירט שווייגנדיק צו אַ קליינעם פּאַרק, ווען מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק, האָט ער אָנגעהויבן:

„מיר איז שווער צוריידן צו מענטשן. איר פֿאַרשטייט דאָך! דאָס האַרץ רעכנט זיך ניט מיט קיין זאַך. אַפֿילו ווען איך בין פֿאַרטאָן אין די וויכטיקסטע אַרבעטן, דערמאָנט זיך מיר מיין מייקל". פּלוצעם האָט זיין פּנים זיך פֿאַרענדערט, זיינע אויגן האָבן אַפֿילו פֿאַר אַ מאָמענט באַקומען אַ גלאַנץ פֿון התרוממות הרוח און ער האָט צוגעגעבן: „ווייסט איר, ווען איך פֿאַרגעס מיין גרויסן אומגליק? — ווען איך באַזוך מיין אַלטן פֿריינד לעאָפּאָלד עמערי. איר ווייסט דאָך וואָס אים האָט געטראָפֿן. זיינער אַ זון האָט פֿאַרראַטן ענגלאַנד, איז אַנטלאָפֿן קיין בערלין און אין בערלינער ראַדיאָ געפֿירט אַ האָס־פּראָפּאַגאַנדע קעגן ענגלאַנד לטובת היטלערס נאַצי־דייטש־לאַנד. איר קענט זיך גאָרניט פֿאַרשטעלן די יסורים פֿון דעם אַלטן עמערי. דערצו איז ער געבליבן שרעקלעך פֿאַראייניזאַמט. די גאַנצע העכערע ענגלישע געזעלשאַפֿט באַאיקאָטירט אים. איך בין דער איינציקער, וואָס באַזוך אים אָפֿט. גלייבט מיר, אַז דאָס איז ניט נאָר דערפֿאַר, ווייל ער האָט גרויסע פֿאַרדינסטן פֿאַרן ציוניזם. איך פֿיל עס ווי אַ ריין מענטשלעכע פֿליכט צו פֿאַרגרינגערן זיין ווייטיק. ווי ווייט מיינע באַזוכן מאַכן אים גרינגער, ווייס איך ניט; אָבער מיין געמיט ווערט גרינגער יעדעס מאָל ווען איך גיי אַוועק פֿון אים. איך זאָג דאָן צו זיך: „חיים, זינדיק ניט! פֿאַראַן נאָך גרעסערע אומגליקן ווי דיר האָט געטראָפֿן".

פֿאַר מיר האָט אין יענעם מאָמענט זיך אַנטפּלעקט די טיפֿע עטיק פֿון חיים ווייצמאַן.

נאָך לאַנגע מינוטן שוויגן האָב איך אים געפֿרעגט, צי ער איז גרייט צו הערן אַ קאָמישן אינצידענט, וואָס האָט מיך געטראָפֿן מיט קאַרגע 10 יאָר צוריק, אין וועלכן זיין נאָמען איז אַריינגעמישט? ווען ער האָט מסכים געווען, האָב איך אים דערציילט דעם פֿריער געשילדערטן עפּיזאָד פֿון עליזאַבעטוויל. דאָס האָט אים ווירקלעך אַ ביסל אויפֿגעמונטערט.

ווען מיר האָבן זיך אויפֿגעהויבן צוריקצוגיין, האָב איך נאָך צוגעגעבן:

„ד"ר ווייצמאַן, טרייסטן איך, ווייס איך, טאָר קיינער ניט. אָבער אַ טיילווייזע קאָמפּענסאַציע פֿאַר אייער האַרץ, האָף איך, וועט איר גאָר גיך דערלעבן. מיר וועלן אין גיכן האָבן אונדזער אייגענע מדינה אין ארץ־ישראל און איר ערשטער פּרעזידענט וועט זיין — חיים ווייצמאַן!"

מן הסתם בין איך ניט דער איינציקער, וואָס האָט אַזוי געטראַכט און עס אַפֿילו געזאָגט ווייצמאַנען.

יעקב גלאַטשטיין

אין האַרבסט פון 1962 האָט חבר יעקב גלאַטשטיין געמאַכט זיין ערשטן באַזוך אין מדינת ישראל. ער איז געקומען ווי דער גאַסט פון דער הסתדרות און די הס־תדרות אין ירושלים האָט איינגעאָרדנט פאַר אים אַ קבלת־פּנים. איך בין איינגעלאַדן געוואָרן צו זיין איינער פון די באַגריסער. איך האָב דאַן געזאָגט:

חבר יעקב גלאַטשטיין, פאַרזיצער און חברות און חברים.

איך ווייס ניט פון וואַנען עס קומט מיין זכות זיך צו באַטייליקן אינעם קבלת־פּנים פאַר אונדזער גרויסן גאַסט. איך קען ניט ריידן אין נאָמען פון דער הסתדרות אין ירושלים, וואָס איז די אָפיציעלע אויפנעמערין פון אונדזער גאַסט. אין איר נאָמען טרעט אויף אונדזער חבר דוב ליפאַוו. נאָך ווייניקער האָב איך אַזאַ זכות פאַרדינט, ווי אַן אָפּשאַצער פון די ליטעראַרישע יצירות פונעם גרויסן דיכטער. וועגן דעם איז אַוודאי אַ גרויסער מוסמך אונדזער חבר דוב סדן. און איך, צוזאַמען מיט אַלע פאַרזאַמלטע, וואַרטן אויף זיין וואָרט.

איך נעם אָן, אַז דער כבוד איז מיר צוגעטיילט געוואָרן צוליב צוויי סיבות: ערשטנס, צוליב דעם, וואָס איך האָב געהאַט דאָס גליק צו אַרבעטן צוזאַמען מיט אונדזער גאַסט צענדליקער יאָרן נאָך אַנאַנד אין צפון־אַמעריקאַנער יידנטום. עט־לעכע יאָר האָב איך אַפילו געהאַט דעם כבוד צו זיין מיט אים אין רעדאַקציע־קאָלעגיע פון אונדזער וואָכנבלאַט „דער יידישער קעמפער", ווו דער חבר גלאַט־שטיין פאַרעפנטלעכט די מערסטע פון זיינע ליטעראַריש־קריטישע יצירות. צווייטנס, נעם איך אָן, אַז מיר איז דער כבוד צוגעטיילט געוואָרן צוליב מיינע פאַרעפנט־לעכטע מיינונגען וועגן דער צוקונפט פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור, וואָס פאַלן אין די סאַמע וויכטיקסטע פונקטן צוזאַמען מיט די אַזוי אָפט אויסגע־דריקטע מיינונגען פון אונדזער חשובן גאַסט.

וועל איך דעריבער מיינע קורצע ווערטער ווידמען צו אָט די צוויי פונקטן.

חבר יעקב גלאַטשטיין, דער גרויסער דיכטער, איז אויך איינער פון די וויכ־טיקסטע עסייִיסטן און פובליציסטן, וואָס די יידישע ליטעראַטור אין צפון־אַמעריקע האָט אַרויסגעבראַכט. ווען איך פיר דורך אין מיין געדאַנק די פיל־פאַרצווייגטע שאַפונגען פון אונדזער גאַסט אויף אָט דעם געביט, קום איך צו דער מסקנה, אַז אין חבר יעקב גלאַטשטיין פאַרמאָגט דאָס צפון־אַמעריקאַנער יידנטום איינעם פון די טיפסטע פון זיינע בעלי־מחשבה. און זיין מחשבה איז ניט קאָנצענטרירט אויף איין אָפּגעשלאָסענעם פונקט. ניטאָ קיין געזעלשאַפטלעכער ענין, וואָס איז נוגע דאָס יידישע לעבן אין דער קעגנוואַרט און די יידישע האָפענונגען אין דער צוקונפט, צו וועלכע די געבענטשטע פעדער פון חבר יעקב גלאַטשטיין האָט ניט צוגעטראָגן אַ וויכטיקןביישטייער. זיינע עסייען און פובליציסטיק באַהאַנדלען אויך וועלט־פּראָבלעמען. און אויך דאָ דרינגט די מחשבה פון אונדזער גאַסט זייער טיף.

זיין מחשבה איז אַלע מאָל אַ זעלבשטענדיקע, ניט דיקטירט פון פּאַרטיי־אידעאָלאָגיעס, אָדער פון גרופּן־איינשטעלונגען. דאָס זאָג איך, וואָס מיינע איבער 50 יאָר אַקטיוויטעטן אין צפון־אַמעריקע זיינען געווען שוין גאָר ענג פאַרבונדן מיט אַ פּאַרטיי און איר אידעאָלאָגיע. איך ווייס, אַז חבר יעקב גלאַטשטיין איז אַלע מאָל געווען זייער נאָענט סיי צו אונדזער אידעאָלאָגיע, סיי צו אונדזער באַוועגונג. פון אַלע זיינע געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעטן, ווי פון זיין עסייִסטיק און פּובליציסטיק, האָט מיין באַוועגונג זייער אַ סך נוצן געצויגן. און אויב איך וואָלט אים געדאַרפט באַגריסן אין עמעצענס נאָמען, וואָלט איך עס געקענט און געמעגט טאָן נאָר אין נאָמען פון אַלע טיילן פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין צפון־אַמעריקע. איך ווייס, אַז אַלע אונדזערע דאָרטיקע חברים וועלן מיט גרויס צופרידנקייט אויפנעמען די ידיעה, אַז איך האָב דעם חבר גלאַטשטיין מקבל־פּנים געווען אין ירושלים אין זייער נאָמען. זיי וועלן עס זיכער האַלטן פאַר אַ זכות פאַר זיי. דעריבער מעג איך עס זיך דערלויבן. האָבן דאָך אונדזערע חכמים געפּסקנט: „זכין לאנשים שלא בפניהם״.

זיין מחשבה־זעלבשטענדיקייט האָט אָפּט אַ סך פון אונדז, עסקנים פון אונדזער באַוועגונג און קעמפער פאַר איר אידעאָלאָגיע, געהאָלפן אויפהאַלטן אונדזער גלייכוואָג און אונדז אָפּגעהיט פון עקסטרעמער איינזייטיקייט. איך געדענק פיל פאַלן, ווען חיים גרינבערג ז״ל האָט זיך שטאַרק גערעכנט מיט די מיינונגען פון אונדזער גאַסט, טאַקע דערפאַר, ווייל ער האָט געוווּסט וועגן זיין מחשבה־זעלבשטענדיקייט. מיין איך, אַז איך צאָל אָפּ אונדזער גאַסט אַ חוב, וואָס אונדזער גאַנצע באַוועגונג אין צפון־אַמעריקע איז אים שולדיק.

*

און עטלעכע ווערטער בנוגע צו אונדזער ביידנס באַציִונג צו דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור. מיר ביידע געהערן צו די אַנהענגער פונעם באַרימטן זאָג פון אונדזער קלאַסיקער מענדעלע מוכר ספרים, אַז מיר דאַרפן אָטעמען דורך אונדזערע ביידע נאָזלעכער: יידיש און העברעיִש.

צוויי גרויסע העברעיִשע שריפטשטעלער — דער קינסטלער־דערציילער חיים הזז און דער קריטיקער ש. י. פּנואלי — פירן אָן די לעצטע וואָכן אַ זייער אינטערעסאַנטן וויכוח וועגן דער כאַראַקטעריסטיק פון אונדזערע ביידע שפּראַכן און ליטעראַטורן. וועל איך אַוודאי ניט וואַגן אַריינמישן זיך צווישן די צוויי אויטאָריטעטן. אָבער מיר האָט צוגעטראָפן דער קריטיקער פּנואלי מיט איין פּסוק זיינעם, וואָס זאָגט, אַז „ביידע ליטעראַטורן שטאַמען פון איין מקור, נאָר זיי האָבן זיך צייטווייליק צעשיידט איינע פון דער צווייטער; איצט איז געקומען די צייט זיי זאָלן זיך צוריק באַהעפטן און ווערן איינס״. אָט דעם געדאַנק נעם איך אָן, ווי דעם יסוד פאַר מיין צוגאַנג צו אונדזער שפּראַכן־פּראָגע.

ביידע, אי העברעיִש, אי יידיש, שטאַמען פון זעלביקן מקור: די יידישע אייגנאַרטיקע שעפערישקייט. מיר שיינט, אַז יידיש האָט דעם כוח פון אָט דעם מקור דעמאָנסטרירט אפשר מער ווי העברעיִש. איך מיין דערמיט ניט אָפּצושאַצן די ווערטן פון די געשאַפענע אוצרות פון ביידע ליטעראַטורן. איך מיין בלויז, אַז

יידיש, וואָס שטאַמט אָפּ פון אַ פרעמדער שפּראַך אין איינער פון אונדזער גלותן, איז דורך דעם כּוח פון יידישער גייסטיקער אייגנאַרטיקייט, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וויכטיקער כּלי, וווּהין מיר האָבן אַריינגעגאָסן אוצרות פון אונדזער גייסט. ביי אונדז איז געשען פּונקט דאָס פאַרקערטע, וואָס איז געשען ביי פיל אַנדערע פעלקער, אויף וועלכע זייערע געשיכטלעכע אַנטוויקלונגען האָבן אַרויפגעצוווּנגען אַ פרעמדע שפּראַך. ביי יענע פעלקער האָט עס געפירט צו רעדוצירן זייערע אייגנאַרטיקע שעפערישקייטן און ביי אייניקע האָט עס דערפירט צו פולער אַסימילאַציע. דאַקעגן ביי אונדז האָט עס געפירט צום אויפקום פון אַ נייער וויכטיקער כּלי פאַר אונדזער נאַציאָנאַלער פאַרשטאַרקונג.

פּונקט אַזוי נעם איך אָן דעם געדאַנק וועגן דער נויטיקייט, אַז ביידע אונדזערע קולטור־אוצרות זאָלן זיך ווידער באַהעפטן און ווערן איינס. און איך וויל צוגעבן אַ נופך משלי: איך בין איבערצייגט אין צוויי זאַכן: ערשטנס, אַז דערצו פירט די נאָענטע יידישע געשיכטע, און צווייטנס, אַז דאָס וויכטיקסטע אָרט, ווו אָט די צוריקבאַהעפטונג וועט קומען, איז מדינת ישראל.

אין זיין שמועס מיט די רעדאַקציע־חברים פון „דבר" האָט חבר יעקב גלאַטשטיין געזאָגט, אַז ער איז ניט קיין נביא. ער איז זיכער, אַז יידיש און אירע אויפגעזאַמלטע אוצרות וועלן אָפּגעהיט ווערן, אָבער ער קען ניט זאָגן ווי אַזוי. איך בין אַוודאי נאָך ווייניקער באַרעכטיקט פאָרויסצוזאָגן וואָס עס וועט געשען אין דער צוקונפט. צוזאַמען מיטן חבר גלאַטשטיין בין איך זיכער, אַז דאָס יידישע פאָלק וועט ניט דערלאָזן, אַז די אוצרות, וואָס מיר האָבן אויפגעזאַמלט אין יידיש, זאָלן חלילה גיין לאיבוד. אָבער לעבנדיק שוין עטלעכע יאָר בקביעות אין ישראל, שיינט מיר, אַז איך מעג זיך דערלויבן אָנצוווייזן אויף די ערשטע פּראָצעסן, וואָס וועלן אויף אָט דעם שטח פאָרקומען אין דער נאָענטער צוקונפט אין אונדזער מדינה.

ווען אונדזער מדינה וועט ווערן זיכערער; ווען די געפאַרן, וואָס לויערן אויף איר עצם קיום וועלן ווערן קלענער, וועלן אונדזערע מענטשן פון גייסט — אין דעם שליס איך איין סיי פּאָליטיקער, סיי קינסטלער, סיי וויסנשאַפטלער, סיי דערציִער — זיך קענען מער ווידמען אָט דער אויפגאַבע פון אָפּהיטן, אַז יידישע גייסטיקע אוצרות זאָלן ניט גיין לאיבוד. דאַן וועט די יידישע שפּראַך און איר קולטור באַקומען אַ סטאַטוס אין ישראל, וואָס וועט באַזירט זיין אויף אַזאַ הויפּט־יסוד:

יידיש איז ניט קיין פרעמדע שפּראַך אין ישראל; זי איז אַ טייל פון דער היסטאָרישער „עברית־קולטור". איך באַנוץ דאָ דעם טערמין „עברית" ניט אינעם זין פון שפּראַך, נאָר אין קולטור־היסטאָרישן זין, וואָס שליסט איין אַלץ, וואָס דער אייגנאַרטיקער יידישער גייסט האָט געשאַפן און האָט עס פאַרקליידט אין אייגענע יידישע שפּראַך־לבושים. ווי אַ טייל פון אָט דער עברית־קולטור פאַרדינט יידיש צו באַקומען דעם זעלביקן סטאַטוס, וואָס אַראַמיש פאַרנעמט, און וואָס איז דער סטאַטוס פון אַראַמיש אין דער עברית־קולטור? — טיילן פון די וויכטיקסטע שאַפונגען אין אַראַמיש זיינען, אין זייער אָריגינאַל, אַ טייל פון דער עברית־קולטור אויך אין מדינת ישראל. אַוודאי ווערן פיל טיילן איבערגעזעצט אין מאָדערנעם העברעיִש. אָבער דורך דעם ווערן זיי, אין זייער אָריגינאַל, ניט אַרויס־

געגומען פון דער עברית־קולטור. דער ספר דניאל וועט לעולם ועד בלייבן אַ טייל פון אונדזער ספר הספרים אין זיין אָריגינאַל. דער „זוהר" וועט נאָך אין אָריגינאַל אַלץ בלייבן אַ טייל פון דער עברית־קולטור, אַפילו ווען מען וועט אים ניט איין מאָל, און ניט אין איין נוסח, איבערזעצן אין מאָדערנעם העברעיש. און תפילות און געזאַנגען, ווי אַקדמות, אתקינו סעודתא און פיל, פיל אַנדערע, וועלן נאָך אַלץ בלייבן אין אָריגינאַל אַ טייל פון דער עברית־קולטור. איך בין זיכער, אַז אונדזערע סאַברעס באַנעמען, צום ביישפּיל, אַקדמות, ניט מער און אפשר נאָך ווייניקער, ווי זיי קענען באַנעמען, זאָגן מיר, ביאַליקס שירים, וואָס ער אַליין האָט געשריבן אין יידיש. אַזאַ סטאַטוס דאַרף און וועט פאַרנעמען יידיש אין דער עברית־קולטור.

איך ווייס, אַז אַראַמיש איז פיל נענטער צו העברעיש און דערפאַר פיל נאַטיר־לעכער פאַר אַזאַ סטאַטוס. פאַרלאָז איך זיך אויף יענעם יידישן געניוס, וואָס איז דער מקור פון אַלע אונדזערע אייגנאַרטיקע יידישע יצירות, און וואָס האָט שוין דעמאָנסטרירט זיין אויסערגעוויינטלעכן כוח ניט איין מאָל אין אונדזער געשיכטע — אַז ער וועט געפינען וועגן ווי צו באַגעגענען אָט די ספּעציעלע שוועריקייטן. און איך פאַרלאָז זיך אויך אויף יענע מענטשן פון גייסט, וועלכע וועלן זיך אָפּגעבן מיט פאַרהיטן אונדזערע גייסטיקע עשירות, זי זאָל ניט גיין לאיבוד, אַז זיי וועלן אויך קענען מאַכן דעם אָפּקלייב, וועלכע יצירות אין יידיש זאָלן אין זייער אָריגינאַל בלייבן אַ טייל פון דער עברית־קולטור.

אין מער פּרטים וועגן דעם וויל איך היינט ניט אַריינגיין *. איך וויל נאָר צו־געבן, אַז שפּעטער פון דער שיעור־קומה פון אונדזער היינטיקן גאַסט וועלן אַ סך צוטראָגן צו אָט די קומענדיקע אַנטוויקלונגען. ווייל אויסער זיין שיעור־קומה ווי אַ קינסטלער, פאַרמאָגט ער אויך דעם ווילן צו דערפירן צו דער ווידערבאַהעפטונג פון די ביידע קולטור־אוצרות, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט באַשאַפן. איך קען זיין גרויסע באַוווּנדערונג פאַר אונדזערע יצירות, וואָס זיינען אויפגעזאַמלט אין דער העברעיִשער שפּראַך. איך ווייס אויך ווי שטאַרק עס איז געווען אין זיין האַרצן די תשוקה צו באַזוכן ישראל, סיי צו קענען בכלל אַליין דורכלעבן דעם גרויסן וווּנדער פון הקמת המדינה, סיי זיך צו באַקענען נעענטער מיט די שאַפונגען פון דער איצטיקער העברעיִשער קולטור. און מענטשן, וואָס טראָגן אין זיך אָט די אַלע תשוקות, זיינען די פּאַסיקסטע צו העלפן דערפירן צו דער נאַטירלעכער צוריק־באַהעפטונג פון אונדזערע ביידע קולטור־אוצרות; זיי זאָלן טאַקע ווערן ווי דער קלאַסישער מענדעלע־אויסדרוק, די צוויי נאָזלעכער, דורך וועלכע דאָס יידישע פאָלק בכלל און יעדער יידישער יחיד בפרט אָטעמט אין זיין יידיש־גייסטיקע לופט.

ווינטש איך דעם חבר יעקב גלאַטשטיין, אין נאָמען פון אונדזער גאַנצער מחנה אין צפון־אַמעריקע, אריכת־ימים, נאָך צענדליקער יאָרן פון יצירה און מחשבה, דורך וועלכע ער טראָגט־צו זיין געבענטשטן צושטייער צום יידישן לעבן בכלל און צו דער יידישער שעפערישקייט בפרט.

---

* זע חעגן דעם טייל וועגן דער שפּראַכן־פּראָגע אין מיין אַרבעט אין דעם איצטיקן בוך וועגן ציוניזם און בונדיזם אין דער נייער עפּאָכע. — ב. צ.

ישראל אַפּעלבוים

צו זײַן 80סטן געבוירן־טאָג (געשריבן אין מאַי 1963)

אין חודש אַפּריל האָט אונדזער חבר, ד״ר ישראל אַפּעלבוים, דערגרייכט צו גבורות. דערצו פּייערט ער אַ צווייטע וויכטיקע דאַטע: 60 יאָר זייט ער האָט אָנגעהויבן זײַן אַקטיוויטעט אין אונדזער באַוועגונג. דעם גרעסטן טייל פון אָט די 60 יאָר האָט ער געווידמעט אונדזער באַוועגונג אין צפון־אַמעריקע. אַנדערהאַלבן יאָר פון די 60 יאָר איז ער געווען טעטיק אין רוסלאַנד — אין אָדעס. קיין ניו־יאָרק איז ער אָנגעקומען אין יולי, 1904. איך בין אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק מיט אַ האַלב יאָר פריִער, אין פעברואַר 1904. פון דעם טאָג, וואָס ער איז אָנגעקומען אין ניו־יאָרק, איז ער אַרײַנגעטראָטן אין דער פּועלי־ציון־באַוועגונג און האָט איר געדינט מיט גרויס טאַלאַנט און טיפער איבערגעגעבנקייט, ביז ער האָט מיט אַן ערך אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק עולה געווען קיין ארץ־ישראל און האָט זיך באַזעצט אין תל־אביב, ווו ער לעבט ביזן הײַנטיקן טאָג, הלוואי לאורך ימים. ער איז אויך איצטער מיט אַלע חושים אַרײַנגעטאָן אין אונדזער באַוועגונג און אין אַלץ, וואָס געשעט אין איר, סיי אין ישראל, סיי אין צפון־אַמעריקע, סיי אין אַנדערע טיילן פון דער יידישער צעשפּרייטקייט.

אין ישראל ווערט הײַ־יאָר שטאַרק אונטערגעשטראָכן די ראָלע פון די ראשו־נים. אמת, בעיקר רעכנט מען צו די ראשונים פון דער ערשטער עליה פון די בילויים. אָבער עס ווערן אויך אָפּט אַרויסגערוקט ווי ראשונים די חברים פון דער צווייטער עליה. און צו יענעם סוג פון ראשונים געהערט שוין זיכער אויך דער חבר ישראל אַפּעלבוים, ווײַל זײַן טעטיקייט אין אונדזער באַוועגונג האָט זיך אָנגעהויבן מיט עטלעכע יאָר פריִער ווי אַפילו די ערשטע פון דער צווייטער עליה.

ער געהער צו יענער גרופּע ראשונים, צו וועלכער עס האָבן געהערט די עלטערע פאַר אים פאַרשטאָרבענע חברים א. ליטווין און יצחק בערגער (דער פאָטער פון חבר הערצל בערגער ז״ל),ביידע פון די ערשטע מינסקער פּועלי־ציון. אַפּעלבוים האָט זײַנע ראשונשאַפט אָנגעהויבן כמעט אין דער זעלביקער צײַט, אין 1903, אין אָדעס.

*

וואָס איך ווייס וועגן אים איידער ער איז געקומען קיין אַמעריקע, קען גע־שילדערט ווערן אין קורצן. ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1883 אין אַ קליין בעסאַראַביש שטעטל, טשאַן; איז דאָרטן דורכגעגאַנגען די פאַרשידענע סטאַדיעס פון חדר אין דער קינדהייט, פון לערנען אין ישיבה אין די ייִנגלשע יאָרן און שפּעטער — אין זוכן צו שטודירן אין דעמאָלטיקן צאַרישן רוסלאַנד. אין זײַן 20סטן יאָר געפינט ער זיך שוין אין דער גרופּע פּועלי־ציון אין אָדעס און געהערט אויך צו אַ סטודענטן־פאַראיין, וועמענס מיטגלידער זײַנען מערסטנס געווען ראַ־דיקאַל־געשטימטע ציוניסטן.

די וויכטיקייט פון דעם אָרט, וואָס ער האָט שוין דאַן פאַרנומען אין אָט דער גרופּע, ווערט בולט דורך דעם פאַקט, וואָס אינעם זעלביקן יאָר, 1903, נאָכן קישי־ניעווער פּאָגראָם, ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן די זעלבשוץ־גרופּן אין די מערסטע שטעט פון רוסלאַנד, און דער דאָזיקער געדאַנק איז אויך אויפגעקומען אין אָדעס, האָבן די גרופּן, צו וועלכע ער האָט געהערט, אים געשיקט אין דער פאַראַנטוואָרטלעכער שליחות צו פאָרן אין אַנדערע שטעט און דערלערנען די מעטאָדן, וואָס ווערן דאָרטן באַנוצט ביים אָרגאַניזירן די זעלבשוץ־גרופּן. אין אָט דער שליחות האָט ער דאַן באַזוכט קיעוו, ווילנע, מינסק, האָמעל און אַנדערע שטעט.

איך וויים אויך, אַז ער איז אין אָדעס געווען אַן אָפטער באַזוכער אין דער באַרימטער „יבנה". דאָס איז געווען אַ ציוניסטישער מוסד, וואָס האָט געדינט פאַר די אָדעסער חובבי־ציון, וועלכע זיינען פּאַקטיש געווען די פירער פון די חובבי־ציון אין גאַנץ רוסלאַנד. מיר איז געבליבן אין זכרון אַן עפּיזאָד, וואָס חבר אַפּעלבוים האָט מיר דערציילט וועגן אָט דער „יבנה".

אין אַ שבת נאָך מנחה איז אין „יבנה" אַריינגעקומען אַ ייד פון דער פּראָווינץ, וואָס האָט פּערזענלעך ניט געקענט די פירער פון די חובבי־ציון. זיצט ער און זוכט אויסצוגעפינען די נעמען פון די פּערזאָנען, וואָס האָבן זיך דאַן געפונען אין „יבנה". בייגט ער זיך איבער צו אַ שכן, וויזט אים אָן אויף אַ ייד מיט אַ גרויסער באָרד און אַ רבנישן הדרת־פּנים, און פרעגט אים, ווער ס'איז דער דאָזיקער ייד. ענטפערט אים דער שכן, אַז דאָס איז ר' משה לייב ליליענבלום. דאַן פרעגט ער ווידער דעם שכן: און ווער איז עס דער צווייטער, מיט וועמען ר' משה לייב ליליענבלום איז דאָס אַזוי פאַרטיפט אין אַזאַ פריינדלעכן שמועס? ענטפערט אים דער שכן, אַז דאָס איז ר' אשר גינזבורג, וואָס שרייבט אין דער העברעיִשער פּרעסע אונטערן נאָמען „אחד העם". גיט זיך דער פּראָווינציאַל אַ שטעל־אויף, ווי ער וואָלט אויפגעשפּרונגען, און שרייט אויס:

„געזען אַזוינס? — ביי אונדז אין שטעטל זיינען די ציוניסטן צעקריגט אויף מעסערס, ווייל אייניקע זיינען מסכים מיט ליליענבלומען און די אַנדערע מיט אחד־העמען, און דאָ זיצן אָט די ביידע און פירן אַזאַ פריינדלעכן שמועס, ווי עס וואָלט גאָר צווישן זיי קיין חילוקי־דעות ניט געווען!"

דאָס איז כמעט אַלץ, וואָס איך וויים וועגן חבר אַפּעלבוים און וועגן זיינע אַקטיוויטעטן איידער ער איז געקומען קיין צפון־אַמעריקע. און דאָס איז גאָרניט ווייניק, ווייל ער איז געווען איינער פון די געציילטע, וואָס איז אַזוי פרי, ווי אין 1904, געקומען קיין צפון־אַמעריקע מיט אַ פעסטגעשטעלטער פּועלי־ציון־אָריענ־טאַציע, וואָס ער האָט זי נאָך דערוואָרבן אין רוסלאַנד. ערשט אין די יאָרן 1906—1907 האָבן אָנגעהויבן קומען אַ גרעסערע צאָל חברים, סיי פון פּועלי־ציון, סיי פון די ס.ס. (סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן) פון רוסלאַנד. אָבער אין די יאָרן 1904־5 זיינען געווען זייער ווייניק אַזעלכע. חבר אַפּעלבוים האָט טאַקע תיכף נאָך זיין קומען קיין ניו־יאָרק אָנגעהויבן שפּילן אַ פירנדיקע ראָלע אין דער יונגער פּועלי־ציון־באַוועגונג, וואָס איז ביי זיין קומען שוין געווען איבער אַ יאָר אַלט. ער האָט

געהאַט אַ לאָגיש־טראַכטנדיקן מוח, וואָס האָט אים געהאַלטן אין דער פּירערשאַפט פון אַלע שפּעטערדיקע אַקטיוויטעטן פון די פּועלי־ציון, ביז ער האָט באַשלאָסן עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל.

✶

אין יענע ערשטע יאָרן זיינען די פּועלי־ציון באַקאַנט געווען ווי ליידנשאַפט־לעכע זינגער פון לידער, בעיקר אין יידיש, אָבער אויך אין העברעיש. די ראַדיקאַלע באַוועגונגען פלעגן פון צייט צו צייט דורכפירן גרויסע יערלעכע בעלער. דאָס איז געווען איינע פון די וויכטיקסטע אַקטיוויטעטן זייערע. אין די יאָרן 1904־5 האָבן זיך אויסגעצייכנט די בעלער פון דער אַנאַרכיסטישער „פרייע אַרבעטער שטימע". מיטן יאָר 1906 האָט דעם ערשטן פּלאַץ פאַרנומען דער יערלעכער „פּאַר־ווערטס"־באַל. אין די ערשטע האָבן, נאַטירלעך, די הויפּט־פידל געשפּילט די יידישע אַנאַרכיסטן; אין דער צווייטער — די יידישע סאָציאַליסטן, ביידע — אין יענער צייט שטאַרק אַנטי־ציוניסטישע ריכטונגען. אָבער אונדזער פּועלי־ציוניסטישער גרופּע פון „טרובאַדורן" פלעגט דווקא קומען צו די בעלער, וועלכע פלעגן צי׳ען טויזנטער מענטשן, זיך אַוועקזעצן אין אַ ווינקל און אָנהייבן זינגען אונדזערע לידער. שטענדיק האָט זיך אַרום אונדז פאַרזאַמלט אַ גרויסער עולם, וואָס האָט זיך צוגעהערט. אויף די פּנימער פון די גאָר שאַרפע קעגנער פלעגט זיך צעשפּרייטן אַ ברייטער ביטול־שמייכל; אָבער עס זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן דווקא געשעפּט גרויס פאַרגעניגן פון אונדזער זינגען. אָפט מאָל פלעגט איינער פון אונדז, בעיקר איז עס געווען דער חבר אַב. גאָלדבערג זכרונו לברכה, וואָס איז שפּעטער אַריבער צו די אַלגעמיינע ציוניסטן, אָנהייבן דעקלאַמירן יידישע פּאָעזיע. גאָלדבערג האָט אין די מערסטע פאַלן דעקלאַמירט י.ל. פּרצס פּאָעמע „מאָניש".

אַן אָנגעזעען אָרט אין דער גרופּע האָט פאַרנומען דער ניט־לאַנג פאַרשטאָר־בענער חבר בן־ציון מילער זכרונו לברכה, פון סיראַקיוז. זיין „קאָניאַק" איז געווען ש. פרוגס ליד „זאַמד און שטערן".

אין אָט דער גרופּע פלעגט זיך אָפט באַטייליקן דער דערמאָנטער חבר א. ליטווין. ער פלעגט מערסטנס זינגען דאָס ליד, וואָס ער אַליין איז געווען זיין מחבר: „אָט זע איך ווידער מיין קליינינקע שטעטעלע", פּאָפּולער געוואָרן דורך דעם זינגער סידאָר בעלאַרסקי.

געווען אין דער גרופּע אַ חבר משה לעווין, וועלכער איז עטלעכע יאָר שפּעטער געוואָרן דער „סטאַר" פון די „חסידים־בעלער", וואָס די פּועלי־ציון אַליין האָבן דורכגעפירט. ער האָט געזונגען אַ סך פאָלקסלידער און אויך טעאַטער־לידער, וועלכע זיינען דאַן געווען אין מאָדע. איך אַליין האָב צוגעטראָגן צוויי „קאָניאַקן": אברהם רייזענס באַרימט ליד „מאי קא משמע לן" און וואַרשאַווסקיס דאַן נאָך מער פּאָפּולער ליד „די צוויי שוועסטער", וועגן שרה און רבקה פון ראַכמעסטריווקע. פון העברעיִשע לידער האָבן מיר דאַן געזונגען ביאַליקס „תחזקנה" און „הכניסיני".

אָבער אַלע מאָל פלעגט אַזאַ „קאָנצערט" פאַרענדיקט ווערן מיט „אַפּעלבוימס ליד" — אַזוי האָבן מיר עס דאַן גערופן. ער פלעגט זינגען דאָס העברעיִשע ליד פון שאול טשערניכאָווסקי „שחקי, שחקי". אין די ערשטע צייטן האָבן מיר אים

געלאָזן עס זינגען סאָלאָ, ווייל עס האָט געדויערט ביז מיר האָבן זיך אויסגעלערנט דאָס ליד. דאַן האָט ער שוין אָנגעפירט מיטן גאַנצן „כאָר״.

אין ניו־יאָרק איז אַפּעלבוים, ווי אַ סך פון אונדז, אַריינגעטראָטן שטודירן אין דער „איראַן פּריפּערעטאָרי סקול״, וואָס האָט צוגעגרייט נייגעקומענע פּעיִקע בחורים און מיידלעך אַריינצוטרעטן אין קאָלעדזשעס און אוניווערסיטעטן. חבר אַפּעלבוים איז דורכגעגאַנגען דעם גאַנצן קורס פון דער „איראַן״־סקול, איז אַריינגעטראָטן אין אוניווערסיטעט און האָט אין משך פון עטלעכע יאָר גראַדויִרט אַלס דענטיסט. במשך פון שטודיום האָט מען דאָך געדאַרפט זוכן פּרנסה און מען האָט אויך געדאַרפט צאָלן פאַר דער „איראַן״־סקול און שפּעטער אויך פאַרן אוניווערסיטעט. האָט חבר אַפּעלבוים זיך דערוואָרבן אין ברוקלין אַ צייטונגס־סטענד — ניט ווייט פון דער קאַלב עוועניו עלעווייטעד סטאַנציע, און פון די גאָר פריע שעהען אין טאָג זיך פאַרנומען מיט פאַרקויפן צייטונגען און אויך מיט צעטראָגן די צייטונגען צו שטענדיקע קליִענטן. ווער עס ווייסט, מיט וועלכע שווערער פיזישער אָנשטרענגונג אָט די „פּראָפעסיע״ איז דאַן געווען פאַרבונדן, מוז באַוווּנדערן דעם שטאַרקן אויסדויער פון חבר אַפּעלבוים, וואָס האָט גלייכצייטיק געפירט זיין „געשעפט״, דערביי אַ סך שעהען אין טאָג אָפּגעגעבן זיין שטודיום און נאָך געפונען גענוג צייט און ענערגיע צו ווידמען דער באַוועגונג.

אין צענטראַל־קאָמיטעט פון די פּועלי־ציון האָט ער דאַן פאַרנומען איינע פון די גאָר ערשטע פּאָזיציעס. אַזוי איז עס געווען במשך די צענדליקער יאָרן, וואָס ער האָט געלעבט אין צפון־אַמעריקע, ביז ער האָט עולה געווען קיין ארץ־ישראל. ער איז ניט איין מאָל געשיקט געוואָרן, ווי דער פאַרטרעטער פון די אַמעריקאַנער פּועלי־ציון, צו די ציוניסטישע וועלט־קאָנגרעסן, אָדער צו די פּועלי־ציוניסטישע וועלט־קאָנפערענצן. אין די צוזאַמענפאָרן פון די פּועלי־ציון אין צפון־אַמעריקע גופא האָט ער אַלע מאָל פאַרנומען אַ חשובן אָרט. ער איז געווען אַ דעלעגאַט צו דער ערשטער אַמעריקאַנער פּועלי־ציון־קאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען די ערשטע טעג פון מאַי 1905 אין פילאַדעלפיע. ער איז דאָרט אויף דער קאָנפערענץ געווען איינער פון די 5 „פּאַלעסטינצעס״. די איבעריקע 18 דעלעגאַטן זיינען שוין דאַן געווען איבערצייגטע טעריטאָריאַליסטן. דער שרייבער פון די שורות איז געווען צווישן די 5 „פּאַלעסטינצעס״; אָבער ער איז ניט מיטגעגאַנגען מיט די אַנדערע „פּאַלעסטינצעס״, וועלכע האָבן כמעט תיכף נאָך דער קאָנפערענץ זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן אין באַזונדערע גרופּן פון „פּועלי־ציון־פּאַלעסטינצעס״. אַפּעלבוים דאַקעגן איז געוואָרן איינער פון די אַקטיווסטע אין אָרגאַניזירן אָט די גרופּן.

זייער אַרבעט האָט געבראַכט ווינקטיקע רעזולטאַטן. און אין דעצעמבער פון זעלבן יאָר איז אין באַלטימאָר אָפּגעהאַלטן געוואָרן די ערשטע קאָנפערענץ פון די פּועלי־ציון־„פּאַלעסטינצעס״, אויף וועלכע חבר אַפּעלבוים האָט געשפּילט איינע פון די אָנגעזעענסטע ראָלעס. די באַוועגונג אין אויסגעוואַקסן און אויך געשאַפן ווינקטיקע צווייגן.

איינער פון די ווינקטיקסטע אָפּצווייגונגען איז אָן ספק דער ייִדיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד, וואָס פייערט דאָס יאָר זיין 50־יאָריקן יובל. אין פאַרבאַנד

האָט חבר אַפּעלבוים דערגרייכט צו גאָר הויכע פּאָזיציעס. אין די יאָרן 19—1918 איז ער אויסגעקליבן געוואָרן ווי וויצע־פּרעזידענט פון פאַרבאַנד. די פּרעזידענטן פון יענער תקופה זיינען געווען די חברים דוד פּינסקי און יהושע גאָרדאָן, זכרונם לברכה. און ווען דער לעצטער איז אַוועקגעגאַנגען מיטן יידישן לעגיאָן קיין ארץ־ישראל, איז חבר אַפּעלבוים געוואָרן דער פּרעזידענט פון פאַרבאַנד.

אין נאָך איין פּרשה האָט חבר אַפּעלבוים געשפּילט ממש אַ הויפּטראָלע. איך האָב אין זינען די פאַראייניקונג־פאַרהאַנדלונגען, וואָס האָבן אין סוף 1908 און אין העלפט 1909 זיך געפירט צווישן די פּועלי־ציון און די סאָציאַליסטן־טעריטאָר־יאַליסטן וועגן ווידערפאַראייניקונג (ווער עס איז פאַראינטערעסירט אין פּרטים פון אָט די פאַרהאַנדלונגען, קען זיי געפינען אין מיין ערשטן באַנד „זכרונות״, פון זייט 310 און ווייטער).

איך קען עדות זאָגן, אַז די הויפּטלאַסט פון אָט די גאָרניט־גרינגע פאַרהאַנד־לונגען האָט מצד די פּועלי־ציון געטראָגן דער חבר ישראל אַפּעלבוים. זיינע אַרגו־מענטן האָבן אָפט איבערגעוווּגען זייער אַ סך טעריטאָריאַליסטן, וועלכע זיינען געווען קעגן דער פאַראייניקונג. ד״ר נחמן סירקין, חבר שלמה שניאור און איך, וועלכע זיינען געווען די פאַרהאַנדלער מצד די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן, פלעגן אָפט ברענגען צו אַ זיצונג פון אונדזער צענטראַל־קאָמיטעט דעם חבר ישראל אַפּעלבוים, און ער האָט מיט זיינע קלאָרע אַרגומענטן, אָבער גלייכצייטיק מיט אַ גרויסער מאָס געדולד, שטאַרק משפּיע געווען אַפילו אויף איניקע פון אונדזערע עקשנים.

✶

איך קען ניט דורכלאָזן אַ מאָמענט פון זיין לעבן, ווען ער איז געשטעלט גע־וואָרן פאַר זייער אַ שווערער פּראָבע, וואָס ער האָט דאָך אויסגעהאַלטן. איך האָב אין זינען דעם שרעקלעכן קלאַפּ, וואָס ער האָט באַקומען אין יאָר 1918. אין צפון־אַמעריקע האָט דאַן געבושעוועט די עפּידעמיע „די פלו״, וועלכע האָט פאַרשניטן דאָס לעבן פון צענדליקער טויזנטער מענטשן, צווישן זיי אויך פון זיין לעבנס־חברה בעטי זכרונה לברכה, די מאַמע פון זייער איינציקן זון בן־ציון. מיר, זיינע נאָ־ענטסטע חברים האָבן זיך געשראָקן, אַז ער וועט דעם קלאַפּ ניט אויסהאַלטן. דאָס איינציקע, וואָס מיר האָבן אים דאַן געקענט זאָגן איז, אַז ער מוז זיך שטאַרקן, ווייל ער מוז איצטער פאַרנעמען אויך דאָס אָרט פון אַ מוטער פאַר זיין זון. און איך בין זיכער, אַז טאַקע אָט דער באַוווּסטזיין האָט אים געהאָלפן סוף־סוף קומען צו זיך. ער האָט פון דאָס ניי זיך אַריינגעוואָרפן אין דער באַוועגונג. און ער האָט טאַקע פיל זאָרג אָפּגעגעבן פאַר דער דערציִונג פון זיין זון.

✶

און איצטער, ווען מיר פייערן זיין דאָפּלטן יובל: 80־יאָריקער געבוירן־טאָג און 60 יאָר געבענטשטע אַרבעט פאַר אַן אידעע, וואָס האָט אויסגעפילט זיין נשמה, האָט דער יובילאַר דערלעבט דעם גרויסן נחת־רוח צו זען זיין זון בן־ציון וואַקסן און אָנהייבן פאַרנעמען וויכטיקע פּאָזיציעס אין דער מפא״י אין ארץ־ישראל. ער איז דערהויבן געוואָרן צו ווערן אַ מיטגליד פון דעם סעקרעטאַריאַט פון מפא״י.

איצט פֿאַרטרעט ער אין צפֿון־אַמעריקע פּאָליטיש די הסתדרות. אין דערצו־ען זיין זון האָט אים מיטגעהאָלפֿן זיין איצטיקע לעבנס־חברה חיה, מיט וועמען ער האָט זיך פֿאַרבונדן נאָך איידער ער האָט עולה געווען קיין ארץ־ישׂראל.

איך ווייס, אַז איך דריק אויס דעם טיפֿן ווונטש פֿון צענדליקער טויזנטער חברים אין אַמעריקע און אין ישׂראל, ווען איך גיב אים איבער — אויך אין זייער נאָמען — די ברכה, וואָס קומט פֿון טיפֿן האַרצן: ער זאָל נאָך צענדליקער יאָרן ממשיך זיין צו שעפּן פֿון דיביידע קוואַלן פֿון נחת־רוח: פּערזענלעכע און נאַציאָנאַלע, און אַז ער זאָל זען מיט זיינע אויגן די וויטערדיקע אַנטוויקלונגען, וואָס מוזן פֿירן צו פֿולשטענדיקער רעאַליזירונג פֿון אונדזער אידעאַל: די גרויסע מער־הייט פֿון אונדזער פֿאָלק פֿאַרוואָרצלט אין אונדזער מדינה און גלייכצייטיק אַריינגעוועבט אין דעם אַלמענטשלעכן געוועב פֿון אַ פֿרייער, שעפֿערישער וועלט.

יצחק בן־צבי

(געשריבן נאָך זיין פטירה אין פרילינג 1963)

אַלע וואָס וועלן אָפּשאַצן דעם נשיאס פּערזענלעכקייט וועלן אַוודאי איינשליסן די ספּעציעלע אייגנשאַפטן פון דעם גרויסן ייד, וואָס האָט 60 יאָר נאָך אַנאַנד פאַרנומען וויכטיקע פּאָזיציעס אין אונדזער מאָדערנער פרייהייט־באַוועגונג — אין ציוניזם. עס וועלן אַרויסגעבראַכט ווערן סיי זיינע אָנהייבן נאָך אין זיין געבוירן־לאַנד רוסלאַנד, סיי זיין חלק אין לייגן די יסודות אין ארץ־ישראל, וועלכע האָבן מעגלעך געמאַכט דעם אויפקום פון מדינת ישראל, סיי זיין ביישטייער צו דער באַפעסטיקונג פון דער מדינה און העלפן איר פאַרנעמען דאָס פּאַסיקע אָרט צווישן די פעלקער פון דער וועלט; און מער פון אַלץ — זיין ביישטייער, נאָך דעם ווי ער איז דערהויבן געוואָרן צום הויכן אַמט פון נשיא המדינה, אַרויסצורופן צו אונדזער מדינה דעם רעספּעקט מצד כמעט אַלע פעלקער פון דער וועלט; אַפילו צווישן יענע, וועלכע געהערן ניט צו אונדזערע פריינד.

במשך פון די קומענדיקע חדשים וועט אויך אָפּגעשאַצט ווערן זיין ביישטייער צום סאָציאַליסטישן געדאַנק און זיין חלק אין די אויפגעבויטע סאָציאַליסטישע פּאָזיציעס אין מדינת ישראל. אַ סך שרייבער וועלן זיך אויך באַמיִען אַרויסצוברענגען זיין ספּעציעלן ביישטייער צו יידיש־געשיכטלעכע פאָרשונגען און די ספּעציעלע אויפמערקשאַפט, וואָס ער האָט געווידמעט דער פאָרשונג פון די פאַרשידענע עדות אינעם יידישן פאָלק.

ערשט שפּעטער, ווען די צייט פון אבלות וועט אַריבער, וועט זיך זיכער באַוויזן יענער באַגאַבטער מענטש, וועלכער וועט אַרומנעמען די גאַנצע פילזייטיקע פּערזענלעכקייט פון יצחק בן־צבי. ער וועט זי פאַראייביקן אין שריפט און זי איבערגעבן צו אונדזערע קומענדיקע דורות, ווי אַ ביישפּיל פון אַ לעבן, וואָס איז געווען דורכגעדרונגען פון טוהר־המידות; אַ לעבן לויטן דיקטאַט פון אַ גרויסער אידעע.

✶

איצט, ווען דער קבר איז נאָך אַזוי פריש, מוזן זיינע נאָענטסטע חברים (און אפשר טאַקע דווקא זיי) זיך באַנוגענען מיטן פאַרצייכענען געציילטע מאָמענטן פון זייערע אייגענע דערפאַרונגען אין זייער צוזאַמענאַרבעט מיטן גרויסן נפטר. ווי איינער וואָס האָט זוכה געווען צו נאָענטער באַקאַנטשאַפט — און אַפילו חברשאַפט — מיט אים במשך די לעצטע 52 יאָר (פון דעם יאָר 1911); ווי איינער, אין וועמעס געמיט עס זיינען איבערגעבליבן טיפע השפעות פון זיין אידעלער נשמה, וויל איך אַרויסברענגען אייניקע מאָמענטן אין יענע דריי יאָר פון זיין לעבן אין צפון־אַמעריקע — פון 1915 ביז 1918. אין די יאָרן האָב איך געהאַט דעם זכות צו געפינען זיך זייער נאָענט אין זיין מחיצה.

אין צפון־אַמעריקע זיינען דאָן געפירט געוואָרן זייער פיל וויכטיקע אַקטיווי־

טעטן. אין איין קאַטעגאָריע פון יענע אַקטיוויטעטן איז פיל מאָל אַרויסגעבראַכט געוואָרן די ראָלע, וואָס חבר יצחק בן־צבי האָט פאַרנומען. איך האָב אין זינען די אַרבעט פאַר „החלוץ״ אין אַמעריקע און די אַרבעט ביים אָרגאַניזירן דעם יידישן לעגיאָן אין צפון־אַמעריקע. די ערשטע אַרבעט איז דאַן געפירט געוואָרן דורך דעם „פּאַלעסטינע אַרבעטער־קאָמיטעט״, וואָס זיין דינאַמישער אָנפירער איז געווען חבר שמואל באַנטשעק. די צווייטע אַרבעט איז געפירט געוואָרן דורך אַ ספּעציעלן קאָמיטעט, וואָס דער צענטראַל־קאָמיטעט פון די פּועלי־ציון האָט דאַן אויפגעשטעלט. אין אָט די צוויי גרויסע אַרבעטן האָט אונדזער גרויסער נפטר צוזאַמען מיט זיין נאָענטסטן חבר — אים צו לאַנגע יאָר — דוד בן־גוריון (ביידע זיינען אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק אין פרילינג פון 1915) אַריינגעגעבן אומגעהויערע ענערגיע און אָנשטרענגונגען, וועלכע האָבן דערפירט צו גאָר באַדייטנדיקע דערגרייכונגען. אָט די ראָלע זיינע איז לעולם ועד פאַרשריבן אין די אַנאַלן סיי פון „החלוץ״, סיי פון דער געשיכטע פון לעגיאָן.

אָבער מיר האָבן זיך אין יענע יאָרן אָפּגעגעבן מיט נאָך צוויי גרויס־היסטאָרישע אַקטיוויטעטן אינעם יידנטום פון צפון־אַמעריקע. צווישן 1915 און 1918 האָבן מיר זיך געראַנגלט מיט צוויי אַלייִדישע פּראָבלעמען, וואָס די ערשטע וועלט־מלחמה האָט פאַר אונדז אַוועקגעשטעלט. שוין דאַן איז קלאָר געוואָרן, אַז די מלחמה וועט ווירטשאַפטלעך און גייסטיק רויִנירן דאָס אייראָפּעיִשע יידנטום. מיר האָבן נאָכגעפאָלגט די „געאָגראַפיע״ פון דער מלחמה און האָבן דערזען, אַז זי וועט — ווי בכיוון — אויסגעשפּילט אויפן סאַמע רוקנביין פונעם רוב מנין ובנין פון אייראָפּעיִשן יידנטום. מיר האָבן געוווּסט, אַז דאָס אַמעריקאַנער יידנטום וועט דאַרפן אַרויפלייגן אויף די אייגענע אַקסלען די אחריות צו ברענגען מאַטעריעלע און גייסטיקע הילף דעם טייל פון יידישן פאָלק, וואָס ווערט דורך דער מלחמה אַזוי רויִנירט. דאָס צפון־אַמעריקאַנער יידנטום האָט מיט פולן באַוווּסטזיין געזוכט די וועגן ווי אַזוי צו דערפילן זיין חוב. מען האָט באַלד געמוזט שיקן הילף צו די הונדערטער טויזנטער שוין דאַן רויִנירטע יידן. מיר האָבן זיך געמוזט גרייטן צו נאָך גרעסערע אויפגאַבן, בכדי צו קענען אויפבויען די חרובע יידישע עקזיסטענצן.

די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט דאַן צוגעטראָגן איר שטייער צום רעליף־געביט דורך דער „פּיפּלס־רעליף״. די צוויי גרויסע געסט, וועלכע זיינען דירעקט געקומען צו דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג, האָבן צוגעטראָגן אין אַ פולער מאָס זייער ביישטייער צו אָט דער אַקטיוויטעט.

ווען מען האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן די יידישע פּראָבלעמען, וואָס וועלן אויפקומען נאָך דער מלחמה, האָט מען אויך געמוזט טראַכטן וועגן די פּאָליטישע אינטערעסן פונעם יידישן פאָלק. אַרום אָט דעם פּונקט האָט זיך דאַן צעפלאַקערט אַ גרויסער געראַנגל אינעם אַמעריקאַנער יידנטום, וואָס האָט געפונען זיין אויסדרוק אינעם קאַמף אַרום דער קאָנגרעס־באַוועגונג. די פירערשאַפט פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג איז ביים אָנקומען פון די צוויי גרויסע געסט שוין געווען טיף אַריינגעוועבט אין אָט די ביידע פּראָבלעמען — אין רעליף און אין דער קאָנגרעס־באַוועגונג.

כמעט אין דער זעלביקער צייט זיינען אָנגעקומען צו דער ציוניסטיש־סאָציאַ־ליסטישער באַוועגונג נאָך צוויי גרויסע געסט: חבר בער באָראָכאָוו און פּנחס רוטנבערג. דער לעצטער איז געקומען מיט אַ פּאַרטיקן פּלאַן צו אָרגאַניזירן אַ יידישן לעגיאָן אין צפון־אַמעריקע. חבר באָראָכאָוו האָט שוין דאַן זיך געהאַט באַ־שעפטיקט — נאָך איידער ער איז אָנגעקומען קיין צפון־אַמעריקע — מיט די פּאָלי־טישע פּראָבלעמען פון יידישן פאָלק, וואָס וועלן אויפקומען, ווי אַ רעזולטאַט פון דער וועלט־מלחמה. די פראַגן פון יידישע רעכטן אין די ניי־אויפגעשטעלטע מדינות און דאָס פּראָבלעם פון דער יידישער נאַציאָנאַלער היים זיינען שוין אויך אַרויסגע־בראַכט געוואָרן אין זייער פולער שאַרפקייט. אין אָט דעם גאַנצן פלאָנטער האָט זיך די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג געמוזט פונאַנדערקלייבן, כדי צוצוטראָגן איר חלק צו די באַמיונגען פון צפון־אַמעריקאַנער יידנטום. אָט די פיר גרויסע געסט אונדזערע האָבן זייער פיל געהאָלפןביים קומען צו די רעזולטאַטן, וועלכע מיר האָבן דאַן דערגרייכט.

איך קען זיך אַוודאי ניט באַשעפטיקן מיט אַלע אָט די פּרשיות. איך וויל נאָר פעסטשטעלן, אַז אויב אונדזער — אין צאָל דאַן גאָר ניט גרויסע — באַוועגונג האָט אויסגעאיבט אַזאַ השפּעה און האָט דערגרייכט צו פּרעסטיזש־הויכקייטן, וועלכע זי האָט ניט דערגרייכט סיי פריער און אויך ניט נאָך דעם, איז עס אין גאָר אַ גרויסער מאָס צו פאַרדאַנקען די 4 געסט. דער וויכטיקסטער בײַשטייער פון אונדזער גרויסן נפטר איז באַשטאַנען אין זיין רויקן טעמפּעראַמענט, אין זיין פעיקייט ניט צו לאָזן זיך מיטשלעפּן דורך די היציקע אויפרעגונגען, וואָס די לאַגע האָט זייער אָפט אַרויסגעבראַכט. ער האָט דורך דעם מיטגעהאָלפן געפינען דעם מיטלוועג צווישן אייניקע פון אונדז, וואָס האָבן געזוכט צו געבן דעם פאַרצוג דער אָדער יענער פון אונדזערע אַקטיוויטעטן אויפן חשבון פון די אַנדערע. חבר יצחק בן־צבי האָט שטענדיק געזוכט אָנצוהאַלטן גלייכגעוויכט צווישן אַלע נויטיקע אַקטיוויטעטן און צו יעדערער פון זיי צוטראָגן זיין גאָר קענטיקן חלק. ווען איך אַליין בין אַ מאָל געשטרויכלט געוואָרן אין געבן פּריאָריטעט איינער פון די אַרבעטן — איז געווען גענוג אַ רויקער שמועס מיט חבר יצחק בן־צבי, בכדי צו קענען אַליין געפינען די גלייכגעוויכט.

אונדזער שטייער צום רעליף־פּראָבלעם — דורך דעם „פּיפּלס רעליף" — איז געווען גאָר אַ וואָגיקער, ווי עס איז טאַקע פאַרשריבן אין דעם דאָקומענטן־בוך „פּיפּלס רעליף פון אַמעריקע". אונדזער אָנטייל אין דער קאָנגרעס־באַוועגונג איז געווען נאָך פיל קענטיקער. וועגן דעם דערציילן אַלע, וואָס האָבן געשריבן וועגן יענער גרויסער עפּאָכע אין צפון־אַמעריקאַנער יידנטום. און אין די צוויי וויכטיק־סטע פאָדערונגען, וועלכע זיינען אין נאָמען פון גאַנצן אַמעריקאַנער יידנטום גע־בראַכט געוואָרן צום ווערסיילער פרידנס־קאָנגרעס — די פאָדערונג פון נאַציאָנאַלע מינדערהייט־רעכט פאַר די יידן אין די מזרח־איראָפּעיִשע לענדער און די פאָדערונג פון אַ נאַציאָנאַלן „קאָמאָנוועלט" פאַרן יידישן פאָלק, ווי אַ פאָלק, אין ארץ־ישראל — אין אָט די צוויי פאָרמולירונגען האָט די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג צוגעטראָגן גאָר אַ גרויסן טייל. דער גרויסער נפטר, צוזאַמען מיט די אַנדערע דריי

געסט (וואָס פון זיי איז אונדז געבליבן, הלוואי צו לאַנגע יאָרן, נאָר איינער, דוד בן־גוריון), האָט אַ וויכטיקן חלק אין אָט די ענדגילטיקע פאָרמולירונגען.

✶

אין יענע יאָרן האָבן אַלע אונדזערע חברים — סיי די געסט און סיי די אַמע־ריקאַנער — געמוזט צוטראָגן אומגעהויערע ענערגיע און אַרבעטס־קראַפט צו אַלע פאַרצווייגטע אַקטיוויטעטן. אָבער צוויי פון אונדז האָבן אַלעמען איבערגע־שטיגן אין אויסדויער, אין קענען אַריינגעבן אַזוי פיל ענערגיע און ממש אומדער־מידלעך זי אָנהאַלטן. דאָס זיינען געווען חבר בער באָראָכאָוו ז״ל און דער נפטר, חבר יצחק בן־צבי.

איך דערמאָן זיך וועגן זיינע אַלע אַקטיוויטעטן אין יענער צייט אין „החלוץ״ און אין דער לעגיאָן־באַוועגונג, אין רעליף און אין דער קאָנגרעס־באַוועגונג, און נעם אויך אין באַטראַכט זיינע ליטעראַרישע אַרבעטן, וואָס ער האָט דאַן דורכגע־פירט. צוויי פון יענע אַרבעטן זיינען יסודותדיקע ווערק,ביידע האָט ער דאַן צוגע־גרייט צוזאַמען מיט חבר דוד בן־גוריון. איין ווערק איז פאַרבליבן ווי אַ גרונט־לייגנדיקע שאַפונג אין דער וויסנשאַפט פון נאָענטן מזרח בכלל און ארץ־ישראל בפרט. דאָס צווייטע איז דאָס באַרימטע ספר „יזכור״, ווו עס זיינען פאַראייביקט געוואָרן די געפאַלענע חברים פון „השומר״. ווען איך רעכן אָט די אַלע אַרבעטן צוזאַמען, קען איך קיין מאָל ניט פאַרגעסן די מאָס פון ענערגיע, פאַרטיפונג און אַרבעט־אויסדויער, וואָס חבר יצחק בן־צבי האָט פאַרמאָגט.

✶

אין מיין געמיט איז איבערגעבליבן ניט בלויז די באַוווּנדערונג פאַר די אַלזיי־טיקע אַרבעטן, צו וועלכע ער האָט זיך געקענט אָפּגעבן אין אַזאַ קורצער צייט, מער פון דעם איז אין מיין געמיט געבליבן די פשטות פון דעם מענטש, די חברשאַפט, וואָס האָט פון אים אַרויסגעשטראָמט, די מידות־ריינקייט פון זיין לעבן; די ריינע, כשרע עניוות, וואָס איז געווען אַ טייל פון זיין נאַטור.

צווישן די אַנדערע פערזענלעכקייטן, וואָס האָבן אין יענע דריי יאָר מיט אונדז מיטגעאַרבעט, האָבן זיך געפונען סיי ד״ר נחמן סירקין, סיי ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, סיי נאָך אַ גאַנצע ריי פון הויכער יידישער אינטעליגענץ און פון גייסט־מענטשן, וואָס האָבן זיך דאַן צו אונדז דערנענטערט. צווישן זיי: דער פּאָעט יהואָש, דער דראַמאַטורג דוד פּינסקי, ד״ר יצחק אייזיק הורעוויטש, ד״ר הלל זאָלאָטאַראָוו, משה קאַטץ, יצחק זאַר און פיל אַנדערע. טייל פון זיי האָבן זיכער מער געגלאַנצט מיט זייערע אָראַטאָרישע פעיקייטן ווי יצחק בן־צבי. אָבער אַזאַ ליבשאַפט צו זיין פּער־זאָן, ווי חבר בן־צבי האָט צו זיך אַרויסגערופן, אַזוי ווי כלאַחר־יד, ווייל ער האָט עס קיין מאָל ניט געזוכט — צו דעם האָט קיין אַנדערער ניט זוכה געווען.

ווען איך האָב אים אין די שפּעטערדיקע יאָרן שוין געזען ביי זיין אַרבעט אין ארץ־ישראל, און נאָך דעם אין מדינת־ישראל, זיינען די שטריכן פון זיין פערזענ־לעכקייט, זיין טוהר־המידות און די ליבשאַפט, וואָס האָט צו אים געשטראָמט, נאָך פיל בולטער געוואָרן.

ווען איך האָב אים געזען אין צייטן פון גערדריקטקייט אין געמיט — און ער

האָט אויך אַזעלכע צייטן דורכגעלעבט! — האָב איך דאַן דערשפּירט, ווי זיין נשמה־ריינקייט העלפט אים איבערטראָגן יענע שווערע מאָמענטן. אָבער פיל־פיל בולטער איז זיין נשמה־ריינקייט געוואָרן דווקא דאַן, ווען ער איז דערהויבן געוואָרן צו דער העכסטער מדרגה, צו וועלכער דאָס גאַנצע יידישע פאָלק און די יידישע מדינה קען דערהויבן אירס אַן אויסדערוויילטן זון; ערשט דאַן האָבן זיין עניוות, זיין טוהר־הנפש און זיין וואַרעם האַרץ פאַר אַלץ וואָס איז יידיש און פאַר אַלץ וואָס איז מענטשלעך געפונען זייער פולן תיקון.

*

פאַראָבלט שטייט דאָס גאַנצע יידישע פאָלק, פאַראָרעמט איז געוואָרן מדינת־ישראל און פאַרטרויערט שטיי איך אויך צוזאַמען מיט אַלע יידן. גלייכצייטיק פיל איך אָבער, אַז פאַר די לעצטע 60 יאָר איז דאָס יידישע פאָלק באַרייכערט געוואָרן דורך דער נשמה־עשירות, וואָס יצחק בן־צבי האָט פאַרמאָגט און האָט עס געבראַכט ווי אַ מתנה דעם יידישן פאָלק און דער יידישער מדינה. די אַבילות וועט זיך ענדיקן. די וווּנדן פון די הערצער וועלן זיך סוף־סוף פאַרהיילן. אָבער לעולם ועד וועט דעם יידישן פאָלק און דער וויטערדיקער יידישער געשיכטע פאַרבלייבן יענע גייסטיקע עשירות, מיט וועלכער זיין האַרץ איז פול געווען. פאַר קינדער און קינדס־קינדער וועט זי זיין אַ ביישפּיל ווי צו לעבן אויף אונדזער וועלט, טראָגנדיק אַזוי פיל מידות טובות אין האַרצן.

מיר, זיינע נאָענטע חברים, וועלן אַוודאי טראָגן אין אונדזער געמיט יענע השפעה, וואָס זיין גייסטיקע עשירות האָט אויף אונדז אויסגעאיבט, ביז די סאַמע לעצטע טעג פון אונדזערע אייגענע לעבנס.

לייב שפּיזמאַן
(געשריבן אין אויגוסט 1963, גלייך נאָך זיין פּטירה)

אין מיין געדאַנק גייען אַדורך די 43 יאָר, זייט איך האָב זיך צום ערשטן מאָל מיט אים געטראָפן אין וואַרשע. במשך די אַלע יאָרן זע איך פאַר זיך אַ מענטש, וואָס איז פאַרכאַפּט פון אַן אידעע און לעבט פאַר איר. שטענדיק איז ער פאַרנומען מיט עסקנות, שטענדיק ברויזט ער פאַר איר, שטענדיק פּאָלעמיזירט ער פאַר איר. און מיט וועלכע אַרבעטן ער זאָל זיך אַ געוויסע צייט ניט פאַרנעמען, ווערט אויך די אַרבעט דורכגעדרונגען מיט זיין אידעע. עס איז שווער נאָכצופאָלגן זיינע ממש־שטורעמדיקע טעטיקייטן במשך צענדליקער יאָרן און איך וויל זיך נאָר באַגרענעצן צו דריי וויכטיקע מאָמענטן: א) אין 1920, באַלד נאָך דער שפּאַלטונג פון דער פּועלי־ציון־וועלט־באַוועגונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין ווין. דאָן האָב איך אים, צום ערשטן מאָל, געטראָפן אין וואַרשע, ווּהין איך בין געקומען תיכף נאָך דער שפּאַלטונג־קאָנפערענץ; ב) אין 1932, אויף דער פאַראייניקונג־וועלט־קאָנפערענץ אין דאַנציק; ג) אין 1953־4 אין ניו־יאָרק, ביים צוגרייטן די צווייטע געשיכטע־ביכער פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין צפון־אַמעריקע. זיין וויכטיקסטע ראָלע איז, לויט מיין מיינונג געווען אין 1920; זיין שטאַרקסטע השפּעה האָט ער געהאַט אויף מיר אין 1932 אין דאַנציק. זיין רייפסטע דערשיינונג האָב איך געזען אין 1953־4 אין ניו־יאָרק.

איך ווייס ניט, אויב אין 1920 האָט ער שוין דערגרייכט זיין 20סטן געבוירנ־טאָג. ער איז דאַן נאָך געווען זייער יונג. איך בין דאַן געקומען קיין וואַרשע ניט אין פאַרבינדונג מיט אונדזער אייגענער באַוועגונג, נאָר בשייכות מיט מיין אַרבעט אין „פּיפּלס־רעליף״, וואָס איז שטאַרק פאַראינטערעסירט געוואָרן מיט דער ידישער שול־באַוועגונג אין פּוילן. מיין אויפגאַבע איז געווען צו באַקענען זיך נענטער מיט דער מערקווירדיקער אַרבעט פון דער יידיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין פּוילן, וואָס די הויפּט־ראָלע האָט אין איר געשפּילט דער „בונד״. אויך די פּוילישע פּועלי־ציון האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט שול־אַרבעט, איז שוין ממילא געווען נייטיק פאַר מיר אַריינצוקוקן אויך אין זייער טעטיקייט אויף אָט דעם געביט. אָבער בעת איך האָב זיך פאַראינטערעסירט מיט דער אַרבעט פון די פּועלי־ציון, האָב איך שוין געוואָלט באַקענען זיך מיט זייער תוכן נאָך דער שפּאַלטונג, — ווי וועלן זיי רעאַגירן? אויף וועמענס זייט וועלן די פּועלי־ציון אין פּוילן זיך שטעלן? אויף דער זייט פון די לינקע, אָדער אויף דער זייט פון די רעכטע, ווו איך האָב זיך געפונען? טאַקע דעמאָלט האָב איך זיך באַקענט מיט דער מערקווירדיקער ראָלע פון דעם זייער יונגן חבר לייב שפּיזמאַן.

דער באָלשעוויזם האָט זיך שוין דאַן געהאַט גענוג באַפעסטיקט אין רוסלאַנד, כאָטש עס האָבן זיך, דאָ און דאָרט, נאָך געהערט עכאָס פון דעם בירגער־קריג. די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי האָט שוין דאַן געהאַט אָנגענומען דאָס ענדגילטיקע, קאָ־

מוניסטישע פּנים. לענין און טראָצקי האָבן מאַרשירט פון נצחון צו נצחון. די סאָציאַליסטישע באַוועגונגען אין דער גאַנצער וועלט זיינען ממש צעטרייסלט געוואָרן דורך אינערלעכע געראַנגלען. דער קאָמוניזם האָט שוין אויפגעשטעלט דעם דריטן אינטערנאַציאָנאַל. ער האָט געדאַרפט פאַרנעמען דאָס אָרט פון צווייטן, וואָס איז געווען כמעט צוזאַמענגעבראָכן. טיילן פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג האָבן באַטראַכט די זיגרייכע באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע, ווי די אתחלתא פון דער וועלט־רעוואָלוציע. זי וועט אומעטום שוין זיין ניט בלויז אַ פּאָליטישע, נאָר אויך אַ סאָציאַלע איבערקערעניש. האָבן זיי געזוכט צו באַווירקן זייערע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, זיי זאָלן זיך אָנשליסן אינעם דריטן אינטערנאַציאָנאַל. די פירער פון דריטן אינטערנאַציאָנאַל האָבן שוין דאַן געהאַט פאָרמירט די באַרימטע 21 פּונקטן, וואָס די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען דאַרפן פּרינציפּיעל אָננעמען, ווי אַ באַדינג פאַרן אַריינגעמען זיי אין דריטן אינטערנאַציאָנאַל. עס וואָלט מיך פאַרפירט צו ווייט ווען כ׳וויל שילדערן די צעטרייסלונג, וואָס דאָס האָט אַרויסגערופן אין אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון דער גאַנצער וועלט. איך מוז זיך באַגרענעצן צו די אויפטרייסלונגען, וואָס זיי האָבן אַרויסגערופן אין דער פּועלי־ציון־וועלט־באַוועגונג, מיט אַ זייטיקן אַריינבליק אויך אויף די אויפטרייסלונגען אין „בונד״, בעיקר אין פּוילן.

✶

איך וויל אָנהייבן דווקא פון צפון־אַמעריקע, ווייל אויך די אַמעריקאַנער פּאַרטיי איז שיער־שיער ניט געשטרויכלט געוואָרן אין אָננעמען אַ באַשלוס לטובת אָנשליסן זיך אין דריטן אינטערנאַציאָנאַל. בלויז דער „פאַרראַט״ פון דעם טייערן חבר וועלוול שוואַרץ האָט אונדז אויסגעהיט פון אָט דעם מכשול, וואָס וואָלט געוואָרן — ווען מיר ווערן פון אים ניט אויסגעהיט — דער מכשול פון דער גאַנצער פּועלי־ציון־וועלט־באַוועגונג.

איך געדענק גוט די פּאַרטיי־קאָנפערענץ אין פּיטסבורג אין פרילינג פון 1920, עטלעכע חדשים פאַר דער שפּאַלטונג־וועלט־קאָנפערענץ אין ווין. די קאָנפערענץ האָט, צווישן אַנדערע פּונקטן, געדאַרפט ווייַלן אונדזער דעלעגאַציע צו דער ווינער וועלט־קאָנפערענץ און איר אָנווייזן ווי צו האַנדלען אין דער פראַגע.

עד היום קלינגען מיר אין די אויערן די שטענדיקע אויסרופן פון צוויי לינקע דעלעגאַטן צו אָט דער פּאַרטיי־קאָנפערענץ — די חברים מיטשעל און אָסטראָווסקי (דער צווייטער איז שפּעטער געווען יאָרן־לאַנג דער ראש העיר פון רעגנה, ווי דער פאַרטרעטער פון דער פּראָגרעסיווער פּאַרטיי. מפא״י איז פאַר אים דאַן שוין געווען צו פיל סאָציאַליסטיש איינגעשטעלט): „לינקס, חברים! מיר מוזן גיין לינקס!״

ווען עס איז געקומען צו דער אָפּשטימונג וועגן דריטן אינטערנאַציאָנאַל — האָבן (אין דער ערשטער אָפּשטימונג) די אָנהענגער פון דריטן אינטערנאַציאָנאַל געהאַט מיט איין־איינציקער שטימע מער ווי די קעגנער. צווישן די, וואָס האָבן געשטימט פאַר אין דער ערשטער אָפּשטימונג, איז אויך געווען דער חבר וועלוול שוואַרץ. ער האָט באַקומען אַזאַ אינסטרוקציע פון דעם ברענטש איינס פון די פּועלי־ציון אין ניו־יאָרק. ער אַליין איז אָבער געווען אַ שאַרפער קעגנער. איינציקע

חברים, צווישן זיי דער סעקרעטאַר חבר ה. עהרענרייך און דער שרייבער פון אָט די שורות, האָבן שפּעטער נאָך אַנאַנד גע„קאָקוסט" מיטן חבר וועלוול, ביז ער האָט באַשלאָסן צו שטעלן אויף זיך און שטימען ווי זיין געוויסן דיקטירט אים — און זאָל דער ניו־יאָרקער ברענטש איינס אים שטעלן פאַר אַ חברים־געריכט. אַזוי האָט ער געטאָן; און די צווייטע אָפּשטימונג האָט דעריבער שוין געגעבן אַ מערהייט פון איין שטימע קעגן דריטן אינטערנאַציאָנאַל (אייגנטלעך ניט קעגן דריטן אינ־טערנאַציאָנאַל, נאָר קעגן די 21 פּונקטן זיינע). די אַמעריקאַנער דעלעגאַציע קיין ווין האָט בכן באַקומען פון דער פּאַרטיי־קאָנפערענץ די קלאָרע אינסטרוקציע צו שטימען קעגן זיך פאַרבינדן מיטן דריטן אינטערנאַציאָנאַל.

ווען ניט אָט דער „פאַרראַט" פון חבר וועלוול, וואָלט די אַמעריקאַנער דעלע־גאַציע געוועזן געצוווּנגען צו שטימען מיט די לינקע, דאָן וואָלט די ארץ־ישׂראלדיקע דעלעגאַציע געבליבן איזאָלירט. ווי די עסטרייכער וואָלטן דאָן געשטימט קען איך ניט וויסן. די גאַנצע פּועלי־ציוניסטישע וועלט־באַוועגונג — איך מיין איר רעכטער טייל — וואָלט וואַרשיינלעך זייער שווער געקענט ממשיך זיין ווייטער איר עקזיס־טענץ; און זייער ביטער וואָלט עס אויך געווען פאַר אונדזער באַוועגונג אין ארץ־ישׂראל, וועלכע האָט דאָן שוין אַליין פאַרמאָגט גענוג לינקע עלעמענטן.

✶

אַריבערגייענדיק צו דער לאַגע אין דער פּוילישער באַוועגונג, קען איך נאָר זאָגן: דאָרטן האָט דער לינקיזם ממש געמאַכט אַ חורבן אין דער פּועלי־ציון־פּאַרטיי. אויך דער „בונד" אין פּוילן איז דאָן גענוג צעטרייסלט געוואָרן, אָבער ער האָט ניט געדאַרפט באַשליסן וועגן אַזעלכע פּראָבלעמען, וואָס זיינען געשטאַנען פאַר די פּועלי־ציון. דער „בונד" האָט דורכגעמאַכט די זעלבע צעטרייסלונגען ווי אַלע אַנדערע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, וועלכע זיינען פריער געווען אָנגעשלאָסן אין צווייטן אינטערנאַציאָנאַל און האָבן געדאַרפט אַריבערגיין צום דריטן מיט דער פיל שטרענגערער דיסציפּלין, וואָס דער דריטער האָט געפאָדערט. פאַרן „בונד" זיינען יענע פּונקטן (פון די 21 פּונקטן וואָס דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל האָט געפאָדערט), וואָס האָבן גערעדט קעגן פאַרבינדונגען מיט דער בורזשואַזע עלעמענטן פון אייגענעם פאָלק, קיין שטערונגען ניט געווען. דער „בונד" האָט זיך שטענדיק אויסגעהיט פון יעדער סאָרט כל־ישׂראל־פּאָליטיק. אָבער פאַר די פּועלי־ציון איז געשטעלט געוואָרן דאָס פּראָבלעם פון צוריקציִען זיך פון ציוניסטישן וועלט־קאָנגרעס. דאָס האָט פאַר זיי טיפער געמאַכט די אויפטרייסלונג. פון דעסטוועגן האָט די מאַיאָריטעט פון דער פּוילישער פּועלי־ציון־פּאַרטיי געהאַלטן אין איין גיין אַלץ מער לינקס. אַ סך זיינען שוין אַפילו געווען גרייט מקריב צו זיין זייער פאַר־בינדונג מיטן ציוניסטישן קאָנגרעס, אַבי צו האָבן די זכיה אַריינגענומען צו ווערן תחת כנפי הדריטן אינטערנאַציאָנאַל. למען האמת איז די שפּאַלטונג אין ווין פאָרגע־קומען בעיקר צוליב דער אָפּשטימונג, אויב מיר בלייבן אין ציוניסטישן וועלט־קאָנגרעס, צי מיר פאַרלאָזן אים.

אויף דער ווינער וועלט־קאָנפערענץ איז די קעגנערשאַפט צווישן די לינקע און די רעכטע געגאַנגען זייער ווייט. ס'איז געקומען דערצו, אַז דער זייער־איידעלער

בערל כצנלסון האָט אויף דער אויסגעשטרעקטער האַנט פון אַלכסנדר כאַשין געענטפערט: „אינני נותן יד לבוגדים״ (פאַררעטער גיב איך ניט קיין האַנט). ווען חבר כאַשין האָט זיך צו מיר געווענדעט מיט דער פראַגע: „גם אתה חושב, שאני בוגד?״ האָב איך אים אפשר נאָך טיפער באַליידיקט ווי בערל. איך האָב אים געזאָגט, וואָס איך האָב דאַן באמת געפילט וועגן אים. איך האָב אים דערמאָנט פאַרשיידענע שמועסן, וואָס מיר האָבן געפירט, ווען ער איז אין 1915 געווען אין צפון־אַמעריקע. אין יענע שמועסן האָט ער זיך אַליין באַצייכנט ווי אַ חובב־עברית. זיין טעאָריע איז געווען, אַז ניט דער סאָציאַליזם, אַפילו ניט דער ציוניזם איז דער עיקר פון אונדזער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג, נאָר די אויפלעבונג פון עברית. שוין דאַן האָט די יעווסעקציע דערקלערט אַ קריג אויף לעבן און טויט דער העברעיִשער שפּראַך. טאָ ווי אַזוי, האָב איך אים געזאָגט, קען איך דיך באַטראַכטן, ווען דו שלינגסט אַראָפּ דאָס גאַנצע יעווסעקישע פּראָגראַם בלויז צוליבן צויבער פון אַ רעוואָלוציע, וואָס איז אין איר תוכן אַ סאָציאַליסטישע, וואָס דו ביסט אין 1915 גאָרניט געווען אַזוי שטאַרק פאַראינטערעסירט אין איר?

איך האָב דערציילט אָט דעם עפּיזאָד, בכדי אונטערצושטרייכן ווי שטאַרק עס זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן מענטשן פון הויכן גייסט, ווי חבר אַלכסנדר כאַשין, פונעם גלאַנץ פון די לענין־טראָצקי־נצחונות. דאַרף מען זיך ניט וווּנדערן, וואָס עס איז אַזוי שטאַרק מיט דעם פאַרכאַפּט געוואָרן די מערהייט פון די פּוילישע פּועלי־ציון. געבליבן זיינען מיט די רעכטע בלויז געציילטע יחידים. מער ווי אַלעמען האָט עס אָוועקגעצויגן צום לינקיזם די גאַנצע פּועלי־ציון־יוגנט אין פּוילן.

אין אַזאַ אַטמאָספער האָב איך געפונען אַ גאַנץ קליינע גרופּע פון יונגע מענטשן, געפירט פון אונדזער לייב שפּיזמאַן, וואָס האָבן זיך קעגנגעשטעלט אָט דעם אומגעהויערן שטראָם פון לינקיזם און זיך פאַרנומען אויפצושטעלן אין פּוילן אַ רעכטע פּועלי־ציון־פּאַרטיי.

טאַמער איז דאָס אַלץ געווען ווייניק, האָט שפּעטער געמען וואַקסן אין פּוילן אַ גאָר־וואַגיקע צעירי־ציון־באַוועגונג (איך רעכן אין דעם אַריין אויך איר צ.־ס.ישע טייל). זי האָט פאַרמאָגט אַ ריי גלאַנצפולע פירער, וואָס דער וויכטיקסטער פון זיי איז געווען דער חבר אברהם לעווינסאָן עליו השלום. צו הילף די לאָקאַלע פירער איז אין יענער צייט געקומען קיין פּוילן פּנחס לוביאַניקער (שפּעטערדיקער פּנחס לבון) און אַפילו יוסף שפּרינצאַק אַליין. אויך אַנטקעגן אָט דער נייער באַוועגונג, וואָס איז געווען דורכגעדרונגען מיט גליענדיק־חלוצישן פּאַטאָס, האָט די נייע שפּיזמאַן־גרופּע זיך געמוזט פאַרמעסטן, כדי אויפצוהאַלטן צווישן פּויליש־יידישע מאַסן די אידעיִשע איינשטעלונג פון די רעכטע פּועלי־ציון און ווערבירן פאַר איר אַנהענגער. איך מוז זאָגן, אַז נאָר מיט גוואַלטיקער עקשנות, וואָס איז אַרויסגעוואַקסן פון טיפער איבערצייגונג אין דער ריכטיקייט פון דער אייגענער אידעע, איז געלונגען אָט דער מערקווירדיקער גרופּע אויפצוהאַלטן אַ פּאָזיציע פאַרן רעכטן פּועלי־ציוניזם אין פּוילן. וויניקסטנס האָט זי געבראַכט די רעכטע פּועלי־ציון אין פּוילן צו אַזאַ באַדייטונג, אַז מען האָט זי געקענט נעמען אין חשבון ווי אַ צד אין די פאַרהאַנדלונגען וועגן פאַראייניקונג צווישן די רעכטע פּועלי־ציון אוןביידע טיילן

פון די צעירי־ציון. דאָס פירט מיך צו דער דאַנציקער פאַראייניקונג. און אין אָט דעם מערקווירדיקן קאַפּיטל האָט דער חבר לייב שפּיזמאַן אַריינגעשריבן גאָר אַ וויכטיקע פּרשה.

✶

ווען די אַנדערע צוויי מאָמענטן וועל איך נאָר קענען שרייבן בקיצור: אויף דער דאַנציקער וועלט־קאָנפערענץ איז — ווי איך האָב געשריבן אין „קעמפער" (סיי אין יאָר 1932, ווען איך האָב דערציילט וועגן דער דאַנציקער קאָנפערענץ, סיי מיט עטלעכע וואָכן צוריק, ווען עס איז געפייערט געוואָרן דער דרייסיקער יובל פון דאַנציק) — פאַר מיר געווען די וויכטיקסטע פראַגע ניט דאָס פאַראייניקונג־פּראָגראַם, וואָס האָט געדאַרפט פאָרמולירט ווערן, נאָר דער אַנאַליז פון דער דעמאָלטיקער יידישער יוגנט אין מזרח־אייראָפּע. דאָ וויל איך נאָר צוגעבן, אַז דעם וויכטיקסטן טייל צו אָט דעם טיפן אַנאַליז האָט צוגעטראָגן אונדזער אָקאָרשט־פאַרשטאָרבענער חבר לייב שפּיזמאַן. אויך אין דעם פאַל האָט זיין גוואַלדיקע (איך וואָלט עס אָנגערופן הייליקע) עקשנות פאַר אים דורכגעבראָכן דעם וועג; ווייל מיט קיין אויסערגעוויינלעכע אָראַטאָרישע פעיִקייטן איז ער ניט געווען געבענטשט — אָבער ווען אין אים האָט עפּעס געברויזט, האָט ער עס געמוזט אַרויסברענגען ביז צום לעצטן פּרט. אַ צאָל עלטערע חברים האָבן אַרויסגעוויזן אָפן זייער אומגעדולד. אָבער חבר שפּיזמאַן האָט זיינס דערגרייכט. אין מיין געמיט האָט ער דאַן איבער־געלאָזט אַזאַ רושם, אַז סיי מיט איבער 30 יאָר צוריק, סיי בלויז מיט עטלעכע וואָכן צוריק האָב איך עס אַלץ באַטראַכט פאַרן וויכטיקסטן ביישטייער, וואָס דאַנציק האָט צוגעטראָגן צו דער געשיכטע פון אונדזער וועלט־באַוועגונג.

די זעלביקע עקשנות זיינע האָט ער אויך אַריינגעבראַכט אין אונדזער לעצטן צוזאַמענטרעף ביי דער אַרבעט, שוין אין ניו־יאָרק, אין די יאָרן 4־1953. מיר האָבן זיך פאַרמאָסטן גרויס. מיר האָבן באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אין ביכער די געשיכטע פון אונדזער באַוועגונג אין צפון־אַמעריקע. אויף מיין גורל איז אויסגעפאַלן די אויפגאַבע פון פאָרזיצער פון דער רעדאַקציע־קאָלעגיע פאַר די ביכער. חבר לייב שפּיזמאַן איז געוואָרן דער סעקרעטאַר פון דער רעדאַקציע. קען איך פאַרשרייבן אויף מיין חשבון נאָך אַן אַרבעט וועגן דעם אַמעריקאַנער יידנטום אין אָנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט. דאָס קען זיין אַ גוטע אָדער אַ שלעכטע אַרבעט — אָבער זי האָט סיי ווי געקענט געפינען פּלאַץ אויך אין אונדזערע יום־טוב־נומערן פון „קעמפער". אָבער די אמתע אַרבעט פון אויסזוכן אין די אַרכיוון פאַרשידענע גע־שעענישן, זיי סאָרטירן און מאַכן פאַרטיק צום דרוק, איז געפאַלן אויף חבר לייב שפּיזמאַן. אונדז איז געלונגען אַרויסצוגעבן בלויז די ערשטע צוויי בענד און מיר האָבן זיי דערפירט ביזן יאָר 1920. די ווייטערדיקע בענד וואַרטן נאָך אויף אַ צווייטן חבר שפּיזמאַן, מיט זיין געדולד און מיט זיין פעיִקייט זיך צו גריבלען אין אַרכיוון און אַרויסברענגען פון זיי דאָס וויכטיקסטע, דאָס געשיכטלעך־באַדייטנדיקע, ווי חבר שפּיזמאַן האָט עס באַוויזן.

אָפּט איז אויסגעקומען שווער די צוזאַמענאַרבעט מיט אים: ער האָט פון אַלע־מען געפאָדערט אַזאַ טיכטיקייט, אַזאַ אַרבעט־שנעלקייט און אַזאַ פּראָדוקטיוויטעט,

ווי ער אַליין האָט צוגעטראָגן. אָבער איין זאַך איז פאַר מיר אויסער יעדן ספק: ווען ניט זיין דינאַמיק, ווען ניט זיין עקשנות, וואָלטן אפשר די צוויי דערשינענע בענד נאָך אַלץ ניט געווען אָפּגעדרוקט.

אָט די מיט שאַפונגס־לוסט־אָנגעפילטע פערזענלעכקייט איז פּלוצעם אַוועקגעריסן געוואָרן. דער טויט האָט אַוועקגערויבט פון דער באַוועגונג בכלל און פון יעדן איינעם פון אונדז בפרט אַ קוואַל פון ענערגיע, וואָס האָט נאָך געטראָגן אין זיך פיל מעגלעכקייטן פאַר אונדזער באַוועגונג.

הערבערט לעהמאַן

(געשריבן אין יאַנואַר 1964)

דער ניט־לאַנג פאַרשטאָרבענער גרויסער אַמעריקאַנער און גרויסער ייד סע־נאַטאָר הערבערט לעהמאַן האָט סיי ווי אַן אַמעריקאַנער, סיי ווי אַ ייד אויסגעאיבט גאָר אַ באַדייטנדיקע השפעה. ווער עס וועט שרייבן אַ פולע מאָנאָגראַפיע וועגן זיין אַלזייטיקער פּערזענלעכקייט, וועט מוזן אַרומנעמען אַלע זייטן פון זיין גייס־טיקער געשטאַלט. איך פאַרמעסט זיך אוודאי ניט דערויף. איך האַלט אָבער פאַר מיין חוב אַרויסצוברענגען איניקע שטריכן פונעם ייד אין אונדזער גרויסן נפטר; בעיקר יענע שטריכן, וועלכע איך האָב געהאַט די געלעגנהייט צו באַקענען פון מיין נאָענטער מיטאַרבעט מיט אים.

✶

אַ פּערזענלעכקייט קען ניט צעטיילט ווערן אין צוויי באַזונדערע, גייסטיקע צענטערן, וואָס איינער איז אָפּגעזונדערט פון צווייטן. זיכער קען עס ניט געטאָן ווערן בנוגע דער פּערזענלעכקייט פון הערבערט לעהמאַן זכרונו לברכה. ער איז דווקא געווען אַ גייסטיקע גאַנצקייט. זייער וויניק מענטשן פון זיין קרייז זיינען געווען אַזוי גאַנץ מיט זיך בנוגע זייער אַמעריקאַנערטום און זייער יידישקייט ווי עס איז געווען סענאַטאָר הערבערט לעהמאַן. דעריבער איז נויטיק בלויז אָנצוווייזן בקיצור אויף דעם וויכטיקסטן פאַקטאָר, וואָס האָט אים באַוועגט אין זיינע אַקטי־וויטעטן ווי אַן אַמעריקאַנער, — ווייל דער זעלביקער פאַקטאָר איז אויך געווען זיין נשמה־יסוד אין זיין טעטיקייט ווי אַ ייד.

גענוג בלויז אָנצווייזן אויף זיין אויסגעהאַלטענער ליניע אין אַמעריקאַנער פּאָליטישן לעבן. דער לעצטער קאַמף, וואָס ער האָט געפירט, צוזאַמען מיט פרוי עלענאָר רוזוועלט, קעגן די רעאַקציאָנערע פירער אין דער ניו־יאָרקער דעמאָקראַ־טישער פּאַרטיי, איז נאָך פריש אין אַלעמענס זכרון. אָבער איך געדענק זיינע ענ־לעכע קאַמפן מיט כמעט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק, ווען די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי אין שטאָט ניו־יאָרק איז לגמרי באַהערשט געוואָרן פון טאַמאַני־האָל, אָנגע־פירט, מיט אַ שטאַרקער האַנט, פון איר „באָס" טשאַרלי מורפי. טאַמאַני־האָל איז אויך היינט ניט קיין גרויסע פּאָליטישע צנועה. אָבער דאַן איז זי געווען נאָך פיל, פיל ערגער. און זי האָט דאַן געהערשט אין שטאָט ניו־יאָרק, ווי עס הערשן איצטיקע דיקטאַטאָרן אין זייערע מדינות. שוין דאַן האָט לעהמאַן, וואָס האָט שוין דאַן געהערט צו דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, אָנטייל גענומען אין דער קליינער גרופּע ליבעראַלע דעמאָקראַטן, וואָס האָבן באַקעמפט דעם „באָס" מורפי.

דער ליבעראַליזם איז ביי הערבערט לעהמאַן געווען איינער פון די הויפּט־שטריכן פון זיין גייסטיקער געשטאַלט, וואָס האָט אים באַוועגט אין אַלע זיינע האַנדלונגען. אָט דעם ליבעראַליזם איז ער געבליבן געטריי דורך זיין לאַנגן און געבענטשטן לעבן. די זעלבע איבערצייגונג האָט אים אויך באַוועגט אין זיינע יידישע

טעטיקייטן. דער ליבעראַליזם האָט אים באַוועגט ניט נאָר אין זיינע פּאָליטישע אַקטיוויטעטן, אויך זיינע אַנדערע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן און אַפילו זיינע פילאַנטראָפּישע אַרבעטן זיינען געווען דורכגעדרונגען פון אים.

אפשר איז דער טערמין „ליבעראַליזם" ניט דער אַבסאָלוט־פּאַסיקער, בכדי צו כאַראַקטעריזירן די גייסטיקע אייגנשאַפטן פון הערבערט לעהמאַן. זינט ליבע־ראַליזם איז געוואָרן אַ פּאָליטישע באַצייכענונג, איז אָפּגעריבן געוואָרן אַ רעכט ביסל פון זיין אָריגינעלן תוכן. איך באַנוץ דאָ דעם טערמין סיי אין זיין זין ווי אַן איינשטעלונג קעגן עקשנותדיקער רעאַקציע און אַפילו קעגן פאַרהאַרטעוועטן קאָנ־סערוואַטיזם. איך באַנוץ אויך דעם טערמין צו באַצייכענען אַ מענטשלעכע באַציִונג צום צווייטן, אַן אַריינדרינגען, מיט דער פולער מאָס פון מענטשלעכער גערעכטי־קייט, אין אַלע פּראָבלעמען, וואָס מען באַגעגנט און מען נעמט אונטער זיי צו לייזן. אָט דער פולער זין פון ליבעראַליזם האָט שטענדיק באַהערשט הערבערט לעהמאַנען און איז געווען דער לייטמאָטיוו אין אַלע זיינע האַנדלונגען סיי ווי אַ מיטגליד פון סענאַט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, סיי ווי דער גאָווערנאָר פון שטאַט ניו־יאָרק, סיי אויך זיין טעטיקייט אויפן יידישן שטח.

✶

דער וויכטיקסטער יידישער אַרבעט־שטח, אויף וועלכן איך האָב זיך מיט אים באַגעגנט, איז געווען דער שטח פון יידישער רעליף, בעיקר ווי ער האָט זיך אַנט־וויקלט דורכן „דזשאָינט". אין האַרבסט פון יאָר 1954 איז אין ניו־יאָרק אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ פייערלעכע מסיבה לכבוד דעם 40־יאָריקן יובל פון „דזשאָינט". די ערן־געסט צו יענער מסיבה זיינען געווען סענאַטאָר הערבערט לעהמאַן; ד"ר בערנאַרד קאַהאַן, וואָס האָט דאַן געפירט אַלע „דזשאָינט"־אַקטיוויטעטן אין אייראָפּע; פּאָול בערוואַלד, דער שטענדיקער טרעזשורער פון „דזשאָינט"; בערנאַרד זעמעל, דער פירער פון גאַליציאַנער פאַרבאַנד; אַלעקסאַנדער קאַהאַן, דער פאָרזיצער פון פּיפּלס רעליף כמעט די גאַנצע צייט פון איר עקזיסטענץ — און איך. דאָס זיינען געווען די דאַן לעבנגעבליבענע פון די גרינדער פון „דזשאָינט". איך האָב זיך אַוודאי געפילט זייער דערהויבן צווישן אַזאַ חשובער גרופּע יידן. יעדער איינער פון אונדז האָט באַקומען אַ ספּעציעלע שריפט, וואָס האָט פאַרצייכנט זיין געהערן צו די ראַ־שונים פון „דזשאָינט".

די מסיבה איז געווען דורכגעדרונגען מיט אמתער התרוממות הרוח. און מיט אַזאַ שטימונג האָבן מיר אַנגעהויבן פאַרלאָזן די פאַרזאַמלונג. אַרויסגייענדיק פון זאַל, צוזאַמען מיט די אויבנדערמאָנטע ערן־געסט, באַגלייט פון אַ סך פריינד, האָט זיך סענאַטאָר לעהמאַן געווענדעט צו מיר און האָט פאַר אַלעמען אין די אויגן מיר דערמאָנט עטלעכע מאָמענטן פון די ערשטע צייטן פון „דזשאָינט", אין וועלכע איך בין דערשינען ווי אַ יוצא־דופן פון אַלע אַנדערע „דזשאָינט"־גרינדער. איך זאָג עס ניט לשבח פאַר מיר און אויך ניט לגנאי. ער האָט דערמאָנט אייניקע אינצידענטן (איך האָב וועגן זיי דערציילט אין מיין בוך „אויפן וועג", אינעם ספּעציעלן קאַפּיטל וועגן „40 יאָר דזשאָינט") און האָט פאַרענדיקט אַזוי: „אָפט זיינען אייערע איינ־שטעלונגען צו־ראַדיקאַל אַפילו פאַר מיר; אָבער אין עטלעכע פאַלן האָב איך מסכים

געווען מיט אייך. איך האָב עס אָפן געזאָגט סיי צו לואי מאַרשאַל, סיי צו פעליקס וואַרבורג. אין דעם וויכוח וועגן קאָנסטרוקטיווער רעליף זייט איר אַודאי געווען גערעכט".

ער האָט עס ניט געזאָגט בלויז בכדי מיך מהנה צו זיין, צענדליקער יאָר שפעטער, נאָך דעם ווי די וויכוחים זיינען געפירט געוואָרן אין „דזשאָינט". ער האָט עס געזאָגט דערפאַר, ווייל אים איז שפעטער אויסגעקומען צו שפילן די וויכטיקסטע ראָלע אין אָט דעם קאַפיטל פון קאָנסטרוקטיווער הילף. ס'איז כדאי דעריבער צו פאַרצייכענען וועגן וואָס דער וויכוח איז פאָרגעקומען.

✶

אין יאָר 1918, ווען די ערשטע וועלט־מלחמה האָט זיך נאָך ניט געהאַט פאַרענדיקט, האָב איך, אין נאָמען פון „פיפלס־רעליף" געבראַכט צו דער עקזעקוטיווע פון „דזשאָינט" אַ פאָרשלאָג, אַז דער „דזשאָינט" זאָל אָננעמען אַ באַשלוס צו בלאָקירן אַ געוויסן פראָצענט פון זיינע געזאַמלטע סכומים פאַר קאָנסטרוקטיווער רעליף, וואָס וועט דאַרפן געפירט ווערן צווישן די מלחמה־קרבנות נאָך דעם ווי די מלחמה וועט זיך פאַרענדיקן. דאָס דאָזיקע געלט זאָל באַנוצט ווערן ערשט דאַן, ווען עס וועט פאַר אונדז קלאָר זיין די לאַגע, אין וועלכער די מלחמה־קרבנות וועלן זיך געפינען און די מעגלעכקייטן, וואָס וועלן דאַן זיין צוריק אויפצובויען זייערע אייגענע ווירטשאַפטלעכע לעבנס, אַזוי אַז זיי זאָלן ניט דאַרפן זיין אָנגעוויזן אויף באַלדיקער הילף. דער דעמאָלטיקער וויכטיקסטער וואָרטזאָגער אין „דזשאָינט", לואי מאַרשאַל, איז שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן דעם פאָרשלאָג. זיין אַרגומענט איז געווען, אַז מיט אַזעלכע אויפגאַבן קען זיך פאַרנעמען אַ רעגירונג, אָבער ניט קיין פילאַנטראָפישע קערפערשאַפט, ווי עס איז דער „דזשאָינט". סענאַטאָר הערבערט לעהמאַן האָט ביי יענער זיצונג ניט גענומען קיין אָנטייל אין וויכוח. אָבער איך האָב געוווּסט, אַז ער זוכט משפיע זיין צווישן זיינע קרייזן מען זאָל דעם דאָזיקן פאָרשלאָג ניט אין גאַנצן פאַרוואַרפן. איך בין זיכער, אַז בעיקר דורך זיין השפעה האָט די „דזשאָינט"־עקזעקוטיווע ווידער אַ מאָל באַהאַנדלט די פראַגע, און דער באַשלוס איז געווען יאָ אַרויפצוטרעטן אויף אָט דעם נייעם אַרבעט־שטח. אַ ספעציעלע קאָמיסיע מיט סענאַטאָר לעהמאַן אַלס פאָרזיצער איז באַשטימט געוואָרן צוטרעטן צו אָט דער ספעציעלער טעטיקייט. אירע דערגרייכונגען, דורך דער ספעציעלער ענערגיע און פאַכמאַנשאַפט, וואָס סענאַטאָר לעהמאַן האָט אין איר אַריינגעבראַכט, קענען אין אַ קורצן הספד־אַרטיקל ניט אויסגערעכנט ווערן. גענוג צו פאַרצייכענען, אַז 5 יאָר שפעטער, אין 1923, האָט לואי מאַרשאַל אַליין, אויף אַ „דזשאָינט"־צוזאַמענפאָר אין שיקאַגאָ, אַרויסגעשטעלט אָט די אַרבעט, ווי די קרוין פון אַלע „דזשאָינט"־אַקטיוויטעטן. סיי סענאַטאָר לעהמאַן און — איך בין מודה — סיי איך, האָבן געהאַט גרויס סאַטיספאַקציע פון דעם נייעם צוגאַנג פון לואי מאַרשאַל צו דער דאָזיקער אַרבעט.

פאַר זיך אַליין בין איך איבערצייגט, אַז ניט נאָר אין די יאָרן צווישן 1918 און 1923, נאָר אין די צענדליקער יאָרן פון דער „דזשאָינט"־טעטיקייט, זיינען די וויכטיקסטע אויפטוען פון „דזשאָינט" געווען אויפן שטח פון קאָנסטרוקטיווע רעליף,

וואָס האָט זיך צעצווייגט פיל ברייטער, ווי אַפילו איך האָב זיך פאָרגעשטעלט אין יאָר 1918. דאָס אַלץ איז צו פאַרדאַנקען דער באַציִונג, וואָס סענאַטאָר לעהמאַן האָט געהאַט צו אָט דער אַרבעט און צו דער אויסערגעוויינטלעכער פעיִקייט, מיט וועלכער ער האָט די אַרבעט געפירט. זיין דעמאָלטיקע ווייטזעעוודיקייט האָט פעיִק געמאַכט דעם „דזשאָינט" צו פאַרמעסטן זיך אַפילו מיט דעם פיל גרעסערן און מער שווידערלעכן חורבן, וואָס די צווייטע וועלט־מלחמה האָט געבראַכט דעם יידישן פאָלק. אויך אין די נייע אויפגאַבן איז פאַראַן פיל פון דער איניציאַטיוו, וואָס סענאַטאָר לעהמאַן האָט אין דער אַרבעט אַריינגעבראַכט זינט ער האָט זי אָנגעהויבן.

*

ווי געזאָגט האָט הערבערט לעהמאַן אַפילו אין זיין פילאַנטראָפּישער אַרבעט אַריינגעטראָגן זיין ספּעציעלע אייגנשאַפט צו דערגרונטעוועז זיך אין אַלץ, וואָס ער האָט געטאָן, ביז צום סאַמע־יסוד און זי מעסטן מיט דער מאָס פון מענטשלעכער גערעכטיקייט. איך זאָג ניט, אַז ער האָט אָנגענומען פּרינציפּיעל די שטעלונג פון אונדזער באַוועגונג לגבי דעם רעליף־פּראָבלעם, וועלכע מיר האָבן באַטראַכט פון אונדזער גאַנצן נאַציאָנאַלן צוגאַנג צום יידישן לעבן. אָבער ער האָט זיכער געוווסט, אַז יידישע רעליף, לויט דער לאַגע אין וועלכער דאָס יידישע פאָלק האָט זיך געפונען, איז פיל מער ווי — זאָגן מיר — אונדזער „רויטער קרייץ", וואָס ברענגט בלויז הילף דעם ליידנדיקן יחיד. אָן טעאָרעטישע פּלפּולים האָט סענאַטאָר לעהמאַן געפילט אַז יידישע רעליף מוז גיין טיפער; יידישע הילף מוז צוטראָגן איר חלק צו דער ווייטערדיקער עצם־עקזיסטענץ ניט נאָר פון יידישע יחידים, נאָר פון יידישן פאָלק ווי אַ פאָלק.

פון דעם שטאַנדפּונקט איז באַוועגט געוואָרן זיין שטעלונג אין אַ צווייטן שאַרפן וויכוח אין „דזשאָינט" — אויב דער „דזשאָינט" זאָל יאָ אָדער ניט געבן די יידן הילף פאַר זייערע קולטורעלע הצטרכותן. דער דאָזיקער וויכוח איז פאָרגעקומען אויף אַ צוזאַמענפאָר פון „דזשאָינט" אין האַרבסט פון 1919 אין האָטעל „אַסטאָר", ניו־יאָרק. די איניציאַטיוו האָט אויך אין דעם פּונקט געשטאַמט פון „פּיפּלס רעליף". שלום אַש און איך האָבן געבראַכט דעם פאָרשלאָג צו דער דערמאָנטער קאָנפערענץ. קעגן דעם איז ווידער אַ מאָל אַרויסגעטראָטן הויפּטזעכלעך לואי מאַרשאַל. דאָן זיינען אָבער אויך געוויסע פון מאַרשאַלס נאָענטע מקורבים ניט געגאַנגען מיט אים, די קאָנפערענץ האָט אָנגענומען אונדזער פּאָזיטיוון באַשלוס, טראָץ מאַרשאַלס קעגנערשאַפט. סענאַטאָר לעהמאַן האָט אויך אין יענעם וויכוח קיין אַנטייל ניט גענומען. אָבער ער האָט ניט געמאַכט קיין סוד פון דעם, אַז זיין שטעלונג איז נענטער צו אונדז ווי צו לואיס מאַרשאַל.

איך מיין, אַז די געבראַכטעביישפּילן זיינען גענוג שאַרף צו באַצייכענען דעם וועג פון לעהמאַנס יידישע טעטיקייטן. איך בין איבערצייגט, אַז אויך זיין פּאָזיטיווע באַציִונג צו דער ציוניסטישער בוי־אַרבעט אין ארץ־ישראל, סיי פאַר דעם, ווי די יידישע אַגענץ איז אויפגעשטעלט געוואָרן, סיי נאָך דעם, און ספּעציעל די געוואַלטיקע וואַרעמקייט, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן די לעצטע 15 יאָר זייט

מדינת־ישראל עקזיסטירט — שטאַמט פֿון דעם הויפּט־שטריך פֿון זיין נשמה, צו מעסטן אַלץ מיט דער מאָס פֿון מענטשלעכער גערעכטיקייט.

ווער עס וועט שרייבן זיין פֿולע מאָנאָגראַפֿיע, וועט אַוודאי דאַרפֿן אַרויס־ברענגען אַלע פּרטים וועגן זיין טעטיקייט אויף אַלע אויסגערעכנטע שטחים. אין די קורצע ווערטער, וואָס ווערן געזאָגט, ווען זיין קבר איז נאָך אַזוי פֿריש, דאַרף נאָר צוגעגעבן ווערן: עס איז אַוועק פֿון אונדז אַ גרויסער מענטש און אַ גרויסער ייִד. ער האָט געלעבט אַ רייך, גייסטיק לעבן סיי ווי אַ מענטש, סיי ווי אַן אַמעריקאַנער, סיי ווי אַ ייִד. דאָס אַמעריקאַנער ייִדנטום איז זיכער שטאָלץ מיט זיין גרויסן זון, וואָס איז פֿון אים אַוועק, פּונקט ווי עס איז שטאָלץ מיט אים דאָס אַמעריקאַנער פֿאָלק. און יענע מענטשן — ייִדן ווי ניט־ייִדן — וואָס האָבן זוכה געווען צו אַרבעטן מיט אים, וועלן אַוודאי אים קיין מאָל ניט פֿאַרגעסן.

לעאָ מאָצקין

(געשריבן אין פרילינג 1964)

איך האָב וועגן לעאָ מאָצקין געשריבן אַ סך מאָל אין מײַנע זכרונות־ביכער. איך האָב דערציילט סיי וועגן זיין ראָלע אין „פּיפּלס־רעליף" אין יאָר 1916; איך האָב געשריבן וועגן אים, ווען איך האָב אים באַגעגנט אין 1920 אין פּאַריז, ווי דער אָנפירער פון קאָמיטעט פון די יידישע דעלעגאַציעס און אויך ביי פאַרשיידענע אַנדערע געלעגנהייטן. אָבער איך האָב קיין מאָל ניט דערציילט וועגן דער מערקווירדיקסטער באַגעגעניש מיט אים — אין בערלין, אין יאָר 1922. וועגן אָט דער באַגעגעניש וויל איך דאָ שרייבן עטלעכע ווערטער. צוזאַמען מיט דער באַגעגעניש מיט אים אין יענעם יאָר, און כמעט אין זעלביקן טאָג, האָט געטראָפן אַן אַנדער עפּיזאָד אין בערלין, אין וועלכן ער האָט קיין אָנטייל ניט גענומען, וועגן וועלכן איך וויל דאָ דערציילן.

אין 1922 האָט די אינפלאַציע אין דייטשלאַנד דערגרייכט איר הויכפּונקט. פאַר איין אַמעריקאַנער דאָלאַר האָט מען באַקומען אַ סך מיליאָנען דייטשע מאַרק. מיט יעדן טאָג איז דער דאָלאַר געוואָרן טייערער. האָט איין מאָל פּאַסירט מיט מיר אַזאַ מין פאַל: אַ חבר פון דעטראָיט, דוד קאָמאַראָוו ע"ה, איז דאַן געווען אין בערלין און מיר אָנגעבאָטן אַ מסחר. דהיינו: איך זאָל אים געבן אַלע דאָלאַרן, וואָס כ'האָב ביי זיך, און אין אַמעריקע וועט ער מיר אומקערן פינף מאָל אַזוי פיל. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז איך פיר מיט זיך גרויסע סכומים פון „פּיפּלס רעליף" און געבעטן לכל הפּחות 10 טויזנט דאָלאַר. וואָס וועט ער טאָן מיטן געלט? ער האָט מיר דערקלערט אָפן: ער וועט דאָ איינקויפן סחורה און זי פאַרקויפן אין אַמעריקע. דערפון וועט ער מיר קענען אָפּגעבן 50 טויזנט דאָלאַר, אַנשטאָט די געבאָרגטע 10 טויזנט — און אים וועט נאָך בלייבן אַ גרעסערער ריווח ווי מיר. למען־האמת האָב איך דאַן בלויז געהאַט ביי זיך עטלעכע צענדליק דאָלאַר; אָבער אַפילו ווען איך זאָל ביי זיך געווען האָבן גרויסע סומעס, וואָלט איך אים אויך געגעבן דעם זעלביקן, שאַרפן ענטפער וואָס ער האָט באַקומען. כ'האָב געהאַלטן זיינע פּלענער פאַר שעדלעך.

איך בין מודה, אַז איך אַליין וואָלט אפשר ניט געהאַנדלט אַזוי שטרענג מיט אַ גוטן דעטראָיטער חבר, ווען מיט אַ פּאָר טעג פריער וואָלט איך ניט געווען אַן עדות פון אַזאַ מין עפּיזאָד: אין בערלין האָט דאַן געלעבט ד"ר לעאָ מאָצקין. מיר זיינען געווען גוט באַקאַנט. ראשית, האָט ער זיך געהאַט באַטייליקט אין דער ערשטער, נאַציאָנאַלער „קאָנווענשאַן" פון „פּיפּלס רעליף" (באָסטאָן, 1916). דערנאָך האָב איך אים עטלעכע מאָל באַגעגנט ווי דעם פּאַרזיצער פון יידישע דעלעגאַציעס אין פּאַריז (1920). דערפאַר האָב איך אים אָפּט באַזוכט אין זיין אָרעמער און ענגער דירה, אויף אַ זייטיק געסל פון בערלין. בעת איינעם פון מיינע באַזוכן ביי אים

זיינען אַריינגעקומען צוויי יידן, מיט וועלכע ד״ר מאַצקין האָט זיך שטאַרק דער־פרייט. דאָס זיינען געווען צוויי ציוניסטישע עסקנים פון פוילן, וואָס איך האָב ניט געקענט. זעט אויס, אַז זיי האָבן טאַקע געטאָן אין בערלין דאָס זעלבע, וואָס דער פריער־דערמאָנטער חבר קאַמאַראָוו האָט געוואָלט טאָן. נאָך אַ קורצן שמועס וועגן דער יידישער לאַגע אין פוילן, האָבן זיי אים דערקלערט די הויפּט־סיבה פון זייער באַזוך: זיי ווילן קויפן אַ הויז אין בערלין און עס געבן אים, ד״ר מאַצקין, אַ מתנה. פאַר וואָס זאָל ער זיך מאַטערן אין ענגשאַפט? ווי ד״ר מאַצקין האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך אויפגעהויבן פון זיין שטול. זיין קליינער גוף איז אַזוי ווי מיט אַ מאָל אויסגעוואַקסן זייער הויך. מיט שנעלע טריט איז ער צוגעלאָפן צו דער טיר, זי אויפגעריסן און געגעבן אַ געשריי:

— איר זאָלט שוין פאַרלאָזן מיין הויז! אייערע מסחרים אין בערלין זיינען פאַרברעכערישע. איר עקספּלואַטירט דייטשלאַנדס אומגליק, ווער ווייסט, וועלכע אומגליקן איר וועט ברענגען אויף די דייטשע יידן...

די צוויי געסט האָבן תיכף פאַרלאָזט ד״ר מאַצקינס הויז — און ער האָט זיך אויך דערנאָך ניט געקענט באַרויקן. אַ שטיק צייט דערנאָך האָט ער געהאַלטן אין איין אויסריידן זיך דאָס האַרץ, צעוויטיקט און פאַרביטערט קעגן אַזעלכע מעשים, וואָס זיינען געווען ניט־זעלטן.

דאָס איז מיר געקומען אויפן זכרון, בעת קאַמאַראָוו האָט מיר געמאַכט זיין פאַרשלאַג. דער אויפגערעגטער ד״ר מאַצקין איז געשטאַנען פאַר מיינע אויגן, בעת איך האָב אַזוי שאַרף רעאַגירט קעגן קאַמאַראָוון — הגם דער גוטער חבר איז נאָר זיכער אויסן געווען אונדזער ביידנס טובה...

*

נאָך איין עפּיזאָד איז געווען פאַרבונדן מיט דער שרעקלעכער אינפלאַציע; אָבער זיין עיקר איז שוין געלעגן אויף גאָר אַן אַנדער פלאַך. אין יענעם יאָר האָט גאַסטראָלירט אין בערלין די באַרימטע ״ווילנער טרופּע״, אונטער דער פירערשאַפט פון איר רעזשיסער דוד הערמאַן. מיט אים האָב איך זיך נאָך באַקאַנט אויף איינעם פון מיינע באַזוכן אין וואַרשע. ווען מיר האָבן זיך צופעליק באַגעגנט אין בערלין, האָט ער מיך פאַרבעטן צו זייערס אַ פאָרשטעלונג. דערביי האָט ער צוגעגעבן, אַז נאָך דער פאָרשטעלונג, וועלן זיך אין זיין הויז באַגעגענען די אַרטיסטן און עטלעכע יידישע שרייבער, וואָס געפינען זיך אין בערלין. איך האָב געוווּסט ווי אָרעם די טרופּע איז געווען און ווי טייער עס האָבן דאַן געקאָסט פּראָדוקטן, אויב מען האָט זיי געקויפט פאַר דייטשע מאַרקן. דערפאַר האָב איך הערמאַנען אָנגע־באָטן הילף ביים איינקויפן כיבוד פאַר דער מסיבה. האָט ער זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַזאַ פראַזע: ״אַך, ווען איך האָב איין־איינציקן אַמעריקאַנער דאָלאַר, וואָלט איך געקענט מאַכן אַ מסיבה כיד המלך״. איך האָב אים בתשואות־חן געגעבן 5 דאָלאַר. איך ווייס, אַז דאָס ווייטערדיקע וועט זיין שווער צו גלייבן, אָבער פאַר די 5 דאָלאַר האָט דוד הערמאַן איינגעקויפט די בעסטע משקאות, פאַרשידענע סאָרטן פליישן און די בעסטע געבעקסן, וואָס מען האָט נאָר געקענט באַקומען. עס זיינען זיך צונויפגעקומען אַרום דריי מנינים מענטשן — און זיי אַלע האָבן ניט געקענט

פֿאַרברויכן דאָס, וואָס הערמאַן האָט אויפֿגעקויפֿט פֿאַר די 5 אַמעריקאַנער דאָלאַר!

פֿאַרשטייט זיך, אַז כ׳בין דאָ ניט אויסן די מאַכט פֿון דאָלאַר אין יענע אינ־פֿלאַציע־יאָרן. דער עיקר זײַנען געווען צוויי וויכּוחים, וואָס האָבן זיך צעפֿלאַקערט און געהאַלטן געשפּאַנט אַלע פֿאַרזאַמלטע ביזן גרויען טאָג. צו אָט דער מסיבּה זײַנען געקומען: משה קולבאַק, דוד בערגעלסאָן, לייב קוויטקאָ און נאָך עטלעכע פֿון זייער גרופּע, וועלכע האָבן זיך געפֿונען אין בערלין. יעדער איינער פֿון זיי האָט דאַן געדאַרפֿט באַשליסן וווּהין ווײַטער צו פֿאָרן: קיין סאָוועט־רוסלאַנד, קיין אַמע־ריקע, אָדער גאָר פֿאַרבלײַבן אין אייראָפּע. צו יענער מסיבּה איז אויך געקומען ה. ד. נאָמבערג.

דער ערשטער וויכּוח איז אויסגעבראָכן אַרום דער פֿראַגע וועגן אָרט, וואָס די יידישע קלאַסיקער פֿאַרנעמען אין דער איצטיקער עפּאָכע, וואָס די יידישע ליטע־ראַטור מאַכט דורך. דער וויכּוח האָט זיך בעיקר געפֿירט צווישן נאָמבערג און בערגעלסאָן. דער לעצטער האָט מיט זײַן כאַראַקטעריסטישער זעלבסטזיכערקייט אָרונטערגעריסן אַלע קלאַסיקער. ער האָט אויסגעדריקט זײַן איבערצייגונג (צי ער איז טאַקע באמת געווען אַזוי איבערצייגט, קען איך נאַטירלעך ניט באַשטימען), אַז די נײַע יידישע ליטעראַטור גייט זיך ניט אין די קלאַסיקער; אַז זיי זײַנען גאָר אַ שטער פֿאַר איר אַנטוויקלונג. נאָמבערג האָט אויסגעדריקט פּונקט אַ פֿאַר־קערטע שטעלונג. ווען דער וויכּוח זאָל זיך געווען פֿירן אין געהעריקע ראַמען, וואָלט מען אַוודאי געקענט עפּעס לערנען פֿון אים. אָבער דוד בערגעלסאָן האָט געפֿירט וויכּוחים שאַרף־פּערזענלעך — מיט גאַל, ביטערקייט און ביטול צו אַלץ און אַלעמען. אויך נאָמבערג האָט געענטפֿערט הארב, מיט זײַנע נאַטירלעכע, סאַ־טירישע פֿאָרמולירונגען. ביידע זײַנען געבליבן בײַ זייערע מיינונגען און איך, ווײַ־ניקסטנס, האָב פֿונעם וויכּוח ווייניק געלערנט.

ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער וויכּוח וועגן דער פֿראַגע וווּהין צו פֿאָרן, איז דאָס שוין ניט געווען קיין וויכּוח פֿון צוויי דעבאַטאַנטן. דאָ האָבן זיך שוין כּמעט אַלע באַטייליקט. דער שטאַרקסטער פּאַרטיידיקער פֿונעם געדאַנק צו פֿאָרן קיין סאָוועט־רוסלאַנד איז געווען דוד בערגעלסאָן. די צוויי שאַרפֿסטע קעגנער זײַנען געווען ווידער אַ מאָל ה. ד. נאָמבערג און חוץ אים אויך משה קולבאַק. זיי האָבן געהאַלטן, אַז מען דאַרף פֿאַרבלײַבן אין אייראָפּע און אָפּוואַרטן אַ פּאָר יאָר, בכדי צו זען ווי אַזוי די ווײַטערדיקע געשעענישן אין סאָוועט־רוסלאַנד וועלן זיך אַנט־וויקלען. ווען מען איז מיד געוואָרן פֿון די וויכּוחים, האָט מען זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ שער־טאַנץ, אין וועלכן איך האָב זיך באַטייליקט. שפּעטער האָבן די טענצער זיך צעטיילט אין דרײַ באַזונדערע גרופּעס: פּוילישע, אוקראַיִנישע און ליטווישע. יעדע גרופּע האָט אָנגעהויבן זינגען אירע באַליבטע ניגונים און אויסטײַטשן די ניגונים דורך ספּעציעלע טענץ. די גרעסטע גרופּע איז געווען די אוקראַיִנער. דער נאָמען פֿון דער טרופּע איז טאַקע געווען „די ווילנער טרופּע", אָבער דער רוב פֿון אירע מיטגלידער האָט געשטאַמט פֿון אוקראַיִנע, וואָלין און ווײַסרוסלאַנד. די דאָזיקע גרופּע האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום בערגעלסאָנען. די צווייטע איז געווען די פּוילישע, וואָס האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום נאָמבערגן. די דריטע,

די ליטווישע, איז באַשטאַנען פון גאַנצע דריי פּערזאָן: משה קולבאַק, שמחה פּעדער (שפּעטער אין קונסט־טעאַטער פון מאָריס שוואַרץ, אין ניו־יאָרק) און דער שרייבער פון די שורות.

וווהין דאָס לעבן האָט דערנאָך פאַרשלעפּט אָט די גאַנצע עדה פון קינסטלער און שרייבער, איז אַלעמען באַוווּסט. אָבער יענער אָוונט לעבט נאָך טיף אין מיין געמיט. ער וועט שוין דאָרט פאַרבלייבן ביז מיינע לעצטע יאָרן.

לואי סיגאַל

(געשריבן צו זיין ערשטער יאָרצייט, אין יוני 1965)

אין די עטלעכע ווערטער, וואָס איך האָב געשריבן צו די שלושים פון חבר סיגאַלס פּטירה — אינעם ספּעציעלן נומער „יידישער קעמפּער" — האָב איך ווייט ניט אויסגעשעפּט אַלץ, וואָס עס האָט געדאַרפט געזאָגט ווערן וועגן זיין פּערזענ־לעכקייט; סיי וועגן זיין אידעיִשער וועלט און סיי וועגן די פּראַקטישע מעשים, דורך וועלכע מיר האָבן געזוכט צו רעאַליזירן אונדזערע אידעען.

דער פּרישער ווייטיק — צוליב זיין ראַנגלען זיך אַזוי פיל חדשים פאַרן לעבן, ווי אויך צוליב זיין פּטירה — האָבן פאַרקלעמט דאָס האַרץ; און ס'איז ניט געבליבן דאַן קיין כוח פאַר אַ געגנויער אָפּשאַצונג. מער ווי פאַר אַן אויסגעשריי פון טיפן צער האָט דאָס אויפגערודערטע געמיט ניט געגעבן קיין קראַפט.

איצט, אַ יאָר נאָך זיין אַוועקגיין פון אונדז, איז דער צער נאָך ניט פאַרשוווּנדן. אָבער ס'איז שוין פאַראַן מעגלעך אַריינצודרינגען טיפער אין זיין וועזן. כ'מוז אָבער צוגעבן: אַפילו איצט איז מיר נאָך שווער צו פאַרמעסטן זיך אויף אַ געגנויעם אַר־טיקל, ווי ער האָט פאַרדינט. איך וויל דאָ נאָר פּרוּוון אָנצייכענען עטלעכע שטריכן צו זיין גייסטיק געשטאַלט, בעיקר יענע שטריכן, וואָס זיינען געווען אַזוי דעצידירנ־דיק אויף זיין וועג צו דער העכסטער, ציוניסטישער פירערשאַפט — וויל צו דער מדריגה האָבן דערגרייכט גאָר ווייניקע פון אונדזער באַוועגונג.

✶

כ'וויל דאָ אויך זאָגן עטלעכע ווערטער, וואָס האָבן אַ שייכות — כאָטש ניט קיין דירעקטע — צו דער טעמע סיגאַל: כ'האַלט פאַר נייטיק אַרויסצוברענגען מיינס אַ שולד־געפיל סיי לגבי דעם זכר פון חבר לואי סיגאַל און סיי לגבי אַ צווייטן און גרויסן חבר — וואָס האָט נאָך פאַר חבר סיגאַל דערגרייכט צו דער הויכער מדרגה פון ציוניסטישער וועלט־פירערשאַפט: חבר חיים גרינבערג. מיין שולד־געפיל באַשטייט דערין, וואָס אין מיינע דריי ערשטע בענד „זכרונות", וואָס כ'האָב ביז איצט צוגעגרייט, האָב איך נאָך ניט אַרויסגעבראַכט די וויכטיקע ראָלע, וואָס אָט די צוויי חברים האָבן געשפּילט אין אונדזער באַוועגונג.

אַוודאי זיינען דאָס געווען צוויי גאַנץ פאַרשידענע פּערזענלעכקייטן — און כ'האָב ניט בדעה צו ציִען פּאַראַלעלן צווישן זיי, אָדער גאָר מעסטן איינעם לויטן שיעור־קומה פונעם צווייטן. אַפילו דעם וועג צו דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע האָבן ביידע אָדורכגעמאַכט אויף פאַרשידענע אופנים. דער שטערן פון חבר חיים גרינבערג האָט נאָך אָנגעהויבן צו לייכטן, בעת ער איז געווען אַקטיוו אין רוסישן ציוניזם. בעת זיין קומען קיין אַמעריקע איז ער שוין גרייט געווען פאַר אַ וועלט־פירנדיקער ראָלע אין ציוניזם. דאַקעגן חבר לואי סיגאַל האָט אָדורכגעמאַכט זיין גאַנצן וועג צום העכסטן שטאַפּל אין אונדזער אַמעריקאַנישער, ציוניסטיש־סאָ־ציאַליסטישער באַוועגונג. חיים גרינבערגס ערשטע עטאַפּן זיינען מיר ווייניקער

באַקאַנט — און אַוודאי ניט געגוג, אויף צו געבן וועגן דעם אַ גענויע אָפּשאַצונג. דאַקעגן דער וועג פון לואי סיגאַל זייט זיין אָנהייב איז מיר גוט באַקאַנט. ווייל איך זיך באַמיען אים אָנצוצייכענען.

אַגב, איך האָף, אַז כ׳וועל זיך קענען באַפרייען פון מיין שולד־געפיל כלפי ביידע — אויב דער בורא־עולם וועט מיר געבן לעבן און כוח צוצוגרייטן מיין פּערטן און לעצטן באַנד „זכרונות״ *. נאָכן אַראָפּריידן זיך פון האַרץ, קען איך צוטרעטן צו דער אייגנטלעכער טעמע.

✶

אין די ערשטע יאָרן פון אונדזער וועלט־באַוועגונג האָבן די מזרח־וואַנט ביי איר פּאַרנומען טעאָרעטיקער. אַנדערש האָט עס דעמאָלט ניט געקענט זיין. פריִער האָט געמוזט קומען די פּאַרטיפּטע מחשבה, בכדי צוצוגרייטן דעם וועג פאַר די גרויסע מעשים. די יאָרן פון טעאָריע האָבן זיך אָנגעהויבן פון יאָר 1888 — ווען חבר נחמן סירקין האָט געגומען פּראָפּאַגירן דעם געדאַנק, אַז די נאַציאָנאַל־יידישע פרייהייטס־באַוועגונג דאַרף זיין ענג פאַרבונדן מיט די גרויס־סאָציאַליסטישע וועלט־אידעען. די טעאָרעטישע תקופה האָט געדויערט ביז נאָענט צום אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

אויפן דאָזיקן שטח האָט חבר לואי סיגאַל ניט געקענט פאַרנעמען קיין קענטיק אָרט. בעת די מערסטע פון אונדזערע טעאָרעטיקער זיינען געווען פּאַרטיפּט און פאַרקאָכט אינעם פאָרמולירן דעם פּילקאָלירקן געוועב פון ציוניסטיש־סאָציאַליס־טישע טעאָריעס — פון די אַלע ריכטונגען, וואָס זיינען אַרויסגעוואַקסן אין אונדזער באַוועגונג — איז נאָך חבר סיגאַל ניט געבוירן געוואָרן, אָדער ער איז נאָך געווען אַ קינד. אַפילו אין די יאָרן 8־1907 — ווען די מערסטע טעאָריעס זיינען שוין געווען פאָרמולירט, און דער קאַמף אַרום זיי און צווישן זיי גופא האָט שוין גע־פלאַקערט — איז ער קוים אַריבער דעם בר־מצוה־עלטער. ביז 1911 האָט ער געלעבט אין זיין פּויליש שטעטל לוויוויטש און זיין גייסט האָט זיך גענערט מיט די פרומע זאַפטן פון דער שטעטלדיק־יידישער קולטור און אירע ווערטן.

כ׳וויס זייער גוט, אַז אין יענע יאָרן האָבן זיך אונדזערע טעאָריעס שוין געהאַט אַריינגעריסן אין די פּויליש־יידישע שטעט און שטעטלעך און פאַרכאַפּט די יוגנט. טייל פון דער דאָזיקער יוגנט זיינען במשך פון אַ קורצער צייט אַליין פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פּאַרטיי־טעאָרעטיקער. אָבער כ׳האָב דעם איינדרוק, אַז דאָס האָט בעיקר פּאַסירט אין די שטעטלעך פון ליטע, ווייסרוסלאַנד און אוקראַיִנע. אַ סך זעלטענער האָט דאָס פּאַסירט אין טיף־פּוילישע אָדער גאַליציאַנישע שטעטלעך. בכל־אופן: צום גאַר יונגן, חסידישן בחורל אריה־לייב בן שמחה בונם סיגאַל האָט עס ניט דער־גרייכט.

אַ סימן האָב איך: ווען איך האָב אים באַגעגנט צום ערשטן מאָל — אין 1917 — אין סט. פּאָול, מינעסאָטאַ, האָט ער ניט געהערט צו קיין שום גרופּע אָנהענגער

* איצטער, צוגרייטנדיק טאַקע דאָס דאָזיקע בוך, פיל איך זיך באַפרייט פון מיין שולד־געפיל; אין אָט דעם בוך באַמי איך זיך אָפּצוצאָלן מיין חוב די ביידע פאַרשטאָרבענע חברים. — ב. צ.

פון יענע טעאָריעס. אַזעלכע גרופּעס האָבן שוין דאַן עקזיסטירט אין סט. פּאָול: שוין געווען דאָרט סיי פּועלי־ציון, סיי סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן — און אַוודאי אויך בונדיסטן, וואָס האָבן אויף זייער אופן פאַרבונדן די האָפענונגען אויף אַ יידי־שער צוקונפט מיטן סאָציאַליסטישן געדאַנק. אָבער דער „גרינער" לואי סיגאַל האָט דאַן גאָר געהערט צו אַ יידיש־נאַציאָנאַלן קולטור־קלוב.

אויך זיינע דעמאָלטיקע חברים זיינען על־פּי רוב געקומען פון רוסלאַנד. אָבער זיי פּונקט ווי ער האָבן שוין געהאַט פאַרלאָזט רוסלאַנד נאָך דעם ווי די מאַסן האָבן זיך גענומען אַנטוישן אין די פּאָליטישע, יידיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונגען, וואָס זיינען געווען אַ פּראָדוקט פון די פריער־געשאַפענע טעאָריעס. טייל פון זיי האָבן שוין געזוכט אַ וועג ווי אַזוי אויסצולעבן זייערע יידיש־גייסטיקע עמאָציעס אויפן שטח פון יידישער קולטור בלויז. דעריבער האָבן זיי, נאָך אין דער אַלטער היים, געשאַפן יידישע קולטור־קלובן. דאָ, אין אַמעריקע, האָט סיגאַל זיך אָנגעשלאָסן צו זיי.

דער דאָזיקער שטריך איז גאָר וויכטיק ביים וועלן פאַרשטיין די גייסטיקע נייגונגען פון חבר לואי סיגאַל. אויך במשך פון זיין גאַנץ וויטערדיקן לעבן איז זיין נשמה געווען פול מיט ליבשאַפט צו דער יידישער קולטור; און בלי־ספק האָט דאָס זיך אויסגעווירקט, אַז ער — צוזאַמען מיט אַנדערע גרינדער פון אונדזער „פאַרבאַנד" — זאָלן פאַרוואַנדלען די אָרגאַניזאַציע אין אַ פעסטונג פאַר יידישער קולטור.

*

צי מיינט דאָס אָבער, אַז ער האָט בכלל ניט געהאַט קיין אינטערעס פאַר אונ־דזערע טעאָרעטישע געדאַנקען? בשום־אופן ניט. איך אַליין בין אַן עדות, ווי שנעל ער האָט תופס געווען אונדזערע טעאָריעס באַלד ווי ער האָט זיך מיט זיי באַקענט. זיין אינטערעס פאַר זיי איז כסדר געשטיגן. איך האָב געהאַט דעם זכות צו זיין איינער פון די ערשטע, וואָס האָט פאַר אים אַנטוויקלט און פאַרגעשטעלט אונדזער טעאָרעטישע וועלט. זיכער איז מיין חלק דעריין געווען זייער באַגרענעצט און באַ־שיידן. איך אַליין בין נאָך דאַן געווען ווייט פון צו זיין אַדורכגעדרונגען מיט אַלע אידעען וואָס אונדזער פּילפאַרביקע ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט אַנטוויקלט.

מען דאַרף געדענקען, אַז אין אָט די טעאָריעס זיינען געווען איינגעשלאָסן די טעזן פון די פּועלי־ציון, וועלכע האָבן זיך שפּעטער אַליין צעטיילט אין עטלעכע „טאָלקן", ווי וואַרשעווער „טאָלק", מינסקער „טאָלק", פּאָלטאַווער „טאָלק" און אַפילו אַ באַזונדערער „טאָלק" פון דווינסק. דעריין זיינען אויך געווען איינגעשלאָסן די טעאָריעס פון ס. ס. (סאָציאַליסטן־ציוניסטן אין רוסלאַנד, וואָס אין אַמעריקע האָבן זיי אָנגענומען דעם נאָמען „סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן"); און דעריין זיינען אויך געווען איינגעשלאָסן די טעאָריעס פון די „סיימיסטן" — וואָס אין אַמעריקע האָבן זיי פונקציאָנירט אונטערן נאָמען „סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן־טעריטאָריאַליסטן". ס'איז פאַרשטייט זיך ניט געווען אַזוי לייכט צו אָריענטירן זיך אין די אַלע פאַרפּלאָנטערטע און אַפילו פאַרפּלפּולטע טעאָריעס.

אָבער לואי סיגאַלס פֿעיִקייט צו באַנעמען אַלע נייע געדאַנקען איז ממש געווען פֿענאָמענאַל. דאָס האָב איך געזען ביים נאָכפֿאָלגן מיט עטלעכע יאָר שפּעטער ווי אַזוי ער האָט זיך אַזוי ערנסט גענומען צום שטודירן די געשריבענע העפֿטן און דיקע ביכער פֿון אונדזערע הויפּט־טעאָרעטיקער: סירקין, באָראָכאָוו, יצחק בן־צבי, יצחק זאַר, און אויך פֿון די סיימיסטישע טעאָרעטיקער, וואָס זייער צאָל איז געווען גאָר באַדייטנדיק. אָבער בעיִקר האָב איך דאָ געוואָלט אַרויסברענגען דעם פֿאַקט, אַז ער אַליין האָט ניט געזוכט בייצושטייערן — און דערפֿאַר אויך ניט בייגעשטייערט — צו דער טעאָרעטישער באַגרינדונג פֿון אונדזערע אידעען.

קיינער קען ניט וויסן, צי ער וואָלט ניט געהאַט קיין חלק אויך אין דעם שטח, ווען ער וואָלט געבוירן געוואָרן מיט אַ צענדליק יאָר פֿריִער, ווען עס זיינען געבוירן געוואָרן אַלע אַנדערע טעאָרעטיקער אונדזערע. אַגב, וואָלט טאַקע געווען אינטערעסאַנט צו מאַכן אַ שטודיע, אין וועלכע צייט־אָפּשניטן עס זיינען געבוירן געוואָרן די הויפּט־באַגרינדער פֿון אונדזערע טעאָריעס. שוין אַן אויבערפֿלעכלעכער בליק באַווייזט, אַז מיטן אויסנאַם פֿון ד״ר נחמן סירקין, זיינען די מערסטע טעאָרעטיקער פֿון סאָציאַליסטישן ציוניזם געבוירן געוואָרן אינעם אַכטן יאָרצענדליק פֿונעם 19טן יאָרהונדערט (דער רוב טעאָרעטיקער פֿון אַלגעמיין־ציוניסטישן געדאַנק זיינען געבוירן געוואָרן מיט אַן ערך 10־15 יאָר פֿריִער). וואָלט חבר סיגאַל לויט זיין עלטער געהערט צו יענעם דור, וואָלט ער, לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן, אויך פֿאַרכאַפּט געוואָרן פֿונעם טעאָרעטישן „צייט־גייסט״. וואָס שייך פֿעיִקייטן דערצו — האָט ער זיי זיכער פֿאַרמאָגט.

דיסקוטירן וואַרשיינלעכקייטן איז ניט לייכט. אָבער איך באַטראַכט עס ווי אַ גליק פֿאַר אונדזער באַוועגונג, וואָס חבר סיגאַל איז ניט געבוירן געוואָרן אין יענעם צייט־פּעריאָד. דערפֿאַר טאַקע האָט זיך אַנטוויקלט אַזאַ לואי סיגאַל ווי מיר האָבן אים געקענט — און ער האָט צוגעטראָגן פֿאַר אונדזער באַוועגונג יענעם באַזונדערן חלק, וואָס איז אַזוי איינגאַרטיק און אויסגעצייכנט. אָבער איידער איך גיי אַרויסברענגען דאָס איינגאַרטיקע און ספּעציעלע פֿון זייןביישטייער, מוז איך צוגעבן נאָך עפּעס.

צי איז אים אָנגעקומען שווער דער איבערגאַנג פֿון איין גייסטיקער ספֿערע צו דער אַנדערער? מיט דער דאָזיקער שאלה מיין איך קודם־כל: צי האָט ער איבערגעלעבט יענעם גייסטיקן געראַנגל ביים איבערגיין פֿון דער פֿרום־חסידישער סביבה צו די וועלטלעכע קולטור־קרייזן, ווי אַ סך אַנדערע, וואָס האָבן אַדורכגעמאַכט דעם זעלביקן וועג? איך בין געווען אַן עדות פֿון זיינס אַ צווייטן איבערגאַנג — זיין אַריבערגיין פֿון דער קולטור־אָרגאַניזאַציע צו אונדזער באַוועגונג; דערביי האָט זיך ניט געמערקט קיין שום געראַנגל, פּשוט דערפֿאַר, וואָס ער האָט דערביי ניט געדאַרפֿט אויפֿגעבן קיין שום זאַך פֿון זיין פֿריִערדיקער סביבה. פֿאַרקערט: זיין אינערלעכע צוגעבונדנקייט צו דער יידישער קולטור איז גאָר פֿאַרשטאַרקט געוואָרן, אין צוגאָב צו די נייע עשירותן, וואָס ער האָט דערוואָרבן אין אונדזער באַוועגונג. אַזאַ ענדערונג האָט ער בכן געקענט אַדורכמאַכן מיט פֿרייד און זיכערקייט.

אָבער די פֿריִערדיקע ענדערונג אין זיין לעבן האָט אים זיכער געקאָסט מער

יסורים. פונעם פּאַטערס נאָמען — ר׳ שמחה בונם — איז צו דרינגען, אַז ער האָט געהייסן נאָכן גרויסן רבין פון פשיסכע; און פשיסכער חסידות האָט אַן אייגנאַרטיקן דרך, וואָס צווישן אַנדערן האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט פּיקחות און אהבת ישראל. איבערגיין פון אַזאַ אַטמאָספער צו וועלטלעכער קולטור איז זיכער פאַרן יונגן לואי סיגאַל ניט אָנגעקומען לייכט. אָבער מיר דוכט זיך, אַז אַפילו דאָ איז קיין טיפע ענדערונג ניט פאָרגעקומען. כמעט אַלע גייסטיקע עלעמענטן פון חסידות זיינען געבליבן איינגעקריצט אין זיין נשמה. געבליבן ביי אים איז אויך די שטאַרקע ליבשאַפט צו יידישער טראַדיציע.

בכל־אופן: אויף זיין וועג צו דער העכסטער מדרגה פון ציוניסטישער פירער־שאַפט האָט ער מיטגעטראָגן די גייסטיקע ווערטן און אייגנשאַפטן פון אַלע דריי סביבות, וואָס ער איז פריער אַדורכגעגאַנגען; און יעדע פון זיי דריי האָט געפורעמט זיין געשטאַלט.

✶

כמעט אַלע, וואָס האָבן וועגן אים געשריבן תיכף נאָך דער פּטירה, האָבן אים באַצייכנט ווי אַ „פאַלקס־מענטש״, וואָס איז באַווירקט געוואָרן פון זיין „פאָלקסטימ־לעכקייט״. דאָס איז אַוודאי אמת. אָבער מען מוז דערביי קלאָר מאַכן וואָס איז עס אַזוינס פאָלקסטימלעך? בדרך־כלל האָט מען זיך דערמיט באַנוצט, בכדי אונטער־צושטרייכן אויף אַ פאַרשטעלטן אופן אַ נעגאַטיווע זייט: דאָס באַצייכנט אַ ניט־צו־הויכע מדרגה פון אינטעלעקט; ניט קיין צו־טיפע למדנות. ווען עס קומט צו חבר סיגאַל, מוז מען באַלד באַזייטיקן דעם נעגאַטיוון ניואַנס. דאַקעגן דאַרף מען יאָ אונטערשטרייכן דעם פּאָזיטיוון מיין פון אַזאַ טערמין: זיין שטענדיק טראָגן מיט זיך דאָס אינטים־פאָלקישע; דאָס כאַראַקטעריסטיש־עטנישע. די פּאָזיטיווע זייט פון זיין פאָלקסטימלעכקייט מיינט אויך די נאַטירלעכקייט, דאָס אומקינסטלעכע, דאָס זיין וואָס מ׳איז, דאָס ניט פאַרשטעלן זיך פאַר עמעצן אַנדערש. פאָלקסטימלעך מיינט אויך: ניט לאָזן אָפּווישן פון זיך דעם צלם־ייד אינעם אויסזען, התנהגות. בקיצור — פונעם גאַנצן לעבנס־שטייגער. דערצו האָט עס נאָך אַ טעם: האָבן די עכטע און טיפע הנאה פון אָנגעהערן צום אייגענעם פאָלק.

אָט אַזאַ מין פאָלקסטימלעכקייט איז זיכער געווען פאַרקערפּערט אין דער געשטאַלט פון לואי סיגאַל — אין צוגאָב צו זיינע הויכע קוואַליפיקאַציעס, וואָס האָבן אים גרייט געמאַכט צו דער העכסטער פירערשאַפט.

וואָס זיינען געווען זיינע אַנדערע קוואַליפיקאַציעס? לאָמיר בלויז דערמאָנען עטלעכע פאַקטן. איך האָב שוין דערמאָנט זיין באַציִונג צו טעאָרעטישע פראַגן און זיין פעיִקייט שנעל תופס צו זיין אַ נייעם טעאָרעטישן געדאַנק. אָבער דאָ מוז צוגע־געבן ווערן זיין באַזונדער רעאַקציע נאָכן אויפנעמען אין זיך אַזאַ געדאַנק: ער האָט אים באַלד געגומען איבערטראָגן אויפן שטח פון פּראַקטישע מעשים. און אויף דעם שטח — פון ציִען אַ ליניע צווישן דער טעאָריע און די פּראַקטישע מסקנות צו וועלכע זי איז מחייב — האָט ער פאַרמאָגט איינעם פון די סאַמע־שעפערישסטע מוחות; און אים האָט ער געשטעלט צום דינסט פון דער באַוועגונג.

געהאָלפן אין זיין וווקס האָבן אַ ריי ספּעציפישע דערגרייכונגען. קודם־כל —

די אַטמאָספער פון חברישער וואַרעמקייט, וואָס האָט דאַן אַדורכגענומען אונדזער באַוועגונג. ס׳האָט געהערשט אַ מין חסידישע האַרציקייט צווישן חבר און חבר (און כ׳מיין דאָ יענע חסידישע אַטמאָספער, וואָס י. ל. פרץ האָט געשילדערט אין „הכנסת כלה״). אין אַ סך מעשים פון חבר סיגאַל האָט מען געשפּירט די וואַרעמקייט פון אונדזער דעמאָלטיקער סביבה. וואָס שייך אַ צווייטער דערשיינונג, מוז מען זי באַלויכטן אַ ביסל ברייטער:

אין די העכער 50 יאָר, וואָס ער האָט געלעבט אין צפון־אַמעריקע, איז די הויפּט־באַזע פאַר אונדזער טעטיקייט — מחוץ, פאַרשטייט זיך, ארץ־ישראל — געווען דאָס אַמעריקאַנער יידנטום. לויט אונדזער פּאַרטיי־לעקסיקאָן וואָלט איך עס באַצייכנט ווי די „סטראַטעגישע באַזע״. בעת זיין אָנקומען קיין אַמעריקע, האָט דאָס יידנטום דאָ ערשט געשטעלט די ערשטע טריט אויפן וועג צו דער צענטראַלער פּאָזיציע פון אַצינד. מיט יעדער יאָרצענדליק איז דאָס אַמעריקאַנער יידנטום געשטיגן העכער, און דערמיט איז אויך געוואַקסן די אַחריות פון אַלע יידיש־קאָנסטרוקטיווע כוחות.

מיט יעדער ווייטערדיקן שטאַפּל פון אַמעריקאַנער יידנטום האָט זיך אויך העכער דערהויבן אונדזער באַוועגונג. און מיט יעדער ווייטערדיקן אויסברייטערן אונדזערע התחייבותן און פאַרנעם, איז אויך חבר סיגאַל געשטיגן העכער דורך זיין אייגנאַרטיקער אַנטוויקלונג. אַזוי איז עס געווען בעתן קאַפּיטל „רעליף״, און אַזוי אויך בעת דער קאָנגרעס־באַוועגונג.

וואָס שייך דער לעצטער, איז זי געווען אַ סך וויכטיקער, סיי פאַר אים און סיי פאַר אונדז, ווייל זי האָט געזוכט אַריינצוברענגען אָרגאַניזירטע אַחריות אינעם צפון־אַמעריקאַנישן יידישן לעבן. דער דאָזיקער ציל איז, מחוץ פונעם קלענערן קאָנגרעס־טייל, דעם קאַנאַדישן, כמעט לגמרי ניט דערגרייכט געוואָרן.

אָבער אונדזער באַוועגונג — און חבר סיגאַל — האָבן ניט אויפגעהערט צו שטרעבן צו אָרגאַניזירט־יידישער אַחריות. בכל אופן: אָט די באַזע האָט געהאָלפן אַנטוויקלען און פאַרטיפן זיינע פעיקייטן — און ער האָט זי קיין מאָל ניט פאַרפעלט אויסצונוצן.

אינעם זעלביקן צייט־אָפּשניט זיינען אויפגעקומען אין אַמעריקע אַ ריי אַנדערע פּראָבלעמען פון יידישן כאַראַקטער, בעיקר דאָס חינוך־פּראָבלעם. אויך אויף דעם שטח האָט זיך חבר סיגאַל אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט מיט זיין גאַנצער נשמה. אַזוי וואָלט איך אויך געקענט אָנציילן אַ ריי אַנדערע אויפגאַבן: סאָציאַלע, נאַציאָנאַלע, קולטורעלע און פּאָליטישע. במשך דעם האַלבן יאָרהונדערט פון זיין לעבן אין צפון־אַמעריקע איז ער געוואַקסן צוזאַמען מיט זייער פאַרמעסט — און בעיקר טאַקע אויפן שטח פון טאַט.

✶

אַ באַזונדער אָרט אין זיין טעטיקייט האָט פאַרנומען פריִער ארץ־ישראל און שפּעטער מדינת ישראל. דאָס איז געווען זיין — פּונקט ווי אונדזער אַלעמענס — נשמה יתירה. מיט איר אין האַרץ האָט ער זיך באַמיט, אַז זיין בײַשטייער זאָל זיין בשלימות. בעת איך פּרוּוו זיך דערמאָנען, אויף וועלכע שטחים ער איז דאָ געווען

טעטיק, נעמט מיר שווינדלען פאַר די אויגן — הגם אויף די מערסטע פון זיי בין איך מיט אים מיטגעגאַנגען. כ׳וועל בלויז פאַרצייכענען די וויכטיקסטע.

מחוץ זיין אַנטייל אין דער הויפּט־פּירערשאַפט פון קרן־קימת, ווי דער וויצע־פּאַרזיצער פון דעם וויכטיקן פאָנד, וואָס האָט געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע אין די אַרבעטן אין ארץ־ישראל, וואָס האָבן צוגעגרייט דעם יסוד פאַר דער מדינה, האָט ער אויך באַווירקט די פּראַקטישע זייט. זיין וואָגיק וואָרט, דאָס אידעאַליסטישע האַרץ און דער אַנטוויקלטער חוש פאַר מעשים, זיינען האַרמאָניזירט געוואָרן אויפן שעפערישסטן שטייגער.

די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט ניט געהאַט גענוג, וואָס זי איז פאַרטראָטן אין דער צענטראַלער פּירערשאַפט פון קרן־קימת. זי האָט זיך אויך מתחייב געווען אויפצושטעלן אַן אייגענעם צווייג, וואָס זאָל זיך בלויז קאָנצענטרירן אויף דער אַרבעט פאַר נאַציאָנאַל־פאָנד. חבר סיגאַל איז געוואָרן דער הויפּט־נערוו פונעם ספּעציעלן אַרבעטער־ציוניסטישן דעפּאַרטמענט. די פּראַקטישע אָנפירונג איז געלעגן אין די הענט פון חבר הירש עהרנרייך ע״ה, און נאָך זיין פּטירה איז זי איבערגענומען געוואָרן פון חבר יעקב לעמבערגער, אים צו לענגערע יאָר. אָבער אין דער ספּעציעלער קאָמיסיע, וואָס האָט געדאַרפט איניציאירן און פּראָיעקטירן נייע אַרבעטן, האָט חבר סיגאַל צוגעטראָגן זיין לייבן־חלק.

ווען אַ שליח פון ארץ־ישראל, וואָס אויך ער האָט פאַרמאָגט דעם געבענטשטן חוש פאַר גרויס־פּראַקטישע מעשים — חבר אברהם דיקנשטיין — האָט פאַרגעלייגט נייע פּלענער (אין נאָמען פון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־באַנק), האָט דאָס דערפירט צו דער גרינדונג פון דעם היינט־אַזוי־פּאָפּולערן „אַמפּאַל״. אָבער דאַן האָט ער געזוכט מיטאַרבעטער אין צפון־אַמעריקע; און ניט צופעליק האָט ער זיך געווענדעט צו חבר סיגאַל. בין איך זיכער, אַז חבר דיקנשטיין וועט נאָך אַ מאָל שילדערן דעם גרויסן חלק, וואָס חבר לואי סיגאַל האָט בייגעטראָגן צום גרויסן פונאַנדערבלי פונעם „אַמפּאַל״.

איך מוז זיך אָבער באַגרענעצן צו דער רעזומירונג פון די הויפּט־פּונקטן, הגם יעדער אַקטיוויטעט באַזונדער — די דאָ־דערמאָנטע ווי די ניט־דערמאָנטע — זיינען געווען וויכטיקע עטאַפּן אין זיין וועג צום ציוניסטישן הויכפּונקט.

וועגן זיין חלק ביים גרינדן דעם הסתדרות־קאַמפּיין, וואָלט איך געהאַט אַ סך צו דערציילן. אָבער דאָס געהערט שוין צו די חברים, וואָס האָבן אָנגעפירט מיטן קאַמפּיין אין די לעצטע 40 יאָר. איך וויל נאָר דערמאָנען איין פאַקט: בעת די גרויסע, יערלעכע אסיפות פונעם קאַמפּיין, וועלכע זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין די גרעסטע אַסיפות פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג, איז שוין געוואָרן אַ מין טראַדיציע: איינע פון די וויכטיקסטע סעסיעס איז געפירט געוואָרן פון חבר לואי סיגאַל.

די דאָזיקע סעסיעס האָט ער געפירט מיט יענעם טאַקט, וואָס זיין לאָגישפּראַקטישער מוח האָט דיקטירט. דערמיט האָט ער אַרויסגעבראַכט די גאַנצע אינערלעכע התלהבות, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט ביי די טויזנטער דעלעגאַטן. איך האָב ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו באַטייליקן זיך אינעם יערלעכן צוזאַמענפאַר פון

הסתדרות־קאַמפּיין אין נאָוועמבער 1964, גלייך נאָך סיגאַלס פּטירה. אָבער איך בין זיכער, אַז די טויזנטער דעלעגאַטן האָבן געפילט ווי שטאַרק ער פעלט זיי.

✶

זיכער פאַרנעמט זיין ראָלע אין די אייגענע אָרגאַניזאַציעס דעם ערשטן פּלאַץ; און צו זיי געהערט קודם־כל דער „פאַרבאַנד" און די פּאַרטיי „פּועלי־ציון". וואָס שייך זיין ראָלע אין „פאַרבאַנד", וועלן זיכער שרייבן אַנדערע חברים. איך וויל בלויז איבערגעבן דעם אויסרוף פון אַ דעלעגאַט אויפן דעטראָיטער צוזאַמענפאָר פון „פאַרבאַנד". חבר סיגאַל האָט פריער רעזומירט דעם וויכוח אַרום זיין אָפיציעלן באַריכט, און בעת דעם וויכוח זיינען אויך, נאַטירלעך, געפאַלן אַ ריי קריטישע באַמערקונגען קעגן דער פירערשאַפט. חבר סיגאַל האָט אויף זיי געענטפערט מיט זיין אייגנאַרטיקן טאַקט. און טאַקע דעמאָלט האָט יענער חבר (איך דערמאָן זיך לײדער ניט זיין נאָמען) אויסגעשריגן: „אַ דאַנק גאָט, וואָס ער האָט אונדז מזכה געווען מיט חבר לואי סיגאַל!" דערמיט האָט ער זיכער אויסגעדריקט די געפילן פון די הונדערטער אַנדערע דעלעגאַטן.

וואָס שייך די אַנשטאַלטן פון דער באַוועגונג, וויל איך נאָר פאַרצייכענען זיין ראָלע בעת די אָפטע, פינאַנסיעלע קריזיסן אינעם „קעמפּער" אָדער „פּראָגנטיר". יעדעס מאָל האָט חבר סיגאַל בייגעטראָגן זיין לאָגישסטע עצה, ווי אַזוי צו לייזן דעם ענין. עטלעכע קריזיסן אַזעלכע האָב איך אַליין אַדורכגעלעבט, צוזאַמען מיט נאָך חברים, בימי חיים גרינבערג. איך בין געווען אַן עדות, ווי אומבאַהאָלפן ס'האָבן זיך דאַן געפילט סיי דער רעדאַקטאָר אַליין און סיי די אַנדערע חברים. אַזוי איז עס אויך געווען בעת די רעדאַקציע איז באַשטאַנען פון אַנדערע, איך בתוכם. אָבער חבר סיגאַל איז געקומען און אָנגעוויזן אויף אַן אויסוועג.

איך פיל, אַז שוין נאָך מיין גאַנצער אַריכות האָב איך ניט אויסגעשעפּט אַלע זיינע אַקטיוויטעטן. ס'איז מיר אויך שווער אויסצורעכענען אַלע פּראַקטישע פּלענער, מיט וועלכע ער פלעגט קומען צו דער יידישער אַגענץ, הסתדרות און אַנדערע בעת זיינע באַזוכן אין ישראל. כ'קען דאָ אויך ניט אויסרעכענען אַלע ענינים, מיט וועלכע עס פלעגן זיך ווענדן צו אים סיי די שפּיצן פון דער ישראל־רעגירונג און סיי די אַחריותדיקע אָנפירער פון הסתדרות. זיי פלעגן זיך אָפט ווענדן צו אים, ווייל זיי האָבן אָנערקענט זיין אייגנאַרטיקע פעיִקייט צו פאַרשטיין אַזעלכע פּלענער און אויך צוטראָגן צו זיי זיינע אויסבעסערונגען און צוגאָבן.

✶

זיין נשמה, ווי געזאָגט, האָט געשעפּט פון דער חסידישער סביבה, פון זיין אינטערעס צו יידישער קולטור און פון די ווערטן אין אונדזער באַוועגונג. אַ באַזונדער אָרט אין די השפּעות האָט פאַרנומען ארץ־ישראל און שפּעטער — די יידישע מדינה. זיין עמאָציאָנעלע עשירות, וואָס האָט געשעפּט פון די אַלע מקורות, איז אָבער באַזונדערס באַרייכערט געוואָרן דורך זיין אינערלעכן קוואַל מיט זיינע זאַפטן און פּאָטענצן. טאַקע זיי האָבן פאָרמירט זיין פילפאַרביק געשטאַלט.

בלויז זיינע אינערלעכע כוחות האָבן אים געהאָלפן אויסטראָגן אַלע צרות און אים ניט לאָזן צוזאַמענברעכן. אָט די כוחות האָבן אים געהאָלפן איינצוהאַלטן זיינע

יסורים אין די טיפסטע טיפעניש און אַנשטאָט פּאַרביטערונג האָבן זיי גאָר ביי אים אַרויסגעהויבן און געשטאַרקט די ליבשאַפט צו מענטשן, טאַקע אין נוסח פון געלייטערטער חסידות. זיין גבורה האָט אויך געשטאַמט פונעם איינגעבוירענעם אחריות־געפיל צו דער געזעלשאַפט — אַ געפיל, וואָס ער האָט איבערגענומען פון אונדזער באַוועגונג. מיר האָבן דאָס גאַנץ באַזונדער געזען אין זיין מאָראַלישן וווקס בעת די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. ער איז אויך געווען דער ערשטער, וואָס זיין אחריות האָט אים געפירט צו די חורבות פון יידישן פוילן בכדי צו וואַרפן זיך מיטן גאַנצן כוח און פלאַם אין דער רעטונגס־אַרבעט.

✶

צום סוף — עטלעכע ווערטער וועגן לואי סיגאַל אויף דער טריבונע. במשך פון מיין לעבן האָב איך געהערט אַ סך גרויסע רעדנער. אמתע אָראַטאָרן זיינען געווען ווייניק. צו זיי האָבן געהערט: חיים זשיטלאָווסקי, אבא הלל סילווער, נחמן סירקין (ניט אַלע מאָל, נאָר דאַן ווען די שכינה האָט אויף אים גערוט, ווייל זיינע גרויסע רעדעס האָט ער באַשאַפן ממש אויף דער טריבונע). גאָר אַ גרויסער קינסטלער אויף דער טריבונע איז געווען לואי ליפּסקי. אויך לואי מאַרשאַל פלעגט זיך טייל מאָל דערהויבן צו אַ הויך־אָראַטאָרישער מדרגה. באַדייטנדיקע אָראַטאָרישע פעיִקייטן האָט אויך פאַרמאָגט חיים גרינבערג.

ממש פּאָעטן פון דער רעדנער־טריבונע זיינען געווען יהודה לייב מאַגנעס אויף ענגליש, און אַלעקסאַנדער כאַשין אויף יידיש. וואָס שייך חבר לואי סיגאַל, האָט ער צו די גרויסע רעדנער־טריבונען ניט געהערט. ס׳איז אָבער ניטאָ קיין ספק, אַז ווען ער פלעגט אויפטרעטן אויף גרויסע מאַסן־פאַרזאַמלונגען — בעיקר פון פאַרבאַנד־הברים — האָבן פון אים אַרויסגעשטראַלט יענע געבענטשטע אייגנשאַפטן פון פאָלקסטימלעכקייט, וועגן וועלכע כ׳האָב פריִער דערציילט.

אונדזערע חכמים האָבן געזאָגט: אין אדם מת וחצי תאוותו בידו. קיין מענטש דערגרייכט ניט ביז צו זיין טויט אַפילו אַ העלפט פון זיינע שטרעבונגען. זיכער איז אויך חבר סיגאַל ניט געווען קיין אויסנאַם. זיינע גלוסטן, וואָס אַלע האָבן זיי געשטאַמט פון אונדזער אידעע, האָט ער זיכער ניט דערגרייכט. בלי־ספק האָט ער מיטגענומען אין קבר אַ סך קאָנסטרוקטיווע פלענער, וואָס וועגן זיי וועלן מיר מסתמא שוין קיין מאָל ניט וויסן. איך בין אָבער זיכער: טייל פון אַזעלכע פלענער האָט ער באַוויזן אַרויסצוברענגען פאַר אַ ריי פון זיינע נאָענטע חברים. ליגט אויף זיי דער מאָראַלישער חוב צו זוכן די וועגן, ווי אַזוי צו רעאַליזירן זיינע ניט־דערפילטע צילן.

די חברים, וואָס האָבן איבערגענומען זיינע אַחריותן, מוזן אויך ממשיך זיין זיינע צילן, אין וועלכע ער האָט אַריינגעלייגט אַזוי פיל נשמה. זיי מוזן — און זיי וועלן זיכער — אויפהיטן די אַלע טעטיקייטן אויף אַזוי פיל שטחים, וואָס האָבן במשך פון צענדליקער יאָרן דערפירט יענעם „חבר פון דער ריי״ אין סט. פאָול צום העכסטן שטאַפל פון ציוניסטישער וועלט־פירערשאַפט.

משה שרת

(געשריבן צו די שלושים פון זיין פטירה, אויגוסט 1965)

איך בין זיכער: אַ ריי אַנדערע חברים — וועלכע האָבן זוכה געווען צו אַרבעטן מיט אים און האָבן געקענט זיך נענטער צוקוקן צו אַלע זיינע געשטאַלטונגען — וועלן אַרויסברענגען בכתב די אַלזייטיקייט פון זיין אויסערגעוויינטלעכער פערזענ־לעכקייט. זיי וועלן זיכער אַרויסברענגען גענוי זיינע אַקטיוויטעטן און איניציאַטיוון, וואָס יעדער פון זיי באַזונדער וואָלט אים געקענט פאַרזיכערן אַן אָרט אין אונדזער מאָדערנער געשיכטע.

אָבער אַפילו יענע חברים וועלן ניט קענען אַרויסברענגען די פולע פערזענ־לעכקייט פון הבר משה שרת. אַזאַ פּרוּוו וואָלט זיך גענייטיקט אין אַ גאַנצער סעריע ביכער. האָט דאָך חבר שרת געלעבט, געווירקט און דורכגעפירט זיינע געבענטשטע איניציאַטיוון אין איינער פון די גרעסטע עפּאָכעס אין דער אַזוי־רייכער יידישער געשיכטע. דערצו האָט ער זיי אַנגעפירט אינעם פּראָצעס פון דער מערקווירדיקסטער רעוואָלוציע, וואָס אַ פאָלק האָט אַדורכגעלעבט אין נאַציאָנאַלן לעבן. ניטאָ קיין איין ווינקל פון מענטשלעכן און יידישן לעבן — ווירטשאַפטלעכן, סאָציאַלן, פּאָליטישן, קולטורעלן, שפּראַכלעכן און אַפילו מיליטערישן — אין וועלכן אונדזער רעוואָ־לוציע איז ניט אַריינגעדרונגען. אויף יעדן פון אָט די שטחים און אין יעדן שטאַפּל פון יעדן באַזונדערן שטח פון אָט די אַלע פּראָצעסן, האָט משה שרת פאַרנומען זיין אייגנאַרטיק אָרט. בכדי אַרויסצוברענגען זיין גאַנץ געשטאַלט, פאָדערט זיך קודם־כל אַ ברייטע שילדערונג סיי פון דער עפּאָכע און סיי פון אַלע פּראָצעסן פון דער רעוואָלוציע, וואָס אין אירע אומגעהויערע דערגרייכונגען ער האָט געהאַט אַזאַ גרויסן חלק.

*

איך וויל פּרוּוון אין די קומענדיקע שורות אַרויסברענגען נאָר איינעם פון די שטריכן פון זיין גייסטיק געשטאַלט; אַ שטריך, וואָס צייכנט אים אויס, אויף איין געביט, ממש ווי אַ חד־בדרא. קיינער פון דער גאַנצער גאַלעריע פּערזענלעכקייטן, מיט וועלכע אונדזער געשיכטע איז געבענטשט געוואָרן אין די לעצטע דריי דורות, קען זיך אויף אָט דעם געביט מיט אים ניט פאַרמעסטן. אויף מיר האָט אָט דער שטריך געהאַט אַ טיפע השפעה. דער שטח, אויף וועלכן אָט דער שטריך איז אַנטפּלעקט געוואָרן, האָט מיך שטענדיק אינטריגירט: דאָס אַריינוואַקסן פון „בילו" אין דער „עליה שניה". דער באַזונדערער שטריך פון זיין גייסטיקער געשטאַלט באַשטייט אין דעם, וואָס ער איז דער בולטסטער סימבאָל פון אָט דער מערקוויר־דיקער המשכדיקייט. יעדעס מאָל, ווען נאָר איך האָב זיך געטראָפן מיט אונדזער גרויסן נפטר, ווען נאָר איך האָב אים געהערט ריידן, איז ער פאַר מיר דערשינען ווי די פאַרקערפּערונג פון אָט דעם סימבאָל.

דאָס האָב איך געזען ניט נאָר אינעם פאַקט וואָס ער איז געווען אַ קינד פון

איינעם פון די וויכטיקסטע „בילויים". אוודאי האָט אָט דער פאַקט פיל בייגעטראָגן צו דער פאַרמירונג פון חבר שרתס גייסטיקע געשטאַלט; אָבער איך האָב אין אים גופא געזען, ווי ביידע דערשיינונגען, סיי פון „בילו", סיי פון דער צווייטער עליה זיינען צוזאַמענגעוואַקסן געוואָרן אין איין און דער זעלביקער פּערזאָן. דאָס איז שוין גאָר אַן אומגעוויינטלעכע דערשיינונג.

מען מוז געדענקען, אַז „בילו" און די צווייטע עליה זיינען גלייכצייטיק געווען סיי צוויי אויפּבראַוזן פון איין און דעם זעלבן היסטאָרישן דראַנג צו נאַציאָנאַלער פרייהייט דורך שיבת־ציון, סיי צוויי גאָר באַזונדערע אַנטפּלעקונגען, וואָס יעדע פון זיי איז באַווירקט געוואָרן פון פאַקטאָרן שהזמן גרמם. די דאָזיקע פאַקטאָרן האָבן אַנדערש געשטאַלטיקט די מענטשן פון „בילו" און אַנדערש פאָרמירט די פּערזענלעכקייטן פון דער צווייטער עליה. אָבער אונדזער גרויסער חבר איז געווען דער גייסטיקער סינטעז פון ביידן.

✶

עס פאָדערט זיך אַ טיפער אַנאַליז בכדי אַרויסצוברענגען די אַנדערשקייט פון די צוויי טיפּן רעוואָלוציאָנערן, וואָס זיינען אויפגעקומען — צוזאַמען מיט גאָר אַ גרויסער צאָל אַנדערע — אין די לעצטע 80 יאָר (ווי „בונד", אָדער יידן טעטיקע אין ניט־יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונגען); און אוודאי פאָדערט זיך מער פאַר־טיפטע קאָנצענטרירונג ווי מען קען עס טאָן אין שורות, וואָס ווערן געשריבן אונטערן רושם פון צער, וואָס מ. שרתס פּטירה האָט פאַרשאַפט. אָבער אַן אַלגע־מיינער שטריך פון די דאָזיקע אַנדערשקייטן וועל איך זיך דאָך באַמיען אָנצוצײ־כענען.

איך זע די אַנדערשקייטן אין אָט דעם: „בילו" איז אַנטשטאַנען ווי דער דירעקט־ספּאָנטאַנער ענטפער אויף די שרעקלעכע פּאָגראָמען אויף די יידן אין רוסלאַנד אין די יאָרן 2־1881. פון דעם פיזיש־פאַרוואונדעטן יידישן האַרץ און פון דער גייסטיק־דערדריקטער יידישער נשמה האָט זיך ספּאָנטאַן אַרויסגעריסן דער רוף: בית יעקב לכו ונלכה. אין דער פרעמד האָבן מיר ניט וואָס צו זוכן. גאָר וויניק האָבן פאַרמאָגט דעם גייסטיקן כוח אַזוי צו רעאַגירן. דער גרויסער יידישער המון האָט אויך געזאָגט „לכו ונלכה", ווייל ער איז אַריינגעשליידערט געוואָרן אין אַ געווירבל פון שרעק און אויסזיכטלאָזיקייט. אָבער זיין „לכו ונלכה" האָט באַ־צוועקט נאָר צו אַנטלויפן, אָבער האָט ניט געשטעלט פאַר זיך קיין ציל, אויסצובאַנען דורך דער קאַטאַסטראָפע אַ קלאָרן וועג צו יידישער נאַציאָנאַלער פרייהייט. צו דער מדרגה פון אַזאַ שעפערישן יאוש האָבן זיך דערהויבן זייער וויניק. אָבער די, וועלכע האָבן זיך דערצו יאָ דערהויבן — האָט עס אין זיי אַרויסגערופן אַ שטאַרקן אידעאַליסטישן שטראָם פון גרייטקייט צו גיין גלייך קיין ארץ־ישראל און צו נעמען אויף זיך אַלע לאַסטן פון איבערבויען זייער לעבן דאָרטן, וווהין די נשמה ציט. אָט די דאָזיקע ספּאָנטאַנישקייט האָט אַרויפגעלייגט איר חותם אויף די פּערזאָנען, וואָס האָבן זיך איר איבערגעגעבן. דער דאָזיקער חותם האָט על־פי רוב געווירקט פּאָזיטיוו. ער האָט געגעבן כוח אויסצוהאַלטן. איך דאַרף ניט אויסרעכענען די אומגעהויערע שטרויכלונגען, וואָס זיי האָבן באַגעגנט אויף זייער וועג. די גאַנצע

ליטעראַטור, וואָס איז פאַרבליבן פון יענעם קאַפּיטל, דערציילט וועגן דעם. אָבער די ספּאָנטאַנקייט האָט אויך געהאַט אירע נעגאַטיווע אויסווירקונגען. זי האָט דער־פירט צו פאַרמעסטן, וואָס מיט אַ ביסל ניכטערער אויסרעכענונג וואָלט מען געקענט זען פאָרויס, אַז דאָס איז איבער זייערע כוחות. אויך וועגן דעם דערציילט די זעלביקע ליטעראַטור. דאָס האָט אָן ספק פיל צוגעטראָגן צו די אַנטוישונגען און דורכפאַלן, וואָס זיי האָבן דורכגעלעבט. ווער ווייסט, צי וואָלט חלילה אָט דער גאַנצער העראָישער קאַפּיטל זיך ניט פאַרענדיקט גאָר־גאָר טראַגיש, ווען עס וואַקסט ניט אויס די צווייטע עליה און נעמט איבער אויף אירע פּלייצעס די המשכ־דיקייט פון דעם, וואָס די בילויים האָבן אָנגעהויבן.

✶

אונטער גאָר אַנדערע באַדינגונגען איז אויפגעשטאַנען די צווייטע עליה. אין דעם פערטל יאָרהונדערט פון 1881 ביז 1906 איז אינעם יידישן פאָלק דורכגעגאַנגען אַ שטראָם פון אינערלעכער מחשבה־פאַרטיפונג. ס׳איז געגאַנג אַרויסצוברענגען איי־ניקע פון די שפּיצן־רעזולטאַטן פון אָט־דער פאַרטיפונג: קודם די ערשטע שריפט פון ד״ר לעאָן פּינסקער „אויטאָעמאַנציפּאַציאָן״; דאַן דאָס אַרויפקומען אויף אונ־דזער געשיכטלעכער אַרענע פון ד״ר טעאָדאָר הערצל; דאַן דאָס צוזאַמענרופן פון ערשטן ציוניסטישן וועלט־קאָנגרעס; דאַן דער גרויסער וויכוח אַרום דעם דאָזיקן קאָנגרעס און אַרום דער עצם־דערשיינונג פון ד״ר הערצל, אַ וויכוח, וואָס האָט געשאַפן אַ ליטעראַטור פון אינערלעכן חשבון־הנפש מיט אחד־העם און זיין טעאָריע בראש. אין מיטן פון די אַלע זוכענישן איז געקומען אַ טראַגישע געשעעניש — דער קישינעווער פּאָגראָם. און ווייל אין די יאָרן צווישן די פּאָגראָמען פון 1881 און דעם קישינעווער פּאָגראָם פון 1903, האָט שוין אַ גרויסער טייל פון דער יידישער אינטע־ליגענץ, בעיקר אין רוסלאַנד, פּוילן און ליטע, געטראָגן אין זייערע נשמות די קערנער פון דער יידישער רעוואָלוציע, האָט דער איינפלוס פון קישינעווער פּאָגראָם ספּאָנטאַן נאָר געקענט אַרויסרופן די זעלבשוץ־באַוועגונג. אָבער אין די זוכענישן פונעם ריכ־טיקן וועג פאַר דער יידישער רעוואָלוציע איז שוין קיין ספּאָנטאַנישקייט ניט געווען. טיף האָט געגראָבן דער יידישער געדאַנק. פאַרשיידענע פאָרמען האָט ער אָנגענומען. עס האָבן זיך אָנגעהויבן פאָרמירן די פאַרשיידענע יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונ־גען. די צווייטע ספּאָנטאַנישע דערשיינונג פון יענע יאָרן איז געווען דאָס אויפקומען פון דעם אוגאַנדאַ־פאָרשלאָג. האָט עס טאַקע געבראַכט טראַגישע רעזולטאַטן. אין סאַמע האַרץ פון דער יידישער רעוואָלוציע האָט עס אויפגעריסן ווי אַ צעשטערערישע באָמבע. דער יידישער געדאַנק האָט גענומען נאָך טיפער דרינגען. ווידער איז געקומען אַ שרעקלעכער יאוש. אַלע אָט די געשעענישן האָבן אַרויסגערופן די עליה שניה.

אין די קורצע זכרונות וואָס עס האָט שפּעטער פאַרעפנטלעכט דער מורה־הדור פון דער צווייטער עליה, דער חבר בערל, ווערט דערציילט וועגן די פאַרצווייפלטע זוכענישן, וואָס ער אַליין האָט אַדורכגעמאַכט, כדי צו געפינען דעם ריכטיקן אויס־וועג צו אונדזער גאולה. פּונקט אַזוי שרייען אָט די זוכענישן אַרויס פונעם פאַר־צווייפלטן האַרץ פון דעם קדוש יוסף־חיים ברענער. דאָס האָט פאַר אונדז אויס־

געשמידט אַ גרופּע פון פאַרהאַרטעוועטע יידישע רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָט באַ־שלאָסן: „אַ סוף צום זוכן!" אונדזער רעוואָלוציע וועלן מיר קענען דורכפירן נאָר דורך אונדזער אייגענער אַרבעט. עס קומט אויף אהרן דוד גאָרדאָן מיט זיין „דת העבודה" און דאַן הייבט זיך אָן דער היסטאָרישער שטייער פון דער צווייטער עליה — דער גרויסער פאַרנעם אין פּראָצעס פון דער יידישער רעוואָלוציע.

✶

אַוודאי האָט די צווייטע עליה איבערגענומען, צוזאַמען מיטן ראַטעווען דאָס וואָס די בילויים האָבן באַוויזן אויסצובויען אין ארץ־ישראל, אויך גאָר אַ גרויסן טייל פון דעם אומאויסשעפּנדיקן אידעאַליזם פון די בילויים. אָט דער אידעאַליזם, צוזאַמען מיט דער פאַרהאַרטעוועטקייט פון דער ערשטער פּלעיאַדע פון דער צווייטער עליה, שטעלן מיט זיך פאָר דעם יסוד פון דער המשכדיקייט צווישן זיי. די דאָזיקע המשכדיקייט ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ נייער עפּאָכע, וואָס זייט אירע ערשטע טעג הייבט זי זיך אָן אויף העכערע שטאַפּלען פון דערגרייכונגען. אויך די נייע עפּאָכע האָט געוווסט גענוג שטרויכלונגען און אַנטוישונגען. אָבער איר פאַרהאַרטעוודיקייט פון אירע ערשטע יאָרן האָט איר מער מסוגל געמאַכט אויסצו־האַלטן — ביז זי האָט דערפירט צום אויפקום פון מדינת־ישראל.

און אָט די המשכדיקייט פון צווי גרויסע אויפבראַזן אין אונדזער מאָדערנער יידישער געשיכטע, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר די סאַמע־העכסטע אָנשטרענגונגען פון דעם שטורעם־דור, ווערט אַמבולטסטן סימבאָליזירט דורך דער פּערזענלעכקייט פון חבר משה שרת זכרונו לברכה. אין אָט דער סימבאָלישקייט איז ער געווען ממש איינציק.

און צוזאַמען מיט דער טרער אויף זיין פרישן קבר זאָג איך: אשרינו, וואָס מיר האָבן זוכה געווען מיט די אייגענע אויגן צו זען אָט די מערקווירדיקע דער־שיינונג.

מאיר בראַון

צו זיינע שלושים (געשריבן אין דעצעמבער 1965)

נאָך איידער די צווייטע עליה האָט אָנגעהויבן ווירקן אין ארץ־ישראל, האָט זיך באַוויזן איר צייט־שותף אין צפון־אַמעריקע. און ער, מאיר בראַון, איז געווען איינער פון די סאַמע ערשטע פון אָט דעם צייט־שותף צו דער צווייטער עליה.

איך האָב פיל מאָל אָנגעוויזן אויף דעם מערקווירדיקן פאַקט, אַז צוויי פון די וויכטיקסטע עפּאָכעס אין דער מאָדערנער יידישער רעוואָלוציע האָבן זיך אָנגעהויבן כמעט גלייכצייטיק אין ארץ־ישראל און אין צפון־אַמעריקע. איך זע אין דעם ניט סתם קיין צופאַל. איך זע אין דעם אַן אַרויסוווקס פון די טיפע, אינעווייניקסטע שטרעבונגען צו נאַציאָנאַלער פרייהייט, וועלכע האָבן אויסגעפילט די הערצער פון דעם מזרח־אייראָפּעישן יידנטום, וואָס האָט געגעבן געבורט צו די בײדע עפּאָכעס און האָט זיי געשיקט צו טאָן זיין שליחות אין די צוויי נייע יידישע קיבוצים, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן פאָרמירן: אין ארץ־ישראל און אין צפון־אַמעריקע. די צוויי וויכטיקסטע עפּאָכעס זיינען: דאָס דערשיינען פון „בילו" און „עם עולם" אין די 80ער יאָרן פון פריערדיקן יאָרהונדערט, און דאָס דערשיינען פון דער צווייטער עליה אין ארץ־ישראל און דער אָנהייב פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין צפון־אַמעריקע אינעם ערשטן צענדליק פון דעם איצטיקן יאָרהונדערט.

די ערשטע צוזאַמענטרעפונג איז אפשר ניט אַזוי שטאַרק בולט. גלייכצייטיק זיינען אויפגעקומען „בילו" און דער אָנהייב פון דער גרויסער מאַסן־עמיגראַציע פון מזרח־אייראָפּע קיין צפון־אַמעריקע. ערשט עטלעכע יאָר נאָך דעם גלייכצייטיקן אָנהייב איז אַנטפּלעקט געוואָרן אין דער מאַסן־עמיגראַציע איר באַגלייטער, דער „עם־עולם", וואָס האָט אין צפון־אַמעריקע אָנגענומען די געשטאַלט פון די ערשטע אַנאַרכיסטישע און סאָציאַליסטישע גרופּירונגען. „בילו" איז גלייך צוגעטראָטן דורכצופירן זיין ציל און איז אַוועק קיין ארץ־ישראל בויען קאָלאָניעס. סיי „בילו" סיי „עם עולם" האָבן ביי זייער דערשיינען אויף דער יידיש־געשיכטלעכער סצענע ניט געזען אין צווייטן פּאַרטנער עפּעס וואָס דערגאַנצט זיי אַליין. פאַרקערט, זיי האָבן געקוקט איינע אויף די אַנדערע, ווי שאַרפע קעגנער. עס האָבן געמוזט אַוועק־גיין דריי צענדליק יאָר פון שאַרפן געראַנגל, ביז די יורשים פון ביידע, פון „בילו" און „עם עולם", האָבן זיך דערקענט, ווי ברידער, וואָס שטאַמען פון איין מקור: די שטרעבונג צו יידישער פרייהייט — און האָבן זיך פאַראייניקט אין געווערק־שאַפטן־קאַמפּיין.

די צווייטע צוזאַמענטרעפונג איז אָבער זייער בולט: די צווייטע עליה קיין ארץ־ישראל און די ערשטע גרינדער פון דער סאָציאַליסטיש־ציוניסטישער באַוועגונג אין צפון־אַמעריקע האָבן גלייך ביי זייער סאַמע אַנטשטיין זיך דערקענט ווי חברים, ווי גרופּן, וואָס שטאַמען פון איין אינערלעכן פאָלקס־דראַנג און שטרעבן צו איין ציל.

און איינער פון די סאַמע ערשטע אין דעם צפון־אַמעריקאַנער שותף איז געווען חבר מאיר בראַון ז״ל.

✶

איך ווייס ניט פּינקטלעך ווען ער איז געקומען קיין אַמעריקע. איין זאַך ווייס איך אָבער זיכער: אַז שוין אין מאַי 1905, נאָך איידער ווער עס איז פון דער צווייטער עליה האָט באַטראָטן דעם באָדן פון ארץ־ישראל, האָב איך אים שוין געטראָפן אויף דעם סאַמע ערשטן צוזאַמענפאָר פון די צפון־אַמעריקאַנער פּועלי־ציון, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין פילאַדעלפיע. דער צוזאַמענפאָר איז פאָר־געקומען אין די אוגאַנדאַ־טעג. די מערהייט פון די דעלעגאַטן (18 פון 23) זיינען שוין געווען טעריטאָריאַליסטן. איך אַליין בין נאָך דאַן געווען צווישן די 5 „פּאַלעס־טינצעס״, אָבער מיט טיפע ספקות אין האַרצן. גלייך נאָך דער קאָנפערענץ בין איך געבליבן מיט דער טעריטאָריאַליסטישער מערהייט. איבער 4 יאָר האָב איך אַוועק־געבלאָנדזשעט פון ארץ־ישראל, זוכנדיק אַן אַנדער טעריטאָריע. חבר בראַון אָבער האָט זיין גאַנצן לעבן אָנגעהאַלטן זיין אידעאָלאָגישע איינשטעלונג. אויף קיין איין מאָמענט האָט ער ניט אַוועקגעבלאָנדזשעט אַן אַ זייט. און 60 יאָר נאָך אַנאַנד איז ער מיטגעגאַנגען מיט דער מאָדערנער יידישער רעוואָלוציע.

✶

ווען מען טראַכט וועגן ווען עס איז פון יענע ערשטע חברים, וואָס די מערסטע פון זיי זיינען שוין אויפן עולם האמת, גייט־דורך אין זכרון זייער חלק אין אַלע גרויסע, און אויך קלענערע אונטערנעמונגען, וואָס די סאָציאַליסטיש־ציוניסטישע באַוועגונג האָט דורכגעפירט אין צפון־אַמעריקע און אין ארץ־ישראל. און אַוודאי איז אויך געווען גאָר וואָגיק דער חלק פון חבר בראַון אין אַלע פון זיי. כדי אויסצורעכענען זיי אַלע, וואָלט מען געדאַרפט שרייבן די פולע געשיכטע פון אָט דער מערקווירדיקער באַוועגונג. אָבער פון איינער פון די חשובסטע אויפטואונגען פון אונדזער באַוועגונג — דאָס אויפבויען פון יידיש־נאַציאָנאַלן אַר־בעטער־פאַרבאַנד, איז ער געווען ממש סיי דער טאַטע, סיי די מאַמע. ער האָט דעם געדאַנק דער ערשטער פאַרטראַכט און ער איז עס אויך געווען דער, וואָס האָט געגעבן ממשותדיקן געבורט צום „פאַרבאַנד״. און צום באַשטימען, אין סאַמע אָנהייב, דעם גייסטיקן פּרצוף פון „פאַרבאַנד״ האָט ער זיכער צוגעטראָגן דעם לייבן־טייל. איך זאָג „אין סאַמע אָנהייב״, ווייל דער „פאַרבאַנד״ איז ניט געבליבן אין די גייסטיקע ראַמען פון זיין אָנהייב. דער „פאַרבאַנד״ האָט זיך, ווי יעדער לעבעדיקע קערפּערשאַפט, געהאַלטן אין כסדרדיקן פאַרטיפן זיך גייסטיק. ער איז לסוף געוואָרן דאָס, וואָס נחמן סירקין האָט געוואָלט, אַז ער זאָל זיין. איך האָב שוין געהאַט ניט איין געלעגנהייט, נאָך ווען חבר בראַון האָט געלעבט, מודה צו זיין, אַז ער, חבר בראַון, און ניט איך (וואָס האָב געשטיצט חבר סירקינס איינשטעלונג) איז געווען גערעכט. ווען מען וואָלט דאַן אָנגענומען די שטעלונג פון חבר סירקין, תיכף אַוועקצושטעלן דעם נייעם „פאַרבאַנד״ אויפן יסוד פון טעריטאָריאַליסטישן פּרינציפּ (דאָס הייסט: אַריינצונעמען נאָר אַזעלכע חברים, וואָס נעמען־אָן דעם פּרינציפּ, אַז די יידישע פראַגע קען פאַרענטפערט ווערן נאָר דורך בויען אַן אייגענע

טעריטאָריע), איז אַ גרויסער ספק צי דער „פאַרבאַנד" וואָלט אויסגעוואַקסן צו אַט דער השפּעהפולער קערפּערשאַפט אין אַמעריקאַנער יידישן לעבן און צי ער וואָלט געווען בכוח צוצוטראָגן אַזאַ חלק צו דער בוי־אַרבעט אין ארץ־ישראל, סיי אײדער די מדינה איז אויפגעשטעלט געוואָרן, סיי אין די לעצטע 17 יאָר פון דער מדינהס עקזיסטענץ.

*

דער וויכטיקסטער געראַנגל וועגן דעם גייסטיקן יסוד פון „פאַרבאַנד" איז אַנגעגאַנגען אויף דער 5טער קאָנפערענץ פון די פּועלי־ציון, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין מאָנטרעאַל, אין 1910. דאָס איז שוין געווען נאָך דער פאַראייניקונג־קאָנפערענץ פון 1909, ווען אַלע — איינשליסנדיק סירקין, זשיטלאָווסקי און מיין ווייניקייט — האָבן זיך שוין פעסט געשטעלט אויפן שטאַנדפּונקט, אַז ארץ־ישראל איז די איינציקע טעריטאָריע פאַרן יידישן פאָלק. דעריבער, ווען חבר נחמן סירקין האָט געזאָגט אַז דער „פאַרבאַנד" דאַרף אַנגעמען דעם טעריטאָריאַליסטישן פּרינ־ציפּ, איז דערמיט געווען געמיינט ארץ־ישראל. און חבר בראָון איז דאָך אַוודאי, ווי אויבן געזאָגט, אין די אַלע 60 יאָר פון זיין אַקטיוון לעבן געשטאַנען שטאַל און אייזן פאַר ארץ־ישראל. דאָך האָט חבר בראָון געטענהט, אַז דער גייסטיקער באַזיס פון „פאַרבאַנד" דאַרף זיין די נאַציאָנאַלע ווידעראויפלעבונג פון יידישן פאָלק. ווער עס שטימט־איין מיט דעם, צי ער איז אַ טעריטאָריאַליסט, אָדער ניט, דאַרף געפינען פּלאַץ אין „פאַרבאַנד". און חבר בראָון האָט מנצח געווען. די קאָנפערענץ האָט אָנגענומען זיין שטאַנדפּונקט.

אמת, אים האָט דאַן שטאַרק אַרויסגעהאָלפן ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, וועלכער איז דאַן געווען אַ מיטגליד פון פּועלי־ציון צענטראַל־קאָמיטעט, וואָס איז אויס־געקליבן געוואָרן אויף דער פאַראייניקונגס־קאָנפערענץ אין שיקאַגאָ אין 1909. ווי אַזעלכער האָט ער זיך באַטייליקט אין דער מאָנטרעאָלער קאָנפערענץ. חבר זשיט־לאָווסקי האָט שטאַרק געשטיצט חבר בראָונס שטעלונג. אָבער איך בין זיכער, אַז די קאָנפערענץ האָט דאַן אָנגענומען איר באַשלוס ניט צוליב די מאָטיווירונגען פון ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, נאָר צוליב די מאָטיווירונגען פון חבר מאיר בראָון. וויל די מאָטיווירונגען זייערע זיינען געווען פון אַ פאַרשיידענעם כאַראַקטער.

ד״ר חיים זשיטלאָווסקי האָט אַזוי אַרגומענטירט: דער „פאַרבאַנד" דאַרף זיין אַ ברייטע אָרגאַניזאַציע, וואָס עס זאָל מעגלעך זיין פאַר מיטגלידער פון אַלע 4 יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין איר זיך אָנצושליסן. די 4 פּאַרטייען זיינען געווען: דער „בונד", די פּועלי־ציון, די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן און זיין, זשיטלאָווסקיס, באַזונדערע פּאַרטיי, די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן־טעריטאָריאַ־ליסטן. אויפן באַזיס פון אָט דעם וויכוח איז עס פאָרגעקומען די שאַרפע סאַטירישע פּאָלעמיק צווישן ד״ר זשיטלאָווסקי און ד״ר סירקין.

חבר בראָון האָט פּשוט פאַרלאַנגט, אַז יעדער יידישער פאָלקס־מענטש מיט אַ גע־פיל פאַרן קאַמף פון יידישן פאָלק פאַר זיין קיום, זאָל קענען געפינען פּלאַץ אין „פאַרבאַנד". און אָט דער שטאַנדפּונקט האָט געזיגט אויף דער מאָנטרעאָלער קאָנ־פערענץ. אָט דעם זיג האָט דעמאָלט געעפנט די טיר פאַר גרעסערע מאַסן אַריינצוגיין

אין „פאַרבאַנד" און מאַכן פון אים אַ שטאַרקן אָרגאַניזירטן כוח אין אַמעריקאַנער יידנטום.

דער זעלביקער חבר בראָון האָט, צוזאַמען מיט אַ גרופּע חברים, וואָס האָבן זיך געשטעלט בראש פון פאַרבאַנד, אַלץ געטאָן, אַזוי צו דערציִען די מיטגלידער, אַז דער „פאַרבאַנד" איז סוף־סוף געוואָרן דאָס וואָס חבר נחמן סירקין האָט געוואָלט: אַ באַסטיאָן ניט נאָר פאַר דעם פולן סאָציאַליסטיש־ציוניסטישן געדאַנק, נאָר אויך אַ וויכטיקער כוח אין פאַרוואַנדלען די אידעען אין לעבעדיקע רעאַליטעטן. דאָס איז געווען די ראָלע פון פאַרבאַנד אין אַלע בוי־אַרבעטן אין ארץ־ישראל, וואָס האָבן דערפירט צו הקמת המדינה. די זעלביקע ראָלע פירט דער פאַרבאַנד אויס אין באַפעסטיקן די מדינה זינט זי עקזיסטירט. דערצו האָט נאָך דער פאַרבאַנד אַ גאָר גרויסן חלק אינעם קאַמף פון צפון־אַמעריקאַנער יידנטום פאַר זיין יידישן המשך. אין אַלע אַרבעטן פון פאַרבאַנד סיי אין ארץ־ישראל פריִער און אין מדינת ישראל שפּעטער, סיי פאַר יידישן המשך אין די וויכטיקסטע גלותן פילט זיך זייער שטאַרק די השראה און השפעה פון איצט פאַרשטאָרבענעם חבר מאיר בראָון. די שפּעטער־דיקע וויכטיקע פירער פון פאַרבאַנד האָבן טריי ממשיך געווען און זיינען אויך איצטער ממשיך אין זיין וועג.

*

און טראַכטנדיק וועגן זיין נאָך אַזוי פרישן קבר גייט־אויף אין מיר דאָס געפיל, אַז יענע, וואָס האָבן אים מקבר געווען, האָבן אַריינגעלייגט אין קבר דאָס פיזישע פון יענעם מענטשן, וואָס זיין גייסט האָט 60 יאָר פון זיין באַוווּסטזיניקן לעבן געטראָגן אין זיך און געזייט אַרום זיך די קערנער פון דער מאָדערנער יידישער רעוואָלוציע.

אַלע די, וואָס האָבן זוכה געווען מיטצואַרבעטן מיט אים, און איך צווישן זיי, וועלן פּרובירן ווייטער זייען אָט די קערנער, כדי פון זיי זאָלן אַרויסוואַקסן נייע פלאַנצן, וואָס זאָלן זיין בכוח צו דערפירן צו דער פולשטענדיקער רעאַליזירונג פון סאָציאַ־ליסטישן ציוניזם.

גאָלדע מאיר
(געשריבן אין פעברואַר 1966)

די גאַנצע ישראל־פּרעסע — ווי עס איז געווען צו דערוואַרטן — האָט אַרויס־באַגלייט גאָלדעס אַרויסטריט פון דער רעגירונג מיט אמתער צערטלעכקייט. איך מעג אַפילו זאָגן: מיט אויפריכטיקער ליבשאַפט. עס האָבן נאַטירלעך ניט געפעלט קיין דראַמאַטישע זכרונות. למשל: איר דערשיינען אין מאָסקווע. יעדער איינער, וואָס האָט וועגן איר געשריבן, האָט אָט דעם פונקט ניט דורכגעלאָזן, ווייל יענער מאָמענט איז געבליבן טיף פאַרקריצט אין אַלעמענס געמיט. מ׳האָט אויך דער־מאָנט איר באַגעגעניש מיט אַבדאַללאַ, קעניג פון ירדן; אירע וויכטיקע אויפטריטן אויף אינטערנאַציאָנאַלע טריבונאַלן אין נאָמען פון מדינת־ישראל און אירע באַגע־געניש מיט די פּאָליטישע פירער פון כמעט דער גאַנצער מענטשלעכער משפחה. עס האָבן נאַטירלעך אויך ניט געפעלט אין דער רשימה פון אירע דערגרייכונגען די פאַרשיידענע אַמטן, וואָס זי האָט פאַרנומען אינעם ישוב איידער די מדינה איז אויפגעשטעלט געוואָרן און די וויכטיקע פּאָרטפעלן, וואָס זי האָט פאַרנומען אין דער רעגירונג זייט די מדינה עקזיסטירט. אַלץ צוזאַמען שטעלט פאַר אַ ריזיקן בלומענקראַנץ, וואָס איז איר צוגעטראָגן געוואָרן. דערביי איז זי באַגלייט געוואָרן מיט האַרציקע ברכות, אַז זי זאָל נאָך לאַנגע יאָרן ממשיך זיין בייצושטייערן, פאַר מדינת־ישראל בפרט און עם ישראל בכלל, אירע געבענטשטע באַגאַבונגען.

טייל פּובליציסטן האָבן אַפילו פּרובירט מאַכן אַ פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז, פון וואַנען זי האָט געצויגן דעם כוח צו קענען — און נאָך אויף אַזאַ עלעגאַנטן אופן — דאָס אַלץ דורכפירן. אַ שטיקל ענטפער האָט זי, גאָלדע, אַליין בייגעשטייערט. ביי פאַרשידענע פייערלעכע געזעגענונגען מיט איר, האָט זי, אויף איר פּשטותדיקן שטייגער, געזאָגט, אַז אָפט וווּנדערט זי זיך אַליין, פאַר וואָס ס׳איז אויף איר גורל — די טאָכטער פון אַ יידישן סטאָליער אין קיעוו — אויסגעפאַלן דאָס גרויסע גליק, צוזאַמען מיט דער נאָך־גרעסערער אַחריות. זי גיט אויף דעם איר פּשטותדיקן ענטפער: זי ציט איר כוח פונעם גרויסן נס פון הקמת המדינה. פאַר איר איז דאָס נאָך אַלץ אַ נס עד היום הזה. ווען נאָר עס קומט איר אויס צו רעפּרעזענטירן די מדינה, דערמאָנט זי זיך אינעם דאָזיקן נס און קריגט דערפון די נויטיקע דער־הייבונג, דורכצופירן איר שליחות ווי זי זאָל זיך ניט געפינען.

*

ביים טראַכטן וועגן דער דערשיינונג „גאָלדע״ קומט מיר אויפן רעיון דער געדאַנק, וואָס איך האָב אָנגעהויבן שפּינען בשייכות מיט משה שרת, זכרונו לברכה (זע אויבן). עפּעס ענלעכס דערצו זע איך אין גאָלדען. ווי אין יעדן פאַרגלייך צווישן צוויי פּערזענלעכקייטן זיינען אַוודאי אויך דאָ פאַראַן אַ ריי אַנדערשקייטן, אָבער זיי געהערן ניט צו דער היינטיקער טעמע. דעם פאַרגלייך צווישן זיי זע איך נאָר אין דער צוזאַמענוווּקס פון צוויי גייסטיקע עלעמענטן אין איין גאַנצקייט.

גאָלדע טראָגט אין זיך דעם מיזוג פון יענע צוויי געשיכטלעכע כוחות, אויף וועמען דער שׂר האומה האָט אַרויפגעלייגט די אַחריות פאַרן קיום פון עם ישראל בכלל און מדינת־ישראל בפרט: די כוחות פון צפון־אַמעריקאַנער יידנטום און דאָס יידנטום פון ארץ־ישראל פריער און מדינת־ישראל זייט איר אויפקום. איך פיר אַדורך אין מיין מחשבה די גרויסע רשימה פון פערזענלעכקייטן, וואָס זיינען אויפגעטראָטן מיט זייערע וויכטיקע ראָלעס אין אונדזער מאָדערנער רעוואָלוציע — און קען ניט געפינען קיין צווייטן, וואָס האָט אַזוי ווי זי סימבאָליזירט סיי די יידן פון צפון־אַמעריקע, סיי די יידן פון ארץ־ישראל און מדינת־ישראל. אוודאי זיינען טייל פון זיי טיפער אַריינגעדרונגען אין די וועזנס און אין די מקורות פון ביידע. אָבער אַזוי צוזאַמענגעגיסן אין זייערע אייגענע געמיטער די גייסטיקע אויסווירקונג פון ביידע טיפן יידנטום, ווי אין דער נשמה פון גאָלדען, אַזאַ האָב איך ניט געקענט געפינען.

פונקט ווי אין פאַל פון חבר משה שרת (איר צו לענגערע יאָר) איז דאָ ניט די רייד וועגן אַ בריק צווישן צוויי באַוועגונגען; עס רעדט זיך וועגן דעם גייסטיקן באַגאַזש, וואָס זי האָט פון ביידן גענאָסן און וואָס אין איר געמיט, אין איר נשמה איז עס געוואָרן אַ פולע גאַנצקייט.

*

גאָלדע איז ניט געווען די ערשטע חלוצה, וואָס איז געקומען פון צפון־אַמעריקע. העכער אַ צענדליק יאָר פאַר איר עליה זיינען פון צפון־אַמעריקע געקומען סיי דער באַרימטער אליעזר יפה, וועלכער איז געווען נאָענט צו אונדזער באַוועגונג, סיי דער חבר בערל קליי, וואָס איז געווען אונדזערס אַ פּאַרטיי־חבר. אַ פּאָר יאָר שפּעטער האָט עולה־געווען דער מאָנטרעאָלער חבר יעקב פּרוזשאַנסקי, וואָס איז אין ארץ־ישראל באַקאַנט געוואָרן אונטערן נאָמען יעקב אַחווה. געציילטע יאָרן שפּעטער האָט עולה־געווען דער חבר ד״ר א. ש. וואַלדשטיין, וואָס האָט פאַר זיין עליה באַוויזן צו אָרגאַניזירן דעם ערשטן פּועלי־ציון־החלוץ אין צפון־אַמעריקע און רעדאַגירן במשך פון אַ צאָל חדשים דעם „אידישן קעמפער״. עס האָבן עולה־געווען נאָך חברות און חברים, וועלכע זיינען געבליבן אַנאָנים. איך רייד שוין ניט וועגן אַזאַ חלוץ פון אַמעריקע ווי שמעון גאָלדמאַן פון סט. לואיס, וועלכער איז געווען אין ארץ־ישראל אין די 90ער יאָרן פון לעצטן יאָרהונדערט, האָט זיך דאַן אומגעקערט קיין סט. לואיס און האָט מאָביליזירט מיט זיך נאָך עולים און באַדייטנדיקע קאַפּיטאַלן און געבויט קאָלאָניעס אין ארץ־ישראל. איינע פון זיי, די קאָלאָניע פּוריה, עקזיסטירט נאָך (אמת, אין זייער אַ פאַרנאַכלעסיקטן צושטאַנד) עד היום הזה. אוודאי רייד איך דאָ אויך ניט וועגן די עטלעכע טויזנט חברות און חברים, וואָס האָבן עולה געווען מיטן לעגיאָן פון צפון־אַמעריקע, צווישן וועלכע עס זיינען געווען חברים פון גאָר וואָגיקער באַדייטונג פאַר דער באַוועגונג, ווי, צום ביישפּיל, גרשון אַגראָנין פון דעטראָיט, וועלוול שוואַרץ און פּנחס גינגאָלד פון ניו־יאָרק און נאָך אַ סך אַזעלכע.

אָבער איך זאָג, אַפילו אָן דעם מינדסטן שמץ פון גוזמא, אַז ווייניקע פון די אַלע — אפשר מיטן אויסנאַם פון חבר וואַלדשטיין — זיינען געווען אַזוי דורכ־

געדרונגען פון דער גייסט־שפע, וואָס אַמעריקע בכלל און דאָס אַמעריקאַנער יידנ־טום בפרט האָבן פון זיך אַרויסגעשטראַלט. עס האָבן נאָך דאַן געהערשט דער ספּע־ציעלער גייסט פון טאָמאַס דזשעפערסאָן און דאָס אַמעריקאַנער יידנטום האָט דאַן אַרויסגעבראַכט אַ גאַנצע ריי טיפן, וואָס אין מיינע אויגן זיינען די קענטיקסטע פון זיי געווען הענריעטאַ סאָלד און לואי ליפּסקי. גאָלדע האָט זיכער שוין דאַן פאַרמאָגט די פעיִקייט צו געניסן פון אָט דער שפע. איר גייסטיקע אויפנעם־פעיִקייט איז שוין דאַן געווען אַן אויסערגעוויינטלעכע. גאָלדע האָט אויך באַוויזן אַריינ־צוזייגן אין איר נשמה דאָס ליכט פון מזרח־איראָפּעיִשן יידנטום, קודם דורך איר אייגענער משפחה און דאַן דורך אירע באַגעגענישן — טאָקע אין הויז פון אירע עלטערן — מיט מענטשן, וואָס האָבן מיט זיך רעפּרעזענטירט דעם גייסט פון מזרח־איראָפּעיִשן יידנטום. דאָס אַלץ האָט זי פאַרמאָגט אין איר געמיט און שפּע־טער, ווען זי איז געקומען אין ארץ־ישראל, האָט זי עס צוזאַמענגעגאָסן מיט דער נייער גייסטיקער שפע, וואָס זי האָט באַגעגנט אין די חלוצישע קרייזן פון ארץ־ישראל. דאָס האָט פאַרמירט איר אייגנאַרטיקע גייסטיקע פּערזענלעכקייט.

✶

איך וויל דאָ אַרויסברענגען צוויי ספּעציעלע פּערזענלעכע מאָמענטן, וועלכע זיינען געבליבן פאַרוואָרצלט אין מיין נשמה. דער ערשטער מאָמענט האָט פּאַסירט גלייך נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע. אונדזער באַוועגונג האָט דאַן אַדורכגעפירט גרויסע אימפּרעזעס איבער גאַנץ צפון־אַמעריקע, אין וועלכע עס האָבן זיך באַטייליקט אונדזערע בעסטע כוחות. צווישן זיי: חיים זשיטלאָווסקי און נחמן סירקין. עס זיינען דאַן אויך געווען אין אַמעריקע די צוויי חברים פון ארץ־ישראל: יצחק בן־צבי, עליו השלום, און — אים צו לאַנגע יאָר — דוד בן־גוריון. מיר איז באַשערט געווען צו באַזוכן גאָלדעס שטאָט צוזאַמען מיט חבר נחמן סירקין. וועגן אָט די אימפּרעזעס האָב איך באַריכות דערציילט אין מיינע זכרונות. איך האָב אָבער דאָרט אויסגע־לאָזט איין וויכטיקן פּרט בנוגע חברה גאָלדע, וועלכע איז דאַן געווען גאָר אַ יונג מיידל.

אַזאַ אימפּרעזע ווי דעמאָלט האָבן די יידן פון מילוואָקי ביז דאַן נאָך קיין מאָל ניט דורכגעלעבט. סירקינס רעדע האָט אַריינגעבראַכט דעם עולם אין אַזאַ התרומ־מות־הרוח, וואָס איז אַפילו אים, דעם חבר סירקין, זעלטן אַזוי געלונגען. באַטירלעך, איז יענעם אָוונט — און דעם קומענדיקן טאָג — דער יידישער עולם געווען אונטערן איינדרוק פון דער אימפּרעזע. האָט מען אויך אין הויז פון דער מאַזאָוויץ־משפחה — גאָלדעס עלטערן — נאָר גערעדט וועגן דעם. חבר סירקין איז איינגעשטאַנען אין אַ האָטעל און איך האָב איבערגענעכטיקט אין הויז פון אַ חבר. גאָלדעס משפחה האָט געהערט צו מיינע אַלטע פריינד. די עלטערן האָב איך נאָך געדענקט פון מיין באַזוך אין מילוואָקי מיט גאַנצע 10 יאָר פריער, אין 1907. גאָלדעס עלטערע שוועס־טער שיינע און איר מאַן (שמאי קאָרנגאָלד) האָב איך געקענט פון אַ פריערדיקן באַזוך, אָבער ניט אין מילוואָקי נאָר אין דענווער, קאָלאָראַדאָ. איך האָב וועגן דעם אויך געשריבן אינעם ספּעציעלן קאַפּיטל וועגן מיינע באַגעגענישן מיט דעם גרויסן פּאָעט יהואש. שמאי און שיינע זיינען עס געווען די אונטערפירער, וואָס האָבן מיך

באַקענט מיט יהושע. בין איך גאַנץ נאַטירלעך געווען צופרידן צו האָבן מיין נאַכט־לעגער אין אַזאַ הויז.

אויף מאָרגן, גלייך נאָך פרישטיק, האָט דווקא די יונגינקע גאָלדע פאַרפירט מיט מיר אַ שמועס וועגן דער נעכטיקער אימפּרעזע. איך בין ממש נשתומם געוואָרן, ווען במשך פונעם שמועס האָט גאָלדע מיר געשטעלט אַזאַ פשוטע פראַגע: „קענען מיר זיין זיכער, אַז די ענגלענדער וועלן אונדז ניט אָפּנאַרן, ווען דאָס וועט זיך זיי לוינען?" וואָס איך האָב איר געענטפערט, האָט געמוזט זיין זייער אומוויכטיק, ווייל איך געדענק עס אַפילו ניט. איך דערמאָן זיך אָבער, אַז איך האָב ביי זיך געטראַכט: גוט, וואָס זי האָט די פראַגע ניט געשטעלט דעם חבר סירקין. אים וואָלט זי נאָך אפשר מער צעטומלט ווי מיך, ווייל חבר סירקין האָט אין יענע יאָרן געהאַט אַן אומבאַגרענעצטן צוטרוי צו ענגלאַנד. דאָס האָט זיך נאָך געצויגן זינט די אוגאַנדאַ־צייטן. שוין דאַן האָט דער פאַקט, וואָס הינטער דער אוגאַנדאַ־פאָרשלאָג שטייט ענגלאַנד און ניט טערקיי, געהערט צו די מאָטיוון, וואָס האָט געפירט חבר סירקינען צום טעריטאָריאַליזם. איך בין מודה, אַז איך אַליין האָב ניט געוואַגט צו אינפאָרמירן דעם חבר סירקין וועגן דער יונגער גאָלדעס מערקווירדיקער פראַגע. אָבער איך רעכן, אַז עס איז איצט כדאי צו פאַרצייכענען אָט־דעם פאַקט. ער באַווייזט, אַז שוין אין אירע גאָר יונגע יאָרן האָט זי דעמאָנסטרירט אַזאַ שאַרפן פּאָליטיש־דיפּלאָמאַטישן חוש.

✶

דער צווייטער מאָמענט איז פאַרבונדן מיט איר עליה קיין ארץ־ישראל. במשך דער צייט צווישן דער באַלפור־דעקלאַראַציע און איר עליה האָב איך זי באַגעגנט אַ סך מאָל, סיי אין מילוואָקי, סיי אין שיקאַגאָ — פלעצער וועלכע איך האָב זייער אָפט באַזוכט, אין פאַרבינדונג מיט דער פּאַרטיי, ווי אויך אין די אינטערעסן פון „פּיפּלס רעליף". אויך גאָלדע פלעגט זייער אָפט קומען קיין שיקאַגאָ. אונדזער חברשאַפט איז דורך דעם געוואָרן נאָך נענטער און טיפער.

במשך פון דער צייט האָט זי חתונה געהאַט מיט חבר מאָריס מאירסאָן, איינער פון די ריינסטע פערזענלעכקייטן, וואָס איך האָב ווען עס איז באַגעגנט. דאָס איז געווען אַ גריבלער אין דער אייגענער נשמה; פול מיט ספיקות וועגן דער גאַנצער עקזיסטענץ; זייער שעמעוודיק און צוריקגעצויגן. ווען זיי האָבן באַשלאָסן עולה צו זיין, האָבן זיי געדאַרפט נעמען אַ שיף, וואָס איז אָפּגעגאַנגען פון באָסטאָן קיין ארץ־ישראל. זיינען זיי געקומען קיין ניו־יאָרק עטלעכע טעג, איידער די שיף האָט געדאַרפט אָפּשווימען. איך האָב דאַן געהאַט אַ מעגלעכקייט אָפּצוצאָלן איר און איר משפחה פאַר דעם אופן, ווי זיי האָבן מיך באַהאַנדלט אַזוי פיל מאָל בעת איך האָב באַזוכט מילוואָקי. זיינען זיי פאַרפאָרן צו מיר אין הויז (אויף האָטעלן איז ניט געווען געגנוג מיטלען, פונקט ווי איך האָב געוואָלט שפּאָרן די קאָסטן פון האָטעלן בעת אַלע מיינע רייזעס איבער צפון־אַמעריקע). מיין חברטע נינאַ איז געווען גאָר גליקלעך פון דער געלעגנהייט. טראָץ דעם וואָס אונדזער צווייטע טאָכטער נעמי איז נאָך דאַן געווען אַ פּיצל קינד, האָט מיין נינאַ געפונען גענוג צייט צו באַזאָרגן די געסט מיט וואָס נאָר מיר האָבן געקענט. אָבער איין זאַך האָבן מיר ניט פאַר־

מאָגט: קיין ספּעציעל בעט פאַר די געסט. זיינען זיי דעריבער געשלאָפן אויף דער פּאָדלאָגע. אפשר האָט אַט דער פאַל זיי געדינט ווי דער אָנהייב צו אַזעלכע גע־לעגערס, מיט וועלכע זיי האָבן שפּעטער זיך געמוזט באַנוגענען, ווען זיי זיינען געווען אין מרחביה. סיי ווי: גאָלדעס שטימונג האָט דערפון ווייניק געליטן. זי איז שוין דאַן געווען פול מיט דערוואַרטונגען, צוזאַמענגעמישט מיט ספיקות, וואָס פאַראַ גורל עס דערוואַרט זיי אין ארץ־ישראל. אָבער פון איר האָט אַרויסגעשפּריצט אומגעדולד, וואָס שנעלער קומען אַהין און באַגעגענען זייער גורל. ווען עס איז געקומען דער טאָג פון שיידונג, האָט גאָלדע אויף זיך אָנגעטאָן די רייזע־בגדים און זיך פאַרטיק געמאַכט אין וועג אַריין. דאַן איז זי צוגעגאַנגען צום וויגל פון אונדזער טעכטערל און מיט אַזאַ זיכערקייט — וואָס האָט מיך ווידער דערשטוינט — אַריינגערעדט אין וויגל: „מיט דיר, קליינינקע, וועלן מיר זיך זיכער באַגעגענען אין ארץ־ישראל. דיין טאַטע־מאַמע קענען ניט אָפּקומען בלויז מיט ריידן וועגן ארץ־ישראל".

ווען זי האָט אויפגעהויבן אירע אויגן פון וויגעלע האָט זי זיך אַ קער געטאָן צו אונדז און כמעט אַ פאַרשעמטע געזאָגט: „איאָ, איך ריד נאַרישקייטן! — און אפשר וועט עס טאַקע אַזוי זיין? הלוואי, לאָמיר זיך וואָס גיכער טרעפן דאָרטן".

יאָרן זיינען אַוועק, און ווען מיר זיינען צום ערשטן מאָל געקומען אין ארץ־ישראל אין יאָר 1932, איז שוין גאָלדע געווען אויף די הויכע שטאַפּלען פון איר מערקווירדיקער קאַריערע; אַ קאַריערע, וואָס איז דער רעזולטאַט פון דער אמתער, דערפאָלגרייכער סינטעזע פון יידנטום אין צפון־אַמעריקע און פונעם יידנטום אין ארץ־ישראל.

און אַוודאי שליס איך זיך אָן אין דער גרויסער מחנה פון יענע, וואָס ווינטשן איר נאָך אַ סך יאָרן פון טעטיקייט אויף אַלע שטחים — פון יידישן פאָלק, פון דער יידישער מדינה און פון דער גאַנצער מענטשלעכער משפּחה.

אריה לעאָן קובובי

(געשריבן תיכף נאָך זיין פטירה אין מאַי 1966)

אין די צוויי סאַמע וויכטיקסטע שטחים פון אונדזער מאָדערנער יידישער געשיכטע — אין אונדזער גרעסטער קאַטאַסטראָפע און אין דער העכסטער היסטאָרישע דערגרייכונג — האָט דער נפטר אַריינגעגעבן דעם גופך משלו. ער האָט צוגעטראָגן זיין חלק מיט אויסערגעוויינטלעכער באַגאַבונג, אומבאַגרענעצטער איבערגעבנקייט און מיט אַן עלעגאַנץ, וואָס איז געווען אַ קענטיקער טייל פון זיין אומפאַרגעסלעכער פערזענלעכקייט.

מיר איז באַשערט געווען דער זכות צו זיין אַן עדות פון איניקע זיינע שפּיצן־דערגרייכונגען: א) פון זיין ראָל אין פאַרמירן, אין נאָמען פון יידישן וועלט־קאָנגרעס, די פּאָליטישע פאָדערונגען פון יידישן פאָלק ביים סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה; ב) פון זיין מעמד ווי אַן אַמבאַסאַדאָר פון אונדזער יונגער מדינה אין אַרגענטינע; ג) פון זיין ראָלע אין דער אָנפירונג פון „יד ושם". אין די קומענדיקע שורות וועל איך זיך באַמיען צו שילדערן זיין חלק אין אָט די אַלע דריי שטחים.

✶

דאָס איז געווען אין די יאָרן 1943, 1944 און 1945. עס איז שוין דאַן (בעיקר אין די לעצטע צוויי יאָר) געווען קלאָר, אַז די אַליאירטע וועלן סוף־סוף זיגן און וועלן פאַרניכטן די היטלער־שלאַנג. מען האָט שוין דאַן געוווּסט ווי גרויס עס איז אונדזער חורבן; מען האָט שוין אויך געוווּסט בערך אין וואָס פאַר אַ לאַגע עס וועט זיך געפינען די שארית הפליטה אין די לאַגערן. איינע פון די וויכטיקסטע פּראָבלעמען, וואָס זיינען דאַן באַהאַנדלט געוואָרן ביי דער עקזעקוטיווע פון יידישן וועלט־קאָנגרעס (אריה קובובי איז דאַן געווען דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער עקזעקוטיווע און ער האָט אין גאָר אַ גרויסער מאָס איניציאירט אָט די וויכוחים) איז געווען די פראַגע פון רעפּאַטריאַציע. חבר קובובי (דאַן ד"ר לעאָן קובאָוויצקי) האָט זיך פאַרבונדן מיט אַלע אינטערנאַציאָנאַלע מקורות, וואָס האָבן אויך פאַרהאַנדלט וועגן די נאָך־מלחמה פּראָבלעמען. פון אָט די פאַרהאַנדלונגען איז קלאָר געוואָרן, אַז איינע פון די הויפּט־פאָדערונגען פון די אַליאירטע וועט זיין: צוריקצוברענגען די פּליטים, פון אַלע פעלקערשאַפטן, אין די לענדער פון וואַנען זיי זיינען אַרויסגעריסן געוואָרן דורך די נאַציס. דאַן איז אויפגעקומען די פראַגע: וואָס וועט זיין מיט די יידישע פּליטים? וועלן אויך זיי געצוווּנגען ווערן צוריקצוגיין צו די לענדער, וואָס זייער ערד איז אָדורכגעווייקט פון יידיש בלוט? און וואָס שטייט פאַר די יידישע רעפּאַטריאַנטן אין זייערע אַלטע לענדער, פון וועלכע זיי זיינען געקומען? עס איז קלאָר געוואָרן פאַר אונדז אַלעמען, אַז אַזאַ רעפּאַטריאַציע וועט ברענגען נייע אומגליקן אויף דער שארית הפליטה. עס איז אויך פאַר אַלעמען קלאָר געוואָרן, אַז דער בעסטער ענטפער פאַר דער יידישער שארית

הפליטה וועט זיין — ברענגען זי קיין ארץ־ישראל. אָבער דאָס וועט דאָך מיינען, אַז מיר פאָדערן אַ פּריווילעגיע פאַר די יידישע פּליטים, און דאָס איז ניט אין הסכם מיטן אינטערנאַציאָנאַלן איינשטעל, אַז פּליטים דאַרפן רעפּאַטריאירט ווערן.

ד״ר קובאָוויצקי האָט דאַן באַקומען דעם אויפטראָג פון דער עקזעקוטיווע אויסצואַרבעטן אַ לעגאַלע באַגרינדונג פון אונדזערע פאָדערונגען, וואָס איז באַזירט אויף דער אויסנאַם־לאַגע פון אונדזערע יידישע פּליטים. מיט דער הילף פון — אים צו לאַנגע יאָר — ד״ר אריה טאַרטאַקאָווער, האָט ער געאַרבעט לאַנגע וואָכן און חדשים, אויסנוצנדיק זיין טיפע באַקאַנטשאַפט מיטן אינטערנאַציאָנאַלן געזעץ־וועזן און מאָביליזירנדיק די הילף פון אַלע אַנדערע יידישע יוריסטן, מומחים פון אינטערנאַציאָנאַלן געזעץ. ער האָט אויך מאָביליזירט די הילף פון ניט־יידישע מומחים. סוף־סוף איז דער דאָקומענט פאָרמולירט געוואָרן. עס וואָלט מיך פאַרפירט צו־ווייט, ווען איך זאָל פּרובירן אַנאַליזירן דעם דאָקומענט. זיכער וואָלט דורך דעם פיל בולטער אַרויסגעקומען די געשטאַלט פון נפטר. ס׳איז אָבער גענוג דער רעזולטאַט: די דאָזיקע אַרבעט האָט געפירט דערצו, אַז די פּריווילעגיע פאַר די יידישע מלחמה־פּליטים איז אָנערקענט געוואָרן; די מערסטע פון זיי זיינען אַריבערגעפירט געוואָרן קיין ארץ־ישראל. זייער חלק אין העלפן בויען די מדינה איז זיכער געווען ניט קיין קליינער. אָבער וויכטיקער אַפילו פון דעם, איז דער היסטאָרישער פאַקט, וואָס זיי זיינען געראַטעוועט געוואָרן פון צוריק אַריינפאַלן אונטער דער מאַכט פון דער אַנטיסעמיטישער באַפעלקערונג פון יענע לענדער, פון וועלכע זיי האָבן געשטאַמט.

און אין אָט דער היסטאָרישער פּאַסירונג האָט די הויפּט־איניציאַטיוו פאַרנומען ד״ר אריה ל. קובובי, זכרונו לברכה.

*

איך האָב אויך געהאַט דעם זכות צו זען ד״ר קובאָוויצקי אין זיין מעמד ווי אַמבאַסאַדאָר פון מדינת ישראל אין אַרגענטינע. דאָס איז געווען מיין לעצטער באַזוך אין אַרגענטינע, איידער איך האָב זיך באַזעצט אין ירושלים. מיר האָבן שוין דאַן געוווּסט מיט וואָס פאַר אַ שטאָלץ — און מיט זיין נאַטירלעכער עלעגאַנץ — ער האָט אויסגעפירט זיין אַמבאַסאַדאָר־ראָלע אין פּוילן און טשעכאָסלאָוואַקיע. עס איז געווען שוין נאָך דעם טרויעריק־באַרימטן „פּראַג־משפט״. מיר האָבן געוווּסט, אַז די לעצטע מדינה האָט אים אַפילו דערקלערט ווי אַ פּערזאָנאַ־נאָן־גראַטאַ; ווי אַזוי מען האָט געזוכט צו פאַרבינדן זיין נאָמען מיט דעם דערמאָנטן „פּראַג־משפט״, וואָס די טשעכישע קאָמוניסטישע הויפּטן האָבן דאַן געפירט קעגן זייער אייגענעם מיטגליד סלאַנסקי און זיין גרופּע. אין יענעם פּראַגער „משפט״ איז אויך געווען אַריינגעמישט דער מפּ״ם־מיטגליד מרדכי אורן, וואָס איז דאַן געווען אַ מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע פון וועלט־קאָנגרעס. אין אָט דעם גאַנצן פּלאָנטער, אין וועלכן סלאַנסקי מיט זיינע חברים האָבן פאַרלאָרן זייערע לעבנס, — און דער נאָמען פון חבר מרדכי אורן איז פון די זעלביקע קאָמוניסטישע שופטים אַזוי באַשמוצט געוואָרן — האָבן די טשעכישע סטאַלין־תלמידים אויך געזוכט אַריינצושלעפּן חבר קובובין, ווי כלומרשט דער הויפּט־פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר אַ „ציוי־

ניסטישער פֿאַרשוווערונג״ קעגן דער קאָמוניסטישער טשעכיע. דער שקר פֿון דער דאָזיקער „אַפּערע״ איז היינט שוין אַלעמען באַוווּסט. אָבער בעת יענעם פּלאָנטער (אין דער צייט ווען סטאַלין האָט געפֿירט זיינע משפּטים קעגן יידישע דאָקטוירים און שרייבער אין רוסלאַנד, און זיינע טשעכישע תּלמידים האָבן געזוכט אים נאָכ־צוטאָן מיט אַן ענלעכן משפּט אין פּראָג), איז א. ל. קובובי, וועמעס נאָמען איז דאַן אָפֿט דערמאָנט געוואָרן אין דער גאַנצער וועלט־פּרעסע, אַרויס פֿונעם פּלאָנטער מיט יידישן שטאָלץ און פּערזענלעכער ווירדע. ער האָט דורך דעם דערהויבן דעם כּבֿוד פֿון מדינת ישׂראל אין די אויגן פֿון דער וועלט.

נאָך דעם טרויעריקן פּראָג־קאַפּיטל האָט חבֿר קובובי באַקומען פֿון דער ישׂראל־רעגירונג אַן אורלויב, וועלכן ער האָט פֿאַרבראַכט אין ישׂראל. אין 1953 איז ער באַשטימט געוואָרן ווי ישׂראל־אַמבאַסאַדאָר אין אַרגענטינע. גלייכצייטיק האָט ער פֿאַרנומען דעם אַמט פֿון ישׂראל־דעלעגאַט אין טשילי, אורוגוואַי און פּאַראַגוואַי.

אין בוענאָס־איירעס, ווו איך בין דאַן געקומען ווי דער שליח פֿון אונדזער באַוועגונג, האָב איך זוכה געווען איינגעלאַדן צו ווערן צו אַן אָפֿיציעלן באַזוך אין דער ישׂראל־אַמבאַסאַדע. איך האָב געהאַט דעם גרויסן פֿאַרגעניגן ווידער צו באַגע־גענען זיך מיט דעם טייערן חבֿר, פֿון וועמעס דערשיינען עס האָט געשפּרודלט מיט חן און וואַרעמקייט. די דאָזיקע פּערזענלעכע אַטריבוטן זיינע האָבן געשפּירט אַלע, וועלכע זיינען געקומען מיט אים אין נאָענטן קאָנטאַקט. דעריבער האָט ער זיך אַזוי באַליבט געמאַכט כּמעט ביי אַלע שיכטן פֿון אַרגענטינישן יידנטום. ער האָט גלייכ־צייטיק געוווּנען דעם רעספּעקט פֿון אַלע קרייזן פֿון דער ניט־יידישער געזעלשאַפֿט, רעספּעקט פֿאַר זיין פּערזענלעכקייט און רעספּעקט פֿאַר מדינת ישׂראל.

✶

אין די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער האָט ער פֿאַרטראָטן מדינת ישׂראל ביזן מיטן 1958. דאַן האָט ער זיך אומגעקערט קיין ארץ־ישׂראל און איז געבליבן פֿאַר־בונדן מיטן אויסערן־מיניסטעריום. דערווייל איז אין דער פֿירערשאַפֿט פֿון „יד ושם״ פֿאָרגעקומען אַ קריזיס. ער איז דאַן איינגעלאַדן געוואָרן מצד דעם קולטור־מיניס־טעריום פֿון ישׂראל — אונטער וועמעס השגחה די גרויסע אינסטיטוציע „יד ושם״ איז מצד דער רעגירונג געשטעלט געוואָרן — איבערצונעמען די פֿירערשאַפֿט פֿון אָט דער וויכטיקער אינסטיטוציע. ער האָט די איינלאַדונג אָנגענומען, און אין פֿעברואַר 1959 איז ער געוואָרן דער פֿאָרזיצער פֿון „יד ושם״. דאָ האָט ער ווידער באַקומען די מעגלעכקייט פֿונאַנדערצוּוויקלען אַלע זיינע באַגאַבונגען און „יד ושם״ אונטער זיין פֿירערשאַפֿט איז דערהויבן געוואָרן צו דער מדרגה, וואָס סיי די ערשטע גרינדער פֿון „יד ושם״, סיי די ישׂראל־רעגירונג, וועלכע האָט שפּעטער דורך אַ געזעץ אין כּנסת פֿעסטגעשטעלט די צילן פֿון „יד ושם״, האָבן פֿאָרויס־געזען און פֿאָרויסגעפּלאַנט.

ניט אין אַ הספּד־אַרטיקל איז פּאַסיק אויסצורעכענען אַלע יענע פּערזענלעכ־קייטן — סיי לעבעדיקע, סיי פֿאַרשטאָרבענע — וועלכע האָבן עפּעס צוגעטראָגן צו אָט דעם הייליקן מאָנומענט, אָבער אַלע ווייסן איצט, אַז אין די לעצטע 7 יאָר, וואָס חבֿר קובובי איז געשטאַנען בראש פֿון „יד ושם״, האָט ער אינעם מאָנומענט

אַריינגעגעבן אַלץ וואָס ער האָט אין זיך געטראָגן פון יידישן און מענטשלעכן געפיל; אַלץ וואָס זיין האַרץ האָט אין זיך איינגעזאַפּט אין יענע יאָרן פון זיין זיצן אין פּוילן און טשעכיע, ווו ער האָט זיך באַגעגנט פּנים־אל־פּנים מיט דער שארית הפליטה; אַלץ וואָס זיין נשמה האָט נאָך פיל פריער אין זיך אַריינגענומען, ווען ער האָט זיך באַקענט מיט דעם פאַרנעם פון גרויסן חורבן — דאָס אַלץ האָט ער אין די לעצטע יאָרן אַריינגעגאָסן אין דער גרויסער אויפגאַבע וואָס ער האָט אויף זיך גענומען.

אפשר טאַקע דערפאַר, וואָס ער האָט אַזוי אינטים און פערזענלעך געטראָגן אין זיך סיי די שוידערן פון חורבן, סיי דעם גבורה־אויפפלאַקער במשך דער גאַנצער חורבן־עפּאָכע — אפשר דערפאַר איז דווקא אים געלונגען איבערצובריקן איבער די שאַרפע חלוקי־דעות, וואָס זיינען אַנטשטאַנען אין דעם גרויסן ראַט פון „יד ושם" — ווען עס האָבן זיך בעיקר צוזאַמענגעשטויסן יענע עלעמענטן, וואָס האָבן געזוכט מער צו אונטערשטרייכן די גבורה־מאָמענטן און יענע עלעמענטן, וואָס האָבן געזוכט מער אַרויסצוברענגען די היסטאָרישע באַדייטונג פונעם חורבן.

עס וועלן אַ מאָל אויפגעזאַמלט ווערן די שריפטן און בריוו פון א. ל. קובובי. אין זיי וועט זיכער אַרויסגעבראַכט ווערן, ווי זיין האַרץ האָט געטריפט מיט בלוט, ווען ער האָט געדאַרפט דיסקוטירן מיט די פאַרטרעטער פון די פאַרטיזאַנער־גרופּן, מיט די געטאָ־קעמפער און מיט די אָרגאַניזירטע אינוואַלידן פון דעם נאַצי־חורבן (פון וועלכע אַ סך געפינען זיך אין ישראל) וועגן ישראלס באַציונגען מיט מערב־דייטשלאַנד. פאַר מיר ליגט איצט איין דאָקומענט — אַ בריוו־אויסטויש וועגן אָט דער פראַגע צווישן דעם חבר שלום כאָליאַווסקי, דער פאַרטרעטער פון דער דער־מאָנטער גרופּירונג, און חבר קובובי.ליידער איז דער דאָקומענט צו־לאַנג צו קענען אים דאָ איבערגעבן. און ציטירן בלויז אייניקע שורות פון אַזאַ דאָקומענט טאָר מען ניט. אָבער פון דעם ענטפער וואָס א. ל. קובובי גיט דעם חבר כאָליאַווסקי — געשריבן דעם 26סטן אויגוסט 1965 — רעדט אַרויס זיין צעוויטיקטע נשמה. אויך אין אָט דעם פאַל האָט בלויז חבר קובובי געפונען אין זיך דעם גייסטיקן כוח איבער־צובריקן איבער אָט די טיפע נשמה־תהומות צווישן די פאַרשיידענע עלעמענטן אין ראַט פון „יד ושם" און אָפּהיטן דעם הייליקן מאָנומענט אין זיין פולער היסטאָ־רישער פּראַכט.

✶

איך באַגרענעץ זיך צו אָט די געבראַכטע דריי עיקר־שטחים, אין וועלכע ער האָט אַריינגעטראָגן זיינע אומגעוויינטלעכע מעלות. איך ווייס, אַז דאָס איז נאָר אַ טייל פון זיינע לעבנס־אַקטיוויטעטן. איך באַריר ניט די צענדליקער יאָרן, וואָס ער האָט געווידמעט אונדזער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין פאַרשיידענע טיילן פון דער וועלט; איך באַריר ניט דעם ספּעציעלן אַספּעקט פון זיין פערזענ־לעכקייט — זיין אויפריכטיקע חברשאַפט צו מענטשן. איך אַליין האָב פון דעם גענאָסן אין גאָר אַ גרויסער מאָס. אָט די אייגנשאַפט האָט ער אויפגעהאַלטן אויך אין מדינת ישראל. מיין משפחה האָט זיך זייער טיף פאַרחברט מיט זיין משפחה; און יעדעס מאָל ווען מיר האָבן אים באַזוכט, אָדער ער האָט ביי אונדז געמאַכט

אַ באַזוך, האָבן מיר דורכגעלעבט אַן עליית נשמה. די וואַרעמקייט וואָס האָט אַרויס־געשטראָמט פון זיינע אויגן, האָט שטענדיק געשטימט מיט דעם, וואָס זיין מויל האָט אַרויסגערעדט. זיין לעצטער באַזוך, איידער די פאַרשאָלטענע מחלה האָט אים צוגעשמידט צום בעט, איז געווען טאַקע ביי אונדז אין הויז אויף אַ קליינער מסיבה. עס האָבן זיך באַטייליקט, אויסער אונדזערע משפחות, אויך די חברים מלכה און בערל לאָקער, דער געוועזענער פּרעזידענט פון ישראלס הויפּט־געריכט ד״ר יצחק אָלשאַן און זיין פרוי, און דער געוועזענער יוסטיץ־מיניסטער דב יוסף און זיין פרוי.

דער וויכוח האָט זיך פאַרנומען מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע אין וועל־כער די מדינה געפינט זיך. נאַטירלעך האָבן אונדזערע יוריסטן געהאַט אַ סך צו זאָגן וועגן דעם; און ער, דער גרויסער מומחה אין אינטערנאַציאָנאַלן געזעץ, איז טאַקע געווען דער ראש־המדברים. דאָס איז פאַרגעקומען מיט געציילטע חדשים צוריק. ווער האָט זיך געקענט ריכטן, אַז דווקא ער וועט אַזוי שנעל אַרויסגעריסן ווערן פון אונדזערע רייען? ער, וואָס איז געשטאַנען אויף אַזאַ הויכער מדרגה פון גרויסע מעשים, אין גרייטקייט פאַר ווייטערע מעשים, בעיקר אין „יד ושם״, וואָס איז געוואָרן דער עיקר פון זיין קאָנצענטרירטער מחשבה.

פאַראָבלט זיינען געבליבן גרויסע קרייזן פון גאַנצן ישראל־ישוב; נאָך מער פאַראָבלט איז געבליבן די גאַר־גרויסע צאָל פון זיינע נאָענטע מענטשן און חברים; בעיקר פאַראָבלט זיינען געבליבן זיין חברה־פרוי מרים, זיין זון מיכאל און זיין שנור מירי.

משה פריילִיכאָוו

(געשריבן אין אָקטאָבער 1966 צו זיין 80סטן געבוירן־טאָג)

שוין ניט צום ערשטן מאָל קומט מיר אויס צו שרייבן וועגן אַ חבר, וואָס איז אַריין אין דער סאָציאַליסטיש־ציוניסטישער באַוועגונג אײדער איך בין אין איר אַריינגעטראָטן. דער וויכטיקסטער פון אַלע אַזעלכע חברים איז געווען אונדזער לערער נחמן סירקין. וועגן אים האָב איך געשריבן זייער פיל. געווען אָבער אויך אַנדערע, וועגן וועלכע איך האָב ווייניקער געשריבן. בעיקר האָב איך אין זינען די פינף חברים, וואָס האָבן געגרינדעט דעם ערשטן סניף פּועלי־ציון אין ניו־יאָרק: א. ליטווין, אב. גאָלדבערג, משה־יעקב גודמאַן, שרה קאָטן און חבר ה. לעוויטאַן. די לעצטע פיר זיינען אַריינגעטראָטן אין אונדזער באַוועגונג אין 1903 — מיט אַ יאָר פאַר מיר (איך בין אַריין אין דער פּאַרטיי אַפּריל 1904). חבר א. ליטווין איז אַריינגעטראָטן נאָך פריער, ווייל ער איז געווען איינער פון די גרינדער פון די מינסקער פּועלי־ציון אין יאָר 1897; אינעם יאָר, ווען ס׳איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דער ערשטער ציוניסטישער וועלט־קאָנגרעס. איך ווייס, אַז אויך דער דערמאָנטער חבר לעוויטאַן האָט געהערט צו די מינסקער פּועלי־ציון; אָבער צי ער איז געווען דאָרטן פון די ראשונים ווייס איך ניט. איך מעג איינשליסן אין אָט דער רשימה דעם מחבר פון דער פּועלי־ציון־שבועה, חבר יהושע פּעלאָוויץ. ער האָט אָנגעהויבן זיין פּועלי־ציוניסטישע ראָלע אין ווילנע, און שפּעטער, קומענדיק קיין צפון־אַמעריקע, האָט ער זיך באַזעצט אין באַלטימאָר און איז געווען טעטיק אין אונדזער באַוועגונג. אויך דער חבר שלמה שניאור, וועגן וועמען איך האָב געשריבן, האָט שוין באַגריסט אין נאָמען פון די ווילנער פּועלי־ציון דעם ד״ר הערצל, אויפן קבלת־פּנים וואָס די ווילנער ציוניסטן האָבן אים געגעבן אין אויגוסט 1903. אַלע אַנדערע חברים, וועגן וועלכע איך האָב געשריבן, זיינען אַריינגעטראָטן אין דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג נאָכן יאָר 1904.

דאָס מאָל פיל איך זיך גליקלעך צו שרייבן וועגן אַ חבר, וואָס איז אַריינגעטראָטן אין אונדזער באַוועגונג מיט גאַנצע דריי יאָר פריִער ווי איך. נאָך דערהויבנדיקער פיל איך, וואָס איך קען באַצייכענען דעם גליקלעכן פאַקט: דער דאָזיקער חבר געפינט זיך אויך היינט אין דער באַוועגונג, וועמען ער האָט געשענקט זיין ניט־געוויינטלעכע באַגאַבונג במשך 65 יאָר. היינטיקן חודש דערגרייכט ער צו גבורות און מיין ערשטע ברכה צו אים איז, ער זאָל נאָך מאריך־ימים זיין און ווייטער ווידמען זיינע פּרוכטבאַרע מחשבות אונדזער בשותפותדיקער אידעע.

*

חבר משה פריילִיכאָוו האָט זיך אָנגעשלאָסן אין אונדזער באַוועגונג, ווען ער איז בסך־הכל אַלט געווען 15 יאָר. ער איז געווען פון די ערשטע חברים אין דער גרופּע „חירות״, וואָס אונדזער ביידנס לערער, חבר נחמן סירקין, האָט געגרינדעט אין לאָנדאָן אין יאָר 1901.

געבוירן געוואָרן איז חבר משה פריילִיכאָוו אין 1886, אין טשערניגאָוו, וואָס אין אוקראַינע. ווען ער איז אַלט געווען אַ יאָר, האָט זיין משפחה עמיגרירט קיין ענגלאַנד און זיך באַזעצט אין לאָנדאָן. וועלכע מאַטעריעלע פאַרמעגנס די פאַמיליע האָט מיט זיך מיטגעבראַכט קיין לאָנדאָן, קען איך מיר פאָרשטעלן. איך ווייס אָבער, אַז זי האָט מיט זיך געבראַכט אַ גרויס גייסטיק פאַרמעגן. זיין זיידע איז געקומען פון שקלאָוו, ווו ער איז געווען דורכגעוויקט מיט דער חב״דישער חסידות. אַזוי האָט ער אויך דערצויגן זיין זון, דעם פאָטער פון אונדזער בעל־היובל. אָנקומענדיק קיין לאָנדאָן, האָט די משפחה ממשיך געווען אין אַט דער אַטמאָספער און דערצויגן זייער זון אין טיפער יידישער טראַדיציע. דערצו איז נאָך זיין פאָטער, ר׳ יצחק, געווען אַן איבערגעגעבענער חובב־ציון. ווען ד״ר הערצל איז אַרויפגעטראָטן אויף דער אַרענע פון דער מאָדערנער יידישער געשיכטע, איז ר׳ יצחק געוואָרן אַ פייער־דיקער חסיד, אַ הערצליאַנער.

אויף אַט דער קאַנווע האָט זיך אויספאָרמירט די נשמה פון יונגן משהלע. ווען עס איז אין לאָנדאָן, אין יאָר 1900, אָפּגעהאַלטן געוואָרן דער 4טער ציוניסטישער וועלט־קאָנגרעס, איז משהלע — צוזאַמען מיט זיין טאַטן און נאָך אַ סך שקל־צאָלער — געזעסן אין דער גאַלעריע פון „קווינס־האָל״, ווו דער ציוניסטישער קאָנגרעס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן. זיי האָבן זוכה געווען צו הערן די רעדעס פון ד״ר הערצל און ד״ר נאָרדוי און טאָקע אויך זען זיי פון דער נאָענט (חבר משה פריילִיכאָוו האָט נאָך ביזן היינטיקן טאָג, במשך 66 יאָר, אָפּגעהיט זיין איינטריט־קאַרטע צו יענעם 4טן ציוניסטישן וועלט־קאָנגרעס).

דאָס יונגע בחורל איז שוין בכן געווען גאַנץ רייף — אין יאָר 1901, ווען ער האָט זיך באַגעגנט מיט חבר נחמן סירקין — צו פאַרשטיין און גייסטיק אויפנעמען די נייע געדאַנקען, וועלכע חבר סירקין האָט דאַן אָנגעהויבן פונאַנדערוויקלען בכל תפוצות הגולה. ווען ער איז, אָנהייב 1902, געקומען קיין צפון־אַמעריקע, איז ער שוין געווען אַן אָרגאַניזירטער מיטגליד פון דער נייער באַוועגונג, וואָס האָט דאַן אָנגעהויבן אַריינשרייבן אירע ערשטע קאַפּיטלעך אין דער מאָדערנער יידישער געשיכטע. די משפחה האָט זיך פריִער באַזעצט אין באַלטימאָר, אָבער עטלעכע חדשים שפּעטער האָבן זיי זיך אַריבערגעצויגן קיין וואַשינגטאָן. זייט דאַן איז אונדזער בעל־יובל אַ תושב אין דער הויפּטשטאָט פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

ווען אונדזער אַמעריקאַנער באַוועגונג האָט אָנגעהויבן שרייבן אירע ערשטע געשיכטע־בלעטער, האָט משה פריילִיכאָוו צוגעטראָגן זיין ביישטייער צו ממש יעדן קאַפּיטל געשיכטע, וואָס די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט אָנגעשריבן. ער האָט איר געדינט טאָקע בכל נפשו ובכל מאודו. זיין האַנט, און די האַנט פון זיין חברה סאָפיע זכרונה לברכה, האָבן צוגעטראָגן אַלע סאָרטן ציגל צו אַלע סאָרטן געביידעס, וועלכע די באַוועגונג האָט אויפגעבויט: די פּאַרטיי, דער „פאַרבאַנד״, די „פּיאָנערן פרויען אָרגאַניזאַציע״, די „הבונים״־אָרגאַניזאַציע, דער געווערק־שאַפטן־קאַמפּיין, די אַלע כלל־ציוניסטישע פאָנדן, די אַלע קולטור־אינסטיטוציעס, די דערציִונגס־שולן; און ווי נאָר די באַוועגונג האָט אויפגענומען נייע אַקטיוויטעטן, האָט דאָרט ניט געפעלט דער ביישטייער פון סאָפיע און משה פריילִיכאָוו. דעם

ווייטערדיקן טייל פון מיין אַרטיקל וויל איך ווידמען זיינע ליטעראַרישע בייטראָגן במשך די לאַנגע יאָרן (הלוואי ווייטער!) פון זיין שאַפנדיקן לעבן. בעיקר וועל איך ווידמען מיינע רייד דער קרוין פון זיין ליטעראַרישן שאַפן — דעם בוך וועגן „דזשוזעפּע מאַציני״, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אַזוי פרי ווי אין יאָר 1924, ווען ער איז אַלט געווען קנאַפּע 38 יאָר.

✶

דאָס בוך „דזשוזעפּע מאַציני״ איז ניט דאָס איינציקע ווערק, וואָס די פּען פון אונדזער בעל־יובל האָט אַרויסגעבראַכט. ער האָט אויך פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען, סיי אין אַלגעמיינע און סיי אין פּועלי־ציוניסטישע אויסגאַבעס, בעיקר אין „אידי־שער קעמפער״. אין יאָר 1938 איז אויך דערשינען אַ בוך פון זיינע „געקליבענע שריפטן״. אָבער דאָס כאַראַקטעריסטישע פאַר זיין געמיט און פאַר זיין נשמה איז בלי־ספק דער ספר וועגן דזשוזעפּע מאַציני. איך האָף אַט דעם לעצטן געדאַנק קלאָרער אַרויסצוברענגען דורכן ציטירן עטלעכע שטעלן פון דעם פאָרוואָרט צו דעם בוך, וואָס עס האָט געשריבן חבר נחמן סירקין, און איניקע זאַצן וואָס חבר פרייליכאָוו אַליין האָט אַריינגעגעבן אין בוך, סיי וועגן מאַציני און סיי וועגן נחמן סירקין.

חבר נחמן סירקינס פאָרוואָרט איז אייגנטלעך אַ פּאַרטיפּטע עסיי וועגן דער ספּעציעלער ראָלע פון דזשוזעפּע מאַציני אין דער מענטשלעכער געשיכטע. איך ווייס ניט, צי אַט די עסיי איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן ערגעץ אַנדערש, אויסער אין דעם בוך פון אונדזער בעל־היובל. זיכער איז וויכטיק, אַז די עסיי זאָל געלייענט ווערן ניט בלויז פון יונגע דורות, נאָר בעיקר פון יענע פירנדיקע שיכטן פון סאָ־ציאַליסטישע באַוועגונגען אין דער גאַנצער וועלט, וועלכע פילן זיך אָפּט צעטומלט פון די ווידעראַנאַנדן צווישן דער ריינער אידעע פון סאָציאַליזם — און ווי די דאָזיקע אידעע ווערט פאַרווירקלעכט אין געוויסע טיילן פון דער וועלט. אפשר מער ווי אַנדערע וואָלטן מיט די אידעען פון אַט דער עסיי זיך געדאַרפט נענטער באַקענען אַלע פירער פון די פאַרשידענע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין ישראל. אפשר וואָלט מען זיי איצט געדאַרפט צוטראָגן דאָס גאַנצע בוך, איינשליסנדיק נאַטירלעך די סירקין־עסיי. חבר סירקין גיט דאָרט אַ געשיכטלעכן פּראָפיל פון דער מאַציני־פּערזענלעכקייט, בעת משה פרייליכאָוו גיט דעם גאַנצן לעבעדיקן, כסדר וואַנדערנ־דיקן, ליידנדיקן און קעמפענדיקן מאַציני. וואָס פאַר אַ טיפער, מאָראַליש־דערציִע־רישער מאַטעריאַל וואָלט דאָס פאַר אַלעמען געווען! וואָס פאַר אַ מתנה וואָלט דאָס געווען פאַר אונדזער טייערן בעל־היובל, פאַרן חבר משה פרייליכאָוו!

✶

איך מוז זיך אומקערן צו די ציטאַטן. חבר סירקינס עסיי טראָגט די איבער־שריפט: „מאַציני — דער אַפּאָסטאָל פון רעוואָלוציאָנערן נאַציאָנאַליזם״. און דער צווייטער פּאַראַגראַף פון אַט דער עסיי זאָגט:

„די אידעע פון נאַציאָנאַלער פרייהייט פון נאַציאָנאַלן רענעסאַנס אין זיין אוני־ווערסאַלער געשטאַלט, דער רעוואָלוציאָנערער נאַציאָנאַליזם, וועלכער האָט שוין

אין אונדזער תקופה געגעבן אַ נייע ווענדונג צו דער מענטשלעכער געשיכטע, האָט געפונען זיין אויסדרוק און פאַרקערפערונג אין דזשוזעפּע מאַציני״.

נאָך דעם פּירט חבר סירקין אַדורך אַ ברייטן און טיפן אַנאַליז וועגן די אונ־טערשיידן פון די סאָציאַליסטיש־פילאָזאָפישע דענקער פון דעם יאָרהונדערט פאַר מאַצינין און די שטעלונג פון דעם לעצטן דור צו אָט די אַלע פילאָזאָפיעס, און פאַר וואָס ער, מאַציני, האָט זיי ניט אָנגענומען. אין זייער תמציתדיקער פּסוק אין אָט דער עסיי לייענט זיך:

„וואָס עס האָט מאַצינין גאַנץ באַזונדערס אָפּגעשטויסן פון מאַרקסיסטישן סאָ־ציאַליזם און פון אינטערנאַציאָנאַל (וואָס מאַרקס איז געווען זיין פירער — ב.צ.), איז דער מאַטעריאַליזם, אויף וועלכער יענער סאָציאַליזם שטיצט זיך. מאַטעריאַליזם אין דער סאָציאַליסטישער פילאָזאָפיע און איר אַגיטאַציע, איז, לויט מאַציני, אַ קוואַל פון דעמאָראַליזאַציע און פירט צו פאַרראַט און אונטערגאַנג. ווער עס פּריי־דיקט סאָציאַליזם אין נאָמען פון מאַטעריאַליזם, אָנערקענט דאָך דעם מאַטעריאַליזם ווי אַן אמת פון לעבן, ווי אַ ווערט, און ער וועט ביי דער ערשטער געלעגנהייט, צוליב דעם אייגענעם מאַטעריעלן נוצן, אויפגעבן דעם סאָציאַליזם״.

חבר סירקין פאַרענדיקט זיין עסיי מיט די פאָלגנדיקע דערהויבנדיקע ווערטער:

„דזשוזעפּע מאַציני איז געווען איינער פון די ליכטיקסטע פיגורן פון ניינצנטן יאָרהונדערט. אַ רעוואָלוציאָנערער קעמפער, וועלכער האָט גערופן צו רעוואָלוציע ניט אין נאָמען פון אַ פאָלק, אַ קלאַס, אַן אינטערעסן־קרייז, נאָר אין נאָמען פון גאָט, ווייל גאָטס רצון איז די רעוואָלוציע פאַר פרייהייט; אַ נאַציאָנאַליסט ניט פאַר זיין פאָלק, זיין פאָטערלאַנד, נאָר פאַר אַלע פעלקער און אַלע פאָטערלענדער. וואָרעם די נאַציאָנאַלע באַפרייונג איז דער שריט צו דער פאַראייניקונג פון דער מענטשהייט אין איין אָרגאַניזם צוליב פּראָגרעס און שלום; אַ וועקער און אויפ־רודערער פון די אונטערשטע סאָציאַלע קלאַסן, אָבער ניט אין נאָמען פון זייערע באַגזלטע רעכט, נאָר אין נאָמען פון זייערע מאָראַלישע פליכטן, וועלכע זיי דאַרפן אַליין ערשט דערפילן; אַ רופער צום סאָציאַליזם, אָבער ניט צוליב דעם מאַטעריעלן געווינס אַלס דעם לעצטן צוועק און סוף פון פּראָגרעס, נאָר כדי אויפצוהייבן די מענטשהייט אויף נייע גייסטיקע הויכן, כדי עס זאָל אַראָפּנידערן גאָטס שכינה אויף די פעלקער״.

*

די דאָזיקע עסיי איז פאַקטיש געווען דאָס לעצטע ווערק, וואָס איז אַרויס פון נחמן סירקינס שעפערישער פעדער. און דאָ וויל איך לאָזן ריידן אונדזער בעל־היובל גופא. ער שרייבט אין אָקטאָבער 1924, ווען זיין מאַציני־בוך איז שוין געווען פאַרטיק צום דרוק, פאָלגנדיקע טראַגישע און טיף־דורכגעלעבטע ווערטער:

„איידער דאָס פאָרליגנדיקע בוך איז אַרויס פון דרוק, איז אין מיטן פון זיין נוצלעך און פרוכטבאַר לעבן געשטאָרבן מיין באַליבטער פריינד ד״ר נחמן סירקין, וועלכער האָט אָנגעשריבן די אויבנגעבראַכטע איינלייטונג צו מיין שריפט. די דאָזיקע עסיי, איינע פון זיינע לעצטע ליטעראַרישע אַרבעטן, דערשיינט דעריבער Posthumous.

„מאַציני און סירקין! צוויי ענלעכע גרויסע גייסטער.ביידע האָבן פּריוויליק און אין פולער מאָס אָפּגעגעבן זייערע גייסטיקע און פיזישע כוחות פאַר דער נאַציאָנאַלער איינהייט און באַפרייונג פון זייערע פעלקער. פיל פון דעם וואָס ד״ר נחמן סירקין האָט דאָ געשריבן וועגן מאַציני, קען אויך געזאָגט ווערן אויף אים גופא. ווייל מער פון אַלץ איז ער געווען דער אַפּאָסטאָל פון דעם יידישן רעוואָלוציאָנערן נאַציאָנאַליזם.

נחמן סירקין, דער פריידיקער און נביא פון דער יידישער באַפרייונג, האָט אויך געזוכט די ווידערדערהייבונג פון גייסטיקן יידנטום צו אַן עקזאַלטירנדיקער און שעפערישער אוניווערסאַלער קולטור־מאַכט — האַרמאָניש אָנגעפּאַסט און פאַרבונדן מיט דער מאָדערנער וועלט. און די ריכטשנור פון זיין לעבן און פּאָליטישע טעטיקייט — די גייסטיקע און פיזישע באַפרייונג פון יידישן פאָלק און דער אויפבוי פון יידישן היימלאַנד אין ארץ־ישראל אויף סאָציאַליסטישע יסודות — דאָס איז פאַר אים געווען אַ נייטיקער פאַרבאַדינג צו דעם דאָזיקן הויכן ציל.

„זאָל דאָס פאַרליגנדיקע בוך איבער מאַציני אונדז אויך דערמאָנען דעם לעבן און קאַמף פונעם שעפער פון סאָציאַליסטישן ציוניזם, און זיין אָנדענק פון דעם מוטיקן באַנער־טרעגער פון קעמפנדיקן יידנטום, דער ריינסטער יידישער אידעען־קעמפער פון אונדזער צייט — ד״ר נחמן סירקין!״

*

איך מיין, אַז אָט די ציטאַטן באַפעסטיקן לגמרי מיין פריערדיקע באַהויפּטונג, אַז דאָס ספר „דזשוזעפּע מאַציני״ איז דאָס כאַראַקטעריסטישסטע פון דעם געמיט און דער נשמה פון חבר משה פריילליכאָוו, זאָל מאריך ימים ושנים זיין.

און טאַקע דערפאַר, ווייל זיין נשמה איז דורכגעדרונגען מיט דעם, וואָס עס האָבן רעפּרעזענטירט מאַציני און סירקין, סיי מיט זייערע אידעען און סיי מיט די קאַמפן, וואָס זיי האָבן אָנגעפירט און פאַר וועלכע זיי האָבן ממש זייערע לעבנס מקריב געווען; און דערפאַר וואָס אויך מיין נשמה איז באַוועגט געוואָרן איבער 60 יאָר פון אָט די זעלביקע אידעען — פיל איך זיך ווי אַ נאָענטער מחותן צום יום־טוב, וואָס עס וועלן זיכער צוגרייטן חבר משה פריילליכאָווס חברים אין וואַשינגטאָן און פון גאַנץ צפון־אַמעריקע, צו דער געלעגנהייט פון זיין דערגרייכן צו גבורות.

פון ירושלים עיר הקודש שיק איך אים מיינע האַרציקסטע ברכות: אַריכות ימים ושנים, פיזישן געזונט און גייסטיקע פרישקייט; דאָס זיינען די וויכטיקסטע ברכות ווען מען דערגרייכט, גאָט צו דאַנק, צו אַ הויכן עלטער.

מיין גאַנצע משפחה וועט זיך צוזאַמענקומען אינעם טאָג פון זיין דערגרייכן גבורות, מיר וועלן אים איבערשיקן פון ווייטן אונדזערע ווונטשן. איך פאַרזעגלעך וועל נאָך אין יענעם טאָג דורכפירן דורך מיין זכרון מיינע צאָלרייכע באַזוכן אין וואַשינגטאָן, ווען איך האָב באַגעגנט אַלע וואַשינגטאָנער חברים, איינע פון די סייערסטע חברים־גרופּעס וואָס מיר איז באַשערט געווען צו באַגעגענען. איך וועל טראַכטן וועגן זיי אַלע; בעיקר וועגן צוויי פון די בעסטע משפחות — די משפחה פון חבר זלמן הענקין עליו השלום און די משפחה אים צו לאַנגע יאָר, פון אונדזער איצטיקן חתן היובל, דעם טייערן חבר און ידיד, חבר משה פריילליכאָוו.

משה העס

דער אָנזאָגער פון אַ גרויסער תקופה (געשריבן אין נאָוועמבער 1961)

דאָס אַריבערברענגען די ביינער פון משה העס קיין מדינת ישראל איז אַ זייער פּאַסיקער אַקט וואָס סומירט אַ הונדערטיאָריקע גרויסע תקופה אין דער יידישער געשיכטע, וואָס ער, משה העס, איז געווען איר סאַמע ערשטער אָנזאָגער.

איך פאַרמעסט זיך ניט צו געבן אַ פולשטענדיקע אָפּשאַצונג, ניט פון דער פּערזענלעכקייט משה העס, ניט פון זיינע שריפטן און אַוודאי ניט פון דער גאַנצער גרויסער עפּאָכע, וואָס ער האָט געעפנט. אין די קומענדיקע שורות האָב איך בלויז בדעה צו געבן קורצע ענטפערס אויף 5 פראַגן:

א. מיט וואָס איז אָט די גרויסע הונדערטיאָריקע עפּאָכע אַנדערש פון פריערדיקע תקופות, וואָס זיינען אויך אויפגעשטורעמט געוואָרן דורך די אינעם יידישן פאָלק פאַרוואָרצלטע משיחישע גאולה־תשוקות, און פון דעם דראַנג צו שיבת ציון, וואָס ציט זיך, ווי אַ רויטער פאָדעם דורך אַלע דורות פון יידישן גלות?

ב. פון וועלכע מקורות האָט משה העס געצויגן זיינע גייסטיקע כוחות?

ג. מיט וואָס איז בולט דווקא זיין השפעה אויף די 4 דורות, וואָס זיינען אונדז אויפגעקומען במשך פון אָט דער הונדערטיאָריקער תקופה?

ד. צי האָט מען אויסגעקליבן דעם פּאַסיקן אָרט פאַר דער אייביקער רו פון זיינע ביינער?

ה. איז דאָ אַ האָפענונג, אַז די אויפגעשטעלטע מדינה זאָל אַ מאָל דערגרייכן אַ מדרגה, אַז איר לעבן זאָל געפירט ווערן לויטן גייסט פון משה העס?

*

צו פונקט א. — מיט צווי וויכטיקע מאָמענטן איז די הונדערטיאָריקע תקופה, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט משה העס, אַנדערש פון די פריערדיקע, דורך משיחישע דראַנגען אויפגעשטורעמטע דורות. אין די פריערדיקע דורות האָט דער שטורעם זיך קאָנצענטרירט אַרום איין יחידישער פּערזענלעכקייט, ווי דער געגאַרטער דערלייזער, אָדער משיח; אין דער עפּאָכע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט משה העס, איז בולט אַרויסגעבראַכט געוואָרן, סיי דורך דער מחשבה, וואָס האָט צוגעגרייט דעם טאַט, סיי דורך דעם טאַט אַליין, ערשטנס, אַז ניט אַ יחיד, נאָר דאָס גאַנצע יידישע פאָלק איז דער טרעגער פון דעם גאולה־דראַנג, און אויך דער באַרופענער רעאַליזירער פון דער פּאַקטישער אויסלייזונג.

אָבער אַ צווייטער, אַ פיל וויכטיקערער מאָמענט, אונטערשיידט די משה העס־עפּאָכע פון פריערדיקע יידישע דורות, אויפגעשטורעמטע דורך משיחישע דראַנגען: אין דער נייער משה העס־תקופה האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן דער דראַנג צו נאַציאָנאַלער יידישער גאולה מיטן דראַנג צו דער אַלמענטשלעכער גאולה, וואָס אויך אין איר רעאַליזירונג איז דעם יידישן פאָלק באַשערט צו שפּילן גאָר אַ וויכטיקע ראָלע, לויט דער איבערצייגונג פון משה העס.

צוליב אָט דער צווייטער כאַראַקטעריסטיק פון דער עפּאָכע, האָט דער שׂר־האומה ניט געקענט אויסקלייבן קיין מער פּאַסיקע פּערזענלעכקייט, וואָס זאָל ווערן דער מבשר, דער אָנזאָגער, פון אָט דער תקופה, ווי משה העס; ווייל אין זיין סאַמע מהות זיינען געווען טיף פאַרוואָרצלט, סיי די גאולה־תשוקות פון זיין פאָלק, סיי די גאולה־תשוקות פון דער גאַנצער מענטשהייט. אָט דיביידע תשוקות זיינען אין זיין נשמה געווען צוזאַמענגעגאָסן אין איין גאַנצקייט. און דווקא אין אָט דער מזיגה איז געלעגן דער יסוד פאַר די גוואַלטיקע השפעות, וואָס ער האָט אויסגעאיבט, סיי אויף דער מחשבה, סיי אויף דער טאָט פון די לעצטע 4 דורות.

*

צו פּונקט ב. — דער הויפּט־מקור, פון וועלכן משה העס האָט געצויגן זיינע גייסטיקע כוחות, איז געווען — די יידישע אמונה. מיר שיינט, אַז אין משה העס איז דער באַרימטער זאָג „ישראל ואורייתא וקודשא בריך הוא חד הוא” — דערהויבן געוואָרן צו זיין לעבנס־פילאָזאָפיע.

די יידישע אמונה איז פאַר אים געווען די אמונה פון היסטאָרישער אַנטוויקלונג, וואָס דאַרף פירן די מענטשהייט צו דער העכסטער מדרגה פון קדושה און צו אַבסאָלוטער גערעכטיקייט. די דאָזיקע אָפּשאַצונגען פון דער מענטשלעכער געשיכטע האָט משה העס אַרויסגעבראַכט אין זיין ערשטן בוך „די הייליקע היסטאָריע פון דער מענטשהייט”, וואָס איז דערשינען אין יאָר 1837, כמעט אַ פערטל יאָרהונדערט אידער עס איז דערשינען זיין וויכטיקסטער בוך „רוים און ירושלים”. שוין אין זיין ערשטן ספר שטעלט משה העס פעסט, אַז די מענטשלעכע געשיכטע ווערט באַוועגט בעיקר דורך גייסטיקע און אידעאַליסטישע פאַקטאָרן. די דאָזיקע פאַקטאָרן פאָרמולירט ער: דאָס מענטשלעכע ציִען זיך צו קדושה און צו אַבסאָלוטן צדק. ער געפינט דערביי, אַז אָט די צוויי פאַקטאָרן זיינען דער קווינטעסענץ פון דער יידישער אמונה, אויסגעדריקט, סיי דורך תורת משה, סיי דורך דער גאַנצער גרויסער יידישער נבואה. דער טרעגער פון אָט די פאַקטאָרן איז דאָס פאָלק ישראל. דער אלהי ישראל איז פאַר אים די פאַרקערפּערונג פונעם אַבסאָלוטן צדק און די יידישע תורה איז כולה קדושה. אַ טייל פון אָט דער קדושה איז אויך פאַרקערפּערט אין הייליקן לאַנד, אין ארץ־ישראל. און ווען ישראל ואורייתא וקודשא בריך הוא ווערן איינס, וועט אָט די גייסטיקע קראַפט, דער מאָטאָר אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, דערפירן די מענטשהייט צום סאָציאַליזם, און דערמעגלעכן איר זיך צו דערהויבן צו דער העכסטער מדרגה פון קדושה און דערגרייכן דעם מאַקסימום פון אַבסאָלוטן צדק.

*

אָט דער קוק זיינער אויף דער מענטשלעכער געשיכטע האָט אַרויסגערופן קעגן אים דעם ווילדן צאָרן פון זיין מיטצייטלער קאַרל מאַרקס, פאַר וועמען משה העס איז געווען דער ערשטער לערער אין סאָציאַליזם. אַזוי זאָגט עדות ניט קיין קלענערע אויטאָריטעט ווי דער לעבנסלאַנגער מיטאַרבעטער פון קאַרל מאַרקס — פרידריך ענגעלס. מאַרקס האָט אָבער געהאַלטן, אַז די מענטשלעכע געשיכטע ווערט באַוועגט, ניט דורך גייסטיקע און אידעאַליסטישע פאַקטאָרן, נאָר דורך

מאַטעריעלע גורמים. מאַרקס איז גאַר גיך, דורך זיינע ממש גאונישע פעיקייטן, געוואָרן די צענטראַלע פיגור פון דער דעמאָלטיקער סאָציאַליסטיש־דעןקנדיקער אינטעליגענץ פון צענטראַל־ און מערב־אייראָפּע. אָבער מיט זיין גאַנצער גאונות האָט ער ניט געקענט באַאיינפלוסן דעם ספּעציעלן גייסט פון משה העס, וועלכער האָט, וואָס ווייטער, אַלץ מער פאַרטיפט זיין אייגענע איינשטעלונג. מאַרקס, וואָס האָט ניט געקענט דולדן קיין מיינונג וואָס איז קעגנעריש צו אים, האָט אָנגעהויבן אויסצולאַכן און צו באַזידלען משה העסן. אין אָט די אַטאַקעס מצד קאַרל מאַרקס קעגן משה העס האָט אויך ניט געפעלט אַ ביסל אַנטיסעמיטישער גיפט, מיט וועלכן קאַרל מאַרקס איז געווען אַ רעכט ביסל פאַרסמט. משה העס איז אָבער ווייטער געגאַנגען זיין וועג. זיין נשמה איז דורך דעם אמונה־פּאַנצער, וואָס ער האָט אין זיך געטראָגן, געווען פאַרפּאַנצערט קעגן אַזעלכע אַטאַקעס.

אָט דער נשמה־פּאַנצער האָט אים אויך געדינט ווי אַ דאַמבע קעגן דעם מבול פון אַסימילאַציע, וואָס האָט דאַן פאַרפלייצט דאָס יידנטום פון אייראָפּע. עס איז צו באַוואונדערן, וואָס דווקא אין סאַמע העכסטן אויפשטייג פון אָט דעם אַסימילאַציע־שטראָם, איז משה העס אַרויסגעטראָטן מיט זיין וויכטיקסטן בוך „רוים און ירו־שלים", וואָס האָט געעפנט די גרויסע הונדערטיאָריקע תקופה, וועלכע האָט ערשט איצט זיך פאַרענדיקט. אָבער דערמיט האָט זיך נאָך ניט פאַרענדיקט איר השפעה אויף די קומענדיקע יידישע דורות.

✶

צו פּונקט ג. — די באַדייטונג פון אָט דעם בוך פאַר דער נאַציאָנאַלער פריי־הייט־באַוועגונג פון יידישן פאָלק, פאַרן ציוניזם, קען קיינער ניט העכער אָפּשאַצן, ווי דאָס האָט געטאָן ד״ר הערצל אַליין אין זיין טאָגבוך, נאָך דעם ווי ער האָט אָט דעם ספר איבערגעלייענט. ד״ר הערצל פאַרצייכנט דאַן אָט דעם קורצן פּסוק:

„זינט די טעג פון ברוך שפּינאָזאַ האָט דאָס יידנטום ניט אַרויסגעגעבן קיין גרעסערן גייסט ווי משה העס. אַלץ וואָס מיר האָבן פּרובירט טאָן, איז שוין ביי אים פאַרשריבן".

אָבער מיך אינטערעסירט, ווי אָנגעצייכנט אין דער דריטער פראַגע, אַרויס־צוברענגען די גייסטיקע קראַפט וואָס איז געלעגן אין משה העס׳ מזיגה פון דער יידישער נאַציאָנאַלער גאולה־תשוקה מיט דער תשוקה צו אַלמענטשלעכער גאולה. אין דעם איז דאָך געלעגן דער הויפּט־שטייער, וואָס העס האָט צוגעטראָגן צו דער יידישער געשיכטע. פון אָט דעם שטאַנדפּונקט לאָמיר באַטראַכטן די צוויי לעקציעס, וועלכע העס לערנט מיט אונדז אין זיין „רוים און ירושלים". אין דעם וועלן מיר, ווי מיר שיינט, אויך געפינען די ענטפערס, סיי צו דער דריטער, און סיי צו דער פערטער פראַגע, וואָס איך האָב פריִער פאָרמולירט.

✶

וואָס זיינען די צוויי לעקציעס, וועלכע זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין „רוים און ירושלים"?

די ערשטע לעקציע איז אַרויסגעוואַקסן פון דער צייט, ווען דער בוך איז געשריבן געוואָרן. משה העס זעט, ווי אַזוי רוים שטייט אויף אַ געשיכטלעכן תחיית־

המתים, אַ דאַנק די העלדישע טאַטן פון די איטאַליענישע רעוואָלוציאָנערן אָנגעפירט דורך מאַציני און גאַריבאַלדי. דערפון לערנט משה העס פאַר זיך און זיין יידישן דור, אַז אויך ירושלים קען אויפשטיין צו געשיכטלעכן תחיית־המתים, אויב עס וועט אויפשטיין אַ יידישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, וועמענס צוועק עס זאָל זיין — צוריק אויפשטעלן די יידישע מדינה און צוריק אויפבויען ירושלים. אָבער משה העס באַגנוגנט זיך ניט מיט אָט דער לעקציע. ער לערנט אונדז אַ צווייטע, אַ פיל טיפערע לעקציע, וואָס איז ניט אַרויסגעוואַקסן פון דער צייט, נאָר פון דער יידישער און מענטשלעכער אייביקייט. ער לערנט אונדז אויך צו פאַרשטיין דעם היסטאָרישן אונטערשייד פון אָט די צוויי באַגריפן: „רוים" און „ירושלים". דאָ שטעלט ער שוין אַוועק ירושלים קעגן רוים.

„רוים" רעפּרעזענטירט געשיכטלעך פיזישע און מאַטעריעלע קראַפט. „ירו־שלים" רעפּרעזענטירט די מיסטישע קראַפט פון מענטשלעכן גייסט. צום אמת מענטשלעכן גליק פירט דער וועג פון ירושלים און ניט דער וועג פון רוים. און דאָ קומט נאָך בולטער צום אויסדרוק די קראַפט — די יידישע אמונה — וואָס באַוועגט זיין גייסט. ער רופט זיין דור און דעם גאַנצן יידישן פאָלק, ניט נאָר צו דער פי־זישער צוריקשטעלונג פון דער יידישער מדינה און איר ירושלים. ער רופט אויך צוריק אויפלעבן און אַקטיוויזירן דעם אייגנאַרטיקן יידישן גייסט, וואָס האָט זיך געשיכטלעך אַנטפּלעקט דורך ישראל ואורייתא וקודשא בריך הוא, ווייל נאָר אָט דער גייסט איז באַרופן צו דערפירן צו דער מענטשלעכער גאולה. און די מענטש־לעכע גאולה זעט ער אין דערגרייכן די העכסטע מדרגה פון קדושה און דעם מאַקסי־מום פון גערעכטיקייט. דאָס אַלץ איז פאַר אים פאַרקערפּערט אין סאָציאַליזם, וואָס איז פאַר אים די דערגרייכונג פון דעם יידיש־נביאישן אחרית־הימים.

צו אָט דעם פאַרמעסט האָט ער גערופן די יידן פון זיין דור.

✶

זיין דור האָט דעם רוף ניט דערהערט און האָט דעם פאַרמעסט ניט אויפגע־נומען. די אַסימילאַציע און דער מאַרקסיסטישער געדאַנקענגאַנג האָבן אים דאַן געקענט נאָר אויסלאַכן. אָבער די יידישע געשיכטע האָט אַ צו סענסיטיוון אויער. זי קען ניט פאַרבייגיין אָן אַ געהעריקן ענטפער אויף אַזאַ רוף, וואָס האָט אַרויס־געשטראָמט פון אירע אייגענע טיפקייטן. מיט אַ גאַנצן דור שפּעטער איז אויפגע־שטאַנען זיין וויכטיקסטער תלמיד, ד"ר נחמן סירקין. ער האָט דעם רוף דערהערט, אויפגענומען זיין פאַרמעסט, און דאַן האָט זיך אָנגעהויבן שרייבן אַ ניי קאַפּיטל, וואָס פאַרבינדט אונדז מיט אונדזערע אַלטע פרקי אבות: משה העס קבל מן ההיס־טוריה הישראלית, הנמשכת מסיני, את מזיגת גאולת עם ישראל עם גאולת האנושות. מזה רקם את הרעיון הציוני הסוציאליסטי. ד"ר נחמן סירקין קבל את התורה הזאת ממשה העס. ונחמן סירקין מסרה לברל כצנלסון ולאנשי כנסת הגדולה שקבלו את התורה הזאת בכל תפוצות ישראל. זיי האָבן אויפגעשטעלט די ציוניסטיש־סאָציאַ־ליסטישע באַוועגונג, וואָס איז געוואָרן די טרעגערין פון אָט דעם גרויסן פאַרמעסט, צו וועלכן משה העס האָט מיט הונדערט יאָר צוריק אונדז גערופן.

✶

דערמיט דערנענטערן מיר זיך צו דעם ענטפער אויף דער דריטער פראגע. און בולטער ווי אומעטום זעען מיר דעם ענטפער דווקא דא אין מדינת ישראל.

קוקט מען מיט אביעקטיווע אויגן אויף אלץ, וואס איז דא דורכגעפירט און דערגרייכט געווארן במשך פון די לעצטע 60 יאר, מוז מען באמערקן דעם אונטערשייד צווישן דעם ביישטייער, וואס עס האבן צוגעטראגן צו אט די אלע דערגרייכונגען יענע פון די לעצטע 4 דורות, וועלכע האבן זיך באנוגנט בלויז מיטן פיזישן צוריקאויפבוי פון דער יידישער מדינה, און דעם ביישטייער, וועלכן עס האבן צוגעטראגן די אנדערע פון די לעצטע 4 דורות, וועלכע האבן אויך אויפגענומען די מזיגה פון משה העס, דאס שטרעבן אויך צו דער פולער גאולה פון דער מענטשהייט. געוויס, דאס אויפבויען פיזיש די מדינה אנטהאלט אין זיך אן אומגעהויערע שטויסקראפט, ווען זי ווערט באוועגט דורך דער גאנצער העסישער מזיגה. און ווען מיר האבן אין זינען, אז אין זיין סינטעז שליסט העס איין סיי אזעלכע אלמענטשלעכע ווערטן, וואס געפינען זייער אויסדרוק אין אמונה, סיי אזעלכע, וואס ווערן אויסגעדריקט אין שטרעבונגען צום סאציאליזם, ווערט פאר אונדז דאן קלאר, פאר וואס אין אלץ וואס איז פארבונדן, אי מיט די מחשבות, אי מיט די טאטן פון די לעצטע פיר יידישע דורות, פארנעמען דעם ערשטן ארט עלעמענטן, וועלכע האבן פארבונדן די נאציאנאלע גאולה, די יידישע מלוכהשאפט, מיט דעם אלוועלטלעכן גאנג צום סאציאליזם, ווי העס האט עס אויפגעפאסט; אדער די אנדערע, וועלכע האבן פארבונדן זייער גאנג צו יידישער מלוכהשאפט מיט די אלוועלטלעכע ווערטן פון דער יידישער אמונה. אט די דאזיקע דערשיינונג קען מען זען אין אלץ, וואס די מחשבה פון די לעצטע יידישע דורות האט אונדז איבערגעלאזן, און נאך מער אין די טאטן און אין גאנג צום ציל. דער ציוניזם מיט יידישער אמונה האט דעריבער צוגעטראגן א פיל גרעסערן שטייער צום אויפבוי פון לאנד, ווי דער סתם ציוניזם. נאך גרעסער איז געווען דער ביישטייער פון יענע, וועלכע האבן אויפגענומען דעם פולן סינטעז פון משה העס. און צוזאמען מיטן פיזישן בוי פון לאנד זיך פארמאסטן אויך צו רעאליזירן סאציאליזם.

אזוי זעען מיר זייער בולט די גוואלטיקע השפעה, וואס די מזיגה, וועלכע משה העס האט אנגעזאגט, האט אויסגעאיבט אויף די פיר דורות און האט באוועגט אירע אנהענגער צום מאקסימום אנשטרענגונגען און מאקסימום קרבנות־גרייטקייט.

און דערפון — צו דער 4טער פראגע. אט די ספעציעלע ריכטונג, וואס משה העס איז געווען איר ערשטער אנזאגער, האט זיכער פארדינט, אז זי זאל געפינען איר אויסדרוק אויף א ספעציעלן ארט אין דער ערד פון הייליקן לאנד, ווו עס זאלן געפינען זייער אייביקע רו די ביינער פון דעם ערשטן אנזאגער, פון זיינע דירעקטע תלמידים און פון אלע דענקער, וואס האבן צוגעטראגן זייער ביישטייער צו אט דעם געדאנקענגאנג. עס איז וויכטיק, אז די קומענדיקע דורות זאלן קענען זיך מתייחד זיין, סיי מיט דעם ערשטן אנזאגער, סיי מיט זיינע ערשטע תלמידים, סיי מיט אלע פון די אנשי כנסת הגדולה, וועלכע זיינען געגאנגען אין זיין וועג. זיי זאלן דארט קענען זיך טיפער ארייַנטראכטן אין דעם גייסטיקן מהות פון אט דער מערקווירדיק־גרויסער הונדערטיאריקער תקופה, וועלכע משה העס האט אנגעזאגט. דורך

דעם וועט קענען פאַרשטאַרקט ווערן די האָפענונג, אַז מדינת ישראל וועט סוף־סוף איינשטעלן איר לעבן לויטן גייסט פון משה העס.

✶

אַז אַזאַ צייט מוז קומען — בין איך פולשטענדיק איבערצייגט. איך לערן עס פון דעם, וואָס הגם דער רוף פון משה העס איז פון זיין דור ניט דערהערט געוואָרן, איז אָבער געקומען אַ שפּעטערדיקער דור, וואָס האָט אים יאָ דערהערט און האָט זיך אַפילו פאַרמאָסטן דעם רוף צו רעאַליזירן. ווי אויבן געזאָגט, איז עס געשען דערפאַר, ווייל די יידישע געשיכטע האָט אַ זייער סענסיטיוון געהער, בפרט צו גייסטיקע רופן, וואָס שטאַמען אַרויס פון אירע אייגענע טיפקייטן. אויך די נבואה פון משה העס לגבי דער ווייטערדיקער ראָלע פונעם יידישן פאָלק, וואָס דאַרף דערפירן די מענטשהייט צו דער העכסטער מדרגה פון קדושה און צום מאַקסימום פון צדק, שטאַמט פון די זעלביקע טיפקייטן פון דער יידישער געשיכטע. אויך זי מוז סוף־סוף דערהערט ווערן. און דאָס פאָלק, וואָס האָט זיך אומגעקערט קיין ציון, וועט עס זיכער דערהערן!

✶

איך בין זיכער אַז ווען מדינת ישראל וועט געפינען אַ ביסל אָפּרו פון אירע איצטיקע שווערע געראַנגלען, וועלן אויפקומען אין איר כוחות, וועלכע וועלן אויפ־נעמען אויך דעם היסטאָרישן רוף, וואָס קומט פון „ירושלים״, ווי משה העס פּאַסט עס אויף. די געדאַנקען פון משה העס וועלן געהאָלפן ווערן טאַקע דורך די פיר דורות פון לעצטן יאָרהונדערט, וועלכע האָבן אַריינגעגאָסן אַזוי פיל קדושה און מסירת־נפש אין דער מאָדערנער יידישער געשיכטע. מען קען האָפן, אַז אונדז איז נאָך באַשערט אַ נייע גרויסע נבואה־עפּאָכע, וואָס וועט ממשיך־זיין דעם יידישן גאַנג אין דער וועלט, און וועט דערפירן די גאַנצע מענטשהייט צום אַחרית הימים, ווי משה העס האָט אים אויפגעפּאַסט.

✶

אַזוי איז מיטן אַריבערפירן די ביינער פון משה העס צו אייביקער רו ביים ברעג פון כנרת, פאַרענדיקט געוואָרן אַ הונדערטיאָריקע תקופה אין דער יידישער געשיכטע — די עפּאָכע פון געשיכטלעכן תחיית־המתים פון ירושלים, וואָס האָט אונדז דערפירט צו דער יידישער מדינה און וועט אונדז ווייטער פירן צו דער אויפגאַבע פון צוריק ווערן אַן אור לגויים.

דער הערצל־יאָרהונדערט

(געשריבן אין 1960)

✶

ווי אַ מעטעאָר איז ער דורכגעפלויגן דורך אונדזער געשיכטע. אַליין האָט ער געלעבט בלויז 44 יאָר פון זיין יאָרהונדערט. אָבער פאַר דער יידישער געשיכטע זיינען די 56 יאָר נאָך זיין פטירה געווען דורכגענומען מיט זיין גייסט פיל מער ווי די 44 יאָר פון זיין לעבן. מיר שטייען ערשט ביים סוף פון ערשטן הערצל־יאָרהונדערט. אוודאי וועט זיין השפעה פאַרגעזעצט ווערן אויך אין דער צוקונפט, אָבער היינט ווען מיר בלויז פּרובירן באַצייכענען איניקע פון די השפעות, וואָס דער דאָזיקער יאָרהונדערט האָט אויסגעאיבט אויף הערצלען און איניקע פון די השפעות, וואָס ער האָט אַריינגעגעבן אינעם ווייטערדיקן גאַנג פון אונדזער לעבן.

כמעט גאַנצע 60 יאָר פון אָט דעם יאָרהונדערט האָב איך אַליין באַוווסטזיניק איבערגעלעבט. איך בין געווען אַ טראָפּן אינעם שטראָם, וואָס האָט זיך זייער אַ סך דערנערט פון זיין גייסט. די ערשטע 40 יאָר האָב איך זיך גייסטיק געגערט בלויז פון לייענען אים אַליין און וועגן אים. איך ווייס זייער גוט, אַז במשך פונעם יאָרהונדערט זיינען אויפגעטראָטן פּערזענלעכקייטן, סיי ביי יידן, סיי ביי די אומות העולם, וועלכע האָבן איבערגעשטיגן הערצלען, סיי אין קונסט, סיי אין ליטעראַטור, סיי אין טיפקייט פון מחשבה און אַפילו אין שאַרפקייט פון וויזיע. און דאָך שיינט מיר צו זיין באַרעכטיקט די באַהויפּטונג, אַז דורך אים, דורך ד״ר הערצלען, ווערט דער יאָרהונדערט מער סימבאָליש רעפּרעזענטירט, ווי דורך וועלכער ניט איז אַנדערער פּערזענלעכקייט פון אָט דעם יאָרהונדערט. דאָס איז דערפאַר, ווייל ער איז געווען פון די וויניקע, וועלכע האָבן אין זיך אַריינגעזאַפּט די אַלזייטיקייט פון דעם מערקווירדיקן יאָרהונדערט. דורך דעם איז ער געוואָרן זיין בולטסטער רעפּרעזענטאַנט.

✶

דאָס איז דער יאָרהונדערט, אין וועלכן דער מין מענטש האָט זיך אויפגעהויבן זייער נאָענט צו געטלעכקייט און איז אויך אַרונטערגעזונקען צו דער מדרגה פון די ווילדסטע חיות־רעות. דאָס איז דער יאָרהונדערט פון ריזן־שריט אויפן סאָציאַלן שטח, פון אומגעהויערע אַנטוויקלונגען אין דער טעכנאָלאָגיע, פון ממש קאָפּשווינדלדיקע איבערקערענישן, סיי אין דער פּאָליטיק, סיי אין דער וויסנשאַפט, און דאָס איז גלייכצייטיק דער יאָרהונדערט פון היטלעריסטישער שיפלות און סטאַליניסטישער בלוטיקער פאַרפלעקונג פון הויכע אידעאַלן. ביידע אָט די לעצטע דערשיינונגען זיינען פאָרגעקומען כמעט ביים סוף פון יאָרהונדערט, אָבער זיי זיינען געווען רעזולטאַטן פון אַנטוויקלונגען, וועמענס וואָרצלען שטעקן אין זיין אָנהייב. די גרעסטע יידיש־געשיכטלעכע געשעענישן — דער שווערסטער חורבן פון אונדזער געשיכטע און די העכסטע אויפקום־דערגרייכונג פון מדינת ישראל — זיינען פאָרגעקומען אין די אַנטוויקלונגען פון אָט דעם יאָרהונדערט. אויך זיי זיינען

געשען כמעט צום סוף, אָבער זייערע וואָרצלען שטעקן אין אָנהייב פון יאָרהונדערט. דורך הערצלס נשמה זיינען דורכגעגאַנגען אַט די אַלע יידישע און אַלמענטשלעכע אַנטוויקלונגען. זייערע אָנהייבן האָט ער געזען. זייערע וויטערדיקע רעזולטאַטן האָט ער דערשפּירט. דאָס אַלץ האָט פּאָרמירט זיין פּערזענלעכקייט. אַלע זיינע שאַ־פונגען זיינען דעריבער געווען די אָפּשפּיגלונגען סיי פון דאָס, וואָס ער האָט געזען, סיי פון דאָס, וואָס ער האָט געאַנט.

*

ניטאָ קיין שאַרפע התחלות אין אַ געשיכטלעכן פּראָצעס. עס זיינען געווים דאָ שאַרפע צוזאַמענברוכן פון עפּאָכעס דורך גרויסע קאַטאַסטראָפעס, און זיי ברענ־גען מיט זיך אויך שאַרפע און נייע התחלות. דאָס זיינען אָבער אויסנאַמען. דער נאָרמאַלער געוועב פון געשיכטע, סיי פון אַ פאָלק, סיי פון דער מענטשהייט, איז אַ שטענדיקער פלוס, וואָס אין אים האַלטן כסדר אין געבוירן ווערן נייע אָנהייבן. צי אַזעלכע נייע אָנהייבן דערגרייכן שפּעטער שעפערישע רעזולטאַטן, וואָס באַאיינפלוסן מענטשן און פעלקער — דאָס הענגט אָפּ פון די אַנטוויקלונגען, וועלכע זיי באַגעגענען אינעם פלוס, וואָס הייסט מענטשלעכע געשיכטע. אָפט קומען זיי אין קאָנפליקט מיט אַנדערע נייע אָנהייבן, וועלכע זוכן אויך זייער וועג צום אויסדרוק. אין הערצלס אויפשטייגן איז זיין אייגענער אָנהייב און דער אָנהייב פונעם יאָרהונדערט געווען אין איינקלאַנג מיטן נאָרמאַלן געוועב פון דער געשיכטע. שפּעטער קומען זיי אין גרויסע קאָנפליקטן מיט אַנדערע פּראָ־צעסן. פון די קאָנפליקטן ווערן פאַרשאַרפט זיינע יצירה־כוחות. ביז עס דערהייבט אים צו יענער געשיכטלעכער הויך, צו וועלכער בלויז פענאָמענאַלע יחידים דערגרייכן. לייענט מען די הערצל־ביאָגראַפיע געשריבן פון ד״ר אַלעקס ביין, קען מען ממש אָנטאַפּן דעם הערצל־אָנהייב. מען קען אויך אָנטאַפּן דעם אָנהייב פון זיין יאָרהונדערט. דער יאָרהונדערט האָט אים תיכף באַאיינפלוסט. זיין השפּעה אויפן יאָרהונדערט האָט זיך נאַטירלעך אָנגעהויבן פיל שפּעטער.

הייבן מיר אָן פון זיינע קינדער־יאָרן.

קודם לעבט אין זיין משפּחה אַ לעגענדע, אַז זי שטאַמט פון אַנוסים. ווי וויט אַט די לעגענדע איז באַזירט אויף פאַקטן, איז נאָך עד היום ניט פעסטגעשטעלט געוואָרן. אָבער פאַר אונדזער ציל — זוכן דעם הערצל־אָנהייב — איז עס קיין חילוק ניט. אויך ווי אַ לעגענדע איז זי געווען גענוג שטאַרק צו באַאיינפלוסן דעם זייער עמפּינדלעכן יונגן קינד. עס טרעט שוין אַריין אין זיינע סאַמע יונגע יאָרן אַ טראַגישע יידיש־געשיכטלעכע עפּאָכע און פאַרזייט אין אים אירע קערנער. דער שטייגנדיקער אַנטיסעמיטיזם פון יענער צייט, וואָס געהערט צו די נעגאַטיווע דער־שיינונגען פון זיין יאָרהונדערט, העלפט די דאָזיקע קערנער זיך אויסצייטיקן אין זיין נשמה. ניט באַלד פירן זיי אים צו מעשים. אָבער ווען ער הייבט אָן צו זוכן זיין ענטפער אויף דער יידן־פראַגע, רופן זיך אין זיין האַרצן אָפּ די השפּעות פון זיין יוגנט, פון זיין אָנהייב.

אין דער משפּחה קומט אויך פאָר אַ שאַרפער אידעישער גראַנגל. טיילן פון זיינע משפּחה־מענטשן, אָנגעהויבן שוין פון עלטער־זיידעס, ציען צו אַסימילאַציע,

אויסצולעבן זיך אין דער דייטשער קולטור. די מאָדיאַרישע קולטור האָט אויף זיי קיין איינפלוס ניט. אַנדערע טיילן ציט עס דוקא צו פעסטערער באַהעפטונג מיט יידישקייט. דעם שטאַרקסטן איינפלוס אויפן קינד איבט אויס יענער זיידע, וואָס איז ממשיך דאָס טיף־יידישע לעבן. אָבער אויך די השפעה פון אַסימילאַטאָרישן צד האָט געפונען איר אויסדרוק אין זיינע בחורשע יאָרן. דעריבער האָט ער לאַנגע חדשים געזען אין עקסטרעמער אַסימילאַציע דעם אויסוועג פון דער יידנפראַגע. דאָס האַלט אָבער צו לאַנג ניט אָן. דורך דעם זיידן וואָס זוכט טיפע יידישקייט הייבט אָן אין זיין נשמה אַריינדרינגען גאָר אַ נייע, זייער פּאָזיטיווע השפעה פון זיין יאָרהונדערט, אַ השפעה, וואָס שטאַמט פונעם נאָרמאַלן פלוס פון יידישן לעבן. אָט דער זיידע זיינער וווינט אין דער שטאָט זעמלין. ער איז מתפלל אין דער ספר־דישער קהילה פון אָט דער שטאָט. דער חזן פון אָט דער קהילה, וואָס איז אויך אַ לערער, איז ר׳ יהודה אלקלעי, איינער פון די סאַמע ערשטע ציוניסטן אין דער מאָדערנער יידישער געשיכטע. ר׳ יהודה אלקלעי איז איבערצייגט, אַז די יידישע גאולה קען קומען נאָר דורך רעאַליזירן שיבת ציון. ער פּריידיקט אָט דעם געדאַנק אין וואָרט און שריפט. ד״ר אַלעקס ביין זאָגט:

„עס איז אַנצונעמען, אַז הערצלס זיידע איז געווען באַאיינפלוסט פון ר׳ יהודה אלקלעי און אַז דער זיידע האָט וואַרשיינלעך אויך געזוכט איינצופלאַנצן עס אין זיין אייניקל״.

לויט מיין מיינונג, איז אויך ניט אויסגעשלאָסן אַ דירעקטע אַלקלעי־השפעה אויף דעם יונגן הערצל. ר׳ יהודה אלקלעי האָט געלעבט ביזן יאָר 1878, ווען הערצל איז שוין געווען אַן 18־יאָריקער בחור. אמת, מען מערקט ניט, אַז די דאָזיקע השפעה זאָל האָבן באַלד זיך אויסגעווירקט אין הערצלס לעבן. הערצלס משפחה פאַרלאָזט בודאַפּעשט טאַקע אין יאָר 1878. דער 18־יאָריקער הערצל טרעט אַריין אין אוניווערסיטעט. די נייע באַדינגונגען פון זיין לעבן האָבן אין אים אַרויסגערופן נייע פאַראינטערעסירונגען, וואָס האָבן פאַרטונקלט, אָדער פאַר־דרעמלט די ערשטע איינפלוסן. ווען אָבער ווייטערדיקע אַנטוויקלונגען פון יאָר־הונדערט האָבן אים געצוווּנגען צו פאַרטראַכטן זיך טיפער אינעם יידישן פּראָבלעם, און די אַסימילאַציע־לייזונג פון דער יידנפראַגע האָט אים אָנגעהויבן וויניקער גע־פעלן, כאַפּן זיך אין זיין נשמה ווידער אויף די פּאָזיטיווע השפעות פון זיינע קינדער־יאָרן און דערפירן אים צו זיין לעבנסשאַפונג — צום „יידנשטאַט״.

ד״ר ביין דערציילט אויך, אַז די הערצל־משפחה האָט מיט ספּעציעלן אינטערעס געפייערט צוויי יום־טובים: חנוכה און פסח. אויך דאָס איז, ווי עס שיינט, ניט געווען קיין צופאַל. אין דעם האָט זיך שוין אויסגעדריקט דער דראַנג צו נאַציאָנאַלער פרייהייט, וואָס האָט דאַן אַרומגענומען אַ סך אונטערדריקטע פעלקער. אָט דער דראַנג איז געווען איינער פון די פּאָזיטיווע אויסגעשפּראָכענע סימנים פון זיין יאָר־הונדערט. די יום־טובים חנוכה און פסח פאַרמאָגן מער נאַציאָנאַלן תוך, ווי אַלע אַנדערע יידישע יום־טובים. דאַרף מען אין דעם זען אַן אָפּקלאַנג פון דעם אַלגע־מיינעם דראַנג צו נאַציאָנאַלער פרייהייט. אָט די השפעה פונעם יאָרהונדערט האָט זיך אויך אָפּגערופן אין זיינע שפּעטערדיקע האַנדלונגען.

מיר זעען דעריבער, ווי אַזוי אין זיין סאַמע יוגנט האָט דער יאָרהונדערט אים געגעבן צו פאַרזוכן סיי פון זיינע זיסע, סיי פון זיינע ביטערע פּירות.

*

אָבער ניט נאָר אַנטיסעמיטיזם און דראַנג צו נאַציאָנאַלער באַפרייונג האָבן כאַראַקטעריזירט אָט דעם יאָרהונדערט. עס האָט זיך אַנגעהויבן פּאַנאַנדערפלאַקערן דער סאָציאַלער געראַנגל, וואָס איז געקומען ווי אַ רעזולטאַט פון די ריזן־שריט פון דער טעכניק־אַנטוויקלונג. אין אַלע זיינע ווערק, אין זיינע דראַמעס, ווי אין זיינע טאָגביכער, אין זיינע פעליעטאָנען און אַפילו אין זיינע קאָרעספּאָנדענצן ווערט בולט דעמאָנסטרירט זיין טיפער אינטערעס אין אָט די נייע אַנטוויקלונגען און זייער גוואַלטיקע השפּעה אויף אים. אויך אויף אָט די שטחים ווערט ער באַווירקט פון די פּאָזיטיווע, ווי פון די נעגאַטיווע עלעמענטן, וואָס וואַקסן פון זיי אַרויס.

ער האָט גרויס רעספּעקט פאַר אידעלקייט פון כאַראַקטער, וועלכע ער געפינט אָפט ביי געוויסע מענטשן פון גרויס־אינדוסטריעלן פאַרנעם. גלייכצייטיק וויטיקט ער מיט דער אָרעמער באַפעלקערונג, וואָס ראַנגלט זיך פאַר אַ ביסל גענוס פון לעבן, פאַר אַ ביסל מער ליכט אין זייער פינצטערניש. אים אימפּאָנירט קאַמף פאַר מענטשלעכן שטאָלץ, וואָס ער טראָגט שפּעטער אַריבער אויך אויף יידישן שטאָלץ. שוין אין זיינע יונגע יאָרן פאַרהערלעכט ער די פּערזענלעכקייטן פון היינריך היינע און פערדינאַנד לאַסאַל, ווייל אין ביידע זעט ער הויכע סימבאָלן פון מענטשלעכן און יידישן שטאָלץ. אָבער זיין פּאָרויסזען טראָגט אים אַ סך ווייטער, ווי די אַנט־וויקלונגען וואָס ער אַליין האָט בייגעוווינט. ער דערשפּירט זייערע פּאָטענצן. די פּאָזיטיווע דערפרייען אים, אָבער די נעגאַטיווע דערשרעקן אים. אין זיינע פּלענער פאַר דעם בוי פון דער יידישער מדינה פאַרלאָזט ער זיך זייער פיל אויף די ווייטערדיקע פּאָזיטיווע טעכנישע אַנטוויקלונגען. גלייכצייטיק באַוואָרנט ער זיך קעגן זייערע נעגאַטיווע פּאָטענצן. דערפאַר בויט ער לכתחילה אויף אַ סאָציאַלן יסוד, וואָס זאָל ניט דערלאָזן די נעגאַטיווע פּאָטענצן גיין צו ווייט. דערפון קומען די טיפע סאָציאַלע רעפאָרמען, וואָס עס אַנטהאַלטן זיינע פּלענער פאַר דער יידישער מדינה.

*

בכלל איז צו באַוואונדערן הערצלס חוש פון פּאָרויסזען. זיין השפּעה אויפן יאָר־הונדערט, ווי אויך די שעפערישע מעשים, צו וועלכע דאָס האָט געפירט דעם יידישן פאָלק, שטאַמען טאַקע פון אָט דעם פּאָרויסזען. איך האָב אויבן געזאָגט, אַז עס זיינען אינעם יאָרהונדערט אויפגעטראָטן פּערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן פאַרמאָגט אַ שאַרפערע וויזיאָנעלע קראַפט ווי אַפילו הערצל. איך האָב דערמיט געהאַט אין זינען די פאַרשיידענע פאָרמולירער פון גרויסע סאָציאַלע חלומות, וועלכע האָבן זיך אויסגעשפּרייט אויף דער גאַנצער מענטשהייט. אָבער אין פּאָרויסזען, צו וועלכע רעזולטאַטן עס וועלן פירן יענע דערשיינונגען, וועמענס אַנהייב ער האָט בלויז געזען, איז ניטאָ דאַכט זיך קיינער, וואָס קען זיך מיט אים פאַרגלייכן.

פאַרצייכענען מיר בלויז איניקע פון זיי, וועלכע זיינען פאַרבונדן מיט זיין לעבנס־שאַפונג: די פּאָליטישע באַוועגונג צו דערגרייכן אַ יידישע מדינה. שאַרפער ווי ווער עס איז אַנדערש האָט ער פּאָרויסגעזען, אויף וועלכע קאַטאַסטראָפעס דאָס

יידישע פאָלק איז אויסגעשטעלט, ווי אַ רעזולטאַט פון די אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע קאָנפליקטן פון זיין יאָרהונדערט. שאַרפער פון אַלעמען האָט ער דערבליקט אין אָט די אָנגעהויבענע קאָנפליקטן אויך יענע מאָמענטן, וואָס קענען מיטהעלפן דער יידישער נאַציאָנאַלער באַפרייונג. שאַרפער פון אַלע האָט ער דערשפּירט דעם היסטאָרישן מוז פון דער יידישער מדינה. די אַנטוויקלונגען פון צווייטן טייל פון זיין יאָרהונדערט, ווען ער האָט שוין ניט געלעבט, האָבן באַשטעטיקט סיי, לײַדער, די נעגאַטיווע אַנטוויקלונגען וואָס ער האָט פאָרויסגעזען, סיי — צו אונדזער גליק! — אויך די פּאָזיטיווע.

היינט, נאָך דעם היטלער־חורבן, איז מער ניט נייטיק צו באַווייזן די ריכטיקייט פון זיין פאָרויסזען די קאַטאַסטראָפע. 12 יאָר נאָך דעם מדינה־אויפקום איז אויך ניט נויטיק צו באַווייזן ווי ריכטיק ער האָט פאָרויסגעזען דעם מוז פון דעם יידנשטאַט. וועגן דעם צווייטן בעט זיך אָבער איין־איינציקער פאַרגלייך.

אינעם זעלביקן יאָרהונדערט האָט אין אַן אַנדער וועלט־ווינקל געלעבט אַ צווייטער גרויסער ייד. איך האָב אין זינען לואיס מאַרשאַל, וואָס איז געבוירן געוואָרן 10 יאָר פריִער ווי הערצל און איז נפטר געוואָרן 25 יאָר נאָך הערצלען. איך בין היינט געוויס ניט אויסן צו ציִען אַ פאַרגלייך, אָדער צו אונטערשטרייכן די אַנדערשקייט פון אָט די צוויי יידישע פערזענלעכקייטן. איך וויל נאָר פעסטשטעלן, אַז אין זיינע יונגע יאָרן איז מאַרשאַל ווייניקער נכשל געוואָרן אין אַסימילאַציע־טענדענצן ווי הערצל. לויט מיין אָפּשאַצונג — טראָץ פאַרשיידענע אינערלעכע קאָנפליקטן וואָס איך האָב געהאַט מיט לואיס מאַרשאַל — איז מאַרשאַל קיין מאָל ניט געווען קיין אַסימילאַטאָר. געוויס האָט ער קיין מאָל ניט געטראַכט — ווי הערצל האָט אין אָנהייב יאָ געטראַכט — צו לייזן דאָס יידישע פּראָבלעם דורך מאַסנהאַפטע געמישטע חתונות און אַפילו דורך מאַסן־שמד. מאַרשאַלס גוט און איבערגעגעבן יידיש האַרץ האָבן אַפילו זיינע עקסטרעמסטע קעגנער ניט אָפּגעלייקנט. אָבער צו הערצלס שאַרפן חוש פון פאָרויסזען האָט ער קיין מאָל ניט דערגרייכט. דאָס זעט מען זייער בולט, ווען מען שטעלט אַוועק אין ליכט פון דער איצטיקער ווירקלעכקייט אַ הערצל־פּסוק קעגן אַ מאַרשאַל־פּסוק. איך האָב אין זינען הערצלס פּסוק „אויב איר וועט וועלן, וועט עס ניט זיין קיין לעגענדע” אַנטקעגן מאַרשאַלס אַ פּסוק: „ניט דו, ניט דיינע קינדער, ניט דיינע קינדסקינדער וועלן זען די עטאַבּלירונג פון אַ סוווערענער יידישער מדינה אין ארץ־ישראל”. נאָך בולטער ווערט דער פּונקט, ווען מען געדענקט, אַז הערצלס פּסוק איז פאָרמולירט געוואָרן אַן ערך אין יאָר 1896 און מאַרשאַלס פּסוק מיט כמעט 23 יאָר שפּעטער. (פינקטלעך: דעם 12טן דעצעמבער 1918). ווען מען פאַרגלייכט ווי ווייניק מיר האָבן פאַרמאָגט אין ארץ־ישראל אין 1896, ווען הערצל האָט מיט אַזאַ זיכערקייט פאָרויסגעזען דעם מוז פון דער יידישער מדינה, מיט דעם וואָס מיר האָבן פון דעסטוועגן שוין יאָ פאַרמאָגט אין 1918, ווען מאַרשאַל האָט מיט אַזאַ פּסקנות אָפּגעזאָגט דאָס לעבן יעדן געדאַנק פון אַ יידישער מדינה אין ארץ־ישראל, דערגרייכט הערצלס כוח פון פאָרויסזען כמעט ווי צו נבואה.

איך מיין, אַז מען קען ניט פאַרשרייבן לואיס מאַרשאַלס פּסוק אויפן חשבון

פון זיין עקסטרעמער קעגנערשאַפט צום ציוניזם. דער פאַקט איז, אַז מיט אַן ערך 10 יאָר שפּעטער איז דער זעלביקער מאַרשאַל געווען איינער פון די גרינדער פון דער ייִדישער אַגענץ פאַר ארץ־ישראל. נאָך מער שלאַגנדיקער איז דער פאַקט, וואָס בלויז מיט געציילטע חדשים שפּעטער, נאָך דעם ווי דער מאַרשאַל־פּסוק איז פאָר־מולירט געוואָרן, האָט דער זעלביקער לואיס מאַרשאַל, שאַרפער ווי אַ סך אָרגאַ־ניזירטע ציוניסטן, געפירט אין ווערסייל דעם געראַנגל פאַר די פאָדערונגען, וועלכע דאָס ייִדישע פאָלק האָט דאַן געשטעלט דעם שלום־קאָנגרעס נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, און די וויכטיקסטע פון זיי איז געווען די פאָדערונג פון „אַ ייִדישן קאָמענוועלט אין ארץ־ישראל". בייז! ניט די פּרינציפּיעלע קעגנערשאַפט האָט מאַרשאַלן באַוועגט צו זיין פּסוק. ווען דאָס וואָלט געווען די סיבה, וואָלט מאַרשאַל ניט גענומען אויף זיך צו פירן אַזאַ געראַנגל, אַפילו ווען ער האָט אויף דעם באַקומען אַ מאַנדאַט פונעם אָרגאַניזירטן אַמעריקאַנער ייִדנטום. באַוועגט האָט אים צו אָט דעם פּסוק זיין זיכערקייט, אַז דאָס קען פּשוט ניט געשען. זיין אָפּשאַצונג פון די אינטערנאַציאָנאַלע באַדינגונגען און די פּאָטענצן וואָס זיי אַנטהאַלטן, האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז אַ ייִדישע מדינה איז ניט מעגלעך. בעת הערצלס אָפּשאַצונג פון די זעלביקע באַדינגונגען און זייערע פּאָטענצן האָט אים אונטערגעזאָגט, נאָך מיט 23 יאָר פריער, פּונקט דאָס פאַרקערטע — און הערצלס פאָרויסזען איז גע־שיכטלעך באַשטעטיקט געוואָרן. אַזוי זיינען אויך באַשטעטיקט געוואָרן כמעט אַלע זיינע פאָרויסזאָגונגען, ווי אַזוי די געשעענישן וועלן זיך אַנטוויקלען דורך דעם גאַנצן יאָרהונדערט.

געפירט פון אָט דעם טיפן פאָרויסזען האָט ער קודם פאָרמולירט די אידעע פון ייִדנשטאַט. דאַן האָט ער אויפגעשטעלט דעם אָרגאַניזירטן פּאָליטישן כוח, וואָס זאָל דערגרייכן צוויי צילן: א. צוגרייטן דאָס פאָלק צו דער גרויסער באַפרייונגס־רעוואָלוציע און ב. האַלטן דאָס ייִדישע פּראָבלעם כסדר פאַר דער וועלט־עפנט־לעכקייט. ווי אַן ענטפער אויף זיין רוף האָבן זיך אויפגעוועקט כוחות, וואָס האָבן ביז דאַן בלויז געדרימלט אין ייִדישע נשמות. די דאָזיקע כוחות זיינען אַוועק אין ארץ־ישראל און גענומען צוגרייטן אויך דאָס לאַנד פאַר דעם ייִדנשטאַט־געדאַנק. און אין דער ייִדישער געשיכטע איז דורכגעפירט געוואָרן די גרויסע רעוואָלוציע: די ייִדישע מדינה איז אויפגעשטעלט געוואָרן. זי איז געוואָרן אַ פאַקטאָר אין דער מענטשהייט. זי גייט אויפן וועג פון פולשטענדיקן לייזן דאָס ייִדישע פּראָבלעם. שוין אין דעם אַליין ליגט אַ טייל פון הערצלס השפּעה אויפן יאָרהונדערט. הערצל איז דאָך געווויס גערעכט געווען, אַז דאָס ייִדישע פּראָבלעם איז אַ וועלט־פּראָבלעם, און אין דער מאָס וואָס דאָס פּראָבלעם ווערט געלייזט, ווערט אויך די מענטשהייט באַפרייט פון אַ לאַסט, וואָס האָט אויף איר געדריקט. אָבער דערמיט אַליין איז נאָך ניט אויסגעשעפּט די הערצל־השפּעה אויף דעם יאָרהונדערט.

✶

איך האָב געזאָגט, אַז הערצל האָט אין זיך אַריינגעזאַפּט די אַלזייטיקייט פונעם יאָרהונדערט. עס איז גענוג איבערצולייענען זיין דראַמע „דאָס נייע געטאָ", כדי צו זען, ווי טיף די אַלזייטיקייט איז אין אים אַריינגעדרונגען, טראָץ דעם וואָס אויך

אין אָט דער דראַמע זעט מען, אַז דעם סאַמע ערשטן פּלאַן אין זיין גאַנצן וועזן פאַרנעמט די יידן־פּראַגע. די דראַמע איז געשריבן געוואָרן אין 1894. אין יענע יאָרן האָט אין זיין האַרץ און מוח שוין געצייטיקט דער „יידנשטאַט". ווי ער אַליין דערציילט אין זיינע טאָגביכער, האָבן די מחשבות וועגן יידנשטאַט אים ניט געגעבן קיין רו אַ פאַר יאָר איידער דאָס העפט „יידנשטאַט" איז געשריבן געוואָרן. פון דעסטוועגן האָט די אוניווערסאַלקייט אויך דאָ אים פאַרכאַפּט.

די צענטראַלע געשעעניש פון דער דראַמע איז גאָר אַ שאַרפער קאַמף צווישן סלאָוואַקישע קוילנגרעבער און די מינען־אייגנטימער. דער העלד פון דער דראַמע, אַדוואָקאַט יעקב סאַמועל (וואָס דריקט מסתמא אויס הערצלס איינשטעלונגען צו אַלע פּראָבלעמען וועלכע די דראַמע באַרירט), שטעלט זיך אויף דער זייט פון די קוילנגרעבער און קעגן די אייגנטימער. קיין סאָציאַליסט, זאָגט יעקב סעמועל אויף זיך אַליין, איז ער ניט. ער נעמט אָן זיין שטעלונג אַרויסגייענדיק בלויז פון שטאַנדפּונקט פון מענטשלעכן יושר. האָבן מיר דאָ אַ שאַרף אַלמענטשלעך פּראָבלעם *.

אין פאַרבינדונג דערמיט שטייען בערזע־ספּעקולאַנטן. הערצל שילדערט די געמיינהייט פון אָט דעם האַנדל. איז עס ווידער אַן אַלמענטשלעך פּראָבלעם. יעקב סאַמועלס אַ שוואָגער איז אָבער אויך פאַרמישט אין דער בערזע־ספּעקולאַציע. ער, צוזאַמען מיט אַנדערע, האָבן ספּעקולירט מיט די אַקציעס פון דער קוילן־מינע אַרום וועלכער דער קאַמף האָט זיך געפירט. אין די זעלביקע טראַנזאַקציעס האָט אויך געהאַט אַ חלק אַן אַנטיסעמיטישער גראַף מיט וועמען יעקב סאַמועל האָט אַ מאָל שוין געהאַט אַ צוזאַמענשטויס, וועלכער האָט דאַן געפירט צו אַ דועל־אַרויסרוף וואָס איז ניט צושטאַנד געקומען. האָבן זיי זיך איצט ווידער באַגעגנט, און דער אַנטיסעמיטישער גראַף האָט טיף באַליידיקט יעקב סאַמועלן און זיין שוואָגער ווי יידן. דאָס מאָל איז ווידער געוועזן אַ דועל־אַרויסרוף, וואָס איז שוין יאָ דורכגעפירט געוואָרן, יעקב סאַמועל ווערט שטאַרק פאַרוווּנדעט און שטאַרבט. ער פאַלט אַ קרבן אי פאַר זיין יידישן שטאָלץ, אי פאַר זיין איינשטעלן זיך פאַר די קוילנגרעבער. אין דעם איז שוין פאַרוועבט אי אַ יידיש, אי אַן אַלמענטשלעך פּראָבלעם.

פאַראַן דאָרט נאָך דערשיינונגען, וואָס רירן אָן אַנדערע סאָציאַלע פּראָבלעמען. יעקב סאַמועל האָט אַ ניט־יידישן יוגנט־פריינד, וועמענס פריינדשאַפט איז זייער אַ ריינע און אַ טיף־מענטשלעכע. זיין פריינד פראַנץ באַשליסט צו מאַכן אַ פּאָליטישע קאַריערע, אָבער עס שטייט אים אין וועג זיין נאָענטע פריינדשאַפט מיט יידן. זיינע פּאָליטישע קעגנער וועלן עס אויסנוצן קעגן אים. זיין יוגנט־פריינד פראַנץ זאָגט עס אים אָפן. יעקב סאַמועל דאַנקט אים פאַר דער אָפנקייט, אָבער

* עס וועט אַ מאָל כדאי זיין צו אַנאַליזירן זיין קורצע באַגרינדונג, פאַר וואָס ער איז ניט קיין סאָציאַליסט, כדי נאָך מער בולטער צו אונטערשטרייכן, סיי זיין אַלזייטיקייט, זיין באַנעמען זיך מיט אַלע מענטשלעכע אינטערעסן, סיי זיין פעיקייט פאַרויסצוזען סאָציאַלע אַנטוויקלונגען. ב. צ.

זיין נשמה ווערט דורך דעם שטאַרק פּאַרווונדעט. אַזוי ווערן אין דער דראַמע באַרירט נאָך פּראָגן, וואָס געהערן צו פאַרשיידענע זייטן פונעם לעבן אין אָנהייב פון הערצלס יאָרהונדערט. אַלע פון זיי ווייטיקן אים און אין אַלע דרינגט ער זייער טיף. איבער אַלע, און אַפילו גלייכצייטיק מיט זיי, לאָזט אים אויף אַ מינוט ניט אָפּ דאָס יידן־פּראָבלעם. ער ברענגט אַרויס לייזונגען צו די אַנדערע פּראָגן אויך. הלוואַי וואָלט די מענטשהייט פון איצטיקן יאָרהונדערט זיך גוט צוגעהערט צו זיי. זיין איינפלוס אויפן גאַנצן מענטשלעכן לעבן וואָלט דאַן געווען אַ פּאָזיטיווער, ווי פּאָזיטיוו ער איז געווען אין יידישן לעבן. איך בין זיכער, אַז אַט דער טאָג וועט אויך קומען.

✶

איך האָב שוין באַמערקט, אַז אין דעם יאָרהונדערט האָבן זיך געראַנגלט די העכסטע מדרגות פון „אור" מיט די נידעריקסטע שטופן פון „חושך". שאַרפער ווי אַלע אַנדערע שטחים איז אַט דער „אור־וחושך"־געראַנגל אויסגעפּאַכטן געוואָרן אויפן רוקן פון יידישן פאָלק. הערצל האָט עס דערשפּירט. ברב אַנפּין האָט ער עס געזען אין דער גאַנצער ברייט פון מענטשלעכן לעבן. בזעיר אַנפּין האָט ער עס דערזען אין דעם דרייפוס־פּראָצעס. אפשר ליגט אין דעם די סיבה, פאַר וואָס דער דרייפוס־פּראָצעס האָט אים געגעבן דעם לעצטן שטויס צו זיין לעבנס־ווערק. ער האָט אין עסטערהאַזין און אין זיין קליקע דערבליקט די סימבאָלן פון דער פינצ־טערניש פונעם יאָרהונדערט און אין עמיל זאָלאַן און זיינע חברים — די סימבאָלן פון דער ליכטיקייט. הערצל האָט דערשפּירט, אַז יעדער מענטש מוז מיטהעלפן דעם „אור" צו באַזיגן דעם „חושך" אין אַט דעם אַלמענטשלעכן געראַנגל, און ער האָט זיך פאַרמאָסטן צוצוטראָגן זייןביישטייער. ער האָט געזען די געשלאָסנקייט פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט; די אָפּהענגיקייט פון יעדן איינעם אָן די אַנ־דערע. ער האָט גוט באַגריפן, אַז די פינצטערניש קען אַנדערש ניט באַזיגט ווערן, סיידן זי וועט טאָטאַל פאַרטריבן ווערן פון דער גאַנצער מענטשהייט. ער האָט דערשפּירט דעם געשיכטלעכן אמת, וואָס אַ סך פון היינטיקע גרויסע מדינות־פירער זעען נאָך ניט, אַז די מענטשהייט קען ניט בלייבן אַ לאַנגע צייט אַ טייל פריי און אַ טייל פאַרשקלאַפט. ער האָט געווידמעט זיינע אומגעהויערע טאַלאַנטן אַ טייל פון דער מענטשהייט — דעם יידישן פאָלק — אין דער פולער איבערציי־גונג, אַז אָן דער באַפרייונג פון דעם פאַריאָגטן צווישן אַלע פעלקער קען די גאַנצע מענטשהייט קיין מנוחה ניט געפינען. וואָס ער האָט געגעבן דעם יידישן פאָלק — ווייסן מיר שוין. זיין ביישטייער צו דער מענטשהייט הייבט ערשט אָן אויפגעקלערט צו ווערן. די גרויס פון זיין ביישטייער איז אָפּהענגיק אָן דעם, ווי ווייט די גייסטיקע כוחות פון דער מענטשהייט וועלן אויפכאַפּן די קערנער, וואָס ער האָט צעשפּרייט און זיי אַריינזייען אינעם באַוווסטזיין פון דעם מין מענטש.

דער געראַנגל צווישן „אור" און „חושך" גייט איצט אָן שאַרפער ווי ווען עס איז פריער. איצט זיינען נאָך מער נייטיק אַזעלכע גרויסע גייסטער, וועלכע זאָלן אַריינזאַפּן אין זיך די אַלזייטיקייט פון מענטשלעכן לעבן, ווי הערצל האָט עס אַריינגעזאַפּט. די דאָזיקע גרויסע גייסטער דאַרפן אויך קענען, אַזוי ווי הערצל,

דורכדרינגען און פּאָרויסזען די פּאָטענצן, וואָס ליגן אין די געשעענישן פונעם נייעם יאָרהונדערט. טראַכט מען וועגן דעם, קלינגט אָפּ אין דער נשמה אַן אויסגע־שריי אין דער דערמאָנטער דראַמע „דאָס נייע געטאָ". ווען מען האָט געבראַכט יעקב סאַמועלן אַ גוססן אַהיים, האָט וואַסערשטיין, איינער פון זיינע אָפּטע באַזוכער, אויסגעשריגן: „פאַר וואָס ער, פאַר וואָס ניט מיר!" פון אונדזערע הערצער רייסט זיך אַ ביסל אַ געענדערטער אויסגעשריי: „פאַר וואָס איז ער אַזוי פרי אַוועק־געריסן געוואָרן פון אונדז!" קיין ענטפער אויף אָט דעם געשריי וועלן מיר קיין מאָל ניט באַקומען. אונדזער טרייסט איז אָבער, אַז דער מעטעאָר, וואָס איז אַזוי שנעל דורכגעלאָפן דורך אונדזער וועלט, האָט איבערגעלאָזן גרויסע פאַסן ליכט, וועלכע באַלייכטן די גאַנצע מענטשהייט און וועלן אייביק זיין אַן עמוד האש פונעם יידישן פאָלק.

אינהאַלט

עסייען

אַריינפיר צו דער אָפּטיילונג „עסייען" 7
נאָך דער עטאַבלירונג פון דער מדינה 10
זוכנדיק אַ פּאַסיקן יידישן וועלט־שותף צו מדינת־ישראל 24
ציוניזם און בונדיזם אין דער נייער תקופה . . . 61
דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל קומט קיין חיפה . 120
וועגן פּערזענלעכער עליה 131
פונעם געדאַנקען־אוצר פון יצחק לייבוש פרץ . . . 157

פּראָפילן

אַריינפיר צו דער אָפּטיילונג „פּראָפילן" 171
חיים גרינבערג 175
נחום גאָלדמאַן 183
פנחס רוטענבערג 190
חיים זשיטלאָווסקי 205
יעקב לעשצינסקי אַ בן־שמונים 224
פיר ראשונים 230
בערל לאָקער 249
ד"ר יהודה אבן־שמואל (קויפמאַן) 255
בער באָראָכאָוו 261
נחום צמח 269
יואל ענטין 273
שלום־עליכם 279
חיים פיינמאַן 285
וועגן צוויי וותיקים 291
דוד פינסקי 296
זלמן שזר 302
י. י. שוואַרץ 310
שמואל באָנטשעק 318
חבר פנחס קרוזאָ 321

מאַניע שוחט 326
חבר משה שייוער 342
שמעון ראַווידאָוויטש 349
לואי ליפּסקי 355
א. ליטווין 362
4 ווייצמאַן־עפּיזאָדן 367
יעקב גלאַטשטיין 375
ישראל אַפּעלבוים 379
יצחק בן־צבי 385
לייב שפּיזמאַן . . . . 390.
הערבערט לעהמאַן 396
לעאָ מאָצקין 401
לואי סיגאַל 405
משה שרת 414
מאיר בראַון 418
גאָלדע מאיר 422
אריה לעאָן קובובי 427
משה פּרייליכאָוו 432
משה העס 437
דער הערצל־יאָרהונדערט 443

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן געוואָרן מיט דער הילף פונעם
טייל פון מחברס משפחה, וואָס געפינט זיך אין אַמעריקע.

Mr. & Mrs. Herbert Borger & Family
Mrs. Samuel Finkelstein
Mr. & Mrs. Herbert Girard & Family
Mr. David Karin & Family
Mr. Isidore Karin & Family
Mr. Norman Karin & Family
Mr. & Mrs. Aaron Lazaroff & Family
Mr. & Mrs. Allan Lazaroff & Family
Mr. & Mrs. Isadore Lazaroff & Family
Mr. & Mrs. Morris Lazaroff & Family
Mrs. Mary Melman & Family
Mr. & Mrs. Morris Peck & Family
Mrs. Emma Schaver & Family
Mr. & Mrs. Nat Shever & Family
Dr. & Mrs. Robert Tannenbaum & Family
Mr. & Mrs. Norman Zabludoff & Family
Mr. & Mrs. Bernard Zuckerman & Family
Mr. & Mrs. Milton Zuckerman & Family